הערבערט וועלס

# וועלט-געשיכטע

פון דער פינפטער ענגלישער אויסגאַבע מיט
הערות און דערקלערונגען ז. קלמנאָוויטש

מיט פיל אילוסטראַציעס

ווילנע — 1930
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

Juudi usu koguduse Walitsus
הנהגת
עדת ישראל
* Tartu *

הערבערט וועלס

# וועלט=געשיכטע

באַנד V

ווילנע — 1930
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

ווילנער פארלאג.
ב.קלעצקין.

PRINTED IN POLAND

TARTU ÜLIKOOLI
RAAMATUKOGU

H. WELLS — „WELT - GESZICHTE“

Drukarnia „Wydawnictwo Wilenskie“ B. Kleckina, Wilno

## בּוך VIII

# די תקופה פון די גרויסע מלוכות

קאַפּיטל 34

# פירשטן, פּאַרלאַמענטן און גרויס־מלוכות

1. פירשטן און אויסוויינקסטע פּאָליטיק. 2. די האָלענדישע רעפּובליק. 3. די ענגלישע רעפּובליק. 4. אויפרייס און מהומות אין דייטשלאַנד. 5. דער גלאַנץ פון דער גרויסער מאָנאַרכיע אין אייראָפּע. 6. מוזיק אין זיבעצנטן און אַכצנטן יאָרהונדערט. 7. מאָלעריי פון זיבעצנטן און אַכצנטן יאָרהונדערט. 8. דער וואוקס פון דער אידעע פון גרויס־מלוכות. 9. די גע־קרוינטע רעפּובליק פון פּוילן און איר גורל. 10. דער ערשטער געשלעג פאַר אַן אימפּעריע איבער ימים. 11. בריטאַניע באַהערשט אינדיע. 12. דער מאַרש פון רוסלאַנד צום שטילן אָקעאַן. 13. וואָס האָט געבאַן געקלערט וועגן דער וועלט אין יאָר 1780. 14. דער סאָציאַלער וואַפנשטילשטאַנד האַלט ביים סוף.

אין דעם פריערדיקן קאַפּיטל האָבן מיר געצייכנט דעם אָנהייב פון אַ נייער ציוויליזאַציע, די ציוויליזאַציע פון אַ נייעם טיפּ, וואָס פאַרשפּרייט זיך איבער גאָר דער וועלט. זי איז נאָך ביי היינטיקן טאָג עפּעס אַזוינס וואָס האָט נאָך ניט קיין באַשטימטע פאָרם, וואָס געפינט זיך נאָך אין די ערשטע סטאַדיעס פון וואוקס און אַנטוויקלונג. מיר האָבן געזען, ווי די מיטלעלטערלעכע אידעעס פון דער הייליקער רוימישער אימפּעריע און פון דער רוימישער קירך ווי פאָרמען פון אוניווערסאַלן געזעץ און אָרדענונג זיינען אויסגעוועבט געוואָרן ביי איר באַגינען. זיי זיינען אויסגעוועבט געוואָרן, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען נייטיק, בכדי די דאָזיקע אידעעס פון איין געזעץ און איין אָרדענונג

פאר אלע מענטשן זאלן ווידער ווערן אנגעצייכנט אין וועלט-בריטע ליניעס. און בעת כמעט אויף אלע אנדערע געביטן פון מענטשלעכן אינטערעס איז געווען א פראגרעס, האט דער אונטערגאנג פון די דאזיקע אלגעמיינע אידעעס פון דער קירך און פון דער אימפעריע אויף א שטיק צייט אין פאליטישע ענינים א שטופ געטאן די מענטשהייט אויף צוריק צו א פערזענלעכער מאנארכיע און צו א מאנארכיסטישן נאציאנאליזם פון מאקעדאנישן טיפ.

אין דער איינפעסטיקונג פון דער מענטשלעכער קולטור איז אנגעשטאנען ווי א מין אנארכיע, א פאוס פון דעם טיפ, וואס די בינעזישע כראניסטן וואלטן אים אנגערופן „תקופה פון מהומות". אט דער צושטאנד האט געדויערט אזוי לאנג, ווי צווישן דעם אונ-טערגאנג פון דער מערבדיקער אימפעריע און דער קרוינונג פון קארל דעם גרויסן אין רוים. מיר לעבן אין אים ביי היינטיקן טאג. אפשר גייט ער שוין צו ענד, נאר מיר קאנען דאס נאך ניט זאגן. די אלטע פירנדיקע אידעעס זיינען געווען צעבראכן, א געמיש פון נייע און ניט-אויסגעפרווטע פראיעקטן און השערות האבן צעטומלט דעם גייסט און די טועכץ פון די מענטשן, און דערווייל האט די וועלט זיך געמוזט ווענדן נאך פירערשאפט אין גרויסן און גאנצן צו דער אלטער טראדיציע פון אן אינדיווידועלן מושל. נאך האט די מענטשהייט ניט געהאט פאר זיך קיין קלארן און אפענעם וועג צו גיין, און דער פירשט איז שוין געווען אויפן ארט.

איבער גאר דער וועלט האט צום סוף פון 16טן יארהונדערט דער מאנארכיזם געהערשט און געשטרעבט צו אבסאלוטיזם. דייטש-לאנד און איטאליע זיינען געווען א פליקווערק פון אוטאקראטישע פירשטנטימער, שפאניע איז פאקטיש געווען אוטאקראטיש, און ענג-לאנד איז די קרוין קיין מאל ניט געווען אזוי מעכטיק, און אז עס האט זיך אנגעהויבן דער 17טער יארהונדערט, איז די פראנצויזישע מאנארכיע געווארן בהדרגה די גרעסטע און צום מיינסט איינגעפעסטיקטע מאכט אין אייראפע. די פאזיסן און דעם ארויף-און-אראפ פון איר איפשטייג קאנען מיר דא ניט פארצייכענען.

ביי אלע הויפן זיינען געווען מיניסטארן און סעקרעטארן, וואס האבן געשפילט א מאקיאוועלישע שפיל קעגן זייערע איפלענדישע

קאָנקורענטן. אויסלענדישע פּאָליטיק איז די נאַטירליכע באַשעפטיקונג פאַר הויפן און מאָנאַרכיעס. די אויסלאַנדס=מיניסטעריומס שפּילן די פירנדיקע ראָלע אין אַלע היסטאָריעס פון 17טן און 18טן יאָרהונדערט. זיי האָבן געהאַלטן אייראָפּע אין אַ קדחת פון מלחמות. און מלחמות האָבן פאַרלאַנגט גרויסע הוצאות. אַרמייען זיינען שוין ניט געווען קיין איינזאַמלונג פון ניט=מושטירטע פויערים, און ניט קיין מחנה פעאָדאַלע ריטערס, וואָס פלעגן ברענגען מיט זיך זייערע אייגענע פערד און זייערע אייגענע געווער און זייערע אייגענע אָנהענגער. זיי האָבן געמוזט האָבן אַלץ מער און מער אַרטילעריע. זיי זיינען באַשטאַנען פון באַצאָלטע זעלנער, וואָס האָבן שטרענג געמאָנט זייער געצאָלט. זיי זיינען געווען אַרמייען פון פּראָפעסיאָנעלע זעלנער, מלחמה פירן איז געוואָרן אַ גאַנצע מלאכה, מען האָט באַדאַרפט מאַכן קונציקע באַפעסטיקונגען, באַלעגערן פעסטונגען חדשים לאַנג. אומעטום זיינען געוואַקסן די הוצאות אויף מלחמה, און דאָס האָט גורם געווען צו פאַרגרעסערן די שטייערן.

אין אָט דערין זיינען די מאָנאַרכיעס פון 16טן און 17טן יאָרהונדערט געקומען אין קאָנפליקט מיט די נייע כוחות, וואָס האָבן געשטרעבט צו פרייהייט אין דער געזעלשאַפט. פּאַקטיש האָבן די פירשטן געמוזט איינגעפינען, אַז זיי זיינען ניט די האַרן איבערן לעבן און אייגנס פון זייערע אונטערטאַנען. זיי האָבן שטענדיק געפונען אַ ווידערשטאַנד, וואָס האָט זיי גאַרנישט געפאַסט, קעגן דער באַשטייערונג, וואָס איז נייטיק געווען צוליב זייער דיפּלאָמאַטישער אַגרעסיווקייט און צוליב זייערע פאַרבינדונגען. די פינאַנסן זיינען שטענדיק געשטאַנען ווי אַ בייזער שאָטן איבער איטלעכן מיניסטאָרן=ראַט. אין דער טעאָריע איז דער מאָנאַרך געווען דער אייגנטימער פון זיין לאַנד; דזשיימס I פון ענגלאַנד (1603) האָט דערקלערט, אַז „פּונקט ווי עס איז אַטעיזם און חילול השם צו דיסקוטירן וועגן דעם וואָס גאָט מעג טאָן, אַזוי איז דאָס פון אַן אונטערטאַן אַ חוצפה און אַ סימן פון אומכבוד, אויב ער דיסקוטירט מכוח דעם, וואָס אַ קיניג מעג טאָן, אָדער ער זאָגט, אַז דער קיניג טאָר דאָס אָדער יענס ניט טאָן“.

פּאַקטיש אָבער האָט ער איינגעזען, און זיין זון קאַרל I (1625) האָט דאָס געמוזט איינזען נאָך מיט מער דייטלעכקייט, אַז אין

זיין מלוכה געפינען זיך א גרויסע צאל באלעבאטים און סוחרים, מעטשן מיט אינטעליגענץ און ווערדע, וואס האבן אוועקגעשטעלט א זייער באשטימטן גרענעץ פאר די פאדערונגען פון דעם מאנארך און זיינע



פראנץ I, קיניג פון פראנקרייך, לויט א פארטרעט פון טיציאן, וואס געפינט זיך אין לוווער, פאריז.

מיניסטארן. זיי זיינען געווען גרייט צו טראגן זיין ממשלה מיט דעם תנאי, אז זיי גופא זאלן אויך זיין מאנארכן פון זייערע פעלדער, פון זייערע געשעפטן, פון זייער האנדל און בכלל פון זייער האבּ-און גוטס, אבער ניט אנדערש.

אומעטום אין אייראפע איז געגאנגען א פאראלעלע אנטוויקלונג. אונטער די מלכים און פירשטן זיינען געווען די קלענערע מאנארכן, די פריוואטע אייגנטימער, אדללייט, רייכע שטאטלייט און כדומה אזעלכע, וואס האבן איצט ארויסגעוויזן קעגן דעם סוּווערעניעם פירשט דעם זעלביקן ווידערשטאנד, וואס די מלכים און פירשטן פון דייטשלאנד האבן ארויסגעוויזן קעגן קיסר. זיי האבן געוואלט באגרענעצן די באשטייערונג, ווי ווייט זי האט געדריקט אויף זיי גופא, און זיין פריי אין זייערע אייגענע הייזער און נחלאות. און דער פארשפרייט פון ביכער און פון לייענען, דער אויסברייט פון דעם פארקער האט געמאכט מעגלעך פאר די דאזיקע קלענערע מאנארכן, די מאנארכן פון אייגנטום, צו אנטוויקלען אזא אלגעמיינהייט פון אידעען און אזא סאלידארישקייט פון ווידערשטאנד, ווי עס איז ניט געווען מעגלעך אין קיין איין פריערדיקער סטאדיע פון דער וועלט-געשיכטע. אומעטום זיינען זיי געווען גרייט זיך אנטקעגנצושטעלן קעגן דעם פירשט, נאר ניט אומעטום האבן זיי געפונען די גלייכע מעגלעכקייט פאר אן ארגאניזירטן ווידערשטאנד. די עקאנאמישע תנאים און די פאליטישע טראדיציעס פון נידערלאנד און ענגלאנד האבן גורם געווען דערצו, אז אין די דאזיקע לענדער איז דער אנטאגאניזם צווישן דער מאנארכיע און פריוואטן אייגנטום דערגאנגען צו אן אפענעם קאמף.

צוערשט האט דאס דאזיקע „פובליקום" פון 17טן יארהונדערט, דאס פובליקום פון אייגנטימער, גאר ווינציק געדאכט וועגן אויסווייניקסטער פאליטיק. זיי האבן צוערשט ניט תופס געווען, ווי ווייט דאס רירט זיי אן. זיי האבן ניט געוואלט, מען זאל זיי דרייען דערמיט דעם קאפ. זיי האבן מודה געווען, אז דאס איז אן עסק פאר מלכים און פירשטן. זיי האבן דעריבער ניט געמאכט קיין פרווו צו קאנטראלירן די אויסלענדישע פלאנטערנישן. נאר גראד קעגן די דירעקטע פועל-יוצאס פון די דאזיקע פלאנטערנישן האבן זיי געהאט צו קעמפן: זיי זיינען געווען קעגן צו שווערע שטייערן, קעגן אריינמישונג אין האנדל, קעגן איינגוויליקע ארעסטירונגען און קעגן דער איבערהערשאפט פון דעם מאנארך איבערן געוויסן. איבער אט די דאזיקע פראגעס איז ביי זיי ארויסגעקומען א קאמף מיט דער קרוין.

## 2. די האָלענדישע רעפּובליק.

דער אָפּרייס פון נידערלאַנד פון דער אַבסאָלוטיסטישער מאָנאַרכיע איז געווען דער אָנהייב פון אַ ריי אַזעלכע קאָנפליקטן אין משך פון 16טן און 17טן יאָרהונדערט. זיי זיינען געווען שטאַרק פאַרשיידן אין די פּרטים ווערליך די אָרטיקע און פּאָלקישע אייגנטימלעכקייטן, נאָר אין עצם מהות זיינען זיי אַלע געווען אויפשטאַנדן קעגן דער אידעע פון אַ הערשנדיקן פּערזענלעכן „פירשט“ און זיין רעליגיעזער און פּאָליטישער פירערשאַפט.

אין צוועלפטן יאָרהונדערט איז די געגנט פון אונטערשטן ריין געווען צעטיילט צווישן אַ צאָל קליינע רעגירערס, און די באַפעלקערונג איז געווען אַ נידערדייטשע אויף אַ קעלטישן באַזיס מיט אַ שפּעטערדיקן צומיש פון דענישע באַשטאַנד=טיילן, וואָס איז שטאַרק ענלעך צו דעם צומיש אין ענגלאַנד. דער דרומית=מערבית=פּאַס פון איר האָט גערעדט פראַנצויזישע דיאַלעקטן; די הויפּט=מאַסע — פריזיש, האָלענדיש און אַנדערע נידער=דייטשע שפּראַכן. די נידערלענדער האָבן שטאַרק פיגורירט אין די קרייץ=צוגן. גאָטפריד פון בוליאָן, וואָס האָט איינגענומען ירושלים (אין ערשטן קרייץ=צוג), איז געווען אַ בעלגיער. און דער גרינדער פון דער אַזוי גערופענער לאַטיינישער קיסרים=דינאַסטיע אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל (פערטער קרייץ=צוג) איז געווען באַלדווין פון פלאַנדערן (זיי זיינען געוואָרן אָנגערופן לאַטיינישע קיסרים, וואָרעם זיי זיינען געווען אויפן צד פון דער לאַטיינישער קירך).

אין 13טן און 14טן יאָרהונדערט זיינען אין נידערלאַנד אויסגעוואַקסן היפּשע שטעט: גענט, בריגע, איפּר, אוטרעכט, לידען, האָאַרלעם און אַזוי ווייטער. מיר ווילן דאָ ניט פאַרהויען זיך לעזער דעם קאָפּ מיט די דינאַסטישע צופאַלן, וואָס האָבן געהאַט פאַרבינדן די ענינים פון נידערלאַנד מיט בורגונד (מזרח=פראַנקרייך) און וואָס האָבן סוף=כל=סוף געבראַכט דערצו, אַז די הערשאַפט איבער דעם לאַנד איז אַריבער בירושה צום קיסר קאַרל V.

אונטער קאַרל V האָבן די פּראָטעסטאַנטישע דאָקטרינעס, וואָס האָבן געהערשט אין דייטשלאַנד, זיך פאַרשפּרייט איבער נידערלאַנד. קאַרל האָט גערודפט די פּראָטעסטאַנטן מיט אַ געוויסער שטאַרקייט,

נאָר אין יאָר 1556 האָט ער, ווי מיר האָבן שוין דערציילט, איבערגעענטפערט די דאָזיקע אויפגאַבע זיין זון פיליפּ (פיליפּ II). פיליפּס ענערגישע אויסלענדישע פּאָליטיק — ער האָט געפירט מלחמה מיט פראַנקרייך — האָט באַלד געבראַכט צו אַ קאָנפליקט צווישן אים און צווישן די אַדללייט און שטאָטלייט פון נידערלאַנד, מחמת ער האָט געמוזט אָנקומען צו זיי נאָך הילף. די גרויסע אַדללייט, אונטערן אָנפיר פון ווילהעלם דעם שווייגער, פירשט פון אָראַניע, און די גראַפן עגמאָנט און האָרן, האָבן זיך געשטעלט בראָש פון אַ פאָלקס-ווידערשטאַנד, וואָס אין אים איז איצט שווער פונאַנדערצופלאָנטערן צווישן דער קעגנערשאַפט קעגן באַשטייערונג און צווישן טענות קעגן רעליגיעזע רדיפות. די גרויסע אַדללייט זיינען צוערשט ניט געווען קיין פּראָטעסטאַנטן — זיי זיינען געוואָרן פּראָטעסטאַנטן, נאָכדעם ווי דער קאַמף האָט זיך פאַרשאַרפט. דאָס פאָלק איז שוין געווען פאַרביסן פּראָטעסטאַנטיש.

פיליפּ איז געווען פעסט ביי דער דעה צו באַהערשן סיי דאָס אייגנס פון זיינע נידערלענדער און סיי זייער געוויסן. ער האָט געשיקט שפּאַנישע חיילות אין לאַנד אַריין און האָט געמאַכט פאַר אַ גענעראַל-גובערנאַטאָר אַן אַדלמאַן מיטן נאָמען אַלבאַ, איינעם פון יענע אַנרחמנותדיקע „שטאַרקע" מענטשן, וואָס מאַכן חרוב רעגירונגען און מאָנאַרכיעס. אַ געוויסע צייט האָט ער רעגירט איבערן לאַנד מיט אַן אייזערנער האַנט, נאָר די אייזערנע האַנט האָט אויסגעמייסטערט אַן אייזערנע נשמה אין דעם קערפּער, וואָס זי האָט געשטיקט, און אין יאָר 1567 זיינען די נידערלענדער געווען אין אַן אָפענער מרידה. אַלבאַ האָט געשלאָגן, גערויבט, געשאָכטן, אָבער אַלץ אומזיסט. די גראַפן עגמאָנט און האָרן זיינען געוואָרן פאַרמשפּט צום טויט. ווילהעלם דער שווייגער איז געוואָרן דער גרויסער פירער פון די האָלענדער, דער פּאַקטישער קיניג.

דער קאַמף פאַר פרייהייט האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט, מיט אַ סך פאַרוויקלונגען, און עס איז כדאי צו פאַרצייכענען, אַז די גאַנצע צייט האָבן די מורדים זיך נאָך אַלץ געהאַלטן פאַר דער טענה, אַז פיליפּ דער צווייטער איז זייער קיניג — אויב ער וועט נאָר זיין אַ קיניג וואָס לאָזט מיט זיך ריידן און זיך באַגרענעצן. אָבער דער געדאַנק

פֿון אַ באַגרענעצטער מאָנאַרכיע האָט אין יענער צייט ניט געשמעקט די געקרוינטע קעפּ פֿון אייראָפּע, און סוף־כּל־סוף האָט פּיליפּ צוגעטריבן די פֿאַראייניקטע פּראָווינצן, וואָס מיר רופֿן איצט האָלאַנד, צו דער רעפּובּליקאַנישער רעגירונגס־פֿאָרם. האָלאַנד — דאָס דאַרף דאָ ווערן באַמערקט — איז ניט גאַנץ נידערלאַנד; דאָס דרומדיקע נידערלאַנד, אָדער בעלגיע, ווי מיר רופֿן איצט דאָס לאַנד, איז געבליבן ביזן סוף פֿון קאַמף אונטער דער שפּאַנישער ממשלה און קאַטויליש.

די באַלעגערונג פֿון אַלקמאַאַר, ווי מאָטלי באַשרייבט זי אין זיין ווערק „דער אויפֿקום פֿון דער האָלענדישער רעפּובּליק“, קאָן ווערן גענומען ווי אַ ביישפּיל פֿון דעם לאַנגן און ביטערן קאַמף צווישן דעם קליינעם האָלענדישן פֿאָלק און צווישן דעם קאַטוילישן אימפּעריאַליזם, וואָס האָט נאָך דעמאָלט געהאַט גרייסע כּוחות.

„אַז איך וועל איינגעמען אַלקמאַאַר, האָט אַלבאַ געשריבן צו פּיליפּן, בין איך אַנטשלאָסן ניט צו לאָזן לעבן קיין איין באַשעפֿעניש, דאָס מעסער מוז ווערן צוגעשטעלט צו איטלעכן האַלד“...

„מיטן בילד פֿון דער אויסגערויבטער און חרובֿער האַרלעם פֿאַר זייערע אויגן, אַ בילד וואָס האָט פֿאַרגעשטעלט אפֿשר זייער אייגענעם סוף, האָט דאָס הייפֿל פֿאָלק וואָס איז געווען איינגעשלאָסן אין אַלקמאַאַר, זיך געגרייט צום ערגסטן. זייער גרעסטע האָפֿענונג איז געלעגן אין דעם פֿריינדלעכן ים. עטלעכע מיילן פֿון זיי זיינען געווען די גרייסע שליוזן מיטן נאָמען זיפּ, וואָס אויב מען וואָלט זיי געעפֿנט, וואָלט די גאַנצע צפֿונדיקע פּראָווינץ געקאָנט ווערן באַפֿלייצט אין אַ קורצער ווײַלע. ווען מען עפֿנט די דאָזיקע טויערן און מען לעכערט דורך עטלעכע דאַמבעס, וואָלט שוין דער אָקעאַן געקעמפֿט פֿאַר זיי. נאָר כּדי דאָס צו דערלאַנגען, האָבן זיי באַדאַרפֿט האָבן דעם הסכּם פֿון די איינוואוינער, מחמת די פֿאַרפֿלייצונג האָט דאָך געמוזט צענישטערן זייער גאַנצע גערעטעניש. די שטאָט איז געווען אַזוי אַרומגערינגלט פֿעסט פֿון אַלע זייטן, אַז עס איז געווען אַן איינשטעלעניש אויף לעבן און טויט אַרויסצוקומען פֿון איר, און עס איז דעריבער געווען שווער צו געפֿינען אַ מענטשן, וואָס זאָל אויספֿירן די דאָזיקע געפֿערלעכע שליחות. צולעצט האָט זיך געפֿונען אין שטאָט אַ טישלער מיטן

גאַמען פעטער וואַן דער מאַי, וואָס האָט אויף זיך גענומען צונויפצורײדן זיך מיט דער דאָרפישער באַפעלקערונג...

„באַלד איז געקומען צו אַ קריזיס אין דער באַלעגערטער שטאָט. אַלע טאָג זיינען צוגעגאַנגען געשלעגן אויסערהאַלב פון די מויערן אָן אַ באַשטימענדיקן רעזולטאַט. צולעצט, דעם 18טן סעפּטעמבער, נאָך אַ קאַנאָנאַדע פון כמעט צוועלף שעה נאָכאַנאַנד, האָט דאַן פרעדעריק, דריי אַ זייגער נאָכמיטאָג, געגעבן דעם באַפעל צו שטורעמען די שטאָט. ניט געקוקט אויף זיין זיבן=חדשימדיקער דערפאַרונג ביי האַרלעם, האָט ער נאָך אַלץ געהאַלטן פאַר זיכער, אַז ער וועט איינגעמען אַלקמאַאַר אין שטורעם. די אַטאַקע איז פאָרגעקומען צוגלייך אויפן פריזישן טויער און אויפן רויטן טויער פון דער קעגנאיבערדיקער זייט. צוויי אויסגעקליבענע פּאָלקן, זאָקאָרשט אָנגעקומען פון לאָמבאַרדיע, זיינען געגאַנגען די ערשטע אין שטורעם, געמאַכט ציטערן די לופט מיט זייערע געשרייען און זיכער אין אַ גרינגן ניצחון. זיי זיינען געוואָרן אונטערגעהאַלטן דורכן איבעריקן דיסציפּלינירטן חיל—אַ כוח וואָס האָט אין פלוג געמוזט אַלץ באַצווינגען. נאָר קיין מאָל, אַפילו אין דער לעצטער געשיכטע פון האַרלעם, איז אַן אָנפאַל ניט באַגעגנט געוואָרן מיט מער אומדערשראָקענע העלצער. אַלע איינוואוינער זיינען געווען אויף די מויערן. מען האָט די שטורמענדיקע טיילן באַשאָסן פון האַרמאַטן, מושקעטן, פּיסטוילן. זידיק וואַסער, פעך און אייל, געשמאָלצן בליי און אומגעלאָשענע קאַלך האָט מען אויף זיי געגאָסן איטלעכן מאָמענט. הונדערטער רייפן איינגעטונקט אין סמאָלע און אָנגעצונדן זיינען קונציק אַרויפגעוואָרפן געוואָרן אויף די העלזער פון די זעלנער, וואָס האָבן אומזיסט זיך געמאַטערט אַרויסצופּלאָנטערן זיך פון די דאָזיקע פייערדיקע האַלזבענדער. ווי נאָר עמעצער פון די אָנפאַלער האָט באַוויזן אַוועקצושטעלן אַ פוס אויפן מויער, האָט ער געפונען אָנגעשטעלט קעגן זיך די שווערדן און קינזשאַלן פון די בירגער, וואָס פלעגן אים אַראָפּשליידערן אין גראָבן אַראָפּ.

„דריי מאָל איז די אַטאַקע באַנייט געוואָרן מיט כסדר וואַקסנדיקער ווילדקייט — דריי מאָל איז זי אָפּגעשטופּט געוואָרן מיט ניט געבויגענעם מוט. דער שטורעם האָט געדויערט פיר שעה. אין משך פון

דער צייט האָט קיין איין פּאַרטייִדיקער ניט פֿאַרלאָזן זיין פּאָסטן, סיידן ער איז געפֿאַלן טויט אָדער פֿאַרוואונדעט... עס האָט געקלונגען דער טרומייט צום צוריקצי, און די שפּאַניער, צעקלאַפּט ביז לעצט, האָבן זיך צוריקגעצויגן פֿון די מויערן, איבערגעלאָזט לכל־הפּחות טויזנט טויטע אין די גראָבנס, בעת פֿון די בירגער זיינען געפֿאַלן סך־הכּל דרייצן און פֿון דעם גאַרניזאָן פֿיר־און־צוואַנציק... ענסין סאַליס, וואָס איז אַרויף אויפֿן מויער אויף אַ רגע און איז בדרך נס געראַטעוועט געוואָרן פֿון טויט, נאָכדעם ווי מען האָט אים אַראָפּגעשליידערט פֿון די באַפֿעסטיקונגען, האָט דערציילט, אַז ער האָט ניט געזען „ניט קיין קוואַר ניט קיין פּאַנצער", בעת ער האָט אַראָפּגעקוקט אין שטאָט אַראָפּ: נאָר עטלעכע פּשוטע מענטשן, אָנגעטאָן בדרך כּלל ווי פֿישערס. נאָר אַט די פּשוטע פֿישערס האָבן צעקלאַפּט אַלבאַס וועטעראַנען...

„דערווייל האָט דער גובערנאַטאָר סאַנאָי איפגעעפנט עטלעכע דאַמבעס, און דאָס לאַנד אַרום דעם לאַגער האָט גענומען ווערן זומפּיק, הגם עס איז נאָך ניט געווען קיין פֿאַרפֿלייצונג. די זעלנער האָבן שוין גענומען זיך שפּירן אומבאַקוועם און האָבן אָנגעהויבן בונטעווען זיך. דער שליח דער מטשעסלער איז ניט געשלאָפֿן"...

ער איז געקומען צוריק מיט דעפּעשעס פֿאַר דער שטאָט. דורך אַ צוטראַף אָדער מיט אַ כּיוון האָט ער די דאָזיקע דעפּעשעס אָנגעוואָרן, בעת ער האָט זיך געגנבֿעט אין שטאָט אַריין, און זיי זיינען אַריינגעפֿאַלן צו אַלבאַן אין די הענט. אין די דעפּעשעס זיינען געשטאַנען אַ באַשטימטער צוזאָג פֿון הערצאָג פֿון אַראַגאָנע צו לאָזן פֿאַרפֿלייצן דאָס לאַנד, אַזוי אַז די גאַנצע שפּאַנישע אַרמיי זאָל דערטרונקען ווערן. דערביי וואָלט אויך דערטרונקען געוואָרן דער גרעסטער טייל פֿון דער האָלענדישער גערעטעניש און זייערע בהמות. נאָר אַז אַלבאַ האָט איבערגעלייענט די דאָזיקע דאָקומענטן, האָט ער שוין מער ניט געוואָלט וואַרטן עס זאָלן געעפֿנט ווערן נאָך שליוזן. באַלד האָבן די מוטיקע איינוואוינער פֿון אַלקמאַאַר געזען מיט שׂמחה, ווי אַזוי די שפּאַניער נעמען אַראָפּ זייער לאַגער...

די פֿאָרם, וואָס עס האָט אָנגענומען די רעגירונג פֿון דער באַפֿרייטער האָלאַנד, איז געווען אַ פּאַטריציִשע רעפּובליק אונטער דער

פירונג פון הויז אראניע. די גענעראל-שטאטן זיינען געוועזן א סך וויכטיקער א פארשטייערשאפט פון דער גאנצער מאסע בירגער, ווי דער ענגלישער פארלאמענט אין יענער צייט, וואס וועגן זיין קאמף מיט דער קרוין וועלן מיר איצט דערציילן.

הגם דער גרעסטער טייל פון קאמף איז נאך אלקמאאר געווען פארביי, נאר האלאנד איז פאקטיש געווען זעלבשטענדיק ניט פריער פאר 1609, און איר אומאפהענגיקייט איז געווארן פול אנערקענט ערשט דורך דעם שלום-אפמאך פון וועסטפאלן אין יאר 1648.

---

## 3. די ענגלישע רעפובליק.

דער אפענער קאמף פון פריוואטן אייגנטימער קעגן די תביעות פון „פירשט“ הייבט זיך אן אין ענגלאנד מיט א צייט צוריק, נאך אין 12טן יארהונדערט. דער פאזיס אין דעם קאמף, וואס מיר האבן איצט צו שטודירן, אין דער פאזיס, וואס האט זיך אנגעהויבן מיט די פרווון פון הענריך VII און הענריך VIII און זייערע יורשים, עדווארד VI, מאריע און עליזאבעט, צו מאכן די רעגירונג פון ענגלאנד פאר א „פערזענלעכער מאנארכיע“ פון קאנטינענטאלן טיפ. דער קאמף איז געווארן נאך שארפער, ווען דורך דינאסטישע קאנוויפטרעפענישן איז דזשיימס, דער קיניג פון שאטלאנד, געווארן דזשיימס I, קיניג פון שאטלאנד און ענגלאנד (1603) און האט גענומען ריידן אויף א שטייגער, וואס מיר האבן שוין ציטירט, וועגן זיין „געטלעכן רעכט“ צו טאן ווי אים איז וואוילגעפעלן.

נאר דער וועג פון דער ענגלישער מאנארכיע איז קיין מאל ניט געווען קיין גלאטער. אין אלע מאנארכיעס פון די נארדישע און גערמאנישע אריינדרינגערס אין דער אימפעריע איז שטענדיק געווען א טראדיציע וועגן א פאלקס-פארזאמלונג פון השפעהדיקע און רע-פרעזענטאטיווע מענטשן, וואס זאל אפהיטן זייערע אלגעמיינע פריי-הייטן, און אין ערגעץ איז די דאזיקע טראדיציע ניט געווען אזוי לע-

בעדיק ווי אין ענגלאַנד. פראַנקרייך האָט געהאַט די טראַדיציע פון
דער פאַרזאַמלונג פון די דריי שטאַנדן, שפּאַניע אירע קאָרטעסן,



מאָליער (1622 – 1673).

נאָר די ענגלישע פאַרזאַמלונג איז געווען אייגנטימלעך אין צוויי
פּרטים: וואָס זי האָט געהאַט אַ דאָקומענטאַרישע דעקלאַראַציע פון

געוויסע עלעמענטארע און אלגעמיינע רעכט, און וואס זי האט געהאט אין זיך אויסגעקליבענע „ריטערס פון די גראפשאפטן“ און אויך אויסגעקליבעננע בירגער פון די שטעט. די פראנצויזישע און שפאנישע פארזאמלונגען האבן געהאט אויסגעקליבענע פון שטעט, אבער ניט פון דעם לאנדישן אדל.

אט די צוויי שטריכן האבן געגעבן דעם ענגלישן פארלאמענט א באזונדער שטארקייט אין זיין קאמף קעגן דער קרוין. דער דאקומענט, וואס מיר ריידן וועגן אים, איז די „מאגנא כארטא“, די גרויסע כארטע, א דעקלאראציע וואס איז ארויסגעריסן געווארן איבער געוואלד ביים קיניג יאהאן (1199 — 1216), דער ברודער און יורש פון ריטשארד לייבן-הארץ (1189 — 1199), נאך אן אויפשטאנד פון די באראנען אין יאר 1215. זי האט אין זיך כולל געווען א צאל גרונט-רעכט, וואס האבן געמאכט ענגלאנד פאר א רעכטלעכער מלוכה. זי האט באשטימט, אז דער קיניג האט קיין רעכט ניט אריינצומישן זיך אין דעם פערזענלעכן אייגנטום און פרייהייט פון איטלעכן בירגער, אלץ איינס פון וואסער שטאנד, סיידן מיטן הסכם פון בירגער זיינס-גלייכן.

דער אנטייל פון אויסגעקליבענע פארשטייער פון די גראפשאפטן אין דעם ענגלישן פארלאמענט — די צווייטע אייגנטימלעכקייט פון דעם בריטישן צושטאנד — האט זיך גענומען פון א זייער פשוטער און אין פלוג אומשולדיקער התחלה. ווי עס ווייזט אויס, פלעגט מען פארבעטן צו דעם קיניגלעכן ראט ריטערס פון די גראפשאפטן, בכדי זיי זאלן ארויסזאגן זייער מיינונג, וויפיל שטייערן קאן מען ארויפלייגן אויף זייערע קרייזן. שוין 1254 פלעגט איטלעכע גראפשאפט שיקן צו צוויי ריטערס, אויסגעקליבן דורך די קלענערע אדללייט, פרייע פויערים און דארף-עלטסטע. דאס האט איינגעגעבן דעם געדאנק סימאן דע מאנפאר, וואס האט זיך געבונטעוועט קעגן הענריך III, יאהאנס יורש, צו פארבעטן צום ראט צוויי ריטערס פון איטלעכער גראפשאפט און צוויי שטאטלייט פון איטלעכער שטאט. עדוואַרד I, הענריך IIIנס יורש, האט די דאזיקע פראקטיק ווייטער געפירט, מחמת זי האט אויסגעוויזן צו זיין דער ריכטיקער וועג אויף צו קומען אין פינאנסיעלן באריר מיט די וואקסנדיקע שטעט.

צוערשט האָבן די ריטערס און די שטאָטלייט גאָר קיין חשק ניט געהאַט צו קומען צום פּאַרלאַמענט. נאָר ביסלעכווייז האָבן זיי אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ כּוח זיי קריגן, ווײַבאַלד זיי קאָנען פאַרלאַנגען, מען זאָל פאַרריכטן געוויסע עוולות, אויב זיי גאַראַנטירן די אָפּצאָלונגען פאַר דער קרוין.

גאַנץ פרי, אויב ניט גאָר פון אָנהייב, זיינען אָט די פאָרשטייער פון די אַלגעמיינע אייגנטימער אין שטאָט און דאָרף, די „קאָמאָנס”, די געמיינע, געזעסן און האָבן געפירט זייערע וויכּוחים באַזונדער פון די גרויסע לאָרדן און בּיסקופּן. אַזוי אַרום איז אין ענגלאַנד אויסגעוואַקסן אַ רעפּרעזענטאַטיווע פאַרזאַמלונג, דאָס הויז פון די געמיינע, אָדער אונטערשטע פּאַלאַטע, לעבן דער פאַרזאַמלונג פון די בּיסקופּן און פּאַטריציער, די פּאַלאַטע פון די לאָרדן. צווישן דעם פּערסאָנאַלן באַשטאַנד פון די צוויי פאַרזאַמלונגען, איז קיין טיפער און גרונטיקער אונטערשייד ניט געווען. אַפילו ריטערס פון דער גראַפשאַפט זיינען געווען איינגעפונדעוועטע מענטשן, וואָס האָבן געקאָנט זיין פּונקט אַזוי רייך און השפּעהדיק ווי פּערן און זין און ברידער פון פּערן, אָבער אין גרויסן און גאַנצן זיינען די „קאָמאָנס” געווען אַ מער פּלעבעיִשע פאַרזאַמלונג.

פון אָנהייב אָן האָבן די צוויי פאַרזאַמלונגען, באַזונדערס די אונטערשטע פּאַלאַטע, אַרויסגעוויזן אַ נטיה צוצונעמען פאַר זיך די גאַנצע שטייער-מאַכט אין לאַנד. בהדרגה האָבן זיי אויסגעברייטערט זייער רעכט צו באַקלאָגן זיך אויף עוולות ביז צו אַן אַלגעמיינעם רעכט צו קריטיקירן די ענינים אויף דעם געביט.

מיר וועלן ניט נאָכגיין די אַלע וואַקלונגען פון מאַכט און פּרעסטיזש פון דעם ענגלישן .פּאַרלאַמענט אין דער צייט פון דער דינאַסטיע פון די טיודאָרס (ד״ה הענריך VII און VIII, עדוואַרד VI, מאַריע און עליזאַבעט), נאָר עס איז קלאָר פון דעם וואָס איז געזאָגט, אַז ווען דזשיימס סטיואַרט האָט אַרויסגעשטעלט זיין אָפענע תּביעה אויף אַווטאָקראַטיע, האָבן די ענגלישע סוחרים, פּערן און פּריוואַטע אַדללייט געהאַלטן אין זייער רשות אַן אויסגעפּרוּווטן, בכבודיקן טראַדיציאָנעלן מיטל זיך אַנטקעגנצושטעלן קעגן אים, וואָס קיין אַנדער פאָלק אין אייראָפּע האָט אַזעלכן ניט געהאַט.

א צווייטע אייגנטימלעכקייט פון דעם ענגלישן פאליטישן קאנפליקט איז באשטאנען דערין, וואס ענגלאנד איז לפי־ערך געווען אפגעשיידט פון דעם גרויסן קאמף צווישן די קאטויליקן און פראטעסטאנטן, וואס האט געשטורעמט איבער גאנץ אייראפע. אמת, אויך אין דעם ענגלישן קאמף זיינען געווען אריינגעמישט דייטלעכע רעליגיעזע מאטיוון, אבער אין די הויפט־שטריכן איז דאס געווען א פאליטישער קאמף פון קיניג קעגן דעם פארלאמענט, וואס האט פארקערפערט דעם קלאס בירגער פריוואטע אייגנטימער. ביי די קרוין און ביי דאס פאלק זיינען געווען פארמעל רעפארמירט און פראטעסטאנטיש. עס איז אמת, אז א סך מענטשן פון דעם פאלקס־צד זיינען געווען פראטעסטאנטן אין נאמען פון דער ביבל און קעגן די כהנישע צערעמאניעס, ווי האבן רעפרעזענטירט די רעפארמאציע פון די פעלקערס וועגן, און אז דער קיניג איז געווען דער פארמעלער ראש פון א באזונדער קירך, דער איינגעשטעלטער קירך פון ענגלאנד, וואס רעפרעזענטירט די רעפארמאציע פון די פירשטנס וועגן. נאר דער רעליגיעזער אנטאגאניזם האט קיין מאל ניט פארטונקלט אינגאנצן דעם עצם מהות פון דעם קאנפליקט.

דער קאמף צווישן קיניג און פארלאמענט האט שוין געהאט דערגרייכט צו א שארפן פאזיס נאך פאר דזשיימס Iס טויט (1625), נאר ערשט אין דער רעגירונג פון זיין זון קארל I איז ער געווארן צוגעשפיצט צו א בירגער־קריג. קארל האט געטאן דאס, וואס מען האט זיך געמעגט ריכטן, אז א קיניג וועט טאן ביי אזא לאגע, בעת דער פארלאמענט האט קיין דעה ניט געהאט איבער דער אויסלענדישער פאליטיק. ער האט אריינגעפלאנטערט דאס לאנד אין א מלחמה סיי מיט פראנקרייך און סיי מיט שפאניע, און דערנאך איז ער געקומען צום לאנד בעטן געלט אין דער האפענונג, אז דער פאטריאטישער געפיל וועט גובר זיין דעם געוויינטלעכן אומווילן צו געבן אים געלט. אז דער פארלאמענט האט פארט ניט געוואלט געבן קיין געלט, האט ער געבעטן הלוואות ביי פארשיידענע מענטשן און האט בכלל געפרווט צו קריגן מיטלען אויף א ניט געזעצלעכן וועג.

דאס האט געבראכט דערצו, אז דער פארלאמענט האט אין יאר 1628 ארויסגעלאזט א זייער מערקווערדיקן דאקומענט, די „פעטיציע

נפון רעכט", וואָס האָט ציטירט די גרויסע כאַרטע און אָנגעוויזן די געזעצלעכע באַגרענעצונגען פון דער מאַכט פון ענגלישן קיניג און האָט דערוויזן, אַז דער קיניג טאָר נישט אויפמאָנען קיין שטייערן אָדער עמעצן אַריינצוזעצן אין תפיסה אָדער באַשטראָפן אָדער צע־שטעלן זעלנער צווישן פאָלק, אָן דער געהעריקער באַשטימונג פון געזעץ.

די „פעטיציע פון די רעכט" האָט קאָנסטאַטירט דעם שטאַנד־פונקט פון ענגלישן פּאַרלאַמענט. דער מנהג צו „קאָנסטאַטירן דעם שטאַנדפונקט" איז שטענדיק געווען אַ כאַראַקטעריסטישער ענגלישער שטייגער. אַז פּרעזידענט ווילסאָן פלעגט, בעת דעם גרויסן קריג פון 1914 — 1918, איטלעכן שריט אין זיין פּאָליטיק אַריינפירן דורך אַ „נאָטע", האָט ער געהאַנדלט לויט די בכבודיקסטע טראַדיציעס פון די ענגלענדער.

קאַרל איז זיך באַגאַנגען מיטן פּאַרלאַמענט גאָר מעשה האָר: אין יאָר 1629 האָט ער אים פונאַנדערגעלאָזן, און אין משך פון עלף יאָר האָט ער קיין פּאַרלאַמענט ניט צונויפגערופן. ער האָט גענומען געלט ניט לעגאַל, עס האָט אָבער ניט געקלעקט צוליב זיין צוועק. און אַז ער האָט זיך באַטראַכט, אַז מען קאָן אויסנוצן די קירך פאַר אַ געצייג צו מאַכן מענטשן פאָלגן, האָט ער געמאַכט לאוד, אַן אַגרעסיוון הויכן קירכן־באַאַמטן, אַן עכטן כוהן און אַ שטאַרקן גלויבער אין די „געטלעכע רעכט", פאַרן אַרציבּיסקופּ פון קענטער־בערי, דאָס הייסט פאַרן ראש פון דער קירך פון ענגלאַנד.

אין יאָר 1638 האָט קאַרל געפּרוווט אויסצושפּרייטן דעם האַלב־פּראָטעסטאַנטישן האַלב קאַטוילישן סדר פון דער קירך פון ענג־לאַנד אויך אויף זיין צווייטן קיניגרייך שאָטלאַנד, וואו די אָפּשיי־דונג פון קאַטוילציזם איז געווען פולער, און וואו עס האָט זיך איינגע־שטעלט ווי די מלוכה־קירך אַ ניט־כהונישע, ניט־סאַקראַמענטאַלע פאָרם פון קריסטנטום, דער פּרעסביטעריאַניזם. די שאָטלענדער האָבן מורד געווען, און די ענגלישע חיילות, וואָס קאַרל האָט געשיקט קעגן זיי, האָבן זיך געבונטעוועט.

דער פינאַנסיעלער באַנקראָט, דער געוויינטלעכער רעזולטאַט פון אַן „ענערגישער" אויסווייניקסטער פּאָליטיק, איז געווען נאָענט. אָן

געלט און אַן אַ חייל, וואָס מען זאָל קאָנען זיך פאַרלאָזן אויף אים, איז קאַרל צולעצט אין יאָר 1640 געווען געצוואונגען צונויפצורופן דעם פאַרלאַמענט. דעם דאָזיקן פאַרלאַמענט, דעם „קורצן פאַרלאַמענט“,



אָליווער קראָמוועל, לויט אַ געמעל פון סער פעטער לעלי, איצט אין פלאָרענץ.

האָט ער פונאַנדערגעלאָזט דאָס זעלביקע יאָר. ער האָט געפּרוּווט צו־נויפרופן אַ ראָט פון די פערן אין יאָרק (1640), און דערנאָך, אין נאָוועמבער דעם זעלביקן יאָר, האָט ער צונויפגערופן זיין לעצטן פאַרלאַמענט.

די דאָזיקע קערפּערשאַפֿט, דער „לאַנגער פּאַרלאַמענט“, האָט זיך צונויפֿגעקליבן אין אַ שטימונג פֿון אַ קאָנפֿליקט. ער האָט געלאָזט כאַפּן לאַוּדן, דעם אַרציבישקופּ פֿון קענטערבערי, און האָט אים באַשולדיקט אין בגידה. ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ „גרויסן מעמאָראַנדום“, וואו עס זײַנען געווען אויסגעשטעלט אַלע זײַנע טענות קעגן קאַרלען. ער האָט אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז דער פּאַרלאַמענט קומט זיך צונויף לכל־הפּחות איין מאָל אין דרײַ יאָר, צי דער קיניג וויל דאָס צי ניט. ער האָט אָנגעקלאָגט דעם קיניגס הויפּט־מיניסטאָרן, וואָס האָבן אים געהאָלפֿן רעגירן אַזאַ לאַנגע צײַט אָן אַ פּאַרלאַמענט, און בפֿרט דעם גראַף פֿון סטראַפֿאָרד.

בכדי צו ראַטעווען סטראַפֿאָרדן האָט דער קיניג בשתיקה געפּלאַנעוועט צו פֿאַרכאַפּן פּלוצים לאָנדאָן דורך זײַן אַרמײ. מען האָט דאָס אויפֿגעדעקט, און דער באַשלוס צו פֿאַרמשפּטן סטראַפֿאָרדן איז אָנגענומען געוואָרן בײַ אַ גרויסער אויפֿרעגונג פֿון פֿאָלק. קאַרל I איז מסתּמא געווען איינער פֿון די געמיינסטע און פֿאַלשסטע מלכים, וואָס האָבן פֿאַרנומען דעם ענגלישן טראָן. ער האָט זיך דערשראָקן פֿאַרן לאָנדאָנער המון. בכדי סטראַפֿאָרד זאָל קאָנען געטויט ווערן אויף אַ געזעצלעכן אופֿן, האָט דער קיניג געמוזט געבן דערויף זײַן הסכּמה. קאַרל האָט דאָס געגעבן, און סטראַפֿאָרד איז געוואָרן געקעפּט.

דערווײַל האָט דער קיניג אַלץ געפּלאַנעוועט פֿאַרשווערונגען און אויסגעקוקט אויף הילף פֿון דער פֿרעמד — פֿון די קאַטוילישע אירלענדער, פֿון די פֿאַלשע שאָטלענדער, צולעצט האָט ער געמאַכט אַ שוואַכן פּרוּוו אָנצווענדן כּוח. ער איז אַרײַנגעקומען אין פּאַרלאַמענט מיטן מיין צו אַרעסטירן פֿינף פֿון זײַנע אַקטיווסטע קעגנער. ער איז אַרײַן אין דער אונטערשטער פּאַלאַטע און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן אָרט פֿון פֿאָרזיצער. ער האָט זיך געגרייט צו האַלטן אַ שטאַרקע רעדע מכּוח בגידה, נאָר אַז ער האָט דערזען די ערטער פֿון זײַנע קעגנער ליידיק, איז ער געוואָרן געפּלעפֿט און צעטומלט און האָט גערעדט אָפּגעריסענע פֿראַזעס. ער איז געוואָר געוואָרן, אַז זיי זײַנען אַוועק פֿון זײַן קיניגלעכער שטאָט וועסטמינסטער און האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין דער שטאָט לאָנדאָן, וואָס האָט געהאַט מוניצי־

פאלע אויטאנאמיע. לאנדאן האט אים מבטל געווען. אין א האק ארום זיינען די פינף דעפוטאטן אפגעפירט געווארן אין טריומף צוריק אין פארלאמענט אין וועסטמינסטער אין דער באגלייטונג פון דער לאנדאנער מיליציע, און דער קיניג, כדי אויסצומיידן דעם גאנצן רעש און די פיינדלעכקייט, איז אוועק פון זיין ווייטהאל-פאלאץ קיין ווינדזאר.

ביידע צדדים האבן זיך געגרייט אפן צו מלחמה.

דער קיניג איז געווען דער טראדיציאנעלער פירער פון דער ארמיי, און די זעלנער זיינען געוויינט צו פאלגן דעם קיניג. דער פארלאמענט האט געהאט מער כוחות. דער קיניג האט אויפגעשטעלט זיין פאן אין נאטינגהעם פארנאכט פון א שטורמישן און פינסטערן טאג אין אווגוסט 1642.

עס האט זיך אנגעהויבן א לאנגער און איינגעשפארטער בירגער-קריג. דער קיניג איז געזעסן אין אקספארד, דער פארלאמענט אין לאנדאן. די הצלחה האט זיך געוויגט פון איין צד צום אנדערן, נאר דער קיניג האט קיין מאל ניט געקאנט צוקומען צו לאנדאן, און דער פארלאמענט האט ניט געקאנט איננעמען אקספארד.

דעמאלט איז ארויסגעשוואומען צווישן די קאמאנדירן פון פארלאמענט א געוויסער אליווער קראמוועל, וואס האט צונויפגענומען א קליינעם רייטער-אפטייל און האט שפעטער אויפגעשטיגן צו דעם שטאנד פון א גענעראל. זיין בן-דור לארד וואָרוויק שילדערט אים ווי א פראסטן מענטש, אנגעטאן אין א בגד „גענייט פון א דארפישן שניידער“. ער איז געווען ניט פשוט א קעמפנדיקער זעלנער, נייערט אן ארגאניזאטאר פון דער ארמיי. ער האט איינגעזען, אז א סך קעמפער פון דער מיליטערישער מאכט פון פארלאמענט זיינען פון א נידעריקן מין, און ער האט זיך פירגענומען דאס אויסצובעסערן. דעם קיניגס זעלנער האבן געהאט די מעלה פון דער פיינער טראדיציע פון ריטערלעכקייט און לאיאליטעט. דער פארלאמענט ווידער איז געווען א נייס, אן טראדיציעס און פאלק און שווער צו פארשטיין. „דער גרעסטער רוב פון אייערע זעלנער זיינען אלטע געפאלענע משרתים און שענקערס“, האט געזאגט קראמוועל. „מיינט איר, אז אזעלכע נידעריקע און געמיינע חברהלייט וועלן האבן גענוג מוט זיך אנטקעגנצושטעלן קעגן

אדלליט, וואס פארמאגן כבוד-געפיל און דרייסטקייט און אנט-שלאסנקייט?"

נאר עס איז פאראן אין דער וועלט עפעס אזוינס, וואס איז בעסער און שטארקער פאר געצאצקעטער ריטערלעכקייט, דאס איז רעליגיעזער ענטוזיאזם. אזוי ארום האט קראמוועל זיך פירגענומען צונויפצו-קלייבן א „פרומען" פאלק. זיי האבן באדארפט זיין ערנסטע, ניכ-טערע מענטשן. חוץ אלעמען, האבן זיי באדארפט זיין מענטשן פון



אליווער קראמוועל צעטרייבט דעם „לאנגן פארלאמענט". פון א האלענדישן דרוק פון יענער צייט. איצט אין א ביבליאטעק אין קיימברידזש.

פעסטע איבערצייגונגען. ער האט ניט געקוקט אויף קיין שום סאציא-לע טראדיציעס און האט גענומען זיינע אפיצירן פון אלע קלאסן: „איך וויל בעסער האבן א פשוטן, דארפיש-געקליידטן קאפיטאן, וואס ווייס פארוואס ער קעמפט און האט ליב וואס ער ווייס, איידער אזעלכן, וואס איר רופט דזשענטלמען און וואס איז ניט מער ווי דאס".

ענגלאנד האט ביי זיך אנטדעקט א נייעם כח, די איראנסיידס („מיט אייזערנע זייטן"), וואס ביי זיי האבן לאקייען, בעל-עגלות און

שיפס-קאפיטאנען פארנומען הויכע קאמאנדע-ערטער בּאגלייך מיט מענטשן פון מיוחסדיקע משפחות. זיי זיינען געווארן דער טיפּ, וואס לויט אים האט דער פארלאמענט געזוכט צו רעקאנסטרויִרן די גאנצע ארמיי. די איראנסיידס זיינען געווען דער ווקנבּיין פון דעם „נייעם מאדעל". די דאזיקע מענטשן האבן געטריבן פאר זיך דעם קיניגס „קאוואלערן". דער קיניג איז סוף-כל-סוף געבליבן א געפאנגענער אין די הענט פון פארלאמענט.

עס זיינען געווען פרוון צו מאכן א שטיקל פשרה, אזוי אז דער קיניג זאל נאך בּלייבן א מין קיניג, נאר קארל איז געווען א מענטש פארמשפּט צו א טראגישן סוף, ער האט ניט אויפגעהערט צו מאכן פּלענער, „אזא פאלשער מענטש, אז מען האט אים ניט גע-מארט געטרויען". די ענגלענדער זיינען געשטופּט געווארן צו א לאגע, וואס אזעלכע איז נאך ניט געווען אין דער וועלט-געשיכטע: ווען א מאנארך איז געווארן עפנטלעך געמשפט פאר בּגידה קעגן זיין פאלק און פארמשפט צום טויט.

דער גרעסטער טייל רעוואלוציעס זיינען, פונקט ווי די ענגלישע, ארויסגערופן געווארן דורך די איבּערטרעטונגען פון די רעגירערס און דורך די פרוון הורבצורייסן איבּער געוואלד די ראמען פון געזעץ. און דער גרעסטער טייל רעוואלוציעס האבן די טבע ווי דורך א מין נויטווענדיקייט צו פארנעמען זיך אלץ בּרייטער און טיפער צו אזעלכע עקסטרעמע צילן, וואס מען האט לכתחילה גאר ניט געהאט אין זינען. די ענגלישע רעוואלוציע איז קיין אויסנאם ניט געווען. די ענגלענדער זיינען לויט זייער טבע א פאלק פון פשרה-מענטשן און אפילו פון קווענקלערס, און מסתמא האט דער גרעסטער רוב פון זיי גע-וואונטשן זיך, דער קיניג זאל בּלייבן קיניג און דאס פאלק זאל זיין פריי, און אז די לייבּן און די שעפעלעך זאלן ליגן לעבן אנאנד אין שלום און פרייהייט. נאר די ארמיי האט ניט געקאנט גיין צוריק. אויב דער קיניג וואלט געקומען צוריק צו זיין ממשלה, וואלטן אלע די בּעל-עגלות און טרעגערס, וואס האבן צעקלאפט דעם קיניגס „קאווא-לערן", קיין האניק ניט געלעקט. אז דער פארלאמענט האט גענומען פירן פארהאנדלונגען מיט אט דעם קיניגלעכן רמאי, האט זיך די ארמיי אריינגעמישט: דער פאלקאווניק פרייד האט פשוט

אַרויסגעטריבן פון דער אונטערשטער פאַלאַטע אַכציק דעפוטאַטן, וואָס זיינען געשטאַנען פאַרן קיניג, און די אומגעזעצלעכע רעשט פון דער פאַרזאַמלונג, דער „רומפ־פאַרלאַמענט“, האָט זיך גענומען משפטן דעם קיניג.

בעצם איז דער קיניג שוין געווען פאַרמשפט. די לאָרדן־פאַלאַטע האָט אָפגעוואָרפן דעם באַפעל וועגן דעם משפט. דעמאָלט האָט דער רומפ־פאַרלאַמענט דערקלערט, „אַז דאָס פאָלק איז, נאָך גאָט, דער מקור פון גאָר דער געזעצטער מאַכט“, און „אַז די קאָמאָנס פון ענגלאַנד... האָבן די העכסטע מאַכט אין פאָלק“ און — אײַגענומען, אַז אַט דער רומפ אַליין איז טאַקע די אונטערשטע פאַלאַטע— האָט ער זיך גענומען משפטן דעם קיניג. דער קיניג איז געוואָרן פאַרמשפט ווי אַ „טיראַן, בוגד, רוצח און שונא פון זיין פאָלק“. אין אַ פרימאָרגן אין יאַנואַר 1649 האָט מען אים אַרויסגעפירט אויף אַן עשאַפאָט, וואָס איז געווען אויפגעשטעלט קעגנאיבער די פענסטער פון זיין אייגענעם שלאָס ווייטהאַל, און מען האָט אים אַראָפגענומען דעם קאָפ. ער איז געשטאָרבן אין פרומקייט און מיט אַ מין איידעלער חרטה — אַכט יאָר נאָך דער פאַרמשפטונג פון סטראַפאָרד און נאָך זיבעטהאַלבן יאָר צעשטערישן בירגער־קריג, וואָס כמעט נאָר ער אַליין האָט אים גורם געווען דורך זיין אומגעזעצלעכקייט.

דאָס וואָס דער פאַרלאַמענט האָט געטאָן איז טאַקע געווען אַ גרויסע און מוראדיקע זאַך. אַזאַ זאַך איז נאָך קיין מאָל ניט געהערט געוואָרן אין דער וועלט. מלכים האָבן דערהרגעט איינע די אַנדערע אַ סך מאָל. פאָטער־מאָרד, ברודער־מאָרד, גלאַט מאָרד — דאָס זיינען כסדר באַליבטע טועכץ פון פירשטן. אָבער אַז אַ טייל פאָלק זאָל אויפשטיין, משפטן דעם קיניג פייערלעך און מיט באַדאַכט פאַר זיין אומערלעכקייט, פאַרברעכן און בגידה, און זאָל אים פאַרמשפטן און טויטן — אַזאַ זאַך האָט אַרויסגעיאָגט אַ שרעק אויף אַלע קיניגלעכע הויפן אין אייראָפע. דער רומפ־פאַרלאַמענט האָט איבערגעשפרייט דעם קרייז אידעעס און באַוואוסטזיין פון זיין צייט. עס איז אויסגעקומען אַזוי ווי אַ קאָמיטעט פון גראָז־פרעסנדיקע וואַלד־חיות וואָלט מיט אַמאָל גענומען און אַוועקגעהרגעט אַ טיגער— אַ פאַרברעך קעגן דער נאַטור. דער צאַר פון רוסלאַנד האָט אַרויס=

געטריבן דעם ענגלישן אַמבאַסאַדאָר פון זיין הויף. פראַנקרייך און האָלאַנד האָבן אָפּגעטאָן אַקטן פון אָפענער פיינדלעכקייט. ענגלאַנד, צעטומלט און מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרץ פאַר דעם חילול־הקידש, וואָס זי האָט דאָ אָפּגעטאָן, איז געשטאַנען איזאָלירט פון גאָר דער וועלט.

נאָר אַ שטיקל צייט האָבן די פערזענלעכע מעלות פון אָליווער קראָמוועל און די שטאַרקייט פון דער אַרמיי וואָס ער האָט אָרגאַניזירט אונטערגעהאַלטן ענגלאַנד אין דער רעפּובליקאַנישער ריכטונג, וואָס זי האָט אָנגענומען. די אירלענדישע קאַטוילקן האָבן אָנגעמאַכט אַ שחיטה אויף די פּראָטעסטאַנטישע ענגלענדער אין אירלאַנד, און קראָמוועל האָט דערשטיקט דעם אירלענדישן אויפשטאַנד מיט גרויס קראַפט. ביים שטורעם פון דראָגהעדאַ האָבן זיינע זעלנער ניט דערהרגעט קיין איין מענטשן אָן געווער אין האַנט, חוץ עטלעכע מאָנאַכן. נאָר די אכזריותדיקע מעשים פון דער שחיטה זיינען נאָך געווען אַזוי לעבעדיק אין אָנדענק, אַז אין שלאַכט איז קיין שוינונג ניט געווען. מחמת דעם האָט ער נאָך אַ בייז געדעכעניש ביי די אירלענדער, וואָס האָבן אַ לאַנגן זכרון פאַר די עוולות, וואָס מען האָט זיי אָנגעטאָן.

נאָך אירלאַנד איז געקומען שאָטלאַנד, וואו קראָמוועל האָט צעקלאַפּט אַן אַרמיי פון ראָיאַליסטן אין דער שלאַכט פון דאַנבאַר (1650).

דערנאָך האָט ער געווענדט זיין אויפמערק צו האָלאַנד, וואָס האָט האַסטיק אויסגענוצט די קריגערייען צווישן די ענגלענדער, כדי צו צעקוועטשן ענגלאַנד, ווי איר קאָנקורענטין אין האַנדל. די האָלענדער האָבן אין יענער צייט געוועלטיקט איבער די ימים, און דעם ענגלישן פלאָט איז געווען שווער זיך אויסצוגלייכן מיטן האָלענדישן. נאָר נאָך אַ ריי עקשנותדיקע שלאַכטן זיינען די האָלענדער געוואָרן אַרויסגעטריבן פון די ענגלישע ימים, און די ענגלענדער האָבן פאַרנומען זייער אָרט ווי די אויפשטייגנדיקע ים־מאַכט. האָלענדישע און פראַנצויזישע שיפן האָבן געמוזט בייגן זייערע פלאַגן פאַר זיי. אַן ענגלישער פלאָט איז אַריין אין מיטללענדישן ים -- די ערשטע ענגלישע שיף־מאַכט, וואָס איז אַריין אין די דאָזיקע וואַסערן. ער האָט פאַרריכט פאַרשיידענע עוולות, וואָס ענגלישע שיפערס האָבן געהאַט צו ליידן מצד טאָסקאַנאַ און מאַלטאַ, און האָט באָמבאַרדירט די

פיראטן-נעסט פון טוניס און צעשטערט דעם פלאט פון די פי-ראטן — וואס האט אין די שוואכע צייטן פון קארלען זיך דער-וועגט צוצוגיין גלייך צו די ברעגעס פון קארנוואל און דעוואן, פארכאפן שיפן און אוועקפירן שקלאפן קיין אפריקע.

די שטארקע האנט פון ענגלאנד האט זיך אויך אריינגעמישט צו באשיצן די פראטעסטאנטן אין דרום-פראנקרייך, וואס דער הער-צאג פון סאוואי האט זיי גערודפט צו טויט. פראנקרייך, שוועדן, דע-נעמארק, אלע האבן איינגעפונען פאר קליגער גובר צו זיין און זיך דעם ערשטן ווידערווילן קעגן די קיניג-מערדערס און האבן זיך פאר-בונדן מיט ענגלאנד. עס איז געקומען צו א מלחמה מיט שפאניע, און דער גרויסער ענגלישער אדמיראל בלייק האט צעשטערט דעם שפאנישן פלאט ביי טענעריף אין אן אקציע פון במעט אומגלויבלעכער דרייסטקייט. ער איז אנגעפאלן אויף יבשה-באטערייעס. ער איז געווען דער ערשטער מענטש, „וואס האט געבראכט שיפן מבטל צו זיין שלעסער אויפן ברעג" (ער איז געשטארבן אין יאר 1657 און איז באגראבן געווארן אין דעם קלויסטער פון וועסטמינסטער, אבער נאכדעם ווי די מאנארכיע איז געווארן רעסטאווירט, זיינען זיינע ביינער אויס-געגראבן געווארן לויט א באפעל פון קארל II און איבערגעטראגן אין אן אנדער צווינטער). אזוי האט ענגלאנד אויסגעזען אין דער וועלט אין משך פון איר קורצער רעפובליקאנישער צייט.

דעם 3טן סעפטעמבער 1658 איז קראמוועל געשטארבן אינ-מיטן שטורעם-ווינט, וואס האט ניט פארפעלט צו מאכן א רושם אויף די אבערגלויבישע. ווייבאלד זיין שטארקע האנט איז געלעגן שטיל, האט ענגלאנד חרטה געהאט אויף איר פריציטיקן פרווו צו פאר-ווירקלעכן א גערעכטע געזעלשאפט פון פרייע מענטשן. אין יאר 1660 איז קארל II, דער זון פון קארל דעם „מארטירער", באגריסט געווארן צו זיין צוריקקער אין ענגלאנד מיט יענע אויסווייזן פון פערזענלעכער לאיאלקייט, וואס איז אזוי טייער דעם ענגלישן הארצן, און דאס לאנד האט זיך אפגעכאפט נאך איר מיליטערישער אנ-שטרענגונג אויף דער יבשה און אויפן ים, ווי איינער וואס האט גע-שלאפן כאפט זיך אויף נאך א שווערן חלום, ציט אויס די גלידער און גענעצט זיך אויס. מיט די פוריטאנער איז געווען אויס. „די פריי-

לעכע ענגלאַנד" איז ווידער געווען די אַלטע, און אין יאָר 1667 זיינען די האָלענדער, וואָס זיינען איצט געווען די האַרן אויפֿן ים מער ווי ווען עס איז פֿריער, אַרויפֿגעשוואומען ארויף די טעמזע ביז קיין גרייוועסענד און האָבן פֿאַרברענט און ענגלישן פֿלאָט אין מעדוויי.

„אין יענער נאַכט, ווען די האָלענדער האָבן פֿאַרברענט אינזערע שיפֿן, שרייבט פּעפּיס אין זיין טאָגבוך, איז דער קיניג געווען אויף אַ מאַלצייט ביי מילעדי קאַסטלמיין, און זיי זיינען אַלע געווען משוגע און האָבן זיך געיאָגט נאָך אַן אָרעמער פֿרעסמילב".

זינט ער האָט זיך אומגעקערט, אין יאָר 1660, האָט קאַרל גענומען פֿירן די אויסלענדישע ענינים פֿון דער מלוכה, און אין יאָר 1670 האָט ער געשלאָסן אַ געהיימען אָפּמאַך מיט לודוויג XIV פֿון פֿראַנקרייך, וואָס לויט אים האָט ער זיך אונטערגענומען צו אינצושטעלן די גאַנצע ענגלישע אויסערן־פּאָליטיק לויט דעם ווילן פֿון פֿראַנקרייך פֿאַר אַ יערלעכער פּענסיע פֿון 100.000 פֿונט סטערלינג. דונקירך וואָס קראָמוועל האָט געהאַט איינגענומען איז שוין געווען צוריק פֿאַרקויפֿט צו פֿראַנקרייך. דער קיניג איז געווען אַ גרויסער ספּאָרטסמען; ער האָט געהאַט די עכט ענגלישע ליבהאָבעריי צו קוקן אויף פֿערד־געיעגן, און דער געיעג־צענטער אין נומאַרקעט איז אפֿשר זיין כאַראַקטעריסטישער מאָנומענט.

כּל־זמן קאַרל האָט געלעבט, האָט זיין גרינגער כאַראַקטער אים געמאַכט מעגלעך איינצוהאַלטן די ענגלישע קרוין, נאָר ער האָט דאָס דערגרייכט דורך געהיטקייט און פּשרות. אָבער אין יאָר 1685, אַז זיין אָרט האָט פֿאַרנומען זיין ברודער דזשיימס II, וואָס איז געווען אַן איבערגעגעבענער קאַטוילּיק און צו טעמפּ, ער זאָל באַמערקן די פֿאַרבאָרגענע באַגרענעצונג פֿון דער מאָנאַרכיע אין בריטאַניע, איז דער אַלטער קאַמף צווישן פּאַרלאַמענט און דער קרוין ווידער געוואָרן שאַרף.

דזשיימס האָט זיך פֿירגענומען צו צווינגען זיין לאַנד זיך ווידער צו פֿאַראייניקן מיט רוים. אין יאָר 1688 איז ער שוין געווען אַנטלאָפֿן קיין פֿראַנקרייך. נאָר אין יענער צייט זיינען שוין די גרויסע לאָרדן און סוחרים און אַדלליט געווען צו פּראַקטיק, אַז זיי זאָלן דערלאָזן, אַז דער דאָזיקער אויפֿשטאַנד קעגן קיניג זאָל זיי אַריינטרייבן

אין די הענט פון אַ צווייטן פּרייד אָדער אַ צווייטן קראָמוועל. זיי האָבן באַלד גערופן אַן אַנדער קיניג, ווילהעלם דעם פּרינץ פון




וואָלטער (1694—1778).

אָראַניע, צו פאַרבייטן דזשיימסן. דער בייט איז געמאַכט געוואָרן האַס־טיק. קיין בירגער־קריג איז ניט געווען — חוץ אין אירלאַנד — און קיין טיפערע רעוואָלוציאָנערע כוחות אין לאַנד זיינען ניט אויפ־גערודערט געוואָרן.

וועגן ווילהעלמס תביעות אויפן טרוין אָדער געגנייער וועגן די תביעות פון זיין פרוי מערי, קאָנען מיר דאָ ניט דערציילן, דער אינטערעס דערפאַר איז נאָר אַ טעכנישער. אויך וועלן מיר פאַרשווייגן, ווי אַזוי ווילהעלם III און מערי האָבן רעגירט, ווי אַזוי ער האָט רעגירט אַליין, און ווי אַזוי נאָך טרוין איז אַריבער צו מערים שוועסטער אַנע (1702 — 1714). אַנע האָט, ווייזט אויס, געהאַלטן פאַר ריכטיק צו רעסטאַווירן די דינאַסטיע סטיואַרט, אָבער די לאָרדן און די קאָמאָנערן, וואָס האָבן איצט געהאַט די דעה אין ענגלאַנד, האָבן בעסער געוואָלט האָבן אַ ווינציקער חשובן קיניג. אַ מין פּרעטענזיע אויף דער ענגלישער קרוין האָט געקאָנט האָבן דער קורפירשט פון האַנאָווער, וואָס איז טאַקע געוואָרן קיניג פון ענגלאַנד אונטערן נאָמען געאָרג I (1714 — 1727). ער איז געווען אינגאַנצן אַ דייטש, ער האָט ניט געקאָנט ריידן קיין ענגליש און האָט מיטגעבראַכט אַ גאַנצע מחנה דייטשע פרויען און דייטשע דינערס צום ענגלישן הויף. מיט זיין קומען איז אָנגעפאַלן אויפן אינטעלעקטועלן לעבן פון לאַנד אַ טעמפּקייט, אַ פאַרטונקעלונג, וואָס פאַר די גרויסע ערד־אייגנטימער און פאַר די גרויסע סוחרים, וואָס זייערע אינטערעסן האָבן דאָס אים אַריבערגעבראַכט, איז דאָס גראָד געווען אַ מעלה, וואָס דער הויף איז געווען אָפּגעזונדערט פון ענגלישן לעבן.

ענגלאַנד איז אַריינגעטראָטן אין אַ פּאַוזע, וואָס לאָרד ביקאָנס־פילד האָט אָנגערופן די סטאַדיע פון „וועניעציאַנישער אָליגאַרכיע“. די העכסטע מאַכט האָט געהאַט דער פּאַרלאַמענט, וואָס אין אים האָבן געוועלטיקט די לאָרדן, ווארעם די קונסט אונטערצוקויפן און די קונסט צו מאַכן וואַלן, וואָס סער ראָבערט וואָלפּאָל האָט דער־פירט צו זייער אַ הויכער מדרגה, האָבן צוגענומען ביי דער אונטערשטער פּאַלאַטע איר פריערדיקע פּאָליטיש און קראַפט. הורך פאַרשוי[illegible]ע

קינצן האט מען געבראכט דערצו, אז דאס וואל-רעכט צום פארלאמענט איז געוואָרן באגרענעצט אויף א קליינער צאל ווילערס: אלטע שטעט מיט ווינציק אדער גאר אן באפעלקערונג האבן געשיקט איין דעפוטאט אדער מער (דער אלטער ישוב סארום האט געהאט איין שטים-בארעכטיקטן, וואס האט ניט געוואוינט דארט, גאר קיין איינוואוינער ניט און צוויי דעפוטאטן), בעת די נייע באפעלקערטע צענטערס האבן גאר קיין פארטרעטער ניט געהאט. און דורכדעם וואס עס איז איינגעשטעלט געוואָרן א הויכער פארמעגנס-צענז פאר דעפוטאטן, איז נאך מער באגרענעצט געוואָרן די מעגלעכקייט, אז מען זאל אין דער אונטערשטער פאלאטע ריידן וועגן די נויטן פון פאלק און די אינטערעסן פון פאלק.

נאך געארג I איז געקומען געארג II (1727 -- 60), וואס איז געווען ענלעך צו אים, און ערשט נאך זיין טויט האט ענגלאנד געהאט א קיניג, וואס איז געווען געבארן אין ענגלאנד און האט געקאנט ריידן גאנץ גוט ענגליש — זיין אייניקל געארג III. וועגן דעם פרווו פון דעם דאזיקן מאנארך ווידער אויפצוהייבן די מאנארכיע צו א געוויסער מאכט וועלן מיר ריידן א ביסל ווייטער אונטן.

דאס איז בקיצור די געשיכטע דערפון, ווי אזוי עס האט זיך אפגעשפילט אין ענגלאנד אין משך פון 17טן און 18טן יארהונדערט דער קאמף צווישן די דריי הויפט-פאקטארן אין דער פראבלעם „מאדערנע מלוכה“: צווישן דער קרוין, די פריוואטע אייגנטימער און יענעם אומבאשטימטן כוח, נאך בלינד און אומוויסנדיק, דעם כוח פון גאר די געמיינע לייט. דער לעצטער פאקטאר באווייזט זיך נאר דעמאלט, ווען דאס לאנד איז טיף אויפגערעגט; נאכדעם זינקט ער ווידער אראפ אין די טיפענישן. דער סוף פון דער געשיכטע איז, אזוי ארום, דער פולער ניצחון פון דעם בריטישן פריוואטן אייגנטום איבער די חלומות און פלענער פון מאקיאוועלישן אבסאלוטיזם. מיט דער האנאווערשער דינאסטיע איז ענגלאנד געוואָרן -- ווי די „טיימס“ האט זי ניט לאנג טיטולירט — א „געקרוינטע רעפובליק“. זי האט אויסגעארבעט א נייע רעגירונגס-מעטאדע, די פארלאמענטארישע רעגירונג, וואס האט אין כמה פרטים דערמאנט אן דעם סענאט און אן דער פאלקספארזאמלונג פון רוים, נאר שטאנדהאפטיקער און וויר-

קעזווריקער, מחמת זי האָט אויסגענוצט, הגם אויף אַ באַגרענעצטן אופן די רעפּרעזענטאַטיווע מעטאָדע. די פּאַרזאַמלונג אין וועסטמינסטער האָט באַדאַרפט ווערן „די מוטער פון די פּאַרלאַמענטן” אין גאַר דער וועלט.

צווישן דער קרוין און דעם ענגלישן פּאַרלאַמענט איז געווען און איז נאָך איצט די זעלביקע שייכות, וואָס צווישן דעם פּאַלאַץ־מאַיאָר און צווישן די מעראָווינגישע מלכים. דער קיניג ווערט באַטראַכט נאָר ווי אַ צערעמאָניעלער און אָנאַחריותדיקער ראש פון דער מלוכה, ער איז ווי דער לעבעדיקער סימבאָל פון דער קיניגלעכער און קיסרלעכער סיסטעם.

נאָר עס בלייבט נאָך פאַרבאָרגן אַסך מאַכט אין דער טראַדיציע און אין דעם פּרעסטיזש פון דער קרוין, און די ממשלה פון די פיר האַנאָווערשע געאָרגס, פון ווילהעלם IV (1830), וויקטאָריאַ (1837), עדוואַרד VII (1904) און פון דעם איצטיקן קיניג געאָרג V (1910) איז גאָר פאַרשיידן פון דער ממשלה פון די שוואַכע און קורצלעביקע מעראָווינגישע מאָנאַרכן. אין די ענינים פון דער קירך, אין דער אָרגאַניזאַציע פון מיליטער און פלאָט און אין אויסערן־מיניסטעריום האָבן אַלע די דאָזיקע מושלים אין אַ פאַרשיידענער מאָס געהאַט אַ גאַנץ גרויסע השפּעה, און זי האָט נאָך אַ גרעסערן באַטייט דערמיט, וואָס זי לאָזט זיך ניט באַשטימען.

---

## 4. אויפרייס און מהומות אין דייטשלאַנד.

אין קיין איין טייל פון אייראָפּע האָט דער דורכפאַל פון דער אידעע פון אַ געאייניקטן קריסטנטום ניט אָנגעטאָן אַזעלכע חורבנות ווי אין דייטשלאַנד. מען וואָלט געקאָנט אין פלוג משער זיין, אַז דער קיסר, וואָס איז לויט זיין אָפּשטאַם געווען אַ דייטש, סיי אין די עלטערע דינאַסטיעס און סיי אין די האַבסבורגער, וועט זיך אַנטוויקלען צו דעם נאַציאָנאַלן מאָנאַרך פון דער דייטש־ריידנדיקער מלוכה. עס איז געווען דער שלימזל פון דייטשלאַנד, וואָס אירע קיסרים זיינען קיין מאָל ניט געבליבן קיין דייטשן. פרידריך II, דער לעצטער

האהעניסטאופען, איז געווען, וועדליק מיר האבן דאס געזען, א האלב אריענטאליזירטער סיציליאנער. די האבסבורגער זיינען, דורך שידוכים און דורך דער נטיה זייערע, געווארן אין דער פערזאן פון קארל V צוערשט בורגונדער און דערנאך שפאניער. נאך קארל Vנס טויט האט זיין ברודער פערדינאנד געקראגן עסטרייך און דעם טיטל קיסר, און זיין זון פיליפ האט געקראגן שפאניע, נידערלאנד און דרום-איטאליע. נאר די עסטרייכישע דינאסטיע, עקשנותדיק קאטויליש, האט זיך געהאלטן מער פאר די מזרחדיקע גרענעצן און איז געווען מער אריינגעטאן אין די אונגארישע ענינים. א געוויסע צייט, בעת דער רעגירונג פון פערדינאנד און די צוויי קיסרים וואס נאך אים, האט זי נאך געהאט צו צאלן צינז טערקיי. אויף די צפונדיקע דייטשן מיט זייער נטיה צום פראטעסטאנטיזם, מיט זייערע פארבינדונגען מיטן מערב און מיטן באלטישן ים און מיט זייער ניט וויסן אדער ניט וועלן וויסן פון דער טערקישער סכנה — האט עסטרייך געהאט גאר א קנאפע ווירקונג.

די סוווערענע פירשטן, הערצאגן, קורפירשטן, פירשט-בישופן און כדומה, וואס זייערע געביטן האבן צעשניטן די קארטע פון דייטשלאנד אין מיטלעלטער צו א בונטן פליקווערק, זיינען פאקטיש ניט געווען גלייך צו די מלכים פון ענגלאנד און פראנקרייך. זיי זיינען געווען גיכער אויף איין מדרגה מיט די גרויסע שררות די ערד-אייגנטימער, די הערצאגן און פערן פון פראנקרייך און ענגלאנד. ביז 1701 האט קיין איינער פון זיי ניט געהאט דעם טיטל קיניג. א סך פון זייערע געביטן זיינען געווען הן אין גרייס הן אין באטייט קלענער פאר די גרעסערע מאיאנטקעס פון די בריטישע שררות. די דייטשע רייכסטאגן זיינען געווען גלייך צו די גענעראל-שטאטן אדער צו א פארלאמענט, מער ניט וואס קיין געקליבענע פארשטייער זיינען אויף זיי ניט געווען. אזוי אז דער גרויסער בירגער-קריג אין דייטשלאנד, וואס איז איצט אויסגעבראכן, דער דרייסיק-יאריקער קריג (1618 — 1648) איז געווען אין זיין עצם מהות נעענטער צו דעם בירגער-קריג אין ענגלאנד (1643 — 1649) און צו דער פראנדע (1648 — 1655), דער פאראייניקונג פון די פעאדאלע פריצים קעגן דער קרוין אין פראנקרייך, ווי דאס קאן אויסדוכטן פון אויבנאויף.

אין אלע די פאלן איז די קרוין געווען קאטוליש אדער נוטה צו ווערן קאטוליש, און די ווידערשפעניקע אדללייט האבן אין זייער אינדיווידואליסטישער נטיה געשטרעבט צו דער פראטעסטאנטישער פארמולע. נאר בעת אין ענגלאנד און אין האלאנד האבן די פראטעסטאנטישע אדללייט און רייכע סוחרים סוף-כל-סוף געזיגט, און אין פראנקרייך האט די קרוין געהאט די אייבערהאנט, איז אין דייטשלאנד דער קיסר ניט געווען שטארק גענוג, ער זאל געווינען, און ניט די פראטעסטאנטישע פירשטן זיינען געווען גענוג פאראייניקט און ארגאניזירט, אז זיי זאלן סוף-כל-סוף מנצח זיין. עס האט זיך געענדיקט דערמיט, וואס דייטשלאנד איז צעריסן געוואָרן.

דער קאמף אין דייטשלאנד איז נאך קאמפליצירט געווארן דערמיט, וואס עס האבן זיך אריינגעמישט פארשיידענע ניט-דייטשע פעלקער, די בעמען אין די שוועדן (וואס ביי זיי איז אויפגעקומען א נייע פראטעסטאנטישע מאנארכיע אונטער גוסטאוו וואזא, ווי א דירעקטער רעזולטאט פון דער רעפארמאציע). צולעצט האט די פראנצויזישע מאנארכיע, וואס האט באזיגט אירע אייגענע אדללייט, הגם זי איז געווען קאטוליש, זיך געשטעלט אויפן צד פון די פראטעסטאנטן, באשיימפערלעך מיטן מיין צו פארנעמען דעם ארט פון די האבסבורגער ווי א קיסרלעכע דינאסטיע.

דאס וואס דער קריג האט זיך אזוי פארצויגן און דאס וואס ער איז געפירט געווארן ניט פאזע א באשטימטן גרענעץ, נאר איבער דער גאנצער אימפעריע, וואס איז געווען צעפליקט און צעריסן, אין איין ארט פראטעסטאנטיש, אין א צווייטן קאטוליש, — האט געבראכט דערצו, אז דער קריג איז געווען איינער פון די ווילדסטע און צעשטערישסטע מלחמות, וואס אייראפע האט געקענט זינט די אנפאלן פון די בארבארן. איר באזונדערע צרה איז באשטאנען ניט אזוי אין די שלאכטן גופא, ווי אין די באגלייטנדיקע אומשטאנדן אין יענער צייט האט די מיליטערישע טאקטיק זיך געהאט אנטוויקלט צו אזא שטאנד, אז ניט געלערנטע חיילות האבן ניט געהאט קיין שום באטרעף אנטקעגן מושטירטער פראפעסיאנעלער אינפאנטערע. זאלפן פון מושקעטן אויף א מהלך פון עטלעכע צענדליק יארד האבן אפגעשאפט דעם אינדיווידועלן גע-

פאנצערטן ריטער, נאר אן אטאקע פון דיסציפלינירטע מאסן קאוואלעריע האט נאך געקאנט צעטרייבן אן אינפאנטעריע, וואס איז ניט געווען איינמושטירט ביז צו א מעכאנישער גענויקייט. די אינפאנטעריע מיט אירע מושקעטן, וואס האבן געמוזט אנגעלאדן ווערן פון פארנט, האט ניט געקאנט אונטערהאלטן אזא שטענדיק פייער, וואס זאל אויסמאטערן די קאוואלעריע, איידער זי באווייזט אנצופאלן אויף איר. זי האט געמוזט דעריבער אויסווארטן דעם קלאפ שטייענדיק גלייך אדער אויף די קני הינטער אן אויפגעהויבענער וואנט פיקעס אדער באגנעטן. צוליב דעם האבן זיי באדארפט זיין שטארק געניט און דיסציפלינירט. אייזערנע הארמאטן זיינען נאך דעמאלט געווען קליין און ניט זייער קיין פולע, און זיי האבן ניט געשפילט קיין באשטימענדיקע ראלע אין מלחמה. זיי האבן געקאנט „דורכבאקערן גאסן" אין דער אינפאנטעריע, אבער זיי האבן ניט געקאנט זי גרינג צעווארפן און צעטרייבן, אויב זי איז געווען מוטיק און גוט איינמושטירט.

די מלחמה איז ביי אזעלכע תנאים געווען אינגאנצן אין די הענט פון געלערנטע פראפעסיאנעלע זעלנער, און די פראגע, ווי אזוי באצאלט מען זיי, איז פאר די גענעראלן פון יענער צייט געווען פונקט אזוי וויכטיק, ווי די פראגע פון פראוויזיע און אמוניציע. אז די מלחמה האט זיך פארשלעפט, און דער פינאנסיעלער חורבן איז געוואקסן, זיינען די קאמאנדירן פון ביידע צדדים געווען געצוואונגען צו פארנעמען זיך מיט בארויבן שטעט אין דערפער, סיי כדי צונויפצונעמען פראוויאנט און סיי כדי צו דעקן וואס זיי זיינען הינטערשטעליק אין די זעלנערס געצאלט. די זעלנער זיינען, בכן, געווארן אלץ מער און מער רויבערס וואס לעבן אויפן חשבון פון לאנד, און דער דרייסיקיאריקער קריג האט איינגעשטעלט א טראדיציע פון ראבעווען ווי א געזעצלעכע אפעראציע בעתן קריג, און א טראדיציע פון געוואלד ווי די פריווילעגיע פון דעם זעלנער, א טראדיציע, וואס האט געפטרט דעם גוטן נאמען פון דייטשלאנד אזש ביז צו דער גרויסער מלחמה פון 1914.

די ערשטע קאפיטלען פון דעפאעס „מעמוארן פון א קאוואלער", מיט זייער לעבעדיקער שילדערונג פון דער שחיטה און פון דער שרפה אין מאגדעבורג, וועט געבן דעם לעזער א בעסערע פארשטע-

לונג פון דער מלחמה פון יענער צייט, איידער וואסער עס איז פארמעלע געשיכטע. אזוי צעמאַטערט איז געווען דאָס לאַנד, אַז די פויערים האָבן אויפגעהערט צו באַארבעטן דאָס לאַנד, וויפיל מען האָט באַוויזן אַראָפּצונעמען פון די פעלדער פלעגט מען באַהאַלטן; נאָך די אַרמייען האָבן זיך נאָכגעשלעפּט גרויסע מחנות ווייבער



דער בעמישער גענעראַל אַלברעכט פאָן וואַלענשטיין, לויט אַ געמעל פון וואַן דייק אין מינכען.

און קינדער, וואָס זיינען אויסגעגאַנגען פון הונגער, און זיי האָבן גע-גנבעט, וואָס זיי האָבן נאָר געקאָנט, אויף צו דערהאַלטן די נשמה. צום סוף פון דער מלחמה איז דייטשלאַנד געווען חרוב ומוחרב. צענטראַל-אייראָפּע האָט ניט געקאָנט קומען צו זיך פון די רויבערייען און פאַרוויסטונגען נאָך אין משך פון אַ גאַנצן יאָרהונדערט.

דאָ קאָנען מיר אָנרופן די נעמען פון טילי און וואַלענשטיין; די גרויסע רויבער־הויפּטמאַנס אויף דער זייט פון דער האַבּסבורגער, און גוסטאַוו אַדאָלף דער קיניג פון שוועדן, דעם לייב פון צפון, דעם העלד פון די פּראָטעסטאַנטן, וואָס האָט געחלומט צו מאַכן פון דעם באַלטישן ים אַ „שוועדישע אָזערע”. גוסטאַוו אַדאָלף איז דערהרגעט געוואָרן בעת זיין באַשטימענדיקן ניצחון איבער וואַלענשטיין ביי ליצען (1632), און וואַלענשטיין איז דערהרגעט געוואָרן אין יאַר 1634.

אין יאָר 1648 האָבן די פירשטן און דיפּלאָמאַטן זיך צונויפגעקליבן אינמיטן די חורבות וואָס זיי האָבן אָנגעמאַכט, כדי צו פּאַרלאַטען די ענינים פון צענטראַל־אייראָפּע דורך דעם שלום פון וועסטפאַלן. דורך דעם דאָזיקן שלום איז פון דער מאַכט פון קיסר געבליבן נאָר אַ שאָטן, פראַנקרייך האָט געקראָגן עלזאַס און האָט זיך אַזוי אַרום צוגערוקט צום ריין. איינער פון די דייטשע פירשטן, דער האָהענצאָלערנער קורפירשט פון בראַנדענבורג, האָט צוגעקראָגן אַזוי פיל טעריטאָריע, אַז זיין מלוכה איז געוואָרן די גרעסטע אין דייטשלאַנד נאָך דעם קיסרס אייגענער מלוכה, און אינגיכן (1701) איז זי געוואָרן דאָס קיניגרייך פּרייסן.

דער שלום פון וועסטפאַלן האָט אויך אָנערקענט צוויי פאַקטן, וואָס זיינען שוין זינט לאַנג געווען געשען, די פולע זעלבשטענדיקייט פון האָלאַנד און פון שווייץ.

---

### 5. דער גלאַנץ פון דער גרויסער מאָנאַרכיע אין אייראָפּע.

מיר האָבן אָנגעהויבן דעם קאַפּיטל מיט דער געשיכטע פון צוויי לענדער, נידערלאַנד און בריטאַניע, וואו דער ווידערשטאַנד פון דעם פּריוואַטן בירגער קעגן דעם נייעם טיפּ מאָנאַרכיע, דער מאַקיאַוועלישער מאָנאַרכיע, וואָס איז אויפגעקומען נאָך דעם מאָראַלישן דורכפאַל פון קריסטנטום, האָט זיך געענדיקט מיט אַ ניצחון. נאָר אין פראַנקרייך, רוסלאַנד, אין אַ סך טיילן פון דייטשלאַנד און פון איטאַליע—

למשל, זאַקסן און טאָסקאַנע — איז די פּערזענלעכע מאָנאַרכיע ניט געוואָרן באַגרענעצט און באַזיגט. זי האָט זיך אַיינגעשטעלט ווי די הערשנדיקע אייראָפּעישע סיסטעם אין משך פון 17טן און 18טן יאָרהונדערט. און אַפילו אין האָלאַנד און בריטאַניע האָט די מאָנאַרכיע זיך געשטאַרקט אין משך פון 18טן יאָרהונדערט.

(אין פּוילן זיינען די תּנאָים געווען באַזונדערע, און וועגן איר וועט ווערן דערציילט אין אַ שפּעטערדיקן פּאַראַגראַף).

אין פראַנקרייך איז קיין מאַגנאַ כאַרטאַ ניט געווען, און עס איז ניט געווען אַזאַ באַשטימטע און בפירושדיקע טראַדיציע פון פּאַרלאַמענטאַרישער רעגירונג. דאָ איז געווען דער זעלביקער ווי-דעראַנאַנד פון אינטערעסן צווישן דער קרוין פון איין זייט און די גרויסע פּריצים און סוחרים פון דער אַנדערער, נאָר די לעצטע האָבן ניט געהאַט קיין אָנגערקענטן זאַמל-פּלאַץ און ניט קיין בכבודיקע מעטאָדע פון איינהייט. זיי האָבן געבילדעט אַן אָפּאָזיציע קעגן דער קרוין, זיי האָבן געשאַפן ליגעס פון ווידערשטאַנד—אַזעלכע איז געווען די פראָנדע, וואָס האָט געקעמפט קעגן יונגן קיניג לודוויג XIV אין זיין גרויסן מיניסטער מאַזאַריני, אין דער זעלביקער צייט ווען קאָרל I האָט געקעמפט פאַר זיין לעבן אין ענגלאַנד — נאָר צולעצט (1652) זיינען זיי נאָך אַ בירגער-קריג געוואָרן ענדגילטיק צעקלאַפּט. און בעת אין ענגלאַנד האָבן נאָך דער איינפעסטיקונג פון די האַנאָווערא-נער רעגירט אין לאַנד דאָס לאָרדן-הויז מיט זיין צוהעלפער, דער אונטערשטער פּאַלאַטע, האָט אין פראַנקרייך, פאַרקערט, נאָך 1652 דער הויף באַהערשט אינגאַנצן די אַריסטאָקראַטיע. קאַרדינאַל מאַזאַריני גופא האָט געבויט אויף אַ פונדאַמענט, וואָס דער קאַרדינאַל רישעליע, אַ בן דור פון קיניג דזשיימס I פון ענגלאַנד, האָט געהאַט פאַר איס צוגעגרייט.

נאָך מאַזאַרינים צייט הערן מיר ניט פון גרויסע פראַנצויזישע אַדללייט, סיידן זיי זיינען ביים הויף ווי הויף-דינער און באַאַמטע. מען האָט זיי געקויפט און איינגעצאַמט — אָבער דער פּרייז דערפאַר איז געווען, וואָס מען האָט די גאַנצע משא פון צאָלן שטייערן אַרויפ-געוואָרפן אויף דער שטומער מאַסע פון געמיינעם פאָלק. פון אַ סך שטייערן זיינען סיי די גייסטלעכקייט און סיי דער אַדל — דאָס הייסט

איטלעכער וואס האט געטראגן א טיטל — געווען באפרייט. סוף-כל-סוף איז שוין דער דאזיקער אומרעכט ניט געווען צו דערטראגן, נאר א קורצע ווילע האט די פראנצויזישע מאנארכיע געבליט, ווי א גרינער בוים ביי וואסער-בעך, ווי אין תהילים שטייט. ביים אנהייב פון 18טן יארהונדערט ווענדן שוין ענגלישע שרייבערס דעם אויפמערק אויף דער שלעכטער לאגע פון די אונטערשטע קלאסן אין פראנקרייך און דעם לפי-ערך גוטן שטאנד — אין דער זעלביקער צייט — פון די ענגלישע ארעמע לייט.

ביי אזעלכע תנאים פון אומגערעכטיקייט האט זיך איינגעשטעלט אין פראנקרייך דאס וואס מיר קאנען אנרופן „גרויסע מאנארכיע“. לודוויג XIV, טיטולירט „דער גרויסער מאנארך“, האט געקיניגט גאנצע צוויי און זיבעציק יאר (1643 — 1715) און האט אויפגעשטעלט א מוסטער פאר אלע מלכים פון אייראפע, וואס האבן געמיט זיך אים נאכצוטאן אין אלצדינג. צוערשט איז ער געווארן געפירט דורך זיין מאקיאוועלישן מיניסטער מאזאריני; נאך דעם קארדינאלס טויט איז ער אליין, בכבודו ובעצמו, געווארן דער אידעאלער „פירשט“. ער איז געווען, מיט אלע זיינע באגרענעצונגען, אן אויסנאמלעך באגאבטער קיניג. זיין אמביציע איז געווען שטארקער פאר זיינע נידעריקערע תאוות, און ער האט געפירט זיין לאנד צו באנקראט דורך דעם פלאנטער פון אן אומרויקער אויסוויינקסטער פאליטיק מיט א קונסטפולער הערדע, וואס דערוועקט נאך איצט אונזער באוואונדערונג. זיין באלדיקער פארלאנג איז געווען צו פארפעסטיקן פראנקרייך און אויסצובריייטערן זי ביז צום ריין און ביז צו די פירענעען און איינצושלינגען אויך די שפאנישע נידערלאנד. זיין ווייטערדיקער קוק האט געזען די פראנצויזישע מלכים ווי די מעגלעכע יורשים פון קארל דעם גרויסן אין אן אויפגעריכטער הייליקער רוימישער אימפעריע.

ער האט געמאכט שוחד פאר א כמעט נאך וויכטיקערער מעטאדע אין דער פאליטיק, ווי מלחמה. ער האט געהאלטן אונטערגעקויפט דעם קיניג קארל II פון ענגלאנד, אונטערגעקויפט איז אויך געווען דער רוב פון פוילישן אדל, ווי מיר וועלן דאס באלד באשרייבן. זיין געלט, אדער גענויער דאס געלט פון די שטייער-צאלנדיקע קלאסן פון פראנקרייך, איז אריינגעדרונגען אומעטום. נאר זיין הויפט-בא-

שעפטיקונג איז געווען צו גלענצן. זיין גרויסער פאלאץ אין ווערסאיל, מיט זיינע סאלאנען, מיט זיינע קארידארן, מיט זיינע שפיגלען, מיט זיינע טעראסעס און פאנטאנען און פארקן און אויסקוקן, האט געוועקט די די קנאה און דעם חידוש פון דער וועלט.

אלע האבן גענומען אים נאכמאכן. איטלעכער קיניג און פיצל פירשט האט זיך געבויט זיין אייגענעם ווערסאיל, אריבער די אייגענע מיטלען זיינע, ווי ווייט זיינע אונטערטאנען און קרעדיטארן האבן דערלאזט. אומעטום האבן די אדללייט איבערגעבויט אדער פארבייטערט זייערע שלעסער לויט די נייע מוסטערן. עס האט זיך אנטוויקלט א גרויסע אינדוסטריע פון שיינע און קינסטפולע כלים און מעבל. אומעטום האט געבליט א לוקסוס-קונסט: סקולפטור אין אלאבאסטער, פארצעלייי, באגילט האלץ-ווערק, מעטאל-ווערק, געשטאמפעטע לעדער, א סך מוזיק, גרויסארטיקע מאלעריי, שיינע דרוק-ארבעט און איינבינדעריי, פיינע קאך-קונסט, פיינע וויינעריי. צווישן די שפיגלען און דעם פיינעם מעבל זיינען זיך ארומגעגאנגען א פיינע ראסע „דזשענטלמענס“ אין גרויסע געפודערטע פארוקן, אין זיידנס און שפיצן, אויף הויכע רויטע קנאפל, געשטיצט אויף אויסטערלישע שטעקנס. און נאך מער חידושדיק זיינען געווען די „דאמען“ אונטער טורעמס געפודערטע האר, אין ברייטע קליידער פון זייד און אטלעס, אונטערגעהאלטן פון דראט. אינמיטן דעם אלעמען און איבער אלעמען איז געשטאנען דער גרויסער לודוויג, די זון פון דער וועלט, וואס האט ניט געקענט יענע מאגערע און בייזע און ביטערע פנימער, וואס האבן אויף אים ארויסגעלוגט פון יענער פינסטערניש, וואס אהין איז זיין זון-שיין ניט ארייגעדרונגען.

מיר קאנען דא ניט מאריך זיין מכוח דער געשיכטע פון די מלחמות און מעשים פון דעם דאזיקן מאנארך. אין א סך פרטים איז וואלטערס „תקופה פון לודוויג XIV“ נאך ביזן היינטיקן טאג דער בעסטער און פולקומסטער באריכט. לודוויג האט געשאפן א פראנצויזישן פלאט, וואס האט געקאנט באשטיין אנטקעגן דעם ענגלישן מיטן האלענדישן, — דאס איז געווען זייער א גרויסער אויפטו. נאר היות ווי זיין שכל האט ניט אריבערגעשפאנט איבער דעם רייץ פון יענער אויסדוכטעניש, וואס האט פארטומלט די מוחות פון די פא-

ליטיקער אין אייראפּע, דעם חלום פון דער הייליקער רוימישער וועלט־אימפּעריע, דעריבער האָט ער אין זיינע לעצטע יאָרן געזוכט זיך אי־בערצובעטן מיטן פּויפּסטום, וואָס איז ביז דעמאָלט געווען פיינדלעך צו אים. ער האָט אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן די פּראָטעסטאַנטישע פירשטן,



גוסטאַוו אַדאָלף, קיניג פון שוועדן, לויט אַ געמעל פון װאַן דײַק אין מינכען.

די גייסטער פון אומאָפּהענגיקייט און שפּאַלטונג, און ער האָט גענומען רודפן דעם פּראָטעסטאַנטיזם אין פראַנקרייך. דורך זיינע רעליגיעזע רדיפות זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן קיין אייסלאַנד אַ סך פון זיינע ניכטערסטע און ווערטפולסטע אונטערטאַנען, וואָס האָבן מיטגענומען מיט זיך קונסט און אינדוסטריע. למשל, די ענגלישע זיידנס־אינדוסטריע

איז געוואָרן געגרינדעט דורך די פראַנצויזישע פּראָטעסטאַנטן. אונטער זיין רעגירונג זיינען אויסגעפירט געוואָרן די „דראַגאָנאַדעס“, דאָס איז א באַזונדערס רישעותדיקער מין עקזעקוציע, וואָס מען קאָן דערמיט אויך אָן אמת דערגיין די יאָרן די געשטראָפטע. דאָס איז באַשטאַנען דערין, וואָס מען פלעגט אַריינזעצן גראָבע זעלנער אין די הייזער פון די פּראָטעסטאַנטן, און יענע האָבן געמעגט טאָן אין די שטיבער פון די באַלעבאַטים וואָס זייער האַרץ גלוסט: צונעמען אַלצדינג, צעברעכן, באַליידיקן פרויען. נאָך אַזאַ דרוק האָבן געמוזט נאָכגעבן מענטשן, וואָס האָבן ניט נאָכגעגעבן אונטער עינויים און פייער.

מען האָט צעשטערט די פּראָטעסטאַנטישע דערציִונג פון יונגן דור, און די עלטערן זיינען געווען געצוואונגען צו געבן זייערע קינדער אַדער אַ קאַטוילישע דערציִונג אָדער גאָרניט. האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, געגעבן דאָס מיט אַ חוזק-שמייכל און אין אַזאַ טאָן, וואָס האָט מבטל געמאַכט דעם גאַנצן גלויבן. בעת מער טאָלעראַנטע לענדער זיינען געוואָרן אויפריכטיק קאַטויליש אָדער אויפריכטיק פּראָטעסטאַנטיש, האָבן די לענדער, וואו עס זיינען געווען רדיפות, ווי פראַנקרייך, שפּאַניע און איטאַליע, אַזוי צעשטערט די ערלעכע פּראָטעסטאַנטישע לערנונג, אַז די מענטשן זיינען געוואָרן לפנים קאַטויליש, אָבער אין דער אמתן אַטעיִסטן, גרייט ביי איטלעכער געלעגנהייט אַרויסצוווייזן אָן אָפענעם אַטעיִזם. די רעגירונג פון דעם שפּעטערדיקן קיניג, לודוויג XV, איז געווען די צייט פון דעם גרויסן אָפּשפּעטער וואָלטער (1694 — 1778), אַ תּקופה, ווען כמעט איטלעכער אין דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט האָט פאָרמעל געהערט צו דער רוימישער קירך, אָבער קיים איינער האָט אין איר געגלויבט.

איין טייל — און אָן אויסגעצייכנטער טייל — אין דער פּאָזע פון דער גרויס-מאָנאַרכיע איז געווען צו שטיצן ליטעראַטור און וויסנשאַפט. לודוויג XIV האָט געגרינדעט אָן אַקאַדעמיע פון וויסנשאַפטן אויף צו קאָנקורירן מיט דער ענגלישער קיניגלעכער געזעלשאַפט, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך קאָרל II, און אָן ענלעכער געזעלשאַפט אין פלאָרענץ. ער האָט באַפּוצט זיין הויף מיט פּאָעטן, דראַמאַטורגן, פילאָסאָפן און וויסנשאַפטלער. אויב באַגייסטערונג האָט דער וויסנשאַפטלעכער פּראָצעס געקראָגן ווייניק

פון דעם דאָזיקן שוין, האָט ער לכל-הפחות געקראָגן מיטלען אויף עקספּערימענטן און פּובליקירונגען און אַ געוויסן פּרעסטיזש אין די אויגן פון המון.

די ליטעראַרישע טעטיקייט פון פראַנקרייך און ענגלאַנד איז געווען אַ מוסטער פאַר דער ליטעראַרישער טעטיקייט אין אייראָפּע אין משך פון דעם פּעריאָד פון גרויסע און קליינע מאָנאַרכן, פון גרויסע פּריצישע הויפן און פון אויפשטייגנדיקע קאָמערסאַנטן. דער מצב אין פראַנקרייך איז געווען מער מאָנאַרכיסטיש, איידער אין ענגלאַנד, מער צענטראַליזירט און איינפאָרמיק. די פראַנצויזישע שרייבערס האָט אויסגעפעלט די גרויסע טראַדיציע פון אַזאַ פרייען און ניט-דיסציפּלינירטן גייסט ווי שעקספּיר, דאָס פראַנצויזישע אינטעלעקטועלע לעבן האָט זיך קאָנצענטרירט אין הויף און האָט געוואוקסן מער פון אַ קאָנטראָל ווי דאָס ענגלישע. עס האָט קיין מאָל ניט אַרויסגעבראַכט אַזאַ ליטעראַרישן „פּלעבעיער“, ווי דער ענגלענדער בוניאַן, און אין 17טן יאָרהונדערט האָט עס ניט געהאַט אַזאַ פריי-הייט פאַר אַנדערש דענקענדיקע, ווי אין דער ענגלישער רעפּובליק, אַז עס זאָל קאָנען אַרויסגעבן אַ מילטאָנען. די פראַנצויזישע ליטעראַטור איז לויט איר טבע געווענדט צו קאָרעקטקייט און באַגרענעצונגען, זי איז געווען מער אונטער דער ממשלה פון דעם שול-מייסטער און פון דער שול-קריטיק. זי האָט געשטעלט דעם אינהאַלט נידעריקער פאַרן סטיל. די אָרגאַניזאַציע פון אַן אַקאַדעמיע האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די באַגרענעצונגען וואָס זיינען שוין אַזוי .געווען איבער-דימאָסיקע. מחמת אַט די אונטערשיידן איז די פראַנצויזישע ליטעראַטור פון פאַר דעם נײַנצנטן יאָרהונדערט געווען אָנגעזעטיקט מיט ליטעראַרישן זעלבסטבאַוואוסטזיין, און עס האָט דעם איסזען, ווי זי וואָלט זיין געשריבן מער אין גייסט פון אַ גוטן שילער, וואָס האָט מורא פאַר אַ שלעכטער מיינונג, ווי פון אַ מענטשן, וואָס זוכט אַ פרייען אויסדריק. עס איז אַ ליטעראַטור פון קאַלטע קאָרעקטע און פּוסטע מייסטערשטיק, טראַגעדיעס, קאָמעדיעס. ראָמאַנען, קריטישע דיסערטאַציעס, וואָס עס פעלט אין זיי לעבעדיקייט. אויסגעצייכנט צווישן אַט די מייסטערס פון קאָרעקטקייט זיינען געווען קאָרנעיל (1606 — 1684) און ראַסין (1639 — 16999). מאָליער 1622 — 1673) רוקט זיך אַרויס אַנטקעגן

דער ליטעראטור פון זיין דור, וואס איז קוים מער אינטערעסאנט ווי מאנומענטאלע מויערן, מיט זיינע עטוואס ארעמע, עטוואס ליכטיקע שטייגער-קאמעדיעס. כמעט דעם איינציקן מקור פון לעבעדיקן און אינטערעסאנטן לייען-שטאף, וואס מען האט געקאנט געפינען צווישן דער עלעגאנטער און גרויסארטיקער גייסט-ריכטונג פון דער פראנצויזישער גרויסער מאנארכיע, איז צו געפינען אין די רכילות-דיקע און סקאנדאליעזע מעמוארן פון יענער צייט.

די ליכטיקסטע און בעסטע שריפטן אין פראנצויזיש אין יענער צייט האבן געשאפן פראנצויזן, וואס זיינען געווען פארטריבן פון דער היים און וואס האבן געבונטעוועט זיך קעגן רעזשים. דעקארט (1596 — 1650), דער גרעסטער פון די פראנצויזישע פילאסאפן, האט פארבראכט דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן אין לפי-ערכדיקער זיכערקייט אין האלאנד. ער איז די צענטראלע און הערשנדיקע פיגור אין א גרופע ספעקולאטיווע גייסטער, וואס האבן מיטגעווירקט אונטערצוגראבן, פארענדערן און צונישט מאכן דאס עלעגאנטע קריסטנטום פון זייער צייט. איבער אלע אנדערע פארטריבענע און איבער אלע אנדערע אייראפעישע שרייבערס פון יענער צייט שטארצט ארויס די גרויסע פיגור פון וואלטער (1694 — 1778), וואס וועגן זיין גייסטיקן מהות וועלן מיר ריידן שפעטער. זשאן זשאק רוסא (1712 -- 1778), א צווייטער פארשטויסענער גייסט, מיט זיין סענטימענטאלן אנפאל אויף דער פארמעלער מאראל און מיט זיין סענטימענטאלער אידעאליזירונג פון דער נאטור און פרייהייט, צייכנט זיך אויס ווי דער מייסטער פון דער נאוועלע אין זיין צייט און לאנד. אויך וועגן אים וועלן מיר נאך האבן עפעס צו זאגן.

די ענגלישע ליטעראטור פון 17טן יארהונדערט האט אפגעשפיגלט דעם ווינציקער איינגעשטאנענעם און ווינציקער צענטראליזירטן כאראקטער פון דער ענגלישער מלוכה און פארמאגט מער קראפט און ווינציקער שליף, איידער די פראנצויזישע. דער ענגלישער הויף און די ענגלישע הויפטשטאט האט ניט אזוי פארשלונגען דאס נאציאנאלע לעבן, ווי די פראנצויזישע. קעגן דעקארט און זיין שול קאן מען אוועקשטעלן בעקאנען, וואס וועגן אים האבן מיר שוין גערעדט אין אונזער באריכט וועגן דער אויפלעבונג פון דער וויסנשאפט, און

האַבסן און לאָקן. מילטאָן (1608 — 1674) האָט געטראָגן אַ געמישטן
בגד פון גריכישער און לאַטיינישער געלערנטקייט, איטאַליענישער



זשאַן זשאַק רוסאָ.

קולטור און פוריטאַנישער טעאָלאָגיע, מיט אַן אייגענער גרויסקייט. עס
איז געווען אַ היפּשע פרייע ליטעראַטור, אויסערהאַלב פון דער קלאַסישער

השפעה, וואס האט אפשר געקראגן איר כאראקטעריסטישסטן אויס=
דרוק אין בוניאנס Pilgrim's Progress (1678). דאס נאך ניט דער=
שאצטע שאפונגס=ווערק פון דעפא (1659 — 1731) ווידער איז כפירוש
געווענדט צו א פובליקום, וואס האט באשיימפערלעך ניט געוואוסט
פון די אויפטועץ און פון דער געקינצלטקייט פון דער אקאדעמישער
וועלט. זיין „ראבינזאן קרוזא“ געהער צו די גרויסע פאנטאזיע=שא=
פונגען פון דער ליטעראטור. זיין Moll Flanders איז א העלאדיקע
שטודיע פון שטייגער, און סיי דאס און סיי זיינע פאנטאסטישע אויס=
מאלונגען פון געשיכטע זיינען טעכניש א סך פאראויס לגבי די ליטערא=
רישע ארבעטן פון זיינע בני=דור. כמעט אויף איין מדרגה מיט אים
איז געווען פילדינג, באאמטער פון לאנדאנער מאגיסטראט, דער מחבר
פון „טאם דזשאנס“. סעמיועל ריטשארדסאן, דער טוך=הענדלער, וואס
האט אנגעשריבן „פאמעלא“ און „קלאריסא“, איז געווען א הויכע
גרויסע פיגור צווישן די לעבעדיקע רעאליטעטן פון דער ענגלישער
ליטעראטור אין 18טן יארהונדערט, דער ליטעראטור וואס האט ניט
אזוי שטארק געדאגהט צו זיין ליטעראריש. און עס איז א מנהג פון דער
קריטיק צוצורעכענען צו די אויבנדערמאנטע דריי נאך דעם נאמען
פון דעם א סך נידעריקערן סמאלעט. מיט די דאזיקע נעמען
און מיטן נאמען פון זש. זש. רוסא איז ווידער וויכטיק געווארן די
נאוועלע, דער כלומרשט רעאליסטישער באריכט וועגן לעבנס=וועגן,
וועגן ארומרייזן איבער דער וועלט, וועגן דער צוגויפטרעפעניש מיט
מאראלישע פראבלעמעס. די נאוועלע איז פארשוואונדן געווארן ביים
אונטערגאנג פון דער רוימישער אימפעריע. איר צוריקקער צייכנט
אן דאס פריי ווערן פון נייע אומבאשטימטע מינים מענטשן, וואס
זיינען טשיקאוו צו וויסן עפעס מכוח לעבן און פיר, מענטשן מיט א גע=
וויסער פרייער צייט, מענטשן, וואס גארן ממלא צו זיין זייער אייגענע
דערפארונג דורך די טרעפענישן פון אנדערע מענטשן. דאס לעבן איז
פאר זיי געווארן ניט אזוי שווער און מער אינטערעסאנט.

דא אפשר, איידער מיר פארענדיקן אט דעם ליטעראַרישן מאמר
המוסגר, איז דער ארט צו פארצייכענען פאר באטייטפול אין דער

ענגלישער ליטעראַטור, די גראַציעזע פּוסטקייט פון אַדדיסאָן (1672—1719) און די האַמעטנע ליבלעכקייט פון ד"ר סעמיועל דזשאָנסאָן (1709 — 1784), דעם צונויפשטעלער פון ערשטן ענגלישן ווערטער־בוך. פון זיינע שריפטן איז קוים מעגלעך איצט צו לייענען עפּעס, חוץ אייניקע קורצע לעבנס־באַשרייבונגען פון פּאָעטן, נאָר זיינע ווערטלעך און קוריאָזע אַנעקדאָטן פון אים זיינען איבערגעחזרט געוואָרן אויף אַלע מאָל אין דער אומפאַרגלייכלעכער ביאָגראַפיע פון באָסוועל. אַלעקסאַנדער פּאָפּ (1688 — 1744), קלאַסיש לויט דער ריכטונג און פראַנצויזיש לויטן גייסט, האָט איבערזעצט האָמער און האָט איבערגעמאַכט אַ ברייטלעך דעיסטישע פילאָסאָפיע אין זייער געשליפענע פערזן. די מערקווירדיקסטע שריפטן פון דער דאָזיקער תקופה פון גלאַטע און צווייט־ראַנגיקע שרייבערס סיי אין פראַנקרייך און סיי אין ענגלאַנד זיינען געקומען פון אַ גייסט, וואָס איז געווען צעקריגט מיט דער עקסיסטירנדיקער סאָציאַלער אָרדענונג, און אויך בכלל מיטן וועלט־סדר,—דאָס איז סוויפט (1667 — 1745), דער מחבר פון „גוליווערס נסיעות“. לאָ־רענס סטערן (1713 — 1768), דער גייסטלעכער מיטן ניט גאָר פיי־נעם שם, וואָס האָט געשריבן Tristram Shandy און האָט אויסגעלערנט שפּעטערדיקע דערציילער הונדערטערליי קונצן און שפּיגלען, האָט גע־צויגן זיין לעבנס־קראַפט פון דער גרויסקייט פון דעם פאַרקלאַסישן פראַנצויז ראַבלע. גיבאָן, דעם היסטאָריקער, וועלן מיר ציטירן אין אַ ווייטערדיקן פּאַראַגראַף, און מיר וועלן דעמאָלט ווידער אָנווייזן אויף דער אייגנטימלעכער גייסטיקער באַגרענעצונג פון דעם דאָזיקן דזשענטלמענישן דור.

דער גרויסער מאָנאַרך איז געשטאָרבן 1715. לודוויג XV איז געווען זיין אורייניקל און אַן אומפעיקער נאָכמאַכער פון זיין פאַר־גייערס פּראַכט. ער האָט געהאַט די פּאָזע פון אַ קיניג, אָבער זיין הויפּט־תאווה איז געווען דער געוויינטלעכער גלוסט פון פּראָסטע מענטשן, דער גלוסט נאָך פרויען, וואָס איז געווען איינגעצאַמט הורך אַן אָבער־גלויבישער שרעק פאַרן גיהנום, ווי אַזוי אַזעלכע פרויען ווי די הער־צאָגינע שאַטאָרו, מאַדאַם דע פּאָמפּאַדור, מאַדאַם די באַרי האָבן געוועלטיקט איבער דעם קיניגס פאַרגעניגנס, ווי אַזוי עס זיינען געפירט געוואָרן מלחמות און געשלאָסן בונדן, ווי אַזוי לענדער זיינען גע־

וואָרן פאַרוויסט, טויזנטער מענטשן אויסגעהרגעט, צוליב די נישטיקע
קאַפּריזן פון די דאָזיקע באַשעפענישן, ווי אזוי דאס גאַנצע עפּנטלעכע




סעמיועל שאַרידסאָן.

לעבן אין פראנקרייך און איראפּע איז געווען פּאַרפלעקט הויך, אינטריגעס און פּראָסטיטוציע און אפּנאַרעריי אַדאַנק זיי, דאָס מוז דער לייענער דערגיין פון די מעמואַרן פון יענער צייט. אונטער לודוויג XV איז כסדר געפירט געוואָרן אַן אקטיווע אויסוויינקסטע פּאָליטיק, ביז עס איז געקומען דער לעצטער קלאַפּ.

אין יאָר 1774 איז דער דאָזיקער לודוויג, לודוויג דער פיל געליבטער, ווי זיינע חונפים פלעגן אים רופן, געשטאָרבן פון פּאָקן, און עס האָט אים גערשנט זיין איינקל לודוויג XVI (1774 — 1793), אַ טעמפּער מענטש, מיט גוטע כוונות, אַן אויסגעצייכנטער שיסער און אַ שלאָסער אַ ליבהאָבער מיט אַ געוויסן טאַלענט. ווי אַזוי ער איז, פּונקט ווי קאַרל I, געקומען אויפן עשאַפאָט, וועלן מיר דערציילן אין אַ שפּעטערדיקן פּאַראַגראַף. איצט זיינען מיר פאַרנומען מיט דער גרויסער מאָנאַרכיע אין די טעג פון איר גדולה.

צווישן די הויפּטפאָרשטייער פון דער מאָנאַרכיע אויסערהאַלב פון פראַנקרייך קאָנען מיר קודם כל פאַרצייכענען די פּרייסישע מלכים, פרידריך ווילהעלם (1713 — 1740) און זיין זון און יורש פרידריך II, פרידריך דעם גרויסן (1740 — 1786). די געשיכטע פון דעם פאַמעלעכדיקן אויפשטייג פון דער פאַמיליע האָהענצאָלערן, וואָס האָט רעגירט איבער דעם קעניגרייך פּרייסן, פון אירע נידעריקע התחלות איז צו נודנע און ניט וויכטיק, אַז מיר זאָלן זי דאָס דורכנעמען. דאָס איז אַ געשיכטע פון אַפּגליק און גוואַלד מעשים, פון דרייסטע פּרעטענזיעס און פּליצימדיקער אַפּנאַרעריי. דאָס איז דערציילט געוואָרן מיט גרויס אָנערקענונג אין קאַרלײלס „פרידריך דער גרויסער". צום אַכצנטן יאָרהונדערט איז דאָס פּרייסישע קיניגרייך געווען וויכטיק גענוג, אַז עס איז געווען אַ סכנה פאַר דער אימפּעריע; עס האָט געהאַט אַ שטאַרקע, גוט איינגעמושטירטע אַרמיי, און זיין קעניג איז געווען אַ גוטער תלמיד פון מאַקיאַוועלי. פרידריך דער גרויסער האָט זיין ווערסאַיל געמאַכט אין פּאָטסדאַם. דאָ האָט דער פּאַרק פון סאַן=סוסי, מיט זיינע פאָנטאַנען, אַלעעס, סטאַטועס נאָכגעקרימט יענעם מאָדעל; דאָ איז אויך געווען דער נייער פּאַלאַץ, אַ גריוסער ציגל=בנין, אויסגעבויט מיט גרויסע הוצאות, די אָראַנזשערייע אין איטאַליענישן סטיל, מיט אַ קאָלעקציע בילדער, אַ מירמלשטיין=

פאַלאַץ און אַזוי ווייטער. פרידריך איז אַליין געווען אַ מחבר, ער האָט קאָרעספּאָנדירט מיט וואָלטערן און האָט אים אַ שטיקל צייט געהאַלטן ביי זיך צו זייער ביידנס ערגערניש.

די עסטרייכישע לענדער זיינען צופיל געהאַלטן געוואָרן צווישן דעם האַמער פון די פראַנצויזן און דער קאָוואַדלע פון די טערקן, אַז זיי זאָלן האָבן געקאָנט זיך אַנטוויקלען צום אמתן כטיל פון דער גרויסער מאָנאַרכיע ביז דער רעגירונג פון מאַריע טערעזע (וואָס ווי אַ פרוי האָט זי ניט געטראָגן דעם טיטל קיסרינע) (1740 — 1780). יאָזעף II, וואָס איז געווען קיסר פון 1765 ביז 1790, האָט געירשנט אירע פאַלאַצן אין יאָר 1780.

מיט פעטער דעם גרויסן (1682 — 1725) האָט די מאָסקעווער אימפּעריע זיך אָפּגעריסן פון דער טאַטערישער טראַדיציע און איז אַריין אין דעם פראַנצויזישן צוצי-קרייז. פעטער האָט אָפּגעגאָלט די אָריענטאַלישע בערד פון זיינע אַדללייט און האָט איינגעפירט דעם מערבדיקן קאָסטיום. דאָס זיינען געווען נאָר די אויסערלעכסטע און אַגזיכטיקע סימנים פון זיין מערב-געווענדטער טענדענץ. כדי זיך צו באַפרייען פון די אַזיאַטישע געפילן און טראַדיציעס פון מאָסקעווע, וואָס האָט, פונקט ווי פעקין, געהאַט אַן אינעווייניקסטע הייליקע שטאָט, דעם קרעמל, האָט ער פאַר זיך אויסגעבויט אַ נייע הויפּטשטאָט, פעטערבורג, אויף דעם זומפּ פון דער נעווא. און פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט אויסגעבויט זיין ווערסאַיל, פעטערהאָף, אַרום אַכצן ענגלישע מייל פון זיין נייער פּאַריז. ער האָט אָנגעשטעלט אַ פראַנצויזישן אַרכיטעקטאָר און געלאָזט מאַכן אַ טעראַסע, פאָנטאַנען, קאַסקאַדעס, אַ בילדער-גאַלעריע, אַ פּאַרק און אַלץ וואָס מען דאַרף האָבן. פון די שפּעטערדיקע קיסרים צייכענען זיך אויס פעטערס טאָכטער עליזאַבעט (1741 — 1762) און קאַטערינע די גרויסע, אַ דייטשע פּרינצעסין, וואָס נאָכדעם ווי זי האָט געקראָגן די קרוין אויף אַ ריין אָריענטאַלישן שטייגער דורך דערהרגענען איר מאַן, דעם געזעצלעכן צאַר, האָט זי זיך צוגעווענדט צו פּראָגרעסיווע מערבדיקע אידעען און האָט רעגירט מיט גרויס מאַכט פון 1762 ביז 1796. זי האָט געגרינדעט אַן אַקאַדעמיע און האָט קאָרעספּאָנדירט מיט וואָלטערן. און זי האָט דערלעבט צו זען דעם סוף פון דער סיסטעם פון

דער גרויסער מאָנאַרכיע אין אייראָפּע און די טויטונג פון לודוויג XVI.

מיר קאָנען דאָ ניט אויסרעכענען די קלענערע מאָנאַרכן פון יע־נער צייט אין פלאָרענץ (טאָסקאַנע), סאַוואָי, זאַקסן, דענעמאַרק און שוועדן. ווערסאַיל קוקט אַרויס, אונטער עטלעכע צענדליק נעמען, פון איטלעכן באַנד בעדעקער, און טוריסטן גייען אַרום אין זייערע פּאַלאַצן מיט אָפענע מיילער. מיר קאָנען דאָ ניט באַהאַנדלען די מלחמה פאַר דער שפּאַנישער ירושה. שפּאַניע, אויסגעמאַטערט דורך די אימ־



לודוויג XIV, קיניג פון פראַנקרייך, ביי דער באַלעגערונג פון אַ פלעמישער שטאָט. פון אַ געמעל פון אַדאַם פראַנסואַ וואַן דער מײַלן אין לענינגראַד.

פּערישע אונטערנעמונגען פון קאַרל V און פיליפּ II און אָפּגע־שוואַכט פון די צביעותדיקע רדיפות אויף פּראָטעסטאַנטן, מוסלימס און יידן, איז אין משך פון 17טן און 18טן יאָרהונדערט בסדר גע־זונקען אַראָפּ פון איר צייטווייליקער וויכטיקייט אין אייראָפּע צוריק צו דער מדרגה פון אַ צווייטראַנגיקער מאַכט.

די דאָזיקע אייראָפּעיִשע מאָנאַרכן האָבן רעגירט זייערע מלוכות, אַזוי ווי זייערע פּריצים האָבן רעגירט זייערע מאַיאָנטקעס: זיי פלעגן מאַכן פאַרשווערונגען איינער קעגן אַנדערן, זיי זיינען געווען פּאָליטיש

אין וויטזעיק אויף א ניט-רעאלן שטייגער, זיי האבן געפירט מלחמות, זיי האבן געפטרט דעם פארמעגן פון איראפע אויף אבסודער „פאליטיק" פון אנפאל און ווידערשטאנד. צולעצט האט אויף זיי ארויס-געפלאמט א גרויסער שטורעם פון דער טיפעניש. דער דאזיקער שטורעם, די גרויסע פראנצויזישע רעוואלוציע, האט פארכאפט זייער סיסטעם אומגעריכטערהייט. דאס איז געווען נאר דער ערשטער אויסבראך פון א גרויסן ציקל פאליטישע און סאציאלע שטורעמס, וואס געדויערן נאך ביז איצט, וואס וועלן אפשר געדויערן, ביז עס וועט אויסגעראמט ווערן איטלעכער סימן פון דער נאציאנאליסטישער מאנארכיע אין דער וועלט, און די הימלען וועלן ווידער זיין קלאר פארן גרויסן שלום פון דער פעדעראציע פון דער מענטשהייט.

---

### 6. מוזיק אין זיבעצנטן און אכצנטן יארהונדערט.

דער 17טער און 18טער יארהונדערט זיינען געווען א פעריאד פון מעכטיקער אנטוויקלונג פון מוזיק. עס איז אויסגעארבעט געווארן די סיסטעם צו פארשרייבן מוזיק: עס זיינען איינגעשטעלט געווארן די גאמעס אין מאזשאר און מינאר מיט דעם פעסטן סדר פון די נאטן, זייער צוגעפאסטקייט צו דער מאדולאציע און זייערע מעגלעכ-קייטן פון הארמאנישער פארב. עס איז געווארן מעגלעך צו באשטימען קלאר א מוזיקאלישע כוונה, צו רעגולירן מיט גרויס פינקטלעכקייט די מיטארבעט פון פארשיידענע אינסטרומענטן. און די סאציאלע תנאים, די וואקסנדיקע שטעט, די קיניגלעכע הויפן, די הויפן פון די פריצים האבן צוגעגעבן נייע פעלדער פאר מוזיקאלישער טעטיקייט צו דעם פריער-דיקן קרייז פון די קירכן-כארן. מאסקן-שפילן און פאראדן זיינען געווען פארשפרייט אין 16טן יארהונדערט; זיי האבן געגעבן מעגלעכקייט פאר קונסטפולער מוזיק. מיטן 17טן יארהונדערט איז געקומען א גרויסע אנטוויקלונג פון אפערעס און ארטאריעס. אין איטאליע האבן זיך באוויזן די Nuove Musiche. לולי (1635 — 1687), זאגט סער וו. ה. העדאו, „איז דער היסטארישער וויכטיקסטער ניט נאר מחמת דער דראמאטישער קראפט פון זיין מעלאדיע, נייערט אויך

מחמת דער געניער פינקטלעכקייט פון זיין דעקלאמאציע". ליעבן אים שטייט דער איטאליענער מאנטעווערדע. מוזיק האט אנגעהויבן צו ווירקן אויף א גרויסן מאסשטאב אין דעם דאזיקן פעריאד.

„די מעסעס פון 16טן יארהונדערט זיינען געווען געשריבן פאר קירכן=כאר; די מאדריגאלן פון 16טן יארהונדערט פאר אגעזעלשאפט גוטע פריינד ארום אן עס=טיש. ערשט צום סוף פון דעם יארהונדערט האבן די מוזיקער אין אויספירן גענומען ארייטראגן דעם באגריף ווירטואזיטעט... די גרויסע פארפולקומונג אין בויען דעם ארגל האט געבראכט מיט זיך אגאנצע ריי מייסטערס: די ענגלענדער בול און פיליפס, דער נידערלענדער סוועלינק, פרעסקאבאלדי אין רוים, פראבערגער אין ווין, בוקסטעהודע אין ליבעק, וואס באך איז אהין געגאנגען צו פוס, בכדי אים צו הערן... צוגלייך איז געגאנגען די אנטוויקלונג פון דער מוזיק פון די סטרונעס=אינסטרומענטן... ניט ווייניקער וויכטיק איז דער איפקום פון פידל מיט זיין פאמיליע און זיין פאזאליעדיקער איפנעס. אנגעהויבן פון די טיפענבריקער און די אמאטיס און זייער ערשטער העלפט פון 16טן יארהונדערט, האט עס געדויערט כמעט הונדערט יאר, ביז דער עולם איז אריין אין געשמאק. איר בריטערער פארנעם, איר גרעסערע באוועגלעכקייט און איר שארפערע אויסדרוקס=קראפט האבן זיך געלאזט פילן אין משך פון דער צייט, און זי האט אזוי ארום גובר געווען די פריערדיקע טיפן פון די גלעט=אינסטרומענטן... אין איטאליע, איר נאטירלעכער היים, הגם זי איז דארט גראב באהאנדלט און האמעטנע געשפילט, נאר מען האט סוף=כל=סוף מודה געווען, אז זי איז דער איינציקער אינסטרומענט, וואס קאן קאנקורירן מיט דער מענטשלעכער שטים"*.

אויף א שטיקל צייט, דערציילט מען, האט דער געשמאק פאר די וואקאלע טיילן אין דער איטאליענישער אפערע פארהאלטן די אנטוויקלונג פון דער מוזיק; די זינגערס פון 17טן יארהונדערט, און בפרט די מאנספילשע סאפראנאס, האבן געהאט כמעט אזא וואולגארע און שרעקלעכע פאפולאריטעט, ווי די מאדערנע פילם=סטארס. נאר

* סער וו. ה. העדאו „מוזיק".

דער זעלביקער פעריאָד האָט אַרויסגעבראַכט די ריַיכע און שיינע מוזיק פון אַלעסאַנדראַ סקאַרלאַטי (1659—1725), דעם פאָרגייער פון מאָצאַרט. אין ענגלאַנד איז געקומען נאָך אַ פּאַוזע פון רו אַ גרויסער אויפבלי פון מוזיקאַלישער אַקטיוויטעט בעת דער רעפּובליק, וואָס זיין שפּיץ איז געווען פּוירסעל (1658 — 1695). אין דייטשלאַנד האָבן די קליינע הויפן און די שטאָט-קאַפּעליעס פאַרגעשטעלט אַנצאָליקע צענטערס פון מוזיקאַלישער ענערגיע, און אין יאָר 1685 זיינען אין זאַקסן געבאָרן געוואָרן י. ס. באַך און הענדעל, וואָס האָבן דערהויבן די דייטשע מוזיק צו דעם שטאַנד פון איבערהערשאַפט, וואָס זי האָט פאַרנומען אין



יאָהאַן סעבאַסטיאַן באַך.



אלעסאַנדראַ סקאַרלאַטי.

משך פון אַנדערהאַלבן יאָרהונדערט. „פון אַלע קאָמפּאָזיטאָרס, זאָגט סער וו. ה. העדאָו, ביז דעם וויגער פעריאָד האָבן זיי די נאָענטסטע שייכות צו אונזער צייט, זייערע שטימען קלינגען אין אונזערע אויערן אייגן און היימיש“.

פּאַלעסטרינאַ, וואָס האָט געהאַט אַפּגעצייכנט אַ פריערדיקן הויך-פּונקט אין דער מוזיק איז, אין פאַרגלייך מיט זיי, אַ וועזן אין אַן אַנדער וועלט. ער איז געווען דער גרעסטער מייסטער פון כאָר-מוזיק, איידער די אינסטרומענטאַלע מוזיק האָט דערגרייכט צו שלמות. נאָך באַך און הענדעל קומען אַ גאַנצע פּלעיאַדע; הײדן (1732 — 1809), מאָצאַרט (1756 — 1791), בעטהאָווען (1779 — 1827) גלאַנצן צווישן די ליכטיקסטע שטערן. דער גרויסער שטראָם פון דער מאָ-

דערנער מוזיק איז געפלאָסן ברייט און טיף. און ער פליסט נאָך. דאָ קאָנען מיר אָנרופן נאָר קאָמפּאָזיטאָרן און שפּעטער צו געבן אין אַ קורצן פּאַראַגראַף עטלעכע אַלגעמיינע באַמערקונגען בקיצור מכּוח דער מוזיק פון 19טן יאָרהונדערט און פון אונזער אייגענער צייט. אין דער צייט ווען עס איז געשאַפן געוואָרן די דאָזיקע מוזיק פון 17טן און 18טן יאָרהונדערט, איז מוזיק געווען די פּריווילעגיע פון אַ קליינער קולטורעלער וועלט — די מענטשן אין די קיניגלעכע הויפן, די מענטשן אין די הויפּטשטעט און אין די פּריצישע הויפן, וואָס האָבן געקאָנט אָרגאַניזירן אויפפירונגען, די מענטשן אין שטעט וואָס זיינען גרויס גענוג, צו האָבן אָפּערע־הייזער און קאָנצערט־זאַלן. דער פּויער און דער אַרבעטער פון מערב־אייראָפּע האָבן געהאַט אַלין ווינציקער און ווינציקער מוזיק אין דער צייט, ווען די דאָזיקע נייע פאָרמען האָבן געהאַלטן אין אַנטוויקלען זיך. פאָלקס־געזאַנג איז געווען דערנידער און האָט אויסגעזען ווי פאַרגעסן. עטלעכע פאָלקס־לידער, עטלעכע רעליגיעזע הימנען דאָס איז געווען גאַר דאָס מוזיקאַלע לעבן, וואָס איז איבערגעבליבן פאַרן כּלל פון פאָלק. די רעליגיעזע באַוועגונגען פון יענער צייט האָבן מסתּמא געהאַט צו פאַרדאַנקען אַ סך פון זייער אימפּעט אָט דער איינגעצאַמטער מוזיקאַלישער ענערגיע, וואָס האָט געזוכט אַן אויסגאַנג. ערשט היינט, מיט דער ברייטער אַנטוויקלונג פון די מעכאַנישע מעטאָדן פון מוזיקאַלישער רעפּראָדוקציע, האָט די מוזיק, מאָדערניזירט, אַנטוויקלט און געהויבן, גענומען צוריקקערן אין געוויינטלעכן לעבן, און באַך און בעטהאָווען ווערן אַ טייל פון דער אַלגעמיינער קולטור פון דער מענטשהייט.

---

## 7. די מאָלעריי פון זיבעצנטן און אַכצנטן יאָר־הונדערט.

די מאָלעריי און אַרכיטעקטור פון יענעם פּעריאָד שפּיגלט אָפּ, פּונקט ווי די מוזיק, די סאָציאַלע תּנאים פון דער צייט. עס איז אַ צייט פון צעבּרעקלונג פון אידעעס און פון מאַכט, און סבֿרות פון אָביעקט און ווערדע האָבן מער ניט באַהערשט די געמעל־קונסט. רעליגיעזע סו־זשעטן זיינען אָפּגעטראָטן אויפן צווייטן אָרט, און דאָרט וואו זיי ווערן

באהאנדלט זיינען זיי באהאנדלט ווי געשעענישן אין א דערציילונג און ניט ווי גרויסע מאנומענטאלע בילדער. אלעגאריע און סימבאלישע פיגורן האלטן אין פארשווינדן. דער מאלער מאלט פארן זען און ניט צוליב דער אידעע און ניט צוליב דעם פאקט. דאס בילד פון רעאלן לעבן פארנעמט דעם ארט פון העראישן אדער פון פרומען בילד, פונקט ווי די נאוועלע פארטרעט דעם עפאס און דעם פאנטאסטישן ראמאן. די צוויי גרעסטע מייסטערס פון דער מאלעריי אין 17טן יארהונדערט זיינען וועלאסקעז (1599 — 1660) און רעמבראנדט (1606—1669). פאר זיי איז דאס גאנצע לעבן געווען אלץ איינס, אבי נאר עס האט זיי געגעבן מער אדער ווייניקער אויסזיכט צו פארקערפערן שיינקייט אין דער אטמאספער, אין ליכט און אינהאלט. וועלאסקעז האט ביים יורדישן הויף פון שפאניע געמאלט פויפסן און מלכים און חניפה און ברויזל-מענטשן און קאליקעס אן ביטול. אין דעם ווערק פון די דאזיקע מאלער, די ערשטע פון די מאדערנע, האט די פינקטלעכע, אנאליטישע און דאקומענטארע צייכענונג פון אביעקטן אפגעטראטן דעם ארט פאר א ברייטן איבערגעבן עפעקטן, פאר א קאנצענטרירונג אויף דער איינהייט פון אויסדרוק אויפן חשבון פון אלע טפל-זאכן. ביז אהער, אין דעם מער צענטראליזירטן לעבן פון עבר, איז דאס געמעל געווען אן עדות, אן אויפמונטערונג, א חניפה, א פארשענערונג; איצט איז דאס אין א סך פאלן געווארן א זאך פאר זיך, וואס עקסיסטירט צוליב זיך אליין. בילדער זיינען געווארן אויסגעהאנגען ווי בילדער — צונויפגעקליבן אין בילדער-גאלערייעס. לאנדשאפטן האבן זיך מעכטיק אנטוויקלט, דאס גלייכן אויך זשאנר-מאלעריי. דאס נאקעט איז געווארן געמאלט אנגענעם און רייצנדיק, און אין פראנקרייך האבן וואטא, פראגאנאר און אנדערע געחנפעט די לאנדישע פריצים מיט א צארטן אפאטעאז פון לאנד-לעבן. אין די דאזיקע זאכן קאן מען זען א באווייז דערפאר, אז עס איז געוואקסן א געזעלשאפט פון געזיכערטע, גליקלעכע, גאנץ פיין-גייסטיקע מענטשן, וואס זיינען מסוגל צו באנעמען דאס לעבן אין א ביסל אפגעשיידט סיי פון דער פראכט פון לעבן און סיי פון זיינע צרות.

די תקופה פון עליזאבעט אין ענגלאנד פארמאגט ניט קיין פלאסטישע שאפונגען, וואס מען זאל קאנען פארגלייכן מיט איר

ליטעראַרישער און מוזיקאַלישער אַקטיוויטעט. אירע מאָלערס און אַרכיטעקטן האָט זי אַריינגעבראַכט פון אויסלאַנד. נאָר אין 17טן און 18טן יאָרהונדערט האָט דער וואַקסנדיקער רייכטום געשאַפן אין דעם לאַנד, וואָס איז ביז אַהער געווען אַזוי ווי אַ ראַנד־געביט פון דער אייראָפּעישער ציוויליזאַציע, גינסטיקע תנאים פאַר קינסטלערישער אָנשטרענגונג, און אין 18טן יאָרהונדערט האָבן אַזעלכע ענגלישע מאָלערס ווי ריינאָלדס (1723 — 1792), גיינסבאָראָ (1727 — 1788) און ראָמניי געקאָנט באַשטיין מיט זייער קונסט אַנטקעגן די קינסטלער פון זייער צייט.

דער דאָזיקער פּעריאָד פון מאָנאַרכיעס און פון לאַנד־אַדל איז אויך געווען ביז גאָר גינסטיק פאַר דער אַנטוויקלונג פון געוויסע טיפּן אַרכיטעקטור. פּראַצעסן, וואָס האָבן שוין געווירקט אין 16טן יאָרהונדערט, זיינען אַ צייט געגאַנגען מיט פאַרשטאַרקטער מאַכט. אומעטום האָבן מאָנאַרכן געבויט און איבערגעבויט פּאַלאַצן, און די פּריצים איופן לאַנד האָבן אַראָפּגעריסן זייערע אַלטע שלעסער און געבויט זיך אויף זייער אָרט שיינע הייזער. דאָס שטאָטישע הויז איז געוואָרן אויפגעבויט אין אַ ברייטערן מאַסשטאַב. די קירכלעכע אַרכיטעקטור איז געוואָרן פאַרבלאַסט. לערך ווינציקער מעכטיק זיינען געוואָרן די אָנשטרענגונגען פון די שטאָטפאַרוואַלטונגען. פּונקט ווי אַלע אַנדערע זאַכן איז דאָס דער רייכער יחיד, וואָס באַשטימט דעם פּנים פון דעם פּעריאָד. אין ענגלאַנד האָט די גרויסע שׂרפה פון 1666, וואָס דעמאָלט איז פאַרברענט געוואָרן אַ גרויסער טייל פון לאָנדאָן, געגעבן אַ באַזונדער געלעגנהייט סער קריסטאָפאָר ווירען, און זיין קאַטעדראַלע פון הייליקן פּאָול און זיינע לאָנדאָנער קירכן ציכענען אָן אַ הייךפּונקט אין דער געשיכטע פון דער בריטישער אַרכיטעקטור. ער האָט געשיקט צייכענונגען קיין אַמעריקע צו ליב פאַרשיידענע לאַנד־הייזער, וואָס זיינען דאָרט אויסגעבויט געוואָרן, און זיין אייגנטימלעכער זשעני האָט זיך אָפּגעהתמעט אויף דער עלטסטער אַמעריקאַנישער צייכענונג. איניגאָ דזשאָנס איז געווען אַ צווייטע גרויסע פיגור צווישן די ענגלישע אַרכיטעקטן פון אָנהייב 17טן יאָרהונדערט, און זיין Banqueting Hall — עס האָט געדאַרפט זיין אַ טייל פון אַ ניט פאַרענדיקטן פּאַלאַץ אין ווייטהאָל — באַקענט מיט זיין ווערק איטאַליענער באַהובער פון לאָנדאָן.

סיי די צווי מענער און סיי פּאַקטיש אַלע ענגלישע, פראַנצויזישע און דייטשע אַרכיטעקטן פון יענעם פּעריאָד האָבן געאַרבעט לויט דער נאָך לעבנדיקער און זיך אַנטוויקלענדיקער ריכטונג פון דעם איטאַליענישן רענעסאַנס, און אַ סך פון די בעסטע בנינים אין די דאָזיקע לענדער זיינען די ווערק פון איטאַליענער. צופּיסלעכווייז, וואָס נעענטער דער 18טער יאָרהונדערט איז געקומען צו זיין סוף, איז די פרייע און נאַטירלעכע אַנטוויקלונג פון דער רענעסאַנס-אַרכיטעקטור איבערגעהאַקט געוואָרן דורך אַ כוואַליע פון קלאַסישן פּעדאַנטיזם. דאָס וואָס אין די שולן פון מערב-אייראָפּע זיינען פאַרשטאַרקט געוואָרן די קלאַסישע לימודים, האָט געבראַכט צו אַ פאַרשטאַרקטער טענדענץ נאָכצומאַכן גריכישע און לאַטיינישע מוסטערן. דאָס וואָס האָט פריער געוועקט און געשטופּט, איז איצט געוואָרן אַ טראַדיציאָנעלע פּאַטראָווע, וואָס האָט נאָר טעמפּ געמאַכט דעם גייסט. באַנק-הייזער, קירכן, מוזייען זיינען אויסגעבויט געוואָרן לויטן מוסטער פון אַנטיקע טעמפּלען, און אַפילו טעראַסעס פון הייזער זיינען געוואָרן אַרונטערגעשטעלט אונטער קאָלאָנאַדעס. נאָר די ערגסטע עקסצעסן פון דער דאָזיקער אַפּטייטנדיקער טענדענץ זיינען געווען אין 19טן יאָרהונדערט און גייען אַרויס פון די גרענעצן פון אונזער איצטיקן פּעריאָד.

---

## 8. דער וואוקס פון דער אידעע פון גרויס-מלוכות.

מיר האָבן געזען, ווי אַזוי די אידעע פון אַ וועלט-רעגירונג און אַ מענטשן-געמיינשאַפט איז אויפגעקומען צוערשט אין דער מענטשלעכער געשיכטע, און מיר האָבן געצייכנט, ווי אַזוי דער דורכפאַל פון די קריסטלעכע קירכן, וואָס האָבן ניט געקאָנט אונטערהאַלטן און פאַרפעסטיקן די דאָזיקע אידעען פון זייער גרינדער, האָט געפירט צו אַ מאָראַלישער ירידה אין פּאָליטישע ענינים און צו אַן אָפּקער צום עגאָיזם און אומגלויבן. מיר האָבן געזען, ווי אַזוי די מאַקיאַוועלישע מאָנאַרכיע איז אויפגעשטאַנען קעגן דעם גייסט פון ברודערשאַפט אין קריסטנטום, און ווי אַזוי די מאַקיאַוועלישע מאָנאַרכיע האָט זיך

אנטוויקלט אין א גרויסן טייל פון אייראפע צו די גרויס-מאנארכיעס און פארלאמענטארישע מאנארכיעס פון 17טן און 18טן יארהונדערט. נאר דער גייסט אין דער כוח הדמיון פון מענטשן הערט ניט אויף צו זיין אקטיוו, און אונטערן דרוק פון די גרויסע מאנארכן האט זיך גענומען וועבן, ווי עס וועבט זיך א נעץ, א קאמפלעקס פון פארשטעלונגען און טראדיציעס, וואס האבן באדארפט באראפן און פארוויקלען די מענטשלעכע גייסטער — דאס איז דער באגריף פון אינטערנאציאנאלער פאליטיק ניט ווי אן ענין פון א משא-ומתן צווישן פירשטן, נאר ווי אן ענין, וואס געהער זיך אן מיט א מין אומשטאַרבלעכע וועזנס, די גרויס-מלוכות. פירשטן זיינען געקומען און זיינען געגאנגען. נאך לודוויג XIV איז געקומען דער פריען-יעגער לודוויג XV און נאך אים ווידער דער ניט-איבערגעשפיצטער שלאסערײ-ליבהאבער, לודוויג XVI. נאך פעטער דעם גרויסן האבן געקיניגט קיסרינעס. די הויפט-ירושה פון די האבסבורגער, נאך קארל V, סיי אין עסטרייך און סיי אין שפאניע, איז געווען: גראבע ליפן, מגושמדיקע קינען — און אבערגלויבן. די ליבהארציקע זשוליקערײ פון א קארל II האט חוזק געמאכט פון די אייגענע פרעטענזיעס. נאר שטאנדהאפטיקער זיינען געבליבן די סעקרעטאריאטן פון די אויסערן-מיניסטעריומס און די אידעען פון די מענטשן, וואס האבן געשריבן וועגן די מלוכה-פארהעלטענישן. די מיניסטארן האבן אונטערגעהאלטן אן איבעררייס די פאליטיק, בעת זייערע מאנארכן זיינען געווען פארנומען אנדערשוואו, און אין דער צייט צווישן איין מאנארך און דעם צווייטן.

אזוי געפינען מיר, אז דער פירשט איז בהדרגה געווארן ווינציקער וויכטיק אין דער פארשטעלונג פון מענטשן, ווי די מלוכה אדער די „מאכט“, וואס בראש פון איר איז ער געשטאנען. מיר הייבן אן אליץ ווינציקער און ווינציקער צו לייענען וועגן די פלענער און אמביציעס פון קיניג דעם און דעם, און אליץ מער וועגן די „פלענער פון פראנקרייך“ אדער די „אמביציעס פון פרייסן“. אין א תקופה, ווען דער רעליגיעזער גלויבן האט געהאלטן אין גיין אראפ, געפינען מיר מענטשן, וואס ווייזן ארויס א נייעם און לעבעדיקן גלויבן אין דער רעאליטעט פון די דאזיקע פערסאניפיקאציעס. אט די גרויסע אומבאשטימטע שאטן-געשטאלטן, די „גרויס-מלוכות“, זיינען אומבאמערקטערהייט אריינ-

געקראכן אין אייראפעאישן פאליטישן געדאנק, ביז ווי האבן צום סוף 18טן און אין 19טן יארהונדערט אים באהערשט אינגאנצן. ווי הערשן איבער אים ביז צום היינטיקן טאג. דאס אייראפעאישע לעבן איז לויטן נאמען געבליבן קריסטלעך. אבער דינען צו איין גאט אין גייסט און ווארהייט הייסט געהערן צו איין געמיינשאפט מיט אלע איבעריקע מאמינים אין דעם גאט. אין דער פאקטישער ווירקלעכקייט אבער איז אייראפע ניט קריסטלעך, זי גיט זיך איבער מיט אן אמת אינגאנצן דעם קולט פון יענער משונהדיקער מלוכה-מיטאלאגיע. פאר אט די פזווערענע גאטהייטן, דער איינהייט פון „איטאליע“, דער העגעמאניע פון „פרייסן“, דער גדולה פון „פראנקרייך“, דער באשטימונג פון „רוס-לאנד“ האט זי מקריב געווען א סך דורות פון מעגלעכער איינהייט, שלום און וואוילשטאנד און די לעבנס פון מיליאנען מענטשן.

צו באטראכטן א שבט צי א מלוכה ווי א מין פערזענלעכקייט איז אן אלטע נטיה אין מענטשלעכן גייסט. דער תנ״ך איז פול און פיל מיט אזעלכע פערסאניפיקאציעס. יהודה, אדום, מואב, אשור פיגורירן אין די העברעאישע שריפטן ווי ווי זאלטן געווען אינדיווידן; עס איז טיילמאל שווער צו זאגן, צי דער העברעאישער שרייבער איז אויסן א פערזאן אדער א פאלק. דאס איז באשיימפערלעך א פרימיטיווע און נאטירלעכע טענדענץ. נאר אין דעם פאל פון דער מאדערנער איי-ראפע איז דאס א צוריקפאל אין א נידעריקערן צושטאנד. אונטער דער אידעע פון קריסטנטום האט אייראפע זיך געהאט שטארק דער-נעענטערט צו פאראייניקונג. און בעת אזעלכע שבט-פערזאנען ווי „ישראל“ אדער „צור“ רעפרעזענטירן א געוויסע בלוט-געמיינשאפט, א געוויסע איינפארמיקייט פון טיפ און גלייכארטיקייט פון אינטערעס, זיינען די אייראפעאישע גרויס-מלוכות, וואס זיינען אויפגעקומען אין 17טן און 18טן יארהונדערט, געווען דורכאויס פיקטיווע איינהייטן. רוסלאנד איז געווען אין דער אמתן אן איינזאמלונג פון עלעמענטן, וואס האבן לחלוטין ניט געשטימט מיט אנאנד: קאזאקן, טאטערן, אוקראי-נער, מאסקאוויטן און נאך פעטערס צייט, עסטאניער און ליטווינער. פראנקרייך פון לודוויג XIV האט איינגענומען די דייטשע עלזאס און די ניי אסימילירטע פראווינצן פון בורגונד; זי איז געווען א תפיסה פאר די הוגענאטן און א שוויך-הויז פאר פויערים. אין „בריטאניע“ האט

ענגלאנד געטראגן אויף איר פלייצע די האנאווערשע פראווינצן אין דייטשלאנד, שאטלאנד, די טיף פרעמדע וועלסער און די פיינדלעכע און קאטוילישע אירלענדער. אזעלכע גרויס-מלוכות ווי שוועדן, פרייסן, און נאך מער פוילן און עסטרייך, ווען מיר באטראכטן זיי אויף א ריי היסטארישע קארטעס, דעמאלט קומט אויס, אז זיי ציען זיך איין, שפרייטן זיך אויס, רוקן ארויס שפיצן, גייען ארום איבער דער קארטע פון איראפע, ממש ווי אמעבעס אונטער א מיקראסקאפ...

ווען מיר באטראכטן די פסיכאלאגיע פון די אינטערנאציאנאלע פארהעלטענישן, אזוי ווי מיר זעען זיי זיך אנטפלעקן אין דער וועלט ארום אונז און ווי זיי באווייזן זיך אין דער אנטוויקלונג פון דער גרויס-מלוכה-אידעע אין דער מאדערנער איראפע, דערקענען מיר היסטאריש זייער וויכטיקע פאקטן וועגן דעם מענטשנס טבע. אריסטאטעלעס זאגט, אז דער מענטש איז א פאליטישער בעל-חי, אבער אין אונזער מאדערנעם טייטש פון דעם ווארט פאליטיק, וואס באטייט איצט דעם באגריף וועלט-פאליטיק, איז דער מענטש לחלוטין ניט פאליטיש. ער האט נאך די אינסטינקטן פון דער שבט-פאמיליע, און חוץ דעם האט ער א נטיה צוצובינדן זיך און זיין פאמיליע צו עפעס א גרעסערן פארבאנד, צי א שבט, א שטאט, א פאלק אדער א מלוכה. אבער די דאזיקע נטיה, איבערגעלאזט צו איר אייגענער טבע, איז אן אומבאשטימטע און זייער אומקריטישע נטיה. דער מענטש איז בכל אופן נוטה צו שרעקן זיך פאר דער קריטיק פון אט דעם גרעסערן פארבאנד, וואס שליסט איין אין זיך זיין לעבן און וואס ער האט זיך צו אים איבערגעענטפערט, און וויל ניט ליידן און מיידט אויס אזא קריטיק. אפשר האט ער אומבאוואוסט מורא פאר דער פאראיינזאמונג וואס קאן אנשטיין, ווען די דאזיקע סיסטעם איז צעריסן אדער דיסקרעדיטירט. ער איז מקבל באהבה די סביבה, וואס אין איר געפינט ער זיך פאר געזיכערט; ער נעמט אן זיין שטאט אין זיין רעגירונג, פונקט ווי ער נעמט אן פאר ליב די נאז אדער די פארדייונג, וואס דער גורל האט פאר אים באשטימט. אבער די לאיאלקייט פון מענטשן, דאס האלטן פאר דעם אדער יענעם פאליטישן צד, איז ניט קיין געבארענע זאך, נייערט דער רעזולטאט פון דערציונג. פארן גרעסטן טייל מענטשן איז די דערציונג אין די דאזיקע ענינים די שטומע,

בסדרדיקע ווירקונג פון די זאכן ארום זיי. מענטשן שפירן זיך ווי א טייל פון דער „פריילעכער ענגלאנד“ אדער פון דער „הייליקער רוסלאנד“. זיי וואקסן מיט דעם דאזיקן געפיל. זיי נעמען אים אן ווי א טייל פון זייער נאטור.

נאר פאוואליע הייבט די וועלט אן איינצוזען, ווי טיף די שטומע דערציִונג פון די אומשטאנדן קאן ווערן דערגאנצט, איבערגעאנדערשט און פארריכט דורך לערנען, דורך ליטעראטור, דורך דיסקוסיע, דורך גענוי קריטיקירטער דערפארונג. דאס רעאלע לעבן פון דעם געוויינטלעכן מענטשן איז זיין וואכעדיק לעבן, זיין קליינער קרייז פון ליבהאבערייען, דאגות, גלוסטן, תאוות און איינגערעדטע אימפולסן. ערשט ווען די פאליטיק רירט אן דירעקט עפעס אזוינס, וואס געהער צו דעם קרייז פון זיינע פערזענלעכע אינטערעסן, דעמאלט ווענדט ער ניט-ווילנדיק זיין אויפמערק אויף די ענינים פון פאליטיק. עס איז קוים צו פיל צו זאגן, אז דער געוויינטלעכער מענטש טראכט וועגן פאליטישע ענינים אזוי ווינציק וויפיל ער קאן נאר און הערט אויף צו טראכטן וועגן זיי, ווי נאר דאס איז מעגלעך. דערווייל זיינען דאס נאר זייער נייגעריקע און אויסנאמלעכע גייסטער, אדער גייסטער וואס האבן זיך דורך א ביישפיל אדער דורך א גוטער דערציִונג אנגעאייגנט די גוטע געוויינטשאפט צו וועלן וויסן: „פארוואס?“ אדער גייסטער, וואס זיינען אויפגערודערט און צעטרייסלט דורך וואסער געזעלשאפטלעכער קאטאסטראפע, און דעריבער מסוגל צו פארשטיין א קומענדיקע סכנה, — נאר אזעלכע ווילן זיך ניט באפרידיקן דורך רעגירונגען און אינסטיטוציעס, וואס זיי האלטן זיך פאר שלעכט און פאלש, הגם דאס איז ניט נוגע דירעקט זיי גופא. דער מענטש פון א גאנץ יאר, ביז ער ווערט אויפגעוועקט, בארויקט זיך מיט דער קאלעקטיווער אקטיוויטעט וואס גייט צו אין דער וועלט, וואס אין איר געפינט ער זיך, און מיט געוויסע פראזעס אדער סימבאלן, וואס מיט זיי ווערט געשטילט זיין אומבאשטימטע באדערפעניש אין עפעס אזוינס גרעסערס, וואס אין דעם קאנען זיינע פערזענלעכע ענינים, זיין אינדיווידועלער קרייז ווערן באראנקערט.

ווען מיר האלטן אין זינען די דאזיקע בפירוש נאטירלעכע באגרענעצונגען פון אונזער גייסט, איז דאס שוין מער קיין סוד ניט, פארוואס די מענטשן האבן, נאכדעם ווי זיי האבן פארלארן דעם גלויבן אין דער אידעע פון קריסטנטום ווי א וועלט-ברודערשאפט פון מענטשן, ווייל עס האט זיך אריינגעפלאנטערט מיט דער כהונהשאפט און מיטן פויפסטום פון איין זייט און מיט דער מאכט פון די פירשטן פון דער אנדער זייט, און נאכדעם ווי די תקופה פון גלויבן איז אריבער אין אונזער אייגענער תקופה פון ספק און אומגלויבן, — אריבערגערוקט דאס פארהעלטעניש פון זייערע לעבנס צום קיניגרייך פון גאט און צו דער ברודערשאפט פון דער מענטשהייט אויף די בפירוש לעבעדיקערע ווירקלעכקייטן, ווי פראנקרייך און ענגלאנד, הייליקע רוסלאנד, שפאניע, פרייסן, וואס זיינען לכל-הפחות געווען פארקערפערט אין אקטיווע קיניגלעכע הייפן, האבן פארווירקלעכט מאכט דורך ארמייען און פלאטן, האבן מיט צווינגענדיקער פייערלעכקייט געלאזט ווייען פאנעס און זיינען געווען אליינבאהויפטעריש און זשעדנע ניט אנצוזעטיקן, אויף אן אופן, וואס איז ריין מענטשלעך און פארשטענדלעך.

עס איז זיכער, אז אזעלכע מענטשן ווי קארדינאל רישעליע אדער קארדינאל מאזאריני האבן געמיינט, אז זיי דינען צו העכערע צילן, ווי זייער פערזאן אליין אדער ווי זייערע פירשטן; זיי האבן געדינט דער כלומרשט געטלעכער פראנקרייך אין זייער פאנטאזיע. און עס איז געוויס, אז אט די געדאנקען האבן זיך דורכגעזייט פון זיי צו זייערע אונטערגעגעבענע און צו דער אלגעמיינער מאסע פון דער באפעלקערונג. אין 13טן און 14טן יארהונדערט איז די אלגעמיינע באפעלקערונגס-מאסע אין אייראפע געווען רעליגיעז און נאר אומבאשטימט פאטריאטיש; אין 19טן יארהונדערט איז זי געווארן אינגאנצן פאטריאטיש. אין א שטארק באזעצטן אייזנבאן-וואגאן אין ענגלאנד, פראנקרייך און דייטשלאנד. צום סוף 19טן יארהונדערט וואלט א געשפעט אויף גאט געוויס ארויסגערופן ווינציקער פיינדלעכקייט, ווי מען וואלט געשפעט פון אזעלכע משונהדיקע באשעפענישן, ווי ענגלאנד, פראנקרייך אדער דייטשלאנד. צו די דאזיקע זאכן זיינען די מענטשנס גייסטער געווארן צוגעבונדן, מחמת עס האט אויסגעוויזן, אז

אין גאַר דער וועלט איז ניטאַ קיין זאַך, וואָס עס זאָל זיין כּדאַי זיך צו דעם צוצובינדן. זיי זיינען געהען די רעאַלע און לעבעדיקע געטער פון אייראָפּע.

די אידעאַליזירונג פון די רעגירונגען און אויסערן־מיניסטעריומס, די דאָזיקע מיטאָלאָגיע פון „גרויס־מלוכות“ און זייערע ליבעס און



טאַדעוש קאָסציושקאָ, דער פוילישער גענעראַל און נאַציאָנאַלער העלד.

פיינדשאַפטן און קאָנפליקטן האָבן אזוי פאַרכאַפּט די פאַנטאַזיעס פון אייראָפּע און מערב־אַזיע, אַז זיי האָבן זיי אַנגעטײלט מיט באַזונדערע „דענק־פאָרמען“. כּמעט אַלע געשיכטעס, כּמעט גאָר די פּאָליטישע ליטעראַטור פון די לעצטע צוויי יאָרהונדערטער אין אייראָפּע איז געשריבן אין דער דאָזיקער פראַזעאָלאָגיע. נאָר עס וועט קומען אַ

ציית, ווען אַמער קלאָר זעענדיקער דור וועט לייענען מיט חידוש, ווי אַזוי מענטשן האָבן דאָס אין דער געמיינשאַפט פון מערב=אייראָפּע, וואָס באַשטייט אומעטום פון אַ זייער ברינגער וואַריאַציע פון אַן אַלגעמיינער ראַסן=מישונג פון נאָרדישע און איבערישע פעלקער און איינגעוואַנדערטע סעמיטישע און מאָנגאָלייטע עלעמענטן, וואָס רעדט כמעט אומעטום מאָדיפיצירונגען פון איין און דער זעלביקער אַרישער שפּראַך, וואָס האָט אַ בשותּפישן עבר אין דער רוימישער אימפּעריע, בשותּפישע רעליגיעזע פאָרמען, בשותּפישע קונסט און וויסנשאַפט, וואָס אירע מיטגלידער זיינען זיך משדך צווישן זיך אַזוי פריי, אַז קיין איינער קאָן ניט זאָגן אויף געוויס, וואָס וועט זיין די „נאַציאָנאַליטעט“ פון זיינע אור=אור=איינקלעך,—האָבן געקאָנט ווערן אויפגעהעצט צו דער ווילדסטער רציחה איבער דער פראַגע וועגן דער מאַכט פון „פראַנקרייך“, וועגן דער פאַראייניקונג און וואוקס פון „דייטשלאַנד“, וועגן די קאָנקורירנדיקע תּביעות פון „רוסלאַנד“ און „גריכנלאַנד“ אויף קאָנסטאַנטינאָפּאָל. די דאָזיקע קאָנפליקטן וועלן זיי אויסדוכטן אַזוי אומזיניק און ווילד, ווי יענע טויטע, איצט אומפאַרשטענדלעכע געשלעגן פון די „גרינע“ און „בלויע“, וואָס האָבן פאַרצייטנס פול געמאַכט די גאַסן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל מיט געשרייען און בלוט=פאַרגיסונג.

אַט די שרעקלעכע שאַטנבילדער, די „גרויס=מלוכות“, געוועלטיקן איבער אונזערע געמיטער און איבער אונזערע לעבנס ביי היינטיקן טאָג, זיי זיינען, ווי די דאָזיקע געשיכטע ווייזט דייטלעך, זאָגן נאָר פון די לעצטע פינף יאָרהונדערטער, אַ פאַרביייענדיקע שעה, אין איינציקער פּאָזיס אין דער גרויסער געשיכטע פון אונזער מין. זיי באַצייכענען אַ צוריק=פאַל, אַ צוריק=שטרעמונג, פּונקט ווי דאָס אויפקומען פון דער מאַקיאַוועלישער מאָנאַרכיע באַצייכנט אַ צוריקשטרעמונג. זיי זיינען אַ טייל פון דעם זעלביקן דריי=שטראָם פון געשטרויכלטן גלויבן, פון יענעם פּראָצעס, וואָס איז להלוטין גרעסער און לחלוטין אַנדערש און זיין אַלגעמיינער טענדענץ, דעם פּראָצעס פון דער מאָראַלישער און אינטעלעקטועלער פאַראייניקונג פון דער מענטשהייט. אויף אַ צייט האָבן מענטשן זיך צוגעווענדט צו די דאָזיקע נאַציאָנאַלע אָדער אימפּעריאַלע געטער זייערע, אָבער דאָס איז נאָר אויף אַ צייט. די

אידעע פון דער וועלט־מלוכה, פון אוניווערסאלן קיניגרייך פון גערעכטיקייט, וואס איטלעכער לעבעדיקער נפש דארף זיין א בירגער פון דעם, איז שוין געווען אין דער וועלט מיט צוויי טויזנט יאר צוריק, און וועט זי שוין קיין מאל ניט פארלאזן. מענטשן ווייסן, אז זי איז פאראן אפילו ווען זיי ווילן דאס ניט אנערקענען. אין די שריפטן און שמועסן פון מענטשן מכוח אינטערנאציאנאלע ענינים ביי היינטיקן טאג, אין די לויפיקע דיסקוסיעס פון היסטאריקער און פאליטישע זשורנאליסטן האט מען דעם איינדרוק פון שיכורע מענטשן וואס ניכטערן זיך אויס. זיי רײדן נאך אויפן קול וועגן זייער „ליבע" צו פראנקרייך, וועגן שנאה צו „דייטשלאנד", וועגן דער „טראדיציאנעלער הערשאפט פון בריטאניע אויפן ים" און אזוי ווייטער און אזוי ווייטער, פונקט ווי אזעלכע, וואס זינגען זייער שיכור־געזאנג אין דעם מאמענט, ווען עס קומט אן ניכטערקייט און קאפ־ווייטאג. טויט זיינען די געטער, וואס צו זיי דינען זיי. אויפן ים אדער יבשה באדארפן מענטשן האבן ניט די הערשאפט פון דער אדער יענער „מאכט", נייערט נאר געזעץ און באדינגונג. אט די שטומע אומפארמיידלעכע פאדערונג שטייט אין אונזער אלעמענס געמיטער ווי דער אויפשיין פון באגינען, וואס דרינגט אריין פאוואליע צווישן די לאדנס פון א צימער, וואו עס איז פארגעקומען א פאגראם.

---

## 9. די געקרוינטע רעפובליק פון פוילן און איר גורל.

דער זיבעצנטער יארהונדערט אין איראפע איז געווען דער יארהונדערט פון לודוויג XIV; ער און די פראנצויזישע הערשאפט און ווערסאיל זיינען דער צענטראל־מאטיוו פון דער געשיכטע. דער אכצנטער יארהונדערט ווידער איז געווען דער יארהונדערט פון דעם „אויפשטייג פון פרייסן ווי א גרויס־מלוכה", און די הויפט־פיגור אין דער געשיכטע איז פרידריך II, פרידריך דער גרויסער. פארוועבט מיט זיין געשיכטע איז די געשיכטע פון פוילן.

דער מצב אין פוילן איז געווען אן איינגעטימלעכער. להיפוך צו די דריי שכנים, פרייסן, רוסלאנד און די עסטרייך-אונגארישע מאנארכיע פון די האבסבורגער, האט פוילן זיך ניט אנטוויקלט צו א גרייסער מאנארכיע. איר רעגירונגס-סיסטעם קאן בעסער ווי אלין ווערן כאראקטעריזירט ווי א רעפובליק מיט א קיניג, און איינגעקליבענעם פרעזידענט אויף לעבנס-צייט. איטלעכער קיניג פלעגט ווערן אויסגעקליבן. פוילן איז געווען מער רעפובליקאניש אידער בריטאניע, אבער איר רעפובליקאניזם איז געווען מער אריסטאקראטיש אין דער פארם. פוילן האט געהאט ווינציק האנדל און ווינציק פאבריקאציע; זי איז געווען אן אגראר-לאנד און נאך מיט גרויסע שטרעקעס לאנקעס, וועלדער און סטעפעס; זי איז געווען אן ארעם לאנד, און אירע ערד-איינגטימער זיינען געווען ארעמע אריסטאקראטן. די מאסע פון איר באפעלקערונג איז געווען אן אונטערדריקטע און ווילד אומוויסנדיקע פויערמשאפט, און זי האט אויך איינגענומען ביי זיך גרויסע מאסן פון זייער ארעמע יידן. זי איז געבליבן קאטויליש. זי איז געווען אזוי צו זאגן אן ארעמע קאטוילישע בריטאניע אויף דער יבשה, ארומגערינגלט אינגאנצן דעם ים מיט שונאים. זי האט בכלל ניט געהאט קיין נאטירלעכע גרענעצן, ניט דורכן ים און ניט דורך דער יבשה. צו איר אומגליק איז נאך צוגעקומען דאס, וואס עטלעכע מלכים אירע זיינען געווען גלענצנדיקע און אגרעסיווע רעגירערס. קיין מזרח-זייט האט איר מאכט זיך אויסגעשפרייט שוואך איבער געגנטן, וואס זיינען געווען באוואוינט במעט אינגאנצן דורך רוסן; אין מערב-זייט האט זי ארומגענומען א דייטשע אונטערטעניקע באפעלקערונג.

היות ווי זי האט קיין האנדל ניט געהאט, האט זי ניט געהאט קיין גרויסע שטעט אין פארגלייך מיט די שטעט פון מערב-איראפע און ניט קיין מעכטיקע אוניווערסיטעטן, וואס זאלן צונויפשמידן איר גייסט. אירע פריצים האבן געלעבט פון זייערע מאיאנטקעס, אן גרויס אינטעלעקטועלער אנשטרענגונג. זיי זיינען געווען פאטריאטיש, זיי האבן געהאט אן אריסטאקראטיש געפיל פון פרייהייט -- וואס האט זיך געדעקט אינגאנצן מיט דער סיסטעמאטישער עקספלואטאציע פון זייערע לייב-אייגענע — נאר זייער פאטריאטיזם און זייער פרייהייט האבן ניט געשטימט צו אנאנד, זיי זאלן ווירקן צוזאמען. כל-זמן מלחמה

פירן האט באטייט צונויפנעמען וואס מער מענטשן און פערד, איז פוילן געווען אלפי-ערך שטארקע מלוכה; זי האט אבער ניט געקאנט מיטהאלטן מיט דער אנטוויקלונג פון דער קריגס-קונסט, וואס האט געמאכט פאר נויטווענדיק צו האלטן א שטענדיקן חייל פון פראפעסיאנעלע זעלנער. נאר ווי צעטיילט און אפגעשוואכט איז זי געווען, האט זי דאך געהאט צו פארצייכענען עטלעכע וויכטיקע ניצחונות. דעם לעצטן טערקישן אנפאל אויף ווין (1683) האט אפגעקלאפט די פוילישע קאוואלעריע אונטער קיניג יאן סאביעסקי, קיניג יאן III (דער זעלביקער סאביעסקי איז, איידער ער איז אויסגעקליבן געווארן פאר א קיניג, געווען אויף שכירות ביי לודוויג XIV און האט זיך אויך געשלאגן פאר די שוועדן קעגן זיין אייגענעם געבוירנלאנד). עס איז איבעריק צו זאגן, אז די דאזיקע שוואכע אריסטאקראטישע רעפובליק, וואס האט כסדר געהאלטן אין קלייבן מלכים, האט שטענדיק געוועקט דעם חשק פון אלע דריי שכנים אירע אריינצומישן זיך אין איר לעבן. „פרעמדלענדיש געלט" און אלע אנדערע מינים פון פרעמדער אריינמישונג האבן זיך באוויזן אין לאנד יעדער מאל ביי ביי די וואלן. און פונקט ווי די גריכן פון דער אלטער וועלט, פלעגט איטלעכער ברוגזער פוילישער פאטריאט אנטלויפן צו א זאסער עס איז פרעמדלענדישן שונא, בכדי אויסצולאזן זיין כעס צו זיין אומדאנקבארן לאנד.

אפילו ייען דער פוילישער קיניג איז שוין געווען אויסגעקליבן, האט ער געהאט ווינציק מאכט מחמת דער קעגנזייטיקער קנאה פון די פריצים. פונקט ווי די ענגלישע פערן, איז פאר זיי געווען ניחאר אן אויסלענדער, און טאקע איבער דעם זעלביקן טעם, ווייל ער האט ניט קיין מאכט-ווארצלען אין לאנד. נאר להיפוך צו דער בריטישער רעגירונג, האט זייערע ניט געהאט די זעלביקע פעסטקייט און סאלידאריטעט, וואס די פעריאדישע פארזאמלונגען פון פארלאמענט, דאס „אויפגיין אין שטאט", האבן געגעבן די ענגלישע פערן. פוילן האט ניט געהאט קיין „גזעלשאפט". פאקטיש האט פוילן בכלל ניט געהאט קיין צענטראלע רעגירונג. דער קיניג פון פוילן האט ניט געטארט ניט פירן קיין קריג און ניט מאכן שלום, ניט איינמאנען שטייערן און ניט אומענדערן א געזעץ אן דעם הסכם פון סיים, און איטלעכער איינציקער

מיטגליד פון סיים האט געהאט די מאכט ארויפצולייגן א וועטא אויף איטלעכן פארשלאג. ער האט פשוט באדארפט נאר אויפשטיין און זאגן: „איך בין ניט מרוצה“, און די זאך איז געווען פארפאלן. ער האט אפילו זיין פריי וועטא, זיין „ליבערום וועטא“, געקאנט נאך מער אויסברייטערן. ער האט געקאנט פראטעסטירן קעגן צונויפרופן דעם סיים, און דער סיים איז דורך דעם אליין געווען פונאנדערגעלאזן. פוילן איז געווען ניט פשוט א געקרוינטע אריסטאקראטישע רעפובליק, ווי די בריטישע, זי איז געווען א געקרוינטע אריסטאקראטישע רע־פובליק, געשלאגן מיט פאראליז.

זאלן די פיר קארטעס פון פוילן, וואס מיר ברענגען, דערציילן די געשיכטע.

נאך דעם ערשטן אומגליק פון 1772 האט זיך אין פוילן שטארק געביטן די שטימונג. פוילן איז פאקטיש געווארן א גאנציע סאמע ערב איר פונאנדערפאל. עס האט זיך באוויזן א האסטיקע, נאר זייער באטייטיקע אנטוויקלונג פון דערציִונג, ליטעראטור און קונסט; עס זיינען אויפגעקומען היסטאריקער און פאעטן, און די משונהדיקע קאנסטיטוציע, וואס האט אפגענומען די כוחות פון פוילן, איז בטל געווארן. דאס פרייע וועטא איז אפגעשאפט געווארן, דאס קיניגטום איז געווארן געמאכט א ירושה־זאך, כדי צו ראטעווען פוילן פון די פרעמדע אינטריגעס, וואס פלעגן אנפאלן אויף פוילן אלע מאל ביי די וואלן, און עס איז געגרינדעט געווארן א פארלאמענט לויטן מוסטער פון ענגלישן. נאר עס זיינען געווען ליבהאבער פון דער אלטער ארדענונג אין פוילן, וואס האבן זיך אנטקעגנגעשטעלט קעגן די דאזיקע נייטווענדיקע שינויים, און אט די דאזיקע מורדים זיינען אונטערגעהאלטן געווארן נאטירלעך דורך פרייסן און רוסלאנד, וואס זיי האט די פוילישע איבלעבונג ניט געשמעקט. עס איז געקומען די צווייטע טיילונג, און נאך א מעכטיקן פאטריאטישן קאמף, וואס האט זיך אנגעהויבן אין דער געגנט, וואס פרייסן האט צוגענומען און האט געפונען א פירער און א נאציאנאלן העלד אין גענעראל טאדעוש קאס־ציושקא, פארשווינדט פוילן אינגאנצן פון דער קארטע. אזוי האט זיך אויף א צייט געענדיקט אט די פארלאמענטארישע סכנה פאר דער גרויס־

מאנארכיע אין מזרח־איראפע. נאר דער פאטריאטיזם פון די פאליאקן איז מיט דער אונטערדריקונג געווארן שטארקער און קלערער. אין




משך פון הונדערט מיט צוואנציק יאר האט פוילן געקעמפט ווי אן איינגעזונקען באשעפעניש אונטער דער פאליטישער און מילי־

טערישער נעין, וואָס האָט זי געהאַלטן געפאַנגען. זי איז ווידער איינגעשטאַנען צום לעבן אין יאָר 1918, צום סוף פון דער גרויסער מלחמה.

---

## 10. דער ערשטער געשלעג פאַר אַן אימפעריע איבער ימים.

מיר האָבן געגעבן אַ געוויסע פאָרשטעלונג וועגן דער אויפ־שטייגנדיקער מאַכט פון פראַנקרייך אין אייראָפּע, וועגן דער גיכער ירידה פון דער יונגער שפאַנישער מאַכט און איר אַפּטיילונג פון עסטרייך, וועגן דעם אויפשטייג פון פרייסן. וואָס איז שייך פּאָר־טוגאַל, שפאַניע, פראַנקרייך, בריטאַניע און האָלאַנד, איז זייער קאַמף פאַר מאַכט אין אייראָפּע געוואָרן פאַרשטאַרקט און קאָמפּליצירט דורך אַ קאַמף וועגן דער הערשאַפט אויף יענער זייט ים. די אַנטדע־קונג פון דעם גרויסן קאָנטינענט פון אַמעריקע, וואָס איז געווען דין באַפעלקערט, ניט אַנטוויקלט און הפלאַדיק צוגעפּאַסט פאַר אַן אייראָ־פּעישן ישוב און עקספּלואַטאַציע, די גלייכצייטיקע אַנטדעקונג פון גרויסע שטרעקעס ניט באַאַרבעטן לאַנד אין דרום־זייט פון די הייסע עקוואַטאַריאַלע געגנטן פון אַפריקע, וואָס די אייראָפּעער האָבן ווייטער פון זיי ניט געוואוסט, און די בהדרגהדיקע אַנטדעקונג פון גרויסע אינזל־געגנטן אין די מזרחדיקע ימים, וואָס זיינען נאָך ניט געווען אָנ־גערירט פון דער מערבדיקער ציוויליזאַציע, איז געווען אַזאַ געלעגנ־הייט פאַר דער מענטשהייט, וואָס אין דער געשיכטע איז נאָך אַזוינע ניט געווען. עס איז געווען אַזוי ווי די פעלקער פון אייראָפּע וואָלטן געהאַט געקראָגן עפּעס אַ רייכע ירושה. זייער וועלט האָט זיך מיט אַמאָל פאַרפירפאַכיקט. עס איז געווען איבערהענגג פאַר אַלעמען: זיי האָבן נאָר באַדאַרפט נעמען די דאָזיקע לענדער און ווייטער כאַן גוטס מיט זיי, און די אַרעמקייט פון די מאַסן וואָלט פאַרשוואונדן ווי אַ חלום. זיי אָבער האָבן אָנגענומען די רייכע ירושה ווי שלעכט־ערזוקירטע יורשים: זי האָט פאַר זיי באַטייט ניט מער ווי אַ פרישע גע־לעגנהייט פאַר בלוטיקע געשלעגן. אָבער וואָסער געמיינשאַפט פון מענטשלעכע וועזנס האָט ווען עס איז געקומען זיך פאַר שאַפן, בעת עס איז געווען אַ געלעגנהייט פאַר העצעריי און געשלעגן? וואָסער

נאַציע אין אונזער גאַנצער געשיכטע האָט ווען עס איז געאַרבעט צוזאַמען מיט אַ צווייטער נאַציע אין דער צייט, ווען זי האָט געקאָנט עפּעס אויסקלערן צו טאָן אַ צווייטער נאַציע אַן עוולה, אַבי כאַר זיך זאָל אַרויסקומען אַ טובה? די גרויס-מלוכות פון איירופּע האָבן קודם-כל גענומען אַרויסשטעלן מיטונהדיקע „תביעות" אויף די נייע געביטן. דערנאָך זיינען זיי אַריבער צו שווערע קאָנפליקטן, ביז זיי האָבן אויסגעשעפּט זייערע כוחות. שפּאַניע, וואָס האָט געהאַט די ערשטע און די גרעסטע תביעה און וואָס איז אַ געוויסע צייט געווען די „האַרינטע" איבער צוויי דריטל פון אַמעריקע, האָט קיין גרעסערע נוצן ניט געהאַט פון איר פאַרמעג, ווי דאָס וואָס זי איז דאָרט כמעט אויסגעגאַנגען מיט בלוט.

מיר האָבן שוין דערציילט, ווי אַזוי דאָס פּויפּסטום האָט אין איר לעצטער באַהויפּטונג פון דער וועלט-הערשאַפט, אַנשטאַט אונטערצוהאַלטן דעם בשותפישן חוב פון גאַנצן קריסטנטום צו שאַפן אַ גרויסע שותפישע ציוויליזאַציע אין די נייע לענדער, צעטיילט דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט צווישן שפּאַניע און פּאָרטוגאַל. דאָס האָט נאַטירלעך אויפגעוועקט די קנאה-שנאה פון די אויסגעשלאָסענע פעלקער. די ים-לייט פון ענגלאַנד האָבן ניט אַרויסגעוויזן קיין שום רעספּעקט צו וואָסער עס איז תביעה און האָבן זיך באַזונדערס אַנטקעגנגעשטעלט אַנטקעגן די שפּאַניער; די שוועדן זיינען מיט זייער פּראָטעסטאַנטיזם אויך אַרויסגעטראָטן קעגן שפּאַניע. די האָלענדער, ווי נאָר זיי האָבן געהאַט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די שפּאַנישע האַרן, האָבן זיי אויך אַ הענד געטאָן זייערע זעגלען קיין מערב, כדי אויך צו להכעיס דעם פּויפּס אויך צו כאַפּן עפּעס אַ חלק פון די גוטע זאַכן אין דער נייער וועלט. זיי העכסט קאַטוילישע מאַיעסטעט פון פראַנקרייך האָט פּונקט אַזוי ווינציק געקווענקלט זיך ווי וואַסער עס איז פּראָטעסטאַנט. אַלע די דאָזיקע מלוכות האָבן געשטעלט תביעות און געזוכט צו פאַרכאַפּן פּאָזיציעס אין צפון-אַמעריקע און אויף די מערב-אינדישע אינזלען.

ניט דאָס דענישע קיניגרייך (וואָס האָט אין יענער צייט אַריינגענומען נאָרוועגן און איסלאַנד) און ניט די שוועדן האָבן ניט קיין סך אויסגעשפּילט פון דעם געשלעג. די דענער האָבן פאַרכאַפּט עט-

לעבע פון די מערב=אינדישע אינזלען. שוועדן האָט גאָרנישט געקראָגן. סיי דענעמאַרק און סיי שוועדן זיינען אין יענער צייט געווען שטאַרק פאַרטאָן אין דייטשלאַנד. מיר האָבן שוין אָנגערופן דעם נאָמען פון גוסטאַוו אַדאָלף, דעם פּראָטעסטאַנטישן „לייב פון צפון“, און האָבן שוין דערמאָנט זיינע מלחמות אין דייטשלאַנד, פּוילן און רוסלאַנד. די דאָזיקע מזרח=אייראָפּעיִשע לענדער האָבן צוגענומען אַ סך ענערגיע, און דער כּוח, וואָס וואָלט געקאָנט געבן די שוועדן אַ גרויסן חלק אין דער נייער וועלט, האָט אַראָפּגענומען אַ מאָגערן שניט פון רום אין אייראָפּע. די קליינע ישובים וואָס די שוועדן האָבן געשאַפן אין אַמעריקע זיינען באַלד אַריבער צו די דענער.

אויך די האָלענדער, וואָס די פראַנצויזישע מאָנאַרכיע אונטער קאַרדינאַל רישעליע און לודוויג XIV, האָט זיך געצילעוועט אויף זיי דורך דער שפּאַנישער נידערלאַנד, האָט ניט געהאַט יענע פרייע מיטלען, וואָס בריטאַניע, הינטער איר „זילבער=פּאַס“ פון ים, האָט געקאָנט אַריינלייגן אין אַוואַנטורעס אויף יענער זייט ים.

נאָך מער, די אַבסאָלוטיסטישע אָנשטרענגונגען פון דזשיימס I און קאַרל I און די רעסטאַווראַציע פון קאַרל II האָבן אַרויסגעטריבן פון ענגלאַנד אַ גרויסע צאָל פּאַרהאַרטעוועטע, רעפּובליקאַניש געשטימטע פּראָטעסטאַנטן, מענער מיושבדיקע און כאַראַקטערפולע, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין אַמעריקע, און בפרט אין ניי=ענגלאַנד, וואו זיי האָבן געהאַלטן, אַז דער קעניג און זיינע שטייער=מאָנערס וועלן צו זיי ניט דערלאַנגען. די שיף „מייפלאַוער“ איז געווען נאָר איינע פון די פּיאָנערן=שיפן פון דעם עמיגראַנטן=שטראָם. עס איז געווען דער מזל פון בריטאַניע, וואָס זיי זיינען געבליבן אונטערן ענגלישן פלאַג, הגם זיי זיינען ניט געווען צופרידן מיטן בריטישן גייסט. די האָלענדער האָבן קיין מאָל ניט אַרויסגעשיקט קיין קאָלאָניסטן פון אַזאַ צאָל און אַזעלכע מעלות, צוערשט ווייל זייערע שפּאַנישע רעגירערס האָבן זיי ניט געלאָזן, און דערנאָך ווייל זיי זיינען געוואָרן באַלעבאַטים אין זייער אייגענעם לאַנד. און הגם עס איז געווען אַ גרויסע עמיגראַציע פון פּראָטעסטאַנטישע עמיגראַנטן, אַרויסגעטריבן דורך די דראַגאָנאַדעס און רדיפות פון לודוויג XIV, האָבן זיי געהאַט נאָענט ביי דער האַנט האָלאַנד און ענגלאַנד, וואו זיי האָבן געקאָנט גע=

פינען א מקום מקלט, און זייער פלייס, זייער געשיקטקייט און ניכ-
טערקייט האבן א סך מיטגעהאלפן צו שטארקן די דאזיקע לענדער,
בפרט ענגלאנד. א קליינע צאל פון זיי האבן געגרינדעט יישובים
אין קאראלינא, נאר זיי זיינען ניט געבליבן פראנצויזיש; זיי זיינען
צוערשט פארנומען געווארן פון די שפאניער, און סוף-כל-סוף פון
ענגלאנד.

די האלענדישע יישובים זיינען, צוזאמען מיט די שוועדישע ארונ-
טערגעפאלן אונטער בריטאניע; ניי-אמסטערדאם איז געווארן ברי-



וואלפגאנג אמאדעוס מאצארט, דער עסטרייכישער קאמפאזיטאר, שפילט מיט
זיין שוועסטער מאריא אנא א דועט אויפן פיאנא.

טיש אין יאר 1674, און איר נאמען איז געווארן איבערגעביטן אין
ניו-יארק, ווי דער לייענער קאן דאס דערגיין אין דער פיינער שיל-
דערונג פון וואשינגטאן אירווינג אין זיין „ניקערבאקערס געשיכטע
פון ניו-יארק”. צום יאר 1750 האט בריטאניע געהאט פארנומען א
היפשן טייל פון צפון-אמעריקאנישן ברעג-לאנד. די בריטישע מאכט
האט זיך געהאט איינגעפעסטיקט פאזע דעם מזרח-ברעג פון סאוואנא ביז
צום ס"ט לאורענס-טייך, און ניו-פאונדלענד און די טעריטאריעס

פון דער האדסאן=איסגוס=קאמפאניע האבן זיי געקראגן דורך אן אפמאך פון די פראנצויזן. די ענגלענדער האבן פארנומען בארבאדאס (כמעט זייער ערשטע פראווינץ אין אמעריקע) אין יאר 1605 און האבן אפגענומען ביי די שפאניער דזשעמאיקא, די באהאמא=אינזלען און בריטיש האנדוראס. נאר פראנקרייך האט געשפילט א זייער געפערלעכע און באאומרויקנדיקע שפיל, וואס איז אויף דער קארטע אפילו מער געפערלעך און באאומרויקנדיק, ווי אין דער ווירקלעכקייט. זי האט געהאט געשאפן רעאלע ישובים אין קוועבעק און מאנטרעאל אין צפון=זייט און אין ניי=ארלעאן אין דרום=זייט, און אירע אויסקוקערס און אגענטן האבן זיך גערוקט קיין דרום און קיין צפון, שליסנדיק אפמאכן מיט די אינדיאנער פון די גרויסע פליינען און אויפשטעלנדיק פרעטענזיעס—אן צו ברענגען שטעט—גלייך הינטער די ענגלענדער דורך דעם קאנטינענט. נאר אין דער ווירקלעכקייט זיינען די דאזיקע אנשטרענגונגען געווען שוואך אנטקעגן די ענגלישע. די בריטישע קאלאניעס זיינען געווען פעסט באזעצט דורך א גוטן קלאס מענטשן; זיי האבן שוין געציילט א באפעלקערונג פון איבער א מיליאן; די פראנצויזן האבן אין יענער צייט געציילט קיים א צענט חלק דערפון. זיי האבן געהאט ביי דער ארבעט א צאל גלענצנדיקע רייזנדערס און מיסיאנערן, אבער ניט קיין באפעלקערונגס=מאסע הינטער זיי.

מען קאן נאך געפינען א סך אלטע קארטעס פון אמעריקע אין יענעם פעריאד, קארטעס, וואס זיינען געווען באשטימט צו שרעקן און „אויפצוועקן" די ענגלענדער, זיי זאלן וויסן די „כוונות פון פראנקרייך" אין אמעריקע. א מלחמה איז אויסגעבראכן אין יאר 1754, און 1759 האבן די בריטישע און קאלאניאלע חילות אונטער גענעראל וואלף איינגענומען קוועבעק און אין דעם קומענדיקן יאר האבן זיי פארענדיקט די באצווינגונג פון קאנאדע. אין יאר 1763 איז קאנאדע ענדגילטיק אפגעטרעטן געווארן צו ענגלאנד (נאר די מערבדיקע זייט פון דער גיכער אומבאגרענעצטער געגנט לויזיאנא אין דרום=זייט, וואס איז אזוי אנגערופן געווארן נאכן קיניג לודוויג (לוי) XIV, איז געבליבן אויסער דער בריטישער ספערע. צוגענומען האבן זי די שפאניער, און אין יאר 1800 האבן די פראנצויזן זי צוריק אפגענומען. צולעצט,

אין יאָר 1803, האָט די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן זי אפּגעקויפט ביי פראַנקרייך). אין דער קאַנאַדישער מלחמה האָבן די אַמעריקאַנער קאָלאָניסטן אויסגעלערנט זיך אַ סך פון דער קריגס־קונסט און זיינען באַקאַנט געוואָרן מיט דער בריטישער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע, און דאָס האָט זיי אינגיכן באַדאַרפט שטאַרק צוניץ קומען.

---

## 11. בריטאַניע באַהערשט אינדיע.

ניט נאָר אין אַמעריקע האָבן זיך צונויפגעשטויסן די פראַנצויזישע און בריטישע חיילות. די לאַגע פון אינדיע איז אין יענער צייט געווען זייער אינטערעסאַנט און צוציענדיק פאַר אייראָפּעישע אַוואַנטוריסטן. די גרויסע מאָגול־אימפּעריע פון באַבער, אַקבאַר און אַורונגזעב איז שוין געווען שטאַרק געפאַלן. מיט אינדיע האָט געטראָפן כמעט דאָס זעלביקע, וואָס עס האָט געטראָפן מיט דייטשלאַנד. דער גרויס־מאָגול אין דעלהי אין אינדיע איז, פונקט ווי דער הייליקער רוימישער קיסר אין דייטשלאַנד, געווען איבערהאַר ניט מער ווי לויטן געזעץ; נאָכן טויט פון אַורונגזעב האָט ער געהאַט נאָר אַ נאָמינעלע מאַכט, חוץ אין דער דירעקטער שכנות פון זיין הויפּטשטאָט. עס איז געווען אַ גרויסע אויפלעבונג פון הינדויזם און פון דעם גייסט פון די אַיינגעבאָרענע. אין דרומית־מערבית איז אַ אינדיש פאָלק, די מאַהראַטאַס, אויפגעשטאַנען קעגן איסלאַם, האָט אויפגעריכט דעם בראַמאַניזם ווי די הערשנדיקע רעליגיע און האָט אויף אַ געוויסער צייט אויסגעשפּרייט זיין מאַכט איבערן גאַנצן דרומדיקן דרייעק פון אינדיע. אין ראַדזשפּוטאַנאַ איז אויך אויפן אָרט פון איסלאַם איינגעשטעלט געוואָרן בראַמאַניזם, און אין בהירטפּור און דזשייפּור האָבן רעגירט מעכטיקע ראַדזשפּוט־פירשטן. אין אודה איז געווען אַ שיִטיש קיניגרייך, מיט דער הויפּטשטאָט אין לוקנאָוו, און בענגאַל איז אויך געווען אַ באַזונדער קיניגרייך (אַ מוסלימיש). ווייט אין פּענדזשאַב אין צפון־זייט איז אויפגעקומען אַ זייער אינטערעסאַנטע רעליגיעזע קערפּערשאַפט, די סיכס, וואָס האָט פּראָקלאַמירט די אוניווערסאַלע הערשאַפט פון איין גאָט און איז אָנגעפאַלן סיי אויף די הינדוישע וועדאַס און סיי אויפן מוס־

לימישן קאראן. לכתחילה א פאציפיסטישע סעקטע, האבן די סיכס באלד גענומען נאכמאכן דעם איסלאם און געזוכט איינצושטעלן גאטס קיניגרייך מיט דער הילף פון שווערד, אבער צוערשט האבן זיי געליטן מפלות. און אינמיטן אט דער צעטומלטער און אויפגערודערטער, אבער אויפוואכנדיקער און לעבעדיקער אינדישער אינדיע, האט זיך באלד אריינגעריסן אן אריינדרינגער פון צפון-זייט, נאדיר שאך (1738) (1736 — 1747), דער טורקמענישער רעגירער פון פערסיע, וואס האט זיך אראפגעלאזט דורך דעם קייבער-פאס, צעקלאפט אלע ארמייען וואס האבן זיך געשטעלט אים אין וועג, איינגענומען און אויסגערויבט דעלהי און אוועקגעשלעפט א גוואלדיקן זאקרויב. ער האט איבערגעלאזן דעם צפון-טייל פון אינדיע אזוי שטארק געבראכן, אז אין די נאענטסטע צוואנציק יאר זיינען געווען ניט ווייניקער פון זעקס רויב-אנפאלן אויף צפון-אינדיע, וואס האבן אלע אפגעגליקט, מצד אפגאניסטאן, וואס איז געווארן א זעלבשטענדיקע מלוכה נאך נאדיר שאכס טויט. א שטיקל צייט האבן די מאהראטאס געקעמפט מיט די אפגאנען פאר דער ממשלה אין צפון-אינדיע. דערנאך איז די מלוכה פון די מאהראטאס צעריסן געווארן אין א ריי פירשטנטימער: אינדאר, גוואליאר, באראדא און אנדערע. אינדיע אין 17טן יארהונדערט איז געווען שטארק ענלעך צו אייראפע אין 7טן און 8טן יארהונדערט, א לאנד פון פאוואליעדיקער אויפלעבונג, געפייניקט דורך פרעמדע אנפאלער.

אט דאס איז געווען די אינדיע, וואס אהין האבן זיך אריינגעשטופט די פראנצויזן און די ענגלענדער אין משך דעם אכצנטן יארהונדערט.

אנדערע אייראפעישע מלוכות האבן שוין פריער געקעמפט פאר דער מעגלעכקייט אריינצושטעלן א קאמערציעלן און פאליטישן פוס אין אינדיע און אין מזרח נאך זינט יענער צייט, ווען וואסקא דא גאמא האט געמאכט זיין בארימטע נסיעה ארום דעם קאפ פון דער גוטער האפענונג ביז קיין קאלקוטא. פריער איז דער ים-האנדל פון אינדיע געווען אין די הענט פון די אראבער פון רויטן ים, און די פארטוגעזן האבן דאס ביי זיי אפגעוואונען אין א ריי ים-שלאכטן. די פארטוגעזישע שיפן זיינען געווען גרעסער און האבן געפירט א שווערע באוואפענונג. א שטיק צייט האבן די פארטוגעזן געהאלטן דעם האנדל

מיט אינדיע פאר זייער אייגנס, און ליסאבאן האט אריבערגעשטייגט ווענעציע ווי א מארק פאר געווירצן פון מזרח-לאנד. נאר אין זיבעצנטן יארהונדערט האבן די האלענדער אויסגעשטרעקט זייערע הענט צו פארכאפן דעם דאזיקן מאנאפאל. אויפן שפיץ פון זייער מאכט האבן די האלענדער געהאט ישובים ביים קאפ פון דער גוטער האפענונג, זיי האבן געהאט פארנומען מאוריציוס, געהאט צוויי ישובים אין פערביע, צוועלף אין אינדיע, זעקס אין ציילאן און איבער גאנץ מזרח-אינדיע זיינען געווען צעשטעלט זייערע באפעסטיקטע פונקטן. נאר זייער עגאיסטישער באשלוס ניט צוצולאזן קיין סוחרים פון אנדער אייראפעישער נאציאנאליטעט האט געצוואונגען די שוועדן, דענער, פראנצויזן און ענגלענדער צו א פיינדלעכער קאנקורענץ. די ערשטע קלעפ אויף זייער מאנאפאל אין די ווייטע לענדער זיינען געפאלן אין די אייראפעישע וואסערן דורך די ניצחונות פון בלייק, דעם ענגלישן רעפובליקאנישן אדמיראל. אין אנהייב אכצנטן יארהונדערט זיינען סיי די ענגלענדער און סיי די פראנצויזן געווען אריינגעטאן אין א שטארקן קאנקורענץ-קאמף מיט די האלענדער פאר האנדל און פריווילעגיעס איבער גאנץ אינדיע. אין מאדראס, באמביי און קאלקוטע האבן די ענגלענדער איינגעפעסטיקט זייערע הויפט-קווארטירן; פאנדישערי און שאנדערנאגאר זיינען געווען די וויכטיקסטע פראנצויזישע ישובים.

צוערשט זיינען אלע אייראפעישע מלוכות געקומען נאר ווי סוחרים צו האנדלען, און די איינציקע אנשטאלטן וואס זיי האבן געפרוווט גרינדן זיינען געווען האנדלס-הייזער. נאר דער צערודערטער צושטאנד פון לאנד און די אומערלעכע מעטאדן פון זייערע קאנקורענטן האבן געבראכט דערצו, אז זיי האבן באפעסטיקט און באוואפנט זייערע ישובים, און די דאזיקע באוואפענונג האט זיי געמאכט פאר געוואונטשענע פארבינדעטע פאר די פארשיידענע פירשטן, וואס האבן געהאט צעטיילט אינדיע צווישן זיך און האבן זיך איצט ארומגעקריגט. און עס איז געוועזן דורכאויס אין גייסט פון דער נייער אייראפעישער נאציאנאליסטישער פאליטיק, אז אויב די פראנצויזן האבן זיך געשטעלט

אויף איין צד, האבן די ענגלענדער געמוזט זיך שטעלן אויפן אנדער צד. דער גרויסער פירער אויפן צד פון די ענגלענדער איז געווען ראבערט קלייוו, וואס איז געבארן געווארן אין יאר 1725 און איז געקומען קיין אינדיע 1743. זיין הויפט-קעגנער איז געווען דיפליי. די געשיכטע פון דעם דאזיקן קאמף אין משך פון דער ערשטער העלפט 18טן יאר-הונדערט איז צו לאנג און צו געפלאנטערט, אז מען זאל אים דא קאנען דערציילן. אין יאר 1761 האבן די ענגלענדער פולקום באהערשט דעם



דער דייטשער קאמפאזיטאר לודוויג וואן בעטהאווען פאר דער פיאנא.

אינדישן האלבאינזל. ביי פלאסי (1757) און בוקסאר (1764) האבן זייערע ארמייען געוואונען און צעקלאפט די ארמייען פון בענגאליע און די ארמיי פון אודה. דער גרויס-מאגול, וואס איז נאמינעל געווען זייער איבערהאר, איז פאקטיש געווארן זייער געצייג. זיי האבן געמאנט שטייערן אויף גרויסע שטרעקעס; זיי האבן געשטראפט דארט וואו עס איז געווען אמתע אדער איינגערעדטע אפאזיציע.

די דאזיקע ניצחונות זיינען ניט געוואונען געווארן דירעקט דורך די חיילות פון דעם קיניג פון ענגלאנד; זיי זיינען געוואונען געווארן דורך

דער האַנדלס-קאָמפּאַניע פאַר מזרח-אינדיע, וואָס איז געווען לכתחילה אין דער צייט פון איר גרינדונג אונטער קיניגין עליזאַבעט ניט מער ווי אַ קאָמפּאַניע פון ים-אַוואַנטוריסטן. טריט בײַ טריט זיינען זיי געווען געצוואונגען צו דינגען זעלנער און צו באַוואָפענען זייערע שיפן. און איצט האָט די דאָזיקע האַנדלס-קאָמפּאַניע, מיט איר טראַדיציע פון רווחים, געהאַט צו טאָן ניט נאָר מיט געווירץ און פאַרבן און טיי און טייערע שטיינער, נייערט זי האָט איך געהאַט צו שאַפן איבער די הכנסות און טעריטאָריעס פון פירשטן און איבערן גורל פון אינדיע. געקומען איז זי צו קויפן און פאַרקויפן, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי האָט זיך פאַרנומען מיט שרעקלעכער ים-רויבעריי. דאָ איז ניט געווען קיינער וואָס זאָל פּראָטעסטירן קעגן אירע מעשים. איז דען אַ חידוש, אַז אירע קאַפּיטאַנען און קאָמאַנדירן און בירגדיקע באַאַמטע, און אַפילו אירע פּשוטע אָנגעשטעלטע און זעלנערס זיינען געקומען אַהיים קיין ענגלאַנד באַלאָדן מיט אַלדאָס גוטס פון רויב? מענטשן בײַ אַזאַ לאַגע, בעת אַ גרויס און רייך לאַנד איז איבערגעענטפערט אין זייער גוטן ווילן, קאָנען ניט באַשטימען: דאָס מעגן זיי און דאָס טאָרן זיי ניט. עס איז געווען פאַר זיי אַ פרעמד לאַנד מיט אַ פרעמדער זונשיין; זיינע ברוינע מענטשן זיינען געווען פון אַן אַנדער ראַסע, אויסער דעם קרייז פון זייער סימפּאַטיע; עס האָט אויסגעזוזן, אַז אין זייערע טעמפּלען און געביידעס זיינען פאַרבאָרגן פאַנטאַסטישע טיכצן.

די ענגלענדער אין דער היים זיינען געווען געפּלעפט, ווען די גענעראַלן און באַאַמטע זיינען שפּעטער געקומען אַהיים און האָבן גענומען אַרויסשטעלן איינער קעגן אַנדערן טונקעלע באַשולדיקונגען אין אויספּרעסונגען און אכזריותדיקע מעשים. קלייוו האָט דער פּאַרלאַמענט באַשלאָסן אויסצודריקן אַ טאַדל. אין יאָר 1774 האָט ער זיך גענומען דאָס לעבן. אַ צווייטער אינדישער אַדמיניסטראַטאָר, וואָרן האַסטינגס, איז געוואָרן באַשולדיקט אין יאָר 1788 און ווידער באַפרייט אין יאָר 1792. עס איז געווען אַ מאָדנע סיטואַציע, וואָס איר גלייכן איז ניט געווען אין דער וועלט-געשיכטע. דער ענגלישער פּאַרלאַמענט האָט רעגירט איבער אַ לאָנדאָנער האַנדלס-געזעלשאַפט, וואָס האָט פון איר זייט געוועלטיקט איבער אַן אימפּעריע, וואָס איז אַ סך גרעסער און אַ סך מער באַפעלקערט פאַר אַלע לענדער פון דער בריטישער קרוין.

פאַר דער גרויסער מאַסע פון ענגלישן פאָלק איז אינדיע געוועזן אַ ווייט־פאַנטאַסטיש, כמעט אומצוטריטלעך לאַנד, וואָס אַהין זיינען געפאָרן אוואַנטוריסטישע אָרעמע יונגעלייט, בכדי צו קומען אַהיים אין אַ סך יאָרן שפּעטער ווי שטאַרק רייכע און שטאַרק ברוגזע אַלטע דזשענטלמענס. פאַר די ענגלענדער איז געווען שווער תופס צו זיין, וואָס עס איז אַזוינס דאָס לעבן פון די דאָזיקע פיל־מיליאָניקע ברוינע מענטשן אונטער דער מזרחדיקער זונשיין. זייער כּוח הדמיון איז געווען צו שוואַך דערצו. אינדיע איז געבליבן ראָמאַנטיש אומרעאַל. דערפאַר האָבן די ענגלענדער ניט געקאָנט האָבן קיין השגחה און קאָנטראָל איבער די מעשים פון דער אינדישער קאָמפּאַניע.

---

## 12. דער מאַרש פון רוסלאַנד צום שטילן אָקעאַן.

בעת דער גרויסער האַלב־אינזל אין דרום־אַזיע איז אַזוי אַרום אַרונטערגעפאַלן אונטער דער ממשלה פון ענגלישע ים־סוחרים, איז אַן ענלעכע אַקציע מצד איראָפּע צוגעגאַנגען אויך אין צפון־אַזיע. מיר האָבן שוין דערציילט, ווי אַזוי די קריסטלעכע מלוכות פון רוסלאַנד האָבן ווידער געוואונען זייער אומאָפּהענגיקייט פון דער גילדענער האָרדע און ווי אַזוי דער צאַר פון מאָסקווע איז געוואָרן דער האַר איבער דער רעפּובליק פון נאָווגאָראָד. און אין פינפטן פּאַראַגראַף פון דעם קאַפּיטל האָבן מיר דערציילט, ווי אַזוי פּעטער דער גרויסער איז אַריין אין דעם קרייז פון די גרויסע מאָנאַרכן און אַז ער האָט אַזוי ווי אַריינגעשלעפּט רוסלאַנד איבער געוואַלד אין איראָפּע. דער אויפקום פון דער דאָזיקער גרויסער צענטראַלער מאַכט פון דער אַלטער וועלט, וואָס געהער ניט אינגאַנצן צום מזרח און ניט אינגאַנצן צום מערב, איז געווען וויכטיק ביז גאָר פאַר אונזער מענטשלעכן גורל. מיר האָבן אויך אין דעם זעלביקן קאַפּיטל דערציילט וועגן אויפקום פון אַ קריסטלעכן סטעפּן־פאָלק, די קאָזאַקן, וואָס האָבן געבילדעט אַ צווישנשייד צווישן די פעאָדאַלע אַגראַר־לענדער פּוילן און אונגאַרן אין מערב־זייט און צווישן די טאָטערן אין מזרח־זייט. די קאָזאַקן זיינען געוועזן דער ווילדער מזרח פון איראָפּע און אין כּמה פּרטים ניט אומענלעך צו דעם ווילדן מערב אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין מיטן

19טן יאָרהונדערט. אַלע, וואָס האָבן ניט געקאָנט בלייבן מער אין רוסלאַנד, סיי פאַרברעכערס און סיי געהודפטע אומשולדיקע מענטשן, צעבונטעוועטע לייב-אייגענע, רעליגיעזע סעקטאַנטן, גנבים, בראָדיאַגעס, מערדערס, האָבן געזוכט אַ באַהעלטעניש אין די דרומדיקע סטעפּעס, און דאָ האָבן זיי אָנגעהויבן אַ לעבן פון דאָס ניי און געקעמפט פאַר זייער פרייהייט אַלין אײנס קעגן פּוילן, רוסן און טאָטערן. עס איז קיין ספק ניט, אַז אַנטלאָפענע פון די טאָטערן אין מזרח-זייט האָבן זיך אויך אויס-געמישט מיט די קאָזאַקן. די וויכטיקסטע צווישן די דאָזיקע נייע נאָמאַדישע שבטים זיינען געווען די אוקראַינער קאָזאַקן בײם דניעפּער און די דאָנער קאָזאַקן בײם דאָן. פּאַוואָליע זיינען די דאָזיקע ראַנד-פעלקער געוואָרן אַריינגעצויגן אין רוסישן קיסרלעכן דינסט. עס זיינען זיי אָנגעבאָטן געוואָרן נייע לענדער אין אַזיע. זיי זיינען געוואָרן אַ געווער קעגן דער פאַלנדיקער מאַכט פון די מאָנגאָלישע נאָמאַדן, צוערשט אין טורקעסטאַן און שפּעטער דורך סיביר אויש ביז צום אַמור.

די ירידה פון דער מאָנגאָלישער ענערגיע אין 17טן און 18טן יאָרהונדערט איז זייער שווער צו דערקלערן. אין צוויי אָדער דריי הונדערט יאָר אַרום נאָך די טעג פון דזשינגיס און טימורלאַן איז צענטראַל-אַזיע אַראָפּגעפאַלן פון אַ פּעריאָד פון וועלט-הערשאַפט צו דער לעצטער פּאָליטישער נישטיקייט. דער בייט פון קלימאַט, מגפות, וואָס זיינען ניט פאַרשריבן אין די כראָניקעס, איבערגאַנגען פון מאַ-לאַרישן טיפּ, — דאָס אַלץ האָט אפשר געשפּילט אַ ראָלע אין אָט דעם רעגרעס פון די צענטראַל-אַזיאַטישע פעלקער. געמאָסטן מיט דער מאָס פון דער וועלט-געשיכטע איז דאָס אפשר נאָר אַ צייטווייליקער דעגרעס. טייל אַווטאָריטעטן מיינען, אַז די אויסשפּרייטונג פון דער בודיסטישער אמונה, וואָס איז געקומען פון כינע, האָט אויך מיטגעווירקט אָפּצונעמען בײ די טאָטערן דעם קריגערישן גייסט. על-כל-פנים, אין 16טן יאָרהונדערט האָבן די מאָנגאָליש-טאָטערישע און טערקישע פעל-קער שוין מער ניט געשפּאַרט זיך אַרויס פון זייערע גרענעצן, נאָר אדרבא, מען איז אָנגעפאַלן אויף זיי, אונטערטעניק געמאַכט און צוריק-געשטופּט סיי דורך דער קריסטלעכער רוסלאַנד פון מערב-זייט און סיי פון כינע אין מזרח-זייט.

אין משך פון גאַנצן זיבעצנטן יאָרהונדערט האָבן די קאָזאַקן זיך אויסגעשפרייט קיין מזרח־זייט פון אייראָפּעיִשן רוסלאַנד און האָבן זיך באַזעצט דאָרט, וואו זיי האָבן געפונען די פּאַסיקע תּנאָים פאַר לאַנדווירטשאַפט. קאָרדאָנען און פאָרטן און סטאַנציעס האָבן געבילדעט אַ באַוועגלעכן גרענעץ פאַר די דאָזיקע ישובים פון דרום־זייט, וואו די טורקמענער זיינען געווען נאָך שטאַרק און אַקטיוו. נאָר אין צפונית־מזרחית האָט רוסלאַנד מער קיין גרענעץ ניט געהאַט, ביז זי האָט דערגרייכט צום שטילן אָקעאַן.

אין דער זעלביקער צייט איז כינע געווען אין אַ סטאַדיע פון אויסשפרייטונג. די מאַנדזשורישע באַצווינגערס האָבן אַריינגעבראַכט אַ נייע ענערגיע אין די כינעזישע ענינים און זייערע צפונדיקע אינטערעסן האָבן געבורט צו אַ היפּשן צפונדיקן אויסשפרייט פון דער כינעזישער ציוויליזאַציע און השפּעה אין מאַנדזשוריע און מאָנגאָליע. אַזוי האָבן די רוסן און כינעזער אַרום מיטן 18טן יאָרהונדערט זיך באַגעגנט אין מאָנגאָליע. אין יענער צייט האָט כינע רעגירט איבער מזרח־טורקעסטאַן, טיבעט, נעפּאַל, בירמאַ און אַנאַם...

דער מאַנדזשורישער פּעריאָד אין כינע איז אויך געווען אַ פּעריאָד פון אַ היפּשער ליטעראַרישער אַקטיוויטעט. פּאַראַלעל מיט די אייראָפּעיִשע מינים, אָבער אינגאַנצן אומאָפּהענגיק, האָט די כינעזישע נאָוועלע און קורצע דערציילונג זיך איבערגעהויבן צו אַ העכער מדרגה פון סטיל און אינטערעס, און עס איז אויך געווען אַ הויכטיקע אַנטוויקלונג פון דער כינעזישער דראַמע. עס זיינען געמאָלט געוואָרן אַ סך שיינע לאַנדשאַפטן, עס איז אויסגעפונען געוואָרן פאַרבן־דרוק, זיי האָבן אָפּגעלערנט קופּער־שטעכעריי פון יעזויטישע מיסיאָנערן און די אויסאַרבעטונג פון כינעזישער פּאָרצעלײַ איז דערהויבן געוואָרן ביז צו אַן אומפאַרגלייכלעכער הייך. נאָר צום אויסגאַנג פון 18טן יאָרהונדערט האָט דער עסטעטישער ווערט פון דעם דאָזיקן פּראָדוקט גענומען פאַלן, מחמת די טעפּערס האָבן גענומען זיך צופּאַסן צו דעם וואָס זיי האָבן געמיינט, אַז דאָס איז דער אייראָפּעיִשער גוסט. מען האָט פון כינע אין משך פון גאַנצן יאָרהונדערט בסדר אַריינגעפירט פּאָרצעלײַ־זאַכן אין די פּאַלאַצן, שלעסער און לאַנד־הייזער פון אייראָפּעיִשע אַדל־לייט. אייראָפּעיִשע טעפּעריי האָט נאָכגעמאַכט און קאָנקורירט מיט דער

כינעזישער פראדוקציע, נאר זי האט זי קיין מאל ניט געקאנט דעריאגן. עס האט זיך אויך אנגעהויבן אן אייראפעאישער טיי־האנדל.

מיר האבן דערמאנט א יאפאנישע אינוואזיע קיין כינע (געוויער קיין קארעע). חוץ דעם דאזיקן אנפאל אויף כינע, שפילט יאפאן ניט קיין ראלע אין אונזער געשיכטע פארן 19טן יארהונדערט. פונקט ווי כינע אונטער די מינגס, האט יאפאן זיך איינגעשפארט להלוטין ניט אריינצולאזן קיין אריינמישונג פון אויסלענדער אין אירע ענינים. זי איז געווען א לאנד, וואס האט געפירט איר אייגן ציוויליזירט לעבן, מאגיש אפגעשלאסן פאר אריינדרינגערס. מיר האבן ביז איצט דערציילט ווייניק וועגן איר, ווייל עס איז געווען ווייניק וואס צו דערציילן. איר בילדערישע און ראמאנטישע געשיכטע שטייט אן א זייט פון דער הויפט־דראמע פון דעם גורל פון דער מענטשהייט. איר באפעלקערונג איז געווען דער עיקר א מאנגאלישע מיט א געוויסן זייער אינטערעסאנטן צומיש פון א ווייסן פאלק פון א פרימיטיוון נארדישן טיפ, די האריקע אינוס אויף די צפונדיקע אינזלען. איר ציוויליזאציע שטאמט קענטיק אינגאנצן פון קארעע און כינע. איר קונסט איז א ספעציעלע אנטוויקלונג פון דער כינעזישער קונסט, איר שריפט איז א צופאסונג פון דער כינעזישער שריפט.

---

## 13. וואס האט גיבאן געקלערט וועגן דער וועלט אין יאר 1780.

אין די פריערדיקע צוועלף פאראגראפן האבן מיר באהאנדלט א תקופה פון צעטיילונג, פון אפגעזונדערטע נאציאנאליטעטן. מיר האבן שוין געשילדערט דעם דאזיקן פעריאד פון 17טן און 18טן יארהונדערט ווי אן איבעררייס־צייט אין דעם פראגרעס פון דער מענטשהייט צו א וועלט־ברייטער איינהייט. אין משך פון אט דעם פעריאד איז אין די געמיטער פון מענטשן ניט געווען קיין הערשנדיקע פאראייניקנדיקע אידעע. דער כוח פון דער אימפעריע איז געווען אויס, ווייבאלד דער קיסר קיסר איז געווען ניט מער ווי איינער צווישן א סך קאנקורירנדיקע פירשטן, און דער חלום פון קריסטנטום איז אויך געווען אן אויסגעלעבטער

חלום. די זיך אנטוויקלענדיקע גרויס-מלוכות האבן זיך געבויקערט איינע די אנדערע איבער גאר דער וועלט; א געוויסע צייט האט געקאנט אויסזוכטן, אז זאלן זיי זיך דארט ארומבויקערן אן א סוף, קיין



פריילין סארא סידאנס, די טראגישע אקטריסע. פון גיינסבאראס א געמעל אין דער נאציאנאל-גאלעריע אין לאנדאן.

גרויסע צרה וועט פאר דער וועלט ניט ארויסקומען. די גרויסע געאגראפישע אנטדעקונגען פון 16טן יארהונדערט האבן אזוי שטארק פארגרעסערט די קוואלן פון רייכטום פאר דער מענטשהייט, אז ביי אלע

צעטיילונגען, בײַ גאָר דער פֿאַרוויסטונג פֿון זייערע מלחמות און פֿון זייער פּאָליטיק, האָבן די פֿעלקער פֿון אייראָפּע גענאָסן אַ באַטייטיקן און וואַקסנדיקן וואוילשטאַנד. צענטראַל=אייראָפּע איז ביסלעכווייז געקומען צו זיך נאָך דער פֿאַרוויסטונג פֿון דרייסיק=יאָריקן קריג.

ווען מיר קוקן צוריק אויף דעם דאָזיקן פּעריאָד, וואָס האָט דערגרייכט צו זיין העכסטן פּונקט אין 18טן יאָרהונדערט, ווען מיר קוקן צוריק, אַזוי ווי מיר זיינען דאָס איצט ביכולת צו טאָן, און ווען מיר זעען די געשעענישן פֿון יענער צייט אין שייכות מיט די יאָרהונדערטער פֿריער און מיט די באַוועגונגען פֿון דער איצטיקער צייט, — דעמאָלט זיינען מיר אין שטאַנד צו פֿאַרשטיין, ווי פֿאַרבייגייענדיק און פּראָוויזאָריש עס זיינען געווען אירע פּאָליטישע פֿאָרמען און ווי ניט שטאַנדהאַפֿטיק אירע זיכערקייטן. זי איז געווען פּראָוויזאָריש, אַזוי ווי קיין אַנדער תּקופֿה איז ניט געווען, זי איז געווען אַ תּקופֿה פֿון אַסימילירן און צוריקקערן, אַ פּאָליטישער אָפּרו, אַ צונויפֿקלייבן אידעען פֿון מענטשן און קוואַלן פֿון וויסן צוליב אַ ברייטערער מענטשלעכער אָנשטרענגונג. נאָר דער גייסט פֿון יענער צייט האָט דאָס ניט געזען אין דער דאָזיקער שיין. דער דורכפֿאַל פֿון די גרויסע שעפֿערישע אידעען, ווי זיי זיינען געוואָרן פֿאָרמולירט אין מיטלעלטער, האָט איבערגעלאָזט דעם מענטשלעכן געדאַנק אויף אַ צייט אָן דער פֿירונג פֿון שעפֿערישע אידעען. אַפֿילו מענטשן געבילדעטע און מיט פֿאַנטאַזיע האָבן געזען די וועלט אומדראַמאַטיש. זי איז פֿאַר זיי ניט געווען מער אַ שפּיל פֿון אָנשטרענגונג און גורל, נייערט אַ סצענע, וואָס אויף איר איז געזוכט געוואָרן אַן אָפּגענוצטער גליק, און עס זיינען באַלוינט געוואָרן די שטילע מידות טובֿות. דאָס האָט ניט נאָר דער צופֿרידענער און קאָנסערוואַטיוו געשטימטער זיך געפֿונען אונטערן דרוק פֿון זיין זיכערקייט, אַז דער מצבֿ פֿון דער מענטשהייט איז פֿעסט איינגעשטעלט, בעת אין דער אמתן האָט די וועלט זיך האַסטיק געביטן. אַפֿילו הייך קריטישע און בונטערישע גייסטער האָבן אויך אַרויסגעוויזן די זעלביקע נטיה, מחמת עס האָט געפֿעלט אַן אויסגעהאַלטענע באַוועגונג אין דער נשמה פֿון דער געזעלשאַפֿט. זיי האָבן געפֿילט, אַז דאָס פּאָליטישע לעבן האָט אויפֿגעהערט צו זיין יענע נייטווענדיקע און

טראַגישע זאַך, וואָס עס איז געווען אַמאָל; עס איז געוואָרן אַ גלאַטע קאָמעדיע. דער אַכצנטער יאָרהונדערט איז געווען אַ יאָרהונדערט פון דער קאָמעדיע — וואָס איז צום סוף געוואָרן שרעקליך. מען קאָן זיך גאָרניט פאָרשטעלן, אַז יענע וועלט פון מיטן אַכצנטן יאָרהונדערט זאָל האָבן אַרויסגעבראַכט אַ ישו פון נצרת, אַ גאַוטאַמאַ, אַ פראַנציסק פון אַסיזי, אַן איגנאַצי פון לאָיאָלאַ. אויב מען קאָן זיך נאָך אויסמעלן אין 18טן יאָרהונדערט אַ יאָהאַן הוס, איז אָבער ניט מעגליך זיך אויסצומעלן עמעצן, וואָס זאָל פאַרמאָגן גענוג פייער אויף אים צו פאַרברענען.

איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן דער אומרו פון געוויסן אין בריטאַניע, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט צו דער מעטאָדיסטישער אויפלעבונג, קאָנען מיר קוים אַרויסגעפינען עפּעס אַ חשד, אַז עס זיינען נאָך געבליבן גרויסע אויפגאַבן פאַר דעם מין מענטש אויפצוטאָן, אַז עס שטייען נאָענט ביי דער טיר גרויסע מהומות, אָדער אַז דער וועג פון מענטשן דורך רוים און צייט איז אַ פינסטערער און פול מיט אָן אַ צאָל סכנות און אַז ער מוז ביז צום סוף בלייבן אַ הויכע און שרעקלעכע אונטערנעמונג.

מיר האָבן ניט איין מאָל געבראַכט אין דער דאָזיקער געשיכטע ציטאַטעס פון גיבאָנס „ירידה און אונטערגאַנג פון דער רוימישער אימפעריע”. איצט וועלן מיר נאָך ציטירן פון דעם ווערק עפּעס פון דער לעצטער צייט און זיך געזעגענען מיט דעם, וואָרעם מיר זיינען געקומען צו דער תקופה, וואָס אין איר איז עס געוואָרן געשריבן. גיבאָן איז געבאָרן געוואָרן אין יאָר 1737, און דער לעצטער באַנד פון זיין געשיכטע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין יאָר 1787, נאָר דאָס שטיק, וואָס מיר וועלן ציטירן, איז מסתמא אָנגעשריבן אין 1780. גיבאָן איז געווען אַ יונגערמאַן פון שוואַכן געזונט און אַ גאַנץ פאַרמעגלעכער. ער האָט געקראָגן טיילווייז און מיט הפסקות זיין אויסבילדונג אין אָקספאָרד, און דערנאָך האָט ער פאַרפולקומט זיין שטודיום אין זשענעווע. בדרך כלל איז זיין קוק געווען גיכער פראַנצויזיש און קאָסמאָפּאָליטיש, איידער בריטיש, און ער איז געווען שטאַרק אונטער דער השפעה פון דעם גרויסן פראַנצויז, וואָס איז באַוואוסט צום מיינסט אונטער דעם נאָמען וואָלטער (פראַנסואַ מאַרי אַרוע דע וואָלטער, 1694 — 1778). וואָל-

טער איז געווען אַ שרייבער מיט אַ געוואלדיקער פראדוקטיווקייט: זיבעציק בענד זיינע באַצירן די פאליצעס פון דעם מחבר פון ראַזיקן ווערק, און נאָך אַן אויסגאַבע פון וואלטערס ווערק האלט פיר-און-ניינציק בענד. ער האָט געשריבן אַ סך וועגן געשיכטע און געזעלשאַפטלעכע פראַגן און האָט קאָרעספאָנדירט מיט קאַטערינע דער גרויסער פון רוסלאַנד, מיט פרידריך דעם גרויסן פון פרייסן, לודוויג XV און מיטן רוב גרויסע מענטשן פון זיין צייט. סיי וואלטער און סיי גיבאָן האָבן געהאַט אַ שטאַרקן געפיל פאַר געשיכטע. ביידע האָבן זיי אויסגע-



דער שלאָס פון ווערסאַיל, וואָס לודוויג XIV האָט אויסגעבויט. ער האָט אָפּגעקאָסט 40.000.000 פונט סט.

טייטשט זייער קלאָר און פול זייערע זעונגען פון מענטשלעכן לעבן. און עס איז קלאָר, אַז ביידן האָט אויסגעדוכט, אַז אַט די סיסטעם, וואָס אין איר האָבן זיי געלעבט, די סיסטעם פון מאָנאַרכיע, פון אַ ליידיקגייערישן און פריווילעגירטן אדל, פון אַ פאַראַכטן אינדוסטריע-און האַנדלס-קלאַס און פון אונטערדריקטע און דערנידעריקטע אַרבעטער און אַרעמלייט און פון דער געמיינער מאַסע, איז דער שטאַנדהאַפטיקסטער לעבנס-וועג, וואָס די וועלט האָט ווען געזען. זיי האָבן פאַזירט פאַר שטיקלעך רעפובליקאַנער און האָבן אָפּגעשפעט פון די געטלעכע פרע-

טענדיעס פון דער מאנארכיע; נאר דער רעפובליקאניזם, וואס איז געוועזן געפעלן וואלטערן, איז געוועזן דער געקרוינטער רעפובליקאניזם פון בריטאניע פון יענער צייט, וואס אין איר איז דער קיניג געווען פשוט דער אפיציעלער שפיץ און דער ערשטער און גרעסטער צווישן די אדללייט.

דער אידעאל, וואס זיי האבן אונטערגעהאלטן, איז געווען דער אידעאל פון א העפלעכער און געשליפענער וועלט, וואס אין איר וואלטן מענטשן — דאס הייסט מענטשן מיט א טיטל, ווארעם די איבעריקע זיינען ניט גענומען געווארן אין חשבון — זיך פשוט שעמען צו זיין אכזריותדיק אדער גראב אדער ענטוזיאסטיש, וואס די לעבנס־פארהעלטענישן אין איר האבן באדארפט זיין ברייט און עלעגאנט, און די שרעק זיך צו מאכן לעכערלעך האט באדארפט העלפן דעם געזעץ אונטערהאלטן דעם איסוויינקסטן גלאנץ און הארמאניע פון לעבן. וואלטער האט געהאט אין זיך די מעלה, וואס ער האט ליידנשאפטלעך פיינט געהאט אומרעכט, און זיינע ארײַנמישונגען לטובת גערודפטע אדער שלעכט באהאנדלטע מענטשן זיינען די הויכע שיין פון זיין לאנגער און פארפלאנטערטער לעבנס־געשיכטע.

היות ווי דאס איז געווען די גייסטיקע איינשטעלונג פון גיבאן און פון וואלטער און פון דער תקופה, וואס אין איר האבן זיי געלעבט, איז דאס גאנץ נאטירלעך, אז זיי האבן געהאלטן, אז רעליגיע בכלל, און קריסטנטום בפרט, איז א זאך, וואס איז קעגן שכל הישר. זיי האט אויסגעדוכט, אז אט די גאנצע זייט פון לעבן, וואס איז נוגע רעליגיע, איז א מין טירוף, וואס איז באפאלן דעם מענטשן. גיבאנס גרויס געשיכטע־ווערק איז אין עצם אן אנפאל אויפן קריסטנטום, ווי די ווירקנדיקע סיבה פון ירידה און אונטערגאנג. ער האט אידעאליזירט די הייע און גראבע פלוטאקראטיע פון רוים אין א וועלט פיינע דזשענטלמענס לויטן מוסטער פון 18טן יארהונדערט, און דערציילט, אז זי איז געפאלן פאר די בארבארן פון אויסווייניק מחמת דער ירידה, וואס דאס קריסטנטום האט ארײַנגעבראכט פון אינעווייניק. אין אונזער געשיכטע האבן מיר געפרוווט אוועקשטעלן די מעשה אין א בעסערער שיין. פאר וואלטערן איז דאס אפיציעלע קריסטנטום געווען l'infame, דאס ניידערטרעכטיקע, עפעס אזוינס, וואס האט געפעגטעט דאס לעבן פון

מענטשן, האט זיך אריינגעמישט אין זייערע געדאנקען, גערודפט אומשולדיקע חילוקי־דעות. און אין דער אמתן איז טאקע אין יענער צווישנצייט געווען זייער ווינציק לעבן און ליכטיקייט סיי אין ארטאדאקסן קריסטנטום פון רוים, סיי אין דער שטילער ארטאדאקסער קירך פון רוסלאנד, סיי אין דעם קריסטנטום פון די פראטעסטאנטישע קריסטן. אין א צייט וואס איז געווען געשלאגן מיט גלאטיגקע מענטשעלעך און מיט דורכגעטריבענע גלחים, איז שווער געווען צו דערזען. וואסער פייער האט אמאל געפלאקערט אין הארץ פון קריסטנטום און וואסערע פייערן פון פאליטישער און רעליגיעזער ליידנשאפט קאנען נאך אמאל פלאקערן אין די הערצער פון מענטשן.

צום סוף פון דריטן באנד פון זיין געשיכטע האט גיבאן פארענדיקט זיין באריכט וועגן אונטערגאנג פון דער מערבדיקער אימפעריע. ער שטעלט דערנאך די פראגע, צי קאן דאס געמאלט זיין, אז די ציוויליזאציע זאל נאך אמאל ליידן אזא מפלה. דאס האט אים געבראכט דערצו, ער זאל מאכן אן איבערבליק איבער דעם עקסיסטירנדיקן צושטאנד (1780) און פארגלייכן אים מיטן צושטאנד בעת דער ירידה פון דער קיסרלעכער רוים. עס פאסט זיך זייער גוט פאר אונזער אלגעמיינעם פלאן צו ציטירן דא עטלעכע פראגמענטן פון אט דעם פארגלייך, וואָרעם קיין זאך קען ניט בעסער אילוסטרירן דעם געמיט־צושטאנד פון די ליבעראלע דענקערס פון אייראפע אויפן שפיץ פון דעם פאליטישן איבערגאנגס־פעריאד, איידער די ערשטע אנצוהערענישן אויף יענע טיפע פאליטישע און סאציאלע צעשפאלטונג־כוחות האבן סוף־כל־סוף אריינגעבראכט די דראמאטישע פראגעס פון אונזער צייט.

„פון דער דאזיקער שרעקלער רעוואלוציע, האט גיבאן געשריבן וועגן דעם מערבדיקן חורבן, וואלט מען באדארפט אפלערנען פאר דער איצטיקער צייט. עס איז דער חוב פון א פאטריאט צו שטעלן העכער פון אלץ דעם אינטערעס און די גדולה פון זיין געבוירנלאנד. נאר א פילאסאף איז דערלויבט צו פארברייטערן זיין קוק און צו באטראכטן אייראפע ווי איין גרויסע רעפובליק, וואס אירע פארשיידענע איינוואוינער האבן דערגרייכט צו כמעט דער זעלביקער מדרגה פון מענטשישקייט און קולטור. די וואגשאל פון מאכט וועט זיך אייך ווייטער וויגן, און דער וואוילשטאנד פון אונזער אייגענעם אדער

שכנישן קיניגרייך קאָן שטייגן אָדער פאַלן, נאָר די דאָזיקע איינצל-געשעענישן קאָנען ניט אין עצם באַשעדיקן אונזער אַלגעמיינעם גליקלעכן צושטאַנד, די סיסטעם פון קונסטן און געזעצן און מנהגים, וואָס צייכענען אויס אַזוי צום גוטן די אייראָפּעער און זייערע קאָלאָניעס איבער דעם רעשט פון דער מענטשהייט. די ווילדע פעלקער, פון דער ערד זיינען די שותּפישע שונאים פון דער ציוויליזירטער געזעלשאַפט, און מיר מעגן פרעגן מיט אַ געוויסער ציטערדיקער נייגעריקייט, צי איז נאָך פאַראַן אַ סכּנה, אַז עס זאָלן אין אייראָפּע זיך נאָך אַמאָל איבער׳חזרן יענע צרות, וואָס האָבן צעבראָכן דאָס געווער און די אינסטיטוציעס פון רוים. אפשר וועלן די זעלביקע סברות אילוסטרירן דעם אונטערגאַנג פון דער דאָזיקער מעכטיקער אימפּעריע און דערקלערן די סיבות, פאַרוואָס מיר זיינען איצט זיכער.

„די רוימער האָבן ניט געוואוסט, ווי גרויס עס איז זייער סכּנה, און ווי גרויס עס איז די צאָל פון זייערע שונאים. אויף יענער זייט ריין און דונאַי זיינען די צפונדיקע לענדער פון אייראָפּע און אַזיע געווען פול מיט אָנצאָליקע שבטים פון יעגערס און פאַסטעכער, וואָס זיינען געווען אָרעם, רויב-גלוסטיק און טומלדיק, דרייסט אין געשלעג און זשעדנע צו פאַרכאַפּן די פרוכטן פון פרעמדער אַרבעט. די באַרבאַרישע וועלט איז געווען אויפגערעגט דורך דעם האַסטיקן אימפּולס פון מלחמה. דער שלום פון גאַליע אָדער איטאַליע איז געשטערט געוואָרן, מחמת ווייט אין כינע זיינען פאָרגעקומען רעוואָלוציעס. די הונען, וואָס זיינען געלאָפן פאַר אַ זיגרייכן שונא, האָבן געווענדט זייער מאַרש קיין מערב, און דער ווילדער שטראָם איז אַלץ געוואַקסן, ווייל עס זיינען ביסלעכווייז צוגעקומען געפאַנגענע און פאַרבינדעטע. די לויפנדיקע שבטים וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו די הונען האָבן פון זייער זייט איבערגענומען דעם גייסט פון באַצווינגונג. אויף דער רוימישער אימפּעריע האָבן געשפּאַרט אָנצאָליקע מאַסן באַרבאַרן, וואָס זייער כּוח איז אַלץ געוואַקסן; אויב מען האָט פאַרטיליקט די פאָדערשטע, זיינען באַלד הינטער זיי געקומען פרישע אָנפאַלער, וואָס האָבן פאַרפולט דעם בלויז. אַזעלכע שרעקלעכע עמיגראַציעס קאָנען מער פון צפון-זייט ניט קומען, און די לאַנגע רו-הפסקה, וואָס שטאַמט פון דער פאַרמינערונג פון דער באַפעלקערונגס-צאָל, איז דער גליקלעכער רעזולטאַט פון דעם פּראָגרעס

פון קונסט און אַגריקולטור. אָנשטאָט עטלעכע ווילדע דערפער, צעוואָרפן איבער וועלדער און זומפּן, ציילט איצט דייטשלאַנד אַ רשימה פון צוויי טויזנט דרייהונדערט שטעט אַרומגערינגלט מיט מויערן. עס האָבן זיך בהדרגה אַיינגעפעסטיקט די קריסטלעכע קיניגרייכן דענעמאַרק, שוועדן און פוילן. און די סוחרים פון דער האַנזאַ, מיט די דייטשע ריטערס, האָבן אויסגעשפרייט זייערע קאָלאָניעס פאַזע דעם ברעג פון באַלטישן ים אַזש ביז צום פינלענדישן אויסגוס. פון פינלענדישן אויסגוס ביז צום מזרחדיקן אָקעאַן נעמט איצט רוסלאַנד אָן די פאָרם פון אַ מעכטיקער און ציוויליזירטער מלוכה. דער אַקער־אַייזן, דער וועבשטול און די שמידעריי זיינען איצט היימיש אויף די ברעגעס פון וואָלגע, פון אָב און פון לענאַ. די ווילדסטע פון די טאָטערישע האָרדעס זיינען געלערנט געוואָרן צו ציטערן און צו פאָלגן...

„די רוימישע אימפעריע איז געווען פעסט אַיינגעשטעלט דורך דעם אייגנטימלעכן און פולקומען פאַרבונד פון אירע גלידער... נאָר דער דאָזיקער פאַרבונד איז געקויפט געוואָרן דורך דעם אָנווער פון דער נאַציאָנאַלער פרייהייט און פון קריגערישן גייסט. און די אונטערטעניקע פראָווינצן, וואָס אין זיי האָט געפעלט לעבן און באַוועגונג, האָבן אַרויסגעקוקט צוליב זייער זיכערקייט אויף געדונגענע זעלנערס און גובערנאַטאָרן, וואָס זיינען געוואָרן געפירט דורך די באַפעלן פון אַ ווייטן קיסרלעכן הויף. דאָס גליק פון אַ הונדערט מיליאָן מענטשן איז געווען אָפגעהאַנגען פון די מעלות פון איינעם אָדער פון צוויי מענטשן, אפשר קינדער, וואָס זייער כאַראַקטער איז געווען פאַרדאָרבן דורך דערציִונג, לוקסוס און דעספאָטישער מאַכט. אייראָפע איז איצט צעטיילט אויף צוועלף מעכטיקע, הגם ניט קיין גלייכע, קיניגרייכן, דריי אָנגעזעענע רעפובליקן און אַ סך קלענערע, נאָר אומאָפהענגיקע מלוכות. אַזוי אַרום זיינען פאַרמערט אַ סך מאָל די שאַנסן אויף טאַלענטירטע מלכים אָדער מיניסטאָרן, לכל־הפחות אַזוי פיל מאָל ווי די צאָל פון די רעגירערס: בעת אַרקאַדיוס און האָנאָריוס (אָנצוהערעניש אויף לודוויג XVI פון פראַנקרייך און קאַרל III פון שפאַניע) מעגן זיך דרעמלען אויף די שטולן פון הויז בורבאָן, רעגירן אין צפון אַ יוליאַן (פרידריך דער גרויסער פון פרייסן) אָדער אַ סעמיראַמיס (קאַטערינע די גרויסע פון רוסלאַנד). די עקסצעסן פון טיראַניע זיינען באַגרענעצט דורך דער

גליכציטיקער ווירקונג פון חרפה און שרעק. רעפובליקן האבן זיך אנגעשאפט ארדענונג; מאנארכיעס זיינען דורכגעזאפט געווארן מיט די פרינציפן פון פרייהייט, אדער, לכל הפחות, פון מעסיקייט, און אין די ערגסטע קאנסטיטוציעס איז דורך דעם אלגעמיינעם גייסט פון דער צייט אריינגעפירט געווארן א געפיל פון כבוד און גערעכטיקייט. אין שלום ווערט דער פראגרעס פון וויסנשאפט און אינדוסטריע פאריבערט דורך די באמיאונגען פון אסך אקטיווע קאנקורענטן; אין מלחמה ווערן די אייראפעישע חיילות געפירט אין אן איינגעהאלטענעם אופן. אויב עס זאל ארויסגיין א ווילדער באצווינגער פון די טאטערישע מדבריות, וועט ער מוזן כסדר גובר זיין די קרעפטיקע פויערים פון רוסלאנד, די צאלרייכע ארמייען פון דייטשלאנד, די גאלאנטע אדללייט פון פראנקרייך און די מוטיקע פרייע מענער פון בריטאניע, וואס וועלן אפשר מאכן איין בונה, כדי צו פארטיידיקן זיך אלע אין איינעם. זאלן אפילו די זיגרייכע בארבארן אריינברענגען שקלאפעריי און חורבן אזש ביז צום אטלאנטישן אקעאן, וועלן צען טויזנט שיפן אריבערפירן די רעשטן פון דער ציוויליזירטער געזעלשאפט אהין איף יענער זייט ים, וואו די בארבארן וועלן זיי ניט קאנען דערלאנגען. און אייראפע וועט ווידער אויפלעבן און בליען אין דער אמעריקאנישער וועלט, וואס איז שוין איצט פול מיט אירע קאלאניעס און אינסטיטוציעס.

„קעלט, ארעמקייט און א לעבן פון סכנות און שווערער פראצע שטארקן דעם כח און דעם מוט פון די בארבארן. אין אלע צייטן האבן זיי אונטערדריקט די העפלעכע און פרידלעכע פעלקער פון כינע, אינדיע און פערסיע, וואס האבן ניט געלייגט קיין אכט און לייגן אויך איצט ניט קיין אכט דערויף, אנטקעגנצושטעלן קעגן אט די נאטירלעכע קרעפטן די קראפט פון דער קריגס-קונסט. די קריגערישע מלוכות פון דער אלטער וועלט, גריכנלאנד, מאקעדאניע, רים, האבן אויסגעהאדעוועט א ראסע פון זעלנער, האבן איינגעניט זייערע קערפערס, דיסציפלינירט זייער מוט, פארפילפאכיקט זייערע כחות דורך רעגולערע באוועגונגען און געמאכט פון דעם אייזן, וואס זיי האבן פארמאגט, שטארקע און גרינג צו נוצנדיקע געווער. נאר אט די מעלות זיינען צו ביסלעכווייז אראפ צוזאמען מיט זייערע מנהגים און געזעצן. די-

שוואכע פאליטיק פון קאנסטאנטין און פון זיינע יורשים האט באוואפנט און אויסגעמושטירט די רויע קראפט פון די בארבארישע געדונגענע זעלנערס, צום חורבן פון דער אימפעריע. די קריגס-קונסט האט זיך געביטן דורך דער דערפינדונג פון שיס-פולווער, וואס גיט דעם מענטשן די מעגלעכקייט צו געוועלטיקן איבער צוויי מעכטיקע כוחות פון דער נאטור: דעם פייער אין דער לופט. מאטעמאטיק, כעמיע, מעכאניק זיינען געווארן צוגעפאסט צו דינען דער קריגס-קונסט אין ביידע מלחמה-פירנדיקע צדדים שטעלן ארויס איינער קעגן אנדערן די קונציקסטע גענג פון אנפאל און פארטיידיקונג. היסטאריקער מעגן זיין ברוגז דערויף, וואס צוליב די צוגרייטונגען צו באלעגערונג מוז מען גרינדן און אויסהאלטן א בליענדיקע קאלאניע. מיר אבער קאנען נישט געפינען דערין קיין שלעכטס, וואס די צעשטערונג פון א שטאט קומט אן מיט שווערקייט און מיט הוצאות, אדער אז א פלייסיק פאלק זאל ווערן באשיצט דורך יענע קונסטן, וואס לעבן איבער און פארטרעטן די קריגערישע מעלות, וואס האלטן אין פארשוואונדן ווערן. איצט זיינען דער הארמאט און די פעסטונג א מחיצה נישט דורכצוקומען פאר דעם טאטערשן פערד, און אייראפע איז זיכער קעגן א קומענדיקן אריינדרינג פון בארבארן. סיידן זיי זאלן אויפהערן צו זיין בארבארן, ערשט דעמאלט קאנען זיי ווערן באצווינגערס...

„זאלן די דאזיקע חקירות זיך ארויסווייזן פאר מסופקדיק אדער אפנארעריש, בלייבט נאך איבער א טיפערער קוואל פון טרייסט און האפענונג. די אנטדעקונגען פון די אלטע און נייע ים-פארערס און די היימישע געשיכטע אדער טראדיציע פון די אויפגעקלערטסטע פעלקער שטעלן פאר דעם „ווילדן מענטשן" נאקעט סיי אין קערפער און סיי אין גייסט, אן געזעצן, אן קונסט, אן אידעען, כמעט אן א שפראך. פון אט דעם נידעריקן מצב, וואס איז אפשר דער לכתחילהדיקער צושטאנד פון אלע מענטשן, האט ער כהדרגה אויפגעשטייגט צו געוועלטיקן איבער די בעלי-חיים, פרוכפעריק צו מאכן די ערד, אריבערצושווימען דעם אקעאן און אויסצומעסטן די הימלען. דער פראגרעס אין דער פארפולקומונג און באנוץ פון זיינע גייסטיקע און קערפערלעכע פעיקייטן איז

געווען ניט רעגולער און האט זיך געביטן: צוערשט איז ער געגאנגען פאוואליע און איז בהדרגה געוואקסן מיט א געטאפלטער גיכקייט; נאך תקופות פון מי-פולן אויפשטייג זיינען געקומען מאמענטן פון האסטיקער ירידה; און די עטלעכע קלימאטן פון דער ערד האבן געפילט די שינויים פון ליכטיקייט און פינסטערניש. נאר די דערפארונג פון פיר טויזנט יאר פארגרעסערט אונזערע האפענונגען און פארקלענערט אונזערע דאגות. מיר קאנען ניט באשטימען, ביז צו וואסער הייך קאן דערגיין דער מין מענטש און זיין שטרעבן צו שלמות. נאר מיר מעגן רויק אננעמען, אז קיין איין פאלק, סיידן עס זאל זיך בייטן דער פנים פון דער נאטור, וועט ניט צוריק אריינפאלן אין דעם לכתחילהדיקן בארבאריזם.

„זינט די ערשטע דערפינדונג פון די קונסטן, האבן קריג, האנדל און רעליגיעזער ברען פארשפרייט צווישן די ווילדע פון דער אלטער און נייער וועלט יענע ניט אפצושאצנדיקע מתנות, וואס קאנען שוין קיין מאל ניט פארלארן גיין. מיר קאנען דעריבער זיך בארויקן מיט דער אנגענומענער מסקנא, אז איטלעכע תקופה פון דער וועלט האט פארגרעסערט, און פארגרעסערט נאך איצט, דעם רעאלן רייכטום, דאס גליק, דאס וויסן, און אפשר אויך די מאראלישע שלמות פון דער מענטשלעכער ראסע“.

---

## 14. דער סאציאלער וואפנשטילשטאנד האלט ביים סוף.

איינער פון די אינטערעסאנטסטע דערשיינונגען פון דער געשיכטע פון אייראפע אין משך פון 17טן און אנהייב 18טן יארהונדערט, בעת דעם פאזיס פון דער גרויס-מאנארכיע און דער פארלאמענטארישער מאנארכיע, איז געווען די לפי-ערכדיקע רויקייט פון די פויערים און ארבעטער. די מורדישע פייערן פון 14טן, 15טן און 16טן יארהונדערט זיינען אין פלוג געווען אויסגעלאשן. די שארפע עקאנאמישע צונויפשטויסן פון דעם פריערדיקן פעריאד זיינען געווארן געמילדערט דורך צייטווייליקע אויסגלייכן. די אנטדעקונג פון אמעריקע האט רעוואלוציאניזירט און איבערגעביטן דעם מאסשטאב פון האנדל און אינ-

דוסטריע, אריינגעבראכט אין איראפע א גרויסע מאסע טייערע מעטאלן צוליב געלט, פארגרעסערט די צאל באשעפטיקונגען און פארמערט די מינים פרנסות. א שטיקל צייט האבן די ארעמעלייט ניט געפילט אזוי שטארק די שווערקייט פון לעבן און ארבעט. פארשטייט זיך, אינדיווידועלע צרות און אומצופרידנקייט זיינען געווען נאך גענוג; ארעמעלייט האבן מיר שטענדיק געהאט. אבער די אומגליקלעכע און די אומצופרידענע זיינען געווען צעשפרייט און צעווארפן. מען האט זיי ניט אנגעזען און ניט געהערט.

אין פריערדיקן פעריאד האט דאס געמיינע פאלק געהאט א אידעע אויף זיך צו קאנצענטרירן ארום איר, דאס איז די אידעע פון קריסטלעכן קאמוניזם. אז די באוועגונג צו באגייען דאס קריסטנטום איז אויסגעגאנגען מיט די כוחות, און דער לוטעראניזם האט זיך אפגעווענדט פון ישון ווי א פירער און האט זיך א קער געטאן צו די פירשטן, איז איבערגעריסן געווארן דער באריר און די ווירקונג פון די פרישערע גייסטער פון די געבילדעטע קלאסן אויף די אומגעבילדעטע מאסן. ווי צאלרייך עס זאל אויך זיין אן אונטערדריקטער קלאס און ווי שלעכט עס זאל זיין זיין מצב, וועט ער קיין מאל ניט זיין ביכולת ארויסצווייזן א טעטיקן ווידערשטאנד, איידער ער וועט דערגרייכן צו אחדות דורך דער אנטוויקלונג פון א בשותפישער אלגעמיינער אידעע. א פאליטישע פאלקס=באוועגונג געניטיקט זיך מער אין געבילדעטע אידעישע מענער אין פרויען, ווי וואסער עס איז אנדער פאליטישער פראצעס. א מאנארכיע לערנט זיך דורכן רעגירן גופא, אן אליגארכיע פון וואסער עס איז טיפ האט די געניטשאפט פון די אייגענע געשעפטן. נאר דער געמיינער מאן, דער פויער און דער בעל=מלאכה, האט קיין שום געניטשאפט ניט אין ברייטע געזעלשאפטלעכע ענינים און קאן עקסיסטירן פאליטיש נאר דורך דעם דינסט, איבערגעגעבנקייט און פירונג פון געבילדעטע מענטשן. די איינגעגעבענע רעפארמאציע, די רעפארמאציע פון די פירשטנס וועגן, האט דורך דעם, וואס זי האט פארשווערט דעם צוטריט צו בילדונג, אין א גרויסער מאס צוניישט געמאכט דעם קלאס ארעמע געלערנטע און גייסטלעכע, וואס נאר אדאנק דעם וואס זיי האבן איינגענומען מיט זייערע רייד דעם המון איז די רעפארמאציע געווארן מעגלעך.

די פירשטן פון די פּראָטעסטאַנטישע לענדער, ווען זיי האָבן פאַרכאַפּט די נאַציאָנאַלע קירכן, האָבן באַלד פאַרשטאַנען, אַז זיי מוזן אויך אַריינכאַפּן די אוניווערסיטעטן. זייער דערציונגס־אידעאַל איז געווען אויסצובילדן פעיקע יונגעלייט, וואָס זאָלן טויגן גוט צו דינען זיי. ווייטער פון דעם זיינען זיי געווען נוטה צו האַלטן בילדונג פאַר אַ שעדלעכער זאַך. דערפאַר איז דער איינציקער וועג פאַר אַן אָרעמען יונגן מענטשן צו קריגן בילדונג געווען צו געפינען פאַר זיך אַ רייכן באַשיצער. עס איז, אמת, געווען אַ פּאַראַד פון איבערמוטיגע רונג צו געלערנטקייט אין אַלע גרויס־מאָנאַרכיעס: מען האָט געגרינדעט אַקאַדעמיעס און וויסנשאַפטלעכע געזעלשאַפטן. אָבער געניאָסן דערפון האָבן נאָר אַ קליינער קלאַס פון געלערנטע, וואָס זיינען געווען גרייט צוצודינען די מאָנאַרכן. די קירך האָט זיך אויך אַיינגעווינט ניט צו געטרויען דעם געבילדעטן אָרעמאַן. אין דער גרויסער אריסטאָקראַטישער „געקרוינטער רעפּובליק“ פון בריטאַניע איז אויך געווען די זעלביקע באַגרענעצונג פון בילדונגס־מעגלעכקייט. „בײדע אַלטע אוניווערסיטעטן, זאָגט האָמאַנט אין זיין באַריכט איבערן אַכצנטן יאָרהונדערט, זיינען געווען אוניווערסיטעטן פאַר רייכע. פאַראַן אַן אָרט ביי מאַקאָליי, וואו ער באַשרייבט דעם פּאַראַד און די פּאָמפּע פון אָקספאָרד צום סוף 17טן יאָרהונדערט: „דער קאַנצלער, דער בכבודיקער הערצאָג פון אָרמאָנד, איז געזעסן אין זיין אויסגעהאַפטן מאַנטל אויף זיין טרוין אונטער דער אויסגעמאָלטער סטעליע פון דעם שעלדאָן־טעאַטער, אַרומגערינגלט מיט הונדערטער גראַדוירטע לויט זייערע ראַנגען, בעת די איידלסטע יוגנט פון ענגלאַנד איז איבגעוואָרן פאָרגעשטעלט פייערלעך, ווי קאַנדידאַטן פאַר אַקאַדעמישע טיטלען“. דער אוניווערסיטעט איז געווען אַ כוח, אָבער ניט אין דעם זין, ווי מען וואָלט דאָס געקאָנט זאָגן וועגן אַן אַלטן אוניווערסיטעט ווי דער פּאַריזער, וואָס זיין געלערנטקייט האָט געקאָנט מאַכן ציטערן די פּויפּסן, נאָר אין דעם זין, וואָס דער אוניווערסיטעט איז געווען אַ טייל פון דער אָנערקענטער מאַשינעריע פון דער אַריסטאָקראַטיע. דאָס וואָס עס איז געווען ריכטיק וועגן די אוניווערסיטעטן, איז געווען ריכטיק אויך וועגן די עפנטלעכע שולן. בילדונג איז אין ענגלאַנד געווען דער פלאַנץ־גאָרטן ניט פון אַ געזעלשאַפט, נאָר פון

אַן אָרדן, ניט פון אַ מלוכה, נאָר פון אַ ראַסע פון איינגעטימער און רעגירער". דער מיסיאָנערישער גייסט האָט פאַרלאָזן די בילדונג אין גאַנץ אייראָפּע: דערפון נעמט זיך דער פּאָזיס פון רו צווישן די נידעריקע קלאַסן, פונקט ווי דערפון, וואָס דער מצב איז בכלל בעסער



דער היסטאָריקער עדוואַרד גיבאָן, מחבר פון ווערק „ירידה און אונטערגאַנג פון דער רוימישער אימפּעריע".

געוואָרן, מחמת עס האָט זיך פאַרשפּרייט וואוילשטאַנד. זיי האָבן געהאַט אַנגעוואָרן דעם מוח און די שפּראַך, און זיינען געוואָרן גע־פּיטערט. די געזעלשאַפט איז געווען ווי אַן אָפּגעפּיטערטער בעל־חי אין די הענט פון דעם רעגירנדיקן קלאַס.

חוץ דעם, זיינען פארגעקומען הויפטע שינויים אין די פראָ=
פארציעס צווישן איין קלאס און דעם צווייטן. איינע פון די שווערסטע
זאכן פארן היסטאריקער איז צו באשטימען דעם לפי=ערכדיקן כבוד
פון דעם געזעלשאפטלעכן אייגנס, וואס איטלעכער באזונדערער געַ=
זעלשאפטלעכער קלאס פארמאגט אין אַ געוויסער צייט. די דאזיקע
זאך בייט זיך זייער גיך. די פויערים=מלחמות אין איראפע ווייזן
אויף אַ פּאזיס פון לפי=ערך קאנצענטרירטן אייגנטום, ווען גרויסע
פאלקס=מאסן האבן געקאנט זיך פילן עקספראפריִרט און בכלל גע=
שעדיקט, און דערפון האבן זיך גענומען מאסן=אקציעס. דאס איז
געווען די צייט פון דעם אויפשטייג און הצלחה פון די פוגערס און
זייערס גלייכן, אַ צייט פון אינטערנאציאנאלער פינאנץ. דערנאך, אַז
עס זיינען ארייגעפירט געווארן פון אמעריקע קיין איראפע מאסן
גאלד און זילבער און אנדערע פראדוקטן, האט זיך, ווייזט אויס, רייכ=
טום ווידער אמאל מער פארשפרייט צווישן פאלק. די ארעמע לייט זיינען
געווען פונקט אזוי אויף צרות ווי אלעמאל, אבער עס זיינען אפשר
ניט געווען אזוי פיל ארעמעלייט לפי=ערך, און זיי זיינען געווען צעריסן
אין פארשיידענע מינים און וואסערע שהפּישע אידעעס. אין גרויס=ברי=
טאניע איז דאס אגראר=לעבן, וואס איז איבערגעריקט געווארן אראָנק
די קאנפיסקאציעס פון דער רעפארמאציע=צייט, ווידער איינגעשטעלט
געווארן אין אַ סיסטעם פון ארענדאטארן אונטער גרויסע ערד=
איינגנטימער. נאר זייט ביי זייט מיט די גרויסע מאיאנטקעס איז אויך
געווען נאך אַ סך געמיינדע=לאנד צוליב פאשע פאר די בהמות פון
די ארעמע דארפס=איינוואוינער, און אַ סך ערד, וואס איז געווארן
קולטיווירט אין פאסן אויף קאמונאלע יסודות. דער מענטש פון
מיטלשטאנד און אפילו דער ארעמערער מענטש אויפן לאנד האט אין
יאר 1700 געפירט אַ גאנץ נישקשהדיקע עקסיסטענץ. אמת, דער
אלגעמיינער לעבנס=שטאנד, דאס הייסט די פארשטעלונג פון דעם, וואס
הייסט דאס אַ נישקשהדיקע עקסיסטענץ, האט זיך געהויבן אין משך פון
דער אנהייב=סטאדיע פון דער גרויס=מאנארכיע. אין אַ געוויסער צייט
ארום האט זיך, ווייזט אויס, ווידער אנגעהויבן דער פראצעס פון
קאנצענטראציע פון רייכטום, די גרויסע לאנד=איינגנטימער האבן אנגע=
הויבן ארויסצושטופן די ארעמערע פרייע ערד=ארבעטער פון זייערע

נחלאות, און די פּראָפּאָרציע פֿון אָרעמעלייט און פֿון מענטשן, וואָס האָבן געפֿילט, אַז זיי לעבן ווי אָרעמעלייט, איז יעדער געוואָרן גרעסער. די רייכערע מענטשן זיינען געווען די אומגעשטערטע הערשער פֿון גרויס־בריטאַניע און זיי האָבן זיך גענומען דורכפֿירן געזעצן, די „איינצאַם־געזעצן" (Enclosuie Acts), וואָס לויט זיי זיינען פּאַקטיש קאָנפֿיסקירט געוואָרן די ניט־אַרומגעצאַמטע פֿלעצער, דאָס הייסט די געמיינדע־ערד, דער עיקר לטובת די גרעסערע לאַנד־אייגנטימער. די קליינע מענטשן זיינען אַראָפּגעזונקען צום שטאַנד פֿון לוין־אַרבעטער אויף דער ערד, וואָס פֿריער האָבן זיי אויף איר געהאַט דאָס רעכט צו באַאַרבעטן זי און צו פּאַשען אויף איר זייערע בהמות.

דער פּויער אין פֿראַנקרייך און אויפֿן קאָנטינענט איז דרך כּלל ניט געוואָרן עקספּראָפּריִרט. זיין שונא איז געווען ניט דער פֿריץ, נאָר דער שטייער־מאַנער. ער איז געוואָרן צוגעקוועטשט צו דער ערד, אַנשטאָט צו ווערן פֿון איר אַראָפּגעקוועטשט.

וואָס ווייטער אין אַכצנטן יאָרהונדערט אַריין, ווערט קלאָר פֿון דער ליטעראַטור פֿון דער צייט, אַז די פֿראַגע, וואָס טוט מען מיט די אָרעמעלייט, הייבט אָן ווידער צו פֿאַרנעמען די געדאַנקען פֿון מענטשן. מיר זעען אַזעלכע אַקטיוו געשטימטע ענגלישע שרייבערס, ווי דעפֿאָ (1659 — 1731) און פֿילדינג (1707 — 1754), זיינען שטאַרק פֿאַרנומען מיט דער פֿראַגע. אָבער עס איז נאָך ניטאָ קיין אויפֿלעבונג פֿון קאָמוניסטישע און אויסגלייכערישע אידעעס פֿון פּרימיטיוון קריסטנטום, ווי עס האָט זיך אויסגעצייכנט די צייט פֿון וויקליף און פֿון יאָהאַן הוס. דער פּראָטעסטאַנטיזם האָט, דורכדעם וואָס ער האָט צעריסן די אוניווערסאַלע קירך, צעריסן אויף אַ שטיקל צייט די אידעע פֿון דער אוניווערסאַלער סאָלידאַריטעט פֿון דער מענטשהייט. אויב אַפֿילו די אוניווערסאַלע קירך פֿון מיטלעלטער האָט אינגאַנצן ניט פֿאַרשטאַנען צו פֿאַרווירקלעכן די דאָזיקע אידעע, איז זי דאָך לכל־הפּחות געווען דער סימבאָל פֿון דער דאָזיקער אידעע.

דעפֿאָ און פֿילדינג זיינען געווען מענטשן מיט אַ לעבעדיקערער פּראַקטישער פֿאַנטאַזיע, ווי גיבאָן, און דערפֿאַר האָבן זיי באַנומען עפּעס פֿון די עקאָנאָמישע פּראָצעסן, וואָס זיינען געגאַנגען אין זייער

צייט. דאס נעמלעכע איך אליווער גאלדסמיטה (1728 — 74). זיין „פארלאזענער דארף" (1770) איז א פאמפלעט אויף די איינצאמונגען, פארשטעלט אין א פאעמע. נאר גיבאנס אומשטאנדן זיינען געווען אזעלכע, אז ער האט די עקאנאמישע פאקטן קיין מאל ניט געזען גענוג קלאר: ער האט געזען די וועלט ווי א קאמף צווישן בארבארנטום און ציוויליזאציע, נאר ער האט גארנישט ניט באמערקט פון דעם אנדער קאמף, וואס איבער אים האט ער געשטראמט, דעם שטומען אומבאוואוסטזיניקן קאמף פון דער מאסע אנטקעגן די באנאבטע, מעכטיקע, רייכע און עגאיסטישע יחידים. ער האט ניט באמערקט די אנזאמלונג פון כוחות, וואס האבן אינגיכן באדארפט אנציען און דורכרייסן גאר דעם גלייכוואג פון זיינע „צוועלף מעכטיקע, נאר אומגלייכע קיניגרייכן", זיינע „דריי בכבודיקע רעפובליקן" און דעם גאנצן ערב=רב קלענערע פירשטן, רעגירנדיקע הערצאגן וכדומה. אפילו דער בירגער-קריג, וואס האט זיך געהאט אנגעהויבן אין די בריטישע קאלאניעס אין אמעריקע, האט אים ניט אויסגעלערנט צו פארשטיין, וואס איז דאס אזוינס „דעמאקראטיע", ווי מיר רופן דאס איצט.

פון דעם וואס מיר האבן געזאגט ביז איצט קאן דער לייענער מיינען, אז די איינציקע זאך וואס האט געטראפן מיט דער ענגלישער ערד אין 18טן יארהונדערט איז דאס, וואס די גרויסע ערד=אייגנטימער האבן אראפגעשטופט די קליינע פויערים און פארמערס פון זייערע נחלאות און וואס דאס אייגנטום איז געווארן קאנצענטרירט אין די הענט פון א מעכטיקן, פריווילעגירטן און זשעדנעם קלאס. אבער דורך דעם האבן מיר קאנסטאטירט נאר די ערגסטע זייט פון דעם איבערבייט. צוגלייך מיט דעם בייט פון אייגנטום איז צוגעגאנגען א גרויסע אויסבעסערונג אין דער קולטור פון דער ערד. עס קאן קיין ספק ניט זיין, אז די קולטיווירמעטאדן, וואס עס האבן גענוצט די פויערים און קליינע פארמערס, זיינען געווען פארעלטערטע, בדלות שטעלנדיקע און לפי=ערך אומפראדוקטיווע, און אז די גרעסערע פריוואטע באלעבאטישקייטן און מאיאנטקעס, וואס זיינען געשאפן געווארן אדאנק דעם איינצאם=געזעץ, זיינען געווען א סך מער פראדוקטיוו (איין אווטאריטעט זאגט, אז זיי זיינען געווען צוואנציק מאל פראדוקטיווער), ווי די די אלטע גענג. דער אומבייט איז אפשר געווען

א נויטווענדיקער, און די צרה זיינע איז באשטאנען ניט דערין, וואס ער איז געשען, נאר דערין, וואס ער איז געשען אויף אזא אופן, וואס ער האט פארגרעסערט סיי דעם רייכטום און סיי די צאל ארעמעלייט. זיינע בענטשונגען האבן פארכאפט די גרעסערע פריוואט-אייגנטימער. די געזעלשאפט איז געווארן באוועלט, און דעם גאנצן ריווח האט געהאט דער דאזיקער קלאס.

און דא קומען מיר צו איינער פון די הויפט-פראבלעמעס פון אונזער לעבן ביים היינטיקן טאג, די פראבלעמע וועגן דעם, וואס די מאסן געניסן ניט די טובות פון פראגרעס. אין משך פון צוויי הונדערט יאר ווערן כסדר אלץ אויסגעבעסערט די מעטאדן פון דער פראדוקציע כמעט אין אלצדינג וואס איז נוגע די מענטשלעכע באדערפענישן, דער עיקר אונטער דער השפעה פון דעם גייסט פון וויסנשאפט און כארשונג. אויב אונזער געמיינשאפטס-געפיל און אונזער סאציאל וויסן וואלטן געווען בכוח אויסצופירן די אויפגאבעס, וואס זיינען זיי געשטעלט, דעמאלט וואלט קיין ספק ניט געווען, אז דער גרויסער אויסוואקס פון דער פראדוקציע וואלט געקומען צו ניץ דער גאנצער געזעלשאפט, און איטלעכער מענטש וואלט געקראגן אזא סכום בילדונג, אפרו און פרייהייט, וואס די מענטשהייט האט אזעלכס קיין מאל פריער ניט געחלומט. איצט אבער איז הגם דער אלגעמיינער שטאנד פון לעבן האט זיך געהויבן, איז דער אויפשטייג אויסגעקומען אין אן אומפראפארציאנעל קליינעם מאסשטאב. די נבירים האבן אנטוויקלט א פרייהייט און לוקסוס, וואס די וועלט האט אזוינס ביז אהער ניט געזען, און עס איז געוואקסן די צאל רייכע מענטשן און שטענדיקע אומפראדוקטיווע לײדיק-גייער אין דער געזעלשאפט. אבער אפילו זיי קאנען ניט אויסנוצן פול די גאנצע שפע פון דער פראדוקציע. עס איז אויך געווען א סך פשוטע צעשטערונג פון גוטס. גרויסע אנזאמלונגען פון מאטעריאלן און ענערגיע זיינען אוועק לאיבוד אויף קריגערישע צוגרייטן און אויף מלחמות. א סך ווערט געפטרט אומזיסט אויף די אומנוציקע אנשטרענגונגען פון דער געשעפטלעכער קאנקורענץ. גרויסע מעגלעכקייטן זיינען געבליבן ניט אנטוויקלט, מחמת עס האבן זיך אנטקעגנגעשטעלט די גרויסע אייגנטימער, אויפקויפער און ספעקולאנטן, מחמת דאס איז געווען קעגן זייער עקאנאמישער עקספלואטאציע. די גוטע זאכן, וואס וויסנשאפט און ארגאניזאציע האבן

צוגעטראָגן דער מענטשהייט, זיינען ניט גענומען געוואָרן מעטאָדיש און אויסגעניצט אין אַ פולער מאָס, נאָר מען האָט זיך איבער זיי אַרומגעריסן, עס האָבן זיי אויסגעכאַפּט צופעליקע אַוואַנטוריסטן און אויסגעניצט צוליב עגאָיסטישע און פוסטע צוועקן. דער אַכצנטער יאָרהונדערט אין אייראָפּע, און באַזונדערס אין ענגלאַנד און אין פּוילן, איז געווען די תקופה פון פּריוואַטן אייגנטום. אומעטום האָט געוועלטיקט „פּריוואַטע אונטערנעמונג“, דאָס באַטייט אין דער פּראַקטיק, אַז איטלעכער האָט געהאַט דאָס רעכט אַרויסצובאַקומען פון געזעלשאַפטלעכן אייגנס וויפיל ער איז נאָר געווען בכוח. קיין שום געפיל פון חוב לגבי דער מלוכה, אין ענינים פון געשעפט איז ניט צו געפינען אין די געווינטלעכע דערציילונגען, דראַמעס און ענגלעכער ליטעראַטור פון יענער צייט. איטלעכער איז אויסן צו „מאַכן זיין גליק“, עס איז ניטאָ קיין באַוואוסטזיין, אַז עס איז מיאוס צו זיין אַן אומפּראָדוקטיווער פּאַראַזיט אויף דער געזעלשאַפט, און נאָך ווינציקער, אַז אַ פינאַנסיסט אָדער סוחר אָדער פאַבריקאַנט קאָן קריגן מער וויפיל עס קומט אים פאַר זיין דינסט דער מענטשהייט. דאָס איז געווען די מאַטעריאַליסטישע אַטמאָספער פון דער צייט, און יענע לאָרדן און פּריצים, וואָס האָבן פאַרכאַפּט דאָס געמיינדע-אייגנס, צוגענומען די קוילן-און אייזן-גרובן אונטער זייער ערד און אַראָפּגעדריקט די פאַרמערס און פּויערים צום מצב פון אָרעמע אַרבעטער, האָבן גאָר קיין אַנדער פאַרשטעלונג ניט געהאַט, ווי אַז זיי פירן אַ לעבן פון העכסט רעכטשאַפענע און פיינע לייט.

צוגלייך מיט דעם דאָזיקן איבערבייט אין גרויס-בריטאַניע פון דער טראַדיציאָנעלער אַגריקולטור פון קליינע ווירטשאַפטן און געמיינדע-פּאַשע צו גרויסער ווירטשאַפט געפירט לויט וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן, זיינען געגאַנגען זייער גרויסע שינויים אין דער אויסאַרבעטונג פון סחורות. בנוגע די דאָזיקע שינויים איז גרויס-בריטאַניע אין 18טן יאָרהונדערט געווען די ערשטע אין דער וועלט. ביז אַהער איז אין משך פון דער גאַנצער געשיכטע פון סאַמע אָנהייב פון דער ציוויליזאַציע האַנט-אַרבעט, בוי-אַרבעט און אינדוסטריע בדרך כלל געטאָן געוואָרן פון בעל-מלאכות און קליינע מייסטערס, וואָס האָבן געאַרבעט אין זייערע אייגענע הייזער. זיי זיינען געווען אָרגאַני-

ווערט אין צעכן און האבן על-פי-רוב געארבעט פאר זיך. זיי האבן געבילדעט א פעסטן און שטענדיקן מיטל-קלאס. צווישן זיי זיינען געווען קאפיטאליסטן, וואס פלעגן פארדינגען וועב-שטולן, צושטעלן דעם ארבעטס-מאטעריאל און צונעמען דעם ארבעטס-פראדוקט, אבער זיי זיינען ניט געווען קיין גרויסע קאפיטאליסטן. עס זיינען נאך קיין רייכע פאבריקאנטן ניט געווען. די גבירים זיינען פריער געווען די גרויסע ערד-איינגטימער אדער געלט-אנטלייער אדער סוחרים. נאר אין 18טן יארהונדערט האט מען אין געוויסע אינדוסטריעס אנגעהויבן צונויפצונעמען ארבעטער אין גרעסערע ווארשטאטן, פאבריקן, כדי צו פראדוצירן זאכן אין א גרעסערן מאסשטאב דורך סיסטעמאטישער ארבעטס-צעטיילונג, און דער בעלעבאס, וואס איז שוין ניט געווען דער מייסטער, איז געווארן א חשובער מענטש אין דער געזעלשאפט. חוץ דעם, האט די דערפינדונג פון מעכאניקער געשאפן מאשינעס, וואס האבן פשוטער געמאכט די האנט-ארבעט ביי דער פראדוקציע און האבן געקאנט ווערן געטריבן דורך וואסער-קראפט און שפעטער א ביסל דורך דאמף. אין יאר 1765 איז קאנסטרוירט געווארן וואטס דאמף-מאשין, דאס איז א זייער וויכטיקע דאטע אין דער געשיכטע פון דער אינדוסטריע.

די באוול-אינדוסטריע איז געווען איינע פון די ערשטע, וואס איז אריבערגעגאנגען צו פאבריק-פראדוקציע (צוערשט מיט א מאשינעריע געטריבן פון וואסער). נאך איר איז געקומען די וואל-אינדוסטריע. אין דער זעלביקער צייט האט די אייזנגיסעריי, וואס איז ביז אהער געווען באגרענעצט אין קליינע ווארשטאטן דורך דעם באנוץ פון האלץ-קוילן, גענומען אנווענדן שטיינקוילן, און עס האבן זיך גענומען אויסברייטערן די אייזן- און קוילן-אינדוסטריע. די אייזן-אינדוסטריע האט זיך אריבערגערוקט פון די וואלד-געגנטן פון סוסעקס אין סיריי צו די קוילן-ראיאנען. ארום 1800 איז דער איבערגאנג פון דער קליין-אינדוסטריע מיט קליינע אונטערנעמער צו א גרויס-אינדוסטריע מיט גרויסע אונטערנעמער שוין געווען א גוט שטיק פאראויס. אומעטום זיינען אויפגעקומען פאבריקן, וואס האבן גענוצט צוערשט וואסער-קראפט, שפעטער דאמף-קראפט.

דאס איז געווען א שינוי פון א גרונט-באטייט פאר דער מענטשלעכער ווירטשאפט. זינט דעם באגינען פון דער געשיכטע איז דער בעל-מלאכה, וועדליק מיר האבן געזען, געווען א שטאט-איינוואוינער פון א מיטלסטן קלאס. איצט האבן די מאשין און דער אונטערנעמער אראפגעדריקט זיין קונסט, און ער איז געווארן אדער אליין אן אונטערנעמער, א באלעבאס איבער זיינע חברים, און ער איז געוואקסן צו רייכקייט און האט זיך אויסגעגלייכט מיט די אנדערע רייכע קלאסן, אדער ער איז געבליבן אן ארבעטער און איז אראפגעזונקען גיך צו דער מדרגה פון א שכיר-יום. דער דאזיקער גרויסער אומבייט אין די מענטשלעכע ענינים איז באוואוסט אונטערן נאמען די אינדוסטריעלע רעוואלוציע. אנגעהויבן אין גרויס-בריטאניע, האט זי זיך אויסגעשפרייט אין משך פון 19טן יארהונדערט איבער דער גאנצער וועלט.

אין דער מאס, ווי די אינדוסטריעלע רעוואלוציע איז געגאנגען, האט זיך געעפנט א תהום צווישן דעם אונטערנעמער און זיינע ארבעטער. פריער האט איטלעכער ארבעטער ביי א בעל-מלאכה געהאט די האפענונג צו ווערן אליין א זעלבשטענדיקער מייסטער. אפילו די בעל-מלאכות די שקלאפן אין בבל און אין רוים זיינען געווען געשיצט דורכן געזעץ, וואס האט זיי געגעבן די מעגלעכקייט אפצושפארן געלט אויף זיך אויסצוקויפן פריי און צו ווערן באלעבאטים פאר זיך. נאר איצט איז א פאבריק מיט אירע מאשינעס געווארן א צו גרויסע און צו טייערע זאך, געמאסטן מיט דער מאס פון דעם ארבעטערס קעשענע. עס מוזן זיך צונויפנעמען רייכע מענטשן, כדי צו שאפן אן אונטערנעמונג; מען באדארף האבן צוליב דעם קרעדיט און מאטעריאל, דאס הייסט „קאפיטאל". „ווערן א מענטש פאר זיך" האט אויפגעהערט צו זיין די נארמאלע האפענונג פון אן ארבעטער. דער ארבעטער איז איצט געבליבן ארבעטער פון וויג ביזן קבר. לעבן די פריצים און די סוחרים און די באנקירן, וואס האבן פינאנסירט האנדלס-געזעלשאפטן און אנטליען געלט סוחרים אין דער מלוכה, איז איצט צוגעקומען א נייער רייכטום פון דעם אינדוסטריעלן קאפיטאל — א נייער כוח אין דער מלוכה.

ווי אזוי די דאזיקע התחלות האבן זיך אנטוויקלט, וועלן מיר דערציילן שפעטער. די תיכפדיקע ווירקונג פון דער אינדוסטריעלער

רעוואָלוציע אין די לענדער, וואו זי איז געשען, איז געוועזן די אי-בערוואַנדערונג פון דער שטומער, אומגעבילדעטער, אַלץ מער און מער פּאַראַרעמטער מאַסע, אַן אַ פירונג, אין שרעקלעכער פּיין און נויט.



וואָרען האַסטינגס, דער ערשטער גענעראַל-גובערנאַטאָר פון אינדיע.

די קליינע ערד-אַרבעטער און פּויערים, בדלות געשטעלט און אַרויס-געטריבן פון זייערע היימען דורך די „פּאַרצאַם-אַקטן“, האָבן זיך אַריבערגעקליבן אין די נייע פאַבריק-ראַיאָנען און דאָרט האָבן זיי זיך באַ-גענגט אין די פאַבריקן מיט די פאַמיליעס פון די פּאַראַרעמטע און

דעגראדירטע בעל־מלאכות. עס זיינען אויפגעקומען גרויסע שטעט מיט שמוציקע הייזער. קיינער האט, דוכט זיך, אין יענער צייט זיך ניט אפגעגעבן קיין חשבון דערין וואס דא גייט צו. דאס איז דער תמצית פון דער „פריוואטער אונטערנעמונג" צו זארגן נאר פאר זיך, פארזיכערן זיך די גרעסטע רווחים וואס לאזן זיך ארויסציען און ניט צו קוקן אויף קיין אנדערע רעזולטאטן. עס זיינען אויסגעבויט געווארן חושכדיקע פאבריקן, געבויט אזוי וואלוול ווי נאר מעגלעך, ארייננצינעמען אזוי פיל ארבעטער און מאשינעס, וויפיל עס קאן נאר אריינגיין. ארום זיי האבן זיך געצויגן די גאסן מיט הייזער פאר ארבעטער, געבויט אויפן וואלוולסטן אופן, אן גערעמקייט, אן בארוטקייט, הויל נאקעט און פאר־דונגען פאר דעם העכסטן דירה־געלט, וואס מען האט נאר געקאנט ארויסציען. די דאזיקע נייע אינדוסטריעלע צענטערס זיינען צוערשט געווען אן שולן, אן קירכן... די ענגלישע דזשענטלמענס פון די לעצטע פאר צענדליק יאר פון 18טן יארהונדערט האבן געלייענט דעם דריטן באנד פון גיבאנס ווערק און האבן הנאה געהאט דערפון, וואס פון איצט אן איז שוין ניטא מער קיין סכנה מצד די בארבארן, בעת דא פאר זייערע אויגן איז געוואקסן א נײַ בארבארנטום, בעת זייערע אייגענע לאנדסלייט זיינען אליך מער געווארן מגולגל אין עפעס פינסטערע און פאריאושטע ברואים, בעת אט די נייע בארבארן זיינען ארומגע־גאנגען אפשר עטלעכע טריט הינטער זייער טיר.

---

## קאַפּיטל 35

# די נייע דעמאָקראַטישע רעפּובליקן פון אַמעריקע און פראַנקרייך

1. צרות פון דער סיסטעם פון גרויס=מלוכות. 2. די דרייצן קאָלאָניעס פאַר זייער אויפשטאַנד. 3. בירגער=קריג אויפגעצוואונגען די קאָלאָניעס. 4. דער קריג פאַר אומאָפּהענגיקייט. 5. די קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן. 6. פּרימיטיווע שטריכן אין דער קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן. 7. רעוואָלוציאָנערע אידעעס אין פראַנקרייך. 8. די רעוואָלוציע פון יאָר 1789. 9. די פראַנצויזישע „געקרוינטע רעפּובליק פון 1789—1791. 10 די רעוואָלוציע פון די יאַקאָבינער. 11. די יאַקאָבינער רעפּובליק 1792—1794. 12. די דירעקטאָריע. 13. די הפסקה אין דעם איבערבוי און דער באַגינען פון מאָדערנעם סאָציאַליזם.

בשעת גיבאָן האָט מיט אַן אַנדערהאַלב הונדערט יאָר צוריק אָנגעזאָגט דער וועלט פון אויסגעפיינערטע און געבילדעטע לייט די בשורה, אַז די צייט פון גרויסע פּאָליטישע און סאָציאַלע קאַטאַסטראָפעס איז שוין פאַרביי, האָט ער פאַרזען אַסך סימנים, וואָס מיר — ביי אונזער וויסן די געשעענע פאַקטן — וואָלטן אים געקאָנט זאָגן, אַז זיי באַטייטן אַסך שווערערע צעטרייסלונגען און איבערשטעלונגען, ווי די וואָס ער האָט פאַראויסגעזען. מיר האָבן דערציילט, ווי אַזוי די קאַמפן פון די פירשטן פון 16טן און 17טן יאָרהונדערט פאַר מאַכט און רייכטום האָבן זיך אַנטוויקלט צו אַ קונציקערן און קאָמפּליצירטערן קאַמף פון די אויסערן=מיניסטעריומס, וואָס האָבן זיך פאַרשטעלט

פאר אידעאליזירטע „גרויס=מלוכות“, מיט דעם אריינטריט אין 18טן יארהונדערט. עס האט זיך אנטוויקלט די געפלאנטעטע און פרעטענציעזע קונסט פון דיפלאמאטיע. דער „פירשט“ האט אויפגעהערט צו זיין אן אויסנאמלעכער און סודותדיקער מאקיאוועלישער פלאנענמאכער, און איז געווארן דער געקרוינטער סימבאל פון א מאקיאוועלישן פלאן. פרייסן, רוסלאנד און עסטרייך זיינען אנגעפאלן אויף דער צעטיילטער פוילן. פראנקרייך איז געווען פארדרייט אין טיפע פלענער אנטקעגן שפאניע. בריטאניע האט פארכאפט די „פלענער פון פראנקרייך“ אין אמעריקע, האט איינגענומען קאנאדע און האט צוגענומען אויך די בעסטע חלקים פון אינדיע, וואס פראנקרייך דאט געהאט. און דערנאך איז געשען א מערקווערדיקע זאך, עפעס אזוינס, וואס האט דער אייראפעישער דיפלאמאטיע שטארק פארדראסן. די בריטישע קאלאניעס אין אמעריקע האבן זיך אן שום טעיות ימעגית אפגעזאגט פון צו האבן ווייטער עפעס א חלק אדער א שייכות אין אט דער שפיל אין „גרויס=מלוכות“. זיי האבן געטענהט, אז זיי האבן ניט קיין שטים און ניט קיין גרויסן אינטערעס אין די אלע אייראפעישע פלענער און קאנפליקטן, און זיי האבן זיך אפגעזאגט צו טראגן א טייל פון דער שטייער=משא, וואס די דאזיקע אויסערן=פאליטיק האט אויף זיי ארויפגעלייגט. „שטייער=מאנונג אן פארטרעטונג איז טיראניע“ — דאס איז געווען זייער הויפט=לאזונג.

גערויס, דער באשלוס זיך אפצוטיילן האט ניט אויפגעפלאקערט מיט אמאל און פארענדיקט אין די אמעריקאנישע מוחות באלד ביים אנהייב פון די מהומות. אין אמעריקע אין אכצנטן יארהונדערט איז, פונקט ווי אין ענגלאנד אין זיבעצטן יארהונדערט, געווען א גרייטשאפט, ממש א הייסער פארלאנג מצד דעם געמיינעם מאן, איבערצולאזן די אויסלענדישע ענינים דעם קיניג און זיינע מיניסטארן. נאר דער מענטש פון א גאנץ יאר האט אויך געהאט א גלייך שטארקן באגער, ניט מען זאל אים באשטייערן און ניט מען זאל זיך אריינמישן אין זיינע טאגטעגלעכע עסקים. דאס זיינען פארלאנגען, וואס האבן קיין שכלדיקן טעם ניט. מענטשן קאנען ניט אויסמיידן קיין וועלט=פאליטיק, און אין דער זעלביקער צייט געניסן פרייהייט אין זייערע פריוואטע ענינים; נאר עס האט געדויערט אן א צאל דורות,

ביז מען איז דאס דערגאנגען. דער ערשטער שטיפ צו דעם אויפשטאנד פון די אמעריקאנער קעגן דער רעגירונג פון גרויס-בריטאניע איז דעריבער געווען פשוט די אומצופרידנקייט מיט דער באשטייערונג און מיט דער אריינמישונג, וואס זיינען געווען נויטווענדיק געדרונגען פון דער „אויסערן-פאליטיק", אבער ניט א קלארער באוואוסט פון דעם, וואס עס האט געשטעקט אין דעם דאזיקן פראטעסט. ערשט אז דער אויפשטאנד איז געווען פארענדיקט, האט דאס פאלק פון די אמעריקאנער קאלאניעס אנערקענט אין פולער קלארקייט, אז זיי האבן זיך אפגעזאגט פון דעם לעבנס-קוק פון דער גרויס-מלוכה. דער זאץ, וואס אין אים איז דער דאזיקער אפזאג געווען אויסגעדריקט, איז וואשינגטאנס פארשלאג „אויסצומיידן פארפלאנטערטע פארבינדונגען". א גאנצן יארהונדערט זיינען די פאראייניקטע קאלאניעס פון גרויס-בריטאניע אין צפון-אמעריקע, באפרייט און אומאפהענגיק ווי די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע, געשטאנען אינגאנצן אפגעזונדערט פון די בלוטיקע אינטריגעס און קאנפליקטן פון די אייראפעישע אויסערן-מיניסטעריומס. ערשט שפעטער (1801 — 1823) זיינען זיי געווען בכוח אויסצושפרייטן זייער פרינציפ פון אפזונדערונג אויך אויפן רעשט פון קאנטינענט און ארויסצינעמען די נייע וועלט פון די פארכאפונגס-פלענער פון דער אלטער. צולעצט, אז זיי זיינען אין יאר 1917 פון דאס ניי ארויסגעטראטן אויף דער ארענע פון דעם וועלט-פאליטיק, איז דאס געווען מיט דעם מיין אריינצוברענגען אין דעם פלאנטער פון די אינטערנאציאנאלע באציונגען דעם נייעם גייסט און די נייע צילן, וואס זייער דערוואיטערטקייט האט זיי געגעבן די מעגלעכקייט צו אנטוויקלען. נאר זיי זיינען ניט געווען די איינציקע, וואס זיינען געשטאנען פון דער וויטנס. זינט דעם אפמאך פון וועסטפאלן האבן די פאראייניקטע קאנטאנען פון דער שווייץ אין זייערע בערג-פעסטונגען זיך געהאלטן פאר זייער רעכט אויסגענומען צו ווערן פון די פלענער פון מלכים און אימפעריעס.

נאר היות ווי דאס צפון-אמעריקאנישע פאלק באדארף איצט שפילן א כסדר וואקסנדיקע ראלע אין אונזער געשיכטע, איז כדאי

אפצוגעבן אביסל איפמערק זייער אנטוויקלונג, ווי מיר האבן דאס געטאן ביז אהער. מיר האבן שוין געווארפן אבליק אויף זייער געשיכטע אין § 10 פון פריערדיקן קאפיטל. מיר וועלן איצט דערציילן אביסל פולער — הגם נאך אלץ אין די קנאפסטע קאנטורן — וואס זיינען דאס אזוינס געווען די דאזיקע קאלאניעס, וואס זייער ווידערשטאנד האט אזוי געשטערט דעם קיניג און די מיניסטארן פון גרויס-בריטאניע אין זייער דיפלאמאטישער שפיל קעגן דער מענטשהייט.

---

## 2. די דרייצן קאלאניעס פאר זייער אויפשטאנד.

צוערשט, ביז דער צווייטער העלפט פון אכצנטן יארהונדערט, זיינען די בריטישע קאלאניעס אין אמעריקע געווען נאר אראנד פון ישובים פאזע דעם ברעג אקעאן, נאר שפעטער-צו הייבן זיך אן פאוואליע ארייננצודרינגען אין לאנד ביז צו די אלעגאנישע און בלויע בערג, וואס זיינען געווען פאר זיי א זייער ערנסטער שטער. צווישן די עלטסטע פון די דאזיקע ישובים איז געווען די קאלאניע ווירדזשיניע, וואס איז אנגערופן געווארן אזוי לכבוד דער ווירדזשין (בתולה) קיניגין, דער קיניגין עליזאבעט פון ענגלאנד. די ערשטע עקספעדיציע צו גרינדן אקאלאניע אין ווירדזשיניע איז געשאפן געווארן דורך סער וואלטער ראלעי אין יאר 1584, נאר אין יענער צייט איז דארט נאך ניט געווארן קיין שטענדיקער ישוב און דער אמתער אנהייב פון ווירדזשיניע שטאמט פון דער גרינדונג פון דער ווירדזשיניע-קאמפאניע אין יאר 1606, בעת דער רעגירונג פון דזשיימס I (1603 — 1625). די געשיכטע פון דזשאן סמיטה און די ערשטע גרינדערס פון ווירדזשיניע, און ווי אזוי די אינדיאנישע „פרינצעסין" פאקאהאנטאס האט חתונה געהאט מיט איינעם פון זיינע דזשענטלמענס, געהער צו דער ענגלישער קלאסישער ליטעראטור. אין פלאנצן טאבאק האבן די ווירדזשיניער געלייגט איסוד פאר זייער וואוילשטאנד. אין דער זעלביקער צייט, וואס עס איז געגרינדעט געווארן די ווירדזשיניער קאמפאניע, האט די פלימוטער קאמפאניע געקראגן א טשארטער אויף צו באזעצן דאס לאנד אין צפון-זייט פון דעם לאנג-

איילענד-דורכגויס, וואָס אויף דעם האָבן די ענגלענדער געהאַט תּביעות. נאָר ערשט 1620 האָט דער צפונדיקער ראַיאָן אָנגעהויבן צו ווערן באַזעצט, און דאָס אונטער נייע טשאַרטערס. די קאָלאָניסטן פון דער צפונדיקער געגנט (ניי-ענגלאַנד), וואָס איז געוואָרן די שטאַטן קאָנעקטיקוט, ניו-העמשייר, ראָד-איילענד און מאַסאַטשוזעטס, זיינען געווען מענטשן פון אַן אַנדער שניט ווי די לייט פון ווירדזשיניע; זיי זיינען געווען פּראָטעסטאַנטן, ניט-צופרידענע מיט דער פרשהדיקער אַנגליקאַנישער קירך, און מענטשן געשטימט רעפּובליקאַניש, האָט האָבן מער ניט געהאַט קיין כּוח זיך אַנטקעגנצושטעלן קעגן דער מאָנאַרכיע פון דזשיימס I און קאַרל I. זייער פּיאָנערן-שיף איז געווען די „מייפלאַוער", וואָס האָט געגרינדעט ניו-פּלימוט אין יאָר 1622. די ערשטנדיקע צפונדיקע קאָלאָניע איז געווען מאַסאַטשוזעטס. חילוקי-דעות אין רעליגיעזע געגנט און אין אידעען מכּוח טאָלעראַנץ האָבן גורם געווען דערצו, אַז די דריי אַנדערע פּוריטאַנישע קאָלאָניעס האָבן זיך אָפּגעשיידט פון מאַסאַטשוזעטס. דער צושטאַנד פון די קאָלאָניעס אין יענער צייט אילוסטרירט דער פאַקט, וואָס אויף דעם גאַנצן שטאַט ניו-העמשייר האָט פּרעטענדירט איינער אַ קאַפּיטאַן דזשאָן מאַסאָן, אַז ער געהער צו אים, און ער האָט אָנגעבאָטן דעם קיניג קאַרל II, אין יאָר 1671) אָפּצוקויפן ביי אים די קאָלאָניע פאַרן רעכט אַריינצופירן 300 טאָן פראַנצויזישן ווייַן אָן אָפּצאָל — און דער אָנבאָט איז ניט אָנגענומען געוואָרן. דעם איצטיקן שטאַט מעין האָט אָפּגעקויפט מאַסאַטשוזעטס פון דעם געזעצלעכן אייגנטימער פאַר צוועלף הונדערט מיט פופציק פונט.

אין דעם בירגער-קריג, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט דער קעפּונג פון קאַרל I, זיינען די סימפּאַטיעס פון ניי-ענגלאַנד געווען אויפן צד פון פּאַרלאַמענט, און די ווירדזשיניער זיינען געווען פאַרן קיניג. נאָר צוויי הונדערט מיט פופציק מייל האָבן פונאַנדערגעשיידט די דאָזיקע ישובים, און קיין ערנסטע געשלעגן צווישן זיי זיינען ניט געווען. אַז די מאָנאַרכיע איז אין יאָר 1660 ווידער איינגעריכט געוואָרן, האָט די בריטישע קאָלאָניזאַציע אין אַמעריקע גענומען שטאַרק אַנטוויקלען זיך. קאַרל II און זיינע שותּפים זיינען געווען להוט נאָך געלט, אָבער די בריטישע קרוין האָט קיין חשק ניט געהאַט צו מאַכן

ווידער אמאל עקספערימענטן פון אומגעזעצלעכער באשטייערונג אין דער היים. נאר די אומבאשטימטע פארהעלטענישן צווישן די קאלאניעס און צווישן דער קרוין און דער בריטישער רעגירונג האבן, ווערליק עס האט אויסגעדוכט, געגעבן די מעגלעכקייט צו האפן אויף גוטע פינאנסיעלע געשעפטן אויף יענער זייט אטלאנטיק. עס האבן זיך האסטיק אנטוויקלט פלאנטאציעס און קאלאניעס פון אייגנטימער. לארד באלטימאר האט שוין אין יאר 1632 געגרינדעט א קאלאניע, וואס האט באדארפט זיין א היים פון רעליגיעזער פרייהייט פאר קאטוילילקן אונטער דעם צוציענדיקן נאמען מערילענד (מאריעס לאנד), אין צפון און אין מזרח־זייט פון ווירדזשיניע. און באלד האט דער קוועקער פען (וואס זיין פאטער האט געטאן גרויסע טובות קארל II) זיך באזעצט אין צפון־זייט אין פילאדעלפיע און האט געגרינדעט די קאלאניע פענסילוועניע. איר הויפט־גרענעץ מיט מערילענד און ווירדזשיניע איז באשטימט געווארן דורך צוויי מענטשן, מאסאן און דיקסאן. די דאזיקע „מאסאן־און־דיקסאן־ליניע" האט באדארפט ווערן שפעטער זייער א וויכטיקע ליניע אין דער געשיכטע פון די פאראייניקטע־שטאטן. קאראלינע, וואס איז געווען לכתחילה א ניט־געראטענע גרינדונג פון פראנצויזישע פראטעסטאנטן און האט איר נאמען שטאמט ניט פון קארל II פון ענגלאנד, נייערט פון קארל IX פון פראנקרייך, איז אריינגעפאלן אין ענגלישע הענט און איז געווארן באזעצט אין עטלעכע פונקטן. צווישן מערילענד און ניי־ענגלאנד האבן זיך געצויגן א צאל קליינע האלענדישע און שוועדישע ישובים, וואס די הויפטשטאט צווישן זיי איז געווען ניי־אמסטערדאם. די ענגלענדער האבן די דאזיקע ישובים אפגענומען בײַ די האלענדער אין יאר 1664, אין יאר 1673 זיי אנגעווארן און זיי געקראגן צוריק ג'ויטן שלום־אפמאך, ווען ענגלאנד און האלאנד האבן געשלאסן שלום אין יאר 1674. דערביי איז דער גאנצער ברעג פון מעין ביז קאראלינע געווארן אין דער אדער יענער פארם בריטיש אייגנס. אין דרום־זייט האבן זיך געהאט איינגעזעצט די שפאניער; זייער הויפט־קווארטיר איז געווען אין פארט ס"ט אוגוסטין אין פלארידע. אין יאר 1732 האט דער פילאנטראפ אגלעטארפ פון ענגלאנד געגרינדעט די שטאט באוואנא; ער האט רחמנות געקראגן אויף די ארעמע מענטשן, וואס זיינען געזעסן אין

ענגלאנד איינגעשפארט אין טירמע פאר ניט-אפגעצאלטע חובות, האט א גרויסע צאל פון זיי אויסגעלייזט און אוועקגעפירט קיין אמעריקע, וואו זיי האבן געגרינדעט א נייע קאלאניע, דזשארדזשיא, וואס האט געדארפט זיין א פעסטונג קעגן די שפאניער. אזוי ארום האבן מיר ארום מיטן 18טן יארהונדערט אזעלכע ישובים פאזע די אמעריקאנער ברעגעס: די ניי-ענגלענדער גרופע פוריטאנער און פרייע פראטעסטאנטן — מעין (געהער צו מאסאטשוזעטס), ניו-העמשייר, קאנעקטיקוט, ראד-איילענד און מאסאטשוזעטס; די צוגענומענע האלענדישע גרופע, וואס איז איצט געווארן איינגעטיילט אין ניו-יארק (דער נאמען איבערגעמאכט פון ניי-אמסטערדאם), ניו-דזשוירסי און דעלאווער (וואס איז געווען פריער שוועדיש, דערנאך האלענדיש און האט אין איר עלטסטן ענגלישן פאזיס דערגרייכט ביז פענסילוועניע); דערנאך זיינען געגאנגען די קאטוילישע מערילענד; די ראיאליסטישע ווירדזשיניע; קאראלינע (וואס איז איצט איינגעטיילט געווען אין צפון- און דרום-קאראלינע) און אגלעטארפס דזשארדזשיע. שפעטער צו האבן א צאל טיראלער פראטעסטאנטן געפינען א מקום-מקלט אין דזשארדזשיע, און עס איז געווען א היפשע אימיגראציע פון א גוטן קלאס דייטשע ערד-ארבעטער קיין פענסילוועניע.

דאס איז געווען דער געמישטער אפשטאם פון די בירגער פון די דרייצן קאלאניעס. אן אנפניותדיקער אכטגעבער, וואס וואלט זיי געזען אין יאר 1760, וואלט געוויס געפסקנט, אז די מעגלעכקייט, זיי זאלן ווען עס איז זיך נעענטער פאראייניקן, איז זייער א שוואכע. צו די לכתחילהדיקע אונטערשיידן אין אפשטאם זיינען צוגעקומען פרישע אונטערשיידן, געשאפן דורכן קלימאט. אין צפון-זייט פון דער מאסאן-און-דיקסאן-ליניע איז ערד-ארבעט אויסגעפירט געווארן דער עיקר לויט בריטישע אדער צענטראל-אייראפעישע מעטאדן דורך פרייע ווייסע ארבעטער. דאס באזעצטע לאנד פון ניי-ענגלאנד האט געקראגן אן אייזן ענלעך צו א דארפישער געגנט אין ענגלאנד; גרויסע שטרעקעס פון פענסילוועניע זיינען געווארן באדעקט פון פעלדער און פארמער-הייזער אויפן שטייגער פון דרום-דייטשלאנד. די באזונדערע תנאים פון צפון האבן געהאט וויכטיקע פועל-יוצאס אין סאציאלן זין. באלעבאטים אין ארבעטער האבן געמוזט ארבעטן צוזאמען אין די תנאים

פון אורוואלד און זיינען אויסגעגלייכט געווארן אין דעם ארבעטס־פראצעס. פון אנהייב זיינען זיי ניט געווען גלייך; דער שיף־רייסטער פון „מייפלאווער“ דערמאנט א סך „דינערס“. נאר זיי זיינען גיך געווארן אויסגעגלייכט אין די קאלאניאלע תנאים. למשל, עס איז געווען צו נעמען א גרויס שטיק פרייע ערד, און דער „דינער“ איז געקומען און האט גענומען באגלייך מיטן באלעבאס. די ענגלישע קלאסן־סיסטעם איז פארשוואונדן. אין די קאלאניאלע תנאים איז אויפגעקומען א גלייכקייט „פון די פעיקייטן סיי קערפערלעכע סיי גייסטיקע“ און א געפיל פון אומאפהענגיקייט, וואס האט ניט געוואלט ליידן די אריינמישונג פון ענגלאנד. נאר אין דרום־זייט פון דער מאסאן־און־דיקסאן־ליניע האט זיך אנגעהויבן א טאבאק־פלאנצונג, און דער ווארעמערער קלימאט האט גערופן צו גרינדן פלאנטאציעס מיט שקלאפן־ארבעט. מען האט אויסגעפרווט רויטהויטיקע אינדיאנער קריגס־געפאנגענע, נאר יענע האבן די ארבעט ניט אויסגעהאלטן און זיינען אויסגעשטארבן. קראמוועל האט געשיקט קיין ווירדזשיניע קריגס־געפאנגענע אירלענדער, וואס האבן א סך מיטגעווירקט צו מאכן ראיאליסטישע פלאנטאטארס פאר רעפובליקאנער. עס זיינען געווארן ארויסגעשיקט פארמשפטע פארברעכערס, און עס איז געווען א היפשער האנדל מיט אויסגעכאפטע קינדער, וואס מען בלעגט זיי פארשלעפן קיין אמעריקע און פארקויפן פאר שקלאפן. נאר פאר די בעסטע שקלאפן וואס טויגן פאר דער ארבעט אויף די פלאנטאציעס האבן זיך ארויסגעוויזן נעגערס. די ערשטע נעגער־שקלאפן האט געבראכט קיין דזשיימסטאון אין ווירדזשיניע א האלענדישע שיף שוין אין יאר 1620. ארום 1700 זיינען נעגער־שקלאפן געווען פארשפרייט אומעטום איבער די שטאטן, נאר דער עיקר האט מען זיי גענוצט אין ווירדזשיניע, מערילענד און די קאראליינעס. און בעת די צפונדיקע געמיינדעס זיינען געווען געמיינדעס פון ניט זייער רייכע און ניט זייער ארעמע פארמערס, האבן די דרומדיקע אנטוויקלט א טיפ פון גרויסן ערד־איינגנטימער אין א רייכער געמיינשאפט פון קאלאניסטן, וואס לעבן פון שקלאפן־ארבעט. שקלאפן־ארבעט איז געווען א נויטווענדיקייט פאר דער סאציאלער און עקאנאמישער סיסטעם, וואס איז ארויסגעוואקסן אין דרום. אין צפון האט מען קיין שקלאפן

ניט באדארפט האבן, אין א סך פרטים זיינען זיי געווען אומבאקוועם.
דערפאר האבן אין דער צפונדיקער אטמאספער געקאנט מער אנטוויקלען
זיך די געוויסנס=ספקות קעגן שקלאפעריי. צו דער פראגע וועגן דער
אויפלעבונג פון דער שקלאפעריי אין דער וועלט וועלן
מיר מוזן זיך אומקערן, ווען מיר וועלן קומען צו בא=
טראכטן די סתירות פון דער אמעריקאנער דעמאקראטיע. דא
פארצייכענען מיר דאס נאר ווי נאך א פאקטאר אין דעם פאר=
שוידנארטיקן געמיש פון די בריטישע קאלאניעס.

נאר אויב די איינוואוינער פון די דרייצן קאלאניעס זיינען געווען
געמישט אין זייער אפשטאם און פארשיידן אין זייערע געוויינהייטן
און סימפאטיעס, האבן זיי דאך געהאט דריי בשותפישע קעגנערשאפטן.
זיי האבן געהאט א בשותפישן אינטערעס קעגן די רויט=הויטיקע אינ=
דיאנער. א שטיקל צייט האבן זיי אלע באגלייך מורא געהאט פאר דער
פראנצויזישער באצווינגונג און הערשאפט. און דריטנס זיינען אלע גע=
שטאנען אין א קאנפליקט מיט די תביעות פון דער בריטישער קרוין
און מיט דעם קאמערציעלן עגאיזם פון דער ענגער אליגארכיע,
וואס האט געוועלטיקט אין בריטישן פארלאמענט און אין די בריטישע
ענינים.

וואס איז שייך דער ערשטער סכנה, זיינען די אינדיאנער געווען א
שטענדיקע צרה, אבער קיין מאל ניט מער ווי א סטראשונעק אויף אן
אומגליק. זיי זיינען געבליבן געטיילט צווישן אנאנד, הגם זיי האבן ארויס=
געוויזן מעגלעכקייטן פון א פאראייניקונג אין א גרעסערן מאסשטאב.
די פינף פעלקער פון די איראקעזן זיינען געווען א זייער וויכטיקער
פארבאנד פון שבטים. אבער אים האט קיין מאל אפגעגליקט אויס=
צושפילן די פראנצויזן קעגן די ענגלענדער, און קיין אינדיאנישער
דזשינגיס כאן איז קיין מאל ניט אויפגעשטאנען צווישן די נאמאדן פון
דער נייער וועלט. דער פראנצויזישער אנפאל איז שוין געווען אן
ערנסטערע סכנה. די פראנצויזן האבן קיין מאל ניט געשאפן קיין
ישובים אין אמעריקע אין אזא מאס, זיי זאלן קאנען קאנקורירן מיט
די ענגלענדער, נאר זייער רעגירונג האט זיך אנגעזעצט ארומצורינגלען
די קאלאניעס און זיי צו מאכן אונטערטעניק אויף א סיסטעמאטישן אופן.
די ענגלענדער אין אמעריקע זיינען געווען קאלאניסטן; די פראנ=

צווישן זיינען געווען אויסשפּירער, אַוואַנטוריסטן, אַגענטן, מיסיאָנערן, סוחרים און זעלנערס. נאָר אין קאַנאַדע האָבן זיי געלאָזן וואָרצלען. פראַנצויזישע מלוכה־מענער זיינען געזעסן איבער קאַרטעס און האָבן געחלומט חלומות, און זייערע חלומות האָבן זיך אויסגעדריקט אין א קייט פעסטונגען, וואָס האָט זיך געצויגן קיין דרום־זייט פון די גרויסע אָזערעס און קיין צפון־זייט אַרויף די טייכן מיסיסיפּי און אָהאַיאָ. דער קאַמף צווישן פראַנקרייך און בריטאַניע האָט אַרומגעכאַפּט די וועלט. ער איז געוואָרן באַשטימט אין אינדיע, אין דייטשלאַנד, אויף די ווייטע ימים. אין דעם שלום פון פּאַריז (1763) האָבן די פראַנצויזן אַוועקגעגעבן ענגלאַנד קאַנאַדע און האָבן איבערגעלאָזט ליזיאַנע אין די שוואַכע הענט פון דער יורדישער שפּאַניע. דורך דעם האָט פראַנקרייך אינגאַנצן פאַרלאָזן אַמעריקע. נאָכדעם ווי די קאָלאָניסטן זיינען פּטור געוואָרן פון דער פראַנצויזישער סכּנה, האָבן זיי זיך געקאָנט שטעלן אומגעשטערט אַנטקעגן זייער דריטן בשותּפישן קעגנער— דער קרוין און דער רעגירונג פון זייער מוטערלאַנד.

---

## 3. בירגער־קריג אויפגעצויגן די קאָלאָניעס

מיר האָבן אין פריערדיקן קאַפּיטל פאַרצייכנט, ווי אַזוי דער רעגירנדיקער קלאַס פון גרויס־בריטאַניע האָט בסדר פאַרכאַפּט די ערד און צעשטערט די פרייהייט פון דעם געמיינעם פאָלק אין משך פון 18טן יאָרהונדערט, און ווי אַזוי ושעדנע אין בלינד איז געוואָרן דורכגעפירט די נייע אינדוסטריעלע רעוואָלוציע. מיר האָבן אויך פאַרצייכנט, ווי אַזוי דער ענגלישער פּאַרלאַמענט איז, מחמת דער ירידה פון די וואַל־מעטאָדן צום אונטערשטן הויז, געוואָרן סיי אין זיין לאָרדן־הויז און סיי אין זיין אונטער־הויז פּשוט א געצייג פון דער רעגירונג דורך די גרויסע פּריצים. סיי די גרויסע ערד־אייגנטימער און סיי די קרוין זיינען געווען טיף פאַראינטערעסירט אין אַמעריקע — די ערשטע ווי פּריוואַטע אַוואַנטוריסטן, די לעצטע צום טייל ווי די פאַרשטייערין פון די ספּעקולאַציעס פון די מלכים פון הויז סטיואַרט, און צום טייל ווי די פאַרטרעטערין פון דער מלוכה ביים זוכן געלט־מיטלען אויף צו דעקן די הוצאות אויף דער אייסלענדישער פּאָליטיק. ניט די לאָרדן

און ניט די קרוין זיינען ניט נוטה געווען צו לייגן מער חשיבות אויף די הענדלערס, פלאנטאטארס, און געמיינעם פאלק פון די קאלאניעס, איידער אויף די פויערים און קליינע ארבעטער ביי זיך אין דער היים. אין גרונט זיינען די אינטערעסן פון דעם געמיינעם מאן אין גרויס-בריטאניע, אירלאנד און אמעריקע געווען איינע און די זעלביקע. אלע זיינען זיי געווארן געקוועטשט דורך דער זעלביקער סיסטעם. נאר בעת אין בריטאניע זיינען דער אונטערדריקער און דער אונטערדריקטער געווען ענג פארקניפט און פארקייטלט אין איין סאציאלער סיסטעם



די שלאכט פון לעקסינגטאן ביי באסטאן, 19 אפריל 1775, די ערשטע שלאכט פאר דער אומאפהענגיקייט פון אמעריקע.

זיינען אין אמעריקע די קרוין און דער עקספלואטאטאר געווען ווייט, און די מענטשן האבן געקאנט זיך צונויפקלייבן און אנטוויקלען א געפיל פון אחדות קעגן זייער שותפישן שונא.

חוץ דעם, האט דער אמעריקאנער קאלאניסט געהאט א וויכטיקע שטיצע דערין, וואס ער האט פארמאגט א באזונדערן און געזעצלעכן ארגאן אויף אנטקעגנצושטעלן זיך קעגן דער בריטישער רעגירונג — דאס איז געווען די געזעצגעבערישע פארזאמלונג פון דער קאלאניע, וואס איז געווען נייטיק צו פירן די ארטיקע ענינים. דער

געמיינער מאן אין בריטאניע, ארויסגענארט פון זיין פארטרעטונג אין דעם אונטער־הויז, האט ניט געהאט קיין ארגאן, קיין צענטער, וואו זיין אומצופרידנקייט זאל באקומען אן אויסדרוק.

ווען דער לייענער האלט א ן ז נען די פארשיידנקייט פ ן די קאלאניעס, וועט אים זיין גרינג צו פארשטיין, אז דא איז געווען אן ארט פאר אן א צאל מחלוקתן און אנפאלן, פון איין זייט און פון דער אנדער זייט די גאנצע געשיכטע פון די רייסערייען צווישן די קאלאניעס און בריטאניע איז צו פארפלאנטערט און צופיל באלאדן מיט קליינע פרטים און צו לאנג, אז מען זאל זי קאנען דערציילן אין די ראמען פון דעם „קאנטור". גענוג איז דא צו זאגן, אז די הויפט־טענות זיינען געווען געווענדט קעגן דריי פונקטן: קעגן די פרווון צו זיכערן פאר בריטישע אוואנטוריסטן אדער פאר דער בריטישער רעגירונג די רווחים פון עקספלואטירן די נייע שטחים ערד; סיסטעמאטישע באגרענעצונגען פון האנדל, וואס זיינען אויסן געווען צו האלטן דעם אויסן־האנדל פון די קאלאניעס אינגאנצן אין בריטישע הענט, אזוי אז דער גאנצער עקספארט פון די קאלאניעס זאל גיין דורך בריטאניע און אין אמעריקע זאל מען נוצן נאר פראדוקטן, וואס זיינען געשאפן אין ענגלאנד; און צולעצט פרווון צו באשטייערן נאר דורכן פארלאמענט, ווי דער העכסטער מאכט איבער באשטייערונג פאר דער גאנצער אימפעריע. אונטער דעם דרוק פון אט דער דרייענדיקער סיסטעם פון שעדיקונגען זיינען די אמעריקאנער קאלאניסטן געווען געצוואונגען דורכצומאכן א היפשן סכום דארבע פאליטישע דענק־ארבעט. אזעלכע מענער ווי פאטריק הענרי און דזשיימס אטיס האבן אנגעהויבן צו חקירהן זיך איבער גרונט־געדאנקען פון רעגירונג און פון פאליטישער פארבינדונג גענוי אויף דעם אופן, ווי די דאזיקע פראגעס זיינען דיסקוטירט געווארן אין ענגלאנד אין די גרויסע טעג פון קראמוועלס רעפובליק. זיי האבן גענומען לייקענען סיי אין דער געטלעכער אפשטאמונג פון קיניגטום און סיי אין דער איבערהערשאפט פון בריטישן פארלאמענט און זאגן (דזשיימס אטיס, 1762) אזעלכע זאכן, ווי:

„גאט האט אלע מענטשן באשאפן גלייך".

„געדאנקען וועגן ערדישער איבערהערשאפט שטאמען פון דערציונג, זיי זיינען ניט איינגעבוירן פון דער נאטור".

„מלכים זיינען געשאפן לטובת זייער פאלק, און ניט דאס פאלק פאר זיי".

„קיין רעגירונג האט ניט קיין רעכט צו מאכן פון אירע אונטערטאנען שקלאפן".

„הנב ווער גרעסערער טייל רעגירונגען זיינען פאקטיש אייגנוויליק, און ממילא די קללה און די שאנד פון דער מענטשלעכער נאטור, איז אבער קיין איינע פון זיי ניט מיט רעכט איינגוויליק".

טייל פון זייערע פארשלאגן גרייכן ווייט.

די דאזיקע יורונג אין די פאליטישע אידעעס פון אמעריקע איז ארויסגעבראכט געווארן דורך דעם ענגלישן זויערטייג. א זייער השפעהדיקער ענגלישער שרייבער איז געווען דזשאן לאק (1632 — 1704), וואס זיינע „צוויי טראקטאטן וועגן בירגערלעכער רעגירונג" קאנען ווערן אנגענומען, ווי ווייט א בוך קאן בכלל אנגענומען ווערן אין אזוינע פאלן, פאר דעם אויסגאנג-פונקט פון די מאדערנע דעמאקראטישע אידעען. ער איז געווען דער זון פון קראמוועלס א זעלנער, האט זיך געהאדעוועט אין קריסט טשערטש, אקספארד. אין משך פון דער רעפובליקאנישער ממשלה האט ער פארבראכט עטלעכע יאר ווי א פארטריבענער אין האלאנד. זיינע שריפטן בילדן א בריק צווישן דעם דרייסטן פאליטישן גדאנק אין יענע פריערע רעפובליקאנישע טעג און דער רעוואלוציאנערער באוועגונג סיי אין אמעריקע סיי אין פראנקרייך.

נאר מענטשן הייבן ניט אן צו האנדלען לויט טעאריעס. אן אקציע רופט שטענדיק ארויס א רעאלע סכנה, א פראקטישע נויטווענדיקייט; ערשט אז די אקציע האט צעשטערט אלטע שייכותן און האט ארויסגעבראכט א נייעם און חידושדיקן צושטאנד, קומט די טעאריע צו איר רעכט. דעמאלט קאן די טעאריע געשטעלט ווערן צום אויספרוו. דער ווידעראנאנד אין די אינטערעסן און אידעעס צווישן די קאלאניסטן איז געבראכט געווארן צו אן אפענעם האמף דורך דעם עקשנותדיקן באשלוס פון ענגלישן פארלאמענט נאכן שלום פון יאר 1763 ארויפצולייגן שטייערן אויף די אמעריקאנישע קאלאניעס. בריטאניע האט געלעבט אין שלום און איז געווען פארשיכורט מיט איר הצלחה; עס האט אויסגעוויזן, אז איצט איז די בעסטע געלעגנהייט צו

מאַכן אַקורצן חשבון מיט די ווידערשפּעניקע קאָלאָניסטן. נאָר די בריטישע גרויסע ערד־אייגנטימער האָבן געפונען נאָך אַפּוח לעבן זייער אייגנעם, וואָס איז געווען דורכגעדרונגען מיט דעם זעלביקן גייסט וואָס זיי, אָבער ער האָט געשטרעבט צו אַביסל אַן אַנדער ציל – דאָס איז געווען די ווידער איפּלעבנדיקע קרוין. געאָרג III, וואָס האָט אָנגעהויבן קיניגן אין יאָר 1760, איז געווען אַנטשלאָסן צו זיין מער קיניג, ווי זיינע צוויי דייטשע פאָרגייער. ער האָט געקענט ריידן ענגליש; ער האָט פּרעטענדירט אויף „גדולה אין נאָמען פון בריטאַניע"—און דאָס איז טאַקע ניט קיין קליינקייט פאַר אַמענטשן אין אַטראָפּן ענגליש, וועליש אָדער שאָטיש בלוט אין זיינע אָדערן. אים האָט אויסגעזען, אַז אין די אַמעריקאַנישע קאָלאָניעס אין הכלל און די לענדער איבער די ימים, מיט זייערע אומבאַשטימטע טשאַרטערס אָדער גאָר אָן טשאַרטערס, דאָרט קאָן די קרוין פּרעטענדירן אויף אַזאַ מאַכט און אַרויסקריגן אַזעלכע מיטלען און פּוחות, וואָס די שטאַרקע און בעלמקנאדיקע אַריסטאָקראַטיע אין בריטאַניע פאַרגינט איר דאָס בשום אופן ניט. דאָס האָט געבראַכט אַסך אַדלליט פון דער וויג־פּאַרטיי צו סימפּאַטיזירן מיט די קאָלאָניסטן, וואָס אַנדערש וואָלטן זיי געוויס ניט געווען אויף זייער זייט. זיי האָבן גאָרנישט ניט געהאַט קעגן עקספּלואַטירן די קאָלאָניעס אין די אינטערעסן פון דער בריטישער „פּריוואַטער אונטערנעמונג", נאָר זיי זיינען געווען שטאַרק קעגן דעם, אַז דורך דער דאָזיקער עקספּלואַטאַציע זאָל ווערן געשטאַרקט די קרוין, אַזוי אַז זי זאָל ווערן אומאָפּהענגיק פון זיי.

דער קריג, וואָס איז אויסגעבראָכן איז, בכן, געווען בעצם ניט קיין קריג צווישן בריטאַניע און די קאָלאָניסטן, עס איז געווען אַ קריג צווישן דער בריטישער רעגירונג און די קאָלאָניסטן, וואָס אויף זייער צד זיינען געשטאַנען די קערפּערשאַפט פון די וויגישע אַדלליט און אַ היפּשער טייל פון דער ענגלישער עפנטלעכער מיינונג. באַלד נאָך 1763 איז געווען געמאַכט אַ פּרווו מצד דער רעגירונג אַרויסצובאַקומען הכנסה פאַר בריטאַניע דורך דער פאַרעדונג, אַז פאַר צייטונגען און פאַר פאַרשיידענע מינים דאָקומענטן זאָל מען צאָלן שטעמפּל־שטייער. דאָס איז געוואָרן מיט פעסטקייט אָפּגעוואָרפן, די בריטישע קרוין האָט זיך איבערגעשראָקן, און דעם געזעץ וועגן

שטעמפל-שטייער אפגעשאפט (1766). די דאזיקע אפשאפונג איז באגריסט געווארן דורך טומלדיקע ארויסטרעטונגען אין לאנדאן, וואו מען האט זיך נאך מער געפרייט, ווי אין די קאלאניעס.

נאך די מעשה מיטן שטעמפל-שטייער איז געווען יאר איין פאס אין דעם גרויסן טריבן שטראם, וואס האט געצויגן צו בירגער-קריג. אונטער פארשיידענע אויסריידן האבן די פארשטייער פון דער ענגלישער רעגירונג פאזע דעם גאנצן ברעג געהאלטן אין איין פארפעסטיקן זייער אוטאריטעט און האבן דורכדעם ארויסגעצויגן א שנאה אויף דער ענגלישער רעגירונג. א גרויסן שאדן האט געבראכט דאס איינקווארטירן זעלנערס ביי די קאלאניסטן. ראד-איילענד איז געווען באזונדערס אקטיוו אין עובר זיין אויף די האנדלס-באגרענעצונגען. די ראד-איילענדער זיינען געווען פארן „פרייען האנדל" — דאס הייסט פשוט גערעדט: קאנטראבאנדיסטן. א רעגירונגס-שיף די „גאספי" האט זיך געזעצט אויפן גרונט ביי פראווידענס; איז זי באפאלן געווארן פון באוואפנטע מענטשן אין שיפלעך, פארכאפט און אונטערגעצינדן. אין יאר 1773 האט דער ענגלישער פארלאמענט, אן זיך צו רעכענען מיט דעם עקסיסטירנדיקן טיי-האנדל אין די קאלאניעס, ארויסגעגעבן דער מזרח-אינדישער געזעלשאפט ספעציעלע פריווילעגיעס פאר דעם אריינפיר פון טיי קיין אמעריקע. האבן די קאלאניסטן באשלאסן ניט אנצונעמען דעם דאזיקן טיי און צו באיקאטירן אים. אז די טיי-סוחרים אין באסטאן האבן געוואלט ארופלאדן זייער טיי פון די שיפן, איז אנגעקומען א קאמפאניע מענטשן פארשטעלט פאר אינדיאנער און פאר א גרויסער מאסע מענטשן אין די אויגן האבן זיי זיך ארויפגעכאפט אויף די דריי טיי-שיפן און האבן די גאנצע טיי-לאדונג אריינגעווארפן אין ים אריין (16 דעצעמבער 1773).

דאס גאנצע יאר 1774 האבן ביידע צדדים געקליבן כוחות צוליב דער קומענדיקער מלחמה. דער בריטישער פארלאמענט האט באשלאסן אין פרי-יאר 1774 צו באשטראפן באסטאן דורך שליסן איר האפן. איר האנדל האט געזאלט ווערן צעשטערט, סיידן זי וועט אננעמען דעם טיי. דאס איז געווען א טיפישער ביישפיל דערפאר, ווי אזוי נארישע „פעסטקייט" צעטרייסלט אימפעריעס. בכדי דורכצופירן דעם מיטל איבער געוואלד, איז אין באסטאן געווען קאנצענטרירט ענגליש מיליטער אונ-

טער גענעראל גידזש. די קאלאניסטן האבן אנגענומען זייערע מיטלען. דער ערשטער קאנגרעס פון די קאלאניעס איז זיך צונויפגעקומען אין סעפטעמבער אין פילאדעלפיע; עס זיינען געווען פארטראטן צוועלף קאלאניעס: מאסאטשוזעטס, קאנעקטיקוט, ניו-העמשייר, ראד איילענד, ניו-יארק, ניו-דזשוירסי, פענסילווענע, מערילענד, דעלאווער, ווירדזשיניע, און דרום-און צפון-קאראליניע. דזשארדזשיע איז נישט געווען פארגעשטעלט. געטריי צו די בעסטע ענגלישע טראדיציעס האט דער קאנגרעס געלאזט מעלדן איבער זיין האלטונג אין א באזונדערן דאקומענט: „דעקלאראציע פון רעכט". פאקטיש איז דער קאנגרעס געווען א רעוואלוציאנערע רעגירונג, אבער ביז פרי-יאר 1776 איז קיין קלאפ נישט געפאלן. דעמאלט איז געקומען די ערשטע בלוט-פארגיסונג.

די בריטישע רעגירונג האט זיך אנגעמערקט צו ארעסטירן צוויי פירערס פון די אמעריקאנער, הענקאק און סעמיועל עדעמס, און צו משפטן זיי פאר בגידה. מען האט געוואוסט, אז זיי געפינען זיך אין לעקסינגטאן, א מייל עלף פון באסטאן, און אויף דער נאכט צום 18טן אפריל 1775 האט גידזש געלאזט ארויסמארשירן זיינע זעלנערס מיטן זין זיי צו ארעסטירן.

די דאזיקע נאכט איז א באטייטפולע אין דער געשיכטע. מען האט אכט געגעבן אויף דער באוועגונג פון דעם גענעראל גידזשעס מיליטער. סיגנאל-לאמטערנעס האבן זיך באוויזן פון א קירכן-טורעם אין באסטאן, און צוויי מענער, דאוס און פאל רעווער, האבן זיך ארויסגעגנבעט און שיפלעך דורך דער הינטערשטער גרענע, כדי צו זעצן זיך אויף פערד און צו ווארענען דאס לאנד. די ענגלענדער זיינען אויך אריבערגעשוואומען דאס וואסער אויף בראמען, און בעת זיי האבן מארשירט אינמיטן נאכט קיין לעקסינגטאן, האט מען דורך סיגנאל-שאסן און דורך קלינגען אין די קלויסטער-גלאקן אנגעזאגט אפריער וועגן זייער קומען. אז זיי זיינען באגינען אנגעקומען אין לעקסינגטאן, האבן זיי געזען א קליין הייפל מענטשן אויסגעשטעלט אויף א מיליטערישן שטייגער. עס ווייזט אויס, אז די ענגלענדער האבן געשאסן די ערשטע. עס איז געווען צוערשט איין שאס און דערנאך א זאלפ, און די קליינע אפטיילונג איז אפגעטראטן, באשיספערלעך

אָן צו ענטפערן אויף די שאָסן, איבערגעלאָזט אויפן גרינעם גראָז אַכט טויטע און ניין פאַרוואונדעטע.

דערנאָך האָבן די ענגלענדער מאַרשירט קיין קאָנקאָרד, צען מייל ווייטער, פאַרנומען דאָס דאָרף און אַוועקגעשטעלט אַ וואַך בײַם בריק אין יענעם אָרט. די עקספּעדיציע האָט איר ציל צו אַרעסטירן הענקאָקן און עדעמסן ניט דערגרייכט, און דער בריטישער קאָמאַנדיר האָט משמעות ניט געוואוסט וואָס צו טאָן ווייטער. דערווייל האָבן די קאָלאָניסטן אָנגעהויבן צו קלייבן זיך פון אַלע זייטן, און צולעצט האָט דער אָפּטייל בײַם בריק זיך געפונען אַרומגערינגלט און באַשאָסן, און צולעצט איז אויף אים געמאַכט געוואָרן אַן אַטאַקע. האָט דער ענגלענדער באַשלאָסן צוריקצוטרעטן קיין באָסטאָן. דער צוריקטריט האָט אים געבראַכט גרויסע אָנווערן. דאָס גאַנצע לאַנד אַרום איז געווען אויפגעשטאַנען; אַלע אינדערפרי פלעגן די קאָלאָניסטן זיך צונויפקלייבן. פון בײדע זייטן וועג איז געווען פול מיט שיסערס, וואָס האָבן געצילעוועט פון הינטער איטלעכן פעלזנשטיין, פון הינטער איטלעכן צאָם, פון איטלעכן בוים, און צייטנווייז פלעגן זיי אָנפאַלן גאָר פון נאָענט. די זעלנערס זיינען געגאַנגען אָנגעטאָן אין אָנזיכטיקע רויטע אוניפאָרמעס מיט געלע לאַצן און ווייסע געטרעס און האַלזבענדער; מחמת דעם האָבן זיי געמוזט בולט זיך אויסשטעלן אינמיטן די קאַלטע שאַרפע קאָלירן פון דעם ניי־ענגלישן שפּעטן פרילינג. דער טאָג איז געווען אַ ליכטיקער, אַ הייסער און שטויביקער, און די זעלנערס זיינען געווען אויסגעמאַטערט פון בײַנאַכטיקן מאַרש. יעדע עטלעכע יאַרד איז געפאַלן אַ מענטש, טויט אָדער פאַרוואונדעט. די איבעריקע האָבן זיך געשלעפּט איבערן וועג אָדער פלעגן זיך אָפּשטעלן און אויסשיסן אַ זאַלפּ, וואָס האָט קיינעם ניט געשאַדט. אין לעקסינגטאָן זיינען געווען ענגלישע פאַרשטאַרקונגען און צוויי האַרמאַטן, און נאָך אַ קורצן אָפּרו איז דער צוריקמאַרש ווייטער געגאַנגען שוין אין אַ בעסערער אָרדענונג. נאָר די נאָכיאָגערס זיינען געווען הינטער זיי ביז צום טייך. נאָכדעם ווי די ענגלענדער זיינען אַריבערגעשוואומען צוריק קיין באָסטאָן, האָבן די קאָלאָניסטן זיך אָפּגעשטעלט אין קיימברידזש און האָבן זיך געגרייט צו בלאָקירן די שטאָט.

### 4. דער קריג פאַר אומאָפּהענגיקייט.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער קריג. עס איז ניט געווען קיין קריג, וואָס מען האָט געקאָנט קומען אין אים צו אַ באַשטימטן סוף. די קאָלאָניסטן האָבן ניט געהאַט קיין הויפּטשטאָט, וואָס מען זאָל זי קאָנען איינגעמען און דערמיט פאַרענדיקן דעם קריג. זיי זיינען געווען צעשפּרייט איבער אַ גרויסן לאַנד מיט אַן אָנסופיקער ווילדערנייש פון



דזשאָרדוש וואַשינגטאָן האַלט זיין ערשטע פּרעזידענט-רעדע אין ניו-יאָרק,
30 אַפּריל 1789.

הינטן, און אַזוי אַרום האָבן זיי געהאַט אַ גרויסן כּוח פון ווידערשטאַנד, זייער טאַקטיק האָבן זיי אין אַ גרויסער מאָס געהאַט אָפּגעלערנט פון די אינדיאַנער; זיי האָבן גוט געקאָנט קעמפן אין אַן אָפענער אָרדענונג און באַאומרויִקן און אַנטאָן שאָדן זעלנער בעתן מאַרש. נאָר זיי האָבן ניט געהאַט קיין דיסציפּלינירטע אַרמיי, וואָס האָט געקאָנט זיך אַנטקעגנשטעלן קעגן די ענגלענדער אין אַ רעגולער שלאַכט, און האָבן פאַרמאָגט ווינציק מיליטערישע מכשירים. פאַר זייערע קעמפער-

האט דער קריג זיך געצויגן צו לאנג, און זיי האבן זיך געריסן אהיים צו זייערע ווירטשאפטן; די ענגלענדער, ווידער, האבן געהאט א גוט איינמושטירטע ארמיי, און דאס וואס זיי האבן געוועלשיקט איבערן ים האט זיי געגעבן די מעגלעכקייט אריבערצורוקן זייערע אטאקעס פאזע דעם גאנצן ברעג פון אטלאנטישן אקעאן. זיי האבן איצט געלעבט אין שלום מיט גאר דער וועלט. אבער דער קיניג איז געווען טעמפ און האט ניט אנדערש געוואלט צו אריינמישן זיך אין דער פירונג פון דער מלוכה. די גענעראלן, וואס ער האט זיי פראטעזשירט, זיינען געווען אדער טעמפע „שטארקע מענער“ אדער לייכטזיניקע מענטשן פון גרויס יחוס, און דאס הארץ פון ענגלאנד איז ניט געלעגן ביי דעם עסק. דער קיניג האט געהאלטן, אז דורך בלאקירן די קאלאניסטן, דורך כסדר-דיקע אנפאלן אויף זיי און ניט לאזן זיי צו רו וועט ער קאנען זיי צווינגען זיך אונטערצוגעבן, ער האט זיך אבער ניט געטרויט, אז ער וועט קאנען באצווינגען און איינגעמען דאס לאנד. נאר די מעטאדן, וואס זיינען באנוצט געווארן, און באזונדערס דאס באנוצן דייטשע גערונגענע זעלנערס, וואס האבן נאך אפגעהיט די אכזריותדיקע טראדיציעס פון דרייסיק-יאריקן קריג, און אינדיאנער הילפס-טיילן, וואס זיינען אנגעפאלן אויף אפגעלעגענע פארמעס, האבן ניט אזוי פאר די אמע-ריקאנער שווער געמאכט די מלחמה, ווי פאר די ענגלענדער. דער קאנ-גרעס, וואס איז זיך צונויפגעקומען דאס צווייטע מאל אין יאר 1775, האט אנגענומען פאר גוט די אקציעס פון די ניי-ענגלענדער קאלאניסטן און האט באשטימט דזשארדזש וואשינגטאן פארן אייבער-קאמאנדיר פון די אמעריקאנער. אין יאר 1777 האט גענעראל בורגאין, וואס האט גע-פרווט דורכצורייסן זיך פון קאנאדע ביז קיין ניו-יארק, געליטן א שווערע מפלה ביי פרימענס פערמע ביים איבערשטן האדסאן און איז ארומגערינגלט געווארן און געצוואונגען זיך אונטערצוגעבן מיט זיין גאנצן חיל ביי סאראטאגע. די דאזיקע מפלה פון די ענגלענדער האט צו-געגעבן מוט די פראנצויזן און די שפאניער, זיך אריינצומישן אין קאמף אויפן צד פון די קאלאניסטן. דער פראנצויזישער פלאט האט מיט-געהאלפן אזוי צו פארקלענערן די פארמאכט, וואס די ענגלענדער

האבן געהאט איפן ים. גענעראל קארנוואלים איז געכאפט געווארן אויפן האלב־אינזל יארקטאון אין ווירדזשיניע אין יאר 1781 און האט זיך אונטערגעגעבן מיט זיין ארמיי. די בריטישע רעגירונג, איצט פארטאן אין שווערע אומשטאנדן מיטן קאמף קעגן פראנקרייך און שפאניע אין אייראפע, האט געהאלטן ביים סוף פון אירע כוחות.

ביים אנהייב פון דער מלחמה זיינען די קאלאניסטן בדרך כלל משמעות געווען ווייניק נוטה אפצווארפן די מאנארכיע און צו פאדערן פולע זעלבשטענדיקייט, פונקט ווי די האלענדער אין דער אנהייב סטאדיע פון פיליפ II׳נס רדיפות און מעשים תעתועים. די סעפעראטיסטן זיינען אנגערופן געווארן ראדיקאלן; זיי זיינען געווען על־פי־רוב עקסטרעם דעמאקראטיש, ווי מיר וואלטן געזאגט אין ענגלאנד ביי היינטיקן טאג, און זייערע פראגרעסיווע קוקן האבן געשראקן א סך פון די מיושבדיקע און רייכערע קאלאניסטן, וואס פאר זיי האבן די קלאסן־פריווילעגיעס און אויסצייכענונגען געהאט א היפשן רייץ. נאר אנהייב 1776 האט איינער אן ענגלענדער, טאמאס פיין, פארעפנטלעכט אין פילאדעלפיע א פאמפלעט אונטערן טיטל Common Sense (שכל הישר), וואס האט געהאט א גוואלדיקע ווירקונג אויף דער געזעלשאפט־לעכער מיינונג. דער סטיל איז געווען רעטאריש לויט אונזערע השגות. „דאס בלוט פון די דערשלאגענע, דער וויינענדיקער קול פון די געשרייען פון דער נאטור, ס׳איז צייט צו גיין", יברומה נאך אזעלכע מליצות פול אין פיל. נאר די ווירקונג פון פאמפלעט איז געווען זייער גרויס. טויזנטער זיינען דורך אים געווארן איבערציינגט, אז מען מוז זיך אפטיילן. דער דאזיקער איבערקער פון דער געזעלשאפטלעכער מיינונג, וויבאלד ער האט זיך נאר אנגעהייבן, איז צוגעגאנגען גיך.

ערשט זומער 1776 האט דער קאנגרעס אנגענומען דעם לעצטן שריט צו דערקלערן די אפטיילונג. „די דעקלאראציע פון אומאפהענגיקייט", ווידער אמאל איינער פון יענע מוסטער־דאקומענטן, וואס צו פראדוצירן אזעלכע איז געווען דער אייגנטימלעכער פארדינסט פון די ענגלענדער לגבי דער מענטשהייט, איז געווארן אויפגעצייכנט פון טאמאס דזשעפערסאן, און נאך פארשיידענע הוספות און שינויים איז ער געווארן געמאכט פארן גרונט־דאקומענט פון די פאראייניקטע שטאטן אין אמעריקע. צוויי שינויים צו דזשעפערסאנס פראיעקט

אין כּדאי צו פאַרציכענען. ער איז שטאַרק אַנגעפאַלן אויפן שקלאַפן־האַנדל און האָט אויפגעוואָרפן די היימישע רעגירונג, פאַרוואָס זי האָט געשטערט די פרווון, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין די קאָלאָניעס צו מאַכן דערצו אַ סוף. דאָס איז געוואָרן אַרויסגעוואָרפן, און אויך דער זאַץ מכּוח די ענגלענדער: „מיר מוזן פרווון פאַרגעסן אונזער פריערדיקע ליבע צו זיי... מיר וואָלטן געקאָנט זיין אַ פריי און גרויס פאָלק אין איינעם".

אַרום סוף 1782 זיינען אין פאַריז געחתמעט געוואָרן די פּרעלי־מינאַר־אַרטיקלען פון דעם אָפּמאַך, וואָס לויט אים האָט בריטאַניע אָנערקענט די פולע אומאָפּהענגיקייט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. דער סוף פון קריג איז געוואָרן פּראָקלאַמירט דעם 19טן אַפּריל 1783, גענוי אַכט יאָר נאָך פאַל רעוועריס אַנפאַל און דעם צוריקטריט פון גיידזשס מענטשן פון קאָנקאָרד קיין באָסטאָן. דער שלום־אָפּמאַך איז געחתמעט געוואָרן אין פאַריז אין סעפּטעמבער.

---

## 5. די קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער מענטשלעכער געשיכטע איז דער וועג, ווי אַזוי די דרייצן שטאַטן זיינען געוואָרן אומאָפּהענגיק, ווייניקער וויכטיק ווי דער פאַקט, אַז זיי זיינען געוואָרן אומאָפּהענ־גיק. מיט דער איינשטעלונג פון זייער אומאָפּהענגיקייט איז געקומען אויף דער וועלט אַ נייער מין געזעלשאַפט. עס איז געווען אַזוי ווי עס וואָלט עפּעס אַרויסגעקומען פון אַן איי. דאָס איז געווען אַ מערב־אייראָ־פּעיִשע ציוויליזאַציע, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון די לעצטע שפּורן פון דער אימפּעריע און פון קריסטנטום. עס איז אין איר ניט געבליבן קיין סימן פון מאָנאַרכיע און פון אַ מלוכה־קירך. זי האָט ניט געהאַט קיין הערצאָגן, פירשטן, גראַפן און קיין שום טיטל־טרעגערס, וואָס זאָלן קאָנען פּרעטענדירן, אַז עס קומט זיי וואָסער הערשאַפט אָדער כּבוד. אפילו איר איינהייט איז געווען אַן איינהייט נאָר צוליב שוץ און פרייהייט. זי איז אין די פּרטים געווען אַ ריינער אָנהייב פון פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס איר גלייכן האָט די וועלט נאָך

ניט געהאט געזען. באזונדערס כדאי צו באמערקן איז דאס, האס עס איז ניט געווען קיין שום בינדונג אין רעליגיעזע ענינים. זי האט געהאט א צאל קריסטלעכע פארמען, איר גייסט איז בלי־ספק געווען א קריסטלעכער, אבער, ווערליג עס האט בפירוש דערקלערט א מלוכה־דאקומענט פון יאר 1796: „די רעגירונג פון די פאראייניקטע שטאטן איז בשום אופן



בענדזשאמין פראנקלין, אמעריקאנישער סוער פון אומאפהענגיקייטס־קריג.

ניט באגרינדעט אויף דער קריסטלעכער רעליגיע". די נייע געמיינשאפט האט פאקטיש אראפגענידערט צו די הוילע און אפגעדעקטע פונדאמענטן פון מענטשלעכער געזעלשאפטלעכקייט און האט גענומען בויען א נייעם מין געזעלשאפט און א נייעם מין מלוכה אויף די דאזיקע פונדאמענטן.

דא זיינען געווען ארום פיר מיליאן מענטשן צעשפרייט איבער א גרויסער שטרעקע מיט זייער נידעריקע און שווערע פארקער-מיטלען, דערווייל נאך ארעם, אבער מיט מעגלעכקייט פון רייכקייט אן א שיעור, און זיי האבן זיך דאס פירגענומען צו שאפן אויף דער וואר און פראקטיק יענעם אויפבוי-אויפטו, וואס די אטענישע פילאסאפן מיט צוויי-און-צוואנציק יארהונדערטער צוריק האבן זיך פארמאסטן אין דער פאנטאזיע און טעאריע.

דער דאזיקער מצב צייכנט אן אן ענדגילטיקע סטאדיע אין דעם מענטשנס באפרייונג פון פרעצעדענט און מנהג און אן ענדגילטיקן טריט פאראויס צו באוואוסטזיניקן און שכלדיקן איבערבויען די אומשטאנדן לויט דעם מענטשנס באדערפענישן און צילן. דא איז א נייע מעטאדע געווארן פארווירקלעכט אין די מענטשלעכע ענינים. די מאדערנע מלוכות פון אייראפע האבן זיך ארויסגעוויקלט, אינסטיטוציע נאך אינסטיטוציע, פאוואליע און אן א פלאן, פון א פריערדיקן צושטאנד. די פאראייניקטע שטאטן זיינען געווארן אויסגעפלאנירט און געשאפן.

נאר אין איין פרט איז די שעפערישע פרייהייט פון דעם נייעם פאלק געווען זייער ערנסט באגרענעצט. דער דאזיקער נייער מין געזעלשאפט אין מלוכה איז ניט געווען געבויט אויף א פוסטן פלאץ. זי איז ניט געווען אפילו אזא פרייע קינסטלעכע שאפונג ווי אייניקע פון די שפעטערע אטענישע קאלאניעס, וואס זיינען ארויסגעגאנגען פון דער מוטער-שטאט אויסצופלאנירן און צו בויען שפאגל-נייע שטאט-מלוכות מיט שפאגל-נייע קאנסטיטוציעס. אלע דרייצן קאלאניעס האבן צום סוף פון קריג געהאט אייגענע קאנסטיטוציעס, צי אזעלכע, ווי קאנעקטיקוט און ראד-איילענד, וואס זייערע קאנסטיטוציעס האבן געשטאמט פון זייערע לכתחילהדיקע טשארטערס (1662), אדער וואס האבן, ווי אין דעם פאל פון די איבעריקע שטאטן, וואו א בריטישער גובערנאטאר האט געשפילט א ראלע אין דער אדמיניסטראציע, איבערגעמאכט זייערע קאנסטיטוציעס אין משך פון קריג. נאר מיר מעגן באטראכטן אט די אלע איינצל-קאנסטיטוציעס ווי פרווון און עקספערימענטן פאר דער אלגעמיינער קאנסטיטוציע.

אין דער דאָזיקער קאָנסטיטוציע פאַרנעמען עטלעכע אידעעס דעם אויבנאַן. איינע איז די אידעע פון פּאָליטישער און סאָציאַלער גלייכהייט. די דאָזיקע אידעע, וואָס מיר האָבן געזען, ווי זי האָט זיך באַוויזן אין דער וועלט ווי אַן עקסטרעמע און כּמעט אימגלויבלעכע אידעע אין דער תּקופה, וואָס צווישן בּודאַ און ישו פון נצרת, איז איצט צום סוף 18טן יאָרהונדערט געוואָרן איינגעפירט ווי אַ פּראַקטישע מאָס פאַר מענטשלעכע פאַרהעלטענישן. אין דעם גרונט־געזעץ פון ווירדזשיניע שטייט געזאָגט: „אַלע מענטשן זיינען לויט דער נאַטור גלייך פריי און אומאָפּהענגיק", און ווייטער ווערן אויסגערעכנט זייערע „רעכט", עס ווערט פעסטגעשטעלט, אַז אַלע פאַרוואַלטונגס־אָרגאַנען און אַלע רעגירנדיקע פּערזאָנען זיינען ניט מער ווי „מורשים און דינערס" פון דער רעפּובליק. אַלע מענטשן האָבן דאָס גלייכע רעכט פריי אָפּצוהיטן זייער רעליגיע. דער קיניג לויט רעכט, דער אַריסטאָקראַט, דער „נאַטירלעכער שקלאַף", דער גאָט־קיניג און דער גאָט — זיי אַלע זיינען פאַרשוואונדן פון פּאָליטישן פּלאַן, ווי ווייט דאָס איז שייך די דאָזיקע דעקלאַראַציעס. דער גרעסטער טייל פון די שטאַטן האָבן אַרויסגעלאָזט ענלעכע אַריינפירן צו דער קאָנסטיטוציע. די דעקלאַראַציע פון דער אומאָפּהענגיקייט זאָגט, אַז „אַלע מענטשן זיינען געבאָרן גלייך". אומעטום ווערט געזאָגט אין אויסדרוקן, וואָס געהערן צום 18טן יאָרהונדערט, אַז די נייע געמיינשאַפט באַדאַרף זיין — אויב מיר נוצן די פראַזעאָלאָגיע, וואָס מיר האָבן אַריינגעפירט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל — אַ געמיינשאַפט פון ווילן און ניט קיין געמיינשאַפט פון פאָלגן. נאָר די דענקערס פון יענער צייט האָבן געהאַט אַ מער האַמעטנעם אופן פאַרצושטעלן אַ זאַך: זיי האָבן זיך אויסגעמעלט, אַז עס איז פאַראַן אַ מין אינדיווידועלער אויסקלייב אין הסכּם צו בירגערשאַפט, וואָס האָט גאָר קיין מאָל אין דער אמתן ניט געטראָפן — דער אַזוי גערופענער געזעלשאַפטלעכער אָפּרייד" (Contrat social). למשל, די הקדמה צום גרונט־געזעץ פון מאַסאַטשוזעטס זאָגט, אַז „די מלוכה איז אַ פרייוויליקע פאַרבינדונג, וואָס אין איר רעדט אָפּ דאָס גאַנצע פאָלק מיט איטלעכן בירגער און איטלעכער בירגער מיטן גאַנצן פאָלק, אַז אַלין דאַרף ווערן רעגירט לויט באַשטימטע געזעצן לטובת הכּלל".

עס איז אָבער באַשיימפּערלעך, אַז דער גרעסטער טייל פון די דאָזיקע גרונט-הנחות זיינען זייער מסופּקדיקע הנחות. מענטשן ווערן ניט געבאָרן גלייך, זיי ווערן ניט געבאָרן פריי; זיי ווערן געבאָרן ווי אַ ביז גאָר פאַרשיידנאַרטיקע מאַסע, אַריינגעפלאָנטערט אין אַן אַלטער און פאַרפּלאָנטערטער סאָציאַלער נעץ. אויך איז קיין מענטש ניט געצוואונגען אונטערצונעמען דעם געזעלשאַפטלעכן אָפּמאַך, אָדער זיך אָפּצוטראָגן אין איינזאַמקייט, אויב ער טוט דאָס ניט. די דאָזיקע הנחות, אויסגעטייטשט ווערטלעך, זיינען אַזוי בפירוש פאַלש, אַז מען קאָן גאָר ניט גלויבן, אַז די מענטשן, וואָס האָבן זיי געשאַפן, זאָלן האָבן געמיינט זיי אויסצוטייטשן ווערטלעך. זיי האָבן זיי געשאַפן ווי געוויסע שווער צו כאַפּנדיקע, אָבער העכסט וויכטיקע אידעעס -- וואָס איצט, נאָך אַנדערהאַלב יאָרהונדערט דענקען, איז די וועלט אין שטאַנד זיי אויסצודריקן בעסער.

ווי עס האָט געוויזן דער דאָזיקער „קאָנטור“, איז ציוויליזאַציע אויפגעקומען ווי אַ געמיינשאַפט פון פאָלגן און איז געווען אין עצם אַ געמיינשאַפט פון פאָלגן. נאָר דור נאָך דור האָבן כּהנים און רעגירערס אויסגענוצט דעם דאָזיקן גייסט צום שלעכטן. פון די העלדער, פאַרקלענער און סטעפּעס איז געווען אַ שטענדיקער צופלוס פון העדיטערישן ווילן. סוף-כּל-סוף איז דער מענטשלעכער גייסט אויפגעשטאַנען און האָט מורד געווען קעגן בלינדן פאָלגן אין כּלל-ליבן. ער האָט געזוכט — און צוערשט האָט ער געזוכט זייער אומגעשיקט — צו דערגרייכן צו אַ נייער און בעסערער ציוויליזאַציע, וואָס זאָל זיין צוגלייך אַ ווילנס-געמיינשאַפט. צוליב דעם צוועק איז געווען נייטיק, אַז איטלעכער מענטש זאָל ווערן באַהאַנדלט ווי זיין איינענער סוווערען; זיין מצב האָט באַדאַרפט זיין דער מצב פון איינעם, וואָס דינט מיטן גוטן ווילן, און ניט געצוואונגען ווי אַ קנעכט. זיין ממשותדיקער נוצן, זיין ממשותדיקע ווערדע איז געווען געווענדט אין זיינע אינדיווידועלע מעלות. די מעטאָדע, וואָס דורך איר האָבן די דאָזיקע שאַפערס פון דער פּאָליטישער אַמעריקע געזוכט צו זיכערן זייער ווילנס-געמיינשאַפט, איז געווען אַ פּשוטע און פּראָסטע ביז גאָר. זיי האָבן געגעבן אַ ברייטע פרייהייט, בפרט פאַר יענער צייט און ביי די אַמעריקאַנער תנאים. דער מצב איז געווען פאַרשיידן לויט די פאַרשיידענע שטאַטן:

די ברייטסטע פרייהייט איז געווען אין פענסילווניע, וואו איטלעכער דערוואקסענער שטייער-צאלער האט געהאט שטים-רעכט. נאר אין פארגלייך מיט בריטאניע איז גאנץ אמעריקע צום סוף פון אכצנטן יארהונדערט געווען פארזארגט מיט א ברייטן וואל-רעכט. די דאזיקע שאפערס פון אמעריקע האבן אויך געמאכט אנשטרענגונגען, באטייטיקע פאר זייער צייט, אבער שוואכע לויט דעם איצטיקן מאסשטאב, צו זיכערן א ברייט פארשפרייטע אלגעמיינע בילדונג. אינפארמירן די בירגער וועגן דעם, וואס עס טוט זיך אין לאנד און אין אויסלאנד, האבן זיי איבערגעלאזט, באשיימפערלעך אן וואסערע ספקות און חששים, פאר עפנטלעכע פארזאמלונגען און פאר דער פריוואטער פרעסע.

די געשיכטע פון די קאנסטיטוציעס פון די פארשיידענע שטאטן און פון דער קאנסטיטוציע פון די פאראייניקטע שטאטן ווי א גאנצע איז א צו קאמפליצירטע און געפלאנטערטע, און מיר קאנען זיי באהאנדלען נאר אין די ברייטסטע שטריכן. דער מערקווערדיקסטער פונקט לויט דעם מאדערנעם קוק איז דאס בפירושע פארזען די פרויען ווי בירגער. די אמעריקאנער געמיינשאפט איז געווען א פשוטע, אין גרויסן און גאנצן אגרארע געמיינשאפט, און דער גרעסטער טייל פרויען זיינען געווען חתונה געהאטע; האט דאס אויסגעזען נאטירלעך, אז זיי זאלן זיין פארטראטן דורך זייערע מאנען. מער ניט ניו-דזשערסי האט דערלויבט טייל פרויען צו שטימען לויט א פארמעגן-צענז. א צווייטער פונקט זייער אן אינטערעסאנטער איז די כמעט אלגעמיינע החלטה צו האבן צוויי רעגירנדיקע פארזאמלונגען, וואס האבן געהאלפן אדער געשטערט איינע דער אנדערער לויט דעם מוסטער פון דער אונטערשטער פאלאטע און דעם לארדן-הויז פון בריטאניע. מער ניט אין פענסילווניע האט געהאט איין איינציקע רעפרעזענטאנטן-קאמער, און דאס האט מען געהאלטן דעמאלט פאר א זייער געפערלעכן אולטרא-דעמאקראטישן צושטאנד. חוץ דעם מאטיוו, אז געזעצגעבונג דארף צוגיין פאוואליע און זיכער, איז שווער צו געפינען אן אנדער טעם, צוליב וואס מוז מען דאס האבן דווקא צוויי קאמערן. עס זעט אויס, אז ביי די צונויפשטעלער פון קאנסטיטוציעס אין 18טן יארהונדערט איז דאס געווען מער א זאך פון מאדע, איידער

פון אַ שכלדיקער נויטווענדיקייט. די בריטישע צעטיילונג איז גע־
ווען אַן אַלטע: דאָס הויז פון די לאָרדן, דער לכתחילהדיקער פּאַרלאַ־
מענט, איז געוואָרן אַ פאַרזאַמלונג פון „נאָטאַבלען", די פירנדיקע
מענער, די פּני פון קיניגרייך; דאָס הויז פון די געמיינע איז אַריינגעקו־
מען חי אַ נייער פאַקטאָר, ווי דער אויסגעקליבענער פּירשפּרעכער
פאַר די שטאָט־לייט און פאַר די קליינע פּויערים. מען האָט אין 18טן
יאָרהונדערט אַ ביסל איבעראײלט משער געווען, אַז די פּאַרטײ־עטונג
פון דער מאַסע קאָן זיך לאָזן פירן דורך ווילדע אימפּולסן און אַז מען
מוז האָבן עפּעס וואָס זאָל זי אײנהאַלטן. די אָנגענומענע מיינונג איז גע־
זוען פּ אַ ר דעמאָקראַטיע, אָבער אַ דעמאָקראַטיע מיט שטאַרקע טאָרמאָזן
אויף פּאַרהאַמעווען שטענדיק, צו באַרג אַרויף צו באַרג אַראָפּ. דעריבער
איז אַרום אַלע די אייבערשטע פּאַלאַטעס געווען אַ מין בײ־טעם פון
אויסגעקליבנקייט. זיי פלעגן ווערן אויסגעקליבן מיט אַ מער באַגרע־
נעצטער פריײהייט. די אידעע צו שאַפן אַן אייבערשטע קאַמער, וואָס
זאָל זיין די פעסטונג פאַר שטאַנדהאַפטיקע מענער, איז ניט אַזוי
שטאַרק געפעלן מאָדערנע מענטשן, ווי זי איז געווען געפעלן די
מענטשן אין 18טן יאָרהונדערט, אָבער די גוויי־קאַמער־אידעע אין
אַן אַנדער פאָרם האָט נאָך איצט אירע פּאַרטײידיקער. זיי זיינען
משער, אַז אַ געמיינשאַפט קאָן מיט נוצן באַטראַכטן אירע
ענינים פון צווייערליי שטאַנדפּונקטן — דורך די אויגן פון
אַ קערפּערשאַפט, וואָס איז אויסגעקליבן צו רעפּרעזענטירן דאָגדל,
אינדוסטריע, פּראָפּעסיעס, עפנטלעכן דינסט אין כדומה, דאָס הייסט
אַ קערפּערשאַפט, וואָס רעפּרעזענטירט פּ וּ נ ק צ י ע ס, און דורך די אויגן
פון אַ צווייטער קערפּערשאַפט, וואָס איז אויסגעקליבן לויט די איינ־
ציקע ערטער, צו פּאַרטרעטן ג ע מ י י נ ד ע ס. פאַר די מיטגלידער פון
דער ערשטער קאָן איטלעכער שטימען לויט זיין פאַך, פאַר דער
לעצטער לויט זיין קרייז אָדער וואוין־אָרט. זיי זייזן אָן, אַז גראָד דאָס
בריטישע לאָרדן־הויז איז פאַקטיש אַ קערפּערשאַפט, וואָס רעפּרע־
זענטירט פונקציעס. אין איר זיינען פאַרגעשטעלט, בלי־ספק ניט פּראָ־
פּאָרציאָנעל, לאַנד־אייגנטום, יוריספּרודענץ, די קירך, אָבער אויך אינ־
דוסטריע, פינאַנסן, די גרויסע עפנטלעכע פונקציעס, קונסט, וויסנ־
שאַפט, מעדיצין פאַרנעמען אַ באַשטימטן אָרט. די בריטישע אונ־

טערשטע פּלאַטע האָט אַ ריין טעריטאָריעלע ישייכות. מען האָט אפילו פאַרגעשלאָגן אין בריטאַניע, אַז עס באַדאַרפן זיין „אַרבעטער־פּערן“, אויסגעקליבן צווישן די לידערס פון די גרויסע אינדוסטריעלע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. אָבער דאָס זיינען חקירות, וואָס גייען אַרויס פון די ראַמען פון אונזער איצטיקן פּלאַן.

די צענטראַלע רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן איז צוערשט געווען זייער אַ שוואַכע קערפּערשאַפט, אַ קאָנגרעס פון פאַרשטייער פון די דרייצן שטאַטן, וואָס איז געוואָרן צוזאַמענגעהאַלטן דורך אייניקע „אַרטיקלען פון דער קאָנפעדעראַציע“. דער דאָזיקער קאָנגרעס איז געווען ווינציק מער ווי אַ קאָנפערענץ פון סוועדענע פאַרשטייער. ער האָט, למשל, ניט געהאַט צו שאַפן איבער דעם אויסוויינקסטן האַנדל פון איטלעכן שטאַט, האָט ניט געקאָנט ניט אַרויסלאָזן געלט אין ניט אַרויפלייגן שטייערן מיט זיין אייגענער מאַכט. אַז דושאָן ערעמס, דער ערשטער מיניסטער פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין ענגלאַנד, איז געקומען פאַרהאַנדלען איבער אַ האַנדלס־אָפּמאַך מיטן ענגלישן אויסערן־מיניסטער, האָט מען ביי אים פאַרלאַנגט דרייצן באַזונדערע פולמאַכטן, צו איינעם פון איטלעכן שייכותדיקן שטאַט. ער האָט געמוזט אָנערקענען, אַז ער איז ניט קאָמפּעטענט צו שליסן בינדנדיקע אָפּמאַכן. האָבן די ענגלענדער באַלד אָנגעהויבן פירן פאַרהאַנדלונגען מיט איטלעכן שטאַט באַזונדער, אויסגעמיטן דעם קאָנגרעס, אין זיי האָבן ווידער פאַרנומען אַ צאָל פונקטן אויף דער אַמעריקאַנער טעריטאָריע אַרום די גרויסע אָזערעס, מחמת דער קאָנגרעס איז ניט געווען בכוח איינצוהאַלטן פאַקטיש די דאָזיקע געגנטן.

אין אַ צווייטן דרינגענדיקן ענין האָט דער קאָנגרעס אויך זיך אַרויסגעוויזן שוואַך. אין מערב־זייט פון די דרייצן שטאַטן האָבן זיך געצויגן לענדער אָן אַ ברעג, וואָס אַהין האָבן זיך איצט געשטופּט קאָלאָניסטן אין אַן אַלץ וואַקסנדיקער צאָל. איטלעכער פון די שטאַטן האָט געהאַט אומבאַגרענעצטע תביעות זיך אויסצושפּרייטן קיין מערב. עס איז געווען באַשיימפּערלעך פאַר איטלעכן קלאָר־ווענדיקן מענטשן, אַז דער צונויפשטויס פון די דאָזיקע פּרעטענזיעס מוז סוף־כּל־סוף פירן צו אַ קריג, סיידן די צענטראַלע רעגירונג וואָלט געקאָנט נעמען אויף זיך צו מאַכן די חלוקה. די שוואַכקייט פון דער צענטראַלער רע־

גירונג, איר אומפעיקייט זיך צו קאָנצענטרירן האָט זיך אַרויסגעוויזן אַזוי אומבאַקוועם און אַזוי געפערלעך, אַז מען האָט שטילערהייט גענומען אונטערשמועסן מכוח אַ מאָנאַרכיע, און נעטעניעל גאָרהעם פון מאַסאַטשוזעטס, דער פרעזידענט פון קאָנגרעס, האָט געלאָזט אַ רעד־טאָן וועגן דעם ענין מיט פרינץ היינריך פון פּרייסן, דעם ברודער פון פרידריך דעם גרויסן.

סוף־כל־סוף איז צונויפגערופן געוואָרן אַ קאָנסטיטוירנדיקע פאַרזאַמלונג אין יאָר 1787 אין פילאַדעלפיע, און דאָרט זיין די איצטיקע קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן .געוואָרן אויסגעאַרבעט אין ברייטע שטריכן. אין די צווישנדיקע יאָרן איז געווען פאָרגעקומען אַ גרויסע אומענדערונג אין די שטימונגען, מען האָט אָנגעהויבן איינזען, אַז עס איז נייטיק איינהייט.

בעת עס זיינען געווען אָנגעצייכנט די אַרטיקלען פון דער קאָנפעדעראַציע, האָבן מענטשן געקלערט וועגן „פאָלק פון ווירדזשיניע”, וועגן „פאָלק פון מאַסאַטשוזעטס”, דעם „פאָלק פון ראָד־אײַלענד” וכדומה; איצט באַווייזט זיך אַ נייער באַגריף: „דאָס פאָלק פון די פאַראייניקטע שטאַטן”. די נייע רעגירונג, וואָס איז איצט געשאַפן געוואָרן, מיטן אויספירנדיקן פרעזידענט, די סענאַטאָרן, קאָנגרעס־לייט און דעם העכסטן געריכט, איז דעקלאַרירט געוואָרן, אַז דאָס איז די רעגירונג פון „פאָלק פון די פאַראייניקטע שטאַטן”. זי איז געווען אַ מינטעז, אַ צונויפגיסונג, און ניט פשוט אַ פאַרזאַמלונג. זי האָט שוין געזאָגט: „מיר דאָס פאָלק”, און ניט „מיר די שטאַטן”, ווי לי פון ווירדזשיניע האָט זיך ביטער באַקלאָגט. זי האָט באַדאַרפט זיין אַ „פעדעראַלע” רעגירונג און ניט אַ רעגירונג פון אַ קאָנפעדעראַציע.

איין שטאַט נאָכן אַנדערן האָבן די דאָזיקע קאָנסטיטוציע ראַטיפיצירט. און אין פרי־יאָר 1788 האָט זיך צונויפגעקליבן אין ניו־יאָרק דער ערשטער קאָנגרעס אויף די נייע יסודות, אונטערן פאָרזיץ פון דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, וואָס איז געווען דער הויפּ־קאָמאַנדיר אין דער צייט פון קריג פאַר דער אומאָפּהענגיקייט. די קאָנסטיטוציע האָט דורכגעמאַכט היפּשע שינויים, און עס איז אויסגעבויט געוואָרן די שטאָט וואַשינגטאָן ביים פּאָטאָמאַק ווי די פעדעראַלע הויפּטשטאָט.

## 6. פרימיטיווע שטריכן אין דער קאנסטיטוציע פון די פאראייניקטע שטאטן.

אין א פריערדיקן קאפיטל האבן מיר געשילדערט די רוימישע רעפובליק און איר געמיש פון מאדערנע שטריכן מיט פינסטערע אבערגלויבנס און פרימיטיווער ווילדקייט, ווי א נעאנדערטאלער מוסטער פאר דער מאדערנער דעמאקראטישער מלוכה. עס וועט קומען א צייט, ווען מענטשן וועלן באטראכטן דעם איפבוי און די מאשינעריי פון דער אמעריקאנישער קאנסטיטוציע ווי א פאליטישן עקוויוואלענט פון די געצייג און מכשירים פון נעאליטישן מענטשן. זיי האבן גוט געדינט פאר זייער צוועק, און אונטער זייער שוץ איז דאס פאלק פון די פאראייניקטע שטאטן אויסגעוואקסן צו איינער פון די גרעסטע, מעכטיקסטע און ציוויליזירטסטע געמיינשאפטן, וואס די וועלט האט ווען עס איז געזען. נאר עס איז ניטא קיין גרונט צו האלטן, אז די אמעריקאנישע קאנסטיטוציע איז מער ענדגילטיק און אומפארענדערלעך, ווי די וויאדוקטן פון דער שטאטישער אייזנבאן, וואס פארשטעלן א סך הורכפארן אין ניו-יארק, אדער דער אויסגעצייכנטער און הימלעכער טיפ פון דער הייזער-ארכיטעקטור, וואס הערשט נאך אין פילאדעלפיע. די דאזיקע זאכן האבן אויך גוט געדינט, זיי האבן זייערע חסרונות און קאנען ווערן אויסגעבעסערט. אין דער מאס ווי עס וואקסט אונזער וויסן און פארשטיין, מוזן אונזערע פאליטישע מכשירים פונקט אזוי כסדר רעווידירט און אויסגעבעסערט ווערן, ווי אונזערע שטובקע און מעכאנישע מכשירים.

זינט די אמעריקאנישע קאנסטיטוציע איז געווארן אויסגעפלאנעוועט, האבן זיך שטארק אנטוויקלט אונזערע באגריפן וועגן געשיכטע און אונזער וויסן פון דער קאלעקטיווער פסיכאלאגיע. מיר הייבן אן צו זען א סך זאכן אין דער פראבלעם פון רעגירונג, וואס די מענטשן פון 18טן יארהונדערט זיינען געווען בלינד בנוגע צו זיי. און ווי דרייסט עס איז אויך געווען זייער אויפטו אין פארגלייך מיט יעטווידער פריערדיקער פאליטישער שאפונג, איז ער דאך ניט דרייסט גענוג לגבי דער פראבלעם וועגן דער נייטיקייט איינצושטעלן אויף דער ערד א ציוויליזירטע ווילנס-געמיינשאפט, ווי מיר שטעלן זיך דאס איצט פאר.

זיי האבן געהאלטן א סך זאכן פאר געוויס, וואס מיר ווייסן איצט, אז זיי באדארפן נאך גענוי אויסגעפארשט ווערן וויסנשאפטלעך, בכדי מיר זאלן קאנען קומען וועגן זיי צו באשטימטע מסקנות. זיי האבן געמיינט, אז עס איז גענוג צו גרינדן שולן און קאלעדזשעס, גאראנטירן מיט ערד אויף אויסצוהאלטן זיי, און דערנאך קאן מען זיי איבערלאזן אויף זייער אייגענעם באראט. אבער בילדונג איז ניט א ביימל, וואס קאן וואקסן אויף איטלעכן גרונט, דאס איז א זאט און איידל געוויקס, וואס קאן גרינג פארווילדערט ווערן און דעגענערירן. מיר ווייסן ביי היינטיקן טאג, אז די אפגעשטאנענקייט פון די אוניווערסיטעטן און פון דער בילדונגס-מאשינעריע איז געגליכן צו אן אפגעשטאנענקייט אין דער אנטוויקלונג פון מוח און נערוון, וואס פארהאלט דעם וואוקס פון גאנצן סאציאלן קערפער. לויט דעם מאסשטאב פון אייראפע, לויט דעם מאסשטאב פון וואסער עס איז מלוכה, וואס האט עקסיסטירט ביז איצט, איז דער שטאנד פון אלגעמיינער בילדונג אין אמעריקע הויך, אבער לויט דעם מאסשטאב ווי אמעריקע וואלט באדארפט זיין, איז זי אן אומגעבילדעט לאנד. און יענע כאטערס פון אמעריקע האבן געמיינט, אז ס'איז גענוג ווען זיי וועלן לאזן די פרעסע פריי, וועט שוין איטלעכער לעבן אין ליכטיקייט. זיי האבן ניט איינגעזען, אז א פרייע פרעסע קאן אנטוויקלען א מין לעגאלע פארקויפלעכקייט אדאנק אירע באצוינגען צו אנאנסן-געבערס, און אז באלעבאטים פון גרויסע צייטונגען קאנען ווערן כאנדיטן פון דער עפנטלעכער מיינונג און אונטערברענגערס פון יעדער גוטער התחלה. און די באשאפער פון אמעריקע האבן, צוליעצט ניט געוואוסט, וואס פאר א קונצן עס שטעקן אין דעם אפשטים-אפאראט. די גאנצע וויסנשאפט פון וואלן איז געווען אויף יענער זייט פון זייער זע-קרייז, זיי האבן גארנישט ניט געוואוסט וועגן דעם, ווי אזוי מען דארף פארהיטן, אז וואלן זאלן ניט ווערן „געמאכט“ דורך ספעציאליזירטע ארגאניזאציעס, אין די רויע און ניט-בויגעוודיקע מעטאדעס, וואס זיי האבן אנגעווענדט, האבן איבערגעענטפערט זייער פאליטישע סיסטעם אין רשות פון די גרויסע פארטיי-מאשינעס, וואס האבן אוועקגערויבט ביי דער אמעריקאנער דעמאקראטיע א העלפט פון איר פרייהייט און דעם גרעסטן טייל פון איר פאליטישער נשמה. פאליטיק איז געווארן א געשעפט, און א זייער מיאוס געשעפט. ערלעכע און בא-

גאַנצע מענטשן זיינען נאָך דעם ערשטן גרויסן פּעריאָד אַוועק פון פּאָליטיק און האָבן זיך גענומען פאַר „ביזנעס“, און אַזוי אַרום איז געפאַלן דער גייסט פון דער מלוכה. פּריוואַטע אונטערנעמונג האָט געוועלטיקט אין אַ סך זאַכן, וואָס זיינען געווען נוגע דעם כּלל, ווייל פּאָליטישע קאָרופּציע האָט געמאַכט אוממעגלעך אַ כּלל־אונטערנעמונג.

נאָר די חסרונות פון דער גרויסער פּאָליטישער סיסטעם, וואָס עס האָבן געשאַפן די אַמעריקאַנער פון רעוואָלוציאָנערן פּעריאָד, האָבן זיך ניט באַוויזן מיט איין מאָל. אין משך פון עטלעכע דורות איז די געשיכטע פון די פאַראייניקטע שטאַטן געווען אַ געשיכטע פון האַסטיקן אויסשפּרייט און פון אַזאַ סכום פרייהייט, היימישן גליק און ענערגישער אַרבעט, וואָס האָבן ניט זייער גלייכן אין דער וועלטגעשיכטע. די געשיכטע פון אַמעריקע פאַר די לעצטע אַנדערהאַלב הונדערט יאָר איז, ניט געקוקט אויף אַ סך אָפּקערן פון אמתער גלייכהייט, ניט געקוקט אויף אַ סך רויקייט אין אַ סך פעלערן, פונדעסטוועגן אַזאַ ליכטיקע און אַזאַ כּבודיקע געשיכטע ווי פון וואָסער עס איז אַנדער פאָלק פון אונזער צייט.

אין דעם דאָזיקן קורצן באַריכט וועגן דער שאַפונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע האָבן מיר געקענט נאָר דערמאָנען עטלעכע נעמען פון דער גרופּע גרויסע מענטשן, וואָס האָבן געשאַפן דעם דאָזיקן נייעם אָפּשנייד אין דער מענטשלעכער געשיכטע. מיר האָבן זיי אָנגערופן ביי אַ געלעגנהייט אָדער מיר האָבן גאָרניט אָנגערופן אַזעלכע מענער ווי טאָמאַס פּיין, בענדזשאַמין פראַנקלין, פּאַטריק הענרי, טאָמאַס דזשעפערסאָן, די שוועסטערקינדער אַדעמס, מעדיסאָן אַלכּסנדר העמילטאָן און דזשאָרדזש וואַשינגטאָן. עס איז שווער צו מעסטן די מענטשן פון זיין געשיכטלעכן פּעריאָד מיט דער מאָס פון אַ צווייטן פּעריאָד. טייל שרייבערס, אַפילו אַמעריקאַנער שרייבערס, געבלענדט דורך דעם געקינצלטן גלאַנץ פון די אייראָפּעישע הויפן און דורך דער פאַלשער גדולה און צעשטערערישער גבורה פון אַ פרידריך דעם גרויסן אָדער קאַטערינע דער גרויסער, מאַכן דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן זיך געשעמט מיט אָט דער אַ ביסל וואַכעדיקער העלדישקייט פון די באַשעפער פון אַמעריקע. זיי פילן, אַז

בענדזשאַמין פראַנקלין, מיט זיינע לאַנגע האָר, מיט זיינע פשוטע בגדים און מיט זיינע נאַטירלעכע מאַנירן האָט בײַם הויף פון לודוויג XVI אויסגעזען ווי אַ קנאַפּער אַריסטאָקראַט. נאָר אַז מען נעמט אַראָפּ דעם פּוץ און מען דערגייט צו די פּערזענלעכקייטן, איז לודוויג XVI געווען קוים גענוג פאַרשטאַנדיק אָדער איידל-געשטימט,



מאַריע אַנטואַנעט, קיניגין פון פראַנקרייך, די פרוי פון לודוויג XVI. לויט אַ געמעל אין ווערסאַיל.

אַז ער זאָל זיין ראוי צו זיין פראַנקלינס אַ משרת. אויב מענטשלעכע גרויסקייט איז אַן ענין פון גלאַץ און מאַכט, דעמאָלט איז אַלכּסנדר דער גרויסער געווים דער שפּיץ פון מענטשלעכער גרויסקייט. אָבער צי איז דען ניט אַ גרויסער מענטש גראָד יענער, וואָס אין אַ גרויסער פּאָזיציע אָדער אינמיטן גרויסע געלעגנהייטן — אין גרויסע פעיִקייטן זיינען

דאָך אויך ניט מער ווי גרויסע געלעגנהייטן — טוט ער דינען גאָט און זיינע מיטמענטשן מיט אַן עניוותדיקן געמיט? און גאָר אַ גרויסע צאָל פון די דאָזיקע אַמעריקאַנער פון דער רעוואָלוציאָנערער צייט האָבן קענטיק אַרויסגעוויזן אַ סך ניט־פּאַראינטערעסירטקייט און איבערגעגעבנקייט. זיי זיינען געווען באַגרענעצטע מענטשן, זיי האָבן געקאָכט האָבן אַ טעות, אָבער אין גרויסן און גאַנצן האָבן זיי, ווייזט אויס, געזאָרגט מער וועגן דער טובה פון דער רעפּובליק, וואָס זיי האָבן געשאַפן, איידער פאַר זייערע אייגענע צילן אָדער פאַר זייער פּערזענלעכן כבוד. מען מוז מודה זיין, אַז זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט נשמה־גרויסקייט.

אמת, זיי זיינען געווען באַגרענעצט אין וויסן און אויסקוק; זיי זיינען געווען באַגרענעצט דורך די גרענעצן פון זייער צייט. זיי זיינען געווען, פּונקט ווי מיר אַלע, מענטשן מיט געמישטע מאָטיוון: עס זיינען אויפגעקומען אין זייער נשמה גוטע אימפּולסן, גרויסע אידעען זיינען אַרויסגעשאָסן ביי זיי, אָבער זיי האָבן אויך געקאָנט זיין בעל־מקנאס, פויל, פאַרעקשנט, להוט נאָך געלט, בעל־תאוות. ווען מען זאָל דאַרפן שרייבן אַן אמתע, פולע און באַזונדערע געשיכטע פון דעם, ווי אַזוי די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען געוואָרן געשאַפן, וואָלט מען זי באַדאַרפט שרייבן מיט ליבהאַרציקייט און אין אַ הייכן גייסט פון אַ גלענצנדיקער קאָמעדיע, וואָס שטייגט־אויף צו די איידעלסטע צילן. און אין קיין אַנדער זאַך איז די רייכע, געדריטע מענטשלעכקייט פון דער אַמעריקאַנער געשיכטע אַזוי בולט ניט אַרויסצוזען ווי אין פּרט פון שקלאַפעריי. שקלאַפעריי, וואָס האָט אַ שייכות צו דער אַלגעמיינער פראַגע פון אַרבעט, ווייזט צום בעסטן די דאָזיקע נייע נשמה אין דער וועלט־געשיכטע, די אַמעריקאַנישע נשמה.

שקלאַפעריי האָט זיך אָנגעהויבן זייער פרי אין דער אייראָפּעישער געשיכטע פון אַמעריקע, און קיין איין אייראָפּעיש פאָלק וואָס איז געקומען קיין אַמעריקע קאָן ניט ווערן באַטראַכט פאַר לחלוטין אומשולדיק אין דעם פּרט. אין דער צייט ווען מען איז זיך נאָך נוהג אין אייראָפּע אַרויפצוּוואַרפן אַלע מיני מאָראַלישע פּסלנות אויף די דייטשן, איז כדאי צו באַמערקן, אַז די דייטשן זיינען בנוגע צו שקלאַפעריי אין אַמעריקע אָנגעצייכנט צום פיינסטן. כמעט די ערשטע

ארויסגעזאָגטע פּראָטעסטן קעגן דער שקלאַפערײַ פון די נעגערס שטאַמען פון דײַטשע קאָלאָניסטן אין פּענסילווייניע. נאָר דער דײַטשער קאָלאָניסט האָט געאַרבעט מיט פרייע אַרבעטער אין אַ געמעסיקטער געגנט ווייט אין צפון-זייט פון דעם פּלאַנטאַציע-פּאַס; האָט ער טאַקע ניט געהאַט אויסצושטיין קיין ערנסטן נסיון אין דעם פּרט.

די אַמעריקאַנער שקלאַפערײַ האָט זיך אָנגעהויבן מיט פאַר-שקלאַפן אינדיאַנער צוליב אַרבעטן אין מעטאַל-גרובן און אויף פּלאַנטאַציעס. אין עס איז טשיקאַוו צו באַמערקן, אַז גראַד אַ באמת גוטער און הומאַנער מענטש, לאַס קאַזאַס, האָט אויפגעגעבן דעם געדאַנק, מען זאָל אַרײַנבּרענגען נעגערס קיין אַמעריקע, בּכדי צו באַ-פרייען די געפּײַניקטע אינדיאַנער, וואָס ער האָט זיי געוואָלט באַשיצן. מען האָט געמוזט האָבן אַרבעטער אויף די פּלאַנטאַציעס פון די מערב-אינדישע אינזלען און פון דרום. אַז מען האָט אײַנגעזען, אַז די אינדיאַנישע געפאַנגענע טויגן ניט צו דער אַרבעט, האָבן די פּלאַנ-טאַטאָרס זיך געווענדט נאָך אַרבעטער ניט נאָר צו די נעגערס, נייערט אויך צו די טורמעס און די אָרעם-הײַזער פון אייראָפּע. דער וואָס לייענט דעפאָס Moll Flanders, קאָן דערגיין, ווי אַזוי דאָס גע-שעפט פון ווײַסער שקלאַפערײַ אין ווירדזשיניע האָט אויסגעזען אין די אויגן פון אַן אינטעליגענטן ענגלענדער אָנהייב 18טער יאָרהונ-דערט. נאָר די נעגערס זײַנען געקומען פרי. אין דעם זעלביקן יאָר (1620), ווען די ערשטע פּוריטאַנער זײַנען אַראָפּ אויפן ברעג בײַ פּלימוט אין ניי-ענגלאַנד, האָט אַ האָלענדישע שיף אויסגעלאָדן די ערשטע שיף-לאָדונג נעגערס אין דזשיימסטאַון אין ווירדזשיניע. נעגער-שקלאַפערײַ איז געווען אַזוי אַלט ווי ניי-ענגלאַנד; זי איז געווען אַן אַמעריקאַנער אינסטיטוציע העכער אָנדערהאַלבן הונדערט יאָר פאַר דער מלחמה פאַר אומאָפּהענגיקייט. מען האָט געמוזט קעמפן קעגן איר כמעט נאָך אַ יאָרהונדערט.

נאָר דאָס געוויסן פון דענקענדיקע מענטשן אין די קאָלאָניעס איז קיין מאָל ניט געווען רויִק אין דעם פּרט, און איינע פון די באַ-שולדיקונגען פון טאָמאַס דזשעפערסאָן קעגן דער קרוין און די

לאָרדן פון גרויס-בריטאַניע איז געווען, וואָס איטלעכער פּרווו מצד די קאָלאָניעס אויסצופּעסערן אָדער צו באַגרענעצן די שקלאַפן-אַרבעט איז געוואָרן געשטערט דורך די גרויס-אײַגנטום-אינטערעסן פון מוטערלאַנד. אין יאָר 1776 האָט לאָרד דאַרטמוט געשריבן, אַז מען טאָר די קאָלאָניסטן ניט דערלויבן „צו שטערן אָדער צו פאַרקלענערן אַ האַנדל, וואָס ברענגט אַזוי פיל נוצן דער נאַציע". אין דער מאָראַלישער און אינטעלעקטועלער יוירונג פון דער רעוואָלוציע איז די פראַגע פון דער נעגער-שקלאַפעריי באַלד אַרײַן אין פאָרדערגרונט פון עפנטלעכן באַוואוסטזײַן. דער קאָנטראַסט אין דער ווידעראַנאַנד האָבן געשטאָכן די אויגן. „אַלע מענטשן זײַנען לויט דער נאַטור פרײַ און גלײַך", האָט געזאָגט די דעקלאַראַציע פון רעכט אין ווירדזשיניע, — און דרויסן אין דער ברענענדיקער זון האָט, אונטערן בײַטש פון אויפזעער, געהאָרעוועט דער נעגער-שקלאַף.

אַז די דאָזיקע פראַגע האָט געקאָנט שטיין פאַר מענטשן מיט האַרץ, איז אַ סימן, אַז זינט די רוימישע אימפּעריע סיסטעם איז צעפאַלן געוואָרן אונטער דעם דראַנג פון די באַרבאַרן, איז פאָרגעקומען אַ גרויסע פאַרענדערונג אין די מענטשלעכע אידעעס. די אַרבעטס-תנאים אין דער אינדוסטריע און אויף די פעלדער האָבן אַ צייט לאַנג געשטערט דעם צוריקקער פון מאַסן-שקלאַפעריי. נאָר איצט האָט די ראָד זיך געדרייט ווידער איבערגעדרייט, און די אָרעמלעכע און רעגירנדיקע קלאַסן האָבן געקאָנט ווידער אַמאָל אַרויסציִען גרויסע נוצן פון אויפלעבן די דאָזיקע אַלטע אינסטיטוציע אין מעטאַל-גרובן, אויף פּלאַנטאַציעס, בײַ גרויסע עפנטלעכע אַרבעטן. האָט די שקלאַפעריי ווידער אויפגעלעבט — אָבער עס איז געווען שטענדיק אַ גרויסע אָפּאָזיציע קעגן איר. זינט דעם אָנהייב אָן פון דער אויפלעבונג זײַנען געווען פּראָטעסטן און זיי זײַנען געוואַקסן. די אויפלעבונג פון שקלאַפעריי איז געווען קעגן דעם געוויסן פון דער מענטשהייט.

אין געוויסע פּרטים איז די נײַע שקלאַפעריי געווען ערגער ווי וואָס עס איז אין דער אַלטער וועלט. באַזונדערס שרעקלעך זײַנען געווען די מלחמות און די שקלאַפן-געיעגן, וואָס זײַנען געוואָרן פּראָוואָצירט דורך דעם שקלאַפן-האַנדל, און די אַכזריותדיקע מעשים בעת דער נסיעה איבערן אַטלאַנטיק. מען פלעגט די אָרעמע באַשעפעניש

אַריינפּאַקן אין די שיפן אָפּטמאָל אָן גענוג שפּייז און וואַסער, אָן סאַניטאַרישער ריינקייט, אָן מעדיצינישער הילף. אַ סך מענטשן, וואָס האָבן געקאָנט אַריבערטראָגן די שקלאַפעריי אויף די פּלאַנטאַציעס, האָבן אָבער דעם שקלאַפן־האַנדל ניט געקאָנט פאַרדייען. דריי אייראָפּעישע פעלקער זיינען געווען דער עיקר פאַרמישט אין אָט דעם פינסטערן עסק: בריטאַניע, שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, וואָרעם זיי זיינען געווען די הויפּט־באַלעבאַטים פון די נייע לענדער אין אַמעריקע. דאָס וואָס די איבעריקע אייראָפּעישע מלוכות זיינען לפי־ערך אומשולדיק, קאָן ווערן דערקלערט דער עיקר דערמיט, וואָס פאַר זיי איז דער נסיון געווען אַ קלענערער. זיי זיינען געווען ענלעכע געמיינשאַפטן; וואָלטן די אומשטאַנדן געווען די זעלביקע, וואָלטן זיי זיך געהאַט פאַרהאַלטן ענלעך.

אין משך פון גאַנצן מיטלסטן טייל פון 18טן יאָרהונדערט איז געווען אַן אַקטיווע אַגיטאַציע קעגן דער נעגער־שקלאַפעריי סיי אין גרויס־בריטאַניע סיי אין די פאַראייניקטע שטאַטן. מען שאַצט, אַז אין יאָר 1770 זיינען געווען 15.000 שקלאַפן אין בריטאַניע, על־פי רוב האָבן זייערע באַלעבאַטים זיי אַריבערגעבראַכט פון מערב־אינדיע און ווירדזשיניע. אין יאָר 1771 איז דער ענין געקומען אין בריטאַניע צו אַן ענדגילטיקן פּרוּוו פאַר לאָרד מאַנספילד. אַ נעגער מיטן נאָמען דזשיימס סאָמערסעט איז געוואָרן געבראַכט קיין ענגלאַנד פון ווירדזשיניע דורך זיין באַלעבאָס. ער איז אַנטלאָפן געוואָרן, און מען האָט אים געכאַפּט און איבערגעוואַלד אַרויפגעזעצט אויף אַ שיף, כדי אים אַוועקצופירן צוריק קיין ווירדזשיניע. נאָר עס האָבן זיך געפונען מענטשן, וואָס האָבן אים פון שיף אַראָפּגענומען אויפן סמך פון געזעץ פון דער אומבאַרירלעכקייט פון פּערזאָן. לאָרד מאַנספילד האָט דערקלערט, אַז שקלאַפעריי איז אַ צושטאַנד, וואָס איז אין ענגלישן געזעץ ניט באַוואוסט, אַ „דערווידערדיקער" צושטאַנד; און סאָמערסעט איז אַרויס פון געריכט אַ פרייער מאַן.

די מאַסאַטשוזעטסער קאָנסטיטוציע פון יאָר 1780 האָט דערקלערט, אַז „אַלע מענטשן זיינען געבאָרן פריי און גלייך". איינער אַ נעגער, קוועקאָ, האָט דאָס געוואָלט אויספּרוּוון אין יאָר 1783, און אין יענעם יאָר האָט די ערד פון מאַסאַטשוזעטס, פּונקט ווי די ערד פון

בריטאניע, ניט געקאנט מער דערטראגן קײן שקלאפערײ; ווער עס האט נאר ארויפגעטראטן אויף דער מאסאטשוזעטסער ערד, איז תיכף געווארן פרײ. אין יענער צײט האט קײן צווײטער שטאט פון אמעריקע ניט נאכגעטאן דעם דאזיקן בײשפיל. לויט דער פאלקס-צײלונג פון 1790 האט נאר אין מאסאטשוזעטס, דער אײנציקער צווישן אלע שטאטן, געענטפערט: „קײן שקלאפן ניטא“.

דער שטאנד פון די מײנונגען אין ווירדזשיניע איז כאראקטעריסטיש, ווארעם ער ווארפט א שײן אויף די באזונדערע שוועריקײטן פון די דרומדיקע שטאטן. די גרויסע ווירדזשיניער מלוכה-מענער, אזעלכע ווי דזשעפערסאן און וואשינגטאן, האבן די אינסטיטוציע פארמשפט, נאר היות ווי עס איז ניט געווען קײן אנדער פארם פון שטוביקער באדינונג, האט וואשינגטאן געהאלטן שקלאפן. אין ווירדזשיניע איז געווען א שטארקע פארטײ, וואס איז געווען פאר דער עמאנסיפאציע פון די שקלאפן; נאר זײ האבן פארלאנגט, אז די באפרײטע שקלאפן זאלן אין משך פון א יאר צײט פארלאזן דעם שטאט אדער זײ זאלן ווערן ארויסגעשיקט. זײ האבן נאטירלעך מורא געהאט פאר דער מעגלעכקײט, עס זאל ניט אויפקומען אין ווירדזשיניע א פאראלעלע געמײנשאפט פון פרײע שווארצע בארבארן, וואס א סך פון זײ זײנען געווען געבארן נאך אין אפריקע און געשטאנען אין חשד פון מענטשן-פרעסערײ און פון באהאלטענע שרעקלעכע רעליגיעזע צערעמאניעס. ווען מיר נעמען אין אכט אט דעם שטאנדפונקט, דעמאלט קאנען מיר פארשטײן, פארוואס זײנען א גרויסע צאל ווירדזשיניער נוטה געווען צו האלטן די שווארצע אין לאנד אונטער קאנטראל ווי שקלאפן, און אין דער זעלביקער צײט זײנען זײ געווען שטארק קעגן שקלאפן-האנדל און קעגן דעם, מען זאל צו זײ ארײנפירן פרישע שקלאפן פון אפריקע. מען האט געהאלטן, אז די פרײע נעגערס האבן גרינג געקאנט ווערן שעדלעך. אויך דער פרײער שטאט מאסאטשוזעטס האט אײניקן געשלאסן פאר זײ זײנע גרענעצן.

די פראגע פון שקלאפערײ, וואס אין דער אלטער וועלט איז דאס געווען געווײנטלעך א פראגע פון א צושטאנד צווישן פערזאן פון קרובישע ראסעס, איז אין אמעריקע צונויפגעמישט געווארן מיט דער טיפערער פראגע וועגן דער פארהעלטעניש צווישן צווײ ראסעס אויף

די צוויי עקן פון מין מענטש און צווישן די צום מייסט היפוכדיקע טיפן פון טראַדיציע און קולטור. אויב דער שוואַרצער מאַן וואָלט געווען ווייס, איז גאָר קיין ספק ניטאָ, אַז אין משך פון איין דור נאָך דער דעקלאַראַציע פון דער אומאָפּהענגיקייט וואָלט די נעגער-שקלאַפערײַ אין די פאַראייניקטע שטאַטן פאַרשוואונדן פּשוט ווי אַ נאַטירלעכע מסקנא פון די הנחות פון דער דאָזיקער דעקלאַראַציע.

---

## 7. רעוואָלוציאָנערע אידעעס אין פראַנקרייך.

מיר האָבן דערציילט וועגן דעם קריג פאַר אומאָפּהענגיקייט און וועגן דעם ערשטן אָפּרײַס פון דער סיסטעם פון אייראָפּעישע מאָנאַרכיעס און אויסערן-מיניסטעריומס, ווי דעם אָפּזאָג מצד אַ נײַער געמיינשאַפט אָנצונעמען די מאַקיאַוועלישע מלוכה-קונסט ווי אַ פירנדיקע פאָרם אין די מענטשלעכע ענינים. עס איז אַוועק אַ קנאַפּער יאָרצענדליק, איז געקומען אַ צווייטער און אַ סך מער באַטייטפולער אויפשטאַנד קעגן דער משונהדיקער שפּיל אין גרויס-מלוכות מיט דעם פּלאָנטער פון די קיניגלעכע הויפן און פּאָליטיק-מאַכערײַ, וואָס האָט געהאַט פאַרכאַפּט אייראָפּע. נאָר דאָס מאָל איז דאָס ניט געווען קיין אָפּרײַס פון די ראַנדן. דער דאָזיקער צווייטער אויפשטאַנד איז פאָרגעקומען אין פראַנקרייך, דער נעסט און היים פון דער גרויס-מאָנאַרכיע, אין האַרץ און צענטער פון אייראָפּע. און להיפּוך צו די אַמעריקאַנער קאָלאָניסטן, וואָס האָבן נאָר אָפּגעזאָגט זיך פון אַ קיניג, האָבן די פראַנצויזן, לויטן בײַשפּיל פון דער ענגלישער רעוואָלוציע, דעם קיניג געקעפּט.

פּונקט ווי בײַ דער ענגלישער רעוואָלוציע און פּונקט ווי בײַ דער רעוואָלוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן, קאָן מען געפינען די סיבות פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אין די נאַרישע אַמביציעס פון דער מאָנאַרכיע. די פּלענער וועגן פאַרכאַפּן נײַע טעריטאָריעס, די צילן און שטרעבן פון גרויסן מאָנאַרך האָבן געפאָדערט אין גאַנץ אייראָפּע גרויסע הוצאות אויף קריג-פירן, אַזעלכע, וואָס די שטײַערן אין יענער תקופה זײַנען ניט געווען אין שטאַנד

זיי צו דעקן. און אַפילו דער גלאַנץ פון דער מאָנאַרכיע האָט גע=
קאָנט מיראַדיק טייער, אין פאַרגלייך מיט דער פּראָדוקטיוויטעט פון
יענער צייט. אין פראַנקרייך איז, פונקט ווי אין ענגלאַנד און אין
אַמעריקע, איבערגעקומען דער ערשטער ווידערשטאַנד ניט אַנט=
קעגן דעם מאָנאַרך ווי אַזעלכן און קעגן זיין אויסווייניקסטער פּאָ=
ליטיק ווי אַזעלכער, און אויך ניט מיט אַ וואַסער קלאָרן באַוואוסט,
אַז דאָס זיינען די וואָרצלען פון אַלע צרות, נאָר די פּראָטעסטן



דער פראַנצויזישער קיניג לודוויג XVI. לויט אַ געמעל פון דיפּלעסי
אין ווערסאַיל.

האָבן זיך גענומען פשוט פון די צרות און התקנות אין פּריוואַטן
לעבן, וואָס די שטייערן האָבן געבראַכט. פראַנקרייך האָט מסתמא
איינגעטראָגן אַ סך ווייניקער פון שטייערן, ווי ענגלאַנד, מיט די
גייסטלעכקייט און דער אַדל זיינען געווען באַפרייט פון צאָלן. נאָר
די משא, וואָס איז געלעגן אויף דער פאָלקס=מאַסע, איז געווען
שווערער. דאָס האָט געמאַכט די איבערשטע קלאַסן פאַר=
בינדעטע פון קיניגלעכן הויף; אַנשטאָט פאַר קעגנער פון הויף, ווי
דאָס איז געווען אין ענגלאַנד, און מחמת דעם האָט דער פּריוויל=

פון חורבן זיך געצויגן לענגער. דערפאר אבער אז עס איז סוף־כל־סוף געקומען דער איבערייס־מאמענט, איז דער קלאפ געווען א שטארקערער און די צעשטערונג א גרעסערע.

בעת די יארן פון דעם אמעריקאנער קריג פאר אומאפהענגיקייט זיינען געווען ווינציק סימנים אויף דער סכנה פון אן איבערייס אין פראנקרייך. עס איז געווען א סך ארעמקייט און עלנט צווישן די נידעריקע קלאסן, געווען א סך קריטיק און סאטירע, א סך ארויסגעזאגטע ליבעראלע געדאנקען, אבער עס זיינען געווען ווינציק אנווייזן דערפאר, אז אט־די גאנצע סיסטעם, מיט אירע מנהגים און געוויינהייטן, מיט אירע היימישע קריגערייען קאן זיך ניט האלטן מי יודע וויפיל צייט. די דאזיקע געזעלשאפט האט פארנוצט א סך מער, ווי זי איז געווען אין שטאנד צו פראדוצירן, אבער דערווייל האבן נאר די שטומע, אונטערשטע קלאסן געשפירט דעם קוועטש. דער היסטאריקער גיבאן האט פראנקרייך גוט געקענט; פאריז איז אים געווען פונקט אזוי היימיש ווי לאנדאן. נאר אין דעם פראגמענט זיינעם, וואס מיר האבן אויבן געבראכט, קאן מען אפילו דעם מינדסטן רמז ניט געפינען דערפאר, אז די טעג פון סאציאלן איבערבראך זיינען אזוי נאענט. אן ספק, די וועלט איז געווען פול און פיל מיט נארישקייטן און אומגערעכטיקייט, אבער פונדעסטוועגן, פון שטאנדפונקט פון א געלערנטן און פון א דזשענטלמען, האט זיך נאך גאנץ גוט געלאזט לעבן, און אלץ האט אויסגעזען נאך גאנץ פיין זיכער.

אין פראנקרייך פון יענער צייט איז געווען א סך ליבעראלע רייד און געדאנק און געפיל. אין איין צייט מיט דזשאן לאק אין ענגלאנד און א ביסל שפעטער פאר אים האט מאנטעסקיע (1689—1755) אין פראנקרייך הערגעפירט אן אונטערזוך און אנאליז פון די סאציאלע, פאליטישע און רעליגיעזע אינסטיטוציעס, באזונדערס אין זיין ווערק Esprit des Lois (דער גייסט פון די געזעצן). ער האט אראפגעריסן דעם מאגישן פרעסטיזש פון דער אבסאלוטיסטישער מאנארכיע אין פראנקרייך. אים קומט דער לויב צוזאמען מיט לאקן, וואס ער האט געהאלפן אויפקלערן און מבטל זיין א סך פאלשע פארשטעלונגען, וואס האבן ביז דעמאלט גע־

שטערט צו מאכן מיושבדיקע און באוואוסטזיניקע פרוון איבערצו־ בויען די מענטשלעכע געזעלשאפט. עס איז ניט געווען זיין שולד, אויב צוערשט זיינען אויפן פוסטן פלאץ אויפגעשטעלט געוואָרן ביז גאר שוואכע בײדלעך, וואס האבן קיין האלט ניט געהאט. דער דור, וואס איז געקומען נאך אים אין די מיטלסטע און לעצטע יארצענדליקער פון 18טן יארהונדערט, האבן דריסט זיך געחקירהט מכוח די מאראלישע און אינטעלעקטועלע אויפקלערונגען, וואס ער האט געמאכט. א גרופע גלענצנדיקע שרייבערס, די „ענציקלאפע־ דיסטן", על־פי רוב רעוואלוציאנערע גייסטער, אויסגעבילדעט אין די אויסגעצייכנטע שולן פון די יעזואיטן, האבן זיך פארגענומען אונטערן אנפיר פון דידרא, אויסצואַרבעטן, אין א גרויסע ווערק, דעם פלאן פאר א נייער וועלט (1766). דער גרויסער שם פון די ענציקלא־ פעדיסטן, זאגט Mallet, שטאמט „פון זייער שנאה צו אומגע־ רעכטיקייט, פון זייערע פראטעסטן קעגן שקלאפן־האנדל, קעגן דער אומגערעכטיקייט פון באשטייערונג, קעגן דער קארופציע פון גע־ ריכט, קעגן די צעשטערערישע מלחמות, פון זייערע חלומות וועגן א סאציאלן פראגרעס, פון זייער סימפאטיע פאר דער אויפשטייגנדי־ קער מלוכה פון דער אינדוסטריע, וואס האט אנגעהויבן איבערצו־ מאכן די וועלט". זייער הויפט־טעות איז קענטיק באשטאנען אין זייער שנאה צו רעליגיע. זיי האבן געגלויבט, אז דער מענטש איז פון נאטור אויס גערעכט און פעיק צו שאפן א גערעכטע גע־ זעלשאפט. אין דער אמתן אבער ווערט דעם מענטשנס אימפולס זיך צו שטעלן אין דינסט פון כלל און צו פארגעסן זיין אייגע־ נעם עגאיזם געוויינטלעך אנטוויקלט דורך א דערציונג, וואס איז אין עצם רעליגיעז, און ווערט אויפגעהאלטן נאר אין אן אטמאספערע פון ערלעכער צוזאמענארבעט. א מענטשלעכע איניציאטיוו, וואס איז ניט צונויפגעבונדן מיטן כלל, ברענגט נאר צו א סאציאלן כאאס.

לעבן די ענציקלאפעדיסטן זיינען געווען די עקאנאמיסטן אדער פיזיאקראטן, וואס האבן געמאכט דרייסטע אויספארשונגען וועגן דער פראדוקציע און פונאנדערטיילונג פון שפייז און רייכטום. מא ראלי, דער מחבר פון דעם ווערק Code de la Nature (געזעץ־בוך פון דער נאטור), איז אנגעפאלן אויף דער אינסטיטוציע פון פריי־

וואַט-אייגנטום און האָט פאָרגעלייגט אַ קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט. ער איז געווען דער פאָרגייער פון יענער גרויסער און פאַרשיידנאַרטיקער שולע קאָלעקטיוויסטישע דענקערס אין 19טן יאָרהונדערט, וואָס ווערן אַלע צונויפגענומען אונטער דעם נאָמען סאָציאַליסטן.

סיי די ענציקלאָפּעדיסטן און סיי די פאַרשיידענע עקאָנאָמיסטן און פיזיאָקראַטן האָבן געפאָדערט פון זייערע תּלמידים אַ היפּשע אַרבעט פון קלערן און טראַכטן. גרינגער און פּאָפּולערער איז געווען רוסאָ (1712—78). ער האָט אַרויסגעוויזן אַ טשיקאַווע מישונג פון לאָגישער שטרענגקייט און סענטימענטאַלן ענטוזיאַזם. ער האָט געלערנט, אַז דער מענטש איז אין זיין פּרימיטיוון צושטאַנד געווען אי מאָראַליש אי גליקלעך, און נאָר די כּוהנים, די מלכים, געזעצגעבערס וכדומה האָבן די מענטשהייט אויף אַן אומדערקלערלעכן אופן אַראָפּגעפירט פון וועג. רוסאָס אינטעלעקטועלע השפּעה איז אין גרויסן און גאַנצן געווען דעמאָראַליזירנדיק. ער איז אַרויסגעטראָטן ניט נאָר קעגן דעם איצטיקן סאָציאַלן מעכאַניזם, נאָר בכלל קעגן יעטווידער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע. בעת ער האָט געשריבן זיין „געזעלשאַפטלעכן אָפּמאַך“, האָט דאָס געהאַט דעם פּנים גיכער, ווי ער וויל פאַרענטפערן דאָס ברעכן דעם אָפּמאַך, איידער אויפמונטערן צו האַלטן אים. דער מענטש איז אַזוי ווייט פון שלימות, אַז אַ שרייבער, וואָס האַלט אונטער בפירוש דעם טעות, אַז אָט דער יצר-הרע אונזערער, וואָס קעגן אים מוזן מיר שטענדיק קעמפן, כּדי איבער גובר צו זיין, — אונזער טבע ניט צו וועלן טראָגן קיין חובות אויף זיך, שלעכט אויפפירן זיך אין סעקסועלן זין און אויסמיידן די האָרעוואַניע און די אָנשטרענגונג: אויף דערציען זיך אַליין און אַנדערע, — איז נאָך אַלעמען ניט קיין זינדיקייט, נייערט דער אמתער אַרויסווייז פון דער מענטשלעכער נאַטור, — אַ שרייבער מיט אַזעלכן געדאַנקען האָט געמוזט געפינען אַ סך אַנהענגער אין אַלע קלאַסן, וואָס האָבן אים נאָר געקאַנט לייענען. רוסאָס שם האָט אויך מיטגעהאָלפן אַ סך צו פּאָפּולאַריזירן אַ סענטימענטאַלע און דעקלאַמאַטאָרישע מעטאָדע צו באַהאַנדלען סאָציאַלע און פּאָליטישע פּראָבלעמעס.

מיר האָבן שוין באַמערקט, אַז ביז אהער האָט נאָך קיין איין מענטשלעכע געמיינשאַפט ניט אָנגעהויבן צו האַנדלען לויט אַ טעאָריע. עס האָט געמוזט זיין עפּעס אַן איינבראָך, און מענטשן האָבן געמוזט זוכן אַ פירונג, בכדי די טעאָריע זאָל קומען צו איר רעכט. ביז צום יאָר 1788 האָט די רעפּובליקאַנישע און אַנאַרכיסטישע גערעדעריי און געשרייבעריי פון די פראַנצויזישע דענקערס געמוזט אויסדאַכטן, ווי פּוסטע דיבורים און פּאָליטיש ניט ווירקזאַמע חלומות, פּונקט אַזוי ווי דער עקסטעטישער סאָציאַליזם פון וויליאַם מאָריס אין ענגלאַנד צום סוף 19טן יאָרהונדערט. עס האָט אויסגעוויזן, אַז די סאָציאַלע און פּאָליטישע סיסטעם שטייט בעסער, און קיין זאַך קאָן זי ניט רירן. דער פראַנצויזישער קיניג איז זיך געגאַנגען אויף געיעג און האָט זיך געבראַוועט זיינע זייגערס, דער הויף און די מאָדע-וועלט האָבן זיך געיאָגט נאָך זייערע פאַרגעניגנס, די פינאַנסיסטן האָבן געקראָגן אַלץ גרעסערע אַפּעטיטן הינטער אויסברייטערן קרעדיט, די געזעצגעבער האָבן אומגעלומפּערט נאָר מיטגעטאַפּט און געבלאָנדזשעט איבער די אַלטע וועגן, שטאַרק באַשווערט דורך שטייערן און גרענעץ-אָפּצאָלן, די פּויערים האָבן זיך געפּייניקט, געבראַצעוועט און געליטן, פיל ניט באַריאָנטע שאַ צום שלאָס פון פריץ. מענטשן האָבן גערעדט און האָבן געפילט, אַז זיי בלייבן ביים ריידן. עפּעס האָט געקאָנט ווערן געזאָגט, ווייל קיין זאַך האָט אין פלוג ניט געקאָנט ווערן געטאָן.

---

## 8. די רעוואָלוציע פון יאָר 1789.

דעם ערשטן קלאַפּ האָט דער דאָזיקער געפיל פון דויערנדיקער זיכערקייט פון דעם סאָציאַלן און פּאָליטישן לעבן אין פראַנקרייך געקראָגן אין יאָר 1787. לודוויג XVI (1774—1793) איז געווען אַ טעמפּער, ווינציק געבילדעטער מאָנאַרך, און ער האָט צו זיין אומגליק חתונה געהאַט מיט אַ נאַרישער און קאַפּריזער פרוי, מאַריע אַנטואַנעטע, דעם עסטרייכישן קיסרס שוועסטער. פאַראַן אַ טיפּ היסטאָרישע שרייבערס, וואָס אינטערעסירן זיך שטאַרק מיט

דער פראגע וועגן איר ארנטלעכקייט, מיר אָבער באדארפן זיך דערמיט ניט פארנעמען. זי האט געהאט געוויכטע שווערע שטריכן, נאר פינדעסטוועגן ניט אזוי ווייט, אז דאס זאל איר האבן געשטערט צו פאזירן ווי א שיינע, ראמאנטישע און שטאלצע קיניגין. ווען די מלוכה־קאסע איז געווען איינגעשעפט דורך דער מלחמה אין אמעריקע, ווען דאס גאנצע לאנד איז געווען אנגעלאדן מיט אומצופרידנקייט, האט זי אנגעווענדט איר השפעה צו מאכן צו נישט אלע די פרוון פון עקאנאמיע מצד דעם קיניגס מיניסטארן, אויפמונטערן צו אלע מינים אריסטאקראטישע משוגענע קאפריזן און איבערצוריכטן די קירך און דעם אדל צו יענער לאגע, וואס זיי האבן געהאט אין די גרויסע טעג פון לודוויג XIV. ניט־אריסטאקראטישע אפיצירן האט מען באדארפט ארויסשטופן פון דער ארמיי; די מאכט פון דער קירך איבערן פריוואטן לעבן האט באדארפט געשטארקט ווערן. זי האט געפונען איר אידעאלן פינאנץ־מיניסטער אין קאלאנען, א באאמטן פון אייבערשטן קלאס. פון 1783 ביז 1787 האט דער דאזיקער הירוישדיקער מענטש געשאפן געלט אזוי ווי דורך כישוף — און אזוי ווי דורך כישוף פלעגט דאס גיך ווידער פארשווינדן. נאך צולעצט אין יאר 1787 איז ער געפאלן. ער האט געהאט אנגעהויבט איין הלוואה אויף דער צווייטער, און אצט האט ער דערקלערט, אז די מאנארכיע, די גרויסע מאנארכיע, וואס האט רעגירט איבער פראנקרייך זינט די טעג פון לודוויג XIV איז באנקראט. מער קיין געלט האט מען ניט געקאנט קריגן. מען האט געמוזט צונויפקלייבן די חשובע לייט פון דער מלוכה, כדי צו באקלערן די לאגע.

דער פארזאמלונג פון די גרעסטע אדל־לייט פון פראנקרייך האט קאלאן פארגעלייגט א פלאן, אז מען דארף ארויפלייגן אן אפצאל אויפן גאנצן ערד־אייגנטום. זיינען די אריסטאקראטן דערויף שטארק ברוגז געווארן. זיי האבן געפאדערט, עס זאל ווערן צונויפגערופן א קערפערשאפט, וואס איז אין הייע שטריכן גלייך צום בריטישן פארלאמענט — די גענעראל־שטאטן, וואס זיינען זיך ניט צונויפגעקומען זינט 1614. ניט געקוקט דערויף, וואס זיי האבן דורך דעם געשאפן אן ארגאן אויף אויסצודריקן די אומצופרידנקייט פון די אונטערשטע קלאסן, אבער ווייבאלד עס איז געווען א״א

פארשלאג, וואס האט פארלאנגט, אז זיי זאלן העלפן טראגן א טייל פון דער פינאנציעלער משא פון לאנד, זיינען די פראנצויזישע אריסטאקראטן שוין געווען אין כעס און זיינען ניט אנדערש באשטאנען דערויף, אז די גענעראל-שטאטן זאלן ווערן צונויפגערופן. און אין מאי 1789 זיינען די גענעראל-שטאטן זיך צונויפגעקומען.

דאס איז געווען א פארזאמלונג פון פארשטייער פון דריי שטאנדן, דעם אדל, דער גייסטלעכקייט און פון דעם דריטן שטאנד, די געמיינע בירגער. פארן דריטן שטאנד איז דאס. שטים-רעכט גע-



די שבועה אויפן טעניס-פלאץ, דעם 20 יוני 1789, וואס די מיטגלידער פון דער נאציאנאלער פארזאמלונג האבן געשווארן זיך ניט פונאנדערצוגיין, ביז זיי וועלן האבן געגעבן א קאנסטיטוציע פראנקרייך. לויט א געמעל אין ווערסאיל פון ל. ש. א. קודע.

ווען זייער ברייט, כמעט איטלעכער שטייער-צאלער, 25 יאר אלט, האט געהאט א שטים (די גייסטלעכע פון די פאראפיעס האבן געשטימט מיט דער גייסטלעכקייט, די קלענערע פריצים — מיטן אדל). די גענעראל-שטאטן זיינען געווען א קערפערשאפט אן א שום טראדיציע, ווי אזוי זיי האבן זיך צו פירן. האט מען געשיקט פרעגן ביי די אנטיקווארער פון דער אקאדעמיע פאר איפשריפטן, וואס איז נייטיק צו טאן אין דעם פאל. די ערשטע באראטונג האט

זיך תיכף געווענדט צו דער פראגע, צי באדארף מען אפהאלטן די זיצונגען ווי איין קערפערשאפט, אדער ווי דריי, אזוי אז איטליכער שטאנד זאל האבן א גלייכע צאל שטימען. די גייסטליכקייט האבן געהאט 308 מענטשן, די פריצים 285, און די דעפוטאטן 621. אייב די שטאנדן וואלטן געשטימט אלע צוזאמען, וואלט דער דריטער שטאנד האבן די אבסאלוטע מערהייט; וואלטן זיי געשטימט באזונדער, וואלטן זיי אלע געווען גלייך. ווייטער איז געשטאנען א פראגע: צי זאל מען זיצן אין פאריז, אדער ערגעץ אין א פראווינץ-שטאט? אויסגעקליבן איז געווארן ווערסאיל „פון וועגן דעם געיעג".

עס איז קלאר, אז פאר דעם קיניג און פאר דער קיניגין איז דער גאנצער טומל ארום די נאציאנאלע פינאנצן געווען א פיינלעכע זאך, און אז זיי האבן געהאט בדעה ווי ווייט מעגלעך ווינציקער צו לאזן אריינמישן די פארזאמלונג אין דעם הויף-לעבן. די זיצונגען זיינען אפגעהאלטן געווארן עפעס אין פוסטע כאלאנען, אין אראנזשערייעס, אויף טענים-פלעצער און כדומה.

עס איז קלאר, אז פון דעם פארענטפערן די פראגע, צי די אפשטימונג דארף גיין לויט די שטאנדן אדער פערזענלעך, איז געווען אפגעהאנגען אלצדינג. מען האט וועגן דעם זיך ארומגעאמפערט גאנצע זעקס וואכן. סוף-כל-סוף האט דער דריטער שטאנד, זיך סומך-זיינענדיק אויף דעם ביישפיל פון דער ענגלישער אונטערשטער פאלאטע, דערקלערט, אז ער אליין רעפרעזענטירט די נאציע און אז מהיום-והלאה טאר קיין אפצאל ניט גענומען ווערן אן זיין הסכם. דערויף האט דער קיניג געהייסן פארשליסן דעם זאל, וואו די זיצונג איז אפגעהאלטן געווארן, און האט געלאזט אנצוהערן, אז פאר די דעפוטאטן איז דאס גלייכסטע צו פארן אהיים. נאר אנשטאט דעם האבן די דעפוטאטן זיך צונויפגעקליבן אין א פאסיקן טענים-פלאץ, און דא האבן זיי אפגעלייגט א שבועה — די שבועה פון טענים-פלאץ — אז זיי וועלן זיך ניט פונאנדערגיין, ביז זיי וועלן ניט האבן ארויסגעלאזן קיין קאנסטיטוציע פאר פראנקרייך.

האָט דער קעניג גענומען ריידן האַרבע דיבורים און געפּרואווט צעטרייבן דעם דריטן שטאַנד איבער געוואַלד. אָבער די זעלנער האָבן ניט געוואָלט פאָלגן. דעריבער האָט דער קעניג פּלוצים נאָכגעגעבן און האָט אָנגענומען דעם פּרינציפּ, אַז אַלע דריי שטאַנדן דאַרפן זיצן און שטימען צוזאַמען ווי איין נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג. נאָר אין דער זעלביקער צייט זיינען, באַשיימפּערלעך לויט דער פאָדערונג פון דער קעניגין, געבראַכט געוואָרן פון דער פּראָווינץ פרעמדע פאָלקן אין פראַנצויזישן דינסט, אונטער דער קאָמאַנדע פון מאַרשאַל דע בראָליע, וואָס זיי האָט מען געקאָנט געטרויען, אַז זיי וועלן אַרויסטרעטן קעגן פאָלק. און דער קעניג האָט זיך געגרייט צו האָבן תּרטה אויף די הנחות, וואָס ער האָט געמאַכט. דעריבער זיינען פּאַריז און פראַנקרייך אויפגעשטאַנען. בראָליע האָט זיך געקווענקלט צו שיסן אין המון. אין פּאַריז און אין גרעסטן טייל פון די איבעריקע גרויסע שטעט זיינען באַשטימט געוואָרן צייטווייליקע שטאָט-רעגירונגען, און אַט-די מוניציפּאַלע קערפּערשאַפטן האָבן געשאַפן אַ נייעם באַוואָפנטן כּוח, די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע, וואָס איז פון לכתּחילה אָן בפירוש געוואָרן באַשטימט זיך אַנטקעגנצושטעלן קעגן דעם מיליטער פון דער קרוין.

דער אויפשטאַנד פון יולי 1789 איז געווען די עצם פראַנצויזישע רעוואָלוציע. דאָס פאָלק פון פּאַריז האָט געשטורעמט די שרעקלעך-אויסזעענדיקע טורמע פון באַסטיל, וואָס איז געווען שוואַך באַשיצט, און דער אויפשטאַנד האָט זיך האַסטיק פאַרשפּרייט איבער פראַנקרייך. אין אַ חודש צייט איז די אַלטע און דורכגעפוילטע סיסטעם פון דער אַריסטאָקראַטישער אָרדנונג געווען איינגעפאַלן. אַ סך פון די ערשטע פּרינצן און הויף-לייט פון דער קעניגינס צד זיינען אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד. די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט זיך געהאַלטן פאַר באַרופן צו שאַפן אַ נייע פּאָליטישע און סאָציאַלע סיסטעם צוליב אַ נייער תּקופה.

## 9. די פראַנצויזישע „געקרוינטע רעפובליק" פון 1789 — 1791.

די פראַנצויזישע נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט זיך געפונען אין א סך אַן ערגערער לאַגע אויף אויסצופורן איר אויפגאַבע, ווי דער אַמעריקאַנער קאָנגרעס. דער לעצטער האָט געהאַט פאַר זיך אַ האַלבן קאָנטינענט און קיין שום אַנדער קעגנער ניט, חוץ דער בריטישער רעגירונג. זיינע רעליגיעזע און דערציערישע אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען פאַרשיידנאַרטיקע, איינאיינעם ניט באַזונדערס שטאַרק און אין גרויסן און גאַנצן פריינדלעך געשטימט. קיניג דזשאָרדזש איז געווען ווייט אין ענגלאַנד און איז פאַקטיש אייגנטלעך אין אַ צושטאַנד פון אַן אידיאָט. פונדעסטוועגן האָט עס גענומען זיבן יאָר, ביז די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן אויסגעאַרבעט זייער קאָנסטיטוציע. פאַרקערט, די פראַנצויזן זיינען געווען אַרומגערינגלט דורך פיינדלעכע שכנים מיט מאַקיאַוועלישע געדאַנקען, זיי זיינען געווען באַשווערט מיט אַ קיניג און אַ הויף, וואָס זיינען געווען פעסט ביי דער דעה אַנצוטאָן צרות, און די קירך איז געווען אַן איינהייטלעכע גרויסע אָרגאַניזאַציע, ענג פאַרקניפּט און געבונדן מיט דער אַלטער אָרדענונג. די קיניגין איז געווען אין אַ נאָענטער קאָרעספּאָנדענץ מיט דעם גראַף פון אַרטואַ, דעם הערצאָג פון בורבאָן און די אַנדערע אַנטלאָפענע פּרינצן, וואָס האָבן געפּרוּווט איינצורעדן עסטרייך און פּרייסן אָנצופאַלן אויף דער נייער פראַנצויזישער נאַציע. חוץ דעם איז פראַנקרייך שוין געווען אַ באַנקראָטירט לאַנד, בעת די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן געהאַט אַ רייכטום אָן אַ שיעור. און די רעוואָלוציע, וואָס האָט איבערגעביטן די תנאים פון ערד-אייגנטום און האַנדל, האָט געבראַכט צו אַן עקאָנאָמישער דעזאָרגאַניזאַציע, וואָס אין אַמעריקע איז איר גלייכן ניט געווען.

דאָס זיינען געווען די אומאויסמיידלעכע שוועריקייטן פון דער לאַגע. נאָר חוץ אַלעמען דעם, האָט די פאַרזאַמלונג געהאַט נאָך שוועריקייטן אין זיך גופא. זי האָט ניט געוואוסט, ווי אַזוי זי דאַרף זיך פירן. די ענגלישע אונטערשטע פּאַלאַטע האָט געהאַט

מער ווי פינף יאָרהונדערטער געניטשאַפט אין איר אַרבעט, אין מיראַבאָ, איינער פון די גרויסע פירערס אינאָנהייב רעוואָלוציע, האָט אומזיסט געפּרוּווט ווירקן, מען זאָל זיך האַלטן לויט די ענגלישע כּללים. נאָר דער גייסט פון דער צייט איז געווען אָנגענומען מיט אַ גוסט פאַר אויסגעשרייען, פאַר דראַמאַטישע איבערדרייסן אין מהומה, אַזעלכע אַרויסווייזן פון די נאַטירלעכע אינסטינקטן. און די אומאָרדענונג איז ניט געקומען פון דער פאַרזאַמלונג אַליין, נאָר עס איז נאָך געווען אַ גאַלעריי פאַר אויסגעווייניקסטע, אַ צו־גרויסע גאַלעריי; נאָר ווער וואָלט דאָס אָפּגעהאַלטן פרייע בירגער פון צו האָבן אַ שטים אין דעם נאַציאָנאַלן קאָנטראָל? די גאַלעריי איז געווען פול מיט מענטשן, וואָס האָבן געגאַרט זען עפּעס אַ „סצענע“, גרייט צו אַפּלאָדירן אָדער צו פאַרשרייען די רעדנערס אונטן. די פעיִקערע רעדנערס זיינען געווען געצוואונגען צו רעכענען זיך מיט דער גאַלעריי און האָבן אָנגענומען אַ סאַנטימענטאַלן און סענסאַציאָנעלן טאָן. אין אַ קריזיס־צייט איז געווען גרינג צו ברענגען דעם המון דערצו, ער זאָל דערשטיקן די דעבאַטן.

אַזוי באַשווערט, האָט די פאַרזאַמלונג זיך גענומען פאַר איר אויפבוי־אַרבעט. דעם פערטן אויגוסט האָט זי דערגרייכט צו אַ גרויסן דראַמאַטישן אויפטו. געפירט דורך עטלעכע ליבעראַלע אַדל־לייט, האָט זי אָנגענומען אַ ריי רעזאָלוציעס: אָפּצושאַפן לייב־אייגנטום, פּריווילעגיעס, באַפרייונג פון שטייערן צאָלן, דעם צענטל־אָפּצאָל, די פעאָדאַלע געריכטן (אין אַ סך טיילן פון לאַנד אָבער זיינען די דאָזיקע רעזאָלוציעס אויסגעפירט געוואָרן ערשט מיט דריי־פיר יאָר שפּעטער). די אַדל־לייט האָבן זיך צוגלייך אָפּגעזאָגט פון טיטלען. אַ צייט פריער, איידער פראַנקרייך איז געוואָרן אַ רעפּובליק, איז געווען אַ באַליידיקונג פאַר אַן אַדלמאַן צו שרייבן זיין נאָמען מיטן טיטל. אין משך פון זעקס וואָכן האָט זיך די פאַרזאַמלונג פאַרנומען, ביי כּסדרדיקע געלעגנהייטן צו לאָזן הערן פיינע רעדעס, — מיט פאָרמולירן די דעקלאַראַציע פון די מענטשנרעכט — לויט דעם נוסח פון די דעקלאַראַציעס פון רעכט, וואָס זיינען געווען די ענגלישע הקדמות צו אַ בייט פון דער קאָנסטיטוציע.

בנתיים האָט דער קיניגלעכער הויף געמאַכט איין פאַרשווערונג נאָך דער אַנדערער פאַר דער רעאַקציע, און דאָס פאָלק האָט געשפּירט, אַז דער הויף מאַכט פאַרשווערונגען. די געשיכטע ווערט דאָ קאָמפּליצירט נאָך דורך די גנבישע פּלענער פון דעם קיניגס שוועסטערקינד, פּ־פיליפּ פון אָרלעאַן, וואָס האָט געהאָפט אויסצונוצן די מהומות פון דער צייט, בכדי אַליין אַוועקצוזעצן זיך אַנשטאָט לודוויגן אויפן פראַנצויזישן טראָן. זיינע כעדער אַרום פּאַלע־ראָיאַל זיינען געווען געעפנט פאַרן פּובליקום און זיי זיינען געוואָרן אַ צענטער, וואו עס פלעגן זיך צונויפקלייבן מענטשן און דיסקוטירן פאַרשיידענע פראַגעס פון דער צייט. זיינע אַגענטן האָבן אַ סך מיטגעווירקט צו שטאַרקן דעם חשד פון פאָלק קעגן קיניג. און דער עולם איז נאָך מער געוואָרן פאַרביטערט, ווייל ס׳האָט גענומען אויספעלן שפּייז — וואָס דערין האָט מען אויך געהאַלטן פאַר שולדיק דעם קיניגס רע־גירונג.

באַלד האָט זיך באַוויזן אין ווערסאַיל דער געטרייער כלאָנ־דערישער פאָלק. די קיניגלעכע פאַמיליע האָט געפּלאַנעוועט אָפּ־צוטראָגן זיך וואָס ווייטער פון פּאַריז — בכדי מבטל צו זיין די אַלע הנחות, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן, כדי ווידער אויפצוכטן די טיראַניע און דעם ווילדן קאַפּריז. אַזעלכע קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיסטן, ווי גענעראַל לאַפאַיעט, זיינען געוואָרן ערנסט באַ־אומרויקט. און גראָד אין דער צייט האָט אויסגעבראָכן דער צאָרן פון פאָלק קעגן דער קנאַפּקייט פון שפּייז, וואָס איז גרינג איבער־געגאַנגען אין אַ צאָרן קעגן דער זיך גרייטנדיקער ראָיאַליסטישער רעאַקציע. מען האָט געהאַלטן, אַז אין ווערסאַיל איז פאַראַן אַ סך פּראָוויזיע; אַז מען האַלט דאָ שפּייז־פּראָדוקטן באַהאַלטן פון פאָלק. די געזעלשאַפטלעכע שטימונג איז געווען שטאַרק צערייצט דורך ידיעות, אפשר גוזמאדיקע, מכּוח אַ באַנקעט, וואָס איז אַקערשט אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ווערסאַיל און וואו עס איז געקומען צום אויסדרוק די שנאה צום פאָלק. דאָ איז אַן אויסצוג פון קאַר־לײַלס באַשרייבונג פון דער דאָזיקער שלימזלדיקער הולאַנקע:

„מען האט אפגעגעבן דעם זאל פון דער אפערע; דער הערקולעס־סאלאן דארף זיין דער גאסט־צימער. עס זיינען געלאדן צום יום־טוב ניט נאר די אפיצירן פון די פלאנדערן, נייערט אויך פון די שווייצער, פון די הונדערט שווייצער; נאך מער, עס דארפן זיך באטייליקן אויך פון די ווערסאילער נאציאנאלע גארדיסטן יענע, וואס זיינען נאך א ביסל לאיאל; עס וועט זיין א סעודה כיד־המלך.

„און איצט שטעלט זיך פאר די סעודה, נאכדעם ווי דער אפיציעלער טייל איז פארביי, און דאס ערשטע פלעשל אראפגעשלונגען. שטעלט זיך פאר, אז עס זיינען אויסגעטרונקען די געווינטלעכע לאיאלע טאסטן: פארן קיניגס געזונט, פאר דער קיניגינס געזונט מיט די אפהילכנדיקע וויוואטס; דאס געזונט פון דער נאציע איז „דורכגעלאזן" אדער אפילו „אפגעווארפן". שטעלט זיך פאר, ווי עס פליסט שאמפאניער; מיט הויכע רעדעס, מיט מוזיק; די פוסטע קעפ ווערן טומלדיקער, וואס גרעסער די פוסטקייט, אלץ מער דער טומל, עס פארשיכורט זיך איינער פון דעם צווייטנס טומל און געשריי. איר מאיעסטעט זעט אויס היינטיקן אוונט ניט געוויינטלעך אומעטיק (זיין מאיעסטעט זיצט צעדולט און ניט ביי זיך פון דעם היינטיקן געיעג) — זאגט מען — מוז מען זיי פריילעך מאכן. קוקט נאר! אט גייט זי אריין אהער, קומענדיק פון אירע פאראד־צימערן, ווי די לבנה פון הינטער די וואלקנס ארויס, די דאזיקע ליבלעכע, אומגליקלעכע הארצנס־קיניגין; איר קיניגלעכער מאן ביי איר זייט, דער יונגער פרינץ אויף איר האנט. זי גייט אראפ פון איר לאזשע אינמיטן צורופן און באגריסונגען; גייט ארום מעשה־קיניגין צווישן די טישן: שאקלט־צו לייטזעליק מיטן קאפ; אירע בליקן זיינען פול טרויער, אבער אויך דאנקבארקייט און דרייסטקייט, מיט דער האפענונג פון פראנקרייך ביי איר מוטער־בוזעם. און איצט הייבט די קאפעליע אן שפילן. O Richard, O mon Roi, l'univers t'abandonne (א רישאר, א מיין קיניג, די גאנצע וועלט פארלאזט דיך), צי קאן מען דען אנדערש, ווי זיך דערהויבן צום העכסטן גראד פון רחמנות, פון געטרייער איבערגעבנקייט? צי האבן לייכטזיניקע, צעהיצטע קעפ גע-

קאַנט טאָן אַנדערש, ווי צוכאַפּן די ווייסע בורבאָנישע קאָקאַרדעס, וואָס זיינען זיי דערלאַנגט געוואָרן פון שיינע הענט; ווי אַרויסציען די שווערדן, פאָכן מיט זיי אין דער לופטן און שווערן אויף דעם קיניגס געזונט; ווי צעטרעטן די נאַציאָנאַלע קאָקאַרדעס; אַרויפלויפן אויף די גאַלעריעס, פון וואַנען עס האָבן זיך אפשר געלאָזט הערן אומגעצייטיגע אויסרופן; מיט געשרייען, לאַרעם, ווילדן טומל,



דאָס פּאַריזער פאָלק שטורעמט די קיניגלעכע טורמע באַסטיל, דעם 14-טן יולי 1789. לויט אַ צייכענונג פון פּריע, אין לוווּר, פּאַריז.

אין פּאַלאַץ און אין דרויסן — באַוויזן. וואָס פאַר אַ שטורעם עס ברויזט אין זייער פּוסטקייט?

„אַ פּשוטער מאָלצייט; אין געוויינטלעכע צייטן וואָלט ער קיינעם ניט געקאָנט פאַרטשעפּען; דאָס מאָל האָט ער געבראַכט אומגליק... די אָרעמע, שלעכט-באַראַטענע מאַריע אַנטואַנעטע! אַזוי ווייבעריש איבערגעריצט, אָבער אָן דער ווייטזיכטיקייט פון אַ הערשער! דאָס איז געווען אַזוי נאַטירלעך, אָבער אַזוי נאַריש. דעם קומענ-

דיקן טאג האט דער עולם געערדט פון דער צערעמאניע: איר מאיעסטעט האט דערקלערט, אז זי איז אנטציקט מיטן דאנערשטאג“.

און אט איז קעגן דעם קארלײלס שילדערונג פון דער שטימונג בײם פאלק:

„אין שמוציקע בוידעם־שטיבלעך האבן מא טא: אינדערפרי מאמעס זיך אויפגעכאפט, כדי צו הערן, ווי קינדער וויינען נאך ברויט. מאמעס האבן געמוזט ארויס אין גאס, שטעלן זיך אין אן עק בײ די גרינס־הענדלער און בײ די בעקערס; מען באגעגנט זיך ווידער מיט אײנגעהונגערטע מאמעס, פול מיט די זעלביקע געפילן, גלײך פאריאושט. א, מיר אומגליקלעכע פרויען! נאר אנשטאט צו שטײן דא אין עק בײם בעקער, פארוואס ניט נעמען זיך פאר די אריסטאקראטישע פאלאצן, דעם שורש פון אלדאס בײז? Allons! לאמיר גײן צוזאמען צום האטעל־דע־וויל (שטאט־דומע); קײן ווערסאיל...“

מען האט אין פאריז א סך געשריען און געטומלט, ביז דער דאזיקער געדאנק איז געווארן באווירקלעכט. א געוויסער מעיאר האט זיך באוויזן ווי דער ארגאניזאטאר און האט גענומען אויף זיך א געוויסע פירערשאפט. און עס איז כמעט קײן ספק ניט, אז די רעוואלוציאנערע פירער, און באזונדערס גענעראל לאפאיעט, האבן אויפגעהעצט און ארגאניזירט אט־דעם אויפרײס מיטן מײן צו פארהאלטן דעם קיניג, ער זאל ניט קאנען אנטלויפן — אזוי ווי קארל I קײן אקספארד — און אנהײבן א בירגער־קריג. אין שפעטן נאכמיטאג האט זיך די פראצעסיע געלאזט אין איר עלף־מײליקן וועג ארײן...

מיר ציטירן ווידער קארלײלן:

„מעיאר האט אפגעשטעלט זײן מחנה ארעמע פרויען אויפן לעצטן הויכן בערגל. איצט האט זיך פאר זײערע פארחידושטע אויגן אויסגעשפרײט ווערסאיל, דער ווערסאילער שלאס און ווײט און ברײט די נחלה פון קיניגלעכן הויז. פון ווײט אין דער רעכטער האנט, איבער מארלי און סען־זשערמען־אן־לײ, ביז ארום־און־ארום ראמביע, אין דער לינקער האנט איז אלץ שײן גאר א פראכט; זאנפט אײנגעהילט, אזוי ווי אין טרויער, אין דעם גרויען נעפל. און דא נא־

ענט פאר אונז איז ווערסאיל, די אלטע און די נייע, און צווישן זיי די באבלעטערטע „ווערסאלער אלייע", די שטאק פארטע, ביז דריי הונדערט פוס, ווי מענטשן רעכענען, מיט פיר שורות ביימער. און ווייטער דער שלאס פון ווערסאיל, וואס ענדיקט זיך מיט די קיניגלעכע פארקן און רו=פלעצער, בלישטשענדיקע בסאוון, אלטאנקעס, לאבירינטן, דער „מענאזשעריי", דעם גרויסן און קליינעם טריאנאן. הויך געטורעמטע וואוין=הייזער, באבלעטערטע שפיל=פלעצער; דא באהאלטן זיך איים די געטער פון דער אונטערשטער וועלט; נאר בונדעסטוועגן קאן שווארצע זארג ניט ווערן פון דארט אויסגעשלאסן. אהין גענעגנט איצט דער שטורעם פון די אויסגעהונגערטע ווייבער, באוואפנט מיט פיקעס".

אז דער אוונט האט גענענט, האט גענומען רעגענען.

„אט איז די עספלאנאדע, אין איר גאנצער ברייטקייט באדעקט מיט גרופעס שמוציקע, פארהונגערטע פרויען; מיט גלאט=האריקע מאנסבילן, וואס זעען אויס ווי פארברעכער, באוואפנט מיט העק, פארזשאווערטע פיקעס, אלטע מושקעטן, פלעקענער באשלאגן מיט אייזן, וואס אויף איין עק איז ביי זיי ארײנגעשטעלט א מעסער אדער א קלינג פון א שווערד; עס איז דער בונט פון הונגער. דער רעגן הערט ניט אויף צו גיסן. זעלנער פון דער לייב=גווארדיע רייטן זיך ארום צווישן די גרופעס, באגלייט פון פייפערייען. זיי צערייצן נאר, די וואס זיי צעטרייבן אין איין ארט, קלייבן זיך צונויף אין א צווייטן ארט...

„אן א צאל פארשלומפערטע פרויען באלעגערן דעם פרעזידענט און די דעפוטאטן; זיי ווילן ניט אנדערש גיין מיט אים: צי האט דען ניט זיין מאיעסטעט אליין ארויסגעקוקט דורכן פענסטער און ארויסגעשיקט פרעגן, וואס מיר ווילן? „ברויט און ריידן מיטן קיניג" — דאס איז געווען דער ענטפער. צוועלף ליארמענדיקע פרויען האט מען צוגעגעבן צו דער דעפוטאציע. זיי גייען מיט איר דורך דער עספלאנאדע, דורך צעשפרייטע גרופעס, ארומרייטנדיקע לייב=גווארדיסטן און דעם גיסנדיקן רעגן".

„ברויט און ניט צופיל רייד! — נאטירלעכע פארלאנגען.

„מען ווערט אייך געוואר, אז די קיניגלעכע קאראטן ווערן איינגעשפאנט, אזוי ווי מען וואלט געוואלט פארן קיין מעץ. און אין די הינטערשטע טויערן האבן זיך טאקע באוויזן קאראטן, קיניגלעכע צי ניט, אבער קאראטן, זיי האבן אפילו באוויזן א שריפט־לעכן באפעל פון אונזער ווערסאלער מוניציפאליטעט — וואס איז א מאנארכיסטישער, ניט קיין דעמאקראטישער. נאר די ווערסאילער פאטרולן האבן זיי צוריק פארטריבן אין שלאס אריין; אזוי האט דער פארזיכטיקער לעקואנטר זיי שטרענג געהאט אנגעזאגט...

„אזוי פאלן די שאטנס פון דער נאכט, שטורעמדיק, רעגנדיק; פינצטער ווערט אויף אלע שטעגן. די סאמע אומגעוויינטלעכע נאכט, וואס איז ווען געווען אין די דאזיקע געגנטן; אפשר זינט דער בארטאלאמיי־נאכט, ווען ווערסאיל איז געווען, וועדליג באסאמפיער שרייבט, א מיאסער שלאס.

„א, וואו נעמט מען די לירע פון אן ארפוס, איינצוזאמען און ברענגען אין ארדענונג די דאזיקע ווילד־געווארענע מאסן דורכן גלעט פון מעלאדישע סטרונעס! וואר־עס דא איז אלץ משמעות צע־פאלן זיך, צעווארפן דורך א ברייטן תהום. דאס העכסטע איז, ווי אין א וועלט־איבערקערעניש, געקומען אין באריר מיטן נידעריקסטן; דער פעוול פון פראנקרייך באלעגערט דעם קיניג פון פראנקרייך; אייזנבאשלאגענע שטעקנס זיינען געהויבן ארום דער קרוין, ניט כדי צו היטן זי! אינאיינעם מיט אנפאלן אויף בלוטדארשטיקע אנטינא־ציאנאלע לייב־גווארדיסטן לאזן זיך הערן ברוגזע איבערגעשרייען אויך קעגן דער קיניגין.

„דער הויף זיצט א פארציטערטער, אן אנמעכטיקער: זיין שטימונג ענדערט זיך מיט דער ענדערונג פון דעם טעמפעראמענט אויף דער עספלאנאדע, מיט דער ענדערונג פון די קלאגען, וואס קומען פון פאריז. און קלאגען קומען אן איינער נאכן אנדערן: אט איז שלום, און אט מלחמה. נעקער און אלע מיניסטארן האלטן אפ זיצונגען; נאר קיין שום רעזולטאט ניט. דאס „אקסן־אויג" איז איין שטורעם פון שושקעריי: מיר לויפן קיין מעץ; מירן ניט לויפן.

ווי קיניגלעכע קאראטן פרוון ווידער ארויסצופארן — ס'איז אבער אומזיסט, לעקוואנטרס פאטרולן טרייבן זיי צוריק אריין".

מיר מוזן אבער אפשיקן דעם לייענער צו קארלײלס געשיכטע פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע, וואו ער וועט לייענען, ווי אזוי עס איז ביינאכט אנגעקומען די נאציאנאלע גווארדיע אונטער גענעראל לאפאיעט גופא, ווי אזוי עס זיינען געפירט געווארן אונטערהאנדלונגען צווישן דער נאציאנאלער פארזאמלונג און דעם קיניג, ווי אזוי עס איז אינדערפרי אויסגעבראכן א שלאכט צווישן דער לייב-גווארדיע און די הונגעריקע באלעגערער, און ווי אזוי די לעצטע האבן זיך אריינגעריסן אין פאלאץ און עס איז שיער ניט געקומען צו א שחיטה פון דער קיניגלעכער פאמיליע. לאפאיעט און זיין נאציאנאלע גווארדיע זיינען געקומען צו דער צייט, בכדי דאס צו פארהיטן, און פורן מיט לאבנס ברויט זיינען אנגעקומען פון פאריז, בכדי צייטווייליק צו שטילן דעם הונגער פון המון.

צולעצט איז געווארן באשלאסן, אז דער קיניג מוז קומען קיין פאריז.

„אונזער וועלט האט געזען ניט ווייניק פראצעסיע-מארשן: רוימישע טריומפן און אוואציעס, צימבל-קלאפנדיקע קאבירן, קיניגלעכע ארויסטרעטן, אידישע לוויות, — געבליבן צו זען איז נאך דעם מארש פון דער פראנצויזישער מאנארכיע צו איר טויט אין פארלאמענט. מײלן-לאנג, און אין דער ברייט פארלארן ביז אומבאשטימט, ווארעם דאס גאנצע לאנד פון ארום-און-ארום האט זיך צונויפגעקליבן זען. פאוואליע: איינגעשטאנען ווי אן אזערע אן ברעגעס, אבער מיט א ריש ווי ניאגארע, ווי בבל און בעדלעם. א שליאפעריי און טאפטשעריי: הורא-געשרייען, געפילדער און שיסעריי; דאס אמתע בילד פון תהו-ובהו, וואס אונזער צייט האט געזען! ביז עס גיסט זיך אריין פאוואליע, אין געדיכטער ווערנדיקן בין-השמשות, אין ווארטנדיקן פאריז, דורך א טאפעלער ריי פנימער דעם גאנצן וועג פון פאסי ביז צום אטעל-דע-וויל (ראטהויז).

„באטראכט דאס בילד: אן אוואנגארד פון נאציאנאלער גווארדיע; מען פירט מיט זיך ארטילעריע; מאנספיל און ווייבער מיט פיקעס

זיצן ריטנדיק אויף האַרמאַטן, אויף וועגענער, אויף דראָזשקעס אָדער צופוס... לאַבנס ברויט אַחוץ־געשטאָכן אויף די שפּיצן פון באַגנעטן, גרינע צווייגן אַריינגעשטעקט אין די מײַלער פון האַרמאַטן. ווײַטער ציען זיך, ווי אַ הויפּט־טייל פון צוג, פופציק פורן באַלאָדן מיט קאָרן, וואָס מען האָט אַנטליען, למען־השלום, פון די ווערסאַילער מאַגאַזינעס. הינטער זיי שלעפּן זיך איינציקווייז, צעשטאָטענע און צעשפּרייטע זעלנערס פון דער לייב־גוואַרדיע, אַ'יע מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ און זייערע גרענאַדיר־היט. באַלד הינטער זיי פאָרט דעם קעניגס קאַראָט: דערנאָך מער קעניגלעכע קאַראָטן; דאָרט זיצן אַ הונדערט דעפּוטאַטן פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, צווישן זיי מיראַבאָ — זיינע באַמערקונגען ווערן דאָ ניט איבערגעגעבן. נאָך זיי צולעצט אַן ערב־רב פון פּלאַנדערן, שווייצער, הונדערט שווייצער, אַנדערער לייב־וועכטערס, באַנדיטן, וואָס האָבן ניט געקאָנט זיך הורטרייסן אויף פריער. אינמיטן און צווישן די אַלע שטראָמען מאַסן פון סענט־אַנטואַן און די הייבער־קאַהאַרטע. די ווייבער רינגלען אַרום באַזונדערס דעם קעניגלעכן קאַראָט... זיי זינגען איינגעהילט מיט דער דרייקאָלירטער פאָנע: זיי זינגען „מיט אַ צוהערנישן”; זיי טײַטלען מיט איין האַנט אויף דעם קעניגלעכן קאַראָט, וואָס די אַנצוהערענישן גייען אויף אים, און מיט דער אַנדערער האָבן ווײַזן זיי אויף די וועגענער מיט פּראָוויזיע, און זאָגן: „מוט, גוטע פריינט! איצט וועט שוין קיין ברויט אונז ניט אויספעלן; מיר ברענגען אייך דעם בעקער און די בעקערקע מיטן קליינעם בעקערל”...

„פון דער פּלאַטע פון וועג זיינען די פּאַנעס פאַרשמוצט, אָבער די פרייד איז אין לייטער. צי איז דען אַלין ניט גוט? „אַ, מאַדאַם, נאַטור באַן רעין”, האָבן עטלעכע פון די דאָזיקע רעוואָלוציאָנערע פרויען געזאָגט מיט עטלעכע טעג שפּעטער: „אַ מאַדאַם, אונזער גוטע קעניגין, זייט ניט מער קיין בעלייטערין, וועלן מיר אייך ליב האָבן”...

דאָס איז געשען דעם 6 אָקטאָבער 1789. כמעט צוויי יאָר האָט דערנאָך די קעניגלעכע פאַמיליע געוואוינט אין שלאָס טוילערי, און קיינער האָט זי ניט געטשעפּעט. וואָלט דער הויף געהאַלטן

געטריי מיטן פאָלק, וואָלט דער קעניג דאָ אויסגעלעבט זיינע יאָרן ווי אַ קעניג.

פון 1789 ביז 1791 האָט די רעוואָלוציע זיך געהאַלטן אין איר ערשטער סטאַדיע: פראַנקרייך איז געווען אַ באַגרענעצטע מאָנאַרכיע, דער קעניג האָט געהאַלטן אַ פאַרקלענערטן הויף אין דעם טיליערי-שלאָס, און די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט רעגירט דאָס לאַנד אין שלום. דער לעזער, וואָס וועט וואַרפן אַ בליק צוריק צו די קאַפּיטלען פון פוילן, וואָס מיר האָבן געגעבן אין פריערדיקן קאַ-



דער מאַרש פון די פרויען קיין ווערסאַיל, אָנהייב אָקטאָבער 1789.
לויט אַ דרוק פון יענער צייט.

פּיטל, וועט פאַרשטיין, מיט וואָס רוסלאַנד, פּרייסן און עסטרייך זיינען געווען פאַרנומען יענע צייט. אין דער צייט ווען פראַנקרייך האָט עקספּערימענטירט מיט אַ געקרוינטער רעפּובליק אין מערב, איז געגאַנגען די טיילונג פון דער געקרוינטער רעפּובליק אין מזרח. פראַנקרייך האָט געקאָנט וואַרטן.

אַז מיר נעמען אין אַכט איר אומגעניטקייט, די תנאים וואָס אין איר האָט זי געאַרבעט און די פאַרפּלאָנטערטקייט פון די פּראָבלעמען, מוזן מיר מודה זיין, אַז די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט אויפגעטאָן אַ העכסט מערקווירדיק שטיק אַרבעט. אַ סך פון דעם,

וואס זי האט איפגעטאן, איז געווען געזונט און שטארק און עק=
סיסטירט נאך ביזן היינטיקן טאג. א סך ווידער איז געווען נאר
אן עקספערימענט, און איז ניט געווארן. איניקע זאכן זיינען געווען
שעדלעך. דער שטראף=קאדעקס איז געווארן רעווידירט און איפ=
געבעסערט: עס זיינען בטל געווארן פייניקונגען, ארעסטן אן א גרונט
און רדיפות פארן גלויבן. עס זיינען בטל געווארן די אלטע פראנ=
צויזישע פראווינצן, ווי נארמאנדיע, בורגונד וכדומה, אנשטאט דעם
איז פראנקרייך איינגעטיילט געווארן אין אכציק דעפארטמענטס. עס
איז געעפנט געווארן דער צוטריט צו די העכסטע רייען פון דער
ארמיי פאר מענטשן פון אלע קלאסן. עס איז געווארן געגרינדעט
אן איבערצייכנטע און פשוטע סיסטעם פון געריכטן, נאר דער ווערט
פון דער סיסטעם איז שטארק געווען געמינערט דערפון, וואס די
ריכטערס זיינען געווארן באשטימט דורך פאלקס=אפשטימונג אויף
קורצע צייט=פעריאדן. דאס האט געמאכט דעם המון פאר א מין
איבער=געריכט, און די ריכטערס האבן, פונקט ווי די מיטגלידער פון
דער נאציאנאלער פארזאמלונג, געמוזט רעכענען זיך מיט דער גאס.
דאס גאנצע אייגנטום פון דער קירך, וואס איז געווען זייער גרויס,
האט צוגענומען די מלוכה אין איר רשות. רעליגיעזע אינסטיטוציעס,
וואס זיינען ניט געווען פארנומען מיט דערציונג אדער צדקה,
זיינען צעבראכן געווארן, און צו צאלן שכירות דער גייסטלעכקייט
איז געווארן ארויפגעלייגט אויף דער נאציע. דאס איז פאר זיך
ניט געווען שלעכט פאר די נידעריקע גייסטלעכע, וואס זיינען גע=
ווען אפט שלעכט באצאלט אין פארגלייך מיט די רייכע קירכן=מאג=
נאטן. נאר עס איז באשטימט געווארן, חוץ דעם, אז די ביסקופן
און גייסטלעכע זאלן ווערן אויסגעקליבן, דאס אבער האט אינ=
טערגעהאקט אין ווארצל די עצם אידעע פון דער רוימישער קירך,
וואס האט קאנצענטרירט אלצדינג אין פויפס און וואס די גאנצע
מאכט איז אין איר געגאנגען פון אויבן אראפ. פאקטיש האט די
נאציאנאלע פארזאמלונג געוואלט מאכן פראנקרייך מיט איין קלאפ
פראטעסטאנטיש, אויב ניט אין דער דאקטרינע, איז אין דער אר=
גאניזאציע. אומעטום זיינען געווען קריגערייען און קאנפליקטן צווישן
די מלוכה=גייסטלעכע, וואס די נאציאנאלע פארזאמלונג האט בא=

שטימט, און צווישן די ווידערשפּעניקע גייסטלעכע, וואָס האָבן ניט געוואָלט צושווערן דער מלוכה און זײַנען געבליבן געטרײַ צו רוים.

די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט אָפּגעטאָן איין טעטיקײַט נאָך, וואָס האָט זייער אָפּגעשוואַכט איר ווירקונג אויף די מלוכה־ענינים. זי האָט באַשלאָסן, אַז אַ מיטגליד פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג טאָר ניט ווערן קיין מיניסטער. דאָס איז געווען אַ נאָכמאַך דער אַמעריקאַנישער קאָנסטיטוציע, וואָס דאָרט דינען אויך די מיניסטאָרן געוועזן אָפּגעטיילט פון דער געזעצגעבערישער קערפּערשאַפט. די בריטישע מעטאָדע איז, אַז אַלע מיניסטאָרן זאָלן געהערן צו דער געזעצגעבערישער קערפּערשאַפט, גרייט צו ענטפערן אויף פראַגעס און אָפּצוגעבן אַ דין־וחשבון וועגן דעם, ווי אַזוי זיי טײַטשן אויס די געזעצן און ווי אַזוי זיי פירן די ענינים פון דער נאַציע. איבער די געזעצגעבערישע קערפּערשאַפט רעפּרעזענטירט די סוווערענע נאַציע, מוזן די מיניסטאָרן געווים זײַן אין נאָענטסטן באַריר מיט זייער סוווערען. די דאָזיקע אָפּשיידונג צווישן דער געזעצגעבערישער און אויספירנדיקער מאַכט אין פראַנקרייך האָט גורם געווען צו סיכסוכים און אומצוטרוי: דער געזעצגעבערישער קערפּערשאַפט האָט אויסגעפעלט דער קאָנטראָל, און די אויספיר־אָרגאַנען האָבן ניט געהאַט די געהעריקע מאָראַלישע אונטערשטיצונג. דאָס האָט שטאַרק פּאַראַליזירט די אַרבעט פון דער צענטראַלער רעגירונג, אַזוי אַז אַ סך געגנטן זײַנען געווען אין יענער צייט געמיינדעס און שטעט, וואָס האָבן פּראַקטיש זיך רעגירט אַליין: זיי פלעגן אָננעמען די באַפעלן פון פּאַריז אָדער אָפּוואַרפן זיי, וועדליק זיי איז דאָס געווען וואויל־געפעלן, האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון צו צאָלן שטייערן און האָבן צעטיילט די מאַיאָנטקעס פון דער קירך, וועדליק דאָס האָט געפּאַסט צו זייערע אָרטיקע אינטערעסן.

---

## 10. די רעוואָלוציע פון די יאַקאָבינער.

עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז אויב די קרוין וואָלט זיך לאָיאַל געשטיצט און אויב דער אַדל וואָלט אַרויסגעוויזן אַ פאַרשטאַנדיקן פּאַטריאָטיזם, וואָלט די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג, ניט געקוקט אויף

די טומלדיקע גאַלעריעס, ניט געקוקט אויף איר רוסאָישער שיטה און אויף איר אומגעניטקייט, דאָך געהאַט דורכגעבלאָנדזשעט זיך צו אַ שטאַנדהאַפטיקער פאָרמע פון פּאַרלאַמענטאַרישער רעגירונג אין פראַנקרייך. אין מיראַבאָן האָט זי געהאַט דעם מלוכה־מאַן מיט קלאָרע אידעען מכּוח די נויטן פון דער צייט; ער האָט געוואוסט די שטאַרקע און די שוואַכע זייטן פון דער בריטישער סיסטעם, און עס איז באַשיימפערלעך, אַז ער האָט זיך פאָרגענומען אײַנצושטעלן אין פראַנקרייך אַן ענלעכע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע אויף אַ ברייטערן, ערלעכערן וואָל־מאָדוס. אמת, ער האָט געהאַט פאַרקניפּט אַ שטיקל אינטריגע מיט דער קיניגין, געווען זי בשתיקה, דערקלערט איר פייערלעך, אַז ער איז דער „אײַנציקער מאַן" אַרום קיניג און האָט נאָך געטאָן נאַרישקייטן אין דעם ענין, אָבער זיינע פּלענער זיינען געווען געצייכנט אויף אַ סך אַ ברייטערן מאַסשטאַב, ווי דער מאַסשטאַב פון די הינטערשטע טרעפּ פון דעם טיליערי־שלאָס. דורך זיין טויט אין יאָר 1791 האָט פראַנקרייך זיכער אָנגעוואָרן איינעם פון אירע בעסטע קאָנסטרוקטיווע מלוכה־מענער, און די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג איר לעצטן שאַנס אויף אַ מיטאַרבעט מיטן קיניג. אַז עס איז פאַראַן אַ הויף, איז געוויינטלעך פאַראַן פאַרשווערונג, און ראָיאַליסטישע פּלענער און ראָיאַליסטישע העצערייען זיינען געווען דאָס לעצטע שטרויעלע אויף אָראַפּצוציען די וואַגשאַל קעגן דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. די ראָיאַליסטן האָבן ניט געזאָרגט פאַר מיראַבאָ, זיי האָבן ניט געזאָרגט פאַר פראַנקרייך. זיי האָבן געוואָלט צוריק צו זייער פאַרלאָרענעם גן־עדן פון פּריווילעגיעס, האָפערדיקייט און אומבאַגרענעצטער אויסברענגעריי, און עס האָט זיי אויסגעדוכט, אַז ווי נאָר זיי וועלן צו נישט מאַכן די רעגירונג פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, וועט געשען אַ נס, און די אויסגעטריקנטע ביינער פון דער אַלטער אָרדענונג וועלן ווידער אָפּלעבן. זיי האָבן ניט געהאַט קיין געפיל פאַר אַן אַנדער ווירקלעכקייט, ווי דער תהום פון די עקסטרעמע רעפּובליקאַנער, וואָס איז געווען אויפגעריסן פאַר זייערע פיס.

אין אין יוני־נאַכט 1791, צווישן עלף און צוועלף אַ זייגער, האָבן דער קיניג, די קיניגין און זייערע צוויי קינדער זיך אַרויסגעגנבעט

פון טיליערי-שלאָס, פאַרשטעלטערהייט זיינען זיי מיט ציטערניש דורך דורך פאַריז, אַרומגעדרייט זיך אַרום דער שטאָט פון צפון-זייט ביז קיין מזרח-זייט און האָבן צולעצט זיך אַריינגעזעצט אין אַ רייזע-קאַראָט, וואָס האָט אויף זיי געוואַרט אויפן וועג קיין שאַלאָן. זיי האָבן געוואָלט אַנטלויפן צו דער אַרמיי אין מזרח-זייט. די מזרח-אַרמיי איז געווען „לאָיאַל“, דאָס הייסט לכל-הפּחות איר גענעראַל און אירע אָפיצירן זיינען געווען גרייט צו פעלשן אין פראַנקרייך לטובת דעם קיניג און דעם הויף. דאָ איז סוף-כּל-סוף געווען אַן אַוואַנטורע לויט דער קיניגינס גוסט, און מען קאָן זיך פאָרשטעלן די פאַרגעניגטע אויפגערעגטקייט פון דער קליינער געזעלשאַפט, אין דער מאָס וואָס די מיילן האָבן זיך פאַרמערט צווישן זיי און פאַריז. אויף יענער זייט פון די בערג זיינען געווען רעזערוואַנסן, טיפע באַרבויגונגען און האַנט-קושן. דערנאָך צוריק קיין ווערסאַיל. מען האָט באַדאַרפט אַ ביסל צעשיסן דעם פעוול אין פאַריז — אַרטילעריע, אויב מען זאָל דאָס דאַרפן האָבן. עטלעכע טויט-שטראָפן — אָבער נישט פון אַזעלכע מענטשן, וואָס קאָנען עמעצן אַרן. אַ ווייסער טעראָר אין משך פון עטלעכע חדשים. און דערנאָך וועט אַלצדינג ווידער זיין גוט. אפשר וועט ווידער קומען צוריק קאַלאָן, מיט פרישע פינאַנסיעלע פּלענער. ער איז גראָד דעמאָלט געווען פאַרנומען מיט זוכן הילף ביי די דייטשע פירשטן. עס איז געווען אַן אַרבעט ווידער אָפּציבויען צו שלעסער. אָבער די מענטשן וואָס האָבן זיי פאַרברענט וועלן קיים מעגן זיך באַקלאָגן, אויב די אויפגאַבע אָפּצובויען זיי וועט שווער דריקן אויף זייערע ווידערשפּעניקע העלזער...

אַלע אַזעלכע ליכטיקע חלומות זיינען אין רחמנות צעקלאַפּט געוואָרן אין דער נאַכט אין וואַרען. דער באַלעבאָס פון פאַסט-הויז אין סענט-מענול האָט דערקענט דעם קיניג, און אַז עס איז צוגעפאַלן די נאַכט, האָבן די וועגן וואָס פירן קיין מזרח אָפּגע-הילכט פון די טריט פון גאַלאָפּירנדיקע רייטערס, וואָס האָבן אויפגע-הויבן דאָס לאַנד אַרום און געפּרוווט פאַרהאַלטן די אַנטלאָפענע. אין אייבערשטן דאָרף פון וואַרען האָבן געוואַרט פרישע פערד — דער יונגער אָפיציר, וואָס ער האָט באַדאַרפט די פערד באַזאָרגן, האָט געלאָזן דעם קיניג און איז אַוועק שלאָפן. אין דער זעלביקער צייט

האט דער ארעמער קיניג, פארשטעלט פאר א הויז-דינער, אין משך פון א האלבער שעה איינגעטענהט מיט די פאסטיליאנען, וואס האבן געווארט אויף פרישע פערד אין אונטערשטן דארף און האבן ניט געוואלט פארט ווייטער. צולעצט זיינען זיי מסכים געווען צו פארן ווייטער. אבער עס איז שוין געווען צו שפעט. די קליינע געזעלשאפט האט געפונען דעם פאסט-מייסטער פון סענט-מענול, וואס איז געווען האסטיק אוועקגעריטן, אין דער צייט ווען די פאסטיליאנען האבן זיך ארומגעקריגט, און נאך א צאל בכבודיקע רעפובליקאנער פון ווארען, וואס ער האט געהאט צונויפגעקליבן, ווארטנדיק אויף זיי איפן בריק צווישן די צוויי טיילן שטאט. מושקעטן זיינען געווארן אויסגעשטרעקט צו דער קארעטע: „אייערע פאספארטן!“

דער קיניג האט זיך אונטערגעגעבן אן א קאמף. די קליינע געזעלשאפט האט מען אריינגענומען אין שטוב פון א דארף-באאמטן. „גוט, האט געזאגט דער קיניג, אט האט איר מיך!“ ער האט אויך באמערקט, אז ער איז הונגעריק. ביים עסן האט ער געלויבט דעם ווין: „גאנץ פיינער ווין“. וואס די קיניגין האט געזאגט, איז ניט פארצייכנט. עס זיינען געווען ניט ווייט ראיאליסטישע זעלנערס, נאר זיי האבן ניט געפרובט קומען צו הילף. דער געוואלד-גלאק האט געקלונגען, און דאס דארף „האט זיך אילומינירט“, כדי זיך צו פארהיטן קעגן אן אומגעריכטן אנפאל...

קיין פאריז איז די קיניגלעכע פאמיליע געפארן צוריק שטארק נידערגעשלאגן, און די גרויסע מאסן האבן זי אויפגענומען אין ש ט י ל ש ו ו י י ג ן. עס איז ארומגעגאנגען דאס ווארט, אז דער וואס וועט דעם קיניג באליידיקן, דער וועט קריגן אנגעבראכן די ביינער, און ווער עס וועט אים באגריסן, וועט ווערן דערהרגעט...

ערשט נאך דעם דאזיקן נארישן אויפטו האט דער געדאנק וועגן א רעפובליק גענומען פארכאפן דעם גייסט פון די פראנצויזן. נאך איידער דער קיניג איז אנטלאפן קיין ווארען, איז בלי-ספק געווען א סך אבסטראקטער רעפובליקאנישער געפיל, נאר עס איז קוים געווען א בפירוש אויסגעדריקטע נטיה אפצושאפן די מאנארכיע אין פראנקרייך. נאך אין יולי, א חודש נאכן קיניגס אנטלויפן, איז א גרויסע פאלקס-פארזאמלונג איפן מארס-פעלד, וואס האט ארויסגעשטעלט

אַפּעטיציע, אַז דער קיניג זאָל ווערן אַראָפּגעזעצט, פונאַנדערגעטריבן געוואָרן דורך דער מאַכט, און אַ סך מענטשן זיינען דערהרגעט געוואָרן. אָבער אַזעלכע אַרויסווייזן פון פעסטקייט האָבן ניט געקאָנט פאַרהיטן, אַז די מענטשן זאָלן פון דעם ראַזיקן אַנטלויף עפּעס אָפּלערנען. פּונקט ווי אין ענגלאַנד אין דער צייט פון קאַרל I, אַזוי האָבן איצט די מענטשן אין פראַנקרייך איינגעזען, אַז דעם קיניג טאָר מען ניט געטרויען — אַז ער איז געפערלעך. האַסטיק איז אויסגעוואַקסן דער כּוח פון די יאַקאָבינער. זייערע אָנפירער, ראָבעספּיער, דאַנטאָן, מאַראַ, וואָס ביז אַהער זיינען זיי באַטראַכט געוואָרן ווי עקסטרעמיסטן, וואָס עס קאָן גאָר ניט געמאָלט זיין, זיי זאָלן קומען צו מאַכט, זיינען איצט געוואָרן די הערשנדיקע פירערס פון פראַנקרייך.

די יאַקאָבינער זיינען געווען גלייך צו די אַמעריקאַנער ראַדיקאַלן, מענטשן, וואָס זייערע אידעעס האָבן ניט געוואוסט פון קיין צאָם: זייער כּוח איז באַשטאַנען דערין, וואָס זיי האָבן פאַר קיין זאַך זיך ניט אָפּגעשטעלט און זיינען געגאַנגען גלייך פאָראויס. זיי זיינען געווען אָרעמע מענטשן, וואָס האָבן ניט געהאַט וואָס אָנצוווערן. די געמעסיקטע פּאַרטיי, וואָס איז געגאַנגען אויף פּשרות מיט די רעשטן פון דער אַלטער אָרדענונג, איז געוואָרן געפירט דורך אַזעלכע מענטשן אין אַן איינגעפעסטיקטער פּאָזיציע, ווי גענעראַל לאַפאַיעט, וואָס האָט זיך יונגערהייט אויסגעצייכנט דערמיט, וואָס ער איז אַוועק ווי אַ פרייוויליקער קעמפן פאַר די אַמעריקאַנער קאָלאָניסטן, און מיראַבאָ, אַן אַריסטאָקראַט, וואָס איז געווען גרייט נאָכצומאַכן די רייכע און השפּעהדיקע אַריסטאָקראַטן פון ענגלאַנד. נאָר ראָבעספּיער איז געווען אַן אָרעמער, נאָר אינטעליגענטער יונגער אַדוואָקאַט פון אַראַס, וואָס זיין טייערסטע אייגנס איז געווען דער גלויבן אין רוסאָ; דאַנטאָן איז געווען אַ פּאַריזער אַדוואָקאַט, קוים רייכער פון ראָבעספּיערן, אַ גרויסע זשעסטיקולירנדיקע, רעטאָרישע פיגור. מאַראַ איז געווען אַן עלטערער מענטש, אַ שווייצער מיט אַ געוויסער וויסנשאַפטלעכער קוואַליפיקאַציע, אָבער אויך ניט באַשווערט פון אייגנס. ער האָט פאַרבראַכט עטלעכע יאָר אין ענגלאַנד און איז געקומען צוריק מיטן טיטל דאָקטאָר מעדיצין; ער האָט פאַרעפנטלעכט עטלעכע

ווערטפולע ארטיקלען וועגן מעדיצין אין ענגליש. סיי בענדזשאמין פראנקלין און סיי געטע זיינען געווען פאראינטערעסירט מיט זיין ווערק וועגן פיזיק. דאס איז דער מאן, וואס קארלייל רופט אים אין „ווילדער הונט”, „אכזר”, „שמוציקער”, „הינטישע פיאווקע” — דאס לעצטע צונעמעניש לכבוד זיין דאקטאריע.

די רעוואלוציע האט ארייננעצויגן מארא אין פאליטיק, און זיינע ערשטע צושטייערס צו דער גרויסער דיסקוסיע זיינען געווען פיין און שכלדיק. אין פראנקרייך האט מען זיך געהאט איינגערעדט, אז ענגלאנד איז א לאנד פון פרייהייט. מאראס „בילד פון די חסרונות פון דער ענגלישער קאנסטיטוציע” ווייזט די אמתע לאגע אין ענגלאנד. אין די לעצטע יארן פון זיין לעבן איז ער געווארן געפייניקט פון א הויט־קרענק, דאס דער ווייטאג פון איר איז ניט געווען צו דערליידן; די דאזיקע קרענק האט ער געכאפט, בעת ער האט זיך אויסבאהאלטן אין די פאריזער קאנאלן פאר די רדיפות פון זיינע קעגנער, מחמת ער האט באשולדיקט אפן דעם קיניג אין בגידה נאך זיין אנטלויפן קיין וארען. נאר זיצנדיק אין א הייסער וואנע האט ער געקאנט צונויפנעמען זיינע געדאנקען אויף אנצושרייבן עפעס. מען איז זיך באגאנגען מיט אים הארט, און ער האט געליטן, און ער איז געווארן הארט. פונדעסטוועגן צייכנט ער זיך אויס אין דער געשיכטע ווי א מענטש פון ניט־געוויינטלעכער ערלעכקייט. קארליילס באטראכטונג האט קענטיק א־ויס:ערופן מער פון אלץ זיין ארעמקייט.

„וואס פאר א וועג איז ער געגאנגען! און איצט זיצט ער, נאך האלב־זיבן א זייגער, זיך פארענדיק אין א שטוב־וואנע; זיינע ווייטאגן זיינען גרויס; ער איז קראנק מיט רעוואלוציאנערן פיבער... ביז גאר קראנק און אויסגעמאטערט, אן ארעמער מענטש: מיט נעגור צוועלפטהאלבן פענס מזומן, אין פאפירלעך; מיט א שטוב־וואנע, מיט א שטארקן שטול אויף דריי פיסלעך צו שרייבן אויף אים. און א פארשלומפערטע וועשין זיין איינציקע באדינונג אין שטוב... דאס איז זיין פריוואטע דירה, אויף מעדיצין־שול־גאס; אהער און ניט ערגעץ אנדערש האט אים זיין וועג געפירט... הארך, ווידער א קלאפ! א מוזיקאלישע פרויען־שטים, וואס לאזט זיך ניט אוועקשיקן: עס איז א בירגערין, וואס וויל טאן א טובה פראנקרייך. מארא, וואס

האט דאס דערהערט אינעווייניק, שרייט: לאז זי אריין. שארלאטע קארדע איז אריין".

די יונגע העלדין האט געמאכט דעם אנשטעל, אז זי האט צו געבן אים געוויסע ידיעות וועגן דער קאנטער-רעוואלוציע אין קאען, און אז ער האט גענומען פארצייכענען די פאקטן, וואס זי האט אים דערציילט, האט זי אים אריינגעשטאכן א גרויסן מעסער (1792)...

דאס איז געווען דער כאראקטער פון גרעסטן טייל פירערס פון דער יאקאבינישער פארטיי. דאס זיינען געווען מענטשן אן אייגנטום — מענטשן אן צאם און איינהאלט. דערפאר זיינען זיי געווען מער אפגעריסן פון דער געזעלשאפט, ווי וואסער עס איז אנדער פארטיי. זיי זיינען געווען גרייט צו טרייבן די אידעעס פון פרייהייט און גלייכהייט ביז צו די לעצטע לאגישע פועל-יוצאס. זייער מאס פון פאטריאטישן חוב איז געווען הויך און שטרענג. עס איז געווען עפעס אוממענטשלעכס אפילו אין זייער הייסער ליבע צו דער מענטשהייט. זיי זיינען געווען ברוגז אויף דער נטיה פון די געמעסיקטע ניט צו נעמען די זאכן אזוי שארף און צו מיינען, אז דאס געמיינע פאלק מוז זיין א ביסל ארעם און וויסן, ווער עלטער איז, און אז דער קיניג (און די חשובע לייט) מוז ווערן געהאלטן א ביסל אין כבוד. זיי זיינען געווען פארבלענדט דורך די פארמולעס פון רוסאס שיטה, אז זיי האבן ניט געזען דעם היסטארישן אמת, אז דער מענטש איז לויט זיין טבע גלייכצייטיק אן אונטערדריקער און אן אונטערדריקטער און אז נאר פאוואליע דורך גזיעך, דערציִונג און דעם גייסט פון ליבע קאן דער מענטש ווערן גליקלעך און פריי אין דער וועלט.

און בעת אין אמעריקע האבן די פארמולעס פון דער דעמאקראטיע פון 18טן יארהונדערט אין גרויסן און גאנצן געהאלפן דער אנטוויקלונג פון לאנד אין פרייהייטלעכן גייסט, מחמת דאס לאנד פאר זיך איז געווען אפן פאר אלעמען און פאקטיש האט געהערשט א גלייכקייט בנוגע די ווייסע מענטשן, האבן די דאזיקע פארמולעס אין פראנקרייך געשאפן א שטורעמדיקע און געפערלעכע מישונג פאר דער שטאטישער באפעלקערונג, ווארעם גרויסע טיילן

פון די פראנצויזישע שטעט זיינען געווען פול פאראדעמטע, דע=מאראליזירטע און פארביטערטע מענטשן. דער פאריזער המון איז געווען אין א באזונדערס פאר א שטן און געפערלעכן צושטאנד, וואָרעם די אינדוסטריע פון פאריז איז געווען דער עיקר אן אינדוסטריע פון לוקסוס=זאכן, און א סך מענטשן זיינען געווען פארנומען אויף צו באדינען די שוואכקייטן און נידעריקע תאוות פון דער מאדע=וועלט. איצטער איז די מאדע=וועלט געווען אנטלאפן אריבער דעם גרענעץ, רייזנדער האבן די רעוואלוציאנערע שטאט אויסגעמיטן, די עסקים זיינען געווען געשלאגן, און די שטאט איז געווען פול מיט מענטשן אן ארבעט און בעסדיקע.

נאר די ראיאליסטן, אנשטאט צו באנעמען דעם כוח פון די דאזיקע יאקאבינער מיט זייער געפערלעכער ערלעכקייט און מיט זייער געפערלעכער השפעה אויף דער פאנטאזיע פון המון, האבן זיך איינגערעדט, אז זיי קאנען מאכן פון זיי א געצייג. עס איז אנגעקומען די צייט צו פארבייטן די נאציאנאלע פארזאמלונג אונטער דער ניי געשאפענער קאנסטיטוציע דורך דער „געזעצגעבנדער פארזאמלונג“. אז די יאקאבינער האבן פארגעליגט, מיטן אויסקוק צו צעברעכן די געמעסיקטע, אז די מיטגלידער פון דער נאציאנאלער פארזאמלונג טארן ניט ווערן אויסגעקליבן אין דער געזעצגעבערישער פארזאמלונג, האבן די ראיאליסטן זיי מיט גרויס שמחה אונטערגעהאלטן און האבן דורכגעפירט דעם פארשלאג. זיי האבן זיך איינגערעדט, אז די געזעצגעבערישע פארזאמלונג, וואס וועט אזוי ארום ניט האבן קיין געניטע מענטשן, וועט געוויס זיין א פאליטיש פאראליזירטע קערפערשאפט. זיי וועלן „ארויסציען די גוטע פון די נעצן פון רישעות“, און דעמאלט וועט פראנקרייך אן כוחות צוריק אריינפאלן אין די הענט פון די געזעצלעכע הארן. אזוי האבן זיי געטראכט. און די ראיאליסטן האבן נאך מער געטאן ווי דאס. זיי האבן אינטערגע=האלטן די וואלן פון א יאקאבינער פארן מער פון פאריז. דאס איז פונקט אזוי קלוג, ווי עמעצער וואלט געבראכט אהיים א הונגעריקן טיגער, כדי צו דערווייזן זיין ווייב, אז זי געניטיקט זיך אין אים. אזוי איז אויפגעשטאנען גרייט א צווייטע קערפערשאפט, וואס די ראיאליסטן האבן מיט איר זיך גארניט גערעכנט, נאר וואס אין

דער אמהן איז זי אסך בעסער געווען צוגעגרייט ווי דער הויף זיך ארייַנצומישן און צו פאַרנעמען דעם אָרט פון אַ ניט-טעטיקער געזעצגע-בערישער פאַרזאַמלונג: דאָס איז געווען די שטאַרק יאַקאָבינישע קאָ-מונע פון פאַריז, וואָס האָט זיך איינגעפּעסטיקט אין ראַטהויז.

ביז אהער האָט פראַנקרייך געלעבט אין שלום. קיינער פון אירע שכנים איז אויף איר ניט אָנגעפאַלן, ווייל עס האָט אויסגעוויזן, אַז זי שוואַכט זיך אַליין אָפּ דורך די אינעווייניקסטע מחליקתן. דאָס האָט פּוילן געליטן דערפון, וואָס פראַנקרייך איז געווען ארייַנגעטאָן אין



רוזשע דע ליל, א יונגער אָפיציר, זינגט פיר דאָס ערשטע מאָל פאַר זיינע גוטע פריינד דעם פראַנצויזישן נאַציאָנאַלן הימן די „מאַרסעליעזיע“, וואָס ער האָט פאַרפאַסט. לויט אַ געמעל פון איזידאָר פּיל, אין לוווּר, פּאַריז.

די אייגענע עסקים. אָבער עס האָט אויסגעדוכט, אַז עס איז ניטאָ קיין גרונט, פאַרוואָס זיי זאָלן זי ניט באַליידיקן און סטראַשען איר און צוגרייטן דערבּ וועג פאַר אַ שפּעטערדיקער צעטיילונג, ווערליק זיי העט דאָס פאַסן. אין יאָר 1791 האָבן זיך צונויפגעטראָפן אין פּילניץ דער קיניג פון פּרייסן און דער קיסר פון עסטרייך און האָבן אַרויסגע-געלאָזט אַ דעקלאַראַציע, אַז די אויפריכטונג פון דער אָרדענונג און פון דער מאָנאַרכיע אין פראַנקרייך איז אַן ענין, וואָס אין אים זיינען

פאראינטערעסירט אלע הערשער פון איראפע. און עס איז דער־לויבט געווארן אנצוזאמלען ביים גרענעץ אן ארמיי פון עמיגראנטן, פון פראנצויזישע אדעליט, און ארמיי דער עיקר פון אפיצירן.

האט פראנקרייך דעקלערט מלחמה עסטרייך. די מאטיוון פון די וואס האבן אונטערגעהאלטן דעם שריט זיינען געווען ווידעראנאנדיקע. א סך רעפובליקאנער האבן דאס געוואלט, מחמת זיי האבן געוואלט באַ־פרייען דאס קרובישע פאלק פון בעלגיע פון עסטרייכישן יאך. א סך ראיאליסטן האבן דאס געוואלט, מחמת זיי האבן אין דער מלחמה איינגעזען א מעגלעכקייט ווידער אויפצוריכטן די מאכט פון דער קרוין. מאראַ איז געווען שארף קעגן דער מלחמה אין זיין צייטשריפט L'Ami du Peuple (פאלקספריינד), ווארעם ער האט ניט געוואלט, אז דער רעפובליקאנישער ענטוזיאזם זאל זיך אפהענגען איפן קריגס־פיבער. זיין אינסטינקט האט אים געווארנט פאר נאפאלעאנען. דעם צוואנציקסטן אפריל 1792 איז דער קיניג אראפגעקומען אין דער געזעצגעבערישער פארזאמלונג און האט אונטערן גרויסן ביפאל פאר־געלייגט צו דערקלערן קריג.

די מלחמה האט זיך אנגעהויבן מיט גרויסע מפלות. דריי פראנצויזישע ארמייען זיינען אריין אין בעלגיע; צוויי זיינען מיאוס צעקלאפט געווארן, די דריטע, אונטער לאפאיעט, האט זיך צוריקגעצויגן. דעמאלט האט פרייסן דערקלערט קריג, בכדי אונטערצוהאלטן עסטרייך, און די פארבינדעטע חיילות, אונטערן אנפיר פון הערצאג פון בראונ־שווייג, האבן זיך געגרייט אריינצודרינגען אין פראנקרייך. דער הער־צאג האט ארויסגעלאזט איינע פון די נארישסטע פראקלאמאציעס אין דער געשיכטע: ער האט געלאזט וויסן, אז ער דרינגט אריין אין פראנקרייך, כדי אויפצוריכטן די קיניגלעכע מאכט. אויב מען וועט ווידער ארויסווייזן וואסער אומכבוד דעם קיניג, האט ער געסטראשעט צו קומען קיין פאריז און אויף דער געזעצגעבערישער פארזאמלונג מיט א „מיליטערישער עקזעקוציע“. דאס איז געווען זיכער גענוג אויף צו מאכן דעם צו מיינסט ראיאליסטישן פראנצויז פאר א רע־פובליקאנער — לכל־הפחות פאר דער צייט פון קריג.

דער נייער פאזיס פון דער רעוואלוציע, די יאקאבינישע רעוואַ־לוציע, איז געווען דער דירעקטער פועל־יוצא פון דער דאזיקער

פראקלאמאציע. זי האט אראפגעווארפן די געזעצגעבערישע פארזאמלונג, וואס אין איר האבן געהאט די מערהייט געוויינטלעכע רעפובליקאנער (זשיראנדיסטן) און ראיאליסטן, און די רעגירונג, וואס האט צעטריבן יענע רעפובליקאנישע פאלקס-פארזאמלונג אויפן מארס-פעלד און פאריאגט מארא אין די אונטערערדישע קאנאלן אריין. די רעוואלוציאנערן האבן זיך צונויפגעזאמלט אין ראטהויז און דעם 10טן אווגוסט האט די קאמונע אנגעהויבן אן אטאקע אויף דעם טיליערי-שלאס.

דער קיניג האט זיך געהאלטן מיט אומגעלומפערטער טעמפקייט און מיט יענער אומאכטונג פאר אנדערע, וואס איז איינע פון די מידות פון מלכים. ער האט געהאט א טויזנט מאן פון דער שווייצער-גווארדיע און אויך אן אפטיילונג פון דער נאציאנאלער-גווארדיע, וואס מען האט זיך אויף איר געטרייישאפט שוואך געקאנט פארלאזן. ער האט זיך געהאלטן, ביז עס האט זיך אנגעהויבן די שיסעריי, און דערנאך איז ער אוועק אין דער דערבייקער געזעצגעבערישער פארזאמלונג, כדי צו שטעלן זיך און זיין פאמיליע אונטער איר שוץ, איבערגעלאזט די שווייצער זיך שלאגן. עס איז קיין ספק ניט, אז ער האט געהאפט, אז די פארזאמלונג וועט זיך צעקריגן מיט דער קאמונע, נאר די געזעצגעבערישע פארזאמלונג האט גארנישט ניט געהאט פון דעם קעמפערישן גייסט פון ראטהויז. האט מען דעם קיניג מיט זיין משפחה אריינגעפירט אין דער לאזשע, וואס איז געווען באשטימט פאר זשורנאליסטן, און דארטן זיינען זיי געבליבן זעכצן שעה, בעת די פארזאמלונג האט דעבאטירט, וואס מען זאל מיט זיי טאן. פון דרויסן האבן זיך געלאזט הערן קולות פון א שלאכט; אלע ווײלע איז צעבראכן געווארן א פענסטער. די אומגליקלעכע שווייצער האבן געקעמפט צוגעשפארט צו דער וואנט, ווייל זיי האבן קיין אנדער ברירה ניט געהאט...

די געזעצגעבערישע פארזאמלונג האט ניט געהאט קיין הארץ צו אונטערשטיצן די אקציע פון דער רעגירונג אין יולי אויפן מארס-פעלד. די ווילדע מאכט פון דער קאמונע האט זי באוועלטיקט. דער קיניג האט קיין שום טרייסט און שוץ אין דער פארזאמלונג ניט געפונען. זי האט אים געזידלט און באהאנדלט די

פראַגע וועגן אַראָפּזעצן אים. די שווייצער האָבן זיך געשלאָגן, ביז זיי האָבן געקראָגן אַ באַפעל פון קיניג אויפצוהערן, און דערנאָך זיינען זיי צום גרעסטן טייל געוואָרן אויסגעקוילעט — דער המון איז געווען ווילד צערייצט איבער דער אומזיסטיקער בלוט־פאַרגיסונג און האָט זיך נישט געקאָנט באַהערשן.

אַזוי אַרום איז געקומען צו זיין טראַגישן סוף דער לאַנגער און פאַרשלעפּטער פּרוּוו צו „מעראָוויניזירן" לודוויגן, צו מאַכן פון דעם טעמפּן און ניט־צופּאַסלעכן אַבסאָלוטן מאָנאַרך אַן ערלעכן געקרוינטן רעפּובליקאַנער. די קאָמונע פון פּאַריז האָט פּאַקטיש געהערשט איבער פראַנקרייך. די געזעצגעבערישע פאַרזאַמלונג — וואָס האָט זיך באַשיימפּערלעך איבערגעגעבן אינגאַנצן — האָט באַשלאָסן, אַז דער קיניג איז אַראָפּגעזעצט פון זיין אַמט, האָט אים איינגעשלאָסן אין טאַמפּל און אויף זיין אָרט אַוועקגעזעצט אַן עקזעקוטיוו־קאָמיסיע און באַשטימט צונויפצורופן אַ נאַציאָנאַלן קאָנווענט צונויפצושטעלן אַ נייע קאָנסטיטוציע.

די שפּאַנונג פון דער פּאַטריאָטישער און רעפּובליקאַנישער פראַנקרייך איז געוואָרן ניט אויסצוהאַלטן. וויפיל אַרמייען זי האָט נאָר געהאַט, האָבן גענומען זיך ציען צוריק אומבאַהאָלפן קיין פּאַריז. לאָנגווי איז געפאַלן, נאָך איר די גרויסע פעסטונג ווערדען, און עס האָט אויסגעזען, אַז קיין זאַך קאָן ניט אָפּהאַלטן דעם מאַרש פון די פאַרבינדעטע אויף פּאַריז. דער געפיל פון דער ראָיאַליסטישער פעלשונג האָט געשטייגט ביז צו פּאַנישער אכזריות. בכל אופן האָט מען באַדאַרפט איינשטילן און איינשרעקן די ראָיאַליסטן. האָט די קאָמונע זיך גענומען יאָגן נאָך ראָיאַליסטן, וויפיל מען האָט נאָר געקאָנט כאַפּן, ביז אַלע טורמעס פון פּאַריז זיינען געווען איבערפולט. מאַראַ האָט געזען, אַז עס איז פאַראַן אַ סכנה פון אַ שחיטה. איידער עס איז צו שפּעט, האָט ער געפּרוּווט פאָדערן, עס זאָל ווערן איינגעשטעלט אַ באַפרייונגס־טריבונאַל, וואָס זאָל אָפּקלייבן די אומשולדיקע צווישן די שולדיקע אין דער דאָזיקער געמישטער קאָלעקציע פון פאַרשווערערס, חשודיקע און אומשולדיקע אַדללייט. מען האָט אויף אים ניט געלייגט קיין אַכט, און אָנהייב סעפּטעמבער איז טאַקע די שחיטה פאָרגעקומען.

פלוצים, צוערשט איז איין תפיסה, דערנאך די אנדערע, פארכאפט געווארן פון באנדעס רעוואלוציאנערן. עס איז געווארן איינגעשטעלט א מין געריכט, און דרויסן האט זיך צונויפגעקליבן א ווילדער המון באוואפנט מיט שאבלעס, פיקעס און העק. איינער נאך איינעם זיינען די ארעסטירטע, אליין איינס מאנסביל צי פרויען, געווארן ארויסגעפירט פון זייערע קאמערעס, קורץ זיי אויסגעפרעגט, זיי געשאנקען דאס לעבן מיטן געשריי: Vive la Nation (לעבן זאל די נאציע) אדער ארויסגעשטופט צום פעוול ביי די טויערן. דא האט דער המון זיך געשטופט און געשלאגן יערפאה, צו געבן א קלאפ אדער א שטופ דעם קרבן. די פארמשפטע זיינען געווארן צעשטאכן, צעהאקט, דערשלאגן צום טויט; מען האט ביי זיי אפגעהאקט די קעפ, ארויפגעשטאכן אויף פיקעס און ארומגעטראגן איבערן שטאט, די צעמזיקטע קערפערס אפגעשלעפט אין א זייט. צווישן אנדערע איז אומגעקומען די פרינצעסין לאמבאל, וואס דער קיניג און קיניגין האבן זי געהאט איבערגעלאזט אין טיליערי. איר קאפ האט מען אוועקגעטראגן צום טאמפל, בכדי צו ווייזן דער קיניגין.

אין דער קיניגינס קאמערע זיינען געווען צוויי נאציאנאלע גווארדיסטן. איינער האט געוואלט זי צווינגען, זי זאל זען אט דאס שרעקלעכע בילד; דער אנדערער האט געהאט אויף איר רחמנות און האט זי ניט געוואלט לאזן גיין.

אין דער זעלביקער צייט ווען אין פאריז האט זיך אפגעשפילט די דאזיקע בלוטיקע טראגעדיע, האט דער פראנצויזישער גענעראל דימוריע, וואס האט צונויפגענומען אן ארמיי אין פלאנדערן און דורכגעריסן זיך ביז די וועלדער פון ארגאן, אפגעהאלטן דעם מארש פון די פארבינדעטע הינטער ווערדען. דעם 20טן סעפטעמבער איז פארגעקומען א שלאכט, דער עיקר אן ארטילערישער קאמף, ביי וואלמי. עס איז אפגעקלאפט געווארן ניט קיין זייער אנטשלאסענע אטאקע פון די פרייסן, די פראנצויזישע אינפאנטעריע האט זיך געהאלטן פעסט, זייער ארטילעריע איז געווען בעסער פאר דער ארטילעריע פון די פארבינדעטע. א טאג צען נאך אט דעם אפשטופ האט דער הערצאג פון ברוינשווייג זיך געקווענקלט, און דער־

נאָך האָט ער גענומען אָפּטרעטן צום ריין. די זויערע וויינטרויבן פון דער שאַמפּאַן האָבן פאַרשפּרייט דיזענטעריע צווישן דער פּריסישער אַרמיי. די דאָזיקע שלאַכט ביי וואַלמי — זי איז געווען כּמעט נאָר אַ קאַנאָנאַדע — איז געווען איינע פון די באַשטימענדיקע שלאַכטן אין דער וועלט־געשיכטע. די רעוואָלוציע איז געווען געראַטעוועט.

דער נאַציאָנאַלער קאָנווענט איז זיך צונויפגעקומען דעם 21 סעפּ־טעמבער 1792 און האָט תּיכּף פּראָקלאַמירט אַ רעפּובליק. נאָך דעם האָט שוין מיט אַ מין לאָגישער נויטהענדיקייט געמוזט קומען דער־פּראָצעס און די טויטונג פון קעניג. ער איז געשטאָרבן גיכער ווי אַ סימבאָל איידער ווי אַ מענטש. מען האָט מיט אים קיין זאַך אַנ־דערש ניט געקאָנט טאָן; דער אָרעמער מענטש, ער האָט קיין אָרט אויף דער ערד ניט געהאַט. פראַנקרייך האָט אים ניט געקאָנט אַרויס־לאָזן, כּדי ער זאָל שטאַרקן דעם מוט פון די עמיגראַנטן, זי האָט אים אויך ניט געקאָנט האַלטן אומשעדלעך אין דער היים. זיין לעבן איז פאַר איר געווען אַ סכּנה. מאַראַ האָט אָן איפּהער געמאָנט דעם דאָזיקן פּראָצעס, דאָך האָט ער מיט זיין קלאָרן קוק ניט געוואָלט, אַז מען זאָל עפּעס שלעכטס טאָן דעם קעניג, איידער ער האָט געחתמעט די קאָנסטיטוציע, וואָרעם פריער איז ער געווען אַ פאַקטישער מאָנאַרך, איבערן געזעץ און האָט גאָרניט געקאָנט זיין אומגעזעצלעך. אויך האָט מאַראַ ניט געוואָלט דערלויבן קיין אָנפאַלן אויפן קעניגס ראַט... מאַראַ האָט דורכאויס געשפּילט אַ פאַרביטערטע ראָלע, אָבער אָפט אַ גערעכטע; ער איז געווען אַ גרויסער מענטש, מיט אַ פיינער אינ־טעליגענץ, און אַ הויט פון פייער; ער האָט געקעמפט מיט דער אָרגאַנישער שנאה און בלוט, וואָס איז געווען אַ פּראָדוקט ניט פון געמיט, נאָר פון קערפּער.

לודוויג איז געוואָרן געקעפּט אין יאַנואַר 1793. ער איז געוואָרן גיליאָטינירט — זינט דעם פּאַטריאָטישן אויגוסט איז די גיליאָטינע געוואָרן גענוצט ווי דער אָפיציעלער אינסטרומענט פאַר טויט־שטראָפן אין פראַנקרייך.

דאַנטאָן האָט ביי דער געלעגנהייט געשפּילט זיין לייבן־ראָלע אויף אַ שאַרפזיניקן אופן. „די מלכים פון איראָפּע רופן אונז אַרויס צום קאַמף, — האָט ער געברומט, — מיר וואַרפן זיי אַנטקעגן דעם קאָפּ פון אַ קעניג!"

### 11. די יאקאבינער רעפובליק 1792—1794.

אין איצטער הייבט זיך אן א מאדנער פאזיס אין דער געשיכטע פון פראנצויזישן פאלק. עס האט זיך אויפגעהויבן א גרויסער פלאם פון ענטוזיאזם פאר פראנקרייך און פאר דער רעפובליק. מען האט געמאכט א סוף צו די פשרות סיי אינדערהיים און סיי אין אויסלאנד. אין דער היים האבן געמוזט פארטיליקט ווערן ראיאליסטן און אלע מינים מענטשן, וואס זיינען שעדלעך פאר דער רעפובליק. אין אויסלאנד האט פראנקרייך געוואלט ווערן די באשיצערין און העלפערין פון אלע רעוואלוציאנערן. גאנץ איראפע, די גאנצע וועלט האט געמוזט ווערן רעפובליקאניש. פון אומעטום האט די פראנצויזישע יוגנט געשטראמט אין די רעפובליקאנישע ארמייען; עס האט זיך פארשפרייט איבערן לאנד א נייע און וואונדערלעכע ליד, א ליד וואס ווארעמט נאך איצט דאס בלוט ווי ווין, די „מארסעליעזע“. פאר אט דער ליד, פאר די פינקלענדיקע באגנעטן פון די פראנצויזישע קאלאנעס און פאר זייערע הארמאטן, וואס זיינען באדינט געווארן מיט ברען, האבן די פרעמדע ארמייען זיך אפגעטראגן. פארן סוף פון יאר 1792 האבן די פראנצויזישע ארמייען דערלאנגט ווייט אריבער די גרענעצן, וואס לודוויג XIV האט ווען דערגרייכט; אומעטום זיינען זיי געשטאנען אויף פרעמדער ערד. זיי זיינען געווען אין בריסל, האבן געהאט איינגענומען סאוואי, זיי זיינען אריינגעדרונגען ביז קיין מאינץ, פון האלאנד האבן זיי געהאט צוגענומען די שעלדע. דערנאך האט די פראנצויזישע רעגירונג געטאן א נארישקייט. זי איז געווען דערצערנט, פארוואס ענגלאנד האט ארויסגעטריבן איר פארשטייער נאך דער טויט־שטראף פון לודוויגן, און האט דערקלערט קריג ענגלאנד. דאס איז ניט געווען קלוג דערפאר, ווייל די רעוואלוציע, וואס האט געגעבן פראנקרייך א נייע ענטוזיאסטישע אינפאנטעריע און אן אויסגעצייכנטע ארטילעריע, באפרייט פון אירע אריסטאקראטישע אפיצירן און פון א סך שטערנדיקע טראדיציעס, האט צעשטערט די דיסציפלין פון איר פלאט, און די ענגלענדער האבן געהאט די איבערהאנט אויפן ים. אט דער ארויסרוף האט פאראייניקט גאנץ ענגלאנד קעגן

פראַנקרייך, בעת פריער איז געווען אַ היפּשע ליבעראַלע באַוועגונג אין גרויס-בריטאַניע, וואָס האָט סימפּאַטיזירט מיט דער רעוואָלוציע.

מכּוח דעם קאַמף, וואָס פראַנקרייך האָט געפירט די נאָענטסטע עטלעכע יאָר קעגן אַן אייראָפּעישער קאָאַליציע, קאָנען מיר די פּרטים דאָ ניט דערציילן. זי האָט די עסטרייכער אַרויסגעטריבן פון בעלגיע אויף שטענדיק און געמאַכט האָלאַנד פאַר אַ רעפּובליק. דער האָלענדישער פלאָט, אַריינגעפרוירן אין דער טעקסעל, האָט זיך אונטערגעגעבן אַ הייפל קאַוואַלעריע אָן אַ שאָס פון האַרמאַטן. דער דראַנג פון פראַנקרייך קיין איטאַליע איז אויף אַ געוויסער צייט אָפּגעשטעלט געוואָרן, און ערשט 1796 האָט אַ נייער גענעראַל, נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט, דורכגעפירט די אָפּגעריסענע און הונגעריקע רעפּובליקאַנישע אַרמייען אין טריומף דורך פּיעמאָנט ביז קיין מאַנטואַ און וועראָנאַ. אַ „קאָנטור פון געשיכטע" קאָן ניט סקיצירן קיין קריג-קאַמפּאַניעס; נאָר ער איז מחויב צו פאַרצייכענען דעם נייעם כאַראַקטער, וואָס דער קריג האָט אָנגענומען. די אַלטע פּראָפעסיאָנעלע אַרמייען האָבן זיך געשלאָגן צוליב שלאָגן זיך, ווי פּועלים וואָס מען צאָלט זיי פאַר דער צייט. די דאָזיקע נייע וואונדערלעכע אַרמייען האָבן זיך געשלאָגן הונגעריקע און דאָרשטיקע, צוליבן ניצחון. זייערע שונאים האָבן זיי אָנגערופן די „נייע פראַנצויזן". ס. פ. אַטקינסאָן אין זיין אַרטיקל אין דער בריטישער ענציקלאָפּעדיע וועגן די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָנערע מלחמות זאָגט: „די פאַרבינדעטע זיינען געווען פאַרחידושט מער פאַר אַלץ איבער דער צאָל און איבער דער גיכקייט פון די רעפּובליקאַנער. די דאָזיקע אימפּראָוויזירטע אַרמייען האָבן טאַקע גאָרנישט געהאַט, וואָס זאָל זיי פאַרהאַלטן. קיין געצעלטן האָבן זיי ניט געקאָנט מיטפירן, ווייל עס האָט אינגאַנצן געפעלט געלט זיי איינצושאַפן, און עס איז ניט געווען די נייטיקע צאָל וועגענער צו טראַנספּאָרטירן זיי, און מען האָט אויך קיין געצעלטן ניט באַדאַרפט, וואָרעם בעת די דאָזיקע אומבאַקוועמלעכקייט וואָלט די פּראָפעסיאָנעלע אַרמייען געבראַכט צו דעזערטירן, האָבן די מענטשן פון 1793 — 1794 זי אַריבערגעטראָגן מיט שמחה. פּראָוויאַנט פאַר אַזעלכע גרויסע אַרמייען, וואָס זייער גלייכן זיינען ביז איצט ניט געווען, האָט מען ניט געקאָנט פירן מיט זיך, און די פראַנצויזן האָבן גיך

זיך צוגעוויינט צו „לעבן פון לאַנד". אַזוי אַרום איז 1793 געבאָרן געוואָרן די מאָדערנע קריגס־סיסטעם — גיכע באַוועגונג, פולע אַנטוויקלונג פון דער נאַציאָנאַלער קראַפט, לאַגערס אין פרייע פעלדער, רעקוויזיציעס, — אַנטקעגן די פאָרזיכטיק מאַנעווירנדיקע, קליינע פּראָפעסיאָנעלע אַרמייען, מיט געצעלטן, מיט פולע שפּייז־פּאָרציעס, און שיקאַנעס. די ערשטע האָט פאָרגעשטעלט דעם גייסט, וואָס שטרעבט וואָס גיכער צום אַנטשייד, די צווייטע דעם גייסט פון ריזיקירן אַ ביסל, כדי צו געווינען אַ ביסל"...

אין דער זעלביקער צייט, ווען די דאָזיקע מחנות אָפּגעריסענע ענטוזיאַסטן האָבן געזונגען די „מאַרסעליעזע" און געשלאָגן זיך פאַר „פראַנקרייך", באַשיימפּערלעך קיין מאָל ניט אינגאַנצן קלאָר ביי זיך, צי זיי רויבן אויס אָדער באַפרייען דאָס לאַנד, וואָס אַהין זיינען זיי אַריינגעדרונגען, האָט דער רעפּובליקאַנישער ענטוזיאַזם אין פּאַריז זיך אויסגעלעבט אויף אַ ווינציקער גלאַנצפולן אופן. מאַראַ, דער איינציקער מענטש צווישן די יאַקאָבינער, וואָס איז געווען מסוגל צו רעגירן, איז איצט געווען משוגע פון זיין טויט־קרענק, און באַלד איז ער געוואָרן דערהרגעט; דאַנטאָן איז געווען אינגאַנצן אָנגעלאָדן מיט פּאַטריאָטישן דונער; ראָבעספּיערס שטאַנדהאַפטיקער פאַנאַטיזם האָט געוועלטיקט איבער אַלץ. וועגן דאָזיקן מענטשן איז שווער צו אורטיילן; ער איז געווען פיזיש אַ שוואַכער מענטש און ניט קיין שיינער, אַ פחדן לויט זיין טבע און אַן עזות־פנים. נאָר ער האָט געהאַט דאָס, וואָס איז צום נייטיקסטן צוליב מאַכט — גלויבן. ער האָט געגלויבט ניט אין גאָט, וואָס איז נאָענט צו מענטשן, נאָר אין עפּעס אַ העכסטן וועזן, וואָס רוסאָ איז געווען זיין נביא. ער האָט זיך פאַרגענומען צו ראַטעווען די רעפּובליק, און ער האָט זיך איינגערעדט, אַז נאָר ער איז בכוח זי צו ראַטעווען. אַזוי אַז אויב ער בלייבט ביי דער מאַכט, איז די רעפּובליק געראַטעוועט. עס האָט אויסגעוויזן, אַז דער לעבעדיקער גייסט פון דער רעפּובליק איז אַרויסגעקומען פון דער שחיטה פון די ראָיאַליסטן און פון דעם קיניגס טויטשטראָף. עס האָבן זיך געמאַכט אויפשטאַנדן: איינער אין מערב, אין דעם קרייז וואַנדעי, וואו דאָס פאָלק איז אויפגעשטאַנען קעגן נעמען רעקרוטן און קעגן דער אונטערדריקונג פון די פרומע גייסטלעכע,

און דער אויפשטאַנד איז געוואָרן געפירט פון אַדלליים און גלחים; געווען אַן אויפשטאַנד אין דרום, וואו עס זיינען אויפגעשטאַנען ליאָן און מאַרסעיל און די ראָיאַליסטן פון טולאָן האָבן אַריינ־געלאָזט אַן ענגלישן און שפּאַנישן גאַרניזאָן. אויף די דאָזיקע אויפשטאַנדן האָט אויסגעוויזן, אַז ס'איז ניטאָ קיין בעסערע ענטפער, ווי אויסצוהרגענען ראָיאַליסטן.

קיין זאַך האָט ניט געקאָנט בעסער געפעלן די ווילדע הערצער פון די פּאַריזער הינטערגעסלעך. דער רעוואָלוציאָנערער טריבונאַל



זשאַן פּאָל מאַראַ.



מאַקסימיליאַן ראָבעספּיער.

האָט גענומען אַרבעטן, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ כּסדרדיקע שחיטה.

אין די דרייצן חדשים ביז יוני 1794 זיינען פאָרגעקומען 1220 טויטשטראָפן; אין די ווייטערדיקע זיבן האָבן זיינען געווען 1376. די דערפינדונג פון דער גיליאָטינע האָט זיך גראָד אַריינגעפּאַסט אין דער שטימונג. עס איז גיליאָטינירט געוואָרן די קיניגין, און דער גרעסטער טייל פון ראָבעספּיערס קעגנער זיינען געוואָרן גיליאָטינירט. דאַנטאָן איז געוואָרן גיליאָטינירט, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז מען גיליאָטינירט צופיל. טאָג פאַר טאָג, וואָך פאַר וואָך האָט די דאָזיקע טייוולאָנישע מאַשין אַראָפּגעקלאַפּט קעפּ, און אַלץ מער און מער קעפּ.

עס האָט אויסגעדוכט, אַז ראָבעספּיערס קיניגרייך לעבט פון בלוט, און גענייטיקט זיך אין בלוט אַלץ מער און מער, אַזוי ווי אַן אָפּיום־רייכערער גענייטיקט זיך אין אַלץ מער און מער אָפּיום.

דאַנטאָן איז געבליבן דאַנטאָן ביז אויף דער גיליאָטינע, העלדיש און מוסטערהאַפט. „דאַנטאָן, האָט ער געזאָגט, טאָר ניט קיין שוואַכקייט!“

און דאָס סאַמע משונהדיקסטע אין דער גאַנצער געשיכטע איז געווען דאָס, וואָס ראָבעספּיער איז בלי־ספק געווען ערלעך. ער איז געווען אַ סך מער ערלעך ווי וואָסער עס איז גרופּע מענטשן וואָס זיינען געקומען נאָך אים. ער איז געווען באַגייסטערט מיט אַ פּאַרצערנדיקער ליידנשאַפט פאַר אַ נייער אָרדענונג אין מענטשלעכן לעבן. ווי ווייט ער האָט דאָס געקאָנט פּועלן, האָט דער קאָמיטעט פאַר געזעלשאַפטלעכן שוץ, וואָס האָט איצט געפירט די רעגירונג לעבן דעם קאָנווענט, אויסגעפירט אַ *קאָנסטרוקטיווע* אַרבעט. דער מאַסשטאַב, וואָס לויט אים האָט ער געשטרעבט צו בויען, איז געווען אַ געוואַלדיקער. אַלע די פאַרפּלאָנטערטע פּראָבלעמעס, וואָס מיר האָבן נאָך ביי היינטיקן טאָג צו קעמפן מיט זיי, האָבן געקראָגן גרינגע און פלאַכע פאַרענטפערס. עס זיינען געמאַכט געוואָרן פּרווון אויסצוגלייכן אייגנטום. „רייכטום, האָט געזאָגט ס"ט זשיסט, איז שענדלעך“. דער פאַרמעגן פון די רייכע איז געוואָרן באַשטייערט אָדער קאָנפיסקירט, בכדי עס זאָל ווערן צעטיילט צווישן אָרעמעלייט. איטלעכער מענטש האָט באַדאַרפט האָבן אַ זיכערע היים, פּרנסה, ווייב און קינדער. דער אַרבעטער דאַרף קריגן זיין לוין, אָבער עס קומט אים ניט קיין שום פּריווילעגיעס. עס איז געווען אַ פּרווו אינגאַנצן אָפּצושאַפן ריווח, אַט דעם גראָבן אָנטרייבער פון דעם גרעסטן טייל פון מענטשלעכן פאַרקער זינט דעם אָנהייב פון דער געזעלשאַפט. ריווח איז אַן עקאָנאָמישע רעטעניש, וואָס נאָך ביי היינטיקן טאָג פאַרשאַפט זי אונז שוועריקייטן. אין פראַנקרייך זיינען אין יאָר 1793 געווען שטרענגע געזעצן קעגן „רווחים־מאַכערס“; ענגלאַנד האָט אין יאָר 1919 געפונען פאַר נייטיק צו שאַפן געזעצן, וואָס זיינען שטאַרק ענלעך צו יענע. און די יאַקאָבינישע רעגירונג האָט איבערפלאַנירט — אין שיין געצייכנטע קאָנטורן — ניט בלויז די עקאָנאָמישע, נייערט אויך די

סאציאלע סיסטעם. אגט איז געוואָרן געמאַכט פונקט אזוי גרינג ווי א חתונה; עס איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דער אונטערשייד צווישן געזעצלעכע און אומגעזעצלעכע קינדער. עס איז געוואָרן איינגעשטעלט א נייער קאַלענדאַר, מיט נייע נעמען פאַר די חדשים, א וואָך פון 10 טעג וכדומה נאָך אַזעלכע זאַכן — וואָס זיינען שוין לאַנג פאַרשוואונדן; אָבער אויך די אומגעלומפּערטע מטבעות=סיסטעם און די געפּלאָנטערטע וואָגן און מאָסן פון דער אַלטער פראַנקרייך זיינען פאַרביטן געוואָרן דורך דער פּשוטער און דורכזיכטיקער דעצימאַלער סיסטעם, וואָס האַלט זיך ביז היינט. ...פון איין גרופּע עקסטרעמיסטן איז געווען א פאַרשלאָג מבטל צו זיין, צווישן אַנדערע אינסטיטוציעס, אויך גאָט אינגאַנצן און פאַרבייטן אים דורכן קולט פון שכל. און מען האָט טאַקע אָפּגעריכט אין דער קאַטעדראַלע נאָטר דאַם א יום=טוב פון שכל, וואו א שיינע אַקטריסע האָט געשפּילט די ראָלע פון דער געטין פון שכל. נאָר קעגן דעם איז אַרויסגעטראָטן ראָבעספּיער: ער איז ניט געווען קיין אַטעיסט. „אַטעיזם, האָט ער געזאָגט, איז אַן עסק פאַר אריסטאָקראַטן. די אידעע פון א העכסטן וועזן, וואָס גיט השגחה אויף דער אונטערדריקטער אומשולד און באַשטראָפט דעם טריומפירנדיקן פאַרברעכן, איז אין עצם מהות א אידעע פון פאָלק".

בכן, האָט ער גיליאָטינירט העבערן, וואָס ער האָט דאָס געפּייערט דעם יום=טוב פון שכל, צוזאַמען מיט זיין גאַנצער פּאַרטיי.

א געוויסע גייסטיקע צעטומלעניש איז געווען צו באַמערקן ביי ראָבעספּיערן אין משך פון זומער 1794. ער איז געווען טיף פאַרכאַפּט פון זיין רעליגיע (די אַרעסטן און טויטשטראָפן פון חשודיקע זיינען זיך געגאַנגען מיטן זעלביקן אימפּעט ווי שטענדיק. דורך די גאַסן פון פּאַריז האָט אַלע טאָג געבראַזגעט דער טעראָר מיט זיינע קאַרעטעס פול פאַרמישפּטע מענטשן). ער האָט געפּועלט ביים קאָנווענט, ער זאָל אַרויסגעבן א דעקרעט, אַז פראַנקרייך גלויבט אין העכסטן וועזן, און אין דער דאָקטרינע האָט ער אַריינגעשטעלט דעם גלויבן אין השארת הנפש. אין יוני האָט ער אָפּגעריכט א גרויסן יום=טוב לכבוד דעם העכסטן וועזן. עס איז געווען א פּראָצעסיע צום מאַרספעלד, ער אַליין איז געגאַנגען בראָש, פּרעכטיק אויסגעפּוצט, מיט

אַ גרויסן בונט בלומען און ווייצן-זאנגען אין די הענט. עס זיינען פייערלעך פאַרברענט געוואָרן פיגורן פון ברענעוודיקן מאַטעריאַל, וואָס האָבן פאַרגעשטעלט דעם אַטעיזם און די זינד; נאָכדעם איז דורך אַ קונציקן מעכאַניזם, מיט אַ קליינער סקריפּעריי, אַרויפגעבראַכט געוואָרן אַן אומפאַרברענלעכע סטאַטוע פון חכמה אויף זייער אָרט. עס זיינען געוואָרן געהאַלטן רעדעס — ראָבעספּיערס איז געווען די הויפּט-רעדע — אָבער קיין קולט איז באַשטימפּערלעך ניט אָפּגעריכט געוואָרן.

דערנאָך האָט ראָבעספּיער אויף אַ שטיק צייט זיך מתבודד געווען פאַר זיך, פאַרזונקען אין מחשבות. אַ חודש צייט איז ער אין קאָנווענט ניט געקומען.

איין מאָל אין יולי איז ער ווידער געקומען און האָט געהאַלטן אַ משונהדיקע רעדע, וואָס האָט בפירוש געגעבן אָנצוהערענישן אויף נייע רדיפות. „קוקנדיק אויף די פיל זינד, וואָס דער שטראָם פון דער רעוואָלוציע האָט אַראָפּגעשווענקט,—האָט ער געשריען אין זיין לעצטער רעדע אין קאָנווענט, האָב איך טיילמאָל געציטערט, איך זאָל אַליין זיך ניט פאַראומרייניקן דורך דער שכנות פון זינדיקע מענטשן... איך ווייס, אַז עס איז גרינג פאַר די פאַראייניקטע טיראַנען פון דער וועלט ביי-צוקומען אַן איינציקן יחיד; נאָר איך ווייס אויך, וואָס עס איז דער חוב פון אַ מאַן, וואָס קאָן שטאַרבן ביים פאַרטיידיקן די מענטשהייט“...

און אַזוי ווייטער אין אומבאַשטימטע אויסדרוקן, וואָס האָבן, ווי עס האָט אויסגעוויזן, געסטראַשעט יעדן איינציקן.

דער קאָנווענט האָט אויסגעהערט די דאָזיקע רעדע אין שטיל-שווייגן. אַז עס איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן אַ פאָרשלאָג צו לאָזן זי אָפּדרוקן און פאַרשפּרייטן, איז געוואָרן אַ גרויסער טומל, און מען האָט דעם פאָרשלאָג אָפּגעוואָרפן. ראָבעספּיער איז געוואָרן שטאַרק אין כעס און איז אַוועק אין קלוב פון זיינע אָנהענגערס און האָט זיי נאָך אַמאָל איבערגעלייענט די רעדע.

די גאַנצע נאַכט איז געווען פול מיט געריידן און מיט פאַרזאַמלונגען און מיט צוגרייטונגען צום מאָרגנדיקן טאָג, און אינדערפרי האָט דער קאָנווענט זיך געווענדט קעגן ראָבעספּיערן. אַ געוויסער טאַליען האָט אים געסטראַשעט מיט אַ קינזשאַל. אַז ער האָט געפּרוווט

רייזן, האט מען אים אריבערגעשריען, און דער פרעזידענט האט אים פארקלונגען מיטן גלאק. „פרעזידענט פון מערדערס, האט געשריען ראבעספיער, איך בעט א ווארט!“ נאר מען האט אים קיין ווארט ניט געגעבן. זיין שטים האט אים פארלאזן, ער האט געהוסט און געקייכט. „דאנטאנס בלוט דערשטיקט אים“, האט עמעצער געשריען.

ער איז באלד אויפן ארט באשולדיקט און ארעסטירט געווארן צוזאמען מיט די הויפט-אנהענגער זיינע.

דעמאלט איז דאס ראטהויז, וואס איז נאך געווען שטארק יאקאבינייש, אויפגעשטאנען קעגן דעם קאנווענט, און ראבעספיער און זיינע חברים זיינען געווארן ארויסגעריסן פון די הענט פון זייערע פאנגערס. עס איז געווען א נאכט פון פארזאמלען זיך, פון מארשן און קעגן-מארשן; צולעצט, ארום דריי אינדערפרי זיינען די מיליטערישע כוחות פון קאנווענט אנגעפאלן אויפן מיליטער פון דער קאמונע אויסערהאלב פון ראטהויז.

אנריא, דער יאקאבינישער קאמאנדיר, איז נאך א טאג ארבעט געווען טויט שיכור. עס האט זיך אנגעהויבן אן אונטערהאנדלונג, און דערנאך, נאך א קורצער וואקלעניש, זיינען די זעלנערס פון דער קאמונע אריבער אויפן צד פון דער רעגירונג. עס איז געווארן א שמחה און אן אויסבראך פון פאטריאטישע געפילן, און טייל פון ראטהויז זיינען אויך צוגעשטאנען. ראבעספיער און זיינע לעצטע חברים האבן זיך געזען אפגענארט און געפאנגען אין א פאסטקע.

צוויי אדער דריי פון זיי האבן זיך ארויסגעווארפן דורך א פענסטער און האבן זיך שרעקלעך צעמזיקט אן די שטאכעטן אונטן, אבער זיי האבן זיך ניט דערהרגעט אויף טויט. אנדערע האבן געפרוווט זיך נעמען דאס לעבן. ראביעספיער איז, ווייזט אויס, געטראפן געווארן אין אונטערשטן קין פון א שאס דורך א זשאנדארם. מען האט אים געפונען, די אויגן ארויסגעשטארצט פון א בלייכן פנים, וואס דער אונטערשטער טייל פון אים איז געווען פארבלוטיקט.

עס זיינען דערנאך געקומען זיבעצן שעה גסיסה פארן סוף. ער האט קיין איין ווארט ניט ארויסגערעדט אין משך פון דער צייט; זיין קין איז געווען רוי פארבונדן דורך א שמוציקן שטיקל לייוונט. ער און זיינע חברים, אויך די צעמזיקטע גוססדיקע קערפערס פון די

וואס זיינען דורכגעשפרונגען דורך די פענסטערס, סך הכל צוויי-און-צוואנציק מאן, זיינען אפגעפירט געווארן צו דער גיליאטינע, אנשטאט די פארמישפטע וואס האבן אין יענעם טאג באדארפט געטויט ווערן. זיינע אויגן זיינען על-פי-רוב געווען געשלאסן, אבער ער האט זיי געעפנט, זאגט קארלייל, ווען דאס גרויסע מעסער האט זיך אויפגעהויבן איבער אים, און האט זיך געווערט. אויך האט ער, ווייזט אויס, געשריען, בעת דער שארפריכטער האט ביי אים אראפגענומען דעם פארבאנד. דערנאך האט זיך אראפגעלאזן דאס מעסער, גרינג און דערבארעמדיק.

דער טעראר איז געווען געענדיקט. פון אנהייב ביזן סוף זיינען געווארן פארמישפט און געטויט ארום פיר טויזנט מענטשן.

---

## 12. די דירעקטאריע.

א באווייז פאר דער גוואלדיקער לעבעדיקייט און פאר דער טיפער ריכטיקייט פון יענעם שטראם פון נייע אידעאלן און צילן, וואס די פראנצויזישע רעוואלוציע האט אריינגעבראכט אין דער וועלט פון פראקטישער פארווירקלעכונג, איז דאס, וואס ער האט נאך געקאנט פליסן ווייטער אין א שעפערישן שטראם, נאכדעם ווי די רעוואלוציע איז געווארן צו קאריקאטור און חוזק אין דער משונהדיקער פיגור און קאריערע פון ראבעספיער. ער האט אנטפלעקט אירע טיפסטע געדאנקען, ער האט געוויזן מוסטערן פון אירע מעטאדן און רעזולטאטן דורך דער גרינער און פארקרימענדיקער לינז פון זיין אומגעלומפערטער גאווה און עגאיזם. ער האט פארפלעקט גאר איר האפענונג און צוזאג דורך בלוט און שרעק. און דאך איז דער כוח פון אירע אידעעס ניט געווארן פארטיליקט. זיי זיינען בייגעשטאנען די לעצטע פרווון פון לעכערלעכער און שרעקלעכער פארווירקלעכונג. נאכדעם ווי ראבעספיער איז געפאלן, האט די רעפובליק נאך רעגירט אומבאשעדיקט. אן פירערס, ווארעם די מאכטהאבערס נאך ראבעס-

פיערן זיינען געווען אַ גרופּע פון דורכגעטריבענע, אָבער מיטעלע מענטשן, האָט די אייראָפּעיִשע רעפּובליק ווייטער געקעמפט, איז געפאַלן און ווידער אויפגעשטאַנען, און ווידער געפאַלן און אויפגע־שטאַנען און קעמפט ווייטער, פאַרפלאָנטערט זיך אַמאָל, אָבער באַזיגן זי קאָן שוין קיין כּוח מער ניט.

און עס איז כדאי צו דערמאָנען דאָ דעם לעזער מכּוח דער אמתער גרייס פון אָט דעם פּאַזים פון טעראָר, וואָס פאַרכאַפּט



דער טעראָר בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פון 1792 ביז 1794.
לויט א געמעל.

אַזוי שטאַרק די פאַנטאַזיע, און וואָס איז דעריבער געוואָרן אַזוי גוואַלדיק איבערגעשאַצט לגבי דעם איבעריקן טייל פון דער רעוואָלוציע. פון 1789 ביז סוף 1791 איז די פראַנצויזישע רעוואָלוציע געווען אַ רויִקער פּראָצעס, און זינט דעם זומער 1794 איז די רעפּובליק געווען אַ געאָרדנטע און זיגרייכע מלוכה. דער טעראָר איז געווען דאָס טועכץ ניט פון גאַנצן לאַנד, נאָר פון דעם שטאָטישן פּעוול, וואָס האָט מיט זייז מהות און מיט זיין ווילדקייט געשטאַמט פון דער שלעכטער רעגירונג און פון דער סאָציאַלער אומגערעכטיקייט פון דער אַל־

טער ארדענונג. דער אויסבראך פון טעראר האט געקאנט פארקומען נאר אדאנק דער שטענדיקער בוגדישער אומלאיאלקייט פון די ראיאליסטן, וואס האט גערייצט כסדר דעם ווילדן צארן פון די ראדיקאלן און האט ניט דערלאזט, אז די מאסן געמעסיקטע רעפובליקאנער זאלן קומען צום ווארט. די בעסטע מענטשן זיינען געווען פארנומען מיט קעמפן קעגן די עסטרייכער און די ראיאליסטן ביי די גרענעצן.

סך הכל, מוזן מיר געדענקען, האט די צאל פון די דערהרגעטע אין טעראר באטראפן עטלעכע טויזנט מענטשן, און צווישן די דאזיקע טויזנטער זיינען זיכער געווען א גרויסע צאל אקטיווע קעגנערס, וואס די רעפובליק האט לויט די השגות פון יענער צייט געהאט דאס רעכט זיי צו טויטן. אזוי, למשל, זיינען געווען צווישן די געהרגעטע אזעלכע בוגדים און העצערס, ווי פיליפ, הערצאג פון ארלעאן, בין דעם פאלע ראיאל, וואס האט געשטימט פאר טויטן לודוויג XVI. מער לעבנס האבן אוועקגעפטרט די בריטישע גענעראלן אליין אין די ערשטע טעג פון דעם, וואס איז באוואוסט ווי די סאם-אפענסיווע פון יולי 1916, איידער די גאנצע פראנצויזישע רעוואלוציע פון אנהייב ביז סוף.

מיר הערן אזוי פיל וועגן די פארפייניקטע קרבנות פון דעם פראנצויזישן טעראר, ווייל זיי זיינען געווען אלע מענטשן פון יחוס, מיט גוטע פארבינדונגען, און מחמת עס איז געגאנגען א מין פראפאגאנדע פון זייערע ליידן. נאר לאמיר אנטקעגנשטעלן קעגן דעם אין אונזער גייסט דאס, וואס איז בכלל צוגעגאנגען אין די תפיסות פון יענער צייט אין גאר דער וועלט. אין דער זעלביקער צייט, ווען דער טעראר האט געוועלטיקט אין פראנקרייך, זיינען אין בריטאניע און אמעריקע א סך מער מענטשן געווארן אויסגעקוילעט פאר עבירות קעגן אייגנטום — און אפט זייער גרינגע עבירות — איידער דער רעוואלוציאנערער טריבונאל האט פארמשפט פאר פעלשונג קעגן דער מלוכה. יענע פארברעכערס זיינען געוויס געווען זייער פשוטע מענטשן, אבער זיי האבן דאך אין זייער פראסטן שטייגער געליטן. אין מאסאטשוזעטס האט מען 1789 אויפגעהאנגען א מיידל, וואס האט אינמיטן גאס אוועקגעגזלט ביי א צווייטער מיידל די הוט, די שיך און די בוקלעס. און דער פילאנטראפ האווארד (ארום 1773)

האָט געפונען אין די ענגלישע תפיסות אַ צאָל לחלוטין אומשולדיקע מענטשן, וואָס מען האָט זיי געמשפּט אין באַפרייט פון שטראָף, נאָר דאָך האָט מען זיי פאַרהאַלטן אין תפיסה, ווייל זיי זיינען ניט געווען בכּוח אָפּצוצאָלן דעם טורמע־וועכטער. און די דאָזיקע תפיסות זיינען געווען אמת מאויימדיקע ערטער, אָן שום געוועלטשאַפטלעכער השגחה איף זיי. און אין דער האַנאָווערשער הערשאַפט פון זיין בריטאַנישער מאַיעסטעט קיניג געאָרג III פלעגט מען נאָך פייניקן ביים פאַרהער אין געריכט. אין פראַנקרייך פלעגט מען פייניקן ביז צו דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. די דאָזיקע זאַכן באַצייכענען די מדרגה פון דעם דור.

עס איז ניט פאַרצייכנט אין די היסטאָרישע מקורים, אז בעת דעם טעראָר זאָלן די רעוואָלוציאָנערן האָבן עמעצן זומישנע געפּייניקט. עטלעכע הונדערט פראַנצויזישע אַדללייט זיינען אַריינגעפאַלן אין אַ גרוב, וואָס דער גרעסטער טייל פון זיי האָלט געווען גאַנץ צופרידן, איבּ זי וואָלט עקסיסטירט פאַר אַנדערע. עס איז טראַגיש, אָבער, לויט דער מאָס פון דער וועלט־געשיכטע, ניט קיין גרויסע טראַגעדיע. דער געמיינער מאַן אין פראַנקרייך איז געווען פרייער, האָט זיך געשפּירט בעסער און גליקלעכער בעת דעם „טעראָר“, איידער אין יאָר 1787.

די געשיכטע פון דער רעפּובליק נאָכן זומער 1794 וועַרט אַ געפּלאָנטערטע מעשה פון פּאָליטישע גרופּעס, וואָס האָבן פאַרשיידענע צילן, אָנגעהויבן פון ראַדיקאַלן רעפּובליקאַנער ביז צו אַ ראָיאַליסטישער רעאַקציע, אָבער אין גרויסן און גאַנצן דורכגעדרונגען מיט אַן אַלגעמיינעם פאַרלאַנג צו קומען צו וואָסער עס איז איינגעשטעלטן סדר אפילו פאַרן פּרייז פון באַטייטיקע הנחות. געווען אַ ריי אויפשטאַנדן פון יאַקאָבינער און ראָיאַליסטן. עס איז, ווייזט אויס, געווען אין פּאַריז אַ קלאַס מענטשן, וואָס מיר וואָלטן זיי ביי היינטיקן טאָג גערופן כוליגאַנעס, וואָס זיינען געווען גרייט זיך צו שלאָגן אין צו ראַבעווען איפן צד פון איטלעכער פּאַרטיי. פונדעסטוועגן האָט דער קאָנווענט געשאַפן אַ רעגירונג, די דירעקטאָריע פון פינף מיטגלידער, וואָס האָבן אין משך פון פינף יאָר געהאַלטן פעסט פראַנקרייך. דעם לעצטן אויפשטאַנד, דעם געפערלעכסטן פון אַלע, אין אָקטאָבער

1795, האט דערשטיקט מיט גרויס געשיקטקייט און ענערגיע אן אויפשטייגנדיקער יונגער גענעראל, נאפאלעאן באנאפארט.

די דירעקטאריע האט אפגעהאלטן ניצחונות איבער אויסווייניקסטע שונאים, אבער אין לאנד גופא איז זי ניט געווען שטארק. אירע מיטגלידער האבן זיך צו פעסט געהאלטן פאר דער מאכט מיט אירע פארגעניגנס און כיבודים, אז זיי זאלן וועלן אויסארבעטן א קאנסטיטוציע, וואס זאל זיי אראפזעצן. פון דער אנדער זייט זיינען זיי געווען צו ווינציק ערלעך, אז זיי זאלן קאנען אויספירן די ארבעט פון פינאנסיעלן און עקאנאמישן איבערבוי, וואס די לאגע אין פראנקרייך האט פארלאנגט. געגוג אנצורופן צוויי נעמען, צווישן זיי — קארנא, וואס איז געווען אן ערלעכער רעפובליקאנער, און באראס, וואס איז בפירוש געווען א זשוליק. זייער פינף-יאריקע רעגירונג איז געווען א משיקאווע צווישנשפיל אין דער דאזיקער געשיכטע פון גרויסע שינויים. זיי האבן זיך ניט שטארק אפגעגעסן דאס הארץ פון דעם וואס האט זיך געטאן ארום זיי. דער פראפאגאנדיסטישער ברען פון דער רעוואלוציע האט אוועקגעטראגן די פראנצויזישע ארמייען קיין האלאנד, בעלגיע, שווייץ, דרום-דייטשלאנד און צפון-איטאליע. אומעטום זיינען די מלכים געווארן ארויסגעטריבן און עס זיינען געווארן געגרינדעט רעפובליקן.

אבער דער דאזיקער פראפאגאנדיסטישער ברען פון דער דירעקטאריע האט ניט געשטערט איר אויסצורויבן די רייכטימער פון די באפרייטע פעלקער, בכדי גרינגער צו מאכן די פינאנסיעלע שווערקייטן פון דער פראנצויזישער רעגירונג. זייערע מלחמות זיינען אלץ ווינציקער און ווינציקער געווארן מלחמות פאר פרייהייט, און אלץ מער און מער ענלעך צו די אנפאל-מלחמות פון אלטן רעזשים. דער שטריך פון דער גרויס-מאנארכיע, וואס פראנקרייך איז געווען נוטה אפצוטאן פון זיך שפעטער ווי אלץ, איז געווען די אויסווייניקסטע פאליטיק. מען געפינט זי געגוי אזוי קרעפטיק אונטער דער דירעקטאריע, אזוי ווי עס וואלט גאר קיין רעוואלוציע ניט געווען.

## 13. די הפסקה אין דעם איבערבוי און דער באַגינען פון מאָדערנעם סאָציאַליזם.

עס איז געווען באַשיימפּערלעך, אַז דער גרויסער אַנפלייץ פון דער רעוואָלוציע אין דער וועלט, דער וואָס האָט געשאַפן די גרויסע רעפּובליק פון אַמעריקע און האָט געדרייעט צו פאַרפלייצן אַלע אייראָפּעישע מאָנאַרכיעס, האָט שוין גענומען אָפּפלייצן צוריק. עס האָט געהאַט דעם פּנים, ווי עפּעס וואָס פון אונטער דעם אייבערפלאַך פון די מענטשלעכע ענינים האָט זיך דורכגעריסן, געמאַכט אַ ריזיקע אָנשטרענגונג און אין משך פון אַ געוויסער צייט זיך אויסגעשעפּט. די רעוואָלוציע האָט אַראָפּגעשווענקט אַ סך פאַרעלטערטע און שלעכטע זאַכן. אָבער אַ סך בייז און אומרעכט איז נאָך געבליבן. זי האָט פאַרענטפערט אַ סך פּראָבלעמעס און האָט איבערגעלאָזט דעם פאַרלאַנג נאָך חברשאַפט און אָרדענונג פּנים־אל־פּנים מיט אַ סך גרעסערע פּראָבלעמעס, וואָס עס האָט אויסגעדאַכט, אַז זי האָט זיי ערשט אויפגעדעקט. פּריווילעגיעס פון איין מין זיינען פאַרשוואונדן, אַ סך טיראַניעס, רעליגיעזע רדיפות זיינען ניט געוואָרן. אַז די דאָזיקע זאַכן פון אַלטן רעזשים האָבן זיך געפעלט, האָט אויסגעדאַכט, אַזוי ווי זיי וואָלטן קיינעם ניט געאַרט. געאַרט אָבער האָט דאָס, וואָס ניט געקוקט אויף אַלע פרייהייטן און שטימ־רעכט, ניט געקוקט אויף גאָר דעם ברען און אימפּעט, איז דאָס געמיינע פאָלק נאָך ניט געווען פריי און האָט ניט גענאָסן אַ גלייכן וואוילשטאַנד; וואָס דער גוואַלדיקער צוזאָג אין די האָפענונג אויף אַ נייער וועלט, וואָס דערמיט איז די רעוואָלוציע געקומען, איז געבליבן ניט פאַרווירקלעכט.

נאָר נאָך אַלעמען האָט די כוואַליע פון דער רעוואָלוציע פאַרט רעאַליזירט כמעט אַלץ, וואָס איז פריער געווען קלאָר אין געדאַנק. עס איז ניט געווען קיין דורכבאַל, מחמת עס האָט אויסגעפעלט דער געהעריקער אימפּעט אויף דורכצופירן די געדאַנקען אין לעבן, נאָר עס זיינען ניט געווען קיין פאַרענדיקטע אידעעס. אַ סך זאַכן, וואָס האָבן געדריקט די מענטשהייט, זיינען

אָפּגעמעקט געוואָרן אויף אַלע מאָל. איצט, אַז זיי זיינען אָפּגעמעקט געוואָרן, איז געוואָרן קלאָר, ווי ניט־צוגעגרייט מענטשן זיינען געווען צוליב די שפּעטהישע מעגלעכקייטן, וואָס די אָפּמעקונג האָט זיי געגעבן. און פּעריאָדן פון רעוואָלוציע זיינען פּעריאָדן פון טאָן: אין זיי שניידן מענטשן די גערעטענישן פון אידעעס, וואָס זיינען געוואַקסן אין די צווישנדיקע תקופות, און זיי לאָזן איבער די פעלדער פריי פאַר אַ נייער וואַקס־צייט, נאָר זיי קאָנען ניט אַרויסברענגען מיטאַמאָל צייטיקע נייע אידעעס, וואָס זאָלן קאָנען פאַרענטפערן אַן אומגעריכטע רעטעניש.

עס זיינען אַראָפּגעשווענקט געוואָרן דער קיניג און דער לאָרד, דער גלח און דער אינקוויזיטאָר, דער ערד־איינגנטימער און שטייער־מאָנער און דער אַרבעט־אויפזעער, און די פאָלקס־מאַסע איז געבליבן שטיין צום ערשטן מאָל פּנים־אל־פּנים מיט געוויסע גרונט־שטרייכן פון סאָציאַלן געבוי, מיט געוויסע שייכותן, וואָס זיי האָבן געהאַלטן פריער פאַר פעסט־איינגעוואָרצלטע, און זיי האָבן קיינמאָל ניט געוואוסט, אַז עס לאָזט זיך גאָר שטעלן קשיות מכוח זיי. אינסטיטוציעס, וואָס עס האָט אויסגעוויזן, אַז זיי וואַקסן אַרויס פון דער נאַטור גופא, און זאַכן, וואָס עס האָט אויסגעדאַכט, אַז זיי קומען פאַר מיט דער זעלביקער נויטווענדיקייט, ווי דער זון־אויפגאַנג און דער אומקער פון פרילינג איטלעכס יאָר, — איז מען וועגן זיי דערגאַנגען, אַז זיי זיינען קינסטלעך געשאַפן, אַז מען קאָן זיי באַהערשן, אויב זיי וואָלטן ניט געווען אַזוי משונהדיק פאַרדרייט און געפּלאָנטערט, און איצט, אַז דער אַלט־איינגעשטעל־סדר איז געווען בטל, האָט מען זיי ניט אַנדערש געמוזט אַרונטערנעמען אונטער אַ באַוואוסטזיניקן קאָנטראָל און פון דאָסניי איינשטעלן, זיי זאָלן בעסער דינען. די נייע אָרדענונג האָט איצט געהאַט צו טאָן מיט דריי רעטענישן, וואָס זי איז אָבער גאָרניט געווען צוגעגרייט זיי צו באַשיידן: אייגנטום, געלט־פאַרקער און אינטערנאַציאָנאַלע באַציונגען.

לאָמיר נעמען כסדר די דאָזיקע פּראָבלעמען און פרעגן, וואָס זיינען זיי און ווי אַזוי קומען זיי אויף אין די מענטשלעכע ענינים. איטלעכן מענטשנס לעבן איז טיף מיט זיי פאַרקניפּט און אָפּגע־

האנגען פון זייער פארענטפער. וואס עס איז נאך איבערגעבליבן צו דערציילן פון דער מענטשליכער געשיכטע ווערט אלץ מער און מער קלאר, אז דאס איז די אנטוויקלונג פון די אנשטרענגונגען צו פארענטפערן די דאזיקע פראבלעמעס; דאס הייסט: אזוי איינטייטשן אייגנטום, אזוי איינשטעלן דעם געלט-פארקער, אזוי באהערשן די אינטערנאציאנאלע באציונגען, אז עס זאל מעגלעך זיין צו שאפן א פראגרעסיווע און גליקלעכע ווילנס-געמיינשאפט, וואס זאל ארומנעמען גאר די וועלט. דאס זיינען די דריי רעטענישן פון דעם גורל-ספינקס, וואס די מענטשהייט מוז פאר זיי געפינען א באשייד, זיסט וועט זי אומקומען.

די אידעע פון אייגנטום שטאמט פון די קאמפס-אינסטינקטן פון דעם מין. א צייט פריער, איידער מענטשן זיינען געווען מענטשן, איז דער עלטער-פאטער, די מאלפע, געווען אן אייגנטימער. פרימיטיווער אייגנטום איז דאס, פארוואס א חיה וויל קעמפן. דער הונט און זיין ביין, די טיגערין און איר הייל, דער בהמענדיקער הירש און זיין טשאטע, דאס זיינען אלץ ארויסווייזן פון אייגנטומס-אינסטינקט. עס איז ניטא קיין מער אומזיניקער אויסדרוק אין דער סאציאלאגיע, ווי דער טערמין „פרימיטיווער קאמוניזם”. דער זקן פון דעם פאמיליען-שבט פון די פרי-פאלעאליטישע צייטן האט זיך שטארק איינגעשטעלט פאר זיין אייגנטום-רעכט איבער זיינע ווייבער און טעכטער, איבער זיינע געצייג, איבער גאר דער וועלט, ווי ווייט זיין אויג האט דערלאנגט. אויב אן אנדער מענטש האט זיך פארבלאנדזשעט אין זיין וועלט אריין, האט ער מיט אים געקעמפט, און אויב ער האט געקאנט, האט ער אים דערהרגעט. דער שבט איז געוואקסן אין משך פון דורות, ווי עטקינסאן האט דייטלעך געוויזן אין זיין „פרימיטיווי געזעץ”, מחמת דער זקן האט אנגעהויבן בהדרגה לאזן לעבן יינגערע מענטשן און אנערקענען זייער אייגנטומס-רעכט אויף די פרויען, וואס זיי האבן געכאפט אויסער דעם שבט, און אויף די געצייג און ציהונג, וואס זיי האבן אליין געמאכט, און אויף דעם געווילד, וואס זיי האבן געפאנגען. די מענטשלעכע געזעלשאפט איז געוואקסן דורך דער פשרה צווישן דעם איינעמס אייגנטום און אט דעם נייעם. דאס

איז געווען אין גרויסן און גאנצן אַ פשרה און אַ בונד, וואָס
איז געוואָרן אויפגעצוואונגען דורך דער נויטווענדיקייט אַרויסצו־
שטופּן פון דעם זע־קרייז פון שבט וואָסער עס איז אַנדער שבט:
אויב די בערגלעך און די וועלדער און די טייכן זיינען ניט געווען
ניט דיין אייגנס און ניט מיין אייגנס, איז דאָס דערפאַר, ווייל
זיי האָבן געמוזט ווערן אונזער אייגנס. איטלעכער פון אונז
וואָלט גערן געווען, עס זאָל זיין מיין אייגנס, אָבער דאָס איז
ניט געגאַנגען: אין דעם פאַל וואָלטן די אַנדערע, די פרעמדע, אונז
אַלעמען אומגעבראַכט. אַזוי־אַרום איז געזעלשאַפט פון אָנהייב־
אָן די אָפּשוואַכונג פון אייגנטומס־רעכט. אייגנטום איז ביי דער חיה
און ביים ווילדן געווען אַ סך אַ שטאַרקערער געפיל, ווי דאָס
איז ביי היינטיקן טאָג אין דער ציוויליזירטער וועלט. עס איז פאַר־
וואָרצלט מער אין אונזערע אינסטינקטן, איידער אין אונזער שכל.

אין דעם נאַטירלעכן ווילדן און אין דעם אומגעבילדעטן
מענטשן ביי היינטיקן טאָג — וואָרעם מען דאַרף האַלטן אין זי־
נען, אַז קיין איין מענטש איז ניט אַוועק ווייטער פאַר פיר הונ־
דערט דורות פון דעם פרימיטיוון ווילדן מענטש — איז ניטאָ קיין
גרענעץ פאַר דעם קרייז פון אייגנטום. אַלצדינג, וואָס דו קאָנסט
געווינען אין קאַמף, איז דיינס: ווייבער, אַנגעקליבענע געפאַנגענע,
געכאַפּטע חיות, אַן אויסגעהאַקטער פּלאַץ אין וואַלד, אַ שטיין־האַ־
קעריי און וואָס ניט. אַז די געמיינשאַפט איז געוואַקסן, און עס
האָט זיך באַוויזן אַ מין געזעץ צו באַגרענעצן די טויט־שלעגערישע
קאַמפן, האָבן די מענטשן אַנטוויקלט רויע און פּראָסטע מעטאָדן
פון איינגעזעסענעם אייגנטומס־רעכט. מענטשן האָבן געמעגט האַלטן
פאַר אייגנס דאָס, וואָס זיי האָבן די ערשטע געמאַכט אָדער גע־
כאַפּט אָדער איך וואָס זיי האָבן אַרויסגעשטעלט די ערשטע תביעות.
עס האָט אויסגעוויזן נאַטירלעך, אַז אַ מענטש, וואָס קאָן ניט באַ־
צאָלן זיין חוב, זאָל ווערן דער אייגנטום פון זיין קרעדיטאָר. דאָס
נעמלעכע איז געווען, נאַטירלעך, אַז נאָכדעם ווי עמעצער האָט
אַרויסגעשטעלט אַ פּרעטענזיע, אַז אַ שטיק ערד געהער צו אים, האָט
ער געמעגט מאָנען אָפּצאָל פון אַן אַנדערן, ווער עס האָט גע־
וואָלט די ערד באַנוצן. נאָר פּאַוואָליע, אין דער מאָס, ווי עס האָט

ביי מענטשן איינגעשיינט די מעגלעכקייט פון אן ארגאניזירטן לעבן, האט אט־דאס אומבאגרענעצטע אייגנטומס־רעכט אויף אלץ אין דער וועלט גענומען ווערן אנערקענט פאר שעדלעך. מענטשן האבן זיך געפונען געבארן אין א וועלט, וואו אלץ איז אייגנטום און אויף אלץ ליגט א תביעה, — נאך מער, זיי האבן זיך אליין געפונען ווי אן אייגנטום און ווי א זאך, וואס עמעצער האט דערויף א תביעה. די סאציאלע קאמפן פון דער עלטערער ציוויליזאציע איז איצט שווער צו שילדערן, אבער די געשיכטע, וואס מיר האבן דערציילט וועגן דער רוימישער רעפובליק, ווייזט א געמיינשאפט, וואס כאפט זיך אויף צו דער אידעע, אז א חוב קאן ווערן אן עפנטלעכע אומבאקוועמלעכקייט און דארף ווערן אויסגעמעקט, און אז אומבאגרענעצטער אייגנטום אויף ערד איז אויך אן אומבאקוועמלעכקייט. מיר געפינען, אז די שפעטערדיקע בבל האט שטרענג באגרענעצט דאס אייגנטומס־רעכט אויף שקלאפן. און מיר געפינען צולעצט אין דער לערנונג פון יענעם גרויסן רעוואלוציאנער, ישו פון נצרת, אזא אנפאל אויף אייגנטום, וואס זיין גלייכן איז ביז אהער ניט געווען. ער האט געזאגט, אז גרינגער איז פאר א קעמל דורכגיין דורך א לעכל פון א נאדל, איידער פאר א רייכן מאן אריינצוגיין אין קיניגרייך פון הימל.

אין משך פון די לעצטע 25 ביז 30 יארהונדערטער איז, ווייזט אויס, געגאנגען א שטענדיקע, אנאויפהערדיקע קריטיק פון דעם, ווי ווייט מען בעדארף לאזן פרייהייט פארן אייגנטום. ניינצן הונדערט יאר נאך ישו פון נצרת געפינען מיר די גאנצע וועלט, וואס האט אנגענומען די קריסטלעכע לערנונג, איבערצייגט דערין, אז עס קאן ניט געמאלט זיין קיין אייגנטום־רעכט אויף מענטשן. אין דעם פרט איז פארגעקומען א גאנצע איבערקערעניש אין דעם באוואוסטזיין פון דעם כלל. און אויך דער געדאנק, אז „דער מענטש מעג טאן מיט זיין אייגנס, וואס ער וויל", איז בפירוש שטארק צע־טרייסלט געווארן בנוגע צו אנדערע מינים אייגנטום. אבער די וועלט פון אכצנטן יארהונדערט איז בנוגע צו דעם ענין געווען נאך אין דער סטאדיע פון שטעלן פראגעס. פאר איר איז נאך קיין זאך ניט געווען קלאר גענוג, און א כך וויכטיקע איינגעשטעלט גע־

נוג, אז זי זאל קאנען טאן עפעס. איינער פון אירע ערשטע אימפולסן איז געווען צו שיצן דעם אייגנטום קעגן דער זשעדנעקייט און צעשטער־גלוסט פון מלכים און קעגן דער עקספלואטאציע פון אדליקע אוואנטוריסטן. די רעוואלוציע האט אנגעהויבן מיטן שוץ פון פריוואט־אייגנטום. נאר אירע אויסגלייכערישע פארמולעס האבן זי געבראכט אין א צושטאנד פון קריטיק לגבי דעם זעלביקן אייגנטום, וואס זי איז אויפגעשטאנען אים צו באשיצן. ווי אזוי קאנען מענטשן זיין פריי און גלייך, אויב א סך פון זיי האבן ניט קיין שטיקל ערד צו שטיין דערויף און גארנישט צו עסן, און יענע, וואס האבן דאס, ווילן זיי ניט געבן ניט קיין וואוינונג ניט קיין עסן, סיידן זיי הארעווען פאר זיי? און ארעמלייט האבן זיך באקלאגט, אז זיי הארעווען איבער די כוחות.

דער ענטפער פון די יאקאבינער אויף דער רעטעניש איז געווען, אז מען דארף „צעטיילן“. זיי האבן געוואלט פארשטארקן אייגנטום און אויסשפרייטן אים אויף אלע מענטשן. ציענדיק צום זעלביקן צוועק מיט אן אנדער וועג, זיינען שוין אין 18טן יארהונדערט געווען אייניקע פרימיטיווע סאציאליסטן, — אדער גענויער, קאמוניסטן — וואס האבן געוואלט אינגאנצן „אפשאפן“ פריוואט־אייגנטום. ערשט, אז דאס 19טע יארהונדערט האט זיך אנטוויקלט, האבן מענטשן אנגעהויבן פארשטיין, אז אייגנטום איז ניט קיין פשוטע זאך, נאר א גרויסער קאמפלעקס פון אייגנסן מיט א פארשיידענעם ווערט און מיט א פארשיידענער ווירקונג, אז א סך זאכן (למשל, דעם מענטשנס גוף, דעם קינסטלערס געצייג, קליידער, צאן־בערשטלעך) זיינען אזא טיף פערזענלעך אייגנס, וואס קאן גארניט אנדערש געמאלט זיין, און עס איז פאראן א גאנץ גרויסע ריי זאכן — אייזנבאנען, פארשיידענע מינים מאשינעס, הייזער, קולטיווירטע סעדער, שפאציר־שיפלעך, למשל — וואס מען מוז איטלעכע זאך באזונדער באטראכטן, כדי צו באשטימען, ווי ווייט און מיט וואסערע באגרענעצונגען געהער דאס צום פריוואטן אייגנס, און ווי ווייט גייט דאס ארונטער אונטער געזעלשאפטלעכן אייגנס און באדארף ווערן געפירט און גענוצט דורך דער מלוכה צוליב דעם אינטערעס פון כלל.

מיר האָבן הונדערט מיט דרײַסיק יאָר פֿאַר, פֿאַר אַט=דעם ערשטן רעװאָלוציאָנערן דור, און אַ צײַט, װען מען האָט בסדר דיסקוטירט די פֿראַגע פֿון אײגנטום, אָבער אַפֿילו נאָך איצט איז די קריטיק פֿון אײגנטום מער אָן אומבאַשטימטער און לײדנשאַפֿטלעכער געפֿילס=אױסדרוק, װי אַ װיסנשאַפֿט. בײַ אַזעלכע אומשטאַנדן האָט גאָר אַנדערש ניט געקאָנט געמאָלט זײַן, אַז אין פֿראַנקרײַך פֿון 18טן יאָרהונדערט זאָל זיך אַנטפּלעקן עפּעס אַנדערש, װי דאָס בילד פֿון אומבאַשטימטע און געפּלאָנטערטע פֿאָלקס=באַװעגונגען, װאָס זוכן צוצונעמען דאָס אײגנס בײַ אײגנטימערס, און קלאַסן פֿון קלײנע און גרױסע אײגנטימערס, װאָס האַלטן זיך מיט די צײן פֿאַר אײגנטום און מאָנען קודם=כּל, אַז דאָס אײגנטומס=רעכט זאָל װערן געזיכערט.

ענג פֿאַרבונדן מיט דער אומבאַשטימטקײט פֿון די מענטשלעכע אידעען מכּוח אײגנטום איז געװען די אומבאַשטימטקײט פֿון זײערע אידעען מכּוח דעם געלט=פֿאַרקער. סײ די אַמעריקאַנישע און סײ די פֿראַנצײזישע רעפּובליק האָבן געהאַט ערנסטע שװעריקײטן אין דעם פּרט. דאָ האָבן מיר װידעראַמאָל צו טאָן מיט עפּעס אַזױנס, װאָס איז ניט פּשוט, נײַערט אַ גאַנצער קװאַל פֿון רגילותן, אײַנגעשטעלטע מנהגים, געזעצן און גײַסטיקע נטיות, װאָס פֿון אים שטײען אױף פּראָבלעמען, װאָס דערלאָזן ניט קײן באַשײד אין פּשוטע פֿאָרמולעס, אָבער װאָס האָבן בפֿירוש אַ גרונט=באַטײַט פֿאַר דעם טאָגטעגלעכן לעבן פֿון דער געמײנשאַפֿט. כּדי אַז די סאָציאַלע מאַשין זאָל פֿונקציאָנירן אָן שטער, מוז ניט אַנדערש זײַן אײַנגעשטעלט, אַז דאָס געצאָלט, װאָס דער מענטש קריגט פֿאַר זײַן טעגלעכער אַרבעט, זאָל זײַן פֿולװערטיק. בהדרגה איז אױסגעװאַקסן אין דער מענטשלעכער געשיכטע דער צוטרױ צו די טײַערע מעטאַלן און צו מטבעות, ביז עס איז פּראַקטיש געװאָרן פֿאַרשפּרײט איבער גאָר דער װעלט די זיכערקײט, אַז פֿאַר גוט געלט קאָן מען קױפֿן װאָס מען דאַרף אומעטום. נאָכדעם װי דאָס האָט זיך אײַנגעשטעלט, האָבן די רעגירונגען היפּש באַגרענעצט און פֿאַרפּלאָנטערט די זיכערקײט, װײַל זײ האָבן פֿאַרערגערט די מטבעות און פֿאַרביטן מעטאַל=געלט דורך פּאַפּירענע הבטחות צו צאָלן מיט מעטאַל=געלט. װי נאָר עס

פלעגן טרעפן ערנסטע פאליטישע און סאציאלע איבערשטעלונגען, פלעגט דער געלט-מעכאניזם אנהויבן פונקציאנירן שטייף און אומ-פינקטלעך.

סיי די פאראייניקטע שטאטן און סיי די פראנצויזישע רעפובליק האבן ביידע אנגעהויבן זייער געשיכטע אין א פאזיס פון פינאנ-ציעלע שוועריקייטן. ביידע רעגירונגען האבן אנטליען געלט און ארויסגעלאזט פאפירענע צוזאגן צו צאלן צינזן, מער צינזן, ווי זיי



נאפאלעאן באקוקט א מומיע בעת זיין עקספעדיציע אין עגיפטן 1793.

האבן געקאנט באקוועם צונויפברענגען. ביידע רעוואלוציעס האבן געבראכט דערצו, אז די מלוכה האט געמוזט מער אויסגעבן, ווי איינגעמען, און אין דער זעלביקער צייט איז אויך געשטערט גע-ווארן די קולטיווירונג פון דער ערד און די פראדוקציע, אזוי אז עס איז ווינציקער געווארן רייכטום, וואס מען האט געקאנט אים באשטייערן. ביידע רעגירונגען, וואס זיינען ניט געווען בכוח צו צאלן מיט גאלד, האבן געמוזט ארויסלאזן פאפיר-געלט, מיט א הבטחה צו צאלן אויף דער זיכערקייט פון די ניט-אנטוויקלטע שטרעקעס

לאַנד (אין אַמעריקע) אָדער פֿון די אָקערשט קאָנפֿיסקירטע מאַיאָנטקעס פֿון דער קירך (פֿראַנקרייך). אין בײדע פֿאַלן האָט דער סכום פֿון אַרויסגעלאָזטן געלט שטאַרק איבערגעשטייגט דעם צוטרוי פֿון די מענטשן צו דער נייער זיכערקייט. האָט מען גענומען איינציען געלד, באַהאַלטן דאָס מיט קונצן אָדער אַרויסשיקן פֿון לאַנד, כּדי צו צאָלן פֿאַר אַריינגעפֿירטע סחורות. און בײַם פֿאָלק זיינען פֿאַרבליבן פֿאַרשיידענע פּאַפּירלעך, אַנשטאָט מטבעות, וואָס אַלע האָבן געהאַט אַן אומבאַשטימטן און כּסדר זיך מינערנדיקן ווערט.

ווי קאָמפּליצירט עס איז דער אָפּשטאַם פֿון געלט, קאָן זיין פּראַקטישער באַטייט און דער צוועק, וואָס אים באַדאַרף ער דינען אין דער געזעלשאַפֿט, ווערן פֿאָרמולירט מער ווייניקער אין פּשוטע זאַצן. דאָס געלט, וואָס אַ מענטש קריגט פֿאַר זיין אַרבעט (גייסטיקע אָדער קערפּערלעכע) אָדער פֿאַר איבערגעבן זיין אייגנטומסרעכט איבער וואָסער עס איז באַנוץ־גוטס, מוז סוף־כּל־סוף קלעקן אויף איינצוקויפֿן צוליב זיין באַנוץ אַ מער ווייניקער גלייכן סכום פֿון פֿאַרנוץ־גיטער („פֿאַרנוץ־גיטער“ נעמען אַרום, לויט אונזער טערמינאָלאָגיע, די פֿאַרשיידנסטע זאַכן, אויך אַ נסיעה, ביכער צום לייענען אָדער טעאַטער־פֿאַרווײַלונג, דירה, מעדיצינישע הילף אאַז״וו). ווען איטלעכער אין אַ געמיינשאַפֿט איז דערמיט געזיכערט, און ער איז אויך זיכער, אַז דאָס געלט וועט ניט אָנווערן זיין קויפֿקראַפֿט, דעמאָלט איז דער געלט־פֿאַרקער — אין די פֿאַרטיילונג פֿון די גיטער דורכן האַנדל — אין אַ גוטן און צופֿרידנשטעלנדיקן צושטאַנד. דעמאָלט אַרבעטן מענטשן מיט חשק, און נאָר דעמאָלט.

אַט די הנחה, אַז די געלט־סיסטעם מוז זיין שטאַנדהאַפֿטיק און זיכער, איז די גרונט־הנחה, וואָס פֿון איר מוז אַרויסגיין די וויסנשאַפֿטלעכע אויספֿאָרשונג און באַהערשונג פֿון דעם געלט־פֿאַרקער. אָבער בײַ די שטאַנדהאַפֿטיקסטע תּנאים מוזן זיין שטענדיק שוואַנקונגען אין דעם ווערט פֿון געלט. די אַלגעמיינע סומע פֿון פֿאַרנוץ־גיטער, וואָס זיינען צו קויפֿן אין דער וועלט און אין פֿאַרשיידענע לענדער, איז פֿאַרשיידן פֿון יאָר צו יאָר און פֿון איין צייט פֿון יאָר ביז צום אַנדערן: האַרבסט איז מסתּמא אַ צייט פֿון רייכ־

קייט אין פארגלייך מיט פרי-יאר; אין דער מאס, וואס עס וואקסט דער סכום נוציקע גיטער אין דער וועלט, שטייגט די קויף-קראפט פון געלט, סיידן עס וואקסט צוגלייך דער סכום געלט. פון דער אנדער זייט, ווערט פארמינערט די פראדוקציע פון פארנוץ-גיטער, אדער עס ווערן פארנוץ-גיטער צעשטערט אין א גרויסער מאס, למשל, ווי אין קריג, דעמאלט ווערט דער סכום פון פארנוץ-גיטער, וואס זיינען רעפרעזענטירט דורך א געוויסער סומע געלט, קלענער, און פרייזן און שכירות שטייגן. אין א מאדערנער מלחמה צעשטערט דער אויפרייס פון איין גרויסער גראנאטע, אפילו אויב ער טוט קיין שאדן ניט אן, די ארבעט און דעם מאטעריאל, וואס זייער ווערט וואלט געקלעקט אויף אויסצובייען א דארפיש הויז אדער אויס-צוהאלטן א מענטשן א יאר צייט. אויב די גראנאטע טוט נאך אן שאדן אויך, דעמאלט מוז מען נאך צורעכענען דעם היזק צו דער פארמינערונג פון די פארברויך-גיטער. איטלעכע גראנאטע, וואס האט אויפגעריסן אין דער גרויסער מלחמה, האט פארקלענערט אויף א שטיקל דעם קויף-ווערט פון איטלעכער מטבע אין גאר דער וועלט. אויב עס וואקסט נאך דער סכום געלט-צייכנס אין משך פון א פעריאד צייט, ווען פארנוץ-גיטער ווערן פארצערט און ווערן ניט אין א גענוגער מאס פארפולט — און דאס איז דאך שטענדיק דער פאל ביי רעוואלוציאנערע און מלחמה-פירנדיקע רעגירונגען — דעמאלט איז די העכערונג פון די פרייזן און די ירידה פון דעם געלט-ווערט, וואס ווערט געצאלט אין שכירות, נאך גרעסער.

אונטער דעם צוואנג פון נויט טוען נאך די רעגירונגען אין די פאלן לייען געלט — דאס הייסט זיי לאזן ארויס פאפירן, וואס דארפן טראגן צינזן, געזיכערט דורך דעם ווילן און דער פעיקייט פון דער גאנצער געמיינשאפט צו צאלן כסדר שטייערן.

אזעלכע אפעראציעס וואלטן געווען שווער גענוג, אויב זיי וואלטן געווארן אויסגעפירט אפן פאר דער גאנצער וועלט דורך פולקום ערלעכע מענטשן, אין דער פולער שיין פון וויסנשאפט. נאר ביז אהער האט דאס נאך קיינמאל ניט געטראפן. בכל-אופן סטארעט זיך דער הורבגעטריבענער עגאיסט, דער שלעכטער מין צווישן די גבירים, ארויסצושלאגן פאר זיך עפעס רווח. אומעטום

געפינט מען אייך דעם טעמפּן עגאָיסט גרייט זיך איבערצושרעקן און פאַרכאַפּט צו ווערן פון אַ פּאַניקע. מחמת דעם ווייזט זיך באַלד אַרויס, אַז די מלוכה איז איבערגעלאָדן מיט צופיל געלט־צייכנס, וואָס איז בעצם אַ חוב, וואָס טראָגט ניט קיין צינזן, און מיט אַ גרויסער מיטא פון פּראָצענטן צו צאָלן פאַר חובות. וויבאַלד דער עפנטלעכער צוטרוי איז אויסגעוועבט, הייבט אָן ווילד צו וויגן זיך סיי דער קרעדיט און סיי דער געלט־ווערט. זיי זיינען, זאָגן מיר, דעמאָראַליזירט.

דער לעצטער פּועל־יוצא פון אַ פולקום דעמאָראַליזירטער געלט־סיסטעם וואָלט געווען דער סוף פון יעטווידער אַרבעט און יעטווידן האַנדל, ווי ווייט ער קאָן ניט זיין קיין בייט־האַנדל. מענטשן וואָלטן זיך אָפּגעזאָגט צו אַרבעטן, סיידן פאַר עסן, קליידער, דירה אָדער פאַר געצאָלט אין פּראָדוקטן. דער דירעקטער רעזולטאַט פון אַ ניט אינגאַנצן דעמאָראַליזירטער געלט־סיסטעם איז דאָס, וואָס די פּרייזן ווערן געהעכערט און דער האַנדל ווערט צו ספּעקולאַציע, און אַרבעטער ווערן פול מיט חשד און צערייצט. ביי אַזעלכע תּנאים וויל אַ מענטש אַ בריה האַלטן ביי זיך וואָס ווינציקער געלט; פאַר זיין סחורה וויל ער קריגן וואָס מער געלט, און קויפט איין וואָס געכער רעאַלע ווערטן, בכדי פּטור צו ווערן פון דעם פּאַפּיר־געלט, וואָס זיין ווערט האַלט כסדר אין פאַלן. אַלע, וואָס האָבן פעסטע הכנסות און האָבן אָפּגעשפּאָרט געלט, ליידן פון דעם אויפשטייג פון די פּרייזן, און די, וואָס לעבן פון שכירות, זעען באַלד איין, אַז דער רעאַלער ווערט פון זייערע שכירות האַלט אין איין פאַלן, און זייער כעס נעמט אַלץ שטייגן.

דאָס איז אַ צושטאַנד, ווען דער חוב פון איטלעכן פאַרשטאַנדיקן מענטש איז באַשטימפּערלעך צו העלפן ברענגען צוריק אָרדענונג און זיכערקייט. אָבער אַלע טראַדיציעס פון פּריוואַטער אונטערנעמונג, אַלע פאַרשטעלונגען, פון סוף 18טן יאָרהונדערט מוזן באַרעכטיקן די מעשים פון פאַרשפּיצטע און פלינקע געשעפטסלייט, וואָס שטאַרקן זיך צונויפקלייבן ביי זיך וואָס מער אייגנטום־רעכט און ממשותדיקע נחלאות בעת די שטורעמס און די איבערבייטן ביים אונטערגאַנג פון אַ וואַלוטע. די צאָל פאַרשטאַנדיקע

מענטשן, וואס האבן זיך פורגענומען ערלעך און פשוט אויפצוריכטן אן ערלעכע וואליוטע, וואס זאל גוט קאנען דינען איר צוועק, און ערלעכע תנאים פון קרעדיט, איז געווען קליין, און זיי האבן קיין ווירקונג ניט געהאט. דער גרעסטער רוב פון די פינאנץ-לייט און ספעקוליאנטן פון דער צייט האבן געשפילט די ראלע פון מאראדיארן, וואס האבן בארויבט די געפאלענע — בפירוש ניט דערפאר, ווייל זיי זיינען געווען באוואוסטזיניק אומערלעך, נאר זיי האבן געהאלטן זיך פאר די פיינסטע מענטשן, און אויך זייערע בני-דור האבן נאר געלויבט זיי און זיי מקנא געווען. דער צוועק פון איטלעכן מענטשן מיט א קאפ איז געווען אנצוקלייבן רעאלן רייכטום וואס מער און ערשט דערנאך צו שטאנד צו ברענגען א מין פעסט-סטאביליזירטן פאליטישן פראצעס, וואס וועט אים זיכערן, אז ער זאל קאנען פריי אויסנוצן די אנגעקליבענע עשירות. דאס זיינען געווען פאקטארן פון א שלעכטער עקאנאמישער אטמאספערע: פול מיט חשדים, קדחתדיק, ושעדנע, אנגעזועטיקט מיט ספעקולאציע.

די רעפובליק איז אויך ניט געקומען מיט פארטיקע, קלארע אידעעס בנוגע צו דער פראבלעמע פון אינטערנאציאנאלע באציונגען. אין דער ריכטונג האט די אנטוויקלונג געבראכט צו חורבנות, וואס האבן נאך פארשטארקט די פינאנציעלע און עקאנאמישע פארדרייענישן און מהומות, וואס האבן נאך מער געצוואונגען די מענטשן זיך אריינצוטאן אין זייערע פריוואטע עסקים און זיך אפצוגעבן נאר מיט געלט פארדינען. ביים אנהייב פון דער רעפובליק איז פראנקרייך געווען אין א צושטאנד פון מלחמה. א געוויסע צייט איז די מלחמה געווארן געפירט דורך פרייוויליק-מאביליזירטע מאסן, וואס האבן ארויסגעוויזן א פאטריאטישן ברען, וואס זיין גלייכן איז ניטא אין דער וועלט-געשיכטע. נאר דאס האט לאנג ניט געקאנט האלטן. די דירעקטאריע האט זיך איינגעפונען בראש פון א לאנד, וואס מאכט גרויסע באצווינגונגען, אין דער היים שטארק פארארעמט און פארדחקעט, נאר עס פארנעמט רייכע פרעמדע לענדער,

וואו עס ליגן אוצרות, ממש מיט הוילע הענט צו דערלאנגען. מיר זיינען אלע צווייענדיקע אין דער נשמה, און די פראנצויזן זיינען משמעות לאגיש און סימעטריש באזונדערס אנטוויקלט אין ביידע זייטן. פראנקרייך איז געקומען אין יענע לענדער אריין ווי אן אויסלייזוערין, ווי א לערערין פון רעפובליקאניזם פאר דער מענטש־הייט. האלאנד און בעלגיע זיינען געווארן די באטאווישע רעפוב־ליק, גענוע און איה ריוויערע — ליגורישע רעפובליק, צפון־איטאליע, — די ציס־אלפינישע רעפובליק, שווייץ האט גע־קראגן א נייעם נאמען: העלוועטישע רעפובליק. מילהאוי־זען, רוים און נעאפאל זיינען געווארן באשטימט פאר רעפובליקן. גרויפירט ארום פראנקרייך האבן די דאזיקע רעפובליקן באדארפט זיין ווי א שטערן־בילד פון פרייהייט, וואס פירט די גאנצע וועלט. דאס איז געווען די אידעאלע זייט. אבער אין דער זעלביקער צייט האט די פראנצויזישע רעגירונג און פראנצויזישע פריוואטע אונטערנעמער אין הסכם מיט דער רעגירונג פארנומען זיך מיט א פולקומער עקספלואטאציע פון די רייכטימער פון די דאזיקע בא־פרייטע לענדער.

אזוי הייבט די נייע פראנקרייך אן, אין משך פון צען יאר נאך די גענעראל־שלאכטן, אנצונעמען די געשטאלט פון דער אל־טער פראנקרייך. זי איז איבגעלעבטער, מעכטיקער; זי טראגט א פרייהייטס־הוט אנשטאט א קרוין. זי האט א נייע ארמיי, אבער א באשעדיקטן פלאט. זי האט נייע גבירים אנשטאט די אלטע גבירים, זי האט א נייעם פויערטום, וואס ארבעט אפילו שווערער פאר דעם אלטן און צאלט מער שטייערן; א נייע אויסערן־פאליטיק, טשיקאווע ענלעך צו דער אלטער אויסערן־פאליטיק. און קיין משיחס־צייטן זיינען ניטא.

## קאפיטל 36

# די קאריערע פון נאפאלעאן באנאפארט

1. די פאמיליע באנאפארט אין קארסיקע. 2. באנאפארט—א רעפובליקאנישער גענעראל. 3. נאפאלעאן דער ערשטער קאנסול, 1799—1809. 4. נאפאלעאן I, קיסר, 1804—1814. 5. די הונדערט טעג. 6. די קארטע פון אייראפע 1815. 7. סטיל אמפיר.

און איצט קומען מיר צו איינער פון די בולטסטע פיגורן אין דער מאדערנער געשיכטע, דער פיגור פון אן אוואנטוריסט און מאראדער, וואס זיין געשיכטע טוט אנטפלעקן מיט אן איסערגעוויינטלעכער בולטקייט דעם אלמענטשלעכן נשמה־קאנפליקט צווישן עגאיזם, פוסטער גאוה און אייגענעם אינטערעס מיט די שוואכערע, ברייטע פאדערונגען פון טובת הכלל. אויף דעם הינטערגרונט פון טומלעניש און צערודערטקייט און האפענונג, פון דער אנגעשפאנטער און אנגעשטרענגטער פראנקרייך און אייראפע, פון דעם שטורמישן און פארכטיקן באגינען — באוויזט זיך דער דאזיקער טונקעלער ארכאישער פארשוין, א הארטער, א געפאקטער, באגאבט, אבער אן געוויסן, נאכמאכעריש און היפש וואולגאר. ער איז געבארן (1769) אויף דעם נאך האלב־בארבארישן אינזל קארסיקע, א זון פון א מער פראזאישן פאטער, אן אדוואקאט, וואס איז צוערשט געווען א קארסיקאנישער פאטריאט קעגן דער פראנצויזישער מאנארכיע, וואס האט געפרווט אונטערטעניק צו מאכן קארסיקע, און איז דערנאך אריבער אויפן צד פון דעם אריינדרינגער. זיין מוטער איז געווען א מער ווידערשפעניקער כאראקטער, ליידנשאפטלעך פאטריאטיש און א שטארקע פרוי, וואס האט געפירט איר היים מיט א פעסטער האנט (זי פלעגט איר זון שמייסן; איין מאל האט זי געשמיסן נאפאלעאנען

מיט ריטער, בעת ער איז שוין געווען אלט 16 יאר). אין שטוב זיינען געווען א סך ברידער און שוועסטער, און די פאמיליע האט ניט געלאזט צו רו די פראנצויזישע רעגירונגס־ארגאנען מיט בקשות וועגן באלוינונגען און שטעלעס. חוץ נאפאלעאנען איז דאס געווען, ווייזט אויס, א „הונגעריקע“ משפחה פון דורכאויס גאנץ־יאר־מענטשן. ער איז געווען א יונג מיט א קאפ, מיט א שלעכטן כאראקטער און א בעל־העזה. פון זיין מוטער האט ער איבערגענומען א ראמאנטישן קארסיקאנישן פאטריאטיזם.

דורך דער פראטעקציע פון דעם פראנצויזישן גובערנאטאר פון קארסיקע האט ער געקראגן זיין דערציונג צוערשט אין דער מיליטער־שול פון בריען, און שפעטער אין דער מיליטער־שול פון פאריז, און פון דארט איז ער ארויס אין דער ארטילעריע אין יאר 1785. ער האט פלייסיק געלערנט מאטעמאטיק און געשיכטע, זיין זכרון איז געווען אויסגעצייכנט גוט, ער האט פארשריבן א סך נאטיץ־העפטן, וואס זיינען נאך איצט פאראן. די דאזיקע נאטיץ־העפטן באווייזן ניט קיין אויסנאמלעך הויכע אינטעליגענץ, און עס זיינען אין זיי פאראן קורצע שטיקער פון אריגינעלע אויפזאצן — וועגן זעלבסטמארד און ענלעכע שילערישע טעמעס. ער איז פרי ארונטערגעפאלן אונטער דער השפעה פון רוסא; ער האט אנטוויקלט סאנטימענטאליטעט און פאראכטונג צו די פארדארבנקייטן פון דער ציוויליזאציע. אין יאר 1786 האט ער אנגעשריבן א פאמפלעט קעגן א שווייצער פאסטאר, וואס איז אנגעפאלן אויף רוסא. ער האט געחלומט וועגן א זעלבשטענדיקער קארסיקע, באפרייט פון די פראנצויזן. בעת דער רעוואלוציע איז ער געווארן א הייסער רעפובליקאנער און אן אונטערשטיצער פון דער נייער ארדענונג אין קארסיקע. עטלעכע יאר, ביז צום פאל פון ראבעספיער, איז ער געווען א יאקאבינער.

---

## 2. באנאפארט—א רעפובליקאנישער גענעראל.

ער האט גיך געקראגן א שם פאר א נוציקן און פעיקן אפיציר, און דורך ראבעספיערס יינגערן ברודער האט ער געכאפט זיין ערשטן שאנס זיך אויסצוצייכענען אין טולאן. די ראיאליסטן האבן געהאט

איבערגעענטפערט טולאן צו די ענגלענדער און שפאניער, און א פאראייניקטער פלאט האט געהאלטן באזעצט דעם האפן. באנאפארטן איז געגעבן געווארן די קאמאנדע איבער דער ארטילעריע, און אונטער זיין אנפיר האבן די פראנצויזן געצוואונגען די פארבינדעטע צו פארלאזן דעם האפן און די שטאט.

באלד נאכדעם איז ער געווארן באשטימט פאר א קאמאנדיר פון דער ארטילעריע אין איטאליע, אבער ער האט נאך ניט געהאט באוויזן צו פארנעמען די שטעלע, ווי ראבעספיער איז געפאלן, און עס האט אויסגעוויזן, אז דאס איז אויך זיין סוף: מען האט אים ארעסטירט ווי א יאקאבינער, און א שטיקל צייט איז ער געווען אין סכנה צו קומען אונטער דער גיליאטינע. אבער די סכנה איז באלד פארביי. מען האט אים געשיקט ווי א קאמאנדיר פון דער ארטילעריע אין א ניט-געראטענעם אנפאל אויף קארסיקע, און פון דארט איז ער געקומען צוריק קיין פאריז (1795) מיט גארניט. מאדאם זשינא שילדערט אין אירע זיכרונות זיין דאן פנים און זיין אפגעלאזענעם הילוך אין יענער צייט, „זיינע שלעכט געקאמטע, שלעכט געפודערטע האר זיינען אראפגעהאנגען איבער זיין גראען אויבער-בגד", זיינע הענט אן הענטשקעס און זיינע שלעכט געשווארצטע שטיוול. עס איז געווען א צייט פון אויסגעמאטערטקייט אין רעאקציע נאך די שטרענגקייטן פון דער יאקאבינישער רעפובליק. „אין פאריז, זאגט האלאנד ראז, איז דער שטערן פון פרייהייט פארבלאסט געווארן קעגן מערקור, מארס און ווענוס" — פינאנסן, אוניפארמעס און סאציאלער רייץ. די בעסטע צווישן די מאסן-מענטשן זיינען געווען אין די ארמייען, וויט אריבער די גרענעצן. מיר האבן שוין פארצייכנט דעם לעצטן אויפשטאנד פון די ראיאליסטן אין יענעם יאר (1795). נאפאלעאנס מזל האט אים צוגעדינט, וואס ער איז געווען אין פאריז, און ער האט אין דער מעשה געהאט זיין צווייטן שאנס. ער האט געראטעוועט די רעפובליק פון דער דירעקטאריע.

זיינע פעיקייטן האבן געמאכט א גרויסע רושם אויף קארנא, דעם אויפריכטיקסטן צווישן די מיטגלידער פון דער דירעקטאריע. חוץ דעם, האט ער חתונה געהאט מיט א רייצנדיקער יונגער אלמנה, מאדאם זשאזעפינע דע באהארנע, וואס האט געהאט א גרויסע השפעה

אויף באַראַסן. ביידע זאַכן צוזאַמען האָבן דאָס געהאָלפן כסתמא צו פאַרזיכערן אים די קאָמאַנדע אין איטאַליע.

מיר האָבן דאָ קיין אָרט ניט פאַר דער געשיכטע פון זיין גלענצנדיקער קאַמפּאַניע אין איטאַליע (1796 — 1797), נאָר מיר מוזן זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דעם גייסט, וואָס אין אים איז געפירט געוואָרן די אינוואַזיע קיין איטאַליע, מחמת דאָס אילוסטרירט אַזוי בולט די צווייענדיקע נשמה פון פראַנקרייך און פון נאַפּאָלעאָנען, און עס באַווייזט, ווי אַזוי רעוואָלוציאָנערער אידעאַליזם איז פאַרבלאַסט געוואָרן אַנטקעגן פּראַקטישער נויטווענדיקייט. ער האָט אַרויסגעלאָזט פּראָקלאַמאַציעס צו די איטאַליענער, אַז פראַנקרייך קומט צו צערייסן זייערע קייטן — און דאָס איז טאַקע געווען ריכטיק. און צו דער דירעקטאָריע האָט ער געשריבן: „איך וועל אויסמאָנען פון דעם לאַנד 20.000.000 פראַנק; עס איז איינס פון די רייכסטע אין דער וועלט". און צו די סאָלדאַטן האָט ער געזאָגט: „איר זייט אויסגעהונגערט און כמעט נאַקעט... איך פיר אייך אַריין אין דעם פרוכפּעריקסטן טאָל אין דער וועלט. איר וועט דאָרט געפינען גרויסע שטעט, רייכע פּראָווינצן, כבוד, גדולה, רייכטום"...

מיר אַלע האָבן אַזאַ געמישטן כאַראַקטער; נאָר אַזעלכע רייד, געשריבן פון אַ יונגן מענטשן פון זיבן־און־צוואַנציק יאָר, ווייזן קענטיק, אַז די פאַרגילדונג פון אַ כבודיקן אידעאַליזם איז אָפּגעריבן געוואָרן אין אַ ניט געוויינטלעך פריען עלטער.

זיינע ניצחונות אין איטאַליע זיינען געווען גלענצנדיקע און פּולקומע. ער האָט געוואָלט גיין קיין איטאַליע, הייל דאָרט איז געלעגן די צוציענדיקסטע אויפגאַבע. ער האָט ריזיקירט מיט זיין פּאָזיציע אין דער אַרמיי דורכדעם, וואָס ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען אויף זיך די נידנע אַרבעט פון אַ קאָמאַנדיר קעגן די מורדים אין דער וואַנדעע. ער האָט זיך געהאַט אָנגעלייענט אַ סך מיט פּלוטאַרכס „לעבנס־באַשרייבונגען" און מיט דער הוימישער געשיכטע, און זיין ביז גאָר אַקטיווע פאַנטאַזיע איז געווען פאַרנומען מיט חלומות צו מאַכן אויפלעבן די באַצווינגונגען פון די רוימער אין מזרח. ער האָט אָפּגעראַמט פון זיין וועג די ווענעציאַנישע רעפּובליק, דורכדעם וואָס ער האָט זי צעטיילט צווישן פראַנקרייך און עסטרייך, און די

יאנישע אינזלען און דעם ווענעציאנישן פלאט האט ער צוגענומען פאר פראנקרייך. דער דאזיקער שלום, דער שלום פון קאמפא פארמיא, איז געווען א שלעכט געשעפט פארביידע צדדים. די נייע רעפובליק פראנקרייך האט געהאלפן אפקוילען אן אלטע רעפובליק — נאפאלעאן האט דורכגעפירט דאס זייניקע קעגן א באטייטיקן פראטעסט־טומל אין פראנקרייך — און עסטרייך האט געקראגן ווענעציע, דאס לאנד, וואו עס איז איר אין יאר 1916 געווען באשערט אויסצוגיין מיט בלוט. עס זיינען נאך געווען פארבאהאלטענע פונקטן, וואס לויט זיי האבן פראנקרייך און עסטרייך שפעטער באדארפט צונעמען נאך טעריטאריעס אין דרום דייטשלאנד.

אבער ניט נאר דער רוימישער דראנג קיין מזרח האט איצט געריצט נאפאלעאנס מוח. איטאליע איז דאך געווען דאס לאנד פון צעזארן — און צעזאר איז געווען א שלעכטער ביישפיל פאר א זיגרייכן גענעראל פון א ניט זייער שטאנדהאפטיקער רעפובליק.

צעזאר איז געקומען צוריק קיין רוים פון גאליע ווי א העלד און א באצווינגער. זיין נאכמאכער האט געוואלט קומען אהיים פון עגיפטן און אינדיע — עגיפטן און אינדיע האבן באדארפט ווערן זיין גאליע. די עלעמענטן פון דער מפלה האבן געשטאכן די אויגן. דער וועג קיין עגיפטן און אינדיע איז געווען איבערן ים, און די ענגלענדער זיינען געווען, ניט געקוקט אויף צוויי אקערשטיקע בונטן, שטארקער ווי די פראנצויזן אויפן ים. חוץ דעם, איז עגיפטן געווען א טייל פון דער טערקישער אימפעריע, און אין יענע טעג איז זי נאך געווען א כוח, וואס מען האט ניט געטארט אוועקמאכן מיט דער האנט. פונדעסטוועגן האט ער איבערגערעדט די דירעקטאריע, וואס איז געווען געפלעפט פון זיינע אויפטוען אין איטאליע, זי זאל אים לאזן גיין. איז א גרויסער פלאט אין מאי 1798 אפגעשוואומען פון טולאן, האט פארנומען מאלטא, און זיין מזל האט אים צוגעשפילט, וואס ער האט זיך ניט צונויפגעטראפן מיטן ענגלישן פלאט און איז אנגעקומען קיין אלכסנדריא. אויף דער גיך האט ער אראפגעזעצט זיינע זעלנער אויף דער יבשה, און די שלאכט ביי די פיראמידעס האט איבערגעענטפערט עגיפטן אין זיינע הענט.

דער הויפט=טייל פון ענגלישן פלאָט איז אין יענער צייט געווען אין אַטלאַנטישן אָקעאַן אויף יענער זייט קאַדיקס, נאָר דער אַדמיראַל האָט אָפּגעטיילט אַן עסקאַדרע פון זיינע בעסטע שיפן אונטער וויצע=אַדמיראַל נעלסאָן — וואָס איז געווען פונקט אַזאַ זשעני אין שיף=ענינים, ווי נאַפּאָלעאָן אין מיליטער=ענינים — ער זאָל כאַפּן און פאַרטיליקן דעם פראַנצויזישן פלאָט. אַ שטיקל צייט האָט נעלסאָן אומזיסט אַרומגעזוכט דעם פראַנצויזישן פלאָט. צולעצט, דעם 1טן אָווגוסט פאַרנאַכט, האָט ער אים געפונען פאַראַנקערט אין דער בוכטע פון אַבוקיר. ער האָט אים געכאַפּט אומגעריכטערהייט; אַ סך מענטשן זיינען געווען אויפן ברעג, און עס איז געוואָרן אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג אויף דעם פלאַג=שיף. נעלסאָן האָט קיין קאַרטעס ניט געהאַט, און עס איז געווען אַ ריזיקאַלישע זאַך אַריינצוּוועגלען אין אַ פלאַכן וואַסער ביי אַ שלעכטער בין-השמשותדיקער באַלייכטונג. מחמת דעם האָט דער פראַנצויזישער אַדמיראַל גערעכנט, אַז דער קעגנער וועט ניט אַטאַקירן פריער פאַר מאָרגן אינדערפרי, און אַזוי אַרום האָט ער זיך ניט געאײַלט צוריקצורופן זיינע מענטשן אויף די שיפן, ביז עס איז שוין געווען צו שפּעט דאָס צו טאָן. נאָר נעלסאָן האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט אַמאָל — קעגן דער עצה פון עטלעכע זיינע קאַפּיטאַנען. נאָר איין שיף האָט זיך געזעצט אויפן גרונט. זי האָט אָנגעצייכנט דעם פלאַכן אָרט פאַרן איבעריקן פלאָט. ביים זון-זעצן-זיך האָט נעלסאָן אַריינגעזעגלט צו דער אַטאַקע אין אַ צווייענדיקער ליניע, האַלטנדיק די פראַנצויזן צווישן צוויי פייערן. די נאַכט איז צוגעפאַלן, בעת די שלאַכט האָט זיך פאַרקניפּט; די שלאַכט האָט געדונערט און געהילכט אין דער פינסטערניש, ביז זי איז באַלד באַלויכטן געוואָרן דורך די פלאַמען פון די ברענענדיקע פראַנצויזישע שיפן, און דערנאָך דורך דעם פלאַקער פון דער פראַנצויזישער פלאַגשיף Orient, וואָס איז געוואָרן אויפגעריסן... פאַר האַלבער נאַכט איז די שלאַכט פון נילוס געווען געענדיקט, און נאַפּאָלעאָנס פלאָט איז געווען צעשטערט. נאַפּאָלעאָן איז געווען אָפּגעשניטן פון פראַנקרייך.

האָלאַנד ראָזע, ציטירנדיק דעם פראַנצויזן היסטאָריקער טיערן, זאָגט, אַז די עגיפּטישע עקספּעדיציע איז געווען „דער דרייסטסטער

פּרוּוו, וואָס די געשיכטע געדענקט". נאַפּאָלעאָן איז געבליבן אין עגיפּטן בעת די טערקן האָבן געקליבן זייערע כוחות קעגן אים און זיין אַרמיי האָט געליטן פון דער פּעסט. פונדעסטוועגן האָט ער אַ שטיקל צייט נאָך געפּרוּווט אויספירן זיין מזרחדיקן פּלאַן. ער האָט געוואונען אַ ניצחון ביי יפו, און היות ווי ביי אים איז געווען קנאַפּ פּראָוויזיע, האָט ער אויסגעקוילעט אַלע געפאַנגענע. דערנאָך האָט ער געפּרוּווט איינצונעמען עכּו, וואו עס איז אויסגענוצט געוואָרן קעגן אים זיין אייגענע באַלעגערונגס-אַרטילעריע, וואָס די ענגלענדער האָבן געהאַט אָקאָרשט פאַרכאַפּט אויפן ים. צוריקגעקערט אַ צעטומלטער קיין עגיפּטן, האָט ער געוואונען אַ גלענצנדיקן ניצחון איבער אַ טערקיש חייל ביי אַבוקיר, און דערנאָך, פאַרלאָזן די אַרמיי אין עגיפּטן — זי האָט זיך דאָרט געהאַלטן ביז 1801, און דעמאָלט האָט זי זיך אונטערגעגעבן אַן ענגלישן חייל — האָט ער זיך בשתיקה אַרויסגעכאַפּט קיין פראַנקרייך (1799). קוים מיט צרות האָט ער אויסגעמיידט געפאַנגענשאַפט מצד אַן ענגלישן קרייצער פון סיציליע.

דאָס וואָלט געווען אַ גענוגע מפּלה, בכדי צו דיסקרעדיטירן אַ גענעראַל — אויב די מעשה וואָלט געוואָרן באַוואוסט. נאָר די זעלביקע ענגלישע קרייצערס, וואָס האָבן אים שיר ניט גענומען געפאַנגען, האָבן אים געהאָלפן, ווייל זיי האָבן ניט געלאָזט דורכגיין קיין איין ידיעה וועגן דעם אמתן מצב אין עגיפּטן, כּדי זי זאָל דערגרייכן צום פראַנצויזישן פאָלק. ער האָט געקאָנט מאַכן אַ גרויסן טראַסק וועגן שלאַכט ביי אַבוקיר און אויסבאַהאַלטן די מפּלה ביי עכּו. אין פראַנקרייך איז דער מצב דעמאָלט גראָד ניט געווען גוט. עס זיינען געווען מיליטערישע מפּלות אין עטלעכע ערטער. עס איז פאַרלאָרן געגאַנגען אַ סך פון איטאַליע, באָנאַפּאַרטס איטאַליע, און דאָס האָט געווענדט דעם געדאַנק פון אַ סך מענטשן צו אים, ער זאָל דאָס אַרויסראַטעווען פון דער לאַגע. חוץ דעם, זיינען געווען אַ סך גנבות ביי געזעלשאַפטלעכע געלטער, און אַ טייל פון זיי זיינען אַרויסגעקומען צו דער ליכטיקער שיין. פראַנקרייך איז געווען אין אַ סטאַדיע פון פינאַנסיעלן סקאַנדאַל, און נאַפּאָלעאָן איז אין קיין געלט-דרייעריען ניט געווען פאַרמישט. דאָס פּובליקום איז געווען אין צושטאַנד פון

מאראלישער מידקייט, ווען מען האט געגארט נאך א שטארקן און ערלעכן מאן, וואס זאל טאן וואונדער, וואס זאל איסהיילן אלע וואונדן, וואס זאל אליין טאן דאס בעסטע, וואס איטלעכער פארלאנגט. דאס פאלק האט זיך איינגערעדט, אז אט דער יונגער מאן מיטן שטרענגן פנים, וואס איז גראד ווי צוגעשיקט געווארן צו דער רעכטער צייט פון עגיפטן, איז דאס דער שטארקער און ערלעכער מאן, וואס מען דארף אים האבן — דער צווייטער וואשינגטאן.

נאפאלעאן האט דעם פארלאנג פון זיין צייט באפרידיקט, אבער איבן גרונט פון זיין נשמה איז געווען ניט וואשינגטאן, נאר צעזאר. מען האט בשתיקה צוגעגרייט א פארשווערונג צו פארבייטן די דירעקטאריע הורך דריי „קאנסולן" — עס האט דעם פנים, ווי מען וואלט דעמאלט געהאט צו פיל געלייענט היימישע געשיכטע — וואס דער עלטסטער פון זיי האט באדארפט זיין נאפאלעאן. די פרטים פון דער דאזיקער פארשווערונג זיינען צו פארפלאנטערט אויף צו דערציילן זיי דא אויף דעם ארט, וואס מיר פארמאגן. איין פונקט פון דעם פלאן איז געווען: צעטרייבן דעם ראט פון די פינף הונדערט, אזוי ווי קראמוועל האט געטאן בשעתו בנוגע צו דער אונטערשטער פאלאטע. ביי דעם עסק האט נאפאלעאן אנגעוואוירן זיין חוצפה. די דעפוטאטן האבן גענומען אויף אים שרייען און שטופן אים, און ער האט זיך קענטיק דערשראקן. ער איז שיר ניט געפאלן הלשות, ער האט זיך פארהיקעט און גארנישט ניט געקאנט זאגן. נאר די סיטואציע האט געראטעוועט זיין ברודער לוסיען, וואס האט געבראכט זעלנער און צעטריבן די פארזאמלונג. אט דער קליינער אפהאלט האט ניט געשאדט דעם לעצטן ניצחון פון דעם פלאן. די דריי קאנסולן האבן זיך באזעצט אין פאלאץ לוקסעמבורג, צוזאמען מיט צוויי קאמיסארן, וואס האבן באדארפט איבערארבעטן די קאנסטיטוציע.

איצט האט נאפאלעאן געקראגן צוריק זיין גאנצע העזה, און היות ווי ער איז געווען זיכער, אז דאס פאלק וועט אים אונטערהאלטן, האט ער גערעדט הארבע דיבורים מיט זיינע קאלעגן און מיט די קאמיסארן. עס איז אויסגעארבעט געווארן א קאנסטיטוציע, וואס לויט איר האט דער העכסטער באאמטער פון דער רעפובליק באדארפט הייסן דער ערשטער קאנסול, און ער האט פארמאגט א

גרויסע מאכט. ער האט באדארפט זיין נאפאלעאן; דאס איז געוועזן א טייל פון דער קאנסטיטוציע. ער האט באדארפט ווערן ווידער אויסגעקליבן, אדער אויף זיין ארט אוועקגעזעצט אן אנדערע, צום סוף פון צען יאר. ער האט באדארפט האבן צו זיך א מליכה-ראט, וואס ער אליין האט געהאט צו באשטימען און וואס זיין עובדא איז געוועזן אויסצוארבעטן געזעץ-פראיעקטן און אריבערשיקן זיי צו צוויי קערפערשאפטן, דער געזעצגעבערישער קערפערשאפט (וואס האט געמעגט די פארשלאגן אפשטימען, אבער ניט דיסקוטירן וועגן זיי)



דער אויפרייס פון דער פראנצויזישער פלאגשיף אין דער שלאכט פון נילוס, 1 אויגוסט 1798. לויט א געמעל.

און דעם טריבונאט (וואס האט געמעגט דיסקוטירן, אבער ניט שטימען); די ביידע קערפערשאפטן זיינען אפגעקליבן געווארן דורך א באשטימטן סענאט פון צווישן א באזונדער קלאס מענטשן, די פירנעמע לייט, די „נאטאבעלן פון פראנקרייך“, וואס זיינען אויסגעקליבן געווארן דורך די „נאטאבעלן פון די דעפארטאמענטן“, וואס זיינען אויסגעקליבן געווארן דורך די „נאטאבעלן פון די געמיינדעס“, וואס זיי זיינען צולעצט אויסגעקליבן געווארן דורך די געוויינטלעכע וויילערס. דאס שטים-רעכט אויף אויסצוקלייבן די נאטאבעלן פון די געמיינדעס

איז געווען אן אלגעמיינע. דאס איז געווען דער איינציקער סימן פון דעמאקראטיע אין דער משונהדיקער פיראמידע.

די דאזיקע קאנסטיטוציע איז געווען דער עיקר די בשותפישע אויסארבעטונג פון א חשובן פילאסאף סיעס, וואס איז געווען איינער פון די דריי קאנסולן, און פון נאפאלעאנען. נאר פראנקרייך איז געווען אזוי איינגעמאטערט מיט אירע צרות און מי, און אזוי שטארק האבן מענטשן געגלויבט אין די גוטע מידות און אין די פעיקייטן פון אט דעם מאן, וואס א געשיכטלעכער גורל האט איבער אים געהויערט, אז בעת מען האט די דאזיקע קאנסטיטוציע געלאזט אפשטימען דורכן פאלק, האט זי געקראגן 3.011.007 שטימען קעגן 1562. פראנקרייך האט בפירוש אליין זיך ארייגעלייגט אין באנאפארטס הענט, און האט געהאפט צו לעבן אין שלום, אין גליק און גדולה.

---

### 3. נאפאלעאן—דער ערשטער קאנסול, 1799—1804.

געוויס האט קיין מענטש ניט געהאט נאך אזא געלעגנהייט. דא איז געווען א לאגע, ווען א מענטש וואלט זיך געביגן פאר שרעק פאר זיך אליין, און וואלט געזוכט איינצושטעלן זיין הארץ, צו דינען גאט און די מענטשן, ווי ווייט ער קאן. די אלטע ארדענונג איז געווען טויט אדער האט געהאלטן אין שטארבן; איבערלייטע נייע כוחות האבן זיך ארומגעיאגט איבער דער וועלט, זוכנדיק א פארם און א ריכטונג. דער צוזאג פון א וועלט-רעפובליק און פון א דויערנדיקן וועלט-שלום האט געשעפטשעט אין א סך צעהודערטע געמיטער. פראנקרייך איז געווען אין זיין האנט, זיין געצייג צו טאן וואס אים איז וואויל-געפעלן, מיט א ווילן פאר שלום, אבער אויך צוגעגרייט צו מלחמה ווי א פיינע שווערד. צוליב דער דאזיקער גרויסער געלעגנהייט האט קיין זאך ניט געפעלט, חוץ אן אידעלער פאנטאזיע. היות ווי נא-פאלעאן האט דאס ניט פארמאגט, האט ער געקאנט ניט מער ווי אנבלאזן זיך אויפן שפיץ פון דעם דאזיקן גרויסן באזע פון מאכט, ווי א הענדל אויף א מיסטהויפן. די פיגור, וואס ער שטעלט פאר אין דער געשיכטע, איז די פיגור פון א במעט אומגלויבלעכער גאווה,

פון אַ טעמפּער פאַראַכטונג און ביטול צו יענע אַלע, וואָס האָבן אים געטרויט, און פון אַ גראַנדיאָזער נאָכמאַלפּעריי צעזאַרן, אַלעכּסאַנדרן און קאַרל דעם גרויסן, וואָס וואָלט געווען עכט קאָמיש, אויב עס וואָלט ניט געווען פאַרדעקט מיט מענטשלעכן בלוט. ביז „גאָט איז געוואָרן פון אים דורכגעשטאָכן“, ווי וויקטאָר הוגאָ זאָגט אויף זיין פאַטעטישן שטייגער, און ער איז אַוועקגעשליידערט געוואָרן אָן אַ זייט אין אַ ווינקל, כּדי צו ענדיקן זיינע טעג, אויסטייטשנדיק כּסדר, ווי קלוג עס זיינען געווען זיינע מיאוסטע גרייזן, אַרומבלאָנקענדיק איבער זיין חושכדיקן הייסן אינזל, שיסנדיק פייגלען און אַרומקריגנ־דיק זיך געמיין מיט אַ שלעכט עדוקירטן טורמע־אויפזעער, וואָס האָט אים ניט אַרויסגעוויזן דעם געהעריקן „רעשפּעקט“.

זיין קאַריערע ווי דער ערשטער קאָנסול איז געווען אפשר דער צום ווינציקסטן אומכּבודיקסטער פּאַזיס אין זיין קאַריערע. ער האָט אַריינגענומען אין האַנט די צעפּאַלענע מיליטערישע ענינים פון דער דירעקטאָריע, און נאָך אַ שווערער קאַמפּאַניע אין צפון־איטאַליע האָט ער געבראַכט די זאַך צו אַ גמר אין דעם ניצחון פון מאַרענגאָ ביי אַלעסאַנדריאָ (1800). דאָס איז געווען אַ ניצחון, וואָס האָט מאָ־מענטנווייז זיך דערנענטערט כּמעט צו אַ מפּלה. אין דעצעמבער דעם זעלביקן יאָר האָט גענעראַל מאָראָ, אינמיטן שניי און בלאָטע און אין אַ לעצט מיאוסן וועטער דערלאַנגט אַ באַטויבנדיקע מפּלה דער עסטרייכישער אַרמיי ביי האָהענלינדען. אויב נאַפּאָלעאָן וואָלט געהאַט געוואונען די דאָזיקע שלאַכט, וואָלט זי געמעגט זיין צוגערעכנט צו זיינע כאַראַקטעריסטישע און גלענצנדיקסטע אויפטוען. די דאָזיקע געשעענישן האָבן געמאַכט מעגלעך דעם געהאָפטן שלום. אין יאָר 1801 איז אונטערגעחתמעט געוואָרן דער פּרעלימינאַר־שלום מיט ענגלאַנד און עסטרייך. שלום מיט ענגלאַנד, דער שלום פון אַמיען, איז געשלאָסן געוואָרן אין יאָר 1802, און נאַפּאָלעאָן האָט איצט געקאָנט זיך אָפּגעבן פריי מיט דער שעפערישער מלוכה־קונסט, וואָס אין איר האָט זיך גענייטיקט פראַנקרייך, און אייראָפּע דורך פראַנק־רייך. די מלחמה האָט געהאַט געגעבן דעם לאַנד אויסגעברייטערטע גרענעצן, דער אָפּמאַך מיט ענגלאַנד האָט ווידער אויפגעריכט די קאָלאָניאַלע אימפּעריע פון פראַנקרייך און איבערגעלאָזט זי אין אַ

לאַגע פון זיכערקייט, וואָס האָט איבערגעשטייגט די ווייטסטע חלומות פון לודוויג XIV. נאַפּאָלעאָן האָט געהאַט די מעגלעכקייט אויסצואַרבעטן און צו פאַרפעסטיקן די נייע אָרדענונג, צו שאַפן אַ מאָדערנע מלוכה, וואָס האָט געדאַרפט ווערן אַ לייכט־טורעם און אַ מקור פון באַגייסטערונג פאַר אייראָפּע און פאַר גאָר דער וועלט.

ער האָט אַפילו ניט געפּרוווט טאָן אַזאַ מין זאַך. זיין קליינע, נאָכמאַכערישע פאַנטאַזיע איז געווען פול פון דעם חלום, אַז ער איז ווידער צעזאַר. ער האָט געפּלאַנעוועט צו מאַכן זיך פאַר אַן אמתן קיסר, מיט אַ קרוין אויפן קאָפּ, און אַז אַלע זיינע קאָנקורענטן און זיינע שולחבֿרים און זיינע גוטע פריינד זאָלן זיך בוקן פאַר אים. דאָס האָט אים ניט געקאָנט געבן מער מאַכט, וואָס ער זאָל זי ניט האָבן שוין, נאָר עס וואָלט געווען מער גלאַנץ און פּראַכט — זיין מוטער וואָלט געוואָרן נישתּומם. וואָס האָט אַזאַ מין קאָפּ געהאַט צו ענטפערן אויף די גלענצנדיקע שעפערישע פאָדערונגען פון דער צייט?

נאָר צוערשט האָט פראַנקרייך געמוזט ווערן רייך. אַ הונגעריקע פראַנקרייך וואָלט געוויס ניט איבערגעטראָגן קיין קיסר. ער האָט זיך פירגענומען אויסצופירן אַן אַלטן פּלאַן פון וועגן, וואָס לודוויג XV האָט שוין געהאַט באַשטעטיקט; ער האָט אַנטוויקלט קאַנאַלן אויף נאָכצומאַכן די ענגלישע קאַנאַלן; ער האָט רעאָרגאַניזירט די פּאָליציי און האָט געמאַכט דאָס לאַנד זיכער און היות ווי ער האָט צוגעגרייט די סצענע פאַר זיין פּערזענלעכער דראַמע, האָט ער זיך פירגענומען צו מאַכן, אַז פּאַריז זאָל אויסזען ענלעך צו רוים, מיט קלאַסישע אַרקעס, מיט קלאַסישע קאָלאָנעס. עס זיינען געווען ניציק וואונדערלעכע פּלענער צו אַנטוויקלען דאָס באַנק־וועזן, און ער האָט זיי אויסגענוצט. אין אַלע די דאָזיקע זאַכן איז ער געגאַנגען מיט זיין צייט; דאָס אַלץ וואָלט געשען—מיט ווינציקער אויטאָקראַטיע, מיט ווינציקער צענטראַליזאַציע — אַפילו אויב ער וואָלט גאָרניט געבאָרן געוואָרן.

ער האָט זיך אויך אַריינגענומען אין קאָפּ אָפּצושוואַכן די רעפּובליקאַנער, וואָס זייערע גרונט־איבערצייגונגען האָט ער געפּלאַנעוועט צו אונטערדריקן. ער האָט צוריקגערופן די „עמיגראַנטן", בתּנאי

זיי זאלן געבן באפרידיקנדיקע פארזיכערונגען צו רעספעקטירן די נייע ארדענונג. א סך פון זיי זיינען מסכים געווען מיט גרויס חשק צו קומען צוריק אויף אזעלכע תנאים און צו לאזן די בורבאנען פארזינקען אין פארגעסעניש. און ער האט אויסגעארבעט א גרויסן שלום-אפמאך מיט רוים, דעם קאנקארדאט. רוים האט באדארפט אים אונטערהאלטן, און ער האט באדארפט איינפריכטן דעם אויטאריטעט פון רוים אין די פאראפיעס. אן רעליגיע, האט ער געקלערט, וועט פראנקרייך זיך ניט לאזן ביינגן און פירן, ווי ער וויל, אן רעליגיע וועט זי זיך ניט לאזן אנבינדן קיין נייע מאנארכיע. „ווי קאנט איר האבן ארדענונג אין א מלוכה, האט ער געזאגט, אן א רעליגיע? די געזעלשאפט קאן ניט עקסיסטירן אן אומגלייכקייט פון פארמעגן, און דאס קאן זיך ניט האלטן אן רעליגיע. אויב איין מענטש שטארבט פון הונגער אין דער זעלביקער צייט, וואס א צווייטער בשכנות פון אים איז קראנק פון איבערעסן זיך, וועט ער ניט קאנען שלום מאכן מיט דעם אונטערשייד, סיידן עס זאל זיין אזא אויטאריטעט, וואס דערקלערט: — „דאס איז גאטס רצון: עס מוזן זיין ארעם און רייך אויף דער וועלט; ערשט שפעטער און אין דער אייביקייט וועט זיין אן אנדער צעטיילונג". רעליגיע — און בפרט פון דער לעצטער רוימישער מארקע — האט ער געמיינט, איז אן אויסגעצייכנטער מיטל צו האלטן רויק דאס פאלק. אין זיינע יאקאבינישע יארן האט ער איבער דעם זעלביקן טעם די רעליגיע געשענדט.

א צווייטער גרויסער אויפטו, וואס באצייכנט דעם פארנעם פון זיין פאנטאזיע און זיין אפשאץ פון דער מענטשלעכער נאטור, איז געווען די גרינדונג פון דעם ערן-לעגיאן, א פלאן אויסצופוצן פראנצויזן מיט שטיקלעך בענדלעך, אויסגערעכנט אויף אפצוהוענדן כבוד-זוכערס פון איבערקערערישע מעשים.

נאפאלעאן האט זיך אויך אינטערעסירט מיט דער קריסטלעכער פראפאגאנדע. אט דאס איז נאפאלעאנס קוק אויף דעם פאליטישן נוצן פון קריסטנטום, א קוק, וואס האט באפארבן די פראנצויזישע מיסיאנערישע טעטיקייט פון יענער צייט און ווייטער: „מיין וואונטש איז ווידער איינצושטעלן די אינסטיטוציע פאר מיסיאן אין אויסלאנד; ווארעם די רעליגיעזע מיסיאנערן קאנען זיין זייער נוציק

פֿאַר מיר אין אזיע, אַפֿריקע און אַמעריקע, ווייל זיי וועלן פֿאַר מיר אויספֿאָרשן די לענדער וואָס זיי באַזוכן. די הייליקייט פֿון זייער בגד וועט לאַ די וואָס באַשיצן זיי, נאָר אויך דינען אויף אויסצובאַהאַלטן זייערע פּאָליטישע און קאָמערציעלע אויספֿאָרשונגען. דער צענטער



קיסר נאפאלעאן I אין זיין קרוינונג־פּוץ. לויט דעם געמעל פון לעפעוור אין ווערסאיל.

פֿון דער מיסיאָנערישער אינסטיטוציע באַדאַרף מער ניט זיין אין רוים, נייערט אין פּאַריז.

דאָס זיינען גיכער געדאַנקען פֿון אַ הערבגעטריבענעם סותר, איידער פֿון אַ מלוכה־מאַן. אויך זיין באַציִונג צו בילדונג ווייזט די זעלביקע

בלינדקייט בנוגע די רעאַליטעטן פון דעם באַגינען אַרום איס. ער האָט כמעט גאָרניט געהאַלטן פון עלעמענטאַר-בילדונג. ער האָט דאָס געלאָזן איבערן באַראַט פון אָרטיקע מאַכט-אָרגאַנען, צי זיי ווילן איינפירן פאָלקס-בילדונג צי ניט, און האָט באַשטימט, די לערערס זאָלן קריגן געצאָלט פון דעם שכר-לימוד פון די תלמידים. עס איז קלאָר, אַז ער האָט ניט געוואָלט, אַז דאָס געמיינע פאָלק זאָל קריגן בילדונג: ער האָט ניט געהאַט קיין שמץ פון פאַרשטאַנד דערפאַר. ער האָט זיך אָבער אינטערעסירט מיט הויכשולן און מיט טעכנישע שולן, מחמת זיין מלוכה האָט זיך גענייטיקט אין דעם דינסט פון פאַרשטאַנדיקע, שטרעבערישע און וואויל-געלערנטע מענטשן. דאָס איז געווען אַ גוואַלדיקער רעגרעס לגבי דעם גרויסן פּלאַן, וואָס קאָנדאָרסע האָט אָנגעצייכנט פאַר דער רעפּובליק אין יאָר 1792, וועגן אַ פולער סיסטעם פון פרייער בילדונג פאַר דער גאַנצער נאַציע. פּאַוואָליע, נאָר זיכער ווערט קאָנדאָרסעס פּראָיעקט פאַרווירקלעכט: די גרויסע פעלקער זיינען געצוואונגען אַלץ מער און מער צו ברענגען אים נעענטער צו פאַרווירקלעכונג, און נאַפּאָלעאָנס אויסטראַכטענישן פאַרלירן דעם אינטערעס פאַר אונז. וואָס איז שייך דער בילדונג פון די מוטערס און ווייבער פון אונזער ראַסע, איז דאָס געווען דער שפּיץ פון נאַפּאָלעאָנס חכמה: „איך האַלט, אַז מיר באַדאַרפן זיך ניט דרייען דעם קאָפּ מיט אַ פּלאַן פון בילדונג פאַר יונגע פרויען; זיי קאָנען ניט ווערן בעסער דערצויגן, ווי דורך זייערע מוטערס. קיין עפנטלעכע דערציונג פּאַסט פאַר זיי ניט, וואָרעם זיי זיינען קיין מאָל ניט באַרופן צו ווירקן עפנטלעך. פאַר זיי זיינען מאַנירן אַלץ, און חתונה האָבן איז פאַר זיי דער איינציקער אויסקוק".

דער ערשטער קאָנסול איז ניט געווען פריינדלעכער צו פרויען אין דעם געזעץ-בוך, וואָס טראָגט זיין נאָמען, דעם Code Napoléon. אַ ווייב, למשל, האָט ניט, לויט דעם געזעץ-בוך, קיין מאַכט איבער איר אייגנס; זי געפינט זיך אין איר מאַנס הענט. דאָס דאָזיקע געזעץ-בוך איז אין גרויסן און גאַנצן דאָס ווערק פון דעם מלוכה-ראַט. נאַפּאָלעאָן האָט קענטיק גיכער געשטערט ווי געהאָלפן זיינע באַראַטונגען. ער פלעגט זיך אַריינרייסן בעת די זיצונגען

אָן זיך צו מעלדן פריער און מכבד זיין די מיטגלידער מיט לאַנגע מאַנאַלאָגן, וואָס האָבן אָפּטמאָל קיין שייכות ניט געהאַט צום ענין וואָס איז געוואָרן באַטראַכט. דער ראַט פלעגט אויסהאָרכן מיט גרויס רעשפּעקט: דאָס איז געווען אַלץ וואָס דער ראַט האָט גע־קאָנט טאָן. ער פלעגט האַלטן די מיטגלידער פון זיין ראַט ביז שפּעט אין דער נאַכט, און פלעגט זיך נאָך גרייסן דערמיט, וואָס ער קאָן שפּעט זיין אויף. מיט אַ באַזונדער צופרידנקייט ערמאָנט ער זיך אָן די דאָזיקע דיסקוסיעס אין זיינע שפּעטערדיקע יאָרן און באַמערקט ביי איין געלעגנהייט, אַז זיין גרויסקייט באַשטייט ניט דערין, וואָס ער האָט געוואונען פערציק שלאַכטן, נאָר דערין, וואָס ער האָט גע־שאַפן דעם Code Napoléon... ווי ווייט ער האָט אַוועקגעשטעלט קלאָרע כללים אָנשטאָט די סודותפולע געזעצן, וואָס ניט האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין זייער פשט, איז זיין „קאָדעקס" געווען אַ גוטע זאַך: ער האָט צונויפגעקליבן, איבערגעקוקט און קלאָר געמאַכט אַ גרויסן צעוואָרפענעם הויפן פון געזעצן, אַלטע און נייע. פּונקט ווי גאָר זיין אויפבוי־אַרבעט, איז דער קאָדעקס באַשטימט אויף צו ווירקן תּיכּף. ער האָט באַשטימט זאַכן און פאַרהעלטענישן אַזוי, אַז מענטשן האָבן געקאָנט באַלד אַרבעטן לויט זיי, אָן זיך צו קלערן אַ סך. פּראַקטיש האָט דאָס געהאַט ווינציקער באַטייט, וואָס ער האָט שלעכט זיי דעפינירט. אין אָט דער געזעצגעבונג האָט ניט געשטעקט קיין אינטעלעקטועלע מאַכט, וואָס מען מוז אָפּשיידן פון אינטעלעקטועלער ענערגיע. זי האָט אָנגענומען אַלצדינג וואָס עק־סיסטירט פאַר פעסט און אומפאַרענדערלעך. די גרונט־אידעעס פון דער ציוויליזירטער געזעלשאַפט אין פון די תּנאים פון מענטשלעכער צוזאַמענאַרבעט האָבן געהאַלטן אין איבערבייטן זיך — און נאַ־פּאַלעאָן האָט דאָס קיין מאָל ניט באַמערקט. ער האָט אָנגעכאַפּט אַ פאָזיס פון בייט און האָט געפּרוּווט אים צו פיקסירן אויף שטענדיק. ביזן היינטיקן טאָג איז פראַנקרייך איינגעשנורעוועט אין אָט דעם קאָרסעט פון אָנהייב 19טן יאָרהונדערט, וואָס אין אים האָט ער זי איינגעבונדן. ער האָט פעסט איינגעשטעלט דעם מצב פון דער פרוי, דעם מצב פון אַרבעטער, דעם מצב פון פּויער; ביזן היינ־טיקן טאָג צאַפּלען זיי אין דער נעץ פון זיינע האַרטע דעפיניציעס.

אַזוי האָט נאַפּאָלעאָן זיך אַריינגענומען אין זיגען צו פּענטען פראַנקרייך. דאָס דאָזיקע פּענטען איז געווען נאָר אַ טייל פון גרעסערע פּלענער, וואָס האָבן אים באַהערשט. זיין פאַנטאַזיע איז געווען איינגעשטעלט אויף אַ נייעם צעזאַריזם. אין יאָר 1802 האָט ער זיך געלאָזט מאַכן פאַרן ערשטן קאָנסול אויף לעבנס-צייט מיטן כּוח צו באַשטימען נאָך זיך אַ יורש, און זיין קלאָר אויסגעדריקטער מיין צו אַנעקסירן האָלאַנד און איטאַליע, ניט געקוקט אויף די התחייבותן פון דעם אָפּמאַך, זיי זאָלן בלייבן זעלבשטענדיק, האָט גלייך פון אָנהייב אָן צעטרייסלט דעם שלום פון אַמיען. היות אָבער ווי זיינע פּלענער האָבן געמוזט אַרויסרופן אַ מלחמה מיט ענגלאַנד, האָט ער געדאַרפט וואַרטן, וואָס עס זאָל ניט זיין, ביז וואַנען ער וועט האָבן געבראַכט זיין פלאָט צו אַזאַ צושטאַנד, ער זאָל זיין שטאַרקער פאַרן בריטישן פלאָט. ער האָט געהאַט אין זיין רשות גרויסע מיטלען אויף בויען שיפן, די ענגלישע רעגירונג איז געווען אַ שוואַכע, און דריי צי פיר יאָר וואָלט געהען גענוג, כּדי אַריבערצובייגן דעם גלייכוואָג. נאָר ניט געקוקט אויף זיין ביטערער דערפאַרונג אין עגיפּטן, האָט ער קיין מאָל ניט פאַרשטאַנען די וויכטיקייט פון אַ ים-מאַכט. אין יאָר 1803 האָט ער פאַרנומען שווייץ, און דאָס האָט צוגעאײַלט דעם קריזיס — עס איז ווידער אויסגעבראָכן אַ מלחמה מיט ענגלאַנד. אויפן אָרט פון שוואַכן עדינגטאָן האָט זיך געשטעלט בראָש פון דער ענגלישער רעגירונג דער גרעסערער פּאָליטיקער פּיט. נאַפּאָלעאָנס געשיכטע ביזן סוף פון זיין קאַריערע בלייבט אַ געשיכטע פון מלחמות.

בעת דעם פּעריאָד פון קאָנסולאַט האָט דער ערשטער קאָנסול שטאַרק געזאָרגט דערפאַר צו העלפן זיינע ברידער און שוועסטער צו קומען צו אַ מעמד. דאָס איז געווען גאַנץ מענטשלעך, זייער משפּחהדיק און קאָרסיקאַניש, און דאָס העלפט אונז גראָד צו באַנעמען ווי אַזוי ער אַליין האָט געשאַצט זיין לאַגע און די מעגלעכקייטן, וואָס זיינען אים געגעבן געוואָרן. אַ גרויסער פאַקטאָר אין נאַפּאָלעאָנס לעבנס-וועג איז געווען דער פאַרלאַנג צו פאַרחידושן די משפּחה באָנאַפּאַרט אין זייערע שכנים, זיי זאָלן זיין געפּלעפּט פון התפּעלות. ער האָט זיינע ברידער אומעטום אַרויסגערוקט, — נאָר זיי זיינען געווען די געוויינטלעכסטע מענטשן פון אַ גאַנץ יאָר.

מער ניט איין מענטש, וואָס האָט אים גוט געקענט, איז פון אים גאָרניט נתפעל געוואָרן. דאָס איז געווען זיין מוטער. ער האָט איר געשיקט געלט אויף אויסצוגעבן און פאַרחידושן די שכנים. ער האָט איר צוגערעדט, זי זאָל ווייזן דער וועלט, אַז זי קאָן זיך עפּעס פאַרגינען, זי זאָל לעבן, ווי עס פּאַסט פאַר זיער מוטער פון אַזאַ וואונדערהעלד, וואָס טרייסלט איף די וועלט. נאָר די גוטע פרוי, וואָס האָט געשמיסן דעם קומענדיקן העלד צו 16 יאָר, וויל ער האָט געמאַכט גרימאַסן אַנטקעגן זיין באָבען, איז ניט געוועזן נתפעל און האָט זיך ניט געלאָזט אָפּנאַרן פון אים, בעת ער איז געווען 32 יאָר. גאַנץ פראַנקרייך מעג זיך אים פאַרגעטערן, זי לאָזט זיך ניט געגאַרן. זי האָט זיך ווייטער געפירט איר באַשיידן לעבן, און דאָס געלט האָט זי באַהאַלטן. „אַז די גדולה וועט זיין פאַרבײַ, האָט זי געזאָגט, וועסטו זיין צופרידן מיט די אָפּשפּאָרונגען, וואָס איך האָב געמאַכט“.

---

## 4. נאַפּאָלעאָן I, קיסר, 1804—1814.

מיר וועלן דאָ ניט פונאַנדערקלייבן די פּרטים, ווי אַזוי נאַפּאָלעאָן איז געוואָרן קיסר. זיין קרוינונג איז געווען די איינפאַכסטע נאָכמאַכונג, וואָס מען קאָן זיך אויסמעלן. איצט איז שוין צעזאָר מער ניט קיין מוסטער; נאַפּאָלעאָן האָט איצט געשפּילט קאַרל דעם גרויסן. ער איז געווען געקרוינט פאַר אַ קיסר, אָבער ניט אין רוים, נאָר אין דער קאַטעדראַלע נאָטר דאַם אין פּאַריז. מען האָט אַראָפּגעבראַכט פון רוים דעם פּויפּס (פּיוס VII), כדי אָפּצוריכטן די צערעמאָניע; אַז עס האָט געהאַלטן גאָר בײַם סוף, האָט נאַפּאָלעאָן אָפּגערוקט דעם פּויפּס אָן אַ זייט, גענומען די קרוין און זיך אַליין געקרוינט. אַזוי האָט ער דאָס מקיים געווען די מצווה, וואָס קאַרל דער גרויסער האָט אָנגעזאָגט זיין זון לודוויג. אין יאָר 1806 האָט נאַפּאָלעאָן אויפגעוועקט תחית־המתים נאָך אַ בכבודיקע אַלטערטימלעכקייט: ווייטער אין די פוסטריט פון קאַרל דעם גרויסן האָט ער זיך געלאָזט קרוינען אין דער קאַטעדראַלע פון מילאַן מיט דער אייזערנער קרוין פון לאָמבאַרדיע.

איצט האָבּן די פיר טאָכטער־רעפּובּליקן פון פראַנקרייך בּאַ־
דאַרפט ווערן קיניגרייכן. אין יאָר 1806 האָט ער אַוועקגעזעצט זיין



א סצענע אין הויף פון קיסר נאַפּאָלעאָן מיט דער קיסרינע זשאָזעפינע.
מיר האָבּן דאָ אויך מוסטערן פון טיפּישע קאָסטיומען פון דער אימפּעריע.

בּרודער לוי אין האָלאַנד און זיין בּרודער זשאָזעף אין נעאַפּאָל.
די דאָזיקע מלוכות פון צווייטן ראַנג האָבּן געשפּילט א געוויסע ראָלע

מחמת דעם פֿרייען איבערדרוקן די גרענעצן, וואָס מען האָט זיך דערלויבט ביי שאַפֿן זיי, ביי דער פֿאַראייניקונג פֿון איטאַליע און דייטשלאַנד, אָבער זייער געשיכטע איז צו פֿיל געפּלאָנטערט און פֿאַרביי־גייענ־דיק, אַז מיר זאָלן קאָנען איר אָפּגעבן אַן אָרט אין דעם „קאָנטור“.

דער אָפּמאַך צווישן דעם נייעם קאַרל און דעם נייעם לעאָ האָט ניט געהאַלטן לאַנג. אין יאָר 1807 האָט ער גענומען רייצן דעם פּויפּסט, און 1811 האָט ער אים גאָר איינגעשלאָסן ווי אַ געפֿאַנגענעם אין פֿאָנטענעבלאָ. עס ווייזט אויס, אַז קיין גרויסער שכל איז אין די אַלע טועכצן ניט געווען. זיי האָבן פֿון אים דערווייטערט די קאַטוילישע עפֿנטלעכע מיינונג, פּונקט ווי זיין קרוינונג האָט אָפּגעשטויסן די ליבעראַלן. ער איז געשטאַנען איצט ניט פֿאַר דעם אַלטן, ניט פֿאַר דעם נייעם. דאָס נייע האָט ער אָפּגענאַרט, דאָס אַלטע האָט ער ניט פֿאַרשטאַנען צו געווינען. ער איז איצט געשטאַנען נאָר פֿאַר זיך אַליין.

עס איז, דוכט זיך, אויך געווען גאָר אַ קנאַפּער שכל אין דער איבערווייניקסטער פּאָליטיק, וואָס האָט איצט אַריינגעשליידערט אייראָפּע אין אַ נייער שורה מלחמות. מיט גרויס־בריטאַניע האָט ער, ווי גע־זאָגט, איינגעריסן צו פֿרי; אין יאָר 1804 האָט ער צונויפֿגעקליבן אַ גרויסע אַרמיי אין בולאָן, כּדי איינצונעמען ענגלאַנד, ניט גע־קוקט אויף איר לאַגע ווי אַן אינזל. ער האָט אַפֿילו אויסגעקלאַפּט אַ מעדאַל און אויסגעבויט אין בולאָן אַ זייל, וואָס האָט געדאַרפֿט בלייבן אַן אָנדענק פֿון זיין פּראָיעקטירטן ניצחון. אויף אַ וואַסער עס איז „נאַפּאָלעאָניש“ שטייגער האָט מען געדאַרפֿט אָפּציען דעם בריטישן פֿלאָט, די אַרמיי פֿון בולאָן האָט באַדאַרפֿט ווערן אַרי־בערגעשמוכלט אויף אַ פֿלאָטיליע פֿון פּליטן אין באָטן דורכן קאַ־נאַל, און לאָנדאָן האָט באַדאַרפֿט ווערן פֿאַרכאַפּט, איידער דער פֿלאָט וועט קומען צוריק. אין דער זעלביקער צייט האָבן זיינע אַגרעסיווע מעשים אין דרום־דייטשלאַנד געצוואונגען עסטרייך און רוסלאַנד זיך צו פֿאַרבינדן מיט ענגלאַנד קעגן אים. אין יאָר 1805 האָבן די ענגלישע אַדמיראַלן קאַלדער און נעלסאָן אים דערלאַנגט צוויי קלעפּ, אַז ער האָט שוין געמעגט פֿאַרלירן יעדער האָפֿענונג צו באַזיגן ענגלאַנד. אין יולי האָט דער ערשטער געבראַכט אַן ערנסטע

מפלה אויפן פראנצויזישן פלאט אין דער ביסקאיער בוכטע; אין אקטאבער האט דער צווייטער צעשטערט די פאראייניקטע פלאטן פון פראנקרייך און שפאניע אין דער שלאכט פון טראפאלגאר. נעלסאן איז געשטארבן א זיגער אויף דער Victory. נאך דעם איז שוין ענגלאנד געבליבן נאפאלעאנס אנרחמנותדיקער שונא ביז צולעצט; זיי האבן, אמת, ניט געקאנט צוקומען איינע צו די אנדערע, אבער וואו נאר ענגלאנד האט אים געקאנט שאדן ביי די ברעגעס פון אייראפע, האט זי דאס כסדר געטאן.

אין משך פון עטלעכע יאר האט מען די טויט=וואונד פון טראפאלגאר איינגאנצן אויסבאהאלטן פון די פראנצויזן. זיי האבן גערעדט נאר, אז „שטורעמס האבן אונז געבראכט צו פארלירן עטלעכע ליניען=שיפן נאך אן אומפארזיכטיקער שלאכט“. נאך קאלדערס ניצחון האט נאפאלעאן צוגענומען זיין ארמיי פון בולאן, דורכגעפירט זי דורך אייראפע און צעקלאפט די עסטרייכער ביי אולם און אויסטערליץ. אונטער אזעלכע אומגליקלעכע אומשטאנדן האט אויך פרייסן זיך אריינגעמישט אין דער מלחמה קעגן אים און איז געווארן אויף פיצלעך צעקלאפט און צעבראכן אין דער שלאכט ביי יענא (1806).

הגם עסטרייך און פרייסן זיינען געווען געבראכן, איז רוסלאנד געווען נאך א קראפט, און דאס קומענדיקע יאר האט ער זיך אפגעגעבן מיט אט=דעם פעסטערן און ווינציקער=צוטריטלעכן קעגנער. מיר קאנען דא ניט אנצייכענען די פרטים פון די שוועריקייטן פון דער פוילישער קאמפאניע קעגן רוסלאנד. נאפאלעאן האט שלעכט אפגעשניטן אין פולטוסק — נאר אין פאריז האט ער דאס געמאלדן ווי א גלענצנדיקן ניצחון — און דערנאך ווידער אין עילאו. דערנאך האבן די רוסן געליטן א מפלה ביי פרידלאנד. אבער ער איז ניט געווען צוגעקומען צו דער רוסישער ערד, די רוסן זיינען נאך ניט געווען באזיגט, פונקט ווי די ענגלענדער. נאר דא האט נאפאלעאנען ניט געוויינטלעך גוט צוגעשפילט דער מזל. דורך א געמיש פון בארימעריי, אפנארעריי און חניפה האט ער אריבערגעצויגן אויף זיין צד דעם יונגן און כבוד=זוכערישן צאר אלכסנדר I— וואס איז דעמאלט גראד געווען אלט דרייסיק יאר — ער זאל

זיך פאַרבינדן מיט אים. ביידע קיסרים האָבן זיך געטראָפן אויף אַ פּראָם אינמיטן דעם טייך ניעמען ביי טילזיט, און דאָרט האָבן זיי זיך צונויפגערעדט.

אַלכּסנדר האָט אַריינגעזאַפּט אַ סך ליבעראַליזם אין זיינע יונגע יאָרן ביים הויף פון קאַטערינע II און איז געווען אינגאַנצן פאַר פרייהייט, פאַר בילדונג און פאַר דער נייער אָרדענונג אין דער וועלט — אָבער ער גופא האָט באַדאַרפט זיין דער האַר פון דער וועלט. „ער וואָלט צופרידן געווען צו זען איטלעכן פריי, זאָגט וועגן אים איינער פון זיינע יוגנט־חברים, בתנאי אָבער, אַז איטלעכער זאָל זיין גרייט מיטן גוטן ווילן צו טאָן דאָס, וואָס ער פאַר־לאַנגט". און ער האָט דערקלערט, אַז ער וואָלט אָפּגעשאַפט לייב־איינגנטום, עס זאָל אים אפילו קאָסטן דער קאָפּ — אויב נאָר די ציוויליזאַציע וואָלט אַ ביסעלע זיך אַ רוק געטאָן פאָראויס. ער האָט געזאָגט, אַז ער פירט מלחמה קעגן פראַנקרייך דערפאַר, ווייל נאַ־פּאָלעאָן איז אַ טיראַן, און ער וויל באַפרייען דאָס פראַנצויזישע פאָלק. נאָך פרידלאַנד האָט ער געזען נאַפּאָלעאָנען אין אַן אַנדער שיין. עלף טעג נאָך דער דאָזיקער מפּלה האָבן זיך די צוויי מענטשן באַגעגנט — אַלכּסנדר איז בלי־ספק געווען אין צושטאַנד פון דער־קלערלעכער באַגייסטערונג פאַר נאַפּאָלעאָנען, וואָס איז נאַטירלעך ביי זיין געביטענער שטימונג.

פאַר נאַפּאָלעאָנען איז די באַגעגעניש געווען אַ טובה. דאָס איז געווען זיין ערשטע באַגעגעניש מיט אַ קיסר אין אַ מצב פון גלייך אויף גלייך. צוויי פאַנטאַזיאָרן האָבן איינער דעם אַנדערן אָנגעפייערט אויף דעם פּראָם ביי טילזיט. „וואָס איז אייראָפּע?" — האָט געזאָגט אַלכּסנדר. „מיר זיינען אייראָפּע". זיי האָבן אַרומ־גערעדט די ענינים פון פּרייסן און עסטרייך אין דעם גייסט, באַ־טראַכט דעם פּלאַן צו צעטיילן טערקיי, געגרייט זיך איינצונעמען אינדיע און טאַקע דעם גרעסטן טייל פון אזיע, און באַשלאָסן, אַז רוסלאַנד זאָל צונעמען פינלאַנד ביי די שוועדן. זיי האָבן אָבער פאַרזען דעם אומאָנגענעמען פאַקט, אַז דער גרעסטער טייל פון דער ערד באַשטייט פון ים, און דער בריטישער פלאָט זעגלט איצט אַרום איבער די ימים אומגעשטערט. נאָענט ביי דער האַנט איז גע־

זוען פוילן, גרייט אויפצושטיין און ווערן א הייסער פארבינדעטער פון פראנקרייך, אויב נאפאלעאן וואלט דאס נאר געוואלט. נאר ער איז געווען בלינד לגבי פוילן. עס איז געווען א טאג פון זעונגען אן צו זען. עס ווייזט אויס, אז אפילו דעמאלט האט נאפאלעאן אויסבאהאלטן דעם דרייסטן געדאנק, אז ער וואלט זעלן חתונה האבן מיט א רוסישער פרינצעסין, מיט אן אמתער פרינצעסין. נאר דאס, — האט ער געמוזט געוואר זערן אין יאר 1810, — איז געווען א ביסל צו פיל.

נאך טילזיט איז געווען צו מערקן א בפירושע פארערגערונג אין נאפאלעאנס כאראקטער. ער איז געווארן חוצפהדיקער, ווינציקער איינגעהאלטן בנוגע צו מניעות, האט זיך אלץ מער איינגערעדט, אז ער איז דער באשערטער האר פון דער וועלט. אלץ ווינציקער געדולדיק איז ער געווארן אויסצוהערן טענות קעגן זיינער א מיינונג.

אין יאר 1808 האט ער אפגעטאן זייער אן ערנסטן פעלער. שפאניע איז געווען זיינער אן אונטערטעניקער פארבינדעטער, אינגאנצן אונטער זיין ממשלה. נאר ער האט געהאלטן פאר נייטיק אראפצוזעצן איר בורבאנישן קיניג, בכדי ארויפצוזעצן זיין ברודער זשאזעף, דעם קיניג פון ביידע סיציליעס. פארטוגאל האט ער שוין געהאט איינגענומען, און די צוויי קיניגרייכן שפאניע און פארטוגאל האבן באדארפט ווערן פאראייניקט. דערויף זיינען די שפאניער איפגעשטאנען אין א שטימונג פון פאטריאטישער התלהבות, האבן ארומגערינגלט א פראנצויזישע ארמיי ביי באילען און געצוואונגען זי זיך אונטערצוגעבן. דאס איז געווען אן איבערדרייס אין די פראנצויזישע נצחונות, וואס האט פארחידושט די וועלט.

די ענגלענדער האבן ניט פארזאמט אויסצונוצן די געלעגנהייט, וואס דער אויפשטאנד האט זיי געגעבן, בכדי צו פארכאפן א פאזיציע קעגן נאפאלעאנען. סער ארטור וועלסלי (דער שפעטערדיקער הערצאג וועלינגטאן) איז אראפ אויפן ברעג אין פארטוגאל, האט צעקלאפט די פראנצויזן ביי ווימיערא און געצוואונגען זיי זיך צוריקצוציען קיין שפאניע. די נייס וועגן די דאזיקע מפלות האבן געבראכט צו א שטארקער אויפרעגונג אין עסטרייך און

דייטשלאנד, און דער צאר האט זיך געשטעלט שטייפער אנטקעגן זיין פארבינדעטן.

עס איז פארגעקומען א צווייטע באגעגעניש פון די מושלים אין ערפורט, וואס דעמאלט האט דער צאר באשיימפערלעך זיך ארויסגעוויזן ווינציקער נאכגעביק אנטקעגן נאפאלעאנס משונהדיקער טאקטיק, ווי פריער. נאכדעם זיינען געקומען פיר יאר פון ניט־שטאנדהאפטיקער „ממשלה“ פון פראנקרייך, וואס אין דער צייט האבן די קאנטורן פון דער קארטע פון אייראפע זיך געביטן, ווי די ליניעס פון קליידער, אויסגעהאנגען אויף א וועש־שטריק אין א ווינטיקן טאג. נאפאלעאנס פערזענלעכע אימפעריע איז געוואקסן כסדר דורך אנעקסיעס: ער האט צוגענומען האלאנד, א גרויסן טייל פון מערב־דייטשלאנד, א גרויסן טייל פון איטאליע און א גרויסן טייל פון מזרחדיקן ברעג פון אדריאטישן ים. נאר די פראנצויזישע קאלאניעס זיינען איינע נאך איינער צוגענומען געווארן פון ענגלאנד, און די ענגלישע ארמייען אויפן שפאנישן האלב־אינזל האבן אינאיינעם מיט שפאנישע הילפס־חיילות געשטופט די פראנצויזן אלץ ווייטער קיין צפון־צו.

אין גאנץ אייראפע האט מען זייער שווער געפילט דעם יאך פון נאפאלעאנען. איצט זיינען געווען שוין זיינע קעגנער ניט נאר מאנארכן און מיניסטארן, נייערט אויך גאנצע פעלקער. די פרייסן האבן נאך זייער מפלה אין יאר 1806 גענומען זיך ברענגען אין ארדענונג זייערע אינעווייניקסטע ענינים. אונטערן אנפיר פון פרייהער פאן שטיין האבן זיי מבטל געווען זייער פעאדאליזם, אפגעשאפט פריווילעגיעס און לייב־אייגנטום, ארגאניזירט פאלקס־בילדונג און פאלקס־פאטריאטיזם, דורכגעפירט פאקטיש, אן וואסער עס איז אינעווייניקסטן קאמף, כמעט אלצדינג, וואס פראנקרייך האט געהאט דערגרייכט אין יאר 1789. 1810 איז שוין געווען א נייע פרייסן, דער קערן פון א נייער דייטשלאנד. און איצט האט אלכסנדר, ווי עס ווייזט אויס, אונטער דער השפעה פון חלומות וועגן וועלט־הערשאפט, ווידעראמאל אנגעהויבן צו פאזירן ווי א פריינד פון פרייהייט. אין יאר 1810 איז געשאפן געווארן א נייע רייבונג, דורכדעם, וואס אלכסנדר האט זיך אנטקעגנגעשטעלט קעגן

נאפאלעאנס אמביציעס זיך איינצוקויפן אין יחוס דורך א שידוך מיט א פרינצעסין. נאפאלעאן האט אפגעגט זיין אמאליקע העלפערין זשאזעפינע, מחמת זי האט קיין קינדער ניט געהאט, כדי צו זיכערן דעם „המשך“ פון זיין „דינאסטיע“. ער האט גענומען שדכנען זיך צו א רוסישער פרינצעסין, נאר אלכסנדר האט אים אפגעשטופט. דעמאלט האט ער זיך געווענדט קיין עסטרייך און האט חתונה געהאט מיט דער ערצהערצאגינע מאריע לויזע. די עסטרייכישע מלוכה־מענער האבן אים ריכטיק בארשטאנען אפצושאצן. דורך אט־דעם שידוך איז נאפאלעאן געווען געפאנגען אין דער דינאסטישער סיסטעם אריין. ער האט געקאנט ווערן דער באשעפער פון א נייער וועלט, האט ער בעסער געוואלט ווערן דער איידעם פון דער אלטער.

אין די ווייטערדיקע צוויי יאר האט ער גענומען האסטיק גיין צוריק. ער איז שוין מער ניט געווען דער פירער און די השלמה פון דער רעוואלוציע, שוין מער ניט דער פארקערפערטער גייסט פון א ניי־געבוירענער וועלט; ער איז געווען ניט מער ווי אן אוטאקראט פון א נייעם און גרעבערן מין. ער האט אפגעשטופט אלע פריי־גייסטיקע מענטשן און האט זיך אויך צעקריגט מיט דער קירך. מלכים און יאקאבינער זיינען געווען איינס, ווען עס איז געגאנגען מכוח דער פראגע, ווי אזוי אים בייצוקומען. בריטאניע איז געווען זיין פארביסענער שונא. שפאניע האט געפלאקערט מיט א גייסט, וואס א קארסיקאנער האט אים באדארפט פארשטיין. ער האט נאר באדארפט זיך צעקריגן מיט אלכסנדרן, בכדי די דאזיקע אמפעריע פון בלאף און טעאטער־שפיל זאל זיך צעפליען ווי א רויך. און די דאזיקע מחלוקת איז טאקע געקומען.

אלכסנדרס געפילן צו נאפאלעאנען זיינען תמיד געווען זייער געמישטע: ער האט מקנא געווען נאפאלעאנען ווי א קאנקורענט און האט אים פאראכט ווי אן אויפגעקומענעם. חוץ דעם האט ארום אלכסנדרן ארומגעשוועבט עפעס א מין אומבאשטימטע און סענטימענטאלע גרויסקייט. ער איז געווען אריינגעטאן אין מיסטישער פרומקייט, ער האט זיך איינגערעדט, אז רוסלאנד און ער האבן א באזונדער שליחות איינצושטעלן שלום אין אייראפע און אין דער

וועלט — דורך פארטיליקן נאפאלעאנען. נאר דאס ברענגען שלום אין אייראפע האט אויסגעדאכט, אז עס שטימט מיט דער אנעקסיע פון פינלאנד, פון דעם גרעסטן טייל פוילן און פון גרויסע שטיקער פון דער טערקישער אימפעריע. באזונדערס האט ער געוואלט ווידער אנהייבן האנדלען מיט בריטאניע, וואס נאפאלעאן האט דערצו ניט דערלאזט. ווארעם דער גאנצער האנדל פון דייטשלאנד איז געווען געשטערט, און די האנדלס-קלאסן זיינען געווען פארביטערט קעגן נאפאלעאנס „קאנטינענטאלער סיסטעם", וואס האט באדארפט בדלות שטעלן בריטאניע, ווייל זי האט ניט דערלאזט בריטישע סחורות אריינקומען קיין אייראפע. רוסלאנד האט דערפון געליטן נאך מער ווי דייטשלאנד.

דער איינריס איז געקומען אין יאר 1811, ווען אלכסנדר האט זיך אפגעזאגט פון דער „קאנטינענטאלער סיסטעם". 1812 האט א גרויסע מאסע ארמייען, וואס האט געציילט ארום-און-ארום 600.000 מאן, זיך געלאזט מארשירן קיין רוסלאנד, אונטער דער איבערשטער קאמאנדע פון נייעם קיסר. ביי א העלפט פון דעם חיל זיינען געווען פראנצויזן; דאס איבעריקע איז געווען צונויפגעשטעלט פון די פארבינדעטע און אונטערטעניקע פעלקער. דאס איז געווען א צונויפגעמישטע ארמיי, ווי די ארמיי פון דריוש אדער פון קאוואד. די שפאנישע מלחמה האט זיך נאך געצויגן. נאפאלעאן האט ניט געמאכט קיין פרווו צו ענדיקן זי. כל-הכל האט ער ארויסגעצויגן פון פראנקרייך א פערטל מיליאן מענטשן. ער האט זיך דורכגעשלאגן זיין וועג דורך פוילן און רוסלאנד, כדי צו דערלאנגען ביז מאסקווע, איידער דער ווינטער קומט אן. די רוסישע ארמייען האבן צום גרעסטן טייל אויסגעמיטן א שלאכט. און נאך איידער דער ווינטער איז געפאלן אויף אים, איז זיין לאגע שוין געווארן בפירוש געפערלעך. ער האט איינגענומען מאסקווע אין דער האפענונג, אז דאס וועט צווינגען אלכסנדרן צו שליסן שלום. נאר אלכסנדר האט קיין שלום ניט געוואלט, און נאפאלעאן האט זיך געפונען אין דער זעלביקער לאגע, ווי דריוש האט זיך געפונען מיט 2300 יאר צוריק אין דרום-רוסלאנד. די רוסן, וואס זיינען נאך אין א באשטימענדיקער שלאכט ניט געשלאגן געווארן, זיינען אנגעפאלן אויף זי-

נע פארבינדונגען, האבן צו בי־לעבוויי געשלאגן זיין ארמיי. הולאהן האבן זיי געהאלפן. שוין איידער נאפאלעאן איז געוועון אנגעקו־מען אין מאסקווע, האט ער געהאט אנגעווארן 150.000 מאן. נאר אים האט געפעלט דרייזשעס שכל, און ער האט ניט געוואלט צוריק אפטרעטן. דער ווינטער איז געבליבן א לאנגע צייט א מילדער, גארניט ווי געוויינטלעך — ער וואלט נאך געקאנט זיך ארויסראטעווען. נאר אנשטאט דעם, איז ער געבליבן אין מאסקווע און געמאכט פלע־



נאפאלעאנס ארמיי אויף איר ציר קוועג פון מאסקווע 1812. איינע פון די גרעסטע טראגעדיעס אין דער געשיכטע. לויט א געמעל פון פ. בואסאר.

נער, וואס האבן ניט געקאנט ווערן איבגעפירט. אין זיינע פרי־ערדיקע שפילן מיטן גורל האט אים אלץ הפלאדיק אפגעגליקט: ער האט זיך ארויסגעכאפט אומבאשעדיקט פון עגיפטן, ער איז גע־ווארן געראטעוועט פון אונטערגאנג אין בריטאניע דורך די ניצחונות פון ענגלישן פלאט. אבער איצט איז ער ווידער געווען אין דער קלעם, אבער דאס מאל האט ער זיך שוין ניט געזאלט ארויסמאכן. ער וואלט אפשר איבערגעווינטערט אין מאסקווע, נאר די רוסן האבן

איב אַרויסגעריכערט: זיי האָבן אונטערגעצונדן די שטאָט, און אַ גרויסער טייל פון איר איז פאַרברענט געוואָרן.

שפּעט אין אָקטאָבער, שוין לחלוטין צו שפּעט, האָט ער סוף־כּל־סוף באַשלאָסן אָפּצוציען צוריק. ער האָט געמאַכט אַ ניט־געראָטענעם פּרוּוו זיך דורכצורייסן אויף אַ נייער צוריקצי־ליניע קיין דרומית־מערבית, און דערנאָך האָט ער געווענדט די איבערגעבליבענע טיילן פון דער גרויסער אַרמיי אין דער ריכטונג פון יענעם לאַנד, וואָס זי האָט געהאַט פאַרוויסט ביי איר פאַרמאַרש. גוואַלדיקע שטרעקעס האָבן זיי אָפּגעשיידט פון אַ פריינדלעכער טעריטאָריע. דער ווינטער האָט זיך ניט געאײַלט. אַ וואָך צייט האָט די גרויסע אַרמיי זיך געמאַטערט טאָפּטשענדיק אין בלאָטע. דערנאָך זיינען אָנגעשטאַנען שאַרפע פרעסט, און דערנאָך די ערשטע פליאַכעס שניי, און דערנאָך ווייטער שניי אָן אַ סוף...

פּאַחאַליע האָט די דיסציפּלין אָפּגעלאָזט. די הונגעריקע אַרמיי האָט זיך אויסגעשפּרייט צו זוכן שפּייז, ביז זי איז צעריסן געוואָרן פּשוט אין באַנדעס מאַראָדיאָרן. די פּויערים זיינען אויפגעשטאַנען קעגן זיי, פּשוט, כּדי זיך צו באַוואָרענען קעגן היבעריען, פלעגן לאָקערן אויף זיי אויף די וועגן, און אויסהרגענען זיי. עס האָט זיך געיאָגט נאָך זיי אַ מחנה גרינגע ריטעריי — נאָך אַלץ סקיטן. דער צוריקצי איז איינע פון די גרעסטע טראַגעדיעס אין דער געשיכטע.

צולעצט האָט נאַפּאָלעאָן און זיין שטאַב מיט אַ הייפל גוואַרדיע און באַדינערס זיך ווידער באַוויזן אין דייטשלאַנד; קיין אַרמיי האָט ער ניט געהאַט מיט זיך, נאָר פאַרהילדערטע און דעמאָראַליזירטע באַנדעס. די גרויסע אַרמיי, וואָס איז אָפּגעטראָטן אונטער דער קאָמאַנדע פון מאַרשאַל מיוראַט, האָט דערגרייכט קיין קיניגסבערג אין אַ דיסציפּלינירטן צושטאַנד, אָבער פון זעקס מאָל הונדערט טויזנט מאַן זיינען געבליבן נאָר איין טויזנט. פון קיניגסבערג איז מיוראַט אָפּגעטראָטן קיין פּויזן. דער פּריסישער טייל האָט זיך אונטערגעגעבן די רוסן; די עסטרייכער זיינען אַוועק אַהיים קיין דרום. אומעטום האָבן צעשפּרייטע פּליטים, אָפּגעריבענע, איבערגעדאַרטע, דערפראָרענע, פאַרשפּרייט די נייס וועגן דעם חורבן.

נאפאלעאנס כישוף איז געווען כמעט אויסגעשעפּט. ער איז געלאפן מיט עקזטרע-פאסט קיין פאריז. ער האט באפוילן תּכף צו קלייבן נייע רעקרוטן און ארגאניזירן פרישע אַרמייען אינמיטן די חורבות פון זיין וועלט=אימפעריע. עסטרייך האט זיך געווענדט קעגן אים (1813). גאנץ איראפע האט זיך געריסן אויפצושטיין קעגן אט-דעם שליח פון פרייהייט, וואס האט געפעלשט אין זיין שליחות און איז געווארן א פשוטער אוזורפאטאר. די נייע ארדענונג האט ער אפגענארט; די אלטע ארדענונג, וואס ער האט זי אפגעראטעוועט



דער רוסישער קיסר אלכסנדר I.

און געמאכט איפלעבן, האט איצט אים אומגעבראכט. פרייסן איז אויפגעשטאנען, און עס האט זיך אנגעהויבן דער דייטשער „באפריי=ונגס=קריג“. שוועדן איז צוגעשטאנען צו זיינע שונאים. שפעטער האט אויך האלאנד מורד געווען. מיוראט האט פאראייניקט אן ערך 14.000 פראנצויזן ארום זיין דיסציפלינירטן קערן אין פויזן, און דער דאזיקער חייל האט זיך צוריקגעצויגן דורך דייטשלאנד, פונקט ווי א מענטש, וואס איז אריין אין א שטייג פול מיט דרעסירטע לייבן און ער הייבט אן באמערקן, אז די דרעסור הייבט אן פארלירן איר ווירקונג אויף די חיות. אין פרי-יאר האט נאפאלעאן איבערגענו=מען די הויפט=קאמאנדע, האט געוואונען א גרויסע שלאכט ביי

דרעזדען, און דערנאך ווייזט אויס ווי ער וואלט געווארן צעבראכן אינטעלעקטועל און מאראליש. ער איז געווארן צערייצט ביז צו משוגעת, און צייטנווייז האט אים באהערשט א שטימונג פון נאר-נישט טאן. ער האט געטאן ווינציק אדער גארנישט, בכדי אויסצו-נוצן די שלאכט ביי דרעזדען. אין סעפטעמבער איז פארגעקומען די „פעלקער-שלאכט“ ביי לייפציק, וואס נאך איר זיינען די זאקסן, וואס ביז איצט זיינען זיי נאכגעגאנגען זיין שטערן, אריבער צו די פארבינדעטע. צום סוף יאר זיינען די פראנצויזן געווען צוריק-געשלאגן אין פראנקרייך.

1811 איז געווען די לעצטע קאמפאניע. פראנקרייך איז גע-ווארן באפאלן פון מזרח-זייט און פון דרום-זייט. שוועדן, דייטשן, עסטרייכער, רוסן זיינען אריבער דעם ריין; ענגלענדער און שפאניער זיינען אריבער די פירענייען. ווידער אמאל האט נאפאלעאן זיך גע-שלאגן גלענצנדיק, נאר ער האט גארנישט געקאנט מאכן מער. די מזרחדיקע ארמייען האבן אים ניט אזוי געשלאגן, ווי געשטופט זיך נאך אים, און אין מערץ האט פאריז קאפיטולירט. א ביסל שפעטער האט דער קיסר אין פאנטענבלא אבגעדאנקט.

אז ער איז געקומען אין דער פראווינץ, אויפן וועג פון פראנק-רייך, איז א ראיאליסטישער המון אנגעפאלן אויף אים, און זיין לעבן איז געווען אין סכנה.

---

## 5. די הונדערט טעג.

דאס איז געווען דער נאטירלעכער און אמתער סוף פון נאפא-לעאנס קאריערע. סוף-כל-סוף איז ער געווארן דערשטיקט. וואלט גע-ווען א שטיקל לאגישער זין אין דעם גאנג פון דער מענטש-לעכער געשיכטע, וואלטן מיר געהאט צו דערציילן וועגן דער קאנ-צענטרירונג פון מענטשלעכן וויסן און ווילן אויף דער אויפגאבע, וואס זיין קאריערע האט איבערגעריסן, אויף דער אויפגאבע אויפ-צובויען א וועלט-סיסטעם פון גערעכטיקייט און פרייער קראפט-אנשפאנונג אויפן ארט פון דער באנקראטירטער אלטער ארדענונג.

נאר מיר האבן ניט צו דערציילן וועגן אזא זאך. וויסנשאפט און חכמה האבן בפירוש געפעלט אויף דעם גרויסן ראט פון די פארבינדעטע. עס איז געקומען דער אומבאשטימטער הומאניזם און די פארחלומטע פוסטע גאווה פון צאר אלכסנדר, עס זיינען געקומען די צעטרייסלטע האבסבורגער פון עסטרייך, די רישעותדיקע האהענצאלערנס פון פרייסן, די אריסטאקראטישע טראדיציעס פון בריטאניע, נאך שטארק איינגעשראקן דורך דער רעוואלוציע און איר געוויסן איינגאנצן געקרימט דורך דער געגנבעטער געמיינדע-ערד און דורך די שוויץ-ווארשטאטן, וואו קינדער זיינען אויסגעגאנגען אין איבערמאסיקער הארעוואניע. ניט קיין פעלקער זיינען געקומען צום קאנגרעס, נייערט נאר מאנארכן און אויסערן-מיניסטארן. דער קאנגרעס האט זיך קוים געהאט צונויפגעקליבן, זיינען שוין די דיפלאמאטן געזעסן ביי דער ארבעט צו פירן בשתיקה געשעפטן און שליסן אפמאכן איינער הינטער דעם צווייטנס רוקן. עס האט ניט געקאנט זיין קיין גרעסערער גלאנץ און פאמפע, ווי אט-דער פאראד פון דעם קאנגרעס, וואס האט זיך צונויפגעקליבן אין ווין נאך א גרויסארטיקן אפיציעלן וויזיט פון אלע פאראייניקטע מאנארכן אין לאנדאן. די געזעלשאפטלעכע זייט פון קאנגרעס איז געווען זייער שטארק: עס זיינען געווען א סך שיינע דאמען, עס איז געווען א בליאסק פון שטערן און פון אוניפארמעס, און א סוף מאלצייטן און באלער, א מעכטיקער שטראם פון גלענצנדיקע אנעקדאטן און פינקלדיקע וויצן. דער גלענצנדיקסטער גייסט פון דער פארזאמלונג איז געווען א געוויסער טאליראן, איינער פון נאפאלעאנס פירשטן, וואס איז באמת געווען א גלענצנדיקער מענטש; פאר דער רעוואלוציע איז ער געווען א גייסטלעכער, בעת דער רעוואלוציע האט ער אריינגעטראגן דעם פארשלאג צו קאנפיסקירן די מאיאנטקעס פון דער קירך, און איצט האט ער געהאלטן, אז מען דארף ברענגען צוריק די בורבאנען.

די פארבינדעטע האבן געפטרט די טייערע צייט אין רייסערייען. וואס האבן זיך אלץ מער צעברענט: איטלעכער האט געוואלט האבן

פאַר זיך אַליין מער פון דעם רויב. דערווייל זיינען די בורבאָנען געקומען צוריק קיין פראַנקרייך. מיט זיי איז געקומען די גאַנצע רעשט פון די עמיגראַנטן, להוט נאָך די אַלטע פריווילעגיעס און נאָך נקמה. איין גרויסער עגאָיזם איז געוואָרן אָפּגעשוואָנקט, אָבער אויף זיין אָרט איז געקומען אַ המון פון נאָך געמיינערע עגאָיסטן. דער נייער קעניג איז געווען לודוויג XVIנס אַ ברודער; ער האָט געהאַט אָנגענומען דעם טיטל לודוויג XVIII, ווי נאָר ער איז געוואָר געוואָרן, אַז זיין קליינער פּלימעניק (לודוויג XVII) איז געשטאָרבן אין שפּיטאָל אין טאַמפּל. ער איז געווען אַ פּאָדאַגריקער און שווערגופיקער מענטש, אפשר ניט קיין שלעכטער לויט דער נאַטור, נאָר דער סימבאָל פון דער אַלטער סיסטעם. אַלץ וואָס איז געווען ניי אין פראַנקרייך האָט געשפּירט דעם שווערן טראָט פון דער רעאַקציע, וואָס איז געקומען מיט אים. דאָס איז ניט געווען קיין באַפרייונג, נייערט אַ נייע טיראַניע — אַ שווערע און נידעריקע אָנשטאָט דער אַקטיווער און גלענצנדיקער.

איז דען פאַר פראַנקרייך ניט געווען קיין אַנדער האָפענונג? די בורבאָנען האָבן אַרויסגעוויזן אַ באַזונדער רשעות אַנטקעגן די וועטעראַנען פון דער גרויסער אַרמיי, און פראַנקרייך איז איצט געווען פול מיט צוריקגעקערטע קריגס-געפאַנגענע, וואָס האָבן איצט ניט געוואוסט וואָס עס וועט זיין מיט זיי. נאַפּאָלעאָן האָט געקראָגן אַ קליינע אימפּעריע אויפן אינזל עלבאַ. מען האָט אים נאָך באַדאַרפט רופן קיסר, און ער האָט געהאַלטן אַ שטיקל הויף. אלכסנדר האָט דאָס געפאָדערט פאַר זיין געפאַלענעם קאָנקורענט, צי מחמת ריטערלעכקייט אָדער קאַפּריז. די האַבסבורגער האָבן זייער האַבסבורגער קיסרינע צוגענומען קיין ווין — זי איז גערן מיטגעגאַנגען — און ער האָט זי שוין קיין מאָל מער ניט געזען.

נאָך אָפּזיצן עלף חדשים אויף עלבאַ האָט נאַפּאָלעאָן באַשלאָסן, אַז פראַנקרייך איז שוין זאַט מיט די בורבאָנען. ער האָט זיך געמיט אויסצומיידן די ענגלישע שיפן, וואָס האָבן באַוואַכט זיין אינזל, און האָט זיך באַוויזן ווידער אין קאַן אין פראַנקרייך צו שפּילן זיין לעצטן קאָן קעגן גורל. זיין גאַנג קיין פּאַריז איז געווען אַ טריומף-מאַרש; ער האָט מאַרשירט איבער ווייסע בורבאָנישע קאַ-

קאָרדעס. דערנאָך איז ער אין משך פון הונדערט טעג, „די הונ־דערט טעג“, ווידער געווען דער באַלעבאָס פון פראַנקרייך.

זיין צוריקקער האָט געשאַפן אַ משונהדיקע לאַגע פאַר איט־לעכן ערלעכן פראַנצויז. פון איין זייט איז געווען דער דאָזיקער אַוואַנטוריסט, וואָס האָט אָפּגענאַרט די רעפובליק; פון דער אַנדער זייט — די שטיקנדיקע וואָג פון דעם אַלטן אויפגעריכטן קיניגטום. די פאַרבינדעטע האָבן מער ניט געוואָלט הערן וועגן ווייטערדיקע עקס־פּערימענטן מיט רעפובליקאַניזם. איז דעריבער געשטאַנען די פראַגע: די בורבאָנען אָדער נאַפּאָלעאָן? קיין חידוש ניט, וואָס אין גרויסן און גאַנצן איז פראַנקרייך געווען מיט נאַפּאָלעאָנען. ער איז גע־קומען צוריק און האָט צוגעזאָגט, אַז עס וועט איצט אַלץ זיין אַנדערש: עס וועט שוין ניט זיין קיין דעספּאָטיזם; ער וועט אָפּ־היטן די קאָנסטיטוציע...

ער האָט צונויפגעקליבן אַן אַרמיי, געמאַכט עטלעכע פרוון צו שליסן שלום מיט די פאַרבינדעטע. אַז ער האָט איינגעזען, אַז דאָס גייט זיך ניט איין, האָט ער האַסטיק גענומען שלאָגן די ענג־לענדער, האָלענדער און פּרייסן אין בעלגיע, מיט דער האָפענונג צו צעקלאַפּן זיי, איידער די עסטרייכער און רוסן וועלן באַווייזן צו קומען. שיר־שיר האָט ער דאָס טאַקע אויסגעפירט. ער האָט צע־שלאָגן די פּרייסן ביי ליני, אָבער ניט גענוג. און דערנאָך איז ער געוואָרן צעקלאַפּט אויף אַלע מאָל דורך דער אויסגעהאַלטנקייט פון די ענגלענדער אונטער וועלינגטאָן ביי וואַטערלאָ (1815), און בליכער מיט די פּרייסן האָבן פאַרענדיקט די מפּלה, דורכדעם וואָס זיי זיינען אָנגעפאַלן אין זיין לינקן פלאַנק. וואַטערלאָ האָט זיך געענדיקט מיט אַ חורבן; נאַפּאָלעאָן איז געבליבן אָן שטיצע און אָן האָפענונג. פראַנקרייך האָט ווידער זיך אָפּגעווענדט פון אים. איט־לעכער, וואָס איז צו אים צוגעשטאַנען, האָט זיך געסטאַרעט וואָס מער אָנצופאַלן אויף אים, כדי אָפּצומעקן זיין מיעות. די צייטווייליקע רעגירונג אין פּאַריז האָט אים באַפוילן צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד און געגעבן אים אַ מעת־לעת צייט דאָס אויסצופירן.

ער האָט געפרווט צו אַנטלויפן קיין אַמעריקע. ער איז געקומען קיין ראָשפאָר, נאָר דאָרט האָבן אים אָפּגעוואַרט ענגלישע קרייצערס.

פראנקרייך איז איצט געווען ראיאליסטיש און האט אים גערודפט. איז ער ארויף אויפן בארט פון דער ענגלישער פרעגאט „בעלעראפאן“ און האט געבעטן אים צוצונעמען ווי אן אנטלאפענעם; מען האט אים באהאנדלט ווי א געפאנגענעם; מען האט אים אריבערגעפירט קיין פלימוט און פון פלימוט גלייך אויפן איינזאמען טראפישן אינזל סאנקט העלענע.

דארט איז ער געבליבן ביז זיין טויט פון קרעפס אין יאר 1821. ער האט זיך דער עיקר פארנומען מיט צוגרייטן זיינע מעמוארן, וואס ער איז מיט זיי געווען אויסן צו שילדערן די וויכטיקסטע געשעענישן פון זיין לעבן אין א סימפאטישער שיין. צוויי מענטשן פון די וואס זיינען געווען מיט אים האבן פארשריבן זיינע שמועסן און פארצייכנט זייערע איינדרוקן פון אים. די דאזיקע ביכער זיינען געווארן שטארק מפורסם אין פראנקרייך און אייראפע.

דער הייליקער בונד פון די מאנארכן פון רוסלאנד, עסטרייך און פרייסן (וואס אנדערע מאנארכן זיינען פארבעטן געווארן צוצושטיין צו אים) האט זיך געהאט איינגערעדט, אז נאכדעם ווי זיי האבן צעשלאגן נאפאלעאנען, האבן זיי צעשלאגן די רעוואלוציע, א דריי געטאן אויף צוריק דעם ווייזער פון גלגל און אויפגעריכט אויף אייביק די גרויס־מאנארכיע. מען זאגט, אז דער הויפט־דאקומענט פון דעם פלאן פון הייליקן בונד זאל זיין געשריבן אונטער דער השפעה פון דער באראנעסע פאן קרידענער, וואס איז קענטיק געווען א מין גייסטיקע פירערין פון רוסישן קיסר. דער דאקומענט הייבט זיך אן: „אין נאמען פון דער הייליקסטער און ניט־צו־טיילנדיקער דריי־איניקייט“ און איז מחייב די באטייליקטע מאנארכן „צו באטראכטן זיך לגבי זייערע אונטערטאנען און ארמייען ווי פאמיליען־פאטערס“ און „צו קוקן איינער אויפן צווייטן ווי חברים לאנדסלייט“, אונטערצוהאלטן איינער דעם צווייטן, באשיצן די אמתע רעליגיע און צו באוועגן זייערע אונטערטאנען צו שטארקן זיך אין אפצוהיטן די חובות פון קריסטן. עס איז דערקלערט געווארן, אז קריסטוס איז דער אמתער קיניג פון די קריסטלעכע פעלקער — אן עכט מעראווינגישער קיניג, דארף מען באמערקן, וואס די הערשנדיקע סווערענען זיינען געווען זיינע פאלאץ־מאיארן. דער ענגלישער קיניג האט קיין

מאַכט נישט געהאַט צו חתמען דעם דאָזיקן דאָקומענט, דעם פּויפּס און דעם סולטאַן האָט מען ניט געבעטן. די איבעריקע אייראָפּעיִשע מאָנאַרכן, דערין אויך דער פראַנצויזישער, זיינען צוגעשטאַנען. מער ניט דער קיניג פון פּוילן האָט ניט געחתמעט, וואָרעם אין פּוילן איז קיין קיניג ניט געווען: אלכּסנדר האָט אין דער שטימונג פון פרומער אַבּסטראַקציע אַנעקטירט דעם גרעסטן טייל פּוילן.

דער הייליקער בונד איז קיין מאָל ניט געוואָרן פּאַקטיש קיין געזעצלעכער בונד פון מלוכות. אַנשטאָט אים איז געוואָרן אַ רעאַלע פעלקער-ליגע דער קאָנצערט פון אייראָפּע, וואָס פראַנקרייך



פירשט טאַלייראַן דע פּעריגאָר, דער דיפּלאָמאַט פון דער רעסטאַווראַציע. לויט אַ בילד אין ווערסאַיל.

איז צו אים צוגעשטאַנען אין יאָר 1818, און ענגלאַנד איז אַרויסגעטראָטן פון אים אין יאָר 1822.

עס איז דערנאָך געקומען אַ פּעריאָד פון שלום און אונטערדריקונג. אַ סך מענטשן זיינען אין יענע שוואַרצע טעג געווען נוטה צו באַטראַכטן אַפילו נאַפּאָלעאָנען מיט ליבשאַפט און אָנצונעמען זיין טענה, אַז אויף אַן אומדערקלערלעכן אופן האָט ער דורך אויפשטעלן זיין ממשלה באַפעסטיקט די רעוואָלוציע און פראַנקרייך. נאָך זיין טויט איז אויסגעוואַקסן אַ קולט פון אים, ווי פון עפּעס אַ מיסטישן העלד.

## 6. די קאַרטע פון אייראָפּע 1815.

כמעט אין אַ משך פון פערציק יאָר האָט די אידעע פון הייליקן בונד, דער קאָנצערט פון אייראָפּע, וואָס איז פון איר אַרויסגעוואַקסן, און די ריי קאָנגרעסן און קאָנפערענצן, וואָס זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן שפּעטער, נאָכדעם ווי דער קאָנצערט איז בטל געוואָרן, איינגעהאַלטן אַן אומזיכערן שלום אין אייראָפּע, וואָס איז געווען אויסגעמאַטערט פון קריג. צוויי זאַכן האָבן דער עיקר געשטערט, אַז דער פּעריאָד זאָל זיין אַ פּעריאָד פון פולן סאָציאַלן און אינטערנאַציאָנאַלן שלום, און האָבן צוגעגרייט דעם וועג פאַר די מלחמות צווישן די יאָרן 1854 און 1871. די ערשטע איז געווען די שטרעבונג פון די קיניגלעכע הויפן, געווענדט אויפצוריכטן די פּריווילעגיעס פון די שטאַנדן און זיך אַריינצומישן אין דער פרייהייט פון דענקען און שרייבן און לערנען. און די צווייטע זאַך איז געווען די אוממעגלעכע סיסטעם פון די גרענעצן, וואָס עס האָבן אָנגעצייכנט די דיפּלאָמאַטן פון ווין.

די נטיה פון דער מאָנאַרכיע צו גיין צוריק צום אַמאָליקן מצב האָט זיך אַנטפּלעקט צוערשט און באַזונדערס בולט אין שפּאַניע. דאָרט איז אַפילו ווידער אויפגעריכט געוואָרן די אינקוויזיציע. אויף יענער זייט אַטלאַנטישן אָקעאַן האָבן די שפּאַנישע קאָלאָניעס נאָכגעמאַכט דעם ביישפּיל פון די פאַראייניקטע שטאַטן און זיינען אויפגעשטאַנען קעגן דער אייראָפּעישער גרויס-מלוכה-סיסטעם, ווען נאַפּאָלעאָן האָט אַוועקגעזעצט זיין ברודער יאָזעף אויפן שפּאַנישן טראָן אין יאָר 1810. דער וואַשינגטאָן פון דרום-אַמעריקע איז געווען גענעראַל באָליוואַר. שפּאַניע איז ניט געווען בכח צו דערשטיקן דעם אויפשטאַנד, ער האָט זיך פאַרשלעפּט אויף לאַנג, אַזוי ווי דער אומאָפּהענגיקייטס-קריג פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט זיך פאַרשלעפּט. צום סוף האָט עסטרייך, אין דעם מיטן גייסט פון דעם הייליקן בונד, אַריינגעטראָגן דעם פאָרשלאָג, אַז די אייראָפּעישע מאָנאַרכן זאָלן ביישטיין שפּאַניע אין דעם קאַמף. ענגלאַנד איז געווען קעגן דעם, אָבער דער עיקר האָט דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן מאָנראָ אין יאָר 1823 געוואָרנט פאַר אָט דער פּראָ-

יעקטירטער מאָנאַרכיסטישער רעסטאַוראַציע. ער האָט דערקלערט, אַז די פֿאַראייניקטע שטאַטן וועלן באַטראַכטן איטלעכע אויסשפּרייטונג פֿון דער אייראָפּעישער סיסטעם אויף דעם מערבֿדיקן האַלבּקיילעך ווי אַ פֿיינדלעכן אַקט. אַזוי איז אויפֿגעקומען די מאָנראָדאָקטרינע, וואָס האָט אָפּגעשטופּט די גרויס־מלוכה־סיסטעם בײַ אַמעריקע אויף אַ משך פֿון איבער אַ יאָרהונדערט און האָט געגעבן די נײַע מלוכות פֿון דער שפּאַנישער אַמעריקע די מעגלעכקייט אויסצואַרבעטן זייער גורל לויט אַן אייגענער ריכטונג.

אָבער אויב דער שפּאַנישער מאָנאַרכיזם האָט אָנגעוואָרן זײַנע קאָלאָניעס, האָט ער אָבער אין אייראָפּע לכל הפּחות, אונטערן שוץ פֿון דעם קאָנצערט פֿון אייראָפּע, געקאָנט טאָן וואָס אים איז געפֿעלן. אַ באַלקס־אויפֿשטאַנד אין שפּאַניע איז דערשטיקט געוואָרן דורך אַ פֿראַנצויזישער אַרמיי אין יאָר 1813, מיט אַ מאַנדאַט פֿון אַן אייראָפּעישן קאָנגרעס, און פֿון דער אַנדער זייט האָט עסטרייך דערשטיקט אַ רעוואָלוציע אין נעאַפּאָל.

אין יאָר 1824 איז לודוויג XVIII געשטאָרבן. נאָך אים איז געוואָרן קיניג גראַף ד'אַרטואַ, דער זעלביקער, וואָס מיר האָבן דערמאָנט, אַז אין יאָר 1789 איז ער געלעגן ווי אַן עמיגראַנט לעבן פֿראַנצויזישן גרענעץ; ער האָט אָנגענומען דעם טיטל קאַרל X. קאַרל האָט זיך פֿיתגענומען מבטל צו זײַן די פֿרײַהייט פֿון דער פּרעסע און פֿון די אוניווערסיטעטן און צו רעסטאַווירן די אַבסאָלוטיסטישע רעגירונג. עס איז באַשטימט געוואָרן אַ סומע פֿון אַ ביליאָן פֿראַנק אויף צו באַצאָלן די אַדל־לײַט פֿאַר די פֿאַרברענטע שלעסער און קאָנפֿיסקירטע מאַיאָנטקעס פֿון יאָר 1789. אין יאָר 1820 איז פּאַריז אויפֿגעשטאַנען קעגן דער דאָזיקער פֿאַרקערפּערונג פֿון אַלטן רעזשים און האָט אויף זײַן אָרט אַוועקגעזעצט לודוויג פֿיליפּ, דעם זון פֿון יענעם פֿיליפּ, הערצאָג פֿון אָרלעאַן, וואָס איז געטויט געוואָרן בעת דעם טעראָר. די אַנדערע קאָנטינענטאַלע מאָנאַרכיעס האָבן זיך ניט אַרײַנגעמישט אין דעם ענין, מחמת גרויס־בריטאַניע האָט אָפֿן אָנערקענט די דאָזיקע רעוואָלוציע פֿאַר גוט, און מחמת אין דײַטשלאַנד און עסטרייך איז געווען אַ שטאַרקע ליבעראַלע יוירונג. נאָך אַלעמען איז דאָך פֿראַנקרײַך געבליבן אַ מאָנאַרכיע. דער דאָזיקער יונגערמאַן,

לודוויג פיליפ (1830 — 1848) איז געבליבן קיניג פון פראנקרייך 18 יאר. ער איז אראפ אין יאר 1848, א יאר פון גרויסע געשעענישן אין אייראפע, וואס וועגן דעם וועלן מיר דערציילן אין קומענדיקן קאפיטל.

ניט גרינג איז געווען איינצוהאלטן די הערשאפט פון דעם שלום פון ווינער קאנגרעס, וואס איז איינגעשטעלט געווארן לויט די רעאקציאנערע פלענער פון די מאנארכיסטן. די שפאנונגען, וואס זיינען ארויסגעקומען דורך דער אומווינשאפטלעכער איינטיילונג פון דער קארטע, וואס די דיפלאמאטן האבן געמאכט, האבן זיך אנגעקליבן אמת פאוואליע, זיי זיינען אבער געווען נאך געפערלעכער פאר שלום פון דער מענטשהייט. מען טאר בשום אופן ניט פאראייניקן אין איין אדמיניסטראטיווער איינהייט פעלקער, וואס רעדן אויף פארשיידענע שפראכן און לייענען פארשיידענע ליטעראטורן און האבן פארשיידענע אלגעמיינע פארשטעלונגען, בפרט נאך, אז די דאזיקע אונטערשיידן זיינען פארשארפט דורך רעליגיעזע חילוקי-דעות. מער ניט א שטארקער קעגנזייטיקער אינטערעס, אזוי ווי די בשותפישע נויט פון די שווייצער בערג-לייט צו באשיצן זיך קעגן דרויסנדיקע פיינד, קאן פארענטפערן א נאענטע פאראייניקונג פון פעלקער מיט פארשיידענע שפראכן און גלויבנס; און אפילו אין שווייץ האבן די פעלקער די ברייטסטע אויטאנאמיע. אין סוף-כל-סוף, אז די אידעע פון דער גרויס-מלוכה וועט זיין טויט און באגראבן, וועלן די שווייצער פעלקער אפשר זיך פאראייניקן מיט זייערע נאטירלעכע קרובים אין דייטשלאנד, פראנקרייך און איטאליע. אויב די באפעלקערונג איז, אזוי ווי אין מאקעדאניע, אויסגעמישט אין א פליקווערק פון דערפער און קרייזן, דעמאלט קאן העלפן נאר א קאנטאנאלע סיסטעם, בכדי איינצושטעלן אן אינעווייניקסטן שלום. אויב דער לייענער וועט א קוק טאן אויף דער קארטע פון אייראפע, ווי אזוי דער קאנגרעס פון ווין האט זי איינגעטיילט, וועט ער זען, אז די דאזיקע פארזאמלונג האט אזוי ווי מיט א כיוון געפלאנעוועט, אז אומעטום זאל הערשן וואס מער צעדרייצטקייט און געלעגנהייט פאר מחלוקת.

דער ווינער קאנגרעס האט מבטל געווען די האלענדישע רעפובליק, האט אן שום נייטיקייט צונויפגעווארפן אין איין הויפן די פרא-

טעסטאַנטישע האָלענדער מיט די פראַנצויזיש-ריידנדיקע קאַטוילִיקן פון דער אַלטער שפּאַנישער (עסטרייכישער) נידערלאַנד און האָט געגרינדעט אַ קעניגרייך נידערלאַנד. ער האָט איבערגענעבערט ניט נאָר די אַלטע רעפּובּליק וועַנעציע, נייערט אויך גאַנץ צפון-איטאַליע אויש ביז מילאַן צו די דייטש-ריידנדיקע עסטרייכער. די פראַנצויזיש-ריידנדיקע סאַוואָי האָט מען צונויפגעקאָמבינירט מיט שטיקער איטאַליע, בכדי אויפצוריכטן דאָס קעניגרייך סאַרדיניע. עסטרייך און אונגאַרן, שוין סיי ווי אַ געגנט עקסקלאַוזיווע מישונג פון די פאַרשיידנסטע פעלקער, האָט לעבן געאָרנישט בשלום צווישן אַנאַנד: דייטשן, אונגאַרן, טשעכאָ-סלאָוואַקן, יוגאָ-סלאַווּן, רומענער, און איצט איטאַליענער, איז דורך די טיילונגען פון פוילן 1772 און 1795 געוואָרן נאָך מער אוממעגלעך. די קאַטוילישע און רעפּובליקאַניש-געשטימטע פּאָליאַקן זיינען צום גרעסטן טייל איבערגעגעבן געוואָרן אונטער דער ווינציקער ציוויליזירטער רעגירונג פון דעם גריכיש-אָרטאָדאָקסן צאַר, און וויכטיקע פּראָווינצן זיינען אָנגעקומען די פּראָטעסטאַנטישע פּרייסן. דעם צאַר איז אויך באַשטעטיקט געוואָרן די הערשאַפט איבער די לחלוטין פרעמדע פינלענדער די זייער אומגלייכע נאָרוועגער און שוועדן זיינען געוואָרן צונויפגעבונדן אין איינעם אונטער איין קעניג. דייטשלאַנד איז איבערגעלאָזט געוואָרן אין אַ באַזונדער געפערלעכן צושטאַנד פון אַ מישעניש. פּרייסן און עסטרייך זיינען געווען צום טייל אין, צום טייל אויסער דער דייטשער קאָנפעדעראַציע, וואָס האָט אַרייַנגענומען אַ גרויסע צאָל קלענערע מלוכות. דער קעניג פון דענעמאַרק איז אַריין אין דער דייטשער קאָנפעדעראַציע, מחמת צו אים האָבן געהערט געוויסע געביטן מיט דייטשן אין האָלשטיין. לוקסעמבורג איז איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער דייטשער קאָנפעדעראַציע, הגם איר מושל איז געווען אויך דער קעניג פון נידערלאַנד און הגם אַ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג האָט גערעדט פראַנצויזיש. דאָ האָט מען לחלוטין ניט געוואָלט זיך רעכענען מיט דעם פאַקט, אַז די מענטשן, וואָס ריידן דייטש און באַגרינדן זייערע פאַרשטעלונגען אויף דער דייטשער ליטעראַטור, די מענטשן וואָס ריידן איטאַליעניש און באַגרינדן זייערע פאַרשטעלונגען אויף דער איטאַליענישער ליטעראַטור, און די מענטשן וואָס ריידן פויליש און באַגרינדן זייערע פאַרשטעלונגען אויף דער

פוילישער ליטעראטור — אז די אלע וואלטן אסך בעסער זיך
געפילט אין וואלטן געווען אסך מער נוציק אין ווינציקער שעד־



נאפאלעאן I אויף סאנקט העלענע, 1820. לויט א צייכענונג,
איצט אין בריטישן מוזיי.

לעך פאר דעם איבעריקען טייל פון דער מענטשהייט, אויב זיי פירן
זייערע אייגענע ענינים אין זייער אייגענער שפראך און אין די גרענעצן

פון זייער אייגענער שפראך. איז דען א חידוש, אז איינע פון די פאפולערסטע לידער אין דייטשלאנד אין משך פון יענעם פעריאד דערקלערט, אז אומעטום, וואו עס ווערט גערעדט די דייטשע שפראך, דארט איז דאס דייטשע פאטערלאנד?

אפילו נאך ביי היינטיקן טאג ווילן מענטשן ניט מודה זיין, אז די טעריטאריע פון א רעגירונג קאן ניט זיין קיין אביעקט פון האנדל און שפיל צווישן צארן, מלכים און אויסערן-מיניסטארן. עס איז פאראן א נאטירלעכע און נויטווענדיקע וועלט-קאר-טע, וואס האט ניט צו טאן מיט קיין שום אינטערעסן פון רעגי-רערס. עס איז פאראן א מעגלעכקייט איינצוטיילן איטלעכן טייל פון דער ערד אויפן בעסטן אופן אין אדמיניסטראטיווע געביטן, און עס איז פאראן א רעגירונג, וואס איז צום בעסטן צוגעפאסט צו יע-דער איינציקן געביט, — ווען מען נעמט אין אכט די שפראך און די ראסע פון די איינוואוינער. און עס איז אונזער אלעמענס אינטערעס צו פארזיכערן די דאזיקע צעטיילונג און איינצושטעלן אזעלכע פאר-מען פון רעגירונג, אז צו רעכענען זיך לחלוטין מיט דיפלאמאטיע און „פלאגן“, מיט „תביעות“ און מעלאדראמאטישער „לאיאלקייט“ און מיט דער עקזיסטירנדיקער וועלט-קארטע.

די נאטירלעכע פאליטישע קארטע פון דער וועלט באשטייט אויף זיך אליין. זי הייבט זיך און ווארפט זיך אין דער קינסטלעכער פאליטישער קארטע, אזוי ווי א ריז, וואס ליגט אין אן אומבא-קוועמער לאגע. אין יאר 1830 איז די פראנצויזיש רעדנדיקע בעלגיע, אויפגערודערט דורך דעם רעוואלוציאנערן שטראם אין פראנקרייך, אויפגעשטאנען קעגן אירע האלענדישע שותפים אין דעם קיניגרייך נידערלאנד. די גרויס-מלוכות, איבערגעשראקן דורך דער מעגלעכ-קייט פון א נייער רעפובליק אדער פון אן אנעקסיע דורך פראנק-רייך, האבן זיך געאײַלט צו בארויקן דאס לאנד און האבן די בעלגיער געגעבן אן איינעם מאנארך, לעאפאלד I פון זאקסן-קא-בורג-גאטא.

1830 זיינען אויך געווען קליינע אויפשטאנדן אין איטאליע און דייטשלאנד, און א סך אן ערנסטערער אין רוסיש-פוילן. א רע-פובליקאנישע רעגירונג האט זיך געהאלטן אין ווארשע א יאר צייט

קעגן ניקאלאי I (וואס האט בארנומען אלכסנדרס ארט אין יאר 1825), און איז דערנאך פארטיליקט געווארן מיט גרויס מאכט און אכזריות. די פוילישע שפראך איז פארבאטן געווארן, און די גריכיש-ארטאדאקסע קירך איז געווארן אוועקגעשטעלט פאר דער מלוכה-קירך אנשטאט דער רוימיש-קאטוילישער...

אין איבעריס פון דער נאטירלעכער פאליטישער וועלט-קארטע, וואס האט געטראפן אין יאר 1821, האט געהאט די שטיצע פון ענגלאנד, פראנקרייך און רוסלאנד. דאס איז געווען דער אויפשטאנד פון די גריכן קעגן די טערקן. זעקס יאר צייט האבן זיי געפירט א פאריאושטן קאמף, בעת די רעגירונגען פון איראפע האבן צוגעקוקט. די ליבעראלע עפנטלעכע מיינונג האט פראטעסטירט קעגן אזא אומטעטיקייט. פרייוויליקע פון אלע לענדער פון איראפע זיינען געקומען העלפן די איפגעשטאנענע, און סוף-כל-סוף האבן בריטאניע, פראנקרייך און רוסלאנד זיך אריינגעמישט. די פראנצויזן און ענגלענדער האבן צעשטערט דעם טערקישן פלאט ביי נאווארין (1827), און דער צאר איז אריינגעדרונגען אין טערקיי. לויטן אפמאך פון אדריאנאפאל (1829) איז גריכנלאנד געווארן דערקלערט פאר פריי, נאר מען האט איר ניט דערלויבט אננעמען אירע אלטע רעפובליקאנישע טראדיציעס. מען האט גענומען פאר גריכנלאנד א דייטשן קיניג, א פרינץ אטא פון בייערן — ער האט געגעבן געלעגנהייט צו ספקן אין זיין געטלעכן רעכט, און אין יאר 1862 האט מען אים ארויסגעווארפן. מען האט אויך אוועקגעזעצט קריסטלעכע גובערנאטארן אין די דונאי-פראווינצן (וואס זיינען איצט רומעניע) און אין סערביע (א טייל פון יוגאסלאווישן געביט). דאס איז געווען א טיילווייזע הגהה דער נאטירלעכער פאליטישער קארטע, נאר עס האט באדארפט נאך א סך בלוט פארגאסן ווערן, איידער די טערקן זיינען אינגאנצן ארויסגעטריבן געווארן פון יענע לענדער.

א ביסל שפעטער האט די נאטירלעכע קארטע באדארפט זיך איינשטעלן אין איטאליע און דייטשלאנד.

## 7. דער סטיל אמפיר.

נאפאלעאנס פרווו אויפצוריכטן די רוימישע אימפעריע האט זיך אפגעשפיגלט מיט איבערגעווינטלעכער געטריישאפט אין דער ארכיטעקטור, אין דער קליידונג, אין דעם מעבל און אין דער מאלעריי פון דעם פעריאד. אין אלע די דאזיקע זאכן איז געווען א פרווו צו מאכן אויפלעבן די פארמען און דעם גייסט פון דער קיסרלעכער רוים. עס האט געהאט דעם אויסזען, ווי די ווייבערישע היט און קאסטיומען זיינען ארויסגעטראגן געווארן פון די מוזייען אין די גאסן ארויס. די קאלאנאדע, די טריומפאלע ארקע האבן ווידער האפערדיק געגרייסט זיך אין אלע גרויסע שטעט. פאריז האט געקראגן איר טריומפאלע ארקע (Arc de Triomphe), לאנדאן, גענוי נאכגעמאכט, איר מירמלשטיינערנע ארקע (Marble Arch). דער באראק, דער ראקאקא-סטיל, וואס האבן זיך געהאט אנטוויקלט פון דעם רענעסאנס-סטיל, זיינען פארשוואונדן, און עס באווייזן זיך שטרענגערע פאסאדן. דער איטאליענער קאנאווא איז געווען דער גרויסער סקולפטאר פון דעם פעריאד. דאוויד, דער מאלער, האט אנטציקט מיט העראישער נאקעטקייט, ער האט געמאכט אומשטארבלעך די באנאפארטישע פרינצעסינס אין דער געשטאלט פון רוימישע מאטראנעס און רוימישע געטינס. די עפנטלעכע סטאטועס פון לאנדאן שטעלן פאר די בכבודיקע מלוכה-מענער און מאנארכן פון דעם פעריאד ווי סענאטארן אדער קיסרים. אז די פאראייניקטע שטאטן האבן איבערגעקליבן א צייכן פאר זייער גרויסן זיגל, איז געווען נאטירלעך אויסצוקלייבן אן אדלער און אריינצולייגן צווישן זיינע קרעלן יופיטערס דונער-פייל.

## קאפיטל 37

# ווירקלעכקייט און פאנטאזיע פון ניינצנטן יארהונדערט

1. די מעכאנישע רעוואלוציע. 2. די שייכות פון דער מעכאנישער רעוואלוציע צו דער אינדוסטריעלער רעוואלוציע. 3, די יוירונג פון אידעעס, 1848. 4. די אנטוויקלונג פון דער אידעע פון סאציאליזם. 5. חסרונות פון סאציאליזם ווי א פלאן פאר דער מענטשלעכער געזעלשאפט. 6. ווי אזוי דער דארוויניזם האט געווירקט אויף רעליגיעזע און פאליטישע אידעעס. 7. די אידעע פון נאציאנאליזם. 8. די גרויסע אויסשטעלונג פון 1851. 9. די קאריערע פון נאפאלעאן III. 10. לינקאלן און דער בירגער-קריג אין אמעריקע. 11. דער רוסיש-טערקישער קריג און דער בערלינער טראקטאט. 12. דער (צווייטער) נעשלעג פאר דער אימפעריע אויף יענער זייט ים. 13. דער אינדישער פרעצעדענט אין אזיע. 14. די געשיכטע פון יאפאן. 15. דער סוף פון פעריאד פון אויסשפרייטונג איבער די ימים. 16. די בריטישע אימפעריע 1914. 17. מאלעריי, סקולפטור און ארכיטעקטור אין ניינצנטן יארהונדערט. 18. מוזיק אין ניינצנטן יארהונדערט. 19. דער אויפשטייג פון דער נאוועלע צו פארהערשאפט אין דער ליטעראטור.

די קאריערע און די פערזענלעכקייט פון נאפאלעאן I פארנעמט אן אימפראפארציאנעל גרויסן ארט אין די געשיכטעס פון 19טן יארהונדערט. ער האט געהאט א קליינעם באטייט פאר דער ברייטער ווייטערדיקער באוועגונג פון די מענטשלעכע ענינים. ער איז געווען אן איבערהייס, א סימפטאם פון א באהאלטענער קרענק, עפעס

אַזוינס, ווי אַ באַקטעריע פון אַ מגפה. אַפילו באַטראַכט ווי אַ מגפה, איז ער ניט געווען אַ פּלאָג פון דער העכסטער מדרגה: ער האָט אויסגעהרגעט אַ סך ווינציקער מענטשן, ווי די עפּידעמישע אינפלוענצע פון 1918 און האָט געבראַכט ווינציקער פּאָליטישע און סאָציאַלע צעשטערונג, איידער די פּעסט אין יוסטיניאַנס צייט.

אַזאַ צווישנשפּיל האָט געמוזט טרעפן און ס׳האָט געמוזט קו־מען אַזאַ צונויפגעשטויסענע איינשטעלונג פון איראָפּע, ווי דער „קאָנצערט פון איראָפּע", מחמת עס איז ניט געווען קיין אויסגעאַר־בעטע סיסטעם פון אידעען, וואָס אויף איר האָט געקאָנט אויפגע־בויט ווערן אַ נייע וועלט. און אַפילו דער „איראָפּעיִשער קאָנצערט" האָט אין זיך געהאַט אַן עלעמענט פון פּראָגרעס. ער האָט לכל־הפחות אָפּגערוקט אַן אַ זייט דעם אינדיווידואַליזם פון דער מאַקיאַ־וועלישער מאָנאַרכיע און דערקלערט, אַז עס איז פאַראַן אַ כלל פון דער מענטשהייט אָדער לכל־הפחות פון איראָפּע. אויב ער האָט געטיילט די וועלט צווישן מלכים, האָט ער געמאַכט רעווערענסן פאַר דער איינהייט פון דער מענטשהייט און געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער וויל דינען גאָט און לייט.

איידער עס איז מעגלעך אויפצושטעלן אַ וואַסער עס איז נייעם סאָציאַלן און פּאָליטישן בנין, וואָס זאָל זיך האַלטן לאַנג, האָט מען געמוזט אָפּטאָן לטובת דער מענטשהייט אַ ניציקע אַר־בעט, אַן אַרבעט, וואָס קאָן ניט מיט איין מאָל געטאָן ווערן, אָבער דער מענטשלעכער שכל איז אין איר אַריינגעטאָן און זוכט זי אויס־צופירן, הגם מיט אַ סך איבערדרייסן און אין מיטן עתגערנישן און טומלענישן: דאָס איז די אויפגאַבע אויסצואַרבעטן און אַנצווענדן אַ וויסנשאַפט פון אייגנטום ווי דער באַזיס פאַר פרייהייט און סאָ־ציאַלער גערעכטיקייט, אַ וויסנשאַפט פון געלט־פאַרקער צו פאַר־זיכערן און פאַרהיטן אַווירקזאַמען עקאָנאָמישן מיטל, אַ וויסנשאַפט פון רעגירונג און קאָלעקטיווער ווירקן, וואָס דערפון זאָלן מענטשן אין איטלעכער געמיינשאַפט אָפּלערנען, ווי אַזוי אויסצופירן זייערע שותּפישע אינטערעסן אין אחדות און האַרמאָניע, אַ וויסנשאַפט פון וועלט־פּאָליטיק, וואָס מיט איר הילף זאָל ווערן געמאַכט אַ סוף צו די חורבנות און אכזריות פון מלחמות צווישן ראַסן, פעל־

קער און נאציעס און די כלל-אינטערעסן פון דער מענטשהייט זאלן ווערן ארונטערגעפירט אונטער אן אלגעמיינער פארוואלטונג, — און איבער דעם אלעמען א וועלט-סיסטעם פון בילדונג און דערציהונג אויף אונטערצוהאלטן דעם וויסן און אינטערעס פון די מענטשן אין זייערע אלגעמיין-מענטשלעכע אונטערנעמונגען.



דער ערשטער לאָקאָמאָטיוו, געמאכט פון טרע[illegible]

די אמתע שאַפערס פון געשיכטע אין 19טן יאָרהונדערט, די מענטשן, וואָס זייערע אויפטוען האָבן באַשטימט דאָס מענטשלעכע לעבן אויף א יאָרהונדערט פאָראויס, זיינען געווען יענע, וואָס האָבן א רוק געטאָן פאָראויס און האָבן מיטגעהאָלפן ביי אָט דער פינפ-פאַכיקער אַרבעט. אין פאַרגלייך מיט זיי זיינען די אויבערן-מיניסטאָרן

און „מלוכה־מענער“ און פּאָליטיקער פֿון יענער צייט געווען ניט מער ווי א גראבע אומרוקע שטיפערישע יינגלעך, וואס קאנען אמאל אנמאכן א שׂרפֿה — און עטלעכע פון זיי טאקע פשוטע גנבים — יינגלעך, וואס שפילן זיך ארום צווישן די בוי־מאטעריאלן און אמאל טוען זיי אן אויך היזק, אויפן פלאץ פון א גרויסן בנין, וואס זיי פארשטייען ניט זיין מהות און באטייט.

אין דער זעלביקער צייט, ווען דער גייסט פון דער מערבדיקער ציוויליזאציע, וואס דער רענעסאנס האט באפרייט, האט אין משך פון גאנצן 9טן יאהונדערט זיך צונויפגענומען צוליב דער אויפגאבע פון שעפערישן סאציאלן און פאליטישן איבערבוי, וואס ער האט נאך זי איסצופירן, האט זיך דורכגעטראגן דורך דער וועלט א כוואליע פון אלגעמיינעם בייט אין דער מענטשלעכער קראפט און אין די מאטעריעלע לעבנס־תנאים, וואס די ערשטע וויסנשאפטלעכע אנשטרענגונגען פון דעם באפרייטן גייסט האבן געמאכט מעגלעך.

די נבואות פון ראדזשער בעקאן האבן גענומען מקוים ווערן אין דער ווירקלעכקייט. דאס אנגעקליבענע וויסן און די באזיכערטקייט פון דער קליינער גרופע מענטשן, וואס האבן אין משך פון דורות דורכגעטראגן די אנטוויקלונג פון דער וויסנשאפט, האט איצט גענומען טראגן פירות, וואס פשוטע מענטשן האבן שוין געקאנט זיי פארשטיין. די קענטיקסטע ערשטלינג־פרוכט איז געווען די דאמף־מאשין. די ערשטע דאמף־מאשינעס אין 18טן יאהונדערט זיינען געווען פומפ־מאשינעס, וואס מען האט גענוצט ארויסצופאמפען וואסער פון די ניי־געעפנטע קוילן־גרובן. די דאזיקע קוילן־גרובן האט מען באארבעט, כדי צוצושטעלן קאקס צוליב שמעלצן אייזן, וואס פריער פלעגט מען צוליב דעם נוצן האלץ־קוילן. דזשיימס וואט, א מייסטער פון מאטעמאטישע אינסטרומענטן אין גלאזגא, האט אויסגעבעסערט די דאזיקע דאמף־פומפ־מאשין און האט זי צוגעפאסט, אז זי זאל קאנען טרייבן מאשינעריע. די ערשטע מאשין, וואס איז אזוי באנוצט געווארן, איז אוועקגעשטעלט געווארן אין א באוול־שפינעריי אין נאטינגהעם אין יאר 1785.

אין יאר 1809 האט טרעוויטהיק צוגעפאסט וואטס מאשין צום טראנספארט און האט געשאפן דעם ערשטן לאקאמאטיוו. אין יאר 1825 איז געעפנט געווארן פארן פארקער דער ערשטער אייזנבאן, צווישן סטאקטאן און דארלינגטאן. די אריגינאל־מאשין (לאקאמאטיוו נומ. 1, 1825) באצירט נאך היינט דעם פלאטפארם פון דארלינג־טאן. אין דער מיט פון יארהונדערט האט א נעץ פון אייזנבאנען זיך אויסגעשפרייט איבער גאנץ אייראפע.

דא האט זיך פלוצים איבערגעביטן א זאך, וואס איז א לאנגע צייט געווען פעסט פיקסירט אין מענטשנס לעבן: דאס איז די גרעסטע געשווינדקייט ביים טראנספארט איבער דער יבשה. נאך דעם רוסישן חורבן איז נאפאלעאן געפארן פון ארום ווילנע ביז קיין פאריז אין 312 שעה. דאס איז געווען א וועג פון אן ערך 1400 מייל. ער איז געפארן מיט דער מעגלעך גרעסטער געשווינדקייט און האט דער־גרייכט אין דורכשניט צו ווינציקער פון 5 מייל א שעה. א גע־ווייטלעכער רייזנדער וואלט דעם זעלביקן וועג ניט דורכגעמאכט אפילו אין א טאפלטער צייט. דאס זיינען געווען אן ערך די זעל־ביקע מאקסימום־געשווינדקייטן ביים פארן, וואס זיינען געווען גילטיק צווישן רוים און גאליע אין ערשטן יארהונדערט נאך קריסטוס אדער צווישן סארדעס און שושן אין פערטן יארהונדערט פאר קריסטוס.

און דא איז פלוצים פארגעקומען א געוואלדיקער שינוי. די אייזנבאנען האבן פארקירצט די זעלביקע נסיעה פארן געווייטלעכן רייזנדער ביז ווינציקער פון 48 שעה. דאס הייסט, מיט אנדערע ווער־טער, אז זיי האבן פארקירצט די הויפט־אפשטאנדן אין אייראפע ביז צו א צענטל פון דעם, ווי זיי זיינען געווען פריער. זיי האבן געמאכט מעגלעך צו פירן אדמיניסטראטיווע ארבעט אויף שטרעקעס צען מאל אזוי גרויס, ווי וואסער עס איז שטרעקע, וואס איז ביז אהער געפירט געווארן אונטער איין אדמיניסטראציע. דער פולער באַטייט פון דער דאזיקער מעגלעכקייט באדארף אין אייראפע ערשט ווערן באנומען. אייראפע איז נאך איינגעפענטעט אין גרענעצן, וואס זיינען געצויגן אין דער תקופה פון פערד־און־וואגן. אין אמעריקע האבן די רעזולטאטן זיך באוויזן תיכף. פאר די פאראייניקטע שטאטן

פון אמעריקע, וואס האבן זיך געצויגן אלץ מער קיין מערב, האט דאס באטייט די מעגלעכקייט כסדר צוצוקומען קיין וואשינגטאן, ווי ווייט אויך דער גרענעץ זאל זיך ארייננציען אין קאנטינענט אריין. דאס באטייט אן איינהייט, אונטערגעהאלטן אין אזא מאסשטאב, וואס וואלט אנדערש ניט געווען מעגלעך.

דער דאמף-באט איז געווען א ביסל פאראויס פאר דער דאמף-מאשין אין די ערשטע צייטן. אין יאר 1802 איז געווען א דאמף-באט Charlotte Dundas, וואס איז געגאנגען אויף דעם קאנאל צווישן די טייכן פארטה און קלאיד; אין 1807 האט אן אמעריקאנער מיטן נאמען פולטאן געהאט א דאמפער, דעם Clermont, מיט מאשינען געמאכט אין ענגלאנד, וואס האט געפירט פאר געצאלט מענטשן און סחורות אויפן טייך האדסאן ביי ניו-יארק. דער ערשטער דאמפער, וואס איז געפארן איבערן ים, איז אויך געווען אן אמעריקאנער, דער Phoenix, וואס איז געגאנגען פון ניו-יארק (האבאקען) קיין פילאדעלפיע. אמעריקאניש איז אויך געווען די ערשטע שיף מיט דאמף-באנוץ (זי האט אויך געהאט זעגלען), וואס איז אריבערגעשוואומען דעם אטלאנטישן אקעאן, דאס איז די Savannah (1819). דאס זיינען אלץ געווען דאמפערס מיט רעדער, און רעדער-דאמפערס זיינען ניט צוגעפאסט צו ארבעטן אין שווערן ים-וואסער. די רעדער ווערן גרינג צעבראכן, און די שיף קאן זיך דעמאלט ניט רירן.

דער שרויפן-דאמפער איז געקומען ערשט פאוואליע. מען האט באדארפט גובר זיין א סך מניעות, איידער מען האט געקאנט אויסנוצן גוט א שרויף. ניט פריער פארן מיטן פון יארהונדערט האט דער טאנאזש פון די דאמף-שיפן אויפן ים גענומען אריבערשטייגן דעם טאנאזש פון די זעגל-שיפן. נאך דעם איז עוואלוציע אין ים-טראנספארט צוגעגאנגען האסטיק. דאס ערשטע מאל האבן מענטשן גענומען שווימען איבער ימים און אקעאנען מיט א געוויסער זיכערקייט בנוגע צו דער צייט פון זייער אנקום. אריבערשווימען דעם אטלאנטישן אקעאן האט פריער געדויערט עטלעכע וואכן, און מען האט ניט געקאנט וויסן גענוי, ווען מען קומט אן, עס האט געקאנט געדויערן חדשים אויך. איצט איז די צייט אלץ קירצער געווארן,

ביז אין יאר 1910 האבן די גיכסטע דאמפערס דערגרייכט דערצו, אז זיי פארן אריבער דעם אקעאן אין ווינציקער פון פינף טעג, און דערביי קאן מען באשטימען גענוי די שעה פון אנקום. איבער אלע אקעאנען איז דאס נעמלעכע פארקירצט געווארן די צייט פון פארן און עס איז אויך גרעסער געווארן די געוויסהייט פון מענטשלעכן פארקער.

פאראלעל מיט דער אנטוויקלונג פון דעם דאמף-טראנספארט אויף דער יבשה און אויפן ים איז צוגעקומען א נייע און וואונדערלעכע פארגרינגערונג פאר דעם מענטשלעכן פארקער דורך די



דער דאמפער Charlotte Dundas. ער איז אויסגעבויט געווארן אין יאר 1801 צו שווימען אויפן פארטה-און קלאיד-קאנאל.

פארשונגען פון וואלטא, גאלוואני און פאראדיי איבער אייניקע עלעקטרישע דערשיינונגען. דער עלעקטרישער טעלעגראף איז געווארן געשאפן אין יאר 1835. דער ערשטער קאבעל אונטערן ים איז געלייגט געווארן אין יאר 1851 צווישן פראנקרייך און ענגלאנד. אין עטלעכע יאר צייט האט דער טעלעגראף זיך אויסגעשפרייט איבער דער ציוויליזירטער וועלט, און נייס, וואס זיינען ביז א צייט פאוואליע געגאנגען פון פונקט צו פונקט, זיינען איצט פראקטיש פארשפרייט געווארן אין איין מאמענט איבער דער גאנצער ערד.

אט-די זאכן, דער אייזנבאן און דער עלעקטרישער טעלעגראף, זיינען פאר דער פאנטאזיע פון פאלק ביז דער העלפט פון 19טן

יאָרהונדערט געווען די חידושדיקסטע און רעוואָלוציאָנערסטע דערפינדונגען, אָבער זיי זיינען געווען נאָך די אָנזעעוודיקסטע און ממשותדיקסטע ערשטלינגס-פרוכטן פון א סך א ברייטערן פּראָצעס. טעכניש וויסן און מייסטערשאַפט האָבן זיך אַנטוויקלט אויסערגעוויינטלעך גיך און אין אַן אויסערגעוויינטלעכן פאַרנעם, געמאָסטן לויטן פּראָגרעס אין א וואָסער עס איז פריערדיקער תקופה.

א סך ווינציקער אָנזעעוודיק צוערשט אין טאָג-טעגלעכן לעבן, אָבער סוף-כל-סוף א סך וויכטיקער איז געווען דער אויסשפּרייט פון דעם מענטשנס מאַכט איבער פאַרשיידענע מאַטעריאַלן. פאַר דעם מיטן פון 18טן יאָרהונדערט פלעגט מען אַרויסנעמען אייזן פון ערץ מיט דער הילף פון האָלץ-קוילן, באַאַרבעטן פלעגט מען דאָס אין קליינע שטיקער און דורך שמידן ברענגען עס אין דער נייטיקער פאָרם. אייזן איז געווען א מאַטעריאַל פאַר א קינציקן בעל-מלאכה. די מעלה און די באַהאַנדלונג פון פּראָדוקט איז געווען גאָר שטאַרק געווענדט אָן דער געניטשאַפט און גוטן איינפאַל פון דעם איינציקן אייזן-שמיד. די גרעסטע מאָס אייזן, וואָס מען האָט געקאָנט ביי אַזעלכע תנאים באַאַרבעטן, האָבן געוואויגן העכסטנס (אין 16טן יאָרהונדערט) ביז צוויי אָדער דריי טאָן (מחמת דעם האָבן א שטייגער, האַרמאַטן ניט געקאָנט זיין גאָר גרויס). דער גרויסער שמעלץ-אויוון איז אויפגעקומען אין 18טן יאָרהונדערט און האָט זיך אַנטוויקלט אינאיינעם מיט דעם באַנוץ פון קאָקס. ניט פריער פאַרן 18טן יאָרהונדערט געפינען מיר אייזן-בלעך צונויפגעוויקלט אין ראָליקעס (1728) און צונויפגעוויקלטע פרענטן און אייזן-פאַסן (1783). נאַסמיטס דאַמף-האַמער האָט זיך שוין באַוויזן ערשט 1839.

די אַלטע וועלט האָט ניט געקאָנט באַנוצן דאַמף, מחמת זי איז געווען הינטערשטעליק בנוגע צו מעטאַלורגיע. די דאַמף-מאַשין, אפילו די פּרימיטיווע פּומפּ-מאַשין, האָט זיך ניט געקאָנט אַנטוויקלען, איידער מען האָט געקאָנט ניצן אייזן-בלעך. די עלטערע מאַשינעס זענען אויס פאַר דעם מאָדערנעם אויג זייער נעבעכדיקע און האַמעטנע שטיקער בראָך-אייזן, נאָר זיי זיינען געווען דאָס העכסטע, וואָס די מעטאַלורגישע וויסנשאַפט פון יענער צייט האָט געקאָנט אַרויסברענגען. ערשט 1856 איז געקומען די בעסעמער-מעטאָדע צו מאַכן שטאָל

און באלד (1864) דער פריי-אויוון-פראצעס, וואס אין אים האט שטאל און איטלעכער סארט אייזן געקאנט ווערן צעשמאלצן, געליטערט און געגאסן אין א שטייגער און אין א מאס, וואס ביז אהער איז אזוינס ניט געהערט געווארן. ביי היינטיקן טאג קאן מען אין עלעקטרישן שמעלץ-אויוון זען, ווי ווייס אנגעגליטער שטאל בלעזלט זיך, ווי זידנדיקע מילך אין א קעסעלע.

עס איז ניטא קיין זאך אין דעם פריערדיקן פאקטישן פראגרעס פון דער מענטשהייט, וואס קאן ווערן צוגעגליכן לויט אירע רעזולטאטן צו אט דער פולקומער הערשאפט איבער גוואלדיקע מאסן שטאל און אייזן און איבער זייער באשטאנד און קוואליטעט, וואס דער מענטש האט איצט דערגרייכט. די אייזנבאנען און די עלטסטע מאשינעס פון כלערליי סארטן זיינען געווען נאר די ערשטע טריומפן פון די נייע מעטאלורגישע מעטאדעס. באלד זיינען געקומען שיפן פון אייזן און שטאל, די גרויסע בריקן און א נייער שטייגער בויען פון שטאל אויף א גרויסן מאסשטאב. מענטשן האבן צו-שפעט איינגעזען, אז זיי האבן זייערע אייזנבאנען אויסגעפלאנירט אויף א צו-שטארק איינגעהאלטענער מאס, אז זיי וואלטן געקאנט ארגאניזירן זייער פארן מיט א סך מער קאמפארט און שטאנדהאפטיקייט אויף א סך א גרעסערן מאסשטאב.

פארן 19טן יארהונדערט זיינען ניט געווען קיין שיפן מיט א סך גרעסער לאדונג פאר 2000 טאן; איצט חידושט מען זיך ניט אויף א ליניען-שיף פון 50 טויזנט טאן. פאראן מענטשן, וואס זיינען מבטל דעם דאזיקן פראגרעס, מחמת זיי מיינען, אז דער עיקר פראגרעס איז אין דער גרייס. אבער דער דאזיקער ביטול כאראקטעריזירט נאר די אינטעלעקטועלע באגרענעצטקייט פון יענע, וואס האלטן זיך פאר אים.

די גרויסע שיף אדער דער בנין אויף דער שטאל-ראם איז ניט פשוט, ווי זיי שטעלן זיך פאר, א פארגרעסערטער נוסח פון די קליינע שיפן אדער בנינים פון אמאל. דאס איז נאר אן אנדער זאך לויטן עצם מהות, א סך גרינגער און פעסטער געבויט, פון פיינערע און פעסטערע מאטעריאלן. אנשטאט צו זיין נאכגעמאכט נאך א מוסטער אדער געבויט לויט א כלל, אויסגעזויגן פון פינגער, איז דאס א סך-הכל פון שארפע און קאמפליצירטע אויסרעכענונגען.

אין דעם פּראַקטישן לעבן איז, דער פאַקט, אַז דער שטאָף איז פון דער הערשער — מען האָט געמוזט שקלאַפיש פאָלגן דעם שטאָף אין זיינע פאָדערונגען. אין דעם היינטצייטיקן בנין ווערט דער שטאָף איינגענומען, אויסגעבויט, איינגעצאַמט. באַטראַכט זיך נאָר: מען נעמט קויל און אייזן און זאַמד, אויסגעגראָבן פון גריבער אָדער פון זאַמד־בערג, מען צעשטויסט דאָס, מען באַאַרבעט דאָס, מען שמעלצט דאָס צונויף און מען גיסט דאָס אויס אין פאָרעמס, ביז מען מאַכט דערפון סוף־כל־סוף אַ שלאַנקן, בלישטשענדיקן טורעם פון שטאָל און גלאָז, זעקס הונדערט פוס איבער דער באַפעלקערטער שטאָט.



אַ לאָקאָמאָטיוו אויף דעם אייזנבאַן צווישן ליווערפּול און מאַנטשעסטער, אין יאָר 1831, נעמט אָן וואַסער אויף אַ סטאַציע.

מיר האָבן געגעבן די דאָזיקע פּרטים וועגן דעם פּראָגרעס פון דעם מענטשנס קענטשאַפט אין דער מעטאַלורגיע פון שטאָל און אייזן און וועגן זיינע רעזולטאַטן נאָר צוליב אַן אילוסטראַציע. אַן ענלעכע געשיכטע וואָלט מען געקאָנט דערציילן פון דער מעטאַלורגיע פון קופּער און צין און פון נאָך אַ סך מעטאַלן (געגוג אָנצורופן צוויי: ניקעל און אַלומיניום), וואָס זיינען פאַרן אָנהייב פון 19טן י"ה ניט געווען באַוואוסט.

די הויפּט־ניצחונות פון דער טעכנישער רעוואָלוציע זיינען ביז איצט דערגרייכט געוואָרן אין אַט־דער גרויסער און וואַקסנדיקער הערשאַפט איבער שטאָפן, איבער פאַרשיידענע סאָרטן גלאָז, איבער שטיינער און טינק וכדומה, איבער קאָלירן און

געװען. נאָר מיר זײַנען נאָך אין דער סטאַדיע פֿון ערשטלינג־פּרוכט אין דעם ענין. מיר פֿאַרמאָגן די מאַכט, נאָר מיר באַדאַרפֿן נאָך אױסלערנען זיך, װי אַזױ אונזער מאַכט צו באַנוצן. אין אַ סך פֿאַלן האָט מען די דאָזיקע מתּנות פֿון װיסנשאַפֿט אױסגענוצט אױף אַ גראָבן, פּוסטן, טעמפּן אָדער שרעקלעכן אופֿן. דער קינסטלער און צופּאַסער האָבן קױם ערשט אָנגעהױבן צו אַרבעטן מיט די אָן־אַ־שיעור פֿאַרשײדנאַרטיקע שטאָפֿן, װאָס זײ האָבן איצט אין זײער רשות.

פּאַראַלעל מיט דער דאָזיקער אױסאַרבעטונג פֿון די מעכאַנישע מעגלעכקײטן איז אױסגעװאַקסן די נײַע װיסנשאַפֿט פֿון עלעקטריע. ערשט אין די אַכציקער יאָרן פֿון 19טן יאָרהונדערט האָט אָט דאָס געביט פֿון פֿאָרשונג גענומען אַרױסגעבן רעזולטאַטן, װאָס האָבן געמאַכט אַ רושם אױפֿן המון. דערנאָך איז פּלוצים געקומען עלעקטרישע באַלײַכטונג און עלעקטרישע צי־קראַפֿט, און דער איבערבײט פֿון די קרעפֿטן, דאָס װאָס מען קאָן אַריבערשיקן קראַפֿט איבער אַ קופּערנעם דראָט, אַזױ װי מען לאָזט דורך װאַסער דורך אַ טרײב, און די דאָזיקע קראַפֿט קאָן מען איבערבײטן אױף מעכאַנישער באַװעגקראַפֿט אָדער אױף באַלײַכטונג אָדער אױף װאַרעמקײט, װי אײנעם װילט זיך, — אָט־דער פֿאַקט גײט אַרײַן אַלײן מער צװישן די פֿאָרשטעלונגען פֿון געװײנטלעכע מענטשן.

די ענגלענדער און די פֿראַנצױזן זײַנען געװען די ערשטע צװישן די פֿעלקער, װאָס האָבן באַפֿרוכפּערט די װיסנשאַפֿט אין דעם פּרט. נאָר באַלד האָבן די דײַטשן, װאָס זײַנען געװען אַזױ אונטערטעניק נאַפּאָלעאָנען, גענומען אַרױסװײַזן אַזאַ ברען אין אימפּעט אין װיסנשאַפֿטלעכער פֿאָרשונג, אַז זײ האָבן איבערגעיאָגט זײערע לערערס. די בריטישע נאַטור־װיסנשאַפֿט איז געװען דער עיקר די שאַפֿונג פֿון ענגלענדער און שאָטלענדער, װאָס האָבן געאַרבעט אױסער די געװײנטלעכע צענטערס פֿון געלערנטקײט.

מיר האָבן דערצײלט, װי אַזױ די אוניװערסיטעטן אין ענגלאַנד האָבן נאָך דער רעפֿאָרמאַציע אױפֿגעהערט צוציען צו זיך ברײטערע שיכטן, װי אַזױ זײ זײַנען געװאָרן אַ בילדונגס־צענטער פֿאַר אַדל־לײַט און די פֿעסטונג פֿון דער אײנגעשטעלטער קירך. דאָרט האָט

געהערשט אין אויפגעבלאָזענע און אומאינטעליגענטע קלאַסישע סיסטעמען מיט נאַרישע פּרעטענזיעס, און זי האָט געוועלטיקט איבער די שולן פון די מיטעלע און העכערע קלאַסן. די איינציקע וויסנשאַפט, וואָס מען האָט פון איר געהאַלטן, איז געווען אַן אומקריטיש וויסן די טעקסטן פון לאַטיינישע און גריכישע קלאַסיקער, און אַ סימן פון גוטן סטיל איז געווען, ווען מען האָט געבראַכט וואָס מער ציטאַטעס, וואָס מער רמזים און מליצות.

די אַנטוויקלונג פון דער ענגלישער נאַטורוויסנשאַפט איז דעריבער צוגעגאַנגען אויף צו להכעיס דער אָפיציעלער בילדונגס־אָרגאַניזאַציע און אין דער אַטמאָספער פון ביטערער פיינטשאַפט מצד די פּראָפעסאָרן און גלחים. די פראַנצויזישע בילדונג איז אויך געווען באַהערשט דורך דער קלאַסישער טראַדיציע פון די יעזויטן, און ממילא איז די דייטשן ניט שווער געווען צו אָרגאַניזירן אַ קערפּערשאַפט פון פאָרשערס, קליין געווען לגבי די מעגלעכקייטן, אָבער גרויס אין פאַרגלייך מיט דעם קליינעם הייפל ענגלישע און פראַנצויזישע דערפינדערס און עקספּערימענטאַטאָרס. און הגם דאָס ווערק פון אויספאָרשונג און עקספּערימענט האָט געמאַכט בריטאַניע און פראַנקרייך פאַר די רייכסטע און מעכטיקסטע לענדער אין דער וועלט, האָט עס דאָך ניט געמאַכט די וויסנשאַפטס מענטשן און דערפינדערס רייך און מעכטיק. אַן ערנסטער וויסנשאַפטס־מאַן מוז ניט אַנדערש זיין אַרויסגעטאָן פון דער וועלט: ער איז געווען צו־פיל פאַרנומען מיט זיין פאָרשונג, כדי אַז ער זאָל קאָנען אויסקלערן פּלענער, ווי אַזוי צו מאַכן זיך צו געלט.

דערבאַר פאַלט די עקאָנאָמישע עקספּלואַטאַציע פון זיינע דערפינדונגען זייער גרינג און נאַטירלעך אַריין אין די הענט פון אַ טיפּ, וואָס ווייס אַרויסצוציען דערפון נוצן פאַר זיך. און מיר געפינען, אַז די רייכע לייט, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אין גרויס־בריטאַניע נאָך איטלעכן נייעם פאַזיס פון וויסנשאַפטלעכן און טעכנישן פּראָגרעס, הגם זיי האָבן ניט אַרויסגעוויזן יענעם הייסן באַגער צו שעדיקן און דערהרגענען יענע גאַנז, וואָס לייגט די נאַציאָנאַלע גילדענע אייער, ווי די סכאָלאַסטישע און קלעריקאַלע פּראָפעסאָרס, דאָך וואָלטן זיי געווען גאַנץ צופרידן, ווען אַט־די ריווח־

ברענגענדיקע באַשעפעניש זאָל זיך מאַטערן אין דחקות. זיי האָבן געמיינט, אַז דערפינדערס און אַנטדעקערס קומען פון דער נאַטור, כדי אַז מענטשן מיט קאָפּ זאָלן כאַפּן אַ פאַרדינסט.

אין דעם פּרט איז דייטשלאַנד געווען אַ ביסל קליגער. די דייטשע „געלערנטע“ האָבן ניט אַרויסגעוויזן אַזאַ שטאַרקע שנאה צו דער נייער וויסנשאַפט. זיי האָבן זי געלאָזן אַנטוויקלען זיך. דער דייטשער געשעפטסמאַן און פאַבריקאַנט האָט ניט געהאַט דעם זעלביקן ביטול צו דעם וויסנשאַפטס־מאַן, ווי זיין ענגלישער קאָנקורענט. די דאָזיקע דייטשן האָבן געגלויבט, אַז מען זייט אין וויסנשאַפט, נעמט מען אַראָפּ אַ רייכע גערעטעניש. דעריבער האָבן זיי דעם וויסנשאַפטסמאַן פאַרגונען אַ שטיקל עולם־הזה. די דייטשן האָבן אויסגעגעבן לפי־ערך, מער געלט אויף וויסנשאַפטלעכע ווערק און די דאָזיקע הוצאה איז מיט מותרות אָפּגעצאָלט געוואָרן.

אין דער לעצטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט האָבן די דייטשע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטער געמאַכט די דייטשע שפּראַך נאָך אַ שפּראַך, וואָס איינער וואָס שטודירט נאַטור־וויסנשאַפט קאָן זיך אָן איר ניט באַגיין, אויב ער וויל נאָר מיטהאַלטן מיט די לעצטע אויפטועון אויף זיין געביט. אין געוויסע צווייגן, בפרט אין כעמיע, האָט דייטשלאַנד אַ סך איבערגעשטייגט אירע מערבדיקע שכנים. די וויסנשאַפטלעכע אָנשטרענגונג פון די זעכציקער און זיבעציקער יאָרן האָט זיך גענומען אַרויסווייזן אין די אַכציקער יאָרן, און דייטשלאַנד איז כסדר איבערגעוואַקסן ענגלאַנד און פראַנקרייך אין טעכנישער און אינדוסטריעלער הצלחה.

אין אַ קאָנטור פון דער געשיכטע ווי דער דאָזיקער איז ניט מעגלעך אָנצוצייכענען די סכעמע פון די קאָמפּליצירטע גייסטיקע פּראָצעסן, וואָס האָבן געבראַכט צו דער כסדרדיקער אויסברייטערונג פון וויסן און מאַכט, וואָס האַלט איצט אין וואַקסן. אַלץ וואָס מיר קאָנען טאָן איז ווענדן דעם אויפמערק פון לייענער צו די בולטסטע ווענד־פּונקטן, וואָס האָבן סוף־כל־סוף אַרויסגעפירט די מענטשהייט פון שטילן זומפּ אין דעם האַסטיקן שטראָם פון פּראָגרעס.

מיר האָבן דערציילט וועגן דעם ערשטן אַרויסווייז פון דער מענטשלעכער נייגעריקייט און וועגן די התחלות פון סיסטעמאַטישער

פֿאָרשונג און עקספּערימענט. מיר האָבּן אויך דערציילט, אַז נאָכ־
דעם ווי די פּלוטאָקראַטישע רוימישע סיסטעם און דער אימפּעריאַליזם,
וואָס שטאַמט פֿון איר, זיינען געקומען און זיינען ווידער פֿאַרשוואונדן,
איז דער דאָזיקער פּראָצעס פֿון פֿאָרשונג באַנייט געוואָרן. מיר האָבּן
דערציילט, ווי אַזוי די פֿאָרשונג האָט זיך באַפֿרייט פֿון די אידעעס
פֿון סודותדיקייט און פּערזענלעכן נוצן און האָט זיך אויפֿגעהויבּן
צו דער אידעע פֿון דער עפֿנטלעכקייט און פֿון ברודערשאַפֿט פֿון
וויסן. און מיר האָבּן פֿאַרצייכנט די גרינדונג פֿון דער בריטישער
קיניגלעכער געזעלשאַפֿט, פֿון דער פֿלאָרענטינער געזעלשאַפֿט און
כּדומה אַזעלכע אַנשטאַלטן ווי דער רעזולטאַט פֿון דער דאָזיקער
פֿאַרגעזעלשאַפֿטונג פֿון געדאַנק. דאָס איז געווען דער שורש פֿון
דער מעכאַנישער רעוואָלוציע, און כּל־זמן דער שורש פֿון דיינער
וויסנשאַפֿטלעכער פֿאָרשונג לעבּט, וועט די דאָזיקע רעוואָלוציע ווייַ־
טער גיין.

די מעכאַנישע רעוואָלוציע גופֿא, מעגן מיר זאָגן האָט זיך
אָנגעהויבּן, נאָכדעם ווי עס איז אויסגענוצט געוואָרן אין ענגלאַנד דאָס
גאַנצע האָלץ פֿאַר די אייזנגיסערייען. דאָס האָט געבּראַכט דערצו,
אַז מען האָט גענומען נוצן שטיינקוילן, די קוילנגרובּן האָבּן נייטיק
געהאַט די פּשוטע פּומפּ־מאַשין. דאָס, וואָס וואָט האָט געמאַכט
פֿון דער פּומפּ־מאַשין אַ דאַמפֿ־מאַשין צו טרייבּן מאַשינען, האָט
געבּראַכט צום לאָקאָמאָטיוו און דאַמפֿ־שיף. דאָס איז געווען דער
ערשטער פֿאַזיס פֿון דער גרויסער אויסשפּרייטונג פֿון דעם באַנוץ
פֿון דאַמפֿ. אַ צווייטער פֿאַזיס אין דער מעכאַנישער רעוואָלוציע האָט
זיך אָנגעהויבּן מיט דער אָנווענדונג פֿון דער עלעקטרישער וויסנ־
שאַפֿט צו פּראַקטישע פּראָבּלעמעס און די אַנטוויקלונג פֿון דער
עלעקטרישער באַלייכטונג, קראַפֿט־אַריבּערטראַגונג און צי־קראַפֿט.

אַ דריטן פֿאַזיס באַדאַרף מען אונטערשיידן דעמאָלט, ווען
עס באַווייזט זיך אין די אַכציקער יאָרן אַ נייער טיפּ מאַשינעס, וואָס
אין זיי ווערט די אויסברייט־קראַפֿט פֿון דאַמפֿ פֿאַרבּיטן דורך
דער אויסברייט־קראַפֿט פֿון אַן עקספּלאָזיווער מישונג. די דאָזיקע
גרינגע מאַשינעס, וואָס גיבּן דעם גרעסטן עפֿעקט אין דער אַרבּעט,
זיינען אָנגעווענדט געוואָרן ביים אויטאָמאָבּיל, און נאָך־כּל־סוף האָבּן זיי

זיך אַנטוויקלט צו אַזאַ מאָס פון גרינגקייט און עפעקטיוויקייט. אַז זיי האָבן געמאַכט פּראַקטיש מעגלעך דאָס פליִען אין דער לופטן, וואָס אַ לאַנגע צייט האָט מען נאָר געחלומט וועגן דעם.

דאָס ווערק פון די ברידער רייט אין אַמעריקע האָט געהאַט די העכסטע וויכטיקייט אויף דעם געביט. אַ פלי־מאַשין — אָבער ניט גרויס גענוג, כדי זי זאָל קאָנען איינהאַלטן אַ מענטשן — האָט געמאַכט פּראָפעסאָר לאַנגליי, פון דעם סמיטסאָן־אינסטיטוט



„לאָקאָמאָטיוו נומער 1“, וואָס דזשאָרדוש סטעפענסאָן האָט אויסגעבויט אין יאָר 1825, פאַרגלייכט מיט אַ לאָקאָמאָטיוו פון נייסטן טיפּ אויפן לאָנדאָנער אייזנבאַן.

אין וואַשינגטאָן, שוין אין יאָר 1897. זיין ווייטערדיקער אויפטו, אַן אַעראָפּלאַן אין דער פולער גרייס, איז דורכגעפאַלן ביי די ערשטע פּרוון, אָבער דערנאָך איז קוירטיס געפלויגן אין אים מיט הצלחה אין יאָר 1914. זינט 1909 קאָן מען דעם אַעראָפּלאַן נוצן צוליב פירן מענטשן.

נאָכדעם ווי אייזנבאַנען זיינען געוואָרן פאַרפולקומט און עס האָבן געקומען פאָרן אויטאָמאָבילן, האָט אויסגעוויזן, אַז די אַנטוויקלונג פון דער גיכקייט פון דער מענטשלעכער באַוועגונג האָט זיך אָפּגעשטעלט. נאָר אַז עס איז אויפגעקומען די פלי־מאַשין,

זיינען די אפשטאנדן צווישן איין פונקט אויף דער ערד און דעם צווייטן ווידער־אמאל געווארן קלענער. אין 18טן יארהונדערט האט דער מהלך צווישן לאנדאן און עדינבורג באטראפן אכט טעג רייזע; 1918 האט די בריטישע קאמיסיע פאר ציווילן לופט־טראנספארט געמאלדן, אז די נסיעה פון לאנדאן קיין מעלבורן, א העלפט וועג ארום דער ערד, וועט אין עטלעכע יאר ארום קאנען ווערן געמאכט אין דעם זעלביקן משך צייט פון אכט טאג.

אבער צופיל וואג באדארף מען ניט לייגן אויף אט־די חידוש־דיקע פארקירצונגען אין די צייט־אפשטאנדן פון איין ארט ביזן צווייטן. זיי זיינען מער ניט איין זייט פון א טיפערער און באטייטפו־לערער פארברייטערונג פון דער מענטשלעכער מעגלעכקייט. למשל, די וויסנשאפט פון אגריקולטור און אגריקולטורעלער כעמיע האט דורכגעמאכט גענוי אזא פראגרעס אין משך פון 19טן יארהונדערט. מענטשן האבן זיך אויסגעלערנט צו מאכן די ערד אזוי פרוכפעריק, אז זי זאל ארויסברענגען א פירפאכיקע און א פינפפאכיקע גרע־טעניש, ווי דער זעלביקער שטח אין 17טן יארהונדערט. עס איז געווען א ניט־געוויינטלעכער פראגרעס אין דער מעדיצינישער וויסנ־שאפט; דער דורכשניט פון לעבן איז געווארן פארלענגערט, די טעג־לעכע קראפט איז אויסגעוואקסן, די שטערונג פון לעבן דורך קראנק־הייטן איז קלענער געווארן.

דאס אלץ צוזאמען גיט אזא שינוי אין מענטשלעכן לעבן, אז מיר האבן דאס רעכט פעסטצושטעלן א נייעם פאזיס פון דער געשיכטע. די דאזיקע מעכאנישע רעוואלוציע איז געשען אין א קלייניקייט מער פון א יארהונדערט. אין דער צייט האבן מענטשן געמאכט אזא שפרייז אין די מאטעריעלע תנאים פון זייער לעבן, וואס איז גרעסער ווי דער מהלך צווישן דער פאלעאליטישער סטאדיע און דער תקופה פון קולטיווירונג אדער צווישן די טעג פון פעפי אין עגיפטן און דער צייט פון געארג III. עס איז געשאפן גע־ווארן א נייער ריזיקער מאטעריעלער ראם פאר דער מענטשלעכער געשיכטע. עס איז קלאר, אז דאס פארלאנגט גרויסע שינויים אין אונזערע סאציאלע, עקאנאמישע און פאליטישע מעטאדעס. נאר די

דאָזיקע שינויים זיינען אָפּגעשטאַנען לגבי דער אַנטוויקלונג פון דער מעכאַנישער רעוואָלוציע, ווי זיי געפינען זיך ביי היינטיקן טאָג ערשט אין זייער אָנהייב־סטאַדיע.

---

## 2. די שייכות פון דער מעכאַנישער רעוואָלוציע צו דער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע.

אַ סך געשיכטע־שרייבערס האָבן די נטיה צונויפצומישן צוויי באַזונדערע זאַכן: דאָס, וואָס מיר האָבן דאָ אָנגערופן די „מעכאַנישע רעוואָלוציע“, וואָס איז געווען לחלוטין אַ נייע זאַך אין דער מענטשלעכער דערפאַרונג, אַ זאַך וואָס איז אַרויסגעקומען פון דער אַנטוויקלונג פון דער אָרגאַניזירטער וויסנשאַפט, אַ נייער טריט, ווי די דערפינדונג פון אַגריקולטור אָדער די אַנטדעקונג פון מעטאַלן; און די צווייטע זאַך, וואָס איז גאָר פאַרשיידן לויט איר אָפּשטאַם, עפּעס אַזוינס וואָס האָט שוין געהאַט אַ היסטאָרישן פּרעצעדענט, די סאָציאַלע און פינאַנציעלע אַנטוויקלונג, וואָס איז אָנגערופן געוואָרן די „אינדוסטריעלע רעוואָלוציע“.

די צוויי פּראָצעסן זיינען געגאַנגען צוזאַמען, זיי האָבן שטענדיק געווירקט איינער אויפן צווייטן, נאָר זיי זיינען פאַרשיידן אין זייער שורש און מהות. עס וואָלט געווען אַ באַשטימטע אינדוסטריעלע רעוואָלוציע, אפילו אויב עס וואָלט ניט געווען קיין קוילן, קיין דאַמף, קיין מאַשינעס; נאָר אין דעם פאַל וואָלט זי געגאַנגען נענטער צו דער ריכטונג פון דער סאָציאַלער און פינאַנציעלער אַנטוויקלונג פון די לעצטע יאָרן פון דער רוימישער רעפּובליק. זי וואָלט איבערגעחזרט די געשיכטע פון בדלות־געשטעלטע פרייע פויערים, שקלאַפן־אַרבעט, גרויסע מאַיאָנטקעס, גרויסע פינאַנציעלע רייכטימער און אַ סאָציאַל־צעשטערערישן פינאַנציעלן פּראָצעס.

אפילו די פאַבריק־מעטאָדע איז געקומען פריער פאַר דער דאַמף־קראַפט און מאַשינעריע. פאַבריקן זיינען דער רעזולטאַט ניט פון דער מאַשינעריע, נאָר פון דער „אַרבעטס־צעטיילונג“. איינגעניטע אַרבעטער האָבן אין אַ „שוויץ־סיסטעם“ געמאַכט אַזעלכע זאַכן, ווי מאָדע־סחורות, טעקטור־קעסטלעך און מעבל, קאָלירטע קאַר־

טעב, אילוסטראציעס צו ביכער אאז"וו, נאך פריער ווי מען האט גענוצט אפילו וואסער-רעדער צוליב אינדוסטריע-פראצעסן. געווען פאבריקן אין רוים אין אויגוסטוסעס צייטן. נייע ביכער, למשל, פלעגן ווערן דיקטירט פאר שורות קאפיסטן אין די ווארשטאטן פון די בוך-הענדלערס. דער וואס שטודירט אויפמערקזאם די ווערק פון דעפא און די פאליטישע פאמפלעטן פון פילרינג, וועט איינזען, אז דער מנהג צונויפצוקלייבן ארעמע מענטשן אין איין בנין, כדי זיי זאלן ארבעטן צוזאמען אויף צו פארדינען זיך צום לעבן, איז געווען פארשפרייט אין ענגלאנד נאך פארן סוף פון 17טן יארהונדערט. רמזים דערויף זיינען שוין פאראן אפילו אין מארס „אוטאפיא" (1516). דאס איז געווען א סאציאלע, און ניט קיין מעכאנישע אנט-וויקלונג.

אראפ ביז נאך דער העלפט פון 18טן יארהונדערט איז די סאציאלע און עקאנאמישע געשיכטע פון אייראפע פאקטיש גע-גאנגען אין דעם זעלביקן וועג, וואס די רוימישע מלוכה איז אין אים געגאנגען די לעצטע דריי הונדערט יאר פאר קר. אמעריקע איז גע-ווען אין א סך פרטים א נייע שפאניע, און אינדיע און כינע א נייע עגיפטן. אבער די פאליטישע צעשפאלטנקייט פון אייראפע, די פאליטישע קאנוואולסיעס קעגן מאנארכיע, דער ווידערשטאנד פון געמיינעם פאלק, און אפשר אויך דאס, וואס די מערב-אייראפעישע אינטעליגענץ האט געהאט א גרעסערן חשק פאר מעכאנישע אי-דעעס און דערפינדונגען, האט געווענדט דעם פראצעס אין גאר א נייער ריכטונג. אידעעס וועגן מענטשלעכער ברודערשאפט, וואס שטאמען דער עיקר פון קריסטנטום, זיינען געווען א סך מער פאר-שפרייט אין דער נייערער אייראפעישער וועלט, די פאליטישע מאכט איז ניט געווען אזוי קאנצענטרירט, און דער ענערגישער מענטש האט אין זיין גלוסט צו ווערן רייך אפגעווענדט זיך פון געדאנק וועגן שקלאפן-און קבוצה-ארבעט און צוגעווענדט זיך גערן צו דער אידעע פון מעכאנישער קראפט און מאשין.

די מעכאנישע רעוואלוציע, דער פראצעס פון מעכאנישער דער-פינדונג און אנטדעקונג, איז געווען א נייע זאך אין דער מענטש-לעכער דערפארונג, און איז זיך געגאנגען ניט געווענדט אן די פא-

ליטישע, עקאָנאָמישע און אינדוסטריעלע רעזולטאַטן, וואָס זי האָט
געקאָנט אַרויסברענגען. די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע, פּאַרקערט,
איז פּונקט ווי דאָס רוב אַנדערע זאַכן אין דער מענטשלעכער גע-
שיכטע, געוואָרן און ווערט אַליין גרונטיקער אומגעענדערט און אָפּ-
געווענדט דורך דער שטענדיקער אומענדערונג פֿון די תּנאָים פֿון
מענטשלעכן לעבן, וואָס ווערן אַרויסגעבראַכט דורך דער מעכאַני-
שער רעוואָלוציע. און דער אין־תּוכיקער אונטערשייד צווישן דער
אַנזאַמלונג פֿון רייכקייט דער פּאַרטיליקונג פֿון די קליינע פּויערים און
די קליינע סוחרים אין דעם פּאָליס פֿון גרויס־פֿינאַנץ און די לעצטע



דער „סיריוס", די ערשטע שיף, וואָס איז, געטריבן אינגאַנצן דורך דאַמף,
אין יאָר 1838 אַריבערגעשוואומען דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן.

יאָרהונדערטער פֿון דער רוימישער רעפּובליק פֿון איין זייט און צווישן
דער זייער ענלעכער קאָנצענטרירונג פֿון קאַפּיטאַל אין 18טן און
19טן י"ה אין דער אַנדערער, באַשטייט אין דעם טיפֿן אונטערשייד
אין דעם כאַראַקטער פֿון אַרבעט, וואָס די מעכאַנישע רעוואָלוציע
האָט געשאַפֿן.

די קראַפֿט פֿון דער אַלטער וועלט איז געווען מענטשלעכע
קראַפֿט: אַלצדינג איז כּוף־כּל־כּוף געווען אָפּהענגיק פֿון דער טרייב-
קראַפֿט פֿון די מענטשלעכע מוסקלען, פֿון די מוסקלען פֿון אומ-
וויסנדיקע און אונטערטעניקע מענטשן. צוגעקומען איז נאָך אַ ביסל

מוסקלען פֿון בעלי־חיים, ווי אָקסן, פֿערד וכדומה. האָט מען געמוזט וואו אויפֿהייבן א שווערע זאַך, האָבן דאָס געהויבן מענטשן; האָט מען באַדאַרפֿט אויפֿאַקערן א פֿעלד, האָבן געאַקערט מענטשן מיט אָקסן; האָט מען באַדאַרפֿט אויסברעכן א פֿעלז, האָבן דאָס אויסגעבראָכן מענטשן. אָנשטאָט דער דאַמף־שיף האָבן די רוימער געהאַט די גאַלערע מיט בענק שוויצנדיקע רודערערס.

אין די אַלטע ציוויליזאַציעס איז א גרויסער טייל פֿון דער מענטשהייט געווען פֿאַרנומען אין ריין מעכאַנישער שוואַרצער אַרבעט. אינאַנהייב האָט גאָרניט געקאָנט אויסווייזן, אַז די מאַשינעריע, געטריבן פֿון דאַמף, וועט באַפֿרייען מענטשן פֿון אַזעלכע אומאינטעליגענטע אַרבעטן. גרויסע מאַסן שוואַרץ־אַרבעטער זיינען געווען פֿאַרנומען ביי גראָבן קאַנאַלן, דורכשניידן טונעלן און אָנשיטן דאַמבעס פֿאַר די אייזנבאַנען וכדומה. עס איז געוואַלדיק אויסגעוואַקסן די צאָל בערג־אַרבעטער. אָבער אין משך פֿון דער צייט האָבן זיך די פֿאַרגרינגערונגען אַלץ מער אויסגעשפּרייט און באַקוועמלעכקייטן זיינען געוואָרן אַלץ מער. וואָס ווייטער אין 19טן יאָרהונדערט אַריין, איז אַלץ קלערער געוואָרן די מעלה פֿון דער נייער לאַגע. מען האָט שוין מער ניט באַדאַרפֿט האָבן קיין מענטשן, ווי א מקור פֿון גראָבער קראַפֿט. וואָס א מענטש האָט געקאָנט טאָן מעכאַניש, דאָס האָט א מאַשין געקאָנט טאָן פֿעסטער און בעסער. א מענטשן האָט מען באַדאַרפֿט האָבן נאָר דעמאָלט, ווען עס איז נייטיק געווען שכל. מענטשן האָט מען באַדאַרפֿט האָבן ווי מענטשן. דער שוואַרץ־אַרבעטער, וואָס אויף זיין פּראַצע זיינען געבויט אַלע פֿריערדיקע ציוויליזאַציעס, די באַשעפֿעניש, וואָס האָט געהאַט נאָר צו פֿאָלגן, דער מענטש, וואָס זיין מוח איז געווען אַן איבעריקע זאַך, איז שוין איצט מער ניט נייטיק צוליב דעם וואוילשטאַנד פֿון דער מענטשהייט.

דאָס איז געווען ריכטיק פּונקט אַזוי בנוגע אַזעלכע אַרבעטן, ווי ערד־אַרבעט און בערג־אינדוסטריע, ווי בנוגע די נייסטע מעטאַלורגישע פּראָצעסן. עס זיינען אויפֿגעקומען מאַשינעס צוליב אַקערן, זייען

און שניידן, וואָס האָבן פֿאַרבײַטן גאַנצע מחנות מענטשן. אַמעריקע איז אין דעם פּרט געווען פֿאָראויס פֿאַר דער אַלטער וועלט. די רוימישע וועלט איז געווען געבויט אויף וואָלוועלע און דערנידעריקטע מענטשלעכע באַשעפֿענישן; די מאָדערנע ציוויליזאַציע איז איבערגעבויט געוואָרן אויף וואָלוועלער מעכאַנישער קראַפֿט. אין משך פֿון אַ הונדערט יאָר איז מעכאַנישע קראַפֿט געוואָרן וואָלוועלער און האַנט־אַרבעט טײַערער. אויב עס האָט געדויערט אַ דור מיט עפּעס, ביז מאַשינעריע איז אַרײַנגעקומען אין די בערג־גרובן, איז דאָס פּשוט דערפֿאַר, ווײַל אַ שטיקל צײַט זײַנען מענטשן געווען וואָלוועלער ווי מאַשינען. אין נאָרטהומבערלאַנד און דורהאַם זײַנען מענטשן אין די ערשטע צײַטן פֿון קוילן־גרעבערײַ אַזוי וואָלוול געשאַצט געוואָרן, אַז מען פֿלעגט זיך ניט נוהג זײַן אַרויסצוזוכן די קערפּער פֿון יענע אַרבעטער, וואָס זײַנען אומגעקומען בעת קאַטאַסטראָפֿעס אין די בערג־גרובן. עס האָבן געמוזט אויפֿקומען די טרייד־יוניאָנס, די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, כּדי אומצובײַטן די לאַגע.

אַט־די אַלגעמיינע טענדענץ ממלא צו זײַן און אַרויסצושטופּן האַנט־אַרבעט דורך מאַשינעריע האָט אַרײַנגעבראַכט גוואַלדיקע שינויים אין מענטשלעכן לעבן. די הויפּט־שטרעבונג פֿון די נגידים און פֿון די מושלים אין דער אַלטער ציוויליזאַציע איז געווען צו קריגן פֿאַר זיך וואָס אַ גרעסערע צאָל שוואַרץ־אַרבעטער. קיין אַנדער מקור פֿון רײַכטום איז ניט געווען. אין משך פֿון 19טן יאָרהונדערט האָבן די קלוגערע מאַכטהאָבערס אָנגעהויבן אַלץ מער און מער צו פֿאַרשטיין, אַז דער געמיינער מאַן מוז איצט זײַן עפּעס מער ווי אַ שוואַרץ־אַרבעטער. ער האָט געמוזט ווערן אויסגעבילדעט — כאָטשבי נאָר כּדי צו זיכערן די „פּראָדוקטיוויטעט פֿון דער אינדוסטריע“. ער האָט געמוזט פֿאַרשטיין, וואו ער האַלט אין דער וועלט.

זינט די טעג פֿון דער ערשטער קריסטלעכער פּראָפּאַגאַנדע האָט די פֿאָלקסבילדונג געבליִעט אין אייראָפּע, פּונקט ווי זי האָט געבליִעט אין אַזיע אומעטום, וואו דער איסלאַם האָט אָוועקגעשטעלט זײַן פֿוס, וואָרעם מען האָט דאָך געמוזט אַ ביסל געבן צו פֿאַרשטיין דעם גלייבער, וואָס איז אַזוינס דער גלויבן וואָס דאַר־

אים אויסלייזן, און מען האט אים באדארפט אויסלערנען א ביסל צו לייענען די הייליקע ביכער, וואס דורך זיי ווערט זיין גלויבן געטראגן. די חילוקי-דעות פון די קריסטלעכע סעקטעס, וואס האבן געזוכט צו געפינען פאר זיך אנהענגערס, האבן דורכגעאקערט דעם גרונט צוליב דעם שניט פון דער פאלקס-בילדונג.

אין ענגלאנד, למשל, זיינען אין די דרייסיקער און פערציקער יארן פון 19טן יארהונדערט דורך דער קאנקורענץ פון די פארשיידענע סעקטעס און דורך זייער פארלאנג אריינצוכאפן יונגע אנהענגערס געשאפן געווארן א סך אוונט-שולן, זונטאג-שולן און א ריי בילדונגס-ארגאניזאציעס פאר קינדער פון באזונדערע קאנפעסיעס.

די עלטערע, ווינציקער איינגעקלערטע פאבריקאנטן, וואס זיינען ניט געווען מסוגל צו האבן א ברייטערן קוק אויף זייערע אייגענע אינטערעסן, האבן די דאזיקע שולן פיינט געהאט און געשטעלט זיך קעגן זיי. אבער דא איז די ארעמע דייטשלאנד ווידעראמאל געגאנגען בראש פון אירע רייכערע שכנים. באלד האבן די רעליגיעזע לערערס אין בריטאניע איבערגעצייגן אויף זייער זייט די קאפיטאליסטן, וואס אייב זיי האט ניט געארט, אז די פאלקס-מענטשן זאלן זיין געבילדעט, האבן זיי דאך גענומען פארשטיין, אז מער געלערנטע ארבעטער קאנען זיי אריינטראגן מער רווחים.

די צווייטע העלפט פון 19טן יארהונדערט איז געווען א פעריאד פון האסטיקן פראגרעס פון פאלקס-בילדונג אין גאר דער מערבדיקער וועלט. אין דער בילדונג פון די העכערע קלאסן איז קיין ענלעכער פראגרעס ניט געווען — א שטיקל פראגרעס איז בלי ספק געווען, אבער לחלוטין ניט אזוינער, וואס זאל קאנען זיך פארגלייכן מיטן פראגרעס פון דער פאלקס-בילדונג — און אזוי-ארום איז פון דעם תהום, וואס האט ביז אהער צעטיילט די וועלט צווישן די וואס קאנען לייענען און שרייבן און צווישן די וואס קאנען ניט, געווארן נאר א קליינער אונטערשייד אין דער בילדונגס-מדרגה. אין הינטערגרונט פון דעם דאזיקן פראצעס איז געגאנגען די מעכאנישע רעוואלוציע, וואס האט אין פלוג זיך ניט אומגעקוקט אויף די סאציאלע תנאים, נאר פאקטיש האט זי גע-

שטעלט די פאָדערונג, עס זאָל בטל ווערן דער קלאַס אָן־אלף־בית־ניקעס איבער גאָר דער וועלט.

אין רוים האָט דאָס געמיינע פאָלק קיינמאָל ניט תּופס געווען די עקאָנאָמישע רעוואָלוציע פון דער רוימישער רעפּובליק. דער געוויינטלעכער רוימישער בירגער האָט קיינמאָל ניט געזען די שינויים, וואָס ער האָט אין זיי געלעבט, אַזוי קלאָר און דייטלעך ווי מיר זעען דאָס. נאָר די איצטיקע אינדוסטריעלע רעוואָלוציע, ווי זי איז געגאַנגען צום סוף 19טן יאָרהונדערט, איז געווען אָפן ווי אַ גאַנצער פּראָצעס פאַר די מאַסן־מענטשן, וואָס זי האָט אָנגערירט, מחמת זיי האָבן געקאָנט לייענען און דיסקוטירן און טיילן זיך מיט זייערע געדאַנקען, מחמת זיי האָבן געזען אַלצדינג. האָט עס טוט זיך, ווי דאָס געמיינע פאָלק האָט פריער קיינמאָל אַזוי ניט געקאָנט זען.

אין דעם דאָזיקן „קאָנטור פון געשיכטע" האָבן מיר זיך געמיט אָנצווייזן, ווי אַזוי דאָס געמיינע פאָלק הייבט זיך אַרויס בהדרגה ווי אַ קלאַס מיט אַן אַלגעמיינעם ווילן און אַלגעמיינע אידעעס. דער מחבר מיינט, אַז די מאַסן־באַוועגונגען פון „געמיינעם פאָלק" אויף גרויסע שטרעקעס זיינען געוואָרן מעגלעך נאָר ווי אַ רעזולטאַט פון די פּראָפּאַגאַנדיסטישע רעליגיעס, קריסטנטום און איסלאַם, וואָס באַלאַנגען פון איטלעכן מענטשן אַכטונג צו זיך אַליין.

מיר האָבן פאַרצייכנט די באַגייסטערונג פון דער פאָלקס־מאַסע פאַר דעם ערשטן קרייץ־צוג, ווי אַ נייעם פאַקט אין דער סאָציאַלער געשיכטע. נאָר פאַרן נייַנצנטן יאָרהונדערט זיינען אַפילו די דאָזיקע מאַסן־באַוועגונגען געווען לפי־ערך באַגרענעצט. די פּויערים־אויפשטאַנדן, אָנגעהויבן פון וויקליפס צייט און ווייטער, האָבן זיך קאָנצענטרירט אין די פּויערשע געמיינדעס פון באַשטימטע געביטן און האָבן זיך נאָר פּאַוואָליע אויסגעשפּרייט איבער געגנטן, וואו עס האָבן געווירקט ענלעכע קרעפטן. די שטאָטישע בעל־מלאכות פלעגן זיך אויך בונטעווען, אָבער נאָר אין איינציקע ערטער.

דאָס פאַרברענען די שלעסער בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז ניט געווען אַן אַקט פון אַ פּויערשאַפט, וואָס האָט געהאַט גובר געווען אַ רעגירונג, דאָס איז געווען אַן אַקט פון אַ פּויערימשאַפט, וואָס איז באַפרייט געוואָרן מחמת אַ רעגירונג איז

אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן. די קאָמונע פון פּאַריז איז געווען דער ערשטער דייטלעכער אַרויסווייז פון דעם שטאָטישן בעל־מלאכה, ווי אַ פּאָליטישן כּוח, און דער פּאַריזער המון פון דער ערשטער רעוואָלוציע איז געווען אַ זייער געמישטער, פּרימיטיוו־דענקענדיקער און ווילדער המון אין פאַרגלייך מיט אַ וואָסער עס איז מערב־אייראָפּעישער מאַסע נאָך 1830.

די מעכאַנישע רעוואָלוציע האָט לאָ־די וואָס אַרויסגעצוואונגען בילדונג אויף דער גאַנצער באַפעלקערונג, זי האָט נאָר געפירט צו אַ גרויס־קאַפּיטאַליזם און צו אַ רעאָרגאַניזאַציע פון דער אינדוסטריע אין אַ גרויסן מאַסשטאַב, און די דאָזיקע רעאָרגאַניזאַציע האָט געמוזט אַרויסברענגען ביי דער פאָלקס־מאַסע אַ נייע סיסטעם אידעעס, וואָס איז געווען גאָר פאַרשיידן פון דעם פּאַריאָושטן ווידערשטאַנד און פון דעם עלעמענטאַרן בונט פון אַן אומגעבילדעטן המון־עם.

מיר האָבן שוין פאַרצייכנט, ווי אַזוי די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע האָט צעטיילט דעם האַנטווערקער־קלאַס, וואָס איז ביז איצט געווען איין מיטל־קלאַס, אין צוויי טיילן — די אַרבעט־געבערס, וואָס זיינען געוואָרן גענוג רייך אויף זיך אויסצומישן מיטן קלאַס פון די פינאַנסיסטן, — סוחרים, פּריצים, און די אַרבעטער, וואָס זיינען אַראָפּגעשטופּט געוואָרן אַלץ נידעריקער, כּמעט ביז צום שטאַנד פון שקלאַפן. פון דער אַנדער זייט האָט זיך געהויבן דער מצב פון דעם פעלד־אַרבעטער, מחמת אין דער אַגריקולטור זיינען איינגעפירט געוואָרן מאַשינעס און עס איז געוואַקסן די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבעט.

אַרום מיטן 19טן יאָרהונדערט האָט קאַרל מאַרקס (1818 — 1883), אַ דייטשער ייד, אַ געלערנטער מיט אַ גרויסן פאַרנעם, אָנגעוויזן, אַז די אַרבעטנדיקע קלאַסן ווערן אָרגאַניזירט דורך דער זיך שטענדיק קאָנצענטרירנדיקער גרופּע פון קאַפּיטאַליסטישע באַלעבאַטים, און עס אַנטוויקלט זיך אַ נייע קלאַסן־איינטיילונג אַנשטאָט דער מער קאָמפּליצירטער קלאַסן־סיסטעם פון פריער. דאָס אייגנטום, ווי ווייט עס איז מאַכט, קלייבט זיך אָן אין לבֿי־ערך ווינציק הענט, — אין די הענט פון די גרויסע גבירים פון דעם קלאַס קאַפּיטאַליסטן. פון דער אַנדער זייט איז פאַראַן אַן אויסגע־

מיט פון ארבעטער, מיט ווינציק אדער גאר קיין אייגנטום ניט, וואס מארקס רופט זיי די „עקספראפריִרטע“ אדער „פראלעטאריער“ — פאלש באנוצט דאס ווארט — וואס מוזן אנטוויקלען אן אלגעמיין קלאסן־באוואוסטזיין, אז זייערע אינטערעסן גייען קעגן די די אינטערעסן פון די רייכע.

עס האט צוערשט אויסגעוויזן, אז די אונטערשיידן אין בילדונג און טראדיציע צווישן די עלטערע סאציאלע עלעמענטן, וואס זיי האבן געהאלטן אין צונויפגיסן זיך צו דעם נייעם קלאס עקספראפריִרטע, דערלאזן ניט צו פאראייניקן די אלע גרופעס אין איין קלאס. די טראדיציעס פון די פרייע פראפעסיעס, די קליינע אנגעשטעלטע, די זעלבשטענדיקע פויערים וכדומה זיינען פארשיידן פונאנאנד און פון די פארשיידענע בעל־מלאכהשע טראדיציעס פון די ארבעטער. נאר וואס מער עס האט זיך אויסגעשפרייט בילדונג און וואס מער ביכער זיינען געווארן וואלוול, האט זיך ארויסגעשטעלט, אז די „מארקסיסטישע“ טעאריע וועגן דער צונויפגיסונג פון די עקספראפריִרטע אין איין קלאס, ווערט אלץ מער פארווירקלעכט.

די דאזיקע גרופעס זיינען צוערשט געווען פארבונדן צווישן אנאנד נאר דורך דער אלגעמיינער פאראָרעמונג, זיי זיינען אראפגעדריקט, צי געהויבן געווארן צו איין און דעם זעלביקן לעבנסשטאנד, זיי זיינען געצוואונגען צו לייענען איינע און די זעלביקע ביכער און צו ליידן די זעלביקע נויט. אין אונזער וועלט ווערט אלץ בולטער די סאלידאריטעט צווישן אלע ארעמע מענטשן, וואס האבן קיין אייגנטום ניט, קעגן דעם קלאס פון די רייכע. אלטע אונטערשיידן ווערן אויסגעוועבט, ניטא שוין מער קיין חילוק צווישן בעל־מלאכה און שווארץ־ארבעטער, צווישן ביורא־ארבעטער און בעל־עגלה, צווישן ארעמען גייסטלעכן און שול־לערער, צווישן פאליציסט און אמניבוס־פירער. אלע מוזן זיי קויפן די זעלביקע וואלוועלע מעבל און וואוינען אין די זעלביקע וואלוועלע דירות. זייערע זין און טעכטער טוען צווישן זיך שדוכים. אלץ ווינציקער איז פאראן האפענונג פאר דעם דורכשניט־מענטש זיך ארויסצוכאפן אין די אייבערשטע שיכטן.

אזוי־ארום האבן די געשעענישן אליין מער באשטעטיקט די מיינונג פון מארקסן, וואס האט ניט אזוי פארטיידיקט דעם קלאסן־קאמף, דעם קאמף פון די עקספראפריִרטע מאסן קעגן די ווינציק גבירים, ווי פאראויסגעזאגט דעם דאזיקן קאמף. טיילמאל שטעלט מען ארויס קעגן מארקסן די טענה, אז אין א סך מאדערנע געמיינשאפטן איז געוואקסן די צאל מענטשן, וואס האבן אפשפארונגען. די דאזיקע אפשפארונגען זיינען טעכניש „קאפיטאל" און זייערע באלעבאטים זיינען אזוי־ארום „קאפיטאליסטן" — בכן האבן מיר א סתירה קעגן דער הנחה פון מארקסן, אז אייגנטום ווערט קאנצענטרירט אין אלץ ווינציקער הענט. מארקס באנוצט א סך טערמינען זיינען ניט אפגעהיט, און האט זיי שלעכט אויסגעקליבן, און זיינע געדאנקען זיינען בעסער ווי זיינע ווערטער. אז ער האט געשריבן „אייגנטום", האט ער געמיינט „אייגנטום ווי ווייט עס איז א כוח". דער קליינער אפשפארער האט גאר ווינציק מאכט איבער זיין ארייַנגעלייגטן קאפיטאל.

---

### 3. די יוירונג פון אידעעס, 1848.

צו צייכענען אין ברייטע שטריכן די יוירונג פון אידעעס, וואס איז אנגעגאנגען בעת דער מעכאנישער און אינדוסטריעלער רעוואלוציע פון 19טן יארהונדערט, איז זייער א שווערע אויפגאבע. נאר מיר מוזן דאס פרוון טאן, וויבאלד מיר מוזן דאך פארבינדן דאס וואס איז פריער געשען מיט דעם מצב פון אונזער וועלט ביי היינטיקן טאג.

מען באדארף אונטערשיידן צוויי הויפט־פעריאדן אין די הונדערט יאר צווישן 1814 און 1914. צוערשט איז געקומען דער פעריאד 1814 — 1848, וואס האט פארמאגט א היפשן סכום ליבעראלע געדאנקען און שריפטן, פארשפרייט אין באגרענעצטע קרייזן, אבער אין משך פון דער צייט איז ניט פארגעקומען קיין גרויסער שינוי אדער אנטוויקלונג אין דעם דענקען פון די גרויסע מאסן פון פאלק. אין משך פון דעם דאזיקן גאנצן פעריאד האבן

די ענינים פון דער וועלט, אזוי צו זאגן, געלעבט פון זייער אלטן אינטעלעקטועלן קאפיטאל, זיי זיינען זיך געגאנגען אין הסכם מיט די פירנדיקע אידעעס פון דער רעוואלוציע און קאנטררעוואלוציע. די הערשנדיקע ליבעראלע אידעעס זיינען געווען פרייהייט און א מין אומבאשטימטע שטרעבונג צו גלייכהייט. די קאנסערוואטיווע אידעעס זיינען געווען: מאנארכיע, ארגאניזירטע רעליגיע, סאציאלע פריווילעגיעס און אונטערטעניקייט פון פאלק.

ביז 1848 האט דער גייסט פון דעם הייליקן בונד, מעטערניכס גייסט, געקעמפט קעגן דער איפלעבונג פון דער אייראפעישער רעוואלוציע, וואס נאפאלעאן האט אפגענארט און אפגערוקט. אין אמעריקע, סיי אין צפון, סיי אין דרום, האט די רעוואלוציע געזיגט, און דער ליבעראליזם פון 19טן יארהונדערט האט געוועלטיקט אומגעשטערט. ענגלאנד איז געווען א לאנד, וואס מען האט עס ניט געקאנט אזוי פשוט כאראקטעריזירן: קיינמאל ניט אינגאנצן רעאקציאנער און אויך קיינמאל ניט אינגאנצן פראגרעסיוו, ניט אמת מאנארכיסטיש און ניט אמת רעפובליקאניש, דאס לאנד פון קראמוועלן, אבער אויך פון פריילעכן מאנארך קארל; אנטי־עסטרייכיש, אנטי־בורבאניש, אנטי־פויפסטלעך, נאר א ביסל אונטערדריקעריש. מיר האבן שוין דערציילט וועגן דער ערשטער סעריע באפרייונגס־שטורעמס אין אייראפע און ארום יאר 1830; אין בריטאניע האט דאס רעפארם־געזעץ פון 1832, וואס האט שטארק אויסגעברייטערט דאס וואל־רעכט און א ביסל איבערגעריכט דעם רעפרעזענטאטיוון כאראקטער פון דער אונטערשטער פאלאטע, גרינגער געמאכט די לאגע.

ארום 1848 האט אויסגעבראכן א צווייטע און א מער ערנסטע סיסטעם פון אויפרייסן, וואס האט אראפגעווארפן די ארלעאנישע מאנארכיע און איינגעשטעלט א צווייטע רעפובליק אין פראנקרייך (1848—1852), איפגעהויבן צפון־איטאליע און אונגארן קעגן עסטרייך, די פוילן אין פיזן קעגן די פרייסן און האט פארטריבן דעם פויפס פון רוים פאר די רעפובליקאנער. א זייער אינטערעסאנטע פאן־סלאווישע קאנפערענץ, וואס איז אין יענע טעג אפגעהאלטן געווארן אין פראג, האט פארגעצייכנט א סך פון די טערטאריאלע,

אויסבעסערונגען פון 1919. זי איז צעטריבן געווארן, נאכדעם ווי די עסטרייכישע חיילות האבן דערשטיקט אן אויפשטאנד אין פראג. מעכטיקער איז געווען דער אונגארישער אויפשטאנד — ער האט אויסגעהאלטן דעם קאמף צוויי יאר. זיין גרויסער פירער איז געווען לודוויג קאשוט. נאכדעם ווי ער איז געווארן צעקלאפט און האט געמוזט אנטלויפן פון לאנד, האט ער נאך געפירט א מעכטיקע פראפאגאנדע פאר דער פרייהייט פון זיין פאלק.

סוף־כל־סוף זיינען אלע די אויפשטאנדן דורכגעפאלן; די געלט־סיסטעם איז געווארן צעטרייסלט, זי האט זיך אבער איינגעהאלטן אויף די פיס. אין די דאזיקע אויפשטאנדן איז, בלי־ספק, געקומען צום אויסדרוק אן ערנסטע סאציאלע אומצופרידנקייט, נאר פונדעסטוועגן האט זי אין ערגעץ ניט, חוץ פאריז, אנגענומען א קלארע פארם. דער דאזיקער שטורעם פון 1848, ווי ווייט דאס איז שייך אייראפע, קאן צום בעסטן געשילדערט ווערן אין איין זאץ, ווי די מרידה פון דער נאטירלעכער קארטע קעגן די געקינצלטע אפמאכן פון די ווינער דיפלאמאטן און קעגן דער סיסטעם פון די אונטערדריקונגען, וואס האבן די דאזיקע אפמאכן באקרעפטיקט.

די געשיכטע פון אייראפע איז פון 1815 ביז 1848, בדרך כלל גערעדט, געווען א פועל־יוצא פון דער געשיכטע פון אייראפע פון 1789 ביז 1814. קיין פאקטיש נייע מאטיוון זיינען אין דעם צונויפשטעל ניט צוגעקומען. די הויפט־צרה איז נאך אלץ געווען דער קאמף, הגם אפט א בלינדער און שלעכט־געפירטער קאמף, פון די אינטערעסן פון געוויינטלעכן מענטשן קעגן דער גרויס־מלוכה־סיסטעם, וואס האט שווער געמאכט און געדריקט דאס לעבן פון דער מענטשהייט.

נאר נאך 1848, פון 1848 ביז 1914, הגם אויך דעמאלט ווערט די קארטע איבערגעבעסערט: איטאליע ווערט פריי און געאייניקט, דייטשלאנד פאראייניקט זיך, נאר עס הייבט זיך אן א נייער פאזיס אין דעם פראצעס פון גייסטיקער און פאליטישער צופאסונג צו דעם נייעם וויסן און צו די נייע מאטעריעלע כוחות פון דער מענטשהייט. עס זיינען אריינגעדרונגען נייע סאציאלע, רעליגיעזע און פאליטישע אידעעס אין דעם אלגעמיין אייראפעישן גייסט. אין די ווייטערדיקע

דריי פאראגראפן וועלן מיר באטראכטן דעם אפשטאם און דעם מהות פון די דאזיקע אידעעס. זיי האבן אונטערגעלייגט דעם יסוד פאר דעם פאליטישן געדאנק פון היינטיקן טאג, אבער א צייט לאנג האבן זיי



ראבערט אווען, דער גרינדער פון מאדערנעם סאציאליזם.

ניט געהאט קיין ווירקונג אויף דער צייט־פאליטיק. די צייט־פאליטיק איז זיך געגאנגען לויט די אלטע ליניעס, אבער אלץ וויניקער איז זי געווארן אינטערגעהאלטן דורך דער אינטעלעקטועלער איינזעעניש און דעם געוויסן פון מענטשן.

מיר האבן שוין געשילדערט דעם וועג, ווי אזוי א שטארקער אינטעלעקטועלער פראצעס האט אונטערגעגראבן די סיסטעם פון דער גרויס-מאנארכיע אין פראנקרייך פאר 1789. אן ענלעכער אונטערגראבונגס-פראצעס איז צוגעגאנגען אין גאנץ איירָאפּע אין משך פון דעם גרויס-מלוכה-פעריאד פון 1848—1914. טיפע ספקות מכוח דער רעגירונגס-סיסטעם און מכוח דער פרייהייט פון פארשיידענע אייגנטומס-פארמען האבן זיך פארשפרייט איבערן גאנצן סאציאלן קערפער. דערנאך איז געקומען די גרעסטע און צום מיינסט-דעוואר-גאניזירנדיקע מלחמה אין דער געשיכטע, אזוי אז עס איז נאך ניט מעגלעך אפצושאצן דעם כוח און דעם פארנעם פון די נייע אידעעס, וואס האבן זיך אנגעקליבן אין יענע זעקס-און-זעכציק יאר. מיר האבן דורכגעמאכט א סך א גרעסערע קאטאסטראפע, אפילו ווי נאפאלעאנס קאטאסטראפע, און מיר געפינען זיך אין א שטילן פעריאד, וואס איז ענלעך צום פעריאד פון 1815—1830. אונזער 1830 און 1848 באדארפן ערשט קומען, ערשט דעמאלט וועלן מיר וויסן, וואו מיר האלטן אין דער וועלט.

---

## 4. די אנטוויקלונג פון דער אידעע פון סאציאליזם.

מיר האבן אין דער דאזיקער געשיכטע אנגעצייכנט, ווי אזוי די אידעע פון אייגנטום איז בהדרגה באגרענעצט געווארן: ווי צוערשט האט דער שטארקער מאן פרעטענדירט דערויף, אז אלץ געהער אים, און ווי מען האט בהדרגה גענומען תופס זיין די ברודערשאפט פון מענטשן ווי עפעס אזוינס, וואס שטייגט אריבער דעם עגאיזם פון יחיד. צוערשט זיינען מענטשן געווארן אריינגעצוואונגען אין פאר-באנדן גרעסער פון א שבט דורך דער מורא פארן מאנארך אדער פארן גאט. ערשט אין די לעצטע דריי, העכסטנס פיר טויזנט יאר האבן מיר קלארע באווייזן דערפאר, אז מענטשן קאנען תופס זיין די אידעע פון זיך מקריב צו זיין מיטן גוטן ווילן פאר וואסער עס איז גרעסערן צוועק, אן וואסער עס איז באלוינונג אדער געצאלט, אדער אז עמע-צער זאל אזוינס האבן פארגעלייגט.

דערנאך זעען מיר, ווי עס שפרייט זיך אויס צווישן מענטשן, אזוי ווי פלעקן זון־שיין שפרייטן זיך און גייען אריבער פון ארט צו ארט איבער די זייטן בערגלעך אין א ווינטיקן טאג אין פרילינג, די אידעע, אז אין מסירת־נפש שטעקט א גרעסערער נחת־רוח, ווי אין וואסער עס איז פערזענלעכן תענוג אדער טריומף, און אז עס איז פאראן א לעבן פון דער מענטשהייט, וואס איז פארשיידן, און אויך גרעסער און וויכטיקער, ווי די סומע פון אלע יחידישע לעבנס, וואס זי נעמט אריין אין זיך. מיר האבן געזען, ווי די דאזיקע אידעע האט גענומען לייכטן ווי די שיין פון א לייכט־טורעם, ווי די זון־שטראלן איבערגעכאפט און אפגעשפיגלט דורך א בענקטער־שויב אין א לאנדשאפט, אין די לערנונגען פון בודא, לאא טסע, און קלארער פון אלץ אין דער לערנונג פון ישו פון נצרת.

דורך אלע שינויים און פארדארבענישן האט דאס קריסטנטום קיין מאל ניט אינגאנצן אנגעווארן די פאדערונג פון א געטלעכער רעפובליק, וואס אנטקעגן איר האט גאר די גדולה פון מלכים און שרים דעם פנים פון דער נארישער חוצפה פון אן אויסגעפוצטן משרת און דער גלאנץ און תענוג פון רייכטום זעט אויס ווי א רויבער־הייל. קיין איין מענטש, וואס לעבט אין א געמיינשאפט, וואס עס האט אנגערירט אזא רעליגיע ווי קריסטנטום אדער איסלאם, קאן ניט זיין אינגאנצן א שקלאף: פאראן עפעס אזוינס אין די דאזיקע רעליגיעס, וואס קאן ניט ווערן אויסגעווארצלט און וואס צווינגט די מענטשן צו משפטן זייערע הארן און צו פארשטיין די אחריות, וואס ליגט אויף זיי גופא אנטקעגן א וועלט.

אז מענטשן האבן גענומען פילן דעם דאזיקן זעג, וואס פירט זיי ארויס פון די רייסערייען פון דער אלטער פאטעאלישטער פאמיליען־גרופע מיט איר ווילדן און זשעדנעם אינסטינקטיוון עגאיזם, צו דעם נייעם גייסט־צושטאנד, האבן זיי געזוכט אויסצודריקן די שטרעבונג פון זייערע געדאנקען און געפילן אויף א פארשיידענעם אופן. זיי האבן זיך געפינען אין א סתירה און קאנפליקט מיט אלט־איינגעשטעלטע אידעעס, און עס איז ביי זיי געווען א נאטירלעכע טענדענץ צו פארניינען אינגאנצן די דאזיקע אידעעס, אריבערצוגיין אין דעם דירעקטן היפוך.

פנים אל פנים מיט א וועלט, וואס איר רעגירונג אין די קלאסן־צעטיילונג און דער גאנצער סדר גיבן אין פלוק נאר די געלעגנהייט פאר פערזענלעכן עגאיזם און אומגערעכטער אונטערדריקונג, איז די ערשטע אומגעדולדיקע באוועגונג געווען צו דערקלערן זיך פאר אן אוניווערסאלער גלייכקייט און פאר א פאקטישער אנארכיע. פנים אל פנים מיט א וועלט, וואס אין איר האט אייגנטום אויסגעזיזן צו זיין ניט מער ווי א שוץ פאר עגאיזם און א מיטל פון פארשקלאפונג, איז געווען נאטירלעך אפצווארפן יעטווידער אייגנטום.

אינזער געשיכטע ווייזט ארויס א וואקסנדיקן שטרעב צו בונטעווען זיך קעגן רעגירערס און קעגן אייגנטום. מיר האבן אנגעצייכנט, ווי אין מיטלעלטער זיינען געווארן אונטערגעצונדן די שלעסער פון די רייכע לייט און מען האט געמאכט פרוון צו פארבינדן טעאקראטיע מיט קאמוניזם. אין די פראנצויזישע רעוואלוציעס איז דער דאזיקער צווייענדיקער בונט קלאר און דייטלעך. אין פראנקרייך געפינען מיר זייט ביי זייט, באגייסטערט מיטן זעלביקן גייסט און זיי נאטירלעכע טיילן פון איין און דער זעלביקער רעוואלוציאנערער באוועגונג, מענטשן וואס, געווענדט־אויף דעם רעגירערס שטייערן, האבן זיי דערקלערט, אז אייגנטום איז אומבארירלעך, און אנדערע, וואס, געווענדט אויף דער שווערער הארעזאניע פון די ארבעטער, האבן זיי געמאנט, אז אייגנטום זאל ווערן אפגעשאפט. נאר אין אלע פאלן האבן זיי געקעמפט קעגן דעם, וואס דער רעגירער און דער באלעבאס, אנשטאט צו ווערן דינערס פון דער געמיינשאפט, זיינען געבליבן, פונקט ווי דער גרעסטער טייל פון דער מענטשהייט, עגאיסטישע, אונטערדריקערישע יחידים.

אין אלע תקופות זעען מיר וואקסן אין מענטשנס גייסט דעם גלויבן: אז עס איז מעגלעך איינצושטעלן די געזעצן און די מאכט אויף אזא אופן, אז דער עגאיזם פון דעם רעגירער און פון דעם רעגירנדיקן קלאס, ווי ווייט ער מוז זיין, זאל ווערן באגרענעצט, און אז אייגנטום זאל ווערן באשטימט אויף אזא שטייגער, וואס זאל געבן פרייהייט אן דער אונטערדריקערישער קראפט מיר הייבן אן איצט איינצוזען, אז די דאזיקע צוועקן לאזן זיך דערגרייכן נאר דורך א קאמפליצירטער קאנסטרוקטיווער אנשטרענגונג. זיי קומען אויף דורך

דעם קאמף פון די נייע מענטשלעכע באדערפענישן קעגן אומזיסן און קעגן דער אלטער מענטשלעכער נאטור. נאר אין גאנצן נײנצנטן יארהונדערט איז געווען א שטענדיקע נטיה צו פארענטפערן די פראבלעם דורך איין פשוטער פארמולע (און דערנאך האט מען גערעכנט צו בלייבן גליקלעך אויף אייביק, ניט געקוקט אויף דעם פאקט, וואס גאר דאס מענטשלעכע לעבן, און דאס לעבן בכלל, איז אין משך פון די תקופות נישט אנדערש, ווי די בסדרדיקע פארענטפערינג פון א בסדרדיקער סינטעטישער פראבלעם).

אין דער ערשטער העלפט פון 19טן יארהונדערט זיינען געמאכט געווארן עטלעכע פרוון צו בילדן מענטשלעכע געזעלשאפטן פון א נייעם מין. צווישן די היסטאריש ווירכטיקסטע זיינען געווען די פרוון און אידעעס פון ראבערט אווען (1771 — 1858), א באלעבאס פון א באוול-שפינערײ אין מאנטשעסטער. ער ווערט בדרך כלל באטראכט ווי דער גרינדער פון דעם מאדערנעם סאציאליזם; גראד אין שייכות מיט זיין ווערק איז צוערשט איינגעקומען דאס ווארט „סאציאליזם" (ארום 1835).

ער איז, ווייזט אויס, געווען א דורכאויס גרינטלעכער געשעפטסמאן. ער האט איינגעפירט א ריי נייסן אין דער אינדוסטריע פון באוול-שפינערײ און נאך אין די יונגע יארן האט ער זיך אנגעשאפט א היפשן פארמעגן. אים האט שטארק פארדראסן די געכאלנקייט פון דער מענטשישקייט צווישן זיינע ארבעטער, און ער האט זיך פירגענומען איבערצובעסערן זייער מצב און די באציונגען צווישן ארבעטער און ארבעטגעבער בכלל. צוערשט האט ער געפרווט דאס דורכפירן אויף זיין אייגענער פאבריק אין מאנטשעסטער, און שפעטער אין ניו-לאנארק, וואו ער איז געשטאנען בראש פון אן אונטערנעמונג, וואס האט באשעפטיקט ארום 2000 מענטשן.

צווישן 1800 און 1828 האט ער באוויזן אויפצוטאן גאר גרויסע זאכן: ער האט פארקירצט די ארבעטס-שעהן, איבערגעבעסערט די סאניטארע תנאים אין זיין פאבריק, אויפגעהערט צוצונעמען אויף דער ארבעט גאר קליינע קינדער, געלאזט זיינע ארבעטער זיך פארפולקומען אין זייער פאך, איינגעשטעלט צו צאלן אויך אין די צייטן, ווען עס איז פאראן ווינציקער ארבעט, געגרינדעט א סיסטעם פון שולן און

געמאַכט ניו-לאַנאַרק אַ מוסטער פון אַ בעסערער אינדוסטריעלער סיסטעם, און אין דער זעלביקער צייט זיינען אויך די געשעפטן גוט געגאַנגען. ער האָט געשריבן ביכער און אַרטיקלען צו פאַרטיידיקן די מאַסן קעגן דער באַשילדיקונג אין ניט-איינגעהאַלטנקייט און ניט-שפּאָרעוודיקייט, וואָס דערמיט האָט מען געוואָלט אין יענער צייט פאַרענטפערן די עקאָנאָמישע אומגלייכקייט. ער האָט געהאַלטן, אַז מענער און פרויען זיינען דער עיקר אַ פּראָדוקט פון דער סביבה, וואָס אין איר לעבן זיי, — אַ הנחה, וואָס ביי היינטיקן טאָג באַדאַרף זי שוין מער קיין באַווייזן ניט. און ער האָט זיך גענומען פאַר דער פּראָפּאַגאַנדע פון די אידעעס, וואָס ניו-לאַנאַרק האָט זיי באַרעכטיקט.

ער איז אָנגעפאַלן אויף דער עגאָיסטישער אָפּגעלאָזנקייט פון זיינע חברים די פאַבריקאַנטן, וואָס קלערן ניט וועגן די דאָזיקע פראַגן. און אין יאָר 1819 איז דורכגעגאַנגען, אין אַ גרויסער מאָס אונטער זיין השפּעה, דער ערשטער פאַבריק-געזעץ, וואָס איז דער ערשטער פּרוּוו צו באַגרענעצן די באַלעבאַטים אין זייער שטרעבונג צו עקספּלואַטירן די אָרעמקייט פון די אַרבעטער אָן מענטשלעכקייט און אָן צו רעכענען זיך מיט עפּעס. עס לאָזט זיך כמעט ניט גלויבן, ווי אַזוי דאָס איז געווען נייטיק צו באַשיצן קינדער פון **ניין יאָר** (!), אַז מען טאָר זיי ניט לאָזן אַרבעטן אין פאַבריק, אָדער צו באַגרענעצן פאַר אַזעלכע אַרבעטער דעם נאָמינעלן אַרבעטסטאָג ביז **צוועלף שעה**.

מען איז אפשר צופיל נוטה צו שרייבן וועגן דער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע, אַזוי ווי זי וואָלט דאָס גורם געווען צו פאַרשקלאַפן אָרעמע קינדער און אַרויפצוואַרפן אויף זיי צופיל אַרבעט, בעת פריער זיינען די דאָזיקע קינדער געווען גליקלעך און פריי. נאָר דאָס שטעלט אַרויס די געשיכטע פאַלש. זינט דעם אָנהייב פון ציוויליזאַציע זיינען די קינדער פון אָרעמעלייט געווען געצוואונגען צו טאָן איטלעכע אַרבעט, וואָס זיי האָבן נאָר געקאָנט טאָן. די פאַבריק-סיסטעם האָט מער ניט צונויפגענומען אַ סך קינדער אינאיינעם, געמאַכט זייער אַרבעט סיסטעמאַטיש, אָנזעעוודיק, אַזוי אַז די עוולה האָט געשטאָכן די אויגן. די פאַבריק-סיסטעם האָט געוועקט דאָס געוויסן פון דער מענטשהייט און ניט געלאָזט באַרויקן זיך, ביז עס איז עפּעס געטאָן געוואָרן אין

דעם פרט. דאס ענגלישע פאבריק־געזעץ פון 1819, ווי שוואך עס ווייזט זיך אויס צו זיין היינטיקן טאג, איז דאך די מאגנא כארטא פון דער קינדהייט; זינט דעמאלט האט זיך אנגעהויבן די באוואונג צו שיצן ארעמע קינדער, צוערשט פון שווערער פראצע, דערנאך קעגן קערפערלעכער אפשוואכונג און קעגן אומוויסן.

מיר קאנען דא ניט דערציילן די פרטים פון דער געשיכטע פון אווענס לעבן און דענקען. ער האט געפילט, אז זיין ווערק אין ניו־לאנארק איז נאר א פרווו אין א קליינער א־בעטס מאדעל. דאס וואס מען קאן טאן פאר זיין אינדוסטריעלער געמיינשאפט, האט געקאנט ווערן געטאן, לויט זיין מיינונג, פאר איטלעכער אינדוסטריעלער געמיינשאפט אין לאנד. ער האט פארטיידיקט דעם פלאן פונאנדערצוזעצן די גאנצע אינדוסטריעלע באפעלקערונג אין נייע ישובים לויט דעם מוסטער פון ניו־לאנארק.

א געוויסע צייט האט אויסגעוויזן, אזוי ווי ער וואלט האבן פארכאפט די פאנטאזיע פון דער וועלט. דער „טיימס“ און די „מארנינג פאסט“ האבן אונטערגעהאלטן זיינע פארשלאגן. צווישן די באזוכער פון ניו־לאנארק איז געווען דער גרויספירשט ניקאלאי, וואס איז געווארן צאר נאך אלכסנדר I; א ווילכער פריינד איז געווען דער הערצאג קענט, א זון פון געארג III און דער פאטער פון קיניגין וויקטאריע. נאר אלע פיינט פון אימענדערונגען און אלע וואס זיינען געווען מקנא די ארעמע לייט — און אזעלכע זיינען שטענדיק געווען א סך — און אלע באלעבאטים, וואס זיינע פראיעקטן האבן זיי פארשאפט פארדראס, האבן נאר געזוכט א תירוץ, בכדי אנצופאלן אויף אים, און האבן דאס געפונען אין דעם אויסדרוק פון זיינע רעליגיעזע מיינונגען, וואס זיינען געווען פיינדלעך צום אפיציעלן קריסטנטום. דורך דעם האט זיך זיי איינגעגעבן אים צו דיסקרעדיטירן. נאר ער האט ווייטער אנטוויקלט זיינע פראיעקטן און עקספערימענטן, וואס דער וויכטיקסטער פון זיי איז געווען א קאמונע אין ניו־הארמאני אין אינדיאנע (פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע), וואס דערין האט ער אריינגעשטעקט דעם גרעסטן טייל פון זיין קאפיטאל. אין יאר 1828 האבן זיינע שותפים אפגעקויפט ביי אים זיין חלק אין דעם געשעפט אין ניו־לאנארק.

אווענס עקספערימענטן אין פלענער האבן פארמאכט זיך זייער ברייט און קאנען ניט ווערן ארונטערגענומען אונטער איין פאר־מולע. אין זיין ארבעט איז קיין שום דאקטרינערישקייט ניט געווען. זיין ניו־לאנארקער עקספערימענט איז געווען דער ערשטער פון א ריי „גוטהארציקע געשעפטן“ אין דער וועלט. ביי היינטיקן טאג זיינען ביישפילן פון דעם מין לארד לעווערהאלמס „פארט סאנלייט“, קעד־בוריס בורנוויל און פארדס געשעפט אין אמעריקע — זיי אלע זיינען א טריט נענטער צו קאמוניזם. זיינע פארשלאגן וועגן מלוכישע ישובים זיינען געווען דאס, וואס מיר רופן ביי היינטיקן טאג מלוכה־סאציאליזם. זיין אמעריקאנער עקספערימענט און זיינע שפעטערדיקע שריפטן באצייכענען א פאפולערע פארם פון סאציאליזם, נאך א ווייטערן אפנייג פון דעם עקסיסטירנדיקן צושטאנד.

עס איז קלאר, אז אווען האט זיך פארנומען מיט דער רעטעניש פון געלט־פארקער. ער האט פארשטאנען, אז מיר קאנען ניט האפן אויף א רעאלער עקאנאמישער גערעכטיקייט, כל־זמן מיר צאלן פאר ארבעט מיט געלט, וואס זיין ווערט בייט זיך כסדר; ערשט דעמאלט וואלטן מיר געהאט א פינקטלעכע וועלט, ווען מען וואלט געמאסטן לויט דער לענג פון די ארבעטס־שעהן. און אווען האט טאקע געמאכט א פרווו ארויסצולאזן ארבעט־אסיגנאציעס, וואס האבן פארגעשטעלט איין שעה ארבעט, פינף שעה ארבעט, צוואנציק שעה ארבעט.

די איצטיקע קאאפעראטיווע געזעלשאפטן — געזעלשאפטן פון ארעמע מענטשן, וואס נעמען זיך צונויף, בכדי בשותפות איינצו־קויפן און פונאנדערצוטיילן באנוץ־גיטער אדער בשותפות צו פראָ־דוצירן זאכן אדער צוליב מילך־ווירטשאפט אדער אנדערע פארמען פון לאנדווירטשאפט — די קאאפעראטיוון זיינען איפגעקומען דירעקט לויט זיין איניציאטיווע, הגם די ערשטע קאאפעראטיווע געזעלשאפטן פון זיין צייט האבן זיך געענדיקט מיט א דורכפאל. שפעטער האבן זיי זיך פארשפרייט איבער גאר דער וועלט און ביי היינטיקן טאג ציילן זיי ארום און ארום 30 אדער 40 מיליאן מיטגלידער.

כדאי צו באַמערקן וועגן אַט דעם פֿריִען סאָציאַליזם פֿון אָווענס שיטה, אַז ער איז לחלוטין ניט געווען קיין „דעמאָקראַטישער“. די דעמאָקראַטישע אידעע האָט זיך פֿאַרבונדן מיטן סאָציאַליזם ערשט שפּעטער. זיין אָנהייב האָט געשטאַמט פֿון צדקה, זיין עלטסטע פֿאָרם איז געווען פּאַטריאַרכאַליש, סאָציאַליזם איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס די אַרבעטער האָבן געמוזט דערצו ווערן דערצויגן דורך ליבעראַל געשטימטע באַלעבאַטים. אַ ז פֿילאַנטראָפּן. דער ערשטער סאָציאַליזם איז ניט געווען קיין אַרבעטער־באַוועגונג; עס איז געווען אַ באַוועגונג פֿון באַלעבאַטים. אין משך פֿון זיין גאַנצער געשיכטע איז די אידעאָלאָגיע פֿון סאָציאַליזם געווען דער עיקר דאָס ווערק פֿון ניט־אַרבעטער. מאַרקס ווערט געשילדערט פֿון בעערן הי אַן „אַריסטאָקראַט“, ענגעלס איז געווען אַ סוחר, לענין אַ זון פֿון אַ פּריצישער פֿאַמיליע.

צוגלייך מיט אָווענס ווערק איז צוגעגאַנגען אין אַמעריקע און אין ענגלאַנד אַ זעלבשטענדיקע אַנטוויקלונג. וואָס זי האָט אָבער סוף־כל־סוף באַאַרבעט זיך פֿאַרבינדן מיט זיינע סאָציאַליסטישע אידעעס. די ענגלישע געזעצן האָבן אַ צייט לאַנג פֿאַרבאָטן פֿאַראייניקונגען צו באַגרענעצן די עקספּלואַטאַציע פֿון אַרבעט, פֿאַראייניקונגען צו העכערן לוין דורך בשותּפֿישע אַקציעס. פֿריער, פֿאַר די אַגראַרישע און אינדוסטריעלע שינויים פֿון 18טן יאָרהונדערט זיינען די דאָזיקע פֿאַרבאָטן קיין גרויסער שטער פֿאַר די אַרבעטער ניט געווען. שפּעטער אָבער, אַז די צאָל אַרבעטער, וואָס לעבן פֿון האַנט אין מויל, איז געוואַקסן און זיי האָבן קאָנקורירט איינע מיט די אַנדערע און אַראָפּגעזעצט דעם אַרבעטס־לוין, איז די לאַגע פֿון די אַרבעטער געוואָרן ניט צו דערטראָגן. מען פֿלעגט זיי עקספּלואַטירן ביז לעצט; מען פֿלעגט אויסשפּילן איינעם קעגן אַנדערן; טאָג נאָך טאָג און שעה נאָך שעה האָט קיינער ניט געוואוסט וויפֿיל זיין חבר קאָן נאָך אַראָפּלאָזן פֿון זיין לוין, און עס האָט גאָר קיין שיעור ניט געהאַט, וויפֿיל דאָס געצאָלט האָט געקאָנט ווערן פֿאַרקלענערט און די האָרעוואַניע פֿאַרגרעסערט.

די אַרבעטער האָבן געמוזט אין לעבן נייטיק זיך צונויפֿריידן קעגן אַזאַ אַראָפּדריקן דעם אַרבעטס־לוין — ניט געקוקט אויפֿן פֿאַרבאָט פֿון געזעץ. צוערשט זיינען די דאָזיקע אָפּריידן געמאַכט געוואָרן און

אונטערגעהאלטן דורך פארבארגענע געזעלשאפטן. אדער מען פלעגט גרינדן קלובן לפנים צוליב אנדערע צוועקן: געזעלשאפטלעכע קלובן, לחיה-געזעלשאפטן און כדומה פלעגן דינען אויף צו פארשטעלן די פאראייניקונג צוליב העכערן די לוינען. דער פאקט וואס די דאזיקע געזעלשאפטן זיינען געווען ניט-לעגאל האט זיי געמאכט נוטה אנצווענדן געוואלד-מיטלען; זיי זיינען געווען שטארק ברוגז אויף יענע ארבעטער, וואס פלעגן ניט צושטיין צו זיי, און נאך מער פלעגן זיי פיינט האבן און רודפן די וואס האבן אין זיי געפעלשט.

אין יאר 1824 האט די אונטערשטע פאלאטע אנערקענט, אז עס איז געוואונטשן פרייער צו מאכן די שפאנונג אין די דאזיקע ענינים און האט געגעבן די ארבעטער דאס רעכט צו בילדן פאראייניקונגען, כדי צו „פירן קאלעקטיווע אונטערהאנדלונגען” מיט די באלעבאטים. דאס האט געגעבן די מעגלעכקייט די „טרייד-יוניאנס”, די פראפעסיאנעלע פאראיינען צו אנטוויקלען זיך מיט א גרויסער מאס פרייהייט. צוערשט זייער האמעטנע און פרימיטיווע ארגאניזאציעס אין מיט שטארק באגרענעצטע פרייהייטן, האבן די טרייד-יוניאנס בהדרגה זיך דערהויבן צום מצב פון אן אמתן פערטן שטאנד אין לאנד, פון א גרויסער סיסטעם קערפערשאפטן, וואס רעפרעזענטירן די מאסן אינדוסטריעלע ארבעטער.

אויפגעשטאנען צוערשט אין ענגלאנד און אמעריקע, האבן די פראפעסיאנעלע ארגאניזאציעס, מיט פארשיידענע נאציאנאלע אונטערשיידן און אונטער פארשיידענע געזעצלעכע תנאים, זיך אויסגעשפרייט אין פראנקרייך, דייטשלאנד און אלע איבעריקע מלוכות פון דער מערבדיקער ציוויליזאציע.

די פראפעסיאנעלע באוועגונג, וואס איז לכתחילה געווארן ארגאניזירט צו העכערן דעם ארבעטס-לוין און צו באגרענעצן די ארבעטס-צייט, איז אין אנהייב געווען אינגאנצן פארשיידן פון סאציאליזם. דער טרייד-יוניאניסט האט זיך געמיט ארויסצוקריגן וואס מעגלעך מער פון דעם עקסיסטירנדיקן קאפיטאליזם און פון די עקסיסטירנדיקע ארבעטס-תנאים; דער סאציאליסט האט באגערט איבערצובייטן די גאנצע סיסטעם.

ערשט דער כח הדמיון און די פאראלגעמיינער=קראפט פון קארל מארקס איז געווען אין שטאנד צונויפצוברענגען אט די צוויי באוועגונגען. מארקס איז געווען א מאן מיט א שטארקן היסטארישן חוש. ער איז געווען איינער פון די ערשטע, וואס האבן דערשפירט, אז די אלטע סאציאלע קלאסן, וואס האבן זיך געהאלטן זינט דעם אנהייב פון דער ציוויליזאציע, געפינען זיך אין א פראצעס פון צעפאל און איבערגרופירונג. זיין איינגעבארענער יידישער קאמערציאליזם האט פאר אים קלאר אויפגעדעקט דעם ווידעראנאנד צווישן אייגנטום און ארבעט. און דאס וואס ער איז אויפגעהאדעוועט געווארן אין דייטשלאנד — א לאנד, וואס, ווענדליק מיר האבן שוין באמערקט, איז יארט נאר ווי אין אנדערע איירא׳פעישע לענדער בולט געווען די טענדענץ פון די קלאסן צו ווערן פארגליווערט צו קאסטעס — האט אים געבראכט תופס צו זיין דעם ארבעטער=קלאס, ווי א געזעלשאפטלעכע איינהייט, וואס ווערט איצט „קלאסן=באוואוסט“ און איז ווי א קאלעקטיוו אנטאגאניסטיש קעגן די קלאסן, וואס ביי זיי קאנצענטרירט זיך דאס אייגנטום.

וואס וועט זיין דער פועל=יוצא, האט ער געפרעגט, פון דעם „קלאסן=קאמף“ צווישן קאפיטאליסט און דעם פראלעטאריער? ער האט דערוויזן, — אז די קאפיטאליסטישע אזאנטוריסטן וועלן מחמת דער זשעדנעקייט און דעם קאמף=גלוסט, וואס שטעקט אין זיי, צונויפקלייבן די הערשאפט איבערן קאפיטאל אין אלץ ווינציקער און ווינציקער הענט, ביז זיי וועלן סוף=כל=סוף קאנצענטרירן אלע פראדוציר=מיטלען, דעם טראנספארט וכדומה אין אזא פארם, אז זיי וועלן קאנען פארכאפט ווערן דורך די ארבעטער, וואס זייער קלאסן=באוואוסטזיניקייט און אחדות וועט זיך אנטוויקלען אין דער גלייכער מאס, ווי די אינדוסטריע ארגאניזירט זיך און קאנצענטרירט זיך.

דעמאלט וועלן די ארבעטער אריינגעמען דעם קאפיטאל אין זייער רשות און ארבעטן פאר זיך. דאס וועט זיין די סאציאלע רעוואלוציע. דעמאלט וועט ווערן אויפגעריכט דאס אינדיווידועלע אייגנטום און די פרייהייט פון יחיד, וואס וועט זיין באגרינדעט דערויף, וואס די ערד וועט געהערן דעם גאנצן כלל און וואס די געזעלשאפט ווי א גאנצע וועט פירן די גרויסע פראדוקציע, וואס די פריוואטע קא-

פּיטאַליסטן האָבן אָרגאַניזירט און קאָנצענטרירט. דאָס וועט זיין דער כּוף פון דער „קאַפּיטאַליסטישער" סיסטעם, אָבער ניט דער



קאַרל מאַרקס, דער דייטשער קאָמוניסט, וואָס האָט פאַרבונדן טעאָרעטיש די אַרבעטער-באַוועגונג מיטן סאָציאַליזם.

סוף פון דער סיסטעם פון קאַפּיטאַליזם. אַנשטאָט דעם פּריוואַטן קאַ-פּיטאַליזם זאָל קומען מלוכה-קאַפּיטאַליזם.

דאס באַטייט אַ גרויסן אָפּנייג אין אַ זייט פון אָווענס סאָציאַליזם. אָוועז האָט (פּונקט ווי פּלאַטאָן) אויסגעשטעלט אויפן מענטשלעכן שכל־הישר פון עטלעכע קלאַסן אָדער פון אַלע קלאַסן, אַז ער וועט דאָס ברענגען איבערצובויען די צופעליקע און געפעלטע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און סאָציאַלע סטרוקטור. מאַרקס האָט געפונען אַ גרעסערע טרייב־קראַפט אין דער קלאַסן־פײנטשאַפט, וואָס איז געגרינדעט אויף עקספּראָפּריאַציע און אומיושר. ער איז געווען ניט פּשוט אַ טעאָרעטיקער, וואָס האָט נביאות געזאָגט וועגן דער צוקונפט פון דער וועלט, ער איז געווען אויך אַ פּראָפּאַגאַנדיסט פון דער רעוואָלוציע פון אַרבעטער־קלאַס, פון דעם אויפשטאַנד פון דעם אַזוי אָנגערופענעם „פּראָלעטאַריאַט“. דער אַרבעטער־קלאַס, האָט ער געלערנט, האָט אומעטום אַ שותּפישן אינטערעס קעגן די קאַפּיטאַליסטן, הגם הורך די מלחמות פון די גרויס־מלוכות אין יענער צייט, און בפרט דורך דעם איטאַליענישן באַפרייונגס־קריג, האָט ער ניט תּופס געווען, אַז דער אַרבעטער־קלאַס איז שטענדיק באַאינטערעסירט אין וועלט־שלום. נאָר מיט דעם אויסקוק אויף דער סאָציאַלער רעוואָלוציע איז אים געראָטן צונויפצוברענגען אַן אינטערנאַציאָנאַלן בונד פון אַרבעטער, דעם „ערשטן אינטערנאַציאָנאַל“.

די ווייטערדיקע געשיכטע פון סאָציאַליזם איז געטיילט צווישן דער ענגלישער טראַדיציע פון אָוועז און דער דייטשער קלאַסן־טעאָריע פון מאַרקס. דאָס וואָס האָט געהייסן דער פאַביאַנישער סאָציאַליזם, דער סאָציאַליזם, ווי עס האָט אויפגענומען די לאָנדאָנער פאַביאַנישע געזעלשאַפט, האָט זיך געווענדט צו דעם מענטש מיט פאַרשטאַנד פון אַלע קלאַסן. יענע ריכטונג פון דייטשן סאָציאַליזם, וואָס מען פלעגט רופן „רעוויזיאָניזם“, איז אויך געווען געווענדט אין דער זייט. נאָר אין גרויסן און גאַנצן האָט מאַרקס גובר געווען אָוועגען, און די אַלגעמיינע מיינונג פון די סאָציאַליסטן אין גאַר דער וועלט איז, אַז נאָר די אָרגאַניזאַציע פון אַרבעטער־קלאַס, אַפגעזונדערט פון אַלע איבעריקע קלאַסן, קאָן געבן יענעם כּוח, וואָס קאָן אַרויסרייסן די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציע פון דער מענטשהייט פון דער מאַכט פון די מער אָדער ווייניקער אומפאַראַנטוואָרטלעכע פּריוואַט־אייגנטימער און אונטערנעמער.

דאס זיינען די ברייטע שטריכן פון דעם פראיעקט, וואס הייסט סאציאליזם. מיר וועלן אין דעם ווייטערדיקן פאראגראף ארומקלערן זיינע חסרונות. עס האט אפשר אנדעריש ניט געקאנט געמאלט זיין, ווי אז דער סאציאליזם זאל זיין שטארק צעריסן און צעטיילט דורך ספקות און וויכוחים און סעקטעס און שיטות: דאס זיינען אלין סיפטאמען פון וואוקס. דא קאנען מיר נאר ווארפן א בליק אויף דעם אונטערשייד צווישן מלוכה=סאציאליזם, וואס וויל באהערשן די עקאנאמיק פון א לאנד דורך זיין פאליטישער רעגירונג, און די שפעטערדיקע שיטות פון סינדיקאליזם און אינדוסטריעלן סאציאליזם, וואס וויל איבערגעבן א גרויסן טייל פון דער פירונג פון איטלעכער אינדוסטריע אין רשות פון די ארבעטער פון איטלעכן גראד — אריינגערעכנט אויך די דירעקטארן און פארוואלטערס — וואס זיינען פארנומען אין יענער אינדוסטריע. דער דאזיקער אינדוסטריעלער אדער „צעכן=סאציאליזם“ איז פאקטיש א נייער קאפיטאליזם מיט א קאמיטעט פון ארבעטער און באאמטע אין איטלעכער אינדוסטריע, וואס פארנעמען דעם ארט פון די פרייע פריוואטע קאפיטאליסטן אין יענער אינדוסטריע. דער אינדוסטריעל'ער פערסאנאל ווערט דער קאלעקטיווער קאפיטאליסט.

---

## 5. חסרונות פון סאציאליזם, ווי א פלאן פאר דער מענטשלעכער געזעלשאפט.

מיר זיינען אלע סאציאליסטן ביי היינטיקן טאג, האט כמעט יארן צוריק געזאגט סער וויליאם הארקורט, און דאס איז מער ווייניקער ריכטיק עד=היום. עס זיינען פאראן גאר ווינציק מענטשן, וואס פארשטייען ניט, ווי ווייט אונזער איצטיקע עקאנאמישע און פאליטישע סיסטעם איז א צייטווייליקע און געפערלעך ניט=שטאנדהאפטיקע. און נאך ווינציקער זיינען פאראן אזעלכע, וואס האלטן מיט די דאקטרינערע אינדיווידואליסטן, אז דאס לאזן זיך גיין ווי עס גייט אין דעם פרייען יאגן זיך נאך רווחים וועט פירן די מענטשהייט צו א האבן פון וואוילשטאנד און גליק. עס זיינען נייטיק גרויסע איבעראנדערשונגען, און דער פערזענלעכער עגאיזם מוז אויף א געזעצלעכן וועג אונטערגעשטעלט ווערן אונטער דער טובת הכלל.

אזוי ווייט זיינען די פארשטאנדיקסטע מענטשן סאציאליסטן. אבער דאס זיינען נאר די פרעלימינערע פאר־הנחות. ווי ווייט איז דער סאציאליזם און דער מאדערנער געדאנק בכלל אוועק אין אויסארבעטן די פארשטעלונג פון יענער נייער פאליטישער און סאציאלער ארדענונג, וואס אונזער וועלט געניטיקט זיך אין איר, לויט אט דער הנחה? מיר זיינען געצוואונגען צו ענטפערן, אז עס איז ניטא קיין קלארע פארשטעלונג פון אט דעם נייעם צושטאנד, וואס פאר אים פירן מיר דעם קאמף. די זאך בלייבט נאך אינגאנצן אומבאשטימט, אונזער וויסן פון די מענטשלעכע פארהעלטענישן איז נאך אזוי רוי און געבויט אויף הוילער חקירה, אז עס גיט אונז ניט קיין אנווייזן און לאזט אונז אן פירונג אין א סך ענינים פון דער גרעסטער וויכטיקייט. ביי היינטיקן טאג זיינען מיר ניט מער אין שטאנד צו גרינדן א וויסנשאפטלעך אויפגענומענע פאליטישע סיסטעם, ווי די מענטשן פון 1825 זיינען געווען ביכולת איינצובויען אן עלעקטרישע קראפט־סטאציע. זיי וואלטן דאס דעמאלט ניט געקאנט טאן, אפילו אויב עס וואלט געגאנגען זיי אין לעבן.

די מארקסיסטישע סיסטעם ווייזט אונז אן אויף אן אנזאמלונג פון רעוואלוציאנערע כוחות אין דער מאדערנער וועלט. די דאזיקע כוחות וועלן שטענדיק שטרעבן צו א רעוואלוציע. אבער מארקס האט צופיל געאיילט ארויסגעדרונגען, אז א רעוואלוציאנערער דראנג וועט ניט אנדערש שאפן א געארדנטן צושטאנד פון א נייעם און בעסערן מין. א רעוואלוציע קאן בלייבן שטיין אינמיטן וועג פון הוילער צעשטערונג. קיין איין סאציאליסטישע סעקטע האט נאך ניט דעפינירט קלאר די רעגירונג, וואס זי פראיעקטירט. די באלשעוויקעס האבן אין זייער רוסישן עקספערימענט אין פלוג זיך געהאלטן פאר דער פראזע „דיקטאטור פון פראלעטאריאט“, אבער פאקטיש, דערציילט מען אונז, האבן טראצקי און לענין זיך ארויסגעוויזן פונקט אזוי אויטאקראטיש, ווי דער ווינציקער אינטעליגענטער, אבער אויך גוטמיינענדיקער קיסר אלכסנדר I.

אין אונזער קורצן איבערבליק איבער דער פראנצויזישער רעוואלוציע האבן מיר זיך געמיט צו ווייזן, אז א רעוואלוציע קאן ניט איינשטעלן עפעס אזוינס, וואס זאל האבן א קיום, אויב עס איז פריער ניט

גוט ארומגעקלערט געווארן און ניט אויפגענומען דורך דעם כלל-גייסט. די פראנצויזישע רעפובליק, אז זי איז געשטעלט געווארן אנטקעגן אומגעריכטע שוועריקייטן אין ווירטשאפטלעכע ענינים, אין געלט-פארקער און אינטערנאציאנאלע באציונגען, איז זי אריינגעפאלן אין דער מאכט פון דעם עגאיזם פון די ניי אויפגעקומענע גבירים פון דער דירעקטאריע און צום סוף פון דעם עגאיזם פון נאפאלעאנען.

אין רעוואלוציאנערע צייטן זיינען א געזעץ און א שטאנדהאפטיקער אויסגעהאלטענער פלאן נייטיקער, ווי אין געוויינטלעכע וואכעדיקע צייטן, ווארעם אין רעוואלוציאנערע צייטן איז גרינגער, אז די געזעלשאפט זאל צעפאלן אין צדדים, וואס שלאגן זיך כסדר, און זאל ארונטערפאלן אונטער דער ממשלה פון מאכט-האבערישע און פאליטישע מענטשן.

אויב מיר זאלן אין אלגעמיינע שטריכן וועלן אויסנוצן די פאליטישע און סאציאלע וויסנשאפט פון אונזער צייט, קאנען מיר אנצייכענען עפעס וואס פון דער אינטעלעקטועלער ארבעט, וואס די מענטשהייט מוז נאך אפטאן, איידער מיר וועלן קאנען האפן צו זען געוויסע קאנסטרוקטיווע אויפטוען, וואס ווייזן זיך ארויס פון אונטער דער טראדיציאנעלער און מאכטהאבערישער סיסטעם, וואס הערשט איבער אונזערע געזעלשאפטלעכע ענינים ביי היינטיקן טאג. מיר ווערן דערמאלט געוואר, אז דער סאציאליזם, וואס גיט זיך ארויס ווי א פולקומע טעאריע פון א נייעם סאציאלן סדר, איז אין דער אמתן, ווען מיר באטראכטן אים גענויער, ניט מער ווי א טיילווייזע טעאריע וועגן אייגנטום — א טעאריע, וואס באליכט א סך זאכן, ווי ווייט זי גרייכט.

מיר האבן שוין ארומגערעדט די שייכות צווישן דער סאציאלער אנטוויקלונג צו דער באגרענעצונג פון דער אידעע פון אייגנטום. עס זיינען פאראן פארשיידענע שיטות, וואס ווילן באגרענעצן דאס אייגנטום מער אדער ווייניקער פולקום. קאמוניזם איז דער פארשלאג אינגאנצן אפצושאפן אייגנטום, אדער, מיט אנדערע ווערטער, צו מאכן אלצדינג שותפיש. דער מאדערנער סאציאליזם — אדער גענויער גערעדט, קאלעקטיוויזם,—אונטערשיידט קלאר צווישן פערזענלעכן אייגנטום און קאלעקטיוון. דער מהות פון דעם סאציאליסטישן פארשלאג באשטייט

דעוין, אז די ערד און אלע נאטירלעכע פראדוציר־מיטלען, דער טראנספארט און די פארטיילונג זאלן זיין דאס אייגנס פון דעם קאלעקטיוו. און די דאזיקע גרענעצן באדארף זיין אסך פריי פריוואט אייגנטום און אומבאגרענעצטע פערזענלעכע פרייהייט. אויב מען זאל קאנען איינשטעלן א גוטע אדמיניסטראציע, דארף מען זיין מסופק, צי זיינען ביי היינטיקן טאג פאראן אסך מענטשן קעגן דעם דאזיקן פארשלאג. נאר דער סאציאליזם האט זיך קיין מאל ניט פארנומען מיט טיפער באקלערן אט דעם תנאי פון א גוטער אדמיניסטראציע.

ווידער אמאל שטייט די פראגע: ווער איז דאס די געמיינשאפט, וואס דארף ווערן דער באלעבאס פון דעם קאלעקטיווען אייגנס — צי איז דאס דער סווערען אדער די שטאט אדער די פראווינץ, די נאציע אדער די מענטשהייט? דער סאציאליזם גיט ניט קיין קלארן ענטפער. די סאציאליסטן ווארפן זיך ארום מיטן ווארט „נאציאנאליזירן“, אבער מיר האבן אין דעם דאזיקן „קאנטור“ שטארק קריטיקירט די פארשטעלונגען „נאציע“ און „נאציאנאליזם“. אויב סאציאליסטן ווילן ניט דערלאזן קיין פרעטענזיע פון יחיד, וואס שטעלט ארויס תביעות אויף א מעטאל־גרוב אדער אויף א גרויסער שטרעקע אגריקולטור־ערד, אז דאס איז זיין אינדיווידועל אייגנס, און אז ער האט דאס רעכט ניט צוצולאזן קיין אנדערן אדער ארויסנעמען געצאלט פאר איבערגעבן זיין רעכט א צווייטן, טא ווי אזוי קאנען זיי דערלויבן אן איינציקער נאציע צו מאנאפאליזירן פאר זיך די בערג־גרובן אדער וואלדס־וועגן אדער די נאטירלעכע רייכטימער פון די טעריטאריעס, וואס אויף זיי וואוינען זיי, קעגן דעם איבעריקן טייל פון דער מענטשהייט?

אין דעם ענין איז, ווייזט אויס, אין דער סאציאליסטישער טעאריע פאראן א גרויסער פלאנטער. און ווי אזוי קאן דאס די געמיינשאפט באשטימען אירע באאמטע, סיידן דאס מענטשלעכע לעבן זאל ווערן מגולגל אין א כסדרדיקער מאסן־פארזאמלונג? נאך אלעמען איז דאך דער פריוואטער אייגנטימער פון ערד אדער פון א געשעפט וכדומה א מין געזעלשאפטלעכער אנגעשטעלטער, ווי ווייט זיין אייגנטום איז סאנקציאנירט און געשיצט דורך דער געזעלשאפט. אנשטאט דעם וואס מען זאל אים צאלן שכירות, האט ער רשות ארויסצושלאגן זיך ריווח.

דער איינציקער גילטיקער טעם, פאַרוואָס מען זאָל ביי אים צונעמען זיין אייגנטום איז דער, אַז דער נייער באַלעבאָס, וואָס וועט קומען אויף זיין אָרט, וועט אויפטאָן מער לטובת דער געזעלשאַפט. און אַז מען וואַרפט אים שוין אַרויס, האָט ער די נעמלעכע תביעה צו דער געזעלשאַפט, אַז זי מוז באַפרידיקן זיינע נויטן, פּונקט ווי עס האָט אַמאָל



ניקאָלאַי לענין (וולאַדימיר אוליאַנאָוו), דער פירער און דער נביא פון די רוסישע באָלשעוויקעס.

צו אים געהאַט דער אַרבעטער, וואָס איז אַרויסגעשטופּט געוואָרן פון פאַבריק דורך אַ מעכאַנישער אויסבעסערונג.

די פראַגע פון אַדמיניסטראַציע, וואָס איז אַן אמתער שטער פאַר דער צו האַסטיקער סאָציאַליזאַציע, ברענגט אונז צו דער נאָך אומפאַרענטפערטער פּראָבלעם פון דער מענטשלעכער פאַרבינדונג: ווי אַזוי קאָנען מיר זיכערן די בעסטע ווענדונג פון די מענטשלעכע

ענינים און ווי אזוי קאָנען מיר איינשטעלן דעם מאַקסימום פון גערנוויליקער צוזאַמענאַרבעט אין דער ריכטונג? דאָס איז סוף־כל־סוף אַ קאָמפּליצירטע פּראָבלעם פון פּסיכאָלאָגיע, אָבער עס האָט קיין טעם ניט צו באַהויפּטן, אַז מען קאָן זי ניט פאַרענטפערן בכלל. עס מוז זיך געפינען אַ בעסטער אופן, וואָס מוז זיין דער ריכטיקער אין דעם פּרט. אָבער אויב די פּראָבלעם לאָזט זיך יאָ פאַרענטפערן, האָט, פאַרקערט, אויך קיין זין ניט צו זאָגן, אַז זי איז שוין פאַרענטפערט. בכדי צו פאַרענטפערן ווי געהעריק די דאָזיקע פראַגע, מוזן ווערן אויסגעאַרבעט די בעסטע מעטאָדעס אין די ענינים, וואָס זיינען ווייטער אָנגעמערקט, און עס מוז ווערן איינגעשטעלט אַ ריכטיקע פאַרהעלטעניש צווישן זיי:

1) דערציִונג — יעדער יחיד דאַרף ווערן צוגעגרייט צו אַ פאַרשטאַנדיקער און גערנוויליקער מיטאַרבעט אין די וועלט־ענינים.

2) אינפאָרמאַציע — יעדער יחיד מוז שטענדיק וויסן דעם אמת, וואָס עס טוט זיך אין די געזעלשאַפטלעכע ענינים, כדי ער זאָל קאָנען וועגן זיי משפטן. ענג פאַרבונדן מיט אָט דער באַדערפעניש פון לויפיקער אינפאָרמאַציע איז די קאָדיפיצירונג פון געזעץ, אַז די געזעצן זאָלן זיין פאָרמולירט אַזוי קלאָר און דייטלעך, אַז אַלע זאָלן פאַרשטיין זייער באַטייט.

3) פאָרטרעטונג — די פאָרטרעטער און אַגענטן פון דער געזעלשאַפט דאַרפן אויסגעקליבן ווערן, כדי צו האַנדלען לטובת הכלל און הסכם מיט דעם אַלגעמיינעם ווילן, וואָס איז באַגרינדעט אויף דערציִונג און קלאָרער אינפאָרמאַציע.

4) די אויספיר־מאַכט — די אַגענטן פון דער אויספיר־מאַכט דאַרפן ווערן באַשטימט אַזוי, אַז זיי זאָלן דאַרפן שטענדיק אָפּגעבן דין־וחשבון פאַר דער געזעלשאַפט, נאָר אין דער זעלביקער צייט זאָל אינטעליגענטע איניציאַטיוו ניט ווערן געשטערט.

5) דענקען און פאָרשן — די פירונג און די געזעצן פון דער געזעלשאַפט דאַרפן סיסטעמאַטיש נעפאָרשט און קריטיקירט ווערן, כדי דאָס פאָלק זאָל שטענדיק קאָנען משפטן וועגן זיי, און כדי צו פאַרזיכערן, אַז די מענטשלעכע אָרגאַניזאַציע זאָל שטענדיק ווערן אויסגעבעסערט".

דאס זיינען די פינף הויפט-פונקטן, וואס אונטער זיי שטעלט זיך אונז פאר די ברייטע פראבלעם פון דער מענטשלעכער געזעלשאפט. אין דער וועלט ארום אונז זעען מיר, ווי אין אלע די דאזיקע צווייגן ווערט עפעס געטאן, פאראן א געוויסע ארגאניזאציע, אבער אלץ איז פארדרייט, שלעכט קאארדינירט צווישן אנאנד און ניט גוט אויך פאר זיך. מיר זעען א בילדונגס-און דערציִונגס-סיסטעם, וואס באקומט ווינציק פינאנסיעלע מיטלען, און איז דעריבער שלעכט פארזארגט און שלעכט ארגאניזירט, דערצו נאך צעקאליעטשעט דורך דער אריינמישונג און דער פיינדשאפט פון רעליגיעזע קערפערשאפטן. מיר זעען, ווי די אינפארמאציע ווערט צוגעשטעלט דעם פאלק דערהויפט דורך א פארקויפטער פרעסע, וואס איז אפהענגיק פון אנאנסן און סובסידיעס. מיר זעען די מעטאדן פון פאליטיק, וואס מאכן וואלן פאר א פארם און גיבן די פאליטיקער א מאכט, וואס איז ניט אנדערש פון דער מאכט פון א ירושה-מלך אדער פון א באצווינגער. אומעטום איז די אויספיר-מאכט מער ווייניקער באווירקט און באהערשט דורך גרופעס רייכע אוואנטוריסטן, און דאס שטודיום פון דער פאליטישער און עקאנאמישער וויסנשאפט און די קריטיק פון געזעלשאפטלעכן לעבן איז נאך אלץ מער די ארבעט פון יחידים, וואס זיינען זיך מוסר נפש דערפאר, איידער אן אנערקענטע און בכבודיקע פונקציע אין דער מלוכה.

עס איז א ריזיקע אויפגאבע פאר רעכטשאפענע און רעכט-דענקענדיקע מענטשן אויסצורייניקן די שטאלן פון די פראפעסיאנעלע פאליטיקער. און איידער דאס איז געשען, איז קיין פולע פארווירקלעכונג פון סאציאליזם ניט מעגלעך. כל-זמן פריוואטע אוואנטוריסטן געוועלטיקן איבער דעם פאליטישן לעבן פון דער מלוכה, איז א געלעכטער צו קלערן, אז די מלוכה זאל איבערנעמען די עקאנאמישע כלל-אינטערעסן פון די פריוואטע אוואנטוריסטן.

די סאציאליסטישע באוועגונג האט ביז אהער לא די וואס ניט באוויזן אויסצוארבעטן א וויסנשאפטלעך באגרינדעטן פלאן פון די קעגנזייטיקע באציִונגען צווישן בילדונג, געזעץ און דער אויספירונג פון דער געזעלשאפטלעכער מאכט, נאר אפילו אויפן עקאנאמישן געביט איז נאך אויך ניטא, וועדליק מיר האבן אנגעוויזן, קיין

פארשטעלונג פון א ריכטיקער ארגאניזאציע פון קרעדיט און פון א ריכטיקער מעטאדע פון צאלונג און אויסבייט, וואס ערשט דעמאלט וועלן די שעפערישע כוחות זיך קאנען אנטוויקלען. עס איז אן אלף־בית־אמת, אז דער חשק פון ארבעטער צו טאן זיין ארבעט איז, צווישן אנדערע זאכן, געווענדט אן זיין פולן צוטרוי אין דער קויף־קראפט פון דעם געלט, וואס דערמיט ווערט ער באצאלט. ווען דער דאזיקער צוטרוי פארשווינדט, הערט די ארבעט אויף, סיידן זי קאן ווערן באצאלט אין פראדוקטן. נאר עס איז נאך נישטא קיין גענוג וויסן פון דעם געלט־פארקער און פון דער געשעפטס־פסיכאלאגיע, אז דאס זאל קאנען באגרענעצן רעגירונגען פון די אריינמישונגען אין דעם געזעלשאפטלעכן קרעדיט און געלט־פארקער, וואס טוען אן גרויסע צרות. אזעלכע אריינמישונגען פירן דירעקט צום אפשטעלן די ארבעט, דאס הייסט דאס פראדוצירן אלע נייטיקע זאכן.

נעמענדיק אין אכט אזעלכע גרונטיקע לעבנס־פראגן, איז קיים א גוזמא צו זאגן, אז די מאסע פון יענע סאציאליסטן, וואס ווילן איבערבויען די וועלט, האבן בכלל ניט קיין באשטימטע אידעעס. אויך אין א סאציאליסטישער וועלט מוז מען, פונקט ווי אין איטלעכער אנדער מין וועלט, צאלן מענטשן געלט פאר זייער ארבעט, און ניט אין פראדוקטן, אויב מען וויל נאר אויפהאלטן אזא זאך ווי פערזענלעכע פרייהייט. דא איז נאך פאראן א שטיק ארבעט צו טאן. ביז דאס וועט ווערן באשטימט, וועט געשיכטע אין די דאזיקע ענינים זיין א דערציילונג ניט פון עקספערימענטן, נאר פון שטרויכלונגען.

נאך אין א צווייטער ריכטונג איז דער סאציאלער און פאליטישער גאנג פון 19טן יארהונדערט געווען, אין פארגלייך מיט דער גרויסקייט פון דער מעכאנישער רעוואלוציע, אומדרייסט, באגרענעצט און קליינלעך, — דאס איז בנוגע דער אינטערנאציאנאלער פאליטיק. דער וואס לייענט די סאציאליסטישע ליטעראטור וועט געפינען, אז די סאציאליסטן שרייבן כסדר און ריידן וועגן דער „מלוכה“, און קיין מאל נעמען זיי ניט אין אכט, אז מלוכה קאן זיין די פארשיידנסטע ארגאניזאציע אויף די פארשיידנסטע שטרעקעס, פון דער רעפובליק סאן מארינא ביז דער בריטישער אימפעריע. עס איז אמת, אז קארל מארקס האט געלערנט וועגן דער אחדות פון די אינטערעסן ביי די

ארבעטער פון אלע אינדוסטריאליזירטע לענדער, אבער אין דעם מארקסיסטישן סאציאליזם איז ווינציק אדער גארניט פאראן די פאדערונג, וואס איז די לאגישע מסקנא פון דער ראזיקער אחדות, אז די סאציאלע רעוואלוציע מוז ברענגען צו א דעמאקראטישער פעדעראטיווער וועלט-רעגירונג (מיט נאציאנאלע אדער פראווינציעלע „שטאט"-רעגירונגען).

על-פי-רוב איז אין דעם פרט פאראן אן אומבאשטימטער וואונטש. אבער אויב ביים מארקסיסט איז פאראן א שטיקל לאגיק, מוז דאס זיין זיין בפירוש אויסגעדריקטער פאליטישער ציל, וואס ער מוז באר דעם ארבעטן אין אויפהער. געשטעלט פארן פרווו פון דעם קריג פון 1914, האבן די סאציאליסטן פון כמעט אלע אייראפעישע לענדער באוויזן, אז זייער קלאסן-באוואוסטזיניקער אינטערנאציאנאליזם באדעקט נאר אין זייער א דינער שיכט זייערע פאטריאטישע געפילן, און אז ער האט בשום אופן ניט פארנומען זייער ארט. אומעטום האבן די סאציאליסטן בעת דער דייטשער מלחמה געטענהט, אז דעם קריג האבן געמאכט די קאפיטאליסטישע רעגירונגען. אבער עס מאכט גאר אן קליינעם אדער ניט קיין בלייבנדיקן רושם, ווען מען פאלט אן אויף א רעגירונג אדער אויף א וועלט-סיסטעם, סיידן מען האט א ווירקעוודיקע אידעע פון א בעסערער רעגירונג און פון א בעסערער סיסטעם אויף אוועקצושטעלן אויף איר ארט.

מיר קאנסטאטירן דא די דאזיקע זאכן, ווייל זיי זיינען פאקטן און א לעבעדיקער און נויטווענדיקער טייל פון א מאדערנעם איבערבליק איבער דער מענטשלעכער געשיכטע. עס איז ניט אונזער איצטיקע אויפגאבע ניט צו פארטיידיקן דעם סאציאליזם און ניט אים אפצופרעגן. נאר עס געהער אריין אין אונזער בילד צו פארצייכענען, אז דאס פאליטישע און סאציאלע לעבן איז און מוז בלייבן כאאטיש און צעשטערעריש, אויב עס זאל ניט אנטוויקלט ווערן אזא קאנסטרוקטיווער פלאן, ווי דער סאציאליזם טוט ס ק י צ י ר ן, און קלאר אנצווייזן, ווי ווייט די וועלט איז איצט פון אזא פלאן.

עס דארף נאך אוועקגיין א גוואלדיקער סכום ארבעט און חקירה און בילדונג, און א סך יארן מוזן פארגיין — צי יאר-צענדליקער צי יארהונדערטער, דאס קאן קיין מענטש ניט זאגן — איידער עס וועט

געשאפן ווערן אזא ארדענונג, אויספלאנירט, ווי עס ווערן אויספלאנירט שיפן און אייזנבאנען, און וועט זיך אויסשפרייטן איבערן גאנצן כדור הארץ, אזוי ווי עס שפרייטן זיך אויס טעלעגראמעס און פאסט-שיקונגען. און ביז וואנען אזא נייע ארדענונג וועט צונויפנעמען די גאנצע מענטשהייט אין איר נעץ אריין, וועט דאס מענטשלעכע לעבן, ווי מיר וועלן באלד וויזן דורך דער געשיכטע פון די אייראפעאישע מלחמות זינט 1854, מוזן ווערן אלץ מער און מער צופעליק, געפערלעך, נעבעכדיק, פול מיט שרעקעניש און חורבן, וואָרעם מחמת דער אלץ זיך שטארקנדיקער מעכאנישער רעוואלוציע ווערן די קריגס-מעטאדן אלץ מער מעכטיקער און צעשטערערישער.

---

## 6. ווי אזוי דער דארוויניזם האט געווירקט אויף רעליגיעזע און פאליטישע אידעעס.

אין דער צייט ווען די מעכאנישע רעוואלוציע, וואס דער וואוקס פון דער פיזיקאלישער וויסנשאפט האט געבראכט צו איר, האט געהאלטן אין צעשטערן די אלטע סאציאלע קלאסן-איינטיילונג פון דער ציוויליזירטער מלוכה, וואס האט זיך געהאט אנטוויקלט אין משך פון טויזנטער יארן, און האט געשאפן נייע מעגלעכקייטן און נייע אידעאלן פון א יושרדיקער מענטשלעכער געמיינשאפט און א יושרדיקן וועלט-סדר, — אין דער זעלביקער צייט איז צוגעגאנגען א פארענדערונג, לכל-הפחות פונקט אזוי גרויס און ניי, איבער געביט פון רעליגיעזן געדאנק. דער זעלביקער וואוקס פון דער נאטורוויסנשאפט, וואס פון אים איז ארויסגעקומען די מעכאנישע רעוואלוציע, איז געווען די סיבה פון דער רעליגיעזער איבערקערעניש.

אין די ערשטע קאפיטלען פון דעם דאזיקן „קאנטור" האבן מיר געגעבן די הויפט-געשיכטע פון דעם, וואס די געלערנטע דערציילן. מיר האבן געוויזן דאס לעבן פאר די קליינע התחלות פון דעם באוואוסטזיין אין דער פוסטקייט פון רוים און צייט. נאר פארן סוף פון 18טן יארהונדערט איז נאך דער דאזיקער גוואלדיקער אויסקוק אין דער פארגאנגענהייט, וואס איצט פילט ער אן א מאדערנעם גייסט מיט דערנידע-

ריקונג און מיט אומבאגרענעצטער האפענונג, געווען באהאלטן פאר דעם אלגעמיינעם באוואוסטזיין פון דעם מין מענטש. ער איז געווען פארשטעלט דורך דעם פארהאנג פון א שומערישער לעגענדע. די הימלען זיינען געווען ניט מער ווי דער הינטערגרונט פאר א סצענע, וואס אויף איר האט זיך אפגעשפילט א קליינע דראמע פון מלכים. מענטשן זיינען געווען צו שטארק פארנומען מיט זייערע אייגענע פריוואטע גלוסטן און פערזענלעכע ענינים, אז זיי זאלן קאנען באמערקן די רמזים אויף זייער אייגענעם גרויסן גורל, וואס איז געלעגן ארום זיי אומעטום.

זיי זיינען געווען נעוואר זייערע אמתע לאגע אין רוים א צייט פריער, איידער זיי האבן זיך איינגעשטעלט אין דער צייט. מיר האבן שוין אנגערופן די עלטערע אסטראנאמען און האבן דערציילט, ווי אזוי גאלילי איז געווען געצוואונגען זיך אפצוזאגן פון זיין הנחה, אז די ערד דרייט זיך ארום דער זון. געצוואונגען דאס צו טאן האט אים די קירך, און די קירך האט דאס געמוזט טאן, ווייל עס האט אויסגעוויזן, אז א ספק דערין, צי די ערד איז דער צענטער פון דער וועלט, איז עלול צו צעברעכן דעם אויטאריטעט פון קריסטנטום.

בנוגע צו דעם ענין מוז דער מאדערנער היסטאריקער זיין צוגלייך אי אפגעהיט אי דרייסט. ער מוז זיך גיין גלייך זיין וועג צווישן פאלשער אויסדרייעניש פון איין זייט און פארטייאישקייט פון דער אנדערער. ווי ווייט דאס איז מעגלעך, מוז ער זיך באנוגענען מיט פאקטן און איינהאלטן זיינע מיינונגען. נאר מען באדארף געדענקען, אז קיין מיינונגען קאן מען ניט איינהאלטן אינגאנצן. דער מחבר האט זיך זיינע אייגענע זייער פעסטע און באשטימטע איבערצייגונגען, און דער לייענער מוז דאס האלטן אין זינען.

עס איז א היסטארישער פאקט, אז די לערנונג פון ישו פון נצרת האט אין זיך עפעס טיף נייס און שעפערישס; ער האט געפרעדיקט דאס קיניגרייך פון הימל איז די הערצער און אין דער וועלט פון מענטשן. אין זיין לערנונג איז ניט געווען גארנישט, וואס זאל סותר זיין אדער ניט קאנען שטימען מיט וואסער עס איז אנטדעקונג אדער

אויסברייטערונג אין דער געשיכטע פון דער וועלט און מענטשהייט. נאר עס איז אויך א היסטארישער פאקט, אז דער אפאסטאל פאולוס און זיינע תלמידים האבן מוסיף געווען אדער ממלא געווען אדער געפעלשט אדער פארביטן דורך אן אנדער דאקטרינע — ווי עמעצן געפעלט בעסער צו מיינען — די קלאר־ע און טיף רעוואלוציאנערע לער־



לעוו טראצקי, דער ערשטער באלשעוויסטישער קריגס־מיניסטער.

נונגען ישוס; זיי האבן אויסגעקלערט א פארדרייטע און געפלאנטערטע טעאריע פון אויסלייזונג: אויסגעלייזט קאן מען ווערן נאר דורך גלויבן און צערעמאניעס, און מען דארף אפילו גארנישט איבערבייטן אין די טאגטעגלעכע רגילותן און טועכצן. אט די דאזיקע פוילינישע תורה, איז טאקע כולל אין זיך באשטימטע גלויבונגען וועגן דער געשיכטע פון וועלט און מענטשן.

עס איז ניט קיין עסק פארן היסטאריקער אפצופרעגן אדער איינצוטייטשן די דאזיקע ענינים. די פראגע וועגן זייער באטייט איז נוגע סוף-כל-סוף דעם טעאלאג. דעם היסטאריקער גייט נאר אן דער פאקט, וואס דאס אפיציעלע קריסטנטום אין גאר דער וועלט האט אנגענומען פאולוסעס קוק, וואס איז אזוי קלאר אויסגעדריקט אין זיינע בריוו און איז ניט צו געפינען אין די עוואנגעליעס, אז דער באטייט פון דער רעליגיע ליגט ניט אין דער צוקונפט, נייערט נאר אין דער פארגאנגענהייט, און אז ישו איז ניט געווען קיין לערער פון נייע הפלאדיקע ואכן, נאר א פאראויס באשטימטער געטלעכער בלוט-קרבן פון א טיפער מיסטיק און הייליקייט, א קרבן, וואס איז געבראכט געווארן מכפר צו זיין אויף א באזונדערן היסטארישן פאקט, אויף דער זינד, וואס עס האבן אפגעטאן די ערשטע מענטשן אדם און חוה, וואס האבן זיך געלאזט פארפירן פון שלאנג אין גן-עדן און האבן ניט געפאלגט דעם באשעפערס געבאט. דאס דאקטרינערע קריסטנטום האט זיך אויסגעבויט אויף אט דעם גלויבן פון אדמס זינד, און ניט אויף דער פערזענלעכקייט פון ישו פון נצרת, אויף פאולוסעס טעאריעס, און ניט אויף ישוס געבאטן.

מיר האבן שוין פארצייכנט, אז די דאזיקע געשיכטע וועגן א באזונדער באשאפונג פון דער וועלט און וועגן אדם און חוה און דעם שלאנג איז אויך געווען אן אלטע בבלישע מעשה, און מסתמא נאך אן עלטערע שומערישע מעשה, און אז די יידישע הייליקע שריפטן זיינען געווען די פארמיטלערס, וואס דורך זיי איז אט די זייער אלטע און פרימיטיווע „העליאליטישע" שלאנג-לעגענדע אריינגעקומען אין קריסטנטום. אומעטום, וואו דאס אפיציעלע קריסטנטום איז געקומען, האט עס די דאזיקע מעשה מיטגענומען מיט זיך. עס האט זיך פעסט פארקניפלט מיט דער דאזיקער מעשה.

ביז מיט הונדערט יאר צוריק און נאך ווינציקער האט גאר די קריסטלעכע וועלט געהאלטן פאר א חוב צו גלויבן, און האט טאקע געגלייבט, אז די וועלט איז ספעציעל געשאפן געווארן אין זעקס טעג דורך גאטס ווארט, מיט עטלעכע טויזנט יאר צוריק. דער ביסקופ אושער האט אויסגעחשבונט, אז דאס איז געשען אין יאר 4004 פאר קר. (די „אוניווערסאל-געשיכטע", אין צוויי און

פערציק בענד, וואס א גרופע לאנדאנער בוכהענדלער האבן פארעפנטלעכט אין יאר 1779, רעדט ארום די פראגע, צי די גענויע דאטע פון דעם ערשטן טאג פון דער וועלט-באשאפונג איז געווען דער 21 מערץ אדער דער 21 סעפטעמבער 4004 פאר קר., און איז נוטה צו דער מסקנא, אז די לעצטע דאטע איז די ריכטיקע).

אויף אט דער היסטארישער השערה האט זיך געשטיצט דער רעליגיעזער בנין פון דער מערכדיקער ציוויליזאציע, און דאך איז די גאנצע וועלט געווען אויסגעבעט, די בערג, די טייכן און די ימים זיינען געווען פול און פיל מיט ראיות, אז די דאזיקע השערה איז א ווילדער אבסורד. דאס רעליגיעזע לעבן פון די פירנדיקע נאציעס, וואס איז געווען א זייער שטארק און ערנסט רעליגיעז לעבן, איז צוגעאנגען אין א געשיכטלעכן בנין, געבויט אויף זאמד.

אין דער קלאסישער ליטעראטור איז פאראן אפטמאלס אן אנווייז אויף א מער שכלדיקער קאסמאגאניע. אריסטאטעלעס האט שוין געוואוסט וועגן די אלגעמיינע פרינציפן פון דער מאדערנער געאלאגיע, זיי לייכטן דורך די חקירות פון לוקרעציוס, און מיר האבן אויך פארצייכנט לעאנארדא דא ווינטשיס (1452 — 1519) פיינע דערקלערונג פון די פארשטיינערונגען. דער גרויסער פראנצויזישער פילאסאף דעקארט (1596 — 1650) האט דרייסט געחקירהט זיך וועגן דעם אנגעגליטן אנהייב-צושטאנד פון אונזער ערד, און א דענער, סטענא (1631 — 86), האט אנגעהויבן קלייבן פאסילן און באשרייבן ערד-שיכטן. נאר ערשט, אז דער 18טער יארהונדערט איז געגאנגען צו ענד, האט דאס סיסטעמאטישע שטודיום פון געאלאגיע דערגרייכט צו אזא מדרגה, אז עס האט געקאנט פארטשעפען דעם אלגעמיינעם אווטאריטעט פון דעם ביבלישן נוסח, פון דער אלטער שומערישער מעשה.

גלייכצייטיק מיט דער איבערציטירטער ענגלישער „אוניווערסאל-געשיכטע“ האט א גרויסער פראנצויזישער נאטורפארשער, ביפאן, געשריבן וועגן די „תקופות פון דער נאטור“ (1778) און האט דרייסט אפגעשאצט, אז די וועלט עקסיסטירט 70.000 אדער 75.000 יאר. ער האט איינגעטיילט זיין געשיכטע אין זעקס תקופות, בכדי עס זאל שטימען מיט די ששת ימי בראשית, די זעקס טעג פון דער וועלט-באשאפונג. ער האט געקלערט, אז די זעקס טעג פון חומש זיינען

גאר געזאגט בדרך משל, אין דער אמתן באטייטן זיי תקופות. דורך אט דעם פירוש האט די געאלאגיע געפרווט האלטן שלום מיט דער ארטאדאקסיש רעליגיעזער תורה; דער דאזיקער שלום האט זיך געהאלטן ביזן מיטן 19טן יארהונדערט.

מיר קאנען דא ניט פארציכענען, וואס עס האבן אויפגעטאן פאר דער אנטוויקלונג פון דער געאלאגיע און פאלעאנטאלאגיע אזעלכע געלערנטע, ווי די ענגלענדער הוטאן און פלייפער און סער טשארלז לאיעל און די פראנצויזן לאמארק און קוויע. ערשט פאוואליע האט זיך דורכגעשלאגן אין דער מערבדיקער וועלט דאס באוואוסטזיין פון צוויי פאקטן, וואס האבן לחלוטין ניט געשטימט מיט דער ביבלישער דערציילונג: ראשית, האט דער סדר פון לעבן, וואס די געאלאגישע פארשונג האט געקאנט פעסטשטעלן, ניט געשטימט מיט די זעקס שאפונגס־טעג; והשנית, האבן זייער א פולע ביאלאגישע פאקטן איינשטימיק אפגעלייקנט די ביבלישע הנחה, אז איטלעכער מין פון די לעבעדיקע ברואים איז באזונדערס באשאפן געווארן, און האבן דירעקט געוויזן דערויף, אז עס איז פאראן א גענעטישע שייכות צווישן אלע לעבנס־פארמען, און אז אויך דער מענטש געהערט אריין אין דער אלגעמיינער משפחה פון די בעלי־חיים! עס איז געווען באשיימפערלעך קלאר, ווי וויכטיק עס איז אט די לעצטע מסקנא פאר דער עקסיסטירנדיקער סיסטעם פון מיינונגען. אויב אלע בעלי־חיים און אויך דער מענטש שטאמען פון איין יחוס, דעמאלט איז ניט געווען קיין אדם הראשון און ניט קיין גן־עדן און ניט קיין ארויסטרייב פון גן־עדן. און אויב עס איז ניט געווען קיין ארויסטרייב פון גן־עדן, דעמאלט פאלט איין ווי א קארטן־הויז דער גאנצער בנין פון קריסטנטום, די געשיכטע פון אדם־הראשונס חטא און דער גרונט פאר א כפרה, וואס דערויף איז געווען באגרינדעט די גאנצע אנגענומענע קריסטלעכע מאראל.

עס איז דעריבער ניט קיין חידוש, וואס א גרויסע צאל ערלעכע און רעליגיעז־געשטימטע מענטשן האבן מיט א מין אימה צוגעקוקט זיך צום ווערק פון דעם ענגלישן נאטורפארשער טשארלז דארווין (1809 — 1882). אין יאר 1859 האט ער פארעפנטלעכט זיין „אפשטאם פון די מינים דורך דעם נאטירלעכן אפקלייב“, א מאכטפולע און אויף

שטענדיק ווערטפולע עקספאזיציע פון יענער טעאריע וועגן דעם אומבייט און דער אנטוויקלונג פון די מינים, וואס מיר האבן בקיצור סקיצירט אין קאפיטל 2 פון דעם בוך. און אין יאר 1871 האט ער ממלא געווען דעם קאנטור פון זיין ווערק דורך דעם „אפשטאם פון מענטשן“, וואס האט ענדגילטיק אריינגעשטעלט דעם מענטשן אין דער זעלביקער אנטוויקלונגס־סכעמע, וואס די איבעריקע לעבעדיקע באשעפענישן.

עס לעבן נאך איצט א סך מענער און פרויען, וואס געדענקען די אומצופרידנקייט און די טרויעריקייט, וואס האט ארומגעכאפט מיטעלע געבילדעטע מענטשן צווישן די מערבדיקע פעלקער, בשעת עס איז קלאר געווארן, אז די ארטאדאקסע קריסטלעכע קאסמאגאניע קאן ניט בלייבן באשטיין אנטקעגן די באווייזן פון די ביאלאגן און געאלאגן. א סך מענטשן האבן אינסטינקטיוו ניט געקאנט אננעמען די נייע שיטה. זייער גאנצער מאראלישער בנין איז געווען געבויט אויף א פאלשער געשיכטע; זיי זיינען געווען צו אלט, כדי צו נעמען אים איבערבויען; זיי האבן געפילט, אז פראקטיש זיינען זייערע מאראלישע איבערצייגונגען אמת, און עס האט זיי אויסגעוויזן, אז דער נייער אמת לאזט זיך ניט אויסשטימען מיט זייערע איבערצייגונגען. זיי האבן געמיינט, אז אויב מען זאל אננעמען די נייע שיטה, וועט קומען א מאראלישער חורבן אויף דער וועלט. און אזוי ארום האבן זיי געבראכט א מאראלישן חורבן דורך ניט אננעמען די דאזיקע שיטה.

מיט א באזונדער עקשנות האבן זיך אנטקעגנגעשטעלט קעגן דער נייער שיטה די ענגלישע אוניווערסיטעטן, וואס זיינען אין גרונט פון זייער קאנסטיטוציע געווען קלעריקאל. אין משך פון די זיבעציקער און אכציקער יארן האט געשטורעמט אין דער ציוויליזירטער וועלט א רעשדיקע פאלעמיק. דעם כאראקטער פון די וויכוחים און די פאטאלע אומוויסנקייט פון דער קירך קאן מען זיך אויסמעלן לויט א שילדערונג פון א זיצונג אין דער „בריטישער געזעלשאפט“ אין יאר 1866, וואס אויף איר איז דער בישאף ווילבערפארס אנגעפאלן אויף העקסלי, דעם גרויסן קעמפער פאר דארוויניזם, אויף אזא שטייגער.

אנגעקוקט העקסלי מיט שמייכלענדיקער חוצפה, האט ער אים געפרעגט, אז עס איז טשיקאוו צו וויסן, דורך וועמען ציט ער זיין

יחוס-בריוו פון א מאלפע, צי פון זיין ווייבס צד אדער פון זיין טאטעס צד? דערויף האט העקסלי זיך צוגעבויגן צו זיין שכן און האט געזאגט: „דער אייבערשטער האט אים איבערגעענטפערט אין מיין האנט“. דערנאך איז ער אויפגעשטאנען פאר אונז און האט געזאגט די ווייטערדיקע שרעקלעכע ווערטער: „ער שעמט זיך ניט צו האבן א מאלפע פאר אן עלטערזיידן; נאר ער וואלט זיך געשעמט צו האבן א קרוב א מענטשן, וואס נוצט אויס גרויסע כשרונות, כדי צו פארפינסטערן דעם אמת“ (אן אנדער נוסח איז: „איך האב געוויס



טשארלז ראבערט דארווין.

געזאגט, אז א מענטש האט קיין גרונט ניט צו שעמען זיך דערמיט, וואס ער האט א זיידן א מאלפע. אויב איך וואלט זיך געשעמט מיט אן עלטערזיידן, וואלט דאס געווען נאר א מענטש מיט אן אומרויקן און דרייערישן אינטעלעקט, וואס מישט זיך אריין אין וויסנשאפטלעכע פראגן, וואס ער האט ניט וועגן זיי קיין אמתע ידיעה, נאר בכדי צו פארטונקלען זיי דורך א רעטאריק און א צוועק און אפצוציען דעם אויפמערק פון זיין אודיטאריע פון דער ריכטיקער מסקנא דורך שיינע פראזעס און געשיקטער ווענדונג צו פאראורטיילן“). אוודאי זיינען די דאזיקע ווערטער געזאגט געווארן מיטליידנשאפט. עס איז געווען א סצענע פון א גרויסער אויפרעגונג. איין דאמע איז גע-

פאַלן חלשות, דערציילט אַן עד־ראיה... דאָס איז געווען דער־
טעמפּעראַמענט פון דער דאָזיקער דיסקוסיע.

די דאַרווינישעס באַוועגונג האָט פאַרכאַפּט דאָס קריסטנטום אומגעריכטערהייט, מיט אַמאָל. דאָס פאָרמעלע קריסטנטום איז געשטעלט געוואָרן אַנטקעגן אַ קלאָרן, אָפענעם טעות אין זיינע טעאָלאָגישע הנחות. די קריסטלעכע טעאָלאָגן זיינען ניט געווען גענוג קלוג און ניט גענוג גייסטיק געשיקט, אַז זיי זאָלן אָננעמען דעם נייעם אמת, איבעראַנדערשן זייערע פאָרמולעס, נאָר באַשטיין דערויף, אַז פונדעסטוועגן לעבט נאָך איצט ניט געמינערט די רעליגיעזע רעאַליטעט, וואָס ביז אַהער האָבן יענע פאָרמולעס געקלעקט אויף זי אויסצודריקן. וואָרעם די אַנטדעקונג, אַז דער מענטש שטאַמט אַרויס פון אונטער־מענטשלעכע פאָרמען, רירט אין מינדסטן ניט אָן די לערנונג פון דעם קיניגרייך פון הימל. נאָר די גלחים און בּיסקופּן האָבן מיט שווים אויף די ליפּן געטעגט וועגן דאַרווינען. עס זיינען געמאַכט געוואָרן נאַרישע פּרוּוון צו פאַרבאָטן די דאַרווינישעסע ליטעראַטור און צו באַליידיקן און דיסקרעדיטירן די אָנהענגער פון דער נייער שיטה. עס איז געווען אַ סך משונהדיקע געריידו וועגן דעם בלומערשטיקן ווידעראַנאַנד צווישן רעליגיע און נאַטורוויסנשאַפט.

אין אַלע תקופות זיינען אין קריסטנטום געווען סקעפּטיקער. קיסר פרידריך איז געוויס געווען אַ סקעפּטיקער. אין 18טן יאָרהונדערט זיינען וואָלטער און גיבאָן אָפן געווען אַנטיקריסטלעך, און זייערע שריפטן האָבן געווירקט אויף אַ סך לייענערס אין פאַרשיידענע לענדער. נאָר דאָס זיינען אַלץ געווען איינציקע מענטשן... איצט אָבער איז די גאַנצע קריסטנהייט, ווי אַ גאַנצע, געוואָרן סקעפּטיש. דער נייער וויכּוח האָט אָנגערירט איטלעכן, וועלכער עס האָט געלייענט אַ בוך אָדער געהערט אַן אינטעליגענטן שמועס. עס איז אויפגעשטאַנען אַ נייער דור פון יונגעלייט, און זיי האָבן געפונען, אַז די באַשיצערס פון קריסטנטום פירן מלחמה מיט פאַרביסנקייט, אָן ווערדע און ערלעכקייט. דער פּראָגרעס פון דער נייער וויסנשאַפט האָט דערוויזן די פאַלשקייט נאָר פון דער אָרטאָדאָקסער טעאָלאָגיע, און די דערצערנטע טעאָלאָגן האָבן דערקלערט, אַז פאַרטשעפּעט איז געוואָרן די רעליגיע גופא.

סוף-כל-סוף וועלן מענטשן אפשר געוואר ווערן, אז רעליגיע שיינט נאך ליכטיקער, נאכדעם ווי זי האט אנגעווארן די דאזיקע פאפירענע איינפאקונג פון דער דאקטרינע. נאר דעם יונגן דור האט אויסגעוויזן, אז עס איז טאקע געווען א מלחמה צווישן וויסנשאפט און רעליגיע, און אז די וויסנשאפט האט געוואונען דעם קאמף.

די דירעקטע ווירקונג פון דעם דאזיקן גרויסן וויכוח אויף די געדאנקען און מעטאדעס פון די מענטשן פון די רייכע און העריטנדיקע קלאסן אין דער גאנצער וועלט פון דער מערבדיקער ציוויליזאציע איז געווען בלי-ספק שעדלעך. די נייע ביאלאגישע וויסנשאפט האט קיין שום קאנסטרוקטיווע אידעע ניט אריינגעבראכט, אפילו אויף צו פארנעמען דעם ארט פון דעם אלטן מאראלישן סדר.

בדרך כלל איז דאס סאציאלע לעבן פון די דאזיקע קלאסן אין 20טן יארהונדערט געשטאנען אויף א העכערער מדרגה, ווי אין אנהייב 17 יארהונדערט, אבער אין איין פרט — בנוגע ניט-אינטערעסירטקייט און געוויסנהאפטיקייט — איז מסתמא דער שטאנד פון דער עלטערער תקופה געווען בעסער, ווי פון דער נייער. צווישן די פארמעגלעכע און אקטיווע קלאסן פון 17טן יארהונדערט איז, ניט געקוקט אויף די עטלעכע „אומגלויביקע”, דאך מסתמא געווען א העכערער פראצענט מענער און פרויען, וואס האבן תפילה געטאן פון טיפן הארצן, וואס האבן געהאט מיט אן אמת חרטה, אויב זיי האבן געטאן עפעס שלעכטס, און וואס זיינען געווען גרייט אריבערצוטראגן יסורים און צו ברענגען גרויסע קרבנות פאר דער זאך, וואס זיי האבן געהאלטן פאר גערעכט, איידער אין די ערשטע יארן פון צוואנציקסטן יארהונדערט.

נאך 1859 האט מען שוין דעם גלויבן געהאט אויף אן אמת פארלארן. אין א סך פאלן איז דאס עכטע גאלד פון דער רעליגיע געווארן ארויסגעווארפן צוזאמען מיטן אפגעריבענעם בייטעלע, וואס דערין איז עס געלעגן, און צוריק האט מען דאס שוין ניט געפונען. ארום סוף 19טן יארהונדערט איז א פאלש פארשטאנענער דארוויניזם געווארן אומעטום דער עיקרדיקער גייסט-אינהאלט פון גרויסע מאסן „געבילדעטע”. די מלכים און פריצים און הערשערס און פירערס פון 17טן יארהונדערט האבן ערגעץ געהאט אויפן גרונט פון זייער נשמה

די פארשטעלונג, אז זיי הערשן לויט גאטס רצון; זיי האבן טאקע מיט אן אמת מורא געהאט פאר אים, זיי האבן געהאלטן זיך גלחים, כדי זיי זאלן מאכן א טאלק צווישן זיי און אים; בעת זיי פלעגן טאן עוולות, האבן זיי זיך געטארעט ניט צו טראכטן וועגן אים. נאר אין אנהייב 20טן יארהונדערט האט יעד אלטער גלויבן פון די מלכים, גבירים און מושלים זיך אויסגעוועבט אונטער דער בלענדנדיקער שיין פון דער וויסנשאפטלעכער קריטיק.

די הערשערס צום סוף 19טן יארהונדערט האבן געגלייבט, אז זיי געוועלטיקן מיטן כות פון דעם „קאמף פארן קיום“, וואס אין אים איז דער שטארקער און דער דורכגעטריבענער גובר דעם שוואכן און דעם תמימותדיקן. און זיי האבן געגלייבט, אז זיי מוזן זיין שטארק, ענערגיש, אנרחמנותדיק, „פראקטיש“, עגאיסטיש, מחמת גאט איז טויט און איז אלע מאל, ווייזט אויס, געווען טויט — דער דאזיקער גלויבן האט אריבערגעכאפט אינגאנצן איבער דעם גרענעץ, וואס די נייע וויסנשאפט האט איינגעשטעלט און דערוויזן.

באלד זיינען זיי אריבערגעקומען אט דעם ערשטן פאלשן אויסטייטש פון דארוויניזם, די גראבע אידעע, אז איטלעכער מענטש איז פאר זיך אליין. נאר זיי זיינען געבליבן שטעקן אויף יעם צווייטן שטאפל. זיי האבן באשלאסן, אז דער מענטש איז א סאציאלע חיה, א שטייגער ווי דער אינדיאנישער געיעג־הונט. ער איז א סך מער ווי א הונט — דאס אבער האבן זיי ניט געזען. און אזוי ווי אין א הינטישער טשאטע איז נייטיק צו דערשטיקן און אונטערטעניק צו מאכן די יינגערע און שוואכערע צוליב דער טובה פון דעם כלל, אזוי האט זיי אויסגעוויזן צו זיין גערעכט, אז די גרויסע הינט פון דער מענטשלעכער טשאטע זאלן שטיקן און הריקן די שוואכע. דערפון נעמט זיך א פרישער ביטול צו די אידעעס פון דעמאקראטיע, וואס האבן געהערשט אין אנהייב 19טן יארהונדערט, און אן אויפגעלעבטע באוואונדערונג פאר עזותניקעס און אכזרים.

עס איז געווען גאנץ כאראקטעריסטיש פאר דער צייט, וואס מ״ר קיפלינג האט געפירט די קינדער פון די ענגלישע מיטלסטע און אייבערשטע קלאסן צוריק אין די דזשאנגלס אריין, כדי צו לערנען

„דאס געזעץ” און וואס אין זיין בוך Stalky and Co. האט ער געגעבן א שילדערונג, ווי דריי יינגלעך כאפן אריין דורך א קונץ צוויי אנדערע יינגלעך, בינדן זיי און פייניקן זיי; דער מחבר האט מער סימפאטיע פאר די פייניקער, איידער פאר די געפייניקטע.

עס איז כדאי א ביסל גענויער זיך צוצוקוקן צו אט דעם בילד אין Stalky and Co., ווארעם עסווארפט א ליכטיקע שיין אויף דער פאליטישער פסיכאלאגיע פון דער בריטישער אימפעריע צום סוף 19טן יארהונדערט. מען קאן ניט פארשטיין די געשיכטע אין דער דאזיקער צווייטער העלפט פון יארהונדערט, אויב מען פארשטייט ניט די גייסטיקע צעשפאלטנקייט, וואס די דאזיקע געשיכטע באווייזט. די צוויי יינגלעך, וואס ווערן געפייניקט, זיינען „ווייסע חברהניקעס” — דאס איז א פארענטפער פאר זייערע פייניקערס, און די לעצטע זיינען געווארן אנגערייצט צו זייער טועכץ דורך א גלח. קיין זאך קאן ניט פארשטיקן די באזונדערע הנאה, וואס מיט איר פירן זיי (און מ״ר קיפלינג מיט זיי) דורך דעם דאזיקן עסק. דער מוסר השכל פון דער מעשה איז, ווייזט אויס, דער: אז איידער דו גייסט ארויס פייניקן עמעצן, זע איינצובלאזן אין זיך עפעס א מאראלישן צארן, און אלץ וועט זיין גוט. אויב דו האסט אויף דיין צד די מאכטהאבערס, וועסטו שוין ניט פארשעמט ווערן. דאס איז, באשיימפערלעך, די פשוטע שיטה פון דעם דאזיקן טיפישן אימפעריאליסט. נאר די דאזיקע שיטה איז דער אני מאמין פון אלע שלאגערס, זינט די חיה מענטש האט אנטוויקלט אין זיך גענוג אינטעליגענץ צו זיין אכזריותדיק מיט באוואוסט.

א צווייטער פונקט אין דער דאזיקער געשיכטע איז זייער באטייטפול. דער שול=פארוואלטער און זיין קלעריקאלער באהעלפער זיינען ביידע פארגעשטעלט, אז זיי ווייסן פון דעם ענין. זיי ווילן, אז דער געשלעג זאל פארקומען. אנשטאט אנצווענדן זייער אייגענע מאכט, נוצן זיי אויס יענע יינגלעך, וואס זיינען מ״ר קיפלינגס העלדן, בכדי צו באשטראפן די צוויי קרבנות. דער שול=פארוואלטער און דער גלח זיינען טויב צו אלע טענות פון א דערצערנטער מוטער. דאס אלץ מעלט מ״ר קיפלינג אויס ווי א צושטאנד, וואס עס קאן גאר בעסער ניט זיין.

דאָ האָבן מיר דעם שליסל צו דער מיאוסטער, רעטראָגראַדסטער און סוף-כל-סוף פאַטאַלער אידעע פון מאָדערנעם אימפּעריאַליזם: די אידעע פון אַ שטומען אָפּרייד צווישן גזעץ און אומלעגאַלער געוואַלד. פונקט אַזוי ווי דער צאַריזם איז סוף-כל-סוף געבראָכן געוואָרן דורך דער בגנבהדיקער אויפמונטערונג פון די כוליגאַנעס פון דער שוואַרצער מאה, וואָס האָבן געקוילעט יידן און אַנדערע מענטשן, וואָס מען האָט געהאַלטן, אַז זיי זיינען פיינדלעך געשטימט קעגן צאַר, אַזוי איז דער גוטער נאָמען פון דער בריטישער קיסרלעכער רעגירונג פאַרפלעקט געוואָרן — און ווערט נאָך איצט פאַרפלעקט — דורך דעם אומלעגאַלן אָנפאַל, וואָס דאָקטאָר דזשיימסאָן האָט געמאַכט אויף טראַנסוואַל פאַר דער מלחמה מיט די בורן, דורך די אַוואַנטורעס פון סער עדוואַרד קאַרזאָן (שפּעטער לאָרד קאַרזאָן) אין אירלאַנד, וואָס מיר ווילן זיי באַלד באַשרייבן, אָדער דאָס שטילשווייגנדיקע קוקן דורך די פינגער מצד דער בריטישער רעגירונג אין אירלאַנד אויף די אַזוי אָנגערופענע „רעפּרעסיעס", וואָס די לאָיאַליסטן האָבן אָנגענומען קעגן די שולדיקע, אָדער כּלומרשטיקע שולדיקע, און די סין-פיינער-אומרוען.

דורך אַזעלכע פעלשונגען קעגן זייערע אונטערטאַנען ברענגען אימפּעריעס אויף זיך אַ חורבן. די אמתע קראַפט פון אימפּעריעס און רעגירערס שטעקט ניט אין אַרמייען און פלאָטן, נאָר אין דעם גלויבן פון מענטשן, אַז זיי זיינען אָנפּניותדיק גערעכט, געטריי און געזעצלעך. ווי באַלד אַ רעגירונג טרעט אָפּ פון דעם שטאַנדפּונקט, הערט זי אויף צו זיין מער ווי די „הערשנדיקע קליקע", און אירע טעג זיינען געציילטע.

---

### 7. די אידעע פון נאַציאָנאַליזם.

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן פריער, אַז עס מוז זיין אַ נאַטירלעכע פּאָליטישע וועלט-קאַרטע, וואָס גיט די בעסטע געאָגראַפישע איינטיילונג פאַר די מלוכות. איטלעכע אַנדערע פּאָליטישע איינטיילונג פון דער וועלט, ווי די דאָזיקע נאַטירלעכע פּאָליטישע קאַרטע, וועט ניט אַנדערש זיין אַ דורכפאַל און מוז אַרויסרופן שטרעבונגען פון

פֿיינדשאַפֿט און מרידה, וואָס זיינען אויסן איבערצוהוקן די גרענעצן אין דער ריכטונג, וואָס די נאַטירלעכע פּאָליטישע קאַרטע ווייזט אָן.

די דאָזיקע הנחות, וואָס אין פֿלוג באַדאַרפֿן זיי ניט קיין באַזונדערע ראיות, זיינען אָבער געווען גאָרנישט פֿאַר די דיפּלאָמאַטן אין ווין. יענע האָבן קיין מאָל וועגן אַזוינע זאַכן, קענטיק, אפֿילו ניט געקלערט און האָבן געהאַלטן, אַז זיי מעגן שניידן די וועלט פּונקט אַזוי פֿריי, ווי פֿריי זיי שניידן אַזאַ אָנבײַנערדיקע זאַך ווי קעז. דער גרעסטער טייל אויפשטאַנדן און קאָנפֿליקטן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אין אייראָפּע, ווי נאָר די וועלט איז געקומען אַ ביסל צו זיך נאָך די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות, זיינען געווען בפֿירושע פּרוּוון פֿון דעם געוויינטלעכן, פּשוטן בירגער פּטור צו ווערן פֿון רעגירונגען, וואָס זיינען געווען אַזוי ניט געראָטן, אַז אין אַ סך פֿאַלן האָט מען זיי ניט געקאָנט איבערטראָגן. בדרך כּלל זיינען אַלע רעגירונגען אין אייראָפּע געווען שלעכט איינגעשטעלט, וואָרעם זיי האָבן ניט פֿאַרטראַטן די סאָציאַלע קלאַסן און האָבן דערפֿאַר פֿאַרהאַלטן די אַנטוויקלונג פֿון דער פּראָדוקציע און צענישטעוועט מענטשלעכע שאַפֿונגס=קראַפֿט. נאָר ווען צו די אַלגעמיינע חסרונות זיינען נאָך צוגעקומען אונטערשיידן פֿון רעליגיע און ראַסן=קולטור צווישן די רעגירערס און רעגירטע (אַזוי ווי אין דעם גרעסטן טייל פֿון אירלאַנד), אונטערשיידן אין ראַסע און שפּראַך (ווי אין דער עסטרייכישער צפֿון=איטאַליע און אין גרעסטן טייל פֿון דער עסטרייכישער אימפּעריע), אָדער אונטערשיידן אין אַלע די פּרטים (ווי אין פּוילן און דער טערקישער אימפּעריע אין אייראָפּע), האָט פֿאַרביטערונג געטריבן צו בלוט=פֿאַרגיסונג.

אייראָפּע איז געווען אַ סיסטעם פֿון רעגירונגס=מאַשינעס, וואָס זיינען זייער שלעכט געווען איינגעשטעלט. אָט די דאָזיקע שלעכטע איינשטעלונג פֿון דער רעגירונג האָט דאָס געבילדעט די טרייבקראַפֿט פֿאַר די פֿאַרשיידענע „נאַציאָנאַלע“ באַוועגונגען, וואָס שפּילן אַזאַ גרויסע ראָלע אין דער געשיכטע פֿון 19טן יאָרהונדערט.

וואָס איז דאָס אַזוינס אַ נאַציע? וואָס איז דאָס נאַציאָנאַליטעט? איבער אונזער געשיכטע פֿון דער וועלט האָט עפּעס געוויזן, האָט זי געוויזן, ווי אַזוי ראַסעס און פֿעלקער האָבן זיך אויסגעמישט, זי האָט

געווין, ווי ניט-שטאנדהאפטיק עס איז די מענטשלעכע איינטיילונג, ווי פארשיידנארטיק עס זיינען די מענטשלעכע גרופעס און די מענטשלעכע אידעעס וועגן פארבינדונג, אזוי אז עס שווינדלט ממש אין די אויגן. א נאציע, האט מען געזאגט, איז אן איינזאמלונג פון מענטשן, וואס האלטן, אז זיי זיינען איין פאלק. אבער מען זאגט אונז, אז אירלאנד איז א נאציע, נאר די פראטעסטאנטן פון אולסטער זיינען דערמיט געוויס ניט מסכים. און איטאליע האט ניט געהאלטן, אז זי איז איין פאלק, ביז וואנען די פאראייניקונג איז ניט געווארן א פאקט. אז דער מחבר איז געווען אין איטאליע אין יאר 1916, האבן מענטשן געזאגט: „די דאזיקע מלחמה וועט אונז מאכן פאר איין נאציע“.

און ווידער אמאל זיינען די ענגלענדער א נאציע, אדער זיי האבן זיך אויסגעמישט אין דער „בריטישער נאציאנאליטעט“? שאטלענדער, דוכט זיך, גלויבן ניט שטארק אין דער דאזיקער בריטישער נאציאנאליטעט. עס איז ניט מעגלעך, אז די געמיינשאפט פון ראסע אדער שפראך זאל בילדן א נאציע, ווארעם די גאעלן אין די נידערלענדער בילדן די שאטישע „נאציע“; דאס קאן אויך ניט זיין די שותפישע רעליגיע, ווארעם ענגלאנד האט זיי טוצנווייז; עס איז אויך ניט די שותפישע ליטעראטור, ווארעם פארוואס איז בריטאניע אפגעטיילט פון די פאראייניקטע שטאטן אדער ארגענטינע פון שפאניע. מיר מעגן אננעמען, אז א נאציע איז פאקטיש אן איינזאמלונג, א געמיש אדער אן ערב-רב פון מענטשן, וואס זיינען אדער ארומגענומען אדער ווילן ווערן ארומגענומען פון אן אייגענעם אויסערן-מיניסטעריום, בכדי אז יענץ זאל זיי באהאנדלען קאלעקטיוו אין דעם זין, ווי אז זייערע נויטן, פארלאנגען און איינדיידעניישן זיינען ניט אין אן ערך וויכטיקער, ווי די טובה פון גאר דער מענטשהייט.

מיר האבן שוין אנגעצייכנט, ווי אזוי די מאקיאוועלישע מאנארכיעס האבן זיך אנטוויקלט צו דער רעגירונג פון זייערע אויסערן-מיניסטעריומס צו שפילן די ראלע פון „גרויס-מלוכות“. די „נאציאנאליטעט“, וואס האט באהערשט דעם פאליטישן געדאנק פון 19טן יארהונדערט, איז פאקטיש געווען ניט מער ווי די ראמאנטישע און עמאציאנעלע פארשטארקונג פון יענע שטרעבונגען, וואס זיינען

אַרויסגעקומען פֿון דעם ווידעראַנאַנד צווישן דער נאַטירלעכער פּאָליטישער קאַרטע און דער שלעכטער פּאָליטישער אײַנאָרדענונג לטובֿת די „גרויס־מלוכות“.

אין משך פֿון 19טן יאָרהונדערט, בפֿרט אין זײַן צווייטער העלפֿט, איז דער דאָזיקער נאַציאָנאַליזם שטאַרק אויסגעוואַקסן. אַלע מענטשן זײַנען לויט זייער טבע פּאַטריאָטן און צוגעבונדן צו אייגענע, אָבער אָט די נאַטירלעכע צוגעבונדנקייט פֿון מענטשן צו זייער אָפּשטאַם איז אין 19טן יאָרהונדערט אומנאַטירלעך גוזמאדיק אויפֿגעבלאָזן געוואָרן צו אַ נאַציאָנאַליסטישן שאַבלאָן.

נאַציאָנאַליזם איז געוואָרן געלערנט אין שולן, אויפֿגעהעצט דורך צײַטונגען, מען האָט אים די מענטשן אַרײַנגעפּרעדיקט אין קירך, אַרײַנגעזונגען דורך לידער, אַרײַנגעוויצלט דורך וויצבלעטער. עס איז געוואָרן אַ מין טייוואָנישער כּישוף, וואָס האָט פֿאַרפֿינסטערט אַלדאָס מענטשלעכע. מען האָט מענטשן געבראַכט דערצו, אַז זיי האָבן זיך גענומען שפּירן אומבאַקוועם אָן אַ נאַציאָנאַליטעט, ווי עמעצער וואָלט געווען אַ נאַקעטער פֿאַר אַ גרויסן עולם מענטשן. אָריענטאַלישע פֿעלקער, וואָס האָבן קיין מאָל פֿריער ניט געהערט פֿון נאַציאָנאַליטעט, האָבן דאָס איבערגענומען, אַזוי ווי זיי האָבן איבערגענומען פֿון מערבֿ די סיגאַרעטן און האַרטע היט. אינדיע, אַ געמיש פֿון ווידעראַנאַנדיקע ראַסעס, רעליגיעס און קולטורן, דראַווידישע, מאָנגאָלישע און אַרישע, איז געוואָרן אַ „נאַציע“. עס איז געווען נשתּומם צו הערן באמת, ווען אַ ווײַטשעפּעלער יונגער ייִד האָט געדאַרפֿט באַשטימען, צי ער געהער צו דער בריטישער נאַציע אָדער צו דער ייִדישער.

קאַריקאַטורן און פּאָליטישע פּלאַקאַטן האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פֿון דעם קולט פֿון אָט די נײַע און גרויסע שבֿט־אָפּגעטער — וואָרעם פּאַקטיש זײַנען דאָס געווען די מאָדערנע „נאַציעס“ — און האָבן געהאָלפֿן זיי פֿאַרכאַפּן די ממשלה איבער דעם כּוח־הדמיון פֿון נײַנצנטן יאָרהונדערט. אויב מען בלעטערט דעם ענגלישן וויץ־בלאַט Punch, אָט די מאָדערנע כראָניק פֿון דער בריטישער נשמה אין קאַריקאַטור, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען זינט 1841, וועט מען געפֿינען די פֿיגורן פֿון די פֿאַרשיידענע געטינס: בריטאַניע, היבערניע, גערמאַניע, פֿראַנס — אין פֿאַרשיידענע פּאָזעס

און פאַרשיידענע שטימונגען: פריילעך, ברוגז, קריגנדיק זיך, קושנ־
דיק זיך.

דאָס האָט שטאַרק געהאָלפן די דיפּלאָמאַטן צו פירן ווייטער זייער שפּיל פון גרויס־מלוכות, אין דער פאָרם האָבן זיי געקאָנט אונ־טערטראָגן פּאָליטיק צו דער סקעפּטיש געשטימטער געזעלשאַפט. דעם געמיינעם מאַן, וואָס איז געווען ברוגז, וואָס מען שיקט אַוועק זיין זון אין דער פרעמד אויף צו ווערן דערשאָסן, האָט מען איינגעטייטשט, אַז דאָס איז אַ נויטווענדיקער טייל פון אַ גערעכטן אומאויסמיידלעכן ריזן־קאַמף צווישן צוויי מענטשיקע גאָטהייטן, און ניט פּשוט דער רעזולטאַט פון דער עקשנות און זשעדנעקייט פון צוויי אויסערן־מי־ניסטעריומס. מען האָט איינגערעדט דאָס פאָלק, אַז דייטשלאַנד האָט באַוועלט פראַנקרייך, אָדער איטאַליע האָט אַרויסגעוויזן אַ באַזונדער גייסט לגבי עסטרייך.

דעמאָלט האָט דעם בחורס טויט אויפגעהערט צו זיין אַן עוולה קעגן דעם שכל־הישר: עס האָט געקראָגן דעם פּנים פון אַ מין מיטאָלאָגישער ווערדע. אויך מרידה האָט זיך אָנגעטאָן אין דעם זעלביקן ראָמאַנטישן לבוש, ווי דיפּלאָמאַטיע. אירלאַנד איז געוואָרן אַ מין פאַרשטויסענע גאָטהייט Cathleen ni Houlihan, פול מיט פּיין און עוולות אָן אָן אויסקויף. און די יונגע אינדיע האָט אירע רעאַלע בענקענישן פאַר־קערפּערט אין קולט פון דער געטין באַנדע מאַטאַראַם.

די גרונט־אידעע פון דעם נאַציאָנאַליזם פון 19טן יאָרהונדערט איז די „געזעצלעכע תביעה" פון איטלעכער נאַציע אויף פולער סוי־וועראַניטעט, די פאָדערונג פון איטלעכער נאַציע צו פירן אַלע אירע ענינים אויף דער אייגענער טעריטאָריע, אָן זיך צו רעכענען מיט די איבעריקע נאַציעס. דער ריס אין דער דאָזיקער אידעע איז דער פאַקט, וואָס די ענינים און אינטערעסן פון איטלעכער מאָדערנער געמיינשאַפט שפּרייטן זיך אויס אין די ווייטסטע ווינקלען פון דער ערד. למשל, דער מאָרד אין סאַראַיעוואָ אין יאָר 1914, וואָס האָט געבראַכט צו דער גרויסער מלחמה, האָט אָנגעטאָן גרויסע צרות ביי די אינדיאַנישע שבטים פון לאַבראַדאָר, וואָרעם די מלחמה האָט אָפּגעשטעלט דעם האַנדל מיט רויכוואַרג, וואָס דערפון האָבן זיי געלעבט, וואָרעם פאַר־

די פאַרקויפטע פעלן פלעגן זיי קויפן אַמוניציע, וואָס אָן דעם האָבן זיי ניט געקאָנט פאַרשאַפן זיך גענוג שפייז.

דעריבער איז אַ וועלט פון אומאָפּהענגיקע סוווערענע נאַציעס אַ וועלט פון שטענדיקע עוולות, אַ וועלט פון מלוכות, וואָס אָדער זיי גרייטן זיך צו מלחמה, אָדער זיי פלאָנעווען וועגן מלחמה. נאָר קעגן אָט דעם נאַציאָנאַליזם איז צווישן די שטאַרקסטע נאַציעס גע־פירט געוואָרן אַ מעכטיקע פּראָפּאַגאַנדע פאַר אַן אַנדער גאַנג אידעעס, די אידעעס פון אימפּעראַליזם, וואָס לויט זיי האָט אַ מעכטיקע און געבילדעטע נאַציע דאָס פולע רעכט צו באַהערשן אַ גרופּע פון ווינציקער געבילדעטע נאַציעס אָדער פּאָליטיש ווינציקער אַנטוויקל־טע נאַציעס אָדער פעלקער, וואָס זייער נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיין איז נאָך ניט אַנטוויקלט, וואָס די הערשנדיקע נאַציע מיינט, אַז זיי וועלן זיין דאַנקבאַר פאַר איר שוץ און איבערהערשאַפט.

דער איצטיקער באַטייט פון דעם וואָרט אימפּעריע איז באַשיימ־פערלעך געווען אַנדערש פון דעם פּאַרצייטיקן אוניווערסאַלן באַטייט. די נייע אימפּעריעס האָבן ניט פּרעטענדירט צו זיין דער המשך פון דער רוימישער וועלט־אימפּעריע. זיי האָבן געהאַט אָנגעוואָרן דעם לעצטן באַריר צווישן דער אידעע פון דער אימפּעריע און דער אידעע פון וועלט־שלום.

די דאָזיקע צוויי אידעעס, די אידעע פון דער נאַציאָנאַליטעט און די אידעע פון דער „אימפּעריע“, ווי די קרוין פון דער נאַציאָנאַלער הצלחה, האָבן באַהערשט דעם אייראָפּעיִשן פּאָליטישן געדאַנק, האָבן באַהערשט פּאַקטיש דעם פּאָליטישן געדאַנק פון דער וועלט, אין משך פון דער צווייטער העלפט 19טן יאָרהונדערט און האָבן אים אַזוי באַ־הערשט, אַז פּאַקטיש האָט קיין ברייטערער באַגעם פון אַן אַלגעמיינעם מענטשלעכן גליק ניט געקאָנט צוקומען. זיי זיינען געווען אידעעס, וואָס האָבן זיך געלייגט גרינג אויפן שכל און האָבן אַרויסגעבראַכט געפערלעכע רעזולטאַטן. אָבער זיי האָבן ניט פאַרגעשטעלט קיין שום גרונטיקס און שטענדיקס אין דער מענטשלעכער נשמה, און זיי האָבן גאָרנישט מיט וואָס צו ענטפערן אויף די נייע נויטן פון דער

וועלט אין הערשאפט און זיכערקייט, וואס די מעכאנישע רעוואלוציע טוט זיי ארויסרופן אלץ מער מיט יעדן טאג.

די דאזיקע אידעעס זיינען אנגענומען געווארן, מחמת מענטשן האבן בדרך כלל ניט דעם ברייטן און טיפן קוק, וואס עס קאן געבן דאס שטודיום פון דער וועלט-געשיכטע, אויך האבן זיי מער ניט די פשוטע, פארשטענדלעכע גוטסקייט פון א וועלט-רעליגיע. ווי ווייט די דאזיקע אידעעס זיינען געפערלעך פאר דעם רויקן גאנג פון בירגער-לעכן לעבן, האט קיינער ניט באמערקט, ביז וואנען דאס איז שוין געווען צו שפעט.

---

## 8. די גרויסע אויסשטעלונג פון 1851.

נאכן מיטן פון דעם 19טן יארהונדערט האט די דאזיקע וועלט פון נייע כוחות און אלטע אידעעס, אט דער יוירנדיקער נייער ווין אין די אלטע פלעשער פון דיפלאמאטיע, זיך ארויסגעריסן פון די שוואכע צאמען פון דעם ווינער אפמאך אין א ריי מלחמות. דורך אן איראנישן צוטראף האט די נייע סיסטעם פון מהומות געהאט א הקדמה א יום-טוב פון שלום אין לאנדאן, די גרויסע אויסשטעלונג פון 1851. די דאזיקע אויסשטעלונג פארדינט, מען זאל איר אפגעבן א פאראגראף.

דער אויפטוער פון דער אויסשטעלונג איז געווען דער פרינץ אלבערט פון זאקסן-קאבורג-גאטא, א פלימעניק פון לעאפאלד I, דעם דייטשן קיניג, וואס איז אוועקגעזעצט געווארן אויפן בעלגישן טרון אין יאר 1831 און וואס איז אויך געווען א פעטער פון דער יונגער קיניגין וויקטאריא פון ענגלאנד פון איר מוטערס צד. זי איז גע-ווארן קיניגין אין יאר 1837 צו אכצן יאר. די צוויי יונגע שוועסטער-קינדער — זיי זיינען געווען אין איין עלטער — האבן אין יאר 1840 חתונה געהאט מיט זייער פעטערס ברכה. דער פרינץ אלבערט איז גע-ווען א מענטש מיט א געזונטן פארשטאנד און מיט אן אויסגעצייכנ-טער בילדונג, און אים האט קענטיק שטארק פארדראסן די גייסטיקע פארגליווערטקייט, וואס אין איר איז ענגלאנד געווען אריינגעפאלן.

אקספארד און קיימברידזש, די דאזיקע אמאל גלענצנדיקע צענטערס, זיינען איצט פאוואליע געקומען צו זיך נאך דעם אינטעלעקטועלן אפפלייץ פון סוף 18טן יארהונדערט. די דאזיקע אוניווערסיטעטן פלעגן ניט צונעמען מער ווי צו 400 נייע סטודענטן יעדער יאר. די עקזאמענס זיינען על=פי=רוב געווען נאר צערעמאניעס פון ענטפערן אויף אויסווייניק געשטעלטע פראגעס. חוץ צוויי קאלעדזשעס אין לאנדאן (דער לאנדאנער אוניווערסיטעט) און איינעם אין דורהעם, איז דאס געווען גאר די בילדונג פון אן אוניווערסיטעטס=מדרגה, וואס ענגלאנד האט געהאט צו באווייזן.

דער עיקר לויט דער איניציאטיווע פון אט דעם יונגן דייטש, וואס האט חתונה געהאט מיט דער ענגלישער קיניגין, איז באשטימט געווארן די אוניווערסיטעט=קאמיסיע פון יאר 1850. און מיט דער כוונה נאך מער אויפצוועקן ענגלאנד האט ער פארגעלייגט צו מאכן די ערשטע אינטערנאציאנאלע אויסשטעלונג, וואס האט באדארפט געבן א געוויסע געלעגנהייט צו פארגלייכן די קינסטלערישע און אינדוסטריעלע פראדוקטן פון פארשיידענע אייראפעישע נאציעס.

קעגן דעם דאזיקן פראיעקט איז געווען א שטארקע אפאזיציע. אין דער אונטערשטער פאלאטע האט מען נביאות געזאגט, אז ענגלאנד וועט באפאלן ווערן פון פרעמדע באנדיטן און רעוואלוציאנערן, וואס וועלן פטרן די מאראל פון פאלק און צעשטערן דעם גלויבן און געטריישאפט אין לאנד.

די אויסשטעלונג איז געווארן אפגעהאלטן אין האיד=פארק אין א גרויסן בנין פון גלאז און אייזן — וואס איז שפעטער געווארן איבערגעמאכט צו דעם קרישטאל=פאלאץ. פינאנסיעל האט זי א סך איינגעבראכט. א סך ענגלענדער האבן איצט צום ערשטן מאל דערזען, אז זייער לאנד איז ניט געווען דאס איינציקע אינדוסטריעלע לאנד אין דער וועלט, און אז קאמערציעלער וואוילשטאנד איז ניט באשטימט געווארן פון אויבן נאר פאר ענגלאנד: עס איז געווען א קלארער באוויז דערפאר, אז אייראפע איז שוין געקומען צו זיך נאך די חורבנות פון די נאפאלעאנישע מלחמות, און האט האסטיק גענומען אריבעריאגן גרויס=בריטאניע אין האנדל און פאבריקאציע. נאך דער אויס=

שטעלונג איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ דעפּאַרטאַמענט פאַר וויסנשאַפט און קונסט (1853), בכדי צו געפינען צוריק, אויב דאָס וועט זיך לאָזן, דעם בילדונגס־וועג, וואָס בריטאַניע האָט געהאַט פאַרלאָרן.

---

## 9. די קאַריערע פון נאַפּאָלעאָן III.

די גרויסע אויסשטעלונג פון 1851 האָט געשאַפן אַ היפּשן סכום פון אינטערנאַציאָנאַלע רייד און געפילן. דער געפיל פון אינטערנאַציאָנאַליזם האָט געפונען אַן אויסדרוק אין דעם ווערק פון יונגן ענגלישן פּאָעט טעניסאָן, וואָס האָט אַריינגעקוקט אין דער צוקונפט:

„עס רעשן ניט מער די קריגס־פּייקלעך,
און איינגעוויקלט זיינען שלאַכט־פאָנעס
אין דעם פּאַרלאַמענט פון מענטשן,
דער פעדעראַציע פון דער וועלט“.

די דאָזיקע זעונג איז געווען אַ פּריצייטיקע. הינטער דעם צודעק פון אַן אויסוויינִיקסטן שלום פון יענער קורצער הפסקה פון ליבעראַליזם און פון אויבנאויפיקער אויפקלערונג האָבן זיך געצייטיקט די זוימען פון נייע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפליקטן. פראַנקרייך איז נאָמינעל געווען אַ פרייע רעפּובליק. נאָר איר פּרעזידענט איז געווען אַ באָנאַפּאַרט, דער פּלימעניק פון ערשטן נאַפּאָלעאָן. ער איז געווען אַ מענטש אַ דורכגעטריבענער, מיט אונטערנעמונגס־גלוסט, און אים איז געווען באַשערט אַרייפצוברענגען אויף פראַנקרייך און אייראָפּע אַפילו גרעסערע חורבנות, ווי יענע, וואָס זיין פעטער האָט אָנגעטאָן מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק.

די פראַנצויזישע רעפּובליק, וואָס האָט באַצוואונגען די אָרלעאַנישע מאָנאַרכיע אין יאָר 1848, האָט ניט לאַנג עקסיסטירט. פון אָנהייב אָן האָט זי געהאַט אויסצושטיין מהומות מצד די סאָציאַליסטן — דאָס האָט געבראַכט צו אַן עקאָנאָמישער רעאָרגאַניזאַציע, צו אַן אומרויִקייט אין געשעפטס־לעבן. דער נייער נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט, וואָס האָט געמאַכט דעם אָנשטעל פון אַ ליבעראַלן „זיכערן“ מענטשן, וואָס קאָן אויפריכטן דעם צוטרוי און איינשטעלן די געשעפטן, איז אין

אקטאבער פון יענעם יאר אויסגעקליבן געווארן פאר א פרעזידענט. ער האט געשווארן צו זיין געטריי דער דעמאקראטישער רעפובליק און צו באטראכטן ווי שונאים אלעמען, ווער עס וועט פרווון איבערביטן די רעגירונגס-פארם. אין צוויי יאר ארום (דעצעמבער 1852) איז ער געווען קיסר פון פראנקרייך.

צווערשט האט מען אים געהאלטן אין ענגלאנד אונטער א שטארקן חשד ביים הויף פון קיניגין וויקטאריא, וואו דער הויפט-מאכער אין אויסלענדישע ענינים איז געווען באראן שטאקמאר, דער פריינד און דינער פון קיניג לעאפאלד פון בעלגיע. אט די גאנצע גרופע מענטשן פון זאקסן-קאבורג-גאטא זיינען געווען באגייסטערט פאר דער פאראייניקונג און פארן וואוילזיין פון דייטשלאנד -- אין א ליבעראלער ריכטונג -- און זיי זיינען געווען נוטה צו ווערן אומרויק, בעת אין פראנקרייך האט זיך ווידער געשטעלט ביי דער מאכט א באנאפארט. פאקעט, לארד פאלמערסטאן, דער בריטישער אויסערן-מיניסטער, איז געווען פריינדלעך געשטימט צום אוזורפאטאר פון אנהייב אן. ער האט באליידיקט די קיניגין, דורך דעם וואס ער האט געשיקט פריינדשאפטלעכע דעפעשעס צום פראנצויזישן פרעזידענט, אן צו שיקן זיי דער קיניגין, זי זאל זיי דורכקוקן און האבן די מעגלעכקייט צו האלטן זיך אן עצה מיט באראן שטאקמאר וועגן דעם. דערפאר האט לארד פאלמערסטאן געמוזט פארלאזן זיין פאסטן. נאר שפעטער האט אויך דער ענגלישער הויף אומגעביטן זיין שטימונג און איז געווארן פריינדלעכער גענייגט צום נייעם אוזורפאטאר.

די ערשטע יארן פון זיין רעגירונג האבן צוגעזאגט גיכער א ליבעראלע מאנארכיע, איידער א נאפאלעאנישע קאריערע -- א רעגירונג „פון וואלוועלן ברויט, גרויסע עפנטלעכע ארבעטן און ימים טובים", ווי עס שרייבט אלבער טאמא אין דער „ענציקלאפעדיע בריטאניקא". נאפאלעאן האט זיך אפגערופן מיט סימפאטיע וועגן דער אידעע פון נאציאנאליזם, און דאס איז נאטירלעך געווען צום הארץ איטלעכן ליבעראלן דייטשן אינטעליגענט. אין יאר 1848 איז א קורצע צייט געווען אין פראנקפורט אן אל-דייטשער פארלאמענט, ווי די פרייסישע מאנארכיע האט אים צעטריבן אין יאר 1849.

פֿאַר 1848 זיינען אַלע גרויסע אייראָפּעיִשע הויפֿן געווען פֿאַרבונדן דורך דעם ווינער אָפּמאַך אין אַ מין פֿאַרבאַנד קעגן אַ מעגלעכער צווייטער דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע, וואָס מען האָט מורא געהאַט, זי זאָל ניט אַרומנעמען נאָך מער לענדער. נאָכדעם ווי די רעוואָלוציע פֿון 1848 איז דורכגעפֿאַלן און אין פֿראַנקרייך איז אויפֿגעריכט געוואָרן די מאָנאַרכיע, האָט די שרעק פֿאַר דער רעוואָלוציע זיך געפֿעלט, און די הויפֿן האָבן איצט געקאָנט אָנהייבן אויפֿסניי די שפּיל פֿון זייערע אינטריגעס, ווי אין די צייטן פֿאַר 1789 — מיט דעם אונטערשייד, וואָס איצט זיינען זייערע אַרמייען און פּלאָנען געווען אַ סך מעכטיקער, ווי אין נאַפּאָלעאָנס צייט. נאָך אַ הפסקה פֿון 60 יאָר האָט זיך ווידער אָנגעהויבן מיט גרויס אימפּעט די שפּיל פֿון די גרויס־מלוכות, און זי האָט זיך געצויגן אַזוי ביז צו דער קאַטאַסטראָפֿע פֿון 1914.

אַ שטיקל צייט איז דער נייער נאַפּאָלעאָן געווען אָפּגעהיט. דער ערשטער, וואָס האָט זיך אַריינגערוקט אין אַ מלחמה, איז געווען דער רוסישער צאַר, ניקאָלאַי I. ער האָט אויפֿגענומען דעם טראַדיציאָנעלן דראַנג קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואָס איז אים איבערגעגאַנגען בירושה פֿון פֿעטער דעם גרויסן. ניקאָלאַי האָט דאָס אויסגעקלערט פֿאַרן סולטאַן דעם נאָמען „דער קראַנקער מאַן פֿון אייראָפּע“ און געפֿונען אַן אויסרייד דערין, וואָס אין דער טערקישער אימפּעריע ווערן קריסטן שלעכט באַהאַנדלט, האָט ער פֿאַרנומען אין יאָר 1853 די פֿירשטנטימער ביים דונאַי.

דאָס איז געווען אַן אמתע אינטערנאַציאָנאַלע אַרויסטרעטונג. די אייראָפּעיִשע דיפּלאָמאַטן האָבן זיך געפֿונען געשטעלט פֿאַר אַ „פּראַגע“ לויט אַן עכטן מוסטער פֿון 18טן יאָרהונדערט. מען האָט פֿאַרשטאַנען די זאַך אַזוי, אַז די פּלענער פֿון רוסלאַנד שטויסן זיך צונויף מיט די פּלענער פֿון פֿראַנקרייך אין סיריע, און אַז זיי שטעלן אין סכנה דעם מיטללענדישן וועג פֿון גרויס־בריטאַניע קיין אינדיע. דער רעזולטאַט פֿון דעם איז געווען אַ בונד צווישן פֿראַנקרייך און ענגלאַנד אויף צו אונטערשטיצן טערקיי אין אַ מלחמה, די קרימער מלחמה, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַ מפּלה פֿון רוסלאַנד. אין פלוק האָט מען געמעגט מיינען, אַז די עובדא פֿון איינצאַמען רוסלאַנד

איז געווען גיכער אַן עסק פאַר עסטרייך און דייטשלאַנד, אָבער דעם חשק פון די אויסערן-מיניסטעריומס פון פראַנקרייך און ענגלאַנד צו פאַרברענגען זייערע פינגער אויף די רוסלענדער ענינים איז שטענ-דיק געווען שווער איינצוצאַמען. דער נייער נאַפּאָלעאָן האָט געזען אין דער דאָזיקער מלחמה אַ מיטל איינצופעסטיקן זיין אומזיכערע פריינדשאַפט מיט בריטאַניע און דעם בריטישן הויף, וואָס האָט ביז דע-מאָלט זיך געהאַלטן מיט אים פון דער ווייטן.

דער צווייטער אינטערעסאַנטער פּאַזיס אין דער דאָזיקער אויפ-לעבונג פון דער דראַמע פון די גרויס-מלוכות איז געווען די שאַפונג פון קיניגרייך איטאַליע. דער קיסר נאַפּאָלעאָן III און דער קיניג פון קליינעם קיניגרייך סאַרדיניע אין צפון-איטאַליע האָבן אויסגענוצט די שווערקייטן, וואָס די צעטיילונג פון איטאַליע האָט געבראַכט, און בפרט די שווערע לאַגע פון די צפונדיקע פּראָווינצן, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער דער עסטרייכישער איבערהערשאַפט, כדי זיך אַריינצומישן. דער קיניג פון סאַרדיניע, וויקטאָר עמנואל, האָט אָפּ-געהאַנדלט מיט נאַפּאָלעאָנען, אָפּצוגעבן אים פאַר זיין הילף די פּראָ-ווינצן ניצע און סאַוואָי. פראַנקרייך האָט געדאַרפט באַקומען די דאָזיקע פּראָווינצן, און דערפאַר האָט סאַרדיניע באַדאַרפט קריגן גאַנץ איטאַליע. די מלחמה צווישן פראַנקרייך און סאַרדיניע פון איין זייט און צווישן עסטרייך פון אַנדער זייט האָט אויסגעבראָכן אין יאָר 1854 און האָט זיך געענדיקט אין עטלעכע וואָכן. די עסטרייכער זיינען שטאַרק צעקלאַפּט געוואָרן ביי מאַגענטאַ און סאָלפערינאָ. היות ווי פּרייסן האָט גענומען סטראַשען פון דער זייט פון ריין, האָט נאַפּאָלעאָן אויף דער גיך געמאַכט שלום, מיט דעם אַז סאַרדיניע האָט צוגעקראָגן לאָמבאַרדיע.

דער צווייטער גאַנג אין דער שפּיל פון וויקטאָר עמנואל און פון זיין הויפּט-מיניסטער קאַוואָור איז געווען אַן אויפשטאַנד-באַוועגונג אין סיציליע, וואָס עס האָט געפירט דער גרויסער איטאַליענישער פּאַטריאָט גאַריבאַלדי. סיציליע און נעאַפּאָל זיינען באַפרייט געוואָרן, און גאַנץ איטאַליע, חוץ רוים (וואָס איז געבליבן געטריי דעם פּויפּסט) און ווע-נעציע (וואָס די עסטרייכער האָבן באַהאַלטן פאַר זיך), איז אַרונטער אונטער דער ממשלה פון קיניג פון סאַרדיניע. אַן אַלגעמיינער איטאַליע-

נישער פארלאמענט איז זיך צונויפגעקומען אין יאר 1861 אין טו־
רין, און וויקטאר עמנואל איז געווארן דער ערשטער קיניג פון
איטאליע.

איצט האט דער אינטערעס אין דער דאזיקער שפיל פון דער
אייראפעישער דיפלאמאטיע זיך אריבערגערוקט קיין דייטשלאנד. דער
שכל הישר פון דער נאטירלעכער פאליטישער קארטע האט גענומען זיך
ארויסווייזן. אין יאר 1848 איז גאנץ דייטשלאנד, איינגעשלאסן, פאר־
שטייט זיך, דייטש עסטרייך, געווען א געוויסע צייט פאראייניקט אונ־
טער דעם פראנקפורטער פארלאמענט. נאך די דאזיקע פאראייניקונג
איז געווען צום טייל געווענדט קעגן אלע דייטשע הויפן און אויסערן־
מיניסטעריומס: זיי האבן ניט געוואלט, אז דייטשלאנד זאל ווערן
פאראייניקט לויטן ווילן פון איר פאלק, זיי האבן געוואלט, אז דייטשלאנד
זאל ווערן פאראייניקט הורך אן אקציע פון מלכים און דיפלאמאטן.
אזוי ווי דאס איז געשען מיט איטאליע.

אין יאר 1848 האט דער דייטשער פארלאמענט געפאדערט, אז
די צום גרעסטן טייל דייטשע פראווינצן שלעזוויג־האלשטיין, וואס זיי־
נען אריינגעגאנגען אין דייטשן בונד, באדארפן געהערן צו דייטש־
לאנד. ער האט געגעבן א באפעל דער פרייסישער ארמיי צו פארנעמען
די דאזיקע פראווינצן, נאר דער קיניג פון פרייסן האט זיך אפגעזאגט
צו פאלגן די באפעלן פון דייטשן פארלאמענט, און האט אזוי ארום
פארגיכערט דעם אונטערגאנג פון דער דאזיקער קערפערשאפט. איצט
האט דער קיניג פון דענעמארק, קריסטיאן IX, אנגעהויבן ניט אי־
בער קיין אנדער טעם, ווי איבער דער נאטירלעכער קיניגלעכער משו־
געת, א ריי רדיפות קעגן די דייטשן אין די צווי הערצאגטימער. די
פרייסישע ענינים זיינען דעמאלט געווען אין די הענט פון א מיניסטער
פון טיף פון 17טן יארהונדערט, דאס איז ביסמארק (גראף אין יאר
1865, פירשט 1871), און ער האט געזען אין די דאזיקע רדיפות א
גלעגנצנדיקע געלעגנהייט. ער איז געווארן דער קעמפער פאר דער
דייטשער נאציאנאליטעט אין די דאזיקע הערצאגטימער — מען דארף
געדענקען, אז דער קיניג פון פרייסן האט זיך אפגעזאגט אי־
בערצונעמען די דאזיקע ראלע פון די הענט פון א דעמאקראטישער

דייטשלאנד אין יאר 1848 — און ער האט איינגערעדט עסטרייך צו העלפן פרייסן אין א מיליטערישער אונטערנעמונג...

אנטקעגן די דאזיקע גרויס-מלוכות האט דענעמארק ניט געהאט קיין שאנס צו געווינען; זי איז געווארן גרינג צעקלאפט און געצוואונגען צו פארלאזן די הערצאגטימער.

דערנאך האט ביסמארק אויסגענוצט א סיכסוך מיט עסטרייך, בכדי צוצונעמען פאר זיך די ביידע קליינע מלוכות. אזוי ארום האט ער געבראכט צו אן אומנוציקן ברודערקריג צווישן דייטשן צוליב דעם כבוד וועגן פון פרייסן און צוליב דער ממשלה פון דער האהענ-צאלערן-דינאסטיע אין דייטשלאנד. ער האט באפעסטיקט דייטשלאנד אונטער די פרייסישע האהענצאלערנס. דייטשע שרייבערס מיט א ראמאנטישער ריכטונג שילדערן ביסמארקן ווי א גרויסן מלוכה-מאן, וואס האט געפלאנט די איינהייט פון דייטשלאנד; נאר אין דער אמתן האט ער גאר קיין זאך ניט געטאן אין דעם פרט. די איינהייט פון דייטשלאנד איז געוועזן א רעאלער פאקט אין יאר 1848. זי איז געווען און זי איז נאטירלעך. די פרייסישע מאנארכיע האט נאר אפגעלייגט דאס, וואס איז געווען אומפארמיידלעך, כדי עס זאל אויסזעען, אז דאס איז געטאן געווארן אויף א פרייסישן שטייגער. און דערפאר איז דאס אויסגעקומען אזוי, אז נאכדעם ווי דייטשלאנד איז סוף-כל-סוף געווארן פאראייניקט, האט זי, אנשטאט אויסצוזען ווי א מאדערנע ציוויליזירטע מלוכה, זיך פארגעשטעלט דער וועלט מיטן פנים פון אן ארכאישן ביסמארק, מיט ווילדע וואנסעס, מיט גרויסע וואסער-שטיוול, אין א קיווער מיט א שפיץ און מיט א שווערד.

אין יענער [illegible]מה צווישן פרייסן און עסטרייך האט פרייסן געהאט אויף א[illegible] [illegible]יטאליע, בעת דער גרעסטער טייל פון די קלע-נערע דייטשע [illegible], וואס האבן זיך געשראקן פאר די פרייסישע פלענער, האבן ז[illegible] [illegible]עשלאגן אויף דער זייט פון עסטרייך. דער לייע-נער איז מסתמא [illegible]גאוועט צו וויסן, פארוואס האט נאפאלעאן III ניט אויסגענוצ[illegible] [illegible]לענצנדיקע געלעגנהייט און האט זיך ניט אריינ-געמישט אין [illegible]המה צוליב זיין אייגענער טובה וועגן. לויט אלע כללים פון [illegible] גרויס-מלוכות-שפיל האט ער דאס געמוזט טאן. ער האט דע[illegible] אין אייראפע אויסוואקסן אזא געפערלעכן קאנ-

קורענט פאר פראנקרייך, ווי פרייסן. ער האט געמוזט עפעס טאן, כדי דאס צו פארהיטן. נאר נאפאלעאן האט, צו זיין אייגענעם אומגליק, זיך געהאט פארדרייט אין א פאסטקע אויף יענער זייט אטלאנטישן ים, און איז ניט געווען ביכולת זיך אריינצומישן אין יענער צייט.

ער האט ניט געקאנט ביישטיין דעם נסיון מצד אמעריקע. דער ווידערשטאנד צווישן די אינטערעסן פון די צפונדיקע און דרומדיקע שטאטן פון דער צפון־אמעריקאנישער פאראייניקונג, וואס האט זיך גענומען פון די עקאנאמישע פארשיידנהייטן אויפן יסוד פון שקלאפעריי, האט סוף־כל־סוף געבראכט צו א בירגער־קריג. אין ווייטערדיקן פאראגראף וועלן מיר באהאנדלען גענויער דעם דאזיקן בירגערקריג; דא וועלן מיר מער ניט זאגן, אז ער האט געדויערט פיר יאר און האט זיך געענדיקט מיט דער ווידער־פאראייניקונג פון די פאראייניקטע שטאטן. נאר אין משך פון די פיר יאר, וואס די רעפובליקאנער האבן זיך געשלאגן צווישן זיך, האבן אלע עלעמענטן פון רעאקציע אין אייראפע אנגעקוואלן פון נחת. די בריטישע אריסטאקראטיע האט אפן זיך געשטעלט אויפן צד פון די קאנפעדערירטע שטאטן, און די בריטישע רעגירונג האט דערלויבט אייניקע פריוואטע שיפן, בפרט די „אלאבאמא“, אז מען זאל זיי אויסריכטן אין ענגלאנד אנצופאלן אויף די שיפן פון די פעדעראלע שטאטן.

נאפאלעאן III איז געווען נאך מער איבעראײלט אין זיין גלויבן, אז נאך אלעמען איז די נייע וועלט געפאלן פאר דער אלטער. ביז אהער האבן די פאראייניקטע שטאטן ניט דערלאזט קיין אריינמישונג פון אייראפע אין די ענינים פון אמעריקאנער קאנטינענט. דאס איז געווען, אזוי צו זאגן, א פעסטער כלל פון דער אמעריקאנישער פאליטיק. איצט האט נאפאלעאנען אויסגעדוכט, אז דער שילד פון דער מאנראדאקטרינע איז אפגערוקט אן א זייט, כדי די גרויס־מלוכות זאלן ווידער קאנען זיך מישן אין אמעריקע, און די בענטשונגען פון דער אוואנטוריסטישער מאנארכיע זאל דארט ווערן אויפגעריכט.

אן אויסרייד אויף זיך אריינצומישן האט מען געפונען דערין, וואס דער מעקסיקאנישער פרעזידענט האט עפעס ניט אפגעהיט גענוי דאס אייגנטום־רעכט פון אויסלענדער. האט א פאראייניקטע עקספעדיציע פון פראנצויזן, ענגלענדער און שפאניער פארנומען די

שטאט וועראקרוס. נאר נאפאלעאנס פלענער זיינען פארבינדעטע געוועזן צו דרייסט, און זיי האבן זיך צוריקגעצויגן, בעת עס איז געווארן קלאר, אז ער איז אויסן ניט מער און ניט וויניקער, ווי איינצושטעלן א מעקסיקאניש קיסרטום. און נאך שווערע קאמפן האט ער דאס טאקע געטאן, אין יאר 1864 האט ער געמאכט ערצהערצאג מאקסימיליאן פון עסטרייך פארן קיסר פון מעקסיקע. נאר פאקטיש האבן דאס לאנד פארנומען פראנצויזישע חיילות, און א מחנה פראנצויזישע ספעקולאנטן האבן זיך א לאז געטאן קיין מעקסיקע, כדי צו עקספלואטירן אירע ארץ־גרובן און אנדערע אירע רייכטימער.

נאר אין אפריל 1865 איז דער בירגער־קריג אין די פאראייניקטע שטאטן געענדיקט, און די קליינע גרופע געריקע אייראפעער, וואס האבן געהאט פארכאפט מעקסיקע, האבן געפונען אנטקעגן זיך די זיגרייכע רעגירונג פון די פאראייניקטע שטאטן, גארניט פריינדלעך געשטימט צו זיי, גרייט מיט א גרויסער, געפערלעך אויסזעענדיקער ארמיי. פאר די פראנצויזישע אימפעריאליסטן איז פראסט און פשוט געשטעלט געווארן די אלטערנאטיווע: אדער מלחמה מיט די פאראייניקטע שטאטן. נאר אין משך פון די פיר יאר, וואס די רעפוב־דאס באטייט אן אינסטרוקציע אפצופארן. אט דאס איז געווען דער פלאנטער, וואס האט געשטערט נאפאלעאן דעם דריטן זיך אריינצומישן אין דעם קריג צווישן פרייסן און עסטרייך אין יאר 1866, און דאס איז געווען דער טעם, פארוואס ביסמארק האט זיך געאיילט דורכצופירן זיין קאמף מיט עסטרייך.

אין דער צייט, וואס פרייסן האט זיך געשלאגן מיט עסטרייך, האט נאפאלעאן III געפרואווט זיך ארויסצומאכן מיט כבוד פון דער פארדרייעניש אין מעקסיקע. ער האט ארויסגעפונען עפעס א נישטיקן אויסרייד מכוח א פינאנסיעלן סיכסוך מיט מאקסימיליאנען און האט צוריקגעצויגן דאס פראנצויזישע מיליטער. דערנאך וואלט מאקסימיליאן, לויט אלע כללים פון דער קיניגלעכער צערעמאניע, באדארפט אפדאנקען. נאר אנשטאט דעם האט ער גאר געפרואווט קעמפן פאר זיין אימפעריע: האבן אבער זיינע ווידערשפעניקע אונטערטאנען אים געכאפט און דערשאסן ווי א שעדלעכן מענטשן פאר דער געזעל־

שאפט אין יאר 1867. אזוי ארום איז דער שלום פון פרעזידענט מאנרא ווידער אויפגעריכט געווארן אין דער נייער וועלט.

אבער אין דער צייט, ווען נאפאלעאן איז געווען פארנומען מיט זיין שלימזלדיקער אוואנטורע אין אמעריקע, האבן פרייסן און איטאליע אפגעהאלטן א ניצחון איבער עסטרייך (1861). איטאליע איז, אמת, שטארק צעקלאפט געווארן ביי קוסטאצא און אין דער ים־שלאכט פון ליסא, אבער די עסטרייכישע ארמיי איז אזוי צעשמעטערט געווארן דורך די פרייסן אין דער שלאכט ביי סאדאווא, אז עסטרייך האט זיך אונטערגעגעבן אן שום טענות. איטאליע האט געקראגן די פראווינץ ווענעציע, און האט אזוי ארום געמאכט א טריט נענטער צו פאראייניקונג — מער ניט רוים און טריעסט און עטלעכע קליינע שטעט ביי די צפונדיקע און צפונית־מערביתדיקע גרענעצן זיינען געבליבן אויסער דעם קיניגרייך. פרייסן ווידער איז געווארן די פירנדיקע מלוכה פון צפון־דייטשן בונד, וואס בייערן, ווירטעמבערג, באדען, העסען און עסטרייך זיינען פון אים געווען אויסגעשלאסן.

אט דער ניצחון פון פרייסן, אט דאס אראפשטופן עסטרייך אפילו פון דער נאמינעלער איבערהערשאפט אין דייטשלאנד, אט די אויפריכטונג פון דער איבערהערשאפט פון פרידריך דעם גרויסנס מלוכה, האט אפן געשטעלט פראנקרייך און פרייסן ווי צוויי שונאים קעגן אנאנד. עס האט זיך ארויסגעשטעלט א גרויסע קאנקורענץ, די קאנקורענץ, וואס האט באדארפט ברענגען צו דער גרעסטער און צעשטערערישסטער מלחמה פון גאר דער וועלט־געשיכטע. עס איז נאר געווען א פראגע פון צייט, ווען פראנקרייך און פרייסן וועלן זיך צונויפשטויסן. ביידע האבן זיך באוואפנט, נאר פרייסן האט געהאט בעסערע פאלקסשול־לערער און א העכערע מדרגה פון דיסציפלין און פראדוקטיוויטעט, ווי פראנקרייך.

עס איז שיר ניט געקומען צו א מלחמה אין יאר 1867: ווי נאר נאפאלעאן איז פטור געווארן פון מעקסיקע, האט ער געזוכט ארויסצורופן א סיכסוך מיט פרייסן צוליב לוקסעמבורג. מיט אן אמתן איז די מלחמה ארויסגעשפרונגען אין יאר 1870 איבער א טעם, וואס האט געפאסט פארן 18טן יארהונדערט, איבער א מחלוקת מכוח קאנדידאטן אויף דעם ליידיקן טרון פון שפאניע. נאפאלעאנען האט זיך

אויסגעדוכט, אז עסטרייך, בייערן, װירטעמבערג און אלע איבעריקע מלוכות, װאס געהערן ניט צום צפון־דייטשן בינד, װעלן זיך שטעלן אויף זיין צד קעגן פרייסן. ער האט מסתמא געקלערט, אז דאס װעט זיין אזוי, מחמת ער האט געװאלט, עס זאל אזוי זיין. נאר זינט 1848 זיינען די דייטשן, װי װייט דאס איז שייך צו פרעמדער אריינמישונג, געװען אין גייסט א געאייניקט פאלק. ביסמארק האט ארויפגעזעצט די מאנארכיע פון די האהענצאלערנס מיט פאראד און צערעמאניעס און מיט בלוט־פארגיסן אויף געשעענע פאקטן. גאנץ דייטשלאנד האט זיך געשטעלט אויפן צד פון פרייסן קעגן פראנקרייך.

אנהייב אויגוסט 1870 זיינען די פאראייניקטע דייטשע חילות אריינגעדרונגען קיין פראנקרייך. אין צאל, דיסציפלין, פארזארגונג און אנפירונג האבן זיי זיך ארויסגעװיזן פאר בעסער װי די פראנצויזישע. די מפלה פון פראנקרייך איז געקומען גיך און איז געװען פולקום. נאך די שלאכטן פון װערט און גראװעלאט איז איין פראנצויזישע ארמיי אונטער באזען געװען געצװאונגען זיך איינצושליסן אין מעץ און איז דארט געװארן ארומגערינגלט. און דעם 1טן סעפטעמבער איז א צװייטע ארמיי, װאס ביי איר איז געװען נאפאלעאן, געװארן צעקלאפט און איז געװען געצװאונגען צו קאפיטולירן ביי סעדאן. נאפאלעאן איז געװארן א געפאנגענער. פאריז איז געשטאנען אן שוץ קעגן דעם אריינדרינגער. א צװייט מאל האט דער נאפאלעאניזם אפגענארט פראנקרייך און אװעקגעשטעלט זי פאר א חורבן.

דעם 4טן סעפטעמבער האט פראנקרייך זיך װידער דערקלערט פאר א רעפובליק, און אזוי װידער אויפגעלעבט האט זי זיך געגרייט צו קעמפן פאר איר קיום קעגן דעם טריומפירנדיקן פרייסנטום. װארעם הגם גובר געװען דעם פראנצויזישן אימפעריאליזם האט די פאראייניקטע דייטשלאנד, אבער אין זאטל איז געזעסן פרייסן. די ארמיי פון מעץ האט קאפיטולירט אין אקטאבער. פאריז האט נאך א באלעגערונג און באמבארדירונג זיך אונטערגעגעבן אין יאנואר 1871, און פראנקרייך האט געבעטן שלום.

מיט גרויס פאמפע און צערעמאניע, ארומגערינגלט פון א מחנה מיליטערישע אוניפארמעס, איז דער קעניג פון פרייסן אין שפיגל־זאל פון װערסאיל פראקלאמירט געװארן פארן דייטשן קיסר.

בּיסמאַרק און די שווערד פון די האָהענצאָלערנס האָבן פּרעטענדירט, אַז זייער אויפטו איז דאָס די איינהייט פון דייטשלאַנד, וואָס בּעצם האָט די שותּפישע שפּראַך און ליטעראַטור שוין לאַנג דאָס געהאַט באַזיגלט.

דער שלום פון פראַנקפורט, וואָס איז געקומען נאָך דער מלחמה, איז געווען אַ האָהענצאָלערנשער שלום. בּיסמאַרק האָט אויסגענוצט די נאַציאָנאַלע געפילן פון דייטשלאַנד, כּדי צו זיכערן די הילף פון די דרום־דייטשע מלוכות, נאָר ער האָט ניט געהאַט קיין פאַרשטאַנד פאַר די אמתע כּוחות, וואָס האָבן געשאַנקען דעם ניצחון איִם און זיין קיניגלעכן האַר. דער כּוח, וואָס האָט געטריבן פּרייסן צום ניצחון, איז געווען דער כּוח פון דער נאַטירלעכער קאַרטע פון אייראָפּע, וואָס האָט ניט אַנדערש פאַרלאַנגט, אַז די דייטש ריידנדיקע פעלקער זאָלן זיך פאַראייניקן. אין מזרח־זייט האָט דייטשלאַנד שוין געזינדיקט קעגן דער נאַטירלעכער קאַרטע דורך דער ממשלה איבּער פּויזן און אַנדערע פּוילישע געגנטן. אָבּער זי איז געווען להוט איינצונעמען נאָך טעריטאָריעס, בּאַזונדערס האָבן איר פאַרשמעקט די אייזן־גרובּן, דערפאַר האָט זי אַנעקטירט אַ גרויסן שטח פון לאָטרינגען, וואו מען האָט גערעדט פראַנצויזיש, דערין אייך מעץ, און עלזאַס, וואָס הגם מען האָט דאָרט גערעדט דייטש, זיינען אָבּער דאָרט געווען גרויסע סימפּאַטיעס פאַר פראַנקרייך.

עס האָט דאָ ניט אַנדערש געמוזט פאָרקומען אַ צונויפשטויס צווישן די דייטשע רעגירערס און די פראַנצויזישע אונטערטאַנען פון די אַנעקטירטע פּראָווינצן; דער געפיל פאַר עוולות און פאַרבּיטערטקייט האָבן געמוזט זיך אָפּרופן אין פּאַריז און האַלטן לעבּעדיק דעם ליידנשאַפטלעכן נקמה־געפיל פון די פראַנצויזן.

ווי אַזוי אָט דער געפיל האָט אויפגעפלאַקערט צו אַ גרויסן רעוואַנש, וועלן מיר לייענען שפּעטער...

נאַפּאָלעאָן האָט זיך אויסבּאַהאַלטן מיט זיין געפאַלענער גדולה אין ענגלאַנד און איז דאָרט געשטאָרבּן אַן ערך אין אַ יאָר אַרום נאָך זיין מפּלה.

אַזוי האָט זיך געענדיקט דער צווייטער בּאָנאַפּאַרטיסטישער רעזשים אין פראַנקרייך.

## .10 לינקאָלן און דער בירגער־קריג אין אַמעריקע.

עס איז אַן אָפּרו און אַ נחת־רוח זיך אָפּצוּוועגדן פון די צעשטערערישע מעשים פון דעם באָנאַפּאַרטיסטישן אַוואַנטוריסט אין פראַנקרייך און דעם צייטווייליקן ניצחון פון דער משפחה האָהענצאָלערן איבער דער פאָלקס־באַוועגונג אין דייטשלאַנד, צו אַ לאַלוטין גרעסערער און מער באַטייטפולער פיגור, צו דער פיגור פון אייבערהעם לינקאָלן, וואָס אַרום אים לאָזן זיך באַקוועם גרופּירן די געשעענישן פון דעם גרויסן בירגער־קריג אין אַמעריקע.

די ערשטע העלפט פון 19טן יאָרהונדערט, וואָס איז אין אייראָפּע געווען אַ תקופה פון רעאַקציע, פון אַ צוריקקער צום אַלטן, איז אין אַמעריקע געווען אַ פעריאָד פון ניט־געוויינטלעכן וואוקס. די נייע פאַרקערס־מיטלען, די דאַמף־שיף, דער אײַזנבאַן און באַלד דער עלעקטרישער טעלעגראַף, זיינען געקומען פונקט צו דער צייט, כדי צו העלפן דער באַפעלקערונג זיך אויסשפּרייטן איבערן גאַנצן קאָנטינענט. אָן די דאָזיקע מעכאַנישע הילפס־מיטלען וואָלטן די פאַראייניקטע שטאַטן נאָך היינט ניט געהאַט דערלאַנגט קיין מערב־זייט אַריבער די פעלזן־בערג, און דאָס מערבדיקע ברעג־לאַנד וואָלט מסתמא געהאַט פאַרנומען אַ גאַנץ אַנדער פאָלק.

פאָליטיקער זיינען נאָך זייער שוואַך תופס, ווי ווייט שטחים, וואָס זיינען אַרומגענומען מיט מלוכישע און אַדמיניסטראַטיווע גרענעצן, זיינען אָפּהענגיק פון די פאַרקערס־מיטלען און פון דעם כאַראַקטער פון לאַנד בנוגע טראַנספּאָרט. ביי גוטע שליאַכן און שריפט, שטרעבן אָפּגעטאָלן צו ווערן קאָנסאָלידירט אונטער איין רעגירונג. בערג־מחיצות האָבן אָפּגעשיידט ניט נאָר פעלקער, נייערט אויך רעגירערס. די רוימישע אימפּעריע איז געווען אַן אימפּעריע פון שאָסיי־וועגן און פון ראָד, און אירע צעטיילונגען און שיידונגען און איר ירידה זיינען געווען אַ פועל־יוצא דערפון, וואָס עס איז ניט מעגלעך געווען איינצושטעלן קיין גיכע פאַרבינדונגען צווישן איין טייל און דעם אַנדערן. מערב־אייראָפּע, וואָס האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון דעם נאַפּאָלעאָנישן שטורעם, איז געווען צעטיילט אויף נאַציאָנאַלע מלוכות,

וואס זיינען אפשר געווען אזוי גרויס, ווי זיי וואלטן געקאנט ווערן, אויב זייער גרעסטע פארבינדונגס־מעטאדע וואלט געווען פער־אקס איבער שאסיי־וועגן.

וואלטן די מענטשן פון די פאראייניקטע שטאטן זיך אויסגע־שפרייט איבער דעם אמעריקאנישן קאנטינענט אין אזא צושטאנד, אז אויף זיך צו האלטן צוזאמען וואלטן זיי געהאט נאר פערד אין פעלד־וועגן און בריוו־שרייבן, דעמאלט וואלטן משמעות די אונטערשיידן אין די ארטיקע עקאנאמישע תנאים געוויס האבן אנטוויקלט פאר־שיידענע סאציאלע טיפן, א ווייטע צעשיידונג וואלט פארשטארקט אונטערשיידן אין דיאלעקט און אפגעמעקט די סימפאטיע צווישן די פארשיידענע טיילן באפעלקערונג. וואס ווייטער דער גרענעץ וואלט זיך גערוקט קיין מערב, וואלט אלץ שווערער געווארן צו קומען קיין וואשינגטאן צום קאנגרעס, ביז וואנען די שטאטן וואלטן צעפאלן אין א לויזן פארבאנד פון פאקטיש אומאפהענגיקע און פארשיידענע נאציעס. עס וואלטן געקומען מלחמות, צוליב מינעראל־רייכטימער, צוליבן צוטריט צום ים און כדומה אזעלכע זאכן, און אמעריקע וואלט געווארן א צווייטע איראפע.

נאר דער טייך־דאמפער, דער אייזנבאן און דער טעלעגראף זיינען געקומען צו דער רעכטער צייט, כדי צו פארהיטן פון אזא צעשיידונג, און די פאראייניקטע שטאטן זיינען געווארן די ערשטע פון א נייעם טיפ פון א מאדערנער טראנספארט־מלוכה, וואס איז א סך גרעסער, מעכטיקער און מער באזאויסט פון איר איינהייט, ווי וואסער עס איז מלוכה אין דער וועלט איז געווען פריער. ווארעם איצט איז די טענדענץ אין אמעריקע ניט צו אונטערשיידן זיך, נאר זיך אויסצוגלייכן, און בירגער פון פארשיידענע טיילן פון די פאראייניקטע שטאטן ווערן אלץ מער ענלעך צו אנאנד אין ריידן, דענקען און געוויינהייטן. די פאראייניקטע שטאטן לאזן זיך ניט פארגלייכן מיט אזעלכע אייראפעישע גרויס־מלוכות, ווי פראנקרייך אדער איטאליע. עס איז א נייער און גרעסערער טיפ פון פאליטישער ארגאניזאציע.

עס זיינען געווען פריער אין דער וועלט אימפעריעס, וואס מען קאן זיי פארגלייכן מיט די פאראייניקטע שטאטן אין דער גרייס פון דעם שטח און פון ידער באפעלקערונג, נאר יענע זיינען געווען פשוט א

צונויפנעם פון פאַרשיידענע צינז־צאָלנדיקע פעלקער, וואָס זיינען פאַר־ אייניקט אונטער איין רעגירונג. די אייניקייט פון די פאַראייניקטע שטאַטן איז אַן אינעוויינקסטע. דאָס איז אַ געמיינשאַפט מיט אַן אויסקוק אויף איבער הונדערט מיליאָן מענטשן. די אַייזנבאַנען, וואָס אין איראָפּע האָבן זיי נאָר געדיכטער געמאַכט די קאָנפליקטן און רייסענישן, די דערפינדונגען, וואָס האָבן פאַרקלענערט דעם שלאָג־ אָפּשטאַנד צווישן די איראָפּעישע אַרמייען און האָבן זיי געגעבן אַ גרעסערע צעשטער־קראַפט, אַזוי אַז איצט האָט מערב־איראָפּע די ברירה צווישן אַ פריוויליקער פאַראייניקונג אָדער אַן איבערגעוואַלדיקער פאַראייניקונג אונטער איין איבערמאַכט אָדער כאַאָס און אונטער־ גאַנג, — דאָס האָט אין דער רעפּובליקאַנישער אַמעריקע נאָר גע־ שטאַרקט די פרייע איינהייט. פאַר איראָפּע האָט דער דאַמף געבראַכט רייסעריי, פאַר אַמעריקע גליק.

נאָר אויפן וועג צו דער איצטיקער גרויסקייט און זיכערקייט איז דאָס אַמעריקאַנישע פאָלק דורכגעגאַנגען דורך אַ פּאַזיס פון אַ שווערן קאָנפליקט. די טייך־דאַמפערס, די אַייזנבאַנען, דער טעלעגראַף און די איבעריקע באַקוועמלעכקייטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט זיי, זיינען ניט געקומען האַסטיק גענוג אויף צו פאַרהיטן דעם זיך פאַרטיפנדיקן קאָנפליקט פון אינטערעסן און אידעעס צווישן די דרומדיקע שקלאַפן־ האַלטערישע שטאַטן און צווישן דעם אינדוסטריעלן צפון. די אַייזנ־ באַנען און דאַמפערס האָבן צוערשט נאָך מער פאַרשאַרפט דעם שוין אַיינגעשטעלטן אונטערשייד. עס איז געווען אַ טיפער אונטערשייד אין גייסט צווישן די צוויי טיילן פון די פאַראייניקטע שטאַטן. די אַלץ וואַקסנדיקע פאַראיינהייטלעכונג, וואָס עס האָבן געבראַכט די נייע טראַנספּאָרט־מיטלען, האָט בולט אַרויסגערוקט די פראַגע, וואָ־ סער גייסט זאָל הערשן, דער דרומדיקער אָדער דער צפונדיקער. אַ פּשרה איז דאָ כמעט ניט געווען מעגלעך. דער צפונדיקער גייסט איז געווען פריי און אינדיווידואַליסטיש; דער דרומדיקער איז געווען גע־ שאַפן פאַר גרויסע מאַיאָנטקעס און אַ באַוואוסטזיניקן פריצישן קלאַס, וואָס געוועלטיקט מיט שווערער האַנט איבער אַ פינסטערער אונטערטע־

ניקער מאַסע. די סימפּאַטיעס פון דעם בריטישן ליבעראַליזם און ראַדיקאַליזם זיינען געווען פאַרן צפון; די סימפּאַטיעס פון די בריטישע פּריצים און פון בריטישן רעגירנדיקן קלאַס זיינען געווען פאַרן דרום.

איטלעכע טעריטאָריע, וואָס איז געוואָרן אָרגאַניזירט צו אַ שטאַט, איטלעכע נייע איינגלידערונג אין דער גיך וואַקסנדיקער אַמעריקאַנישער סיסטעם איז געוואָרן אַ שלאַכט־פעלד פאַר די צוויי אידעעס, צי זאָל ער ווערן אַ שטאַט פון פרייע בירגער, אָדער עס זאָל הערשן די סיסטעם פון גרויסע מאַיאָנטקעס. פּאַוואָליע האָט אַט דער שטרייט פאַרנומען דעם אויבנאָן אין אַמעריקאַנער פּאָליטישן לעבן, נאָכדעם ווי עס האָבן זיך געגרינדעט מיסורי (1821) און אַרקאַנזאַס (1836) ווי שקלאַפן־האַלטנדיקע שטאַטן. זינט 1833 איז געווען אַן אַמעריקאַנישע געזעלשאַפט קעגן שקלאַפעריי, וואָס האָט ניט נאָר געפאָדערט, אַז די דאָזיקע אינסטיטוציע זאָל מער ניט פאַרברייטערט ווערן, נייערט זי האָט אויך אַגיטירט אין גאַנצן לאַנד, אַז שקלאַפעריי זאָל אינגאַנצן ווערן אָפּגעשאַפט.

דער שטרייט האָט זיך צעפלאַקערט אין אַ קאָנפליקט, נאָכדעם ווי טעקסאַס איז אַריינגענומען געוואָרן אין דעם פאַרבאַנד פון די פאַראייניקטע שטאַטן. טעקסאַס איז לכתחילה געווען אַ טייל פון דער רעפּובליק מעקסיקע, נאָר זי איז צום גרעסטן טייל געוואָרן קאָלאָניזירט דורך אַמעריקאַנער פון די שקלאַפן־האַלטנדיקע שטאַטן און זי האָט זיך אָפּגעטיילט פון מעקסיקע, און איינגעטיילט איר זעלבשטענדיקייט אין יאָר 1836. האָט זיך אָנגעהויבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַ מעכטיקע אַגיטאַציע צו אַנעקטירן טעקסאַס, און אין יאָר 1844 איז זי געוואָרן אַנעקטירט און 1845 צוגעלאָזן פאַר אַ שטאַט. אונטער דעם מעקסיקאַנישן געזעץ איז שקלאַפעריי געווען פאַרבאָטן אין טעקסאַס, נאָר איצט האָט דער דרום פאַרלאַנגט, אַז אין טעקסאַס זאָל דערלויבט ווערן שקלאַפעריי — און מען האָט אים דערין נאָכגעגעבן.

פון דער אַנעקסיע פון טעקסאַס איז אַרויסגעקומען אַ מלחמה מיט מעקסיקע. וואָס נאָך איר זיינען צוגעקומען צו די פאַראייניקטע שטאַטן ניי־מעקסיקע און אַנדערע ערד־שטחים, און אין די דאָזיקע געגנטן איז אויך געוואָרן דערלויבט שקלאַפעריי. עס איז נאָך דורכגעפירט

געווארן א געזעץ וועגן אנטלאפענע שקלאפן, וואס האט געגעבן די מעגלעכקייט די באלעבאטים צו כאפן און צו ברענגען צוריק זייערע שקלאפן, וואס זיינען פון זיי אנטלאפן אין פרייע שטאטן.

דערווייל האט זיך אבער אלץ מער אנטוויקלט די נאוויגאציע איבערן אקעאן, און פון איירָאפּע זיינען אנגעקומען אלץ מער איינוואנדערער, וואס האבן פארגרעסערט די באפעלקערונג פון די צפונדיקע שטאטן. עס זיינען אויך צוגעקומען אין צפון נייע



אייב-עהעם לינקאלן.

שטאטן: איאוא, וויסקאנסין, מינעסאטא און ארעגאן, אלין לענדער פון פארמערס, און מחמת דעם האט דער אנטי-שקלאפערישער צפון געקראגן די איבערהערשאפט סיי אין סענאט און סיי אין רעפרעזענטאנטן-הויז. האט דער באוול-האדעווענדיקער דרום, אויפגערייצט דורך דער אלץ וואקסנדיקער אבאליציאניסטישער (שקלאפן-באפרייערישער) באוועגונג און אין מורא, אז די אבאליציאניסטן זאלן נית קומען צו דער איבערהערשאפט אין קאנגרעס, אנגעהויבן שמועסן מכוח אפטיילן זיך פון פארבאנד. האבן דרום-לייט געגומען חלומען וועגן אנעקסיעס אין דרום-זייט, אין מעקסיקע און אויף די מערב-אינדי-

שע אינזלען, וועגן אַ גרויסער שקלאַפן־מלוכה, וואָס איז אָפּגעטיילט פון די צפון־שטאַטן און גריכט פון דער מעסאָן־און־דיקסאָן־ליניע ביז קיין פּאַנאַמע.

קאַנזאַס איז געווען די געגנט, וואו עס איז געקומען די לעצטע אנטשיידונג. די מחלוקת וועגן דער שקלאַפעריי איז אויף דער טעריטאָריע פון קאַנזאַס געוואָרן פאַקטיש אַ בירגער־קריג צווישן קאָלאָניסטן פון די פרייע שטאַטן און איינוואַנדערער פון די שקלאַפן־שטאַטן. די דאָזיקע מלחמה האָט זיך געצויגן ביז 1857 און האָט זיך געענדיקט מיטן ניצחון פון די קעגנער פון שקלאַפעריי. נאָר ביז 1861 איז קאַנזאַס ניט אויפגעהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון אַ שטאַט. די אויסברייטערונג פון שקלאַפעריי איז אויך געווען דער הויפּטשטרייט־פּונקט פאַרן לאַנד אין די פּרעזידענט־וואַלן פון יאָר 1860, און דאָס וואָס אייבערהעם לינקאָלן איז ווידער געוואָרן פּרעזידענט, ווי אַ קעגנער פון שקלאַפעריי, האָט באַוואויגן די דרום־שטאַטן צו שפּאַלטן דעם פאַרבאַנד.

דרום־קאַראָלינע האָט דורכגעפירט אַ „באַפעל פון שפּאַלטונג“ און האָט גענומען זיך גרייטן צום קריג. מיסיסיפּי, פלאָרידע, אַלאַבאַמאַ, דזשאָרדזשיאַ, לואיזיאַנע און טעקסאַס זיינען צו איר צוגעשטאַנען אָנהייב 1861, און דער צוזאַמענפאָר, אָפּגעהאַלטן אין מאַנגאָמערי אין אַלאַבאַמאַ, האָט אויסגעקליבן דזשעפערסאָן דייוויס פאַרן פּרעזידענט פון די „קאָנפעדערירטע שטאַטן“ פון אַמעריקע און האָבן אָנגענומען אַ קאָנסטיטוציע, ענלעך צו דער קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן, נאָר זי האָט באַזונדער געהאַט אַ באַשטימונג אויפצוהאַלטן „די אינסטיטוציע פון נעגער־שקלאַפעריי“.

דאָס איז געווען דער פּאָליטישער מצב, וואָס אין אים האָט אייבערהעם לינקאָלן געהאַט צו ווערן ווי דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. ער איז געווען פון דעם נייעם טיפּ מענטשן, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן נאָך דעם קריג פאַר דער אומאָפּהענגיקייט. זיין משפחה איז געווען פון גאָר פּראָסטן שטאַנד. זיין פאָטער האָט ניט געקאָנט לייענען און שרייבן ביז נאָך זיין חתונה, און זיין מוטער, זאָגט מען, איז געווען אַ ניט־געזעצלעך קינד. אָבער זי איז געווען אַ פרוי פון אויסנאַמלעכער אינטעליגענץ און כאַראַקטער.

זיינע יונגע יארן האט ער פארבראכט ווי א טייל פון דעם אלגעמיינעם שטראם פון דער באפעלקערונג, וואס האט זיך געצויגן קיין מערב. ער איז געבארן געווארן אין קענטוקי (1802), ייִנגלווייז האט מען אים מיטגענומען קיין אינדיאנע און שפּעטער קיין אילינאָיס. דאס לעבן אין די וועלדער פון אינדיאנע איז געווען א שווערס אין יענע טעג; דאס הויז איז געווען א ביידל פון קלעצער אינמיטן דער ווילדערניש, און געלערנט האט ער צופּעליק און ווינציק. אבער זיין מוטער האט אים פרי צוגעוווינט צו לייענען, און ער האט טאקע א סך געלייענט.

צו זיבעצן יאר איז ער געווען א בחור און אטלעט, א גרויסער ראנגלער און לויפער. צו 19 איז ער אוועק אראפּ טייך קיין ניו-ארלעאן, אנגעדונגען זיך פאר אן ארבעט אויף א באט. א שטיקל צייט האט ער דערנאך געארבעט ווי אן אנגעשטעלטער אין א קראם, געדינט ווי א פרייוויליקער אין אן אינדיאנישן קריג, געהאט א געשעפט א קראם צוזאמען מיט א שותף א שיכור און האט אנגעמאכט חובות, וואס ער האט שפּעטער אין פופצן יאר ניט געקאנט אינגאנצן אויסצאלן. צולעצט, אז ער איז געווען אלט 24 יאר, האט ער געקראגן די שטעל פון א געהילף ביים קריי-אינספּעקטאר אין סאנגאמאן-קאונטי, א שטעל, וואס ער האט געזאגט וועגן איר, אז „זי האט צוזאמענגעהאלטן דעם גוף און די נשמה“.

די גאנצע צייט האט ער א סך געלייענט. זיינע ערשטע ביכער — יענע ערשטע ביכער, וואס בילדן אויס דעם גייסט — זיינען משמעות געווען הינציק, אבער גוט. ער האט געלייענט אלץ, וואס ער האט געקאנט קריגן. ער האט גוט געוואוסט שעקספּירן און בוירנסן, דאס לעבן פון וואשינגטאן, די געשיכטע פון די פאראייניקטע שטאטן אאז״וו. ער האט געהאט דעם אינסטינקט פאר אויסדרוק, און זינט זיינע ייִנגלשע יארן האט ער געשריבן פּונקט אזוי גוט, ווי ער האט שטודירט, ער האט געשאפן פערזן, עסיים וכדומה. א סך פון דעם איז געווען פּראסט, טאנדעט-מאטעריאל. פּאליטיק האט אים באלד צוגעצויגן. אין יאר 1834, אז ער איז געווען ערשט 25 יאר אלט, איז ער אויסגעקליבן געווארן פאר א דעפּוטאט פון רעפּרעזענטאנטן-הויז פון שטאט אילינאָיס. ער האט געהאלטן עקזא-

מען פאר אן אדוואקאט און האט אויסגעהאלטן אין יאר 1836. אגעוויסע צייט האט ער געארבעט מער ווי אן אדוואקאט, איידער ווי א פאליטיקער.

אבער די גרויסע פראגע, וואס איז געשטאנען פארן פאלק פון די פאראייניקטע שטאטן, האט געמוזט צוציען דעם אויפמערק פון איטלעכן מענטשן מיט פאבשטאנד. דער דאזיקער הויך געוואקסענער, באגאבטער מענטש, וואס האט מיט אייגענע כוחות זיך אנגעשאפט זיין בילדונג, דער טיפישער בירגער פון מיטל-וועסט, האט געמוזט שטארק זיך אינטערעסירן מיט דער מחלוקת ארום דער שקלאפעריי און מיט דער פראגע פון דער אפטיילונג פון די דרומדיקע שטאטן. באזונדערס האט די מחלוקת געפלאקערט אין אילינאיס, ווארעם פון דארט האט געשטאמט דער סענאטאר דוגלאס, דער לידער פון דער פארטיי פאר דער פארשטארקונג פון שקלאפעריי אין קאנגרעס. עס איז אויך געווען א פערזענלעכע קאנקורענץ צווישן די צוויי: ביידע האבן זיי זיך געשדכנט צו א דאמע, וואס איז שפעטער געווארן די פרוי פון לינקאלן. דוגלאס איז געווען א מענטש מיט גרויסע פעיקייטן און מיט א גרויסן פרעסטיזש, און עטלעכע יאר נאכאנאנד האט לינקאלן געקעמפט קעגן אים מיט רעדעס און פאמפלעטן, צוערשט אין אילינאיס, און דערנאך אין אלע מזרחדיקע שטאטן, ביז ער איז אים סוף-כל-סוף בייגעקומען. דער שארפסטער קאמף איז געווען די וואל-קאמפאניע פון יאר 1860, בעת די וואלן פון א פרעזידענט. דעם 4טן מערץ 1861 איז לינקאלן געווארן באשטעטיקט פאר א פרעזידענט, בעת די דרומדיקע שטאטן האבן זיך שוין געהאט פאקטיש אפגעטיילט און האבן שוין באגאנגען קריגס-אקטן.

די ערשטע טועכץ פון די קאנפעדעראטן איז געווען צו פארכאפן די פעדעראלע פארטן און לאגערס, וואס האבן זיך געפונען אין זייערע גרענעצן. די דאזיקע פעדעראלע פאסטנס זיינען געבויט געווארן אויף א טעריטאריע, וואס האט געהערט צו די שטאטן, וואס אין זיי זיינען זיי געשטאנען, און די דאזיקע שטאטן האבן געפאדערט דאס רעכט צו „פארנעמען" ווידער זייער אייגנטום. דער גארניזאן פון פארט סאמטער אין טשארלסטאן האט זיך אנטקעגנגעשטעלט, און דער קריג האט זיך אנגעהויבן מיט דער באמבארדירונג פון דעם

פארט דעם 12טן אפריל 1861. אמעריקע האט אין יענער צייט געהאט נאר א זייער קליינע רעגולערע ארמיי; זי איז געבליבן געטריי דעם פרעזידענט. די קאנפעדערירטע האבן די ערשטע אפעראציעס געפירט מיט צונויפגעקליבענע מאנשאפטן פון די שטאטן. פרעזידענט לינקאלן האט באלד גערופן 75.000 מאן אין דער ארמיי, און טענעסי, ארקאנזאס, צפון קאראלינע און ווירדזשיניע זיינען באלד אריבער צו דער קאנפעדעראציע, וואס האט זיך אפילו געמאכט אן אייגענעם פלאג.

אזוי האט זיך אנגעהויבן דער בירגער-קריג אין אמעריקע. ער איז געווארן געפירט מיט אימפראוויזירטע ארמייען, וואס זיינען כסדר געוואקסן פון א פאר צענדליק טויזנט ביז צו הונדערטער טויזנטער — ביז די ארמייען פון די פעדעראל-שטאטן האבן סוף-כל-סוף אריבערגעשטייגט א מיליאן מענטשן. דער קאמף איז געפירט געווארן איבער א גרויסער שטרעקע צווישן ניי-מעקסיקע און דעם מזרחדיקן ים. וואשינגטאן און ריטשמאנד זיינען געווען די הויפט-צענטערס. מיר האבן דא קיין ארט ניט צו דערציילן וועגן דער שטייגנדיקער ענערגיע פון דעם דאזיקן עפישן קאמף, וואס האט זיך געקייקלט ארויף און אראפ איבער די בערגלעך און וועלדער פון טענעסי און ווירדזשיניע און אראפ דעם מיסיסיפי. עס איז געווען א גרויסער חורבן און א שחיטה פון מענטשן. א קלאפ איז געקומען קעגן א קלאפ; נאך האפענונג איז געקומען יאוש, און ווידער האפענונג און ווידער געבראכן. טיילמאל האט אויסגעוויזן: אט-אט פארכאפן די קאנפעדערירטע וואשינגטאן; און ווידער אמאל האבן די פעדעראלע ארמייען שוין געהאלטן נאענט ביי ריטשמאנד.

די קאנפעדעראטן, שוואכער אין צאל און א סך ארעמער אין מיטלען, האבן געקעמפט אונטער א העכסט פעיקן קריג-פירער, גענעראל לי. די קריג-פירערס פון די פעדעראלע ארמייען זיינען געווען שוואכער. א צייט לאנג האט לינקאלן זיך געהאלטן פארן גענעראל מאק קלעלאן, דעם „יונגן נאפאלעאן“, א פעדאנטישן, פארשלעפערישן און נודנעם קאמאנדיר. מען האט גענעראלן אפגעזאגט, באשטימט נייע, און ערשט אונטער שערמאן און גרענט איז געקומען דער ניצחון איבער דעם צעריסענעם און אויסגעליידיקטן דרום. אין

אָקטאָבער 1864 האָט אַ פּעדעראַלע אַרמיי אונטער שערמאַן זיך דורכגעריסן דורך דעם לינקן פליגל פון די קאָנפעדערירטע און האָט אַראָפּמאַרשירט דורך טענעסי קיין דזשאָרדזשיאַ צום ברעג, גלייך דורך דעם לאַנד פון די קאָנפעדערירטע, און דערנאָך זיך געווענדט אַרויף צו, דורך די קאַראָלינעס, הינטער די רוקנס פון די קאָנפעדערירטע אַרמייען. בינתים האָט גראַנט געהאַלטן דעם גענעראַל לי פאַר ריטש־מאָנד, ביז שערמאַן האָט זיך מיט אים פאַראייניקט.

דעם 2טן אַפּריל 1865 האָט דאָס קאָנפעדערירטע מיליטער עוואַקוירט ריטשמאָנד, דעם 9טן אַפּריל האָט לי מיט זיין אַרמיי זיך אונטערגעגעבן, און אין אַ חודש צייט האָבן אַנידערגעלייגט דאָס געווער אויך אַלע איבעריקע דרומדיקע אַרמייען, און די קאָנפּע־דעראַציע איז געווען אויס.

אָט דער פיראַריקער קאַמף האָט געקאָסט אַ געוואַלדיקע פּי־זישע און מאָראַלישע אָנשטרענגונג דעם פאָלק פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אין אַ סך שטאַטן, למשל, אין מערילענד און קענטוקי, איז די מיינונג וועגן דער מלחמה געווען שטאַרק געטיילט. פאַר אַ סך מענטשן איז דער פּרינציפּ פון אַוטאָנאָמיע פון די איינציקע שטאַטן געווען זייער טייער, און דאָ האָט אויסגעדוכט, אַז דער צפון וויל צווינגען דעם דרום איבערגעוואַלד אָפּצושאַפן שקלאַפעריי. אַ סך מענטשן זיינען געווען קעגן שקלאַפעריי, אָבער זי זיינען אויך געווען קעגן דעם, אַז מען זאָל זיך אַריינמישן אין דעם פּאָליטישן לעבן פון יעדער איינציקן שטאַט און שטערן זיין פרייער מאַכט איבער זיינע אייגענע בירגער. אין די גרענעץ־שטאַטן האָבן שוועסטערקינדער, און אַפילו פאָטערס און זין, געהערט צו פאַרשיידענע אַרמייען און האָבן געדינט אין די פיינדלעכע אַרמייען. דער צפון האָט געפילט, אַז ער קעמפט פאַר אַ גערעכטער זאַך, אָבער פאַר אַ סך מענטשן איז דאָס ניט געווען קיין גערעכטיקייט, וואָס מען זאָל צו איר גאָר קיין טענות ניט קאָנען האָבן.

נאָר לינקאָלן האָט קיין ספק ניט געהאַט. אינמיטן אַזאַ מהומה איז ער געבליבן ביי זיין קלאָרן געדאַנק. ער איז געשטאַנען פאַר דער איינהייט; ער איז געשטאַנען פאַרן שלום פון אַמעריקע. ער איז געווען אַ קעגנער פון שקלאַפעריי, אָבער שקלאַפעריי איז, לויט

זיין מיינונג, געווען א טפל־פראגע. דער הויפט־ציל זיינער איז גע־ווען, אז די פאראייניקטע שטאטן זאלן ניט ווערן צעריסן אין צוויי ווידערזאנאנדיקע און פיינדלעכע טיילן. און אין משך פון די לאנגע פיר יארן פון קאמף האט ער אויסגעהאלטן מיט א פעסטער איבערציי־גונג, מיט א שטאנדהאפטיקן ווילן.

אין אנהייב פון דער מלחמה, אז דער קאנגרעס און די פעדערא־לע גענעראלן האבן געוואלט שוין באשטימען די עמאנסיפאציע פון די שווארצע, איז לינקאלן געווען קעגן דעם און האט איינגעהאלטן זייער ברען. ער איז געווען פאר א בהדרגהדיקער עמאנסיפאציע, און מיט דעקונג פאר די באלעבאטים. ערשט אין יאנואר 1865 איז דער מצב געווען נעקומען דערצו, אז דער קאנגרעס האט געקאנט בא־שטימען אפצושאפן שקלאפעריי אויף שטענדיק דורך א הוספה צו דער קאנסטיטוציע. דער קריג איז געווען געענדיקט, איידער דער שטאט האט די דאזיקע הוספה ראטיפיצירט.

אז דער קריג האט זיך געשלעפט אהין און אהער אין די יארן 1862 און 1863, איז דער ערשטער ברען געווען פארביי, און אמעריקע האט דערשפירט די גאנצע שווערניש און פיין פון מלחמה. אנשטאט פרייוויליקע איז געקומען מיליטער־צוואנג, און דער קאמפס־גייסט האט זיך געביטן סיי אין צפון סיי אין דרום. די מלחמה איז געווארן א פארשלעפטער, אומגליקלעכער, ברודער־מערדערישער קאמף.

אין יולי 1863 האט ניו־יארק זיך געבונטעוועט קעגן נעמען דעקרוטן, און די דעמאקראטישע פארטיי אין צפון האט געוואלט געווינען די פרעזידענט־וואלן דורך דעם לאזונג, אז די מלחמה איז א דורכ־פאל, און מען מוז זי אפשטעלן. דאס וואלט, פארשטייט זיך, באטייט א פאקטישן ניצחון פאר דעם דרום. עס זיינען געווען ארגאניזירט פארשווערונגען צו צעקלאפן די רעקרוטירונג. דער דארער, הויכער מאן אין ווייסן הויז האט זיך געפונען צווישן דרעפעטיסטן, בונגדים, ברוגזע דעמיסיאנירטע גענעראלן, דורכגעטריבענע פארטיי־פאליטיקער, הינטער אים א קווענקלענדיק און איינגעמאטערט פאלק און פאר אים אומפעיקע גענעראלן און נידערגעשלאגענע זעלנערס. זיין איינצי־קע טרייסט איז געווען, וואס דזשעפערסאן דייוויס אין ריטשמאנד האט זיך געפונען ניט אין קיין בעסערן מצב.

די ענגלישע רעגירונג האט זיך געהאלטן מיאוס און האט דערלויבט די אגענטן פון די קאנפעדערירטע צו דינגען אין ענגלאנד דריי פריוואטע שיפן, באזעצן זיי מיט מענטשן און פארכאפן אמעריקאנישע שיפן אויפן ים — פון די דאזיקע דריי שיפן איז געבליבן צום מינסטן אין געדעכעניש די „אלאבאמא". די פראנצויזישע ארמיי אין מעקסיקע האט געטראטן מיט די פיס די מאנרא־דאקטרינע. זיינען געקומען פון ריטשמאנד דורכגעטריבענע פארשלאגן אפצושטעלן די מלחמה, איבערצולאזן די שטרייט־פראגן אויף א שפעטערדיקער דיסקוסיע, און די פעדעראליסטן און די קאנפעדעראטן זאלן זיך פאראייניקן און ווענדן צוזאמען קעגן די פראנצויזן אין מעקסיקע. נאר לינקאלן האט אזעלכע פארשלאגן ניט געהאלט הערן, ביז עס איז ניט פארזיכערט די איינהייט פון אמעריקאנער פארבאנד. די אמעריקאנער מוזן טאן אזעלכע זאכן, ווי איין פאלק, ניט ווי צוויי.

ער האט פעסט געהאלטן די פאראייניקטע שטאטן דורך לאנגע, שווערע חדשים פון מפלות און אומזיסטע אנשטרענגונגען, הורך שווארצע צושטאנדן פון שפאלטונג און געפאלענעם מוט. און עס איז ניטא קיין ידיעה, אז ער זאל ווען עס איז האבן געקוואנקלט אין זיין ציל. עס זיינען געווען צייטן, ווען עס איז גארנישט געווען צו טאן, ווען ער איז געזעסן אין ווייסן הויז שטיל און אן באוועגונג, נאר פעסט אנטשלאסן ניט נאכצוגעבן א טריט. צייטנווייז פלעגט ער זיך פארטרייבן דעם אומעט דורך קאטאוועסן און אנעקדאטן. ער איז געווען פול מיט בייסיקן הומאר, אבער אויך זייער צארט לגבי די ליידן פון אנדערע. ער איז געווען זייער איינגעהאלטן אין זיינע לעבנסגעווינהייטן. ער איז געווען פעיק צו דעם גרעסטן פלייס אדער צו געדולד אן א מאס.

אין די ערשטע חדשים פון יאר 1865 איז סוף־כל־סוף געווארן קלאר דער ניצחון, האט ער מיט אלע זיינע כוחות זיך געמיט צו מאכן גרינגער דאס אונטערגעבן זיך. ער האט געזען צו באהאנדלען די באזיגטע אזוי, אז עס זאל ווערן אן אנהייב פון א פריינדלעכער פאראייניקונג. זיין לאזונג איז געווען און געבליבן די „פאראייניקטע שטאטן". ער האט געהאט קעגן זיך די עקסטרעמיסטן פון זיין איי־

גענער פארטיי, וואס האבן געהאלטן, אז מען דארף די הרוס-לייט באשטראפן.

ער האט דערלעבט דעם ניצחון פון די פאראייניקטע שטאטן. ער איז אריין קיין ריטשמאנד א טאג נאכדעם, ווי די שטאט האט זיך אונטערגעגעבן און האט געהערט וועגן ליס קאפיטולאציע. ער האט זיך אומגעקערט קיין וואשינגטאן און דעם 11טן אפריל האט ער געהאלטן זיין לעצטע עפנטלעכע רעדע. זיין טעמע איז געווען די ווידערפאראייניקונג און דער ווידעראויפבלי פון א געזעצלעכער רעגירונג אין די באזיגטע שטאטן. דעם 15טן אפריל ביינאכט איז ער געווען אין פארדס טעאטער אין וואשינגטאן, און אז ער איז געזעסן און געקוקט אויף דער סצענע, האט ער געקראגן א שאס אין קאפ פון הינטן און איז מאמענטאל געשטארבן. דער מערדער איז געווען אן אקטיאר מיטן נאמען בוטה, וואס האט עפעס געטראגן א שנאה אויף אים, האט ער זיך אריינגעגנבעט אין זיין לאזשע און אים דערשאסן.

אויב די אויפריכטונגס-ארבעט איז צוגעגאנגען שווער, און אויב די פאראייניקטע שטאטן האבן אין די יארן נאך דער מלחמה געהאט מער צרות און שוועריקייטן, ווי עס האט באדארפט זיין, איז דאס געווען דערפאר, ווייל לינקאלן איז געווען טויט. נאר זיין אויפטו איז געבליבן פארט באשטיין. און די פאראייניקטע שטאטן זיינען געווען געראטעוועט, און געראטעוועט לטובה פון דער וועלט. אין אנהייב פון דער מלחמה איז ניט געווען קיין אייזנבאן צום ברעג פון שטילן אקעאן. איצט האבן אייזנבאנען זיך אויסגעשפרייט אין אלע זייטן, ביז זיי האבן ארומגענומען און צונויפגעוועבט אלע אנמאסיקע טעריטאריעס פון די פאראייניקטע שטאטן אין איין ניט-צעררייסלעכער גייסטיקער און מאטעריעלער איינהייט.

זינט יענער צייט איז די קאנסאלידירונג פון די פאראייניקטע שטאטן צוגעגאנגען כסדר. אין משך פון א האלבן יארהונדערט האט די באפעלקערונגס-צאל אריבערגעוואקסן הונדערט מיליאן. און עס איז נאך קיין סימן ניטא, אז דער וואוקס און אנטוויקלונג האבן שוין דערגרייכט צו א גרענעץ. די דאזיקע ריזיקע דעמאקראטיע, אן א קיניג און אן א קונציק געדרייטער אויסערן-פאליטיק, איז, זאגן מיר נאך אמאל, א

נייע זאַך אין דער וועלט-געשיכטע, זי איז ניט קיין „גרויס-מלוכה" אין דעם זין, ווי דאָס וואָרט ווערט גענוצט אין אייראָפּע. זי איז אַ מער מאָדערנע דערשיינונג אין איר עצם מהות, און אַ גרעסערע דערשיינונג און מיט אַ גרעסערער צוקונפט.

---

## 11. דער רוסיש-טערקישער קריג און דער בערלינער טראַקטאַט.

אַ נייער אויפּרייס פון דעם, וואָס מיר האָבן דאָ אָנגערופן די נאַטירלעכע קאַרטע, קעגן די דיפּלאָמאַטישע מאַכערייען פון דעם ווינער אָפּמאַך האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1875. די קריסטלעכע פעלקער אויפן באַלקאַן, בפרט די בולגאַרן, זיינען געוואָרן אומרויִק און האָבן גענומען זיך בונטעווען. די טערקן האָבן אָנגענומען האַרטע אונטערדריקונגס-מיטלען און דורכגעפירט גרויסע שחיטות פון דער בולגאַרישער באַפעלקערונג.

דערויף האָט רוסלאַנד זיך אַריינגעמישט (1877). נאָך אַ יאָר שווערער מלחמה האָט זי געצוואונגען טערקיי צו חתמען דעם אָפּמאַך פון סאַן סטעפאַנאָ, וואָס איז, אין גרויסן און גאַנצן, געווען אַ שכלדיקער אָפּמאַך, מחמת ער האָט צעבראָכן די קינסטלעכע טערקישע אימפּעריע און האָט אין אַ גרויסער מאָס איינגעשטעלט די נאַטירלעכע פּאָליטישע קאַרטע. נאָר עס איז געוואָרן אַ טראַדיציע פון דער בריטישער רעפּובליק צו טאָן אַלץ להכעיס „די רוסישע פּלענער" — פאַרוואָס, ווייס איין גאָט! — ווען נאָר עס האָט אויסגעוויזן, אַז רוסלאַנד האָט פּלענער, און דאָס בריטישע אויסערן-מיניסטעריום האָט, אונטערן אָנפיר פון לאָרד ביקאָנספילד, זיך אַריינגעמישט און געסטראַשעט מיט קריג, אויב רוסלאַנד וועט ניט נאָכלאָזן טערקיי אין אַ סך זאַכן. אַ שטיקל צייט האָט אויסגעוויזן, אַז אַ קריג איז נאָענט. די ענגלישע מיוזיק-האָלס, די בינעס פאַר דער ענגלישער אויסערן-פּאָליטיק, האָבן געפלאַקערט מיט אַ פּאַטריאָטישן פייער, און די לאָנדאָנער יינגלעך ווייסע-חברהניקעס האָבן געזונגען אין די גאַסן אַ ליד, וואָס איז געווען אין איר פּשוטקייט פול מיטן באַוואוסט פון

אַ גרויסן פּאַלק, אַז עס איז געשאַפן צו עפּעס גרויסן. די ליד האָט דערקלערט:

„מיר ווילן זיך ניט שלאָגן, נאָר בײַ דזשינגאָ, אויב יאָ,
וועלן מיר נעמען די שיפן, וועלן מיר נעמען די מענטשן,
דאָס געלט אויך"...

און אַזוי ווייטער ביז צום שפּיץ:

די רוסן וועלן ניט האָבן קאָנ-סטאַנ-טי-נאָ-פּל".

מחמת אָט דער בריטישער אָפּאָזיציע האָט זיך צונויפגעקליבן אין יאָר 1878 אַ קאָנגרעס אין בערלין, כּדי איבערציקוקן דעם אָפּמאַך פון סאַן סטעפאַנאָ, דער עיקר לטובת דער טערקישער און דער עסטרייכישער מאָנאַרכיע. די ענגלענדער האָבן געקראָגן דעם אינזל קיפּערן, וואָס זיי האָבן אויף אים קיין מאָל קיין שום רעכט ניט געהאַט און וואָס האָט זיי קיין מאָל קיין מינדסטן נוצן ניט געבראַכט. און לאָרד ביקאָנספילד האָט זיך אומגעקערט מיט טריומף פון בערלינער קאָנגרעס און האָט געבראַכט אַ שלום, וואָס מען האָט דעמאָלט די ענגלענדער געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס איז אַ „כּבֿודיקער שלום".

אָט דער בערלינער טראַקטאַט איז געווען אַ צווייטער הויפּטפאַקטאָר — דער שלום פון פראַנקפורט איז געווען דער ערשטער — וואָס האָט געבראַכט די גרויסע מלחמה פון 1914 — 1918.

---

## 12. דער (צווייטער) געשלעג פאַר דער אימפּעריע אויף יענער זייט ים.

מיר האָבן אָנגענומען, אַז אין דער פּאָליטישער געשיכטע פון אייראָפּע צווישן 1848 און 1878 האָט די מעכאַנישע רעוואָלוציע נאָך ניט געהאַט אַרײַנגעבראַכט קיין שטאַרק רעוואָלוציאָנערע שינויים. די גרויס-מלוכות פון דער נאָכרעוואָלוציאָנערער צײַט זײַנען זיך געגאַנגען פּאַקטיש אין די זעלביקע וועגן און האָבן זיך געפירט מיט די זעלביקע פאָרמאַליטעטן, ווי אין די צײַטן פאַר די רעוואָלוציעס. נאָר אויב די וואַקסנדיקע זיכערקייט פון דעם טראַנספּאָרט און די

טעלעגראַפּישע פאַרבינדונגען האָבן וואו אַריינגעטראָגן זייער באַטייטיקע שינויים אין די תּנאים און אין די מעטאָדעס, איז דאָס געווען אין די אונטערנעמונגען אין די קאָלאָניעס מצד בריטאַניע און די אַנדערע אייראָפּעישע גרויס-מלוכות און אין דער קענגזייטיקער ווירקונג צווישן אַזיע און אַפריקע מיט אייראָפּע.

דער סוף פון 18טן יאָרהונדערט איז געווען אַ פּעריאָד פון צעפאַלן ווערן פון אימפּעריעס און פון מפּלות פאַר פאַרכאַפּערס. דער וועג צווישן שפּאַניע און ענגלאַנד ביז צו זייערע קאָלאָניעס אין אַמעריקע איז געווען אַ לאַנגער און אַ שווערער, און מחמת דעם האָט אַ גרויסער פרייער פאַרקער ניט געקאָנט זיין צווישן די נייע ישובים און דער מעטראָפּאָליע. מחמת דעם האָבן די קאָלאָניעס זיך אָפּגעטיילט און גענומען לעבן זיך באַזונדער אין נייע געמיינשאַפטן, מיט אייגענע אידעעס און אינטערעסן, און אַפילו אַ באַזונדער שטייגער ריידן. וואָס מער זיי זיינען אויסגעוואַקסן, אַלץ מער האָבן זיי אָנגעצויגן דעם שוואַכן און אומזיכערן פאַרבונד פון דער שיפערייַ, וואָס האָט זיי פאַראייניקט. שוואַכע האַנדלס-פּאָסטנס אין דער ווילדערניש, ווי די פראַנצויזישע פּאָסטנס אין קאַנאַדע, אָדער האַנדלס-אַנשטאַלטן אינמיטן גרויסע פרעמדע געמיינשאַפטן, אַ שטייגער ווי די האַנדלס-געזעלשאַפט אין בריטיש אינדיע, האָבן נאָך געקאָנט בלייבן פאַרבונדן מיט דער נאַציע, וואָס האָט זיי געגעבן שטיצע און באַרעכטיקונג פאַר זייער עקסיסטענץ. אָט דאָס איז געווען פאַר אַ סך דענקערס אין אָנהייב 19טן י"ה דער גרענעץ, וואָס איז געשטעלט געוואָרן פאַר קאָלאָניאַלער הערשאַפט.

אין יאָר 1820 זיינען די גרויסע אייראָפּעישע „אימפּעריעס" אויסער אייראָפּע וואָס האָבן אַזוי שטאָלץ זיך אויסגענומען אויף די קאַרטעס פון מיטן 18טן יאָרהונדערט, שטאַרק איינגעשרומפּן געוואָרן. מער ניט די רוסן האָבן זיך אויסגעצויגן אין דער ברייט הורך גאַנץ אַזיע.

אָבער, האָט אין דער פאַנטאַזיע פון אַ סך אייראָפּעער דער שטח אויסגעוויזן אַ סך גרעסער, ווי ער איז געווען אין דער אמתן, וואָרעם זיי זיינען געוווינט צו לערנען געאָגראַפיע אויף קאַרטעס לויט מערקאַטאָרס פּראָיעקציע, וואָס האָט גוזמאדיק פאַרגרעסערט דעם פאַרנעם פון סיביר.

די בריטישע אימפעריע איז אין יאָר 1815 באַשטאַנען פון די
דין באַפעלקערטע געגנטן ביי די טייכן אין אָזערעס פון קאַנאַדע
און אַ גרויסן הינטערלאַנד פון ווילדע וועלדער, וואו די איינציקע
ישובים זיינען געווען די סטאַנציעס פון דער רו־כוואַ־ג-האַנדלס-געזעל-
שאַפט פון דער האַדסאָן-בוכטע; אַרום אַ דריטל פון אינדישן האַלב-
אינזל אונטער דער רעגירונג פון דער מזרח-אינדישער געזעלשאַפט;
די ברעג-געגנטן פון קאַפּ פון דער גוטער האָפענונג, באַוואוינט
פון שוואַרצע און פון בונטעריש געשטימטע האָלענדישע קאָלאָ-
ניסטן, עטלעכע האַנדלס-סטאַנציעס אויפן ברעג פון מערב-אַפריקע,
דעם פעלז פון גיבראַלטאַר, די אינזלען מאַלטאַ, יאַמאַיקאַ, עטלעכע
קלענערע ישובים מיט שקלאַפן-אַרבעט אויף מערב-אינדישע אינזלען,
בריטיש גוויאַנאַ אין דרום-אַמעריקע און אויפן אַנדער עק וועלט
צוויי פאַרשיקונגס-ערטער פאַר פאַרברעכערס אין אַוסטראַליע און
טאַסמאַניע.

שפאַניע האָט באַהאַלטן קובאַ און עטלעכע ישובים אויף די
פיליפינען-אינזלען. פאָרטוגאַל האָט געהאַט אין אַפריקע עטלעכע
רעשטן פון איר אַמאָליקער הערשאַפט. האָלאַנד האָט געהאַט פאַר-
שיידענע אינזלען און ישובים אין מזרח-אינדיע און האָלענדיש גווי-
אַנע, און דענעמאַרק אַן אינזל אָדער צוויי פון די מערב-אינדישע
אינזלען. פראַנקרייך האָט געהאַט איינעם אָדער צוויי מערב-אינדישע
אינזלען און פראַנצויזיש גוויאַנאַ. דאָס האָט אויסגעוויזן צו זיין
אַלץ, וואָס די אייראָפּעישע גרויס-מלוכות דאַרפן האָבן אין דער וועלט,
אָדער וואָס זיי קאָנען איינגעמען אין דער וועלט. מער ניט די מזרח-
אינדישע געזעלשאַפט האָט אַרויסגעוויזן אַ גייסט פון עקספּאַנסיע.

אין אינדיע איז, ווי מיר האָבן שוין דערציילט, אויסגעבויט געוואָרן
אַן אייגנאַרטיקע אימפעריע: דאָס האָט געגרינדעט ניט דאָס בריטישע
פאָלק און ניט די בריטישע רעגירונג, נאָר אַ קאָמפּאַניע פון פּרי-
וואַטע אַוואַנטוריסטן, וואָס האָבן געהאַט אַ מאָנאָפּאָל און אַ קיניג-
לעכן טשאַרטער. די אינדישע האַנדלס-געזעלשאַפט איז געווען גע-
צוואונגען צו ווערן אַ מיליטערישער און פּאָליטישער כח אין די יאָרן,
ווען אינדיע איז געווען צעבראָקלט, און דאָס לאַנד אומזיכער —
נאָכן טויט פון אַוראַנגזעב אין יאָר 1707. זי האָט זיך צוגעוויינט צו

האנדלען מיט מלוכות און פעלקער. קלייוו האט געגרינדעט די דאזיקע אימפעריע פון א נייעם מין, און וואררען האסטינגס האט זי ארגאניזירט. די פראנצויזישע קאנקורענץ איז, ווי מיר האבן שוין דערציילט, צעקלאפט געווארן. ארום 1798 איז לארד מארנינגטאן, שפעטער מארקיז וועלסלי, דער עלטערער ברודער פון יענעם גענעראל, וואס איז געווארן לארד וועלינגטאן, געווארן גענעראל-גובערנאטאר פון אינדיע — ער האט ענדגילטיק איינגעשטעלט די פאליטיק פון דער מזרח-אינדישער געזעלשאפט אזוי, אז זי זאל פארנעמען דעם ארט פון דער אויסגעוועבטער מאכט פון דעם גרויס-מאגול.

נאפאלעאנס עקספעדיציע קיין עגיפטן איז געווען א דירעקטע אטאקע אויף דער אימפעריע פון דער דאזיקער בריטישער קאמפאניע. אין דער צייט, וואס אייראפע איז געווען פארנומען מיט די נאפאלעאנישע מלחמות, האט די מזרח-אינדישע געזעלשאפט געשפילט אין אינדיע די זעלביקע ראלע, וואס עס האבן פריער געשפילט די טורקמענען און אנדערע באצווינגערס פון צפון-זייט, מער ניט וואס די קאמפאנע האט געשפילט איר ראלע מיט מער הצלחה און מיט ווינציקער געוואלד-מעשים און אכזריות. איך נאך דעם זיגער שלום האט די קאמפאניע זיך ווייטער געפירט ווי פריער, געקליבן אפצאלן, געפירט מלחמות, געשיקט שלוחים צו די אזיאטישע מלוכות, ממש ווי אן אומאפהענגיקע מלוכה — נאר מיט דעם אונטערשייד, וואס זי פלעגט כסדר ארויסשיקן עשירות קיין מערב.

אין א פריערדיקן קאפיטל האבן מיר דערציילט בקיצור, ווי אזוי די אימפעריע פון גרויס-מאגול איז צעפאלן געווארן, און עס האבן זיך באוויזן די מאהראטא-מלוכות, די ראדזשפוט-פירשטנטימער, די מוסלימישע קיניגרייכן פון אוד און בענגאל און די סיכס. מיר קאנען דא ניט דערציילן, ווי אזוי די בריטישע קאמפאניע האט זיך דורכגעשלאגן צו איבערהערשאפט, אמאל ווי א פארבינדעטע פון איין מלוכה, אמאל פון א צווייטער, ביז זי האט זיי סוף-כל-סוף אלע באצוואונגען. איר ממשלה האט זיך אויסגעשפרייט ביז קיין אסאם, סינד, אוד. די קארטע פון אינדיע האט גענומען אויסזען ווי זי זעט אויס איצט, א פליק-ווערק פון ארטיקע מלוכות, ארומגענומען און

צוזאמענגעהאלטן דורך גרויסע פראווינצן, וואס געפינען זיך אונטער דער דירעקטער ענגלישער רעגירונג...

אין דער זעלביקער צייט, ווען אט די איסטערלישע איינציקארטיקע אימפעריע פון דער קאמפאניע איז געוואקסן אין דעם פעריאד צווישן 1800 און 1858, האט די מעכאנישע רעוואלוציע פאוואליע קירצער געמאכט דעם גרויסן מהלך, וואס האט אמאל אפגעשיידט אינדיע און בריטאניע. אין די פריערדיקע צייטן פלעגט די רעגירונג פון דער בריטישער קאמפאניע זיך ווינציק אריינמישן אין דעם אינעווייניקסטן לעבן פון די אינדישע מלוכות: זי האט געגעבן אינדיע פרעמדע איבערהארן, נאר אינדיע איז געווען געוווינט צו פרעמדע איבערהארן און האט זיי ביז אהער אסימילירט. די ענגלענדער פלעגן קומען אין לאנד יונגערהייט. אפלעבן דארט דעם גרעסטן טייל פון זייער לעבן און זיינען געווארן א טייל פון דער סיסטעם. איצטער אבער האט די מעכאנישע רעוואלוציע אנגעהויבן איבערצובייטן דעם גאנצן צושטאנד. בריטישע באאמטע האבן איצט גרינגער געקאנט פארן אהיים און פארברענגען זייערע וואקאציעס אין איראפע, זיי האבן געקאנט אראפברענגען זייערע ווייבער און פאמיליעס. זיי האבן אויפגעהערט צו ווערן אינדיזירט, זיי זיינען געבליבן מער אנזיכטיק איראפעיש און מערבדיק — און עס זיינען איצט אויך געווען מער ענגלענדער ווי פריער. האבן זיי אנגעהויבן שטארקער זיך אריינמישן און שטערן די אינדישע מנהגים. עס זיינען געקומען אזעלכע זאכן ווי טעלעגראף און אייזנבאן, וואס האבן די אינדער אויסגעוויזן שרעקלעך און סודותדיק. עס האבן גענומען זיך ארומדרייען איבערן לאנד א סך קריסטלעכע מיסיאנערן. אויב זיי האבן ניט קיין סך אריבערגעצויגן צו דער קריסטלעכער אמונה, האבן זיי אבער געשאפן סקעפטיקער צווישן די אנהענגער פון די אלטע אמונות. די יונגעלייט אין די שטעט האבן אנגעהויבן צו ווערן „איראפעיזירט“, צו דער גרויסער אימה פון עלטערן דור.

אינדיע האט דורכגעמאכט א סך שינויים דורך פריערדיקע רעגירונגען, אבער קיין מאל האבן די שינויים ניט אנגערירט אזוי איר

אינעווייניקסט לעבן. אויפגערודערט און דערשראָקן זיינען געווען גלייך סיי די מוסלימישע און סיי די בראַמינישע גייסטלעכע, און די ענגלענדער זיינען געוואָרן געטאַדלט פאַר דעם פּראָגרעס פון דער מענטשהייט. וואָס נעענטער עס איז געוואָרן אייראָפּע, אַלץ שאַרפער זיינען געוואָרן די צוזאַמענשטויסן פון די עקאָנאָמישע אינטערעסן. עס האָט געליטן די אינדישע אינדוסטריע, בפרט די אַלטע באַוול-אינדוסטריע, פון דער געזעצגעבונג, וואָס האָט געשטיצט די בריטישע פאַבריקאַנטן.

די קאָמפּאַניע האָט אָפּגעטאָן נאָך אַ גרויסע נאַרישקייט, וואָס האָט פאַרגיכערט דעם אויסבראָך. פאַר די בראַמינען איז די קו אַ הייליקע זאַך; פאַר מוסלימס איז דער חזיר אומריין. מען האָט געגעבן די אינדישע זעלנער פון דער קאָמפּאַניע נייע ביקסן, וואָס זיינען געוואָרן געלאָדן מיט פּאַטראָנעס איינגעשמירט מיט פעטס: פאַרן לאָדן האָט מען אַזאַ פּאַטראָן געמוזט איינבייסן. זיינען די זעלנער געוואָר געוואָרן, אַז זייערע פּאַטראָנעס זיינען באַשמירט מיט קיִשע און חזירשע פעטס. דאָס האָט אַרויסגערופן אַן אויפשטאַנד פון דער אַרמיי פון דער אינדישער קאָמפּאַניע (1857). צוערשט האָט זיך צעבונטעוועט דאָס מיליטער אין מירוט. דערנאָך איז אויפגעשטאַנען דעלהי מיטן מיין אויפצוריכטן די אימפּעריע פון דעם גרויס-מאָגול...

דאָס ענגלישע פּובליקום האָט פּלוצים אַנטדעקט אינדיע. מען איז געוואָר געוואָרן, אַז דער קליינער גאַרניזאָן פון ענגלענדער, וואָס געפינט זיך ווייט אין דעם לאַנד פון פייערדיקן שטויב און ברענענדיקער זונשיין, האָט צו קעמפן פאַרן לעבן קעגן גרויסע מאַסן אַנפאַלערס. ווי אַזוי קומען זיי אַהין און וואָסער רעכט האָבן זיי דאָרט צו זיין, דאָס האָט דאָס ענגלישע פּובליקום ניט געפרעגט. אין אַזאַלכע פאַלן פון סכנה איז די ליבשאַפט צום אייגענעם בלוט און פלייש גובר אַלע אַזעלכע פראַגעס. עס זיינען געווען שחיטות און אכזריותדיקע מעשים.

דאָס יאָר 1857 איז געווען אַ יאָר פון מוראדיקער שרעק אין גרויס-בריטאַניע. מיט קליינע הייפעלעך מיליטער האָבן די ענגלישע פירערס, באַזונדערס לאָורענס און ניקאָלסאָן, אויפגעטאָן חידושים. זיי זיינען ניט געבליבן זיצן אויף אַן אָרט, בכדי די מורדים זאָלן דערווייל צונויפקלייבן און אָרגאַניזירן אַ מיליטערישע קראַפט. דערמאָלט וואָלט

אינדיע געווען פארלארן אויף אלע מאל. זיי זיינען אנגעפאלן, אפטמאל קענן מאסן, וואס זיינען א סך מאל געווען מער פאר זיי.

דאס מיליטער פון די סיכס, גורקאס, פון פענדזשאב זיינען אריבער צו די ענגלענדער. דער דרום איז געבליבן רויק. וועגן די שחיטות אין קאונפאר און לוקנאוו און ווי אזוי ניט קיין גרויסע אפטיילונג ענגלישע זעלנער האבן באלעגערט און איינגענומען דעלהי אין שטורעם, זאלן דערציילן אנדערע געשיכטעס. אין אפריל 1859 זיינען די לעצטע פונקען פון דעם פלאם צעטראטן געווארן, און די ענגלענדער זיינען ווידער געווען די הארן פון אינדיע. דער דאזיקער בונט איז בשום אופן ניט געווען קיין אויפשטאנד פון פאלק. דאס איז געווען אן אויפשטאנד נאר פון דער בענגאלישער ארמיי, וואס איז דער עיקר געקומען דערפאר, ווייל די באאמטע פון דער אינדישער קאמפאניע האבן ניט פארשטאנען, ווי זיך צו באגיין מיט זייערע אינדישע זעלנער. די געשיכטע פון דעם אויפשטאנד איז רייך מיט פאלן, וואו אינדער האבן געהאלפן און געראטעוועט ענגלישע פליטים. עס איז אבער געווען א התראה.

דער דירעקטער פועל-יוצא פון דעם אויפשטאנד איז געווען די אנעקטירונג פון אינדיע דורך דער ענגלישער קרוין. דורך א געזעץ, וואס טראגט דעם טיטל „א געזעץ וועגן א בעסערער רעגירונג פאר אינדיע“, איז דער גענעראל-גובערנאטאר געווארן א וויצע-קיניג, וואס רעפרעזענטירט דעם סוווערען, און דעם ארט פון דער אינדישער קאמפאניע האט פארנומען א מיניסטעריום פאר אינדיע, וואס איז פאראנטפערלעך פאר דעם בריטישן פארלאמענט. אין יאר 1877 האט לארד ביקאנספילד, בכדי צו פארפולקומען די זאך, געלאזט פראקלאמירן די קיניגין וויקטאריא פאר דער קיסרינע פון אינדיע.

אויף אט דעם ניט-געוויינטלעכן אופן זיינען אינדיע און בריטאניע פארבונדן ביזן היינטיקן טאג. אינדיע איז נאך אלץ אן אויסגעבריי-טערטע אימפעריע פון דעם גרויס-מאגול, נאר אויפן ארט פון גרויס-מאגול זיצט די „געקרוינטע רעפובליק“ פון גרויס-בריטאניע. אינדיע איז געווארן אן אויטאקראטיע אן אן אויטאקראט. איר רעגירונג פאר-אייניקט די חסרונות פון דער אבסאלוטער מאנארכיע מיט דער אומ-פאראנטפערלעכקייט פון א דעמאקראטישן באאמטנטום. דער אינדער,

וואס האט זיך צו באקלאגן אויף וואס, האט ניט קיין לעבעדיקן מא־
נארך, וואס ער זאל זיך ווענדן צו אים. זיין קיסר איז א גילדענער
סימבאל. ער מוז לאזן אפדרוקן און פונאנדערטיילן פאמפלעטן אין
ענגלאנד אדער פועלן אן אנפראגע אין בריטישן פארלאמענט. וואס
מער דער פארלאמענט איז געווען פארנומען מיט בריטישע ענינים,
אלץ ווינציקער האט ער זיך געקאנט ארומקוקן אויף אינדיע און
אלץ מער איז זי געווען אפגעגעבן אויף דער איינזעעניש פון א קלענער
גרופע העכערע באאמטע.

דאס האט באשיימפערלעך ניט געקאנט בלייבן בסדר אזוי.
דאס אינדישע לעבן, ביי אלע מניעות, האט זיך גערוקט פאראויס
צוזאמען מיט דער איבעריקער וועלט. עס איז אין אינדיע אלץ געוואקסן
די צאל ציטונגען, עס זיינען צוגעקומען אלץ מער געבילדעטע מענטשן,
באוויזקט פון מערבדיקע אידעעס, און עס האט זיך אלץ מער
געשטארקט א געפיל פון אן אלגעמיינער אומצופרידנקייט קעגן דער
רעגירונג. אין משך פון דעם יארהונדערט איז אין דער אויסביל־
דונג און אין דעם כאראקטער פון די ענגלישע באאמטע אין אינדיע
ניט פארגעקומען קיין געהעריקע איבערבעסערונג. דער ענגלישער בא־
אמטער האט בדרך כלל געהאט א הויכע טראדיציע; ער איז געווען
אפטמאל א מענטש מיט הויכע מעלות, אבער די סיסטעם איז ניט
געווען געגעוו ביינעוודיק און צוגעפאסט צו אלע פאלן. חוץ דעם,
האט די מיליטערישע מאכט, וואס איז געשטאנען הינטער די דאזיקע
באאמטע, ניט אנטוויקלט ניט קיין כאראקטער און ניט קיין אינטעליגענץ
אין משך פון דעם יארהונדערט. קיין קלאס איז ניט געווען אזוי אינטע־
לעקטועל פארגליווערט, ווי די בריטישע מיליטערישע קאסטע. אין
באגעגענישן מיט מער געבילדעטע אינדער פלעגט דער ענגלישער
מיליטער־מאן אמאל געוואר ווערן די פעלערן אין זיין בילדונג,
און אז ער פלעגט ארויסקומען לעכערלעך אין אזעלכע פאלן, פלעגט
ער ארויסווייזן זיין ברוגז דורך גוואלד־מעשים; אמאל פלעגן אזעלכע
אינצידענטן זיך ענדיקן זייער טרויעריק. א מין פארענטפער פאר אט
דעם אויספעל פון וויסן און זעלבסט־באהערשונג איז געגעבן גע־
ווארן אין דער גוואלדטוערישער שיטה פון מ"ר קיפלינג, וואס אויף
איר האבן מיר שוין מרמז געווען.

דער וואוקס פון דער בריטישער אימפעריע, חוץ אינדיע, איז אין דער ערשטער העלפט פון 19טן יארהונדערט ניט צוגעגאנגען אזוי גיך. א היפשע שול פון פאליטישע דענקערס אין בריטאניע זיינען נוטה געווען צו באטראכטן קאלאניעס ווי א מקור פון שוואכקייט פארן קיניגרייך. די אווסטראלישע ישובים האבן זיך אנטוויקלט זייער פאוואליע; נאר אין יאר 1842 האט מען דארט געפונען קופער און אין יאר 1851 גאלד, און דעמאלט האט די באפעלקערונג גענומען זיך פארגרעסערן. די אויסבעסערונגען אין טראנספארט האבן געמאכט אויך די אווסטראלישע וואל פאר א ווערטפולן האנדלס-ארטיקל אין איראפע. אויך קאנאדע האט ניט שטארק פראגרעסירט ביזן יאר 1849. זי האט נאך געהאט אויסצושטיין מהומות מחמת די קריגערייען צווישן אירע פראנצויזישע און ענגלישע איינוואוינערס. עס זיינען געווען דארט עטלעכע ערנסטע בונטן, און ערשט 1867, אז די נייע קאנסטיטוציע האט געשאפן אין קאנאדע א פעדעראציע פון שטאטן, איז דארט געקומען רו פון די אינעווייניקסטע מהומות. און צולעצט האט דער אייזנבאן אומגעביטן די פערספעקטיוון פון קאנאדע. דער אייזנבאן האט געגעבן קאנאדע די מעגלעכקייט זיך אויסצושפרייטן קיין מערב, פונקט ווי די פאראייניקטע שטאטן, צו שיקן אויף די איראפעישע מערק תבואה און אנדערע פראדוקטן, און דאך, ניט געקוקט אויף דעם גיכן און ברייטן אויסשפרייט, צו בלייבן אין געמיינשאפט בנוגע צו שפראך, סימפאטיעס און אינטערעסן. דער אייזנבאן, די דאמף-שיף און דער טעלעגראף-קאבעל האבן אומגעביטן אלע תנאים פון דער אנטוויקלונג פון די קאלאניעס.

ענגלישע ישובים אין ניי-זעלאנד האבן זיך שוין געהאט אנגעהויבן פאר 1840, און עס האט זיך געבילדעט א ניי-זעלאנדישע בארן-געזעלשאפט, כדי צו עקספלואטירן די רייכטימער פון דעם אינזל. אין יאר 1840 איז ניי-זעלאנד געווארן א קאלאניע פון דער בריטישער קרוין.

ווי מיר האבן באמערקט, איז קאנאדע געווען די ערשטע צווישן די ענגלישע קאלאניעס, וואס האט געהאט רייכע רעזולטאטן פון אויסנוצן די נייע מעטאדן פון טראנספארט. באלד האבן אויך די רעפובליקן פון דרום-אמעריקע, באזונדערס די ארגענטינישע רעפובליק,

גענומען שפּירן אין זייער בהמות=האַנדל און אין קאַווע=פּלאַנצונג די נאָענטקייט פון אייראָפּעיִשן מאַרק. ביז אַהער זיינען די הויפּט=פּראָדוקטן, וואָס פלעגן צוציען די אייראָפּעיִשע גרויס=מלוכות אין אומבאַזעצטע און באַרבאַרישע געגנטן, געווען גאָלד אָדער אַנדערע מעטאַלן, געווירצן, העלפאַנדביין אָדער שקלאַפן. נאָר אין לעצטן פערטל פון 19טן יאָרהונדערט, אַז עס איז אויסגעוואַקסן די באַפעלקערונג אין אייראָפּע, זיינען די אייראָפּעיִשע רעגירונגען געווען געצוואונגען זיך אַרומצוקוקן אויף דער וועלט, וואו מען קאָן געפינען שפּייז=פּראָדוקטן. און דער וואוקס פון דער וויסנשאַפטלעכער אינדוסטריע האָט געשאַפן אַ נאָכפרעג אויף נייע רוי=מאַטעריאַלן, ווי פאַרשיידענע מינים פעטס, גומי און אַנדערע שטאָפן, וואָס ביז אַהער האָט מען אויף זיי קיין אַכט ניט געלייגט. עס איז געווען קלאָר, אַז גרויסבריטאַניע אין האָלאַנד און פּאָרטוגאַל האָבן געהאַט גרויסע קאָמערציעלע רווחים פון זייער הערשאַפט איבער אַ גרויסן סכום טראָפּישע און סובטראָפּישע פּראָדוקטן. נאָך 1871 האָבן דייטשלאַנד און באַלד אויך פראַנקרייך און שפּעטער איטאַליע גענומען אַרומקוקן זיך אויף נאָך ניט אַנעקסירטע לענדער מיט רוי=מאַטעריאַלן אָדער אויף אָריענטאַלישע לענדער, וואָס מען קאָן זיי מיט רווח מאָדערניזירן.

אַזוי אַרום האָט זיך אָנגעהויבן אַ פרישער געיעג איבער גאָר דער וועלט נאָך לענדער, וואָס זיינען פּאָליטיש ניט=געשיצט, און נייע קאָנפליקטן און געשלעגן. מער ניט אַמעריקע איז געווען אויסגעשלאָסן פאַר די אָקופּאַנטן, געשיצט דורך דער מאָנראָ=דאָקטרינע. נאָענט לעבן אייראָפּע איז געווען דער קאָנטינענט פון אַפריקע, וואָס וועגן זיין נאַטור האָט מען נאָך גאָר ווייניק געוואוסט. אין יאָר 1850 איז גאַנץ אַפריקע נאָך געווען איינגעהילט אין אַ שוואַרצן סוד: באַקאַנט זיינען געווען נאָר עגיפּטן און די ברעג=לענדער. עס איז גענוג אַ קוק צו טאָן אַ קאַרטע פון יענע צייטן, בכדי צו זען, ווי ווייניק אייראָפּע האָט דעמאָלט געוואוסט. מען וואָלט באַדאַרפט האָבן אַזאַ גרויס בוך, ווי דאָס אונזעריקע, בכדי צו דערציילן ווי עס געהער צו זיין די הפלאדיקע געשיכטע פון די אַנטדעקערס און אָקופּאַנטן, וואָס האָבן די ערשטע דורכגעריסן אַט דעם נעפּל פון פינסטערניש, און פון די פּאָליטישע אַגענטן, אַדמיניסטראַטאָרן, סוחרים, קאָלאָניסטן און

וויסנשאפטס-מענטשן, וואס זיינען געגאנגען אין זייערע שפורן. עס איז אויפגעדעקט געווארן א נייע וועלט — א וועלט פון חידושדיקע מענטשן-ראסעס, ווי די פיגמייען, מאדנע חיות, ווי די אקאפי, אויסטערלישע פירות און בלומען און אינזעקטן, שרעקלעכע קרענק, הפלאדיקע לאנדשאפטן פון וואלד און בערג, גוואלדיקע אזערעס און ריזיקע טייכן. מען האט אויך געפונען (אין זימבאבווע) רעשטן פון א ציוויליזאציע, וואס איז פארשוואונדן, ניט איבערגעלאזט נאך זיך קיין זכר, אן אריינדרינג פון אן אומבאוואוסטן אלטן פאלק קיין דרום.

אין אט דער נייער וועלט זיינען אריינגעקומען די אייראפעער און האבן געפונען, אז עס געוועלטיקט דא דער אראבישער שקלאפן-הענדלער מיט דער ביקס אין האנט, און אז דאס לעבן פון די נעגערס איז צערודערט ביזן גרונט. ארום 1900 איז שוין גאנץ אפריקע געווען אויסגעפארשט, ארויפגעטראגן אויף קארטעס, אפגעשאצט און צעטיילט צווישן די אייראפעישע גרויס-מלוכות. ביי דער חלוקה זיינען ארויסגעקומען א סך קריגערייען און רייסערייען, און סוף-כל-סוף איז איטלעכע מלוכה געבליבן ניט צופרידן מיט איר חלק. אויף דעם וואוילזיין פון די ארטיקע איינגעבארענע האט מען אין דער דאזיקער מחלוקת גאר ווינציק אכט געלייגט. דער אראבישער שקלאפן-הענדלער איז טאקע געווארן איינגעצאמט, הגם ניט ארויסגעטריבן, אבער דער געיעג נאך גומי, וואס איז געווען א ווילדער פראדוקט, וואס די איינגעבארענע אין בעלגיש קאנגא זיינען געווען געצוואונגען איבער געוואלד צונויפצוקלייבן — דער קיניג פון די בעלגיער האט מיט זיין אומרחמנותדיקער זשעדנעקייט צוגעטריבן דעם געיעג — און די צונויפשטויסן פון די ניט-געניטע אייראפעישע אדמיניסטראטארן מיט דער איינגעבארענער באפעלקערונג האבן געפירט צו מוראדיקע מעשי-אכזריות. קיין איין אייראפעישע גרויס-מלוכה האט ניט קיין ריינע הענט אין דעם פרט.

מיר קאנען דא ניט דערציילן די פרטים, ווי אזוי גרויס-בריטאניע האט אין יאר 1883 פארנומען עגיפטן און איז דארט געבליבן, ניט געקוקט אויף דעם פאקט, וואס עגיפטן איז טעכניש געווען א טייל פון דער טערקישער אימפעריע, ניט ווי אזוי עס איז שיר ניט געקומען אין יאר 1893 צו א מלחמה צווישן גרויס-בריטאניע און פראנקרייך, בעת

א געוויסער פאלקאווניק מארשאן, וואס איז דורכגעגאנגען דורך אפריקע פון מערבדיקן ברעג, האט געפרווט אין פאשאדא צו פארכאפן דעם אייבערשטן נילוס. אין אוגאנדע האבן פראנצויזישע קאטוילישע און ענגלישע אנגליקאנישע מיסיאנערן פארשפרייט א פארם פון קריסטנטום, וואס איז אזוי שטארק אנגעזאפט געווען מיטן נאפאלעאנישן גייסט, און האבן אזוי קונציק אויסגעלערנט די שווארצע די ניואנסן פון דער דאקטרינע, אז אין עטלעכע יאר ארום נאך דעם אויפשטיין פון דער אייראפעישער ציוויליזאציע איז מענגא, די הויפטשטאט פון אוגאנדע, געווען אינגאנצן אויסגעגעבט מיט טויטע „פראטעסטאנטן" און „קאטויליקן", וואס עס איז זיי געווען זייער שווער צו אונטערשיידן פון די לחלוטין ווילדע קריגסלייט פון אלטן רעזשים.

מיר קאנען אויך ניט דערציילן, ווי אזוי די בריטישע רעגירונג האט צוערשט דערלויבט די בורן, אדער האלענדישע קאלאניסטן, פון דעם ארענדזש-טייך און פון טראנסוואל צו גרינדן אומפאהענגיקע רעפובליקן אין די אינעווייניקסטע טיילן פון דרום-אפריקע און האט דערנאך חרטה געהאט און אנעקטירט די רעפובליק טראנסוואל אין יאר 1877; ווי אזוי די בורן פון טראנסוואל האבן געקעמפט פאר זייער פרייהייט און האבן זי צוריקגעוואונען נאך דער שלאכט ביי מעדזשאבא היל (1881). מעדזשאבא היל האט ניט געלאזט רוען די ענגלישע פרעסע, וואס האט מיט דעם יארן-לאנג געהעצט דאס ענגלישע פאלק. אין יאר 1899 איז אויסגעבראכן א מלחמה מיט די צוויי רעפובליקן; זי האט זיך געצויגן דריי יאר און האט אן א שיעור אפגעקאסט דעם ענגלישן פאלק און האט זיך געענדיקט דערמיט, וואס ביידע רעפובליקן האבן זיך אונטערגעגעבן.

דער פעריאד פון זייער אונטערטעניקייט איז געווען א קורצער. אין יאר 1907 איז געפאלן די אימפעריאליסטישע רעגירונג, וואס האט זיי באצוואונגען. די פראבלעם פון דרום-אפריקע האבן גענומען אין זייערע הענט די ליבעראלן, און די דאזיקע אמאליקע רעפובליקן זיינען געווארן פארבונדן אין א פרייער און גערנוויליקער פאראייניקונג מיט דער קאפ-קאלאניע און נאטאל צו איין קאנפעדעראציע פון אלע מלוכות אין דרום-אפריקע, ווי אן אליין זיך רעגירנדיקע רעפובליק אונטער דער בריטישער קרוין.

אין א פערטל יארהונדערט איז די טיילונג פון אפריקע געווען פארענדיקט. ניט אנעקטירט זיינען געבליבן דא דריי לפי-ערך קליינע לענדער: ליבעריא, א ישוב פון באפרייטע נעגער-שקלאפן ביים מערבדיקן ברעג; מאראקא — אונטער א מוסלימישן סולטאן; און אבעסיניע, א בארבאריש לאנד, מיט אן אלטער און איינגעשימלטער פארם פון קריסטנטום, וואס האט מיט הצלחה פארטיידיקט איר אומאפהענגיקייט קעגן איטאליע אין דער שלאכט פון אדאווא אין יאר 1896.

---

## 13. דער אינדישער פרעצעדענט אין אזיע.

עס איז שווער צו גלייבן, אז א גרויסע צאל מענטשן זאלן מיט אן אמת האבן אנגענומען, אז די צעטיילונג פון אפריקע דורך אייראפעישע מלוכות זאל אזוי בלייבן אויף שטענדיק; עס איז אבער דער חוב פון היסטאריקער צו פארצייכענען, אז אזוי טאקע איז דאס געווען אנגענומען.

דער אייראפעישער גייסט פון ניינצנטן יארהונדערט האט פארמאגט גאר א פלאכן היסטארישן הינטערגרונט, ער האט קוים געהאט א געפיל דערפאר, און וואס באשטייט דאס א הויערנדיקע פאליטישע סיסטעם, און האט קיין שום געוויינהייט פון קריטיק ניט געהאט. קיינעם איז גארניט איינגעפאלן, אז די איבערהאנט, וואס די אייראפעישע גרויס-מלוכות האבן איבער דעם איבעריקן טייל פון דער אלטער וועלט אדאנק דער טעכנישער רעוואלוציע, איז נאר צייטווייליק. און דער אמתן האבן נאר מענטשן, וואס האבן לחלוטין קיין השגה ניט וועגן די גרויסע מאנגאלישע באצווינגונגען אין 13טן און 14טן יארהונדערט, געקאנט מיינען, אז אייראפע איז אויף שטענדיק זיכער מיט איר אנפירנדיקער ראלע צווישן דער מענטשהייט. די דאזיקע מענטשן האבן קיין חוש ניט געהאט דערפאר, אז וויסנשאפט און אירע רעזולטאטן קאנען אריבערגעטראגן ווערן פון איין פאלק צום צווייטן. זיי האבן זיך ניט פארגעשטעלט, אז כינעזער קאנען פירן וויסנשאפטלעכע פארשונגען ניט ערגער, ווי פראנצויזן און ענגלענדער. זיי האבן זיך איינגערעדט, אז אין מערב איז פאראן א באזונדערער

אײַנגעבאָרענער שטרעב צו אינטעלעקטועלע נײַסן, און אין מזרח-אַן אײַנגעבאָרענע פֿוילקײט און קאָנסערוואַטיזם, וואָס מחמת דעם מעגן די אייראָפּעער זײַן זיכער, אַז זיי וועלן אייביק שטענדיק באַהערשן די וועלט.

דער רעזולטאַט פֿון דער דאָזיקער משונהדיקער אײַנרײַדעניש איז געווען, אַז די פֿאַרשיידענע אייראָפּעישע אויסערן-מיניסטעריומס האָבן זיך ניט נאָר אָנגעזעצט אַרומצוקריגן זיך מיט די ענגלענדער פֿון וועגן די ווילדע און ניט קולטיווירטע שטרעקעס אויף דער ערד, נײַערט זיי האָבן זיך אויך פֿירגענומען צו צעשנײַדן די באַפֿעלקערטע און ציוויליזירטע לענדער פֿון אַזיע, אַזוי ווי די דאָזיקע פֿעלקער וואָלטן אויך ניט געווען מער ווי רויער מאַטעריאַל פֿאַר דער עקספּלואַטאַציע פֿון די אייראָפּעער. דער פֿון אינעווייניק אומזיכערער, אָבער פֿון אויסווייניק גלענצנדיקער אימפּעריאַליזם פֿון דעם בריטישן רעגירנדיקן קלאַס אין אינדיע און די גרויסע קאָלאָניעס פֿון די האָלענדער אין מזרח-אינדיע, וואָס זיי האָבן זיי אַרײַנגעבראַכט גרויס עשירות, האָבן דערוועקט בײַ די הערשנדיקע און האַנדלענדיקע קלאַסן פֿון די איבעריקע גרויס-מלוכות חלומות, אַז זיי קאָנען דאָס נעמלעכע אויפֿטאָן אין פּערסיע, אין דער צעפֿאַלנדיקער אָטאָמאַנישער אימפּעריע, אין הינטער-אינדיע, אין כינע און יאַפּאַן.

אין די לעצטע יאָרן פֿון 19טן יאָרהונדערט איז געווען אָנגענומען, ווי דער לעזער קאָן זיך איבערצײַגן דורך אַרײַנקוקן אין דער לויפֿיקער ליטעראַטור פֿון יענעם פּעריאָד, אַז עס איז אַ נאַטירלעכע און ניט אויסצומײַדנדיקע זאַך, אַז גאָר די וועלט מוז אַרונטערפֿאַלן אונטער דער אייראָפּעישער הערשאַפֿט. מיט אַ מינע פֿון איינעם וואָס לאָזט זיך אײַנבעטן איז דער אייראָפּעער געווען גרייט צו טאָן די טובֿה און נעמען אויף זיך דאָס, וואָס מ"ר רעדיאַרד קיפּלינג האָט אָנגערופֿן „די מיטא פֿון ווײַסן מענטשן“ — דאָס הייסט די ממשלה איבער דער וועלט. די גרויסע מלוכות האָבן זיך אַרײַנגעלאָזן אין דער דאָזיקער אונטערנעמונג, צעקריגט און צעריסן איינע מיט די אַנדערע, בײַ אַזאַ צושטאַנד, ווען זייער באַפֿעלקערונג אינדערהיים איז געווען האַלב געבילדעט אָדער אינגאַנצן אומגעלערנט, מיט וויסנשאַפֿטלעכער פֿאָרשונג האָבן זיך פֿאַרנומען אַ הייפֿל מענטשן, אויב אַ סך — עטלעכע טויזנט,

זייערע אינעווייניקסטע פּאָליטישע סיסטעמעס זיינען געווען אין אַ צושטאַנד פון שפּאַנונג אָדער גאָר קאָנוואולסיווער איבערקערעניש, זייער עקאָנאָמישע סיסטעם האָט קוים פונקציאָנירט און האָט זיך גע־האַלטן אויף משקולת, און זייערע רעליגיעס זיינען שטאַרק געווען געפאַלן. אָט מיט אַזעלכע כּוחות האָבן זיי דאָס געמיינט אונטערטעניק צו מאַכן די גרויסע באַפעלקערונג פון מזרח־אַזיע און האַלטן זי אונטער דער אייראָפּעיִשער הערשאַפט אויף לאַנגע יאָרן.

אַפילו נאָך בּיי היינטיקן טאָג זיינען אַ סך מענטשן ניט בכּוח תּופס צו זיין די גרונט־פאַקטן פון דער לאַגע. זיי פאַרשטייען ניט, אַז אין אַזיע איז דער דורכשניטלעכער מוח ניט אויף אַ האָר נידעריקער פאַרן דורכשניטלעכן מוח אין אייראָפּע; אַז די היסטאָריע באַווייזט, אַז די אַזיאַטן זיינען פונקט אַזעלכע גיבורים און אידעלע לייט און פונקט אַזוי מסוגל זיך מקריב צו זיין פאַר טובת הכּלל און פונקט אַזוי פעיִק אויף אַ קאָלעקטיוון אַרויסטרעט, ווי אייראָפּעער; — און אַז אויף דער וועלט זיינען פאַראַן און עס מוזן אויך ווייטער זיין מער אַזיאַטן, איידער אייראָפּעער.

עס איז אַלעמאָל געווען שווער אָפּצושאַצן פעלקער פון אַנאַנד, אַז דאָס וויסן זאָל זיך ניט דורכשלאָגן פון איינעם צום צווייטן. איצ־טער איז דאָס סתם ניט מעגלעך. בּיי מאָדערנע תּנאים מוז די גאַנצע וועלט אין משך פון דער צייט ניט אַנדערש זיך אויסגלייכן בנוגע צו עקאָנאָמיק און בילדונג. בּיי היינטיקן טאָג קומט פאָר בּיי די אַזיאַטן אַן אינטעלעקטועלע און מאָראַלישע איבּערלעבונג. דעם קלענערן אָפּ־שטאַנד פון אַ יאָרהונדערט צי מער קאָן מען דעריאָגן אין עטלעכע צענדליק יאָר. בּיי היינטיקן טאָג, למשל, זיינען אַנטקעגן איין ענגלענדער, וואָס קען גוט כינעזיש אָדער איז נעענטער באַקאַנט מיטן כינעזישן לעבן און דענקען, פאַראַן הונדערטער כינעזער, וואָס זיינען גוט באַ־האַוונט אין אַלע זאַכן, וואָס די ענגלענדער ווייסן.

דער באַלאַנס פון וויסן לטובת אינדיע איז אפשר נאָך גרעסער. אינדיע קיין בריטאַניע שיקט סטודענטן; בריטאַניע קיין אינדיע שיקט באַאַמטע — על־פּי־רוב מענטשן, וואָס זיינען ניט געניט אין וויסנשאַפט־לעכער אַכטגעבונג. ניטאָ קיין שום אָרגאַניזאַציע פון סטודענטן, ווי סטודענטן, אויף אויסצופאָרשן די אינדישע געשיכטע, אַרכעאָלאָגיע

און די לויפיקע ענינים, אדער צו ברענגען געלערנטע אינדער אין
קאנטאקט מיט בריטישע סטודענטן אין בריטאניע.

זינט 1898 — דאס יאר, ווען דייטשלאנד האט פארכאפט קיאא=
טשאו און בריטאניע ווײ=האי=ווײ, און רוסלאנד האט גענומען אין
ארענדע פארט=ארטור, — האבן די געשעענישן אין כינע זיך א
רוק געטאן האסטיקער, ווי ערגעץ אין אן אנדער לאנד, חוץ יאפאן. א
גרויסע שנאה צו די אייראפעער האט ווי א פלאם ארומגעכאפט
גאנץ כינע. עס איז אויפגעשטאנען א פאליטישע געזעלשאפט, די
באקסערס, וואס זייער ציל איז געווען ארויסצוטרייבן די אייראפעער,
און אין יאר 1900 זיינען אויסגעבראכן גוואלד=מעשים. דאס איז גע=
ווען אן אויסבראך פון ווילדקייט און רציחה אויף גאר אן אלט=
פרענקישן שטייגער. אין יאר 1900 האבן די באקסערס דערהרגעט
250 אייראפעער און, ווי מען זאגט, קרוב צו 30.000 קריסטן. כינע
איז געווען — שוין ניט דאס ערשטע מאל אין איר געשיכטע —
אונטער דער ממשלה פון א קיסרינע אן אלמנה. זי איז געווען אן
אומוויסנדיקע פרוי, נאר מיט א שטארקן כאראקטער און נאענט פאר=
בונדן מיט די באקסערס. זי האט זיי אונטערגעהאלטן און געשיצט יענע,
וואס האבן אויסגעפירט רציחות אויף אייראפעער. דאס אלץ איז געווען
א זאך, וואס האט געקאנט טרעפן אן ערך אין יאר 500 פאר קר. קעגן
די הונען.

דער ענין איז געקומען צו א קריזיס אין יאר 1900. די באקסערס
האבן אליין מער גענומען סטראשען די אייראפעער אין כינע. עס זיי=
נען געמאכט געווארן פרווון צו שיקן מער אייראפעיש וואך=מיליטער
פאר די אמבאסאדעס אין פעקין, נאר דאס האט נאך פארגיכערט די
זאך. א זעלנער פון דער קיסרלעכער גוואַרדיע האט דערשאסן אין
פעקין אויפן גאס דעם דייטשן מיניסטער. האבן די איבעריקע אויס=
לענדישע פארשטייער זיך צונויפגעקליבן און באפעסטיקט זיך אין דעם
קווארטאל פון די אמבאסאדעס און האבן אויסגעהאלטן א באלעגערונג
צוויי חדשים צייט. א פאראייניקטער חיל פון 20.000 אייראפעער
אונטער דער קאמאנדע פון א דייטשן גענעראל האט ארײנמארשירט קיין
פעקין און באפרייט די אמבאסאדעס. די כינעזישע קיסרינע איז אנט=
לאפן קיין סיאן=פו, דער אלטער הויפטשטאט פון טאי=טסונג און

שענס. איניקע אייראָפּעיִשע זעלנער האָבן אָפּגעטאָן ווילדע מעשי־אכזריות קעגן דער כינעזישער ציווילער באַפעלקערונג. דאָס ברענגט צום מצב, לאָמיר זאָגן, פון 1850.

נאָך דער מעשה האָט רוסלאַנד צום טייל אַנעקטירט מאַנדזשוריע. די גרויס־מלוכות האָבן זיך צעקריגט צווישן אַנאַנד, און אין יאָר 1904 איז בריטאַניע אַריינגעדרונגען קיין טיבעט, וואָס ביז אַהער האָט דאָרט קיין אייראָפּעערס פוס ניט געטאָרט קומען. אָבער אין זאַך איז געבליבן פאַרהוילן אינמיטן די דאָזיקע געשעעניש, און וואָס מחמת דעם באַקומען זיי גאָר אַן אַנדער פּנים, דאָס איז דער פאַקט, וואָס אין כינע באַווייזן זיך אַגרויסע צאָל מענטשן, וואָס האָבן אַן אייראָפּעיִשע בילדונג און אייראָפּעיִש וויסן.

די באָקסער־באַוועגונג איז דערשטיקט געוואָרן, און באַלד באַווייזט זיך די ווירקונג פון אָט דעם נייעם פאַקטאָר: מען נעמט שמועסן וועגן אַ קאָנסטיטוציע (1906), עס ווערט פאַרבאָטן צו רויכערן אָפּיום, עס ווערן געמאַכט רעפאָרמעס אין פאָלקס־בילדונג. 1909 איז צו שטאַנד געקומען אַ קאָנסטיטוציע אויפן יאַפּאַנישן שטייגער, וואָס האָט געמאַכט פון כינע אַ באַגרענעצטע מאָנאַרכיע. כינע אָבער איז ניט געבויט לויטן מוסטער פון יאַפּאַן, און די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג איז ניט אַיינגעשטילט געוואָרן. יאַפּאַן האָט אין איר רעאָרגאַניזאַציע, אין הסכם מיט איר טעמפּעראַמענט, געווענדט די אויגן צום מאָנאַרכיסטישן מערב, כינע אָבער האָט אַריבערקוקט אויף יענער זייט שטילן אָקעאַן. 1911 האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע כינעזישע רעוואָלוציע. 1912 האָט דער קיסר אָפּגעדאַנקט, און די גרעסטע געמיינשאַפט אין דער וועלט איז געוואָרן אַ רעפּובליק. די מפּלה פון דעם קיסר איז געווען צוגלייך די מפּלה פון די מאַנטשוס, און דער מאָנגאָלישער צאָפּ, וואָס די כינעזער האָבן געטראָגן זינט 1644, האָט אויפגעהערט צו זיין אָבליגאַטאָריש פאַר זיי.

ביי היינטיקן טאָג מעג מען מיטער זיין מיט געוויסהייט, אז אין כינע זיינען פאַראַן מער מענטשן מיט גייסט און מער מענטשן, וואָס אַרבעטן ערלעך לטובת דער מאָדערניזירונג און רעאָרגאַניזירונג פון כינעזישן לעבן, ווי מיר געפינען אין וואָסער עס איז איינציקן אייראָפּעיִשן פאָלק. כינע וועט באַלד האָבן אַ מאָדערניזירטע גוט

צוגעפאסטע שריפט, א פרעסע, נייע און גוטע אוניווערסיטעטן, א רעארגאניזירטע אינדוסטריעלע סיסטעם און א וואקסנדיקע קערפערשאפט פון נאטורוויסנשאפטלעכע און עקאנאמישע פארשער. דער נאטירלעכער פלייס און פעיקייט פון איר גרויסער באפעלקערונג וועט זיך אנטוויקלען צו א צוזאמענארבעט אויף גלייכע תנאים מיט דער מערבדיקער וועלט.

אמת, זי האט נאך דורכצומאכן א סך אינעווייניקסטע שוועריקייטן; וועגן דעם קאן קיין מענטש ניט משפטן. עס איז ניט אויסצומיידן א פאזיס פון בירגער־קריג און מהומה. אבער די צייט איז אפשר ניט אזוי ווייט, ווען די פעדערירטע שטאטן פון כינע וועלן צוזאמען מיט די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע און מיט א פאראייניקטער און בארוטער אייראפע אויפהאלטן אין איינעם דעם ארגאניזירטן שלום פון דער וועלט.

---

## 14. די געשיכטע פון יאפאן.

נאר דאס ערשטע לאנד, וואס האט געבראכט ווידער צו מאכט די אזיאטישע פעלקער, איז געווען ניט כינע, נאר יאפאן. מיר האבן ביז אהער דערציילט אין אונזער געשיכטע נאר פון כינע. יאפאן האט ביז איצט געשפילט א קליינע ראלע אין דער דאזיקער געשיכטע: איר אפגעזונדערטע ציוויליזאציע האט ניט געהאט קיין צו גרויסן חלק אין אויספורעמען די מענטשלעכע גורלות; זי האט געקראגן א סך, אבער געגעבן ווייניק. די לכתחילהדיקע איינוואוינער פון די יאפאנישע אינזלען זיינען מסתמא געווען א צפונדיק פאלק, ווייטע קרובים פון די נארדישע שבטים, די באהארטע אינוס. נאר די איצטיקע יאפאנער געהערן צו דער מאנגאלישער ראסע. פיזיש זיינען זיי ענלעך צו די אמעריקאנער אינדיאנער, און עס זיינען פאראן א סך טשיקאווע ענלעכקייטן צווישן דער פרעהיסטארישער טעפעריי און אנדערע זאכן פון יאפאן מיט פערואנישע פראדוקטן פון דעם מין. עס איז ניט אוממעגלעך, אז זיי זיינען א נאכשטראם פון דער וואנדערונג פון דער נעאליטישער קולטור אריבער דעם שטילן אקעאן,

אָבער עס קאָן זיין, אַז זיי האָבן אַריינגענומען אין זיך פון דרום-זייט אַ מאַלאַיִשן און אפילו אַ נעגריטאָיִשן עלעמענט.

וואָס עס זאָל אויך זיין דער אָפּשטאַם פון די יאַפּאַנער, אָבער עס קאָן גאָר קיין ספק ניט זיין, אַז זייער ציוויליזאַציע, זייער שריפט, זייערע ליטעראַרישע און קינסטלערישע טראַדיציעס שטאַמען פון די כינעזער. זיי שווימען אַרויס פון בּאַרבּאַרנטום אין צווייטן און דריטן יאָרהונדערט פון דער קריסטלעכער ערע, און איינס פון זייערע ערשטע טועכצן ווי אַ פאָלק אויסער זייער אייגענעם לאַנד איז געווען אַן אָנפאַל אויף קאָרעאַ אונטער אַ קיניגין דזשינגאָ, וואָס האָט, ווייזט אויס, געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין איינשטעלן זייער ציוויליזאַציע. זייער געשיכטע איז אַן אינטערעסאַנטע און ראָמאַנטישע. זיי האָבן אַנטוויקלט אַ פעאָדאַלע סיסטעם און אַ טראַדיציע פון ריטערטום. זייערע אָנפאַלן אויף קאָרעאַ און כינע זיינען אַ מזרחדיקער פּאַראַלעל צו די ענגלישע מלחמות אין פראַנקרייך.

יאַפּאַן איז צום ערשטן מאָל געקומען אין בּאַריר מיט אייראָפּע אין 16טן יאָרהונדערט. אין יאָר 1542 זיינען עטלעכע פּאָרטוגעזן געקומען אַהין אין אַ כינעזישער שיף, און 1549 האָט דאָרט אָנגעהויבן לערנען אַ יעזויטישער מיסיאָנער, פראַנסוואַ קסאַוויע. די יעזויטישע בּאַריכטן שילדערן אַ לאַנד, וואָס איז שטאַרק פאַרוויסט דורך שטענדיקע פעאָדאַלע מלחמות. אַ שטיק צייט פלעגן די יאַפּאַנער פריינדלעך אויפנעמען אייראָפּעיִשע געסט, און קריסטלעכע מיסיאָנערן האָבן אַ סך מענטשן געטויפט. אַ געוויסער וויליאַם עדעמס, פון גילינגהעם אין קענט, איז געוואָרן אַ פאַרטרוישער בעל-יועץ בּיי די יאַפּאַנער און האָט זיי געוויזן, ווי אַזוי צו בּויען גרויסע שיפן. איצט האָט מען געקאָנט פאָרן אויף שיפן געבּויט אין יאַפּאַן קיין אינדיע און פּערו.

דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרפּלאָנטערטע סיכסוכים צווישן די שפּאַנישע דאָמיניקאַנער, פּאָרטוגעזישע יעזויִטן און ענגלישע און האָלענדישע פּראָטעסטאַנטן, און איטלעכער צד האָט געוואָרנט די יאַפּאַנער פאַר די שלעכטע פּאָליטישע כוונות פון די איבעריקע. בעת די יעזויִטן האָבן געהאַט די ממשלה אין זייערע הענט, האָבן זיי גערודפט און בּאַליידיקט די בודיסטן מיט גרויס רישעות. די דאָזיקע מהומות האָבן זיך אויסגעמישט מיט די פעאָדאַלע קאָנפליקטן פון

יענער צייט. צום סוף זיינען די יאפאנער געקומען צו דער מסקנא, אז די אייראפעער מיט זייער קריסטנטום זיינען א אנשיקעניש ניט אריבערצוטראגן, אז בפרט דאס קאטוילישע קריסטנטום איז א דעקטוך פאר די פאליטישע חלומות פון פויפס און פון דער שפאנישער מאנארכיע — וואס האט שוין דעמאלט געהאט פארנומען די פיליפינען־אינזלען. האט מען גענומען רודפן קריסטן, ביז מען האט זיי אין גאנצן פארטריבן. אין יאר 1638 איז יאפאן, חוץ איין שלימזלדיקער האלענדישער פאקטאריע אויפן פיצינקן אינזעלע דעשימא אין האפן פון נאגאסאקי, געווארן לחלוטין פארשלאסן פאר אייראפעער, און איז געבליבן געשלאסן איבער 200 יאר.

די האלענדער אין דעשימא האבן געהאט אויסצושטיין א סך דערנידערונגען. זיי האבן ניט געטארט פארקערן מיט קיין איין יאפאנער, חוץ די ספעציעלע באאמטע, וואס זיינען באשטימט געווארן צו האבן מיט זיי צו טאן. אין משך פון צוויי יארהונדערטער זיינען די יאפאנער געבליבן פולקום אפגעשניטן פון דער איבעריקער וועלט, אזוי ווי זיי וואלטן געלעבט אויף אן אנדער פלאנעטע. עס איז געווען פארבאטן צו בויען גרעסערע שיפן, ווי אזעלכע וואס מען פארט אויף זיי ארום די ברעגעס. קיין איין יאפאנער האט ניט געטארט פארן קיין אויסלאנד, קיין איין אייראפעער האט ניט געטארט אריינקומען קיין יאפאן.

אין משך פון צוויי יארהונדערטער איז יאפאן געבליבן אויסער דעם הויפט־שטראם פון דער געשיכטע. זי האט געלעבט אין א צושטאנד פון א מאלערישן פעאדאליזם, באלעבט דורך בלוטיקע קריגערייען. די סאמוראי, אדער קריגס־לייט און די אדללייט און זייערע מישפחות, וואס האבן באטראפן קיים פינף פראצענט פון דער באפעלקערונג, האבן טיראניש געוועלטיקט אן באגרענעצונג איבער דעם איבעריקן טייל פון דער באפעלקערונג. אלע מענטשן פון פאלק האבן געמוזט פאלן אויף די קני, ווען אן אדלמאן איז געגאנגען פארביי; ארויסווייזן דעם קלענסטן סימן פון אומכבוד איז געווען א ריזיקע צו ווערן דערהרגעט אויפן ארט דורך זיינע סאמוראי. די אויסדערוויילטע קלאסן האבן געפירט א לעבן פון ראמאנטישע אוואנטורעס, אן א פינק פון עפעס נייס. זיי האבן געליבט, געשאכטן מענטשן און נאכגע־

יאָגט זיך נאָך דעם פּוסטן כּבוד פון אַן אַדל־קאַסטע. די אינטעליגענטע מענטשן צווישן זיי איז די גאַנצע מעשה שטאַרק געווען נימאס. מיר מעגן זיך פאָרשטעלן די פּיין פון אַ וויסנסדאָרשטיקן גייסט, וואָס איז אויסגעגאַנגען צו פאָרן אין ערגעץ און זען, וואָס אויף דער וועלט טוט זיך, נאָר ער איז געווען איינגעשפּאַרט אויף די ראָזיקע אינזלען פון פּוסטן ראָמאַנטיזם.

בינתים האָט די גרויסע וועלט אין דרויסן זיך אַלץ מער אויסגעשפּרייט און האָט זיך אַלץ מער אָנגענומען מיט מאַכט. עס זיינען געוואָרן אַלץ אָפטער איסטערלישע שיפן, וואָס פאָרן פאַרביי די יאַפּאַנישע ברעג־שפּיצן; טיילמאָל פלעגן פרעמדע שיפן אונטערגיין ביי די ברעגעס, און מען פלעגט די שיפסלייט אַרויסראַטעווען אויפן ברעג. דורך דעשימאַ, זייער איינציקן פאַרבונד מיט דער אויסווייניקסטער וועלט, זיינען אָנגעקומען התראות אַנצוזאָגן, אַז יאַפּאַן איז אָפּגעשטאַנען פון דער מאַכט פון דער מערבדיקער וועלט. אין יאָר 1837 איז אַריינגעשוואומען אין דער בוכטע פון יעדאָ אַ שיף, וואָס האָט געטראָגן אַן איסטערלישן פלאַג מיט שטרייפן און שטערן; די שיף האָט געבראַכט עטלעכע יאַפּאַנישע ים־לייט, וואָס זי האָט זיי געפונען ווייט פאַרטריבן אין גרויסן אָקעאַן אַריין. מען האָט זי אָפּגעטריבן דורך אַ האַרמאַטן־שאָס.

דער זעלביקער פלאַג האָט זיך באַלד באַוויזן אויף אַנדערע שיפן. איין שיף איז אין יאָר 1849 געקומען בעטן אַרויסצולאָזן פריי אַכצן אַמעריקאַנער ים־לייט, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון אַן אונטערגעגאַנגענער שיף. שפּעטער, אין יאָר 1853, זיינען געקומען פיר אַמעריקאַנישע קריגס־שיפן אונטער דער קאָמאַנדע פון פּערי און האָבן ניט געוואָלט זיך לאָזן אָפּטרייבן. זיי האָבן זיך געאַנקערט אין פאַרבאָטענע וואַסערן און האָבן געשיקט שלוחים צו די צוויי מושלים, וואָס האָבן אין יענער צייט געהערשט צוזאַמען איבער יאַפּאַן. אין יאָר 1854 איז פּערי געקומען צוריק מיט צען שיפן, חידושדיקע שיפן, געטריבן דורך דאַמף און באַוואָפנט מיט גרויסע האַרמאַטן, און ער האָט פאַרלייגט די יאַפּאַנער, זיי זאָלן אָנהייבן האַנד־

לען און פֿאַרקערן מיט די אַמעריקאַנער. די יאַפּאַנער האָבֿן קיין כּוח ניט געהאַט צו זאָגן ניין. ער איז אַראָפּ אויפֿן ברעג מיט אַ וואַך פֿון 500 מאַן, בכדי צו חתמען אַן אָפּמאַך. מאַסן מענטשן, וואָס האָבֿן מיט די אייגענע אויגן געוואָלט זען די מאָרנע פֿרעמדע, האָבֿן אויפֿגעוואַרט אויף די דאָזיקע באַוווינערס פֿון דער אייסערלעכסטער וועלט, בעת זיי האָבֿן מאַרשירט דורך די גאַסן פֿון שטאָט.

נאָך די אַמעריקאַנער זיינען געקומען מיט די זעלבּיקע פֿאָדערונגען רוסלאַנד, האָלאַנד און בריטאַניע. אויסלענדער זיינען אַריין אין לאַנד, און עס האָבֿן זיך געמאַכט סיכסוכים צווישן זיי און צווישן יאַפּאַנישע שטאָלצע אַדלליים. אין אַ גאַסן-געשלעג איז דערהרגעט געוואָרן אַ בריטישער אונטערטאַן, און די ענגלענדער האָבֿן באָמבאַרדירט אַ יאַפּאַנישע שטאָט (1863). אַ גרויסער פּרייז, וואָס זיינע מאַיאָנטקעס האָבֿן באַהערשט דעם הערצאָג פֿון שימאָנאָסעקי, האָט געהאַלטן פֿאַר פּאַסיק צו שיסן אויף אייסלענדישע שיפֿן. האָט זיך צונויפֿגעקליבן אַ פֿלאָט פֿון ענגלישע, פֿראַנצויזישע, האָלענדישע און אַמעריקאַנער שיפֿן און זיי האָבֿן צעשאָסן זיינע באַטערייעס און צעטריבן זיינע זעלנערס. צולעצט האָט אַ פֿאַראייניקטע עסקאַדרע, וואָס האָט זיך געאַנקערט ביי קיאָטאָ (1865), געצוואונגען צו ראַטיפֿיצירן אַן אָפּמאַך, וואָס האָט געעפֿנט יאַפּאַן פֿאַר דער וועלט.

דורך די דאָזיקע געשעענישן זיינען די יאַפּאַנער שטאַרק דערנידעריקט געוואָרן, און עס האָט דעם פּנים, אַז פֿעלקער קאָנען געראַטעוועט ווערן דורך אַזאַ מין דערנידעריקונג. מיט אַן ענערגיע און אינטעליגענץ ממש אַ חידוש האָבֿן זיי זיך גענומען צו דערהייבן זייער קולטור און אָרגאַניזאַציע צו דער מדרגה פֿון די אייראָפּעישע גרויס-מלוכות. קיין מאָל אין דער געשיכטע האָט אַ פֿאָלק ניט געמאַכט אַזאַ גרויסן שפּרייז, ווי יאַפּאַן. אין יאָר 1866 איז זי נאָך געווען אַ מיטלעלטערלעך פֿאָלק, אַ פֿאַנטאַסטישע קאַריקאַטור פֿון עקסטרעם ראָמאַנטישן פֿעאָדאַליזם, אין 1899 איז זי שוין געווען אַ פֿאָלק פֿון מערבֿדיקער קולטור מיט אַלע קליפּערלעך, אויף איין מדרגה מיט די אַנטוויקלטסטע אייראָפּעישע מלוכות, און אַ סך ווייטער אַוועק פֿון רוסלאַנד. זי האָט צו נישט געמאַכט די מיינונג, אַז אַזיע מוז אויף שטענדיק בלייבן הינטערשטעליק לגבי אייראָפּע. לגבי איר פּראָגרעס

האט דער אייראפעישער פראגרעס געמוזט אויסזעהן, ווי קוים וואס ער רירט זיך.

מיר קאנען דא ניט דערציילן די פרטים פון דער מלחמה פון די יאפאנער מיט די כינעזער אין די יארן 1894 — 95. זי האט באוויזן, ווי ווייט יאפאן איז אוועק אין דעם איבערנעמען די מערבדיקע קולטור. זי האט געהאט א גוטע ארמיי לויטן מערבדיקן מוסטער און א קליינעם, אבער ענערגישן פלאט. בריטאניע און די פאראייניקטע שטאטן האבן שוין געוואוסט צו שאצן דעם באטייט פון איר אויפ-



די ערשטע אטאקע אויף פארט-ארטור. די רוסישע שלאכט-שיף „צעסארע-וויטש” ווערט געטראפן פון א יאפאנישער טארפעדא, 8 פעברואר 1904.

לעבונג און זיינען זיך באגאנגען מיט איר אזוי ווי זי וואלט געווען אן אייראפעישע מלוכה. נאר דאס האבן ניט פארשטאנען אנדערע מלוכות, פארטאן אין דעם געיעג נאך נייע אינדיעס אין אזיע. רוסלאנד האט זיך גערוקט דורך מאנדזשוריע קיין קארעא, פראנקרייך האט זיך געהאט איינגעפעסטיקט ווייט אין דרום-זייט אין טאנקין און אנאם, דייטשלאנד האט אויסערהויגערט ארומגעשנארעט, זוכנדיק עפעס אן ארט צו שטעלן א פוס. די דאזיקע דריי מלוכות האבן געוואלט אויסקליגן אזוי, אז יאפאן זאל גארנישט געווינען פון דער כינעזישער

מלחמה, און בפרט האבן זיי ניט געוואלט דערלאזן, אז יאפאן זאל פארנעמען וואסערע פונקטן, וואס באהערשן דעם יאפאנישן ים. יאפאן איז געווען אויסגעמאטערט דורך דעם כינעזישן קריג, און זיי האבן איר געסטראשעט מיט קריג.

אין יאר 1898 האט דייטשלאנד זיך אריינגעכאפט אין כינע אונטער דעם אויסרייד, וואס עס זיינען דערהרגעט געווארן צוויי מיסיאנערן, האט זי צוגענומען א טייל פון דער פראווינץ שאנג-טונג. דערויף האט רוסלאנד פארכאפט דעם האלב-אינזל ליאא-טונג, האט ארויסגעריסן ביי כינע דעם הסכם אויף צו דערפירן איר סיבירער אייזנבאן ביז קיין פארט-ארטור, און אין יאר 1900 האט זי פארנומען מאנדזשוריע. בריטאניע האט ניט געקאנט ביישטיין דעם נסיון צו טאן דאס נעמלעכע, און האט פארכאפט דעם האפן וויי-האי-וויי (1898).

וואס פאר אן אומרו דאס האט באדארפט דערוועקן ביי איטלעכן אינטעליגענטן יאפאנער, איז קלאר פאר איטלעכן, וואס ווארפט נאר א בליק אויף דער קארטע. דאס האט געפירט צו א מלחמה מיט רוסלאנד, וואס צייכנט אן אן עפאכע אין דער געשיכטע פון אזיע, דעם סוף פון דעם פעריאד פון אייראפעאישן זיך-איבערנעמען. דאס רוסישע פאלק איז, פארשטייט זיך, ניט געווען שולדיק אין דעם וואס עס איז געשען. עס האט גארנישט ניט געוואוסט פון דער דאזיקער פארדרייעניש, וואס מען מאכט אן אין זיין נאמען אויף יענער עק וועלט. אויך די קליגערע מלוכה-לייט זיינען געווען קעגן די דאזיקע נארישע אוואנטורעס. נאר דעם צאר האט ארומגערינגלט א קליקע פינאנסיעלע באנדיטן, דערין האבן געשטעקט אויך די גרויספירשטן, זיינע שוועסטערקינדער. זיי האבן געהאט שטארק אויסגעשטעלט אויף די רווחים, וואס זיי וועלן ארויסציען פון אויסרייבן כינע און מאנדזשוריע, און זיי האבן ניט געוואלט דערלאזן קיין שום אפלייג. אזוי האט יאפאן גענומען שיקן איבערן ים גרויסע ארמייען קיין פארט-ארטור און קארעא, און אן א צאל וואגאנעס רוסישע פויערים זיינען געשיקט געווארן איבער דער סיביריישער אייזנבאן, כדי צו שטארבן אין די ווייטע שלאכט-פעלדער.

די רוסן, וואָס האָבן געהאַט אַ שלעכטע אָנפירונג און גנבהישע קריגס-פאַרזאָרגונג, זיינען געשלאָגן געוואָרן סיי אויפן ים און סיי אויף דער יבשה. דער רוסישער באַלטישער פלאָט איז אַרומגע-שוואומען אַרום דרום-אַפריקע, און איז צעקלאַפּט און צעשטערט גע-וואָרן אין דעם דורכגוס פון צוסימאַ. אַ רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג צווישן די מאַסן אין רוסלאַנד, וואָס זיינען געוואָרן שטאַרק דערצערנט איבער אַט דער ווייטער און אומזיניקער שחיטה, האָט געצוואונגען דעם צאַר צו ענדיקן די מלחמה (1905). ער האָט ווידער אָפּגע-געבן דעם דרומדיקן טייל פון סאַכאַלין, וואָס רוסלאַנד האָט פאַר-כאַפּט אין יאָר 1875, האָט עוואַקוירט מאַנדזשוריע און געלאָזט יאַפּאַן פאַרנעמען קאָרעאַ. דער ווייסער מענטש האָט אָנגעהויבן אָפּצוגעבן זיין רויב אין מזרח-אַזיע. נאָר דייטשלאַנד האָט עטלעכע יאָר נאָך געהאַלטן פאַר זיך קיאַאָ-טשאַו.

---

## 15. דער סוף פון פעריאָד פון קאָלאָניאַלן אויסשפרייט.

מיר האָבן שוין פאַרצייכנט, ווי עס איז צעקלאַפּט געוואָרן די אונטערנעמונג פון איטאַליע אין אַבעסיניע אין דער שרעקלעכער שלאַכט פון אַדואַ (1896), וואָס אין איר זיינען דערהרגעט געוואָרן איבער 3.000 איטאַליענער, און איבער 4.000 גענומען געפאַנגען. דער פאַזיס פון אימפּעריאַליסטישן אויסשפּרייט אויפן חשבון פון אָרגאַניזירטע ניט-אייראָפּעיִשע מלוכות איז באַשיימפּערלעך געקומען צום סוף. די אַזוי אויך גענוג האַרבע פּאָלימישע און סאָציאַלע פּראָב-לעמעס פון גרויס-בריטאַניע, פראַנקרייך, שפּאַניע, איטאַליע, דייטש-לאַנד און רוסלאַנד זיינען געוואָרן נאָך מער פאַרפּלאָנטערט מיט די עניניס פון היפּשע פרעמדע באַפעלקערונגס-מאַסן, וואָס האָבן זיך ניט געלאָזט אַסימילירן און ניט גרינג רעגירן. גרויס-בריטאַניע האָט געהאַט עגיפּטן (הגם נאָך ניט פאָרמאַל אַנעקטירט), אינדיע, בירמאַ און פאַרשיידענע אַנדערע קלענערע פּראָבלעמעס, ווי מאַלטאַ און שאַנכאַי. פראַנקרייך האָט אַרויפגעלאָדן אויף זיך, חוץ טוניס אין

אַלזשיר, נאָך טאַנקין און אַנאַם. שפּאַניע האָט זיך געהאַט פאַרפּלאָנטערט אין מאַראָקאָ. איטאַליע האָט געפונען פאַר זיך אַ פאַרדרייעניש אין טריפּאָלי. און דער דייטשער קאָלאָניאַלער אימפּעריאַליזם, הגם זיין „ווינקעלע אויף דער זון" האָט אויסגעוויזן אַן אָרעמס, האָט דאָך געטרייסט זיך מיט דעם געדאַנק, וואָס פאַר אַ נוצן ער קאָן האָבן פון אַ צוקונפטיקער מלחמה מיט די יאַפּאַנער איבער קיאַאָ־טשאַו.

אַלע די דאָזיקע „אונטערטעניקע" לענדער האָבן געהאַט אַ באַפעלקערונג, וואָס איז אין אינטעליגענץ און בילדונג ניט אויף קיין סך נידעריקער פון דער באַפעלקערונג פון הערשנדיקן לאַנד. עס האָט גאָר אַנדערש ניט געקאָנט געמאָלט זיין, ווי אַז אין איטלעכן לאַנד אַזעלכן האָט זיך געמוזט אַנטוויקלען אַן אָרטיקע פּרעסע, אַ קאָלעקטיווע אייגנבאַוואוסטזיין און די פאָדערונג פון אַן אַליינרעגירונג. און די מלוכה־לייט פון אייראָפּע זיינען געווען צופיל איינגעטאָן אין דעם עסק צו פאַרכאַפּן די פרעמדע לענדער, אַז זיי זאָלן האָבן וואָסערע קלאָרע פאַרשטעלונגען מכּוח דעם, וואָס וועלן זיי טאָן מיט זיי, נאָכדעם ווי זיי וועלן דאָס שוין האָבן.

אַז די מערבדיקע דעמאָקראַטיעס זיינען איינגעשטאַנען צו פרייהייט, האָבן זיי אַנטדעקט, אַז זיי זיינען „אימפּעריעס", און זיינען געווען שטאַרק פאַרחידושט און געפּלעפט דורך דער דאָזיקער אַנטדעקונג. דער מזרח פּלעגט קומען אין די מערבדיקע הויפּטשטעט אַריין מיט מאָדנע פאָדערונגען. אין לאָנדאָן האָט דער געוויינטלעכער ענגלענדער, וואָס איז גענוג אָנגעדולט געווען דער קאָפּ מיט אייגענע זאָרג, מיט שטרייקן, מיט עקאָנאָמישע רעטענישן, מיט פראַגעס פון נאַציאָנאַליזאַציע, מוניציפּאַליזאַציע וכדומה, געפונען זיך מיט אַמאָל פאַר נייע דאגות. אויף זיינע עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען האָט ער גענומען טרעפן זיך מיט אַ גרויסער און אַלץ וואַקסנדיקער צאָל שוואַרצלעכע דזשענטללייט אין טורבאַנעס, פעסקעס און אַנדערע מאָדנע קאָפּצודעקן, וואָס אַלע האָבן מער ווייניקער געטענהט דאָס נעמלעכע: „גוט, איר האָט אונז צוגענומען. די רעגירונג, וואָס פאַרטרעט אייער פאָלק, האָט צעשטערט אונזער אייגענע רעגירונג און לאָזט אונז ניט שאַפן קיין נייע. וואָס אָבער האָט איר בדעה צו טאָן מיט אונז?"

## 16. דער בריטישער אימפעריאליזם 1914.

מיר ווילן דא בקיצור פארצייכענען דעם פארשיידנארטיקן כא-ראקטער פון די איינציקע באשטאנדטיילן פון דער בריטישער אימ-פעריע אין יאר 1914. זי איז געווען און איז אן איינציקארטיקע פאליטישע קאמבינאציע; אזוינס האט נאך קיין מאל פריער נית עקסיסטירט. זי איז א גרעסערע און א מער קאמפליצירטע זאך, ווי אזעלכע נאציאנאלע מלוכות, ווי פראנקרייך, האלאנד אדער שוועדן.



געמעל פון גאיא: פארטרעט פון דאנא איזאבעל קארבא.

דער שפיץ און דער צענטער פון דער גאנצער סיסטעם איז געווען די „געקרוינטע רעפובליק“ פון די פאראייניקטע בריטישע קיניגרייכן, איינגעשלאסן דערין (קעגן דעם ווילן פון א גרויסן טייל פון דער אירישער באפעלקערונג) אויך אירלאנד. דער רוב פון בריטישן פארלאמענט, וואס איז צונויפגעשטעלט פון די דריי פאראייניקטע פארלאמענטן פון ענגלאנד, שאטלאנד און אירלאנד, האט באשטימט

די פירערשאפט, דעם כאראקטער און די פאליטיק פון מיניסטעריום, און באשטימט האט ער דאס אין גרויסן און גאנצן לויט סברות, וואס זיינען געווען געדרונגען פון דער בריטישער היימישער פאליטיק. אט דאס מיניסטעריום איז טאקע געווען די פאקטישע רעגירונג איבער דעם גאנצן איבעריקן טייל פון דער אימפעריע, און אין זיין מאכט איז געלעגן מלחמה און שלום.

אין דער צווייטער ריי לויט דעם פאליטישן באטייט נאך די בריטישע מלוכות זיינען געווען די „געקרוינטע רעפובליקן" אויסטראליע, קאנאדע, ניו-פאונדלענד (די עלטסטע בריטישע קאלאניע, 1583), ניי-זעלאנד און דרום-אפריקע, — אלע פאקטיש אומאפהענגיקע און אליין זיך רעגירנדיקע מלוכות, פארבונדן מיט גרויס-בריטאניע, נאר איטלעכע מיט א פארשטייער פון דער קרוין, באשטימט פון דער צענטראלער רעגירונג.

ווייטער גייט די אינדישע אימפעריע, וואס איז א פארגרעסערטע אימפעריע פון דעם גרויס-מאגול, מיט אלע מלוכות אפהענגיק פון איר אדער אונטער איר פראטעקטאראט, וואס גרייכט אצינד פון בעלודזשיסטאן ביז קיין בירמא און נעמט אריין אויך אדען ביים רויטן ים. אין דער דאזיקער גרויסער אימפעריע האט די בריטישע קרוין און דאס אינדישע מיניסטעריום (אונטערן קאנטראל פון פארלאמענט) געשפילט די ראלע פון דער אמאליקער טורקמענישער דינאסטיע.

דערנאך די צווייטיקע הערשאפט איבער עגיפטן, וואס איז נאמינאל געווען א טייל פון דער טערקישער אימפעריע און געהאט נאך אן אייגענעם מאנארך, דעם כעדיוו, אבער זי איז געווען אונטער דער דעספאטישער רעגירונג פון עגיפטישע באאמטע*.

דערנאך די נאך מער צווייטיקע „ענגליש-עגיפטישע" פראווינץ סודאן, וואס איז פארנומען און רעגירט געווארן בשותפות דורך דער בריטישער און עגיפטישער רעגירונג.

---

* עגיפטן איז געווארן אין יאר 1922 א כלומרשט אומאפהענגיק קיניגרייך אין „בונד" מיט בריטאניע.

דערנאך א צאל טיילווייז אליין=זיך=רעגירנדיקע געמיינשאפטן, טייל לכתחילהדיקע ענגלישע ישובים און טייל ניט, מיט געקליבענע געזעצגעבערישע קערפערשאפטן און מיט א באשטימטן אויספיר=ארגאן, אזעלכע ווי מאלטא*, יאמאיקא. די באהאמא=אינזלען, בערמודא=אינזלען.

דערנאך גייען די קרוין=קאלאניעס, וואס אין זיי איז די בריטישע היים=רעגירונג (דורך דעם קאלאניעס=מיניסטעריום) געווארן אן אויטאקראטיע, ווי אין ציילאן, טרינידאד און פידזשי (וואו עס איז געווען א באשטימטער ראט) און גיבראלטאר און ס״ט העלענע (וואו עס איז געווען א גובערנאטאר).

דערנאך גייען גרויסע שטרעקעס פון (דער עיקר) טראפישע לענדער, וויכטיק ווי ערטער פון רוי=מאטעריאלן, מיט פאליטיש שוואכע און ניט=ציוויליזירטע ארטיקע געמיינשאפטן, וואס זיינען נאמינאל פראטעקטאראטן, און פאקטיש ווערן זיי רעגירט דורך אן איבער=קאמיסאר, געשטעלט איבער ארטיקע הויפטלייט (אזוי ווי אין באזוטא=לאנד) אדער איבער א טשארטער=געזעלשאפט (אזוי ווי אין ראדעזיע). אין טייל פאלן זיינען די דאזיקע קאלאניעס פארנומען געווארן דורך דער באמיונג פון דעם אויסערן=מיניסטעריום, אין טייל פאלן דורך דעם קאלאניאל=מיניסטעריום, אין טייל פאלן דורך דעם אינדישן מיניסטעריום, נאר אין גרעסטן טייל פאלן האט דאס קאלאניאל=מיניסטעריום געטראגן די אחריות פאר זיי.

עס איז דעריבער קלאר, אז קיין מיניסטעריום און קיין איין מוח האט קיין מאל ניט תופס געווען די בריטישע אימפעריע ווי א גאנצע. זי איז געווען אן אויסמיש פון אנוואקסן און זאמלונגען, לחלוטין פארשיידן פון דעם, וואס איז פריער ווען עס איז אנגערופן געווארן אימפעריע.

זי האט גאראנטירט שלום און זיכערקייט איבער ווייטע שטרעקעס. מחמת דעם איז זי געווארן אונטערגעהאלטן פון א סך מענטשן צווישן די „אונטערטעניקע“ פעלקער — ניט געקוקט אויף די פיל

* מאלטא איז, זינט דער 1920 פארעפנטלעכטער קאנסטיטוציע, פאקטיש געווארן אן אויטאנאמע קאלאניע.

אינטערדריקונגען און עוולות מצד דער ארטיקער רעגירונג און ניט געקוקט אויף דער פאראכטונג מצד א טייל פון ענגלישן פובליקום.

פונקט ווי די „אטענישע אימפעריע”, איז זי אן אימפעריע איבער ימים; אירע וועגן זיינען ים-הערן און איר אלגעמיינער פארבונד איז דער בריטישער פלאט. פונקט ווי אלע אימפעריעס, איז איר צוזאמענהאנג אפהענגיק פויש פון אמעטארע פון פארקער. די אנטוויקלונג פון ים-פארעריי, שיף-בוי און דאמף-שיפן צווישן 16טן און 19טן יארהונדערט האט דעם דאזיקן „בריטישן שלום” געשאפן. אויב עס וועט זיך אנטוויקלען לופט-פליערייי אדער אגיכער טראנספארט איבער דער יבשה אדער אינטערוואסער-שיפעריי, דעמאלט וועט דער דאזיקער שלום און זיכערקייט שטיין אין סכנה.

---

## 17. מאלעריי, סקולפטור און ארכיטעקטור אין ניינצנטן יארהונדערט.

מיר האבן געשריבן וועגן ניינצנטן יארהונדערט, מחמת דאס איז א באקוועמער און אנגענומענער טערמין, נאר עס באדארף זיין קלאר פאר דעם לעזער, אז דער פעריאד, וואס דאס קאפיטל נעמט ארום, איז ניט פון 1800 ביז 1900, נאר פון 1815 ביז 1914. צווישן די דאזיקע צוויי דאטעס זיינען ניט געווען קיין גרויסע קאטאסטראפעס, קיין גרויסער איבערבראך. די שינויים, וואס זיינען פארגעקומען, זיינען אמת געווען גאנץ היפשע, אבער ניט זיי זיינען געקומען פלוצים און ניט זיי זיינען געווען אין וואסער פרט איבערקערעריש אין דעם אלגעמיינעם פראצעס.

איידער מיר באטראכטן דעם גרויסן בראך, וואס מיט אים האט זיך געענדיקט דאס דאזיקע יארהונדערט פון פראגרעס און דערפינדונג, וועט זיין גוט צו געבן אין דריי פאראגראפן די קורצע שילדערונג פון די קינסטלערישע פארמען, וואס אין זיי האט דער דאזיקער פעריאד זיך אויסגעדריקט. מיר האבן שוין באהאנדלט די אנטוויקלונג פון זיין נאטורוויסנשאפט און זיין פאליטישער פילאסאפיע. מיר וועלן איצט ווארפן א בליק אויף זיין פלאסטישער און מאלערישער

קונסט, דערנאָך אויף זיין מוזיקאַלישן לעבן און צולעצט אויף זיין שעפערישער ליטעראַטור.

די געשיכטע פון דער אייראָפּעישער מאַלעריי אין דער ערשטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט שפּיגלט אָפּ די סאָציאַלע שינויים פון דער צייט. עס איז געווען אַ צייט, ווען דער מיטל-קלאַס, דער ערנסטער טיפּ קאָמערסאַנט, איז האַסטיק געוואַקסן אין רייכקייט און באַטייט. עס איז געווען אַ צייט פון אויפקומענדיקע באַבריקאַנטן



געמעל פון פראַנצויזישן לאַנדשאַפט-מאַלער זשאַן באַפּטיסט קאָראָ, מיטן טיטל „פרימאָרגן”. איצט אין לוווּר, פּאַריז.

און פון נייע פינאַנציעלע באַוליקונגען. באַלד זיינען געקומען די אייזנבאַנען, דאַמף-שיפן, דער האַנדל מיט די קאָלאָניעס, און די גרויסע ספּעקולאַטיווע פאַרמעגנס, וואָס זיינען דירעקט און אומדירעקט אַרויסגעקומען פון די אַלע זאַכן. די אויפגעריכטע אייראָפּעישע הויפן זיינען געווען נוטה זיך אויפצוקומען און פאַרבינדן זיך מיט די נייע גבירים. דער טיפּישער באַשיצער און ליבהאָבער פון מאַלעריי און אַרכיטעקטור איז געוואָרן דער רייכער פאַבריקאַנט. ער

האט געפרוווט זיך צו אסימילירן מיטן אדל. אין זיינען בעסער גע־
פעלן געמעלן, וואס עס שאפן אדלליט, איידער קראפט
וואס באאומרויקט אדער שיינקייט, וואס ברענגט ארויס פון גלייכ־
וואג. ער האט געוואלט האבן געמעלן, וואס ער זאל קאנען רויק און
מיט נחת זיצן פאר זיי און עסן זיין מיטאג אדער טרינקען זיין טיי,
און ער איז געווען גרייט צו צאלן דערפאר מיט א ברייטער האנט.
דער מייסטערהאפטער און דער וואונדערלעכער שפאניער גאיא
(1746 — 1828), די גרויסע ענגלישע לאנדשאפטס־מאלערס קאנ־
סטייבל (1776 — 1837) און טורנער (1775 — 1851), דאוויד און
ענגר, וואס ווען זיי האבן מיר שוין גערעדט, אז זיי האבן אויסגעדריקט
דעם גייסט פון דער פראנצויזישער אימפעריע, זיינען אוועק און
האבן קיין גלייכע צו זיך ניט איבערגעלאזט. נאר דאס מאלן בילדער
איז געווארן א היפשע פראפעסיע. די בריטישע קעניגלעכע אקאדעמיע
און דער פראנצויזישער סאלאן פלעגן אלע יאר אפהאלטן אויס־
שטעלונגען פון בילדער, וואס זיינען געמאלט געווארן צוליב פארדי־
נען, און קינסטלער האבן זיך איינגעקויפט אויסגעצייכנטע הייזער
און האבן געלעבט א לעבן פון לוקסוס. אין ענגלאנד זיינען א סך
אפילו דערהויבן געווארן צום שטאנד פון ריטערס. סקולפטור איז
געגאנגען אין די זעלביקע וועגן. איבער די אפשאצונג פון געמעלן
האט אויפגעהערט צו זיין זייער טיף, איז זי דערפאר געווארן זייער
ברייט. פאר גרויסע טיילן פון ענגלישן פובליקום איז געווארן כמעט
א מוז אלע יאר צו קומען קיין לאנדאן צו זען די אויסשטעלונג פון
דער אקאדעמיע.

אבער אז דאס יארהונדערט איז אריבער זיין העלפט, האט
דער זעלביקער אומרו, וואס האט צעטרייסלט די רעליגיעזע און
סאציאלע רוטינע פון איראפע, באוויזן זיך אויך אין דער וועלט פון
קונסט. אין ענגלאנד האבן רעסקין (1819 — 1900), און וויליאם
מאריס (1834 — 1896) קריטיקירט די אקאדעמישע פוסטקייט פון דער
קונסט און פון דער דעקאראציע פון זייער צייט, און מען האט זיך
צו זייערע רייד שטארק צוגעהערט. אין דער פראפעסיע פון דער
מאלעריי זיינען ארויסגעקומען שפאלטונגען: עס האבן זיך באוויזן
נייע שולן, צווישן זיי איז כדאי צו פארצייכענען באזונדער די פרע־

ראַפאַעליטן, וואָס האָבן געזוכט באַגייסטערונג אין מעטאָדן אין די ווערק פון פאַרגאַנגענע צייטן, איידער מאַלעריי איז געוואָרן עלעגאַנט. זיי האָבן געווענדט זייערע אויגן צוריק צום מיטלעלטער און האָבן געמאָלט העלדן פון קיניג אַרטורס הויף און געבענטשטע בתולות. רעסקין און מאָריס האָבן זיי דערפאַר געלויבט. אַנדערע, נאָך מער רעוואָלוציאָנערע גייסטער, האָבן געווענדט זייער בליק אויף דער וועלט אַרום זיי. קאָראָ (1796 — 1875) האָט אויפגעהויבן דעם כוח פון זעונג דורך דעם גאַנצן פעריאָד פון צעטומלטקייט, און נאָכן חורבן פון 1870 — 71 האָט זיך אין פראַנקרייך באַוויזן אַ דור קינסטלער, וואָס האָבן זיך געווענדט צו דער טראַדיציע פון רעמבראַנדט און וועלאַסקעז, אַזעלכע מייסטערס ווי דעגאַ, מאַנע און רענואַר. אינאיינעם מיט זיי דאַרף אָנגערופן ווערן דער גרויסער אַמעריקאַנער ווייסלער (1834–1900). מענטשן איז דערעסן געוואָרן, כמעט אין דעם אַז זיי זאָלן זיך האָבן אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, אַט די גלאַטע געשליפענע מאַלעריי. עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ סטיל פון הייזער-אַרכיטעקטור, וואָס האָט ניט דערלאָזט, אַז די ווענט זאָלן ווערן אַרומגעהאַנגען מיט איינגעראַמטע אייל-בילדער. צום סוף פון דעם פעריאָד איז געפאַלן שטאַרק דער פאַרקויף פון געמאָלטע לייוונטן, וואָס ליבהאָבער קויפן זיי אויף אויסצוהענגען, וואו עס מאַכט זיך. איצט האָבן זיך די מאַלעריי געווענדט מיט אַלץ וואַקסנדיקן ערפאָלג צו דעקאָראַטיווער קונסט.

אין די לעצטע יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט זיינען געווען אַ סך סימנים וואָס האָבן געוויזן, אַז די צייט פון קינסטלערישן רעאַליזם איז געווען פאַרביי. מען האָט אויפגעהערט אויסצומאָלן בלומען און פיגורן אויף טישטעכער, פאָרהאַנגען און קליידער-שטאָפן; בכלל איז בילדערישקייט געוואָרן אַ טפל-זאַך אין מאַלעריי און סקולפּטור. מיר האָבן שוין פאַרצייכנט אַ פריערדיקן פעריאָד פון רעאַליסטישער שילדערונג אין דער צייט פון עכנאַטאָן אין עגיפּטן און אַ צווייטן בעת דעם גריכיש-רוימישן פעריאָד, און מיר האָבן באַמערקט, ווי גיך דער דאָזיקער לעצטער פאָזיס איז איבערגעגאַנגען צו דער שטייפקייט, פלאַכקייט און סימבאָליזם פון די ביזאַנטישע און גאָטישע ווערק, צו די פאָרמעלע און געאָמעטרישע מעטאָדן

פון דער מוסלימישער דעקאראציע. נאך פריער איז נאך דעם לעבעדיקן אימפרעסיאניזם פון שפעט-פאלעאליטישן פעריאד געקומען דער פארמאליזם פון דער פרי-נעאליטישער קונסט. איצט האט דאס ווידער אמאל אזוי געטראפן. אין די ערשטע צוויי יארצענדליקער פון 20סטן יארהונדערט האט די קונסט זיך אפגעווענדט פון רעאלע בילדער, אזוי ווי זי וואלט געווען איבערגעזעטיקט מיט רעאליזם, זי האט גענומען פארזען די אויסוויינקסטע פארם צוליב שפורן פון



„דאנטעס חלום" — געמעל פון דאנטע גאבריעל ראסעטי, א מיטגליד פון דער פרע-ראפאעליטישער ברודערשאפט, 1881.

באוועגונג, זי איז געווארן מער אנאליטיש און סימבאליש. די דאזיקע שטרעבונג גייט, דוכט זיך, ווייטער. זי ווערט געשטיצט דורך דער וואקסנדיקער קונסט פון פאטאגראפיע, וואס שטעלט פאר דאס ווירקלעכע לעבן. די וועלט איז איינגעמאטערט פון דעם הוילן פאקט.

די ארכיטעקטור האט זיך געפונען אין אנהייב יארהונדערט אין צושטאנד פון פארטעמפטקייט. די קלאסישע טראדיציע, אונטערגעהאלטן דורך דער ממשלה פון די קלאסישע פעדאנטן אין די שולן, האט בהדרגה באהערשט און דערשטיקט די פרייע אנטוויקלונג פון

דעם רענעסאַנס=סטיל, און דער גרעסטער טייל נייע בנינים האָבן אַרויסגעוויזן אַ בענקשאַפט צו אַ תקופה, וואָס איז אַוועק מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק. אומעטום האָבן זיך באַוויזן ווייס געטינקעוועטע פּאַסאַדן מיט קאָלאָנאַדעס. שפּעטער, אַז אין דער ליטעראַטור האָט אויפגעלעבט די ראָמאַנטיק, וואָס מיר וועלן באַלד וועגן דעם ריידן גענויער, און אַז עס איז געפאַלן נאַפּאָלעאָנס פּרווו צו מאַכן אויפלעבן די קיסרלעכע רוים, האָט דער אויפמערק פון דעם היינטיקן נאָכמאַכערישן פּעריאָד זיך אַריבערגערוקט צום מיטלעלטער. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויפלעבונג פון דער גאָטיק, וואָס איז געווען באַזונדערס שטאַרק אין בריטאַניע און האָט, צווישן אַ סך אַנדערע מערקווערדיקע ווערק, אַרויסגעבראַכט אויך דעם איצטיקן בנין פון דעם פּאַרלאַמענט. דערנאָך האָט מען זיך געווענדט צום פּעריאָד פון דער קיניגין אַנע, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט דורך אַ ספּעציעלער אַנטוויקלונג פון די נאָך לעבעדיקע רענעסאַנס=מאָדעס. ענגלישע אַרכיטעקטן האָבן געקאָנט אויפבויען הייזער און פּאַלאַצן אין וואָסער סטיל איינער וויל נאָר: קלאַסיש, גאָטיש, אין סטיל פון די שאָטישע באַראָנען אָדער אין סטיל פון קיניגין אַנע. מער ניט אין סטיל האָט זיך אין ערגעץ ניט באַוויזן: דאָס איז דער סטיל פון נײַנצנטן יאָרהונדערט. בנוגע זייערע קליידער האָבן ענגלענדער ניט אַרויסגעוויזן קיין חשק אָפּצוטרעטן פון דער מאָדע, אָבער זייערע הייזער און עפנטלעכע בנינים האָבן זיי איינגעקליידט אין די אויסגעוועבטע מאָדעס פון פאַרצייטן, אַזוי ווי זיי וואָלטן געוואָלט דאָרט אָפּריכטן אַ מין קאָסטיומירטן באַל.

אין פראַנקרייך און דייטשלאַנד איז שוין געווען מער אַרכיטעקטורישע איניציאַטיווע; דער רענעסאַנס=סטיל האָט נאָך געלעבט און זיך אַנטוויקלט אין פראַנקרייך. אָבער אַזעלכע אינטערעסאַנטע פּראָבלעמעס פאַר אַרכיטעקטור, ווי דאָס זיינען בנינים פון האַקוואַלן, אייזנבאַן=בריקן, אוניווערסאַלע מאַגאַזינען, פאַבריקן, האָט מען אין ערגעץ ערנסט ניט געפּרוווט צו פאַרענטפערן — אַחוץ אפשר אין דייטשלאַנד. פאַר אַזעלכע בנינים איז געווען דער געוויינטלעכער כּלל -- פינסטערע שטרענגקייט. עס האָט געהאַט דעם פּנים, אַזוי ווי דער אימפּעט פון די נייע באַדערפעניישן, נייע מאַטעריאַלן און נייע

מעגלעכקייטן וואלט געהאט פארטומלט און פארטעמפט דעם אר־
כיטעקטורישן מוט פון דער תקופה. איינער פון סאמע מאדנע און
סאמע טיפישע פראדוקטן פון דעם דאזיקן פאזיס פון צעטומלטקייט
איז דער לאנדאנער טאווער־בריק, וואס אין אים איז אויף א גרינגן
און מעכטיקן געביי פון שטאל ארויפגעזעצט א שווערע מאכעריי מיט



א ראדירונג פון רזש. ווהיסלער.

אנצוהערענישן פון פלעמישער מויערײ און אנדענקען פון א מיטל־
עלטערלעכן אויפצי־בריק. אלע עפנטלעכע בנינים אין ענגלאנד פון
19טן יארהונדערט האבן דעם טעם פון א מיאוסער ירידה.

די ארכיטעקטור פון פריוואטע הייזער איז אין משך פון א
גרויסן טייל יארהונדערט געפאלן נאך מער ווי פון עפנטלעכע בנינים.
אין אייראפע איז די באפעלקערונג שטארק געוואקסן, און דער גרעס־
טער טייל זיינען ארעמע מענטשן, וואס קאנען ניט בויען הייזער

לייט אַן אָריגינעלן גוסט. אין די גרויסע שטעט האָבן זיך פאַר־שפּרייט אַן אַ צאָל הייזער, וואָס האָבן גאָר קיין אַרכיטעקטורישן טעם ניט: אין ענגלאַנד אַן אַ סוף שורות קליינע הייזלעך, ענלעך איינס צום אַנדערן, ווי זעלנער, און אין די איבעריקע לענדער פון איראָפּע גראָע, פינסטערע קאַזאַרמע־הייזער מיט אַן אַ צאָל וואָל־ווענונגען דירות פאַר אָרעמעלייט. ערשט גאָר צום סוף פון יאָרהונ־דערט, אַז עס איז געפאַלן די צאָל געבירטן, און מען האָט גענומען מער נוצן אויטאָמאָבילן, האָט די באַפעלקערונג פון די גרויסע שטעט גענקאָנט זיך אַנדערש פונאַנדערזעצן ווי פריער, בעת מען האָט זיך געמוזט אַרומשפאַרן אין ענגשאַפט דווקא אַרום די אייזנבאַן־סטאַנ־ציעס. עס האָט זיך אויפגעוועקט אַן אַלגעמיינער אינטערעס צו דער אַרכיטעקטור פון וואוין־הייזער, און עס באַווייזן זיך פיינע טיפּן פון קאָטעדזשן און ווילעס.

אַמעריקע האָט אין די קאָלאָניאַלע צייטן אַרויסגעבראַכט אַן אויסערגעוויינטלעך אָנגענעמען טיפּ פון אַ ווילע, בפרט אין ווירר־דזשיניע און אין דרום: דאָס איז געווען די אַרכיטעקטור פון אַ בריטישער ווילע, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון דעם פּרוכפּעריקן שטאָם פון דער רענעסאַנס־תּקופה, צוגעפּאַסט צו די אָרטיקע תּנאים. מיר האָבן שוין פאַרצייכנט, וואָס סער קריסטאָפער ווערן האָט מיטגעווירקט צוליב דער דאָזיקער אַנטוויקלונג. חוץ אָט די דאָזיקע טיפּן וואוינ־הייזער, איז די אַמעריקאַנער אַרכיטעקטור ביז די לעצטע יאָרהונדערטער געגאַנגען דער עיקר לויט אַריבערגעטראָגענע איראָפּעישע מוסטערן. למשל, דער קאַפּיטאָל אין וואַשינגטאָן איז אַ פראַנצויזיש ווערק. ער האָט געקאָנט ווערן געבויט גאַנץ גוט אין פּאַריז אָדער אין בריסל. אַ סך וואוין־הייזער זיינען געווען פּראָסט און באַנאַל. בעת די ענג־לענדער האָבן איינגעפירט ביי זיך הייבפענסטערס, האָט אַמעריקע איינגעהאַלטן די פענסטער־פאָרם פון דעם איראָפּעישן קאָנטינענט. נאָר אין די אַכציקער און ניינציקער יאָרן פון דעם יאָרהונדערט, אַז עס איז אויסגעוואַקסן די רייכקייט פון די אַמעריקאַנער, און זיי זיינען געוואָרן זיכערער און שטייפער ביי זיך, האָט זיך ביי זיי גענומען

אנטוויקלען א נייע און מעכטיקע ארכיטעקטור. אמעריקע האט גענומען נוצן ישטאל, גלאז און קאנקרעטע קאנסטרוקציע מיט אן אלץ וואקסנדיקער דרייסטקייט און הצלחה. אדאנק די דאזיקע מאטעריאלן און אדאנק דעם, וואס מען האט ארויס־געפונען און פארפולקומט דעם ליפט, האט מען געקאנט בויען אזעלכע הויכע און גרויסע בנינים, וואס זייער גלייכן איז נאך ניט געווען. אין יאר 1870 האט די אמע=



דער קאפיטאל, דער בנין, וואו עס קלייבט זיך צונויף דער קאנ־רעס
פון די אמעריקאנער פאראייניקטע שטאטן אין וואשינגטאן, געזען ביינאכט.
א מוסטער פון אמעריקאנישער ארכיטעקטור.

ריקאנער ארכיטעקטור קוים עקסיסטירט: ארום 1910 איז אמעריקע געווען ווייט פאראויס פאר אלע איבעריקע לענדער אין דער וועלט דורך דער פרישקייט און דרייסטקייט פון אירע נייע בנינים. נאך אן אפשטאנד איז געקומען דייטשלאנד. די נעמען פון ריטשארדסאן (1838 — 1886) און סטענפאר ווהייט (1853 — 1906) צייכענען זיך אויס צווישן די אמעריקאנער ארכיטעקטן פון דער נייער צייט.

פון אַמעריקע פון 20סטן יאָרהונדערט האָבן מיר צו וואַרטן אויף דעם בהדרגהדיקן אויסדרוק אין כּדי פאַר די נייע כּוחות און מיטלען, וואָס דאָס ניינצנטע יאָרהונדערט האָט אַנטפּלעקט פאַר דער מענטש-הייט. צוזאַמען מיט דער אַנטוויקלונג פון אַרכיטעקטור מעגן מיר האָפן אויף אַ נייער און מערקווערדיקער אַנטוויקלונג פון סקולפּטור, מאָלעריי, מאָזאַיִקע און בכלל פון דער דעקאָראַטיווער קונסט. אין אַמעריקע איז פאַראַן מער מעגלעכקייט, מער רייכקייט, מער פרייהייט פון גייסט.

## 18. מוזיק אין ניינצנטן יאָרהונדערט.

דער שטראָם פון דער מוזיקאַלישער שאַפונג, וואָס איז געגאַנגען אין 18טן יאָרהונדערט, איז ווינציק געשטערט געוואָרן אין משך פון דעם פּעריאָד, וואָס ווערט באַהאַנדלט אין דעם קאַפּיטל. מיר האָבן אָנגערופן מאָצאַרט און בעטהאָווען, ווי די גרעסטע מוזיקער פון 18טן יאָרהונדערט. בעטהאָווען טראָגט אונז אַריבער שוין אין 19טן יאָרהונדערט, און לעבן אים מוזן מיר אַוועקשטעלן זיין בן-דור וועבער (1786 — 1826), אַן עקספּערימענטאַליסט און אַ נאַ-וואַטאָר מיט אַ גרונטיקן באַטייט, און עטוואָס שפּעטער די ווייער באַ-טייטיקע פיגורן פון שובערט (1797 — 1828), מענדעלסאָן (1809 — 1847) און שומאַן (1810 — 1856). מיר טאָרן אויך ניט פאַרגעסן צעזאַר פראַנקס (1822 — 1890) „קלאַנגען-קאַטעדראַלן“. מוזיק האָט זיך אַלץ מער באַפרייט פון דער אַפּאָטרופּסות פון די מלכים און שׂררות און איז אַריין אין די קאָנצערט-זאַלן, וואו זי האָט זיך געשטעלט צום משפּט פון אַ ספּעציעל אויסגעבילדעטן פּובליקום. צוגלייך מיט אָפּערעס זיינען אויך געשאַפן געוואָרן אַ סך לידער צום זינגען און פּיעסעס פאַר פּיאַנאָ צו שפּילן אין פּריוואַטע הייזער און טאַנץ-מוזיק פאַר געזעל-שאַפטלעכע צונויפקומען. אין דער רעליגיעזער מוזיק איז נאָך די צייטן פון הענדעל און באַך קיין געהעריקער פּראָגרעס ניט פאָרגעקומען. דער קיניגלעכער באַשיצער איז נאָך געווען וויכטיק פאַר דעם קאָמ-פּאָזיטאָר פון גרויסע אָפּערעס, און די הויפן פון בייערן און רוסלאַנד זיינען באַזונדערס געווען די פלאַנץ-ערטער פון דער נייער דראַמאַ-טישער אָפּערע, און פאַר אַ נייעם באַנעם פון באַלעט.

אין דער מוזיק פון דעם יאָרהונדערט קאָן מען געפינען די שפּורן פון דעם, ווי אַזוי די אינטערעסן פון דער תקופה האָבּן זיך פאַרבּרייטערט. קאָמפּאָזיטאָרס האָבּן גענומען זוכן נייע טעמעס און אַ נייעם גייסט אין דער פאָלקס־מוזיק פון מזרח־אייראָפּע און פון די מזרח־פעלקער.

שאָפּען (1809—1849) האָט אויסגענוצט פּוילישע מקורים, ליסט (1811—1886) און יאָאַכים (1831—1907) אונגאַרישע, און בּראַמס (1833—1897) איז אַוועק אויך קיין אינדיע נאָך מאַטעריאַל צו פאַרקערפּערן דורך



פראַנץ שוּבּערט.

זיין אין עצם קלאַסישן אַפּאַראַט. וואַגנער איז געבּאָרן 1813 און געשטאָרבּן 1883. ער איז געגאַנגען אין די וועגן פון וועבּער. ער האָט צעריסן מיט דער איינגעשטעלטער טראַדיציע פון דער אָפּערע, האָט דראַמאַטיזירט און פאַרבּרייטערט דעם באַנוץ פון דער אינסטרומענטאַלער מוזיק, האָט אָנגעפילט זי מיט פרישן כּוח און ליידנשאַפט. שפּעטער האָבּן טשאַיקאָווסקי (1840 — 1893), מוסאָרגסקי (1835 — 1881) און רימסקי־קאָרסאַקאָוו (1844 — 1908) אין רוסלאַנד אַנטדעקט נייע געביטן פון קינסטלערישן גענוס.

דאָ, אין דעם באַגרענעצטן אָרט, וואָס שטייט אין אונזער רשות, קאָנען מיר אָנרופן דעם טשעך דוואָראַק (1841 — 1904), ריכאַרד שטראַוס (געבאָרן 1864) מיט זיין לעבעדיקייט און דעבוסי (1862 — 1918) מיט זיין פרישער שיינקייט.

אַמעריקע האָט ביז אַהער ווינציק אריינגעטראָגן אין דער אָנער־קענטער גרויסער מוזיק. נאָר פונקט ווי די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן פלוצים אַ שפּרונג געטאָן פאָראויס פון אַרכיטעקטורישער נישטי־קייט צו אַ גרויסער אַרכיטעקטור מיט די נייע געלעגנהייטן מיט דער



ריכאַרד וואַגנער.



פראַנץ ליסט.

שטאָל־קאָנסטרוקציע און ניט־אויסגעפּרוּווטע מאַטעריאַלן פון די ניינ־ציקער יאָרן, אַזוי איז אויך מעגלעך, אַז צו אַ געוויסער צייט זאָלן זיך דאָרט באַווייזן נייע זעלבשטענדיקע מוזיקאַלישע פאָרמען. זינט אַ געוויסער צייט קומען אַריבער פון אַמעריקע קיין אייראָפּע נייע קלאַנגען אין אַלץ אַ גרעסערער מאָס — און טיילמאָל זיינען דאָס זייער ליבלעכע קלאַנגען. דער נעגער־גייסט האָט זיי אויסגעאַרבעט אין טאַנץ־לאָקאַלן און מוזיק־האַלן. עס קאָן נאָך אפשר קומען אַ צייט, ווען דער קאָנצערט־זאַל, לכל הפחות אין אַמעריקע, וועט זיין שטאָלץ

מיט דער שווארצער מוזיק אין דרום. נאר דא קאנען מיר ניט באהאנדלען דעם דושאז און ענלעכע ערשיינונגען.

אין דעם „קאנטור“ וועלן מיר מער וועגן מוזיק ניט ריידן. דער איצטיקער פעריאד איז כאראקטעריזירט דערמיט, וואס איצט איז מוזיק געווארן אויס פריווילעגיע נאר פאר די קולטיווירטע קלאסן און איז פארשפרייט צווישן אלע פאלקס-שיכטן. דער גראמאפאן, די פיאנאלע און צולעצט דער ראדיא האבן צעטראגן די ווערק פון די בעסטע און גרעסטע קאמפאזיטארס איבער גאר דער וועלט.

---

## 19. דער אויפשטייג פון דער גאוועלע צו פארהערשאפט אין דער ליטעראטור.

אין דעם ארט, וואס מיר האבן אין אונזער רשות, איז אונמעגלעך צו געבן מער ווי א טרוקענעם קורצן באריכט פון דעם גרויסן שטראם ליטעראַרישער אקטיוויטעט, וואס דורך איר האבן די נייע כוחות פון דעם יארהונדערט פון גרויסער אויסשפרייטונג געזוכט זיך אן אויסדרוק. מיר האבן שוין באהאנדלט די פירנדיקע אידעעס פון די באגרינדערס און שאפערס פון סאציאליזם, און מיר האבן באטראכט, ווי אזוי די פארברייטערטע נאטור-וויסנשאפטלעכע דערקענטעניש האט געווירקט אויף די רעליגיעזע, פאליטישע און סאציאלע אידעעס. נאר מיר קאנען דא ניט אפשאצן ווי געהעריק דעם באטייט אין די אנהאלטנדיקע השפעה פון אזעלכע גרויסע פראקטישע דענקערס ווי אדאם סמיט (1723 — 1790), מאלטוס (1766 — 1834) און זייערע תלמידים, אדער אזעלכע טיפע און דורכדרינגענדיקע חקירות ווי שאפענהויערס (1788 — 1860) און ניצשעס (1844 — 1900) אין דייטשלאנד. העגעל (1770 — 1831) איז ווידער פאר אונז א צו רייצנדיקער ביסן צום סוף פון צו א לאנגן מעניו. ער האט אפגעווענדט דעם שטראם פון מאדערנעם דענקען אויף זייער א טשיקאווען שטייגער, אבער עס קערט זיך שוין צוריק אום פון דעם דאזיקן אפווענד.

מיר קאָנען דאָ אויך ניט דיסקוטירן מיט די אָפּנייגן פון גע-שמאַק און די אַבסורדע איינטייטשונגען, וואָס האָבן געמאַכט פון לאָרד באַיראָן (1788 — 1824), דעם דאָזיקן בּרחנישן סאַטיריקער מיט דער פילאָסאָפיע פון אַ ליידיקגייער, אַ גרויסע פיגור אין דעם באַנעם פון דער אייראָפּעישער ליטעראַטור פון 19טן יאָרהונדערט. מיר קאָנען אויך ניט אָפּצושאַצן דעם ווערט פון געטע (1740 — 1832), וואָס איז אַ סך יאָרן געווען דער אינטעלעקטועלער און עסטעטישער גאָט



אָנאָרע דע באַלזאַק.



ראַלף וואַלדאָ עמערסאָן.

פון דייטשלאַנד. ער איז שוין איצט מער ניט אַזוי גרויס. ער האָט אָנגעשטאָפּט דייטשלאַנד מיט אַ שלל איבערגעוואָרצלטן און איבער-געפּלאַנצטן קלאַסיציזם. ער איז געווען הויך געוואַקסן, עלעגאַנט און פליייסיק. ער איז געווען דער פּריצישער קאָלעקציאָנער אין דער לי-טעראַטור, אַזוי ווי באַיראָן איז געווען דער פּריצישער בּונטאָ-ישטשיק.

דאָס יאָרהונדערט הייבט זיך אָן מיט אַ באַטייטיקן אויפבלי פון פּאָעזיע, בפרט אין בריטאַניע. דאָס איז געווען אַ פּאָעזיע מיט איי-גענע כאַראַקטעריסטישע שטריכן. עס איז געווען אַ נייער אויפגעם פון

דער נאַטור, אַזוי ווי זי וואָלט שטיין אין אַן עמאַציאַנעלער שייכות מיטן מענטשן, אַן אומבאַוואוסטזיניקער ביטול צו דער אמונה אין אַן אומבאַגרענעצטע דערנענטערונג צו די טיפסטע כּוחות פון לעבן, אַזוי ווי כּמעט אומבאַמערקטערהייט וואָלט דער פּאָעט געוועזן אַרויס־געגאַנגען פון דער גאַנצער סיסטעם פון איינגעשטעלטע און אָנגענומענע מיינונגען און גלויבנס אין אַ פרייער וועלט אַרויס. די פּאָעטישע ווערק פון יענעם פּאָזיס האָבן בדרך כּלל געהאַט אַ דערציילערישן פּאַ־דעס, וואָס פון אים איז צייטנווייז געבליבן נאָר אַ שאָטן — און זיי האָבן זיך אַרומגעבלאָנקעט גראַציע, באַריידעוודיק, פאַרשיידנאַרטיק. שעלי (1792 — 1822), קיטס (1795 — 1821), וואָרדסוואָרט (1770 — 1850) זיינען די אויסגעצייכנטע נעמען פון דער דאָזיקער תּקופה פון ענגלישן פּאָעטישן אויסדרוק. דער פּאָעטישער אימפּולס איז אין דעם וויטערדיקן דור אונטערגעדריקט געוואָרן מיט אַ גרעסערער מעלאָדיש־קייט און שיינקייט און מיט ווייניקער טיפקייט דורך טעניסאָן (1809—1892), וואָס איז געוואָרן שטאַרק באַרימט, האָט געהנפעט דער קיניגין וויקטאָריע און איז געווען דער ערשטער צווישן די בריטישע פּאָעטן, וואָס איז געוואָרן געמאַכט פּאַר אַ פּער פאַר זיין פּאָעזיע. זיין Morte d'Arthur איז ראוי צו שטיין אין איין ריי מיט דער אַרכיטעקטור פון זיין צייט. די באַרימטקייט פון לאָנגפעלאָ (1807 — 1882) איז ניט געווען אַזוי פיל אַן אַמעריקאַנישער עקוויוואַלענט, ווי אַן אַמעריקאַ־נישער צו־להכעיס קעגן טעניסאָנען.

די פּראָזע־דערציילונג איז געוואַקסן פּאַמעלעכער און קעגן דעם ווידערשטאַנד פון דער שול, דער אַקאַדעמיע און קריטיק. צו ביסלעכווייז האָט די פּראָזע־פאָרם זיך אויסגעגליכט מיט דער פּאָעזיע, ביז זי איז איר אַריבערגעוואַקסן. דאָס האָבן מענטשן טאַקע מיט אַן אמת געלייענט, דאָס האָט די צייט פאַרלאַנגט. דאָס גרויסע פּראָזאַישע בוך מיט שילדערונגען פון לעבן, מיט אַ דערציילערישן אינהאַלט, ווי ראַבלע האָט שוין געהאַט פּיר־געצייכנט און פילדינג און סטערן האָבן דאָס ווייטער אַנטוויקלט אין זייערע נאָוועלעס, איז פּאַראַלעל דערגאַנגען צו פּאַר־פולקומונג און אַנערקענונג וואָס ווייטער אין יאָרהונדערט אַריין. צוזאַמען מיט דער גרויסער דערציילונג האָט זיך באַוויזן אַ קורצע נאָוועלע און קורצע מעשה.

די ערשטע נאָוועלעס זיינען געווען דערציילונגען פון געשעענישן און שטודיעס פון שטייגער. פעני בורני (1752 — 1840) פירט אונז צוריק צו דער וועלט פון ד"ר דזשאָנסאָן. דזשיין אָסטען (1775 — 1817), וואָס האָט געאַרבעט אין שמאָלע גרענעצן, האָט ווייטער געפירט די טראַדיציע פון ווייבלעכער אַכטגעבונג, פיין אויסגעדריקט. די ענגלישע נאָוועלע האָט בהדרגה זיך דורכגעריסן דורך צאַמען און באַגרענעצונגען פון דעם מין שילדערונג פון געפילן און לעבנסשטייגער, אין דער מאָס וואָס דער גייסט פון יאָרהונדערט האָט דורכגעריסן זיינע קייטן.

אַ זייער גרויסע און צענטראַלע פיגור אין דער אויסברייטערונג פון דער נאָוועלע איז געווען דער דייטשער שרייבער זשאַן פאַל ריכטער (1763 — 1825). זיין דערציילונג איז אַ פאָרעם פאַר בליציקע און שיינע אָפּטרעטונגען. אַ צווייטער גרויסער דייטשער שרייבער איז געווען היינע (1797 — 1856). ריכטער האָט שטאַרק געווירקט אויפן ענגלישן שרייבער טאָמאַס קאַרלייל. דורך קאַרליילן האָט די השפעה פון ריכטערן דערגרייכט צו טשאַרלז דיקענס (1812 — 1870) און דזשאָרדזש מערעדיט (1828 — 1909). טעקערי (1811 — 1863), דער גרויסער קאָנקורענט פון דיקענסן, האָט געוואַנדערט און פילאָסאָפירט אין אַ שטייגער, וואָס שטאַמט ניכער פון סטערן, איידער פון די דייטשן. טשאַרלז ריד (1814 — 1884) אין זיין „קלויסטער און האַרץ" שילדערט דעם נאָך לעבעדיקן קאַמף צווישן פּראָטעסטאַנטיזם און קאַטוליציזם אין אייראָפּע דורך דעם אַפּאַראַט פון אַ גרויסן ראָמאַן. סיי טעקערי און סיי קאַרלייל האָבן באַטראַכט דאָס לעבן ניט פשוט אין דער פאָרם פון דער פרייער פאַנטאַזיע, זיי זיינען געווען נוטה צו פאַרנעמען זיך מיט דער אויסטייטשונג פון היסטאָרישע פאַקטן. עס איז פאַראַן אַ נויטווענדיקע שייכות צווישן דער גרויסער נאָוועלע פון ענגלישן טיפּ מיט געשיכטע. קאַרליילס „פראַנצויזישע רעוואָלוציע" און זיין „פרידריך דער גרויסער" האָבן זיך געלייענט ווי נאָוועלעס, און שטאַרק האָט אויסגענומען ביים פּובליקום מאַקאָליי (1800 — 1859) מיט זיין געשיכטע פון שפּעטערן סטיואַרטישן פּעריאָד. אויב מען לייענט ניט געשיכטע אַ סך, איז דאָס מער די שולד פון די היסטאָריקער, איידער פון די לייענער.

אין פראנקרייך האט די זעלביקע נויטווענדיקייט, וואס האט פארברייטערט די ענגלישע נאוועלע און געמאכט זי פון א פשוטער מעשהלע א בילד און אויסטייטשונג פון לעבן, באגייסטערט באלזאקן (1797 — 1850) צו דער גרויסער שאפונג „די מענטשלעכע קאמעדיע". אויף א סך א נידעריקערער מדרגה פון אים האט זיין נאכמאכער זאלא (1840 — 1902) געשריבן זיין סעריע רוגאן-מאקאר, א גרופע נאוועלעס, וואס שילדערן דאס לעבן פון א פארמעגלעכער פראנצויזישער פאמיליע אין משך פון עטלעכע דורות. וויקטאר הוגא



טשארלז דיקענס.



וואלטער סקאט.

(1802 — 1885) שטייט פאר זיך, א רייכער, הייסטער, בלומענרייכער און אמאל פאלש בלישטשענדיקער גייסט, וואס האט מיט אימפעט געשאפן דראמעס, שירים, נאוועלעס און פאליטישע פאמפלעטן. נאר אין פראנקרייך האט די השפעה פון דער אקאדעמיע, די קלאסישע טראדיציע פון דער סכאלאסטישער דיסציפלין, הגם זי האט ניט געקאנט איינהאלטן די אויסנאמלעכע גייסטער, אבער אין גרויסן און גאנצן האט זי איינגעצאמט און דערשטיקט די דערציייל-קונסט. זי מוז האבן „פארם", האבן געזאגט די פעדאגאגן. זי מוז זיין „קארעקט".

זי טאָר ניט אָפּנייגן זיך אין אַ זייט. זי מוז זיין העכלעך אומפּערזענ־לעך אין אירע מאַנירן. אזוי אַרום איז די פראַנצויזישע נאָוועלע געווען געשטערט אין איר וועג צו די אומבאַגרענעצטע פרייהייטן פון עקס־פּערימענט, וואָס עס האָט געגאָסן די ענגלישע שול. אין די אזוי געשטעלטע גרענעצן איז פלאָבער (1821 — 1880) דער פיינסטער און צייטיקסטער פון די פראַנצויזישע שרייבערס.

טאָמאָס האַרדי (געבאָרן 1840), דער לעצטער פון די גרויסע נאָ־וועליסטן פון דער וויקטאָריאַנישער צייט, געהער גיכער צו דער פראַנצויזישער שול, איידער צו דער ענגלישער בעלעטריסטישער טראַ־דיציע. אין זיינע לעצטע יאָרן האָט ער זיך צעבונטעוועט קעגן די גרענעצן, וואָס ער האָט זיך אליין געשטעלט, האָט פאַרלאָזן אינגאַנצן די פאָרם פון נאָוועלעס און האָט אין „די דינאַסטן“, אַ שילדערונג פון דער גאַנצער נאַפּאָלעאָנישער אוואַנטורע אין דער פאָרם פון אַ דראַמע, אויסגעפירט זיין מייסטערשטיק, נאָר אַ באַוויז דערפאַר, ווי נאָענט עס איז דער גרויסער נאָוועליסט צו דעם אויסטייטשנדיקן היסטאָריקער.

איבער אַלע אייראָפּעישע לענדער איז די נאָוועלע אין אירע פאַר־שיידענע פאָרמען געקומען צו דער הערשאַפט אין דער ליטעראַ־טור. אומעטום איז געווען שטאַרק דער פאַרלאַנג צו וויסן עפּעס וועגן לעבן און וואָס קאָן זיך טרעפן אין אַלעבן. דאָס האָט די פאָרמעל איינגעענגטע פּאָעזיע ניט געקאָנט געבן, פון דער שטרע־בונג האָבן זיך אַנטוויקלט די פּראָזאַישע בעלעטריסטישע פאָרמען. באַזונדערס דייטשלאַנד, רוסלאַנד און די סקאַנדינאַווישע לענדער האָבן אַרויסגעבראַכט אַ גרויסע ליטעראַטור אין דער פאָרם. דער גרעסטער נאָמען צווישן אַ סך אויסגעצייכנטע דייטשע נאָוועליסטן איז גוסטאַוו פרייטאַג (1816 — 1895). נאָרוועגן האָט איר ביערנסאָן (1832 — 1900); רוסלאַנד אַ גאַנצע פּלעיאַדע גלענצנדיקע שרייבערס, פון גאָ־גאָל (1809 — 1852) ביז דאָסטאָיעווסקי (1821 — 1881), טורגעניעוו (1818 — 1883), טאָלסטאָי (1828 — 1910) און טשעכאָוו (גע־שטאָרבן 1904).

אָבער ניט אַלע לעזער פון 19טן יאָרהונדערט זיינען געווען אומ־געדולדיק און נייגעריק. אויסגעמישט מיט טיפן און קלאַסן, וואָס

זייער גייסט איז געווען אָנגעפילט מיט ספקות און שטרעבן צו פּראָגרעס, זיינען געווען טיפן און סאָציאַלע שיכטן, וואָס האָבן אַקטיוו זיך אַנטקעגנגעשטעלט קעגן פּראָגרעסיווע אידעעס. לעבן אַ גרויסער און וואַקסנדיקער ליטעראַטור, וואָס האָט געוועקט און גערופן צו מעשים, איז געווען אין איראָפּע און אַמעריקע אַ שלל געשריבענער מאַטעריאַל אויף פאַרשיידענער מדרגה פון טעכנישער שלמות, וואָס איז געווען באַשטימט צו ווײַלן, איינצושלעפערן און צו באַרויקן. מענטשן האָבן זיך צוגעוויינט צו לייענען, מען האָט געהאַט אַ סך צייט, און מען האָט באַגערט צו לייענען, און מען האָט געלייענט גיכער כדי איינצוהאַמעווען דאָס געמיט, אידער כדי צו שטאַרקן די אייגענע שטרעבונגען.

סער וואַלטער סקאָט איז אַ פיגור, וואָס זיין באַרימטקייט אין זיין צייט וועט שטאַרק פאַרחידושן די שפּעטערדיקע דורות, פּונקט ווי עס איז דער פאַל מיט לאָרד באַיראָן. ער האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע קאַריערע ווי אַ פּאָעט און האָט אָנגעשריבן צוויי לאַנגע, גלאַטע פּאָעמעס. דערנאָך האָט ער געשריבן אַ ריי היסטאָרישע ראָמאַנען, וואָס אין זיי האָט ער פאַרהערלעכט דעם ראָמאַנטישן עבר, אידעאַליזירט די געטריישאַפט פון דער מאָנאַרכיע, די רייכקייט פון דער טראַדיציע. דאָס איז גוואַלדיק געפעלן געוואָרן דעם אַדל און רייכע לייט, וואָס זיינען געווען באַאומרויקט דורך דער קאַלטער אומגעוויסהייט פון דעם היינט, וואָס האָלט זיך אין בייטן און שטעלן קשיות. ער איז געווען דער אָנהייבער פון אַ כוואַליע פון ראָמאַנטישער און בענקענישפולער בעלעטריסטיק ניט נאָר אין דער ענגלישרעדנדיקער וועלט, נייערט אויך אין גאַנץ איראָפּע.

אויפן קאָנטינענט זיינען די דאָזיקע צוויי שרייבערס, וואָס מען האָט זיי אויף אַן אויסטערלישן אופן איבערגעזעצט אָדער פּאַראַפראַזירט, אויסגענוצט געוואָרן ווי די סימבאָלן פון אַן אומבאַשטימטערברייטער כוואַליע פון השפעות, וואָס זיינען אין אַפּשטאַם פאַרפלאָנטערט, אָן אַ צוזאַמענהאַנג אין ציל און כאַראַקטער, און איצט צום גליק צעשפּרייט און אַוועק פון דער וועלט — דאָס וואָס מען האָט גערופן די ראָמאַנטישע באַוועגונג. זי האָט באַטייט מיטלעלטער, זי האָט באַטייט רייכע און בלומיקע פאַרבן, זי האָט באַטייט אַ זשעסט

פון אַוואַנטורע און ריטערלעכע וואָפן און אַ ביטול צו מאָדערנעם שטייגער און אינטערעסן. זי האָט באַטייט אינסטינקט קעגן שכל און עמאָציע קעגן וויסנשאַפט. איר טענדענץ צו אַן אַרכאַאיזירנדיקער שפּראַך איז געוואָרן איינגעהאַלטן דורך דער פּוילקייט פון אירע פאָרשטייער. זי האָט געהאַט מער דעם כאַראַקטער פון אַ שיכורער אָרגיע, מיט אַ געשלעג און פאַראַם צום סוף, איידער פון אַ פּאַזע פון אינטעלעקטועלן און עסטעטישן פּראָגרעס. זי איז געווען ניט נאָר קעגן די רעאַליטעטן פון איצטיקן לעבן, נייערט קעגן דעם קלאַ-



העניק איבסען.



לעוו טאָלסטאָי.

סישן עבר. זי איז געווען קאַטויליש, זי איז געווען אינדיווידואַליסטיש. זי האָט געמאַכט איפלעבן די פייען-מעשיות און האָט אַרומגעבראַדיעט אין געמלאכהטע לעגענדעס. זי איז געווען עפּעס: זי איז געווען, אַרום און אַרום, גאָרנישט.

אין דייטשלאַנד איז וועגן ראָמאַנטיזם געשריבן געוואָרן אָן אַ שיעור, נאָר ער איז דורכגעגאַנגען גאַנץ אייראָפּע. שעקספּירן האָט מען פאַררעכנט פאַר אַ ראָמאַנטיקער. עס איז געווען „אַ ראָמאַנטישע פילאָסאָפיע“ און אַ „ראָמאַנטישע טעאָלאָגיע“. אין ענגליש איז גע-

ווען א גרויסע פראדוקציע פון קאסטיום־נאוועלעס, א גייסטיקער פאראלעל צו דער ענגלישער אויפלעבונג פון דער גאטישער ארכיטעקטור. בערזע־מעקלערס און איינגעמאטערטע געשעפטסלייט האבן געקאנט פארגעסן זייערע געשעפטן און די פראגע, וואוהין זיי גייען, אויב זיי האבן אמאל געקלערט וועגן דעם, און האבן געחלומט וועגן גאלאנטע קרייצפארערס, זעלנערס, באנדיטן און טרייסטערס פון פארטרויערטע בתולות, וואס פיגורירן ווי די העלדן פון די דאזיקע געשיכטעס. זיי האבן ניט געהאט קיין פרעטענזיע צו אנאליזירן די ערשיינונגען פון דעם פעריאד, וואס די מעשה איז אין אים געשען, און זיין באטייט. דערין איז געווען איר רייץ. עס איז געווען אן אפרו פאר גייסטער, וואס האבן היים באגערט ניט צו טראכטן. די פסיכאלאגיע פון די העלדן איז געווען די פסיכאלאגיע פון די מענטשן פון פארמעגלעכן מיטל־קלאס, געלייטערט און אידעאליזירט.

ר. ל. סטיווענסאן (1850 — 1894), דער לעצטער פון דער שאטישער דינאסטיע פון ראמאנטישע שרייבערס, האט מודה געווען, אז ער קאן שרייבן בעסערע זאכן און האט זיך אנגערופן א גייסטיקן פראסטיטוירטן — און ער איז דאס טאקע געווען. די קאסטיום־נאוועלע איז געשריבן געווארן אויך אויפן קאנטינענט, זי איז אבער קיין מאל ניט געווארן קיין ערנסטע אינדוסטריע, אזוי ווי אין דער ענגליש ריידנדיקער סיסטעם, ווייל די האסטיקע אנטוויקלונג פון א לייענער פון פארמעגלעכן מיטל־קלאס איז אויפן קאנטינענט אויפגעקומען שפעטער און אונטער תנאים, ווען עס איז געווען א שטארק גייסטיק לעבן.

ווי גאר א נייעם אנטוויקלונגס פאזיס קאנען מיר באצייכענען דאס, וואס נאך א הפסקה אין דער וואוקס פון דער נאוועלע, האט זיך גענומען אנמערקן א טענדענץ צו גרופירן נאוועלעס אין טרילאגיעס אדער אויסציען די נאוועלע מיט המשכים אויף א גרעסערן פארנעם. די וויכטיקסטע צווישן די נייע גרויסע נאוועלעס איז „זשאן קריסטאף“ פון ראמען ראלאן (געבארן 1866), וואס איז געווארן פארעפנטלעכט אין צען בענד. נאענט פארבונדן מיט דער דאזיקער פארברייטערונג איז די דערשיינונג פון גרויסע ביכער אן פארם און אן ענד, וואו עס גייען אריין זכרונות, באמערקונגען, שילדערונגען; א טיפישער שרייבער פון דעם מין איז דער פראנצויז פרוסט (געשט. 1922).

אַ פיגור, וואָס שטייט כּמעט אַליין אין דער וועלט-ליטעראַטור פון דער תּקופה, איז אַנאַטאָל פראַנס (1844 — 1924), וואָס זיין כּע-ריע ראָמאַנען האָט אויך אַרויסגעוויזן די זעלביקע טענדענץ אַוועק-צושטעלן אַנשטאָט דעם אָפּגעזונדערטן ראָמאַן אַ שילדערונג פון לוי-פּיקע לעבנס-דערשיינונגען.

אַנצוהערענישן אויף דער דאָזיקער אַנטוויקלונג פון דער מאָ-דערנער נאָוועלע צו דער טענדענץ גרינג אַרומצונעמען און צו קרי-טיקירן דאָס לעבן און דעם קוק אויפן לעבן קאָן מען, בלי-ספק, גע-פינען אין דער ליטעראַטור פון די עלטסטע צייטן אָן, אָנגעהויבן



אנאטאל פראנס.

פון דעם „גאָלדענעם אייזל“. אָבער קיין איינע פון די דאָזיקע אַנצו-הערענישן האָט לויט איר פאָרם און מאַסשטאַב ניט דערגרייכט צו אַזאַ פאַרשיידנאַרטיקייט פון פאָרם און אינהאַלט, ווי די שריפטן פון 19טן יאָרהונדערט, וואָס דערנעענטערן זיך מער אָדער ווייניקער צו דער פאָרם פון אַ נאָוועלע, און קיין איינע האָט זיכער ניט געהאַט יענעם איינגעטימלעכן כאַראַקטער פון פרייען, פון קיין זאַך ניט גע-בונדענעם אורטייל אויף דעם לעבן אין כּלל און אין פּרט, וואָס צייכנט אויס דעם גייסט פון ניינצנטן יאָרהונדערט צווישן אַלע פריערדיקע פּאַזעס פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג.

די דראמע איז ביז אהער געווען אפגעהאנגען פון דער שטיצע פון אן איינגעזעסענער געזעלשאפט מיט פעסט איינגעשטעלטע הנ־לותן און מיינונגען, וואס האט געקאנט שטעלן רעגולערע סימפאטיזירנדיקע אוידיטאריעס. אין א יארהונדערט פון סאציאלער דעזארגאניזאציע אין איבערבוי זיינען די איינגעשטעלטע מנהגים פון גיין אין טעאטער בטל געווארן, און אין משך פון א האלבן יארהונדערט און מער זיינען גראד די מענטשן, וואס האבן געקלערט און געחקירהט זיך און געזוכט נייע זאכן, קוים געווען פארגעשטעלט צווישן טעאטער־פובליקום פון יענער צייט. דער אייראפעישער טעאטער האט דורכגעמאכט א פאזיס פון פלאכקייט און אנבאטייטקייט. ער האט מער ניט געהאלפן, פונקט ווי די פאפולערע ראמאנען און נאוועלעס, פארברענגען אנגענעם די צייט.

די פראנצויזישע דראמע איז געווען שיין, אבער פוסט. אין ענגלאנד איז די דראמע אויך געווען פוסט, אבער לחלוטין אזוי שיין. נאר פאוואליע און קעגן א גרויסער קריטישער אפאזיציע האבן די גרויסע כוחות און אידעעס זיך באוויזן אין דער דראמאטישער וועלט. דער נארוועגער איבסען (1828 — 1906) איז געווען די צענטראלע פיגור אין דעם צוריקקער פון דער דראמע צו דער באהאנדלונג פון דער מאדערנערווירקלעכקייט. פאוואליע האט בערנארד שאו (געבארן 1856) אין ענגלאנד זיך דורכגעקעמפט צו הערשאפט און ווירקונג קעגן דער שטייפער ענגלישער טראדיציע. צווישן די דייטשע דראמאטורגן פון דעם נייעם פאזיס פון קראפט און אויפריכטיקייט זיינען די ווichtiקסטע הויפטמאן (געבארן 1862) און זודערמאן (געבארן 1857). די מלחמה האט אויף א געוויסער צייט געשטערט דער דראמע, נאר דער סוף פון דער מלחמה האט באפרייט א סך לעבעדיקע און האפענונגסלאזע ענערגיע אויף ביידע זייטן אטלאנטיק. ביי היינטיקן טאג איז די סצענע סיי אין אייראפע און סיי אין אמעריקע אין א צושטאנד פון רייכקייט און מעכטיקער באנייונג.

ווען מיר ווענדן זיך צו דער אנטוויקלונג פון דער אמעריקאנישער ליטעראטור, מוזן מיר אונטערשיידן צוויי שארף ווידעראנאנדיקע פאזעס, די פאזע פון דער איבערהערשאפט פון אייראפע, ענגלאנד און פראנקרייך, און די פאזע פון באפרייונג. אין משך פון א לאנגן פע־

דיאַד איז די ליטעראַרישע אַקטיוויטעט פון אַמעריקע געווען קאָנצענטרירט אין ניי-ענגלאַנד און איז געווען נאָר אַ צווייג, הגם אַ מעכטיקער צווייג פון דער אַלגעמיינער ענגלישער און אייראָפּעישער ליטעראַטור. איר צענטער איז געווען באָסטאָן. די שרייבערס פון דיער פאַזע האָבן גערעדט כּסדר וועגן דער דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט, אָבער וואָס איז שייך דער פאָרם און מעטאָדע, האָבן זיי, קענטיק, ניט תּופס געווען, אַז די דעקלאַראַציע איז טאַקע געווען אַ פאַקט. אַמעריקע האָט איר באַזונדער גוסט. זי האָט גיכער געקאָנט



בערנארד שאָו.

אויפנעמען קאַרליילן, ווי ענגלאַנד. אין די עסעיס פון עמערסאָן (1803—1882) האָט געקלונגען אירע אַן אייגענע נאָטע. נאָר לאָנגפעלאָ איז געווען פּשוט אַן ענגלישער פּאָעט, וואָס איז צופעליק געבאָרן אין אַמעריקע און וואָס האָט געשריבן אויף אַמעריקאַנער טעמעס. עדגאַר עלען פּאָ (1809 — 1849) איז געווען ווינציקער ענגליש, ווי אייראָפּעיש אין זיינע מעטאָדן. הענרי דזשיימס (1843 — 1916) איז געווען אַן אַמעריקאַנער, וואָס האָט געשריבן ניט ווי אַן ענגלענדער און ניט ווי אַן אַמעריקאַנער, נייערט ווי אַן אַמעריקאַנער, וואָס איז

איבערגעזעצט געווארן אין אייראפעישע תנאים; זיין סצענע איז תמיד אייראפע, און זיין באליבטע טעמע איז דער צונויפשטויס פון אנאיוון אמעריקאנער מיט די פלאנטערנישן פון די עלטערע ציוויליזאציעס. אפשר דער צום מיינסט אמעריקאנישער שרייבער לויט זיין עצם מהות איז געווען מארק טווען (1835 — 1910).

ערשט מיטן אנהייב פון נייעם יארהונדערט האבן די אמעריקאנער שרייבער ווי א קערפערשאפט זיך גענומען אנצופאלן אויף די ערשיינונגען פון דעם נייעם סאציאלן לעבן אין אמעריקע און פון זיינע פראבלעמעס מיט אן ערך דער זעלביקער אומבאגרענעצטער מאכט, ווי די בעסטע אייראפעישע טראדיציע. אזעלכע ביכער ווי „מעין סטריט“ און „בעביט“ פון סינקלער לויס באווייזן אן אמעריקאנער אינטעליגענץ, וואס איז אינטערעסירט דירעקט אין פשוט אין אמעריקע און קוקט מער ניט ארויס קיין מזרח, צו זוכן דארט מעטאדן און שטארקונג. אמעריקאנישע פאעזיע און בעלעטריסטיק איז געווארן כמעט אגרעסיוו אומאפהענגיק, און אזעלכע קריטיקער ווי מענקען זוכן צו מאכן אן איינדרוק אויף דער וועלט מיט זייער אויסגעצייכנטער פרישקייט און צארטקייט פון זינג, מיט ערנסטקייט און גרויס קראפט און אויסדרוק. אזעלכע שרייבערס ווידער ווי שערוואוד ענדערסאן און דזשיימס בראנטש קעבעל אנטפלעקן א נייקייט און קראפט פון איניציאטיווע, וואס איז פול מיט צוזאגן. הגם ביז איצט זיינען נאך ניט צו פארצייכענען קיין גאר גרויסע נעמען אין דער מאדערנער אמעריקאנישער ליטעראטור און ניט קיין זייער א פולע פארענדיקטע דערגרייכונגען, פונדעסטוועגן, ווען מען נעמט אין אכט די רייכקייט און די שפע און די שפעדיקע נייגעריקייט פון דעם גרויסן לייענעדיקן פובליקום דארט, איז שווער צו גלויבן, אז עס זאל באלד זיך ניט באווייזן א באטייטיקע מאסע פון ליטעראַרישע ווערק פון דער ערשטער מדרגה, אויף באפרידיקן די באדערפענישן פון דעם אמעריקאנער לעזער־פובליקום.

עס איז ביי היינטיקן טאג ניט גרינג פאר אן אייראפעישן שרייבער אפצושאצן דעם כאראקטער פון דער ליטעראַרישער אקטיוויטעט פון אינדיע אין משך פון לעצטן יארהונדערט. די טענדענץ פון דער

ענגלישער רעגירונג איז צו איגנאָרירן אָדער אָראָפּצודריקן די אינ-טעלעקטועלע כּוחות פון די אינדער, און עס זיינען פאַראַן ווינציק איבערזעצונגען פון דער זייער באַטייטיקער צאָל געשיכטעס און נאָ-וועלעס פון מאָדערנעם לעבן, וואָס זיינען אַרויס אין די אינדישע שפּראַכן די לעצטע יאָרן. ראַבּינדראַנאַט טאַגאָרע (געבאָרן 1861) איז ברייט באַוואוּסט אין מערב, אָבער מער ווי אַ פּאָעט, איידער ווי אַ נאָוועליסט אָדער פּובּליציסט. דער מזרח גייט קענטיק נאָך דעם מערב אין זיין עקאָנאָמישער און סאָציאַלער אַנטוויקלונג, און היות ווי די נייע



מאַרק טווען (סעמיואל ל. קלעמענס).



טאָמאַס האַרדי.

כּוחות, וואָס האָבן געשאַפֿן דעם ראָמאַן, די נאָוועלע, די קורצע דערציילונג און די קורצע לירישע ליד, די לעבעדיקע פאָרמען פון ליטעראַרישן אויסדרוק אין מערב, ווירקן אויך אין אַזיע, וועלן זיי מסתּמא אַרויסברענגען דאָרט ענלעכע רעזולטאַטן. אין יאַפּאַן און כינע גייט צו אַ זייער גרויסע אינטעלעקטועלע יוירונג. די קונסט און די אָר-גאַניזאַציע פון איבערזעצונג און אויסטייטש צווישן מזרח און מערב איז נאָך ניט-אַנטוויקלט און רוי, אָבער זיי ווערן האַסטיק אויסגעבעסערט און פאַרברייטערט. עס איז מסתּמא ניט ווייט מער די צייט, ווען לכל-הפּחות פּראָזע-שרייבערס, אויב ניט לירישע פּאָעטן, וועלן באַלד

פון אנהייב אן פון זייער קאריערע זיך ווענדן צו א וועלט־בריטער אוידיטאריע.

די וויסנשאפטלעכע פארשונג, דער פילאסאפישער געדאנק, די אלגעמיינע ליטעראַרישע אקטיוויטעט פון דעם פעריאד איז געהן א סך רייכער, א סך העכער אין זיין אלגעמיינעם כאראקטער און איז דערגאנגען צו א סך מער מענטשן און צו א סך א גרעסערן טייל פון דער באפעלקערונג פון דער וועלט, איידער ווען עס איז פריער. און עס איז ניטא קיין סימן, אז די דאזיקע זיך אלץ מער פארברייטערנדיקע גייסטיקע שטרעבונג זאל באגעגענען וואו אן ערנסטן שטער.

# אינהאַלט פון Vטן באַנד

## בוך VIII. די תקופה פון די גרויסע מלוכות


קאַפּ. 34. פּירשטן, פּאַרלאַמענטן און גרויס־מלוכות — זייט

1. פּירשטן אין אויסוויינעקסטע פּאָליטיק . . . . 7
2. די האָלענדישע רעפּובליק . . . 12
3. די ענגלישע רעפּובליק . . . . 17
4. אויפרייס און מהומות אין דייטשלאַנד . . 35
5. דער גלאַנץ פון דער גרויסער מאָנאַרכיע אין איראָפּע . 40
6. מוזיק אין זיבעצנטן און אכצנטן יאָרהונדערט . . . 55
7. מאָלעריי פון זיבעצנטן און אכצנטן יאָרהונדערט . . 58
8. דער וואוקס פון דער אידעע פון גרויס־מלוכות . . 61
9. די געקרוינטע רעפּובליק אין פּוילן און איר גורל . . 69
10. דער ערשטער געשלעג פאַר אַן אימפּעריע איבער ימים . 74
11. בריטאַניע באַהערשט אינדיע . . . . 79
12. דער מאַרש פון רוסלאַנד צום שטילן אָקעאַן . . 84
13. וואָס האָט גיבאָן געקלערט וועגן דער וועלט אין יאָר 1780 87
14. דער סאָציאַלער וואַפנשטילשטאַנד האַלט ביים סוף . 98

קאַפּ. 35. די נייע דעמאָקראַטישע רעפּובליקן פון אַמעריקע און פראַנקרייך

1. צרות פון דער סיסטעם פון גרויס־מלוכות . . . 111
2. די דרייצן קאָלאָניעס און זייער אויפשטאַנד . . . 114
3. בירגערקריג אויפגעצוואונגען די קאָלאָניעס . . . 120
4. דער קריג פאַר אומאָפּהענגיקייט . . . 128
5. די קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן . . 131
6. פּרימיטיווע שטריכן אין דער קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן . . . . . . 140
7. רעוואָלוציאָנערע אירעס אין פראַנקרייך . . . 149
8. די רעוואָלוציע פון יאָר 1789 . . . . 154
9. די פראַנצויזישע „געקרוינטע רעפּובליק" פון 1789—1791 . 159
10. די רעוואָלוציע פון די יאַקאָבינער . . . . 171
11. די יאַקאָבינער רעפּובליק 1792—1794 . . . . 185

זייט

12. די דירעקטאָריע . . . . . . . 193
13. די הפסקה אין דעם איבערבוי און דער באַגינען פון מאָדער־
נעם סאָציאַליזם . . . . . . . 198

## קאַפּ. 36. די קאַריערע פון נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט

1. די פאַמיליע באָנאַפּאַרט אין קאָרסיקע . . . . 211
2. באָנאַפּאַרט — אַ רעפּובליקאַנישער גענעראַל . . . 212
3. נאַפּאָלעאָן דער ערשטער קאָנסול, 1799—1804 . . 220
4. נאַפּאָלעאָן I, קיסר, 1804—1814 . . . . 228
5. די הונדערט טעג . . . . . 240
6. די קאַרטע פון אייראָפּע 1815 . . . . . 246
7. סטיל אַמפּיר . . . . . . . 253

## קאַפּ. 37. ווירקלעכקייט און פאַנטאַזיע פון ניינצנטן יאָר־הונדערט

1. די מעכאַנישע רעוואָלוציע . . . . . . 254
2. די שייכות פון דער מעכאַנישער רעוואָלוציע צו דער אינדוס־
סטריעלער רעוואָלוציע . . . . . . 270
3. די יורונג פון אידעעס, 1848 . . . . . 279
4. די אַנטוויקלונג פון דער אידעע פון סאָציאַליזם . 283
5. חסרונות פון סאָציאַליזם, ווי אַ פּלאַן פאַר דער מענטשלעכער
געזעלשאַפט . . . . . . . . 295
6. ווי אַזוי דער דאַרוויניזם האָט געווירקט אויף רעליגיעזע
און פּאָליטישע אידעעס . . . . . . 304
7. די אידעע פון נאַציאָנאַליזם . . . . 316
8. די גרויסע אויסשטעלונג פון 1851 . . . 322
9. די קאַריערע פון נאַפּאָלעאָן III . . . . 324
10. לינקאָלן און דער בירגערקריג אין אַמעריקע . . . 335
11. דער רוסיש־טערקישער קריג און דער בערלינער טראַקטאַט . 348
12. דער (צווייטער) געשלעג פאַר דער אימפּעריע אויף יענער
זייט ים . . . . . 349
13. דער אינדישער פּרעצעדענט אין אזיע . . . 361
14. די געשיכטע פון יאַפּאַן . . . . 366
15. דער סוף פון פּעריאָד פון אויסשפּרייטונג איבער ימים . 373
16. די בריטישע אימפּעריע 1914 . . . . 375
17. מאָלעריי, סקולפּטור און אַרכיטעקטור אין ניינצנטן יאָרהונדערט 378
18. מוזיק אין ניינצנטן יאָרהונדערט . . . . 387
19. דער אויפשטייג פון דער נאָוועלע צו פאַרהערשאַפט אין דער
ליטעראַטור . . . . . . . 390

# אילוסטראַציעס צום באַנד V

זייט


| | |
|---|---|
| פראַנץ I, קיניג פון פראַנקרייך | 10 |
| מאָליער | 18 |
| אָליווער קראָמוועל | 23 |
| אָליווער קראָמוועל צעטרייבט דעם „לאַנגן פּאַרלאַמענט" | 26 |
| וואָלטער | 32 |
| אלברעכט פאָן וואלענשטיין | 39 |
| גוסטאַוו אדאָלף, קיניג פון שוועדן | 44 |
| זשאַן זשאַק רוסאָ | 48 |
| סעמיועל ריטשאַרדסאָן | 51 |
| לודוויק XIV, קיניג פון פראַנקרייך | 54 |
| יאָהאַן סעבאַסטיאַן באַך | 57 |
| אלעסאנדרא סקארלאטי | 57 |
| טאדעוש קאָסציושקאָ | 67 |
| די טיילונגען פון פוילן (קארטעס) | 73 |
| וו. א. מאָצאַרט | 77 |
| ל. בעטהאָווען | 82 |
| סארא סידאָנס, די טראגישע אקטריסע | 88 |
| דער שלאָס פון ווערסאַיל | 91 |
| דער היסטאָריקער עדווארד גיבאָן | 101 |
| וואָרען האַסטינגס | 109 |
| די שלאַכט פון לעקסינגטאָן | 121 |
| דזשאָרדזש וואשינגטאָן האלט א רעדע | 128 |
| בענדזשאַמין פראנקלין | 132 |
| מאריע אנטואנעט, קיניגין פון פראנקרייך | 143 |
| לודוויק XVI, פראַנצויזישער קיניג | 150 |
| די שבועה אויפן טעניס-פּלאַץ | 156 |
| דער שטורעם פון באַסטיל | 163 |
| דער מארש פון די פרויען קיין ווערסאַיל | 169 |
| רוזשע דע ליל זינגט די מארסעליעזע | 179 |
| מאראַ, ראָבעספּיער | 188 |
| דער טעראָר | 194 |

זייט


נאפאָלעאָן אין עגיפּטן . . . . . . . . 205
די שלאכט פון נילוס . . . . . 219
קיסר נאפּאָלעאָן I . . . . . . . . 224
ביים הויף פון קיסר נאפּאָלעאָן . . . . . . 229
אויפן צוריקוועג פון מאָסקווע . . . . . . 237
אַלכּסנדר I . . . . . . . . . 239
טאַליראַן . . . . . . . . . 245
נאפּאָלעאָן אויף ס"ט העלענע . . . . . . 250
דער ערשטער לאָקאָמאָטיוו, 1804 . . . . . 256
א דאמפער פון 1801 . . . . . . . 260
א לאָקאָמאָטיוו, 1831 . . . . . . . 263
לאָקאָמאָטיוו פון 1825 אין פארגלייך מיט א נייעם . . . . 268
אַ דאמפער פון 1838 . . . . . . . 272
ראָבערט אָוועז . . . . . . 282
קאַרל מאַרקס . . . . . . . . 293
נ. לענין . . . . . . . . 299
ל. טראָצקי . . . . . . . 306
טש. דארווין . . . . . . . . 311
א. לינקאָלן . . . . . . . . . 339
אטאקע אויף פּאָרט-ארטור . . . . . 371
געמעל פון גאָיא . . . . . . . 375
געמעל פון קאָרא . . . . . . 379
געמעל פון ראָסעטי . . . . . . . 382
ראדירונג פון וויסלער . . . . . . . 384
דער קאפּיטאַל . . . . . . . 386
פראַנץ שובערט . . . . . . . . 388
וואגנער . . . . . . . . 389
ליסט . . . . . . . . . . 389
עמערסאָן . . . . . . 391
באלזאק . . . . . . . . . 391
דיקענס . . . . . . . . . 393
סקאָט . . . . . . . 393
איבסען . . . . . . . . . 397
טאָלסטאָי . . . . . . . 397
אַנאטאָל פראַנס . . . . . . . . 399
בערנארד שאָו . . . . . . . 401
מארק טווען . . . . . . . . 403
ט. הארדי . . . . . . . . . 403

הערבערט וועלס

# וועלט=געשיכטע

פון דער פינפטער ענגלישער אויסגאַבע מיט
הערות און דערקלערונגען ז. קלמנאָוויטש

מיט פיל אילוסטראַציעס

ווילנע — 1930
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

הערבערט וועלס

# וועלט־געשיכטע

באַנד VI

ווילנע — 1930
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

ווילנער פארלאג
ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

H. WELLS — „WELT - GESZICHTE“

Drukarnia „Wydawnictwo Wilenskie“ B. Kleckina, Wilno

## קאפיטל 38

# די קאטאסטראפע פון מאדערנעם אימפעריאליזם

1. דער באוואפנטער שלום פאר דער גרויסער מלחמה. 2. די קיסרלעכע דייטשלאנד. 3. דער גייסט פון אימפעריאליזם אין בריטאניע און אירלאנד. 4. דער אימפעריאליזם אין פראנקרייך, איטאליע און אין די באלקאן=לענדער. 5. רוסלאנד א גרויס=מאנארכיע. 6. די פאראייניקטע שטאטן און די אירעע פון אימ=פעריאליזם. 7. די דירעקטע סיבות פון דער גרויסער מלחמה. 8. אן איבערבליק איבער דער גרויסער מלחמה ביז 1917. 9. די גרויסע מלחמה פון דעם רוסישן איינבראך ביז צום וואפנשטילשטאנד.

אין משך פון 36 יאר נאכן אפמאך פון סאן סטעפאנא און דעם בערלינער קאנגרעס האט אייראפע איינגעהאלטן שלום צווישן אירע גרענעצן. אין משך פון אט דעם פעריאד איז ניט געווען קיין מלחמה צווישן די הויפט=מלוכות. זיי האבן זיך געקריגט, געבראוגזט זיך מיט אנאנד, געסטראשעט איינער דער צווייטער, אבער צו פאקטישע פיינדלעכע מעשים איז ניט געקומען. נאך 1871 איז געווען אן אלגעמיינע פארשטעלונג, אז א מאדערנע מלחמה איז א סך אן ערנסטערע זאך, ווי די קריג פון די פראפעסיאנעלע זעלנערס אין 18טן יארהונדערט; איצט איז א מלחמה אן אנשטרענגונג פון גאנצע פעלקער, וואס קאן זייער שטארק צעטרייסלען דאס גאנצע סאציאלע געבוי, און דערפאר האט מען זיך שטארק געהיט ניט אנצוהייבן קיין קריג. די מעכאנישע רעוואלוציע האט געגעבן כסדר אלץ מעכטיקערע (און אלע טייערער קאסטנדיקע) געווער אויף דער יבשה און

אויפן ים און אלץ גיכערע מעטאדן פון טראנספארט; אלץ ווינציקער איז געווארן מעגלעך צו פירן קריג אן איבערצוקערן אינגאנצן דאס עקאנאמישע לעבן פון דער געמיינשאפט. אפילו די אויסערן־מיניסטעריומס האבן געשפירט א שרעק פאר קריג.

אבער הגם מען האט מורא געהאט פאר קריג, ווי מען האט פריער אין דער וועלט קיין מאל ניט מורא געהאט, בונדעסטוועגן איז קיין זאך ניט געטאן געווארן, כדי איינצושטעלן עפעס א פאראייניקטן קאנטראל, וואס זאל פארהיטן, עס זאל ניט קומען צו קריג צווישן מלוכות. אמת, אין יאר 1898 האט דער יונגער צאר ניקאלאי II (1894 — 1917) ארויסגעלאזט א פארבעטונג צו די אנדערע גרויס־מלוכות זיך צונויפצוקומען אויף א קאנפערענץ פון מלוכות, „כדי צו זוכן די וועגן, ווי אזוי מען ברענגט די גרויסע אידעע פון אל־געמיינעם שלום צו א ניצחון איבער די עלעמענטן פון מהומות און קריגערייען“. די דאזיקע פארבעטונג דערמאנט אן דער דעקלאראציע פון דעם רוסישן קיסר אלכסנדר I, וואס האט געגעבן דעם טאן אין הייליקן בונד, און זי ליידט פון דעם זעלביקן פעלער, מחמת זי איז אויך משער, אז שלום קאן איינגעשטעלט ווערן גיכער צווישן סוווערענע רעגירונגען, איידער דורך א ברייטער ווענדונג צו די באדערפענישן און רעכט פון א געאייניקטער מענטשהייט. די אייראפעער, וואס האבן געפרווט איינשטעלן שלום, האבן אינגאנצן פארזען דעם ביישפיל פון די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע, וואס האט געוויזן, אז עס קאן ניט געמאלט זיין קיין אייניקייט פון טאן און ניט קיין שלום, ביז דער געדאנק וועגן „פאלק פון ווירדזשיניע“ אדער „פאלק פון מאסאטשוזעטס“ איז ניט אינגאנצן פארדרוקט אן א זייט דורך דעם געדאנק וועגן „פאלק פון די פאראייניקטע שטאטן“.

עס זיינען אפגעהאלטן געווארן אין האג אין האלאנד צוויי קאנפערענצן, איינע אין יאר 1899 און די צווייטע, וואס אויף איר זיינען געווען פארגעשטעלט כמעט אלע סוווערענע מלוכות אין דער וועלט, אין יאר 1907. געקומען אויף די קאנפערענצן זיינען דיפלאמאטן, און זייערע באראטונגען האבן זיי ניט געפרעגט קיין עצות ביי די הויכע אינטעליגענטן פון דער וועלט. דער פשוטער מאסן־מענטש האט אפילו ניט געוואוסט, אז אזעלכע קאנפערענצן ווערן

אפעהאלטן. די פארזאמלטע פארשטייער האבן על-פי-רוב געדונגען זיך מיט שפיצלעך און הינטערגענגלעך איבער פארשיידענע פונקטן, וואס זיינען נוגע דעם קריג, בעת די אלגעמיינע פראגע וועגן אפשאפן מלחמות אינגאנצן האבן זיי געלאזן אן א זייט, ווי א פוסטן חלום. די דאזיקע האגער קאנפערענצן האבן גארנישט ניט איפגעטאן בכדי צו פארטרייבן די אידעע, אז אינטערנאציאנאל לעבן מוז ניט אנדערש זיין קאנקורענץ און פיינדשאפט. אדרבא, זיי האבן די דאזיקע אידעע אנגענומען. זיי האבן גארנישט ניט געטאן אויף צו אנטוויקלען די אידעע פון א וועלט-רעפובליק, וואס שטייט איבער אלע סווערענען און אויסערן-מיניסטעריומס. די אינטערנאציאנאלע יוריסטן און מלוכה-מענער, וואס זיינען געקומען צו די דאזיקע פארזאמלונגען, זיינען פונקט אזוי ווינציק נוטה געווען צו שטרעבן צו א וועלט-רעפובליק אויף אזא יסוד, ווי די פרייסישע מלוכה-לייט פון 1848 האבן געהאט חשק צו אנערקענען אן אלגעמיין דייטשן פארלאמענט, וואס זאל איבערשטייגן די רעכט און די „פאליטיק" פון דעם פרייסישן קיניג.

אין אמעריקע זיינען דריי פאן-אמעריקאנישע קאנגרעסן, וואס זיינען אפגעהאלטן געווארן אין די יארן 1889, 1901 און 1906, געקומען צו א פלאן פון אן אינטערנאציאנאלן בוררים-געריכט פארן גאנצן אמעריקאנער קאנטינענט.

מיר ווילן דא ניט מאריך זיין אין חקירות וועגן דעם, צי האט טאקע ניקאלאי II ערלעך געמיינט שלום מיט די דאזיקע האגער פארזאמלונגען, וואס ער האט אויפגעטאן. עס קאן זיין, אז ער האט געקלערט, אז די צייט ארבעט סיי ווי סיי פאר רוסלאנד. אבער קיין שום ספק קאן ניט זיין, אז די גרויס-מלוכות האבן בדרך כלל ניט געוואלט זיך אויסמעלן א פלאן וועגן דער צונויפגיסונג פון די סווערענע מלוכות. זייער פארלאנג איז געווען ניט אפצושטעלן די אינטערנאציאנאלע קאנקורענץ-קאמפן, וואס זייערע אקוטע מאמענטן זיינען די בלוטיקע מלחמות, נאר ניכער האבן זיי געוואלט העלוועלער מאכן דעם קריג, וואס איז געווארן צו טייער. איטלעכער האט געוואלט פארשפארן די איבעריקע הוצאות פון די קלענערע סיכסוכים און קאנפליקטן און איינשטעלן אזעלכע אינטערנאציאנאלע קריגס-געזעצן,

וואס האבן געקאנט שטערן מער שרעקלעכע שונאים בעת דער קריגס=צייט, נאר אליין זאל מען קיין שוועריקייטן ניט האבן. דאס זיינען געווען די פראקטישע צוועקן, וואס זיי האבן געזוכט אויף דער האַגער קאנפערענץ. דאס איז געווען א פארזאמלונג, וואס א סך זיינען אויף איר געקומען, כדי צו טאָן צו=ליב ניקאלאי דעם צווייטן, פונקט ווי די מאנארכן פון אייראפע האבן זיך געחתמעט אויף די עוואנגעלישע פארשלאגן פון קיסר אלכסנדר I. און ווייבאלד אז זיי זיינען שוין יא געקומען, האבן זיי געפרווט ארויסציען דעם נוצן, וואס זיי האבן לויט זייערע השגות געקאנט ארויסציען.

---

## 2. די קיסרלעכע דייטשלאנד.

דער שלום פון פראנקפורט האט איבערגעלאזט דייטשלאנד פארפרייסישט און געאייניקט, אזוי אז זי איז געווארן די שרעקלעכסטע צווישן אלע גרויס=מלוכות אין אייראפע. פראנקרייך איז געווען דערנידעריקט און צעקאליעטשעט. דאס, וואס זי איז ווידער געווארן א רעפובליק, איז אין פלוק געווען עלול זי צו לאזן אן פריינד ביי די אייראפעישע הויפן. איטאליע איז נאך געווען יונג און שוואך. עסטרייך איז איצט געווען געפאלן צום מצב פון א פארבינדעטן פון דייטשלאנד, וואס האט געמוזט מיטמאכן איר פאליטיק. רוסלאנד איז געווען גרויס, אבער ניט=אנטוויקלט. און די בריטישע אימפעריע איז געווען מעכטיק נאר אויפן ים. אויסער אייראפע איז געווען נאר איין מאכט, וואס האט געקאנט זיך פארמעסטן מיט דייטשלאנד — דאס איז געווען די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע, וואס זיינען אויסגעוואקסן צו א גרויסע אינדוסטריעלע מלוכה, זי האט אבער ניט געהאט קיין ארמיי און קיין פלאט, וואס זאל האבן עפעס א באטרעף לויטן אייראפעישן מאסשטאב.

די נייע דייטשלאנד, וואס איז געווען פארקערפערט אין דער אימפעריע, וואס איז געשאפן געווארן אין ווערסאַיל, איז געווען א געפלאנטערט און הידושדיק געמישעכץ פון די פרישע אינטעלעקטועלע און מאטעריעלע כוחות פון דער וועלט מיט די שמאלסטע פאליטישע טראדי=

ציעס פון דער אייראפעישער סיסטעם. אין דייטשלאנד איז פאלקס-בילדונג געווען אנטוויקלט אין א גרויסער מדרגה, מער ווי אין אנדערע מלוכות; אלע אירע שכנים און קאנקורענטן האבן איר נאכגעמאכט אין דעם פרט.

עס איז כדאי, אז ענגלענדער זאלן האלטן אין זינען, אז דעם ערשטן שטופ צו אנטוויקלען פאלקסבילדונג אין א מאדערנעם מאסשטאב האט ענגלאנד צו פארדאנקען דעם דייטשן פרינץ, דעם מאן פון דער קיניגין וויקטאריע, און דער דייטשער קאנקורענץ. דער הערשנדיקער קלאס אין ענגלאנד איז אלע מאל געווען אזוי געמיין, אז ער האט ניט פארגונען די נידעריקע פאלקס-מאסן דאס ביסל בילדונג, עס האט דערביי ניט געהאלפן ניט דער פאטריאטישער שטאלץ און ניט קיין אידעלער אימפולס. אבער איצט האט די מורא פאר דער וואקסנדיקער מאכט פון דייטשלאנד געצוואונגען איך דעם ענגלישן דזשענטלמען צו טאן עפעס פאר פאלקס-בילדונג. און דייטשלאנד האט זיך גענומען פאר דער ארגאניזירונג פון וויסנשאפטלעכער אויספארשונג און פאר דער אנווענדונג פון די וויסנשאפטלעכע מעטאדן צו דער אינדוסטריעלער און סאציאלער אנטוויקלונג מיט אזא געטריישאפט און ענערגיע, ווי קיין איין געמיינשאפט האט אזוינס פריער ניט באוויזן.

אין משך פון גאנצן פעריאד פון באוואפנטן שלום האט זי געשניטן און ווידער געזייט און ווידער געשניטן די גערעטעניישן פון פריי פארשפרייטן וויסן. זי איז גיך אויסגעוואקסן צו א גרויסער אינדוסטריע- און האנדלס-מאכט. איר שטאל-פראדוקציע האט אריבערגעשטייגט די ענגלישע. אויף הונדערט נייע געביטן פון פראדוקציע און קאמערציע, וואו אינטעליגענץ און סיסטעם האבן געהאט מער באטרעף, ווי די פשוטע גערינגקייט פון א סוחר, אין דער אויסארבעטונג פון אפטישע גלעזער, פון פארבן און א גרויסער צאל כעמישע פראדוקטן, אין אן א שיעור נייע פראצעסן, איז זי געווען די ערשטע אין דער וועלט.

דעם ענגלישן פאבריקאנט, וואס איז געווען געוויינט, אז די ערפינדונגען זיינען ווי פון זיך אליין אריינגעקומען אין זיינע פאבריקן—

ער האָט ניט געוואוסט פון וואַנען און פאַרוואָס — און האָבן זיך ווי געבעטן, ער זאָל זיי אָנווענדן, האָט די נייע דייטשע מעטאָדע פון אָנשטעלן וויסנשאַפטס־מענטשן און צאָלן זיי, אויסגעוויזן זייער ניט קיין פיינער דרך. ער האָט דאָס געשפירט, ווי זיין קאָנקורענט וואָלט גענומען דעם מזל איבער געוואַלד. דאָס איז געווען אַזוי ווי צוטאַשן קאָרטן. דאָס האָט געהייסן לאָזן עפעס אַ קלאַס פאַרשלומפערטע אינטעליגענטן זיך אַריינמישן אין די ענינים פון ראַעלע ביזנעס־לייט. וויסנשאַפט איז געקומען פון דער פרעמד און איר ערשטער היים איז אַ ניט געליבט קינד. די גלענצנדיקע כעמישע אינדוסטריע אין דייטשלאַנד האָט אויסגעבויט דער ענגלענדער סער וויליאַם פערקין, וואָס האָט ניט געקאָנט געפינען קיין „פראַקטישן" ענגלישן „געשעפטסמאַן", וואָס זאָל אים אונטערהאַלטן.

דייטשלאַנד האָט אויך אויסגעטראָטן דעם וועג אין אַ סך פאַרמעגן פון סאָציאַלער געזעצגעבונג. דייטשלאַנד האָט פאַרשטאַנען, אַז אַרבעט איז אַ נאַציאָנאַלער פאַרמעגן, און אַז דורך אַרבעטסלאָזיקייט ווערט דער אַרבעטער־קלאַס דערנידעריקט, דעריבער מוז מען, צוליב דער טובה פון כלל, זאָרגן פאַרן אַרבעטער־קלאַס אויך אויסער די פאַבריקן. דער ענגלישער אונטערנעמער האָט נאָך געלעבט אין דעם טעות, אַז אויסער דער פאַבריק האָט דער אַרבעטער ניט וואָס צו טאָן, און וואָס ערגער עס וועט זיין דער מצב פון אַרבעטער אין דער היים, אַלץ בעסער איז דאָס פאַרן פאַבריקאַנט. חוץ דעם, איז ער, מחמת ער איז בדרך כלל געווען אַן אומגעבילדעטער מענטש, געווען עקסט אינדיווידואַליסטיש געשטימט. אַ טעמפער קאָנקורענץ־געפיל האָט אים אינגאַנצן באַהערשט: ער האָט פיינט געהאַט זיינע קאָלעגן פאַבריקאַנטן, פונקט ווי ער האָט פיינט געהאַט זיינע אַרבעטער און זיינע קונדן. פאַרקערט, די דייטשע פראָדוצירערס זיינען געווען איבערצייגט, אַז פאַראייניקונג און העלפלעכקייט ברענגט זיי גרויסע נוצן. זייערע אונטערנעמונגען האָבן געהאַט די טענדענץ זיך צונויפצוגיסן און אָנצונעמען אַלץ מער און מער דעם כאַראַקטער פון נאַציאָנאַלע אונטערנעמונגען.

אָט די דייטשלאַנד, מיט איר פאָלקס־בילדונג, וויסנשאַפט און אָרגאַניזאַציע איז געווען די נאַטירלעכע אַנטוויקלונג פון דער ליבעראַלער דייטשלאַנד פון 1848. אירע וואָרצלען האָבן געשטעקט

זייט צוריק אין דער אויפריכט-אנשטרענגונג, וואס האט זיך באוויזן נאך דער נאפאלעאנישער באצווינגונג. אלץ, וואס איז געווען גוט און גרויס אין דער מאדערנער דייטשלאנד, האט זי געהאט צו פארדאנקען אירע פאלקסשול-לערער.

נאר דער דאזיקער גייסט פון ארגאניזירטער וויסנשאפט איז געווען נאר איינער פון די צוויי פאקטארן, וואס האבן געבילדעט די נייע דייטשע אימפעריע. דער צווייטער פאקטאר איז געווען די האהענצאלערנשע מאנארכיע, וואס האט אריבערגעלעבט יענע, וואס האט אפגענארט און גובר געווען די רעוואלוציע פון 1848 און וואס איצט, אונטער ביסמארקס אנפיר, איז זי ארויפגעקלעטערט צו דער געזעצלעכער איבערהערשאפט איבער גאנץ דייטשלאנד, חוץ עסטרייך. חוץ דעם צאריזם, האט קיין איין אייראפעישע מלוכה ניט געהאט אויפגעהיט די טראדיציע פון דער גרויס-מאנארכיע פון 18טן יארהונדערט, אזוי ווי פרייסן. דורך דער טראדיציע פון פרידריך דעם גרויסן האט איצט מאקיאוועלי געקיניגט אין דייטשלאנד. בראש פון אט דער אויסגעפיינטער נייער מלוכה איז געזעסן ניט קיין פיינער מאדערנער קאפ, וואס האט געדארפט זי פירן צו דער הערשאפט איבער דער וועלט לטובת דער וועלט, נאר אן אלטע שפין, וואס האט געגארט נאך מאכט. די פארפרייסיישטע דייטשלאנד איז געווען צוגלייך אי די נייסטע אי די פארעלטערטסטע באשעפעניש אין מערב-אייראפע. זי איז געווען די בעסטע און די ערגסטע מלוכה פון איר צייט.

פעלקער-פסיכאלאגיע איז ערשט א התחלה פון א וויסנשאפט. פסיכאלאגן האבן ערשט קוים אנגעהויבן אויסצופארשן דעם יחיד ווי א בירגער. נאר פאר אונזער טעמע איז זייער וויכטיק, אז דער פארשער פון דער אלגעמיינער געשיכטע זאל א קלער טאן וועגן דעם גייסטיקן אויסוואקס פון די דורות דייטשן, וואס זיינען אויסגעבילדעט געווארן זינט 1871. זיי האבן זיך נאטירלעך געהאלטן גרויס מיט זייערע ניצחונות אין מלחמה און מיט זייער האסטיקן אויפשטייג פון לפי-ערכדיקער ארעמקייט צו רייכקייט. דאס וואלט געווען מער ווי מענטשלעך, אויב די פאטריאטישע גאווה וואלט ביי זיי ניט אריבערגעכאפט די מאס. נאר אט די דאזיקע געפילן זיינען נאך געווארן צעבלאזן און געשטארקט און אנטוויקלט מיט סיסטעמאטישער אויסרעכענונג אין פאלקס-שול

אין אוניווערסיטעטן, אין דער ליטעראַטור און אין דער פּרעסע, און אַלין לטובת דער דינאַסטיע האָהענצאָלערן.

אַ לערער, אַ פּראָפעסאָר, וואָס האָט ניט געלערנט און געפּרעדיקט, ווען עס האָט געפּאַסט און ווען עס האָט ניט געפּאַסט, וועגן דעם, אַז די דייטשן שטייען העכער פאַר אַלע פעלקער ראַסיש, מאָראַליש, אינטעלעקטועל און פיזיש, אַז זיי זיינען איבערגעגעבן ביז לעצט דעם קריג און זייער דינאַסטיע, און אַז זיי איז באַשערט אונטער דער דאָזיקער דינאַסטיע צו באַהערשן די וועלט, -- דער איז געווען אַ געפּטרטער מענטש, ער איז שוין געווען פאַרמשפּט פאַרפאַלן צו ווערן ערגעץ אין אַ העק. דייטשע היסטאָרישע וויסנשאַפט איז געוואָרן אַן אָנמאָסיקע סיסטעמאַטישע פעלשונג פון דעם עבר פון דער מענטשהייט, מיט אַן אויסקוק אויף דער צוקונפט פון די האָהענצאָלערנס. אַלע אַנדערע פעלקער זיינען געשילדערט געוואָרן ווי אומפעיקע און דעגענערירטע; די פּרייסן זיינען געווען פאַרגעשטעלט ווי די פירערס פון דער מענטשהייט, וואָס וועלן זי ברענגען צו אויפלעבונג.

דער יונגער דייטש האָט דאָס געלערנט אין זיין שול-בוך, געהערט אין דער קירך, געפונען דאָס אין זיין ליטעראַטור, דאָס האָבן אין אים איינגעזאַפּט אַלע זיינע פּראָפעסאָרן. זיי פלעגן איבעררייסן אינמיטן לעקציעס פון ביאָלאָגיע און מאַטעמאַטיק, זיך אָפּווענדן פון זייער עצם טעמע און זיך אַריינלאָזן אין לאַנגע פּאַטריאָטישע דרשות. מערניט גייסטער מיט אומגעוויינטלעכער עקשנות און אָריגינאַליטעט האָבן געקאָנט זיך אַנטקעגנשטעלן קעגן אַזאַ שטראָם פון סוגעסטיע. אומבאַמערקטערהייט איז אין דעם דייטשן גייסט אויסגעבויט געוואָרן אַ באַגריף וועגן דייטשלאַנד און איר קיסר ווי וועגן עפּעס אַזוינס, וואָס צו זיין גלאַנץ און הערשאַפט איז גאָר קיין גלייכן ניט געווען: דייטשלאַנד איז אַ מין געטלעכע נאַציע אין „לייכטנדיקן פּאַנצער”, וואָס פאָכעט מיט איר „גוטער דייטשער שווערד” אין אַ וועלט פון נידעריקע פעלקער מיט שלעכטע כאַראַקטערן.

מיר האָבן דערציילט אונזער געשיכטע פון איראָפּע. דער לייענער קאָן משפּטן, צי דער גלאַנץ פון דער דייטשער שווערד איז באַזונדערס בלענדנדיק. דייטשלאַנד איז מיט אַ ביזן פאַרסמט געוואָרן, מען האָט זי

סיסטעמאטיש איינגעשיכורט מיט אט דעם מין פאטריאטישער רעטאריק. עס איז דער גרעסטער פארברעך פון די האהענצאלערנס, וואס די קרוין האט כסדר און עקשנותדיק זיך אריינגעמישט אין דער פאלקס-בילדונג, און בפרט אין היסטארישער לערנונג. קיין אנדער מאדערנע מלוכה האט ניט אזוי פיל געזינדיקט קעגן בילדונג. די אליגארכיע פון דער געקרוינטער רעפובליק פון גרויס-בריטאניע האט אפשר גע-קאלעטשעט און צענישטעוועט די פאלקס-בילדונג, נאר די דינאס-טיע האהענצאלערן האט זי פארדארבן און פראסטיטוירט.

מען קאן דאס ניט צופיל קלאר מאכן, דאס איז דער וויכטיק-סטער פאקט אין דער געשיכטע פון לעצטן האלבן יארהונדערט: אז דעם דייטשן פאלק האט מען סיסטעמאטיש איינגעקלאפט אין קאפ די אידעע, אז דייטשלאנד דארף באהערשן די וועלט מיט איר כוח, און די טעאריע, אז קריג איז א נויטווענדיקע זאך אין לעבן. דעם שליסל צו דער דייטשער היסטארישער לערנונג קאן מען געפינען אין גראף מאלטקעסווארט: „אייביקער שלום איז א חלום, און אפילו ניט קיין שיינער חלום. מלחמה איז אן עלעמענט אין דעם וועלט-סדר, וואס גאט האט איינגעשטעלט. אן מלחמה וואלט די וועלט פאר-גליווערט ווערן און פארלארן גיין אין מאטעריאליזם". און דער דייטשער פילאסאף ניצשע איז געווען איינשטימיק מיטן פעלד-מארשאל:

„עס איז א פראסטע אילוזיע און סענטימענטאליטעט, – האלט ער, צו ווארטן א סך (צי בכלל עפעס) פון דער מענטשהייט, אויב זי וועט פארלערנען צו פירן מלחמה. עס זיינען נאך ניט באוואוסט אזעלכע מיטלען, וואס זאלן דערוועקן, אזוי ווי א גרויסע מלחמה, יענע רויע ענערגיע, געבארן אין לאגער, יענע טיפע אומפער-זענלעכקייט, געבארן פון שנאה, יענס באוואוסטזיין, געבארן פון מארד און קאלטבלוטיקייט, יענעם ברען, געבארן פון דער שטרעבונג צו פארטיליקן דעם שונא, יענעם שטאלצן גלייכגילט בנוגע צום אנווער, צו דעם אייגענעם לעבן, צום לעבן פון די חברים, יענע נשמה-צעטרייסלונג, געגליכן צו אן ערדציטערניש, וואס א פאלק מוז עס האבן, ווען עס האלט אין אנווערן זיין לעבנס-כוח".

אַט דער מין לערנונג, וואָס מיט איר איז געווען דורכגעדרונגען די דייטשע אימפּעריע פון עק ביז עק, האָט ניט אַנדערש געמוזט באַמערקט ווערן אין אויסלאַנד, האָט געמוזט באַאומרויִקן אַלע אַנדערע מלוכות און פעלקער אין דער וועלט, האָט געמוזט אַרויסרופן אַן אַנטי־דייטשן בונד, בפרט נאָך, אַז די דאָזיקע לערנונג איז געווען באַגלייט דורך אַ פּאַראַד פון צוגרייטונג פון דער אַרמיי און באַלד אויך פון פלאָט, אַ צוגרייטונג, וואָס איז געווען געווענדט גלייך קעגן פראַנקרייך, רוסלאַנד און בריטאַניע. זי האָט געווירקט אויף די געדאַנקען, די מנהגים, אויף דער מאָראַל פון דייטשן פאָלק.

נאָך 1871 האָט דער דייטש אין אויסלאַנד אויסגעשטעלט זיין ברוסט מיט גאווה און אויפגעהויבן זיין קול. ער האָט געקראָגן אַ מין זעלנערשן טראָט אַפילו אין זיינע קאָמערציעלע אָפּעראַציעס. זיינע מאַשינעס זיינען געקומען אויפן וועלט־מאַרק, זיינע שיפן זיינען געשוואומען איבער די ימים, און אַלץ מיט אַ פּאַטריאָטישן רעש. אַלע זיינע גוטע מידות האָט ער באַנוצט ווי מיטלען אָנצופאַלן אויף אַנדערע (מסתמא וואָלטן דאָס רוב אַנדערע פעלקער, אויב זיי וואָלטן געהאַט די זעלביקע ערפאַרונגען און דורכגעמאַכט די זעלביקע געניטונגען, זיך מסתמא געהאַלטן אויף דעם זעלביקן שטייגער).

דורך איינעם פון יענע צוטראָפן אין דער געשיכטע, וואָס פּערסאָניפיצירן און פאַרגיכערן קאַטאַסטראָפעס, האָט דער מושל פון דייטשלאַנד, קיסר ווילהעלם II, פאַרקערפּערט די נייע בילדונג פון זיין פאָלק און די דינאַסטיע האָהענצאָלערן אין דער בולסטער פאָרם. ער איז געקומען צו דער רעגירונג אין יאָר 1888, בעת ער איז געווען אַלט 24 יאָר. זיין פאָטער, פרידריך III, האָט געירשנט זיין זיידן, ווילהעלם I, אין מערץ פון יענעם יאָר, און אין יוני איז ער געשטאָרבן. ווילהעלם II איז געווען אַן איניקל פון קיניגין וויקטאָריע פון זיין מוטערס צד, נאָר זיין טעמפּעראַמענט האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין סימן פון דער דייטשער ליבעראַלער טראַדיציע, וואָס האָט אויסגעצייכנט די משפחה זאַקסן־קאָבורג־גאָטאַ. זיין קאָפּ איז געווען פול מיט דעם פוסטן שטאָף פון נייעם אימפּעריאַליזם. זיין אַרויפשטייגן אויפן טרון האָט ער אָנגעזאָגט דורך אַ ווענדונג צו זיין אַרמיי און פלאָט: זיין ווענדונג צום פאָלק איז געקומען מיט דריי טעג שפּעטער.

עס האָט געקלונגען די הויכע נאָטע פון ביטול צו דער דעמאָקראַטיע: „דער סאָלדאַט און די אַרמיי, ניט פּאַרלאַמענטאַרישע מערהייטן, האָבן צונויפגעשמאָלצן די דייטשע אימפּעריע. איך זעץ מיין האָפענונג אויף דער אַרמיי“. אַזוי איז דאָס ווערק, וואָס דער דייטשער שולמייסטער האָט מיט אַזוי פיל מי און געדולד אויפגעשטעלט, ביי אים אָפּגענומען געוואָרן, און די האָהענצאָלערנס האָבן דעקלאַרירט וועגן זייער ניצחון.

דער ווייטערדיקער אויפטו פון יונגן מאָנאַרך איז געווען צו צעקריגן זיך מיט דעם אַלטן קאַנצלער ביסמאַרק, וואָס האָט געשאַפן די נייע דייטשע אימפּעריע, און אים צו שיקן אין דעמיסיע (1890). צווישן זיי זיינען ניט געווען קיין טיפע חילוקי דעות, נאָר דער קיסר האָט געוואָלט, לויט ביסמאַרקס רייד, זיין זיין אייגענער קאַנצלער.

דאָס איז געווען דער אָנהייב פון אַן אַקטיווער און אַגרעסיווער קאַריערע. דער דאָזיקער ווילהעלם II האָט געהאַט ברעה אָנצומאַכן אַ רעש אין דער וועלט, גרעסער ווי וואָסער עס איז מאָנאַרך האָט ווען עס איז געמאַכט. גאַנץ איראָפּע איז געווען באַקאַנט די פיגור פון דעם נייעם מאָנאַרך, כּסדר אָנגעטאָן אין אַ מיליטערישן אוניפאָרם פון סאַמע בלישטשעדיקן סאָרט, אויסגעגלאָצט שטרענג די אויגן, מיט פאַרשפּיצטע וואָנסעס און מיט אַן איינגעצויגענער לינקער האַנט. ער האָט זיך געפּוצט אין זילבער-בלישטשעדיקע ברוסט-שילדן און אין לאַנגע ווייסע מאַנטלען. ער איז געווען באַשיימפּערלעך אַ גרויסער אומרו. עס איז געווען קלאָר, אַז ער האָט געהאַלטן, אַז אים איז באַשערט אויפצוטאָן גרויסע זאַכן, נאָר אַ צייט-לאַנג איז ניט געווען באַוואוסט, וואָס זיינען דאָס פאַר אַ גרויסע זאַכן. עס איז ניט געווען קיין אָראַקל אין דעלפי, וואָס זאָל אים פאָראויסזאָגן, אַז אים איז באַשערט צו צעשטערן אַ גרויסע אימפּעריע.

די אַטמאָספערע פון טעאַטראַלישקייט אַרום אים און די דעמיסיע פון ביסמאַרקן האָבן באַאומרויִקט אַ סך פון זיינע אונטערטאַנען, נאָר זיי האָבן זיך באַלד באַרויִקט דורך דעם געדאַנק, אַז ער נוצט אויס זיין איינפלוס צוליב שלום און צוליב פאַרפעסטיקן

דייטשלאַנד. ער איז אַ סך אַרומגעפאָרן, קיין לאָנדאָן, ווין, רוים — וואו ער האָט געהאַט פּריוואַטע שמועסן מיטן פּויפּס — קיין אַטען, וואו זיין שוועסטער האָט אין יאָר 1889 חתונה געהאַט מיטן קיניג, קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. ער איז געווען דער ערשטער קריסטלעכער סוּווערען, וואָס איז געווען אַ גאַסט ביים סולטאַן. ער איז אויך געפאָרן קיין פּאַלעסטינע. מען האָט דורכגעבראָכן אַ באַזונדער טויער אין דעם אַלטן מויער פון ירושלים, אַזוי אַז ער זאָל קאָנען אַריינרייטן אין שטאָט: עס האָט ניט געפּאַסט פאַר זיין כבוד אַריינצוגיין צו פוס. ער האָט איינגערעדט דעם סולטאַן אָנצוהייבן רעאָרגאַניזירן די טערקישע אַרמיי לויטן דייטשן מוסטער און מיט דער הילף פון דייטשע אָפיצירן.

אין יאָר 1895 האָט ער געמאָלדן, אַז „דייטשלאַנד איז אַ וועלט-מאַכט“, און אַז „די צוקונפט פון דייטשלאַנד ליגט אויפן וואַסער“ — ניט געקוקט אויף דעם פאַקט, וואָס די ענגלענדער האָבן געהאַלטן, אַז זיי זיינען שוין דאָרט פאַראַן — און האָט זיך גענומען אַלץ מער און מער אינטערעסירן מיט אייפּבויען אַ גרויסן פלאָט. ער האָט אויך גענומען אונטער זיין השגחה די דייטשע קונסט און ליטעראַטור. ער האָט אויסגענוצט זיין השפּעה אויף איינצוהאַלטן די גאָטישע שריפט פון דייטש, אַנטקעגן דער לאַטיינישער שריפט, וואָס מען האָט גענוצט אין גאַנץ אייראָפּע. ער האָט אונטערגעהאַלטן די פאַן-גערמאַנישע באַוועגונג, וואָס האָט פּרעטענדירט אַריינצונעמען די האָלענדער, די סקאַנדינאַוויער, די פלעמישע בעלגיער, די דייטשע שווייצער ווי מיטגלידער פון איין גרויסער גערמאַנישער ברודערשאַפט — נאָר פּאַקטיש ווי אַ מאַטעריאַל, וואָס אַ הונגעריקע יונגע אימפּעריע קאָן גרינג איינשלינגען. אַלע איבעריקע מאָנאַרכן פון אייראָפּע האָבן קיין באַטראַף ניט געהאַט לגבי אים.

ער האָט אויסגענוצט די אַלגעמיינע פיינדלעכע שטימונג קעגן בריטאַניע, וואָס האָט זיך דערוועקט אין גאַנץ אייראָפּע דורך דעם קריג קעגן די בורישע רעפּובליקן, כדי ווייטער דורכצופירן זיינע פּלענער וועגן אַ גרויסן פלאָט. דאָס ווידער, צוזאַמען מיט דעם האַסטיקן און אומפאַרייצנדיקן אויסשפּרייט פון דער דייטשער קאָלאָניאַלער מאַכט אין אַפריקע און אין שטילן אָקעאַן, האָט שטאַרק

באאומרויקט און גערייצט די ענגלענדער. באזונדערס שטארק האט דאס פארדראסן די בריטישע ליבעראלן, וואס האבן איצט געמוזט מסכים זיין צו די שווערענישן, וואס עס האט ארויפגעלייגט אויפן פאלק די כסדרדיקע שטארקונג פון פלאט. „איך וועל ניט רוען, האט ער געזאגט, ביז איך וועל ניט האבן געבראכט מיין פלאט אויף דער זעלביקער מדרגה, ווי מיין ארמיי“. די שטארקסטע רודף-שלומניקעס אויף די בריטישע אינזלען האבן ניט געקאנט איגנארירן דעם דאזיקן סטראשונעק.

אין יאר 1890 האט ער אפגעקויפט פון בריטאניע דעם קליינעם אינזל העלגאלאנד. דארט האט ער אויסגעבויט א גרויסע ים-פעסטונג.

אין דער מאס ווי זיין פלאט איז געוואקסן, איז געוואקסן אויך זיין אונטערנעמונגס-גלוסט. ער האט פראקלאמירט, אז די דייטשן זיינען „די זאלץ פון דער ערד“. זיי באדארפן זיך „ניט איינמאטערן מיטן ווערק פון ציוויליזאציע: דייטשלאנד באדארף, ווי דער גייסט פון דער קיסרלעכער רוים, זיך אויסשפרייטן און ארויפליינן איר ממשלה אומעטום“. דאס האט ער געזאגט אויף פוילישער ערד, בכדי אונטערצוהאלטן די שטענדיקע אנשטרענגונגען פון די דייטשן צו אונטערדריקן די פוילישע שפראך און קולטור און צו גערמאניזירן זייער טייל פוילן. גאט פלעגט ער שילדערן ווי זיין „געטלעכן פארבינדעטן“. אין דעם אלטן אבסאלוטיזם איז דער קיסר געווען אדער אליין א גאט אדער א פארטרעטער פון גאט; דער דייטשער קיסר האט גענומען גאט פאר זיין געטרייען באדינער. „אונזער אלטער גאט“, פלעגט ער זאגן מיט געפיל. בעת די דייטשן האבן פארכאפט קיאא-טשאו, האט ער גערעדט וועגן דייטשן „געפאנצערטן פויסט“. אז ער האט געשטיצט עסטרייך קעגן רוסלאנד, האט ער גערעדט וועגן דייטשלאנד אין איר „לויכטנדיקן פאנצער“.

די מפלות, וואס רוסלאנד האט געליטן 1904 אין מאנדזשוריע, האבן אויפגעמונטערט דעם דייטשן אימפעריאליזם צו אלץ דרייסטערע ארויסטרעטונגען. עס האט אויסגעוויזן, אז עס איז ניטא מער וואס זיך צו שרעקן פאר א פאראייניקטער אטאקע מצד פראנקרייך און רוסלאנד.

דער קיסר האט דורכגעמאכט א מין קיניגלעכן פאראד-מארש דורך פאלעסטינע, איז אראפ אויפן ברעג אין טאנזשער, כדי צו פארזיכערן דעם סולטאן פון מאראקא, אז ער וועט אים שטיצן קעגן די פראנצויזן, און האט געצוואונגען די פראנצויזן אפצושיקן אין דעמיסיע דעם אויסערן-מיניסטער דעלקאסע, וואס האט אים געהאט פארטשעפעט, אניט האט ער געסטראשעט מיט קריג. ער האט פעסטער פארקניפט עסטרייך מיט דייטשלאנד, און אין יאר 1908 האט עסטרייך, מיט זיין אונטערשטיצונג, אויפגערייצט גאנץ אייראפע דורך אנעקטירן פון טערקיי די צוויי דרום-סלאווישע פראווינצן באסניע און הערצעגאווינע. אזוי האט ער דורכן פלאן און דורך זיין אגרעסיווקייט בנוגע צו פראנקרייך און די סלאוון געצוואונגען בריטאניע, פראנקרייך און רוסלאנד זיך צונויפצורײדן וועגן א שיצן קעגן אים. די אנעקסיע פון באסניע האט נאך געהאט דעם פועל-יוצא צו דערווייטערן איטאליע, וואס איז ביז דעמאלט געווען זיין פארבינדעטע.

אט דאס איז געווען די פערזענלעכקייט, וואס א שלעכטער מזל האט ארויפגעזעצט אויף דייטשלאנד, כדי זי אויפצורייצן, צו ארגאניזירן און דערהייקן שנאה צו איר אין גאר דער וועלט, וואס איר וואלט סיי ווי געווען שווער צו דערטראגן דעם נאטירלעכן שטאלץ און די אליינבאהויפטונג פון א גרויסן פאלק, וואס האט סוף-כל-סוף, נאך לאנגע יארהונדערטער פון שפאלטונג און שוואכקייט, זיך ארויסגעריסן פון אונטערן דרוק פון עטלעכע צענדליק פירשטן צו איינהייט און צו גדולה אין דער וועלט. עס איז גאנץ נאטירלעך, וואס די קאמערציעלע און אינדוסטריעלע פירערס פון דער נייער דייטשלאנד, וואס זיינען איצט רייך געווארן, די פינאנסיסטן, וואס האבן השק געהאט צו עקספלואטירן די קאלאניעס, די באאמטע און דער גאנצער המון, זיינען געווען שטארק צופרידן מיט אזא קיסר. א סך דייטשן ווידער, וואס האבן ביי זיך אין הארצן געהאלטן אים פאר איבעראיילט אדער פאר א פוסטן בארימער, האבן אים עפנטלעך אונטערגעהאלטן, מחמת עס האט אים אלץ אפגעהאלטן.

אבער פארט האט דייטשלאנד זיך ניט אונטערגעגעבן דעם שטארקן שטראם פון אימפעריאליזם אין א קאמף. וויכטיקע עלעמענטן אין דייטשלאנד האבן געקעמפט קעגן אט דעם בארימערישן נייעם אימפעריאליזם. די אלטע דייטשע מלוכות, בפרט די בייערן, האבן ניט געוואלט ווערן איינגעשלונגען אין פרייסנטום. און וואס מער עס האט זיך פארשפרייט בילדונג און עס איז געוואקסן די אינדוסטריע אין דייטשלאנד, אלץ מער האט דער ארגאניזירטער ארבעטער-קלאס אנטוויקלט זיינע אידעעס און האט ארויסגעוויזן א שטענדיקן אנטאגאניזם קעגן דעם קיסרס מיליטאריסטישער און פאטריאטישער באלבעריי. אין דער מלוכה איז אויסגעוואקסן א נייע פארטיי, די סאציאל-דעמאקראטישע, וואס האט זיך געפירט לויט דער טעאריע פון מארקס. אויף להכעיס דער שטארקסטער קעגנערשאפט מצד די אפיציעלע און קלעריקאלע ארגאניזאציעס און אויף להכעיס די שטרענגע געזעצן, וואס האבן געשטרעבט צו דערשטיקן איר פראפאגאנדע און אירע פאראייניקונגען, איז די דאזיקע פארטיי געוואקסן.

דער קיסר איז ווידער אמאל און נאך אמאל אנגעפאלן אויף דער פארטיי; אירע לידערס זיינען געווארן אריינגעזעצט אין טורמע אדער פארטריבן קיין אויסלאנד. אבער זי איז אלץ געוואקסן. אין דער צייט, ווען ווילהעלם איז ארויף אויפן טרון, האט זי ניט צונויפגענומען אפילו א האלבן מיליאן שטימען ביי די וואלן; 1907 האט זי צונויפגעקליבן איבער דריי מיליאן שטימען. האט ער געפרואווט נאכגעבן עטלעכע זאכן, למשל, די פארזיכערונג פון אלטע לייט און קראנקע, וואס די פארטיי האט געפאדערט פאר ארבעטער, און דאס האט געזאלט זיין א באגיטיקונג מבטל צו זיין די אפאזיציע פון די כאציאל-דעמאקראטן. האט מען פארצייכנט זיין באקערונג צום סאציאליזם, אבער ער האט קיין אנהענגער פארן אימפעריאליזם ניט געפונען. די סאציאליסטן פלעגן קונציק און פארעקשנט אנפאלן אויף זיינע פלאט-אמביציעס; זיי פלעגן שארף קריטיקירן די קאלאניאלע אוואנטורעס פון די נייע דייטשע קאפיטאליסטן. נאר פאר אויסהאלטן די ארמיי זיינען די סאציאל-דעמאקראטן מסכים געווען צו שטימען, ווארעם אויב זיי האבן פאראכט זייער אייגענעם אויטאקראט, האבן זיי נאך מער פיינט געהאט און זיך געשראקן פאר

דער באַרבאַרישער און רעאַקציאָנערער אַוטאָקראַטיע פון רוסלאַנד ביי זייער מזרחדיקן גרענעץ.

אָט דער באַרימערישער אימפעריאַליזם פון דייטשלאַנד איז געווען געפערלעך פאַר איר דערמיט, וואָס ער האָט געקאָנט צווינגען בריטאַניע, רוסלאַנד און פראַנקרייך אָנצופאַלן אויף איר בשותפות. ווילהעלם האָט זיך געקווענקלט צווישן אַ ברוגזער שטייפער האַלטונג קעגן בריטאַניע און צווישן אומגעלומפּערטע פרוּוון זיך איבערצובעטן מיט איר, און דערווייל איז זיין פלאָט געוואַקסן און ער האָט זיך געגרייט צוערשט צו אַ מלחמה מיט רוסלאַנד און פראַנקרייך. אין יאָר 1913 האָט די ענגלישע רעגירונג פאָרגעלייגט, אַז ביידע צדדים זאָלן אָפּשטעלן דאָס בויען נייע שיפן אויף איין יאָר, נאָר דער קיסר האָט דעם פאָרשלאָג ניט אָנגענומען.

ווילהעלם איז געווען געשלאָגן מיט אַ זון און יורש, וואָס איז געווען נאָך מער האָהענצאָלערן, נאָך מער אימפעריאַליסט און נאָך מער אַלדייטש, ווי זיין פאָטער. ער איז געוואָרן אויסגעהאָדעוועט אויף אימפּעריאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע. זיינע שפּילכלעך זיינען געווען סאָלדאַטן און האַרמאַטן. ער האָט פרי געכאַפּט פּאָפּולאַריטעט דורך דעם, וואָס ער פלעגט אַריבערשטייגן דעם פאָטערס פּאַטריאָטישע און אַגרעסיווע אַרויסטרעטונגען. זיין פאָטער, האָט מען געפילט, איז שוין געקומען אין די מיטעלע יאָרן און איז צו פיל אָפּגעהיט. דער קרוין־פּרינץ האָט אים באַניט. דייטשלאַנד איז קיין מאָל ניט געווען אַזוי שטאַרק, קיין מאָל ניט אַזוי גרייט צו אַ נייער גרויסער אַוואַנטורע און צו אַ שניט פון נייע ניצחונות. די רוסן, האָט מען אים געלערנט, זיינען צעבראָכן; די פראַנצויזן דעגענערירט, די ענגלענדער אויפן שוועל פון אַ בירגער־קריג.

דער דאָזיקער יונגער קרוינפּרינץ איז געווען נאָר איין מוסטער צווישן דער יוגנט פון די העכערע קלאַסן אין דייטשלאַנד אין יאָר 1914. זיי האָבן אַלע זיך געהאַט אָנגעשיכורט פון זעלביקן כּוס. זייערע פּראָפעסאָרן און לערערס, זייערע רעדנערס און פירערס, זייערע מוטערס און געליבטע, אַלע האָבן זיי צוגעגרייט צו דער גרויסער שעה, וואָס איז געווען גאָר נאָענט ביי דער האַנט. זיי זיינען געווען פול מיט דעם אָנגעשטרענגטן געפיל פון דעם קאָנפליקט,

וואס מוז קומען, ווי האבן געווארט אויפן בלאז פון טרומייט, וואס זאל זיי רופן צו חידושדיקע אויפטוען, צו ניצחונות איבער דער מענטשהייט אין אויסלאנד און איבער די ווידערשפעניקע ארבעטער אין לאנד. דאס לאנד איז געווען אנגעשפאנט און אויפגערעגט, ווי אן אטלעט ביים ענד פון זיין טרענירונגס־צייט.

---

## 3. דער גייסט פון אימפעריאליזם אין בריטאניע און אירלאנד.

אין משך פון דעם פעריאד פון באוואפנטן שלום איז דייטשלאנד געווען דער פארמוסטער און די טאנגעבערין פאר די איבעריקע מלוכות פון אייראפע. די ווירקונג פון אירע נייע דאקטרינעס פון אגרעסיון אימפעריאליזם איז געווען באזונדערס שטארק אויפן בריטישן גייסט, וואס איז געווען ווינציק מסוגל זיך אנטקעגנצושטעלן קעגן א שטארקן שטופ פון אויסלאנד. דער אימפולס פאר בילדונג, וואס דער פרינץ, קיניגינס וויקטאריעס מאן, האט געגעבן, איז אפגעשטארבן נאך זיין טויט. די אוניווערסיטעטן פון אקספארד און קיימברידזש זיינען געווען געשטערט אין דער אויפגאבע צו רעווידירן גרונטיק די בילדונג פון די העכערע קלאסן איבער דער מורא און די פאראורטיילן, וואס דער אזוי אנגערופענער „קאנפליקט צווישן וויסנשאפט און רעליגיע" האט אויפגעוועקט צווישן דער גייסטלעכקייט, וואס האט געהערשט אין די אוניווערסיטעטן. די פאלקס־בילדונג ווידער איז געווען צעקאליעטשעט דורך רעליגיעזע רייסערייען, דורך דער קארגשאפט פון די עפנטלעכע ארגאנען, דורך דעם באדארף פון די קאפיטאליסטן צו נעמען קינדער צו דער ארבעט, דורך אינדיווידואליסטישע טענות קעגן „דערציען לייטנס קינדער".

די אלטע טראדיציעס פון די ענגלענדער, די טראדיציע פון קלארע דיבורים, פון געזעצלעכקייט, ערלעכקייט, און א געוויסע מאס פון רעפובליקאנישער פרייהייט האבן זיך שטארק געהאט אויסגעוועבט אונטער די קלעפ פון די נאפאלעאנישע מלחמות. דער ראמאנטיזם, וואס דער גרויסער ראמאניסט וואלטער סקאט איז זיין בא-

גרינדער, האָט געשלאָגן די נאַציאָנאַלע פֿאַנטאַזיע מיט אַ גלוסטונג צום אויסטערלישן און מאָלערישן. „מ״ר בריגס״, דער קאָמישער ענגלענדער פֿון דעם וויץ־בלאַט Punch אין די פֿופֿציקער און זעכציקער יאָרן, וואָס האָט זיך אָנגעטאָן אין אַ באַרג־קאָסטיום און געלאָזט זיך גיין אויף געיעג אויף הירשן, איז געווען דער ריכטיקער פֿאָרשטייער פֿון דעם גייסט פֿון דער נייער באַוועגונג.

און באַלד איז מ״ר בריגס געוואָר געוואָרן ווי אַ לעבעדיקן פֿאַקט, וואָס ער האָט אים פֿריער ניט באַמערקט, אַז אין דעם געביט פֿון זיין הערשאַפֿט גייט קיין מאָל די זון ניט אונטער. דאָס לאַנד, וואָס האָט אַמאָל געמשפּט קלייווּן און וואָרען האַסטינגסן פֿאַר זייער אומגערעכטן באַגיין זיך מיט די אינדער, האָט איצט גענומען באַטראַכטן די זעלביקע מענטשן ווי די פֿיינסטע לייט און העלדן. זיי זיינען געווען די „בויערס פֿון דער אימפּעריע״. אונטער דעם כּישוף פֿון דיזראַעליס אָריענטאַלישער פֿאַנטאַזיע, וואָס האָט געמאַכט די קיניגין וויקטאָריע פֿאַר אַ „קיסרינע״, האָט דער ענגלענדער מיט חשק זיך צוגעווענדט צו דער מטושטשדיקער באַגייסטערונג פֿאַרן מאָדערנעם אימפּעריאַליזם.

ענגלישע שרייבערס האָבן גענומען נאָכמאַכן דער אויסגעקרימטער עטנאָלאָגיע און פֿאַרדרייטער געשיכטע, וואָס האָט איינגערעדט די דייטשן, וואָס זיינען אין דער אמתן אַ געמיש פֿון סלאַווישע, קעלטישע און גערמאַנישע עלעמענטן, אַז זיי זיינען אַ הפֿלאַדיקע אָפּגעזונדערטע ראַסע, און זיי האָבן גענומען נתפּעל ווערן פֿון אַ נייער עטנאָלאָגישער אויסטראַכטעניש, דער „אַנגלאָ־סאַקסישער״ ראַסע. אַט דאָס מערקווערדיקע געמיש איז געוואָרן פֿאָרגעשטעלט ווי דער שפּיץ פֿון מענטשנטום, די קרוין און דער שכר פֿאַר דער אָנגעקליבענער ענערגיע פֿון גריכן און רוימער, עגיפּטער, אַשורים, יידן, מאָנגאָלן און כּדומה, נאָך אַזעלכע באַשיידענע פֿאָרגייער פֿון זיין ווייסן גלאַנץ. די אומזיניקע לעגענדע וועגן דעם, אַז דייטשן שטייען העכער פֿאַר אַלעמען, האָט אַ סך מיטגעווירקט צו פֿאַרשאַרפֿן די אויפֿרעגונג פֿון די פּאָליאַקן אין פּויזן, פֿון די פֿראַנצויזן אין לאָטרינגען. די נאָך מער לעכערלעכע לעגענדע וועגן די העכערע אַנגלאָ־סאַקסן האָט לאָ די וואָס פֿאַרשטאַרקט די פֿאַרביטערונג קעגן דער ענגלישער רעגירונג

אין אירלאנד, נאר זי האט אויך פארפינסטערט דעם טאן פון די ענגלישע באציונגען מיט די „אונטערטעניקע“ פעלקער אין גאר דער וועלט. ווארעם ווען מען הערט אויף צו האבן רעספעקט און ווען מען האלט זיך פאר „העכער“, רעמאלט הערט אויף די העפלעכקייט און גערעכטיקייט.

די נאכקרימונג פון די דייטשע פאטריאטישע פאלשע השגות האט זיך ניט געענדיקט מיט דער דאזיקער „אנגלא-סאקסישער“ מאכערייקע. די פעיקערע יונגעלייט אין די בריטישע אוניווערסיטעטן אין די אכציקער און ניינציקער יארן, וואס זיי איז דערעסן געווארן די פלאכקייט און ניט-אויפריכטיקייט פון דער היימישער פאליטיק, האבן זיך אנגעכאפט פאר אט דער נייער שיטה פון אן עזותדיקן, דורכגעטריבענעם און איבערגעוואלדיקן אימפעריאליזם, פון דערדאזיקער קאמבינאציע פון מאקיאוועלי און אטילא, וואס איז געווארן ארויפגעלייגט אויפן געדאנק און טועכץ פון יונג-דייטשלאנד. זיי האבן געהאלטן, אז אויך בריטאניע באדארף האבן איר לייכטנדיקן פאנצער און פאכען מיט איר גוטער שווערד.

דער נייער בריטישער אימפעריאליזם האט געפונען זיין פאעט אין מ״ר קיפלינג און זיין פאקטישן אונטערהאלט אין א צאל פארינטערעסירטע פינאנסיסטן און געשעפטס-לייט, וואס זייער וועג צו מאנאפאלן און עקספלואטאציע איז געווען באלויכטן דורך זיין פייער. די דאזיקע פארפרייסישטע ענגלענדער האבן נאכגעמאכט דייטשלאנד ביז אין די לעצטע פרטים. צענטראל-אייראפע איז איין געבונדענע עקאנאמישע סיסטעם, וואס ארבעט צום בעסטן, ווען זי איז פאראייניקט; די נייע דייטשלאנד האט דורכגעפירט א גרויסע פאראייניקונג פון פארברויכערס, א צאל-פאראיין פון אלע אירע באשטאנד-טיילן. זי איז נאטירלעך געווארן א געשלאסענע סיסטעם, ווי א פארמאכטער פויסט. די בריטישע אימפעריע איז אויסגעשפרייט ווי אן אפענע האנט איבער דער וועלט, אירע מיטגלידער אונטערשיידן זיך לויט זייער נאטור, לויט זייערע באדערפענישן און פארהעלטענישן און האבן ניט קיין אנדער בשותפישן אינטערעס, חוץ דער אלגעמיינער גאראנטיע פון זייער זיכערקייט. נאר די נייע אימפעריאליסטן זיינען געווען בלינד פאר דעם דאזיקן אונטערשייד. אויב די נייע דייטש-

לאנד האט געהאט א צאל=פארזיין, האט די בריטישע אימפעריע
אויך זיך געדארפט בויען אויף דעם שטייגער, און די נאטירלעכע
אנטוויקלונג פון אירע פארשיידענע עלעמענטן דארף אומעטום ווערן
פארהאלטן דורך צאל=פריווילעגיעס פאר דער אימפעריע און כדומה
נאך אזעלכע זאכן.

נאר די אימפעריאליסטישע באוועגונג אין גרויס=בריטאניע האט
קיין מאל ניט געהאט ניט דעם אויטאריטעט און ניט די איינשטימיקייט,
וואס זי האט געהאט אין דייטשלאנד. זי איז ניט געווען קיין נאטיר=
לעכער פראדוקט פון איינער פון די דריי פאראייניקטע, נאר פארשיי=
דענע פעלקער. עס האט ניט געשטימט מיט זייער כאראקטער. די קי=
ניגין וויקטאריע איז געווען א פרוי, און קריגערישקייט האט פאר איר
ניט געפאסט, אבער אויך אירע יורשים, עדוארד VII און געארג V,
זיינען ניט געווען צוגעפאסט ניט לויט זייער פיגור, ניט לויט זייער
טעמפעראמענט, ניט לויט זייער טראדיציע, צו טראגן „לויכטנדי=
קע פאנצערס", פאכען מיט א „געפאנצערטן פויסט" און פאראדירן מיט
א „גוטער שווערד" לויטן שטייגער פון די האהענצאלערנס. זיי זיינען גע=
ווען קלוג גענוג ניט זיך ארייינצומישן עפנטלעך אין די פאליטישע
ענינים. און די דאזיקע „בריטישע" אימפעריאליסטישע באוועגונג האט
פון אנהייב אן דערוועקט די פיינדשאפט פון א גרויסער צאל ענג=
לישע, וועלישע, אירישע און שאטישע שרייבערס, וואס האבן ניט
געוואלט אנערקענען די נייע „בריטישע" נאציאנאליטעט אדער אנ=
נעמען די טעאריע, אז זיי זיינען דאס יענע „אנגלא=סאקסישע" איבער=
מענטשן. און א סך גרויסע געשעפטן אין בריטאניע, בפרט די שי=
פעריי, זיינען געווען געבויט אויף פריי=האנדל, און זיי האבן בא=
טראכט די פיסקאלישע פארשלאגן פון די נייע אימפעריאליסטן און
די נייע פינאנסיעלע און הענדלערישע אוואנטוריסטן, וואס זיי זיינען
מיט זיי געווען פארבונדן, מיט א פארשטענדלעכן חשד.

פון דער אנדער זייט זיינען די דאזיקע אידעעס הורבנעלאפן
ווי א וואלד=שרפה דורך דעם מיליטערישן קלאס, דורך דעם אינדישן
באאמטנטום וכדומה. ביז אהער האט דער ארמיי=מענטש אין ענגלאנד
געדארפט זיך שטענדיק ווי פארענטפערן. אויף דער ענגלישער ערד
איז ער געווען ניט געוואקסן. און דא איז געווען א באוועגונג, וואס

האט איס באדארפט מאכן פונקט אזא מיוחס ווי זיין פרייסישן וואפן-ברודער. די אימפעריאליסטישע אידעע האט געפונען אויך אן אונטערשטיץ אין דער וואלוועלער פאפולערער פרעסע, וואס האט זיך באוויזן אויף צו באפרידיקן א נייעם שיכט לייענערס, וואס איז געשאפן געווארן דורך דער עלעמענטארער שול-בילדונג. די דאזיקע פרעסע האט באדארפט האבן קלארע, בולטע און פשוטע אידעעס, צוגעפאסט צו די באדערפעניש פון לייענערס, וואס האבן קיים אנגעהויבן צו דענקען.

ניט געקוקט אויף אזא אונטערשטיץ און אויף זיין שטארקער ווענדונג צו דעם נאציאנאלן שטאליץ, האט דער בריטישער אימפעריאליזם קיין מאל ניט אנגעפילט די מאסן פון די בריטישע פעלקער. די ענגלענדער זיינען ניט קיין מענטשן, וואס לאזן זיך גרינג לערנען. און דער טומלדיקער און גיכער אויפגעצוואונגענער ענטוזיאזם פאר אימפעריאליזם און הויכע טאריפן פון דער אלטער טארי-פארטיי, פון דעם מיליטער-קלאס, פון דער לאנד-גייסטלעכקייט, פון די מיוזיק-האלס, פון די אסימילירטע אויסלענדער, פון די אויפגעקומענע גבירים און נייע גרויסע אונטערנעמער, האט באוואויגן די מאסן-מענטשן, בפרט ארגאניזירטע ארבעטער צו האלטן זיך מיט חשד. איבער די שטענדיק צערייצטע וואונד פון דער מפלה ביי מעדזשובא האט געקאנט ווירקן אויפן לאנד, עס זאל זיך לאזן אריינהעצן אין דער ניט-נייטיקער, מיפולער און טייערער באצווינגונג פון די בורישע רעפובליקן אין דרום-אפריקע, האט די אנשטרענגונג פון דער דאזיקער אוואנטורע געבראכט צו דער געהעריקער רעאקציע: סוף-כל-סוף האבן די ליבעראלן איבערגענומען די מאכט און זיי האבן פאררעכט די ערגסטע עוולות, וואס זיינען אפגעטאן געווארן דורך דעם וואס זיי האבן געשאפן די דרום-אפריקאנישער קאנפעדעראציע.

אין פרט פון פאלקסבילדונג זיינען געמאכט געווארן גרויסע שריט פאראויס, און עס איז געזארגט געווארן דערפאר, אז די רייכע זאלן זיך באשטייערן מער צוליב די באדערפעניש פון כלל. און אין יענע יארן פון באוואפנטן שלום זיינען די בריטישע פעלקער געקומען כמעט צו אן איסגלייך, אויף מער ווייניקער גערעכטע אין

שבלדיקע יסודות, אין זייער לאנגאניקן סיכסוך מיט אירלאנד. די גרויסע מלחמה האט, צו זייער אומגליק, זיי פארכאפט אין עצם קריזיס פון זייער אנשטרענגונג.

פונקט ווי יאפאן, האט אירלאנד נאר ווינציק פיגורירט אין דעם דאזיקן „קאנטור פון דער געשיכטע”, און איבער דעם זעלביקן טעם, ווייל זי איז א ווייט אינזל=לאנד, האט א סך געגומען, אבער ווינציק געגעבן פאר דער אלגעמיינער דראמע. איר באפעלקערונג איז שטארק געמישט, איר יסוד, און מסתמא דער הויפט=באשטאנד, געהער צו דער טונקעלער „מיטללענדישער” ראסע, דער פאר=נארדישער און פאר=ארישער, אזוי ווי די באסקן און דאס פאלק פון פארטוגאל און פון דרום=איטאליע. איבער אט דעם לכתחילהדיקן גרונט האט זיך א גאס געטאן ארום זעקסטן יארהונדערט פאר קר. א שטראם פון קעלטישע פעלקער — מיר ווייסן ניט, ווי ווייט זיי האבן פארפלייצט די גרונט=ראסע, אבער זיי זיינען געווען גענוג שטארק אויף איינצופירן א קעלטישע שפראך, דאס אירישע גאעליש. עס האבן זיך אנגעהויבן וואנדערונגען פון די אדער יענע קעלטישע און קעלטיזירטע פעלקער אהין און צוריק צווישן אירלאנד, שאטלאנד, ווילס און ענגלאנד. דער אינזל איז געווארן קריסטיאניזירט אין פינפטן יארהונדערט. שפעטער זיינען איבן מזרח=ברעג אנגעפאלן נארמאנען און האבן זיך דארט באזעצט, נאר מיר ווייסן ניט, ביז וואסער מאס זיי האבן אומגעביטן דעם ראסן=כאראקטער.

די נארמאנען=ענגלענדער זיינען געקומען אין יאר 1169, אין דער צייט פון הענריך II און ווייטער. דער גערמאנישער שטריך איז אפשר אין דער היינטיקער אירלאנד אזוי שטארק, ווי דער קעלטישער, און אפשר נאך שטארקער. ביז דעמאלט איז אירלאנד געווען א בארבאריש לאנד, צעטיילט צווישן שבטים, מיט עטלעכע צענטערס, וואו די קינסטלערישע טענדענצן פון דער עלטערער ראסע האבן געפונען אן אויסדרוק אין מעטאל=ארבעט און אין דער אילומינירונג פון די הייליקע ביכער. שפעטער, אין 12טן יארהונדערט, האט די ענגלישע קרוין צום טייל איינגענומען דאס לאנד, און אין פארשיידענע טיילן האבן זיך געגרינדעט צעווארפענע ישובים פון נארמאנען און ענגלענדער. גלייך פון אנהייב אן זיינען געווען קלאר-

טיפע אונטערשיידן אין טעמפעראַמענט צווישן אירלענדער און ענגלענדער, און די אונטערשיידן זיינען פאַרשאַרפט געוואָרן דורך דער אונטערשייד פון דער שפּראַך, און זיי זיינען נאָך מער בולט געווען נאָך דער פּראָטעסטאַנטישער רעפאָרמאַציע. די ענגלענדער זיינען געוואָרן פּראָטעסטאַנטן; די אירלענדער האָבן, לויט אַ נאַטירלעכער רעאַקציע, זיך געהאַלטן פעסט פאַר דער גערודפטער קאַטוילישער קירך.

די ענגלישע איבערהערשאַפט אין אירלאַנד איז פון אָנהייב אָן געווען אַ כסדרדיקער בירגער-קריג, וואָס איז געווען געדרונגען פון דעם ווידעראַנאַנד פון די שפּראַכן און פון די פאַרשיידענע געזעצן וועגן ערד-אייגנטום און ירושה-רעכט, וואָס האָבן געהערשט ביי ביידע פעלקער. דאָ קאָנען מיר ניט דערציילן וועגן די אויפשטאַנדן, שחיטות און אונטערדריקונגען פון דעם אומגליקלעכן אינזל בעת דער רעגירונג פון עליזאַבעט און דזשיימס I. אין דזשיימס צייט איז צוגעקומען אַ נייער קאָנפליקט דורך דער קאָנפיסקאַציע פון גרויסע שטרעקעס פון אולסטער, וואו עס האָבן זיך באַזעצט פּרעסביטעריאַנישע שאָטלענדער קאָלאָניסטן. זיי האָבן געבילדעט אַ פּראָטעסטאַנטישע געמיינשאַפט, וואָס איז שטענדיק געווען צעקריגט מיט דעם קאַטוילישן רעשט פון אירלאַנד.

אין די פּאָליטישע קאָנפליקטן בעת דער רעגירונג פון קאַרל I און דער רעפּובליק און פון דזשיימס II און ווילהעלם און מערי האָבן די ענגלישע פּאַרטייען געהאַט שטענדיק אָנהענגער אויך צווישן די אירלענדער. פאַראַן אַ ווערטל אין אירלאַנד, אַז דאָס אומגליק פון ענגלאַנד איז אַ גליק פאַר אירלאַנד, און דער ענגלישער בירגער-קריג, וואָס האָט געבראַכט צו דער פאַרמשפּטונג פון סטראַפאָרדן, איז אויך געווען אַ געלעגנהייט פאַר אַ שחיטה פון ענגלענדער אין אירלאַנד (1641). שפּעטער האָט קראָמוועל זיך נוקם געווען פאַר דער דאָזיקער שחיטה, דורך דעם וואָס ער האָט ניט פאַרשוינט קיין איין אירלענדער, וואָס איז געכאַפּט געוואָרן מיט געווער, און די אירלענדישע קאַטויליקן האָבן אים דאָס קיין מאָל ניט געקאָנט מוחל זיין. צווישן 1689 און 1691 איז אירלאַנד ווידער אַמאָל געווען צעריסן דורך אַ בירגער-קריג. דזשיימס II האָט געזוכט אונטערשטיצונג ביי די קאַטוילישע

ענגלענדער קעגן ווילהעלם III, און זיינע אַנהענגער זיינען שטאַרק צעקלאַפּט געוואָרן אין דער שלאַכט פון באָינע (1690) און אַגרים (1691).

דערנאָך איז מען געקומען צו אַן אויסגלייך אין דעם אָפּמאַך פון לימעריק — די ענגלישע רעגירונג האָט אַ סך צוגעזאָגט וועגן טאָלעראַנץ בנוגע די קאַטויליקן און נאָך אַזעלכע זאַכן, אָבער זי האָט קיין וואָרט ניט געהאַלטן. אַיך לימעריק געדענקען די אירלענדער צווישן דעם לאַנגן רייסטער פון זייערע עוולות. לפּי־ערך ווינציק ענגלענדער האָבן געהערט וועגן דעם אָפּמאַך פון לימעריק, אין אירלאַנד דערוועקט ער נאָך איצט כּעס.

אין 18טן יאָרהונדערט האָבן זיך געקליבן עוולות אויף עוולות. די ענגלישע קאָמערציעלע קאָנקורענץ האָט שטאַרק באַגרענעצט דעם אירלענדישן האַנדל, און די אַנטוויקלונג פון אַ וואָל־אינדוסטריע איז צעשטערט געוואָרן אין דרום און אין מערב. אין די דאָזיקע ענינים איז מען מיט די פּראָטעסטאַנטן אין אולסטער זיך באַגאַנגען ניט קיין סך בעסער ווי מיט די קאַטויליקן, און זיי זיינען געווען די הויפּט־מורדים. אין 18טן יאָרהונדערט זיינען געווען מער אַגראַרישע אומרוען אין צפון, איידער אין דרום.

לאָמיר דאָ פאַרצייכענען, ווי וויט דער אָרט דערלאָזט, די ענלעכקייטן און די ווידערנאַנדן פון דער לאַגע פון די ענגלענדער און אירלענדער אין יענער צייט. אין אירלאַנד איז געווען אַ פּאַרלאַמענט. אָבער דאָס איז געווען אַ פּראָטעסטאַנטישער פּאַרלאַמענט, נאָר מער באַגרענעצט און פאַרדאָרבן, ווי דער ענגלישער פּאַרלאַמענט אין יענער צייט. אין און אַרום דובלין איז געווען אַ היפּשע ציוויליזאַציע, און אַ סך ליטעראַרישע און וויסנשאַפטלעכע אַקטיוויטעט, וואָס איז געפירט געוואָרן אין ענגליש און איז געווען גרופּירט אַרום דעם פּראָטעסטאַנטישן אוניווערסיטעט פון טריניטי קאָלעדזש. דאָס איז די אירלאַנד פון סוויפט, גאָלדסמיט, בוירק, בערקלי און באָיל. עס איז געווען אין עצם אַ טייל פון דער ענגלישער קולטור. עס האָט אין זיך ניט געהאַט קיין שום בפירוש אירישס. די קאַטוילישע רעליגיע און די אירישע שפּראַך זיינען אין יענע פינסטערע צייטן געווען געיאָגט און געטריבן.

אט פון יענער אין חושך פארשטופטער אירלאנד איז דאס אויפגעשטאנען די ווידערשפעניקע אירלאנד פון צוואנציקסטן יארהונדערט. דער אירישער פארלאמענט, די שיינע ליטעראטור, די וויסנשאפט, די גאנצע קולטור פון אירלאנד האבן זיך נאטירלעכערהייט געצויגן קיין לאנדאן, ווייל זיי זיינען געווען א טייל פון יענער וועלט. די רייכע פריצים פלעגן זיך באזעצן אין ענגלאנד, פלעגן דארט לאזן דערציען זייערע קינדער. דאס האט באטייט, אז פון אירלאנד קיין ענגלאנד פלעגט שטענדיק אפפליסן רייכטום און דער באדם פון רענטע, וואס פלעגט ווערן אויסגעגעבן אדער אינוועסטירט אויסער דעם לאנד. די שטייגנדיקע גרינגקייט פון פארקער האט כסדר פארשטארקט דעם פארקער, האט אויסגעליידיקט דובלין און אפגעצויגן בלוט ביי אירלאנד. דער פאראייניקונגס-אקט (דעם 1 יאנואר 1801) איז געווען די נאטירלעכע צונויפגיסונג פון צוויי קרובישע סיסטעמעס, פון דעם אנגלא-אירישן פארלאמענט מיטן בריטישן פארלאמענט, וואס זיינען ביידע געווען אליגארכיש, ביידע פאליטיש פארדארבן אויפן זעלביקן שטייגער. קעגן אט דער פאראייניקונג איז געווען א שטארקע אפאזיציע ניט אזוי פון די אירלענדער, ווי פון די פראטעסטאנטן, וואס האבן זיך באזעצט אין אירלאנד, און א קורצווייליקער אויפשטאנד אונטער ראבערט עמעט אין יאר 1803. דובלין, וואס איז געווען אינמיטן 18טן יארהונדערט א פיינע אנגלא-אירישע שטאט, איז בהדרגה אויסגעליידיקט געווארן פון איר אינטעלעקטועלן און פאליטישן לעבן; עס האבן זיך דארט באזעצט מער אירלענדער פון לאנד. דאס געזעלשאפטס-לעבן אין דובלין איז געווארן אלץ מער און מער אפיציעל און האט זיך קאנצענטרירט אין דעם דובלינער שלאס פון דעם לארד שטאטהאלטער; דאס אינטעלעקטועלע לעבן האט קוים געצאנקט און איז א געוויסע צייט אינגאנצן געווען אויסגעגאנגען.

אבער בעת די אירלאנד פון סוויפט און גאלדסמיט איז געווען א טייל פון דער ענגלאנד פון פאפ, ד"ר דושאנסאן און סער דושאשוע ריינאלדס, בעת עס איז ניט געווען און עס איז נאך איצט ניטא קיין קענטיקער אונטערשייד, חוץ דער געאגראפישער, אין די „רעגירנדיקע קלאסן" פון אירלאנד און ענגלאנד, האבן די אונטערשטע קלאסן זיך לחלוטין ניט געקאנט צונויפגיסן.

דער קאמף פון דער ענגלישער „דעמאקראטיע" ארויסצושטייגן צו בילדונג, צו פאליטישער אנערקענונג איז געווען פארשיידן אין א סך פרטים פון דעם קאמף פון די אירישע אונטערשטע שיכטן. בריטאניע האט געהאט א גרויסע אינדוסטריעלע באפעלקערונג, פראטעסטאנטיש אדער סקעפטיש געשטימט; זי האט געהאט אגריקולטורעלע ארבעטער, אבער ניט קיין פויערים. אירלאנד האט ניט קיין קוילן, איר ערד איז ארעמער; אירע ערד=אייגנטימער האבן געוואוינט אין ענגלאנד, און זי איז געווארן א לאנד פון פויערים וואס צאלן רענטע. אלץ מער און מער האבן זיי זיך באגרענעצט אין זייער ערד=ארבעט מיט זעצן קארטאפל און האדעווען חזירים. די מענטשן האבן חתונה געהאט און געהאט קינדער. חוץ א טרונק וויסקי, ווען זיי האבן דאס געקאנט דערלאנגען, און ארומשלאגן זיך, איז זייער איינציקער פארגעניגן געווען דאס פאמיליע=לעבן. די רעזולטאטן פון אזא צושטאנד זיינען געווען שרעקלעכע. די באפעלקערונג פון אירלאנד איז געווען

| | | | |
|---|---|---|---|
| אין יאר | 1785 — | 2.845.932 | נפשות |
| " | 1803 — | 5.536.594 | " |
| " | 1845 — | 8.295.061 | " |

אין יענעם יאר האט די קארטאפל=געראטעניש מער ניט אויסגעהאלטן, און עס איז געווען א שרעקלעכער הונגער. א סך זיינען אויסגעשטארבן, א סך האבן עמיגרירט, באזונדערס אין די פאראייניקטע שטאטן. עס האט זיך אנגעהויבן אן עמיגראציע=שטראם, וואס האט אויף א צייט געמאכט פון אירלאנד א לאנד פון אלטע לייט און ליידיקע נעסטן.

דורך די פאראייניקונג פון די פארלאמענטן איז פארגעקומען די גלייכבארעכטיקונג פון דער אירישער באפעלקערונג מיט דער ענגלישער. די גלייכבארעכטיקונג פון די קאטויליקן אין ענגלאנד האט באטייט אויך די גלייכבארעכטיקונג פון די קאטויליקן אין אירלאנד. די ענגלענדער האבן געקראגן שטים=רעכט, ווייל זיי האבן דאס געוואלט; די אירישע מאסע האט געקראגן שטים=רעכט, ווייל די ענגלישע האט געקראגן שטים=רעכט. אירלאנד האט אין דעם פאראייניקטן פארלא=

מענט געקראָגן אַ גרעסערע פאַרטרעטונג, ווי איר האָט געקומט, מחמת דער הערשנדיקער קלאַס האָט אויף די אירישע ערטער געקאָנט אַריינזעצן מער פון זיינע מענטשן, ווי אויף די ענגלישע. אַזוי אַרום איז געקומען דערצו, אַז די אירישע און קאַטוילישע אירלאַנד, וואָס האָט פריער קיין מאָל בכלל ניט געהאַט קיין פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע און האָט קיין מאָל גאָר ניט געשטרעבט צו אַ פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע, האָט פּלוצים געהאַט די מעגלעכקייט אַריינצושיקן אַ סאָלידע צאָל מיטגלידער אין דער געזעצגעבערישער אינסטיטוציע פון גרויס-בריטאַניע.

נאָך די אַלגעמיינע וואַלן פון 1874 איז פאַרשוואונדן דער אַלטער אירישער דעפּוטאַט, וואָס מען האָט אים געקאָנט אָפּקויפן. די פריש עמאַנציפּירטע בריטישע „דעמאָקראַטיע“ האָט זיך מיט אַמאָל באַגעגנט מיט אַ משונהדיקער און אומגעריכטער אירישער „דעמאָקראַטיע“, פאַרשיידן אין איר רעליגיע, אין אירע טראַדיציעס, אין אירע באַדערפענישן, וואָס דערציילט עפּעס אַ מעשה מיט עוולות, וואָס דער פּשוטער ענגלענדער האָט קיין מאָל וועגן זיי ניט געהערט, וואָס פאָדערט מיט היץ זיך אָפּצוטיילן, וואָס דער ענגלענדער האָט ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס און פאַר וועז און וואָס האָט אים אויסגעוויזן, אַז דאָס איז איבעריק און שטאַמט פון רישעות.

דער נאַציאָנאַלער עגאָיזם פון די אירלענדער איז שטאַרק. זייערע אומשטאַנדן האָבן אים געמאַכט שטאַרק. זיי זיינען ניט געווען אין שטאַנד צו נעמען אין אַכט דעם מצב אין ענגלאַנד. די נייע אירישע פּאַרטיי איז געקומען אין ענגלישן פּאַרלאַמענט אַריין, כדי צו מאַכן אָבסטרוקציעס און אַריינברענגען אומאָרדענונג אין די ענגלישע ענינים, ביז אירלאַנד וועט ווערן פריי, און צו ברענגען שאָדן די ענגלענדער. דער דאָזיקער גייסט איז געווען שטאַרק אָנגעלייגט ביי דער אָליגאַרכיע, וואָס האָט נאָך רעגירט איבער דער בריטישער אימפּעריע. זיי האָבן זיך פאַרבונדן מיט די „לאָיאַלע“ פּראָטעסטאַנטן פון צפון-אירלאַנד — דאָס הייסט, לאָיאַל צו דער רעגירונג פון דער אימפּעריע, מחמת זיי האָבן מורא געהאַט פאַר דער איבערהערשאַפט פון די קאַטוילִיקן אין אירלאַנד — און זיי האָבן צוגעהיט און געהאָלפן אויפרייצן בסדר דעם כעס פון דער בריטישער פאָלקס-מאַסע,

וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער פיינדלעכער שטימונג פון דער אירישער פאָלקס־מאַסע אַנטקעגן אַלע ענגלענדער אָן אויסנאַם.

די געשיכטע פון דער באַציִונג צווישן אירלאַנד און בריטאַניע אין לעצטן האַלבן יאָרהונדערט וואַרפט אַ שאַנד־פלעק אויף דעם רעגירנדיקן קלאַס פון דער בריטישער אימפּעריע, אָבער די ענגלישע פאָלקס־מאַסע האָט זיך ניט וואָס אויפצוּוואַרפן. זיי האָבן ניט איין מאָל און ניט צוויי באַוויזן, אַז זיי ווילן די טובה פון אירלאַנד. אין משך פון כמעט אַ האַלבן יאָרהונדערט האָט די ליבעראַלע פּאַרטיי אין ענגלאַנד געמאַכט אַ גאַנצע ריי, אמת ניט געראָטענע פּרוּוון, קעגן אַן ענערגישער אָפּאָזיציע מצד דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי און די אירלענדער פון אולסטער, אויף אַ געזעצגעבערישן אופן צו באַפרידיקן די פאָדערונגען פון די אירלענדער און צו שאַפן מיט זיי חברשע באַציִונגען.

ווי דער הויפּטפירער פון דער באַוועגונג פאַר דער אירלענדישער אויטאָנאָמיע, דעם „האָום ריול“, צייכנט זיך אויס פּאַרנעל, אַן אירישער פּראָטעסטאַנט. אין יאָר 1886 האָט גלאַדסטאָן, דער גרויסער ליבעראַלער פּרעמיער־מיניסטער, געבראַכט אויף זיך אַ פּאָליטישן דורכפאַל דורך דעם, וואָס ער האָט אַריינגעטראָגן דעם ערשטן געזעץ־פּראָיעקט וועגן אירלענדישן „האָום ריול“, אַ פּרווו איבערצוגעבן דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע דעם אירישן פאָלק אַליין צו שאַפן איבער די אירלענדישע ענינים. דער געזעץ־פּראָיעקט האָט צעריסן די ליבעראַלע פּאַרטיי; אויפן אָרט פון מ״ר גלאַדסטאָנס רעגירונג איז געקומען אַ קאָאַליציע־רעגירונג, אַ „יוניאָניסטישע“.

דער דאָזיקער אָפּנייג אין דער געשיכטע פון אירלאַנד קומט פאָר אין דער צייט, ווען אייראָפּע איז אָנגעזאָפּט מיט אימפּעריאַליזם. די יוניאָניסטישע רעגירונג, וואָס האָט אַרויסגעשטופּט מ״ר גלאַדסטאָנען, איז באַשטאַנען דער עיקר פון טאָרים און אַזוי „אימפּעריאַליסטיש“ לויטן גייסט ווי זי איז נאָך קיין איין פריערדיקע רעגירונג ניט געווען. די פּאָליטישע געשיכטע פון בריטאַניע פון די ווייטערדיקע יאָרן איז אין גרויסן און גאַנצן אַ געשיכטע פון דעם קאָנפליקט צווישן דעם נייעם אימפּעריאַליזם, וואָס דורך אים האָט אַ פאַרריסענער „בריטישער“ נאַציאָנאַליזם געשטרעבט אונטערטעניק צו מאַכן די

איבעריקע טיילן פון דער אימפעריע, און צווישן דעם איינגעבארענעם ליבעראליזם און דעם שכל הישר פון די ענגלענדער, וואס האבן געשטרעבט צו אנטוויקלען פון דער אימפעריע א קאנפעדעראציע פון פרייע פארבינדעטע, וואס פאראייניקן זיך מיטן גוטן ווילן.

די „בריטישע“ אימפעריאליסטן האבן נאטירלעך געוואלט האבן אן אונטערטעניקע אירלאנד; די ענגלישע ליבעראלן האבן נאטירלעך געוואלט האבן א פרייע אירלאנד, פארבונדן מיט ענגלאנד גלייך אויף גלייך. אין יאר 1892 האט גלאדסטאן זיך ווידער דערשלאגן צו דער מאכט מיט א קליינער מערהייט פארן האום רול, און אין יאר 1893 איז זיין צווייטער פראיעקט וועגן האום רול דורכגעגאנגען די אונטערשטע פאלאטע און איז אפגעווארפן געווארן דורך די לארדן. נאר ערשט 1895 איז ווידער אן אימפעריאליסטישע רעגירונג געקומען צו דער מאכט. די פארטיי, וואס האט זי אונטערגעהאלטן, איז געווארן אנגערופן ניט „אימפעריאליסטישע“, נאר „יוניאניסטישע“ — גאר ניט קיין פאסיקער נאמען, אויב מיר נעמען אין אכט, ווי שטאנדהאפטיק און ענערגיש זי האט געארבעט, כדי צו מאכן צונישט יעטווידער מעגלעכקייט פון א פאראייניקונג פון אלע לענדער פון דער אימפעריע.

די דאזיקע אימפעריאליסטן זיינען געבליבן ביי דער מאכט צען יאר. מיר האבן שוין פארצייכנט, ווי אזוי זיי האבן איינגענומען דרום-אפריקע. זיי זיינען געשלאגן געווארן 1905 אין א פרווו צו שאפן א שוץ-צאל-טאריף לויטן דייטשן מוסטער. די ליבעראלע רעגירונג, וואס האט פארנומען זייער ארט, האט געשאפן די זיך-אליין-רעגירנדיקע דאמיניע פון דרום-אפריקע, און דורכדעם געמאכט פון די באצוואונגענע דרום-אפריקאנישע האלענדער צופרידענע בונד-חברים. נאך דער מעשה האט זי זיך אריינגעלאזן אין א לאנג-דויערנדיקן קאמף מיט דעם פארביסן אימפעריאליסטישן לארדן-הויז.

דאס איז געווען א זייער גרונטיקער קאמף אין דער בריטישער געשיכטע. פון איין זייט איז געווען דער ליבעראלער רוב פון פאלק פון גרויס-בריטאניע אנגעפילט מיט אן ערלעכן ווילן אוועקצושטעלן דעם ענין אירלאנד אויף א נייעם יסוד, וואס האט געגעבן די האפענונג, אז מען וועט אפשר קאנען איבערמאכן די צערייצטקייט פון אירישן

פאלק אין פריינדשאפט. פון דער אנדער זייט זיינען געווען די פאקטארן פון דעם נייעם בריטישן אימפעריאליזם, אנטשלאסן אויף יעדן פאל, זאל זיין וואס וויל, און אויף להכעיס יעטווידער באשלוס פון די ווילער, איבערצוהאלטן זייער אייגענע אייבערהערשאפט סיי איבער די ענגלענדער און שאטלענדער, סיי איבער די אירלענדער און סיי איבער אלע איבעריקע פעלקער פון דער אימפעריע — אויב מעגלעך אויפן געזעצלעכן וועג, און אויב ניט אויפן אומגעזעצלעכן וועג.

אונטער נייע נעמען איז דאס געווען דער איינגעוויינקסטער קאמף אין דער ענגלישער געמיינשאפט, וואס ציט זיך שוין דורות-לאנג. דאס איז דער וועלבעקאנטער קאנפליקט פון א פרייער און ליבעראל געשטימטער געזעלשאפט קעגן מעכטיקע „גדולים“, קעגן גרויסע אזאנטוריסטן און הערשנדיקע פערזאנען, וואס מיר האבן אים שוין באהאנדלט אין אונזער באריכט פון דער באפרייונג פון אמעריקע. אירלאנד איז געווען פשוט א שלאכט-פעלד, ווי אמאל אמעריקע. אין אינדיע, אין אירלאנד, אין ענגלאנד זיינען דער הערשנדיקער קלאס און די מיט אים פארבונדענע אוואנטוריסטן געווען אלע פון איין שניט. נאר אדאנק דעם אונטערשייד אין רעליגיע האט דאס אירישע פאלק געהאט א קליינעם אחדות-געפיל פארן ענגלישן פאלק. נאר אזעלכע אירישע מלוכה-מענער ווי רעדמאנד, דער לידער פון דער אירישער פארטיי אין דער אונטערשטער פאלאטע, האט אויך א צייט אריבערגעשפאנט איבער דער דאזיקער נאציאנאלער ענגשאפט, און האט געגעבן אן איידל-מוטיקן ענטפער אויף די ענגלישע גוטע כוונות.

פאזאליע אבער שטאנדהאפטיק איז דער צוים פון דער לארדן-פאלאטע געווארן דורכגעבראכן, און 1912 האט דער פרעמיער-מיניסטער מ״ר אסקוויט אריינגעטראגן א הדיטן פראיעקט פון דעם אירלענדישן האום-ריול. אין משך פון 1913 און אנהייב 1914 זיינען געפירט געווארן אין פארלאמענט מלחמות וועגן אט דעם פראיעקט. צוערשט איז געגעבן געווארן אויטאנאמיע גאנץ אירלאנד; נאר עס איז צוגעזאגט געווארן א הוספה-געזעץ, וואס זאל אויסשליסן אולסטער אויף געוויסע תנאים. דער דאזיקער קאמף האט געהיערט אזש ביז צום אויסבראך פון גרויסן קריג. די הסכמה פון קיניג צו דעם געזעץ איז געגעבן געווארן שוין נאכן פאקטישן אנהייב פון דער מלחמה, און

צוגלייך איז באַשטעטיקט געוואָרן אַ געזעץ, וואָס לייגט אָפּ די איינפירונג פון דער אירלענדישער אויטאָנאָמיע ביזן סוף פון דער מלחמה. די דאָזיקע געזעצן זיינען אַריינגעשטעלט געוואָרן אין געזעץ-בוך.

אָבער זינט מען האָט אָנגעהויבן באַטראַכטן אין פּאַרלאַמענט דעם דריטן פּראָיעקט פון האָום רול, האָט זיך קעגן אים אויפגעהויבן אַ שטאַרקע אָפּאָזיציע, וואָס האָט אָנגעווענדט געוואַלד-מיטלען. דער אָרגאַניזאַטאָר און אָנפירער פון דער דאָזיקער באַוועגונג, וואָס האָט געוואָלט שטערן דאָס פרידלעכע צוזאַמענלעבן פון צוויי פעלקער, איז געווען סער עדוואַרד קערזאָן, אַ דובלינער אַדוואָקאַט, וואָס איז געוואָרן אַ מיטגליד פון דער ענגלישער אַדוואָקאַטור. ער האָט געהאַט אַ שטעלע אין מ"ר גלאַדסטאָנס מיניסטעריום (פאַר דער שפּאַלטונג איבער דעם האָום רול) און שפּעטער אין דער אימפּעריאַליסטישער רעגירונג. הגם ער האָט אָפּגעשטאַמט פון דובלין, האָט ער זיך פירגענומען צו זיין אַ לידער פון די אולסטערער פּראָטעסטאַנטן. ער האָט אַריינגעבראַכט אין דעם קאָנפליקט יענעם ביטול פאַרן געזעץ, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע אַדוואָקאַטן מוצלחים, און יענע פאַרביסענע, עקשנותדיקע רישעות, וואָס צייכנט אויס אַ געוויסן טיפּ אירלענדער. ער איז געווען דער „אומענגלישסטער" מענטש, וואָס מען קאָן זיך נאָר אויסמאָלן, טונקל, ראָמאַנטיש און געוואַלד-טועריש. זינט דעם אָנהייב פון קאַמף האָט ער גערעדט געשמאַק וועגן אַ באַוואַפנטן ווידערשטאַנד קעגן דער פרייער פאַראייניקונג פון די ענגלענדער און אירלענדער, וואָס דער דריטער פּראָיעקט איז געווען אויסן.

נאָך אין 1911 איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ קאָרפּוס פרייוויליקע אין אולסטער. מען האָט אַריינגעשמוגלט געווער אין לאַנד, און סער עדוואַרד קערזאָן און נאָך אַן אויפשטייגנדיקער אַדוואָקאַט מיטן נאָמען פ. ע. סמיט האָבן אָנגענומען אַ מין האַלב מיליטערישע האַלטונג, זיינען אַרומגעפאָרן איבער אולסטער, אינספּעקטירט די פרייוויליקע און אָנגעפייערט די אָרטיקע ליידנשאַפט. דאָס געווער פאַר דעם אויפשטאַנד האָט מען געקראָגן פון דייטשלאַנד, און סער עדוואַרד קערזאָנס חברים פלעגן ניט איין מאָל לאָזן הערן דורך פאַרשיידענע רמזים וועגן דער אונטערשטיצונג פון אַ „גרויסן פּראָטעסטאַנטישן מאָנאַרך".

להיפוך צו אולסטער איז דער איבעריקער טייל אירלאנד געווען אין יענער צייט א לאנד פון ארדענונג און שטילקייט; מען האט זיך פארלאזן אויף דעם גרויסן פירער רעדמאנד און געגלויבט אין דער ערלעכקייט פון די דריי בריטישע פעלקער.

אט די סטראשונקעס מיט א בירגער־קריג אין אירלאנד זיינען ניט געהען פאר זיך עפעס אויסערגעווינטלעכס אין דער געשיכטע פון דעם דאזיקן אומגליקלעכן אינזל. אבער וואס עס איז יא מערקווערדיק און כאראקטעריסטיש פאר דער וועלט־געשיכטע פון יענער צייט, איז דאס, וואס דער צוגעגרייטער אויפשטאנד האט געהאט שטיצע מצד די ענגלישע מיליטערישע און רעגירנדיקע קלאסן, און וואס סער עדווארד קערזאן און זיינע פריינד האבן געמעגט זיך אפן גרייטן צום באוואפנטן אויפשטאנד, און קיינער האט זיי ניט געשטערט און ניט געשטראפט.

ווי מיר האבן שוין דערקלערט, האט דער סב פון דער רעאקציע, וואס איז געקומען פון דער הצלחה און פון גלאנץ פון דייטשן אימפעריאליזם, זיך געהאט שטארק פארשפרייט צווישן די הערשנדיקע און פארמעגלעכע קלאסן אין גרויס־בריטאניע. עס איז אויסגעוואקסן א דור, וואס האט פארגעסן די מעכטיקע טראדיציעס פון די אבות און איז געווען גרייט אויסצובייטן די גרויסקייט פון דער ענגלישער גערעכטיקייט און פרייהייט אויף דער פוסטער גדולה פון אימפעריאליזם. מען האט צונויפגעקליבן א פאנד פון א מיליאן פונט, דער עיקר אין ענגלאנד, אויף צו אונטערשטיצן דעם אויפשטאנד פון אולסטער, עס איז געווארן געבילדעט א צייטווייליקע רעגירונג פון אולסטער, מענטשן פון דער הויכער ענגלישער געזעלשאפט האבן זיך געמישט אין דעם דאזיקן פלאנטער און פלעגן ארומלויפן איבער אולסטער אין אויטאמאבילן און מיטהעלפן ארײנשמוגלען געווער, און עס זיינען פאראן באווייזן, אז די בריטישע אפיצירן און גענעראלן זיינען געווען גרייט זיך צו באטייליקן אין דעם אויפשטאנד.

דער נאטירלעכער פועל־יוצא פון דער מורדישער באוועגונג צווישן די העכערע קלאסן איז געווען דאס, וואס דער גרעסטער טייל פון אירלאנד, וואס איז קיין מאל ניט געווען שטארק געטריינד מיט ענגלאנד, איז געווארן אומרויק; אויך אירלאנד האט פון איר זייט

גענומען ארגאניזירן „נאציאנאלע פריוויליקע" און ארײנשמוגלען געווער. די מיליטערישע מאכט איז געווען א סך פלינקער בײם שטערן דאס ארײנפירן געווער מצד די נאציאנאליסטן, אײדער מצד די אולסטער־לײט, און אין יולי 1914 האט א פרוּוו ארײנצופירן געווער אין האוט בײ דובלין געפירט צו א שלאכט און צו א בלוט־פארגיסונג אין די גאסן פון דובלין. די בריטישע אינזלען זײנען געווען אויפן שוועל צו א בירגער־קריג.

דאס איז אין קורצע שטריכן די געשיכטע פון דער רעוואלוציאנערער אימפעריאליסטישער באוועגונג אין גרויס־בריטאניע ערב דעם וועלט־קריג. ווארעם די דאזיקע באוועגונג פון סער עדווארד קערזאן און זײנע חברים איז געווען א רעוואלוציאנערע. עס איז געווען בפירוש א פרוּוו צו באזײטיקן די פארלאמענטארישע רעגירונג און מבטל צו זײן די פאוואליע אויסגעוואקסענע, ניט־פולקומע פרײהײטן פון די בריטישע פעלקער, און אוועקשטעלן אויף דעם ארט א נײע רעגירונג פון א מער פרײסישן טיפ — דער קאנפליקט אין אירלאנד האט באדארפט ווערן דער אויסגאנגס־פונקט פאר דער דאזיקער איבערקערעניש. דאס איז געווען די רעאקציאנערע אנשטרענגונג פון עטלעכע צענדליק טויזנט מענטשן צו פארהאלטן די באוועגונג פון דער וועלט צו א דעמאקראטישן געזעץ און סאציאלער גערעכטיקײט, א שטרעבונג פון דעם זעלביקן מין, ווי דער נײער אימפעריאליזם פון די דײטשע יונקערס און גבירים. נאר אין אײן זײער װיכטיקן פרט איז געווען א חילוק צווישן בריטישן און דײטשן אימפעריאליזם. אין דײטשלאנד איז ער געווען גרופירט ארום דער קרוין; זײן שרײענדיקסטער, אנזעעוודיקסטער אנזאגער איז געווען דער קרוין־יורש. אין גרויס־בריטאניע איז דער קיניג געשטאנען פון דער װײטנס. קיניג געארג V האט אין קײן אײן עפנטלעכן אקט ניט ארויסגעוויזן די מינדסטע צופרידנקײט זײנע מיט דער נײער באוועגונג; אויך די האלטונג פון דעם פרינץ פון װײלס, זײן זון און יורש, איז געווען קארעקט.

אין אווגוסט 1914 האט דער שטורעם פון דער גרויסער מלחמה אויסגעבראכן איבער דער וועלט. אין סעפטעמבער האט סער עדווארד קערזאן פראטעסטירט קעגן דעם, וואס דער געזעץ פון דער אירלענדישער אווטאנאמיע איז ארײנגעשטעלט געווארן אין געזעץ־בוך.

מען האט אפגעשטעלט די גילטיקייט פון געזעץ ביזן סוף פון דער מלחמה. אין דעם זעלביקן טאג האט מ״ר דזשאן רעדמאנד, דער לידער פון דער אירלענדישער מערהייט, דער אמתער פארטרעטער פון אירלאנד, געווענדט זיך צום אירלענדישן פאלק מיט אן אויפרוף צו נעמען א גלייכן אנטייל אין דער שווערקייט און אנשטרענגונג פון דער מלחמה. א צייט לאנג האט אירלאנד זיך באטייליקט אין דער מלחמה זייט ביי זייט מיט ענגלאנד ערלעך און פיין. נאר אין יאר 1915 איז די ליבעראלע רעגירונג פארביטן געווארן דורך א קאאליציע, וואס אין איר האט מחמת דער מאראלישער שוואכקייט פון דעם פרעמיער־מיניסטער, מ״ר אסקוויט, יענער סער עדווארד קערזאן פארנומען דעם ארט פון גענעראל־פראקוראר (מיט א שכירות פון 7000 פונט און נאך הכנסות), און באלד האט אים פארטראטן זיין חבר אין דעם אולסטערער אויפשטאנד, סער פ. ע. סמיט.

קיין גרעסערן בזיון האט מען קיין מאל ניט אנגעטאן א פריינדשאפטלעכן פאלק. דאס ווערק פון שלום און אחדות, וואס גלאדסטאן האט אנגעהויבן 1886 און וואס איז שוין געווען כמעט פארענדיקט 1914, איז געווארן צעריסן אינגאנצן און אויף שטענדיק.

אין פרי־יאר 1916 איז דובלין אויפגעשטאנען קעגן דער נייער רעגירונג, אבער דער אויפשטאנד איז געווארן דערשטיקט. די אנפירערס, א סך פון זיי יונגע יינגלעך, זיינען געווארן דערשאסן. אט די האזיקע בכיוונדיקע און אומגעלומפערטע שטרענגקייט האט אין אירלאנד געמאכט דעם איינדרוק פון א שרייענדיקער אומגערעכטיקייט, ווייל מען האט נאך גוט געדענקט, אז מיט די פירערס פון דעם אויפשטאנד אין אולסטער איז מען זיך ניט באגאנגען שטרענג. מען האט פארמשפט צום טויט א געוויסן סער ראדזשער קעזמענט, א גוי, וואס האט פריער פאר זיינע פארדינסטן לטובת דער אימפעריע געקראגן אן אדל־טיטל. ער האט בלי־ספק זיין שטראף פארדינט, אבער זיין באשולדיקער איז געווען סער פ. ע. סמיט, דער אנפירער פון דעם אולסטערער אויפשטאנד — דאס איז שוין געווען פריקרע.

דער דובלינער אויפשטאנד האט געפונען היינציק אונטערשטיצונג אין אירלאנד בכלל, אבער שפעטער איז די באוועגונג פאר אן אומאפהענגיקער רעפובליק גיך אויסגעוואקסן. קעגן אט דער כע־

פאראטיסטישער שטרעבונג, וואס איז געווארן געשפייזט דורך דעם צערייצטן געפיל, האבן געקעמפט די מער איינגעהאלטענע און מעסיקע אידעעס פון אזעלכע מלוכה-מענער ווי סער האריס פלענקעט, וואס האט געוואלט, אז אירלאנד זאל ווערן א בריטישע דאמיניע, א „געקרוינטע רעפובליק", זי זאל בלייבן אין דער אימפעריע מיט גלייכע רעכט ווי קאנאדע אדער אויסטראליע.

---

## 4. דער אימפעריאליזם אין פראנקרייך, איטאליע און אין די באלקאן-לענדער.

אונזער שטודיום פון דעם מאדערנעם אימפעריאליזם אין דייטשלאנד און בריטאניע דעקט אויף געוויסע כוחות, וואס ווירקן גלייך אין ביידע לענדער. די זעלביקע כוחות וועלן מיר געפינען ווירקנדיק אין פארשיידענער מאס און מיט פארשיידענע מאדיפיקאציעס אין די אנדערע גרויסע מאדערנע געמיינשאפטן, וואס מיר וועלן אויף זיי איצט ווארפן א בליק. דער דאזיקער מאדערנער אימפעריאליזם איז ניט קיין סינטעזירנדיקע, וועלט-פאראייניקנדיקע באוועגונג, ווי דער עלטערער אימפעריאליזם. ער איז בעצם א מעגאלאמאנישער נאציאנאליזם, א נאציאנאליזם אויסגעוואקסן צו גרויס-שטרעבערישער משוגעת, א נאציאנאליזם, וואס איז געווארן אגרעסיוו פון וואוילטאג. שטענדיק געפינט ער זיין שטארקסטן אונטערהאלט אין דער מיליטערישער און באאמטן-קאסטע, אין די אונטערנעמערישע און פארכאפערישע שיכטן פון דער געזעלשאפט, ביי די אויפגעקומענע נגידים און ביי די גרויסע ביזנעס-לייט. זיינע הויפט-קריטיקער זיינען די ארעמע אינטעליגענטן און די הויפט-קעגנער זיינען פויערים און ארבעטער. דער אימפעריאליזם נעמט אן די מאנארכיע, וואו ער געפינט זי, נאר דאס איז ניט דווקא א מאנארכיסטישע באוועגונג. נאר צוליב זיין פולער אנטוויקלונג געניטיקט ער זיך אין אן אויסערן-מיניסטעריום פון דעם טראדיציאנעלן טיפ. זיין אפשטאם, וואס מיר האבן דא גענוי אנגעצייכנט אין דעם דאזיקן בוך, מאכט דאס קלאר. דער מאדערנער אימפעריאליזם איז די נאטירלעכע אנטוויקלונג פון דער

גרויס־מלוכה־סיסטעם, וואס איז ארויסגעקומען, מיט אירע געטאדן פון אויסלענדישער פאליטיק, פון די מאקיאוועלישע מאנארכיעס, נאך דער שפאלטונג פון קריסטנטום. דער סוף פון אימפעריאליזם וועט קיי־מען, ווען אנשטאט דורך אמבאסאדעס און אויסערן־מיניסטעריומס וועלן פעלקער זיך אויפטראגן דורך א פארזאמלונג פון דירעקט אויסגעקליבענע פארטרעטער.

דער פראנצויזישער אימפעריאליזם אין דער צייט פון באַוואפנטן שלום אין אייראפע איז נאטירלעך געווען ווייניקער עזותדיק



דער נייער בריק אין קאנסטאנטינאפאל, וואס פארבינדט דעם מזרחדיקן טייל שטאט (גאלאטא) מיטן דרומדיקן (סטאמבול).

ווי דער דייטשער. ער האט זיך ליבער אנגערופן „נאציאנאליזם“, אידער אימפעריאליזם און האט זיך געסטארעט, דורך דער ווענדונג צום פאטריאטישן שטאלץ, צו ווירקן קעגן די באמיונגען פון יענע סאציאליסטן און ראציאנאליסטן, וואס האבן געזוכט צו קומען אין באריר מיט די ליבעראלע עלעמענטן פון דייטשלאנד. ער האט געחלומט וועגן רעוואנש, וועגן אפרעכענען זיך מיט פרייסן פאר דער מפלה פון דער לעצטער מלחמה. נאר חוץ דעם, האט ער אויך ניט אפגעלאזן פון אוואנטורעס צו פארכאפן און עקספלואטירן רעגדער־

אין ווייטן מזרח און אין אַפריקע, קוים קוים זיך אַרויסגעראַטעוועט פון מלחמה מיט בריטאַניע וועגן ענין פאַשאָדאַ (1898), און האָט קיין מאָל ניט פאַרגעסן דעם חלום צו פאַרנעמען סיריע.

איטאַליע איז אויך געוואָרן אָנגעכאַפּט פון דער אימפּעריאַליסטישע קדחת. די בלוטיקע מפּלה פון אַדואַ האָט אויף אַ ווײַלע זי אָפּגעקילט, אָבער דערנאָך האָט זי אין יאָר 1911 דורכגעמאַכט אַ קריג מיט טערקײַ און אַנעקטירט טריפּאָלי. די איטאַליענישע אימפּעריאַליסטן האָבן געוועקט ווײַערע לאַנדסלײַט צו פאַרגעסן מאַזינין און געדענקען יוליוס קיסר: זײַנען זיי דען ניט געווען די יורשים פון דער רוימישער אימפּעריע?

דער אימפּעריאַליזם האָט אָנגערירט אויך די באַלקאַן-פעלקער. קלײנע פעלקער, וואָס עס איז נאָך ניט פאַרבײַ קיין הונדערט יאָר, זינט זיי זײַנען פּטור געוואָרן פון שקלאַפערײַ, האָבן אָנגעהויבן אַרויסווײַזן הערשערישע נטיות: דער קיניג פערדינאַנד פון בולגאַריע האָט אָנגענומען דעם טיטל צאַר, דעם לעצטן פון אַלע געפאַלשעוועטע צעזאַרס; און אין די מאַגאַזין-פענסטער פון אַטען וואַלט אַ נײַגעריקער באַזוכער געקאָנט זען קאַרטעס, וואָס האָבן געוויזן דעם חלום פון אַ גרויסער גריכישער אימפּעריע אין אייראָפּע און אַזיע.

אין יאָר 1912 זײַנען די דרײַ מלוכות סערביע, בולגאַריע און גריכנלאַנד אָנגעפאַלן אויף טערקײַ, וואָס איז שוין געווען אָפּגעשוואַכט דורך איר מלחמה מיט איטאַליע, און האָבן זי אַרויסגעטריבן פון אַלע אירע אייראָפּעישע פּראָווינצן, חוץ דער געגנט צווישן אַדריאַנאָפּאָל און קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אַ יאָר שפּעטער האָבן זיי זיך צעריסן צווישן זיך איבער דער חלוקה פון דעם רויב. רומעניע איז אויך אַרײַן אין קאָן און האָט געהאָלפן צעברעכן בולגאַריע. טערקײַ האָט געקראָגן צוריק אַדריאַנאָפּאָל. די גרעסערע אימפּעריאַליסטן פון עסטרײַך, רוסלאַנד און איטאַליע האָבן אויפגעפאַסט אויפן קאָנפליקט און געקוקט איינע די אַנדערע אויף די פינגער...

## 5. רוסלאַנד אַ גרויס-מאָנאַרכיע.

בעת די גאַנצע וועלט אין מערב האָט זיך האַסטיק געביטן, האָט רוסלאַנד אין משך פון גאַנצן 19טן יאָרהונדערט זיך געביטן זייער פּאַוואָליע. צום סוף פון 19טן יאָרהונדערט איז זי, פּונקט ווי אין אָנהייב, געווען נאָך אַ גרויס-מאָנאַרכיע פון דעם טיפּ פון סוף 17טן יאָרהונדערט, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ יסוד פון באַרבאַרנטום; זי איז נאָך געווען אין אַ צושטאַנד, ווען הויף-אינטריגעס און קיסרלעכע פאַוואָריטן האָבן געקאָנט ווירקן אויף אירע אינטערנאַציאָנאַלע פאַרהעלטעניש. זי האָט אויסגעבויט אַ גרויסן אײַזנבאַן-וועג דורך סיביר, בכדי אויף יענעם עק ווינעם צו כאַפּן די מפּלה פון יאַפּאַנישן קריג. זי האָט אויסגענוצט מאָדערנע מעטאָדן און מאָדערנע געווער, ווי ווײַט דאָס האָט דערלאָזט איר ניט-אַנטוויקלטע אינדוסטריע און דער קליינער קאָנטינגענט פון גענוג געבילדעטע מענטשן. אַזאַ שרײַבער, ווי דאָסטאָיעווסקי, האָט געפּרעדיקט אַ מין מיסטישן אימפּעריאַליזם, באַגרינדעט אויף דער אידעע פון אַ הייליקער רוסלאַנד און איר מיסיע און באַפאַרבן דורך ראַסן-אילוזיעס און אַנטיסעמיטישער ליידנשאַפט, און ער איז ניט געווען דער איינציקער פון דעם מין שרײַבערס. אָבער ווי די געשעענישן האָבן געדאַרפט ווײַזן, האָט זיך דאָס ניט שטאַרק טיף אײַנגעקריצט אין דער פאָרשטעלונג פון די רוסישע מאַסן.

דאָס לעבן פון די אומגעבילדעטע פּויערים איז געווען אַרומגענומען פון אַן אומבאַשטימטן, זייער פּראָסטן קריסטנטום, אײַנגעמישט מיט אַ סך אָבערגלויבן. עס איז געווען ענלעך צום לעבן פון די פראַנצויזישע און דײַטשע פּויערים פאַר דער רעפאָרמאַציע. מען האָט זיך אויסגעמעלט, אַז דער רוסישער מוזשיק פאַרערט און פאַרגעטערט זײַן צאַר און האָט ליב צו דינען דעם פּריץ. אין יאָר 1913 פלעגן רעאַקציאָנערע ענגלישע שרײַבערס נאָך זינגען אַ שבח דעם רוסישן פּויער פאַר זײַן פּראָסטקייט און אונטערטעניקער געטרײַשאַפט דעם האַר. אָבער פּונקט ווי בײַ די מערב-אייראָפּעאישע פּויערים, איז די דאָזיקע פאַרגעטערונג פון דער מאָנאַרכיע געווען אויסגעמישט מיט דער אידעע, אַז דער מאָנאַרך און דער שררה באַדאַרפן זײַן גוט און לײַטזעליק. און אַט די זעלביקע פּראָסטע געטרײַשאַפט האָט, ווען מען

זאל זי נאר ווי געהעריק אויפרייצן, געקאנט מגולגל ווערן אין דער סאמע אומרחמנותדיקסטער אומטאלעראנץ פון סאציאלער אומגערעכטיקייט, וואס האט פארברענט די שלעסער בעת דער זשאקרי און האט געגרינדעט די טעאקראטיע אין מינסטער. אויב מען האט די דאזיקע מאסן אריינגעבראכט אין כעס, איז אין רוסלאנד, וואו בילדונג איז געווען גאר שוואך פארשפרייט, ניט געווען קיין מעגלעכקייט זיך צונויפצורעדן מיט זיי, כדי צו מילדערן די ווילדקייט פון דעם אויסבראך. די העכערע קלאסן האבן אזוי ווינציק געהאט די סימפאטיע פון די אונטערשטע קלאסן, אזוי ווי בעלי⸗חיים פון צוויי פארשיידענע מינים. די דאזיקע רוסישע מאסן זיינען אויף דריי יארהונדערטער געווען הינטערשטעליק הינטער אזא נאציאנאליסטישן אימפעריאליזם, וואס דייטשלאנד האט באוויזן.

אין נאך א פרט איז רוסלאנד געווען פארשיידן פון דער מאדערנער מערב⸗אייראפע און ענלעכער צו איר מיטלעלטערלעכן צושטאנד, דאס איז דער פאקט, וואס אין אירע אוניווערסיטעטן האבן זיך געפינען א סך ארעמע געלערנטע, וואס האבן גאר קיין שייכות ניט געהאט מיט דער ביוראקראטישער אויטאקראטיע. ביז 1917 האט מען אין אייראפעישן געדאנק ניט אנערקענט דעם באטייט דערפון, וואס עס געפינען זיך אזוי נאענט די צוויי פאקטארן פון דער רעוואלוציע, דער ברענשטאף פון אומצופרידנקייט און דער קאמף פאר פרייע אידעעס. ווינציק מענטשן האבן זיך פארגעשטעלט, אז אין רוסלאנד איז פאראן מער מעגלעכקייט פון א גרונטיקער רעוואלוציע, ווי ערגעץ אנדערש.

---

## 6. די פאראייניקטע שטאטן און די אידעע פון דער אימפעריע.

אז מיר ווענדן זיך איצט פון די אייראפעישע גרויס⸗מלוכות, מיט זייער ירושה פון אויסערן⸗מיניסטעריומס און נאציאנאלער פאליטיק, צו די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע, וואס האט 1776 אינגאנצן צעריסן מיט דער גרויס⸗מלוכה⸗סיסטעם, געפינען מיר א העכסט

אינטערעסאנטן ווידעראנאנד אין דער ווירקונג פון יענע כוחות, וואס האבן ארויסגעבראכט דעם עקספאנסיון אימפעריאליזם אין איראפע.

די מעכאנישע רעוואלוציע האט בנוגע אמעריקע, פונקט ווי בנוגע איראפע, די גאנצע וועלט אריינגעבראכט אין די ראמען פון א נסיעה פון עטלעכע טעג. פונקט ווי די גרויס-מלוכות, אזוי האבן אויך די פאראייניקטע שטאטן פינאנסיעלע און האנדלס-אינטערעסן איבער גאר דער וועלט. עס איז אויסגעוואקסן א גרויס-אינדוסטריע און געניטיקט זיך אין מערק אויף יענער זייט ים. דער זעלביקער קריזיס פון גלויבן, וואס האט צעטרייסלט די מאראלישע אחדות פון איראפע, האט געטראפן אויך אין דער אמעריקאנישער וועלט. איר פאלק איז געווען אזוי פאטריאטיש און האפערדיק ווי אלע אנדערע. פאר וואס זשע האבן די פאראייניקטע שטאטן ניט באוואפנט זיך און אנטוויקלט קיין אגרעסיווע פאליטיק? פארוואס האבן די פאנעס מיט די שטרייפן און שטערן ניט געפלאטערט איבער מעקסיקע, און פארוואס איז אין כינע ניט אויסגעוואקסן נאך אן אינדישע סיסטעם אונטער דער דאזיקער פאנע? גראד איז דאס דער אמעריקאנער געווען דער, וואס האט געעפנט יאפאן. נאכדעם ווי ער האט דאס אפגעטאן, האט ער דערלאזט און א פראטעסט, אז די דאזיקע מלוכה זאל זיך איראפעאיזירן און ווערן א מוראדיקער כח. דאס אליין איז געווען גענוג, אז מאקיאוועלי, דער פאטער פון דער מאדערנער אייזערן-פאליטיק, זאל זיך איבערקערן אין קבר פאר כאדראס.

וואלט אנשטאט די פאראייניקטע שטאטן געווען אן איראפעאיזירטע גרויס-מלוכה, וואלט גרויס-בריטאניע געמוזט באפעסטיקן דעם קאנאדער גרענעץ פון איין עק ביזן אנדערן — ביי היינטיקן טאג איז ער לחלוטין ניט באפעסטיקט — און האלטן א גרויסן ארסענאל אין ס"ט לאורענס. אלע איינציקע מלוכות פון צענטראל- און דרום-אמעריקע וואלטן שוין לאנג געווארן אונטערטעניק געמאכט און אוועקגעשטעלט אונטער דער איבערהערשאפט פון צפון-אמעריקאנישע באאמטע פון דעם „רעגירנדיקן קלאס“. עס וואלט געווען א שטענדיקע קאמפאניע פאר אמעריקאניזירן אויסטראליע און ניי-זעלאנד, און נאך א טענה צו פארנעמען א ברעג-לאנד פון צענטראל-אפריקע.

און ווי דורך אן איסטערלישן צוטראף האט אמעריקע געהאט אין דעם פרעזידענט רוזוועלט (פרעזידענט 1901 — 1908) א מאן מיט אזא אומרויקער ענערגיע, ווי דער דייטשער קיסר ווילהעלם, פונקט אזוי להוט נאך גרויסע אייפטועו, פונקט אזוי פיל פאנטאזיעס און בארייטעוודיק, א ליבהאבער פון אוואנטורעס מיט א נטיה צו וועלט־פאליטיק און מיט א חוש פאר באוואפענונגען, — דאס איז דער אמתער מענטש, וואס וואלט געקאנט, ווי מיר מעגן זיך אויסמעלן, ארייננציען זיין לאנד אין א געשלעג איבער קאלאניעס.



דער מערדער פון עסטרייכישן קרוין־יורש ערצהערצאג פראנץ פערדינאנד ווערט ארעסטירט.

עס איז, ווייזט אויס, קיין אנדער דערקלערונג ניטא דערפאר, וואס די פאראייניקטע שטאטן זיינען אזוי איינגעהאלטן אין פרט פון אויסוויינקסטער פאליטיק, ווי דאס, וואס זייערע אינסטיטוציעס און טראדיציעס זיינען אין תוך אנדערע. קודם־כל האט די רעגירונג פון די פאראייניקטע שטאטן ניט קיין אויסערן־מיניסטעריום און קיין די־פלאמאטישן קארפוס פון דעם אייראפעישן טיפ, ניט קיין קערפער־שאפט פון „מומחים“, וואס זאלן אונטערהאלטן א טראדיציע פון אן אגרעסיווער פאליטיק. דער פרעזידענט האט א גרויסע מאכט, נאר ער

איז באַגרענעצט דורך דער מאַכט פון סענאַט, וואָס ווערט אויסגעקליבן דירעקט דורכן פאָלק. דער סענאַט מוז געבן זיין הסכם צו איטלעכן אָפּמאַך מיט אַ פרעמדער מלוכה. בכן, שטייען די אויסלענדישע פאַרבינדונגען פון לאַנד אונטער אַן עפנטלעכן געזעלשאַפטלעכן קאָנטראָל. ביי אַזאַ סיסטעם זיינען קיין געהיימע אָפּמאַכן ניט מעגלעך, און פרעמדע מלוכות באַקלאָגן זיך דערויף, וואָס מיט די פאַראייניקטע שטאַטן איז שווער זיך „צונויפצורעדן" — דאָס איז בעצם אַן אויסגעצייכנטער צושטאַנד. לויט דער קאָנסטיטוציע זיינען די פאַראייניקטע שטאַטן ניט מסוגל צו פירן אַזאַ מין אויסלענדישע פּאָליטיק, וואָס האָט אַזוי לאַנג געהאַלטן אייראָפּע שטענדיק אויפן שוועל פון אַ קריג.

צווייטנס, האָט אין די פאַראייניקטע שטאַטן ביז אַהער ניט עקסיסטירט ניט קיין אָרגאַניזאַציע און ניט קיין טראַדיציע צו רעגירן איבער באַצוואונגענע לענדער. וואו עס איז ניטאָ קיין קרוין, קאָנען ניט זיין קיין קרוינישע קאָלאָניעס. אויסשפרייטנדיק זיך איבער דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט, האָבן די פאַראייניקטע שטאַטן אַנטוויקלט גאָר אַן אייגנאַרטיקע מעטאָדע צו באַהאַנדלען נייע טעריטאָריעס, וואָס איז הפלאדיק צוגעפּאַסט פאַר ניט־באַזעצטער ערד, אָבער זייער ניט פּאַסיק, ווען מען ווענדט זי אָן צו פריי צו שטרעקעס, וואָס האָבן שוין אַ פרעמדע באַפעלקערונג. די דאָזיקע מעטאָדע איז באַגרינדעט אויפן געדאַנק, אַז אין דער סיסטעם פון די פאַראייניקטע שטאַטן קאָן ניט זיין קיין פאָלק, וואָס בלייבט שטענדיק אונטערטעניק.

אויף דער ערשטער מדרגה ווערט דאָס לאַנד, וואָס די פאַראייניקטע שטאַטן פאַרנעמען, אַ „טעריטאָריע". די „טעריטאָריע" געפינט זיך דירעקט אונטער דער פעדעראַלער רעגירונג און האָט אַ היפּשע מאָס אַליינפאַרוואַלטונג. זי שיקט אַ דעלעגאַט צום קאָנגרעס (אָן שטימרעכט). שפּעטער אָבער, אַז דאָס לאַנד ווערט מער באַזעצט און די באַפעלקערונג פאַרמערט זיך, ווערט די טעריטאָריע געמאַכט פאַר אַ שטאַט. דאָס איז געווען דער אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון אַלע נייערע שטאַטן פון דעם פאַרבאַנד; די לעצטע טעריטאָריעס, וואָס זיינען געוואָרן שטאַטן, זיינען אַריזאָנאַ און ניי־מעקסיקע, וואָס זיינען געוואָרן שטאַטן אין יאָר 1912. דער פאַרפראָרענער מדבר פון אַלאַסקאַ, וואָס איז אָפּגעקויפט געוואָרן ביי רוסלאַנד, איז געבליבן פּאָליטיש

ניט־אנטוויקלט פשוט דערפאר, ווייל ער האט ניט קיין גענוג גרויסע באפעלקערונג, אז מען זאל קאנען ארגאניזירן א שטאט.

אז דייטשלאנד און גרויס־בריטאניע האבן אנגעהייבן אנעקטירן די אינזלען אויפן שטילן אקעאן, און עס איז געווען א סכנה, אז די פאראייניקטע שטאטן זאלן בלייבן אן קוילן־סטאנציעס אויף דעם אקעאן, זיינען אנעקטירט געווארן א טייל פון די סאמאא־אינזלען (1900) און די סענדוויטש־אינזלען (האוואי, 1898). דא האבן די פאראייניקטע שטאטן צום ערשטן מאל געהאט צו טאן טאקע מיט אן אונטערטעניקער באפעלקערונג. אבער היות ווי אין אמעריקע איז ניטא קיין קלאס מענטשן, ענלעך צו די אנגלא־אינדישע באאמטע, וואס זאל באהערשן די עפנטלעכע מיינונג, האבן די אמעריקאנער באהאנדלט די איינגענומענע אינזלען אויפן שטייגער פון א „טערי־טאריע". עס ווערן געמאכט אלע אנשטרענגונגען כדי אויפצוהייבן דעם שטאנד פון בילדונג אויף די האוואי־אינזלען ביז צו דער אמעריקאנער מדרגה, עס איז ארגאניזירט געווארן אן אליינפארוואל־טונג לויטן מוסטער פון אן אמעריקאנער טעריטאריע, אזוי אז אט די טונקל־הויטיקע אינזל־איינוואוינער וועלן סוף־כל־סוף קענטיק ווערן פולבארעכטיקטע בירגער פון די פאראייניקטע שטאטן (וועגן די קליינע סאמאאנישע אינזלען זארגט אן אמעריקאנישער אדמיניסטרא־טאר, אהערגעזעצט פון דער פלאט־פארוואלטונג).

אין יאר 1895 איז ארויסגעקומען א סיכסוך צווישן די פאר־אייניקטע שטאטן און בריטאניע מכוח ווענעצועלא, און דער פרעזידענט קליוולענד האט שטייף אונטערגעהאלטן די מאנרא־דאקטרינע. דעמאלט האט מ"ר אלני געמאכט אזא מערקווערדיקע דעקלאראציע: „ביי היינטיקן טאג זיינען די פאראייניקטע שטאטן פאקטיש דער הערשער פון דעם גאנצן קאנטינענט, און זייער באפעל איז א געזעץ בנוגע צו יענע ענינים, וואו זיי מישן זיך אריין".

חוץ דעם, זיינען נאך אפגעהאלטן געווארן פארשיידענע פאן־אמעריקאנישע קאנגרעסן. דאס אליך אין איינעם באצייכנט אן אפענע רעאלע „איסערן־פאליטיק", וואס שטרעבט צו פארבינדן גאנץ אמע־ריקע אויף די יסודות פון קעגנזייטיקער הילף. איבערן גאנצן קאנ־טינענט זיינען אנגענומען אפמאכן וועגן בוררים־געריכטן. און עס ווייזט

אויס, אז די אנטוויקלונג גייט בהדרגה צו אן אינטער־מלוכהשער ארגאניזאציע, וואס זאל פאראייניקן סיי די ענגליש ריידנדיקע און סיי די שפאניש ריידנדיקע מלוכות פון גאנץ אמעריקע, וואס דערביי וועלן די ערשטע שפילן די ראלע פון אן עלטערן ברודער. דא האבן מיר עפעס אזוינס, וואס מיר קאנען גארניט אנרופן אן אימ־פעריע, וואס איז א סך ברייטער פאר דעם גרויסן פארבאנד פון דער בריטישער אימפעריע בנוגע דער פרייהייט פון די איינציקע באַ־שטאנד־טיילן.

בהסכם מיטן דאויקן געדאנק וועגן אן אלגעמיינעם וואוילשטאנד פון גאנץ אמעריקע האבן די פאראייניקטע שטאטן אין יאר 1898 זיך אריינגעמישט אין די ענינים פון קובא, וואס איז אין משך פון א סך יארן געווען אין צושטאנד פון כראנישע אויפשטאנדן קעגן שפאניע. א קורצע מלחמה האט זיך געענדיקט מיט דער איננעמונג פון קובא, פארטא־ריקא און די פיליפינען־אינזלען. קובא איז איצט אן אומ־אפהענגיקע זיך אליין רעגירנדיקע רעפובליק. פארטא־ריקא און די פיליפינען האבן געקראגן א ספעציעלן מין רעגירונג, מיט אן אונ־טערשטער פאלאטע, וואס ווערט אויסגעקליבן פון פאלק, און אן אייבערשטער פאלאטע, וואס האט מיטגלידער, וואס זיינען אנהייב געווארן באשטימט דורך דעם סענאט פון די פאראייניקטע שטאטן. עס איז קיים אנצונעמען, אז סיי פארטא־ריקא און סיי די פיליפינען זאלן ווען עס איז זיין שטאטן פון אמעריקאנער פארבאנד. מען מעג רעכענען, אז זיי וועלן ווערן פרייע מלוכות אויף א געוויסן אופן פארבונדן סיי מיט דער ענגליש־ריידנדיקער און סיי מיט דער לאטיי־נישער אמעריקע.

סיי קובא און סיי פארטא ריקא זיינען געווען צופרידן דערמיט, וואס אמעריקע האט זיך אריינגעמישט אין זייערע ענינים. נאר אויף די פיליפינען איז נאכן שפאנישן קריג געווען א פארלאנג נאך פולער און באלדיקער באפרייונג און א באטייטיקער ווידערשטאנד קעגן דער אמעריקאנישער מיליטערישער אדמיניסטראציע. אט דא האבן טאקע די פאראייניקטע שטאטן זיך צום נאענטסטן צוגערוקט צום אימ־פעריאליזם פון דעם גרויס־מלוכישן טיפ, און דא זיינען פאראן געוויסע טענות קעגן זייער ממשלה. אין די פאראייניקטע שטאטן גופא

איז געווען אַ סך סימפּאַטיע פאַר די אויפגעשטאַנענע. אָט איז דער שטאַנדפּונקט פון געוועזענעם פּרעזידענט רוזוועלט, ווי ער האָט געשריבן אין זיין „אויטאָ־ביאָגראַפיע” (1913).

„וואָס איז שייך די פיליפּינען, איז געווען מיין מיינונג, אַז מיר דאַרפן זיי דערציען צו אַליינרעגירונג אַזוי גיך ווי דאָס איז נאָר מעגלעך, און דערנאָך זיי לאָזן פריי, זיי זאָלן אַליין באַשטימען זייער גורל. איך האָב ניט געהאַלטן פאַר מעגלעך צו באַשטימען דעם



אַן אַמוניציע־וואַרשטאַט בעת דעם גרויסן קריג.

טערמין, ווען מיר וועלן זיי געבן אומאָפּהענגיקייט, מחמת איך האָב געמיינט, אַז מען קאָן ניט באַשטימען אין פאָראויס, ווען זיי וועלן זיין שוין זיין פאַרטיק צו פירן זייער אַליינרעגירונג, און וויבאַלד מיר וואָלטן שוין געהאַט צוגעזאָגט, האָב איך געפילט, אַז מיר מוזן ניט אַנדערש האַלטן וואָרט. אין עטלעכע חדשים אַרום נאָכדעם ווי איך האָב איבערגענומען דעם אַמט, האָבן מיר געהאַט דערשטיקט דעם לעצטן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד אויף די פיליפּינען, ווי ווייט ער האָט ניט געטראָגן אַ ספּאָראַדישן כאַראַקטער. ווי נאָר דער שלום איז געווען געזיכערט, האָבן מיר געווענדט אונזער ענערגיע אויף צו אַנט־

וויקלען די אינזלען צוליב די אינטערעסן פון די אײַנגעבאָרענע. מיר האָבן אומעטום געגרינדעט שולן; מיר האָבן געבויט וועגן; מיר האָבן אײַנגעפירט אָנפּניותדיקע געריכטן; מיר האָבן מיט וואָס נאָר מעגלעך געשטיצט ערדאַרבעט און אינדוסטריע; און אין אַ שטענדיק וואַקסנדיקער מאָס האָבן מיר אויסגענוצט אײַנגעבאָרענע צוליב זייער אייגענער רעגירונג און מיר האָבן סוף־כּל־סוף פאָראויסגעזען אַ געזעצגעבערישע פּאַלאַטע...

„מיר רעגירן און מיר האָבן רעגירט די אינזלען אין די אינטערעסן פון די פיליפּינען גופא. אויב נאָך דער געהעריקער צייט וועלן די פיליפּינאָס גופא באַשטימען, אַז זיי ווילן ניט ווערן רעגירט אויף אַזאַ אופן, בין איך זיכער, אַז מיר וועלן זיי פאַרלאָזן. נאָר אויב מיר פאַרלאָזן זיי, דאַרף מען בפירוש וויסן, אַז מיר וועלן קיין שום פּראָטעקטאָראַט ניט אויפהאַלטן — און קודם־כּל, אַז מיר וועלן ניט נעמען קיין אָנטייל אין אַ פּאַראייניקטן פּראָטעקטאָראַט — איבער די אינזלען און מיר וועלן זיי ניט געבן קיין שום גאַראַנטיע פון נייטראַליטעט וכדומה אַזעלכע זאַכן; בקיצור, אַז מיר נעמען פון זיך אַראָפּ יעטווידער אחריות פאַר זיי, אין וואָסער אופן דאָס זאָל אויך זיין".

דאָס איז גאָר אַן אַנדער אײַנשטעל, ווי דער אײַנשטעל פון אַ פּידער פון אַ בריטישן אָדער פראַנצויזן אויסערן־מיניסטעריום צי קאָלאָניאַל־מיניסטעריום. אָבער דאָס איז ניט שטאַרק פאַרשיידן פון דעם גייסט, וואָס האָט געשאַפן די רעפּובליק פון קאַנאַדע, דרום־אַפריקע און אויסטראַליע און האָט דורכגעפירט די דריי געזעץ־פּראָיעקטן פון דער אירלענדער אויטאָנאָמיע. דאָס איז די עלטערע און מער כאַראַקטעריסטיש ענגלישע טראַדיציע, וואָס פון איר שטאַמט די דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט. אַן שום טענות ומענות וואַרפט זי אַרויס די שענדלעכע אידעע פון „אונטערטעניקע פעלקער".

מיר וועלן זיך דאָ ניט פאַרנעמען מיט די פּאָליטישע פּלאָנטערנישן, וואָס האָבן באַגלייט דעם בוי פון דעם פּאַנאַמע־קאַנאַל, וואָרעם זיי ברענגען ניט אַרײַן קיין נייע שײַן אין דער אינטערעסאַנטער פראַגע פון דער אַמעריקאַנער מעטאָדע אין דער וועלט־פּאָליטיק. די געשיכטע פון פּאַנאַמע איז אַ ריין אַמעריקאַנער געשיכטע. נאָר עס

איז קלאָר, אַז פונקט ווי דער אינעווייניקסטער פּאָליטישער בוי פון דעם אַמעריקאַנער פאַרבאַנד איז געווען אַ נייע זאַך אין דער וועלט, אַזוי זיינען אויך געווען ניי זיינע באַציונגען מיט דער וועלט אויסער זיינע גרענעצן.

---

## 7. די דירעקטע סיבות פון דער גרויסער מלחמה

עס איז געווען ניט קיין גרינגע זאַך אויסצופאָרשן דעם געמיטצושטאַנד פון אייראָפּע און אַמעריקע אין שייכות מיט די אינטערנאַציאָנאַלע פאַרהעלטענישן אין די יאָרן, וואָס האָבן געפירט צו דער וועלט־טראַגעדיע פון 1914. דאָס איז דערפאַר, ווייל גרויסע מלחמות, און בכלל מלחמות, ווי עס קומען צו דער איינזעעניש אַלץ מער און מער מענטשן, זיינען אַ נויטווענדיקער רעזולטאַט פון דעם גייסטיקן איינשטעל פון דעם פּעריאָד. אַלצדינג וואָס מענטשן און פעלקער טוען איז דער פועל־יוצא פון אינסטינקטיווע מאָטיוון, וואָס רעאַגירן אויף אידעעס, וואָס עס האָבן אַריינגעזעצט אין מענטשישע קעפּ שמועסן און ביכער און ציטונגען און לערערס אין דער שול און כדומה. פיזישע נויטווענדיקייטן, מגפות, שינויים אין קלימאַט און כדומה נאָך אַזעלכע אויסווייניקסטע זאַכן קאָנען אָפּווענדן אָן אַ זייט אָדער צעדרייען דעם וואוקס פון דער מענטשלעכער געשיכטע, נאָר איר לעבעדיקער וואָרצל איז דער געדאַנק.

די גאַנצע מענטשלעכע געשיכטע איז פון גרונט אויס די געשיכטע פון אידעעס. צווישן דעם היינטיקן מענטשן און דעם מענטשן פון קראָמאַניאָן־צייט זיינען די פיזישע און פּסיכישע אונטערשיידן זייער קליינע. דער עיקר אונטערשייד צווישן זיי ליגט אין דעם אויסשפּרייט און אינהאַלט פון יענעם גייסטיקן הינטערגרונט, וואָס מיר האָבן זיך אָנגעשאַפט אין משך פון די פינף הונדערט דורות, וואָס קומען דאָ אַריין צווישן.

מיר זיינען צו נאָענט צו די געשעענישן פון דער גרויסער מלחמה, אַז מיר זאָלן קאָנען פּרעטענדירן, אַז דער דאָזיקער „קאָנטור" זאָל אַרויסטראָגן דעם פּסק־דין פון דער געשיכטע אויף איר, נאָר מיר מעגן אַרויסזאָגן די השערה, אַז ווען דער ברען

פון דעם קאנפליקט וועט זיך האבן אפגעקילט, וועט זיך ארויס־
ווייזן, אז אויף דייטשלאנד וועט פאלן די גרעסטע חרפה פאר ברענ־
גען די מלחמה אויף דער וועלט. די חרפה וועט פאלן אויף איר,
נים ווייל זי איז געווען מאראליש און אינטעלעקטועל פארשיידן פון
אירע שכנים, נאר ווייל די אלגעמיינע קרענק פון אימפעריאליזם האט
אין איר געבושעוועט אין דער פולקומסטער און ענערגישסטער פארם.
קיין איין היסטאריקער, וואס האלט עפעס פון זיך, זי אויבנאויפיק און
פאפולער עס זאלן אויך זיין זיינע צילן, קאן נים אונטערהאלטן די
לעגענדע, וואס איז געשאפן געווארן דורך דער היץ פון קריג, אז דער
דייטש איז עפעס א באזונדער מין מענטש, מער בלוטדארשטיק און
פארברעכעריש, ווי אנדערע מענטשן. אלע גרויסע מלוכות פון פאר
1914 זיינען געווען אין א צושטאנד פון אגרעסיוון נאציאנאליזם און
אלע האבן זיי געשטרעבט צו מלחמה; די רעגירונג פון דייטשלאנד
איז נאר געגאנגען בראש פון דער דאזיקער אלגעמיינער באוועגונג.
זי איז אריינגעפאלן אין ברענעם די ערשטע, און זי איז איינגעזונקען
צום טיפסטן. זי איז געווארן דער שרעק־מוסטער, וואס אלע איבערי־
קע, וואס האבן געזינדיקט מיט איר צוזאמען, האבן געקאנט אויף
אים שרייען.

א צייט לאנג האבן דייטשלאנד און עסטרייך געשטרעבט איינ־
צובריייטערן דעם דייטשן איינפלוס קיין מזרח דורך קליין־אזיע. דער
דייטשער געדאנק איז געווען קריסטאליזירט אין דער פראזע „פון בערלין
ביז באגדאד". דירעקט להיפוך צו די דייטשע חלומות זיינען געווען
די חלומות פון רוסלאנד, וואס האט געפלאנעוועט וועגן אן אויסשפריי־
טונג פון דער סלאווישער ממשלה ביז קאנסטאנטינאפאל און דורך
סערביע ביז צום אדריאטישן ים. אט די שטרעבונגען האבן זיך גע־
קרייצט מיט אנאנד און האבן נים געקאנט באשטיין איינע לעבן דער
אנדערער. דער תמיד אויפגערעגטער צושטאנד אויף די באלקאנען
איז אין א גרויסער מאס געווען דער פועל־יוצא פון די אינטריגעס
און פון דער פראפאגאנדע, וואס זיינען אונטערגעהאלטן געווארן דורך
דעם דייטשן און סלאווישן פלאן. טערקיי האט זיך געווענדט נאך
שטיצע צו דייטשלאנד, סערביע צו רוסלאנד, רומעניע און איטאליע,
ביידע לאטייניש און זייער טראדיציע, ביידע נאמינעל פארבונדן מיט

דײַטשלאַנד, האָבן בשותּפות געהאַט ברייטערע און טיפערע פּלענער. פערדינאַנד, דער צאַר פון בולגאַריע, האָט געהאַט נאָך פינסטערערע צילן. און צו די סודות פון גריכישן הויף, וואָס זײַן קיניג איז געווען אַ שוואָגער פון דײַטשן קיסר, קאָנען מיר בײַ הײַנטיקן טאָג גאָר ניט צוקומען.

נאָר דער פּלאָנטער האָט זיך נאָך ניט געענדיקט מיט דײַטשלאַנד פון איין זײַט און רוסלאַנד פון דער צווייטער זײַט. די זשעדנעקייט פון דײַטשלאַנד אין יאָר 1871 האָט געמאַכט פון פראַנקרײַך איר אײַנגעגעסענעם שונא. דאָס פראַנצויזישע פאָלק, וואָס האָט פאַרשטאַנען, אַז מיט די אייגענע כּוחות קאָן עס ניט צוריק געווינען די פאַרלאָרענע פּראָווינצן, האָט זיך אויסגעמעלט אַ גוזמאדיקע פאַרשטעלונג פון דער מאַכט פון רוסלאַנד און פון איר גרייטשאַפט צו העלפן איר. האָט דאָס פראַנצויזישע פאָלק געחתמעט גוואַלדיקע געלטער אויף רוסישע הלוואות. פראַנקרײַך איז געוואָרן אַ פאַרבינדעטע פון רוסלאַנד. אויב דײַטשלאַנד זאָל באַפאַלן רוסלאַנד, צו פירן מיט איר מלחמה, וועט פראַנקרײַך דעמאָלט אָנפאַלן אויף דײַטשלאַנד.

דער קורצער פראַנצויזישער מזרח-גרענעץ איז געווען זייער שטאַרק געשיצט. קעגן אַזאַ שורה פעסטונגען האָט דײַטשלאַנד געהאַט ווינציק אויסקוק, אַז עס זאָלן זיך פאַר איר איבערחזרן די ניצחונות פון 1870 — 71. נאָר דער בעלגישער גרענעץ פון פראַנקרײַך איז געווען לענגער און ווינציקער שטאַרק געשיצט. אַן אָנפאַל מיט אַן איבערמאָס פון חיל אויף פראַנקרײַך דורך בעלגיע וואָלט געקאָנט געבן די זעלביקע רעזולטאַטן וואָס אין יאָר 1870, נאָר נאָך אין אַ ברייטערן מאַסשטאַב. דער פראַנצויזישער לינקער פליגל וואָלט געקאָנט ווערן צוריקגעבויגן קיין דרומית-מזרחית אַרום ווערדען, ווי אַן אַקס, און צונויפגעקלאַפּט מיטן רעכטן פליגל, אַזוי ווי מען מאַכט צו אַ געעפנטן גאָל-מעסער.

דעם דאָזיקן פּלאַן האָבן די דײַטשע סטראַטעגן אויסגעאַרבעט מיט אַלע קלייפּערלעך. אָבער כּדי אים אויסצופירן האָט דײַטשלאַנד געמוזט עובר זײַן אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ: וואָרעם פּרײַסן האָט אויף זיך גענומען צו גאַראַנטירן די נייטראַליטעט פון בעלגיע, און מיט בעלגיע האָט זי קיין סכסוך ניט געהאַט. דורך שטערן דעם

בעלגישן נייטראַליטעט האָט דייטשלאַנד רויקירט איפצוברענגען קעגן זיך גרויס-בריטאַניע (וואָס האָט אויך צוגעזאָגט צו שטיצן די נייטראַליטעט פון בעלגיע). נאָר די דייטשן האָבן געמיינט, אַז זייער פּלאַט איז שוין אויסגעוואַקסן גרויס גענוג, אַז ענגלאַנד וועט זיך נאָך שטאַרק מיישב זיין, איידער זי וועט זיך אַריינמישן. מיט אַט דעם אויסקוק איז אויסגעבויט געוואָרן אַ גרויסע סיסטעם פון סטראַטעגישע אייזנבאַנען צו דעם בעלגישן גרענעץ, און עס זיינען געמאַכט געוואָרן כּלערליי הכנות אויף אויסצופירן דעם פּלאַן. אַזוי אַרום האָבן זיי געהאַפט פּאַרטיק צו ווערן מיט פראַנקרייך מיט איין קלאַפּ, און דערנאָך וועלן זיי זיך שוין טאָן מיט רוסלאַנד וואָס זייער האַרץ גלוסט.

אין יאָר 1914 האָט אויסגעוויזן, אַז אַלצדינג שטעלט זיך איין לטובת פון די צוויי צענטראַלע מלוכות, רוסלאַנד איז אמת געקומען צו זיך זינט 1906, אָבער זייער פּאַמעלעך. פראַנקרייך איז געווען אַריינגעצויגן אין פינאַנסיעלע סקאַנדאַלן. דער שפּיץ פון אַט די סקאַנדאַלן איז געוואָרן דערגרייכט אין מערץ, אַז די פרוי פון דעם פינאַנס-מיניסטער מ"ר קאַיאָ האָט דערשאָסן דעם רעדאַקטאָר פון „פיגאַראָ" מ' קאַלמעט. וואָס איז שייך בריטאַניע, איז גאַנץ דייטשלאַנד געווען באַזיכערט, אַז זי שטייט אויפן שוועל פון אַ בירגער-קריג אין אירלאַנד. די דייטשע רעגירונג האָט זיך עטלעכע מאָל געסטאַרעט סיי דורך אויסלענדער און סיי דורך ענגלענדער צו דערגיין גענוי, וואָס וועט ענגלאַנד טאָן, אויב דייטשלאַנד און עסטרייך וועלן אָנפאַלן אויף פראַנקרייך און רוסלאַנד. נאָר דער בריטישער אויסערן-מיניסטער סער עדוואַרד גריי האָט ביז צו דעם עצם טאָג, ווען ענגלאַנד איז אַריין אין דער מלחמה, געגעבן כּסדר צווייטייטיקע ענטפערס. מחמת דעם איז אויפן קאָנטינענט געווען אַזאַ איינדרוק, אַז ענגלאַנד וועט אָדער גאָרניט אַריין אין דער מלחמה, אָדער זי וועט אָפּלייגן איר אַריינטריט, און דאָס האָט אפשר אויפגעמונטערט דייטשלאַנד צו סטראַשען אַלץ מער פראַנקרייך.

צוגעאיילט זיינען געוואָרן די געשעענישן דורך דעם מאָרד פון ערצהערצאָג פראַנץ פערדינאַנד, דעם קרוין-יורש פון דער עסטרייכישער אימפּעריע, דעם 28טן יוני אין סאַראַיעוואָ, דער הויפּטשטאָט פון

באסניע, וואו ער איז געזעהן איוף אן אפיציעלן זוויט. דאס איז געזעהן אן איסרייד צו לאזן מארשירן די ארמייען. „איצט אדער קיין מאל ניט", האט געזאגט דער דייטשער קיסר. סערביע איז געוואָרן באשולדיקט, אז זי האט דאס ארגאניזירט דעם מארד, און ניט געקוקט איוף דעם פאקט, וואס עסטרייכישע קאמיסארן האבן געמאלדן, אז זיי האבן ניט קיין שום באווייזן, אז די סערבישע רעגירונג איז פארמישט, האט די עסטרייכיש-אונגארישע רעגירונג דאך ניט אנדערש געוואלט פון דעם מאכן אן איסרייד פאר א קריג. דעם 23טן יולי האט עסטרייך איבערגעשיקט סערביע אן אולטימאטום, און ניט געקוקט איוף דעם, וואס סערביע האט זיך פאקטיש אונטערגעגעבן און וואס סער עדוואַרד גריי, דער בריטישער איסערן-מיניסטער, האט מיט אלע מיטלען געסטארעט זיך צונויפצורופן א קאנפערענץ פון די גרויס-מלוכות, האט זי דעם 28טן יולי דערקלערט סערביע קריג.

רוסלאנד האט מאביליזירט איר ארמיי דעם 30טן יולי, און דעם 1טן אויגוסט האט דייטשלאנד איר דערקלערט קריג. דעם אנדער טאג זיינען דייטשע חיילות אריבערגעטראטן איוף דער פראנצויזישער טעריטאריע, און עס האט זיך אנגעהויבן די גרויסע פלאנגען-באוועגונג דורך לוקסעמבורג און בעלגיע. קיין מערב זיינען געריטן די איוסשפירערס און אוואנגארדן. קיין מערב האבן זיך אלאז געטאן א סך איוטאמאבילן, אנגעפאקט מיט זעלנערס. נאך זיי זיינען געגאנגען גוואלדיקע קאלאנעס אין גרא געקליידטע פוס-גייערס; זיי זיינען געווען צום גרעסטן טייל גרויסאויגיקע, שיינע יונגע דייטשן, -- זייער לייטישע, עדוקירטע בחורים, וואס האבן נאך קיין מאל ניט געזעהן, ווי מען פייערט אפ א שאס אין כעס. „דאס איז מלחמה", האט מען זיי געזאגט. זיי באדארפן זיין דרייסט און קיינעם ניט שוינען. טייל פון זיי האבן געטאן וואס זיי האבן געקאנט, בכדי איוסצופירן די דאייקע מיליטאריסטישע אינסטרוקציעס איפן חשבון פון די אומגליקלעכע בעלגיער.

מען האט געמאכט א צו גרויסן טומל וועגן די איינציקע מעשי-אכזריות אין בעלגיע — דאס הייסט צו גרויס אין פארגלייך צו דער הויפט-אכזריות אין אויגוסט 1914, דער אינוואזיע אין בעלגיע. נאכ-

דעם ווי דאס איז געשען, זיינען שוין געקומען ווי פון זיך די איינציקע שיסערייען און רויבערייען, דאס צעשטערן גוטס צוליב וואוילטאג ווען, אדער די פאלן, ווען הונגעריקע און אויסגעמאטערטע מענטשן פלעגן צעראבעווען איינפאר-הייזער און שענקען צוליב עסן און טרינקען, און דערנאך פארגוואלדיקן און אונטערצינגדן. מער ניט זייער נאיווע מענטשן קאנען גלייבן, אז אן ארמיי אין פעלד קאן בלייבן אויף דער זעלביקער הויכער מדרגה פון ערלעכקייט, ליטישקייט און גערעכטיקייט, ווי א מוישבדיקע געמיינשאפט אין דער היים. און די טראדיציע פון דרייסיק-יאריקן קריג האט נאך געלעבט אין דער פריסישער ארמיי.

עס איז געווארן א מנהג אין די לענדער, וואס האבן געפירט די מלחמה קעגן דייטשלאנד, צו באטראכטן די עוולות און די רציחות פון די בעלגישע חדשים, אזוי ווי עס וואלט גאר קיין מאל אזוינס פריער ניט געטראפן, און אזוי ווי דאס וואלט געווען א בפירוש מיאוסער שטריך אין דייטשן כאראקטער. מען האט זיי געגעבן דעם צונאמען „הונען". אבער קיין זאך קאן ניט זיין ווינציקער ענלעך צו די סיסטעמאטישע צעשטערונגען פון יענע נאמאדן (וואס האבן איין מאל געהאט א פלאן צו פארטיליקן די גאנצע כינעזישע באפעלקערונג, כדי צו מאכן ווידער כינע פאר א פאשע-לאנד), ווי די דייטשע פארברעכנס אין בעלגיע. א סך פון די פארברעכנס האבן געשטאמט פון דער שיכורער ברוטאליטעט פון מענטשן, וואס מען האט זיי דאס ערשטע מאל אין לעבן צוגעלאזט צו באנוצן שיסגעווער: און א סך פאלן איז דאס געווען די היסטערישע גוואלד-טועריי פון מענטשן, וואס שעמען זיך פאר זייערע אייגענע מעשים און לעבן אין טויט-שרעק פאר דער נקמה פון יענע, וואס זייער לאנד האבן זיי פארוויסט. א סך זאכן ווידער זיינען געטאן געווארן, מחמת די דייטשן האבן געוואלט האנדלען לויט דער טעאריע, אז בעתן קריג מוזן מענטשן אניאגן מורא אויף זייערע קעגנער און אז א באפעלקערונג קאן מען איינהאלטן אונטערטעניק צום בעסטן דורך שרעק. די דייטשע מאסן-מענטשן זיינען אריינגעשטופט געווארן פון א געארדנטן לעבן אין דעם דאזיקן קריג אריין אויף אזא שטייגער, אז רציחות האבן געמוזט קומען. אנדערע פעלקער, וואס וואלטן געאר-

בעט פאר מלחמה און וואלטן געוואָרן אריינגעפירט אין מלחמה, אזוי ווי די דייטשן, האלטן זיך אויפגעפירט אויפן זעלביקן שטייגער.

אין דער נאכט פון 4טן אויגוסט, בעת דער גרעסטער טייל פון איירָאפע האט נאך געלעבט אונטער דער רויקער אינערציע פון א האלבן יארהונדערט שלום, האט נאך גענאסן אזא ברייט פארשפרייטע שפע, וואלוולקייט און פרייהייט, וואס קיין מענטש, וואס לעבט איצט, וועט שוין אזוינס מער ניט זען, בעת מענטשן האבן נאך געקלערט וועגן זייערע זומער-וואקאציעס, איז דאס קליינע בעלגישע דארף היזע געוואָרן אוועקגעלאזט מיטן פייער, און געפלעפטע דארפס-לייט זיינען געוואָרן ארויסגעפירט און דערשאסן, ווייל מען האט געזאגט, אז עמעצער האט געשאסן אויף די ארייננדרינגערס. די אפיצירן, וואס האבן באפוילן דאס צו טאן, די מענטשן וואס האבן דעם באפעל אויסגעפירט, האבן זיכער זיך געשפירט אין הארצן איבערגעשראקן איבער דער מאדנער מעשה וואס זיי טוען. דער גרעסטער טייל פון זיי האבן מסתמא נאך קיין מאל ניט געזען קיין דערהרגעטן. און אונטערגעצונדן האבן זיי ניט א דארף, נאר א וועלט. דאס איז געווען דער אנהייב פון דעם סוף פון א תקופה פון קאמפארט, פון צוטרוי, פון אן איידעלער און לייטישער באנעמונג אין איירָאפע.

וויבאלד, אז עס איז קלאר געוואָרן, אז די דייטשן פאלן אן אויף בעלגיע, האט גרויס-בריטאניע אויפגעהערט צו קווענקלען זיך און (עלף ביינאכט דעם 4טן אויגוסט) האט זי דערקלערט קריג דייטשלאנד. דעם אנדערן טאג האט דער קרייצער „אמפיאן” געכאפט ביי דער לעפצונג פון דער טעמזע א דייטשע מינען-שיף און האט זי אראפגעלאזט צום גרונט — דאס ערשטע מאל ווען ענגלענדער און דייטשן האבן זיך באגעגנט אין קאמף אונטער זייערע אייגענע נאציאנאלע פלאגן אויף דער יבשה אדער אויפן וואסער...

גאנץ איירָאפע געדענקט נאך די אויסטערלישע אטמאספערע פון יענע געשעענישרייכע זוניקע אויגוסט-טעג, דעם סוף פון באוואפנטן שלום. כמעט א האלבן יארהונדערט איז די מערבדיקע וועלט געווען רויק און האט אויסגעוויזן צו זיין זיכער. אין פראנקרייך

א שטייגער, האבן גאר ווינציק מיטליאריקע און באארנטע מענטשן געהאט א שטיקל געניטשאפט אין ענינים פון קריג-פירן. די צייטונגען האבן טאקע גערעדט וועגן א וועלט-קאטאסטראפע, נאר דאס האט געהאט א קנאפן ממשותדיקן באטייט פאר יענע מענטשן, וואס פאר זיי



א הארמאט שיסט אויף אנפאלנדיקע אעראפלאנען.

האט די וועלט אויסגעוויזן שטענדיק פעסט און זיכער, וואס זיינען במעט גארניט פעיק געווען זי אנדערש זיך פארצושטעלן, ווי זיכער.

באזונדערס אין ענגלאנד האט מען נאך א קנאפע פאר וואכן פאר דער מלחמה זיך געפירט אזוי, ווי קיין זאך וואלט ניט געשען.

עס איז געווען אַזוי ווי אַ מענטש וואָלט אַרומגיין איבער דער וועלט, נישט צו וויסן, אַז ער האָט זיך אָנגענומען מיט אַ קרענק, וואָס מוז אומבּרענגען זיין גאַנצן שטייגער לעבן. מענטשן האָבן זיך רויִק פאַרבראַכט זייערע וואַקאַציעס; וואָרשטאַט: האָבן גלאָזט וויסן זייערע קונדן, אַז דאָס „געשעפט גייט ווי געווינטלעך". מען האָט אַ סך גערעדט און זיך אויפגערעגט, ווען די צייטונגען פלעגן אָנקומען, נאָר עס איז געווען רייד און אויפרעגונג פון צוקוקערס, וואָס שפירן גאָר נישט, אַז זיי אַליין נעמען אָן אָנטייל אין אַ קאַטאַסטראָפע, וואָס דאַרף זיי באַלד איינגאַנצן פאַרכאַפּן.

---

## 8. אַן איבערבליק איבער דער גרויסער מלחמה ביז 1917.

מיר וועלן איצט נאָר קורץ באַטראַכטן די הויפּט־פאַזעס פון דעם וועלט־קריג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן. לויטן פּלאַן פון דייטשלאַנד האָט ער זיך אָנגעהויבן מיט אַ האַסטיקער אַטאַקע, וואָס האָט באַדאַרפט אַנידערוואַרפן פראַנקרייך, בעת רוסלאַנד אין מזרח האָט נאָך געקליבן אירע כּוחות. אַ שטיקל צייט איז אַלץ געגאַנגען ווי געהעריק. נאָר די מיליטערישע וויסנשאַפט האָלט קיין מאָל נישט מיט מיט דער צייט אונטער מאָדערנע תּנאָים, ווארעם מיליטער־לייט פאַרמאָגן ווי אַ קלאַס נישט קיין פלינקן שכל. עס זיינען שטענדיק איצט פאַראַן אַ צאָל נישט־אַנטוויקלטע דערפינדונגען, וואָס זיינען מסוגל איבערצוקערן די לויפיקע טאַקטישע און סטראַטעגישע פּראַקטיק, נאָר די מיליטער־לייט מיט דעם באַגרענעצטן שכל ווילן די דאָזיקע ערפינדונגען נישט אָננעמען.

דער דייטשער פּלאַן איז אויסגעאַרבעט געוואָרן מיט עטלעכע יאָר פריער; ער איז געווען שוין אַן אַלטער פּלאַן. מען וואָלט אים מסתּמא געקאָנט באַלד אין אָנהייב צו נישט מאַכן דורך אַ געהעריקן באַנוץ פון טראַנשייען און פאַרצאַמונגען פון שטעכיקן דראָט און קוילנוואַרפערס. אָבער די פראַנצויזן זיינען אין זייער מיליטערישער וויסנשאַפט נישט געווען אַזוי ווייט אַוועק ווי די דייטשן, און זיי האָבן זיך

פאַרלאָזן אויף קריגס-מעטאָדעס פון אָפענעם שלאַכטפעלד, וואָס זיינען געווען פאַרעלטערט לכל-הפחות אויף פערצן יאָר. זיי האָבן ניט געהאַט קיין גענוגן פאַרגרייט ניט פון שטעכיקן דראָט און ניט פון קוילנוואַרפערס, און עס איז געווען אַ נאַרישע טראַדיציע, אַז דער פראַנצויז שלאָגט זיך ניט גוט הינטער ערד-וואַלן.

דער בעלגישער גרענעץ איז געווען געשיצט דורך דער פעסטונג ליעזש, וואָס איז געווען פאַרעלטערט אויף צען אָדער צוועלף יאָר. אירע פאָרטן זיינען געווען אין אַ סך פאַלן פאַרזאָרגט מיט נעווער, צוגעשטעלט פון דייטשע פירמעס. אויך דער פראַנצויזישער צפונית-מזרחית-גרענעץ איז געווען שלעכט געשיצט. פאַר די ראָזיקע נים האָט די דייטשע פירמע קרופּ צוגעגרייט נוס-קנאַקערס אין דער געשטאַלט פון באַזונדערס שווערע האַרמאַטן, וואָס האָבן געשאָסן מיט זייער שטאַרק איבערייכנדיקע באָמבעס. אַזוי אַרום זיינען די פעסטונגען געווען גיכער פאַסטקעס פאַר זייערע גאַרניזאָנען.

די פראַנצויזן זיינען אָנגעפאַלן אין די דרומדיקע אַרדענען, אָבער זיי האָבן געליטן אַ מפּלה. די דייטשע חילות האָבן אַרומגענומען דעם פראַנצויזישן לינקן פליגל, און די פראַנצויזן האָבן קעגן דעם דראַנג ניט געקאָנט ביישטיין. דער לעצטער פאָרט פון ליעזש איז געפאַלן דעם 16טן אויגוסט, דעם 20טן אויגוסט זיינען די דייטשן אַריין אין בריסל, און די קליינע בריטישע אַרמיי פון 70.000 מאַן, וואָס איז אָנגעקומען אין בעלגיע, איז צעקלאַפּט געוואָרן דורך דער דייטשער איבער-מאַכט און אָפּגעטריבן געוואָרן צוריק, ניט געקוקט אויף דער גרויסער שיס-קונסט, וואָס די ענגלישע זעלנערס האָבן זיך געהאַט אויסגעלערנט בעת דעם דרום-אַפריקאַנישן קריג. דער קליינער בריטישער חיל איז אָפּגעשטופּט געוואָרן קיין דרום, און דער דייטשער רעכטער פליגל האָט זיך נאָך אים געיאָגט, מיטן מיין צו לאָזן פּאַריז אין מערב-זייט און צו צעקוועטשן די גאַנצע פראַנצויזישע אַרמיי אין זיך גופא.

די דייטשע איבער-קאָמאַנדע איז אין יענער סטאַדיע פון קריג געווען אַזוי זיכער ביי זיך, אַז זי האָט געזאָגט, אַז שוין סוף אויגוסט איז דייטש מיליטער געוואָרן אָפּגעצויגן צום מזרח-פראָנט, וואו די רוסן האָבן אָנגעטאָן צרות אין מזרח-און אין מערב-פּריסן. אין דעמאָלט איז געקומען די קאָנטער-אַטאַקע פון די פאַרבינדעטע. די

פראנצויזן האבן אויפגעבראכט אן אומגעריכטע ארמיי אויף זייער לינקן פליגל, און די קליינע בריטישע ארמיי, וואס איז געווען צעטרייסלט, אבער האט זיך ווידער געשטארקט, איז נאך געווען גרייט צו שפילן א כבודיקע ראלע אין דעם דאזיקן קעגן-קלאפ. דער דייטשער רעכטער פליגל האט זיך צופיל צעיאגט, האט פארלארן זיין פארבינדונג און איז געווארן צוריק אפגעטריבן פון דער מארנע צו דער ען (די שלאכט ביי דער מארנע פון 6טן ביזן 10טן אווגוסט). ער וואלט געווארן נאך ווייטער אפגעטריבן, אויב ער וואלט ניט געהאט די קונסט פון זיך איינגראבן אין טראנשייעס. אויף דער ען איז ער געבליבן שטיין, האט זיך איינגעגראבן. די שווערע הארמאטן, די באמבעס מיט שטארקער אויפרייס-קראפט, די טאנקעס, וואס די פארבינדעטע האבן באדארפט האבן אויף חרוב צו מאכן די טראנשייען, האבן נאך ניט עקסיסטירט.

די מארנע-שלאכט האט צונישט געמאכט דעם לכתחילהדיקן דייטשן פלאן. אויף א שטיק צייט איז פראנקרייך געווען געראטעוועט. נאר דער דייטש איז נאך ניט געווען צעקלאפט: אדרבא, ער האט געהאט די איבערהאנט אין מיליטערישער געניטקייט און אין דעם פארגרייט פון מלחמה-מאטעריאל ווייט אריבער די פארבינדעטע. פון זיין מורא פאר די רוסן אין מזרח איז ער פטור געווארן דורך א געוואלדיקן ניצחון ביי טאנענבערג.

זיין צווייטע פאזע איז געווען אן איבעראיילטע, ווינציקער גרונטיק אויסגעפלאנירטע קאמפאניע ארומצונעמען דעם לינקן פליגל פון די פארבינדעטע ארמייען, פארכאפן די האפנס פון לאמאנש-קאנאל און אפצושניידן די בריטישע הילף, זי זאל ניט קאנען קומען קיין פראנקרייך. ביידע ארמייען האבן זיך אויסגעשפרייט קיין מערב אזוי ווי אין א מין פארמעסט-געלאף. דערנאך האבן די דייטשן מיט א גרויסן פאר אין הארמאטן און קריגס-מאטעריאל זיך א ווארף געטאן אויף די ענגלענדער ארום איפר. שיר-שיר האבן זיי זיך ניט דורכגעריסן, אבער די ענגלענדער האבן דאך אויסגעהאלטן.

איצט האט די מלחמה אויפן מערב-פראנט זיך איינגעשטעלט צו א טראנשייען-קריג. ניט די און ניט יענע האבן ניט געהאט ניט דאס וויסן און ניט די מאטעריאלן, וואס מען דארף האבן אויף צו

פארענטפערן די פראבלעמס, ווי אזוי רייסט מען זיך הורך דורך מאדערנע פארגראבונגען און פארצאמונגען; ביידע צדדים זיינען געצוואונגען זיך צו ווענדן צו וויסנשאפטסלייט, דערפינדערס און כדומה אזעלכע ניט־מיליטערישע מענטשן, זיי זאלן זיי עצהן און העלפן אין נויט. אין יענער צייט איז שוין די גרונט־פראבלעם פון א טראנשייעס־קריג געווען פארענטפערט; אין ענגלאנד, למשל, איז שוין געווען א מאדעל פון א טאנק, וואס וואלט געהאט געגעבן די פארבינדעטע א גיכן און גרינגן ניצחון נאך אין יאר 1916. נאר דער פראפעסיאנעלער מיליטער־מאן איז בהכרח א מענטש מיט א באגרענעצטן און נידעריקן שכל: קיין מענטש מיט א העכערן אינטעלעקט וועט מיטן גוטן ווילן ניט לאזן בינדן זיינע כשרונות אין אזא בארוף. כמעט אלע גרויסע קריגסלייט זיינען געווען אדער ניט־געניטע, פריש־מוטיקע יונגעלייט, ווי אלכסנדר, נאפאלעאן אדער דער רעוואלוציאנערער גענעראל האש, פאליטיקער וואס זיינען געווארן זעלנער, ווי יוליוס קיסר, נאמאדן ווי די הונישע אדער מאנגאלישע הויפטלייט אדער ליבהאבער ווי קראמוועל און וואשינגטאן. אבער אט די מלחמה נאך פופציק יאר מיליטאריזם איז געווען א דורך און דורך פראפעסיאנעלע מלחמה. פון אנהייב ביזן סוף האט מען ניט געקאנט ארויסנעמען זי פון די הענט פון רעגולערע גענעראלן, און סיי דער דייטשער שטאב, סיי דער שטאב פון די פארבינדעטע האט געקוקט קרום אויף יעטווידער ערפינדונג, וואס האט באדארפט מבטל זיין זייערע טראדיציאנעלע מעטאדעס. דער טאנק איז לא די וואס געווען אומאנגענעם פרעמד די דאזיקע מיליטערישע דזשענטללייט, נאר ער האט נאך באשיצט די פראסטע זעלנערס, וואס זיינען אין אים געזעסן — עפעס גארניט ווי עס פאסט פאר מיליטערלייט.

די דייטשן, פונדעסטוועגן, האבן דאך איינגעפירט עטלעכע נייסן. דעם 28טן פעברואר האבן זיי אריינגעפירט א נייס, וואס האט זיך ניט לאנג געהאלטן — דאס איז געווען דער פייערווארפער; דער וואס האט אים באנוצט איז אליין געווען אין א שטענדיקער סכנה פארברענט צו ווערן לעבעדיקערהייט. אין אפריל, ביים אנהייב פון א צווייטער גרויסער אפענסיווע אויפן ענגלישן פראנט (די צווייטע שלאכט פון איפר, פון 22 אפריל ביזן 24 מאי) האבן זיי באנוצט

א וואלקן פון גיפטיקן גאז. דער דאזיקער שרעקלעכער מיטל איז געווארן באנוצט קעגן קאנאדישן און אלזשירישן מיליטער. ער האט זיי אויפגעטרייסלט דורך די פיזישע פיין, וואס ער האט פארשאפט, און דורך די יסורים פון די וואס זיינען געשטארבן, אבער דורכצירייסן זייערע רייען האט ער ניט געקאנט העלפן. אין משך פון עטלעכע וואכן זיינען כעמיקער געווען וויכטיקער אויפן פראנט פון די פארבינדעטע איידער זעלנער, און אין זעקס וואכן צייט האבן די חילות, וואס האבן זיך געדארפט פארטיידיקן, געהאט שוין מיטלען און געגנ אויף זיך צו באשיצן.

אין משך פון אנדערהאלבן יאר, ביז יולי 1916, איז דער מערב־פראנט געבליבן אין א צושטאנד פון אומבאשטימטער שפאנונג. אויף ביידע זייטן זיינען געווען שווערע אטאקעס, וואס האבן זיך געענדיקט מיט בלוטיקע אפשטויסן. די פראנצויזן האבן געמאכט אנפאלן, וואס האבן זיי זייער טייער געקאסט, ביי אראס און אין דער שאמפאין אין יאר 1915, די ענגלענדער ביי לאאס.

פון שווייץ ביז צום צפון־ים האבן זיך געצויגן צוויי דורכאויסיקע ליניעס טראנשייעס, ערטערווייז אויף א מהלך פון א מייל אדער מער, ערטערהווייז אויף א מהלך פון עטלעכע פוס (למשל, אין אראס), און הינטער די דאזיקע גראבן־ליניעס האבן מיליאנען מענטשן געפייניקט זיך, זיינען באפאלן זייערע שונאים און האבן זיך צוגעגרייט צו בלוטיקע אפענסיוועס. אין א פריערדיקער תקופה וואלטן אזעלכע גרויסע מאסן מענטשן צונויפגעשפארט אויף איין ארט ניט אנדערש געהאט גורם געווען צו א מגפה, נאר אויך אין דעם פרט האט די מאדערנע וויסנשאפט איבערגעביטן די תנאים פון מלחמה פירן. עס האבן זיך באוויזן געוויסע נייע קרענק, א שטייגער א קרענק פון די פיס, וואס קומט פון לאנג שטיין אין קאלטן וואסער, אדער נייע פארמען פון דיזענטעריע און נאך אזעלכע קרענק, אבער קיין איינע פון זיי האט זיך ניט אנטוויקלט צו אזא מאס, אז זי זאל אפ־נעמען די קאמף־פעיקייט פון דעם חיל.

הינטער דעם פראנט איז דאס גאנצע לעבן פון די קעמפנדיקע פעלקער אלץ מער און מער געווארן צוגעווענדט צו דער אויפגאבע צו באזאָרגן דעם פראנט מיט שפייז, אמוניציע און, מער פון אלץ, מיט מענטשן אויף צו פארפולן די ערטער פון יענע, וואס זיינען טאג

פאר טאג געווארן אויסגעהרגעט אדער צעקאלעטשעט. די דייטשן האט אפגעגאלטן דערמיט, וואס זיי האבן געהאט א היפשע צאל גרויסע באלעגער־הארמאטן, וואס זיינען געווען צוגעגרייט פאר די גרענעץ־פעסטונגען; די דאזיקע הארמאטן האבן געטויגט אויף צו צעשטערן טראנשייעס מיט שטארקע אויפרייס־באמבעס — איצט האבן זיי די דייטשן צוליב דעם גענוצט. די פארבינדעטע זיינען די ערשטע יארן געווען שטארק אפגעשטאנען אין דער צאל גרויסע הארמאטן און אין



א טראנשייע פון דער ערשטער ליניע אויפן בריטישן פראנט אין פראנקרייך.

סכום אמוניציע, און זייערע אנווערן זיינען געווען שטענדיק גרעסערע ווי פון די דייטשן.

אין משך פון דער גאנצער ערשטער העלפט 1916 איז געווען א מוראדיקע דייטשע אטאקע אויף די פראנצויזן ארום ווערדען. די דייטשן האבן געליטן גוואלדיקע אנווערן און זיינען אפגעשטעלט געווארן, נאכדעם ווי זיי האבן געהאט זיך דורכגעשטופט אין די פראנצויזישע ליניעס אויף עטלעכע מייל. די פראנצויזישע אנווערן זיינען געווען אויך אזוי גרויס, צי אפשר נאך גרעסער. „Ils ne passeront pas“ (זיי וועלן ניט דורכגיין,—האבן געזאגט און געזונגען די פראנצויזישע אינפאנטעריסטן — און זיי האבן געהאלטןווארט.

דער דייטשער מזרח־פראָנט איז געווען מער צעצויגן און ווינציקער סיסטעמאַטיש צעגראָבן, ווי דער מערבדיקער. אַ שטיקל צייט האָבן די רוסישע אַרמייען זיך נאָך אַלץ געשפּאַרט קיין מערב, ניט געקוקט אויף דער מפּלה פון טאַנענבערג. זיי האָבן אָפּגענומען כמעט גאַנץ גאַליציע פון די עסטרייכער, אַיינגענומען לעמבערג דעם 2 סעפּטעמבער 1914 און די גרויסע פעסטונג פּערעמישל 22 מערץ 1915. אָבער נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן ניט געקאָנט דורכרייסן דעם מערבדיקן פראָנט פון די פאַרבינדעטע, און נאָך אַ ניט־געראָטענער אָפענסיווע פון די פאַרבינדעטע, וואָס זיי האָבן געמאַכט אָן דעם נייטיקן מאַטעריאַל, האָבן די דייטשן זיך אַ ווענד געטאָן קעגן רוסלאַנד, און האָבן אין אַ ריי גרעסערע שלאַכטן, וואו זיי האָבן גענוצט גרויסע מאַסן אַרטילעריע, צעקלאַפּט די רוסישע אַרמייען צוערשט אויפן דרומדיקן, דערנאָך אויפן צפונדיקן פראָנט. דעם 3 יוני האָבן זיי צוריק אָפּגענומען פּערעמישל, און די גאַנצע רוסישע ליניע איז געוואָרן אָפּגעטריבן צוריק, ביז ווילנע איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די דייטשן (18 סעפּטעמבער).

אין מאַי 1915 (דעם 23טן) איז איטאַליע צוגעשטאַנען צו די פאַרבינדעטע און האָט דערקלערט קריג עסטרייך (ערשט אַ יאָר שפּעטער האָט זי דערקלערט קריג דייטשלאַנד). זי האָט זיך אַ שטויס געטאָן אַריבער איר מזרחדיקן גרענעץ אין דער ריכטונג פון גאָריציאַ (און זי האָט זי אַיינגענומען זומער 1916), נאָר איר אַריינמישונג האָט אין יענער צייט ווינציק וואָס גענוצט סיי רוסלאַנד און סיי די פאַרבינדעטע. זי האָט נאָר דורכגעגראָבן אַ נייע ליניע טראַנשייען דורך די הויכע בערג פון איר מאָלערישן צפונית־מזרחית־דיקן גרענעץ.

בעת דער הויפּט־פראָנט פון די קעמפנדיקע מלוכות איז געווען אין אַ צושטאַנד פון הינערפלעט, האָבן ביידע צדדים געפּרוווט שעדיקן דעם קעגנער הינטער דעם פראָנט. די דייטשן האָבן געמאַכט אַ ריי אָנפאַלן פון צעפּעלינס און שפּעטער פון אַעראָפּלאַנען אויף פּאַריז און אויפן מזרח־טייל פון ענגלאַנד. לפּנים זיינען זיי אויסן געווען צו טרעפן מאַגאַזינעס פון קריגס־מאַטעריאַלן, אַמוניציע־פאַ־

בריקן אָדער ענלעכע צילן פון מיליטערישן באַטייט, אָבער פּאַקטיש האָבן זיי באָמבאַרדירט אַלע באַוואוינטע ערטער אָן אונטערשייד.

צוערשט האָבן די אָנפאַלערס אַראָפּגעוואָרפן באָמבעס, וואָס האָבן קיין גרויסן שאָדן ניט אָנגעטאָן, נאָר שפּעטער איז די גרייס און די אויפרייס-קראַפט פון די באָמבעס געוואַקסן, אַ סך מענטשן זיינען דערהרגעט געוואָרן און עס זיינען אָנגעטאָן געוואָרן אַ סך היזקות. דאָס ענגלישע פאָלק איז געוואָרן דערצערנט ביז לעצט דורך די דאָזיקע גוואַלד-מעשים. הגם די דייטשן האָבן שוין עטלעכע יאָר געהאַט צעפּעלינס, נאָר קיין איין מאַכט-אָרגאַן אין ענגלאַנד האָט קיין מאָל ניט אַ טראַכט געטאָן, ווי אַזוי מען קאָן זיך באַשיצן פון זיי. ערשט שפּעט אין 1916 האָט מען געקאָנט אָנווענדן קעגן די אָנפאַלנדיקע צעפּעלינס אַ גענוגע צאָל האַרמאַטן צו שיסן אין דער לופטן און מען האָט גענומען אויף זיי סיסטעמאַטיש אָנפאַלן מיט עראָפּלאַנען.

דעמאָלט זיינען טאַקע אַ גאַנצע ריי צעפּעלינעס אַראָפּגעשאָסן געוואָרן, און נאָך פרילינג 1917 האָט מען זיי אויפגעהערט נוצן סיידן נאָר צוליב אויסשפּירונג. אָנשטאָט זיי האָבן גענומען אָנפאַלן גרויסע עראָפּלאַנען (די גאָטהאַס). די דאָזיקע מאַשינעס פלעגן סיסטעמאַטיש באַזוכן לאָנדאָן און דעם מזרח-טייל פון ענגלאַנד זינט סוף זומער 1917. דורך דעם גאַנצן ווינטער 1917 — 18 איז לאָנדאָן צוגעוויינט געוואָרן צו הערן אין איטלעכער לבנה-נאַכט דאָס שרייען פון די וואָרן-סירענעס, די גרילצנדיקע פייפן פון די פּאָליציייִשע פייפלעך. די גאַסן פלעגן באַלד ליידיק ווערן, פון דער ווייטנס האָבן שוין געהילכט צענדליקער און הונדערטער האַרמאַטן, און אַלץ אָפטער האָבן זיך געהערט די קלעפּ פון אויפרייסן, דאָס הוזשען פון די פליענדיקע שראַפּנעלן. צולעצט, אייב איינער פון די אָנפאַלערס האָט זיך דורכגעריסן דורך דעם באַריער פון דער פאַרטיידיקונג, האָבן זיך געלאָזט הערן די טעמפּע אָפּהילכן פון די אויפרייסנדיקע באָמבעס. די האַרמאַטן-שיסעריי האָט גענומען זיך איינשטילן, אָבער דערפאַר האָבן הויך געקלונגען די גלעקלעך פון דער פייער-לעשער בריגאַדע, וואָס איז געלאָפן צום אומגליקס-אָרט, און די וואָרן-סיגנאַלן פון די

קארעטעס פון גיכער הילף... אזוי ארום איז די מלחמה אריינגע-דרונגען צו איטלעכן לאנדאנער אין שטוב אריין.

אין דער זעלביקער צייט, ווען די דייטשן האבן געפרואווט קלאפן אויף די נערוון פון דער היימישער באפעלקערונג פון זייער שונא דורך די לופט-אטאקעס, האבן זיי זיך אויך גענומען שעדיקן דעם ים-האנדל פון די ענגלענדער מיט אלע מיטלען, וואס זיינען געווען אין זייער רשות. ביים אנהייב פון דער מלחמה האבן זיי געהאט צעשפרייט איבער גאר דער וועלט פארשיידענע קריגס-שיפן צו צעשטערן האנדלס-שיפן. זיי האבן ארויסגעשיקט אין גרויסן אקע-אן אן עסקאדרע פון מעכטיקע מאדערנע קרייצערס, „שארנהארסט", „גנייזענאו", „לייפציג", „נירנבערג", „דרעזדען". עטלעכע אפגעזונדער-טע קרייצערס, באזונדערס „עמדען", האבן צעשטערט א היפשע צאל האנדלס-שיפן, איידער מען האט זיי געכאפט. די הויפט-עסקאדרע האט פארכאפט א שוואכערן ענגלישן שיף-אפטייל ביי די ברעגעס פון טשילי, און האט דעם 1 נאוועמבער 1914 דערטרונקען די שיפן Good Hope און Monmouth. א חודש שפעטער זיינען די דאזיקע דייטשע שיפן פארכאפט געווארן דורך א בריטישן פלאט, און אדמיראל סטורדי האט זי אלע דערטרונקען (חוץ „דרעזדען") אין דער שלאכט פון די פאלקלאנד-אינזלען. נאך דער דאזיקער שלאכט זיינען די פארבינדעטע געבליבן די ניט-געשטערטע באהערשער פון דעם ים-אויבערפלאך ביזן סוף, און אויך די גרויסע שלאכט ביי יוטלאנד (31 מאי 1916) איז ניט געווען אין שטאנד צו צעטרייסלען די דאזיקע איבערמאכט.

די דייטשן האבן קאנצענטרירט זייער אויפמערק אלץ מער און מער אויפן אונטער-וואסער-קריג. פון אנהייב מלחמה האבן זייערע טונק-שיפן שוין געהאט היפשע ניצחונות. אין איין טאג, דעם 22טן סעפטעמבער 1914, האבן זיי דערטרונקען דריי מעכטיקע קרייצערס, Hogue, Aboukir און Cressy מיט 1.473 מאן. אין משך פון דער גאנצער מלחמה האבן זיי אראפגעלאזט אויפן גרונט ניט ווייניק בריטישע שיפן. צוערשט פלעגן זיי אפשטעלן האנדלס-און פאסאזשיר-שיפן און זיי דורכזוכן, שפעטער אבער האבן זיי מחמת מורא, מען זאל זיי ניט אונטערשטעלן א פאסטקע, אויפגעהערט צו

אונטערזוכן און זינט פרילינג 1915 פלעגן זיי דערטרינקען די שיפן אן צו ווארענען פריער.

אין מאי 1915 האבן זיי אויפגעריסן די פאסאזשיר-שיף „לוזיטאניע“, אן צו ווארענען זי, און האבן דערביי דערטרונקען א סך אמעריקאנער בירגער. דאס האט ארייגעבראכט די אמעריקאנער אין כעס קעגן זיי, אבער דער חשק אנצוטאן שאדן ענגלאנד אדער אפשר גאר זי אפצושוואכן דורך א בלאקאדע פון טונק-שיפן איז געווען אזוי גרויס, אז די דייטשן האבן מיט עקשנות ווייטער אלץ מער און מער פארשטארקט דעם אונטערוואסער-קריג, ניט געקוקט אויף דער סכנה ארייַנצוציען די פאראייניקטע שטאטן אין דעם קרייז פון זייערע שונאים.

בינתים האבן טערקישע חילות, זייער שלעכט פארזארגט, דורך דעם האלב-אינזל סיני געמאכט תנועות אנצופאלן אויף עגיפטן.

אין בעת די דייטשן האבן אזוי געשלאגן בריטאניע, זייער צום זיניקסטן צוטריטלעכן און שרעקלעכסטן שונא, דורך דער לופט און אונטערן וואסער, האבן די פראנצויזן און ענגלענדער אנגעהויבן א פלאנגען-אטאקע אויף די צענטראלע מלוכות אין מזרח-זייט דורך טערקיי. די קאמפאניע פון גאליפאלי איז געווען פיין אויסגעקלערט, אבער שלעכט אויסגעפירט. אויב זי וואלט געווען גראטן, וואלטן די פארבינדעטע אין יאר 1915 געהאט איינגענומען קאנסטאנטינאפאל. נאר מען האט די טערקן געגעבן אן אנצוהערעניש איידער פראיעקט מיט צוויי חדשים פריער דורך א פריצייטיקער באמבארדירונג פון די דארדאנעלן אין פעברואר; ווייטער האט דעם פלאן מסתמא אויסגעזאגט דער גריכישער הויף. אז די בריטישע און פראנצויזישע חילות האבן זיך אראפגעזעצט אויפן האלב-אינזל גאליפאלי אין אפריל, האבן זיי געפונען די טערקן גוט איינגעגראבן און בעסער פארזארגט צוליב א טראנשייען-קאמף, ווי זיי אליין.

די פארבינדעטע האבן זיך פארלאזן אויף די גרויסע הארמאטן פון די שיפן, אז זיי וועלן זיי דינען אנשטאט שווערער ארטילעריע. אבער מיט די שיף-הארמאטן האבן זיי קיין טראנשייען ניט געקאנט צעשיסן, און חוץ א סך אנדערע זאכן, וואס זיי האבן על-פי-טעות ניט געהאט פאראויסגעזען, האבן זיי אויך ניט געהאט פאראויסגעזען

די פיינדלעכע טונק-שיפן. עטלעכע גרויסע שלאכט-שיפן זיינען אומגעקומען; זיי זיינען אונטערגעגאנגען אין די זעלביקע ליכטיקע וואסערן, וואס איבער זיי זיינען אנומלט קסערקסעס שיפן געשוואומען אנטקעגן זייער טרויעריקן סוף ביי סאלאמיס. די געשיכטע פון דער גאליפאלער קאמפאניע איז מצד די פארבינדעטע צוגלייך אי העלדיש אי פארדראסיק, א געשיכטע פון גבורה און פון ניט-צוגעגרייטקייט, פון אוועקגעפטרטע לעבנס און מאטעריאלן און פרעסטיזש, וואס איר שפיץ איז געוועזן דער צוריקצי אין יאנואר 1916.

פארבונדן נאענט מיט דער קווענקלעניש פון גריכנלאנד אין דער גאנצער צייט איז געוועזן דער אריינטריט פון בולגאריע אין קריג (12 אקטאבער 1915). דער קיניג פון בולגאריע האט זיך געקווענקלט מער ווי א יאר צייט, איידער ער האט באשטימט, אויף וועמענס צד זיך צו שטעלן. איצט האט די בפירושע מפלה פון די ענגלענדער אין גאליפאלי, צוזאמען מיט א שטארקער עסטרייכיש-דייטשער אטאקע אויף סערביע, אים אריבערגעצויגן אויפן צד פון די צענטראלע מלוכות. בעת די סערבן זיינען געווען פארנומען מיט די עסטרייכיש-דייטשע אריינדרינגערס איבערן דונאי, איז ער אנגעפאלן אויף סערביע פון הינטן, און אין עטלעכע וואכן איז דאס לאנד געווען אינגאנצן פארכאפט פון די שונאים. די סערבישע ארמיי האט זיך מיט שרעקלעכע שלאכטן דורכגעשלאגן דורך די בערג פון אלבאניע ביז צום ברעג, וואו אירע רעשטן זיינען אויפגענומען געווארן פון דעם פלאט פון די פארבינדעטע.

א חייל פון די פארבינדעטע איז אראפ אויפן ברעג אין סאלאניק און איז אריינגעדרונגען ביז קיין מאנאסטיר, נאר קיין ממשותדיקע הילף האט ער די סערבן ניט געקאנט געבן. נאר דער סאלאניקער פלאן האט דאס געמאכט א סוף צו דער גאליפאלער עקספעדיציע.

אין מזרח-זייט, אין מעסאפאטאמיע, האבן די ענגלענדער, אויסנוצנדיק דער עיקר אינדיש מיליטער, געמאכט נאך א ווייטערע פלאנגען-אטאקע אויף די צענטראלע מלוכות. אן ארמיי, שלעכט פארזארגט צוליב דער קאמפאניע, איז אראפ אויף דער יבשה אין באסרא אין נאוועמבער 1914 און האט זיך דורכגעשטופט ביז קיין באגדאד

אין מיטן פון דעם ווייטערדיקן יאָר. זי האָט געוואונען אַ ניצחון ביי קטעסיפאָן, דער אַלטער הויפּטשטאָט פון די אַרסאַקידן און סאַסאַנידן, פינף און צוואַנציק מייל פון באַגדאַד. נאָר די טערקן האָבן זיך ווידער צונויפגענומען מיט כוחות, און דער בריטישער חיל האָט געמוזט זיך צוריקציען ביז קוט. דאָרט איז די בריטישע אַרמיי אונטער גענעראַל טאָונסעד געוואָרן אַרומגערינגלט און איז געצוואונגען געוואָרן זיך אונטערצוגעבן דעם 29 אַפּריל 1916.

אַלע די דאָזיקע קאַמפּאַניעס אין דער לופט, אונטערן וואַסער, אין רוסלאַנד, טערקיי און אַזיע זיינען געווען נאָר טפל־קאַמפּאַניעס לגבי



א שווערער האַרמאַט פון דער ענגלישער אַרמיי אויפן מערבדיקן מלחמה־טעאַטער.

דעם עיקר פראָנט, וואָס פון אים איז געווען געהענגט דער אויסגאַנג פון דער מלחמה, דעם פראָנט וואָס האָט זיך געצויגן פון דער שווייץ ביז צום ים. דאָ זיינען די מיליאָנען געלעגן איינגעגראָבן און האָבן זיך געלערנט פּאַמעליע די נייטיקע מעטאָדן פון דער מאָדערנער קריג־פירונג. עס איז געווען אַ האַסטיקער פּראָגרעס אין באַנוץ פון עראָפּלאַנען. אין אָנהייב פון דער מלחמה זיינען עראָפּלאַנען געוואָרן גענוצט דער עיקר צוליב אויסשפּירן און ביי די דייטשן נאָך צוליב אָנווייזן צילן דער אַרטילעריע. אַזאַ זאַך ווי אַ שלאַכט אין דער לופטן איז נאָך ניט געהערט געוואָרן. אין יאָר

1916 האבן די עראפלאנען געהאט קוילנווארפערס און האבן געקעמפט אין דער לופט. אלץ וויכטיקער איז געווארן זייער באמבעס ווארפן, זיי האבן אנטוויקלט א וואונדערפולע קונסט צו באטאגראפירן פון אויבן אראפ, עראפלאנען און לופט-באלאנען האבן געהאלפן דער ארטילעריע ריכטיק צילעווען. נאר די מיליטער-לייט האבן נאך אלץ ניט געוואלט באנוצן דעם טאנק, וואס איז בפירוש דאס איינציקע געווער צו באשטימען א טראנשייעס-קריג.

א סך אינטעליגענטע מענטשן אויסער די מיליטערישע קרייזן האבן דאס אויסגעצייכנט פארשטאנען. דער נוצן פון טאנק קעגן טראנשייעס איז געווען קלאר. לעאנארדא דא ווינטשי האט שוין געהאט דערפונדן א טאנק, אבער וואסער מיליטערישער „מומחה“ וועט דאס פאלן אויפן שכל צו שטודירן לעאנארדא? באלד נאך דעם דרום-אפריקאנישן קריג זיינען אין זשורנאלן געווען געדרוקט מעשיות, וואס האבן געשילדערט אויסגעטראכטע שלאכטן, וואס אין זיי האבן גענומען אן אנטייל טאנקעס. א פול אויסגעארבעטער מאדעל פון א טאנק, געמאכט פון מ"ר דזש. ע. קארי פון לידס, איז געוויזן געווארן די מיליטערישע אויטאריטעטן אין יאר 1911, נאר זיי האבן, פארשטייט זיך, אפגעשטופט דעם פלאן. עטלעכע מאל זיינען פאר דער מלחמה געמאכט געווארן דערפינדונגען פון טאנקעס. וואלט דער דאזיקער ענין געבליבן אין די הענט פון מיליטער-לייט, וואלט מען קיין מאל קיין טאנקעס ניט גענוצט.

מ"ר ווינסטאן טשערטשיל, וואס איז געווען ביי דער בריטישער אדמיראליטעט אין די יארן 1915 — 16, איז געווען דער, וואס האט דורכגעפירט, אז די ערשטע טאנקעס זאלן ווערן געמאכט, און אויף להכעיס דער שארפסטער אפאזיציע זיינען זיי געווארן אוועקגעשיקט קיין פראנקרייך. דעם באנוץ פון די דאזיקע מיטלען האט די קריגס-וויסנשאפט צו פארדאנקען דעם בריטישן פלאט, און ניט דער ארמיי. די דייטשע מיליטערישע אויטאריטעטן זיינען אויך געווען קעגן זיי. אין יולי 1916 האט סער דוגלאס העג, דער בריטישער אייבער-קאמאנדיר, אנגעהויבן א גרויסע אפענסיווע, וואס האט די דייטשע ליניע ניט געקאנט דורכרייסן. אין עטלעכע ערטער האט ער זיך א רוק געטאן פאראויס אויף עטלעכע מייל; אין אנדערע איז ער געווארן אינגאנצן צע-

קלאפּט. עס איז געווען אַ גרויסע שחיטה פון די נייע ענגלישע אַרמייען. און ער האט קיין טאנקעס ניט גענוצט.

אין סעפּטעמבער, אז די צייט פון יאר האט שוין ניט געלאזט מאכן קיין לאנג אויסגעהאלטענע אפענסיווע, האבן די טאנקעס צוערשט זיך באוויזן אין דער קריגפירונג. די ענגלישע גענעראלן האבן זיי געלאזן אין גאנג אויף ניט זייער קיין שכלדיקן אופן. זייער ווירקונג אויף די דייטשן איז געווען א טיפע, זיי האבן אנגעמאכט ביי זיי כמעט ווי א פּאניקע, און עס קאן כמעט גאר קיין ספק ניט זיין, אז אויב זיי וואלטן אין יולי געווארן גענוצט אין א געהעריקער צאל און עס וואלט זיי אנגעווענדט א גענעראל מיט א ברייטן פארנעם און ענערגיע, וואלט דעמאלט געווארן פארענדיקט דער קריג. אין יענער צייט זיינען די פארבינדעטע געווען שטארקער אין צאל פאר די דייטשן אויפן מערב-פראנט. די איבערהאנט איז געווען פון 7 צו 4. רוסלאנד, הגם זי איז געווען כמעט אויסגעשעפּט, האט נאך געקעמפט, איטאליע האט שטארק צוגעדריקט די עסטרייכער, רומעניע האט געהאלטן ביי אריינטרעטן אין מלחמה אויפן צד פון די פארבינדעטע. אבער דער אנווער פון מענטשן אין דער אומגליקלעכער יולי-אפענסיווע און די אומפעאיקייט פון דער בריטישער מיליטערישער קאמאנדע האט געבראכט די פארבינדעטע נאענט צום ראנד פון אונטערגאנג.

ווי נאר די בריטישע מפּלה אין יולי האט אויפגעמונטערט די דייטשן, האבן זיי זיך געווענדט קעגן די רומענער, און אין ווינטער 1916 האבן רומעניע געהאט דעם זעלביקן סוף, וואס סערביע 1915. דאס יאר, וואס האט געהאט זיך אנגעהויבן מיטן צוריקצי פון גאליפאלי און מיט דער אונטערגעבונג פון קוט, האט זיך געענדיקט מיט דער מפּלה פון רומעניע און מיט דער באמבארדירונג פון אן אפּטייל פראנצויזישע און בריטישע ים-לייט, וואס האבן געוואלט אראפּ אויפן ברעג אין אטען, דורך א ראיאליסטישן המון. עס האט געהאט דעם פּנים, ווי קיניג קאנסטאנטין וואלט געהאט בדעה צו פירן זיין פאלק אין דעם וועג, וואס קיניג פערדינאנד האט געפירט בולגאריע. נאר די ברעג-ליניע פון גריכנלאנד האט געקאנט ווערן באשאסן פון שיפן. גריכנלאנד איז געווארן בלאקירט, און א פראנצויזישער חייל פון סאלאניק האט זיך פאראייניקט מיט אן איטאליע-

נישן חיל פון וואלאנא, כדי אפצושניידן דעם קעניג פון גריכנלאנד פון זיינע צענטראל־איראפעאישע פריינד (אין יוני 1917 איז קאנסטאנטין געצוואונגען געווארן דורך די פארבינדעטע אפצודאנקען, און אויף זיין ארט איז געווארן קעניג זיין זון אלכסנדר).

אין רוסלאנד און גאנצן האט די לאגע צום סוף 1916 אויסגע־וויזן א סך ווינציקער געפערלעך פאר דעם האהענצאלערנשן אימ־פעריאליזם, איידער דאס איז געווען נאך דער מפלה פון דעם ערשטן גרויסן דראנג ביי דער מארנע. די פארבינדעטע האבן געהאט געפטרט אומזיסט צוויי יאר. בעלגיע, סערביע, רומעניע, גרויסע שטיקער פון פראנקרייך און רוסלאנד זיינען געווען פארנומען דורך עסטרייכיש־דייטשן מיליטער. איין קעניג־קלאפ נאכן אנדערן זיינען דורכגעפאלן, און רוסלאנד האט זיך דערנענטערט צום איינבראך. וואלט די רעגירונג פון דייטשלאנד פארמאגט כאטש עפעס שכל, וואלט זי אין יענער צייט געקאנט מאכן א פארשטאנדיקן שלום. נאר די ניצחונות האבן גע־האט פארשיכורט אירע אימפעריאליסטן. זיי האבן געוואלט ניט זיכערקייט, נאר איבערהערשאפט, ניט קיין וועלט־וואוילשטאנד, נאר א וועלט־אימפעריע. „וועלט־מאכט אדער דורכפאל”, דאס איז געווען זייער פאראל. דאס האט זייערע קעגנער ניט געגעבן קיין אנדער אויסגאנג, ווי צו קעמפן ווייטער ביזן סוף.

---

## 9. די גרויסע מלחמה פון דעם רוסישן איינבראך ביז צום וואפנשטילשטאנד.

אנהייב 1917 איז רוסלאנד געפאלן.

אין יענער צייט האט די געוואלדיקע משא פון דער מלחמה געדריקט שווער אויף דער באפעלקערונג פון איראפע. אומעטום איז דער טראנספארט שטארק דעזארגאניזירט געווארן, די שיפן, די אייזנבאנען זיינען ניט געווארן צו דער צייט אויסגעפארריכט ווי עס באדארף צו זיין און זיינען ניט געווארן באנייט, אלע מינים רוי־

מאטעריאלן זיינען געווארן פארניצט, און קיין נייע זיינען ניט צוגעקומען. עס איז ווינציקער געווארן די פראדוקציע פון שפייז-פראדוקטן, אלע גרעסערע און גרעסערע מאסן מענטשן זיינען אפגעצויגן געווארן פון דער אינדוסטריע, די בילדונגס-ארבעט האט אויפגעהערט, עס איז אלץ קלענער געווארן די זיכערקייט פון לעבן, און די מענטשן זיינען געווארן פארדארבענער. מחמת עס זיינען צעריסן געווארן אלע איינגעשטעלטע פארבינדונגען און די געזעצן פון שלום זיינען אומעטום פארביטן געווארן דורך דער גראבער ברוטאליטעט פון מיליטערישן „באפעל", איז קיין איין רעגירונגס-מאכט ניט געווען ביכולת איינצוהאלטן דעם מאראלישן גלייכוואג.

אלץ גרעסערע טיילן פון דער אייראפעישער באפעלקערונג זיינען אריבערגעטראגן געווארן פון דער סביבה און פון די תנאים, וואס צו זיי זיינען זיי געווען צוגעוויינט, אין נייע אומשטאנדן, וואס האבן זיי בדלות געשטעלט, צערייצט, דעמאראליזירט. נאר רוסלאנד האט געליטן די ערשטע און מער פאר אלעמען פון דעם, וואס די ציוויליזאציע איז ארויסגעריסן געווארן פון אירעווארצלען. די רוסישע אויטאקראטיע איז געווען אומערלעך און אומפעיק. דער צאר האט, פונקט ווי עטלעכע פון זיינע פארגייערס, זיך אריינגעטאן אין א משוגענער פרומקייט; ביים הויף האט געוועלטיקט א רעליגיעזער אפנארער, ראספוטין, וואס זיין קולט איז געווען א פארדארבנקייט, וואס עס איז גאר מיאוס צו ריידן וועגן איר, א שפיי אין פנים דער גאנצער וועלט. אונטער דער ממשלה פון דעם דאזיקן שמוציקן מיסטיציזם האבן ליידאקעס און לא-יוצלחס געפירט די באלעבאטישקייט פון קריג צום אונטערגאנג.

מען פלעגט ארויסשיקן רוסישע פראסטע זעלנערס אין שלאכט ארויס אן הארמאטן אויף זיי צו שטיצן, אפילו אן קוילן פאר די ביקסן; זייערע אפיצירן און גענעראלן פלעגן זיי טרייבן אין שלאכט אריין צו דער שחיטה, ווי געהעצט פון שיגעון. א שטיק צייט האט אויסגעוויזן, אז זיי ליידן שטום, ווי חיות אן לשון. נאר עס איז פאראן א מאס און א גרענעץ פאר די צרות, וואס אפילו דער אומגעבילדעטסטער מענטש קאן אויסהאלטן. עס האט זיך גענומען קלייבן א טיפע שנאה צום צאריזם אין די ארמייען פון אפגענארטע און

אויף אומקום פארמישפטע מענטשן. זינט דעם סוף פון 1915 איז רוסלאנד אלץ מער געווארן א מקור פון מורא פאר אירע מערבדיקע פארבינדעטע. אין משך פון 1916 איז רוסלאנד צום גרעסטן טייל געבליבן אין צושטאנד פון פארטיידיקונג, און עס זיינען געגאנגען קלאנגען וועגן א סעפעראטן שלום מיט דייטשלאנד. רומעניע האט זי ווינציק געהאלפן.

דעם 29טן דעצעמבער 1916 איז ראספוטין דערהרגעט געווארן אויף א סעודה אין פעטראגראד, און עס זיינען געווען פארשווערונגען אראפצוזעצן דעם קיסר. ביז מערץ האט זיך דער ענין שטארק א רוק געטאן. אין פעטראגראד זיינען געווען אומרוען, מהומות עס האט אויסגעפעלט ברויט, און פון די דאזיקע אומרוען איז ארויסגעוואקסן א רעוואלוציאנערער אויפשטאנד. האט די צארישע רעגירונג געפרווט צו דערשטיקן די דומע, די דעמאלטיקע רעפרעזענטאטיווע קערפערשאפט, צו ארעסטירן די לידערס פון די ליבעראלן. דער רעזולטאט אבער איז געווען, אז עס האט זיך געבילדעט א צייטווייליקע רעגירונג אונטער פירשט לוואוו און דער צאר האט אפגעדאנקט (15 מערץ 1917).

א ווילע האט אויסגעוויזן, אז עס קאן געמאלט זיין א מעסיקע און איינגעהאלטענע רעוואלוציע — אפשר אונטער א נייעם צאר. אבער באלד איז קלאר געווארן, אז דער צוטרוי אין רוסלאנד איז אזוי גרונטיק צעשטערט געווארן, אז אזא שטילע איבערקערעניש איז ניט געווען מעגלעך. דעם רוסישן פאלק איז געווען דערעסן ביז טויט די אלטע אָרדענונג אין אייראפע, עס האט שוין ניט געקאנט מער טראגן אויף זיך די צארן, די מלחמות, די גרויס-מלוכות. עס האט באדארפט האבן דערלייכטערונג, און וואס גיכער, פון זיינע צרות, וואס זיינען שוין געווען ניט אריבערצוטראגן. די פארבינדעטע האבן לחלוטין קיין השגה ניט געהאט וועגן דער רוסישער ווירקלעכקייט. זייערע דיפלאמאטן האבן רוסלאנד ניט געקענט; מענטשן פון אדל-שטאנד, האבן זיי געקוקט שטענדיק אויפן רוסישן הויף מער, ווי אויף רוסלאנד, און אין דער נייער סיטואציע האבן זיי זיך אינגאנצן צעטומלט. ביי די דיפלאמאטן האט די רעפובליק גאר ווינציק חן געהאט, און זיי האבן זיך אנגעזעצט אנצוטאן וואס מער

צהות דער נייער רעגירונג. בראש פון דער רוסישער רעפובליקאנישער רעגירונג איז געשטאנען א בארײדעװדיקער און מאלערישער לידער, קערענסקי, וואס זיין מאכט איז געוואָרן אונטערגעגראבן דורך די כוחות פון א טיפערער רעװאלוציאנערער באװעגונג, דורך דער „סאציאלער רעװאלוציע" אין לאנד און דורך דער קאלטקייט פון די פארבינדעטע רעגירונגען אין אויסלאנד. זיינע פארבינדעטע האבן אים ניט געװאלט לאזן געבן דעם רוסישן פאלק ערד און ניט געװאלט מאכן קיין שלום. די פראנצויזישע און ענגלישע פרעסע האבן אונטערגעהעצט זייער אויסגעשעפטן פארבינדעטן צו א נייער אפענסיװע, אבער אז די דייטשן האבן געמאכט א שטארקע אטאקע פון ים און פון יבשה אויף ריגע, האט די ענגלישע אדמיראליטעט זיך אפגעשראקן פארן פלאן פון א באלטישער עקספעדיציע אויף צו העלפן די רוסן.

די נייע רוסישע רעפובליק האט געמוזט קעמפן ניט געשטיצט פון קיינעם. הגם די פארבינדעטע האבן געהאט א גרויסע איבערװאג אין פלאט, דארף מען פארצייכענען, אז זיי האבן, ניט געקוקט אויפן פראטעסט פון ענגלישן אדמיראל לארד פישער (1841 — 1920), איבערגעלאזט די דייטשן די פולע הערשאפט איבערן באלטישן ים אין משך פון גאנצן קריג, אראפ־רעכנט עטלעכע אטאקעס פון טונק־שיפלעך.

די רוסישע מאסן זיינען געװען אנטשלאסן צו ענדיקן די מלחמה. אין פעטראגראד איז אויפגעקומען א קערפערשאפט, וואס האט רעפרעזענטירט די ארבעטער און די סאלדאטן, דער סאװעט, און די דאזיקע קערפערשאפט האט געפאדערט אן אינטערנאציאנאלע קאנפערענץ פון סאציאליסטן אין שטאקהאלם. אין יענער צייט האבן גראד געטראפן אומרוען אין בערלין מכוח שפייז, אין עסטרייך און אין דייטשלאנד איז מען שוין געװען שטארק איינגעמאטערט פון קריג, און אין שיין פון די װייטערדיקע געשעענישן איז כמעט קיין ספק ניט, אז אזא קאנפערענץ װאלט פארזיכערט א שלום אויף דעמאקראטישע יסודות אין יאר 1917 און די דייטשע רעװאלוציע.

קערענסקי האט זיך געבעטן ביי זיינע מערבדיקע פארבינדעטע, זיי זאלן לאזן אפהאלטן די קאנפערענץ, אבער זיי האבן מורא געהאט,

אז דער רעפובליקאניזם און סאציאליזם זאל ניט ארומכאפן די גאנצע וועלט, און זיי האבן זיין בקשה אפגעווארפן, ניט געקוקט דערויף, וואס דער ענטפער פון אקליינעם רוב פון דער לייבאר-פאר-טיי איז אויסגעפאלן גינסטיק. אן שום מאראלישע צי פיזישע הילף מצד די אליירטע, האט די „מעסיקע" רוסישע רעפובליק נאך גע-קעמפט און האט אין יולי געמאכט אלעצטן פאריאושטן פרווו פון אן אפענסיווע. נאך אקליינעם ניצחון אין אנהייב איז זי צעקלאפט געווארן, און ווידער זיינען אסך רוסן אויסגעקוילעט געווארן.

דא איז געקומען דער סוף צו דער רוסישער גדולה. אין די רוסישע ארמייען זיינען אויסגעבראכן בונטן, באזונדערס אויפן צפונ-דיקן פראנט. דעם 7טן נאוועמבער 1917 איז קערענסקיס רעגירונג געווארן אראפגעווארפן, און די מאכט האט פארכאפט די סאוועט-רעגירונג, וואס איז געווען באהערשט פון די באלשעוויסטישע סא-ציאליסטן מיט לענינען בראש. די סאוועט-רעגירונג האט באלד פאר-געליינט צו מאכן שלום, ניט געקוקט אויף די מערבדיקע מלוכות. רוסלאנד איז פאקטיש „ארויס פון דער מלחמה".

אין פרילינג 1917 איז געווען אפראנצויזישע אטאקע אויפן פראנט אין שאמפאין. די אטאקע האט געקאסט אסך קרבנות, אבער זי האט גארנישט אויפגעטאן, זי האט ניט געקאנט דורכרייסן די דייטשע ליניעס, און די אנווערן פון די פראנצויזן זיינען געווען זייער גרויס. דערנאך, ארום סוף 1917, איז געווען אפאזע פון גע-שעענישן, וואס וואלטן דורכאויס געווען גינסטיק פאר דייטשלאנד, אויב איר רעגירונג וואלט טאקע געקעמפט נאר פאר דער זיכערקייט און וואוילזיין פון איר פאלק, און ניט צוליב גדלות און ניצחון. אבער ביז צום סאמע סוף, ווען זיי זיינען שוין געווען געקומען צו דער לעצטער מדרגה פון אויסגעשעפטקייט, זיינען די פעלקער פון די צענטראלע מלוכות געווען געצוואונגען צו קעמפן פאר אן אוממעג-לעכן וועלט-אימפעריאליזם.

צוליב דעם צוועק האט בריטאניע באדארפט ווערן לא די וואס אפגעשטופט, נאר אונטערטעניק געמאכט, און בכדי דאס צו דער-גרייכן האט דייטשלאנד אריינגעצויגן אין קרייז פון אירע שונאים אמעריקע. אין משך פון 1916 איז אלין שטארקער געווארן דער

אונטערוואַסער־קריג, אָבער ביז אהער זיינען נייטראַלע שיפן געבליבן פאַרשוינט. נאָר אין יאַנואַר 1917 איז פּראָקלאַמירט געוואָרן א פולערע „בלאָקאַדע“ פון גרויס־בריטאַניע און פראַנקרייך, און אַלע נייטראַלע מלוכות איז אָנגעזאָגט געוואָרן, אַז זיי זאָלן צונעמען זייערע שיפן פון די בריטישע ימים. נאָך דעם האָבן די דייטשן גענומען אַראָפּלאָזן אויפן גרונט אַלע שיפן, וואָס זיי האָבן נאָר געטראָפן. דאָס האָט געצוואונגען די פאַראייניקטע שטאַטן אַריינצוטרעטן אין קריג; דאָס איז געשען דעם 6טן אַפּריל 1917. אין



אַן ענגלישער טאָרפּעדאָ־שיף־צעשטערער דערטרינקט דעם דייטשן לייכטן קרייצער „מאינץ“ דעם 28טן אויגוסט 1914 בעת דער שלאַכט ביי העלגאָלאַנד.

משך פון 1917, בעת רוסלאַנד איז איינגעבראָכן געוואָרן און געבליבן אָן כּוחות, איז דאָס אַמעריקאַנישע פאָלק אויף דער גיך איבערגעביטן געוואָרן צו אַ גרויסער מיליטערישער נאַציע.

דער אומבאַגרענעצטער אונטערוואַסער־קריג, וואָס צוליב אים האָבן די דייטשע אימפּעריאַליסטן גענומען אויף זיך די ריזיקע איינצורייסן מיט אַמעריקע, האָט געהאַט אַ סך ווינציקער הצלחה, ווי מען האָט געהאָפט. דער בריטישער פלאָט האָט זיך אַרויסגעוויזן מער בריה פאַר דער ענגלישער אַרמיי, מען האָט גאָר גיך אַרויסגעפונען

אַ גאַנצע ריי מיטלען, ווי אַזוי צו באַקעמפן די טונק־שיפן אונטערן וואַסער, אויפן אייבערפלאַך און פון דער לופטן. נאָך אַ חודש מיט עפּעס, ווען די היזקות זיינען געווען ערנסטער, האָט מען אויפגעהערט צו ריידן וועגן אַ סך דערטרונקענע שיפן דורך די אונטערוואַסער־שיפן. נאָר די ענגלענדער האָבן געפונען פאַר נייטיק איינצוטיילן די שפּייז־פּאָרציעס; די זאַך פון דער שפּייז־צעטיילונג איז געווען גוט רעגולירט, דאָס פּובליקום האָט אַרויסגעוויזן פיל גייסט און אינטעליגענץ, און די סכּנה פון אַ הונגער און פון סאָציאַלער אומאָרדענונג איז געוואָרן דערווייטערט.

נאָר די דייטשע קיסרלעכע רעגירונג האָט זיך ווייטער געהאַלטן פאַר איר קורס. אויב דער אונטערוואַסער־קריג האָט ניט אויפגעטאָן אַלץ, אויף וואָס מען האָט זיך גערעכנט, און אויב די אַרמייען פון אַמעריקע האָבן זיך געקליבן ווי אַ כמאַרע, איז דערפאַר רוסלאַנד געווען אינגאַנצן צעבראָכן. און אין אָקטאָבער האָט אַ האַרבסט־אָפענסיווע פון דעם זעלביקן מין, וואָס האָט באַצוואונגען סערביע אין 1915טן יאָר און רומעניע אין 1916טן יאָר, זיך געווענדט מיט אַ צעשמעטערנדיקער מאַכט קעגן איטאַליע. דער איטאַליענישער פראָנט איז איינגעבראָכן געוואָרן נאָך דער שלאַכט פון קאַפּאָרעטאָ, און די עסטרייכיש־דייטשע אַרמייען האָבן זיך אַריינגעריסן אין דער פּראָווינץ ווענעציע און האָבן זיך דערנענטערט צו דער שטאָט ווענעציע אויפן מהלך פון אַ האַרמאַטן־שאָס. מחמת דעם האָט דייטשלאַנד געהאַלטן זיך פאַר באַרעכטיקט צו שטעלן די רוסן גאָר שווערע תּנאָים פון שלום. דער בריסקער שלום (2 מערץ 1918) האָט געגעבן די מערבדיקע אַליירטע אַ שטיקל אָנצוהערעניש, וואָס עס וואָלט פאַר זיי באַטייט דער ניצחון פון די דייטשן. דאָס איז געווען אַ שלום אויף צו דערשטיקן און צעברעכן, וואָס איז דיקטירט געוואָרן מיט דער גדלות פון אַ זיגער, וואָס האַלט, אַז גרעסער פון אים איז ניטאָ.

אין משך פון גאַנצן ווינטער זיינען דייטשע חיילות געוואָרן אַריבערגעפירט פון מזרחדיקן פראָנט אויפן מערבדיקן, און דערנאָך, אין פרי־יאָר 1918, איז דער געמאַטערטער ענטוזיאַזם פון דער אויסגעהונגערטער, מידער און מיט בלוט אויסגעגייענדיקער דייטשלאַנד געוואָרן אויפגעהעצט נאָך צו איין לעצטער אָנשטרענגונג, וואָס

איז טאַקע געווען דער אמתער סוף פון דער מלחמה. שוין זינט עטלעכע חדשים איז אַמעריקאַניש מיליטער געווען אין פראַנקרייך, אָבער די הויפט־מאַסע פון דער אַמעריקאַנישער אַרמיי איז ערשט געשוואומען איבערן אַטלאַנטישן אָקעאַן. עס איז געווען די העכסטע צייט פאַר דעם לעצטן באַשטימענדיקן קלאַפּ אויפן מערב־פראָנט, אויב עס איז בכלל געווען מעגלעך צו געבן ווען עס איז אַזאַ קלאַפּ.

די ערשטע אַטאַקע איז געווען אויף די ענגלענדער אין דער געגנט פון דער סאָמע. די ניט זייער גלענצנדיקע קאַוואַלעריע־גענעראַלן, וואָס האָבן נאָך געפירט די קאָמאַנדע אויף אַ פראָנט, וואו קאַוואַלעריע איז נאָר געווען אַן אומנוציקע שטערעניש, זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן אומגעריכט. דעם 21טן מערץ איז די פינפטע ענגלישע אַרמיי אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל גאָג צוריק־געטריבן געוואָרן אין אומאָרדענונג כמעט ביז קיין אַמיען. מחמת דער קנאה צווישן די בריטישע און פראַנצויזישע גענעראַלן איז ניט איינגעשטעלט געוואָרן קיין איינהייטלעכע קאָמאַנדע פון די אַלייִרטע אַרמייען אין פראַנקרייך, און גאָג האָט ניט געהאַט קיין גענעראַל־רעזערוו הינטער זיך. די פאַרבינדעטע האָבן אָנגעוואָרן כמעט אַ טויזנט האַרמאַטן און אַ סך צענדליקער טויזנטער געפאַנגענע. אין משך דעם גאַנצן אַפּריל און מאַי האָבן די דייטשן געדרענגט מיט אָפענ־סיוועס אויף דעם פראָנט פון די אַלייִרטע. זיי האָבן שיר־שיר זיך ניט דורכגעריסן אין צפון־זייט און זיי האָבן געמאַכט אַ גרויסן מאַרש ביז צו דער מאַרנע, וואָס זיי זיינען צו איר ווידער אָנגעקומען דעם 30 מאַי 1918.

דאָס איז געווען דער שפּיץ פון די דייטשע אָנשטרענגונגען. הינטער דעם פראָנט איז ניט געווען גאָרנישט, חוץ אַן אויס־געשעפּטן היימלאַנד. מאַרשאַל פאָש איז באַשטימט געוואָרן פאַרן איבערקאָמאַנדיר איבער אַלע אַרמייען פון די אַלייִרטע. פון ענג־לאַנד זיינען אַריבערגעקומען נייע סאָלדאַטן אַריבער דעם קאַנאַל, און אַמעריקע האָט איצט געשיקט מענטשן אין די הונדערטער טויזנטער. אין יוני האָבן די איינגעמאַטערטע עסטרייכער געמאַכט אַן אָנשטרענ־גונג אין איטאַליע, אָבער זיי זיינען געבראָכן געוואָרן דורך אַן אי־טאַליענישער קאָנטער־אַטאַקע. אָנהייב יוני האָט פאָש אָנגעהויבן צו

אַנטוויקלען אַ קאָנטר-אַטאַקע. אַרום יולי האָט דער שטראָם זיך געווענדט, און די דייטשן האָבן גענומען זיך קייקלען צוריק. די שלאַכט פון שאַטאָ-טיערי (18טן יולי) האָט געוויזן די מעלות פון די נייע אַמעריקאַנער אַרמייען. אין אויגוסט האָבן די ענגלענדער אָנגעהויבן מיט אַ גרויסן און געראָטענעם קלאַפּ, און דער אַרויסשטאַרץ פון די דייטשע ליניעס אין דער ריכטונג פון אַמיען איז צוריקגעשטופּט געוואָרן. „דער 8טער אויגוסט, זאָגט לודענדאָרף, איז געווען אַ שוואַרצער טאָג אין דער געשיכטע פון דער דייטשער אַרמיי". די אַטאַקע פון די ענגלענדער אויף דער הינדענבורג-ליניע אין סעפּטעמבער האָט פאַרזיכערט דעם ניצחון פון די פאַרבינדעטע.

מיט דייטשלאַנד איז געווען אויס. דער גאַנצער קאַמפּף-גייסט איז אַוועק פון איר אַרמיי, און אָקטאָבער איז געווען די צייט פון מפּלות און צוריקציִען אויפן גאַנצן מערבֿדיקן פראָנט. אָנהייב נאָוועמבער איז דאָס בריטישע מיליטער געווען אין וואַלאַנסיען און די אַמעריקאַנער אין סעדאַן. אין איטאַליע זיינען די עסטרייכישע אַרמייען אויך געווען אין אַ צושטאַנד פון מהומהדיקן צוריקציִ. אומעטום זיינען די חילות פון די האָהענצאָלערנס און די האַבסבורגער געוואָרן צעקלאַפּט. צום סוף איז דער איינבראָך צוגעגאַנגען גיך גאָר אַ חידוש. די פראַנצויזן און ענגלענדער האָבן ניט געקאָנט גלייבן זייערע בלעטער, וואָס האָבן טאָג נאָך טאָג געלאָזט וויסן, אַז עס זיינען ווידער פאַרכאַפּט געוואָרן הונדערטער האַרמאַטן און ווידער גענומען טויזנטער געפאַנגענע.

אין סעפּטעמבער האָט אַ גרויסע אָפענסיווע פון די אַליִירטע קעגן בולגאַריע אַרויסגערופן אַ רעוואָלוציע אין יענעם לאַנד און אַ פאָרשלאָג וועגן שלום. נאָך בולגאַריע האָט סוף אָקטאָבער קאַפּיטולירט טערקיי, און עסטרייך-אונגאַרן דעם 3טן נאָוועמבער. עס איז געוואָרן געמאַכט אַ פּרווו אַרויסצופירן דעם דייטשן פלאָט אויף אַ לעצטן קאַמף, אָבער די מאַטראָסן האָבן זיך צעבונטעוועט (דעם 7טן נאָוועמבער).

דער דייטשער קיסר און דער קרוינפּרינץ האָבן אָן אַ קאָפּ אייגנווערדע האַסטיק געמאַכט אַ ויברח קיין האָלאַנד. דעם 11טן נאָוועמבער איז געוואָרן אונטערגעחתמעט דער וואָפנשטילשטאַנד, און די מלחמה איז געווען געענדיקט...

די מלחמה האט געדויערט פיר יאר מיט א פערטל און האט בהדרגה אריינגעצויגן אין איר געדריי כמעט אלעמען, לכל־הפחות, אין דער מערבדיקער וועלט. איבער אכט מיליאן מענטשן זיינען דערהרגעט געווארן אין קאמף ממש, נאך צוואנציק אדער פינף און צוואנציק מיליאן זיינען געשטארבן דורך די שווערענישן און מהומות, וואס זיינען געקומען דערנאך. צענדליקער און אבער צענדליקער מיליאנען האבן געליטן און זיינען אפגעשוואכט געווארן פון אונטערדערנערונג און פון דחקות. א גרויסער טייל פון די לעבן געבליבענע זיינען געווען פארנומען מיט ארבעט פאר דער מלחמה, מיט אויסמושטירן סאלדאטן, מיט מאכן באוואפענונג, מיט צוגרייטן אמוניציע, מיט באדינען שפיטאלן, מיט פארטרעטן די ערטער פון יענע, וואס זיינען אוועק אין די ארמייען. געשעפטס־לייט האבן זיך צוגעפאסט צו מער אומגעזונטע מעטאדעס, וואס זיינען נויטווענדיק אין א וועלט, וואס געפינט זיך אין צושטאנד פון קריזיס. די מלחמה איז געווארן פאקטיש אן אטמאספערע, א לעבנס־שטייגער, א סאציאלע ארדענונג. און פלוצים איז זי געווען געענדיקט.

אין לאנדאן איז דער וואפנשטילשטאנד פראקלאמירט געווארן 11 א זייגער אינדערפרי דעם 11 נאוועמבער. דאס האט געהאט די מאדנע ווירקונג, אז עס האט מיט אמאל אויפגעהערט דער גאנצער איינגעשטעלטער לעבנס־סדר. די אנגעשטעלטע זיינען ארויס פון זייערע קאנטארן אויפן גאס און האבן ניט געוואלט מער גיין צוריק; ארבעטער האבן אוועקגעווארפן זייערע ווארשטאטן; אנטרייבערס פון אמניבוסן און אנטרייבערס פון מיליטער־וואגנס זיינען זיך ארומגעפארן אויף זייער אייגענעם באראט, ארויפגענומען אויף די וואגנס מענטשן, וואס זיי האבן באגעגנט אין גאס, ארומגייענדיק אן א ציל און ניט ווייסנדיק וואוהין זיי פארן. און אט די אלע מענטשן זיינען געווען ווי פארחידושט און האבן מיט אויסרופן פון שמחה אויסגעדריקט זייער געפיל. גרויסע מאסן ליידיקגייער האבן באלד גענומען שטופן זיך אין די גאסן, און איטלעך הויז, איטלעכער ווארשטאט צי קראם, וואס האבן פארמאגט פלאגן, האבן זיי אויסגעהאנגען. אז עס איז געקומען די נאכט, זיינען א סך פון די הויפט־גאסן, וואס אין משך פון א סך חדשים האט מען זיי גע=

האלטן אין דער פינסטער מחמת מורא פאר לופט-אנפאלן, דאס מאל געווען העל באלויכטן. עס איז געווען זייער משונה צו זען, ווי די מאסן קלייבן זיך ווידער צונויף אין קינסטלעכער באלייכטונג. איטלעכער האט זיך געפילט, ווי אים וואלט אויסגעפעלט א ציל, עס איז געווען א מין אנגעשפאנטע און ווייטאגדיקע פארגרינגערונג. סוף-כל-סוף איז געווען אויס. מער וועט שוין קיין שחיטה אין פראנקרייך נים זיין, מער וועלן שוין קיין לופט-אנפאלן נים זיין — אלץ וועט ווערן בעסער.

מענטשן האט זיך געגלוסט לאכן און וויינען — און האבן נים געקאנט נים דאס און נים יענס. לעבעדיקע יונגעלייט און סאלדאטן אויף אורלאפ האבן געבילדעט קליינע רווישיקע פראצעסיעס, וואס האבן זיך דורכגעשפארט זייער וועג דורך דעם המון און האבן געטאן וואס זיי האבן געקאנט, בכדי צו מאכן זיך פריילעך. מען האט אראפגעשלעפט א פארכאפטן דייטשן הארמאט פון דעם פלאץ, וואו עס זיינען געווען אויסגעשטעלט א סך טראפייען פון דעם מין, און מען האט אים אוועקגעפירט אויפן טראפאלגאר-סקווער און דארט דעם הילצערנעם לאפעט זיינעם פארברענט. אומעטום האט מען געלאזט קנאלן פעטארדעס. נאר קיין איינשטימיקע פרייד איז נים געווען. כמעט איטלעכער האט געהאט צופיל פארלארן און צו פיל געליטן, אז ער זאל קאנען זיך פרייען פון פולן הארצן.

קאַפּיטל 39

# די ווייטערדיקע פּערספּעקטיוון פאַר דער מענטשהייט

1. די מאָראַלישע דעזאָרגאַניזאַציע, וואָס די מלחמה האָט גורם געווען. 2. פּרעזידענט ווילסאָן און ווערסאַיל. 3. די קאָנסטיטוציע פון דער פעלקער-ליגע. 4. די שלום-אָפּמאַכן פון 1919 — 1920. 5. באָלשעוויזם אין רוסלאַנד. 6. אַ פאָראויסזאָגונג פון דער „קומענדיקער מלחמה”. 7. די אומביגעוודיקייט פון בריטישן אימפּעריאַליזם און די אָפּטיילונג פון אירלאַנד. 8. די מהומה אין כינע. 9. די יווירונג פון איסלאַם. 10. אַמעריקע נאָך דער מלחמה. 11. חובות, געלט, סטאַבילקייט. 12. פאַרבאָרגנקייט פון די שעפערישע כוחות, וואָס ווירקן אין דער וועלט. 13. די פאַראייניהייטלעכונג פון די מענטשנס ווילנס אין פּאָליטישע ענינים מוז זיין אַ רעזולטאַט פון אַ באַוווסטזיניקער אָנשטרענגונג אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב. 14. די כוחות, וואָס ווירקן פאַר דער פאַראייניהייטלעכונג פון דער וועלט. 15. אַ פעדעראַלע וועלט-מלוכה. 16. די וועלט אונטער איין געזעץ און רעכט. 17. און דערנאָך?

די וועלט פון די מערבֿ-אייראָפּעישע ציוויליזאַציעס איז אין די פיר אָדער פינף יאָר וואָס נאָך דעם סוף פון דער גרויסער מלחמה געווען געגליכן צו אַ מענטשן, וואָס מען האָט אויף אים געמאַכט זייער אַן ערנסטע כירורגישע אָפּעראַציע, נאָר זי איז געמאַכט געוואָרן זייער פאַרטאַטשיש. און ער איז ניט זיכער, צי קאָן ער אַזוי ווייטער לעבן אָדער צי איז ער ניט אַזוי טיף צעטרייסלט און געשעדיקט,

אַז ער וועט באַלד אַנידערפאַלן און שטאַרבן. עס איז געווען אַ וועלט אַ געבלענדטע און באַטויבטע. דער דייטשער מיליטאַריסטישער אימפּעריאַליזם איז טאַקע געווען צעקלאַפּט, עס האָט אָבער אַזוי טייער געקאָסט, אַז די וועלט איז געבליבן אָן כּוחות. שיר=שיר האָט ער ניט געהאַט קיין ניצחון. איצט, אַז די שפּאַנונג פון דעם קאָנפליקט האָט אויפגעהערט, איז אַלץ געגאַנגען עפּעס אַזוי ווי אָפּגעלאָזט, שוואַכלעך און מיט אַן אומרויִקן און אומזיכערן טעמפּעראַמענט. די גאַנצע וועלט האָט געגאַרט נאָך דער פאַרלאָרענער פרייהייט און וואוילשטאַנד פון די צייטן פון פאַר דער קריג, אָבער עס איז ניט געווען קיין כּוח פון ווילן דאָס אַלץ אויסצופירן.

אין אַ סך פּרטים איז איצט געווען דער מצב ערגער. פּונקט ווי עס האָט פּאַסירט מיט דער רוימישער רעפּובליק אונטער דער לאַנגדויערנדיקער אָנשפּאַנונג פון די פּונישע מלחמות, אַזוי האָבן זיך איצט געמערט פאַלן פון גוואַלד=מעשׂים און אכזריות, און עס איז שטאַרק געפאַלן די פינאַנסיעלע און עקאָנאָמישע אָרנטלעכקייט. אידעאַלע גייסטער האָבן מיט גוטן ווילן זיך מוסר=נפש געווען פאַר די נייטיקסטע באַדערפעניש פון קריג, אָבער די דורכגעטריבענע און געמיינע פון דער וועלט פון ביזנעס און געלט האָבן אויסגענוצט דעם אומרויִקן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן מצב, כּדי אַרייַנצוכאַפּן וואָס מער רייכטימער און פּאָליטישע מאַכט אין לאַנד. אומעטום האָבן פּאַרשוינען, וואָס פאַר 1914 וואָלט מען זיי באַטראַכט פאַר פינסטערע אַוואַנטוריסטן, איצט געקראָגן מאַכט און איינפלוס, בעת בעסערע מענטשן האָבן געהאָרעוועט אומזיסט=אומנישט. אין דעם פּאַזיס פון דער אויסגעמאַטערטקייט נאָך דער מלחמה איז געווען שווער איינצוצאַמען אַט די נייע גבירים און די נייע שׂררות.

כּמעט אין אַלע קעמפּנדיקע לענדער זיינען אין משך פון דער מלחמה געמאַכט געוואָרן אויסערגעוויינטלעכע פּרוּוון צו פירן די ווירטשאַפט קאָלעקטיוו. מען האָט איינגעזען, אַז די געוויינטלעכע גענג פון מסחר אין שלום=צייט, ווען מען האָט סחורה פריי פאַרקויפט אויפן מאַרק, אָדער מען האָט אויסגעהאַלטן סחורה, כּדי צו נעמען אַ בעסערן מקח, האָבן זיך ניט געפּאַסט צו די באַדערפעניש פון דער קריגס=צייט. דער טראַנספּאָרט, באַהייצונג, דער שפּייז=פאַרגרייט,

פֿונאַנדערטיילונג פֿון רוי־מאַטעריאַלן ניט נאָר פֿאַר קליידער, ביי־ארבעט וכדומה, נייערט אויך פֿאַר אַלצדינג, וואָס איז נייטיק צוליב דער קריגס־אַמוניציע, איז געשטעלט געוואָרן אונטער אַן עפֿנטלעכן קאָנטראָל.

מען האָט שוין מער ניט דערלויבט די פֿאַרמערס צו לאָזן ניט פֿאַרזייט זייער ערד. בהמות האָט מען אַריינגעפֿירט אין פּאַרקן פֿאַר הירשן, און די פֿאַשע־פּלעצער זיינען צעאַקערט געוואָרן, צי האָט דער באַלעבאָס דערצו מסכים געווען, צי ניט. לוקסוס־בנינים און די גרינדונג פֿון ספּעקולאַטיווע געזעלשאַפֿטן זיינען געוואָרן באַגרענעצט. פֿאַקטיש איז אין גרעסטן טייל פֿון די קריג־פֿירנדיקע מלוכות פֿון אייראָפּע איינגעשטעלט געוואָרן אַן אָנהייב פֿון אַמין סאָציאַליסטישער מלוכה. עס איז געווען געמאַכט כאַפּ־לאַפּ און האָט אָנגעטאָן שאָדן. אָבער פֿונדעסטוועגן איז דאָס געווען בעסער, ווי די געפּלאָנטערטע כסדרדיקע ריווח־זוכעריי, די אויפֿקויפֿעריי און ספּעקולאַציע און ניט רעגולירטע פּראָדוקציע פֿון דער „פּריוואַטער אונטערנעמונג“.

אין די ערשטע יאָרן פֿון דער מלחמה איז געווען אין די מלחמה־פֿירנדיקע מלוכות פֿאַרשפּרייט אַגעפֿיל פֿון ברודערשאַפֿט און פֿון דער נייטיקייט צו אַרבעטן לטובת הכלל. די מענטשן פֿון דער מאַסע האָבן אומעטום מקריב געווען זייער לעבן און געזונט פֿאַר דעם, וואָס זיי האָבן געהאַלטן, אַז דאָס איז די טובה פֿון דער גאַנצער מלוכה. פֿאַרקערט, איז צוגעזאָגט געוואָרן, אַז נאָכן קריג וועט זיין וויניקער סאָציאַלע אומגערעכטיקייט, אַגרעסערע איבערגעבנקייט פֿאַר טובת־הכלל. למשל, אין גרויס־בריטאַניע פֿלעגט מ״ר ללאָיד דזשאָרדזש ניט אויפֿהערן צו ריידן, אַז ער האָט בדעה צו מאַכן פֿון בריטאַניע נאָך דער מלחמה „אַלאַנד צוגעפּאַסט פֿאַר העלדן“. אין רעדעס געהאַלטן מיט גרויס פֿייער און שיינקייט האָט ער אָנגעצייכנט, אַז דער דאָזיקער נייער מלחמה־סאָציאַליזם וועט אויך עקסיסטירן ווייטער אין שלום־צייט.

אין בריטאַניע איז געגרינדעט געוואָרן אַמיניסטעריום פֿאַר איבערבוי, וואָס האָט באַדאַרפֿט אויספּלאַנירן אַנייע און מער יושרדיקע סאָציאַלע אָרדענונג, בעסערע תּנאים פֿאַר אַרבעטער, בעסערע הייזער, אַברייטערע פֿאָלקס־בילדונג, אַפֿולע און וויסנשאַפֿטלעכע רע־

וויזיע פון דער עקאנאמישער סיסטעם. און דאס וואָרט „ווידער-אויפבוי" האט באשיינט דאס לעבן און אויפגעהאלטן די האפענונגען פון דער פאריאושטער מאסע אומעטום. ענלעכע צוזאגן פון א בעסערער וועלט האבן אונטערגעהאלטן אויך די פראסטע זעלנערס אין פראנקרייך, דייטשלאנד און איטאליע. צו דעם רוסישן חורבן האט גורם געווען דאס, וואס די מאסן האבן צו פרי אויפגעהערט צו גלויבן.

אזוי ארום האבן צום סוף פון דער מלחמה אין גייסט פון די מענטשן פון מערב-אייראפע זיך צונויפגעטראפן צוויי פארשטעלונגס-רייען, וואס זיינען געווען געפערלעך איינער פארן אנדערן. די גבירים און אוואנטוריסטן, בפרט די וואס האבן אין דער מלחמה שטארק פארדינט, האבן געמאכט פלענער, ווי אזוי דערלאזט מען ניט, למשל, אז דער לופט-טראנספארט זאל ווערן דאס אייגנס פון דער מלוכה, און ווי אזוי כאפט מען צוריק ארויס פון די הענט פון דער געזעלשאפט די פאבריקן, די שיפן, דעם יבשה-טראנספארט, דעם גרויסן האנדל, און בכלל די עפנטלעכע באדינונג, בכדי דערפון צו ציען די רווחים פאר זיך. צוליב דעם צוועק זיינען זיי געווארן באלעבאטים פון צייטונגען און האבן זיך אריינגעדרייט אין דער פארטיי-פאליטיק. פארקערט, די ברייטע פאלקס-מאסן האבן בתמימות ארויסגעקוקט אויף א נייעם צושטאנד פון דער געזעלשאפט, וואס איז אויסגעפלאנירט געווארן כמעט אינגאנצן צוליב זייערע אינטערעסן און בהסכם מיט איידעלע מענטשלעכע אידעאלן. די געשיכטע פון 1919 איז אין גרויסן און גאנצן דער צונויפשטויס פון די דאזיקע צוויי שטרעמונגען. די רעגירונגען האבן האסטיק אויספארקויפט אלע עפנטלעכע אונטערנעמונגען, וואס האבן איינגעבראכט גוטע פרנסות, צו פריוואטע ספעקולאנטן...

אין מיטן 1919 האבן די ארבעטער-מאסן פון גאר דער וועלט זיך געפילט בפירוש אפגענארט אין זייערע האפענונגען און זיינען געווען דורכאויס אין א שלעכטער שטימונג. עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז דאס בריטישע איבערבוי-מיניסטעריום און די ענלעכע אינסטיטוציעס אין אנדערע לענדער האבן געארבעט אונטער א געפעלשטן שילד. דער מאסן-מענטש האט געפילט, אז מען האט אים ארומגעפירט

ביי דער נאז. עס איז ניט געווען קיין איבערבוי, נאר מער ניט אן אויפריכטונג פון דער אלטער ארדענונג, ניט קיין רעקאנסטרוקציע, נאר א רעסטאווראציע, און דער מצב איז נאך געווען ערגער ווי פריער, מחמת די ארעמקייט איז איצט געווארן גרעסער.

אין משך פון די פיר יאר פון דער דראמע האט די מלחמה פארשטעלט די סאציאלע פראגע, וואס האט זיך אנטוויקלט אין די מערבדיקע ציוויליזאציעס אין 19טן יארהונדערט. איצט, אז די מלחמה איז געווען פארביי, האט די סאציאלע פראגע זיך ווידער באוויזן אפן און קלאר, ווי מען האט זי פריער קיין מאל ניט געזען.

די צערייצטקייט און די שווערנישן און די אלגעמיינע אומזיכערקייט פון דער נייער צייט זיינען נאך פארשטארקט געווארן דורך דער טיפער צערודערונג פון דעם געלט-פארקער און קרעדיט. געלט, א קאמפליצירטע פארמירונג מער פון א הסכם איידער פון א סיסטעם פון ווערטן, האט אין די קריג-פירנדיקע לענדער אנגעווארן דעם אונטערהאלט פון א גאלד-פאנד אין דעם אינלענדישן פארקער. גאלד איז געווארן אויפגעהיט נאר צוליב דעם אינטערנאציאנאלן פארקער. פאר דעם אינעווייניקסטן באנוץ אבער האבן אלע רעגירונגען ארויסגעלאזט גוואלדיקע סכומים פאפיר-געלט. אז עס זיינען געפאלן די מחיצות, וואס דער קריג האט געהאט אוועקגעשטעלט צווישן די לענדער, איז דער אינטערנאציאנאלער געלט-בייט געווארן א ווילדע מהומה, וואס מען האט ניט געקאנט וויסן וואו איין און וואו אויס, א מקור פון צרות פאר אלעמען, חוץ עטלעכע בערזע-שפילער און דורכגעטריבענע ספעקולאנטן. די פרייזן האבן געהאלטן אין איין וואקסן — און דאס האט אריינגעבראכט אין גרימצארן די וואס האבן געלעבט פון שכירות. פון איין זייט האט דער ארבעטגעבער ניט געוואלט הערן פון העכערן שכירות; פון דער אנדער זייט האבן עסנווארג, קליידונג און דירה כסדר אלץ מער געקאסט. און דאס געפערלעכסטע אין דעם מצב איז געווען — וואס דער ארבעטער האט אנגעהויבן פארלירן דעם צוטרוי אין די זיכערקייט, וואס ער האט אמאל געהאט, אז דורך געדולד און אריינגעטאנקייט אין זיין ארבעט וועט ער מיט דער צייט בייקומען די החקות און נויט, וואס ער האט געליטן.

אין די רעדעס פון פּאָליטיקער צום סוף 1919 און פרי=יאָר 1920
האָט מען אַלץ מער געקאָנט מערקן די אָנערקענונג פון דעם פאַקט,
אַז אין דער אַזוי=גערופענער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם — די סיס=
טעם פון פּריוואַט=אייגנטום, וואו דער פּריוואַטער ריווח איז דער הויפּט=
באַוועגער — איז ניט אַלץ כשורה. אַלע האָבן מודה געווען, אַז
זי באַדאַרף שאַפן וואוילשטאַנד פאַרן כלל, אָדער זי מוז ווערן רע=
ווידירט. עס איז אינטערעסאַנט צו פאַרצייכענען אַזאַ רעדע, ווי עס
האָט געהאַלטן דער ענגלישער פּרעמ.=מיניסטער מ"ר ללאָיד דזשאָרדזש
דאָנערשטאָג, דעם 6טן דעצעמבער 1919. מ"ר ללאָיד דזשאָרדזש
האָט געקראָגן די בילדונג און די פּראַקטיק פון אַ פּריוואַט=אַדוואָקאַט
אין וויילס. ער האָט פרי זיך אַריינגעלאָזן אין פּאָליטיק, און אין
משך פון אַ גלענצנדיקער פּאַרלאַמענטאַרישער קאַריערע האָט ער
שפּעטער געהאַט ווייניק געלעגנהייט צו לייענען און צו טראַכטן.
אָבער היות ווי ער איז פון דער נאַטור אַ מענטש מיט אַ שאַרפן קאָפּ,
האָט ער אויסגעדריקט זייער פּינקטלעך די געדאַנקען פון די אינטע=
ליגענטערע געשעפטסלייט און גבירים און געוויינטלעכע בירגער, וואָס
האָבן אים אונטערגעהאַלטן.

„מען האָט שוין ווידער טענות צו דער ציוויליזאַציע", האָט
ער געזאָגט. „וואָס איז דאָס? דאָס רירט אָן די יסודות. דאָס פאַר=
טשעפּעט דאָס גאַנצע געביי פון דער געזעלשאַפט, ווי מיר קאָנען
זי: איר האַנדל, איר מלאכה, איר אינדוסטריע, אירע פינאַנסן, איר
סאָציאַלע אָרדענונג — אַלץ איז דערין אַריינגענומען. פאַראַן אַזעל=
כע, וואָס האַלטן, אַז דער וואוילשטאַנד און די שטאַרקייט פון לאַנד
זיינען אויסגעבויט דורך דער אינדיווידועלער איניציאַטיווע, דורך דעם
אַרבעטס=חשק פון דעם יחיד. דאָס איז איין מיינונג. מלוכה מוז
דערציען; מלוכה מוז ביישטיין, וואו דאָס איז נייטיק; מלוכה מוז קאָנ=
טראָלירן וואו עס איז נייטיק; מלוכה מוז שיצן די שוואַכע אַנטקעגן
דער פאַרריסענער גדלות פון די שטאַרקע; נאָר דאָס לעבן קוואַלט
אַרויס פון אינדיווידועלן ווילן און ענערגיע (אַפּלאָדיסמענטן). דאָס
איז איין מיינונג. וואָס איז די אַנדער מיינונג? אַז פּריוואַטע אונטער=

געמונג איז אַ דורכפאַל, מען האָט זי אויסגעפּרוּווט און געפונען פול חסרונות — זי איז אַ פולקומער דורכפאַל, אַ ביטערער דורכפאַל. זי מוז ווערן אויסגעוואָרצלט, און די געמיינשאַפט מוז נעמען אויף זיך ווי אַ געמיינשאַפט צו פּראָדוצירן, פונאַנדערטיילן, און ניט נאָר קאָנטראָלירן.

„אָט דאָס זיינען די גרויסע פּרינציפּען, וואָס מיר מוזן באַשטימען. מיר זאָגן, אַז די חסרונות פון דער פּריוואַטער אונטערנעמונג קאָנען אָפּגעווענדט ווערן. זיי זאָגן: ניין, דאָס איז ניט מעגלעך; עס



די „לוזיטאַניע” ווערט אויפגעריסן דורך אַ טאָרפּעדאָ פון אַ דייטשער סונק-שיף, דעם 7טן מאַי 1915.

וועט ניט העלפן קיין שום אויסבעסערונג, קיין שום פּאַליאַטיוו, קיין שום מיטל צו באַגרענעצן און צו היילן; די חסרונות שטעקן אין דער עצם סיסטעם; זיי זיינען די פּירות פון דעם בוים, און איר מוזט אים אויסהאַקן. אָט דאָס זיינען די טענות, וואָס קלינגען ביי היינטיקן טאָג איבער גאָר דער ציוויליזירטער וועלט, פון אָקעאַן ביז אָקעאַן, איבער טאָל און פליין. איר הערט דאָס אין דעם געוויין און אין דעם מאַניאַקאַלישן געשריי פון די באָלשעוויקעס. איר הערט דאָס אין די הויכע, קלאָרע, נאָר מער איינגעהאַלטענע טענער פון קאָנגרעסן און קאָנפערענצן. די באָלשעוויקעס וואָלטן וועלן אויפרייסן די גאַנ-

צע מאשינעריע מיט א שטארקן אויפרייס-שטאף און מיט שרעק. אנדערע ווידער וואלטן וועלן אראפטראגן זי מיט הייב-מאשינעס.

„ארבעטלאזיקייט, מיט איר אומגערעכטיקייט פאר דעם מענטשן, וואס זוכט און לעכצט נאך ארבעט, וואס בעט ארבעט און קאן זי ניט געפינען און וואס ווערט געשטראפט פאר א דורכפאל, וואס ער איז אין אים ניט שולדיק, דורך דעם הונגער-טויט פון זיינע קינ-דער — אט די פיין איז עפעס אזוינס, וואס די פריוואטע אונטער-נעמונג מוז געפינען א מיטל קעגן איר צוליב איר אייגענער טובה וועגן (אפלאדיסמענטן). שוויץ-סיסטעם, דאס שמוץ-לעבן, דאס געפיל פון האלבער שקלאפעריי פאר ארבעטער, דאס מוז פארשווינדן. מיר מוזן קולטיווירן א געפיל פון מענטשלעכקייט דורך באהאנדלען מענטשן ווי מענטשן. אויב איך — און איך זאג דאס מיט פולן באוואוסטזיין — אויב איך וואלט געהאט אויסצוקלייבן צווישן אט דער סיסטעם, וואס איך גלויב אין איר, און צווישן דעם, אז מיליאנען מענער און פרויען און קינדער זאלן פארפוילט ווערן אין די קעלערס, איך וואלט קיין ווייל ניט געקווענקלט. נאר די וואל איז ניט נייטיק. דאנקען גאט, די וואל איז ניט נייטיק. פריוואטע אונטערנעמונג קאן פראדוצירן מער, אזוי אז אלע מענטשן זאלן קריגן א פיינעם חלק"*...

דא האבן מיר די מיינונג, וואס איז כאראקטעריסטיש פאר דעם דורכשניטלעכן פארמעגלעכן מענטש מיט א געזונטן פארשטאנד ניט נאר אין גרויס-בריטאניע, נייערט אויך אין אמעריקע אדער פראנק-רייך אדער איטאליע אדער דייטשלאנד. לויטן כאראקטער און טאן איז דאס א פיינער מוסטער פון בריטישן פאליטישן געדאנק פון יאר 1919. די אידעע, וואס איף איר איז זי געגרינדעט, איז, אז די הערשנ-דיקע עקאנאמישע סיסטעם האט פון אונז געמאכט דאס, וואס מיר מיר זיינען. מיר דארפן ניט האבן קיין פראצעס פון סאציאלער צע-שטערונג, וואס דארף קומען פאר דער אויפלעבונג פון דער גע-זעלשאפט, מיר דארפן ניט האבן קיין עקספערימענטן מיט די יסודות פון אונזער סאציאלער ארדענונג. לאמיר דאס אננעמען. מ"ר ללאיד דזשארדזש איז אבער מודה, אז עס מוז זיין א צופאסונג.

* „ט"מס", 8 דעצעמבער 1919.

נאָר די דאָזיקע רעדע איז געהאַלטן געוואָרן אַ יאָר מיט אַ חודש נאָך דעם וואַפנשטילשטאַנד, און קודם־כל האָט די פּריוואַטע אונטערנעמונג פאַר דער דאָזיקער גאַנצער צייט ניט באַוויזן צו טאָן דאָס אַלץ, וואָס מ״ר ללויד דזשאָרדזש האָט אַזוי גוטהאַרציק צוגעזאָגט, אַז זי וועט דאָס טאָן. למשל, די געזעלשאַפט האָט נייטיק באַדאַרפט האָבן הייזער. די גאַנצע צייט פון דער מלחמה האָט מען אויפגעהערט ניט וואָס צו בויען, נאָר אַפילו צו פאַרריכטן אַלטע הייזער. אין בריטאַניע אַליין האָבן אויסגעפעלט אין די לעצטע חדשים פון 1919 צווישן 250.000 און אַ מיליאָן דירות. אַ סך מענטשן האָבן געלעבט מוראדיק צונויפגעפּרעסט, און עס איז געגאַנגען די אומפאַרשעמטסטע ספּעקולאַציע מיט דירות און הייזער. עס איז געווען אַ שווערע לאַגע, אָבער עס איז פון איר געווען אַן אויסגאַנג. ווען עס וואָלט געהען דער וועלביקער ענטוזיאַזם און ענערגיע און מסירת־נפש, וואָס האָט פאַרפלייצט דעם שרעקלעכן קריזיס פון יאָר 1916, וואָלט די אַ סך גרינגערע אויפגאַבע צו שאַפן אַ מיליאָן הייזער געהיים געקאָנט ווערן אויסגעפירט אין אַ יאָר מיט עפּעס. נאָר עס איז געווען אַ ספּעקולאַציע מיט בוי־מאַטעריאַלן, דער טראַנספּאָרט איז געווען אין אַ צערודערטן צושטאַנד, און עס האָט ניט געלוינט דער פּריוואַטער אונטערנעמונג צו בויען הייזער, ווייל דאָס דירה־געלט, וואָס יענע מענטשן, וואָס האָבן באַדאַרפט האָבן די דירות, האָבן געקאָנט צאָלן, האָט ניט געגעבן דעם געהעריקן רווח. דעריבער האָט די פּריוואַטע אונטערנעמונג, וואָס האָט גאָר חינציק גדאַגהט וועגן דער געזעלשאַפטלעכער נויט אין דירות, ניט געטאָן מער ווי נאָר ספּעקולירט מיט דירה־געלט און מיט דירות־אַפּטרעטן. זי האָט פאַרלאַנגט גאַראַנטיעס און הילף פון דער מלוכה — כּדי זי זאָל בויען מיט רווח.

און אָט איז נאָך אַ ביישפּיל דערפאַר, אַז די רווחים־סיסטעם איז ניט בּיכולת צו פאַרענטפערן די פּראָבלעמעס פון דער צייט. היות ווי דער טראַנספּאָרט איז געווען געשעדיקט, האָבן זיך אָנגעקליבן אין לאַגערס גרויסע סכומים סחורות. מען האָט געמוזט האָבן נייטיק וואָלוועלע אויטאָמאָבילן אַריבערצופירן פון אָרט צו אָרט סחורות און אַרבעטער. נאָר די פּריוואַטע אונטערנעמונג אין דער אויטאָמאָביל־אינ=

דוסטריע האט זיך איינגערעדט, אז פאר איר לוינט מער צו פּראָדוצירן גרויספּאַרטיקע און טייערע אויטאָמאָבילן פאר יענע, וואס די מלחמה האט זיי געמאכט רייך. די אַמוניציע-פאַבריקן, וואס זיינען אויסגעבויט געוואָרן אויף מזומן געלט, וואלטן זייער גרינג געקאָנט ווערן געמאכט צו פאַבריקן פאר מאסן-פּראָדוקציע פון וואָלוועלע אויטאָמאָבילן, נאָר די פּריוואטע אונטערנעמונג האט עקשנותדיק געפאָדערט, אז מלוכה זאָל די דאָזיקע פאַבריקן פארקויפן. אזוי ארום האט זי אליין ניט באַדינט די נויט פון דער געזעלשאַפט, און ניט געלאָזן דער מלוכה דאס טאָן.

דאס נעמלעכע איז געווען מיטן שיף-בוי, הגם די וועלט האט זיך מורא'דיק גענייטיקט אין שיפן, האט די פּריוואטע אונטערנעמונג ניט אַנדערש געפאָדערט, אז עס זאָלן פארמאכט ווערן די פריש אויסגעבויטע שיף-ווערפטן.

אומעטום איז דער געלט-פּאַרקער געווען געשטערט, נאָר די פּריוואטע אונטערנעמונג איז געווען פארנומען מיט קויפן און פאַרקויפן מאַרקן און פראַנקן און האט נאָך פארגרעסערט די מהומה.

בעת מ"ר ללאָיד דזשאָרדזש האט געהאַלטן די כאַראַקטעריסטישע רעדע, וואס מיר האבן ציטירט, האט די אומצופרידנקייט פון געמיינעם מאַן זיך געקליבן אומעטום, און ווינציק אָדער גאָרנישט איז געוואָרן געטאָן אויף צו באַפרידיקן זיינע נויט-באַדערפענישן. עס איז געוואָרן קלאָר, אז אויב עס וועט ניט פאַרקומען קיין ראַדיקאַלער שינוי אין דעם גייסט פון פירן געשעפטן, איז אונטער א סיסטעם פון אומבאַגרענעצטער פּריוואַטער אונטערנעמונג געווען ווינציק אָדער גאָר קיין האָפענונג ניט, לכל-הפּחות אין איראָפּע, אז אין משך פון די נאָענטסטע צוויי אָדער דריי דורות זאָלן האָרעפּאַשניקעס קריגן א לייטישע דירה, קליידונג און דערציִונג פאר זייערע קינדער.

דאס זיינען פאַקטן, וואס דער היסטאָריקער פון דער מענטשהייט איז מחויב צו פאַרצייכענען מיט וואס ווינציקער איינטייטש. פּריוואַטע אונטערנעמונג האט אין די יאָרן 1919 און 1920 ניט ארויסגעוויזן ניט קיין ווילן ניט קיין פעיִקייט צו באַפרידיקן די נייטיקסטע באַדערפענישן פון דער צייט. ווי נאָר זי איז פּטור געוואָרן פון קאָנטראָל, האט זי נאַטירלעכערהייט זיך ארויפגעוואָרפן אויף ספּע-

קאלאציע און לוקסוס-פראדוקציע. זי האט געזוכט אלץ דעם מאקסימום ריווח. זי האט ניט געהאט קיין חוש פאר די סכנות, וואס שטייען איר פאר. זי האט זיך אנטקעגנגעשטעלט קעגן יעטווידן פרווו צו באגרענעצן און איינצוצאמען אירע רווחים און ברענגען נוצן דער וועלט אפילו פון איר אייגענער טובה וועגן.

דאס אלץ איז צוגעגאנגען, ניט געקוקט דערויף וואס די אייראפעישע מאסן האבן ארויסגעוויזן א גרויסע שטארקע אומצופרידנקייט מיט די כסדרדיקע צרות און דחקות, וואס זיי האבן געליטן. 1913 האבן די דאזיקע מאסן געלעבט ווי זיי האבן געלעבט פון געבוירן אן; זיי זיינען געווען צוגעוויינט צום לעבן, וואס זיי האבן געפירט. פארקערט, די מאסן פון 1919 זיינען אומעטום געווען אויסגעווארצלט, זיי זיינען געווען אין די ארמייען, זיי האבן געארבעט אין די אמוניציע-פאבריקן און אז״וו. זיי האבן אנגעוואורן זייער געוויינהייט אריבערצוטראגן זייער לאגע רויק. זיי זיינען איצט געווען דרייסטער און מער פעיק אויף פאריאושטע טועכצן. גרויסע מאסן מענטשן האבן זיך טרענירט צו אזעלכע ברוטאליטעטן, למשל, ווי צום באגנעטן-קאמף; מענטשן האבן זיך איינגעוויינט צו זיין ווילדע חיות און צו מאכן ווינציק מחוקות פון הרגענען צי פון ווערן דערהרגעט. דעריבער זיינען סאציאלע אומרוען געווארן א סך געפערלעכער.

אלצדינג האט אין פלוק געוויזן דערויף, אז א סך יארן וועט מען ניט אריבערטראגן דעם איצטיקן צושטאנד. אויב די געבילדעטע און רייכע מענטשן פון אייראפע, וואס לעבן א גוטן טאג, זאלן ניט קאנען אינזיכן באגרענעצן זייער פריוואטע אונטערנעמונג און איינשטעלן זי אזוי, אז זי זאל ארבעטן גוט און גיך פאר טובת הכלל; אויב זיי זאלן ניט קאנען צוליב זייער אייגענער טובה וועגן פארזיכערן דעם שלום אזוי, אז לא די וואס עס זאלן אויפהערן די הכנות צו א מלחמה, נאר עס זאל אויך ניט פארקומען קיין אינטערנאציאנאלער האנדלס-קריג, — דעמאלט האט מען זיך געמעגט ריכטן, אז שטרייקן און אויפשטאנדן זאלן קומען איינע נאך די אנדערע, ביז עס וועט דערגיין צו א פולן סאציאלן און פאליטישן חורבן.

מען דאַרף ניט מיינען, אַז די מאַסן האָבן געהאַט, אָדער זיי האָבן זיך איינגערעדט, אַז זיי האָבן דעם פּלאַן פון אַ נייער סאָציאַלער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער סיסטעם. זיי האָבן דאָס ניט געהאַט און זיי האָבן ניט געמיינט, אַז זיי האָבן. די חסרונות, וואָס מיר האָבן אָנגעוויזן אין דעם סאָציאַליסטישן פּלאַן, זיינען פאַר זיי ניט געווען קיין סוד. עס איז נאָך געווען אַ געפּערלעכערער צושטאַנד, ווי דער. זיי האָבן אַזוי פיינט געקראָגן די עקסיסטירנדיקע סיסטעם, מיט איר לוקסוס, מיט איר צעשטערונג, מיט איר אַלגעמיינער נויט, אַז זיי האָבן ניט געזאָרגט וועגן דעם, וואָס עס קען פּאַסירן דערנאָך, אַבי זיי זאָלן נאָר חרוב מאַכן די איצטיקע אָרדענונג. דאָס איז געווען דער אומקער צו אַזאַ געמיט-צושטאַנד, וואָס לאָזט זיך פאַרגלייכן מיט דעם, וואָס האָט געמאַכט מעגליך דעם אונטערגאַנג פון דער רוימישער אימפּעריע.

דעריבער האָבן אומעטום אין אייראָפּע זיך גענומען רירן זיך די כוחות פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, באַזונדערס קענטיק אין דייטשלאַנד און איטאַליע. דער קאָמוניזם האָט זיך אַרויסגעוויזן באַזונדערס אַגרעסיוו אין איטאַליע. אין פאַרשיידענע ערטער פון איטאַליע האָבן זיך באַוויזן קאָמוניסטישע פאָרמיסטערס, און אין באָלאָניאַ איז געווען אַ פּרואוו איינצופירן קאָמוניסטישע פּרינציפּן איבער געוואַלד. אין יולי 1920 האָט פאַרנומען דעם אָרט פון סיניאָר ניטי ווי דער ראש פון דער רעגירונג דזשאָליטי, אַ נייטראַליסט, וואָס איז געווען קעגן דער מלחמה. ער האָט געמאַכט פאַרשיידענע עקספּערימענטן, ווי אַזוי איינצושטעלן אַ צוזאַמענאַרבעט און חברותא צווישן אינדוסטריעלע אַרבעטער און זייערע באַלעבאַטים. אין סעפּטעמבער האָבן די אַרבעטער פאַרכאַפּט אַ סך שטאָל-גיסערייען און אַנדערע פאַבריקן און האָבן גענומען פירן זיי לויט סאָציאַליסטישע פּרינציפּן. די דאָזיקע מעשים זיינען געוואָרן אונטערגעהאַלטן און אויפגעמונטערט דורך דער רעגירונג.

אָט דער דאָזיקער גליטש צום קאָמוניזם האָט געדויערט דאָס יאָר 1921. נאָר עס האָט זיך געקליבן אַן אָפּעראַציע, און עס איז געקומען צו גאַסן-אומרוען און געוואַלד-מעשים אין פלאָרענץ, טריעסט, פּאָליאַ, פּיזאַ און אַ סך אַנדערע ערטער. דזשאָליטיס מיטלען דורכ-

צופירן סאציאליזאציע האבן ארויסגערופן א שטארקע רעאקציע צווישן די קלאסן, וואס זיינען אינטערעסירט אין פריוואט־אייגנטום, און עס איז אויפגעקומען אן ארגאניזאציע פון יונגע מענטשן, די פאשיסטן (Fascisti), וואס האבן זיך געגרייסט מיט זייערע לאנגע האר, שווארצע בלוזעס, מיטן נאציאנאליזם פון שטארקסטן סארט און מיט אנטי־סאציאליזם. זיי האבן געענטפערט מיט גוואלד־מעשים אויף גוואלד־מעשים, זיי האבן דערפירט דאס ביז צום עקסטרעם, זיי האבן איינגעשטעלט א טעראר קעגן סאציאליסטן. זיי האבן געפונען א פירער מיט גרויס ענערגיע און ווינציק געוויסן, בעניטא מוסאליני, א ראדיקאלער זשורנאליסט. אונטער זיין קונציקן אנפיר האבן די פאשיסטן איינגעכן אריבערגעיאגט די ספאראדישע און סענטימענטאלע ארויסטרעטונגען פון די קאמוניסטן. זיי פלעגן איבלאקערן אין די לידערס און שרייבערס פון די ליבעראלן און שלאגן זיי. די פאשיסטן האבן אנגעווענדט א באזונדער מיטל פון פייניקן די וואס האבן זיך דערוועגט צו קריטיקירן: זיי פלעגן איבערגעוואלד זיי אריינגיסן אין האלז גרויסע פארציעס ריצן־אייל. די מעטאדן פון סאציאלן קאמף אין איטאליע זיינען געווארן מאדד פון הינטער א ווינקל, געשלעגן, פייניקונג, פארברענען די הייזער פון ליבעראלע דענקערס. אנשטאט דעם שאטן פון קאמוניזם איז געקומען די ווירקלעכקייט פון א באנדיטן־הערשאפט.

צו אקטאבער 1922 זיינען די פאשיסטן געווען אויסגעוואקסן צו אזא כוח, אז זיי האבן געבילדעט אן אמתע ארמיי און האבן געקאנט מארשירן אויף רוים. דער מיניסטארן־קאבינעט האט פראקלאמירט קריגס־צושטאנד און געגרייט זיך צו א קאמף, דער קיניג אבער האט ניט מסכים געווען צו די דאזיקע מיטלען און האט איבערגעגעבן מוסאלינין די מאכט אין לאנד. מוסאליני איז געווארן דער ראש פון דער רעגירונג און איז מרוצה געווארן פונאנדערצולאזן זיינע שווארצע־בלוזניקעס — נאר ער האט זיין צוזאג קיין מאל ניט געהאלטן. די פאשיסטן זיינען אוועקגעשטעלט געווארן איבער דער פאליציי און די באוואפנטע כוחות פון לאנד. די פרייהייט פון דער פרעסע איז בטל געווארן, וואלן זיינען געווארן א פארס, פאליטישע קעגנער זיינען געווארן באפאלן, טעראריזירט, דערהרגעט. מוסאליני,

אונטער דעם טיטל Il Duco, איז געווארן פאקטיש דיקטאטאר, בעת דער קיניג איז געווארן אפגעשטופט אן א זייט, ווי ער האט ערלעך פארדינט.

אויף א שטיקל צייט איז די עקאנאמישע לאגע אין איטאליע געווארן אין פלוק בעסער, נאר ביזן היינטיקן טאג בלייבט דער סאציאלער אויסקוק פון לאנד טונקל און אומזיכער. דער איטאליענישער מצב איז טיף אינטערעסאנט פאר גאר דער וועלט, מחמת ער אנטפלעקט אין די גרעבסטע און רויסטע פארמען דעם כאראקטער פון עקסטרעם לינק און עקסטרעם רעכט אין דער איצטיקער מענטשלעכער געזעלשאפט, ווי ווייט דאס ערשטע קאן ניט ווערן פראקטיש פארווירקלעכט, און ווי אזוי פריוואט-אייגנטום און פריוואטע אונטערנעמונג קאן ווערן, כדי זיך צו באשיצן, מגולגל אין גוואלד-הערשאפט און באנדיטיזם. איטאליע איז פונקט ווי רוסלאנד געווארן א טורמע פאר איטלעכן מענטשן מיט א פרייען גייסט. די איינגעגעסענע קרענק פון אומגעזעצלעכקייט, וואס מיר האבן שוין אויף איר אויפמערקזאם געמאכט אין אונזער קריטישער באמערקונג וועגן Stalky and Co, איז אין פוילן בלי אין די דאזיקע צוויי לענדער. נאר איטאליע שטייט ניט אליין אין דעם פרט: דאס איז בכלל די טענדענץ פון אונזער צייט. אין דייטשלאנד, פראנקרייך און גרויס-בריטאניע האבן די פאשיסטן געפונען נאכמאכערס, נאר ביז אהער האבן זיי אין די דאזיקע לענדער געקאנט נאר שאדן, צו קיין טיראניע זיינען זיי דערווייל נאך ניט געקומען.

---

## 2. פרעזידענט ווילסאן און ווערסאיל.

מיר האבן פארצייכנט די אלגעמיינע סאציאלע און עקאנאמישע אומארדענונג פון די איראפעישע געמיינשאפטן אין די יארן וואס באלד נאך דער מלחמה, איידער מיר האבן געגעבן א באריכט וועגן דעם, ווי אזוי די שלום-קאנפערענץ אין פאריז האט געפרואווט איינפירן א סדר אין דער וועלט. דאס איז דערפאר, ווייל מען האט געמוזט באווייזן די סיבות, פארוואס איז די קאנפערענץ, וואס האט באדארפט

אויפטאָן אַזאַ גרויסע זאַך, געווען אַרומגערינגלט מיט אַזאַ אַט־מאָספערע פון פאַרמאַטערטקייט און אָנמעכטיקייט: דאָס זיינען געווען די דאגות און שווערקייטן פון איטלעכן בנוגע די פּראַגעס פון הכנסה, פּרייזן, אַרבעטסלאָזיקייט וכדומה. מען קאָן ניט פאַרלאַנגען קיין מעכ־טיק געזעלשאַפטלעך לעבן, ווען דאָס לעבן פון די יחידים איז פול מיט מהומה און צרות.

די געשיכטע פון דער קאָנפערענץ ווענדט זיך אין גרויסן און גאַנצן אויף די טרעפעניש פון איין מענטשן, איינעם פון יענע מענטשן, וואָס דער צוטראַף אָדער זייער פּערזענלעכער כאַראַקטער שטעלט זיי אַוועק ווי אַ טיפּ צו באַלייכטן די אויפגאַבע פון דעם היסטאָריקער. מיר האָבן אין משך פון דער געשיכטע געפונען פאַר זייער נוציק צו קאָנצענטרירן צייטנווייז אונזער אויפמערק אויף איין פּערזאָן—למשל, בודא, אלכסנדר דעם גרויסן, יואן טשוואַנג, קיסר פרידריך II, קאַרל V, נאַפּאָלעאָן I — און צו לאָזן אים דורך אָפּשפּיגלונג באַלייכטן די תקופה, וואָס אין איר האָט ער געלעבט. דער סוף פון גרויסן קריג קאָן בעסער פון אַלץ ווערן באַטראַכט ווי די געשיכטע פון דעם אַמעריקאַנער פּרעזידענט, פּרעזידענט ווילסאָן, ווי אַזוי ער איז גרויס געוואָרן אין דער וועלט, און אַלעמענס אויגן זיינען געווענדט געוואָרן צו אים, אַז ער וועט אַרויסראַטעווען פון אַלע צרות, און ווי אַזוי די דאָזיקע האָפענונגען האָבן אָפּגענאַרט.

פּרעזידענט ווילסאָן (1856 — 1924) איז פריער געווען אַן אויסגעצייכנטער געלערנטער און לערער פון געשיכטע, קאָנסטיטוציע־רעכט און פּאָליטישע ווויסנשאַפטן בכלל. ער איז געווען פּראָפעסאָר אויף פאַרשיידענע קאַטעדרעס און איז געווען פּרעזידענט פון דער פּרינסטאָן אוניווערסיטעט (ניו דזשוירסי). ער האָט אָנגעשריבן אַ סך ביכער, וואָס אין זיי ווייזט זיך אַרויס אַ גייסט, וואָס איז פאַרנומען דער עיקר מיט אַמעריקע און מיט אַמעריקאַנער פּאָליטיק. ער האָט זיך צוריקגעצויגן פון אַקאַדעמישן לעבן און איז אויסגעקליבן געוואָרן אין יאָר 1910 פאַרן גובערנאַטאָר פון ניו־דזשוירסי ווי דער קאַנדידאַט פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. אין יאָר 1913 האָבן די דעמאָקראַטן אים אַרויסגעשטעלט פאַר אַ קאַנדידאַט פון פּרעזידענט, און מחמת עס איז אַרויסגעקומען אַ גרויסער סכסוך צווישן געוועזענעם פּרעזידענט

רוזוועלט און דעם פרעזידענט טאפט, איז די רעפובליקאנישע פארטיי געשפאלטן געווארן, און ווילסאן איז געווארן אויסגעקליבן פארן פרעזידענט פון די פאראייניקטע שטאטן.

די געשעענישן פון אווגוסט 1914 האבן פארכאפט ווילסאנען, פונקט ווי אלע אנדערע לאנדסלייט זיינע, אומגעריכט. דעם 3טן אווגוסט האט ער טעלעגראפירט, אז ער לייגט זיך פאר ווי א פארמיטלער אין דעם סיכסוך. דערנאך איז ער אין אמעריקע א שטיק צייט געבליבן נאר ווי א צוקוקער פון קאנפליקט. צוערשט האבן, ווייזט אויס, ניט דאס אמעריקאנישע פאלק און ניט דער פרעזידענט ניט געהאט קיין טיפערן פארשטאנד פאר דער קאטאסטראפע, וואס האט זיך אזוי לאנג אנגעקליבן. זייער טראדיציע איז אין משך פון א יארהונדערט געווען זיך ניט צו אינטערעסירן מיט די פראבלעמעס פון דער אלטער וועלט, און דאס האט ניט אזוי גרינג געקאנט איבערגעביטן ווערן. די אימפעריאליסטישע האפערדיקייט פון דעם דייטשן הויף און דער טעמפער גוסט פון דער דייטשער מיליטער-מאכט פאר מעלאדראמאטישער „שרעקלעכקייט", זייער אריינדרינגען אין בעלגיע, זייערע אכזריותדיקע מעשים דארט, זייער באנוצן גיפטיקע גאזן, זייער אונטערוואסער-קריג מיט די שאדנס, וואס ער האט אנגעטאן, — דאס אלין האט, וואס לענגער דער קריג האט געדויערט, געשאפן אין די פאראייניקטע שטאטן אן אלין זיך פארטיפנדיקע שנאה צו דייטשלאנד. נאר די טראדיציע, אז אמעריקע מוז זיך האלטן פון דער ווייטנס, און די טיף איינגעווארצלטע איבערצייגונג, אז די פאליטישע מאראליטעט פון אמעריקע שטייט א סך העכער פאר די אייראפעישע קאנפליקטן, האבן אפגעהאלטן דעם פרעזידענט פון אן אקטיווער אריינמישונג. ער האט זיך אנגעשטעלט אויף א געהויבענעם טאן. ער האט זיך מודה געווען, אז ער איז ניט ביכולת צו משפטן, ווער עס איז גערעכט אין דער גרויסער מלחמה. אין גרויסן און גאנצן האט דאס זיין פאציפיסטישער איינשטעל געזיכערט זיין וואל פאר א פרעזידענט דאס צווייטע מאל.

נאר מען קאן די וועלט ניט איבערבעסערן דערמיט, וואס מען וועט פשוט קוקן אויף די פארברעכערס מיט אן אויסדרוק פון אומבאשטימטן טאדל. צום סוף 1916 זיינען די דייטשן שוין געווען זיכער ביי זיך, אז אמעריקע וועט שיין אונטער קיין שום אומ-

שטאנדן זיך ניט אריינמישן אין קריג, אין 1917 האבן זיי אנגעהויבן זייער אומבאגרענעצטן אונטערוואסער-קריג און האבן גענומען דערטרינקען אמעריקאנער שיפן אן ווארעניש. דורך אט דער העכסטער משוגעת זיינען פרעזידענט ווילסאן און דאס אמעריקאנער פאלק אריינגעשלעפט געווארן אין קריג. און זיי זיינען אויך אריינגעצווינגן געווארן, קעגן זייער ווילן, צו באשטימען זייערע באציונגען מיט דער פאליטיק פון דער אלטער וועלט אויף אנדערע יסודות, ווי שטיין מן הצד. זייערע געדאנקען און שטימונגען האבן זיך געביטן זייער גיך. זיי זיינען אריין אין מלחמה זייט ביי זייט מיט די אליירטע, אבער אן אן אפרייד מיט די אליירטע. זיי זיינען אריין אין דער מלחמה אין נאמען פון זייער אייגענער מאדערנער ציוויליזאציע, צו באשטראפן און צו מאכן א סוף צו א פאליטישער און מיליטערישער סיטואציע, וואס איז ניט געווען צו דערטראגן.

פאוואליעדיקע און פארשפעטיקטע אורטיילן זיינען טיילמאל די בעסטע אורטיילן. אין א ריי „נאטעס“, וואס זיינען צו לאנג און צו פארשיידנארטיק, אז מען זאל קאנען באהאנדלען זיי בפרטיות אין דעם דאזיקן „קאנטור“, אזוי ווי טראכטנדיק אויפן קול, אז די גאנצע מענטשהייט זאל דאס הערן, האט פרעזידענט ווילסאן זיך געסטארעט צו קאנסטאטירן די עצם אונטערשיידן צווישן דער אמעריקאנער מלוכה און די גרויס-מלוכות פון דער אלטער וועלט. ער האט פונאנדערגעוויקלט א באנעם פון אינטערנאציאנאלע פארהעלטענישן, וואס איז געקומען ווי א בשורה טובה, ווי א האפענונג אויף א בעסערער וועלט, פאר דעם גאנצן מזרחדיקן האלב-קיילעך פון דער ערד.

עס האבן באדארפט בטל ווערן בשתיקהדיקע אפמאכן, „נאציעס“ דארפן אליין באשטימען זייער גורל, מיליטאריסטישע אגרעסיוויקייט זאל אויפהערן, די ים-וועגן דארפן זיין פריי פאר דער גאנצער מענטשהייט. אט די דאזיקע אלף-בית-אמתן פון אמעריקאנישן געדאנק; די דאזיקע פארבאהאלטענע פארלאנגען פון איטלעכן מענטשן מיט א געזונטן שכל, זיינען אויפגעגאנגען ווי א גרויס ליכט איבער דעם חושך פון רישעות און רייסעריי אין איראפע, סוף-כל-סוף, האבן מענטשן געפילט, זיינען די רייען פון דער די-

פלאמאטיע געווארן דורכגעבראכן, די שלייערן פון דער גרויס-מלוכה-פאליטיק צעריסן אין צווייען. דא איז געווען קלאר ארויסגעזאגט דער פארלאנג פון דעם געמיינעם מאן אין גאר דער וועלט, געשטיצט פון דעם אויטאריטעט, פון דעם כוח פון א מעכטיקער נייער נאציע.

עס איז באשיימפערלעך, אז מען האט באדארפט האבן א באזונדערן רעגירונגס-אינסטרומענט, וואס זאל איינשטעלן דאס וועלט-געזעץ און זאל אונטערהאלטן אט די ברייטע און ליבעראלע פאר-אלגעמיינערונגען אין מענטשלעכן פארקער. א סך פלענער זיינען אויפגעקומען אין געדאנק פון מענטשן, ווי אזוי מען קאן דערגרייכן צו דעם ציל. באזונדערס איז געווען א באוועגונג פאר א מין וועלט-ליגע, פאר א „פעלקער-ליגע". דער אמעריקאנער פרעזידענט האט די דאזיקע פראזע אנגענומען און געזוכט זי צו רעאליזירן. ער האט דערקלערט, אז א הויפט-תנאי פון דעם שלום, וואס ער האט געזוכט צו דערשלאגן זיך צו אים דורך גובר זיין דעם דייטשן אימפעריאליזם, דארף זיין אט דער דאזיקער פעדעראלער אתאן. די פעלקער-ליגע האט באדארפט זיין דאס העכסטע אפעלאציע-געריכט אין אינטערנאציאנאלע ענינים. זי האט באדארפט זיין די עצם פארווירקלעכונג פון שלום. אין דעם פרט האט ווילסאן געפונען אן אפקלאנג אין גאר דער וועלט.

א שטיק צייט איז פרעזידענט ווילסאן געווען דער פארשטייער פון א נייער תקופה. כל-זמן דער קריג האט געדויערט, און א שטיקל צייט נאכדעם ווי דער קריג איז געווען געענדיקט, האט ער פארנומען, ווי ווייט דאס איז שייך צו דער אלטער וועלט, די דאזיקע געהויבענע פאזיציע. נאר אין אמעריקע, וואו מען האט אים געקענט בעסער, זיינען געווען ספקות. און איצט, אז מיר שרייבן שוין וייסנדיק די וויי-טערדיקע געשעענישן, קאנען מיר פארשטיין די דאזיקע ספקות. אמעריקע האט אין משך פון א יארהונדערט און מער, בעת זי איז געווען אפגעזונדערט און זיכער קעגן אנפאלן, אנטוויקלט נייע אידעאלן און פארמולעס פון פאליטישן געדאנק, אבער זי האט ניט געהאט קיין קלארע פארשטעלונג, אז עס קאן זיך מאכן, אז מען זאל דארפן די דאזיקע אידעאלן און פארמולעס אונטערהאלטן מיט מסירת נפש און קרבנות. פאר איר געזעלשאפט זיינען א סך זאכן,

וואס האבן אויסגעוויזן די נאך אין אלטע פלאנטערנישן געפענטעטע געמיינשאפטן פון דער אלטער וועלט ווי א בשורה פון אויסלייזונג, געווען וואכעדיקע אמתן. פרעזידענט ווילסאן האט אויפגענומען דעם געדאנק פון אן אייגענעם פאלק אין פון אן אייגענעם לאנד, וואס איז געווען באגרינדעט אויף א ליבעראלער טראדיציע, און האט געפונען זיין פולן אויסדרוק אין דער ענגלישער שפראך. אבער פאר אייראפע און פאר אזיע האט אויסגעוויזן, אז ער טראכט און רעדט זאכן, וואס מען הערט זיי דאס ערשטע מאל אין דער געשיכטע, וואס זיינען ביז אהער לחלוטין ניט געווען אנטוויקלט און זיינען געווען לחלוטין א סוד. און דעם דאזיקן טעות האט ער אפשר אויך געהאט.

מיר האבן דא צו טאן מיט א פעיקן און געראטענעם פראפעסאר פון פאליטישער וויסנשאפט, וואס האט ניט איינגאנצן קלאר פארשטאנען, וואס ער האט צו פארדאנקען זיינע בני דור און דער ליטערארישער און פאליטישער אטמאספערע, וואס ער האט ארייגעאטעמט אין משך פון זיין לעבן. צו גיך איז ער אריבערגעגאנגען, נאכדעם ווי ער איז צום צווייטן מאל אויסגעקליבן געווארן פאר א פרעזידענט, פון דעם גייסטיקן איינשטעל פון א פאליטישן לידער צו דעם איינשטעל פון א משיח. זיינע „נאטעס" זיינען א ריי אויספארשונגען פון די עלעמענטן פון דער וועלט־לאגע. צולעצט, אז ער האט אין זיין רעדע אויפן קאנגרעס דעם 8טן יאנואר 1918 פארגעלייגט זיינע פערצן פונקטן ווי די לעצטגילטיק פעסטגעשטעלטע תנאים פון אמעריקע פארן שלום, איז דאס געווען, ווי א פעסטשטעלונג, א סך בעסער אין גייסט, ווי אין דער ארדענונג און אינהאלט...

דער דאקומענט האט געפאדערט אפענע אפמאכן צווישן פעלקער און אז עס זאל ווערן אן עק צו דער געהיימער דיפלאמאטיע, אז מען זאל קאנען פריי פארן מיט שיפן איף די ימים, פרייען האנדל, אנטוואפענונג, א ריי פאליטישע אויסבעסערונגען אין דער ריכטונג פון נאציאנאלער אומאפהענגיקייט. צולעצט, אין דעם פערצנטן פונקט האט ער פארלאנגט אן „אלגעמיינעם פארבאנד פון פעלקער" צו פארזיכערן דעם שלום פון דער וועלט.

די דאזיקע פערצן פונקטן האבן געהאט א גוואלדיקן אפ-קלאנג אין גאר דער וועלט. עס האט אויסגעוויזן, אז סוף-כל-סוף איז פאראן א שלום פאר פארשטאנדיקע מענטשן אומעטום, א שלום, וואס עס האבן געקאנט אננעמען סיי ערלעכע און לייטישע דייטשן און רוסן, סיי ערלעכע און לייטישע פראנצויזן, ענגלענדער און בעלגיער. עטלעכע חדשים איז די גאנצע וועלט געווען באלויכטן דורך גלויבן אין ווילסאנען. וואלטן זיי געקאנט ווערן געמאכט פארן יסוד פון וועלט-שלום אין יאר 1919, וואלטן זיי געווען אן אנהייב פון א נייער און האפענונגס-פולערער ערע אין דער מענטשלעכער געשיכטע.

נאר מיר מוזן זאגן, אז דאס איז ניט געשען. ארום פרעזידענט ווילסאן איז געווען א געהייסער ענגער עגאיזם. אין אט דעם דור מענטשן פון די פאראייניקטע שטאטן, וואס צו זיי איז געקומען די גרויסע געלעגנהייט — א דור, וואס איז געבארן געווארן אין זי-כערקייט און אויפגעהאדעוועט אין רייכקייט און וואס איז שייך געשיכטע, אין אומוויסנהייט, א דור, וואס איז געווען ווייט פון די טראגישע געשעענישן, וואס האבן געהויערט איבער איראפע — אין אט די מענטשן איז געווען א מין איבנאויפיקייט אין לייכט-זיניקייט. ניט וואס דאס אמעריקאנישע פאלק איז געווען איבנאויפיק לויט נאטור און נויטווענדיקייט, נאר וויל זיי זיינען קיין מאל ניט געווען טיף גערירט דורך דער פארשטעלונג פון א ברייטערער מענטש-לעכער געמיינשאפט, ווי זייער אייגענע. זיי האבן פארמאגט אן אינטעלעקטועלע, און ניט קיין מאראלישע איבערצייגונג. מען האט געהאט פון איין זייט די דאזיקע נייע מענטשן פון דער נייער וועלט, מיט זייערע נייע אידעעס, און מיט זייערע פיינערע און בעסערע אי-דעעס, וועגן שלום אין וועלט-יושר, און פון דער אנדער זייט די אלטע, פארביטערטע, טיף איינגעפלאנטערטע פעלקער פון דער גרויס-מלוכה-סיסטעם. די ערשטע זיינען געווען רוי און קינדיש אין זייער גוואלדיקער ניט-געניטשאפט, און די צווייטע זיינען געווען צוגעלערנט און פארביסן און דורכגעטריבן פאלש.

די טעמע פון דעם צונויפשטויס צווישן דער רויער אידעאליסטישער יוגנטלעכקייט פון א נייער תקופה מיט דער געפרוווטער צייטיקייט פון דער אלטער האט מיט יארן צוריק באהאנדלט דער גרויסער

נאוועליסט הענרי דזשיימס אין אזייער טיפּישער געשיכטע מיטן נאָמען Daisy Miller. דאָס איז די פּאַטעטישע געשיכטע פון אַ פּריימוטיקער, אָפנהאַרציקער, איידל געוואונענער, אָבער תּמימותדיקער



דער אָנהייב פון אַ דייטשער גאַז-אַטאַקע אויפן רוסישן פראָנט, פאָטאָגראַ-פירט פון דער לופט.

אַמעריקאַנער מיידל, מיט אַן אַמהאָרצישער נטיה צו געדעכטיקייט, ווי אַזוי זי איז געקומען קיין אייראָפּע און איז באַלד אַריינגעפּלאָנטערט געוואָרן אין די נעצן פון דער אַלטער וועלט, פאַרוויקלט אין צרות און געטריבן צו אַ פריינווילן טויט. אין רעאַלן לעבן זיינען געהען טויזנט

וואַריאַציעס אויף דער זעלביקער טעמע, און טויזנט אַזעלכע טראַנסאַטלאַנטישע טראַגעדיעס, און די געשיכטע פֿון פּרעזידענט ווילסאָן איז איינע פֿון זיי. נאָר מען באַדאַרף ניט אָננעמען, אַז ווייל דאָס נייע ווערט צעטראָטן פֿון דעם אַלטן, באַטייט דאָס, אַז דאָס נייע טויג טאָקע ניט און וועט שוין קיין תּקומה קיין מאָל ניט האָבן.

מסתּמא איז נאָך קיין מענטש, וואָס האָט בפּירוש געפּרוּווט צו טאָן דאָס בעסטע, וואָס זיינע כּוחות האָבן געלאָזט אין אַזעלכע שווערע אומשטאַנדן, ניט געוואָרן קריטיקירט אַזוי קליינלעך, אַזוי בכּיוונדיק און אָנרחמנותדיק, ווי פּרעזידענט ווילסאָן. מען האָט אים איינגעוואָרפֿן, וואָס ער האָט געפֿירט דעם קריג און דערנאָך די שלום-אונטערהאַנדלונגען אין אַ שטרענג-פּאַרטייִשער ריכטונג. מען האָט אים באַשולדיקט, וואָס ער איז געבליבן דער פּרעזידענט וואָס רעפּרעזענטירט די אַמעריקאַנער דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, בעת לויט די אומשטאַנדן האָט ער באַדאַרפֿט ווערן דער פֿאַרטרעטער פֿון די אַלגעמיינע אינטערעסן פֿון דער מענטשהייט. ער האָט ניט געפּרוּווט צו פֿאַרקערפּערן מיט זיך אַזעלכע גרויסע אַמעריקאַנער לידערס ווי דער געוועזענער פּרעזידענט רוזוועלט, דער געוועזענער פּרעזידענט טאַפֿט, און כּדומה. ער האָט ניט אינגאַנצן זיך געשטיצט אויף ד׳ מאָראַלישע און אינטעלעקטועלע כּוחות פֿון די שטאַטן. ער האָט דעם גאַנצן ענין געמאַכט פֿאַר צופֿיל אַ פּערזענלעכן און האָט זיך אַרומגערינגלט מיט פּערזענלעכע אָנהענגערס. און אַ האַרבער פֿעלער איז געווען צו קומען אַליין אויף דער שלום-קאָנפֿערענץ. כּמעט אַלע געניטע קריטיקער האַלטן קענטיק, אַז ער וואָלט באַדאַרפֿט בלייבן אין אַמעריקע, אין דער ראָלע פֿון אַמעריקע, און ריידן אַזוי, ווי עס וואָלט ריידן אַ גאַנץ פֿאָלק. דורך אָט דעם גאַנג האָט ער אין די לעצטע יאָרן פֿון דער מלחמה דערגרייכט צו אַזאַ מעמד אין דער וועלט, וואָס עס איז קיין גלייכן צו אים ניט געווען.

דאָקטאָר דילאָן זאָגט אין זיין ווערק איבער דער שלום-קאָנפֿערענץ: „אַז דער פּרעזידענט איז אָנגעקומען צו די ברעגעס פֿון אייראָפּע, איז אייראָפּע געווען ליים גרייט פֿאַר דעם שעפֿערישן טעפּער. קיין מאָל

פריער זיינען די פעלקער ניט געווען מער גרייט נאכצוגיין א משהן, וואס זאל זיי אריינברענגען אין לאנג צוגעזאגטן לאנד, וואו מלחמות זיינען פארבאטן און בלאקאדעס ניט באקאנט. ווערליך זיי האבן געמיינט, איז ער דאס געווען דער גרויסער פירער. אין פראנקרייך האבן מענטשן זיך געבייגט פאר אים מיט דרך=ארץ און ליבשאפט. ארבעטער=פירערס אין פאריז האבן מיר דערציילט, אז זיי האבן פארגאסן טרערן דערזעענדיק אים, און אז זייערע חברים וואלטן געגאנגען דורך פייער און דורך וואסער, אבי אים צו העלפן פארווירקליכן זיינע אידעאלע פלענער. פאר די ארבעטנדיקע קלאסן אין איטאליע איז זיין נאמען געווען ווי א הימלישער שופר, וואס אויף זיין קלאנג וועט די ערד ווערן באנייט. די דייטשן האבן געקוקט אויף אים אין אויף זיין דאקטרינע ווי אויף זייער לעצטן ראטונעק. דער אומדערשראקענער הער פאן מיהלאן האט געזאגט: „אויב פרעזידענט ווילסאן וואלט זיך געווענדט צו דייטשן און וואלט ארויסגעטראגן אויף זיי א שטרענגן פסק=דין, וואלטן זיי דאס אנגענומען מיט רעזיגנאציע און אן שום טענות און וואלטן ליבער זיך גענומען אים אויספירן". אין דייטש=עסטרייך האט זיין נאמען געקלונגען ווי פון אן אויסלייזער, און דאס פשוטע דערמאנען זיין נאמען האט געבראכט באלזאם פאר די ליידנדיקע און פארטריבן דעם טרויער פון די געשלאגענע"...

דאס זיינען געווען די איבערמאסיקע האפענונגען פון דער אוידיטאריע, וואס פאר איר האט פרעזידענט ווילסאן זיך געגרייט צו באווייזן. ער איז אנגעקומען אין פראנקרייך אויפן בארט פון „דזשארדזש וואשינגטאן" אין דעצעמבער 1918.

ער האט געבראכט מיט זיך זיין ווייב. פאר אן אמעריקאנער האט דאס אויסגעוויזן, בלי=ספק, א פולקום נאטירלעכע זאך. נאך א צאל אמעריקאנער פארשטייער האבן מיטגעבראכט זייערע ווייבער. צום אומגליק, איז דורך אט די דאמען אין דעם ענין פון ברענגען א סדר אין דער וועלט אריינגעפירט געווארן א הויך=געזעלשאפטלעכער, כמעט טוריסטישער כאראקטער. די טראנספארט=מעגלעכקייטן זיינען געווען באגרענעצט, און דער גרעסטער טייל פון זיי זיינען אנגעקומען קיין אייראפע מיטן שיינענדיקן אויסזען פון פריווילעגירטע. זיי זיינען גע=

קומען, אזוי ווי זאלטן געקומען צו א מאלצייט. מען האט זיי געגעבן אנצוהערן, אז זיי באזוכן איצט אייראפע אונטער באזונדערס אינטערעסאנטע אומשטאנדן. אגב אורחא האבן זיי געוואלט ארומקוקן טשעסטער אדער וואַרוויק, אדער ווינדזאר — ווארעם זיי וועלן ניט האבן מער קיין געלעגנהייט צו זען די דאזיקע בארימטע ערטער. וויכטיקע שמועסן האבן געמעגט ווערן איבערגעריסן, בכדי צו באזוכן עפעס אן „אלטן היסטארישן לאנד=שלאס“. עס קאן אויסזיין, אז דאס איז א צו וואכעדיקער ענין, אז מען זאל דאס דארפן פארציי=



פראנצויזישע סאלראטן רייסן זיך דורך דורך דראט=פארצאמונגען אויף אן אטאקע אויף די דייטשע טראנשייעס.

כענען אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, אבער גראד אזעלכע קלייניקייטן האבן ארויסגעצויגן א לופט פון נישטיקייט איבער דער שלום=קאנפערענץ פון 1919. אין א קורצער ווילע ארום האט מען אנטדעקט, אז ווילסאן די האפענונג פון דער מענטשהייט איז אויסגעוועבט געווארן, און אז אלע אילוסטרירטע מאדע=בלעטער האבן געוויזן בילדער פון א צופרידענעם טוריסט מיט זיין ווייב, וואס שטייט זיך מיט א שמייכלענדיקער מינע צווישן א גרופע געקרוינטע קעפ אדער בדומה אזעלכער קאמפאניע פיינע לייט... עס איז אזוי גרינג צו זיין א חכם לאחר המעשה און צו פארשטיין, אז ער האט ניט באדארפט אריבערקומען.

די מענטשן, וואס מיט זיי האט ער געהאט דער עיקר צו טאן, למשל, מ' קלעמאנסא (פראנקרייך), מ"ר ללאיד דזשארדזש און מ"ר באלפור (בריטאניע), באראן סאנינא און סיניאר ארלאנדא (איטאליע), זיינען געווען מענטשן פון גאר אנדערע היסטארישע טראדיציעס. אבער אין איין פרט זיינען זיי געווען ענלעך צו אים און האבן ארויסגערופן זיינע סימפאטיעס. זיי זיינען אויך געווען פארטיי־פאליטיקער, וואס האבן געהאט געפירט זייער לאנד די גאנצע צייט פון דער מלחמה. פונקט ווי ער גופא, האבן זיי ניט פארשטאנען, אז מען מוז אנגעטרויען דעם ענין פון איינשטעלן שלום מענטשן, וואס זיינען מער פון זיי באהאוונט אין די ענינים פון פירן די מענטשלעכע געזעלשאפט.

„אין אינטערנאציאנאלע ענינים זיינען זיי געווען להלוטין אנהייבערס. געאגראפיע, עטנאלאגיע, פסיכאלאגיע און פאליטישע געשיכטע זיינען געווען פאר זיי פארזיגלטע ביכער. פונקט ווי דער רעקטאר פון לוווענער אוניווערסיטעט, וואס האט געזאגט צו אליווער גאלדסמיט, אז היות ווי ער איז געווארן דער ראש פון דער דאזיקער אינסטיטוציע אן צו קענען גריכיש, דעריבער זעט ער ניט איין, פארוואס מען באדארף דאס לערנען דארט, — אזוי זיינען די שעפן פון דער מלוכה, וואס האבן פארנומען דעם העכסטן פלאץ איטלעכער אין זיין לאנד מיט גאר א קנאפער השגה וועגן אינטערנאציאנאלע ענינים, ניט געווען מסוגל צו פארשטיין, ווי וויכטיק עס איז, זיי זאלן מער באקאנט ווערן מיט דער זאך, אדער אז עס איז שוין ניט מעגלעך איצט צו דעריאגן דאס פארזאמטע, וואס מער זיי האבן זיך אריינגעטאן אין דעם ענין" *...

נאר דאס, וואס זיי האט אויסגעפעלט, וואלט מען אין א געוויסער מאס געקאנט פארריכטן דורך ארייננעמען פאר זייערע געהילפן מענטשן, וואס קענען מער פאר זיי. נאר זיי האבן מיט א כיוון אויסגעקליבן מיטלמעסיקייטן. עס איז א סימן פון געניאלע גייסטער, וואס זיי האבן גוטע מיטהעלפער, אבער די באפולמעכטיקטע פון דער קאנפערענץ האבן זיך מיט געניאליטעט ניט אויסגעצייכנט. טייל פון זיי האבן

* דילאן, די שלום־קאנפערענץ.

געהאט ערגעץ וואו פארבארגן זייערע נאענטע פריינד אדער סתם אזוי בעלי-עצות, וואס זיי זיינען געוויינט געווען זיך צוצוהערן צו זייערע עצות, נאר א סך פון די באהעלפערס, וואס האבן זיך באוועגט אונטער דער שיין פון דער וועלט-בינע, זיינען געווען מענטשן אן א תוך און אן א קאפ.

„היות ווי די ראשים פון די הויפט-רעגירונגען האבן פרעטענדירט, אז זיי זיינען דאס די געזעצלעכע וואָרט-פירערס פון דער מענטשלעכער ראסע און זיינען באשאנקען מיט אן אומבאגרענעצטער מאכט, איז כדאי צו באמערקן, אז די פאלקס-ארגאנען פון דער פרעסע האבן דרייסט געלייקנט אין די דאזיקע פרעטענזיעס. כמעט אלע צייטונגען, וואס זיינען געווען געלייענט פון די מאסן, זיינען געווען פון אנהייב אן קעגן דער דיקטאטאָרשאפט פון דער גרופע פרעמיער-מיניסטארן, איינגענומען דערפון איז געווען מ"ר ווילסאן...."

די באגרענעצטקייט פון ארט אין דעם דאזיקן „קאנטור" לאזט אונז ניט דערציילן דא, ווי אזוי די שלום-קאנפערענץ איז איינגעשרומפן געווארן פון א ראט פון צען צו א ראט פון פיר (ווילסאן, קלעמאנסא, ללאיד דזשארדזש און ארלאנדא), און ווי אזוי זי איז געווארן אלץ ווינציקער און ווינציקער ענלעך צו א פרייער און אפענער דיסקוסיע איבער דעם עתיד פון דער מענטשהייט, און אלץ מער און מער ענלעך צו א דיפלאמאטישער קאנספיראציע פון אלטן שניט. גרויס און וואונדערפול זיינען געווען די האפענונגען, וואס האבן צוגעפיגעקליבן קיין פאריז. „די פאריז פון דער קאנפערענץ, זאגט מ"ר דילאן, האט אויפגעהערט צו זיין די הויפטשטאט פון פראנקרייך. זי איז געוואָרן עפעס א גרויסע קאסמאפאליטישע קאראוואנסעריי, וואס אין איר האט געזעשט און געטומלט זיך אן אומגעוויינט פילנעשטאלטיק לעבן, וואו עס האבן זיך ארומגעדרייט טשיקאווע עקזעמפלארן פון ראסעס, שבטים, לשונות פון פיר קאנטינענטן, וואס זיינען געקומען אויסצופאסן און אפצוווארטן דעם סודותדיקן מארגן.

„די גאנצע פאנאראמע האט געקראגן אן אויסזען פון „טויזנט און איין נאכט" ארויס: אומעטום זיינען געווען די אויסטערלישע אורחים פון טאטערלאנד און קורדיסטאן, פון קארעע און אזערביי-

דזשאַן, פון אַרמעניע, פּערסיע און העדזשאַס — מענטשן מיט פּאַטריאַרכאַלישע בערד און געקרימטע נעזער, און נאָך אַנדערע פון אָאַזיס און מדבר, פון סאַמאַרקאַנד און בוכאַרע. טורבאַנען און פעסקעס, היטלען, ווי צוקערהיט און קאַפּ-צודעקן ענלעך צו מיטרעס פון ביסקופן, אַלטע מיליטערישע אוניפאָרמען, באַשטימט פאַר די ניי-געבאָרענע אַרמייען פון די נייע מלוכות ערב דעם אייביקן שלום; שניי-ווייסע בורנוסן, צעפלאַשעטע מאַנטלען און גראַציעזע בגדים, ענלעך צו דער פאַרצייטיקער רוימישער טאָגע, — אַט דער גאַנצער בונטער געמיש האָט מיטגעהאָלפן צו שאַפן אַן אַטמאָספער פון אַ געחלומטער אומווירקלעכקייט אין אַ שטאָט, וואו עס זיינען געשטאַנען קעגן אַנאַנד אין קאַמף די פאַרביטערטסטע ווירקלעכקייטן.

„דערנאָך זיינען געקומען די מענטשן פון רייכטום, פון אינטעלעקט, פון אינדוסטריעלער אונטערנעמונג, און די זאַט-טרעגער פון דער נייער עטישער וועלט-אָרדענונג, מיטגלידער פון עקאָנאָמישע קאָמיטעטן פון די פאַראייניקטע שטאַטן, בריטאַניע, איטאַליע, פוילן, רוסלאַנד, אינדיע און יאַפּאַן, פאַרטרעטער פון דער נאַפט-אינדוסטריע און ווייטע קוילן-גרובן, עולי-רגל, פאַנאַטיקער און שאַרלאַטאַנעס פון אַלע עקן וועלט, כהנים פון אַלע רעליגיעס, פּרעדיקער פון אַלע דאָקטרינעס, וואָס האָבן זיך אויסגעמישט מיט פירשטן, פעלדמאַרשאַלן, מלוכה-מענער, אַנאַרכיסטן, אויפבויערס און צעשטערערס. זיי אַלע האָבן געפייערט מיט גלוסט צו זיין אין דער נאָענט פון יענעם שמעלץ-טיגל, וואָס אין אים דאַרפן ווערן צעשמאָלצן און ווידער אויסגעפורעמט די פּאָליטישע און סאָציאַלע סיסטעמען פון דער וועלט.

„איטלעכן טאָג, בעת מיינע שפּאַצירן, אין מיין צימער, אין די רעסטאָראַנען, פלעג איך באַגעגענען עמיצן פון לענדער און פעלקער, וואָס פריער פלעגט מען אין מערב זעלטן הערן אפילו זייערע נעמען. אַ דעלעגאַציע פון גריכן פון שוואַרצן ים האָבן זיך געווענדט צו מיר און האָבן געדערט מכּוח זייערע אַלטע שטעט טראַפּעזונד, סאַמסון, טריפּאָלי, קעראַסונד, וואו איך האָב געוואוינט מיט אַ סך יאָרן צוריק, און האָבן מיך אינפאָרמירט, אַז זיי וואָלטן אויך געוואָלט ווערן פאַראייניקט אין איין גריכישער רעפּובליק, זאָגן זיי-

נען געקומען אהער פאדערן, מען זאל באפרידיקן זייערע תביעות. די אלבאניער זיינען געווארן פארטראטן דורך מיין אלטן פריינד טורכאן פאשא פון איין זייט, און דורך מיין פריינד עסאד פאשא פון דער צווייטער זייט — דער ערשטער האט פארלאנגט דעם פראטעקטאראט פון איטאליע, דער צווייטער האט געוואלט זיין אינגאנצן אומאפהענגיק. כינעזער, יאפאנער, קארעאנער, אינדער, קירגיזן, לעזגינער, טשערקעסן, מינגרעליער, בוריאטן, מאלאיער, נעגערן און נעגראידן פון אפריקע און אמעריקע זיינען געווען צווישן די שבטים און לשונות, וואס האבן זיך צונויפגעקליבן אין פאריז, כדי אויפצופאסן, ווי אזוי די פאליטישע סיסטעם פון דער וועלט וועט ווערן איבערגעבויט און צו זען, וואו אהין „קומען זיי אריין"...

אט אין דער דאזיקער פאריז, פול מיט די אלע חידושים, פול מיט בענקשאפט נאך א נייער וועלט, איז געקומען פרעזידענט ווילסאן. ער האט געפונען, אז די אנגעקליבענע כוחות אירע זיינען באהערשט דורך א פערזאן, שמאלער פאר אים אליין, אין אלע אופנים מער באגרענעצט און מער געוואלד-טועריש — דאס איז געווען דער פראנצויזישער פרעמיער-מיניסטער, מ' קלעמאנסא. לויטן פארשלאג פון פרעזידענט ווילסאן, איז קלעמאנסא אויסגעקליבן געווארן פארן פארזיצער פון דער קאנפערענץ. „דאס איז געווען, זאגט פרעזידענט ווילסאן, א באזונדער פארגיטיקונג פאר די ליידן און קרבנות פון פראנקרייך". אין אזוי האט, צום אומגליק, געקלונגען דער גרונט-מאטיוו פון דער קאנפערענץ, וואס איר איינציקער איפטו האט באדארפט זיין -- די צוקונפט פון דער מענטשהייט.

זשארזש בענזשאמען קלעמאנסא איז געווען אן אלטער פאליטישער זשורנאליסט, א גרויסער אויפדעקער פון עוולות, א גרויסער אראפזעצער פון רעגירונגען, א דאקטאר, וואס האט געהאלטן א פרייע קליניק, בעת ער איז געווען א ראטמאן פון שטאטראט, א הייסער, געניטער דועליסט. קיינער פון זיינע דועלן האט ניט געהאט קיין שלעכטן סוף, אבער ער איז געגאנגען אויף זיי מיט גרויס מוט. ער איז אריבער פון דער מעדיצין-שול צום רעפובליקאנישן זשורנאליזם אין די טעג פון דער אימפעריע. אין יענער צייט איז ער געווען אן עקסט לינקער. א געוויסע צייט איז ער געווען א לערער אין

אַמעריקע, האָט התונה געהאַט מיט אַן אַמעריקאַנערין און האָט זיך מיט איר שפּעטער געגט. אין דעם געשעענישפולן יאָר 1871 איז ער געווען אַלט 30 יאָר. ער האָט זיך אומגעקערט קיין פראַנקרייך נאָך סעדאַן און האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער שטורמישער פּאָליטיק פון דער צעקלאַפּטער נאַציע מיט גרויס ברען און קראַפט. נאָך דעם איז פראַנקרייך געווען זיין וועלט, די פראַנקרייך פון אַמעכטיקן זשורנאַליזם, פון צעפּלאָקערטע פּערזענלעכע סיכסוכים, אַרויסרופן, קאָנפראָנטאַציעס, סצענעס, דראַמאַטישע עפעקטן און וויצן־זאַגעריי אויף אַלץ אין דער וועלט. ער איז געווען וואָס מען רופט אַ „ווילדע זאַך", ער האָט געקראָגן אַ צונאָמען „דער טיגער", און עס ווייזט אויס, אַז ער האָט מיט דעם צונאָמען זיך געגרייסט. ער איז געווען גיכער אַ פּראָפעסיאָנעלער פּאַטריאָט, איידער אַ מלוכה־מאַן און דענקער. דאָס איז געווען דער מאַן, וואָס די מלחמה האָט אים דערהייבן צו פאַרטרעטן צום סוף דעם פייגעם געמיט און דעם אידעלן גייסט פון פראַנקרייך.

זיין באַגרענעצטקייט האָט געהאַט אַ טיפע ווירקונג אויף דער קאָנפערענץ, וואָס איז נאָך ווייטער געווען באַפאַרבן מיט אַ דראַמאַטישער שטימונג, מחמת צוליב אונטערשרייבן דעם שלום־אָפּמאַך האָט מען זיך צונויפגעקליבן אין יענעם שפּיגל־זאַל אין ווערסאַיל, וואו דייטשלאַנד האָט טריומפירט און פּראָקלאַמירט איר איינהייט. דאָ האָבן איצט די דייטשן געמוזט חתמען.

פאַר מ׳ קלעמאַנסאָ און פאַר פראַנקרייך אין יענער אַטמאָספערע האָט דער קריג אויפגעהערט אויסצוזען ווי אַ וועלט־קריג: פאַר זיי איז ער געווען פשוט דער פועל־יוצא פון יענעם אַמאָליקן קאָנפליקט פון שרעקלעכן יאָר, די מפּלה און די באַשטראָפונג פון דייטשלאַנד. „די וועלט דאַרף פאַרזיכערט ווערן פאַר דעמאָקראַטיע", האָט געזאָגט פּרעזידענט ווילסאָן. דאָס איז פון מ׳ קלעמאַנסאָס שטאַנדפּונקט געווען „ריידן אַזוי ווי יעזוס קריסטוס". די וועלט דאַרף ווערן פאַרזיכערט צוליב פּאַריז. „ריידן אַזוי ווי יעזוס קריסטוס" האָט אויסגעזען אַ לעכערלעכע זאַך אין די אויגן פון אַ סך פון יענע מער גלענצנדיקע, איידער טיפע דיפּלאָמאַטן און פּאָליטיקער, וואָס האָבן געבראַכט דערצו, אַז דאָס יאָר 1919 זאָל זיין דאָס שלימזלדיקסטע אין דער מענטשלעכער געשיכטע.

(נאך א וויץ פון דעם „טיגער” זאל דא ווערן פארנאטירט: „פרעזידענט ווילסאן מיט זיינע פערצן פונקטן איז „ערגער” פארן אלמעכטיקן גאט. Le bon Dieu האט געהאט נאר צען”...)

מ' קלעמאנסא, זאגט קעינס, איז געזעסן מיט סיניאר ארלאנדא אויף די מיטלסטע שטולן פון דעם האלב-קרייז פון פיר שטולן פארן פייער. ער האט געטראגן א שווארצן ראק און גראבע שוועדישע הענטשקעס, וואס ער האט זיי קיין מאל ניט אויסגעטאן



איטאליענישע סאלדאטן, געלערנט מלחמה צו פירן אין די בע״ג, שיסן אראפ פון אויבן אויף א טאל, וואו עס מארשירט עסטרייכיש מיליטער.

בעת די דאזיקע זיצונגען. ער איז געווען, דארף דא ווערן פארצייכנט, דער איינציקער פון די פיר ווידער-אויפבויער פון דער וועלט, וואס האט פארשטאנען און גערעדט סיי פראנצויזיש און סיי ענגליש.

די צילן פון מ' קלעמאנסא זיינען געווען פשוטע און אויף א געוויסן שטייגער צו דערגרייכן. ער האט געוואלט, עס זאל בטל ווערן דער אפמאך פון יאר 1871. ער האט געוואלט באשטראפן דייטשלאנד, אזוי ווי זי וואלט געווען די איינציקע זינדיקע נאציע און פראנקרייך אן אומשולדיקער קרבן. ער האט געוואלט, אז דייטשלאנד

זאל ווערן אזוי צעקאלעטשעט און פארוויסט, אז זי זאל קיין מאל נים זיין ביכולת אויפצושטיין קעגן פראנקרייך. ער האט געוואלט אראפוואַרפן און דערנידעריקן דייטשלאנד מער, ווי פראנקרייך איז געווארן אראפגעווארפן און דערנידעריקט אין יאר 1871. ער האט נים געזארגט דערפאר, אז אייב דייטשלאנד וועט זיין צעבראכן, וועט אייראפע זיין צעבראכן; זיין גייסט איז נים געגאנגען ווייט גענוג אריבער דעם ריין, כדי ער זאל פארשטיין די דאזיקע מעגלעכקיים. ער האט אנגענומען פרעזידענט ווילסאנס פעלקער-ליגע ווי אן אויסגעצייכנטן פארשלאג, אויב דאס וואלט גאראנטירט די זיכערקייט פון פראנקרייך, אלץ איינס וואס פראנקרייך וואלט געטאן. נאר בעסער וואלט ער געוואלט א צוואנג-בונד פון די פאראייניקטע שטאטן און ענגלאנד אונטערצוהאלטן און צו שטארקן פראנקרייך אונטער יעטווידע אומשטאנדן, וואס זיינען פאקטיש מעגלעך. ער האט געוואלט האבן, אז פאריזער פינאנסיעלע גרופעס זאלן קריגן ברייטערע מעגלעכקייטן צו עקספלואטירן סיריע און צפון-אפריקע.

ער האט געוואלט, מען זאל פראנקרייך אומקערן די היזקות, מען זאל פראנקרייך געבן הלוואות, מתנות, צינז, ער האט געוואלט כבוד און רום פאר פראנקרייך. פראנקרייך האט געליטן, מוז פראנקרייך באלוינט ווערן. בעלגיע, רוסלאנד, סערביע, פוילן, ארמעניע, בריטאניע, דייטשלאנד און עסטרייך האבן אויך געליטן, דאס איז אמת, די גאנצע מענטשהייט האט געליטן — אבער וואס ווילט איר? דאס איז נים זיין עסק. יענע זיינען געווען סטאטיסטן אין דער דראמע, וואס פראנקרייך איז אין איר געווען פאר אים דער „סטאר"... און געגנוי דעם זעלביקן גייסט האט סיניאר ארלאנדא קענטיק געזוכט דאס וואוילזיין פון איטאליע.

מ"ר ללאיד דזשארדזש האט אריינגעבראכט אין ראט פון די פיר די דורכגעטריבנקייט פון א ווילסער, די געפלאנטערטקייט פון אן אייראפעער און א דרינגענדיקע נויטווענדיקייט אפצוהיטן דעם נאציאנאליסטישן עגאיזם פון די בריטישע אימפעריאליסטן און קאפיטאליסטן, וואס האט אים געבראכט צוריק צו דער מאכט. אין דער פארבארגעניש פון אט דעם ראט איז געקומען פרעזידענט ווילסאן מיט די איידלסטע צילן פאר זיין ניי-אנטדעקטער אמעריקאנער וועלט-

פאליטיק, מיט זיינע צו האסטיק צונויפגעשטעלטע פערצן פונקטן און מיט א פראיעקט גיכער ווי מיט אן פלאן פון א פעלקער-ליגע.

„עס האט זעלטן געקאנט זיין א מלוכה-מאן פון ערשטן ראנג, וואס זאל זיין אזוי ווינציק געשיקט אין די קונצן פון א בעראטונג, ווי דער פרעזידענט ווילסאן“ (קעינס). פון אט די שעפטשעניישן בסוד און פון די וויכוחים פארן קאמין אין אט דעם ראט, און נאך פארשיידענע אהין און צוריק, וואס מיר קאנען דא ניט באשרייבן, איז ער סוף-כל-סוף ארויס מיט זיינע פערצן פונקטן צעפליקט און צעריסן א גרויל, נאר מיט א קליינעם נפלע פון א פעלקער-ליגע, וואס מען האט ניט געקאנט וויסן, צי זי וועט שטארבן אדער לעבן און וואקסן. נאר אזוי פיל, לכל הפחות, האט ער ארויסגעראטעוועט...

---

### 3. די קאנסטיטוציע פון דער פעלקער-ליגע.

דער דאזיקער האמונקולוס אין א פלעשל, וואס מען האט געהאפט, אז ער וועט ווערן דער מענטש, וואס רעגירט די ערד, די דאזיקע פעלקער-ליגע, ווי ווייט זי איז פארקערפערט אין דעם אביייד פון 28טן אפריל 1919, איז גאר ניט קיין ליגע פון פעלקער; ווי די וועלט איז געוואר געווארן, איז זי א ליגע פון „מלוכות, דאמיניעס, אדער קאלאניעס“. אפגערעדט איז געווען, אז די דאזיקע מיטגלידער פון דער ליגע דארפן זיין „פולקום זיך אליין רעגירנדיקע“, נאר עס איז ניטא קיין דעפיניציע פון דער פראזע: וואס איז טייטש „זיך אליין רעגירנדיקע“, עס איז ניטא קיין פארבאט פאר לענדער מיט א באגרענעצטן וואל-רעכט, און עס איז ניט פאראויסגעזען קיין קאנטראל פון א פאלק פון וואסער עס איז שטאט. אינדיע פיגורירט ווי א מיטגליד — משמעות, ווי א „פולקום זיך אליין רעגירנדיקע מלוכה“. אן אויטאקראטיע וואלט בלי ספק געקאנט ווערן צוגעלאזט ווי א „פולקום זיך אליין רעגירנדיקע“ דעמאקראטיע מיט א שטים-רעכט, וואס איז באגרענעצט אויף איין פערזאן. די ליגע לויט דעם אפרייד פון 1919 איז פאקטיש געווען א ליגע פון „פארטרעטער“ פון די אויסערן-מיניסטעריומס, און זי האט אפילו ניט אפגעשאפט דעם אומזין פון אמבאסאדעס אין איטלעכער הויפטשטאט.

די בריטישע אימפעריע פיגורירט איין מאל ווי א גאנצע, און דערנאך קומען אינדיע(!) און די פיר דאמיניעס קאנאדע, אווסטראליע, דרום-אפריקע און ניי-זעלאנד, ווי באזונדערע סוווערענע מלוכות. שפעטער האט אויך אירלאנד געקראגן א באזונדער ארט. דער פארטרעטער פון אינדיע איז, פארשטייט זיך, פשוט באשטימט פון דער בריטישער רעגירונג; די פארטרעטער פון די דאמינעס זיינען פאליטיקער פון קאלאניאל-מיניסטעריום. נאר אויב די בריטישע אימפעריע איז אזוי צעטיילט, האט אנשטאט דעם פארטרעטער פון דער אימפעריע באדארפט קומען א פארטרעטער פון גרויס-בריטאניע, און עגיפטן האט באדארפט קריגן א רעפרעזענטאנץ. חוץ דעם, זיינען דער שטאט ניו-יארק צו ווירדזשיניע היסטאריש און געזעצלעך פונקט אזעלכע סוווערענע מלוכות, ווי ניי-זעלאנד אדער קאנאדע. דאס וואס אינדיע איז געווארן איינגעשלאסן האט דערוועקט לאגישע פרעטענזיעס פאר פראנצויזיש אפריקע און פראנצויזיש אזיע. איין פראנצויזישער פארשטייער האט פארגעליינט צו געבן א באזונדער שטים דעם קליינעם פירשטנטום מאנאקא.

אויף דער פלענארער פארזאמלונג פון דער פעלקער-ליגע האט איטלעכע מלוכה-מיטגליד באדארף זיין רעפרעזענטירט און האבן א גלייכע שטים, אבער די אקטיווע פירונג פון דער ליגע איז ארויפגעליינט געווארן אויף א ראט, וואס באשטייט פון די פארטרעטער פון די פאראייניקטע שטאטן, בריטאניע, פראנקרייך, איטאליע און יאפאן און נאך פיר מיטגלידער, וואס דער פלענום דארף אויסקלייבן. דער ראט באדארף זיך צונויפקומען איין מאל אין יאר; דער פלענום דארף זיך צונויפקלייבן אין „איינגעשטעלטע ציטן", וואס זיינען ניט געווארן איינגעשטעלט.

חוץ געוויסע באזונדערס אויסגערעכנטע פאלן, קאן דער פעלקער-בונד אננעמען נאר איינשטימיקע החלטות. ווען עס איז פאראן אין ראט איינער, וואס איז ניט מסכים, ווערט דער פארשלאג ניט אנגענומען — אזוי ווי דאס איז געווען מיטן אלטן פוילישן „ליבערום וועטא". דאס איז געווען זייער א שלעכטע באשטימונג. מחמת דעם האבן א סך געהאלטן, אז איידער אזא פעלקער-בונד, איז גלייכער גארניט. דערמיט איז דאך אנערקענט געווארן די אומבאגרענעצטע

סוּווערעניטעט פון די איינציקע מלוכות און אפגעשטויסן די אידעע פון א פאראייניקטער רעפובליק פון דער מענטשהייט. די דאזיקע באשטימונג האט פאקטיש פארשטעלט דעם וועג צו אלע אויסבעסערונגען פון דער קאנסטיטוציע פון דער ליגע להבא, חוץ דעם אומגעלומפערטן פאל, ווען דאס רוב פון די מלוכות־מיטגלידער, וואס ווילן א שינוי, זאלן ארויסטרעטן, כדי צו בילדן די ליגע אויף נייע יסודות. דער אפרייד האט ניט אנדערש געמוזט ברענגען סוף־כל־סוף צו אזא ליקווידירונג פון דער ליגע, און דאס איז אפשר די בעסטע זאך, וואס ער האט געקאנט אויפטאן.

פון דער ליגע האבן באדארפט ווערן לכתחילה אויסגעשלאסן די ווייטערדיקע מלוכות: דייטשלאנד, עסטרייך, רוסלאנד און די רעשטן פון דער טערקישער אימפעריע. נאר מיטן הסכם פון צוויי דריטל פון דער פארזאמלונג האבן זיי געקאנט שפעטער ווערן אריינגענומען. די לכתחילהדיקע מיטגלידשאפט, ווי זי איז אויסגערעכנט אין דעם פראיעקטירטן אפרייד, האט ארומגענומען: די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע, בעלגיע, באליוויע, בראזיל, די בריטישע אימפעריע (קאנאדע, אווסטראליע, דרום־אפריקע, ניי־זעלאנד און אינדיע), כינע, קובא, עקוואדאר, פראנקרייך, גריכנלאנד, גוואטעמאלא, האיטי, העדזשאס, האנדוראס, איטאליע, יאפאן, ליבעריע, ניקאראגוא; פאנאמע, פערו, פוילן, פארטוגאל, רומעניע, די סערביש־קראאטיש־סלאווענישע מלוכה, סיאם, טשעכאסלאוואקיע און אורוגוואי. צו זיי באדארפן ווערן צוגעגעבן דורך פארבעטונג די ווייטערדיקע מלוכות, וואס זיינען געווען נייטראל אין דער מלחמה: די ארגענטינער רעפובליק, טשילי, קאלאמביע, דענעמארק, האלאנד, נארוועגיע, פאראגוואי, פערסיע, סאלוואדאר, שפאניע, שוועדן, שווייץ און ווענעצועלא.

דאס איז די קאנסטיטוציע פון דער ליגע, אין עס איז דעריבער קוים א וואונדער, וואס איר מאכט איז שטארק באגרענעצט. מען האט איר געגעבן א זיץ־ארט אין זשענעווע און א סעקרעטאריאט. זי האט אפילו קיין מאכט ניט אויסצופארשן די מיליטערישע צוגרייטונגען פון די מלוכות־מיטגלידער, און ניט איינצושטעלן א מיליטער־און פלאט־שטאב, אויסצואורבעטן א פלאן פון דער באוואפנטער צוזאמענ־

אַרבּעט, וואָס איז נייטיק, בּכדי איינצוהאַלטן דעם שלום אין דער וועלט.

דער פראַנצויזישער פאַרטרעטער אין דער קאָמיסיע פאַר דער פעלקער-ליגע, מ׳ לעאָן בּורזשוא, האָט כּסדר מיט קלאָרע לאָגישע ראיות דערוויזן, ווי ווייט אַזאַ מיליטער-מאַכט איז נייטיק. ווי אַ רעדנער איז ער געווען צו בּרייטלעך, און עס האָט אים געפעלט קלעמאַנסאָס „געווירץ“. די לעצטע סצענע פון דער פּלענאַר-זיצונג דעם 28טן אַפּריל, איידער עס איז אָנגענומען געוואָרן דער אַפּרייד, איז בּקיצור בּאַשריבּן געוואָרן דורך מ״ר ווילסאָן הערים: דער אָנגעפּאַקטער בּאַנקעט-זאַל אין פראַנצויזישן אויסערן-מיניסטעריום אויפן קעי ד׳אָרסעי, מיט די טישן פאַר די דעלעגאַטן, אויסגעשטעלט ווי אַן E, מיט די סעקרעטאַרן און בּאַאַמטע אַרומגעשטעלט פּאַזע די ווענט, און אַ היפּשער מאַסע זשורנאַליסטן אין אונטערשטן עק זאַל. „אויבּנאָן האָבּן די „דריי גדולים“ זיך שטילערהייט געחכמהט צווישן זיך אויף דעם חשבּון פון בּכבודיקן מ׳ בּורזשוא, וואָס האָט, מיט דער הילף פון אַ לחלוטין איבּעריקן פּאַק נאָטיצן, צום פינפטן מאָל איבּערגעחזרט זיין רעדע אונטערצוהאַלטן זיינע בּאַרימטע אויסבּעסערונגען“.

זיי האָבּן זיך אַזוי אַפּט „געחכמהט שטילערהייט צווישן זיך“, אַט די דריי מענטשן, וואָס נאָך האָט זיי צום תּוזק איבּערגעענטפערט די גוואַלדיקסטע געלעגנהייט אין דער געשיכטע. קיינם גיט נאָך בּיישפּילן פון לייכטזיניקייט, וואָלגאַרקייט, פאַרזעענס, ניט-אויפמערקזאַמקייט און אומפעיקייט אויף די דאָזיקע זיצונגען.

אַט דעם נעבּעכדיקן אַפּרייד, וואָס איז אויך אַזאַ אויפן צונויפגעמייסטערט געוואָרן, האָט פּרעזידענט ווילסאָן מיטגעבּראַכט קיין אַמעריקע. ער איז בּאַגעגנט געוואָרן מיט פיל אָפּאָזיציע און קריטיק, וואָס האָט, אַגבֿ, בּאַוויזן, ווי לפי-ערך אומפּאַרדאָרבּן עס איז די גייסטיקע ענערגיע פון די פאַראייניקטע שטאַטן. דער סענאַט האָט ניט געוואָלט ראַטיפיצירן דעם אַפּרייד, און די ערשטע סעסיע פון פעלקער-בּונד-ראַט איז דעריבּער אָפּגעהאַלטן געוואָרן אָן אַמעריקאַנער פאַרטרעטער.

צום סוף 1919 און אָנהייב 1920 איז פאַרגעקומען אַ טשיקאַווע אומענדערונג אין דער שטימונג פון אַמעריקע נאָך דער פייערדיקער באַגייסטערונג פאַר פראַנקרייך און ענגלאַנד אין דער צייט פון קריג. די שלום-אונטערהאַנדלונגען האָבן ווידער געוויזן די אַמעריקאַנער, אמת אויף ניט קיין קלאָרן און אָן איבערייצנדיקן וועג, ווי טיף פאַרשיידן עס איז דער אַמעריקאַנער קוק אויף אינטערנאַציאָנאַלע ענינים פון דעם אייראָפּעיִשן קוק, וואָס בעת דער מלחמה האָט מען דאָס געהאַט פאַרגעסן. די אַמעריקאַנער האָבן געשפּירט, אַז זיי זיינען „אַריינגעשטופּט געוואָרן" אין אַ סך זאַכן אָן דעם געהעריקן ישוב-הדעת. זיי האָבן געשפּירט, אַז עס ציט זיי ווידער צו דער פּאָליטיק פון זיך אָפּזונדערן, וואָס זיי האָבן געהאַט איבערגעריסן אין יאָר 1917. צום סוף 1919 האָט זיך באַוויזן אַ פּאַוזע פון ליידנשאַפטלעכן און אַפילו איבערגעוואַלדיקן „אַמעריקאַניזם", וואָס פאַר אים זיינען געווען גלייך פאַרמיאוסט סיי דער אייראָפּעיִשער אימפּעריאַליזם און סיי דער אייראָפּעיִשער סאָציאַליזם. עס איז אפשר געווען אַ שמוציקער עלעמענט אין דער נטיה פון די אַמעריקאַנער „איבערצושניידן" די מאָראַלישע התחייבות, וואָס די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן גענומען אויף זיך בנוגע צו די ענינים פון דער אַלטער וועלט און צו רעאַליזירן די געוואַלדיקע פינאַנסיעלע און פּאָליטישע געווינסן, וואָס די מלחמה האָט געגעבן דער נייער וועלט. נאָר דער אינסטינקט פון די ברייטע אַמעריקאַנער מאַסן איז, ווייזט אויס, געווען געזונט דערין, וואָס זיי האָבן ניט געטרויט דעם פאַרגעלייגטן אָפּרייד.

---

## 4. די שלום-אָפּמאַכן פון 1919—1920.

די באַשטימונגען פון ווערסאַיל זיינען פאַרקערפּערט געוואָרן אין אַ גרופּע אָפּמאַכן. ביי דייטשלאַנד האָט מען צוגענומען גרויסע שטיקער טעריטאָריעס אין מערב לטובת פראַנקרייך און בעלגיע, אין מזרח לטובת פּוילן; אין טייל טעריטאָריעס האָט געדאַרפט ווערן דורכגעפירט אַ פּלעביסציט. חוץ דעם האָט דייטשלאַנד באַדאַרפט ווערן אַנטוואָפנט אין אַ ברייטער מאָס, זי האָט געמוזט אָפּגעבן איר

פלאַט, באַצאָלן אַ גרויסע קריגס־קאָנטריבוציע און גרויסע סומעס פאַר דעקן די היזקות פון דער מלחמה. עס איז באַשטימט געוואָרן אַן אַליִרטע קאָמיסיע, וואָס האָט באַדאַרפט האָבן די השגחה איבער איר אַנטוואָפענונג. דער פלאָט האָט באַדאַרפט איבערגעענטפערט ווערן די ענגלענדער דעם 21 יוני 1919, נאָר די אָפיצירן און די מאַנשאַפט האָבן דאָס ניט געקאָנט אַריבערטראָגן, און אַנשטאָט דעם האָבן זיי דורכגעלעכערט זייערע שיפן און האָבן זיי אַראָפּגעלאָזט אויפן גרונט פאַר די ענגלענדער אין די אויגן.

די עסטרייך־אונגאַרישע אימפעריע איז אינגאַנצן צעריסן געוואָרן. עס איז איבערגעלאָזט געוואָרן אַ קליינע עסטרייך, מיטן תנאי אַז זי וועט זיך ניט פאַראייניקן מיט דייטשלאַנד; אַן אַרומגעשניטענע אונגאַרן. רומעניע האָט זיך אויסגעשפּרייט ווייט אַריבער אירע געזעצלעכע גרענעצן קיין טראַנסילוואַניע. פוילן האָט נעקראָגן דעם גרעסטן טייל גאַליציע. בעמען, מיט סלאָוואַקישע און מערישע צוּוואַקסן, איז אויפגעשטאַנען ווי טשעכאָסלאָוואַקיע. די סערבן, קראָאַטן און מאָנטאָנעגרער (די לעצטע האָבן שוואַך פּראָטעסטירט) זיינען געוואָרן אַ נייע יוגאָ־סלאַווישע מלוכה, און זיינען באַלד אַריין אין אַ שטאַרקן קאָנפליקט מיט איטאַליע פון וועגן דער האַפן־שטאָט פיומע, וואָס די איטאַליענער האָבן אויף איר פּרעטענדירט גאָר אָן רעכט.

בולגאַריע איז געבליבן, אָבער זי האָט געמוזט אָפּגעבן גריכנלאַנד די ניי־געוואונענע טעריטאָריע אין טראַקיע. גריכנלאַנד, הגם זי האָט געפּעלשט אין דער גאַליפּאָלער עקספּעדיציע, דאָך איז זי געווען אַ שטיקל צייט דער ליבלינג פון די דיפּלאָמאַטן אין ווערסאַיל. מען האָט איר געגעבן טעריטאָריע אָפּגענומען ביי בולגאַריע, מען האָט איר דערלויבט צוצוטרעטן האַרט ביז קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און אויף איר חלק איז אויסגעפאַלן אַ שטיק לאַנד אַרום סמירנע. מען האָט איר אָבער ניט אָפּגעגעבן צוהיק ראָדאָס און די אַנדערע אינזלען פון דער יאָנישער גרופּע, הגם די באַפעלקערונג דאָרט איז אַ ריין גריכישע. דאָס איז געווען אַ טייל פון דעם איטאַליענישן רויב; די ענגלענדער האָבן צוגענומען קיפּרוס.

דעם אָפּמאַך מיט טערקײ איז געװען שװער צו מאַכן און אוממעגליך אױפֿצוצװינגען מיט גװאַלד. אַ נאָמינעלע טערקישע רעגירונג אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט דעם אָפּמאַך געחתמעט, אָבער אַ צװײטע פֿאַקטישע רעגירונג האָט זיך אײנגעפֿעסטיקט אין אַנגאָרע און האָט ניט געװאָלט אונטערחתמענען דעם אָפּמאַך. אַ גריכישע אַרמײ איז אַרײַנגעדרונגען אין דער געגנט פֿון סמירנע, און אױפֿן אָרט פֿון ערשטן טערקישן אָפּמאַך איז געקומען אַ צװײטער, דער אָפּמאַך פֿון סעװר (אױגוסט 1920). נאָך דעם זײַנען פֿאָרגעקומען קאָמפּליצירטע שינױים אין דעם קאָנטראָל. אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז אַװעקגעזעצט געװאָרן אַ קאָנטראָל־קאָמיסיע פֿון די פֿאַרבינדעטע (יאַנואַר 1921), און די קאָנסטאַנטינאָפּאָלער טערקישע רעגירונג איז ניט געװאָרן. די טערקישע רעגירונג פֿון אַנגאָרע האָט זיך פֿאַרבונדן מיט די באָלשעװיקעס אין מאָסקװע. די גריכן זײַנען געװאָרן אַלץ מער און מער אַגרעסיװ, נאָכדעם װי בשתיקה האָט מען זײ מיט כּלערלײ צוזאָגן אױפֿגעמונטערט. די פֿאַרבאָרגענע געשיכטע פֿון דער גריכישער אינטריגע איז נאָך ניט פֿונאַנדערגעפּלאָנטערט; עס איז מסתּמא אַ פֿינסטערע געשיכטע. די גריכן האָבן אין יענעם פּעריאָד פֿון אױפֿגעבלאָזענער אַמביציע געפּרוּװט צו פֿאַרכאַפּן קאָנסטאַנטינאָפּאָל. זײ האָבן אָנגעהױבן אַ גרױסע אָפֿענסיװע קעגן אַנגאָרע, בכדי צו מאַכן אײן מאָל פֿאַר אַלע מאָל אַ סוף צו די טערקן. זײ האָבן זיך דערקלײַבן ניט װײַט פֿון אַנגאָרע, נאָר דאָ האָט זיך דאָס פֿאַרהאַקט, און זײ האָבן געליטן אַ מפּלה. זינט אױגוסט 1922 האָבן די גריכן געהאַלטן אין אײן לױפֿן פֿאַר די טערקן. די איבערגעשראָקענע באַפֿעלקערונג פֿון די אַזיאַטישע גריכן איז געלאָפֿן צוזאַמען מיט די אַרמײען. קײן רעשט איז ניט געבליבן אין אַזיע. סמירנע איז געװאָרן עװאַקוירט סוף סעפּטעמבער, און כּמעט אַ מיליאָן גריכישע פּליטים האָבן פֿאַרלאָזן אַזיע, אױף קײן מאָל ניט צו קומען צוריק.

דער לעבעדיקער כּוח פֿון דעם טערק אין יענעם פּעריאָד איז געװען מערקװערדיק. ער האָט לאָ די װאָס אַרױסגעטריבן צוריק די אָנפֿאַלנדיקע גריכן, נאָר ער האָט אױך געקײלעט אַרמעניער, לױט

אַן אַלטער טראַדיציע, ער האָט אַרויסגעטריבן די פראַנצויזן פון קיליקיע. צווישן אַנדערע זאַכן, וואָס די טערקן האָבן איבערגענומען ביי די מאָדערנע פעלקער, איז געווען דאָס, וואָס זיי זיינען פטור געוואָרן פון דעם סולטאַן און האָבן אָנגענומען אַ רעפּובליקאַנישע רעגירונגס־פאָרם. זיי האָבן געקעמפט אין דער געגנט פון די דורכגוסן און האָבן צוריק איינגענומען קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

עס איז געווען באַשיימפערלעך, אַז די טערקן איז צוגעקומען כּוח, און ניט זיי זיינען געוואָרן שוואַכער פון דעם, וואָס זיי האָבן זיך אינגאַנצן אָפּגעטיילט פון די אַראַבער, וואָס זיי האָבן מיט זיי געהאַט אייביקע סכסוכים. סיריע, מעסאָפּאָטאַמיע זיינען אָפּגעריסן געוואָרן פון טערקיי. פּאַלעסטינע איז געוואָרן געמאַכט אַ באַזונדער מלוכה אין דער בריטישער ווירקונגס־ספערע, אָנגעמערקט ווי אַ נאַציאָנאַלע היים פאַר די ייִדן. אַ שטראָם אָרעמע ייִדישע איינוואַנדערער האָבן זיך אַריינגעגאָסן אין צוגעזאָגטן לאַנד און זיינען באַלד פאַרטשעפּעט געוואָרן אין ערנסטע קאָנפליקטן מיט דער אַראַבישער באַפעלקערונג.

די אַראַבער האָבן זיך געהאַט פאַרפעסטיקט קעגן די טערקן און זיינען געוואָרן באַגייסטערט פון דער פאַרשטעלונג פון זייער נאַציאָנאַלער איינהייט אונטער דער השפּעה פון אַ יונגן אָקספאָרדער געלערנטן, קאָלאָנעל לאָורענס. נאָר זיין חלום וועגן אַראַבישן קיניגרייך מיט דער הויפּטשטאָט אין דמשק איז באַלד צעטרייסלט געוואָרן אַדאַנק דער זשעדנעקייט פון די פראַנצויזן און ענגלענדער נאָך מאַנדאַט־טעריטאָריעס. סוף־כּל־סוף איז דאָס אַראַבישע קיניגרייך איינגעשרומפּן געוואָרן צו דעם מדבר־קיניגרייך העדזשאַס און פאַרשיידענע אַנדערע קלענערע אימאַמאַטן, עמיראַטן און סולטאַנאַטן. אויב זיי וועלן זיך ווען עס איז פאַראייניקן און זיך דורכשלאָגן צו ציוויליזאַציע, וועט דאָס ניט זיין אונטער דעם שוץ פון מערב.

ווען מיר נעמען אין אַכט, ווי די איינשטעלונגען, וואָס די דיפּלאָמאַטן האָבן געמאַכט, האָבן קיין שום קראַפט ניט, קריגן מיר דעם איינדרוק, אַז זייער דיפּלאָמאַטיע איז שוואַך, און מיר זעען אויך, אַז עס זיינען פאַראַן אייביקע כּוחות, וואָס מאַכן צו נישט אַלע זייערע קונצן און באַשטימונגען. נאָך מער, מיר באַקומען דעם איינדרוק,

אַז מיט דעם נייעם אינטערנאַציאָנאַלן אידעאַליזם, וואָס עס האָט געוואָלט אַריינברענגען אין די אייראָפּעיִשע באַציִונגען דער פּרע-זידענט ווילסאָן, קאָן מען אויך ווייט ניט אַוועק. דורך די שלום-אָפּמאַכן זיינען פּערצן פּונקטן געבליבן שטיין ווי אַ דריי צע-שטערטע און צעבראָכענע הייזער אין אַ דאָרף, וואָס איז געוואָרן באָמ-באַרדירט. טייל זיינען אינגאַנצן פאַרשוואונדן; אַנדערע זיינען אַזוי צעבראָכן, אַז מען קאָן זיי ניט דערקענען. דער ערשטער פּרווו צו שאַפן אַ געזעץ פאַר דער וועלט איז פאַרבייגעגאַנגען ווי אַן אויס-בראַך פון געלעכטער אין אַ שענק.

די גרעסטע מניעה צווישן אַלע מניעות, וואָס זיינען פעסטגעשטעלט געוואָרן, פאַרוואָס עס איז צונישט געוואָרן אויף אַ צייט דער גרויסער פּראָיעקט פון דער וועלט-איינהייט, דער פאַרלאַנג פון גאָר דער וועלט נאָך אַן אָרגאַניזירטן שלום, איז געווען די בריטישע אימפּעריע. אָט די דאָזיקע ליגע פון פעלקער, פון אונטערטעניקע מלוכות און עקספּלואַטירטע שטרעקעס איז לחלוטין ניט געווען צוגעגרייט און האָט בשום אופן ניט געוואָלט צעטיילן איר סיסטעם אָדער צופּאַסן זי צו די נייע תנאים אָדער דערלאָזן אַ קאָנטראָל איבער איר פלאַט-און-לופט-באַוואָפענונג. אַ צווייטע סיבה איז געווען דאָס, וואָס אויך דער אַמעריקאַנער איז ניט געווען צוגעגרייט דערצו, אַז ווער עס איז זאָל זיך אַריינמישן אין דער איבערהערשאַפט פון אַמעריקע אין דער נייער וועלט.

קיין איינע פון די גרויסע מלוכות, וואָס זיינען בהכרח געווען די הערשנדיקע און פירנדיקע כוחות אין פּאַריז, האָט בעצם ניט געטראַכט וועגן די שוועריקייטן פון פעלקער-בונד אין שייכות צו יענע עלטערע פאַראייניקונגען. מחמת דעם האָט דעם גרעסטן טייל פון די אייראָפּעיִשע אַקטגעבערס אויסגעוויזן, אַז דאָס, וואָס זיי האַלטן אונטער דעם פּראָיעקט, איז ניט מער ווי צביעות. עס האָט אויסגעזען, אַזוי ווי זיי וואָלטן וועלן אויפהאַלטן און פאַרזיכערן זייער אייגענע גרויסע ממשלה און זייער אייגענע זיכערקייט, און אין דער זעלביקער צייט האָבן זיי געוואָלט באַגרענעצן און פאַרהיטן, אַז קיין אַנדער מלוכה זאָל דורך אויסברייטערונג, אַנעקסיעס און בונדן ניט שאַפן אַן אימפּעריאַליזם, וואָס זאָל קאָנען קאָנקורירן אין באַשטיין

אנטקעגן זיי. ווייל זיי האבן ניט געקאנט ווייזן קיין ביישפיל פון אינטערנאציאנאלן צוטרוי, דעריבער האט ניט געקאנט אויפקומען קיין אינטערנאציאנאלער צוטרוי ביי די פעלקער, וואס זיינען געווען פארגעשטעלט אין פאריז.

נאך מער צרות האט אנגעטאן דער אפזאג פון די אמעריקאנער צו אנערקענען די גלייכהייט פון די ראסן, וואס די יאפאנער האבן געפאדערט.

חוץ דעם, זיינען די אויסערן־מיניסטעריומס פון די ענגלענדער, פראנצויזן און איטאליענער געווען באהערשט פון טראדיציאנעלע אגרעסיווע פלענער, וואס האבן לחלוטין זיך ניט אריינגעפאסט צווישן די אידעעס פון דער נייער צייט. דער פראנצויזישער קוק און דער איטאליענישער קוק איז געווען שטארק אפגעשטאנען אפילו לגבי די ענגלענדער און אמעריקאנער אין פרט פון שטארקייט פון נאציאנאלן עגאיזם. א פעלקער־בונד, וואס זאל האבן עפעס א ממשות־דיקן ווערט פאר דער מענטשהייט, מוז גובר זיין די אימפעריאליזמען; ער איז אדער אן אייבער־אימפעריאליזם, א פרייהייטלעכע וועלט־אימפעריע פון פאראייניקטע מלוכות, גלייכבארעכטיקע אדער אזעלכע, וואס שטייען נאך אונטער אפוטרופסות, — אדער ער איז גארנישט. נאר ווינציק מענטשן פון דער פאריזער קאנפערענץ האבן געהאט דעם גייסטיקן כוח אפילו נאר צו קאנסטאטירן, אז דער פארשלאג וועגן דער פעלקער־ליגע מוז ציען נאך זיך די דערמאנטע פועל־יוצאס.

זיי האבן געוואלט זיין אין דער זעלביקער צייט אי געבונדן אי פריי. זיי האבן געוואלט פארזיכערן שלום אויף אייביק, אבער גלייכצייטיק האלטן זייער געווער אין האנט. מחמת דעם זיינען די אלע פראיעקטן פון אנעקסיעס, וואס שטאמען פון דעם גרויס־מלוכה־פעריאד, אויף דער גיך געווארן איבערגעמאכט ווי אקטן פון אט דעם נפלע פון 28טן אפריל. מען האט געמאכט דעם אנשטעל, אזוי ווי די אקערשט געבארענע ליגע, וואס קוים וואס דאס לעבן האלט זיך אין איר, פארטיילט מיט דער גרינגער האנט פון א געפאנגענעם פויפס „מאנדאטן" די אלטע אימפעריאליזמען, וואס אויב זי וואלט טאקע געווען יענער יונגער הערקולעס, וואס מיר האבן נאך אים

געגארט, וואלט זי זיי געוויס געהאט דערווארגן ביי זיך אין וויג. בריטאניע האט באדארפט קריגן גרויסע „מאנדאטן“ אין מעסאפאטאמיע און מזרח=אפריקע; פראנקרייך דאס געמלעכע אין סיריע; איטאליע האט געזאלט האלטן אלצדינג, וואס זי האט פארנומען אין מערב און אין דרומית=מזרחית פון עגיפטן, פעסט ווי א מאנדאט=טעריטאריע.

עס איז קלאר, אז וויבאלד די שוואכע באשעפעניש, וואס איר סעקרעטאר האט זי געהארעוועט אין איר וויג אין זשענעווע, אזוי אז זי זאל האבן א שטיקל פנים פון לעבן, איז באלד ארייגעפאלן אין דער קינדער=שוואכקייט פון אלע אינסטיטוציעס, וואס זיינען געבארן אן לייזנשאפט, זיינען אלע די דאזיקע „מאנדאטן“ געווארן פשוט אנעקסיעס. חוץ דעם, האבן אלע מלוכות מיט די ציין און מיט די נעגל געשלאגן זיך פאר „סטראטעגישע“ גרענעצן — דאס איז שוין דער ערנסטער סימפטאם. צוליב וואס באדארף א מלוכה האבן א סטראטעגישן גרענעץ, אויב זי האט ניט אין זינען מלחמה? אויף דעם סמך, למשל, איז איטאליע באשטאנען אויף אן אונטערטעניקער דייטשער באפעלקערונג אין דרום=טיראל און אן אונטערטעניקער דרום=סלאווישער באפעלקערונג אין דאלמאציע.

א סך ערגער ווי אט די שלעכטע איינטיילונג פון די טעריטאריעס איז געווען די צאלונג פון „רעפאראציעס“, וואס איז ארויפגעלייגט געווארן אויף דייטשלאנד איבער אירע כוחות און קעגן דעם בפירושן אפמאך, וואס לויט אים האט זי זיך אונטערגעגעבן. אט די „רעפאראציעס“ זיינען געווען א בכיה לדורות. דייטשלאנד איז געשטעלט געווארן אין א מצב פון עקאנאמישער שקלאפעריי. מען האט ארויפגעלייגט אויף איר צו צאלן פעריאדיש גוואלדיקע סומעס. מען האט זי אנטוואפנט, און מחמת זי האט געמוזט בלייבן הינטערשטעליק אין אירע צאלונגען, איז זי פאקטיש געווען אפן פאר אנפאלן מצד איטלעכן פון אירע קרעדיטארן. וואס אט די באשטימונגען באטייטן, איז געווארן קלאר ערשט אין עטלעכע יאר ארום. דייטשלאנד האט ניט געקאנט צאלן, און אין יאנואר 1923 האט פראנקרייך ארייגעמארשירט אין רור=טאל און איז דארט געבליבן ביז אויגוסט 1925: זי האט געארבעט אין די קוילן=גרובן, ווי ווייט זי האט געקאנט, עקספלואטירט די אייזנבאן און האט גערייצט די וואונדן פון די דייטשן

דארפעטער

מיט הונדערטערליי קלײנלעכע אונטערדריקונגען און געוואלד-מעשים.

מיר ווילן דא ניט ארײנלאזן זיך אין פרטים צו שילדערן די ווײטערדיקע פועל-יוצאס פון דער איבעראײלטקייט און פון דער אײנגעגלויבטקייט אין ווערסאיל — ווי אזוי פרעזידענט ווילסאן האט נאכגעגעבן די יאפאנער און האט מסכים געווען, זיי זאלן פארנעמען דעם ארט פון די דײטשן אין קיאא-טשאו, וואס איז גראד כינעזיש אײגנטום; ווי אזוי די ריין-דײטשע שטאט דאנציג איז פאקטיש, אויב ניט פארמעל, געווארן אנעקטירט פון פוילן און ווי אזוי די גרויס-מלוכות האבן זיך מתווכח געווען איבער דער תביעה פון די איטאליענישע אימפעריאליסטן צו פארכאפן די יוגאסלאווישע האפן-שטאט פיומע און אפצונעמען בײ די יוגא-סלאוון א גוטן ארויסגאנג צום אדריאטישן ים. אונטערן אנפיר פון רעטארישן שרײבער ד'אנונציא האבן איטאליענישע פרײוויליקע פארנומען די דאזיקע שטאט און געהאלטן דארט א מורדישע רעפובליק, ביז זי איז אין יאנואר 1921 סוף-כל-סוף אנעקטירט געווארן צו איטאליע.

ווײטער ווילן מיר מער ניט ווי פארצײכענען די געדײטע און געפלאנטערטע באשטימונגען, וואס לויט זיי האט מען אפגעגעבן פראנקרײך דעם סאאר-באסײן, וואס איז א דײטשע טעריטאריע, אדער דעם אומגערעכטן פארבאט — קעגן דעם רעכט פון דער „אלײנבאשטימונג“ — פאר עסטרײך זיך צו פאראײניקן מיט דײטשלאנד, ווי דאס איז געווען נאטירלעך און ווי עס האט זיך געשיקט.

קײנער האט זיך ניט אפגעגעבן קײן דין-וחשבון, וואסערע גוואלדיקע עקאנאמישע היזקות האט געמוזט אנמאכן אט די פארמערונג פון די גרענעצן און דער פולקומער איבערבײט פון די גרענעצן פון צענטראל-אײראפע. ווי מ"ר פראנק וואנדערליפ האט געשריבן*: „די אנווענדונג פון דעם פרינציפ פון אלײנבאשטימונג, ווי ער איז דורכגעפירט אין די דאזיקע אפמאכן, איז געווען א זײער געפערלעכער עקספערימענט. זײנע רעזולטאטן האבן באוויזן, אז דאס איז געווען אײנע פון די גרעסטע קללות, וואס זײנען געפאלן אויף אײראפע. דאס הײסט ניט, אז אלײנבאשטימונג איז שלעכט. נאר עס איז

* „וואס וועט זײן אין אײראפע“, 1922 (ענגליש).

איצט לחלוטין קלאר, אז עס איז געווען א טעות לויט דער אליינבאשטימונג צו שאפן נייע מלוכות, וואס איטלעכע האלט זיך, אז זי איז פולקום סוווערען, און אין דער זעלביקער צייט ניט איינצושטעלן א קאנטראל איבער די קעגנזייטיקע פארהעלטענישן פון די דאזיקע מלוכות. דאס איז געווען אן אומגליק אזוי גרויס ווי מלחמה. די באשאפערס פון די אפמאכן אין פאריז האבן געהאט בכוח צי פעדערירן די מלוכות אזוי, אז די עקאנאמישע צרות, וואס שטאמען פון אט דער אומבאגרענעצטער אליינבאשטימונג, זאלן זיין ניט אזוי געווים".

## 5. באלשעוויזם אין רוסלאנד.

מיר האבן שוין פארצייכנט די צוויי רוסישע רעוואלוציעס פון 1917. עס איז איצט געקומען די צייט צו באטראכטן דעם אויסערגעוויינטלעכן אומבייט פון אריענטאציע, וואס האט זיך באוויזן אין רוסלאנד אין יענער צייט. עס איז געווען ניט מער און ניט ווייניקער ווי דער חורבן פון דער מאדערנער מערבדיקער ציוויליזאציע, זוי ווייט דאס איז שייך רוסלאנד. דאס, וואס האט פארכאפט דאס רוסישע פאלק, איז געווען א סך מער ווי א סאציאליסטישער עקספערימענט. עס זעט אויס אין פלוג, ווי דא וואלט געווען געמאכט א לעצטער און באשטימענדיקער פרווו דורכצופירן די מערבדיקע סאציאליסטישע אידעע אין דער פראקטיק; דאס איז אבער א טעות. די רוסישע רעוואלוציע האט, באמת, געוויזן די אלע חסרונות פון דער סאציאליסטישער טעאריע, וואס מיר האבן אויף זיי שוין געווענדט דעם אויפמערק, און באזונדערס האט זי געוויזן די אומפרוכפערקייט פון דער מארקסיסטישער שול פון סאציאליזם. זי האט אויך באוויזן די ריכטיקייט פון דעם פרינציפ, אז א רעוואלוציע קאן קיין זאך ניט שאפן, וואס איז פריער ניט געווארן גוט ארומגעקלערט, אויסגעפלאנעוועט, דורכגעטראכט און אויסגעטייטשט. אנדערש קאן א רעוואלוציע נאר צעשטערן: א רעגירונג, א דינאסטיע, אן ארגאניזאציע, ווי עס מאכט זיך. א רעוואלוציע קומט עפעס ארויסצוווארפן, ניט עפעס צו שאפן.

מיר האבן געשילדערט, ווי אזוי עס זיינען געוואקסן די סאציאליסטישע אידעעס אין דער לעצטער העלפט פון 19טן יארהונדערט, און אז אין דער דאזיקער אנטוויקלונג האבן געשפילט א גרויסע ראלע קארל מארקס אידעעס וועגן „קלאסן־קאמף“. די דאזיקע אידעעס האבן געהויבן דעם מוט און גערייצט די אמביציע פון די מער ענערגישע און אומצופרידענע מענטשן אין די אינדוסטריעלע געגנטן פון גאר דער וועלט. מארקסיזם איז געווארן די דאגמע פון די אומרויקע אינדוסטריע־ארבעטער אומעטום. אבער היות ווי די סאציאליסטישע פארמולע האט ניט קיין גרויסע אנהענגער צווישן פויערים, וואס זיינען באלעבאטים פון דער ערד, וואס זיי באארבעטן, און היות ווי די גרויסע שטעט אין אייראפע און אמעריקע זיינען גיכער געמיינשאפטן פון מיטלמענטשן לויט זייער אלגעמיינעם איינשטעל, איידער פון אינדוסטריע־ארבעטער, — דעריבער זיינען די מארקסיסטן באלד געקומען צו דער איינזעעניש, אז די סאציאלע און עקאנאמישע רעוואלוציע, וואס זיי האבן אין זינען, קאן ניט ווארטן אויף פארלאמענטארישע געווינס און אפשטימונגען דורך א מערהייט; זי מוז זיין קודם־כל דער אויפטו פון א מינאריטעט, פון א מינאריטעט אינדוסטריעלע ארבעטער, וואס פארכאפן די מאכט, שטעלן איין קאמוניסטישע אינסטיטוציעס און ציען אריין אויף אזא אופן די גאנצע וועלט אין אייביקן גליק איבער געוואלד. דער באזים פון דער הערשאפט פון דער מינאריטעט, וואס האט באדארפט אראפברענגען די גאולה אויף דער וועלט, ווערט אנגערופן אין דער מארקסיסטישער פראזעאלאגיע „דיקטאטור פון פראלעטאריאט“.

אומעטום האבן פאנאטישע מענטשן פרייליך, מיט א געזואלדיקער פראפאגאנדיסטישער ענערגיע געפטרט זייער לעבן און זייערע כוחות אויף פארשפרייטן די דאזיקע אידעעס. אין ערשטן יארצענדליק פון 20טן יארהונדערט זיינען געווען אין דער וועלט אפשר א מיליאן און אפשר מער מענטשן, וואס זיינען געווען איבערצייגט, אז ווי נאר די דאזיקע „דיקטאטור פון פראלעטאריאט“ וועט ווערן פארווירקלעכט, וועט כמעט אויטאמאטיש אנטשטיין א נייע און בעסערע סאציאלע ארדענונג. ווי אפנארעריש די דאזיקע אידעע איז געווען, האבן מיר שוין געוויזן אין אונזער באטראכטונג פון באציאליזם.

די מאַרקסיסטן האָבן ניט געהאַט קיין קלאָרע און באַשטימטע פּלענער ניט ווי אַזוי מען דאַרף צאָלן די אַרבעטער, ניט וועגן דער פריִהייט פון דער עפנטלעכער מיינונג און ניט ווי אַזוי דאַרף אײַנ=געשטעלט ווערן די עקאָנאָמישע אַדמיניסטראַציע, ווען דער „קאַ=פּיטאַליזם" וועט זײַן צעשטערט. דאָס אַלץ איז אין דער אינדיווידו=אַליסטישער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם געווען אײַנגעשטעלט, אמת אויך אַ ריין עמפּירישן און אומגערעכטן שטייגער, אָבער די געזעלשאַפט האָט פאַרט אין אים געלעבט. די מאַרקסיסטן האָבן קיין מאָל ניט אויסגעאַרבעט קיין אײַגענע נייע מעטאָדע אין די אַלע ענינים, און זיי האָבן משמעות ניט געוואוסט, אַז זיי געניטיקן זיך אין אַ נייער מעטאָדע. זיי האָבן פּאַקטיש געזאָגט צו די אַרבעטער: „גיט אונז מאַכט, און אַלצדינג וועט ווערן געטאָן". און רוסלאַנד, די גע=פּייניקטע, פאַרוויסטע און אָפּגענאַרטע דורך די פאַרבינדעטע, וואָס זי האָט זיי אַזוי גוט געדינט, האָט זיך, פון יאוש, איבערגעענטפערט דער „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט".

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין רוסלאַנד האָט אַליין קיין מאָל ניט פּרעטענדירט מער ווי אויף 800.000 אנהענגער, און אין דער אמתן האָט זי מסתמא פאַרמאָגט ניט מער פון אַ פערטל מיליאָן מיטגלידער. אָבער די דאָזיקע לפי=ערך קליינע אָרגאַניזאַציע, ווייל זי איז געווען אַנטשלאָסן און איבערגעגעבן איר זאַך, און ווייל אין דעם גאַנצן דעזאָרגאַניזירטן לאַנד איז ניט געווען קיין אַנדער כוח, וואָס זאָל זײַן גענוג ערלעך אָדער אַנטשלאָסן אָדער שטאַרק, אַז ער זאָל קאָנען זיך אַנטקעגנשטעלן קעגן איר, איז געווען בכוח זיך צו פאַרפעסטיקן אין פּעטערבורג, מאָסקווע און אין דעם גרעסטן טייל שטעט פון רוסלאַנד, צוציען צו זיך די מאַטראָסן פון פלאָט (וואָס האָבן אויסגע=הרגעט דעם גרעסטן טייל פון זייערע אָפיצירן און האָבן פאַרנומען די פעסטונגען סעוואַסטאָפּאָל און קראָנשטאַט) און צו ווערן פּאַקטיש די הערשערין פון רוסלאַנד.

עס איז געווען אַ פּאַזיס פון אַ טעראָריסטישער רעגירונג. די באָלשעוויקעס טענהן, אַז עס האָט אַנדערש ניט געקאָנט זײַן, אַז צוערשט האָבן זיי געמוזט רעגירן דורך טעראָר. די סאָציאַלע דע-זאָרגאַניזאַציע פון לאַנד האָט גאָר קיין שיעור ניט געהאַט. אומע-

טוב זיינען די פּויערים אויפגעשטאַנען קעגן די פּריצים, האָבן צעטיילט די מאַיאָנטקעס און געברענט די הויפן, גענוי ווי דאָס איז געווען בעת דער ערשטער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. עס זיינען אָפּגעטאָן געוואָרן מוראדיקע מעשי=אכזריות. די פּויערים האָבן צוגענומען די ערד און צעטיילט זי צווישן זיך, ניט ווייסנדיק גאָרנישט פון קאַרל מאַרקס שיטה בנוגע דעם ענין. אין דער זעלביקער צייט זיינען הונדערטער טויזנטער סאָלדאַטן מיט געווער אין די הענט געגאַנגען אַהיים



זשאָרזש קלעמאַנסאָ, פראַנצויזישער פּרעמיער-מיניסטער בעתן קריג.

פון פראָנט. די צאַרישע רעגירונג האָט געהאַט מאָביליזירט כּךְ־הכּל אַכט מיליאָן מענטשן — אַ סך מער מענטשן, ווי זי האָט געקאָנט אויסריכטן צו מלחמה אָדער פאַרנוצן אויפן פראָנט. זי האָט זיי אויסגעריסן מיט די וואָרצלען פון זייערע אייגענע דערפער, און גרויסע מאַסן פון די דאָזיקע מאָביליזירטע זיינען געוואָרן פּאַקטיש באַנדיטן, וואָס האָבן געלעבט פון רויב. מאָסקווע איז אין אָקטאָבער און נאָוועמבער 1917 געווען פול געפּאַקט מיט אַזעלכע מענטשן. זיי פלעגן זיך צונויפנעמען אין באַנדעס, אַרומגיין איבער די הייזער און האָבן

געכאַפּט און געראַבעוועט, וואָס עס האָט זיך געלאָזט, און קיינער האָט זיי ניט געשטערט — געזעץ און אַדמיניסטראַציע זיינען ניט געוואָרן. בּאַרויבטע און געהרגעטע מענטשן האָבן זיך געוואַלגערט טעג לאַנג אין די גאַסן.

דאָס איז געווען, דאַרפן מיר געדענקען, דער צושטאַנד, ווען די בּאָלשעוויקעס זיינען געקומען צו דער מאַכט; זיי האָבן אים ניט געשאַפן דורך זייער אוזורפּאַציע. אין זייערע פּרוּוון איינצושטעלן אָרדענונג פּלעגן זיי דערשיסן איטלעכן, וועמען מען האָט געכאַפּט מיט געווער. טויזנטער מענטשן זיינען געוואָרן אַזוי צעשאָסן, און עס איז אַ ספק, צי מען וואָלט אין מאָסקווע געקאָנט איינשטעלן עפּעס וואָס ענלעך צו אָרדענונג אָן אַזעלכע גוואַלד-מעשים. דער חורבן פון דער צאַרישער רוסלאַנד איז געווען אַזוי גרונטיק, אַז עס איז פאַרשוואונדן אַפילו דער פּשוטער ראָם און געוויינהייט פון געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג. „זיי האָבן געמוזט שיסן", האָט איין מאָל פּרעזידענט מאַסאַריק געזאָגט דעם מחבר. אין דערנאָך האָט ער מוסיף געווען: „זיי האָבן אָבער ניט אויפגעהערט שיסן -- אָן אַ טעם, מיט אכזריות".

אין פּרילינג 1918 האָבן די בּאָלשעוויקעס זיך פאַרזיכערט די ממשלה איבער די גרויסע שטעט, איבער די אייזנבּאַנען און שיפן פון גרעסטן טייל רוסלאַנד. אַ נרינדונגס-פאַרזאַמלונג האָבן זיי געהאַט פונאַנדערגעלאָזן און צעטריבן אין יאַנואַר, די בּאָלשעוויקעס האָבן מיט איר ניט געקאָנט אַרבעטן. זיי האָבן געהאַלטן, אַז זי איז צופיל צעטיילט אין אירע צילן און מיינונגען, אַז זי זאָל קאָנען אויפטאָן גרויסע זאַכן. און אין מערץ האָבן זיי אונטערגעחתמעט אַ זייער אונטערטעניקן שלום מיט די דייטשן, דעם בּריסקער שלום.

בּראָש פון דער בּאָלשעוויסטישער דיקטאַטור, וואָס האָט זיך איצט גענומען רעגירן איבער רוסלאַנד, איז געשטאַנען לענין, אַ זייער ענערגישער מענטש מיט אַ פלינקן קאָפּ, וואָס האָט פאַרבראַכט דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן ווי אַן עמיגראַנט אין לאָנדאָן און זשענעווע, אַריינגעטאָן אין פּאָליטישע חקירות און אין דער אונטערערדישער פּאָליטיק פון די רוסישע מאַרקסיסטישע אָרגאַניזאַציעס. ער איז געווען אַ גאַנץ ערלעכער דאָקטרינער, וואָס האָט געלעבט

ערלעך און געהארעוועט אן אפרו, אבער ער האט ניט געהאט קיין שום געניטשאפט אין פראקטישער אדמיניסטראציע. פארבונדן מיט אים איז געווען טראצקי, אויך א געוועזענער עמיגראנט, וואס האט באלד באדארפט באווייזן א היפשע פעיקייט אין מיליטערישע ענינים. ראדעק, לונאטשארסקי, זינאוויעוו, זארין, קאמענעוו, קראסין — דאס זיינען געווען ווייטערע אנגעזעענע מיטגלידער פון דער קליינער גרופע, וואס האט זיך איצט פארגענומען צו רעארגאניזירן רוסלאנד און ארויסצופירן זי פון דעם חורבן־צושטאנד, וואס די מלחמה האט זי געהאט געבראכט צו אים, און אריינפירן זי גלייך אין קאמוניסטישן גן־עדן אריין.

צוערשט האט די אמביציע פון די באלשעוויסטישע פירערס ווייט איבערגעשפרייזט די גרענעצן פון רוסלאנד. רוסלאנד אליין איז נאך ניט געווען גענוג גרויס פאר זיי. זיי האבן פראקלאמירט די סאציאלע רעוואלוציע איבער גאר דער וועלט און האבן גערופן די ארבעטער פון אומעטום זיך צו פאראייניקן, אראפצווארפן די קאפיטאליסטישע סיסטעם, און אזוי ארום שאפן דעם אנפלאניקן, אנפארמיקן מארקסיסטישן גן־עדן. נאר די דאזיקע ארויסטרעטונגען האבן נאטירלעך זיי געבראכט צו א קאנפליקט מיט אלע אנדערע עקסיסטירנדיקע רעגירונגען. צו דער אויפגאבע איינצופירן דעם קאמוניזם אין רוסלאנד איז צוגעקומען די אויפגאבע זי צו באשיצן קעגן א ריי קאנטער־אטאקעס, וואס זייערע אנפאלן אויף די פרעמדע רעגירונגען האבן ארויסגערופן.

אין צוויי אדער דריי יאר איז פולקום קלאר געווארן דער דורכפאל פון די באלשעוויקעס, ווי ווייט דאס איז שייך דער איינשטעלונג פון אן ארבעטער־קאמוניזם, און עס איז אויך פולקום דערוויזן געווארן די ניט־שעפערישע עקרדיקייט פון דער מארקסיסטישער דאקטרינע. די באלשעוויקעס האבן רוסלאנד ניט אוועקגעשטעלט ווידער אויף די פיס. זיי זיינען ניט געווען מסוגל אוועקצולאזן די צעטרייסלטע רוסישע אינדוסטריע. דער גרעסטער טייל פון זייערע לידערס זיינען געווען פון טיפ שרייבערס און ריידערס, אן א שום געניטשאפט אין זאכן, וואו מען מוז צולייגן א האנט.

ביים אנהייב פון זייער רעגירונג האט זייער עניע קלאסן־שנאה זיי איינגעגעבן דעם געדאנק צו פארטיליקן דעם גרעסטן רוב פון דעם קלאס דירעקטארן, טעכנישע מומחים, מייסטערס וכדומה, וואס זיינען נאך געבליבן אין רוסלאנד. זיי האבן ניט געהאט קיין סיסטעמאטיש וויסן פון דער פסיכאלאגיע פון ארבעטער ביי זייער ארבעט, — און די גאווה פון מארקסיסטישע דאקטרינערן האט זיי געבראכט דערצו, אז זיי האבן מבטל געווען איטלעך וויסן, וואס זיי האבן ניט פארמאגט. זיי האבן אפילו ניט פארמאגט די פראקטישע קענטשאפט פון דער אלטער קאפיטאליסטישער סיסטעם, וואס זיי האבן פיינט געהאט. אלץ וואס זיי האבן געוואוסט וועגן די דאזיקע ענינים איז געווען די פסיכאלאגיע פון אן ארבעטער אויף א מאסן־פארזאמלונג. זיי האבן געפרווט שטופן רוסלאנד דורך פייערדיקע רייד, אבער אז דער ארבעטער האט זיך אומגעקערט אין זיין פאבריק און אז דער פויער האט זיך אומגעקערט צו זיין אקער, האבן זיי די אלע רייד פארגעסן, און קיין שום פראקטישע רעזולטאטן זיינען דערפון ניט ארויסגעקומען. דער טראנספארט און די מעכאנישע פראדוקציע אין די שטעט זיינען כסדר געפאלן אלץ נידעריקער. און דער פויער האט פראדוצירט נאר פאר זיין אייגענעם געברויך, און וואס עס איז אים געבליבן איבעריק האט ער אויסבאהאלטן.

אז דער מחבר האט אין 1920 באזוכט פעטערבורג, איז ער געווען נשתומם איבער דעם בילד פון צעשטערונג. דאס איז געווען דאס ערשטע מאל, ווען א מאדערנע שטאט זאל זיין אזוי אראפ. אין משך פון פיר יאר איז קיין זאך ניט פארריכט געווארן. אויף די גאסן זיינען געווען גרויסע גריבער אין די ערטער, וואו דער ברוק איז ארייגעפאלן אין די צעבראכענע קאנאלן; לאמטערנע־סלופעס זיינען געלעגן אזוי ווי זיי זיינען געפאלן; קיין איין קראם איז ניט געווען אפן, און דער גרעסטער טייל זיינען געווען פארשלאגן מיט ברעטער איבער די צעבראכענע פענסטער. זייער שיטער זיינען געווען די דורכגייער אין די גאסן און זיי זיינען געווען אנגעטאן אין אפגעטראגענע און ניט קיין צוגעפאסטע בגדים, ווארעם עס זיינען ניט געווען אין רוסלאנד ניט קיין נייע קליידער, ניט קיין נייע שיך. א

סך מענטשן האבן געטראגן אויף די פיס געפלאכטענע לאפצעס. די מענטשן, די שטאט, אלץ איז געווען נאקעט און בארוועס. אפילו די באלשעוויסטישע קאמיסארן האבן געהאט ניט-געגאלטע פנימער, מחמת גאל-מעסערס און כדומה אזעלכע זאכן — ניט מען האט זיי געמאכט און ניט מען האט זיי אריינגעפירט. די שטארבלעכקייט איז געווען מוראדיק גרויס, און די באפעלקערונג פון דער דאזיקער פארמשפטער שטאט איז געפאלן אויף הונדערט טויזנט א יאר.

עס זיינען פאראן א סך גרונדן צו מיינען, אז נאך 1918 און 1919 וואלט די באלשעוויסטישע דיקטאטור מודה געווען, אז זי האט א טעות געהאט אין איר גאנג, און זי וואלט גענומען זיך צופאסן צו דעם ניט-פאראויסגעזעענעם מצב, וואס אין אים האט זי זיך געפונען. די באלשעוויקעס זיינען געווען באגרענעצט און דאקטרינער, אבער א סך פון זיי זיינען געווען מענטשן מיט באנטאזיע און מיט א גוטן קאפ, און עס קאן גאר קיין ספק ניט זיין, אז אין גאר דעם ביין, וואס זיי האבן אפגעטאן, איז זייער כוונה געווען א גוטע, און זייער טועכץ איז געווען אויסן נאר די זאך. וואלט מען זיי געלאזט צו רו, וואלטן זיי אפשר דורכגעארבעט אן עקספערימענט, וואס וואלט געהאט דעם גרעסטן ווערט פאר דער מענטשהייט. זיי וואלטן געווען געצוואונגען צו פארבינדן זייער סיסטעם מיט דער פאוואליע זיך אנטוויקלענדיקער מעטאדע פון דער געלט-סיסטעם און קומען צו אן אויסגלייך מיט דעם איינגעווארצלטן אינדיווידואליזם פון דעם פויער דעם ערד-ארבעטער. נאר מען האט זיי ניט צו רו געלאזט. פון אנהייב אן, ווי זיי האבן איבערגענומען די מאכט, האט זיך דערוועקט א ווילדע שנאה קעגן זיי אין מערב-אייראפע און אמעריקע. די טאלעראנץ, וואס מען האט ארויסגעוויזן דעם נמעט פונקט אזוי אומפעיקן און צעשטערערישן רעזשים פון צאר, האט מען בנוגע די מארקסיסטישע אזאנטוריסטן ניט ארויסגעוויזן. אומעטום האט מען זיי באיקאטירט, און די רעאקציאנערע רעגירונגען פון גרויס-בריטאניע און פראנקרייך האבן סובסידירט און אונטערגעהאלטן איטלעכן אזאנטוריסט אין רוסלאנד און אויסער רוסלאנד, וואס איז אויף זיי אנגעפאלן.

א פּרעסע-קאַמפּאַניע פון אומגלויבלעכער רישעות האָט אַריינגעטראָגן אַ מהומה אין דער עפנטלעכער מיינונג דורך אַ שטראָם פאַנטאַזיעס און בייזוויליקע שקרים מכּוח די באָלשעוויקעס. זיי זיינען, אמת, געווען טעמפּע דאָקטרינערן מיט אַ שלעכטער סאָציאַלער און עקאָנאָמישער טעאָריע, וואָס האָבן זיך אַרומגעטאָפּטשעט אין אַ צעטרייסלטן לאַנד. צווישן זייערע יוצר-משרתים זיינען געווען פאַרברעכערישע און שלעכטע מענטשן. איטלעכע רעגירונג אין רוסלאַנד



טאָמאַס וואודראָוו ווילסאָן, פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע בעתן גרויסן קריג.

וואָלט געהאַט ווינציק מענטשן צוליב איר אַדמיניסטראַציע און שוואַכע מעגלעכקייטן זיי צו קאָנטראָלירן. נאָר די אַנטי-באָלשעוויסטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט אויסגעמעלט די מאָסקווער אַוואַנטוריסטן ווי די נידעריקסטע רוצחים, וואָס זייער גלייכן איז ניט געווען זינט די וועלט שטייט, און האָט געוואָלט איינריידן, אַז עס איז גענוג זיי צו באַזייטיקן, בכדי עס זאָל זיך אומקערן קיין רוסלאַנד גליק און האָפענונג. מען האָט געפּרעדיקט אַ מין קרייץ-צוג קעגן די באָלשעוויקעס.

דאָס האָט אַרויסגעבראַכט אַ רעאַקציע לטובֿת זיי אין דעם גייסט פֿון ליבעראַלע דענקערס, וואָס וואָלטן זיסט פֿאַרהאַלטן זיך קריטישער.

מחמת אַז דער אָרגאַניזירטער פֿיינדשאַפֿט זיינען די באָלשעוויקעס אין רוסלאַנד געווען געצוואונגען באַלד פֿון אָנהייב אָן זיך צו שטעלן אין אַ פּאָזיציע פֿון פֿאַרטיידיקונג קעגן פֿרעמדע אָנפֿאַלן. די איינגעשפּאַרטע שנאה צו זיי מצד די מערבֿדיקע רעגירונגען האָט אין רוסלאַנד זיי זייער געשטאַרקט. ניט געקוקט אויף די אינטערנאַציאָנאַליסטישע טעאָריעס פֿון די מאַרקסיסטן, איז די באָלשעוויסטישע רעגירונג אין מאָסקווע געוואָרן אַ פּאַטריאָטישע רעגירונג, וואָס האָט געשיצט דאָס לאַנד קעגן פֿרעמדע און וואָס האָט באַזונדערס געשיצט די פּויערים קעגן צוריקקער פֿון די פּריצים. עס איז געווען אַ פּאַראַדאָקסאַלע לאַגע: דער קאָמוניזם האָט געשאַפֿן אין רוסלאַנד אַ פּויער אָן איגנטימער. און טראָצקי, וואָס איז געווען אַ פּאַציפֿיסט, האָט זיך אַזוי ווייט אויסגעבילדעט, אַז ער איז געוואָרן אַ גרויסער גענעראַל ניט ווילנדיקערהייט.

דער דאָזיקער מיליטאַריזם און דער דאָזיקער פּאַטריאָטיזם, וואָס איז אַזוי אַרום אַרויפֿגעצוואונגען געוואָרן אויף לענינס רעגירונג, די דאָזיקע קאָנצענטרירונג פֿון דעם אויפֿמערק אויף די גרענעצן, האָט געשטערט אין דער קאָנסטרוירונג פֿון דער פּאָליציי און פֿון די דיסציפּלינערע מעטאָדן אינעווייניק, אפֿילו אויב די באָלשעוויקעס וואָלטן פֿאַר זיך געווען מסוגל צו אַזאַ קאָנסטרוירונג. די אַלטע אינקוויזיטאָרישע טיראַנישע צאַרישע פּאָליציי האָט פּאַקטיש ווייטער פֿונקציאָנירט אונטער דער נייער רעגירונג. אַ האַמטענע און אומפּינקטלעכע אויספֿאָרש-סיסטעם מיט גרויסע פֿולמאַכטן און בלוטדאָרשטיקע טראַדיציעס האָט געקעמפֿט קעגן פֿרעמדע עמיסאַרן פֿון אויסווייניק און קעגן בונטן און בגידה פֿון אינעווייניק, און פֿלעגט צופֿעליק טרעפֿן צו באַפֿרידיקן איר מיאוסן גלוסט צו שטראָפֿן. אין יולי 1918 איז דער צאַר מיט זיין פֿאַמיליע געוואָרן דערהרגעט לויטן באַפֿעל פֿון אַ נידעריקן באַאַמטן — עס איז געווען אַ שטיקל סכּנה, אַז רעאַקציאָנער מיליטער זאָל זיי אַרויסראַטעווען. עס איז ניטאָ קיין באַווייז, אַז די באָלשעוויסטישע רעגירונג זאָל טראָגן די אחריות פֿאַר דעם מאָרד. אין יאַנואַר 1919 זיינען געוואָרן דורך אַ פּאָליציי-קאָ-

מיסיע פארמישפט צום טויט און דערהרגעט פיר גרייספירשטן, דעם קיסרס פעטערס, קעגן א בפירושן באפעל לענינס אפצולייגן דעם ענין.

פינף יאר האט דאס רוסישע פאלק אונטער אט דער אויסטער-לישער רעגירונג, וואס האט קיין גלייכן ניט, געהאלטן זיך פעסט קעגן איטלעכן פרווו עס צו צעטיילן און אונטערטעניק צו מאכן. אין אווגוסט 1918 איז ענגליש און פראנצויזיש מיליטער געווארן אראפגע-זעצט אויפן ברעג אין ארכאנגעלסק; אין סעפטעמבער 1919 האט מען זיי צוגענומען פון דארט. די יאפאנער האבן זינט 1918 און ווייטער געמאכט ענערגישע פרווון זיך איינצופעסטיקן אין מזרח-סיביר. 1919 האבן די רוסן זיך געשלאגן ניט נאר מיט ענגלענדער אין ארכאנ-געלסק און מיט די יאפאנער, נייערט זיי האבן געהאט קעגן זיך א רעאקציאנערן חייל אונטער אדמיראל קאלטשאק אין סיביר, רומע-נער מיט פראנצויזן און גריכישע הילפס-אפטיילן אין דרום און גענעראל דעניקינען מיט אן ארמיי פון רוסישע רעאקציאנערן, וואס זיינען געווען פארזארגט מיט גוואלדיקע סכומים קריגס-מאטעריאל פון ענגלאנד און פראנקרייך, און דער פראנצויזישער פלאט האט זיי געשטיצט אין קרים.

אין יולי האבן קאלטשאק און דעניקין זיך געהאט פאראייניקט און האבן געהאט פארנומען דרומית-מזרחית-רוסלאנד פון אדעס ביז קיין אופא; אן עסטנישע ארמיי אונטער גענעראל יודעניטש האט זיך גערוקט קיין פעטערבורג. עס האט אויסגעזען, אז דער סוף פון דעם באלשעוויזם איז א פראגע פון טעג אדער וואכן. נאר צום סוף יאר איז פון יודעניטשן קיין זכר ניט געבליבן, קאלטשאק האט גע-האלטן אין צוריקציען זיך קיין סיביר, און דעניקין צום שווארצן ים. אנהייב 1920 זיינען דעניקין און דער רעשט פון זיין חייל ארויפגע-נומען געווארן אויף ענגלישע און פראנצויזישע שיפן, און קאל-טשאק איז געווארן געכאפט אין סיביר און דערשאסן.

נאר רוסלאנד האט קיין רו ניט געזאלט האבן. די פאליאקן, אויפגעהעצט דורך די פראנצויזן, האבן אין אפריל 1920 אנגע-

הויבן א נייע קאמפאניע, און א נייער רעאקציאנערער אנפאלער, גע-
נעראל ווראנגעל, האט איבערגענומען דעניקינס עובדא אנצופאלן
און חרוב צו מאכן דאס איינענע לאנד. די פאליאקן, נאכדעם ווי זיי
זיינען אפגעטריבן געווארן צוריק ביז ווארשע, האבן זיך ווידער
אנגענומען מיט כוח און מיט דער הילף פון די פראנצויזן, וואס האבן
זיי צוגעשטעלט קריגס-מאטעריאל, זיינען זיי אריינגעדרונגען אין דער



מ"ר ללאיד דזשארדזש, בריטישער פרעמיער-מיניסטער
אין די לעצטע יארן פון קריג.

רוסישער טעריטאריע. אין אקטאבער 1920 איז אין ריגע געשלאסן
געווארן א שלום-אפמאך, וואס לויט אים האבן די פאליאקן געקראגן
א גרויס שטיק טעריטאריע פון רוסלאנד. ווראנגעל, נאכדעם ווי ער
האט אויך גרויסע שטרעקעס פארוויסט די פעלדער, האט געהאט דעם
זעלביקן סוף וואס דעניקין, און צום סוף יאר האט ער געמוזט אנט-
לויפן און זוכן זיך א באהעלטעניש אין די מערבדיקע מלוכות. אין
מערץ האט די באלשעוויסטישע רעגירונג געמוזט אונטערדריקן אן

אויפשטאַנד פון די קראָנשטאַטער מאַטראָסן, „די פּרעטאָריאַנער־גוואַרדיע פון באָלשעוויזם“, און זי האָט דעם אויפשטאַנד דערשטיקט.

אין משך פון יאָר 1920 האָט די פאַנטאַסטישע און אומשכלדיקע שנאה צו די באָלשעוויקעס אין מערב־אייראָפּע און אַמעריקע גענומען ביסלעכווייז נאָכלאָזן, און מען האָט אָנגעהויבן צו באַציען זיך צו דער לאַגע מיט אַ רויקערן קאָפּ. עס זיינען געווען אַ סך שטערנישן, וואָס האָבן ניט דערלאָזט „אָנערקענען“ די באָלשעוויסטישע רעגירונג אין אַ פולן גראַד. די דאָזיקע מניעות זיינען אין אַ גרויסער מאָס געקומען אויך מחמת דער אומשכלדיקער האַלטונג פון די באָלשעוויקעס. נאָר צום סוף 1920 האָט שוין עקסיסטירט אַ מין ציווילער שלום צווישן רוסלאַנד און צווישן דעם גרעסטן טייל פון דער איבעריקער וועלט, און אַמעריקאַנער, ענגלענדער און פראַנצויזן, וואָס האָבן זיך אינטערעסירט מיטן רוסישן לעבן, האָבן געקאָנט פאָרן אין לאַנד אַריין און אַרויס. אָנהייב 1921 האָבן בריטאַניע און איטאַליע געשלאָסן האַנדלס־אָפּמאַכן מיט רוסלאַנד. רוסישע פאַרטרעטער אין דער פאָרם פון „האַנדלס דעלעגאַציעס“ האָבן ווידער געעפנט אַ קאָמוניקאַציע צווישן אָט דעם פאַרשטויסענעם לאַנד און דער איבעריקער וועלט.

נאָר עס האָט זיך שוין געגרייט פאַר אָט דעם אומגליקלעכן פאָלק אַ נייע צרה, און נאָך אַ שרעקלעכערע. אין יאָר 1921 איז געווען אַ ניט־געוויינטלעכע טריקעניש. דער אויפמערקזאַמער לעזער פון דער דאָזיקער געשיכטע האָט געוויס שוין באַמערקט, ווי ווייט עס בייט זיך דער קלימאַט פון די גרויסע לאַנד־שטרעקעס אַרום דעם קאַספּישן ים, און ווי ווייט מען קאָן אויף אים ניט בויען. לויט דער נאַטור נאָך זיינען דאָס לענדער פאַר נאָמאַדן; עס איז אַ גרויסער ספק, צי ווען עס איז וועלן זיי קאָנען האָבן אַ גרויסע ערדאַרבעטער־באַפעלקערונג. מחמת דער טריקעניש איז דאָס געוועטעניש פון תבואה אויף גרויסע שטרעקעס פון דרומית־מזרחית־רוסלאַנד אינגאַנצן פאַרלאָרן געגאַנגען, און עס איז געוואָרן דער גרעסטער הונגער, וואָס די פאַרשריבענע געשיכטע פון דער מענטשלעכער ראַסע ווייס צו דערציילן. מיליאָנען זיינען אומגעקומען. מאַסן, גאַנצע דערפער און שטעט, האָבן זיך אַנידערגעלייגט אין זייערע הייזער שטאַרבן, און זיינען געשטאָרבן. אַ סך האָבן געקייט היי און ערד און פלערליי שמוץ.

מענטשן פלעגן אויסגראָבן פגרים אין די צווינטערס און זיינען געוואָרן קאַניבאַלן. גרויסע שטרעקעס זיינען געבליבן ליידיק פון מענטשן.

עס איז געווען קאָרן צום פאַרברענען ניט נאָר אין אַמעריקע, נייערט אַפילו אין אוקראַינע און רומעניע און אונגאַרן. אָבער די קאָמוניקאַציע־וועגן אין לאַנד זיינען צעשטערט געוואָרן ביזן גרונט אַדאַנק די אָפּעראַציעס פון קאָלטשאַק, דעניקין און וראַנגעל, און די באָלשעוויסטישע רעגירונג האָט ניט געהאַט ניט די מיטלען, ניט די פעיִקייט ביַיצוקומען דעם דאָזיקן מוראדיקן חורבן. אַן אַמעריקאַנער קאָמיסיע און אַ קאָמיסיע אונטער ד"ר נאַנסען, דעם גרויסן רייזנדער אין די צפונדיקע ימים, האָבן אָרגאַניזירט הילף מיטן הסכם און אונטערשטיצונג פון דער רעגירונג, און גאַנץ שיינע סכומים תבואה, וואָס די אַמעריקאַנער האָבן מנדב געווען, זיינען געוואָרן אַריינגעבראַכט אין לאַנד. נאָר די אייראָפּעיִשע הויפּט־רעגירונגען, וואָס זייערע פעלקער זיינען געווען דורכגענומען מיט דער אַנטי־באָלשעוויסטישער פּראָפּאַגאַנדע פון דער אייראָפּעיִשער פּרעסע, האָבן זיך אָפּגערופן ניט גערן אָדער גאָרניט אויף דער שרעקלעכער נויט. די בריטישע רעגירונג, וואָס האָט אָוועקגעפּטרט אַ הונדערט מיליאָן אין אומגעזעצלעכע מיליטערישע אָפּעראַציעס קעגן איר געוועזענעם פאַרבינדעטן, האָט פאַרפלעקט דעם גוטן נאָמען פון בריטאַניע אין דער וועלט, דורכדעם וואָס זי האָט זיך אָפּגעזאָגט עפּעס ביַיצושטייערן צו דער הילפס־אַרבעט. אַזוי ווינציק האָט געווירקט דער גרויסער קריג אויף אויסצולערנען דער מענטשהייט אחדות.

אין דער זעלביקער צייט, ווען די אומגליקלעכע מאַסן זיינען אין רוסלאַנד אומגעקומען, האָבן מיט עטלעכע הונדערט מייל ווייטער די שייערן זיך געבראָכן פון תבואה, און אין מערב־אייראָפּע זיינען שיפן געלעגן אָן באַוועגונג, ווייל עס איז קיין פראַכט ניט געווען, שטאָל־פאַבריקן, וואו מען האָט געקאָנט מאַכן רעלסן און מאַשינעס, זיינען געשטאַנען אָן אַרבעט, און מיליאָנען אַרבעטער זיינען אַרומגעגאַנגען ליידיק, מחמת די געשעפטס־לייט האָבן געזאָגט, אַז „עס איז ניטאָ פאַר זיי וואָס צו טאָן". און טויזנטער קוואַדראַט־מיילן פון דרומית־מזרחית רוסלאַנד זיינען געוואָרן אַ מדבר פון פאַרלאָזענע פעלדער און פון אויסגעשטאָרבענע שטעט און דערפער.

נאר אינמיטן אַט דעם חורבן איז די באָלשעוויסטישע רעגירונג געבליבן זיצן. און בהדרגה האָבן די אייראָפּעער זיך גענומען צו־געוויינען צום געדאַנק, אַז זיי מוזן אָנערקענען און פירן געשעפטן



א זיצונג פון דער פעלקער=ליגע אין זשענעוו. אויף דער טריבונע האַלט א רעדע מ' עריאָ.

מיט אַט דער מאָדנער רעגירונג, ווי זי זאָל זיי זיין ניט=ניחא. ביזן היינטיקן טאָג ראַנגלט זיך נאָך די מערבדיקע וועלט אַרום מיט דער דאָזיקער נויטווענדיקייט. אין דעם מאָמענט, ווען דאָס ווערט געשריבן,

איז די פראבלעם פון די קעגנזייטיקע פארהעלטענישן צווישן דער קאפיטאליסטישער און קאמוניסטישער סיסטעם אויף אונזער פלאנעטע, בעת דער פארקער האט מבטל געווען די גרויסע שטרעקעס, נאך ניט פארענטפערט.

די באלשעוויסטישע פראפאגאנדע האט זיך אפגעווענדט פון פיינדלעכן מערב און האט זיך אקער געטאן קיין מזרח, און די מאסן פון דער איינגעבארענער באפעלקערונג פון אינדיע און כינע זיינען וויזט אויס נוטה אין אן אליין גרעסערער מאס זיך צוצוהערן צו איר. עס זיינען שוין געווען ביי די באלשעוויקעס צווי ריכטונגען, א ריכטונג פון „מערבניקעס“, וואס ווילן אויסנוצן וויסנשאפט, טעכניק און די ארגאניזאציע פון דער גרויס-פראדוקציע — פאר דער ריכטונג זיינען טיפיש לענין און טראצקי, און א ריכטונג פון „מזרחניקעס“, וואס זייער איינשטעל איז קריגעריש און פרימיטיוו און מיסטיש, וואס דער פירער פון איר איז זינאוויעוו. די פאליטיק פון דער בריטישער און פראנצויזישער רעגירונג האט געווענדט די באלשעוויסטישע רעגירונג כסדר קיין מזרח. אונטער דער השפעה פון דעם באלשעוויסטישן מוסטער האט די וועלט פון איסלאם קענטיק ווידער א ריר געטאן איר לאנג פארהאלטענע אנטוויקלונג. די האלטונג פון דעם באלשעוויסטישן רעזשים בנוגע די אטלאנטישע ציוויליזאציעס, וואס האבן באהערשט די וועלט דריטהאלבן הונדערט יאר, הייבט אן אליין מער און מער זיך צוצוגלייכן צו דער האלטונג פון איסלאם. ביידע ווערן זיי איינגעשפארט פיינדלעך. די מערבדיקע מלוכות, וואס זיינען צעטיילט צווישן אנאנד דורך א פארביטערטער קאנקורענץ אין סותרדיקע אינטערעסן, באגעגענען א שטענדיק וואקסנדיקן ווידערשטאנד קעגן זייערע עקספּלואטאציע-געגנט אין רוסלאנד, טערקיי, צפון-אפריקע און גאנץ אזיע. אט דער זיך פארשטארקנדיקער ווידערשטאנד און די אפשוואכונג פון דער ענערגיע איף אים איינצוהאלטן ווייזט די אמתע מאס פון דער קאטאסטראפע פון 1914 -- 1918. די טעג פון דער מערב-איראפעישער איבערהערשאפט גייען, ווייזט אויס, צו זייער סוף.

אין יאר 1924 איז לענין געשטארבן. זיין טויט האט ניט געמאכט קיין גרויסע שינויים אין די מעטאדעס און טראדיציעס פון דער

באלשעוויסטישער רעגירונג. א געוויסע צייט האט אויסגעוויזן, אז די צוקונפט פון רוסלאנד באהערשן „מזרחניקעס“ פון זינאוויעווס שניט, נאר איצט האט זיך די וואגשאל געווענדט קעגן זיי.

---

### 6. א פארזעונג פון דער „קומענדיקער מלחמה“.

פארוואס איז דער פרווו איינצושטעלן א סדר אין דער וועלט אין די יארן 1919 — 20 געווען אזא דורכפאל? מיר האבן מיטער געזען, אז דאס איז געווען א סימפטאם פון דער אלגעמיינער אינטעלעקטועלער און מאראלישער אפגעלאזנקייט נאך דער איבערמאסיקער אנשטרענגונג פון דער גרויסער מלחמה. פאר א פאזע פון איינגעמאטערטקייט איז כאראקטעריסטיש דאס פעלן פון פרישער איניציאטיווע. מחמת מען איז ניט מסוגל אומצובייטן, גייט זיך אלץ א געוויסע צייט אין דער ריכטונג פון געוויינהייט און אינערציע.

קיין זאך וואלט ניט געקאנט אזוי אילוסטרירן די מידקייט פון דער צייט, ווי די געדאנקען, וואס עס זאגן ארויס מיליטער=לייט. עס איז אינטערעסאנט צו געבן דא א קורצן סך=הכל פון א לעקציע, וואס עס האט געהאלטן פאר א פארזאמלונג פון פעלד=מארשאלן, גענעראלן, גענעראל=מאיארן און כדומה דער גענעראל=מאיאר סער לויס הושעקסאן אין דעם קיניגלעכן פאראייניקטן דינסט=אינסטיטוט אין לאנדאן אין דעצעמבער 1919. פארזיצער איז געווען לארד פיל, דער בריטישער וויצע=מיניסטער פאר קריגס=ענינים, און דער לעזער מעג זיך אויסמעלן דעם ניט צו גרויסן און זייער בכבודיקן פארזאמלונגס=זאל אין דעם דאזיקן בנין, און אלע די פיינע, ערנסטע סאלדאטישע פיגורן, וואס האבן מיט גרויס אויפמערק אויסגעהערט דעם לעקטארס ווערטער. ער האט געשילדערט, מיט א געוויסן איינגעהאלטענעם ענטוזיאזם, די מעגלעכע טעכנישע אנטוויקלונג פון די קריגס=מעטאדן אין „קומענדיקן קריג“.

פון דרוסן האט דורך דעם אונט=בין=השמשות פון ווייטהאל אריינגעדרונגען דער גערויש פון דער לאנדאנער גאסן=באוועגונג;

זי איז נאך ניט געווען אזוי גרויס ווי אין 1914טן יאר, אבער דאך נאך לעבעדיק גענוג. די אמניבוסן זיינען געווען איבערגעפאקט, ווייל עס זיינען ניט געווען גענוג אמניבוסן, און די קליידונג פון די מענטשן איז געווען אפגעטראגענער. א קליין שטיקל וועג אראפ פון ווייטהאל איז אויפגעשטעלט א צייטווייליקער בנין — די מצבה אויף די געפאלענע זעלנער, מיט איר באזיס פארדעקט מיט א גרויסן פאטעטישן הויפן



בעניטא מוסאליני, דער איטאליענישער דיקטאטאר.

פארוועלקטע קרענץ, בלומען-בינטלעך וכדומה — א מצבה, וואס דערמאנט אן אכט מאל הונדערט טויזנט יונגע מענטשן פון דער אימפעריע, וואס זיינען דערהרגעט געווארן אין דעם לעצטן קאמף. עטלעכע מענטשן האבן אנידערגעלייגט דא פרישע בלומען אין קרענץ. אייניקע האבן געוויינט.

אריבער דער דאזיקער פארזאמלונג שפרייט זיך אויס דער בליק אין דער גרויער ווייטקייט פון לאנדאן, וואו מענטשן זיינען געווען צונויפגעפרעסט, ווי קיין מאל ניט פריער, וואס זייער עסן האט

געקאסט טייערער און ארבעט פאר זיי איז געווען אומזיכערער, ווי
ווען עס איז פריער. אבער זאל דאס בילד ניט זיין דורכאויס שווארץ:
רידזשענט סטריט, אקספארד סטריט און באנד סטריט שיינען מיט
זייערע מאגאזינען־פענסטערס און זיינען אנגעפילט מיט נייע אויטא־
מאבילן — מיר מוזן האבן אין זינען, אז ניט אלע האבן אנגעווארן
פון דער מלחמה. אויף יענער זייט לאנדאן פארזינקט דאס לאנד
אין נאכט, און אריבער דעם שמאלן ים זיינען צפון־פראנקרייך און
בעלגיע פארוויסט, אין דייטשלאנד גייען אויס פארשמאכט טויזנטער
קליינע קינדער, ווייל עס איז קיין מילך ניטא, גאנץ עסטרייך האלט
אין אונטערגיין. די העלפט פון דער ווינער באפעלקערונג, אויב
עס וועט פון אמעריקע ניט אנקומען גיך הילף, איז, מעג מען רע־
כענען, פארמישפט צו שטארבן פון נויט, איידער דער פרילינג קומט.
ווייטער אין דעם טונקעלן בין־השמשות ציט זיך די פינסטערניש
פון רוסלאנד. דארט, לכל־הפחות, זיינען ניטא קיין גבירים, וואס
זאלן עפעס קויפן, און קיין מיליטער־לייט, וואס זאלן האלטן
לעקציעס וועגן קומענדיקן קריג. אבער אין פאראייזיקטן פעטרא־
ראד איז פאראן ווינציק וואס צו עסן, ווינציק האלץ און גאר קיין
קוילן ניט. אלע שטעט פון רוסלאנד אראפ קיין דרום, ווי ווייט עס
גרייכט דער שניי, זיינען אין אן עגלעכן צושטאנד, און אין אוקראינע
און אין דרום שלעפט זיך צו ענד א ווילדער און פינסטערער קריג.
איראפע איז באנקראט, און אין די קעשענעס פון די מענטשן שאר־
שקעט פאפירגעלט, וואס זיין קויף־קראפט פארשווינדט, איידער מען
באוויזט עס ארויסטראגן אין גאס.

נאר לאמיר זיך אומקערן צו סער לויס אין דעם גוט־באלויכ־
טענעם זאל פון דעם פאראייניקטן דינסט־אינסטיטוט.

ער האט געהאלטן, אז מיר געפינען זיך ערב די גרעסטע שי־
נויים וואס זיינען ווען עס איז אין דער געשיכטע פארגעקומען אין
דער קריגס־קונסט. דערפאר באדארפן מיר -- דאס הייסט, פאר־
שטייט זיך, מיר ענגלענדער, און ניט די גאנצע מענטשהייט — זיך
ווייטער באוואפענען און זיין פאראויס פאר אלעמען. דאס איז שוין
געווען א פיינער טעזיס צום ארייגפיר. „עס איז נייטיק צו אנט־
וויקלען נייע געווער... דאס פאלק, וואס וועט צום בעסטן דאס טאן,

וועט זיין דאָס ערשטע אין דעם קומענדיקן קריג. עס זיינען פֿאַראַן מענטשן, וואָס מאַכן געוואַלדן, אַז מען מוז פֿאַרקלענערן די באַוואָפֿענונג".

(אַ סך ביטול און חוזק צווישן די מיליטערישע הויכע־ליט).

סער לויס מיינט, אַז איינער פֿון די גרעסטע שינויים אין דער קונסט פֿון קריג־פֿירן וועט ווערן אַריינגעבראַכט דורך דעם מעכאַנישן טראַנספּאָרט. דעם טאַנק האָט ער באַהאַנדלט מיט אומדאַנקבאַרקייט. די דאָזיקע מיליטערישע הויכע־ליט זיינען געווען אומדאַנקבאַר אַ דערפֿינדונג, וואָס האָט זיי אַריינגעשטופּט כמעט ניט ווילנדיקערהייט אין ניצחון אַריין. דער טאַנק, האָט געזאָגט סער לויס, איז געווען אַ „קאַפּריז"... דער וויכטיקסטער שטריך פֿון דעם טאַנק, זאָגט ער, איז געווען דאָס, וואָס ער האָט דעם מעכאַנישן טראַנספּאָרט געמאַכט אומאָפּהענגיק פֿון די וועגן. ביז אַהער האָבן אַרמייען אויפֿן מאַרש געקאָנט אויסנוצן נאָר וועגן. איצט קאָן זייער טראַנספּאָרט אויף הוסלניצע־רעדער זיך רוקן אין אַפֿענער אַרדענונג אויף אַ ברייטן פֿראָנט, און שלעפּן האַרמאַטן, אַמוניציע, פּראָוויאַנט, אַלץ וואָס איז נייטיק צום בריקן־בוי, פּראָמען און מענטשן — און פֿאַרבייגייענדיק אויפֿפּאַקערן און צעשטערן קליינע וועלדלעך, הויכע־גראָבנס, פֿעלדער און בכלל קולטור־לאַנד. אַרמייען קאָנען גיין אין דער ברייט איבערן לאַנד, ניט איבערלאָזנדיק גאָרנישט חוץ שטויב און בלאָטע.

אַזוי איז שוין אונזער פֿאַנטאַזיע דערפֿירט צו די איצטיקע מלחמות.

סער לויס האַלט שטאַרק פֿון גאַז. באַזונדערס דאַרף מען רעקאָמענדירן גאַז צוליב שטראָף־עקספּעדיציעס. און דאָ האָט ער אַ ביסל פֿאַרשעמט און צעטומלט זיינע צוהערערס דורך אַ שיין פֿון עפּעס, וואָס איז ענלעך צו סענטימענטאַלקייט. „עס איז אפשר מעגלעך, האָט ער געזאָגט, אַז מען זאָל ניט באַנוצן קיין גאַז, וואָס פֿאַרשאַפֿט אומנוציקע יסורים". דאָ האָט גיכער גערעדט זיין האַרץ, איידער זיין קאָפּ. עס וואָלט באַדאַרפֿט זיין קלאָר, אַז אויב אַ געזעץ קאָן אַזוי וויט באַהערשן די קריג־פֿירונג, אַז עס קאָן פֿאַרבאָטן צו באַנוצן אַ וואָסער עס איז שלעכטן קריגס־מיטל, קאָן עס דאָך גובר זיין דעם קריג אַזוי פֿיל, אַז עס זאָל אים אינגאַנצן פֿאַרבאָטן.

און וואו וועלן דעמאָלט האַלטן סער לויס דזשעקסאָן און זיין אוי־דיטאָריע? מלחמה איז מלחמה; איר איינציקער געזעץ איז דאָס גע־זעץ פון דער גרעסטער צעשטערונג פון די כּוחות פון שונא, וואָס איז נאָר מעגלעך. אונטער אָט דעם געזעץ פון קריג מוזן פאַלן אַלע סברות פון מענטשלעכקייט און גערעכטיקייט.

פון גאַז איז סער לויס אַריבער צו דער לופט. דאָ האָט ער פאַראויסגעזאָגט „די ווײַטיקסטע טריט פאָראויס... מיר דאַרפן ניט



א בריטישער טאַנק.

דאַגהן מער וועגן פליענדיקע צעשטערערס אָדער פליענדיקע פעס־טונגען, נאָר אין צוואַנציק יאָר צייט וועט דער בּיודזשעט פון דעם לופט־פלאָט זיין דער ווײַטיקסטער טייל פון אונזערע צוגרייטונגען צום קריג". ער האָט אַרומגערעדט, ווי אַזוי מען קאָן די קאָמערציעלע פלי־מאַשינעס אויסנוצן צוליב וואַרפן באָמבעס און צוליבן אייס־שפּיר־דינסט, און אַז מען דאַרף האָבן ספּעציעלע קאַמף־מאַשינעס אין אַ גרויסער צאָל. ער האָט דערוויזן מיט ראַיות, אַז די באָמביסטן וועלן אין קומענדיקן קריג שוין ניט האָבן קיין ציל נאָענט בײַם פראָנט פון די אַרמייען, נייערט זיי וועלן דערגרייכן בעסערע רעזולטאַטן, ווען

זיי וועלן אריינפליען טיפער אין לאנד און וועלן באמבארדירן די צענטערס, „וואו עס ווערן געמאכט די מיליטערישע שפייכלערס און עס ווערן די זעלנערס איינמושטירט". ווי איטלעכער, וואס האט זיך געפונען אין לאנדאן אדער אין מזרח־ענגלאנד אין די יארן 1917 — 1918, וייס, באדייט דאס א באמבארדירונג פון איטלעכן באוואוינטן צענטער אן איבערצוקלייבן וואסערן. נאר די באמבארדירונגען פון יענע טעג וועלן זיין ווי א קינדער־שפיל לגבי דער באמבארדירונג פון דעם „קומענדיקן קריג". עס וועלן זיין אן א שיעור מער עראפלאנען, גרעסערע און א סך מיאוסערע באמבעס...

אין זיין ווייטערדיקע רעדע האט סער לויס ווערמאנט, אז די „צעשטערונג פון דעם גרעסטן טייל פון לאנדאן" קאן זיין מעגלעך ווי א פאל פון דעם קומענדיקן קאמף. און אזוי ווייטער, ביז ער איז געקומען צום שפיץ מוסר השכל, אז די מיליטערישע דזשענטללייט קומט די העכסטע שכירות, די גרעסטע חשיבות, די ברייטסטע רחבות אין פטרן געלט. „די נייטיקע הוצאה איז לויט איר מהות א הוצאה אויף אן אבסאלוט נויטווענדיקער אסעקוראציע". און א געוויסער גענעראל־מאיאר סטאון, וואס האט אויף א ווײַלע פארגעסן, אז ער ציטירט דעם קאפיטל קל"ו פון תהלים, האט געזאגט, אז ער האפט, אז די דאזיקע לעקציע זאל זיין דער אנהייב פון א בטחון ניט אויף דער פעלקער־ליגע, נאר אויף *אונזער אייגענער* רעכטער האנט און אויף *אונזער* אויסגעשטרעקטן ארעם!"

נאר מיר ווילן דא ניט ווייטער פארנעמען זיך מיט די פרטים פון דעם חלום. קיין אוטאפיע איז ניט געווען אזוי אוממעגלעך, ווי אט דאס בילד פון א וועלט, וואו קיין זאך קאן ניט בלייבן גאנץ, סיידן עס איז טיף פארגראבן אין זאמד, וואו אן א צאל באמביסטן וועלן כסדר ווארפן באמבעס אויף די מלחמה־פירנדיקע לענדער און גרויסע ארמייען מיט רייען הוסלניצע־טראנספארט וועלן פויזען אהין און צוריק, ביז זיי וועלן איבערקנעטן די פעלדער פון דער ערד צו בלוט־אנגעזאפטער בלאטע.

פאר אזעלכע זאכן איז אין דער וועלט ניט געבליבן גענוג ענערגיע אדער ווילן. ווען גענעראלן, וואס האבן ניט געקאנט פאראויסזען

קיין טאנקעס, דארף מען זיך ניט ריכטן, אז זיי זאלן פאראויסזען דעם באנקראט פון דער וועלט. נאך ווינציקער זיינען זיי בכוח צו פארשטיין די גרענעצן, וואס עס זיינען געשטעלט פאר די מיליטערישע אפעראציעס דורך דעם קווענקלענדיקן כאראקטער פון דעם מאסן-מענטש. די דאזיקע מיליטערישע אויטאריטעטן פון דעם פאראייניקטן דינסט-אינסטיטוט ווייסן אפילו ניט, אז קריגפירונג שטרעבט צו שאפן א געוויסע שטימונג און ווערט אונטערגעהאלטן דורך א געוויסער שטימונג. אין די חשבונות פון סער לויס איז ניט גענומען אין אכט אויך דער וויכטיקסטער פאקטאר, אז קיין איין פאלק וועט ניט אויסהאלטן אזא מלחמה, ווי ער האט אין זינען, אפילו ניט דאס פאלק, וואס האלט אין געווינען. ווארעם, אזוי ווי עס פארשטייען איצט צפון-פראנקרייך, דרומית-מזרחית-בריטאניע און צפון-איטאליע, וועט דער זיגער אין דער „קומענדיקער מלחמה" קאקאנען כמעט אזוי ווערן באמבארדירט און מיאוס צעקאלעטשעט, ווי דער באזיגטער.

די גרויסע מלחמה פון 1914 — 18 איז באשיימפערלעך געווען דער שפיץ פון דער מיליטערישער ענערגיע פון די מערבדיקע פעלקער. און זיי האבן זיך געשלאגן, און זיי האבן זיך גוט געשלאגן, ווייל זיי האבן געגלויבט, אז זיי פירן די „מלחמה צו ענדיקן מלחמה". און אזוי איז דאס טאקע. דער דייטשער אימפעריאליזם מיט זיין דרוק אויף דערציאונג און זיין ענגן פארבונד מיט אן אגרעסיוון קאמערציאליזם, איז געווארן צעקלאפט און פארלענדט. דער מיליטאריזם און אימפעריאליזם פון בריטאניע, פראנקרייך און איטאליע זיינען לפי-ערך שוואכע, דעזארגאניזירטע און דעזארגאניזירנדיקע איבערלעבענישן. זיי זיינען זאכן, וואס די גרויסע מלחמה האט „אריבערגעלאזט". זיי האבן ניט קיין איבערצייג-קראפט. זיי האלטן זיך נאך — ווייל עס פעלט דער גוטער איינפאל זיי אוועקצווארפן. מען מעג מסופק זיין, צי וואסער עס איז אייראפעישע רעגירונג וועט ווען עס איז נאך אריינקריגן דעם זעלביקן טייל פון דער באפעלקערונג אין די מיליטערישע רייען און אין די אמוניציע-פאבריקן, ווי די רעגירונגען אין 1914 — 1918. אזא מלחמה, וואס ליגט נאך פאר דער מענטשהייט, איז זיכער א מער אומגעארדנטער, אבער ווינציקער

אינטענסיווער קריג. די ענדערונגען אין די תנאים פון קריג־פירן זיינען שוין א סך טיפער, ווי אזעלכע אויטאריטעטן ווי סער לויס דזשעקסאן זיינען מישער. די גרויסע מלחמה איז שוין געווען.

---

## 7. די אומבויגעוודיקייט פון דעם בריטישן אימפעריאליזם און די אפטיילונג פון אירלאנד.

יענער גענעראל־מאיאר סטאון מיט דעם „אויסגעשטרעקטן אָרעם", וואס האט ארויסגעזאגט זיין שטימונג אין דער פארזאמלונג פון די מיליטערישע מומחים אין ווייטהאל אין יאר 1919, איז זייער א פאסיקע פיגור צוליב די צוועקן פון דער דאזיקער געשיכטע. זיין שלימזלדיקע ציטאטע פון א פסוק ניט אויפן רעכטן ארט און זיין ביטול צו דער פעלקער־ליגע אידער וואס ווען, דינען צו אילוסטרירן, סיי ווי ווייט עס פעלט אויס אינטעליגענץ און סיי וואס פאר א ווילדער גייסט עס פילט אן דעם השפעהדיקן קלאס פון בריטישן פאלק, און עס האט אין יענער צייט געהאט דאס אויסזען, אז אט דער גייסט טרייבט די גרויסע מאשין פון דער בריטישער אימפעריע צו א מיאוסן סוף און צו שפאלטונג. ווארעם ווי דער לעזער געדענקט געוויס, גייט די רייד אין תהילים קאפיטל קל"ו וועגן דער שטארקער האנט און דעם אויסגעשטרעקטן ארעם פון דעם גאט פון גערעכטיקייט — און אבער נאר פון אן אנדער כאראקטער ווי גענעראל־מאיאר סטאונס.

די בריטישע אימפעריע איז ארויסגעקומען פון דער וועלט־מלחמה זייער שטארק אנגעשטרענגט פיזיש און מאראליש. דאס בעסטע פון דעם יונגן דור איז געווען דערהרגעט אדער אפגעשוואכט דורך וואונדן אדער דורך דער אויסקרימונג פון דער מיליטערישער דיסציפלין. איר איינגעשטעלטער רעגירונגס־סדר און אירע פריוויטס־רעגילותן זיינען געווען שטארק דעזארגאניזירט דורך דער צייטווייליקער געזעצגעבונג, וואס איז געווען נויטווענדיק בעתן קריג, און איר פרעסע איז געווארן שטארק איבערגעפירט, מחמת זי האט זיך אריינגעטאן אין פראפאגאנדע. די נייס וועגן אויסלענדישע ענינים זיינען אויף א קענטיקן אופן ערגער געווארן. דאס אלגעמיינע פובליקום איז

לא די וואס געוועזן שלעכט אינפארמירט מכוח דעם, וואס פאר אן אחריות עס טראגט אויף זיך די אימפעריע, נאר זי איז געווען צופיל פארנומען מיט די געשעפטלעכע קאטאסטראפעס, אז זי זאל אפילו קלערן וועגן דעם. דאס איז געווען א צייט, ווען עס זיינען געקומען צום ווארט נארישע און גרויסהאלטערישע באאמטע, און אומעטום האבן זיי געלאזט פון זיך טאקע הערן.

אין דער גאנצער אימפעריע, חוץ אין יענע ערטער, וואס האבן געהאט שוין זייער אליינרעגירונג, איז אויסגעטאן געווארן איין און די זעלביקע זאך: מען האט כמעט סיסטעמאטיש געוועקט פארביטערונג ביי דער אונטערטעניקער באפעלקערונג דורך באגרענעצונגען, אנשכלדיקע רעגולירונגען, מעשים פון פאראכטונג, איינגעוויליקע ארעסטן און כדומה נאך אזעלכע שטערונגען פון פרייהייט. אומעטום איז דער מיליטעריש-און באאמטן-קלאס צעלאזן געווארן. אומעטום האבן די אלטע טארישע עלעמענטן קענטיק געשטופט צו אן אויפרייס.

דאס איז געווען גלייך ריכטיק סיי פאר אינדיע, סיי פאר עגיפטן, סיי פאר אירלאנד. אין יענע יארן, ווען פון צענטער איז דער קאנטראל אפגעשוואכט געווארן, האט די פאליטיק פון אונטערדריקונג, פון ניט-געהאלטענע צוזאגן צו די איינגעבארענע און אפגארעדישע רעפארמעס, בכדי צו שטילן דאס שווערע געוויסן און ענגלאנד, אויפגערייצט אפילו די פרידלעכע באפעלקערונג פון אינדיע צו עפעס אזוינס, וואס איז געווען גאר נאענט צו א מרידה. אויף ווארענונגען און דערמאנונגען האט מען קיין אכט ניט געלייגט. די אומגעלומפערטע רעקרוטיר-מעטאדן פון דער אדמיניסטראציע אין פענדזשאב האבן אומגעביטן דעם דאזיקן טייל אינדיע, וואס איז געווען איינע פון די לאיאלסטע אינדישע פראווינצן, צו איינער פון די אומרויקסטע. עס זיינען דארט געווען פאגראמען און אנפאלן אויף אייראפעער, און א מין אפיציעלער טעראר, וואס זיין שפיץ איז געווען די שחיטה פון עמריטסאר (אפריל 1919): מען האט געשאסן אויף א גרויסן המון מענטשן, וואס דער גרעסטער טייל פון זיי זיינען געווען ניט באוואפנט, און מען האט דערהרגעט 379 און איבער טויזנט פארוואונדעט. די ידיעה וועגן דער דאזיקער רציחה איז דערגאנגען צום בריטישן פובליקום ערשט שפעט אין 1919, בעת עס איז פארעפנטלעכט גע-

וואָרן דער באַריכט פון דער אויספאָרש־קאָמיסיע. דערנאָך האָבן אויך אַ געוויסער צייט זיך געשטאַרקט די בעסערע עלעמענטן אין ענגלישן לעבן. נאָר דער שלום־און אויסגלייך־רעזשים אונטער לאָרד רידינג אַלס וויצע קעניג איז געוואָרן פאַרדרייט און פאַלסיפיצירט דורך די רעאַקציאָנערע עלעמענטן אין דער רעגירונג. אין יאָר 1922 איז מ״ר גאַנדי, אַ פּרעדיקער פון פאַסיוון ווידערשטאַנד, וואָס איז געווען פאַררעכנט פאַר אַ הייליקן מאַן, פאַרמישפּט געוואָרן צו זעקס יאָר תּפיסה און אַזוי אַרום געמאַכט פאַר אַ קדוש.

אַן ענלעכער קאָנפליקט איז געגאַנגען אין עגיפּטן. אַ נטיה צו שלום איז געוואָרן צעדרייט און צעקאַלעטשעט דורך דעם הערשנ־דיקן אימפּולס צו אונטערדריקן און איינצוציִען. נאָר די סאַמע טראַגישע און ווייטאָגדיקע געשיכטע אין אַט דער מעלאַנכאָלישער שילדערונג פון דער אומפעיקייט פון די ענגלענדער אויסצונוצן די גרויסאַרטיקע געלעגנהייטן צו שאַפן אַחדות, איז די געשיכטע פון דעם, ווי אַזוי עס איז אַלץ גרעסער און גרעסער געוואָרן דער ריס צווישן אירישן און ענגלישן פאָלק.

אין די טעג פון יענע גרויסע און איידלמוטיקע אירלענדישע מלוכה־מענער, די ברידער רעדמאָנד, האָט עס נאָך אויסגעזען, אַז די צוויי אינזלען קאָנען לעבן בשלום זייט ביי זייט, אין פרייער און גערנוויליקער צוזאַמענאַרבעט, אין אַ צושטאַנד פון פריינדשאַפטלע־כער און גלייכער אחדות, טראָגנדיק צוזאַמען די אחריות פאַר דער אימפּעריע און געאייניקט אַנטקעגן דער וועלט. אָט די נאָענטע פאַרבינדונג איז געדרונגען פון זייער נאָענטער שכנישאַפט, דאָס וואוילזיין פון אירלאַנד און ענגלאַנד איז געגליכן צום וואוילזיין פון די סיאַמישע צווילינגס, וואָס זייערע קערפּערס זיינען פאַרבונדן דורך אַרטעריעס. אַמאָליקע עוולות און רעליגיעזע סיכסוכים וואָלטן ניט באַדאַרפט קלעקן אויך צו שטערן אַ שכלדיקע און געזונטע צוזאַמענאַרבעט. אָבער ניט אַמאָליקע, נייערע איצטיקע עוולות האָבן געטריבן אירלאַנד זיך אָפּצוטיילן. מיר האָבן שוין דערציילט, ווי אַזוי סער עדוואַרד קאַרזאָן, דער שטן מקטרג פון די בריטישע פּאָל־קער, האָט דער ערשטער אַריינגעפירט געווער אין אירלאַנד און האָט אָנגעהויבן אַ שרעקלעכן פּעריאָד פון גוואַלד־מעשים און אונטער־

דריקונג אין לאנד; ווי אזוי מען האט אין אנהייב פון דער מלחמה ארויסגענארט ביי אירלאנד איר אויטאנאמיע, און ווי אזוי די בריטישע רעגירונג, וואס בראש פון איר איז געשטאנען מ״ר אסקוויט, האט אומגערן אדער מיט א כיוון באליידיקט אירלאנד, דורך דעם, וואס ער האט ארייננגענומען אין דער קאאליציע-רעגירונג דעם דאזיקן מענטשן פון בלוט און מרידה. מיר האבן אויך דערציילט, ווי אזוי דער אויפשטאנד אין דובלין איז געווארן דערשטיקט און באשטראפט, און ווי אזוי אירלאנד איז נאך מער פארביטערט געווארן. די רעזולטאטן זיינען קלאר.

אין יאר 1914 איז אירלאנד אריין אין דער מלחמה פונקט אזוי פריי און מוטיק ווי ענגלאנד. זי איז נאך געווען א געארדנט און ציוויליזירט לאנד. צום סוף פון דעם קאמף איז אירלאנד געווען א צעבונטעוועט לאנד, איינגעהאלטן איבער געוואלד. דער עקסטרעמער אימפעריאליזם האט ארויסגעבראכט ווי א רעאקציע אן עקסטרעמען נאציאנאליזם. אירלאנד האט זיך איצט געהאט פירגענומען צו ווערן א פולקום אומאפהענגיקע רעפובליק, אינגאנצן אפגעטיילט פון גרויס-בריטאניע.

א נייער אויטאנאמיע-געזעץ איז דורכגעגאנגען אין דעם בריטישן פארלאמענט 1920. עס זיינען איינגעשטעלט געווארן צוויי באזונדערע פארלאמענטן, איינער אין אולסטער און איינער אין איבעריקן טייל פון אירלאנד, נאר מיט אויסריידענישן, אז זיי זאלן ארבעטן צוזאמען און זאלן מעגן זיך אויך צונויפגיסן. לויט דעם מאסשטאב פון די פריערדיקע אויטאנאמיע-פראיעקטן איז דאס געווען אן אויטאנאמיע מיט ברייטע פרייהייטן. אבער די אירלענדער האבן דאס שוין מער ניט געוואלט האבן. זייער נאציאנאליסטישע פארטיי סינפיינערס, וואס זיינען אויסגעקליבן געווארן 1919 אין ענגלישן פארלאמענט, האבן אפילו ניט געוואלט קומען קיין לאנדאן דיסקוטירן דעם פראיעקט. און בינתים האבן די מעטאדן פון מרידה און פארביטערטקייט פון איין זייט און די פאליטיק פון רעפרעסיעס פון דער אנדערער געמאכט דאס גאנצע לאנד פאר א פעלד פון א גוועריליא-קריג. די מורדים פלעגן

אנפאלן פון הינטן און טייטן פון באהעלטעניש און אפילו אמאל קעמפן אמתע שלאכטן מיט קליינע מיליטער־טיילן. דאס ענגלישע מיליטער, וואס האט זיך ציערשט געהאלטן גוט, האט באלד גענומען אנווענדן „רעפרעסיעס“. עס איז ארגאניזירט געווארן א ספעציעלע הילפס־פאליציי, וואס האט זיך אויסגעצייכנט מיט אירע אכזריותדיקע גענג.

די גוואלד־מעשים זיינען אלץ געוואקסן. איטלעכער מארד האט געבראכט צו נייע מארדן אויף איין זייט אדער אויף דער אנדערער.



אין א פאבריק פון פארד. אויטאמאבילן ווערן צונויפגעשטעלט.

אויב עס איז געווארן דערהרגעט א זעלנער אדער א פאליציסט, איז באלד געווארן דערהרגעט עמעצער פון יענעם צד, צי ער האט יא געהאט א שייכות צו יענעם מארד, צי ניט. איטלעכער צד האט גע־מיט זיך אריבערצושטייגן דעם צווייטן אין אכזריותדיקייט. סוף־כל־סוף איז קיין איין מענטש ניט געווען זיכער בײַ זיך אין דער היים און און אין זיין בעט. ביינאכט פלעגן קומען מענטשן פון דער אדער יענער פארטיי און קלאפן אין טיר בײַ זייערע קעגנער און ארויסרופן זיי צום משפט אויף אן אמתער אדער אויסגעטראכטער באשולדיקונג. מענטשן פלעגן ווערן דערשאסן בײַ זייער אייגענער טיר. באלד זיינען

געוואָרן אויסגעקוילעט גאַנצע משפחות. אין דעצעמבער 1920 האָבן די אירלענדער אויפגעקלערט אַ פּאַרטיע פון עלף מיליטער-קאַדעטן ניט ווייט פון קאָרק און האָבן זיי דערהרגעט. דעמאָלט האָט דאָס מיליטער געמאַכט אַ פּאָגראָם, געהרגעט און גערויבט, עס איז דעמאָלט געוואָרן צעשטערט אַ פאַרמעגן פון 3 מיליאָן פונט. אין אַזאַ אַטמאָספער האָט בכלל געבליט רויבעריי און באַנדיטיזם.

דער אויטאָנאָמיע-פּראָיעקט איז געוואָרן אַ געזעץ אין יאָר 1921; עס זיינען געשאַפן געוואָרן צוויי אירישע פּאַרלאַמענטן, איינער פאַרן צפון, דער צווייטער פאַרן דרום. דער צפונדיקער פּאַרלאַמענט איז געוואָרן אויסגעקליבן ווי עס געהער צו זיין און געעפנט דורך אַ טראָן-רעדע דעם 22סטן מאַי 1921. די דרומדיקע אירלענדער האָבן אָבער פון דעם דרומדיקן פּאַרלאַמענט ניט געוואָלט הערן, און ער איז קיין מאָל ניט צונויפגערופן געוואָרן. אַנשטאָט דעם האָט זיך צונויפגעקליבן אין דובלין אַן אייגן-געשאַפענע קערפּערשאַפט, Dail Eireann, וואָס האָט דערקלערט, אַז זי איז דאָס דער פּאַרלאַמענט פון דער אומאָפּהענגיקער אירלאַנד, און האָט אויסגעקליבן פאַר אַ פּרעזידענט מ״ר דע וואַלעראַ, וואָס איז געווען דער הויפּט-באַשאַפער פון דער פאַרזאַמלונג.

דער קעניג האָט ביים עפענען דעם צפונדיקן פּאַרלאַמענט גערעדט אין אַ זייער פרידלעכן טאָן. זיך סומך זייענדיק דערויף, האָט מ״ר ללאָיד דזשאָרדזש פאַרבעטן מ״ר דע וואַלעראַ און סער דזשיימס קרעג צו אַ קאָנפערענץ קיין לאָנדאָן מכּוח די אירלענדישע ענינים. עס איז געוואָרן אויסגערופן אַ וואָפנשטילשטאַנד, ווי ווייט דער שוין דעזאָרגאַניזירטער צושטאַנד פון לאַנד האָט דאָס דערלויבט. דעם 11טן אָקטאָבער 1921 איז געעפנט געוואָרן אין לאָנדאָן אַ קאָנפערענץ, וואָס אויף איר האָבן מ״ר דע וואַלעראַ און זיינע אויסגעקליבענע קאָלעגן פון Dail Eireann, ווי מענטשן וואָס האָבן געמאַכט אַן אויפשטאַנד און האָבן אים געוואונען, געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט די פאָרשטייער פון דער בריטישער רעגירונג וועגן דעם צוקונפטיקן מצב פון אירלאַנד.

דאָס איז געווען פאַר אַ דענקענדיקן ענגלענדער כמעט אַזאַ אָנגענעמע זאַך, ווי עס וואָלט געשמעקט אַן אַמעריקאַנער אין יאָר

1863 צוצוקוקן, ווי דזשעפערסאן דייוויס פירט אונטערהאנדלונגען מיט איבראהעם לינקאלן און וואשינגטאן וועגן דער צוקונפטיקער איינשטעלונג פון די באוול־שטאטן. ווארעם אויב אירלאנד זאל זיך איינגאנצן אפטיילן פון ענגלאנד, וואלט דאס געווען פאר ביידע ניט נאר אומבאקוועם, נייערט זייער געפערלעך און אפשר א חורבן פאר ביידע לענדער. נאר אויב עס זאל קומען צו אזא מפלה, האט דער ענגלענדער געהאט דאס צו פארדאנקען זיינע אויסדערוויילטע גוטע פריינד, לארד קערזאן און זיינע אנהענגער: זיי האבן דאס אים צוגעגרייט די דאזיקע מערכה, און איצט האט ער באדארפט מיט דעם מצב פארטיק ווערן, אזוי גוט ווי עס האט זיך געלאזט. עס איז געווען זייער טשיקאווע צו זען די שטימונג אין ווייטהאל אין אקטאבער 1921, בעת אין אויסערן־מיניסטעריום אויף דאונינג סטריט איז געזעסן די קאנפערענץ. מען האט מיט א ביזן ארויסגעהאנגען וואס מער אירישע פלאגן און אירישע נאציאנאלע סימבאלן, און דער לאנדאנער המון האט זיך ארויסגעוויזן בנוגע די אירלענדער פארשטייער לא די וואס טאלעראנט, נייערט אויך פריינדשאפטלעך און פול מיט סימפאטיע.

נאך לאנגע וויכוחים איז סוף־כל־סוף אויסגעארבעט געווארן אן אפמאך און באשטעטיקט סיי דורך דעם בריטישן פארלאמענט און סיי דורך דעם אירישן Dail Eıreann — נאך א געוויסן ווידערשטאנד. גאנץ אירלאנד, חוץ דעם פראטעסטאנטישן אולסטער אונטער דעם צפונדיקן פארלאמענט, איז געווארן אן אומאפהענגיקע אירישע מלוכה, זי איז נאר געווען אונטערטעניק דער בריטישער קרוין, און אין די ענינים פון ים־פלאט און לופט־פלאט איז זי געווען אין געוויסע פרטים באגרענעצט. דאס איז געווען א גרויסער ניצחון פאר דעם שכל הישר און פאר דעם ווילן צו שלום. דער אפמאך האט געגעבן פאקטישע פרייהייט; ער האט אויפגעהויט א פארמעלן פארבונד. נאר פון ביידע צדדים איז מען מיט אים ניט געווען צופרידן.

דע וואלערא האט פראטעסטירט, מחמת דער אפמאך האט צעטיילט אירלאנד און האט ניט גענוג דערנידעריקט גרויס־בריטאניע, און ער האט זיינע אנהענגערס אויפגערייצט צו בונטעווען זיך קעגן דער נייער מלוכה. לארד קערזאן, וואס איז איצט געווען א ריכטער,

האט אויך, ניט געקוקט דערויף וואס א ריכטער איז מחויב אפצוהיטן דאס געזעץ, געטאן אלץ וואס ער האט געקאנט, בכדי אונטערצוהאלטן דעם גייסט פון גוואלד-מעשים און בלוט-פארגיסונג אין אולסטער. אזוי אז די אירישע מלוכה האט מיט שוועריקייט און אונטער ביינאכטיקע שאסן און טומלענישן זיך דורכגעקעמפט איר וועג צום לעבן. דאס לאנד איז געווען פול מיט יונגע מענטשן, וואס האבן קיין אנדער מלאכה ניט געהאט געלערנט, חוץ פירן א גווערילא-קריג. די געווינשאפט פון אומארדענונג און גוואלדטועריי האט זיך געהאט טיף איינגעגעסן אין דער באפעלקערונג, און עס האט זיך אנגעהויבן א בירגער-קריג צווישן די רעפובליקאנער אונטער דע וואלערא און צווישן דער ארמיי פון דער אירלענדישער מלוכה.

דאס איז בקיצור די געשיכטע, ווי אזוי אירלאנד האט פאקטיש זיך אפגעטיילט פון ענגלאנד. הגם עס איז פאראן א גרויסער שינוי אין די מעטאדן פון דער בריטישער אימפעריע לגבי דער אונטערטעניקער באפעלקערונג, דאך איז דאס קענטיק דער ערשטער סימן פון א נאך גרעסערער שטרעבונג זיך אפצוטיילן. דאס מוז טיף באאומרויקן און פארדריסן גלייך סיי דאס בריטישע און סיי דאס אירישע פאלק.

אין צייט האט אויסגעוויזן, אזוי ווי די בריטישע אימפעריע קאן זיין די נערמוטער פון א גרויסער און מוסטערהאפטער פעדעראציע פון פרייע נאציעס, וואס אדער זיי רעדן ענגליש אדער זיי נוצן ענגליש ווי זייער פארבינד-שפראך, און אט די פעלקער-פעדעראציע אנטוויקלט א טראדיציע פון אפענע רייד, ערלעכע מעשים און גערעכטיקייט איבער גאר דער וועלט. אין צייט האט געקאנט אויסווייזן, אז אט דער גרויסער בונד, געשטארקט דורך אן אלץ זיך פארטיפנדיקער פארשטענדעניש און אן אלץ נעענטערער צוזאמענארבעט מיט די פאראייניקטע שטאטן, קאן שפילן א פירנדיקע ראלע אין דעם פראצעס פון צונויפבינדן די גאנצע וועלט אין איין נאך גרעסערער איינהייט. דער מחבר אליין האט נאך אונטערגעהאלטן אזעלכע חלומות. אבער דער היסטאריקער מוז פארצייכענען די פאקטן — און די וואס זיינען דא דערציילט שטימען שלעכט מיט אזעלכע חלומות.

די בילדונג פון די בריטישע רעגירנדיקע קלאסן איז קענטיק ניט ברייט גענוג און ניט גרונטיק גענוג לגבי דער מאכט, וואס ליגט אין זייערע הענט. די ענגלענדער פון דעם טיפ זיינען ניט גרויס גענוג און דזשענטללייט גענוג פאר דער אחריות, וואס זיי האבן איף זיך גענומען. די וועלט קאן ניט ווארטן, ביז ענגלאנד וועט נעמען זי פירן. די ענגליש־ריידנדיקע פעלקער האבן פארזאמט צו אנטוויקלען אזא בילדונגס־ארגאניזאציע און אזא מאראלישע גרויסקייט, וואס וואלט געקאנט בארעכטיקן זייער פרעטענזיע איף דער פירערשאפט פון דער מענטשהייט, און אז מען פארזאמט א געלעגנהייט, קאן מען שוין צוריק ניט כאפן. ראסן און פעלקער, וואס זיינען אמאל געווען פאלגעוודיקע תלמידים פון דער מערבדיקער ציוויליזאציע, טראכטן איצט און עקספערימענטירן איטלעכס פאר זיך אין זיין אייגענער ריכטונג. דער פראגנאז פון פראגרעס וועט בריטער, און יענע, וואס זיינען אמאל געווען די פירערס, דארפן איצט זיין צופרידן צו גיין מיט אנדערע גלייך.

---

## 8. די מהומה אין כינע.

מיר האבן שוין פארצייכנט דאס פאלן פון דער מאנדזשו־הערשאפט איבער כינע אין יאר 1911. דאס האט געוויזן דער כינע־זישער אינטעליגענץ, אז זייער אלטע אימפערישע סיסטעם איז געווען פארעלטערט און אויסגעריבן. האט מען דעם אלטן בגד אוועקגעווארפן אן א זייט. נאר עס איז נאך ניט געווען פארטיק קיין נייער בגד אנצוטאן. די גרויסע מאסע פון דער באפעלקערונג האט זיך געפירט אלץ ווי זי איז זיך נוהג געווען זינט יארהונדערטער, פלייסיק געארבעט, געפרובפערט און געמערט זיך, און פונקט אזוי אימוויסנדיק און ארעם, פרידלעך און קאנסערוואטיוו. אבער דער געבילדעטער מיעוט האט זיך געמאטערט און געשלאגן כדי ארויסצוגעפינען נייע פארמען, וואס זאלן קאנען מיט הצלחה פארבייטן די איבער־רעגירונג, וואס איז געווארן פארעלטערט און איז פארשוואונדן.

אין דרום־זייט האט זיך אויסגעשפרייט א מערבדיק געשטימטע רעפובליקאנישע באוועגונג אונטער דער פירערשאפט פון ד"ר

סון-יאט-סען, און די נייע רעגירונג, וואס איז געוואָרן געגרינדעט אין פעקין, איז געווען רעפּובליקאַניש און פּאַרלאַמענטאַריש אין איר פאָרם. די רעאַלע מאַכט איז געבליבן ביי יענע, וואָס האָבן געהאַט צו זאָגן איבער די באַוואָפנטע קרעפטן פון לאַנד, און אַ שטיקל צייט האָט געקאָנט אויסזעהן, אַז עס וועט געגרינדעט ווערן אַ נייע די-נאַסטיע אונטער דעם גרויסן מלוכה-מאַן און באַאַמטן יואַן-שי-קאַי.



א וואַרשטאַט פאַר עלעקטרישע מאַשינעס.

די מאָנאַרכיע איז טאַקע אויפגעריכט געוואָרן אין יאָר 1915, נאָר אין קומענדיקן יאָר איז זי ווידער פאַרשוואונדן. די יאַפּאַנער האָבן שטענדיק געשפּילט אַ דיפּלאָמאַטישע ראָלע אין די קריגעריען צווישן די כינעזער; זיי האָבן אונטערגעהאַלטן צוערשט איין צד און דער-נאָך דעם אַנדערן, און בדרך כלל האָבן זיי געפירט אַ פּאָליטיק צו באַוואָרענען, אַז די אויפלעבנדיקע כינע זאָל זיך ניט איינפעסטיקן.

פאַרשפּעטיקט איז כינע צוגעשטאַנען צו די אַליִירטע קעגן דייטשלאַנד אין יאָר 1917 מיט דער האָפענונג, אַז אַזוי וועט זי זיך

באשיצן קעגן דעם פיינדלעכן דרוק מצד יאפאן; קיין גרויסע זאכן אין דער מלחמה האט זי ניט אויפגעטאן.

זינט דעם טויט פון יואן-שי-קאי ווערט די געשיכטע פון כינע אלץ מער א מהומה. עס האבן זיך ארויסגערוקט א צאל מיליטערישע אנפירערס, וואס האבן פארכאפט גרויסע שטרעקעס און האבן זיך געשלאגן איינע מיט די אנדערע פאר דער איבערשטער מאכט. קעמפנדיקע כינעזישע רעגירונגען האבן געשיקט פארשטייער קיין אייראפע. די פאראייניקטע שטאטן, יאפאן, די הויפט-מלוכות פון אייראפע האבן געפירט נעפלאנטערטע אינטריגעס, אונטערשטיצט דעם אדער יענעם. דערווייל איז זיך דאס טאגטעגלעכע לעבן געגאנגען לויט אלטע, איינגעשטעלטע מנהגים, עס האט זיך אבער אנטוויקלט א היפשע פאבריק-אינדוסטריע און א באנק-וועזן. בילדונג איז געווארן מאדערניזירט, און עס זיינען געווארן געמאכט פרוון צו פאראיינפאכן די שריפט. עס קאן טיף באוועגן דעם היסטארישן כוח הדמיון דאס בילד פון א גרויסער באפעלקערונג, וואס ווארפט פון זיך אראפ די אלטע קייטן פון אן אדמיניסטראטיווער מאשין און טאפט ארום בלינדערהייט צו געפינען א נייע מעגלעכקייט פאר סאציאלער ארגאניזאציע און כללישער מאכט.

כינע איז נאך די באקסער-מהומות געווען פארמישפט צו צאלן א גרויסע סומע פאר די היזקות די פארשיידענע מלוכות, וואס זייערע אונטערטאנען האבן געליטן פון די דאזיקע אויפשטאנדן. די אמעריקאנער האבן געטאן די גרויסע חכמה, וואס זיי האבן געשאנקען די צאלונגען, וואס כינע איז געווען שולדיק זיי, בתנאי מען זאל די סומעס אויסנוצן צוליב בילדונג, און די ערשטלינג-פרוכט פון דעם דאזיקן איידל-מוטיקן געדאנק איז געווען דאס, וואס א צאל כינעזישע סטודענטן זיינען אוועקגעשיקט געווארן אויף דעם סמך זיך לערנען אין די אמעריקאנער אוניווערסיטעטן. די פראנצויזן האבן געהאט מער חשק פאר באנק-געשעפטן און אייזנבאן-אונטערנעמונגען. די ענגלענדער און יאפאנער האבן זייער חלק איינגעטיילט צווישן בילדונגס-ארבעט, סאניטאריע, עקאנאמישער הילף און צדקה. אזוי האט דאס א פנים, אז די אמעריקאנער ווערן די גייסטיקע פאטערס פון א נייער כינע,

סיידן די באָלשעוויסטישע פּראָפּאַגאַנדע וועט זייער השפּעה ענדערן צו אינגאַנצן פאַרבייטן.

אין פרי-יאָר 1925 איז דער טליענדיקער כעס פון די געבילדעטע און פּאַטריאָטישע כינעזער קעגן די ענגלענדער געקומען צו אַן אָפּע-נעם אויסבראָך אַדאַנק דעם שיסן פון אַ בריטישן פּאָליצײ-באַ-אַמטן אין שאַנכאַי, וואָס האָט געהייסן זיינע מענטשן שיסן אויף אַ דעמאָנסטראַציע, וואָס איז געגאַנגען פאַרביי דעם אויסלענדישן קוואַר-טאַל, ווי אַ פּראָטעסט קעגן דעם, וואָס אַ כינעזישער אַרבעטער איז דערהרגעט געוואָרן אין אַ יאַפּאַנישער פאַבריק אין שאַנכאַי. דער מנהג צו שיסן אויף פאַרזאַמלטע מאַסן וועט סוף-כל-סוף מסתמא אינ-גאַנצן צעשטערן די בריטישע אימפּעריע. די דאָזיקע מעשה האָט אַרויסגערופן אַ כוואַליע פון צאָרן אין גאַנץ כינע און ביי כינעזער פון אַלע קלאַסן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַנטי-אייראָפּעיִשע און אַנטי-יאַפּאַנישע באַוועגונג, וואָס איר גלייכן איז נאָך פריער ניט געווען. עס זעט אויס, אַז אויך דאָ ווערט אָפּגעשוואַכט די מאַטעריעלע און אינטעלעקטועלע הערשאַפט פון בריטאַניע און פון מערב-אייראָפּע, און די אויפוואַכנדיקע אַרטיקע באַפעלקערונג ווייזט אַרויס אַן איני-ציאַטיווע, וואָס אין 19טן יאָרהונדערט האָט מען גאָר ניט געהאַלטן, אַז אַזעלכע איז מעגלעך. די ערשטע פאַזע איז בלי-ספק אַ פאַזע פון אומאָרדענונג און קאָנפליקט, אָבער דורך די דאָזיקע קאַמפן, און, ווייזט אויס, אַז נאָר דורך די דאָזיקע קאַמפן קאָנען די אויסער-אייראָפּעיִשע פעלקער באַפעסטיקן זייער רעכט צו זאָגן אַ דעה וועגן דער צוקונפט פון דער וועלט, וואָס געהער אונז אַלעמען בשותפות, און צו באַטייליקן זיך אויף בכבודיקע תנאים אין איר אַנטוויקלונג. דער מערב וויל זיי ניט דערציען; דער מערב וויל זיי נאָר עקספּלואַטירן. זיי באַדאַרפן ניט וואַרטן, ביז דאָס וויסן וועט צו זיי קומען, זיי מוזן אַליין אויסשטרעקן די הענט און עס נעמען; זיי מוזן זיך אַליין באַהויפּטן און דערציען.

---

## 9. די יווירונג פון איסלאַם.

פונקט אַזוי ווי די מערבדיקע פאַרשטעלונגען און לעבנס-געוויינ, וואָס האָבן זיך צו ביסלעכווייז אַריינגעזאַפּט אין כינע, האָבן צע-שטערט איר אַלטע ציוויליזאַציע, אַזוי האָט דער זעלביקער פּראָ-

צעס פון איינזאפונג זינט דער גרויסער מלחמה מיט אלץ א גרעסערער קראפט געווירקט אין דעם נאענטן מזרח. עס האט דעם פנים, ווי דער לאנגער פאנאטישער און פאטאליסטישער דרעמל פון דעם איסלאם גייט צו זיין ענד. די מוסלימישע וועלט באנוצט איצט די ציטונג, דעם טעלעגראף, דעם ראדיא און מאדערנע בילדונגס-מיטלען און מאדערנע פראפאגאנדע. מיר האבן שוין געגעבן א שטיקל באריכט וועגן דעם, ווי אזוי די טערקן האבן זיך אפגעכאפט נאך זייער מפלה, און וועגן דער צייטווייליקער איניקייט פון די אראבער. אויך אין פערסיע באמערקן מיר א שטייפע האלטונג און ווידערשטאנד מצד דעם איסלאם קעגן דער עקספלואטאציע מצד דעם מערב.

פאר דער מלחמה איז פערסיע געווען א גליקלעך לאנד פאר איראפעישע דיפלאמאטן, וואס האבן געזוכט אוועקצוכאפן איינע פון די אנדערע פעטע ביסנס און א זייער אומגליקלעך לאנד פאר פשוטע מענטשן צו לעבן דארט. רוסלאנד האט געשפארט אויפן אומגליקלעכן לאנד פון צפון, בריטאניע פון דער זייט פון פערסישן אויסגוס. איטלעכער האט געטאן וואס ער האט געקאנט צו דיסקרעדיטירן און באעוולהן דעם צווייטן. מען האט געפונען גרויסע נאפט-קוואלן, און די אמעריקאנער נאפט-געזעלשאפטן האבן געזוכט זיי ארייננצוקריגן אויף קרומע וועגן פון אויפרייצן די און אונטערהאלטן יענע. עס האט עקסיסטירט א פאראדיע פון א מערבדיקער פארלאמענטארישער רעגירונג אונטער א שאך, און די רעאלע מאכט פלעגט זיך אריבערדוקן פון איין פעאדאלן שבט-עלטסטן צום אנדערן. צווישן זיי זיינען געווען שטענדיקע רייסערייען, זיי פלעגן אנפאלן איינער אויפן צווייטן און רויבן און הרגענען. די רוסן האבן ארייננגעשיקט א בריגאדע קאזאקן פארמעל כדי צו שיצן די רעגירונג, פאקטיש אבער כדי צו האלטן זי אין האנט. אנטקעגן דעם האבן די ענגלענדער באשאפן זייערן א קארפוס, א זשאנדערמעריע, וואס אירע אפיצירן זיינען געווען שוועדן, וואס זיינען כלומרשט געווען דורכגעדרונגען מיטן אינטערנאציאנאלן גייסט. אט די צוויי ווידעראנאנדיקע קארפוסן האבן אנגעמאכט מהומות און הריגות אין נאמען פון דער מערבדיקער ארדענונג. די דייטשן האבן אינטריגירט דורך די טערקן אויף צו שעדיקן סיי די ענגלענדער און סיי די רוסן.

דער שליסל צו דער קאָמפּליצירטער סטראַטעגיע פון דעם מצב איז געווען די באַשיצונג פון די נאַפט=טרויבן, אָפּווענדונג פון די נאַפט=טרויבן, אָדער צעשטערונג פון די נאַפט=טרויבן. די גרויסע מלחמה איז געווען פאַר פּערסיע אַ געשיכטע פון אָנפאַלן, מאַרשן, פאַרכאַפּונגען, אַוואַנטורעס, וואָס עס האָבן דורכגעפירט קאָזאַקן, דייטשן, ענגלענדער און אָרטיקע שבטים. כל=זמן דער ניצחון האָט זיך געוויגט צווישן דייטשלאַנד און אירע שונאים, האָבן די פּערסער, וואָס די דאָזיקע אייראָפּעיִשע מחלוקתן זיינען זיי גאָרניט אָנגעגאַנגען, אָדער געשלאָגן זיך מיט די ענגלענדער אָדער זיך איבערגעגעבן מיט זיי. אַ געוויסע צייט נאָך דער מלחמה האָבן די ענגלענדער געהאַט די איבערהערשאַפט אין פּערסיע, נאָר אין יאָר 1920 איז זייער לאַגע געוואָרן שטאַרק באַדרויט דורך דער אינוואַזיע פון די באָלשעוויקעס, וואָס האָבן איבערגענומען אַלע געניג פון דער צאַריסטישער סיסטעם. נאָר צו ביסלעכווייז האָבן די איינגעבאָרענע זיך גענומען אַרויסרייסן פון אונטער דער ממשלה פון דער דיפּלאָמאַטיע, כּדי זיך אַוועקצושטעלן אויף די אייגענע פיס. עס האָט גענומען וואַקסן דאָס נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיין פון די פּערסער, און דער פּרעסטיזש פון דעם מערב האָט גענומען זיך אויסהויבן. עס האָט זיך באַוויזן אַ שטאַרקער מאַן, ריזאַ כאַן, וואָס האָט אין יאָר 1921 פאַרכאַפּט די רעגירונג, איבערגעלאָזט דעם שאַך נאָר דעם טיטל. ער האָט געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט סאָוועט=רוסלאַנד, וואָס האָט אַוועקגעשטעלט דאָס לאַנד אין אַ מצב פון גרעסערע זעלבשטענדיקייט, ווי עס איז געווען אַ סך יאָרן פריער. אין יאָר 1926 איז ער געוואָרן אויס דיקטאַטאָר און האָט אָנגענומען דעם טיטל שאַך.

פון פּערסיע אין מזרח=זייט ביז דעם ברעג פון אַטלאַנטישן אָקעאַן אין מאַראָקאָ, פאָזע דער גאַנצער באַריר=ליניע צווישן דעם אַלטן קריסטנטום און דער מוכאַמעדאַנישער וועלט, אַנטפּלעקן זיך אין די יאָרן נאָך דער מלחמה אַ קאָמפּלעקס פון מהומות און קאָנפליקטן צווישן איסלאַם און די אייראָפּעיִשע גרויס=מלוכות, און עס ווייזט זיך אַרויס מער אחדות און מער איינהייט פון ציל און אפילו איינהייט פון האַנדלונג איינעם צד פון איסלאַם, איידער אויפן צד פון די מערב=לענדער. די אייראָפּעיִשע מלוכות, וואָס זעען ניט די סכּנה וואָס

וואקסט פאר זיי, אינטריגירן ווייטער איינע קעגן די אנדערע, אויפן שטייגער ווי דאס פלעגט ווערן געטאן אין 17טן און 18טן יארהונדערט. עס בליט דער האנדל מיט געווער, אפן און בגנבה. עס ווערט אלץ שווערער צו האלטן די איינגעבארענע רעקרוטן געטריי. אומעטום קוקט מען קרום אויף די באוואפנטע, אומגעלומפערטע אייראפעער, וואס הייסן ניט ווי זיך צו האלטן, אלץ איינס צי ענגלענדער, פראנצויזן, שפאניער אדער איטאליענער, און אומעטום זוכט מען פון זיי פטור צו ווערן דורך פארשווערונגען.

אין מאראקא האט שפאניע געפירט א מלחמה קעגן אן אויפשטאנד, וואס האט קיין מאל ניט געוואלט זיך ענדיקן און איז געווארן געשפייזט מיט אייראפעישן און אמעריקאנער געווער, און די מהומה האט אנגעטאן גוואלדיקע היזקות. עס זיינען געווען אן א שיעור מפלות און אנפאלן און צוריקציען, און א געוויסער עבד=אל קרים איז געווארן דער אנפירער פון די ריף=שבטים. דערווייל האבן די פראנצויזן פארנומען פעס און האבן אויסגעשפרייט זייער הערשאפט איבער די געגנטן אין דרום=זייט פון די ריף=שבטים, אבער די שפאניער האבן זיי ניט געוואלט העלפן. ביז עבד=אל=קרים האט אין יאר 1925 געווענדט זיינע הארמאטן און ביקסן קעגן זיי און עס האט זיך געעפנט פאר די פראנצויזן אן אויסקוק אויף א לאנגער און געפערלעכער מלחמה.

אויף דער גיך זיינען אריינגעצויגן געווארן אין קאמף אויף דער פראנצויזישער זייט א הונדערט מיט פינף=און=צוואנציק טויזנט מאן. די קלעפ פון די פראנצויזן אין מאראקא האבן געפונען אן אפקלאנג אין די מאנדאט=טעריטאריעס פון סיריע. די דרוזן זיינען אויפגעשטאנען קעגן די פראנצויזן און האבן זיי אנגעטאן גרויסע שאדנס. די אראבישע באפעלקערונג איז געווארן פיינדלעך און געפערלעך. די סכנה פאר פעס איז געווארן אויך א סכנה פאר דמשק. אין דרום=זייט זיינען די וואהאביטישע אראבער געווען אין שטאנד צו צווינגען דעם קיניג פון העדזשאס, וואס האט זיך געפונען אונטערן בריטישן שוץ, ער זאל אפדאנקען (1923) און גיין אין גלות. זיי האבן איינגענומען מעקא און האבן אויסגעשפרייט זייער מאכט פאוואליע און זיכער איבער דער טעריטאריע, וואס זיי האבן זיך אנגעצייכנט,

אין עגיפטן זיינען געווען כמעט כסדר מהומות; די עגיפטער אונטער דער ענגלישער ממשלה זיינען געגליכן צו קאנדיקע מילך אונטער א דעקל. אפילו אין די שטארק נאציאנאליסטיש געשטימטע קרייזן פון פראנקרייך און איטאליע האט מען גענומען איינזען, אז איינ=האלטן די אייראפעישע איבערהערשאפט איבער דער מוסלימישער וועלט איז מעגלעך נאר אין דעם פאל פון צוזאמענארבעט פון אלע שייכות=דיקע אייראפעישע מלוכות. פאוואליע האבן די לעצטע איינגעזען, אז עס זיינען פארביי די צייטן, ווען זיי האבן געקאנט צעטיילן און



א שווימענדיקער דאק אין סאוטהעמפטאן. ער קאן ארויפנעמען די גרעסטע שיפן צו פאררייכטן.

געוועלטיקן אין זייערע אייגענע ווירקונגס=ספערעס און אויפהעצן מהו=מות אין די לענדער פון זייערע שכנים.

דער הויפט=שטריך, וואס כאראקטעריזירט דעם איצטיקן צו=שטאנד פון דער מענטשהייט, איז דאס איינזען, וואס קומט בהדרגה אין גאר דער וועלט, אז עס איז נייטיק א פאקטישע אחדות און א גע=איניקטע אקציע פון די פעלקער. דער עיקר=תנאי פאר פרייהייט און מאכט איז דער פרייער פארקער פון געדאנק. דער איסלאם ווערט געפערלעך, ווייל ער הייבט אן אנטוויקלען פארבינדונגען צווישן

זיינע צעוואָרפענע טיילן און אַ באַוואוסטזיין פון זייער איינהייט. ער געפינט זיך אין אַ פּאַזיס פון אויפלעבונג. כינע, וואָס האָט זיך שוין פריער אַנטקעגנגעשטעלט קעגן פרעמדער אריינמישונג, ווערט איצט אַלץ מער און מער שטאַנדהאַפטיק אין איר ווידערשטאַנד, וואָרעם די נייע בילדונג האָט איר געגעבן אַ ראָם פון מאָדערנע אידעען און אַ בעסערן פאַרשטאַנד פאַר דעם, ווי אַזוי אָנצוטאָן צרות די אייראָפּעער. אינדער, עגיפּטער, טערקן און אַראַבער דיסקוטירן איצט אין איינעם איבער דעם אייראָפּעישן אימפּעריאַליזם — און זוכן און געפינען אַ בשותּפישע האַלטונג לגבי אים. אייראָפּע פאַלט אַרונטער אונטער דער פינאַנסיעלער איבערהערשאַפט פון אַמעריקע און פאַרלירט איר מאַכט איבער אַזיע און צפון-אַפריקע, ווייל זי צעשפּליטערט אירע כוחות אין אינעווייניקסטע סיכסוכים.

אויב אייראָפּע וואָלט געקאָנט דערגרייכן צו פּאָליטישער און מאָראַלישער אחדות, וואָלט זי נאָך געקאָנט זיין דער מוח און די פירערין פון דער מענטשהייט. נאָר עס פאַראייניקן זיך די פעלקער אויסער אייראָפּע, און אַלץ צו באַשיצן זיך קעגן איר, און אין דער מאָס ווי זיי ווערן שטאַרקער, געפינען זיי אַ קלאָרערן אויסדרוק פאַר זייער קוק אויף דער וועלט. זיי זיינען נאָך דערווייל לפי-ערך אומבאַשטימט, אינסטינקטיוו, פּרימיטיוו, ניט גענוג אַנטוויקלט און ניט פולקום, אָבער זיי קאָנען סוף-כל-סוף ווערן גרונט-זיילן, וואָס אויף זיי וועט זיך אָנשפּאַרן די קומענדיקע וועלט-מלוכה, פּונקט אַזעלכע וויכטיקע, ווי די גרויסע טראַדיציעס פון די אייראָפּעישע ציוויליזאַציעס.

---

## 10. אַמעריקע נאָך דער מלחמה.

מיר האָבן שוין פאַרצייכנט, ווי אַזוי די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע האָבן זיך ווידער צוריקגעצויגן אין זייער אָפּזונדערונג נאָך דער שלום-קאָנפערענץ אין ווערסאַיל. אייראָפּע האָט די אַמעריקאַנער צערייצט, איפּגערעגט און באַאומרויקט. זיי האָבן זיך אַרומגעזען, אַז זיי זיינען לחלוטין ניט בכוח זיך אַריינצוטאָן אין אָט די אַלע פאַרפּלאָנטערטע, שרייענדיקע פּראָבלעמעס, וואָס האָבן אַדאַנק

זייער אריינמישונג גענומען הודזשען ארום זייערע אויערן, ווי א מחנה בינען. די מדרגה פון אלגעמיינער בילדונג אין אמעריקע איז פארשיידן אין די פארשיידענע שטאטן: אין איינעם אדער צוויי שטאטן איז זי אזוי הויך ווי אין גרויס-בריטאניע, נארוועגן, שוועדן אדער שווייץ, נאר בדרך כלל איז זי נידעריקער פאר דעם שטאנד פון צפון-אייראפע. די בילדונג אין קאלעדזש איז גלענצנדיק, אבער אפט אויבנאויפיק. די פאראייניקטע שטאטן זיינען אזא גרויס לאנד, אז עס האט ארייננעמען נאר די אויפמערקזאמקייט פון זיין גאנצער באפעלקערונג. דאס פאלק פון די פאראייניקטע שטאטן האט זיך ביז אהער גאר ניט אינטערעסירט מיט דער שפאנישער אמעריקע און מיט די אייראפעישע ענינים. לפי-ערך מער האבן זיי געשפירט דעם באטייט פון כינע און פון שטילן אקעאן. נאר די ענגליש-ריידנדיקע אמעריקע מוז נאך דורכמאכן א גוואלדיקע אינטעלעקטועלע ארבעט, איידער זי וועט קאנען נעמען אויף זיך די פירערשאפט פון דער וועלט, וואס צו איר בארעכטיקט זי איר איצטיקער רייכטום און בליענדיקער צושטאנד. אן א פאזיטיווער אנשטרענגונג צוליב דעם ציל קאנען די פאראייניקטע שטאטן אראפזינקען אין א צושטאנד פון צופרידענער פארגליווערטקייט און בארוטקייט אויף א סך דורות, וואס קאנען אויפטאן א סך אין קונסט און עלעגאנץ, אבער סוף-כל-סוף וועלט דאס דאזיקע גרויסע פאלק געבליבן אויסגעשעפט און צייטווייליק דעקאדענט, אזוי ווי כינע איז געווען אין דער לעצטער העלפט פון 19טן יארהונדערט.

אין דער צוקונפט וועט, פונקט ווי דאס איז געווען אמאל, קענטיק דער טרעף-פלאץ פון די דריי קאנטינענטן אזיע, אפריקע און אייראפע בלייבן די סצענע פון דער מענטשלעכער דראמע, און קיין איין פאלק קאן ניט האבן קיין גרויסן באטייט אין יענער דראמע, אויב די מדרגה פון זיין אינטעליגענץ און אקטיוויטעט גרייכט ניט אזוי ווייט.

אין יאר 1921 האט פרעזידענט הארדינג, וואס איז אויסגעקליבן געווארן אין יאר 1920 נאך ווילסאנען, פונאנדערגעשיקט פארבעטונגען צו א קאנפערענץ אין וואשינגטאן אויף צו באטראכטן דעם מצב אין כינע און אויפן שטילן אקעאן און ארומריידן די פראגע וועגן אנטוואפענונג בכלל אין דער וועלט. דאס איז ניט געווען קיין

וועלט-קאנפערענץ. פארבעטן זיינען געווען נאר די מלוכות, וואס זיינען מער דירעקט פאראינטערעסירט אין די ענינים פון שטילן אקעאן -- בריטאניע, פראנקרייך, איטאליע, יאפאן, כינע, האלאנד, פארטוגאל און בעלגיע. עס זיינען ניט געווען אריינגענומען ניט רוסלאנד און ניט דייטשלאנד, און דאס וואס זיי זיינען ניט געווען, האט געגעבן די געלעגנהייט פאר א סך גערייד. אויך זיינען די שפאניש-רעדנדיקע פעלקער ניט געווען פארטראטן. א גרויסע קאמפאניע אין דער פרעסע האט געטרומייטערט וועגן דער פארזאמלונג, און די דעלעגאטן האבן זיך צונויפגעקליבן ביי דער שיין פון א גרויסער פאראינטערעסירטקייט פון פובליקום.

די קאנפערענץ האט זיך אין גרויסן און גאנצן איינגעגעבן. דורך דעם אפמאך פון פיר גרויס-מלוכות (די פאראייניקטע שטאטן, בריטאניע, פראנקרייך און יאפאן) איז אויף דער צייט פון צען יאר געמאכט געווארן א סוף צו דער אריבעריאגעניש אין שיף-בוי צווישן די פאראייניקטע שטאטן, בריטאניע און יאפאן, וואס האט געקאנט אלעמען בדלות שטעלן און אריינברענגען אין גרויסע סכנות; עס איז געווארן איינגעשטעלט א הסכם וועגן א בוררים-געריכט אין אלע ענינים פון שטילן אקעאן בכלל, און עס איז באגרינדעט געווארן א מין נייע מאנרא-דאקטרינע צו באגרענעצן ווייטערע אנפאלן אויף כינע און צו באוועגן די פרעמדע מלוכות ארויסצוגיין פון יענע כינעזישע געגנטן, וואס זיינען געווען ביז דעמאלט אקופירט.

פון דער אנדער זייט האט פראנקרייך, וואס איז געווען פארגעשטעלט דורך איר פרעמיער-מיניסטער מ"ר בריאן, זיך שארף ארויסגעזאגט קעגן באגרענעצונג פון דער באוואפענונג אויף דער יבשה. די פראנצויזן האבן אויף דער וואשינגטאנער קאנפערענץ קיין פיינעם פנים ניט געהאט. די נאציאנאליסטישע שטימונגען, וואס מיט זיי זיינען זיי געווען נאך ארומגעכאפט, האבן ניט געשטימט מיט דעם ברייטן גייסט פון אויסגלייך, מיט דעם אמתן פארלאנג נאך שלום פון דער וועלט, וואס האט זיך דארט אנטפלעקט. געווען א צונויפשטויס צווישן די ענגלענדער און פראנצויזן אין דער פראגע וועגן אונטערוואסער-שיפן; די ענגלענדער האבן בכלל געוואלט פארבאטן

דאָס דאָזיקע געווער, און די סימפּאַטיעס פֿון אַמעריקע זיינען געווען אויפֿן צד פֿון די ענגלענדער.

ווי באַטייטיק עס זיינען אויך געווען די קאָנקרעטע רעזולטאַטן פֿון דער פֿאַרזאַמלונג אין וואַשינגטאָן, איז די ווירקונג פֿון דער קאָנפֿערענץ אין אַרויסברענגען נייע אָריענטאַציעס צווישן די נאַציעס פֿון דער וועלט, און געבן ווידער אַ באַשטימטע פֿאָרם די ליבעראַלע שטימונגען, וואָס האָבן נאָך דעם חורבן פֿון דער פֿעלקער-ליגע געשפּילט נאָר אַ טפֿל-ראָלע אין די אינטערנאַציאָנאַלע ענינים, און גרויסן און גאַנצן געוואָרן צו נישט געמאַכט און אויסגעוועבט. די וועלט האָט באַשיימפּערלעך אָנגעהויבן תּופֿס צו זיין, ווי געוואַלדיק און קאָמפּליצירט עס איז די אויפֿגאַבע פֿון ווידעראויפֿבוי, וואָס שטייט פֿאַר איר, און ווי לאַנג דאָס דאַרף געדויערן, אויך האָט גענומען ווערן קלערער, אַז אַלע באַשטימונגען פֿון ווערסאַיל זיינען נאָר פּרוּוון אויף דערווייל. מען האָט געקאָנט אַרויסזען, אַז דער ליבעראַלער געדאַנק אין אַמעריקע, בריטאַניע, יאַפּאַן און כינע האָט זיך באַוועגט אין איין ריכטונג און צו איין שותּפֿישן ציל — דאָס הייסט צו אַ וועלט-אָרגאַניזאַציע ניט צוליב קאָנקורענץ, נייערט צוליב צוזאַמענאַרבעט.

פֿון פּרעזידענט האַרדינג איז געקומען די כאַראַקטעריסטישע אַמעריקאַנישע אָנמוטונג, שאַרף אין איר כאַראַקטער, דרייסט אין איר כּוונה און אָפּגעהיט אין איר מעטאָדע, אַז דער וועג צו אַ וועלט-שלום און צו אַן אָרגאַניזירטער צוזאַמענאַרבעט ליגט ניט דורך אַ מיט אַמאָל איינגעשטעלטער ליגע מיט אַ גענויער קאָנסטיטוציע און כּללים און באַגרענעצונגען, נייערט דורך אַ פּאַוואָליעדיקער אַנטוויקלונג פֿון אַ פֿעלקער-פֿאַרבאַנד, וואָס טאַפּט אַן פּאַמעלעך זיין וועג דורך אַ ריי אַזעלכע קאָנפֿערענצן, ווי די וואַשינגטאָנער, ביז ער וועט אויסאַרבעטן אַ רעאַלע מעטאָדע פֿון אַן אַלגעמיינעם קאָנטראָל איבער די אַלין זיך פֿאַרברייטערנדיקע שותּפֿישע אינטערעסן פֿון דער מענטשהייט. אין וואַשינגטאָן איז אויך אַלגעמיין אַרויסגעזאָגט געוואָרן דער וואונטש, וואָס כּמעט קיינער איז ניט געווען קעגן אים, אַז צו דער קומענדיקער פֿאַרזאַמלונג זאָלן ווערן צוגעצויגן אויך די גרויסע נאַ-

ציעס, וואס האבן איצט געפעלט, נעמליך דייטשלאנד, רוסלאנד און די שפאניש־ריידנדיקע פעלקער.

פינאנציעלע און עקאנאמישע ענינים זיינען בפירוש געווארן אויסגעשלאסן פון דער וואשינגטאנער פראגראם. אין אמעריקע האט מען געפילט, אז כל־זמן אייראפע בלייבט אין א צושטאנד פון אנגעצויגנקייט, בעת זי איז אריינגעטאן אין איבערגעוויינטלעכע מיליטערישע גרינדונגען און גרייט צו נייע מלחמות, איז ניט געווען קיין אויסקוק, אז אמעריקע זאל קאנען ארומריידן די דאזיקע ענינים מיט



אן אייזנבאן־בריק איבער דעם ס״ט לאורענס־טייך ביי קוועבעק אין קאנאדע.

נוצן. מחמת דעם איז דער וויטערדיקער לאגישער גאנג נאך דער וואשינגטאנער פארזאמלונג געווען אן אלגעמיין־אייראפעישע קאנפערענץ. דאס האט פארגעלייגט מ״ר ללאיד דושארדוש. פראנקרייך האט געמאכט היפש שוועריקייטן און האט אנגענומען זיין פארשלאג מיט גרויס צוריקגעהאלטנקייט. נאר סוף־כל־סוף איז זיך די קאנפערענץ צונויפגעקומען אין גענוא אין יאר 1922, און פארטרעטער פון דייטשלאנד און רוסלאנד האבן צום ערשטן מאל נאך דער מלחמה זיך געזעצט ביי איין טיש מיט די איבעריקע פעלקער פון אייראפע, בכדי ארומצוריידן די אלגעמיינע נויטן פון אייראפע. די קאנפערענץ פון גענוא האט ווינציק וואס אויפגעטאן, חוץ אט דעם באטייטפולן צו־

נויפטרעף, און אין משך פון די צוויי ווייטערדיקע יאר איז דאס ווערק פון אייראפעישן ווידער־אויפבוי געבליבן הענגען אין דער לופטן. די ארמייען זיינען ניט געווארן פארקלענערט, די הויפט־סיכסוכים זיינען ניט געווארן אויסגעגלייכט, און אמעריקע, א ביסל מער בארויקט מכוח די סכנות פון שטילן אקעאן, איז געווען איינגעמידט אויף צו באנייען איר אלטרויסטישע באמיונג לטובת דעם שלום פון אייראפע.

אנהייב 1924 איז די פעלקער־ליגע נאלוואניזירט געווארן צו א נייעם לעבן אויף א ווייַלע, און עס זיינען ווידער אויפגעקומען האפענונגען, אז זי וועט אויספירן דאס, צוליב וואס זי איז געשאפן געווארן. געשען איז דאס דערפאר, וואס אין ענגלאנד איז געקומען צו דער מאכט די ארבעטער־פארטיי און זי האט פעסט צוגעזאגט אונטערצוהאלטן די ליגע און צו העלפן איר אויסזאקסן. אין דער זעלביקער צייט איז אויך געפאלן פואנקארעס רעזשים ביי די פראנצויזישע וואלן אין מאי. פואנקארעס ארט האט פארנומען מ' עריא. די בריטישע ארבעטער־רעגירונג איז געווען א רעגירונג פון מיעוט, און מ"ר רעמזיי מאקדאנאלד, איר ראש, א מענטש וואס איז צו לאנג צוגעוויינט געווארן צו דער אומפארענטפערלעכקייט און אפגעלאזנקייט פון אן אפאזיציע, איז געקומען אויף דער זיצונג פון דער פעלקער־ליגע אין זשענעווע, האט זיך צונויפגערעדט מיט מ"ר עריא, זיך צו באגעגענען דארט, האט געוויזן עטלעכע שיינע זשעסטן, אויסגעדריקט עטלעכע איידעלע און פרומע געפילן -- און האט גארנישט ניט אויפגעטאן, וואס זאל האבן דעם קלענסטן באטייט.

די אמעריקאנער האבן געפרווט אויך העלפן אייראפע, אן זיך צופיל אריינצומישן אין אירע אינעווייניקסטע עסקים: השפעהדיקע באנקירן און פינאנסיסטן האבן ארומגערעדט די וועגן און מעגלעכקייטן, ווי אזוי די פארחובעטע אייראפעישע רעגירונגען זאלן קאנען דעקן זייערע התחייבותן. מען האט געפונען, אז די פעלקער־ליגע איז א פאסיקער פארמיטלער, וואס קאן ארויסלאזן א הלוואה פון 25.000.000 פונט סט., וואס זאל געבן די מעגלעכקייט עסטרייך צו ענטפערן אירע קרעדיטארן. בכדי צו פארהיטן פון די צרות, וואס עס האט געקאנט ברענגען דער באנקראט פון דייטשלאנד, איז אנגענומען געווארן דער פלאן פון גענעראל דאוס (1923 — 4), וואס אין אים זיינען ארינ־

גענומען געוואָרן עטלעכע געזונטע און שכלדיקע פאָרשלאָגן, נאָכ־דעם ווי מען האָט גענוי אויסגעפאָרשט, ווי ווייט דייטשלאַנד איז ביכולת צו צאָלן.

---

## 11. חובות, געלט, סטאַבילקייט.

צו ביסלעכווייז, נאָכדעם ווי עס איז אַוועק איין יאָר נאָכן אַנדערן, און די געמיטער פון די מענטשן האָבן זיך אַלץ מער דערווייטערט פון דער שפּאַנונג און ליידנשאַפט פון דער גרויסער מלחמה, זיינען די גייסטיקע געוויינהייטן, וואָס מענטשן האָבן זיך אָנגענומען דורך דער פּראָ־פּאַגאַנדע, און די דרינגענדיקע נויטווענדיקייט צו באַטראַכטן די דייטשן בעתן קאַמף ווי אַ באַזונדערס מיאוסע און רשעותדיקע ראַסע, אַפּגעשיידט פון גאָר דער וועלט, אויסגעוועבט געוואָרן. פּראַקטישע מענטשן האָבן אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז מען קאָן ניט קומען צו קיין אַלגעמיינער פאַר־ענטפערונג פאַר די שווערקייטן פון די אייראָפּעישע מלוכות, אויב עס וועט זיך דערין ניט באַטייליקן איינס פון די געבילדעטסטע פעל־קער מיט די בעסטע קאָפּ־מענטשן אין דער וועלט.

חוץ דעם, האָבן די דאָזיקע פּראָבלעמעס טאָג פאַר טאָג גע־ביטן זייער כאַראַקטער און פאָרם. איינריידענישן מכוח גוטע און שלעכטע ראַסעס, טראַדיציעס פון נאַציאָנאַלער שנאה, פּאַטריאָטיזם און סעקטאַנטישע ליידנשאַפטן האָבן גענומען זיך אויסוועבן אַנט־קעגן מער ממשותדיקע אינטערעסן. די אייראָפּעער האָבן אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז זייערע ענינים זיינען געפערלעך פאַרפּלאָנטערט אין אַ נעץ, וואָס זיי האָבן זיך אַליין אויסגעפלאָכטן און וואָס זיי האָבן קיין כוח ניט פון איר זיך אַרויסצודרייסן, אַז זייער טעגלעך לעבן איז צעקאַלעטשעט און דערשטיקט אין אַ פּלאָנטער פון חובות, שטייערן און אומבייטן אין דער געלט־סיסטעם, וואָס שטעלן זיי בדלות.

אין אונזער באַריכט וועגן דער ערשטער פראַנצויזישער רעוואָ־לוציע האָבן מיר שוין אַרומגערעדט די עלעמענטאַרע שייכות פון קרעדיט און געלט־פאַרקער צום סאָציאַלן לעבן. נאָר די כאַאָטישע איבערגרופּירונג, וואָס עס האָבן גורם געווען אין פראַנקרייך די רעוואָלוציע און די מלחמות וואָס נאָך איר, זיינען געווען נישטיק

אין פארגלייך מיט די געוואלדיקע איבערשטעלונגען אין אייראפע נאך דער גרויסער מלחמה. די געזעלשאפט פון סוף 18טן יארהונדערט איז לחלוטין געווען א סך פשוטער און אויטאנאמער, ווי די צונויפגעקניפלטע און געבונדענע אייראפעישע געזעלשאפט אין דער איצטיקער צייט. איר עקאנאמיש און סאציאל לעבן איז געווען איינגעשלאסן אין אירע אייגענע גרענעצן. אבער די אייגנטימלעכע שווערקייט פון דער מאדערנער לאגע איז די, וואס בעת די עקאנאמישע פארהעלטענישן און ווירקונגען האבן שוין לאנג אריבערגעשפאנט די גרענעצן פון די עקסיסטירנדיקע מלוכות, מחמת די גרויסע פארענדערונגען אין די פארקערס-מיטלען; בעת איצטער קאן מען גרינג אריבערפירן מאסנוויין סחורות און ארבעטס-קראפט פון איין עק וועלט ביזן אנדערן — א זאך, וואס איז קיין מאל פריער ניט געווען באוואוסט, חוץ די שפייז-טראנספארטן פון דער רוימישער אימפעריע; בעת גאר די וועלט איז אזוי ארום עקאנאמיש פארקניפלט, — זיינען נאך מענטשן צוגעבונדן צו די קליינע פאליטישע איינטיילונגען, צו די איזאלירטע סוווערענע מלוכות, וואס זיינען געגרינדעט געווארן ביי אומשטאנדן, וואס זיינען שוין איצט ניטא.

די איינרעדעניש פון נאציאנאלער סוווערעניטעט מיט איר צוגעטשעפעטן פאנאטיזם פאר „גאט, קיניג און לאנד" און כדומה איז דער ווילדסטער צווישן אלע אבער-גלויבנס, וואס ווירקן ביי היינטיקן טאג אין דער וועלט. איטלעכע מלוכה מוז זיין פריי צו מאכן איר אייגן געלט, רעגולירן איר אייגענעם קרעדיט, שטערן דעם טראנספארט דורך איר טעריטאריע און אויפשטעלן צאל-מחיצות פאר דעם גאנג פון האנדל. איטלעכע מוז אריינציען זיך אין חובות און בלייבן אנגעשטרענגט, פיינדלעך און באוואפנט ביז די ציין קעגן אירע עצם ענלעכע שכנים. איטלעכע מוז האבן איר אייגענע בילדונגס-סיסטעם, לערנען א פארטייאישע און ליגנערישע געשיכטע און ארייננלאזן אין יונגן דור פארסמטע נאציאנאלע השגות און א גיפטיקע שנאה צו אויסלענדער.

די דאזיקע איינגעירשנטע קללה פון ניט-פעדערירטע סוווערענע מלוכות האט פאר אייראפע געהאט שווערע רעזולטאטן. דער פראצעס פון עקאנאמישער מהומה און אומגעשעפטקייט, וואס האט זיך געהאט

באוויזן אין פראנקרייך נאך דער פראנצויזישער רעוואָלוציע, האָט זיך איבערגעחזרט נאָך דער גרויסער מלחמה אין אייראָפּע אין אַ סך אַ גרע־סערן מאַסשטאַב און איז געווען גוואַלדיק קאָמפּליצירט דורך אַן אינ־טערנאַציאָנאַלן פּלאָנטער. איטלעכע מלוכה איז געווען פאַראָרעמט, אָבער איטלעכע מלוכה האָט אויפגעשטעלט אין ציפערן חובות קעגן יעטווידער אַנדער מלוכה פאַר דער נאַציאָנאַלער הילף אין דער מלחמה, וואָס אין איר זיינען אַלע געווען פאַרבינדעטע, און אַ פאַנטאַסטישער חוב איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף די באַזיגטע. הגם די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען אין די לעצטע סטאַדיעס פון דער מלחמה געווען אַ שונא פון דייטשלאַנד און האָבן געליטן ווינציקער ווי וואָסער עס איז אייראָפּעישע מלוכה, ווא איז געווען פאַרמישט, איז אַמעריקאַנער אַמוניציע געוואָרן צוגעשטעלט אַלע פאַרבינדעטע פאַר אויפגעשרויפּ־טע מקחים, און איצט איז אייראָפּע פאַרחובעט אַמעריקע ביז איבערן קאָפּ.

ווען אייראָפּע זאָל האָבן דעם מוט פשוט אָפּצוזאָגן זיך פון אַלע די מלחמה־חובות און מלחמה־תביעות, דעמאָלט וואָלט באַלד אָפּ־עריינינקט געוואָרן די לופט פאַר דער גאַנצער וועלט. אָבער נאָר אַ מעכטיקע פעדעראַלע רעגירונג פון אייראָפּע וואָלט געווען געגוג דרייסט אין פּרימוטיק דאָס צו טאָן. אייראָפּע האָט ניט ניט קיין פעדעראַלע רע־גירונג, ניט קיין וועלט־פּאָליטיק, ניט קיין פירערס מיט אַ ברייטן גייסט, זי האָט מער ניט מלכים, מלוכה־לייט, פּאָליטיקער, וואָס ווילן וויסן נאָר פון זייער קליינער צי גרעסערער פּאַראַפּיע, פירערס פון געשעפטן, וואָס מוזן געשיצט ווערן דורך גרענעץ־אָפּצאָלן, ציטונגען באַגרענעצט אין אויסקוק דורך זייער שפּראַך און פּאַרטיי־פּלאַץ, לערערס, וואָס ווערן אויסגעהאַלטן פון דער מלוכה, נאַציאָנאַלע אוניווערסיטעטן און גרופּעס „פּאַטריאָטישע“ פינאַנסיסטן. אין זיי אַלע כאַפּט אָן אַן אימה ביים פשוטן געדאַנק וועגן אַ גרעסערער סיסטעם, וואָס וואָלט אָפּנעמען ביי זיי די גרויסע פּערזענלעכע רווחים, וואָס זיי געניסן אויפן חשבון פון דער אייראָפּעישער מענטשהייט. זיי ווילן קיין געאייניקטע אייראָפּע ניט האָבן; זיי ווילן דערפון ניט הערן; זיי וואָלטן זיכער וועלן, אייראָפּע זאָל שטאַרבן, איידער ווערן רענאַציאָנאַליזירט. דע־מאָלט וואָלטן די פליגן דעם מיסטהויפן אויפגעצערט.

אזוי ארום איז גאנץ אייראפע אין מערב-זייט פון הויסלאנד אריבער אין א שיילאק-פאזיס: גאר דער גנזעלשאפטלעכער אינטערעס איז פארנומען מיט די פלענער, ווי אזוי קריגט מען באצאלט די דאזיקע פאנטאסטישע מלחמה-חובות, און דערווייל האט איטלעכע סווערענע מלוכה אויף איר אייגענעם שטייגער ארומגעמיסטערט מיט געלט. א סך מענטשן זיינען פלוצים בדלות געווארן, א סך זיינען פאנטאסטיש רייך געווארן דורך ספעקולאציע, און עס האט אויסגעוויזן, אז מער שכל איז אויסצוגעבן געלט, איידער קלייבן עס. אויב מען האט ניט געבויט קיין הייזער פאר געוויינטלעכע מענטשן, איז ניט געווען קיין שום מניעה אדער שטער צו בויען און אויסצובעסערן לוקסוס-האטעלן. קיין מאל האט מען אין אייראפע אזוי פיל ניט געטאנצט, און קיין מאל האט מען זיך אזוי ניט געיאגט נאך ספארט און פארגעניגנס. דער פנים פון אייראפע האט געוויזן די צונטער-רויטקייט פון א קראנקהאפטיקן פיבער.

קודם-כל איז געקומען דער חורבן פון געלט אין רוסלאנד. די קאמוניסטישע רעגירונג האט אים גענערט און געצערטלט. זי האט געדרוקט רובלס אן א גרענעץ, און די וואליוטע איז געפאלן און פרייזן האבן געשטייגט, ביז עס איז געקומען דערצו, אז אן איי צי אן עפל האט מען פארקויפט פאר 10.000 רובל, און דער פויער האט שוין גאר ניט געהאט צוליב וואס אפצושפארן פארגרייטן און האט קיין אימפולס ניט געהאט צו ארבעטן צוליב אפשפארן. די שטרענגערע קאמוניסטן האבן בכלל געהאט בדעה אפצושאפן דאס פרייע קויפן און פארקויפן. געלט האט באדארפט אנווערן זיין ווערט, און די ארבעט פון דעם בירגער האט באדארפט ווערן אנגעצייכנט אויף קארטעס, וואס דארפן פעריאדיש ארויסגעגעבן ווערן; פאר די דאזיקע קארטעס אליין האט מען גארנישט געקאנט קויפן, זיי האבן אבער געהאט קופאנעס פאר שפייז, קליידער, ביכער, פארבילעטן אאז"וו. נאר שוין 1921 האט די באלשעוויסטישע רעגירונג זיך איבערצייגט, אז מען מוז ווידער אנקומען צו געלט, מחמת נאר געלט האט די נייטיקע עקאנאמישע פליסעוודיקייט. עס האט זיך באוויזן א נייע רובל-וואליוטע, וואס אין איר איז איין רובל געווען ווערט 10.000 רובל פון דעם פריערדיקן ארויסלאז. אנשטאט דעם

רובל איז ווידער אין יאָר 1923 געקומען דער טשערוואָנעץ, וואָס איז גלייך אין זיין ווערט צו 10 צאַרישע גאָלד־רובלס פֿון פֿאַר דער קריג. דאָס איז דער באַזיס פֿון דעם איצטיקן געלט־פֿאַרקער אין רוסלאַנד. די טשערוואָנצעס ווערן אַרויסגעלאָזן פֿאָרזיכטיק, מען סטאַרעט זיך אויפֿצוהאַלטן זייער ווערט אויף די געלט־בערזעס. דערפֿון איז אַ ראיה, אַז אויך די באָלשעוויסטישע עקאָנאָמישע סיסטעם קאָן זיך ניט אָפּטיילן פֿון דעם אַלגעמיינעם געלט־מאַרק מיט דער וואַליוטע, חובות און דער גאַנצער איבעריקער מערבדיקער סיסטעם. די געלט־פּראָבלעם פֿון דער וועלט איז איינע, און זי קאָן ווערן פֿאַרענטפֿערט נאָר ווי אַ קאָסמאָפּאָליטישע פּראָבלעם.

אין מערב־זייט פֿון רוסלאַנד איז ניט געמאַכט געוואָרן קיין פּרווו איינגאַנצן פּטור צו ווערן פֿון געלט, נאָר מער אָדער ווינציקער אינפֿלאַציע איז געווען אין איטלעכן לאַנד. די עקספּערימענטן מיט געלט אין דייטשלאַנד זיינען דערגאַנגען ביז צום עקסטרעם, און זיי גיבן דעם אַלגעמיינעם פּראָצעס אין זיין פֿולסטער פֿאָרם. היות ווי די רעגירונג איז ניט געווען ביכולת צונויפֿצונעמען דורך שטייערן גענוג געלט אויף צו דעקן די אויסלענדישע התחייבותן און צו באַדינען די אינעווייניקסטע נויטן, האָט זי זיך געווענדט צו דער דרוק־מאַשין. אַז עס איז גרעסער געוואָרן דער סכום מאַרקן, וואָס געפֿינען זיך אין צירקולאַציע, זיינען געוואַקסן די הוצאות אויף אַדמיניסטראַציע און דער פּרייז פֿון דער אויסלענדישער וואַליוטע, וואָס דייטשלאַנד האָט געדאַרפֿט האָבן צוליב די רעפּאַראַציע־צאָלונגען, און מען האָט ווידער געמוזט אָנקומען צום דרוקן פּאַפּירלעך. אין יאַנואַר 1923 האָט דער דאָלער, וואָס איז אַל פּאַרי געווען גלייך 5 גאָלד־מאַרק, באַטראָפֿן 7.260 מאַרק. נאָך דעם איז שוין געקומען אַ גיכע ירידה. אין פֿעברואַר האָט מען פֿאַר אַ דאָלער געצאָלט 21.210 פּאַפּיר־מאַרק. אין יולי איז ער שוין געקאָסט אַריבער אַ מיליאָן. צום סוף יאָר איז ער געווען ווערט 4 ביליאָן פּאַפּיר־מאַרק.

די סאָציאַלע רעזולטאַטן פֿון אָט דעם פֿאַנטאַסטישן גילגול, וואָס עס האָט דורכגעמאַכט דאָס זיכערע געלט, ביז עס איז געוואָרן אַ שטיקל פּאַפּיר אָן ווערט, זיינען געווען זייער טיפֿע. אַ גאַנצער קלאַס מענטשן, וואָס האָבן געלעבט פֿון דעם געלט, וואָס זיי האָבן אַריינגעלייגט

אין ווערט-פּאַפּירן מיט אַ פעסטן צינז, פּענסיאָנירטע באַאַמטע, אַלמנות און יתומים, וואָס האָבן געלעבט פון פּענסיע וכדומה נאָך אַזעלכע, זיינען געוואָרן פּאַופּעריזירט און אַריינגעטריבן אין די ערגסטע לעבנס-תּנאָים. גאָר די וויסנשאַפטלעכע, ליטעראַרישע און דערציערישע אַרבעט, וואָס איז געוואָרן געשטיצט דורך פרייוויליקע נדבות, איז איצט אָפּגעשטעלט געוואָרן. באַאַמטע, לערערס, מענטשן פון פרייע פּראָפעסיעס און כּדומה אַזעלכע מענטשן, וואָס לעבן פון פעסטע שכירות אָדער פעסט פיקסירטן האָנאָראַר, זיינען קיין מאָל ניט געווען בכּוח אַזוי צו הייבן זייער פאַרדינסט, אַז עס זאָל קלעקן פאַר די געהעכערטע פרייזן. עס איז פאַקטיש געווען אַ מין עקאָנאָמישע שחיטה פון דער אָרעמער אינטעליגענץ. די הכנסות זיינען פאַרשוואונדן, און די פרייזן פאַר אַלע גויטווענדיקע זאַכן זיינען געוואַקסן פאַנטאַסטיש.

פון דער אַנדער זייט האָט איטלעכער, ווער עס האָט געהאַט אַ היפּאָטעק-חוב, און איטלעכער געשעפט געקאָנט באַצאָלן זיין חוב מיט אָנווערטיקע פּאַפּירלעך, און די אינעווייניקסטע רעגירונגס-חובות און די עפנטלעכע און מוניציפּאַלע הלוואות זיינען ניט געוואָרן. אַ שטיקל צייט האָט מען זיך גענומען מיטן גרעסטן אימפּעט פאַר עקספּאָרט-געשעפטן. מען האָט געמוזט אָננעמען שטרענגע מיטלען צו פאַרהיטן, מען זאָל ניט אַרויספירן אַלצדינג וואָס האָט אַ ווערט פון לאַנד. נאָר דער אַריינפיר פון שפּייז-פּראָדוקטן און רוי-מאַטעריאַלן איז געפאַלן ביז צו נול, און נאָך אַ שטיקל באַלעבונג אין דער פּראָדוקציע איז געוואָרן אַ גרויסער שטילשטאַנד און אַרבעטסלאָזיקייט. אין די שטעט איז געוואָרן קנאַפּ וואָס צו עסן, וואָרעם די פּויערים, וואָס האָבן איינגעזען, אַז מיט געלט קאָנען זיי גאָרנישט מאַכן, האָבן געוואָלט נאָר בייטן זייערע פּראָדוקטן אויף סחורה. הונגער, דחקות און פּיין איז געווען דער גורל פון די מאַסן פון מיטלקלאַס און פון די בכּבודיקע אָרעמעלייט. עס איז געוואַקסן מיט אַמאָל די צאָל פון זעלבסטמאָרדן. די צאָל געבורטן איז געפאַלן אויף 15 פּראָצענט לגבי פאַראַיאָרן. נאָר פונדעסטוועגן איז די שטאַרבלעכקייט פון קינדער געוואַקסן אויף 21 פּראָצענט.

אומעטום זיינען אויסגעבראכן פאליטישע מהומות, רעאקציאנערע און רעוואלוציאנערע באוועגונגען. קיין אנדער פאלק, ווי די געארדנטע, געבילדעטע און דיסציפלינירטע דייטשן, וואלט אזא שטורעם ניט אויסגעהאלטן. אין נאוועמבער האט די רעגירונג געשאפן א נייע וואליוטע. זי האט איינגעפירט א „רענטן-מארק", וואס איז געווען געזיכערט דורך דעם אלגעמיינעם אקטיוו פון לאנד און האט אפגעשטעלט דאס דרוקן די אלטע מארקן. איין רענטן-מארק איז געווען גלייך איין ביליאן פאפיר-מארק. דורך באגרענעצן שטרענג דעם ארויסלאז האט די רענטנמארק זיך איינגעשטעלט אויף א הויכן שטאנד. און אזוי ארום האט דייטשלאנד געקאנט זיך אומקערן צוריק צו איר פריערדיקער וואליוטע. אין יאר 1925 האט די גאלדענע רייכס-מארק פארנומען דעם ארט פון דער רענטנמארק, און די רענטנמארק איז ביסלעכוויז ארויסגענומען געווארן פון פארקער.

אין עטלעכע אנדערע לענדער, למשל אין עסטרייך און פוילן, איז די געשיכטע פון געלט-וואליוטע געווען במעט פונקט אזוי טראגיש ווי אין דייטשלאנד. ביידע זיינען זיי צוריקגעהונקען צו זייער איצט פון דאס ניי-איינגעשטעלטער וואליוטע. די עסטרייכער האבן אנגענומען א נייע רעגירונג-מטבע, דעם שילינג; פוילן האט איינגעפירט א זלאט (גילדן), ביידע באגרינדעט אויף גאלד. אזעלכע לענדער, ווי טשעכאסלאוואקיע, גריכנלאנד, פינלאנד, הגם זיי האבן אויך דורכגעמאכט אן אינפלאציע, זיינען זיי דאך געווען איינגעהאלטן, און האבן דערפאר אויפגעהיט זייער לכתחילהדיקע געלט-איינהייט אין א געוויסער סטאבילקייט, אזוי אז זי באטרעפט אן ערך א פינפטל צי א זעקסטל פון איר פריערדיקן גאלד-ווערט. איטאליע, פראנקרייך און בעלגיע האט דורכגעפירט די אינפלאציע אין נאך שמאלערע גרענעצן. די איטאליענישע לירע איז אראפגעזונקען פון $25\frac{1}{4}$ ביז אונטער הונדערט פאר א פונט סטערלינג. פאר מוסאלינים צייט, און נאך א פאזיס פון מסופקדיקער זיכערקייט, האט זי ווייטער גענומען זינקען ביז 110, 120, 130 און זי האלט נאך אלץ אין פאלן, אין דער צייט ווען דאס ווערט געשריבן. דער פראנצויזישער און בעלגישער פראנק און די שפאנישע פעזעטא פאלן נאך פאמעלעכ-

דיקער. דער פראנק איז אריבער דעם גרענעץ הונדערט פאר א פינט אין יאר 1925, און פאלט נאך ווייטער.

די לאטיינישע פעלקער צאלן ניט גערן שטייערן; די הוצאות אויף מיליטערישע ענינים אין די דאזיקע לענדער זיינען נאך זייער שווער, און עס איז א ספק, צי דער פראצעס פון אינפלאציע קאן ווערן אינגאנצן אפגעשטעלט. סוף-כל-סוף איז אפשר מעגלעך, אז ווען די וואקלעניש וועלן האבן אויף א שטיקל צייט זיך איינגעשטעלט, וועלן



די סענאר-דאמבע אויפן בלויען נילוס אין סודאן. זי איז געבויט געווארן פון סוף 1922 ביז סוף 1925 און האט אפגעקאסט 4 מיליאן פונט.

דער פראנק און די לירע קריגן א נייעם גאלד-עקוויוואלענט אין הסכם מיט זייער רעאלן ווערט. דער ענגלישער סאווערעין איז געפאלן לגבי זיין גאלד-ווערט נאכן קריג, אבער קיין מאל ניט ביז אזא מאס, אז ער זאל פארלירן מער פון א דריטל פון זיין ווערט, און אין די יארן 1924 — 1925 איז ער, נאך ענערגישע אנשטרענגונגען, א באגרענעצונג פון קרעדיט, אן אפשטעל פון געשעפט און אן ערנסטן קריזיס פון ארבעטסלאזיקייט, צוריק ארויפגעבראכט געווארן צו זיין

פריערדיקער פאריטעט מיטן גאלד־דאלאר. די סקאנדינאווישע לענדער, האלאנד און שווייץ האבן דורכגעמאכט לפי־ערך קליינע הייבונגען און ירידות פון דער וואליוטע.

דאס איז געשיכטע אין דער פארם פון א חשבון. דער לייענער קאן זיך אליין אויסמעלן, וויפיל שרעק און יאוש, צרות און פיין, דחקות און נויט, קראנקהייט און טויט באטייטן אט די באראמעטרישע קונצן פון דער אייראפעאישער וואליוטע, אויב מען זאל זיי איבערזעצן און דער שפראך פון מענטשלעכן געפיל.

מיר קעמפן זיך דורך צוריק אויף א צייט צו א גאלד־וואליוטע. דאס גיט ניט קיין אידעאלע וואליוטע, נאר דאס איז, ווייזט אויס, די בעסטע מאס אין דער וועלט, כל־זמן געלט ווערט נאך קאנטראלירט דורך א סך אומאפהענגיקע רעגירונגען. היות ווי מיר האבן ניט קיין קאסמאפאליטישע רעגירונג און ניט קיין פעדעראלע וועלט־רעגירונג, וואס זאל זיין ביכולת צו קאנטראלירן די דאזיקע ענינים, מוזן מיר איבערענטפערן די עקאנאמישע אייבערהערשאפט פון דער ערד צו א מעטאל. עס איז א טויטער שטאף; ער צווינגט, אז איטלעכע נייע פראדוקטיווע ארבעט זאל צאלן צינז די רווחים פון אמאל; אבער ער קאן לכל הפחות ניט אפנארן און ליגן, ווי א פאליטיקער, און האט ניט קיין פאטריאטישע פאראורטיילן.

---

## 12. די פארבארגנקייט פון די שעפערישע כוחות, וואס ווירקן אין דער וועלט.

עס איז ניט מעגלעך צו גלויבן, אז די ציוויליזאציע וועט איינזינקען אויף שטענדיק אין א פשוטן אריטמעטישן זומפ, אדער אז דער פראגרעס קאן ווערן אפגעשטעלט און פארהאלטן דורך די קאנסערוואטיווע אייגנטימער פון דער גאלד־וואליוטע. עס זעט זיך אן, אז אין משך פון דער צייט וועט מען, הגם מיט גרויסע חורבנות און עוולות, צוקומען צו א נייער פאזע פון א לפי־ערך סטאבילן געלט, און אז דעמאלט וועט געמאכט ווערן א פרווו צו אינטערנאציאנאליזירן דעם קרעדיט און וואליוטע, און דאס וועט באפרייען די אונטערנע־

מונג פון דער צו שווערער משא פון חובות. דעמאלט וועט דער פראגרעס זיך ווידער א רוק טאן אין אזא מאסשטאב, וואס מיר קאָנען גאר איצט וועגן דעם ניט חלומען. נאר דער דאזיקער אויסקוק זעצט פאראויס אזא אינטעלעקטועלן כּוח און אזא ווילנס-געמיינשאפט, וואס איז איצט ניט צו באמערקן אויפן אייבערפלאך פון דער מענטשהייט. זי זעצט פאראויס די רעאליזירונג פון דער אידעע פון איין איינציקער געמיינשאפט, וואס איז געווים נאך ניט דערגרייכט. זי זעצט פאראויס א סכום איבערציגונג, וואס איז מסוגל גובר צו זיין דעם גרויסן כּוח פון אינערציע און עגאָיסטישער אפּאזיציע.

אין אונזער באריכט וועגן די טרעפּעניישן פון דער מענטשהייט ביז איצט זיינען מיר געווען בּיכולת צו פארבינדן די גרויסע שינויים אין דער מענטשלעכער ערפארונג מיט דעם דור, וואס פון אים זיינען זיי ארויסגעקוואלן, ווארעם איטלעכער שינוי האט אנטפּלעקט זיינע ווארצלען און זוימען. נאר ווער קאן זאגן, וואס ווערט ביי היינטיקן טאג געבוירן? פאראן איצט א גרויסע אנטוויקלונג פון פאליטישע, סאציאלע און מאראלישע אידעעס איבער גאר דער וועלט, אבער צי וועלן זיי טראגן פּירות? די ארמייען מארשירן, די פלאגן פלאטערן, די פאטריאטן רייסן די העלזער. איז נאציאנאליזם א רוח, וואס באלד וועט דער האן-קריי אים פארטרייבן, אדער איז ער אן איינגעווארצלטע צעשטערנדיקע רעאליטעט, און די איינהייט פון די מענטשן איז ניט מער ווי א פארבייגייענדיקע שטרעבונג? אויב דאס איז א רוח, איז דאס זייער א לעבעדיקער רוח, וואס טומלט א סך. נעמט וואסער ציטונג און טוט א קוק, וויפיל ארט ווערט אפּגעגעבן פאר בילדונג, פארן נעדאנק, פאר דער צוקונפט. אבסערווירט א גרופּע מענטשן פון א גאנץ יאר און ווערט געוואר, ווי ווינציק מינוטן אין א וואך זיי גיבן אפּ אויף צו טראכטן מכּוח דעם פראגרעס פון דער וועלט.

נאר א וויסנשאפטלעכער און מאטעריעלער פראגרעס גייט ווייטער, און באזונדערס אנטוויקלט זיך די וויסנשאפט פון סאציאלער פסיכאלאגיע און גייסטיקן אנאליז. בכדי די מענטשהייט זאל זיך געבן א רוק פאראויס, איז נייטיק א נייער און געניטער באגריף פון דעם מענטשלעכן ווילן און פאנטאזיע, און עס ווייזט אויס, אז מיר קו-

מען צו דעם באַגריף. דער המון איז אָפּגעשטאַנען, אָבער דער המון איז באַוועגלעך; אויב ער לערנט ווייניק, פאַרגעסט ער גרינג. ער קאָן ווערן איבערגעוואַקסן אין נייע כלים און וועט אָננעמען זייער באַלד די פאָרם פון נייע אינסטיטוציעס. דער פּאַטריאָטיזם פון המון, זיין געטריישאַפט, זיין פיינדשאַפט און אַפילו זיין ליידנשאַפטלעך אויסגעדריקטער גלויבן איז ניט טיפער ווי די הויט. אַלע מיטלען און מעטאָדן אויף אַריינצוזעצן געדאַנקען אין די מוחות פון המון, פאַרצושטעלן אים זע-פונקטן, העלפן אים קלערער זען זיינען איצט ניט אין ערך בעסער און ווירקעוודיקער, ווי זיי זיינען געווען ווען עס איז פריער. מיר זיינען איצט אַריבער יענע רויע פאַרשטעלונג פון דעמאָקראַטיע, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אויף דער שטימענדיקער מאַסע, זי זאָל געבן איניציאַטיווע און ריכטונג. מיר הייבן אָן אַלץ קלערער און קלערער צו זען, אַז די צוקונפט דאַרף ווערן צוגעגרייט אין דער לאַבאָראַטאָריע און סטודיע, און ניט אויף דער גאַס. דער נאַציאָנאַליזם, וואָס באַהערשט איצט די וועלט, איז געגליכן צו א שיכורן באַדיונג, וואָס מאַכט געוואַלדן אין שטוב און פאַרטשעפּעט איטלעכן, ביז מען איז זיך מיישב און מען וואַרפט אים פלוצים אַרויס דורך דער טיר, און אַלע קוקן זיך אָן און חידושן זיך, ווי אַזוי האָט מען אַזוי לאַנג געלאָזט אים אַזוי ראַנדישען אין שטוב. דער אימפּעט און די בייזקייט, וואָס מיט איר טוט דער פּאַטריאָטיזם איצט אין איטאַליע אָפּ זיינע מערדערישע מעשים, און ער פּרוווט דאָס נעמלעכע צו טאָן אויך אין פראַנקרייך און דייטשלאַנד, און ענגלאַנד און די פאַראייניקטע שטאַטן, איז א סימן, אַז ער הייבט שוין אָן צו שפּירן א שרעק פאַר אַט דער לעצטער פּראַגע.

די נייע כוחות, די קאָסמאָפּאָליטישע השגות, וואָס מוזן אַמאָל ירשענען די ערד, האָבן אויסצושטיין אומעטום א שווערן קאַמף, מחמת זיי זיינען בהכרח ניט לאָיאַל כנוגע די עקסיסטירנדיקע רעגירונגען. די וואָס זיינען פאַרכאַפּט פון דעם צוקונפטס-בילד פון א געאייניקטער מענטשהייט מוזן אָדער זיך אָפּהאַלטן פון צו באַטייליקן זיך אין פּאָליטישן לעבן און דעמאָלט פאַרמשפּטן זיי זיך צו נישטיקייט, אָדער זיי מוזן אַריינגיין אין די געזעצגעבערישע אינסטאַנצן, אָפּגעבן שבועות פון געטריישאַפט מיט דער לכתחילהדיקער כוונה אונטער-

צואָרדענען די סיסטעם, וואָס זיי זאָגן צו זי צו באַדינען און אונטערצו־האַלטן, דער רעאַליזירונג פון דעם ברייטערן פּלאַן. חוץ דעם, זיינען רעגירונגען און געזעצגעבערישע אָרגאַנען אַזוי געבויט צוליב קאָנפליקטן און צוליב נאַציאָנאַליסטישן אויסדרוק, אַז מענטשן, וואָס גייען אַריין צו זיי מיט די ברייטסטע כוונות, געפינען זיך באַלד אַרומגענומען מיט די באַגרענעצונגען פון זייער מצב. פאַר פּריוואַטע געשעפטן און פינאַנסיעלע אָרגאַניזאַציעס איז גרינגער אַריבערצוגיין די גרענעצן פון נאַציע און מלוכה, איידער פאַר פּאָליטיקער. אַ פאַרבאַנד פון באַנקירן ברענגט איצט די וועלט צוריק צו אַ גאָלד־וואַליוטע. און מען דאַרף האָפן, אַז די אינטערעסן פון די גרויסע שיף־און טראַנספּאָרט געזעלשאַפטן וועלן העלפן באַפרייען די וועלט־פּראָדוקציע פון די פּענטעס פון די צאָל־טאַריפן, וואָס וואַרגן זי.

אָבער דער קאָנפליקט צווישן נאַציע און מענטשהייט, צווישן דער געשלאָסענער געזעלשאַפט און דער פרייער געזעלשאַפט איז ניט שטענדיק, אָדער בדרך כלל אַ קאָנפליקט צווישן איין סאָרט מענטשן און אַ צווייטן. עס איז אַ סך מער אַ קאַמף אין דער נשמה פון מענטשן. די נייע השגות פון דער מענטשלעכן מהות זייען זיך דורך אומעטום, דרינגען אַריין אין געדאַנק פון איטלעכן. אַ קיניג קאָן היינט זיין פול מיטן באַוואוסט פון זיין אייגענער וויכטיקייט און פון די רעכט פון זיין דינאַסטיע, און מאָרגן, אין אַן אַנדער שטימונג, קאָן ער זיך פילן נאַריש אין זיין אוניפאָרם און מיט זיין צערעמאָניאַל. אַ געשעפטס־מאַן קאָן ביטאָג פּלאַנעווען, שווינדלען, האַוען, שמייען, זוכן אַריינצוכאַפּן וואָס מער, און ביינאַכט קאָן ער זיך אַרומזען און זיך חידושן, צי דען טאַקע פּטרט ער אַזוק זיין קורצע צייט צווישן צוויי אייבי־קייטן מיטן בעסטן נוצן. טיף אין מענטשלעכן באַוואוסט שטעקט אַ שנאה צו פערזענלעכער נישטיקייט. איטלעכער איינער וואָס לעבט מוז צייטנווייז זיך אָפּשטעלן און אַ פרעג טאָן: „וואָס טו איך אויף מיט מיין לעבן?" ערשט ווי די צוקונפט וויקלט זיך פונאַנדער, וועלן מיר אָנהייבן אָפּצושאַצן די מאָס און דעם כאַראַקטער פון אָט דעם נייעם אוניווערסאַלן כוח, וואָס זאַפּט זיך אַריין אין די מענטשישע נשמות און הערצער.

### 13. די פאראייניטלעכונג פון די מענטשנס ווילנס אין פאליטישע ענינים מוז זיין א רעזולטאט פון א באוואוסטזיניקער אנשטרענגונג אין א גרויסן מאסשטאב.

אונזער געשיכטע האט אנגעצייכנט א שטענדיקן וואוקס פון די סאציאלע און פאליטישע איינהייטן, וואס אין זיי האבן מענטשן זיך פארבונדן. אין דעם קורצן פעריאד פון צען טויזנט יאר זיינען די דאזיקע איינהייטן אויסגעוואקסן פון דעם קליינעם פאמיליען-שבט פון דער פרי-נעאליטישער קולטור ביז צו גרויסע פאראייניקטע מלוכות פון דער היינטיקער צייט — וואס זיינען אבער נאך אלץ צו קליין. און אט די אימענדערונג פון דער גרייס פון דער מלוכה — אן אומענדערונג, וואס איז נאך ניט פולקום גענוג — איז געווארן באלייט דורך טיפע אומענדערונגען פון איר טבע. צוואנג און קנעכטשאפט זיינען פארביטן געווארן דורך אידעעס פון נעאייניקטער פרייהייט, און די סווערעניטעט, וואס איז געווען אמאל קאנצענטרירט אין אן אויטאקראטישן קיניג און גאט, האט זיך איצט אויסגעשפרייט איבער דער גאנצער געמיינשאפט. איידער די רוימישע רעפובליק האט זיך געהאט אויסגעשפרייט איבער גאנץ איטאליע, איז ניט געווען קיין פרייע געמיינשאפט גרעסער ווי א שטאט-מלוכה; אלע גרויסע געמיינשאפטן זיינען געווען צוואנגס-געמיינשאפטן אונטער א מאנארך. די פאראייניקטע רעפובליק פון די פאראייניקטע שטאטן וואלט ניט געקאנט עקסיסטירן אן א דרוק-פרעסע און אן אייזנבאן. דער טעלעגראף און טעלעפאן, דער עראפלאן, דער שטענדיקער פראגרעס פון טראנספארט אויף דער יבשה און אויפן ים פארלאנגען איצט א נאך גרעסערע ארגאניזאציע.

אויב אונזער קאנטור איז פינקטלעך געצייכנט און די דאזיקע קורצע מסקנות זיינען ריכטיק, איז דערפון געדרונגען, אז מיר זיינען אריינגעצויגן אין אן געוואלדיקער אויפגאבע אוועקצושטעלן אויף א געהעריקן אופן די אלגעמיין-מענטשלעכע ענינים. אונזערע מלחמות, אונזער סאציאלער קאנפליקט, אונזערע געוואלדיקע עקאנאמישע שפאנונגען, דאס זיינען אלץ פארמען פון אט דער גרויסער צופאסונג.

די לאיאלקייט און די אונטערטאנשאפט פון הײנטיקן טאג זיינען אין בעסטן פאל צייטווייליקע לאיאלקייט און אונטערטאנשאפט. אונזער אמתע מלוכה, די מלוכה, וואס הייבט זיך שוין פאקטיש אן, די מלוכה, וואס איר מוז איטלעכער מענטש אפגעבן נאר זיין פאליטישע אנשטרענגונג, איז די איצט אויפקומענדיקע פעדעראלע וועלט-מלוכה, וואס צו איר פירט די מענטשלעכע נויטווענדיקייט. אונזער אמתער גאט איז איצט דער גאט פון גאר דער מענטשהייט. נאציאנאליזם ווי א גאט מוז אראפ אין כף הקלע אזוי ווי אלע שבט-געטער. אונזער אמתער נאציאנאליזם איז די מענטשהייט.

ווי ווייט ווילן מאדערנע מענטשן זיך אנכאפן פאר דער דאזיקער נויטווענדיקייט, זיך אידענטיפיצירן מיט איר און נעמען זיך רעווידירן זייערע אידעעס, איבערבויען זייערע אינסטיטוציעס און דערציען די קומענדיקע דורות צו אט דער אויסשפרייטונג פון בירגערשאפט. וואס דארף סוף-כל-סוף קומען? ווי ווייט ווילן זיי בלייבן פינסטער, פארעקשנט, געפענטעט דורך געוווינהייט און טראדיציעס, קעגן די צונויפווירקנדיקע כוחות, וואס בעטן זיי אן אדער איניקייט אדער אומגליק? פריער אדער שפעטער מוז די דאזיקע איניקייט קומען, אניט איז קלאר, אז די מענטשן וועלן אומקומען דורך זייערע אייגענע דערפינדונגען. היות ווי מיר גלויבן אין כוח פון שכל און פון דעם וואקסנדיקן גוטן ווילן אין מענטשן, דעריבער זיינען מיר געצוואונגען אפצוווארפן די לעצטע מעגלעכקייט. נאר דער ערשטער וועג קאן זיין זייער א לאנגער און א שווערער, זייער א טראגישער און פיינפולער, א מארטירערטום פון א סך דורות, אדער מען קאן אים דורכמאכן גרינג אין משך פון א דור מיט עפעס. דאס איז געווענדט אן כוחות, וואס מיר פארשטייען איצט זייער טבע, אבער ניט זייער מאכט. עס דארף זיין א גרויסער פראצעס פון בילדונג, דורך געבאט און דורך לערנונג און דורך געניטונג, נאר עס איז נאך ניטא קיין כמותדיקע מאס צו זאגן אונז, וויפיל בדארף מען לערנען און ווי גיך קאן די לערע ווערן דורכגעמאכט. אונזערע אפשאצן בייטן זיך מיט אונזערע שטימונגען; עס קאן געדויערן א סך לענגער ווי מיר האפן און עס קאן זיין א סך קירצער, ווי מיר האבן מורא.

די שרעקלעכע דערפאַרונגען פון דער גרויסער מלחמה האָבן געבראַכט דערצו, אַז זייער אַ פולע מענטשן, וואָס האָבן אַמאָל גע־האַלטן פּאָליטישע ענינים גרינג, נעמען זיי אָן איצט זייער ערנסט. פאַר אַ געוויסער קליינער צאָל מענער און פרויען איז די דערגרייכונג פון וועלט־שלום שוין געוואָרן דאָס העכסטע ווערק פון לעבן, איז שוין געוואָרן אַ זאַך. וואָס זיי גיבן זיך איר איבער מיט רעליגיעזער מסירות נפש. פאַר אַ סך אַ גרעסערער צאָל איז דאָס געוואָרן לכל־הפּחות א



די טויערן פון פּאַנאַמער קאַנאַל.

הויפּט־מאָטיוו. אַ סך אַזעלכע מענטשן זוכן איצט וועגן, ווי אַזוי צו ווירקן פאַר אָט דעם גרויסן ציל, אָדער זיי ווירקן שוין אויף פאַר־שיידענע אופנים פאַר אָט דעם גרויסן ציל, דורך פעדער און איבער־צייגונג, אין שולן און אין אוניווערסיטעטן און אין ביכער, אויף די שליאַכן און זייטן־וועגן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. אפשר זיינען איצט דאָס רוב מענטשן גוטגינציק געשטימט צו אַזעלכע אָנשטרענ־גונגען, אָבער די דאָזיקע שטימונג איז אַ נעפּלדיקע: זיי האָבן ניט קיין קלאָרן געפיל דערפאַר, וואָס מוז מען טאָן און וואָס באַדאַרף מען

פארהיטן, כדי מען זאל קאנען א רוק טאן פאראויס די סאלידאריטעט פון מענטשן. דאס וואס די גאנצע וועלט האט א צייט געגלייבט און געהאפט אויף פרעזידענט ווילסאן, אידער ער האט אנגעהויבן שוואך ווערן און גענארן, האט זייער א פולע צו באטייטן פאר דער צוקונפט פון דער מענטשהייט. אנטקעגן אט די מאטיוון פון אחדות שטייען די לחלוטין סותרדיקע מאטיוון, די שרעק און די שנאה צו פרעמדע זאכן און פעלקער, ליבשאפט און געטריישאפט צו אלטע טראדיציעס, פאטריאטיזם, ראסן-פאראורטיילן, חשד, אומצוטרוי — און די עלעמענטן פון צו-להכעיס, שלעכטסקייט און עגאיזם, וואס זיינען נאך אזוי שטארק אין דער נשמה פון איטלעכן מענטשן.

ביז אהער זיינען רעליגיע און בילדונג געווען די כוחות אין דער נשמה פון יחיד און פון דער געמיינשאפט, וואס האבן געקעמפט קעגן די היהישע, געמיינע און אינדיווידואליסטישע אימפולסן, וואס שיידן אונז אפ פון אנאנד, און זיינען זיי בייגעקומען. רעליגיע און בילדונג, די דאזיקע ענג פארקניפטע השפעות, האבן געמאכט מעגלעך די עקסיסטענץ פון גרעסערע מענטשלעכע געזעלשאפטן, וואס זייער וואוקס האבן מיר אנגעצייכנט אין דעם דאזיקן „קאנטור“; זיי זיינען געווען די היפשלעכע סינטעטישע כוחות דורך דער דאזיקער גרויסער געשיכטע פון פארברייטערטער מענטשלעכער צוזאמענארבעט, וואס מיר האבן זי געצייכנט פון אירע אנהייבן. אין די אינטעלעקטועלע און טעאלאגישע קאנפליקטן פון 19טן יארהונדערט האבן מיר געפונען די דערקלערונג פאר דעם אויסנאמלעך טשיקאַוון פאקט, וואס די רעליגיעזע לערנונג האט זיך אפגעריסן פון דער פארמעלער בילדונג — וואס דאס איז א כאראקטעריסטישער סימן פון אונזער תקופה. מיר האבן אנגעצייכנט דעם פועל-יוצא פון דער דאזיקער פאזע פון רעליגיעזע מחלוקתן און מהומות דערין, וואס די אינטערנאציאנאלע פאליטיק האט זיך א ווענד געטאן צו א ברוטאלן נאציאנאליזם, און וואס דאס אינדוסטריעלע און געשעפטלעכע לעבן האט זיך א ווענד געטאן צוריק צו בייזער, עגאיסטישער און ניט-שעפערישער ריווח-זוכעריי. עס איז געווען אן אראויסרייסן זיך פון אן אלטן צוואנג — אן אמתע דע-ציוויליזאציע פון דער מענטשלעכער נשמה.

מיר ווילן דאָ אונטערשטרייכן די הנחה, אַז די דאָזיקע צעשיידונג צווישן דער רעליגיעזער לערנונג און דער אָרגאַניזירטער בילדונג איז בהכרה אַ צייטווייליקע, אַ פאַרבייגייענדיקע איבערשטעלונג, און אַז באַלד מוז בילדונג און דערציִונג ווערן רעליגיעז אין ריכטונג און גייסט. ווי דער אָנערקענטער עיקר־אימפּולס, וואָס מיט זיין כּוח ווערט געבויט די מענטשלעכע געזעלשאַפט, מוז ווערן דער אימפּולס צו דינען דעם כּלל און אינגאַנצן זיך אַרויסצוטאָן פון דעם איינענעם איך, — דאָס איז דער זעלביקער אימפּולס, וואָס איז דער גרונט־כּוח פון אַלע גרויסע רעליגיעס אין די לעצטע פינף־און־צוואַנציק יאָרהונדערטער. די לעצטע זיבעציק־אַכציק יאָר וואוילשטאַנד, לייכטזיניקייט און סקעפּטיציזם איז ער קענטיק אָפּגעשוואַכט געוואָרן, נאָר איצט מוז ער ווידער נעמען ווירקן, אַ געלייטערטער און געקלערטער.

דערציִונג איז די צוגרייטונג פון דעם יחיד פאַר דער געזעלשאַפט, און זיין רעליגיעזע אויסבילדונג איז דאָס האַרץ פון דער דאָזיקער צוגרייטונג. ביי דער אינטעלעקטועלער אויסשפּרייטונג פון 19טן יאָרהונדערט האָט ניט אַנדערש געמוזט פאַרקומען אַ ריס אין דער דערציִונג, עס האָט געמוזט אַריינקומען אַ צעטומלעניש אין די מוחות, און דער ציל פון דערציִונג האָט געמוזט פאַרלאָרן גיין. מיר קאָנען ניט צוגרייטן קיין יחיד צוליב דער געזעלשאַפט, אויב אונזערע אייגענע אידעעס ווינען צעטרייסלט און מאַכן דורך שינויים. די אַלטע לאָיאַלקייט, די אַלטע צופּיל באַגרענעצטע און שמאָלע פּאָליטישע און סאָציאַלע הנחות, די אַלטע צופיל געקינצלטע רעליגיעזע פאָרמולעס האָבן אָנגעוואָרן זייער איבערצייגקראַפט. און די גרעסערע אידעעס פון אַ וועלט־מלוכה און פון אַן עקאָנאָמישער געמיינשאַפט האָבן נאָר פּאַוואָליע זיך דורכגעשלאָגן זייער וועג צו אָנערקענונג.

ביז אהער האָבן זיי זיך געשטיצט נאָר אויף אַ מיעוט מענטשן מיט אויסנאַמלעכע נשמות. נאָר פון די צרות און טראַגעדיעס פון אונזער צייט און פון דער צעטומלעניש אַרויס וועט אפשר אַנטפּלעקן זיך אַ מאָראַלישע און אינטעלעקטועלע אויפלעבונג, אַ רעליגיעזע אויפלעבונג, וואָס זי וועט פּשוט און פריי לערנען, ווי אַזוי צו פאַראייניקן מענטשן פון פרעמדע ראַסעס און אָפּגעטיילטע טראַדיציעס

אויף איין בשותפישן און אויס=געהאלטענעם לעבנס=וועג אין דינסט
פון דער וועלט. מיר קאנען נישט פאראויסזאגן די ברייטקייט און די
קראפט פון אזא אויפלעבונג; מיר קאנען אפילו נישט ברענגען קיין בא=
וויז, אז זי הייבט זיך אן. די אנהייבן פון אזעלכע זאכן זיינען קיין
מאל נישט אנזעעוודיק. גרויסע באוועגונגען פון דער פאלקס=נשמה קו=
מען שטענדיק „ווי א גנב ביינאכט", און מיט אמאל אנטדעקט מען זיי
מעכטיק און פארשפרייט איבער א וועלט. א רעליגיעזע באוועגונג —
אויסגעטאן פון פארדארבענישן און באפרייט פון די לעצטע כהו=
נישע פלאנטערנישן -- וועט אפשר איצטיגן א בלאז טאן דורכן
לעבן ווי א גריסער ווינט, אריינדרינגען דורך די טירן און אראפרייסן
די פארמאכטע לאדנס פון יחידישן לעבן, און דעמאלט וועלן א סך
זאכן, וואס איצט ווייזן זיי אויס צו זיין אזוי שווער, אז מען קאן זיי
אפילו נישט פארלאנגען, ווערן מעגלעך און גרינג צו דערלאנגען.

---

### 14. די שאפנדיקע כוחות פון דער וועלט=איינהייט.

אויב מיר נעמען אן, אז מענטשן פארמאגן גענוג יושר און
גענוג פארשטאנד צו שאפן באלד, געלערנט דורך די מיראדיקע לעק=
ציעס פון דער געשיכטע, אן אמתן ווילן צום וועלט=שלום — און דאס
הייסט אן אמתן ווילן פאר וועלט=געזעץ אונטער א וועלט=
רעגירונג — ווארעם אנדערש קאן נישט געמאלט זיין קיין זיכערער
וועלט=שלום -- טא ווי אזוי, אויף וואסער אופן, מעגן מיר רעכע=
נען, גייט די וועלט צום דאזיקן ציל?

די דאזיקע באוועגונג וועט געוויס נישט גיין גלייך אין אלע
לענדער, און וועט מסתמא צוערשט נישט אננעמען קיין איינהייטלעכן
אויסדרוקס=אופן. דא וועט זי געפינען א פריינדלעכע אטמאספערע, דא
וועט זי שטופן ווייטער, דארט וועט זי זיך געפינען אין סתירה מיט א
טיפער טראדיציע אדער מיט איינגעבארענע ראסן=איינגטימלעכקייטן
אדער מיט א גוט ארגאניזירטער געמיינער אפאזיציע. אין טייל פאלן
וועלן יענע, וואס צו זיי וועט קומען דער רוף צו דער נייער ארדענונג,
לעבן אין א מלוכה, וואס איז כמעט גרייט צו דינען די צילן פון

דעם גרעסטן פאליטישן סינטעז. אין אנדערע וועלן זיי מוזן קעמפן ווי אונטערערדישע פארשווערערס קעגן דער ממשלה פון שלעכטע געזעצן.

אין דער פאליטישער קאנסטיטוציע פון אזעלכע לענדער ווי די פאראייניקטע שטאטן אדער שווייץ איז פאראן ווייניק אזוינס, וואס זאל שטערן זייער פארבינדונג פון פרייען געבן און נעמען מיט אנדערע ענלעך ציוויליזירטע קאנפעדעראציעס. פאליטישע סיסטעמעס, וואס נעמען אריין אין זיך אפהענגיקע שטרעקעס און „אונטערטעניקע פעלקער" — אזעלכע ווי עס איז געווען די טערקישע אימפעריע פאר דער גרויסער מלחמה — די באדארפן, ווייזט אויס, צעריסן ווערן, איידער זיי קאנען ווערן צוגעפאסט צו א פעדעראלער וועלט־סיסטעם. א מלוכה, וואס איז באהערשט דורך א טראדיציע פון אן אגרעסיווער אויסלאנד־פאליטיק, וועט זיין שווער צו אסימילירן אין א וועלט־קאמבינאציע. אבער הגם אין איין ארט קאן די רעגירונג העלפן און אין א צווייטן ארט קען זי זיין שווארץ און פיינדלעך, אליין איינס בלייבט די הויפט־אויפגאבע פון מענטשן מיט גוטן ווילן אין אלע מלוכות און אין אלע לענדער איינע און די זעלביקע: א דערציערישע, און איר עצם מהות איז צוצוטראגן די מענטשן אומעטום, ווי א באזיס פאר דער וועלט־צוזאמענארבעט, א נייע דערציִונג און אויסטייטשונג פון דער געשיכטע, פון דער געשיכטע פון דער מענטשהייט ווי א גאנצע.

צי טראגט יענע פעלקער־ליגע, וואס איז געשאפן געווארן דורך דעם אפרייל פון יאר 1919, אין זיך דעם זוימען פון א שטענדיקער פעדעראציע פון מענטשלעכער אנשטרענגונג? צי וועט זי אויסוואקסן צו עפעס אזוינס, וואס פאר דעם וועלן מענטשן, ווי כטעליפראס זאגט, זיין גרייט צו „ארבעטן מיטן גאנצן הארצן, און אויב נייטיק קעמפן" — ווי זיי האבן ביז אהער געקעמפט פאר זייער לאנד און זייער אייגענעם פאלק? ביי היינטיקן טאג זיינען פאראן ווייניק אנצוהערענישן אויף אזא באגייסטערונג פאר דער ליגע. די ליגע ווייס משמעות נים אפילו ווי אזוי צו ריידן מיטן פשוטן מענטשן. זי איז אריין אין אפיציעלע בנינים, און לפי־ערך ווייניק מענטשן אין דער וועלט פארשטייען אדער גיבן אכט דערויף, וואס זי טוט דארטן.

עס קאָן זיין, אַז די ליגע איז ניט מער ווי אַן ערשטער פּראָיעקט פון אַ פאַראייניקונג, וואָס איז מוסטערהאַפט נאָר מיט אירע חסרונות און געפאַרן, און עס דאַרף נאָך קומען אַזוינס, וואָס איז פעסטער און פולקומער, כּדי זי צו באַזייטיקן. די ליגע איז ביי היינטיקן טאָג נאָר אַ פאַראייניקונג פון טייל רעגירונגען און מלוכות. זי שטאַרקט די נאַציאָנאַליטעט; זי שיקט אָפּ צו דער סוווערעניטעט. וואָס די וועלט דאַרף איצט האָבן, איז ניט אַזאַ ליגע פון פעלקער ווי די איצטיקע, און ניט אַ ליגע פון נאַציעס, נאָר אַ וועלט-ליגע פון מענטשן. די וועלט וועט אונטערגיין, סיידן סוווערעניטעט וועט בטל ווערן און נאַציאָנאַליטעט וועט ווערן אינטערגעאָרדנט. און צוליב דעם מוזן די נשמות פון מענטשן ערשט ווערן צוגעגרייט דורך דערפאַרונג און וויסן און דענקען. די העכסטע אויפגאַבע פאַר מענטשן ביי היינטיקן טאָג איז פּאָליטישע דערציונג.

מיר ווילן ניט פרוּוון דאָ אָפּציוועגן, וואָס פאַר אַ חלק עס קאָנען האָבן אין דער איבערבויונג און איינפעסטיקונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט די לערנונג און פּראָפּאַגאַנדע פון אַרבעטער-אינטערנאַציאָנאַליזם, דער פּלייס און די באַדערפענישן פון די אינטערנאַציאָנאַלע פינאַנסן, די נויטווענדיקייט פון די גרויסע געשעפטן אָדער אַזעלכע גרענעץ-צעשטערנדיקע כּוחות, ווי וויסנשאַפט און קונסט און היסטאָרישע לערנונג. אַלע די דאָזיקע זאַכן צוזאַמען קאָנען מאַכן אַ דרוק, וואָס אין אים וועט קיין מאָל ניט זיין מעגלעך צו באַשטימען יעני איטלעכערס חלק. אַן אָפּאָזיציע קאָן זיך פונאַנדערלאָזן, אַנטאַגאָניסטישע קולטן קאָנען פאַרפלאַכט ווערן כּמעט אומבאַמערקטערהייט צו אַן אַלגעמיינער קולטור. דאָס וואָס איז דרייסטער אידעאַליזם קאָן מאָרגן אויסזעען פּשוטער שׂכל הישר. און די פּראָבלעם פון פאַראויסזען איז קאָמפּליצירט דורך דעם, וואָס עס זיינען מעגלעך ווייט-שפּרונג און צוריק-שטראָמען. היסטאָריע איז קיין מאָל ניט געגאַנגען פאָראויס אין אַ גראָדער ליניע.

גאָר באַזונדערס זיינען די יאָרן נאָך אַ גרויסער מלחמה מסוגל צו זיין יאָרן פון באַשיימפּערלעכן רעגרעס: מענטשן זיינען צופיל איינגעמאַטערט, כּדי צו זען וואָס עס איז געוואָרן אָפּגעטאָן, וואָס עס איז אָפּגעריינקט געוואָרן און וואָס עס איז געוואָרן מעגלעך צו טאָן.

צווישן די זאכן, וואס שטופן קענטיק צו א גערעכטער וועלט־הערשאפט ביי היינטיקן טאג, זיינען פאראן אט וואסערע:

1) די נייע כוחות פון וויסנשאפט מאכן מלחמה אלץ מער צעשטערעריש, און דערפאר אלץ מער אומדערטרעגלעך.

2) די אימאויסמיידלעכע צונויפגיסונג פון די עקאנאמישע ענינים פון דער וועלט אין איין סיסטעם פירט, ווי עס ווייזט אויס, נויטווענדיק צו אן אלגעמיינעם קאנטראל איבער דעם געלט־פארקער און פארלאנגט א זיכערע און כסדרדיקע קאמוניקאציע און א פרייע באוועגונג פון סחורות און ארבעטער איבער גאר דער וועלט. די באפרידיקונג פון די דאזיקע באדערפענישן פארלאנגט א וועלט־קאנטראל מיט א היפשן אויטאריטעט און א צוואנג־כח.

3) היות ווי די באפעלקערונג ווערט באוועגלעכער, מוז ווערן שטארקער דער קאנטראל איבער דער געזונטהייט אומעטום.

4) עס מוזן ניט אנדערש אויסגעגלייכט ווערן די תנאים פון ארבעט און דער מינימום פון לעבנס־שטאנד אין גאר דער וועלט. דערפון איז, קענטיק, יעדרונגען ווי א נויטווענדיקער פועל־יוצא די איינשטעלונג פון א געוויסן בילדונגס־מינימום פאר איטלעכן.

5) מען קאן ניט אויסנוצן ווי געהעריק די גוואלדיקע ברכות פון דעם פליען, אויב עס איז ניטא קיין וועלט־קאנטראל איבער די לופט־וועגן.

אט דאס זיינען סברות, וואס טרייבן מיט לאגישער נויטווענדיקייט דעם גייסט צו גלויבן, אז ניט געקוקט אויף די צונויפשטויסן פון ראסע און טראדיציע און אויף די גרויסע שוועריקייטן מחמת דעם אונטערשייד פון די שפראכן, וועט דאך די נאענטסטע סטאדיע פון דער מענטשלעכער געשיכטע זיין דער באזאיסטוניקער קאמף צווישן די וואס ווילן איינשטעלן א פאליטישע וועלט־געמיינשאפט און די וואס ווילן דערצו ניט דערלאזן. די זאכן, וואס פאדערן אזא וועלט־געמיינשאפט, זיינען שטענדיקע באדערפענישן. איינע אדער די אנדערע פון די באדערפענישן רירן אן כמעט איטלעכן איינעם, און קעגן זייער דויערנדיקער פאדערונג שטייען נאר פארבייגייענדיקע שוועריקייטן — אמת, גרויסע, אבער פארבייגייענדיקע — פאראורטיילן, ליידנשאפטן, צערייצטקייט, איינרייעענישן מכוח ראסע און

לאַנד, עגאָיזם און כדומה נאָך אַזעלכע ניט-שטאַנדהאַפטיקע און זיך אויסוועבנדיקע זאַכן, וואָס זיינען אַריינגעזעצט אין דער מענטש־לעכער נשמה דורך דערציִונג אין סוגעסטיע. קיין איינע פון זיי איז ניט קיין זאַך, וואָס איז נייטיק צוליב דעם וואוילזיין און לעבן ניט פון די יחידים, וואָס טראָגן זייער עול, און ניט פון די מלוכות אָדער שטעט אָדער פאַרבאַנדן, וואָס אין זיי הערשן זיי.

---

## 15. אַ פעדעראַלע וועלט-מלוכה.

שטערן דער איינשטעלונג פון אַ וועלט-מלוכה קאָנען ביי היינטיקן טאָג אַ סך באַשיימפּערלעך מעכטיקע כוחות. נאָר פאַר דעם איז אַ סך אַ מעכטיקערער כוח, דאָס איז דער דראַנג פון דעם פרייען און וואַקסנ־דיקן כלל-פאַרשטאַנד פון דער מענטשהייט. ביי היינטיקן טאָג איז אין דער וועלט פאַראַן אַ קליינע, אָבער אַלץ וואַקסנדיקע צאָל מענטשן—היסטאָריקער, אַרכעאָלאָגן, עטנאָלאָגן, עקאָנאָמיסטן, סאָציִ־אָלאָגן, פּסיכאָלאָגן, פּעדאַגאָגן וכדומה — וואָס פירן אויס פאַר די מענטשלעכע אינסטיטוציעס די זעלביקע אויפגאַבע פון שעפּערישן אַנאַליז, וואָס די וויסנשאַפט-מענטשן פון 17טן און 18טן יאָרהונדערט האָבן אויפגעטאָן פאַר די מאַטעריאַלן און פאַרן מעכאַניזם פון מענטש־לעכן לעבן. און פונקט אַזוי ווי די לעצטע, כמעט ניט ווייסנדיק וואָס זיי טוען, האָבן געשאַפן די טעלעגראַפיע, אַ גיכן טראַנספּאָרט איבער יבשה און ים, פלי-מאַשינעס און טויזנט אַנדערע זאַכן, וואָס זיינען פריער ניט געווען מעגלעך, אַזוי וועלן אפשר די ערשטע אויפטאָן מער, איידער די וועלט איז זיך משער, אָדער איידער זיי אַליין זיינען משער, אויפצוקלערן און אויסצוטייטשן וואָס מען דאַרף טאָן און ווי אַזוי מען דאַרף טאָן אין די גרעסערע און נאָך מער נויטווענדיקע ענינים פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

לאָמיר נאָכמאַכן ראָדזשער בעקאָן אין זיין נבואישער שטי־מונג און לאָמיר דאָ אויסלייגן, וואָס וועט, לויט אונזער מיינונג, זיין דער ברייטער פונדאַמענט פון דער קומענדיקער וועלט-מלוכה.

I. זי וועט זיין באגרינדעט אויף אן אלגעמיינער וועלט־רעליגיע, א סך מער פאראיינפאכט און פאראלגעמיינערט און בעסער פארשטאנען. דאס וועט ניט זיין קריסטנטום אדער איסלאם אדער בודיזם, אדער וואסער עס איז ספעציאליזירטע פארם פון רעליגיע, עס וועט זיין די רעליגיע גופא ריין און ניט פארשוועכט — דער אכטפאכיקער וועג, דאס קיניגרייך פון הימל, ברודערשאפט, שעפערישער דינסט, מסירת נפש. איבער גאר דער וועלט וועלן די מענטשנס געדאנקען און מאטיוון דורך דערציונג, ביישפיל און דעם קרייז אידעען ארום זיי ווערן אפגעווענדט פון דער אריינגעטאנקייט אין זיך און צוגעווענדט צום ליבעפולן דינסט פון מענטשלעכער וויסנשאפט, מענטשלעכער מאכט און מענטשלעכער איינהייט.

II. די ראזיקע וועלט־מלוכה וועט ווערן אונטערגעהאלטן דורך אן אלגעמיינער בילדונג, ארגאניזירט אין אזא מאסשטאב און מיט אזא דורכגעדרונגענקייט און כאראקטער, וואס איצט קאן מען דערפון גאר קיין השגה ניט האבן. געבילדעט וועט זיין דער גאנצער מין מענטש, ניט נאר קלאסן און פעלקער. דער גרעסטער טייל עלטערן וועלן האבן א טעכניש וויסן, ווי אזוי מען לערנט מיט קינדער. חוץ די עלטערן־חובות, וועלן אפשר צען פראצענט צי אפשר מער פון דער דערוואקסענער באפעלקערונג, אין דער אדער יענער צייט פון זייער לעבן, זיין ארבעטער פון דער בילדונגס־ארגאניזאציע פון דער וועלט. און בילדונג און דערציונג, ווי די נייע תקופה וועט דאס באנעמען, וועט געדויערן דאס גאנצע לעבן. מענער און פרויען וועלן ווערן פשוט אליין־דערציערס און אינדיווידועלע פארשערס, און אז זיי וועלן ווערן עלטער, וועלן זיי זיין פארשערס און לערערס.

III. עס וועלן ניט זיין ניט קיין ארמייען, ניט קיין פלאטן, עס וועלן ניט זיין קיין מענטשן אן ארבעט, ניט קיין רייכע ניט קיין ארעמע.

IV. די ארגאניזאציע פון דער וויסנשאפטלעכער פארשונג און פארעפנטלעכונג אין דער וועלט־מלוכה וועט זיין אין פארגלייך מיט דער היינטיקער ארגאניזאציע פון דער וויסנשאפט, ווי אן אקעאן־ליניען־שיף לעבן אן אויסגעראבענעם קאנו־שיפל פון א פרי־נעאליטישן וואנדערער.

V. עס וועט זיין א גרויסע פרייע ליטעראטור פאר קריטיק און דיסקוסיע.

VI. די פאליטישע ארגאניזאציע פון דער וועלט וועט זיין דעמאקראטיש; דאס הייסט, אז די רעגירונג און פירונג פון די ענינים וועט זיין אין דירעקטן באריר מיט דעם אלגעמיינעם געדאנק פון דער גאנצער געבילדעטער באפעלקערונג און פאראנטווערטלעך פאר אים.

VII. איר עקאנאמישע ארגאניזאציע וועט באשטיין דערין, וואס די אגענטן און דינער פון דער אלגעמיינער רעגירונג וועלן עקספלואטירן אלע נאטירלעכע רייכטימער און איטלעכע פרישע מעגלעכקייט, וואס די וויסנשאפט דעקט אויף, צוליב דער טובת הכלל. פריוואטע אונטערנעמונג וועט זיין א דינער — א נוציקער, געשאצטער און גוט באלוינטער דינער פון דעם כלל, אבער ניט מער זיין האר און עקספלואטאטאר.

VIII. און דאס איז כולל צוויי דערגרייכונגען, וואס זעען אויס ביי היינטיקן טאג זייער שווער פאר אונז. דאס זיינען ענינים פון מעכאניזם, נאר זיי זיינען פונקט אזוי לעבנס־וויכטיק פארן וואוילזיין פון דער וועלט, ווי פאר א זעלנער, אלץ איינס ווי מוטיק ער זאל אויך זיין, איז וויכטיק, אז זיין מאשין־ביקס זאל זיך ניט פארהאקן, און פאר א פליער, אז זיין שטייער־אפאראט זאל ניט פאלשעווען אינמיטן דער לופט. צוליב דעם פאליטישן וואוילזיין איז נייטיק, אז די וואל־מעטאדן זאלן זיין אזוי איינגעשטעלט, אז זיי זאלן זיין געשיצט קעגן די קונצן און הדיידלעך פון אומערלעכע און דורכגעטריבענע מענטשן, און דאס עקאנאמישע וואוילזיין פארלאנגט, אז די וואליוטע זאל זיך ניט געפינען אין רשות פון אזעלכע דרייקעפ.

---

## 16. די וועלט אונטער איין געזעץ פון גערעכטיקייט.

עס קאן גאר קיין ספק ניט זיין, אז אויב עס וועט איינגעשטעלט ווערן א פעדעראציע פון דער גאנצער מענטשהייט, און צוגלייך א גענוגע מאס פון סאציאלער גערעכטיקייט, צו פארזיכערן פארן גרעסטן רוב קינדער וואס ווערן געבארן אין דער וועלט געזונט, בילדונג

און מער ווייניקער גלייכע מעגלעכקייטן פון וואקסן, וואלט דעמאלט די מענטשלעכע ענערגיע אין אזא מאס זיך אנטפלעקט און געוואקסן, אז עס וואלט כאטש דעם אנהייב פון א נייער סטאדיע אין דער מענטשלעכער געשיכטע. עס וואלט דעמאלט ניט געווען די געוואלדיקע צעשטערונג, וואס עס טראגט אריין די צוגרייטונג צו מלחמות, און די שעדיקונג, וואס עס טוען זיך קעגנזייטיק אן די גרויס־מלוכות דורך זייער קאנקורענץ, עס וואלט אויך ניט געווארן דער־נאך גרעסערער היזק, וואס קומט ארויס פון דער אונטער־פראדוקטיווקייט פון גרויסע מאסן מענטשן, אדער ווייל זיי זיינען צו רייך, אז זיי זאלן וועלן ארבעטן, אדער ווייל זיי זיינען צו ארעם, אז זייער ארבעט זאל זיין גענוג פראדוקטיוו. דער סכום פון אלע נייטיקע זאכן וואס א מענטש דארף האבן וואלט שטארק אויסגעוואקסן, עס וואלט זיך געהויבן דער לעבנס־שטאנד, דער טראנספארט און אלע מינים באקוועמלעכקייטן וואלטן זיך אנטוויקלט. א סך מענטשן וואלטן אריבערגעגאנגען פון דער פראדוקציע פון א נידעריקערן גראד צו א העכערער ארבעט, ווי אלע מינים קונסט, לערעריי, וויסנשאפטלעכער פארשונג וכדומה. איבער גאר דער וועלט וואלט פארגעקומען א פרייער אויפבלי פון מענטשלעכע כישרונות, אזעלכער ווי עס האט ביז אהער געטראפן נאר אין קליינע קרייזן און אין שטארק באגרענעצטע פעריאדן פון וואוילשטאנד און זיכערקייט. אויב מיר זאלן ניט משער זיין, אז אמאל וועלן אומגעריכט ארויסגעשפרונגען איבער־מענטשן, האבן מיר דאס רעכט צו דרינגען, אז אטען אין פעריקלעסעס צייט, פלאָרענץ פון די מעדיטשיס, ענגלאנד אין עליזאבעטס צייט, די גרויסע מעשים פון אסאקא, די טאנג־און מינג־פעריאדן אין דער קונסט, זיינען נאר מוסטערן פון דעם, וואס די וועלט קאן ארויסברענגען, ווען זי זאל כסדר און אימעטום זיין זיכער און רויק. מען דארף גארניט משער זיין, עס זאל זיך צוליב דעם בייטן דער מענטשלעכער כאראקטער, עס איז גענוג ער זאל באפרייט ווערן פון דער איצטיקער סיסטעם פון ניט־געארדנטן חורבן.

מיר האבן געזען, ווי זינט דער באפרייונג פון מענטשלעכן גע־דאנק אין 15טן און 16טן יארהונדערט האבן לפי־ערך א קליינע צאל ווויסנדאַרשטיקע און אינטעליגענטע מענטשן, דערהויפט פון מערב־

אייראפע, ארויסגעבראכט א וועלט-בילד און א סכום וויסנשאפט, וואס האלט איצט אין רעוואלוציאניזירן דאס לעבן פון דער מאטעריעלער זייט. על-פי-רוב האבן די דאזיקע מענטשן געארבעט מיט גרויסע שטערענישן, מיט ווינציק מיטלען און ווינציק הילף אדער שטיצע מצד די מאסן פון דער מענטשהייט. עס איז ניט מעגלעך צו גלויבן, אז אט די דאזיקע וויסנשאפטס-מענער זיינען דאס געווען דער מאקסימום פון אינטעלעקטועלע כוחות, וואס זייער דור וואלט געקאנט ארויסגעבן. ענגלאנד אליין האט געוויס אין די לעצטע דריי הונדערט יאר געמוזט געבוירן צענדליקער ניוטאנס, וואס האבן ניט באוויזן זיך אויסצולערנען לייענען, הונדערטער דאלטאנס, דארווינס, בעקאנס און העקסליס, וואס זיינען געשטארבן אין כאלופקעס, ניט באוויזן אויסצוּוואקסן, אדער האבן קיין מאל ניט געהאט קיין געלעגנהייט ארויסצוּווייזן זייערע פעיקייטן.

אויף איטלעכן איינעם פון די גרויסע מענטשן, וואס האבן געלאזן עפעס א זכר אין דער וועלט, מעג מען רעכענען אז א צאל מעגלעכע ערשט-קלאסיקע פארשערס, גלענצנדיקע קינסטלערס, שעפערישע גייסטער, וואס האבן אבער קיינמאל ניט אויפגעכאפט קיין שיין פון באגייסטערונג אדער ניט געהאט קיין געלעגנהייט אנטפלעקט צו ווערן. אין די טראנשייעס פון מערבדיקן פראנט אליין זיינען בעת דעם גרויסן קריג געוויס אומגעקומען טויזנטער מעגלעכע גרויסע מענטשן, וואס האבן זייער בארוף ניט אויסגעפירט. אבער א וועלט מיט עפעס אזוינס ווי א זיכערער אינטערנאציאנאלער שלום און מיט עפעס אזוינס ווי סאציאלע גערעכטיקייט וועט ארויסכאפן כשרונות מיט דער פיינער נעץ פון אלגעמיינער בילדונג און וועט געוויס ארויסגעבן פעיִקע און גלענצנדיקע מענטשן אין אזא צאל, וואס די וועלט האט נאך ביז אהער ניט געזען.

אט דאס איז דער טעם, פארוואס מיר האלטן, אז עס איז כדאי אין דער נאענטער צוקונפט אנצווענדן אלע כוחות, בכדי ארויסצוציִען פון אונזער איצטיקער צעטומלעניש און צו שאפן א וועלט-מלוכה פון יושר. מלחמה איז א שרעקלעכע זאך, און ווערט כסדר אלץ שרעקלעכער און אימהדיקער, אזוי אז אויב מען וועט ניט מאכן א סוף צו מלחמות, וועלן זיי מאכן א סוף צו דער מענטשלע-

כער געזעלשאפט. סאציאלער אומיושר און דער אנבליק פון דער פארקנעכטונג אין פיין פון מענטשן, וואס ער באשאפט, פייניקן טאקע די נשמה. אבער דעם גרעסטן שטופ צו א פאליטישן און סאציאלן איבערבוי־ווערק גיט ניט אזוי די האפענונג פטור צו ווערן פון די שרעק און פורעניות, ווי דער אויסקוק אויף די גרויסע אויפטוען, וואס די מענטשהייט וועט דערגרייכן, ווען די צרות וועלן אויפהערן. מיר ווילן פטור ווערן פון דעם מיליטאריסט, ניט פשוט דערפאר, וואס ער מזיקט און הרגעט, נייערט ווייל ער איז א טעמפער קאפ, וואס שטייט אנגעדרודלט און אנגעבלאזן אין זיין נארישער גדלות און פארשטעלט אונז דעם וועג צו שלמות. מיר ווילן אפשאפן געוויסע עקסטראוואגאנסן פון פריוואטן אייגנטום, פונקט ווי מיר וואלטן וועלן אפשאפן א אידיאט א וועכטער, וואס וויל אונז ניט אריינלאזן אין א שטודיר־צימער, וואו מען קאן אויפטאן פיינע זאכן.

פאראן מענטשן, וואס מיינען קענטיק, אז א וועלט־ארדענונג אין איין אלגעמיינער געזעץ פון גערעכטיקייט וואלט געמאכט א סוף צו אלע אינטערעסאנטע געשעענישן אין דער מענטשהייט. אדרבא, עס וואלט זיך ערשט אנגעהויבן. נאר אנשטאט די געשעענישן פון אמאל, די „ראמאנען“ פון דער קינעמאטאגראפן־וועלט, די בסדרדיקע איבערחזורונגען פון די אפגעריבענע סעקסועלע טרעפענישן און פון דעם געיעג נאך געלד, וואלט דאס געווען אן אומענדלעכע אויספארשונג אויפן שפיץ פון דער ערפארונג. ביז אהער האט דער מענטש געלעבט אין א שמוציקן הינטערגעסל, צווישן סיכסוכים, נקמות, פוסטער גאווה, פאלשקייטן און שמוץ, הייסע גלוסטן און שפארנדיקע אפעטיטן. ער האט קוים אפגעשמעקט די פרישע לופט און די גרויסע פרייהייטן פון דער וועלט, וואס די וויסנשאפט האט פאר אים געעפנט.

אויסצומעלן פאר אונז עפעס פון דעם ברייטערן לעבן, וואס די וועלט־איינהייט וואלט אויפגעעפנט פאר די מענטשן, איז א חקירה, וואס ציט שטארק צו. דאס לעבן וועט געוויס זיין מיט א שטארקערן דפק, עס וועט אטעמען טיפער, ווארעם עס וועט האבן אפגעשטופט און בייגעקומען א הונדערט אינפעקציעס פון קערפער און נשמה, וואס צעקאלטשען און פארשמוצן עס. מיר האבן שוין אנגעוויזן דערויף, וואס עס וועט ארויסגענומען ווערן פון מענטש־

לעבן לעבן אסך שווערצע ארבעט דורך דער שאפונג פון א נייער ראסע, די מאשינעס. דאס איז איין מאל אוועק. ווייטער וויבאלד קיין מלחמה וועט ניט זיין, און עס וועלן באזייטיקט ווערן די אן א שיעור באגרענעצונגען און מחלוקתן דורך דער גערעכטערער סאציאלער און עקאנאמישער ארדענונג, וועט אראפגענומען ווערן פון די אקסלען פון אונזערע קינדער די משא פון שווערער פראצע און נודנער פראצע, וואס איז געווען דער פרייז פון דער מענטשלעכער זיכערקייט זינט דעם באגינען פון די ערשטע ציוויליזאציעס. דאס הייסט ניט, אז זיי וועלן אויפהערן ארבעטן, נאר זיי וועלן אויפהערן



א פאסאזשיר־אעראפלאן פאר צוועלף פאסאזשירן.

טאן נודנע ארבעט אונטער א דרוק, און זיי וועלן ארבעטן פריי לויט זייער אייגענעם פלאן, שאפן עפעס אין הסכם מיט זייערע כישרונות און אינסטינקטן. זיי וועלן קעמפן מיט דער נאטור שוין ניט ווי פארטעמפטע רעקרוטן פון רידל און אקער, נאר צוליב גלענצנדיקע באצווינגונגען. בלויז די גייסטלאזיקייט פון אונזער איצטיקער דעפרעסיע פארבלענדט אונז, אזוי, אז מיר זעען ניט די קלארע אנווייזן פון אונזער שכל, אז אין משך פון עטלעכע דורות קאן איטלעך קליין לאנד־שטעטל ווערן אן אטען, איטלעכער מענטש זיין אידל געבארן און געזונט אין קערפער און נשמה, די גאנצע יבשה דעם מענטשנס אוצר־גרוב און די ווייטסטע געגנטן פון דער ערד זיין שפיל־פלאץ.

אין דעם דאזיקן „קאנטור“ האבן מיר געזוכט צו ווייזן, ווי אזוי צוויי גרויסע אנטוויקלונגס-סיסטעמען ווירקן איינע אויף דער אנדערער. מיר האבן געזען, ווי פון דער שפעט-נעאליטישער קולטור זיינען אויסגעוואקסן אין די ווארעמע אלוויאלע טיילן פון דער ערד גרויסע פרימיטיווע ציוויליזאציעס, פרוכפעריקע סיסטעמען פון פארקנעכטונג און אונטערטעניקייט, גרויסע אנזאמלונגען פון פלייסיקע און דינענדיקע מענטשן. מיר האבן געוויזן די נויטווענדיקע שייכות פון די דאזיקע פרייע ציוויליזאציעס צו די אלטע טעמפלען און די מלך-געטער און די גאט-מלכים. אין דער זעלביקער צייט האבן מיר געצייכנט די אנטוויקלונג פון א פשוטערער נעאליטישער מדרגה פון די וואנדער-פעלקער, וואס זיינען געווארן די נאמאדישע פעלקער, צווישן די דאזיקע גרויסע גרופעס, די נארדישע ארישע און די הוניש-מאנגאלישע פעלקער אין צפונית-מערבית און צפונית-מזרחית און די סעמיטן פון די אראבישע מדבריות. אונזער געשיכטע דערציילט, ווי אזוי די דאזיקע קרעפטיקערע, דרייסטערע און פריי-געשטימטע פעלקער פון די סטעפעס און מדבריות זיינען כסדר אנגעפאלן אויף די טונקעלע מענטשן פון די לכתחילהדיקע ציוויליזאציעס און האבן זיך מיט זיי אויסגעמישט. מיר האבן אונטערגעשטריכן, ווי אזוי אט די כסדר זיך איבערחזרנדיקע נאמאדישע ארייַנדרינגונגען האבן כסדר איבערגעענדערט די לכתחילהדיקע ציוויליזאציעס סיי אין בלוט, סיי אין גייסט, און ווי אזוי די היינטיקע וועלט-רעליגיעס און דאס וואס מיר רופן איצט דעמאקראטיע, די דרייסטקייט פון דער מאדערנער וויסנשאפטלעכער פארשונג און דער אוניווערסאלער אומרו שטאמען ארויס פון דער דאזיקער „נאמאדיזירונג“ פון דער ציוויליזאציע. די אלטע ציוויליזאציעס האבן געשאפן טראדיציע און האבן געלעבט מיט טראדיציע. ביי היינטיקן טאג איז דער כוח פון טראדיציע צעשטערט. דער קערפער פון אונזער מלוכה איז נאך ציוויליזאציע, אבער איר גייסט איז דער גייסט פון דער נאמאדישער וועלט. דאס איז דער גייסט פון די גרויסע פליינען און פון די ווייטע ימים.

אזוי אז עס איז שווער זיך אנטקעגנצושטעלן דער איבערצייגונג אז וויבאלד איבער דער גאנצער ערד וועט הערשן איין געזעץ און

די ווילדקייט פון די גרענעצן וועט אויפהערן אונז פארהאלטן, וועט זיך דערוועקן אין אונז יענער דראנג פון אונזער נאטור, וואס טרייבט אונז אין פרילינג און אין הארבסט אויפצושטיין און צו לאזן זיך שפאצירן איבער דער וועלט. מיר וועלן נאכגיין דעם רוף פון די זומער-פאשעס און די ווינטער-פאשעס אין אונזער בלוט, דעם רוף פון די בערג, פון מדבר און פון ים. פאר טייל פון אונז, וואס שטאמען אפשר פון אן אנדער יחוס, קאן קומען דער רוף פון וואלד, און עס זיינען פאראן אזעלכע, וואס וועלן גיין אויף יעיעג זומער און אומקערן זיך צו די פעלדער אראפנעמען די תבואה און פאראקערן. אבער דאס באטייט ניט, אז מענטשן וועלן ווערן אנהיימיקע און ארומטרייבערס. דאס נארמאלע נאמאדן-לעבן איז ניט קיין אנהיימיקס, נאר א באוועגונג צווישן היימען. די קאלמיקן גייען אלע יאר, אזוי ווי די שוואלבן, אויף טויזנט מייל פון איין היים אין דער צווייטער. דערפון דרינגען מיר, אז די שיינע און באקוועמע שטעט פון דער קומענדיקער תקופה וועלן האבן צייטן פון יאר, ווען זיי וועלן זיין פיל מיט לעבן, און אנדערע צייטן, ווען עס וועט אויסזיין, אז זיי שלאפן. דאס לעבן וועט אנפליצן און אפפלייצן אין איטלעכער געגנט לויט דער צייט פון יאר, וועדליק דער אינטערעס צו דער געגנט שטייגט אדער פאלט.

אין דער בעסער איינגעארדנטער וועלט וועט זיין ווינציק שווארצע, שמוציקע ארבעט. די הויפט-ארבעטער וועלן זיין נאטור-כוחות, איינגעשפאנט אין מאשינעס. וואס עס איז נויטווענדיק צו טאן פון דער שווארצער ארבעט, וועט איטלעכער טאן ווי א דינסט און חוב אין משך פון א פאר יאר צי חדשים; דאס וועט ניט צונעמען און ניט אראפדריקן דאס גאנצע לעבן פון עמעצן. חוץ שווארצער ארבעט, וועלן נאך א סך אנדערע באשעפטיקונגען און פרנסות, וואס פארנעמען א גרויסן ארט אין דעם עקסיסטירנדיקן סאציאלן פלאן, בהכרח שטארק געמינערט ווערן אין זייער וויכטיקייט אדער אינגאנצן פארשווינדן. עס וועלן זיין ווינציק פראפעסיאנעלע קעמפערס אדער גאר ניט, ניט קיין צאל-באאמטע; די וואקסנדיקע צאל לערערס וועלן מאכן פאר איבעריק די גרויסע פאליציי-קרעפטן און טורמע-שטאבן, משוגעים-

הייזער וועלן זיין זעלטן אדער גארניט עקסיסטירן. די געזונט-מאכונג פון גאר דער וועלט וועט פארקלענערן די צאל שפיטאלן, קראנקען-שוועסטערס און שפיטאל-באדינערס וכדומה. מחמת דער עקאנאמישער גערעכטיקייט, וואס וועט הערשן איבער גאר דער וועלט, וועלן פאר-שווינדן די אלע דרייערס, זשוליקעס, פראפעסיאנעלע שפילערס, אויפ-קויפערס, פאראזיטן און בכלל ספעקולאנטן. נאר אין דער קומענדיקער וועלט וועלן פונדעסטוועגן ניט ווייניקער ווערן טרעפענישן אדער



א פאסאזשיר-סאלאן אין אן עראפלאן.

ראמאנען. למשל, ים-פישעריי אין דער שטורעמדיקער ים וועלן הא-דעווען טיפן פון העלדישע מענטשן; די לופט-פליערי וועט פאר-לאנגען מוט, דאס נעמלעכע די אויספארשונג פון די טיפע און געפער-לעכע סודות פון דער נאטור.

מענטשן וועלן זיך ווידער ווענדן מיט באנייטן אינטערעס צו דער וועלט פון בעלי-חיים. אין אונזערע צייטן פון אומארדענונג גייט א טעמפע ניט-קאנטראלירטע שחיטה פון די מינים בעלי-חיים —

פון געוויסע קוק=ווינקלען איז דאָס נאָך כמעט טראַגיש'ער, ווי מענטשלעכע צרות. אין יאָרהונדערט זיינען פאַרטיליקט געוואָרן טוצנדווייז מינים בעלי=חיים, און איניקע פון זיי זייער אינטע= רעסאַנטע. איינער פון די ערשטע רעזולטאַטן פון אַ וועלט=מלוכה וועט זיין אַ בעסערער שוץ פאַר די, וואָס זיינען איצט ווילדע חיות. עס איז אַ מאָדנע זאַך אין דער מענטשלעכער געשיכטע, ווי ווינציק עס איז זינט דער בראָנזע=תקופה געטאָן געוואָרן אויף איינצוצאַמען, אויסצונוצן, פריינדלעך מאַכן און אָפּצושאַצן דאָס בעלי=חיים= לעבן אַרום אונז. אָבער אַנשטאָט דעם אָנשלדיקן אויסהרגענען, וואָס מען רופט איצט ספּאָרט, וועט אין אַ בעסער געבילדעטער וועלט= געמיינשאַפט קומען אַן אומענדערונג אין די פּרימיטיווע אינסטינקטן, וואָס באַקומען זייער אויסדרוק אויף אַזאַ אופן: די מענטשן וועלן האָבן אינטערעס ניט אין דעם טויט, נייערט אין דעם לעבן פון די חיות, און דאָס וועט פירן צו נייע, אפשר זייער אויסטערלישע און זייער שיינע פּרוּוון צו מאַכן גוטפריינד מיט די ראַזיקע פּאַטעטישע באַשעפענישן פון אַ נידעריקן מין, וואָס מיר האָבן פאַר זיי שוין מער ניט קיין מורא ווי פאַר שונאים, האָבן זיי ניט מער פיינט ווי קאָנ= קורענטן און געניטיקן זיך ניט מער אין זיי ווי שקלאַפן.

אַ וועלט=מלוכה אין אַן אַלגעמיין רעכט באַטייט נאָך ניט, אַז דער גאַנצער מין מענטש וועט זיין געבונדן און געפּענטעט אין וואָ= סערע עס איז קאַזאַרמעס. עס וועלן נאָך זיין בערג און ימים, עס וועלן נאָך זיין דזשאַנגלס און גרויסע וועלדער, וואָס מען וועט זאָרגן פאַר זיי אין באַשיצן ווי אַן אוצר; די גרויסע פליינען וועלן זיך נאָך אויסשפּרייטן פאַר אונז און ווילדע ווינטן וועלן בלאָזן. נאָר מענטשן וועלן אַזוי פיל ניט פיינט האָבן, אַזוי פיל ניט מורא האָבן, וועלן אַזוי ווילד ניט אָפּנאַרן — און זיי וועלן האַלטן ריינער זייערע נשמות און קערפּערס.

פאַראַן שוואַרץ=זעערישע נביאים, וואָס האַלטן, אַז ווען די מענטשהייט וועט זיך צונויפנעמען אין איין געמיינשאַפט, וועלן אַרויס= קומען מלחמות פון וועגן דער „ממשלה". נאָר דאָס הייסט אַזוי גוט ווי האַלטן, אַז מען קאָן די ציוויליזאַציע ניט צופּאַסן אַזוי, אַז מענטשן מיט פאַרשיידענע כאַראַקטערן און טעמפּעראַמענטן און מיט

א פארשיידענעם אויסזען אויסוויינינקסטן זאלן לעבן זייט בײ זייט, אויספירן באזונדערע ראלעס און צוטראגן איטלעכער וואס ער פארמאגט. דאס וואס די מענטשהייט וועט איינעוועבט ווערן אין איין געמיינשאפט באטייט נאר ניט, אז די געמיינשאפט וועט זיין פון איין גוס, אדרבא, עס וועלן זיך קאנען אנטוויקלען בשלום לעבן אנאנד די פארשיידנסטע כאראקטארן, און איטלעכער וועט זיך האבן זיין ראלע אין דעם כלל־לעבן. אין דער איצטיקער תקופה איז כמעט אומעטום פארשפרייט דער שלעכטער מנהג פון פיינדשאפט צווישן ראסעס. די געזעלשאפט, וואס צו איר גייען מיר אפשר, וועט זיין מער געמישט — דאס באטייט אבער ניט דווקא געמישטע שידוכים — מער פארשיידנארטיק און מער אינטערעסאנט, איידער וואסער עס איז געמיינשאפט, וואס האט פריער עקסיסטירט. געמיינשאפטן וואו אלע זיינען פון איין מוסטער, ווי קעסטלעך מיט שפיל־זעלנערלעך, געהערן גיכער צום נעכטן, איידער צום מארגן.

נאר די שווערסטע, די אוממעגלעכסטע אויפגאבע, וואס א שרייבער קאן נעמען אויף זיך, איז צו שילדערן דאס לעבן פון מענטשן, וואס זיינען מער געבילדעט פאר אים גופא, גליקלעכער אין זייערע אומשטאנדן, פרייער און געזינטער, ווי ער אליין איז. מיר ווייסן איצט גענוג, כדי צו וויסן, אז עס איז נאך פאראן אן א שיעור מעגלעכקייט אויף אויסצובעסערן אין יעטווידער פרט פון מענטשלעכן לעבן. מען דארף דערצו ניט מער ווי די אנשטרענגונג פון כלל. אונזער ארעמקייט, אונזערע באגרענעצונגען, אונזערע קרענק, אונזערע כיכסוכים און קריגערייען, דאס זיינען אלץ זאכן, וואס מען קאן פארריכטן און באזייטיקן דורך אן אויסגעשטימטער אקציע פון מענטשן. נאר מיר קאנען אזוי ווינציק וויסן, ווי מען העט זיך שפירן אין אזא לעבן, פונקט ווי אן ארעם, שמוציק, שלעכט־באהאנדלט, ווילד באשעפעניש, וואס איז געבארן און אויסגעהאדעוועט אין דער אכזריותדיקער און שמוציקער סביבה פון אן אייראפעישן הינטערגעסל, קאן פארשטיין, וואס דאס באטייט נעמען יעדער טאג א וואנע, זיין אנגעטאן שטענדיק שיין, קלעטערן אויף די בערג צוליב הנאה וועגן, פליען, טרעפן זיך נאר מיט אנגענעמע, פיינע לייט, פירן אויספארשונגען אדער שאפן פיינע זאכן. נאר א צייט, ווען די אלע גוטע זאכן



די צענטראלע טעלעפאָן-סטאַציע אין ניו-יאָרק. זי האָט אָפּגעקאָסט
3 מיליאָן פונט.

וועלן זיין צוטריטלעך אלע מענטשן, קאן זיין נעענטער, ווי מיר מיינען. איטלעכער איינער, וואס גלויבט דערין, ברענגט די גוטע צייט נעענטער; איטלעך הארץ, וואס לייקנט דערין, לייגט עס אפ.

מען קאן ניט פאראויסזאגן די איבערראשונגען אדער אנטוישונגען, וואס די צוקונפט האט צוגעגרייט. איידער עס וועט זיך אנהייבן דער קאפיטל פון דער וועלט=מלוכה אין אונזערע געשיכטעס, וועלן נאך אפשר מוזן ווערן געשריבן אנדערע קאפיטלען, וואס מען האט נאך וועגן זיי קיין השגה ניט, קאפיטלען פונקט אזוי לאנג און פול מיט קאנפליקטן, ווי אונזער באריכט וועגן דעם וואוקס און די מלחמות פון די גרויס=מלוכות. עס קאנען נאך זיין טראגישע קאמפן, ווילדע געראנגלס פון ראסע קעגן ראסע און קלאס קעגן קלאס. עס קאן זיין, אז די „פריוואטע אונטערנעמונג" וועט ניט וועלן זיך אויסלערנען דינען דער מענטשהייט אן א קאטאסטראפישער רעוואלוציע. מיר ווייסן דאס ניט; מיר קאנען דאס ניט זאגן. דאס זיינען חורבנות, וואס זיינען ניט נייטיק, עס קאן אבער זיין, אז מען וועט זיי ניט קאנען אויסמיידן. די מענטשלעכע געשיכטע ווערט אלץ מער און מער א פארמעסטונג צווישן בילדונג און קאטאסטראפע. קעגן דער פאראייניקנדיקער אנשטרענגונג פון קריסטנטום און קעגן דער פאראייניקנדיקער ווירקונג פון דער מעכאנישער רעוואלוציע האט די קאטאסטראפע געהאט די איבערהאנט — לכל=הפחות אין דער גרויסער מלחמה. מיר קאנען נאך ניט זאגן, ווי ווייט די געווינסן פון דער קאטאסטראפע בלייבן אין ווירקן. עס קאנען אויפקומען נייע פאלשקייטן, וואס וועלן איינהאלטן די מענטשן אין אן אומזיכערדיקער ארדענונג אויף א צייט, ביז וואנען זיי וועלן אונטערגיין אין דעם אומגליק אין שחיטה פון הורות.

פונדעסטוועגן, ווייזט אויס, ניט דאך די וועלט- פאראויס און וועט אויך ווייטער, פאוואליע אדער גיכער, פראגרעסירן. אין אונזער באריכט וועגן די פאלעאליטישע מענטשן אין דעם „קאנטור" האבן מיר אנטליען ביי מ"ר וואַרטהינגטאן סמיט א שילדערונג פון לעבן אויפן העכסטן שטאפל מיט א פופציק טויזנט יאר צוריק. עס איז געווען א חידוש לעבן. מיר האבן אויך אנגעצייכנט א פארזאמלונג צוליב א מענטשלעכן קרבן מיט פופצן טויזנט יאר צוריק. איך די דאזיקע

סצענע איז פֿאַר אַ מאָדערנעם לייענער כּמעט אומגלויבלעך אַכזריות־
דיק.

אָבער עס איז ניט פֿאַרבײַ מער פֿון פֿינף הונדערט יאָר, זינט
די גרויסע אימפּעריע פֿון די אַצטעקן האָט נאָך געגלויבט, אַז זי
קאָן ניט עקסיסטירן אָן בלוט־פֿאַרגיסונג. איטלעכס יאָר פֿלעגן אין
מעקסיקע אומקומען הונדערטער מענטשלעכע קרבּנות אויף דעם שטיי־
נער: מען פֿלעגט דעם קערפּער אויסקרימען ווי אַ בויגן איבער דעם
קרומען קרבּן־שטיין, די ברוסט פֿלעגט ווערן אויפֿגעשניטן מיט אַ
מעסער פֿון אָבסידיאַן, און דער כּהן פֿלעגט אַרויסרייסן דאָס קלאַפּנדיקע
האַרץ פֿון דעם נאָך לעבנדיקן קרבּן. עס איז אפשר נאָענט דער טאָג, ווען
מיר וועלן שוין מער ניט אַרויסרייסן די הערצער פֿון מענטשן, אַפֿילו
ניט צוליב אונזערע נאַציאָנאַלע געטער. זאָל נאָר דער לייענער זיך
פֿאָרשטעלן די קאָרטעס פֿון אַלטע צײַטן, און ער וועט זען דעם
אמתן באַטרעף פֿון די אַלע סיכסוכים און באַצווינגונגען און צרות
פֿון דעם איצטיקן פּעריאָד, ווען אַלץ בײַט זיך. צרות און פּײַן זײַנען
פֿאַראַן גענוג, אָבער דאָך איז פֿאַראַן אַ האָפֿענונג אויף בעסערע
צײַטן.

---

## 17. און דערנאָך?

געשיכטע איז און מוז שטענדיק זײַן ניט מער ווי אַ באַריכט
וועגן התחלות. מיר קאָנען זיך אײַנשטעלן אויף דער נביאות, אַז די
קומענדיקע קאַפּיטלען, וואָס דאַרפֿן ווערן געשריבן, וועלן דערציילן
וועגן דעם, אַז סוף־כּל־סוף איז דערגרייכט געוואָרן, הגם אפשר מיט
לאַנגע הפסקות פֿון רעאַקציע און חורבן, אַ פּאָליטישע און סאָציאַלע
איינהייט, וואָס נעמט אַרום די גאַנצע וועלט. אָבער אַז דאָס וועט
שוין זײַן דערגרייכט, וועט דאָס ניט באַטײַטן, אַז עס איז אָנגעשטאַנען
אַ צײַט פֿון רו. און אַפֿילו ניט קיין צײַט פֿון אָפּאָטעמען, נאָר עס
וועט זיך באַלד אַנטוויקלען אַ נייער קאַמף און נייע און גרעסערע אָנ־
שטרענגונגען. מענטשן וועלן זיך פֿאַראייניקן, נאָר בכדי צו פֿאַר־
שטאַרקן און פֿאַרטיפֿן דאָס זוכן וויסן און מאַכט, און וועלן לעבן, אַזוי
ווי אַלע מאָל, צוליב נייע אויפֿטוען. בעלי־חיים־און געוויקסן־לעבן,

די פארבארגענע פראצעסן פון דער פסיכאלאגיע, דער אינעווייניקסטער בוי פון דער מאטעריע און די טיפענישן פון דער ערד — זיי וועלן אנטפלעקן זייערע סודות און באשענקען זייער באצווינגער. לעבן הייבט זיך אן שטענדיק. צונויפגענומען סוף-כל-סוף אונטער דער פירערשאפט פון מענטשן, דעם פארשער און לערער פון דעם וועלט-אל, פאראייניקט, דיסציפלינירט, באוואפנט מיט די פארבארגענע כוחות פון אטאם און מיט א וויסן, וואס מען קאן איצט אפילו ניט חלומען וועגן דעם, וועט דאס לעבן, שטארבנדיק אויף אלע מאל כּכדי אויפסניי צו ווערן געבארן, אויף אלע מאל יונג און היציק, באלד שטיין אויף דער ערד ווי אויף זיין פוס-בענקל און אויסשפרייטן זיין קיניגרייך צווישן די שטערן.

# כראָנאָלאָגישע טאַבעלע

צום סוף פֿון דעם „קאָנטור“ גיבן מיר דאָ אַ טאַבעלע פֿון די הויפּט-געשעענישן, אָנגעהויבן פֿון יאָר 800 פֿאַר קר. ביז 1926 נאָך קר.

כראָנאָלאָגיע הייבט אָן ווערן גענוג פּינקטלעך, אַז זי זאָל באַצייכענען גענוי דאָס יאָר פֿון אַ געשעעניש ערשט נאָכדעם, ווי עס זיינען איינגעשטעלט געוואָרן די ערעס פֿון דער ערשטער אָלימפּיאַדע און פֿון דער גרינדונג פֿון רוים.

אַרום יאָר 1000 פֿאַר קר. האָבן די אַרישע פֿעלקער זיך איינגעפּעסטיקט אויפֿן שפּאַנישן האַלב-אינזל, אין איטאַליע און אויפֿן באַלקאַנישן האַלב-אינזל; זיי זיינען שוין געווען אין אינדיע, קנאָסאָס איז געווען צעשטערט, און די גרויסע צייטן פֿון עגיפּטן, פֿון תּותמעס III, אַמענאָפֿיס III און רעמסס II זיינען שוין געווען דריי אָדער פֿיר יאָרהונדערטער פֿריער. שוואַכע מאָנאַרכן פֿון דער 21טער דינאַסטיע האָבן רעגירט אין נילוס-טאָל. ישראל איז געווען פֿאַראייניקט אונטער זיינע ערשטע מלכים; שאול און דוד און אפֿשר אויך שלמה האָבן שוין געהאַט געקיניגט. סרגון I (2700 פֿאַר קר.) פֿון דער אַכּדיש-שומערישער אימפּעריע איז געווען אַ ווייטער זכר אין דער בבלישער געשיכטע, ווייטער ווי עס איז קאָנסטאַנטין דער גרויסער פֿון דער היינטיקער וועלט. האַמוראַבי איז שוין געווען טויזנט יאָר. די אַשורים האָבן שוין געוועלטיקט איבער די ווייניקער קריגערישע בבלים. אין יאָר 1.100 פֿאַר קר. האָט תּגלת פּלאסר I איינגענומען בבל. נאָר קיין באַצווינגונג אויף שטענדיק איז דאָס נאָך ניט געווען; אשור און בבל זיינען נאָך געווען באַזונדערע אימפּעריעס. אין כינע האָט געבליט די נייע טשאַו-דינאַסטיע. די

דענקמעלער פון דער שטיין־צייט אין ענגלאַנד זיינען שוין געווען אַלט אַ טויזנט יאָר.

די צוויי וויטערדיקע יאָרהונדערטער האָבן געזען אַן אויפלע־בונג פון עגיפטן אונטער דער 22סטער דינאַסטיע, די שפּאַלטונג פון דעם קליינעם ישראלישן קיניגרייך פון שלמה, די אויסשפּרייטונג פון די גריכן איבערן באַלקאַן, דרום־איטאַליע און קליין־אַזיע, און די טעג פון דער ממשלה פון די עטרוסקער אין צענטראַל־איטאַליע. מיר קאָנען אָנהייבן אונזער רשימה פון זיכער פעסטצושטעלנדיקע דאַטעס מיט:

פאר קר.

800. אויסגעבויט קאַרטאַגאָ.

790. די עטיאָפּער נעמען איין עגיפּטן (זיי גרינדן די 25סטע די־נאַסטיע).

776. די ערשטע אָלימפּיאַדע.

753. רוים ווערט אויסגעבויט.

745. תגלת פלאסר III נעמט איין בבל און גרינדעט די נייע אַשורישע אימפּעריע.

738. מנחם, קיניג פון ישראל, קויפט זיך אויס פון תגלת פלאסר III.

735. גריכן באַזעצן זיך אין סיציליע.

722. סרגון II באַוואָפנט די אשורים מיט אייזערנע געווער.

721. ער פאַרטרייבט די בני ישראל אין גלות.

704. סנחריב.

701. זיין אַרמיי ווערט פאַרטיליקט דורך אַ פּעסט אויפן וועג קיין עגיפּטן.

680. אסר חדון נעמט איין טעבען אין עגיפּטן (באַזיגט די עגיפּטישע 25סטע דינאַסטיע.

667. סאַרדאַנאַפּאַל.

664. פּסאַמעטיך I ריכט אויף די פרייהייט פון עגיפּטן און באַ־גרינדעט די 26סטע דינאַסטיע (ביז 610). אים האָבן געהאָלפן קעגן אַשור לידישע חיילות, געשיקט פון קיניג גיגעס.

פאר קר.

608. נכו פון עגיפטן צעקלאפט יאשיהו, קעניג פון יהודה, אין דער שלאכט פון מגידו.

606. די כשדים און מדיים נעמען איין נינוה. די גרינדונג פון דער כשדישער אימפעריע.

604. נכו איז אריינגעדרונגען ביז צום פרת און איז געווארן באזיגט דורך נבוכדנאצר II.

586. נבוכדנאצר פארטרייבט די יידן קיין בבל. אסך יידן אנטלויפן קיין עגיפטן און באזעצן זיך דארט.

550. כורש דער פרסי האט גערשנט קיאקסארעס דעם מדי. כורש האט באצוואונגען קרעזוסן.

אן ערך אין דער צייט האט געלעבט בודא. אויך האבן דעמאלט געלעבט קאנפוציוס און לאא טסע.

539. כורש האט איינגענומען בבל און געגרינדעט די פערסישע אימפעריע.

527. פייסיסטראטאס געשטארבן.

525. קאמביזעס האט איינגענומען עגיפטן. עסכילוס געבארן.

521. דריוש I, זון פון היסטאספעס, האט רעגירט פון העלעס־פאנט ביז צום אינדוס.

זיין עקספעדיציע קיין סקיטן־לאנד.

495. סאפאקלעס געבארן.

490. די שלאכט ביי מאראטאן.

484. הערראדאט געבארן. עסכילוס האט געוואונען זיין ערשט פריז פאר א טראגעדיע.

480. די שלאכטן פון טערמאפילע און סאלאמיס. עוריפידעס גע־בארן.

479. די שלאכט פון פלאטעיא און מיקאלע פארענדיקן די מפלה פון פערסיע.

474. דער עטרוסקישער פלאט צעשטערט דורך די סיציליישע גריכן.

470. האנאנס נסיעה.

466. פעריקלעס.

465. קסערקסעס דערהרגעט.

פאר קר.

438. הערָאדָאט לייענט פיר זיין געשיכטע אין אַטען.

431. אָנגעהויבן זיך דער פעלאָפּאָנעסישער קריג (ביז 404).

429. פעריקלעס געשטאָרבן. הערָאדָאט געשטאָרבן.

427. אַריסטאָפאַנעס הייבט אָן זיין קאַריערע. פלאַטאָן געבאָרן. ער האָט געלעבט ביז 347.

401. דער אומקער פון די צען טויזנט.

390. ברענוס רויבט אויס רוים.

366. קאַמילוס אויסגעבויט דעם טעמפעל פון קאָנקאָרדיאַ.

359. פיליפּ ווערט קיניג פון מאַקעדאָניע.

338. די שלאַכט פון כעראָנעיאַ.

336. מאַקעדאָנישע חיילות מאַרשירן אַריבער קיין אזיע. פיליפּ דער־הרגעט.

334. די שלאַכט פון גראַניקוס.

333. די שלאַכט פון איסוס.

332. אלכסנדר אין עגיפּטן.

331. די שלאַכט פון אַרבעלאַ.

330. דריוש III דערהרגעט.

323. אלכסנדר דער גרויסער געשטאָרבן.

321. טשאַנדראַגופּטאַ איינגעשטאַנען אין פּענדזשאַב. די רוימער אינגאַנצן צעקלאַפּט די סאַמניטער אין דער שלאַכט פון קאַודינער באַרג־שפּאַלט.

303. טשאַנדראַגופּטאַ טרייבט צוריק סעלייקוסן.

285. פּטאָלעמיי סאָטער געשטאָרבן.

281. פּירוס אָנגעפאַלן אויף איטאַליע.

280. די שלאַכט פון הערַאקלעאַ.

279. די שלאַכט פון אויסקולום.

278. דער אָנפאַל פון די גאַליער אויף קליין־אזיע; זיי באַזעצן זיך אין גאַלאַטיע.

275. פּירוס פאַרלאָזט איטאַליע.

264. די ערשטע פּונישע מלחמה (אַסאָקאַ האָט אָנגעהויבן קי־

ווּעלט-געשיכטע

פאַר קר.

ניגן אין בעהאר — ביז 227). די ערשטע גלאַדיאַטאָרן-שפּילן אין רוים.

260. די שלאַכט פון מילע.

256. די שלאַכט פון עקנאָמוס.

241. די שלאַכט פון די עגאַטישע אינזלען. סוף פון דער ערשטער פונישער מלחמה.

225. די שלאַכט פון טעלאַמאָן. רוימישע אַרמייען אין אילירייע.

220. שי כואַן-טי ווערט קיסר פון כינע.

219. צווייטע פונישע מלחמה.

216. די שלאַכט פון קאַנע.

214. אָנגעהויבן בויען דעם גרויסן כינעזישן מויער.

210. טויט פון שי כואַן-טי

202. די שלאַכט פון זאַמאַ.

201. סוף פון דער צווייטער פונישער מלחמה.

200 — 197. מלחמה צווישן רוים און מאַקעדאָניע.

192. מלחמה מיט די סעלייקידן.

190. די שלאַכט ביי מאַגנעזיא.

149. דער דריטער פונישער קריג (די יועך-טשי קומען אריין אין מערב-טורקעסטאַן).

146. קאַרטאַגאַ צעשטערט. קאָרינט צעשטערט.

133. אַטאַלוס אָפּגעשאָנקען פאַרמאָגן רוים. טיבעריוס גראַקכוס דערהרגעט.

121. קאַיוס גראַקכוס דערהרגעט.

118. די מלחמה מיט יוגורטאַ.

106. די מלחמה מיט יוגורטאַ געענדיקט.

102. מאַריוס אָפּגעטריבן די גערמאַנען.

100. מאַריוסעס טריומף (וואו-טי איינגענומען דעם טאַרים-טאָל).

91. מלחמה מיט די פאַרבינדעטע.

89. אַלע איטאַליקער געוואָרן רוימישע בירגער.

86. מאַריוס געשטאָרבן.

78. סולאַ געשטאָרבן.

פאר קר.

73. דער בונט פון די שקלאפן אונטער ספארטאקוס.
71. ספארטאקוס צעקלאפט און געהרגעט.
66. פומפיוס פירט רוימישע חיילות צום קאספישן ים אין צום פרת. ער האט זיך צונויפגעשטויסן מיט די אלאנען.
64. מיטרידאטעס פון פאנטוס געשטארבן.
53. קראסוס דערהרגעט אין קארע. מאנגאלישע עלעמענטן ביי די פארטער.
48. יוליוס קיסר צעקלאפט פומפיוס ביי פארסאלאס.
44. יוליוס קיסר דערהרגעט.
31. די שלאכט פון אקציום.
27. אויגוסטוס קיסר פרינצעפס (ביז 14 נ. קר.).
4. די ריכטיקע דאטע פון ישו פון נצרת געבוירן.

# די קריסטלעכע ערע

נאך קר.

6. איינגעשטעלט די פראווינץ מעזיע.
9. איינגעשטעלט די פראווינץ פאנאניע. די גרענעצן פון דער אימפעריע ארויסגערוקט ביזן דאנוי.
14. אויגוסטוס געשטארבן. טיבעריוס קיסר.
30. ישו פון נצרת געקרייציקט.
37. קאליגולא גערירשנט טיבעריוסן.
41. קלאודיוס (דער ערשטער קיסר פון די לעגיאנען) געמאכט פאר א קיסר דורך דער פרעטאריאנער גווארדיע, נאכדעם ווי זיי האבן דערהרגעט קאליגולען.
54. נירון גערירשנט קלאודיוסן.
61. באאדיקעא איסגעקוילעט דעם רוימישן גארניזאן אין בריטא- ניע.
68. נירון גענומען זיך דאס לעבן (גאלבא, אטא, וויטעליוס — איינער נאכן אנדערן קיסר).
69. אספסינוס הייבט אן די אזוי אנגערופענע פלאווישע דינאסטיע.
79. טיטוס גערירשנט אספסינוסן.

אך קר.

.81 דאָמיציאַנוס.

.84 רוים איינגענומען צפון-בריטאַניע.

.96 נערוואַ אָנגעהויבן די אַזוי גערופענע דינאַסטיע פון די אַנטאָ-נינען.

.98 טראַיאַנוס געירשנט נערוואַ.

.102 פאַן טשאַו ביים קאַספּישן ים (אינדאָ-סקיטן פאַלן אַן אויף צפון-אינדיע).

.117 האַדריאַנוס ירשנט טראַיאַנוסן. דער גרעסטער אויסשפּרייט פון דער רוימישער אימפּעריע.

.138 אַנטאָנינוס פּיוס געירשנט האַדריאַנוסן (די אינדאָ-סקיטן האָבן אין יענער צייט געהאַלטן אין צעשטערן די לעצטע סימנים פון דער העלענישער הערשאַפט אין אינדיע).

.150 [אַרום יענער צייט האָט קאַנישקאַ רעגירט אין אינדיע, קאַש-גאַר, יאַרקענד און קאַטאַן].

.161 מאַרקוס אורעליוס געירשנט אַנטאָנינוס פּיוס.

.164 גרויסע מגפה הויך אָנגעהויבן און געדויערט ביזן טויט פון מאַרקוס אוירעליוס (180). זי האָט אויך פאַרוויסט גאַנץ אַזיע.

.180 מאַרקוס אוירעליוס געשטאָרבן.

(כמעט אַ יאָרהונדערט קריג און מהומות זיך אָנגעהויבן אין דער רוימישער אימפּעריע).

.220 סוף פון דער האַן-דינאַסטיע. אָנהייב פון פיר הונדערט יאָר צעטיילונג אין כינע.

.226 אַרדאַשיר I (ערשטער סאַסאַנידישער שאַך) געמאַכט אַ סוף צו דער אַרסאַקידישער דינאַסטיע.

.242 מאַני אָנגעהויבן לערנען.

.247 די גאָטן אַריבער אין מאַסן דעם דאַנוי.

.251 גרויסער ניצחון פון די גאָטן. קיסר דעציוס דערהרגעט.

.260 שבור I, דער צווייטער סאַסאַנידישער שאַך, איינגענומען אַנ-טיוכיע, געמומען געפאַנגען דעם קיסר וואַלעריאַן און איז

נאָך קר.

געוואָרן אָפּגעשניטן בײַ זײַן צוריקקער פון קלײן־אַזיע דורך אָדענאַט פון פּאַלמירע.

269. קיסר קלאַודיוס צעקלאַפּט די גאָטן בײַ ניש.

270. אויר עליאַן געוואָרן קיסר.

272. זענאָביאַ אַוועקגעפירט געפאַנגען קײן רוים. סוף פון דער קורצער גדולה פון פּאַלמירע.

275. פּראָבוס געירשנט אוירעליאַנען.

276. די גאָטן אין פּאָנטוס. קיסר פּראָבוס צוריקגעשטופּט די פראַנ־קען און אַלעמאַנען.

277. מאַני געקרײציקט אין פּערסיע.

284. דיאָקלעטיאַן געוואָרן קיסר.

303. דיאָקלעטיאַן רודפט די קריסטן.

306. קאָנסטאַנטין דער גרויסער געוואָרן קיסר.

311. גאַלעריוס אויפגעהערט רודפן די קריסטן.

314. קאָנסטאַנטין פּאָרזיצער פון אַ קריסטלעכן קאָנציל אין אַרל.

321. נײַע גאָטישע אָנפאַלן צוריקגעטריבן.

323. קאָנסטאַנטין פּאָרזיצער פון קאָנציל פון ניקעאַ.

337. די וואַנדאַלן, געטריבן דורך די גאָטן, קריגן די דערלויבעניש זיך צו באַזעצן אין פּאַנאָניע.

קאָנסטאַנטין געטויפט אויף זײַן טויטן־בעט.

354. ה״ל אויגוסטין געבאָרן.

361—3. יוליאַנוס דער אַפּטריניקער געפּרוּווט אַוועקצושטעלן דעם מיטראַ־דינסט אַנשטאָט קריסטנטום.

379. טעאָדאָסיוס דער גרויסער (אַ שפּאַניער) קיסר.

390. צעבראָכן די סטאַטוע פון סעראַפּיס אין אַלכּסנדריאַ.

392. טעאָדאָסיוס דער גרויסער קיסר פון מזרח און פון מערב.

395. טעאָדאָסיוס דער גרויסער געשטאָרבן. האָנאָריוס און אַרקאַדיוס ווידער צעטײלט די אימפּעריע, און סטיליכאָ און אַלאַריך זײַערע הערן און באַשיצערס.

410. די וויזיגאָטן אונטער אַלאַריך נעמען אײַן רוים.

נאָך קר.

425. די וואַנדאַלן באַזעצן זיך אין דרום־שפּאַניע. די הונען אין פּאַנאָניע, די גאָטן אין דאַלמאַציע. וויזיגאָטן און סועבן אין פּאָרטוגאַל און צפון־שפּאַניע. די אַנגלען דרינגען אַריין אין בריטאַניע.

429. די וואַנדאַלן אונטער גענזעריק דרינגען אַריין קיין אַפריקע.

439. די וואַנדאַלן נעמען איין קאַרטאַגאָ.

448. פּריסקוס באַזוכט אַטילען.

451. אַטילא פאַלט אָן אויף גאַליע און ווערט צעקלאַפּט דורך די פראַנקען, אַלעמאַנען און רוימער ביי טרוא.

453. אַטילא געשטאָרבן.

455. די וואַנדאַלן רויבן אויס רוים.

470. דער אַנפאַל פון די עפטאַליטן אין אינדיע.

476. אָדאָאַקער, קיניג פון אַ געמיש פון גערמאַנישע שבטים, לאָזט וויסן קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אַז אין מערב איז קיין קיסר ניטאָ. סוף פון דער מערבדיקער אימפּעריע.

480. ה"ל בענעדיקט געבאָרן.

481. קלאָדוויג אין פראַנקרייך. די מעראָווינגער.

483. די נעסטאָריאַנישע קירך זיך אָפּגעריסן פון דער אָרטאָדאָקסער קריסטלעכער קירך.

493. טעאָדאָך דער אָסטראָגאָט איינגענומען איטאַליע און איז געוואָרן קיניג פון איטאַליע, אָבער נאָמינעל אונטערטעניק קאָנסטאַנטינאָפּאָל.
(גאָטישע מלכים אין איטאַליע. גאָטן באַזעצן זיך אין ספּעציעל קאָנפיסקירטע לענדער ווי אַ גאַרניזאָן).

527. יוסטיניאַן קיסר.

528. מיהיראַגולא, דער (עפטאַליטישער) אַטילא פון אינדיע, באַזיגט.

529. יוסטיניאַן געשלאָסן די שולן אין אַטען, וואָס האָבן געבליט כמעט אַ טויזנט יאָר. בעליזאַריוס (יוסטיניאַנס פעלדמאַרשאַל) איינגענומען נעאַפּאָל.

גאָך קר.

531. כּוזרו I אָנגעהויבּן קיניגן.

543. אַ גרויסע מגפה אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

544. ה"ל בּענעדיקט געשטאָרבּן.

553. יוסטיניאַן טרייבּט אַרויס די גאָטן פון איטאַליע. קאַסיאָדאָ-רוס גערינדעט זיין קלויסטער.

565. יוסטיניאַן געשטאָרבּן. די לאָנגאָבּאַרדן נעמען איין דעם גרעסטן טייל איטאַליע (איבּערגעלאָזן ראַזענע און רוים בּיי די בּי-זאַנטינער). די טערקן האָבּן צעקלאַפּט די עפטאַליטן אין מערב-טורקעסטאַן.

570. מוכאַמעד געבּאָרן.

579. כּוזרו I געשטאָרבּן.

(די לאָנגאָבּאַרדן הערשן אין איטאַליע).

590. אַ מגפה בּושעוועט אין רוים (גרעגאָר דער גרויסער — גרע-גאָר I — און די זוונג פון ס"ט אַנדרושעלאָ). כּוזרו II אָנ-געהויבּן קיניגן.

610. הערַאקליוס אָנגעהויבּן קיניגן.

618. טאַנג-דינאַסטיע זיך אָנגעהויבּן אין כינע.

619. כּוזרו II פאַרנומען עגיפּטן, ירושלים, דמשק און געהאַט אַרמייען בּיים העלעספּאָנט.

622. די העדזשראַ.

623. די שלאַכט בּיי בּאַדר.

627. גרויסע פּערסישע מפלה בּיי נינוה דורך הערַאקליוסן. די מעקאַנישע פּאַרבּינדעטע בּאַלעגערן מעדינע. טאַי-טסונג גע-וואָרן קיסר פון כינע.

628. קאַוואַד II דערהרגעט זיין פאָטער כּוזרו II און פאַרנעמט זיין אָרט.

מוכאַמעד שרייבּט בּריוו צו אַלע רעגירערס פון דער ערד.

629. יואַן טשוואַנג אָנגעהויבּן זיין רייזע קיין אינדיע. מוכאַמעד זיך אומגעקערט קיין מעקאַ.

632. מוכאַמעד געשטאָרבּן. אַבּו בּכר כאַליף.

634. עומר דער צווייטער כאַליף.

נאָך קר.

.635 טאַי טסונג האָט אָנגענומען נעסטאָריאַנישע מיסיאָנערן.
.636 די שלאַכט פון יאַרמוק. די מוסלימס נעמען איין סיריע.
.637 די שלאַכט פון קאַדיסיאַ.
.638 ירושלים גיט זיך אונטער עומרן.
.642 העראַקליוס געשטאָרבן.
.644 עותמאַן דער דריטער כאַליף.
.645 יואַן טשוואַנג אומגעקערט זיך קיין סינגאַן.
.655 דער ביזאַנטישער פלאָט צעקלאַפּט דורך די מוסלימס.
.656 עותמאַן דערהרגעט אין מעדינע.
.661 עלי דערהרגעט. מאַוויאַ כאַליף (דער ערשטער פון די אָמאַ-יאַדישע כאַליפן).
.668 דער כאַליף מאַוויאַ אָנגעפאַלן אויף קאָנסטאַנטינאָפּאָל דורכן ים. — טעאָדאָר פון טאַרסוס געוואָרן אַרציביסקאָפּ פון קענטערבערי.
.675 לעצטער פון די ים-אָנפאַלן פון מאַוויאַ אויף קאָנסטאַנטי-נאָפּאָל.
.687 פּיפּין פון העריסטאַל, דער פּאַלאַץ-מאַיאָר, פאַראייניקט אויסטראַזיע מיט נייסטריע.
.711 אַ מוסלימישע אַרמיי דרינגט אַריין קיין שפּאַניע פון אַפ-ריקע.
.716—17. סוליימאַנען, דעם זון און יורש פון וואַלידן, געראָט ניט איינצונעמען קאָנסטאַנטינאָפּאָל.
.721 קאַרל מאַרטעל, פּאַלאַץ-מאַיאָר. די ממשלה פון כאַליף וואַ-ליד I האָט זיך אויסגעשפּרייט פון די פּירענעען ביז קיין כינע.
.732 קאַרל מאַרטעל צעקלאַפּט די מוסלימס ביי פּאָאַטיע.
.735 בעדאַ דער כּבודיקער געשטאָרבן.
.743 וואַליד II כאַליף — דער אומגלויביקער כאַליף.
.749 די אָמאַיאַדן אַראָפּגעוואָרפן. אַבדול-אַבּאַס, דער ערשטער אַבּאַ-סידישער כאַליף.
שפּאַניע בלייבט אָמאַיאַדיש. אָנהייב פון דער שפּאַלטונג פון דער אַראַבישער אימפּעריע.

נאך קר.

751. פיפין געקרוינט פארן קיניג פון די פראנצויזן.

755. מארטירטום פון ה"ל באניפאציוס.

768. פיפין געשטארבן.

771. קארל דער גרויסער דער איינציקער קיניג.

774. קארל נעמט איין לאמבארדיע.

776. קארל אין דאלמאציע.

786. הארון-אל-ראשיד אבאסידישער כאליף אין באגדאד (ביז 809).

795. לעא III ווערט פויפס (ביז 816).

800. לעא קרוינט קארל דעם גרויסן פארן קיסר פון מערב.

802. עגבערט, פריער אן אנטלאפענער ענגלענדער ביים הויף פון קארל דעם גרויסן, באפעסטיקט זיך ווי דער קיניג פון וועסעקס.

811. קרום אין בולגאריע צעקלאפט און הרגעט אוועק דעם קיסר ניקעפאר.

814. קארל דער גרויסער געשטארבן; לודוויק דער פרומער זיין יורש.

828. עגבערט געווארן דער ערשטער קיניג פון ענגלאנד.

843. לודוויג דער פרומער געשטארבן, און די קאראלינגישע אימפעריע ווערט צעבראכן. ביז 962 איז ניט געווען קיין רעגולערע קייט פון קיסרים פון דער הייליקער רוימישער אימפעריע, הגם דער טיטל קיסר באווייזט זיך פון צייט צו צייט.

850. ארום דער צייט איז רוריק (א נארמאן) געווארן מושל פון נאווגאראד און קיעוו.

852. באריס דער ערשטער קריסטלעכער קיניג פון בולגאריע (ביז 884).

865. דער פלאט פון די רוסן (נארמאנען) באדרויט קאנסטאנטינאפאל.

886. דער אפמאך צווישן אלפרעד פון ענגלאנד און גוטרום דעם דענער פארפעסטיקט די דענער אין דענעלאו.

904. א רוסישער (נארמאנישער) פלאט פאר קאנסטאנטינאפאל.

נאָך קר.

911. ראַלף דער נאָרמאַנער פעסטיקט זיך איין אין נאָרמאַנדיע.

919. העגריך דער פייגלכאַפּער אויסגעקליבן פאַרן קיניג פון דייטש-לאַנד.

928. מאַראָזיאַ גענומען געפאַנגען דעם פּויפּס יאָהאַן X.

931. יאָהאַן XI פּויפּס (ביז 936).

936. אָטאָ I געוואָרן קיניג פון דייטשלאַנד נאָך זיין פאָטער העגריך דעם פייגלכאַפּער.

941. א רוסישער פלאָט באַדרויט ווידער קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

955. יאָהאַן XII פּויפּס.

960. די צפונדיקע סונג-דינאַסטיע זיך אָנגעהויבן אין כינע.

962. אָטאָ I, קיניג פון דייטשלאַנד, געקרוינט פאַר א קיסר (דער ערשטער סאַקסישער קיסר) דורך יאָהאַן XII.

963. אָטאָ I אַראָפּגעזעצט יאָהאַן XII.

969. א באַזונדער פאַטימידישער כאַליפאַט געגרינדעט אין עגיפּטן.

973. אָטאָ II.

983. אָטאָ III.

987. הוגאָ קאַפּעט געוואָרן קיניג פון פראַנקרייך. דער סוף פון דער קאַראָלינגישער דינאַסטיע פון די פראַנצויזישע מלכים.

1016. קאַנוט געוואָרן קיניג פון ענגלאַנד, דענעמאַרק און נאָרוועגן.

1037. אַוויסענאַ פון בוכאַרע, דער פירשט פון די דאָקטוירים, גע-שטאָרבן.

1043. א רוסישער פלאָט דרויט קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

1066. ווילהעלם הערצאָג פון נאָרמאַנדיע נעמט איין ענגלאַנד.

1071. אויפלעבונג פון איסלאַם אונטער די סעלדזשוקישע טערקן. די שלאַכט פון מעלאַס-גירד.

1073. הילדעבראַנד געוואָרן פּויפּס (גרעגאָר VII) ביז 1085.

1077. העגריך IV טוט תשובה אין קאַנאָסאַ.

1079. פּעטער אַבעלאַר געבאָרן.

1082. ראָבערט גיסקאַר נעמט איין דוראַצאָ.

1084. ראָבערט גיסקאַר רויבט אויס רוים.

1087—99. פּויפּס אורבאַן II.

נאך קר.

1094. מגפה.

1095. פויפס אורבאן II רופט אין קלערמאן צום ערשטן קרייץ־צוג.

1096. שחיטה פון דעם פאלקס־קרייץ־צוג.

1099. גאָדפריד פון בוליאָן נעמט איין ירושלים. פאסכאל II פויפס (ביז 1118).

1138. די קין־אימפעריע בליט. די סונג־הויפטשטאט גייט אריבער פון נאנקין קיין האנג טשאו.

1142. פעטער אבעלאר געשטארבן.

1147. דער צווייטער קרייץ־צוג. גרינדונג פון קריסטלעכן קיניג־רייך פארטוגאל.

1169. סאלאדין סולטאן פון עגיפטן.

1177. פרידריך באַרבאַראָסאַ אנערקענט די איבערהערשאפט פון פויפס (אלכסנדר III) אין ווענעציע.

1187. סאלאדין נעמט איין ירושלים.

1189. דער דריטער קרייץ־צוג.

1193. אלבערטוס מאגנוס געבאָרן.

1198. אַוועראָעס פון קאָרדאָווע, דער אַראַבישער פילאָסאָף, געשטאָרבן. אינאָקענטי III פויפס (ביז 1216); פרידריך II (אלט פיר יאָר), קיניג פון סיציליע, איז געוואָרן געשטעלט אונטער זיין אפוטרופסות.

1202. דער פערטער קרייץ־צוג אנגעפאלן אויף דער מזרחדיקער אימפעריע.

1204. די לאטיינער נעמען איין קאָנסטאנטינאָפאָל.

1206. קוטוב גרינדעט א מוסלימישע מלוכה אין דעלהי.

1212. דער קינדער־קרייץ־צוג.

1214. דושינגיס כאן נעמט איין פעקין.

1215. אונטערגעחתמעט די מאגנא כאַרטאַ.

1216. האָנאָריוס III פויפס.

1218. דושינגיס כאן אריינגעדרונגען קיין כוואריזמיא.

נאָך קר.

1221. דער פינפטער קרייץ-צוג פאַלט דורך און קערט זיך אום צוריק. געשטאָרבן ה"ל דאָמיניק (די דאָמיניקאַנער).

1225. טאָמאַס פון אַקווינאַ געבאָרן.

1226. ה"ל פראַנציסק פון אסיזי געשטאָרבן (די פראַנציסקאַנער).

1227. דזשינגיס כאַן, ווער כאַן פון קאַספּישן ים ביז צום שטילן אָקעאַן, איז געשטאָרבן, און אים האָט געירשנט אָגדאַי כאַן. גרעגאָר IX פּויפּס.

1228. פרידריך II אויפן זעקסטן קרייץ-צוג און האָט געוואונען ירושלים.

1234. די מאָנגאָלן פאַרענדיקן די באַצווינגונג פון דער קין-אימפּעריע מיט דער הילף פון דער סונג-אימפּעריע.

1239. פרידריך II דאָס צווייטע מאָל אַריינגעלייגט אין חרם.

1240. די מאָנגאָלן מאַכן חרוב קיעוו. רוסלאַנד צאָלט צינז די מאָנגאָלן.

1241. דער ניצחון פון די מאָנגאָלן ביי ליגניץ אין שלעזיע.

1244. דער עגיפּטישער סולטאַן נעמט ווידער איין ירושלים: דאָס פירט צום זיבעטן קרייץ-צוג.

1245. אראָפּגענומען דעם חרם פון פרידריך II. די מענטשן פון שוויץ פאַרברענען דעם שלאָס ניי-האַבסבורג.

1250. לודוויג דער הייליקער פון פראַנקרייך אויסגעקויפט פון געפאַנגענשאַפט. פרידריך II, דער לעצטער האָהענשטאַופישער קיסר, געשטאָרבן. אָן אַ קיסר אין דייטשלאַנד ביז 1273.

1251. מאַנגו כאַן געוואָרן גרויס-כאַן. קובלאַי כאַן רעגירער פון כינע.

1253. הולאַגו כאַן איינגענומען און צעשטערט באַגדאַד.

1260. קובלאַי-כאַן געוואָרן גרויס-כאַן. קעטבאָגאַ צעקלאַפּט אין פּאַלעסטינע.

1261. די גריכן האָבן צוריק אָפּגענומען קאָנסטאַנטינאָפּאָל ביי די לאַטיינער.

1265. דאַנטע אַליגיערי געבאָרן.

נאך קר.

1266. דזשאטא געבארן.

1269. קובלאי כאן געשיקט א שליחות צום פויפס הורך די על־טערע פאלאס.

1271. מארקא פאלא אנגעהויבן זיין רייזע.

1273. רודאלף פון האבסבורג אויסגעקליבן פאר א קיסר. די שווייץ האט געבילדעט איר אייביקן בונד.

1274. טאמאס פון אקווינא געשטארבן.

1280. קובלאי כאן געגרינדעט די יואן־דינאסטיע אין כינע. אל־בערטוס דער גרויסער געשטארבן.

1292. קובלאי כאן געשטארבן.

1293. ראדזשער בעקאן, דער נביא פון דער עקספערימענטאלער וויסנשאפט, געשטארבן.

1294. באניפאציוס VIII פויפס (ביז 1303).

1295. מארקא צוריקגעקערט קיין ווענעציע.

1303. פויפס באניפאציוס VIII געשטארבן נאך דער פייניקונג, וואס עס האט אים געפייניקט זילהעלם דע נאגארע אין אנאניי.

1304. פעטרארקא געבארן.

1305. קלעמענס V פויפס.

1308. דונס סקאטוס געשטארבן.

1309. דער פויפסלעכער הויף אריבער קיין אוויניאן.

1318. פיר פראנציסקאנער פארברענט פאר אפיקורסות אין מאר־סעיל.

1337. דזשאטא געשטארבן.

1347. אקאם געשטארבן.

1348. די גרויסע מגפה, דער שווארצער טויט.

1358. די זשאקרי אין פראנקרייך.

1368. אין כינע געפאלן די מאנגאלישע (יואן) דינאסטיע, און אויף איר ארט קומט די מינג־דינאסטיע (ביז 1644).

1369. טימורלאן אנגענומען דעם טיטל גרויס־כאן.

1374. פעטרארקא געשטארבן.

נאָך קר.

1377. פויפּס גרעגאָר XI זיך אומגעקערט קיין רוים.
1378. די גרויסע סכיזמע. אורבאַן VI אין רוים, קלעמענס VIII אין אַוויניאָן.
1381. פויערים-בונט אין ענגלאַנד. וואַט טיילער דערהרגעט פאַר קיניג ריטשאַרד II אין די אויגן.
1384. וויקליף געשטאָרבן.
1387. פראַ-אַנדזשעליקאָ דאַ פיעזאָלע געבאָרן.
1398. הוס פּרעדיקט וויקליפיזם אין פּראַג.
1400. טשאָסער געשטאָרבן.
1405. טימור געשטאָרבן.
1414—18. דער קאָנציל פון קאָנסטאַנץ. הוס פאַרברענט (1415).
1417. געענדיקט די גרויסע סכיזמע. מאַרטין V פויפּס.
1420. די הוסיטן אויפגעשטאַנען. מאַרטין V פּרעדיקט אַ קרייץ-צוג קעגן זיי.
1431. די קאַטוילישע קרייץ-פאַרער צעלויפן זיך פאַר די הוסיטן ביי דאָמאַזליצע. צונויפגעקומען דער קאָנציל פון באַזעל. ווילאָן געבאָרן. מאַנטעניאַ געבאָרן.
1436. די הוסיטן ריידן זיך צונויף מיט דער קירך.
1439. דער קאָנציל פון באַזעל געשאַפן אַ נייע סכיזמע אין דער קירך.
1445. די פּאָרטוגעזן אַנטדעקן דעם קאַפּ ווערדע (גרינער).
1446. ערשטע געדרוקטע ביכער (קאָסטער אין האַרלעם).
1449. דער סוף פון באַזעלער קאָנציל.
1452. לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי געבאָרן.
1453. די אָטאָמאַנישע טערקן אונטער מוכאַמעד II נעמען איין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.
1455. פראַ אַנדזשעליקאָ דאַ פיעזאָלע געשטאָרבן.
1463. ווילאָן געשטאָרבן.
1471. דירער געבאָרן.
1473. קאָפּערניק געבאָרן.
1475. אַריאָסטאָ געבאָרן.

נאך קר.

1480. איוואן III, גרויספירשט פון מאסקווע, אראפגעווארפן דעם מאנגאלישן יאך.

1481. דער סולטאן מוכאמעד געשטארבן, בעת זיינע הכנות איינצונעמען איטאליע. באיאזעט II טערקישער סולטאן (ביז 1512).

1486. דיאז האט ארומגערינגלט דעם קאפ פון דער גוטער האפענונג.

1492. קאלומבוס אריבערגעשוואומען דעם אנטלאנטישן אקעאן ביז קיין אמעריקע. ראדריגא באָרדזשיא אלכסנדר VI, פויפס (1503).

1493. מאקסימיליאן I ווערט קיסר.

1497. האנס האלביין געבארן.

1498. וואסקא דא גאמא ארומגעזעגלט ארום דעם קאפ קיין אינדיע.

1499. שווייץ ווערט אן אומאפהענגיקע רעפובליק.

1500. קארל V געבארן.

1506. מאנטעניא געשטארבן.

1509. הענריך VIII קעניג פון ענגלאנד.

1512. סעלים סולטאן (ביז 1520). ער האט אפגעקויפט דעם טיטל כאליף. געפאלן סארעדיני (און מאקיאוועלי) אין פלארענץ.

1513. לעא X פויפס.

1515. פראנץ I קעניג פון פראנקרייך.

1517. סעלים אנעקטירט עגיפטן. לוטער שטעלט ארויס זיינע טעזעס אין וויטענבערג.

1518. מינטארעטא געבארן. פאלאדיא געבארן.

1519. לעאנארדא דא ווינטשי געשטארבן.

מאגעלאנס עקספעדיציע ארויסגעפארן ארומצוזעגלען די וועלט.

קארטעץ איז אריין אין דער שטאט מעקסיקע.

1520. סולייםאן דער גרויסארטיקער, סולטאן (ביז 1566), רעגירט פון באגדאד ביז אונגארן. קארל V קיסר.

1521. לוטער אויפן רייכסטאג אין ווארמס. לאיאלא פארוואונדעט אין פאמפעלונא.

נאך קר.

1524. קאמאענס געבארן.

1525. באבער געוואונען די שלאכט פון פאניפאט, איינגענומען דעלהי און געגרינדעט די מאגול-אימפעריע.

1527. די דייטשע חילות אין איטאליע, אונטער דעם קאנסטאבל פון בורבאן, נעמען איין און רויבן אויס רוים.

1528. פאאלא וועראנעזע געבארן.

1529. סולײמאן באלעגערט ווין.

1530. פיזארא ארייננעדרונגען אין פערו. קארל V געקרוינט דורך דעם פויפס. הענריך VIII אנגעהויבן זיין מחלוקת מיטן פויפסטום.

1532. די אנאבאפטיסטן פארכאפט מינסטער.

1533. אריאסטא געשטארבן. מאנטיין געבארן.

1535. געפאלן די אנאבאפטיסטישע ממשלה אין מינסטער.

1539. געגרינדעט די יעזויטישע געזעלשאפט.

1543. קאפערניק געשטארבן. האנס האלביין געשטארבן.

1545. פארזאמלט דער קאנציל פון טריענט (ביז 1563) צו מאכן ארדענונג אין דער קירך.

1546. מארטין לוטער געשטארבן. טיכא בראהע געבארן.

1547. איוואן IV (דער אכזר) אנגענומען דעם טיטל צאר פון רוסלאנד. פראנץ I געשטארבן. סערוואנטעס געבארן.

1549. ערשטע יעזויטישע מיסיאנערן אנגעקומען אין דרום-אמעריקע.

1552. דער אפמאך פון פאסאו. צייטווייליקע בארויקונג פון דייטש-לאנד.

1553. ראבלע געשטארבן.

1556. קארל V אפגעדאנקט. אקבאר גרויס-מאגול (ביז 1605). אי-גנאצי פון לאיאלא געשטארבן.

1558. קארל V געשטארבן.

1561. פרענסיס בעקאן (לארד ווערולאם) געבארן.

1563. געענדיקט זיך דער טריענטער קאנציל און די רעפארם פון דער קאטוילישער קירך.

1564. גאלילײ געבארן. שעקספיר געבארן.

נאָך קר.

1566. סוליימאַן דער גרויסאַרטיקער געשטאָרבן.
1567. איפּשטאַנד פון די נידערלענדער.
1568. די טויטשטראָף פון די גראַפן עגמאָנט און האָרן.
1571. קעפּלער געבאָרן.
1573. באַלעגערונג פון אַלקמאַאַר.
1576. טיציאַן געשטאָרבן.
1577. רובענס געבאָרן.
1578. האַרווי געבאָרן.
1580. קאַמאָענס געשטאָרבן. פּאַלאַדיאָ געשטאָרבן.
1583. סער וואַלטער ראַליס עקספּעדיציע קיין ווירדזשיניע.
1588. פּאַאָלאָ וועראָנעזע געשטאָרבן.
1592. מאָנטיין געשטאָרבן.
1594. טינטאָרעטאָ געשטאָרבן.
1599. וועלאַסקעז געבאָרן.
1601. טיכאָ בראַהע געשטאָרבן.
1603. דזשיימס I קיניג פון ענגלאַנד און שאָטלאַנד. ד"ר דזשיל־בערט געשטאָרבן.
1605. דזשעהאַנגיר גרויס־מאָגול.
1606. געגרינדעט די ווירדזשיניע־געזעלשאַפט.
רעמבראַנדט געבאָרן.
1608. מילטאָן געבאָרן.
1609. האָלאַנד אומאָפּהענגיק.
1616. שעקספּיר געשטאָרבן. סערוואַנטעס געשטאָרבן.
1618. אָנגעהויבן זיך דער דרייסיק־יאָריקער קריג.
1620. די עקספּעדיציע פון דער „מייפלאַוער“ געגרינדעט ניי־פּלי־מוט. די ערשטע נעגער־שקלאַפן געבראַכט קיין דזשיימ־סטאָן.
1625. קאַרל I פון ענגלאַנד.
1626. סער פרענסיס בעקאָן (לאָרד ווערולאַם) געשטאָרבן.
1628. שאַך דזשעהאַן גרויס־מאָגול. די ענגלישע „פּעטיציע פון רעכט“.

נאָך קר.

1629. קאַרל I פון ענגלאַנד האָט אָנגעהויבן זיין עלף=יעריקע רע=גירונג אָן אַ פּאַרלאַמענט.

1630. קעפּלער געשטאָרבן.

1632. לעווענהוק געבאָרן. גוסטאַוו אַדאָלף דערשלאָגן אין דער שלאַכט בּיי ליצען.

1634. וואַלענשטיין דערהרגעט.

1635. לולי געבאָרן.

1638. יאַפּאַן זיך פאַרשלאָסן פאַר אייראָפּעער (ביז 1865).

1640. קאַרל I פון ענגלאַנד צונויפגערופן דעם לאַנגן פּאַרלאַמענט. רובענס געשטאָרבן.

1641. שחיטה פון די ענגלענדער אין אירלאַנד.

1642. גאַליליי געשטאָרבן. ניוטאָן געבאָרן.

1643. לודוויג XIV אָנגעהויבן זיין רעגירונג פון 72 יאָר.

1644. די מאַנדזשוס האָבן געמאַכט אַ סוף צו דער מינג=דינאַסטיע.

1645. אַראָפּגעריסן די חזיר=שטעלכלעך אין די אינעווייניקסטע טיילן פון לייפּציק.

1648. דער שלום=אָפּמאַך פון וועסטפאַלן. האָלאַנד און שווייץ אָנערקענט פאַר פרייע רעפּובליקן, און פּרייסן געוואָרן וויכ=טיק. דער אָפּמאַך ניט געגעבן קיין פּולן ניצחון ניט דער אימפּערישער קרוין, ניט די פירשטן.

1649. טויטשטראָף פון קאַרל I פון ענגלאַנד.

1658. אורונגזעב גרויס=מאָגול. קראָמוועל געשטאָרבן.

1659. אַלעסאַנדראָ סקאַרלאַטי געבאָרן. דעפאָ געבאָרן.

1660. קאַרל II פון ענגלאַנד. וועלאַסקעז געשטאָרבן.

1669. רעמבּראַנדט געשטאָרבן.

1674. ניי=אַמסטערדאַם געוואָרן ענדגילטיק בּריטיש דורך אַן אָפּ=מאַך און האָט געקראָגן דעם נאָמען ניו=יאָרק. מילטאָן געשטאָרבן.

1683. דער לעצטער אָנפאַל פון די טערקן אויף ווין אָפּגעקלאַפּט דורך יאַן III פון פּוילן.

נאָך קר.

1685. י. ס. באַך געבאָרן. הענדעל געבאָרן.

1687. לולי געשטאָרבן.

1688. די ענגלישע רעוואָלוציע. דזשיימס II אַנטלויפט. ווילהעלם און מערי הייבן אָן קיניגן.

1689. פעטער דער גרויסער אין רוסלאַנד (ביז 1725).

1690. די שלאַכט פון באָין אין אירלאַנד.

1694. וואָלטער געבאָרן.

1701. פרידריך I קיניג פון פרייסן.

1704. דזשאָן לאָק, דער פאָטער פון דער מאָדערנער דעמאָקראַ־טישער טעאָריע, געשטאָרבן.

1707. געשטאָרבן אַורענגזעב. די אימפּעריע פון דעם גרויס־מאָגול צעפאַלן. פילדינג געבאָרן.

1713. פרידריך דער גרויסער פון פרייסן געבוירן.

1714. געאָרג I פון בריטאַניע.

1715. לודוויג XV פון פראַנקרייך.

1723. ריינאָלדס געבאָרן. אַדאַם סמיט געבאָרן.

1725. אַלעסאַנדראָ סקאַרלאַטי געשטאָרבן.

1727. ניוטאָן געשטאָרבן. געאָרג II פון בריטאַניע. גיינסבאָראָ געבאָרן.

1728. גאָלדסמיט געבאָרן.

1731. דעפאָ געשטאָרבן.

1732. האַידן געבאָרן.

1733. אָגלעטאָרפּ געגרינדעט ווירדזשיניע.

1736. נאַדיר־שאַך אָנגעפאַלן אויף אינדיע (אָנהייב פון צוואַנציק יאָר אָנפאַלן און מהומות אין אינדיע).

1740. פרידריך דער גרויסער, קיניג פון פרייסן, געקומען צו דער ממשלה.

מאַריע טערעזע האָט אָנגעהויבן רעגירן (ווי אַ פרוי האָט זי ניט געקאָנט זיין אַ קיסרינע. איר מאַן, פראַנץ I, איז געווען קיסר

נאָך קר.

נאָך 1745 ביז זיין טויט 1765, ווען עס האָט אים געירשנט איר זון, יאָזעף II).

1741. די קיסרינע עליזאַבעט פון רוסלאַנד אָנגעהייבן קיניגן.

1746. גאָיא געבאָרן.

1749. געטע געבאָרן.

1752. פעני בּוירני געבאָרן.

1754. פילדינג געשטאָרבּן.

1755—36. בּריטאַניע און פראַנקרייך קעמפן פאַר אַמעריקע און אינדיע. פראַנקרייך פאַרבּונדן מיט עסטרייך און רוסלאַנד קעגן פרייסן און בּריטאַניע (1756 — 63); דער זיבּן־יאָריקער קריג.

1756. מאָצאַרט געבּאָרן.

1757. די שלאַכט פון פלעסי.

1759. דער בּריטישער גענעראַל וואָלף נעמט איין קוועבעק.

1760. געאָרג III פון בּריטאַניע.

1762. קיסרינע עליזאַבעט פון רוסלאַנד געשטאָרבּן. צאַר פעטער דערהרגעט און קאַטערינע די גרויסע ווערט קיסרינע פון רוסלאַנד (ביז 1796).

1763. דער שלום פון פאַריז; קאַנאַדע אָפּגעטראָטן ענגלאַנד. די ענגלענדער געוועלטיקן אין אינדיע. זשאַן פאָל ריכטער געבאָרן.

1764. די שלאַכט פון בּוקסאַר.

1766. מאַלטוס געבּאָרן.

1769. נאַפּאָלעאָן בּאָנאַפּאַרט געבּאָרן.

1770. בּעטהאָווען געבאָרן. העגעל געבאָרן. וואָרדסוואָרט געבאָרן.

1774. לודוויג XVI אָנגעהויבּן זיין רעגירונג. קלייוו נעמט זיך דאָס לעבּן. עס הייבּט זיך אָן די אַמעריקאַנער רעוואָלוציאָנערע דראַמע. גאָלדסמיט געשטאָרבּן.

1775. די שלאַכט פון לעקסינגטאָן. טוירנער געבאָרן. דזשיין אָסטען געבאָרן.

נאך קר.

1776. דעקלאַראַציע פון דער אומאָפּהענגיקייט פון די פּאַראייניק־טע שטאַטן פון אַמעריקע.

1778. זשאַן זשאַק רוסאָ געשטאָרבן.

1780. געענדיקט זיך די רעגירונג פון מאַריע טערעזע. קיסר יאָ־זעף (1765 ביז 1790) נעמט איבער די ערשאַפט איבער די האַבסבורגער ירושה־לענדער.

1783. דער שלום־אָפּמאַך צווישן בריטאַניע און די נייע פּאַראיי־ניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.

1786. וועבער געבאָרן.

1787. די קאָנסטיטוירנדיקע פאַרזאַמלונג אין פילאַדעלפיע גרינדעט די פעדעראַלע רעגירונג פון די פּאַראייניקטע שטאַטן.
פראַנקרייך ווערט געוואָר, אַז זי איז באַנקראָט. די פאַרזאַמלונג פון די נאָטאַבלען.

1788. ערשטער פעדעראַלער קאָנגרעס פון די פּאַראייניקטע שטאַטן אין ניו־יאָרק. גיינסבאָראָ געשטאָרבן. שאָפּענהויער געבאָרן. באַיראָן געבאָרן.

1789. צונויפגעקליבן זיך די פראַנצויזישע גענעראַל־שטאַטן. דער שטורעם פון דער באַסטיליע.

1790. אדאם סמיט געשטאָרבן.

1791. די רעוואָלוציע פון די יאַקאָבינער.
דער קעניג אַנטלויפט קיין וואַרען. מאָצאַרט געשטאָרבן.

1792. פראַנקרייך דערקלערט קריג עסטרייך. פּרייסן דערקלערט קריג פראַנקרייך. די שלאַכט פון וואַלמי. פראַנקרייך ווערט אַ רעפּובליק. ריינאָלדס געשטאָרבן. שעלי געבאָרן.

1793. לודוויג XVI געקעפּט.

1794. ראָבעספּיערס טויט אויף דער גיליאָטינע און דער סוף פון דער יאַקאָבינער רעפּובליק. די רעגירונג פון קאָנווענט.

1795. די דירעקטאָריע. באָנאַפּאַרט דערשטיקט אַ רעוואָלוציע און גייט קיין איטאַליע ווי דער הויפּט־קאָמאַנדיר. קיטס געבאָרן.

1797. דורך דעם שלום פון קאַמפּאָ פאָרמיאָ האָט באָנאַפּאַרט חרוב געמאַכט די רעפּובליק פון ווענעציע. שוּבערט געבאָרן. היינע געבאָרן. באַלזאַק געבאָרן.

נאָך קר.

1798. נאַפּאָלעאָן אַוועק קיין עגיפּטן. די שלאַכט אויפן נילוס.

1799. באָנאַפּאַרט קערט זיך אום. ער ווערט ערשטער קאָנסול מיט גוואַלדיקע פולמאַכטן.

1800. געזעצגעבערישע פאַראייניקונג פון אירלאַנד און ענגלאַנד ווערט אַ געזעץ פון 1טן יאַנואַר 1801. נאַפּאָלעאָנס מלחמה קעגן עסטרייך. די שלאַכטן פון מאַרענגאָ (אין איטאַליע) און האָהענלינדען (מאַראָס זייט). מאַקאָליי געבאָרן.

1801. אונטערגעשריבן פּרעלימינאַר-שלום צווישן פראַנקרייך, ענגלאַנד און עסטרייך.

1802. וויקטאָר הוגאָ געבאָרן.

1803. באָנאַפּאַרט אָקופּירט שווייץ און רופט אַרויס אַ קריג. עמערסאָן געבאָרן.

1804. באָנאַפּאַרט ווערט קיסר. פראַנץ II אָנגענומען דעם טיטל קיסר פון עסטרייך אין יאָר 1805, און 1806 האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון טיטל הייליקער רוימישער קיסר. אַזוי איז געקומען דער סוף פון דער „הייליקער רוימישער אימפּעריע".

1805. די שלאַכט פון טראַפאַלגאַר. די שלאַכטן פון אולם און אויסטערליץ.

1806. פּרייסן צעקלאַפּט ביי יענאַ.

1807. די שלאַכטן פון איילאַו און פרידלאַנד און דער טילזיטער אָפּמאַך. לאָנגפעלאָ געבאָרן.

1808. נאַפּאָלעאָן מאַכט זיין ברודער יאָזעף פאַרן קעניג פון שפּאַניע.

1809. היידן געשטאָרבן. מענדלסאָן געבאָרן. שאָפּען געבאָרן. טעניסאָן געבאָרן. גאָגאָל געבאָרן. עדגאַר פּאָ געבאָרן.

1810. שפּאַניש אַמעריקע ווערט רעפּובליקאַניש. שומאַן געבאָרן.

1811. אַלעקסאַנדער ציט זיך צוריק פון דער „קאָנטינענטאַלער סיסטעם". ליסט געבאָרן. טעקערײ געבאָרן.

1812. נאַפּאָלעאָנס צוריקטריט פון מאָסקווע. דיקענס געבאָרן.

נאָך קר.

1814. נאַפּאָלעאָן דאַנקט אָפּ. לודוויג XVIII.

1815. די שלאַכט פון וואַטערלאָ. דער ווינער טראַקטאַט.

1816. גוסטאַוו פרייטאַג געבאָרן.

1817. דזשיין אָסטען געשטאָרבן.

1818. טורגעניעוו געבאָרן.

1819. דורכגעגאַנגען דער ערשטער פאַבריק־געזעץ דורך די באַ־
מיזונגען פון ראָבערט אָווען. רעסקין געבאָרן.

1821. דער אויפשטאַנד פון די גריכן. קיטס געשטאָרבן. פלאָבער
געבאָרן. דאָסטאָיעווסקי געבאָרן.

1822. סעזאַר פראַנק געבאָרן. שעלי געשטאָרבן.

1824. קאַרל X פון פראַנקרייך. באַיראָן געשטאָרבן.

1825. ניקאָלאַי I פון רוסלאַנד. דער ערשטער אייזנבאַן — פון
סטאָקטאָן ביז דאַרלינגטאָן. זשאַן פּאָל ריכטער געשטאָרבן.

1826. וועבער געשטאָרבן.

1827. די שלאַכט פון נאַוואַרינאָ. בעטהאָווען געשטאָרבן.

1828. גאָיאַ געשטאָרבן. שובערט געשטאָרבן. טאָלסטאָי געבאָרן.
איבסען געבאָרן.

1829. גריכנלאַנד אומאָפּהענגיק.

1830. אַ יאָר פון מהומה. לוי פיליפּ אַראָפּגעשטופּט קאַרל X. בעל־
גיע זיך אָפּגעריסן פון האָלאַנד. לעאָפּאָלד פון זאַקסן־
קאָבורג־גאָטאַ ווערט קיניג פון דער נייער מלוכה. רוסיש
פּוילן מאַכט אַ רעוואָלוציע, אָבער ניט געראָטן.

1831. יאָאַכים געבאָרן. העגעל געשטאָרבן.

1832. דער ערשטער רעפאָרם־ביל אין ענגלאַנד ריכט אויף דעם
דעמאָקראַטישן כאַראַקטער פון בריטישן פּאַרלאַמענט. געטע
געשטאָרבן. ביערנסאָן געבאָרן.

1833. בראַמס געבאָרן.

1834. וויליאַם מאָריס געבאָרן. ווִיסלער געבאָרן. מאַלטוס געשטאָרבן.

1835. דאָס וואָרט „סאָציאַליזם“ באַנוצט צום ערשטן מאָל. מוסאָרגסקי
געבאָרן. מאַרק טוועין געבאָרן.

1837. קיניגין וויקטאָריאַ.

נאָך קר.

1840. קיניגין וויקטאָריאַ האָט חתונה מיטן פּרינץ אַלבערט פֿון זאַקסן־קאָבורג־גאָטאַ. טשאַיקאָווסקי געבאָרן. פּעני בווירגי געשטאָרבן. זאָלאַ געבאָרן. טאָמאַס האַרדי געבאָרן.

1843. הענרי דזשיימס געבאָרן.

1844. רימסקי־קאָרסאַקאָוו געבאָרן. ניטשע געבאָרן. אַנאַטאָל פֿראַנס געבאָרן.

1847. מענדעלסאָן געשטאָרבן.

1848. ווידער אַ יאָר פֿון אומרוען. רעפּובליק אין פֿראַנקרייך און אין רוים. די פּאַן־סלאַווישע קאָנפֿערענץ אין פּראָג. גאַנץ דייטשלאַנד פֿאַראייניקט אין אַ פּאַרלאַמענט אין פֿראַנקפֿורט. די דייטשע איינהייט געשטערט דורך דעם קיניג פֿון פּרייסן.

1849. שאָפּען געשטאָרבן. עדגאַר עלען פּאָ געשטאָרבן.

1850. וואָרדסוואָרט געשטאָרבן. באַלזאַק געשטאָרבן. ר. ל. סטי־ווענסאָן געבאָרן.

1851. די גרויסע אויסשטעלונג אין לאָנדאָן. טורנער געשטאָרבן.

1852. נאַפּאָלעאָן III קיסר פֿון די פֿראַנצויזן. גאָגאָל געשטאָרבן.

1854. פּערי (די צווייטע עקספּעדיציע) אַראָפּ אין יאַפּאַן. ניקאָלאַי I אָקופּירט די דונאַי־פּראָווינצן פֿון טערקיי.

1855—56. די קרימער מלחמה.

1856. אַלכּסנדר II פֿון רוסלאַנד. שומאַן געשטאָרבן. היינע גע־שטאָרבן. בערנאַרד שאָו געבאָרן.

1857. די מרידה אין אינדיע. זודערמאַן געבאָרן.

1858. ראָבערט אָוען געשטאָרבן.

1859. פֿראַנצויזיש־עסטרייכישער קריג. די שלאַכטן פֿון מאַגענטאַ און סאָלפֿערינאָ.

1860. שאָפּענהויער געשטאָרבן.

1861. וויקטאָר עמנואל דער ערשטער קיניג פֿון איטאַליע. אייבּ־רעהעם לינקאָלן ווערט פּרעזידענט פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע. אָנגעהויבן זיך דער אַמעריקאַנער בירגער־קריג. ראַבינדראַט טאַגאָרע געבאָרן.

1862. דעבּיוסי געבאָרן. הויפּטמאַן געבאָרן.

נאָך קר.

1863. די ענגלענדער באָמבאַרדירן אַ יאַפּאַנישע שטאָט. טעקערײ געשטאָרבן.

1864. מאַקסימיליאַן ווערט קיסר פון מעקסיקע. ריכאַרד שטראַוס געבאָרן.

1865. די קאָנפעדערירטע גיבן זיך אונטער. יאַפּאַן ווערט געעפנט פאַר דער וועלט.

1866. פרייסן און איטאַליע פאַלן אָן אויף עסטרייך (און די דרום־דייטשע מלוכות, וואָס זיינען מיט איר פאַרבונדן). די שלאַכט פון סאַדאָוואַ. ראָמען ראָלאַן געבאָרן.

1867. קיסר מאַקסימיליאַן דערשאָסן.

1870. נאַפּאָלעאָן III דערקלערט קריג פרייסן. דיקענס געשטאָרבן.

1871. פּאַריז גיט זיך אונטער (אין יאַנואַר). דער קיניג פון פרייסן ווערט ווילהעלם I, קיסר פון דייטשלאַנד. דער שלום פון פראַנקפורט.

1875. די „בולגאַרישע רציחות“. קאָראָ געשטאָרבן.

1877. רוסיש־טערקישע מלחמה. אָפּמאַך פון סאַן־סטעפאַנאָ. קיניגין וויקטאָריאַ ווערט קיסרינע פון אינדיע.

1878. דער בערלינער טראַקטאַט. אין אייראָפּע הייבט זיך אָן דער באַוואָפנטער שלום פון 36 יאָר.

1880. פלאָבער געשטאָרבן.

1881. די שלאַכט פון מאַדזשובאַ היל. טראַנסוואַל פריי. מוסאָרגסקי געשטאָרבן. דאָסטאָיעווסקי געשטאָרבן.

1882. לאָנגפעלאָ געשטאָרבן. עמערסאָן געשטאָרבן.

1883. ענגלאַנד פאַרנומען עגיפּטן. טורגעניעוו געשטאָרבן.

1885. וויקטאָר הוגאָ געשטאָרבן.

1886. גלאַדסטאָנס ערשטער פּראָיעקט פון אירלענדישן האָום רול.

1888. פרידריך II (מערץ), ווילהעלם II (יוני) — קיסרים פון דייטשלאַנד.

1890. ביסמאַרק אין דימיסיע. לאָרד סאָליסבערי פאַרקויפט העלגאָלאַנד דייטשלאַנד. סעזאַר פראַנק געשטאָרבן.

1892. טעניסאָן געשטאָרבן.

נאָך קר.

1893. טשאַיקאָווסקי געשטאָרבן.

1894. ר. ל. סטיווענסאָן געשטאָרבן.

1894—95. קריג צווישן יאַפּאַן און כינע.

1895. „יוניאָניסטישע" (אימפּעריאַליסטישע) רעגירונג אין בריטאַ-ניע. גוסטאַוו פרייטאַג געשטאָרבן.

1896. די שלאַכט פון אַדאָווא. וויליאַם מאָריס געשטאָרבן.

1897. בראַמס געשטאָרבן.

1898. דער סיכסוך צווישן ענגלאַנד און פראַנקרייך איבער פאַ-שאָדאַ. דייטשלאַנד פאַרנומען קיאַאָ-טשאַו.

1899. אָנגעהויבן זיך די מלחמה אין דרום-אַפריקע (בורן-קריג).

1900. דער באָקסער אויפשטאַנד אין כינע. באַלעגערונג פון די לעגאַציעס אין פעקין. ניטשע געשטאָרבן. רעסקין געשטאָרבן.

1902. זאָלאַ געשטאָרבן.

1903. וויסלער געשטאָרבן.

1904. די ענגלענדער דרינגען אַריין אין טיבעט. טשעכאָוו געשטאָרבן.

1904—5. רוסיש-יאַפּאַנישער קריג.

1906. די „יוניאָניסטישע" (אימפּעריאַליסטישע) פּאַרטיי אין גרויס-בריטאַניע באַזיגט דורך די ליבעראַלן אין דער פראַגע וועגן טאַריף. איבסען געשטאָרבן.

1907. די קאָנפעדעראַציע פון דרום-אַפריקע געגרינדעט. יאָאַכים געשטאָרבן.

1908. עסטרייך אַנעקטירט באָסניע און הערצעגאָווינע. רימסקי קאָר-סאַקאָוו געשטאָרבן.

1909. מ' בלעריאָ אַריבערגעפלוינן אויף אַן אַעראָפּלאַן פון פראַנק-רייך קיין ענגלאַנד.

1910. ביערנסאָן געשטאָרבן. טאָלסטאָי געשטאָרבן. מאַרק טווען געשטאָרבן.

1911. איטאַליע פירט קריג מיט טערקיי און פאַרכאַפּט טריפּאָלי.

1912. טערקיי ווערט אַ רעפּובליק. דער באַלקאַנישער בונד פירט מלחמה מיט טערקיי.

1913. בלוט-פאַרגיסונג אין לאָנדאָנדערי אין אירלאַנד.

נאָך קר.

1914. זיך אָנגעהויבן דער גרויסער קריג פֿון אייראָפּע.

1916. הענרי דזשיימס געשטאָרבן.

1917. די צווייַ רוסישע רעוואָלוציעס. דער באָלשעוויסטישער רעזשים אין רוסלאַנד.

1918. דער וואָפֿנשטילשטאַנד (נאָוועמבער). דעביוסי געשטאָרבן.

1919 — 20. דער שלום פֿון ווערסאַיל.

1919. די ענגלענדער ציען אָפּ פֿון אַרכאַנגעלסק. דעניקין צעקלאַפּט. יודעניטש שיר ניט איינגענומען פּעטערבורג און צעקלאַפּט. דער דייטשער פֿלאָט איינגעזונקען אין סקאַפּאַ פֿלאָו.

1920. ערשטע פֿאַרזאַמלונג פֿון דער פֿעלקער־ליגע, וואָס דייטש־לאַנד, עסטרייך, רוסלאַנד און טערקיי זיינען געווען פֿון איר אויסגעשלאָסן, און די פֿאַר. שטאַטן פֿון אַמעריקע זיינען ניט געווען רעפּרעזענטירט. קאָלטשאַק דערשאָסן. פּוילן אָנגעפֿאַלן אויף רוסלאַנד און וראַנגעל אַריינגעדרונגען פֿון דרום־זייט און אָפּגעטריבן. ריזאַ כאַן געוועלטיקט אין פּערסיע.

1921. אינטער־אַליירטער קאָנטראָל אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. די קאָנפֿערענץ וועגן פֿלאָט־אָנטוואָפֿענונג אין וואַשינגטאָן אונטער פּרעזידענט האַרדינג.

1922. דער גרויסער הונגער אין רוסלאַנד. די קאָנפֿערענץ אין גענואַ, וואו רוסלאַנד און דייטשלאַנד זיינען בייגעווען. שטייגנדיקע אומאָרדענונג אין די דייטשע פֿינאַנסן; זי איז ניט אין שטאַנד צו צאָלן די צו גרויסע קריג־רעפּעראַציעס. דערפֿון שטאַמט אָן אַלץ וואַקסנדיקע פֿאַרפֿרעמדונג צווישן פֿראַנקרייך און ענגלאַנד. מיליטערישע מפּלה פֿון די גריכן אין קליין־אַזיע. דרום־אירלאַנד טיילט זיך אָפּ פֿון גרויס־בריטאַניע.

1923. די פֿראַנצויזן פֿאַרנעמען דעם רור־טאַל, און דער וואַליוטע־קראַך אין דייטשלאַנד. איינגעפֿירט די רענטענמאַרק.

1924. אַרבעטער־רעגירונג אין ענגלאַנד. לענין געשטאָרבן. מ״ר רעמסי מאַקדאָנאַלד און מ׳ עריאָ אין זשענעוו. אַנאַטאָל פֿראַנס געשטאָרבן.

נאָך קר.

1925. די פראַנצויזן ווערן באַפאַלן אין מאַראָקאָ דורך עבד-על-קרים און אין סיריע דורך די דרוזן. די רייכסמאַרק אין דייטשלאַנד. דער אָפּמאַך פון לאָקאַרנאָ. עלי ריזא כאַן זעצט אַראָפּ דעם שאַך פון פּערסיע. ריזא כאַן ווערט שאַך.

1926. אַלגעמיינער שטרייק אין גרויס-בריטאַניע קומט אַרויס פון דער אוממעגלעכקייט אַרויסצונעמען רווחים פון דער קוילן-אינדוסטריע, צאָלנדיק אַ געהעריקן לוין די קוילנגרעבער. עבד-על-קרימס מפּלה.

# אינהאלט פון ווטן באנד


קאפ. 38. די קאטאסטראפע פון מאדערנעם אימפעריאליזם — זייט

1. דער באוואפנטער שלום פאר דער מלחמה . . . 5
2. די קיסרלעכע דייטשלאנד . . . . . 8
3. דער גייסט פון אימפעריאליזם אין בריטאניע און אירלאנד . 21
4. דער אימפעריאליזם אין פראנקרייך, איטאליע און אין די באלקאן-לענדער . . . . . . . 39
5. רוסלאנד א גרויס-מאנארכיע . . . . . 42
6. די פאראייניקטע שטאטן אין די אירעע פון אימפעריאליזם 43
7. די דירעקטע סיבות פון דער גרויסער מלחמה . . . 51
8. אן איבערבליק איבער דער גרויסער מלחמה ביז 1917 . 59
9. די גרויסע מלחמה פון רוסישן איינבראך ביז צום וואפנשטילשטאנד . . . . . . . . 73

קאפ. 39. די ווייטערדיקע פערספעקטיוון פאר דער מענטשהייט

1. די מאראלישע דעזארגאניזאציע, וואס די מלחמה האט גורם געווען . . . . . . . . 81
2. פרעזידענט ווילסאן אין ווערסאיל . . . . 97
3. די קאנסטיטוציע פון דער פעלקער-ליגע . . . 115
4. די שלום-אפמאכן פון 1919—1920 . . . . 119
5. באלשעוויזם אין רוסלאנד . . . . . . 127
6. א פאראויסזאגונג פון דער „קומענדיקער מלחמה" . . 143
7. די אומביגעוודיקייט פון בריטישן אימפעריאליזם און די אפטיילונג פון אירלאנד . . . . . . 150
8. די מהומה אין כינע . . . . . . 159
9. די יוירונג פון איסלאם . . . . . . 161
10. אמעריקע נאך דער מלחמה . . . . . 166
11. חובות, געלט, סטאבילקייט . . . . . 172

זייט


12. פאַרבאָרגנקייט פון די שעפערישע כּוחות, וואָס ווירקן אין דער וועלט . . . . . . . 180

13. די פאַראייניקטלעכונג פון די מענטשלעכע ווילנס און פּאָליטישע ענינים מוז זיין אַ רעזולטאַט פון אַ באַוואוסטזיניקער אָנשטרענגונג אין אַ גרויסן מאַסשטאַב . . . . 184

14. די שאַפנדיקע כּוחות פון דער וועלט־איינהייט . . . 189

15. אַ פעדעראַלע וועלט־מלוכה . . . . . 193

16. די וועלט אונטער איין געזעץ און רעכט . . . 195

17. און דערנאָך? . . . . . . 207

כראָנאָלאָגישע טאַבעלע . . . . . . 209

# אילוסטראַציעס צום באַנד VI


זייט

דער נייער בריק אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל . . . . . 40

דער מערדער פון עסטרייכישן קרוין־יורש ווערט ארעסטירט . . 45

אַן אמוניציע־וואַרשטאַט בעת דעם גרויסן קריג . . . . 49

א האַרמאַט שיסט אויף אַעראָפּלאַנען . . . . . 58

א טראַנשייע אין פראַנקרייך . . . . 64

אַ שווערער האַרמאַט פון דער ענגלישער ארמיי . . . 70

א דייטשער קרייסער זינקט איין . . . . . 78

אונטערגאַנג פון דער „לוזיטאַניע" . . . . . . 90

אַ דייטשע גאַז־אַטאַקע . . . . . . 104

פראַנצויזישע סאָלדאַטן אויף זײַן אַטאַקע . . . . . 107

איטאַליענישע סאָלדאַטן אויף די בערג . . . . . 113

זשאָרזש קלעמאַנסאָ . . . . . . . . 130

פּרעזידענט ווילסאָן . . . . . . . . 135

ללאָיד דזשאָרדזש . . . . . . . . 138

אַ זיצונג פון דער פעלקער־ליגע . . . . . 141

בעניטאָ מוסאָליני . . . . . . . . 144

אַ בריטישער טאַנק . . . . . . . . 147

פאָרדס אויטאָמאָביל־פאַבריק . . . . . . 154

א וואַרשטאַט פאַר עלעקטרישע מאַשינעס . . . . . 159

א שווימענדיקער דאָק אין סאַוטהעמפּטאָן . . . . . 165

אייזנבאַן־בריק בײַ קוועבעק . . . . . . . 170

די סענאַר־דאַמבע אויפן נילוס . . . . . . 179

די טויערן פון פּאַנאַמער קאַנאַל . . . . . . 186

אַ פּאַסאַזשיר־אַעראָפּלאַן . . . . . . . 199

א פּאַסאַזשיר־סאַלאָן אין אַן אַעראָפּלאַן . . . . 202

צענטראַלע טעלעפאָן־סטאַנציע אין ניו־יאָרק . . . . . 205